ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# נחלת צבי

על חמשה חומשי תורה

אידיש

**55**

הוצאת אמונה

ברוקלין נוא יארק,

שנת תשל"ג לפ"ק

ספר

# נחלת צבי

והוא

# נופת צופים

## חכו ממתקים וכלו מחמדים

## על חמשה חומשי תורה

דיא דברי מוסר פון זוהר הקדוש וואס האט גימאכט דער געטליכער תנא רבי שמעון בן יוחאי האבין מיר אויס גיקליבן דיא דברים פשוטים אונ זאבין מעתיק גוועזין אויף עברי טייטש אונ האבין גישטעלט אויף איטליכר סדרה פון דר וואך · צוא מאכין טרונקען דיא קוועלעדיגע וואסער פון טיפען ברונען וואס זענען זיסער אז האניק נאר דאס היילינגע גימיין · עס זאל פאר שטיין גרויס אונ קליין · ובזכות זה וועלין מיר זוכה זיין אין ירושלים גיין · אמן וכן יהי רצון :

חברו הרב הדרשן הגדול צבי הירש במהור"ר ירחמיאל זצ"ל תאטש סקראקא בן המנוח הרב הור"ר יוסי זצ"ל סבינא

בדפוס המשוב המפואר של השותפים
הרבני הנגיד מוה"ר משה נ"י שניידמעסער
והנגידה האלמנה מרת נחמה תי' אשת המנוח הר' יעקב ז"ל הערשענהארן

בלובלין

שנת תרנ"ג לפ"ק

# בראשית

בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ רבי שמעון זאגט עס שטייט ואשים דברי
בפיך ובצל ידי כסיתיך לנטוע שמים וליסוד ארץ ולאמר לציון עמי אתה פון דעם פסוק
לערינט מען אף וויא דער מענטש בדארף עוסק זיין אין דער תורה
יומם ולילה דען הקב"ה אליין הערט צוא זייער קול אונ פון איטליכן
ווארט וואש דער מענטש איז מחדש אין דער תורה אונ אין קבלת
סודות התורה ווערט דר פון בשאפן איין נייער הימל דאס הייסט רקיע
חדש דען מיר האבין גילערינט באותו שעה אז דיא דברי תורה גייען
ארוים פון זיין מויל גייען זייא ארויף למעלה אונ שטעלין זיך פאר
הקב"ה אזו נעמט הקב"ה דעם דיבור אונ קושט אים אונ קריינט
אים מיט זיבעציג קרוינען פון דיא אורות עליונים אונ איין דבר חכמה
אז עס ווערט באנייט גייט דאס ארויף אונ שוועבט אין זיבעציג
עולמות של מעלה אונ באהעפט זיך אין דיא סודות של מעלה פון
הקב"ה אונ שוועבין אין דיא אכטצעהן וועלטין וואס זעגען פאר
הוילין פון אלע באשעפעניש דאס אויף זייא איז גיזאגט גווארין עין
לא ראתה אלהים זולתך פון דארטין גייען דיא דברי תורה אונ שוועבין
פאר הקב"ה אונ שטעלין זיך פאר אים • באותו שעה שמעקט ער זייא
אונ עס איז צו אים לריח ניחוח ליבער פון אלין וואש אויף דער וועלט •
אזו נעמט ער דיא דאזיגע דברי תורה אונ קריינט זיא מיט דרייא
הונדערט אונ זיבעציג טויזינט עטרות דער נאך שוועבט זיא למעלה
ולמטה אונ עס ווערט דער פון איין רקיע חדש אונ אויך פון איטליכן
ווארט פון די חידושי תורה אונ קבלות וסודות ווערן דר פון בשאפן
הימלען אונ זייא הייסין שמים החדשים שמים וואס ווערן בשאפן פון די
חידושי תורה פון דיא בעלי הקבלה אונ אז מען איז מחדש אין דיא
נגלות פון דער תורה וואס האט ניט קיין סודות זעגען זיי עולה אונ
עס ווערט דער פון ארץ חדשה דיא הייסין ארצות החיים אויף דעם
האט ישעיה הנביא גיזאגט כי כאשר השמים החדשים והארץ החדשה אשר אני
עושה עומדים לפני עס האט בדארפט שטיין אשר עשיתי וואס איך האב
בשאפן • וואס שטייט אני עושה דאס איז טייטש איך וועל בשאפען פון די
חידושי תורה וואס שטייען פר מיר דרום שטייט אויך ואשים דברי בפיך ובצל
ידי כסיתיך לנטוע שמים וליסוד ארץ עס וואלט בדארפט שטיין נטעתי שמים ויסדתי
ארץ וואלט טייטש גוועזן איך האב גפלאנצט די הימלן אונ האב גיגרונט
פעסטיגט די ערד • עס שטייט אבער לנטוע שמים וליסוד ארץ דאס איז טייטש
איך וועל פלאנצין הימלין אונ ערד אלי צייט פון דיא חידושי תורה
זאגט זיין זון רבי אלעזר צו אים וואס איז טייטש ווייטר ובצל ידי כסיתיך
דאס הקב"ה טוט אים בשיצן מיט דעם שאטין פון זיין האנט זאגט
רבי שמעון בשעת הקב"ה האט מוסר גיוועזן די תורה צו משה רבינו
האבן זיך די מלאכים אין אים מקנא גיוועזן אונ עס זענין גקומען כמה
רבבות מלאכים עליונים אונ האבן אים גוואלט פר ברענין מיט דעם פייער
פון זייער מויל ביז הקב"ה האט אים בדעקט אונ בשיצט אזו אויך אז

איינער איז מחדש עפעס אין דר תורה אונ ער גייט ארויף אונ ווערט
גיקריינט אזוי טוט הקב"ה בדעקין די רייד דס די מלאכים זאלין ניט
וויסין כדי זייא זאלין זיך ניט מתקנא זיין אין אים ביז עס ועט פון די
חידושי תורה גימאכט ווערין שמים חדשים וארץ חדשה דרום זאגט דער
פסוק ובצל ידי כסיתיך לנטוע שמים וליסוד ארץ דס הקב"ה בשיצט אויף אי
צו פלאנצין די שמים וארץ פון דר תורה דרום זאגט דר פסוק ולאמ
לציון צו זאגין צו די שערים אונ דיא דברי תורה וואס זעגען גצייכנט פו
די תלמידי חכמים עמי אתה לייען ניט עמי נאר עמי דאס איז טייטש
מיט מיר כלומר הקב"ה זאגט דר תלמיד חכם איז גלייך כביכול צ
מיר וויא איין שותף אזו וויא איך האב מיט מיין דיבור בשאפן שמי
וארץ אזו וויא דר פסוק זאגט בדבר ה' שמים נעשו אזו אויך דער תלמי
חכם בשאפט מיט זיין דיבור שמים וארץ וואול צו די וואס זעגען עוס
בתורה דרום זאגט דר פסוק הוי מושכי העון בחבלי השוא וכעבות העגלה חטא
וויא צו די וואס געבין כח צוא דעם שטן דאס דורך דעם ווערט זי
גישטארקט ממית צו זיין די לייט דרום שטייט כי רבים חללים הפילה ד
איז די הטאה זי ברייננט אום די לייט ווער איז דס גורם דס מאכט ד
תלמיד חכם וואס ער טויג נאך ניט צו פסקנן אונ פסקנת פר דע
צייט הקב"ה זאל אונז מציל זיין פון זייא זאגט רבי שמעון צוא ז
חבריא איך בעט אייך אז איר זאלט פון אייער מויל ניט ארוס לא
קיין שום זאך וואס איר ווייסט דס ניט רעכט אונ איר האט דאס ני
גיהערט פון קיין חכם גדול כדי איר זאלט ניט גורם זיין צו דר חט
זיא זאל חס ושלום ניט ממית זיין פיל לייטין אום זיסט • זאגין א
חברים הקב"ה דר רחמן זאל אונז מציל זיין דר פון • זאגט רבי שמ
קום אונ זעה אז הקב"ה הט די וועלט בשאפין מיט דר תורה אזו וי
דר פסוק זאגט ואהיה אצלו אמון ואהיה שעשועים יום יום די תורה באריימט ז
אז זיא איז גיוועזן דס כלי אומנות פון הקב"ה דאס ער האט פרי
גזעהן אין דר תורה אונ דר נאך הט ער בשאפין דיא וועלט כדי
לייט זאלין זיך פון אים אפ לערנן אז זייא זאלין פריער גוט אכט
געבין אין דר תורה איידר זיי זאגין כדי זייא זאלין זיך ניט טועה ז
אין דר תורה אונ הקב"ה הט פיר מאל איין גזעהן אין דר תורה איי
ער האט די וועלט בשאפין דרום שטייט אז ראה ויספרה הכינה וגם ח
דר נאך שטייט ערשט ויאמר לאדם אונ דרום שטייט אויך פיר ווערט
צום ערשטין בראשית ברא אלהים את אונ דר נאך זאגט ער ערשט הש
ואת הארץ חאטשי ביי הקב"ה גשיקט זיך דס ח"ו ניט צוא זאגן אז
וואלט זיך חס ושלום טועה גוועזן אז ער זאל ניט גוועזן אריין קוקן
דר תורה פוז דעסט וועגן הט ער דאס גטאן מען זאל זיך אפ לער
חאטשי איינר איז אגרויסר למדן זאל ער זיך פארט היטין ער זאל
ניט טועה זיין אונ ער זאל ניט זאגן וואס ער ווייסט ניט קלאר וויא
ניהער צוא זיין • רבי חייא הייבט אן מי ימלל גבורות ה' ישמיע כל תה
קום אונ זעה בשעת הקב"ה הט גיוואלט די וועלט בשאפן האט
אריין גקוקט אין דר תורה אונ הט די וועלט בשאפן אונ אלי בשעפ
אזו ווי דר פסוק זאגט ואהיה אצלו אמון לייענט ניט אמון נאר אומן
תורה זאגט איך בין גוועזן די כלי אומנות פון הקב"ה בשעת ברי
העולם אונ בשעת ער הט גיוואלט בשאפין דעם מענטשין האט
תורה גזאגט פר הקב"ה דו ווילסט בשאפן דעם מענטשין אונ
איז אן גבריית צו זינדיגן פר דיר אונ אז דוא ווערסט אים דן זיין ו
דאך דיין מעשי ידיך זיין אום זיסט זאגט הקב"ה איך האב

שאפין די תשובה איידר די וועלט איז בשאפין געווארין אונ
שעת ער האט דעם מענטשן בשאפין האט הקב"ה געזאגט עולם עולם
ו אונ דיינע אלע חלקים האבין קיין קיום ניט נאר אויף דער תורה
דרום האב איך דעם מענטשין בשאפין ער זאל די תורה לערנען אונ
ז ניט וועל איך דיך אום קערין לתוהו ובוהו אונ אלץ שטייט נאר פון
עם מענטשין וועגין אזו ווי דער פסוק זאגט אנכי עשיתי ארץ ואדם עליה
ראתי אונ די תורה שטייט אונ רופט אום פר די לייט זיי זאלן אין איר
וסק זיין אונ זיי גייען ניט זייערי אויערין צו הערן · קום אונ זעה ווער
ם איז עוסק בתורה דר שטעלט די וועלט אונ איטליכי מעשה אויף
ין שטאנד אונ רעכטין תיקון אזו ווי עס בדארף צו זיין אונ אזו ווי
ר מענטש איז בשאפין געווארין אברים אברים איין אבר איבר דעם
נדרין אונ אלי גלידר מיט אננדר ווערן איין גוף אזו אויך אלי בריות
ין דר וועלט זענען פיל אברים אונ זייא אלי זענען איין עולם דרום איז
ט דא איין אבר ביי דעם מענטשן וואס איז ניט דא אנטקעגן אבריה
וף דר וועלט אונ אלץ איז אנטקעגן דר תורה דען די תורה איז אויך
ו גלידר אונ שטיקער אונ שטייען איינר איבר דעם אנדרן אונ אז
לי זענען אן גבריית זענען זיי איין גוף אונ דוד אז ער האט געזעהן אין
י מעשים פון הקב"ה האט ער געזאגט מה רבו מעשיך ה' כולם בחכמה עשית
לאה הארץ קנינך עס זענען אין דר תורה רזין וסודות וואס זענען פאר הוילן וואס
ר מענטש קען ניט קומן מיט זיין שכל דר צו · אין דר תורה זענען
לי דברים עליונים וואס זענען אנפלעקט אונ וואס זענען ניט אנפלעקט
ין דר תורה זענען כל הדברים עליונים ותחתונים אלע זאכן פון עולם
זה אונ פון עולם הבא דס אלץ איז מרומז אין דר תורה אונ קיינער
ערט ניט ער זאל משגיח זיין דרינען צו פר שטיין אונ וויסן זיי דרום
טייט מי ימלל גבורות ה' ישמיע כל תהלתו קום אונ זעה עס איז געווען שלמה
מלך אונ האט געוואלט וויסן קלאר די דברי תורה אונ דקדוקי תורה
נ האט ניט געקענט האט ער געזאגט אמרתי אחכמה והיא רחוקה ממני איך האב
ימיינט איך וועל פר שטיין דיא תורה אבר היינט זעה איך אז זיא
ז ווייט פון מיר אונ דוד האט געזאגט גל עיני ואביטה נפלאות מתורתך קום
נ זעה עס שטייט ביי שלמה וידבר שלשת אלפים משל ויהי שירו חמשה ואלף
אבין די חכמים מפורש געווען אז אין איטליכן משל איז געווען טויזנט
ט פינף טעמים היינט לערנין מיר אפ איין קל וחומר ומה דאך
למה איז דאך נאר געווען אבשר ודם זענען זייני רייד אזו טיף געווען ·
תורה וואס הקב"ה אליין האט גרעט איז שון אכל שכן אז איטליכר
בור איז כמה משלים כמה שירות כמה שבחות כמה חכמות כמה
ן וסודות עליונים אונ דרום שטייט מי ימלל גבורות ה' ישמיע כל תהלתו ·
י פנחס בן יאיר איז געווען דר שווער פון רבי שמעון בן יוחאי אונ
עת רבי שמעון מיט זיין זון רבי אלעזר זענען געווען פאר בארגן אין
ן הייל דרייצין יאר מחמת מען האט אים גמסרת אזו ווי עס שטייט
דר גמרא אז ער האט שון בדארפט ארוס גיין פון דר מערה האט
רבי פנחס גטראפין צו רבי רחומאי אויף דעם בארטן פון דעם ים
יסר אונ ער איז גיוועזן איין אדם גדול אונ אגרוסר זקן אונ ער האט
ניט געקענט רעכט זעהן אויף זייני אויגן זאגט ער צו רבי פנחס עס
אמת וואס איך האב געהערט אז רבי יוחאי אונזר חבר האט איין
ערין זון אזו האב איך געזעהן מיט רוח הקודש אז איין אבן טוב גייט
ם מיט גרוס ליכט אזו וויא די זון גייט ארוס פון איר פוטער פאס
דר לייכט די גאנצי וועלט אזו ער אויך אונ זיין ליכט שטייט פון
דעם הימל ביז צו דר ערד אונ טוט דער וועקין מיט זיין ליכט אין
אלי עולמות אונ די זעלביגי ליכט איז כולל אין דיין הויז אונ פון דר
גרוסר ליכט גייט ארוס נאך איין קלענערי ליכט דר וועט דר לייכטן
די גאנצי וועלט וואול צו דיין חלק גייא ארוס מיין זון גייא ארוס אונ
גייא נאך דעם אבן טוב וואס ער דר לייכט דיא גאנצי וועלט דען דיא
שעה איז בגליקט צו דיר · אזו איז רבי פנחס אוועק גיגאנגן אונ האט
זיך גשטעלט לעבין איין שיף אריין צו גיין אין איר · אין דער שיף
זענען נאך דא צווייא לייט אזו זעהט רבי פנחס צווייא פייגלען זענין
גקומן אונ שוועבין אויף דעם ים זאגט ער צו זיי פייגל פייגל האט איר
געזעהן דאס אורט פון בר יוחאי וויא ער שווייגט אביסיל אונ זאגט
ווידר פייגיל פייגיל גייט אונ זאגט מיר איין ענטפר די פליהן איבר
דעם ים אונ ער פארט אוועק אויף דער שיף וויא ער וויל ארוס גיין
פון דר שיף אזו איז גקומן צו פליהן די צווייא פייגיל אונ איינר האט
אין זיין מויל איין בריביל אונ אין דרינן איז גשריבין אז רבי שמעון
מיט זיין זון רבי אלעזר זענען פון דר הייל ארוס גגאנגען אזו איז רבי
פנחס גגאנגען צו אים האט ער אים גפונען ווי זיין גוף איז פול מיט לעכר
אונ שפאלטין דען ער איז דיא גאנצי צייט אין זאמד גיזעסין זאגט
רבי פנחס ווייא צו מיר וואס איך זעה דיך אין אזו איין גשטאלט זאגט
רבי שמעון אשריך וואל צו דיר וואס דו זעהסט מיך אין אזו איין אופן
דען דו זאלסט מיך אזו ניט זעהן וואלסטו מיך אין אזו איין מעלה ניט
גיפינען דען פריער אז רבי שמעון האט גפרעגט איין קשיא האט אים
זיין שווער רבי פנחס געענטפרט צוועלף תירוצים אונ אז רבי שמעון
איז ארוס פון דר מערה אז רבי פנחס האט אים גפרעגט איין קשיא
האט רבי שמעון אים געענפרט פיר אונ צוואנציג תירוצים :

פתח ר"ש הייבט אן די פרשה פון בראשית ברא אלהים וגו' אין דר פרשה
האט הקב"ה מרמז גוועזן די מצות התורה בדרך כלל פקודא קדמאה
די ערשטי מצוה פון אלמען איז יראת ה' וואס זיא הייסט ראשית אזו וויא
דר פסוק זאגט ראשית חכמה יראת ה' אונ זיא הייסט יראת ה' ראשית דעת די
יראה איז מען זאל אריין גיין צו וויסן אמונת הקב"ה אויף דר מצוה פון
יראה שטייט די גאנצי וועלט אונ דיא יראה איז גטיילט אויף דרייא
חלקים צוויי חלקים זענען ניט קיין עיקר וויא עס בדארף צו זיין אונ
איין חלק איז איין עיקר אונ די רעכטי יראה דען עס איז פאר האנדן
א מענטש וואס ער פארכט זיך דרום פר הקב"ה כדי דיא קינדר זאלין
אים ניט שטארבין אדר ער האט מורא פר איין עונש הגוף אדר פר
געלט הקב"ה זאל אים ניט שטראפין אדר ער פארכט זיך פר עונש
עולם הבא אדר פר דעם גיהנם דיא צווייא מיני יראה זענען ניט קיין
עיקר ושורש היראה אבר דר עיקר יראה איז צו פארכטין זיך פאר
הקב"ה מחמת זיין גרוסקייט דס ער איז איין האר אונ איין געוועלטגר
איבר אלי בשעפעניש אונ אלי זענען אנטקעגן אים ניט גירעכינט אזו
וויא דר פסוק זאגט וכל דיירי עלמא כלא חשיב :

בכה רבי שמעון ווייגט אונ זאגט ווי צו מיר איך זאל יוא מגלה זיין
ווי צו מיר איך זאל ניט מגלה זיין וועל איך יוא זאגין וויא דר
עיקר היראה איז וועלין דיא רשעים וויסין ווי אזו זייער הארין צוא
דינין אונ וועלין אים פארט ניט דינן וועט זיין זייער עונש שטארקר ·
זאל איך ניט זאגין וועלין די חבריא פאר לירין דעם סוד פון דר זאך
זאגט רבי שמעון אויף דעם ארט וויא די יראה הקדושה רוט וואס
הייסט יראת ה' לחיים איז דר אונטר איין יראה רעה מצר הקליפות דס איז

מקטרג דפ איז איין ישועה בישא דס הקב"ה האט בשאפן די רשעים דר
מיט צוא שלאגין אונ ווער עס פארכט זיך פאר דער יראה רעה אויף
דעם טוט ניט רוען דיא יראת ה' לחיים דאס איז דר עיקר אונ יסוד פון
מצות התורה דר ווס היט די יראת ה' דר היט אליך אונ ווער עס היט
דס ניט דר היט גאר ניט דס איז די תורה צום ערשטין מרמז אין דעם
ווארט בראשית דס וועגין די יראת ה' ווס הייסט ראשית דעת דרום ברא
אלהים וגו' הט הקב"ה אליך בשאפין ווער עס היט דס היט ער די גאנצע
תורה אבר ווער עס איז עובר אוף דעם שטייט די אנדרי יראה אויף
אים צו שלאגין אים דרום זאגט ער ווייטער והארץ היתה תוהו ובוהו וחושך וגו'
דס דרינין זענין מרומז דיא ארבע מיתות בית דין תוהו הייסט חנק
ובוהו הייסט סקילה חשך הייסט שריפה ורוח הייסט הרג · אונ דר זוהר
ברענגט דרויף ראיות פון פסוקים דרום שטייט צום ערשטין דר רמז
אויף דר יראה אונ דר נאך דר רמז פון אנדערי מצות התורה : פקודא
תניינא די אנדערי מצוה איז דא מרומז אז מען זאל הקב"ה דינען מיט
אזו אהבה וואס דיא יראה איז דרינען באהעפט דאש מען זאל ליב
האבין צו הקב"ה כלב תמים ווי אברהם וואס ביי אים שטייט התהלך לפני
והיה תמים זאגט רבי אלעזר עס איז אפשר אז אמענטש האט ליב צוא
הקב"ה ווייל ער האט הצלחה אונ עושר אונ כבוד אונ אורך ימים
אבר ווען דער מדת הדין זאל אין אים שולט זיין וואלט ער אים ניט
ליב געהאט דס הייסט ניט קיין רעכטע אהבה נייערט וויא מיר האבין
גילערינט ואהבת את ה' אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך אפילו ווען מען נעמט דיר
אוועק דיין נפש אדר יסורים קומן אויף דיר זאלסטו גאט פארט ליב
האבין צו דינען אים דאס הייסט דיא רעכטע אהבה דאס דיא יראה
מיט דער אהבה זענין מיט אנאנדער · וויא רבי אלעזר הט דס אפ
גיזאגט איז גיקומען זיין פאטר רבי שמעון אונ רבי פינחס אונ האבן
אים גיקושט אויף זיין קאפ אונ גיבענטשט זאגט רבי פנחס בוודאי
הט מיך השי"ת אהער געשיקט איז דס די אנדרי ליכט ווס בלייכט אין
מיין הויז הט מיר רבי רחומאי גזאגט אז דר נאך וועט ער דר לייכטן
דיא גאנצע וועלט זאגט רבי אלעזר בוודאי גיהער די יראה ניט פר
געסין ווערין ביי אלע מצות ומכל שכן ביי דר מצוה פון אהבה צוא
בהעפטין דאס מיט יראה ווען דר מענטש איז זוכה צו עושר וכבוד
ואורך ימים אונ קינדר דען מוז דר מענטש צו דר אהבה בהעפטין
די יראה דהיינו ער זאל זיך פארכטין זיין חטא זאל ניט גורם זיין צו
קיין שלעכטיץ דרום שטייט אשרי אדם מפחד תמיד וואול צו דעם מענטשין
ווס ער פארכט זיך תמיד אז די חטאים זאלין ניט גורם זיין צוא קיין
שלעכטיץ אונ אזו ווי ביי אהבה אז עס איז גוט דארף ער האבין יראה
אזו אויך ווען דער מדת הדין הקשה איז אין אים שולט זאל ער דר
וועקין די יראה אונ זאל דס מקבל זיין באהבה אונ זאל ניט שטארקן
זיין הארץ דרום שטייט ומקשה לבו יפול ברעה ווען ער שטארקט זיין
הארץ אונ איז דס ניט מקבל באהבה דר פאלט אין בייז דס איז די
דיא קליפה ווס הייסט רעה נמצא ווערט גיפונען אז דיא אהבה ויראה
זענין נכלל באנאנד : פקודא תליתאה די דריטע מצוה דס איז מרומז אין
פרשה בראשית אז איטליכר זאל וויסן אז גאט איז איין שליט ומושל
איבר דער גאנצר וועלט אונ מען דארף אלע טאג איין יחוד מאכין
אין קריאת שמע מיט די זעקס ווערטר פון שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד אוף
די זעקס זייטין פון דר וועלט פיר זייטן ולמעלה ולמטה דס ער מוז
מכוון זיין אין זיין מחשבה אז הקב"ה איז איין יחיד אויף אלע זייטן

אונ זאל מאריך זיין אין דעם ווארט אחד צו חייזן אז ער איז איין יח
אויף אלע זעקס זייטין אונ דרום איז דיא דל"ת פון אחד גרוס אין ד
תורה אונ איז מרומז אין פסוק יקוו המים מתחת השמים אל מקום אחד א
יחוד אים צו מאכן אין אלי עולמות דען ווערט די ערד פול פון ברכ
כל טוב אום ציהען פירות דרום שטייט תדשא הארץ דשא וגו' : פקודא רביע
די פערטע מצוה איז צו וויסין אז ה' הוא אלהים אזו ווי דר פסוק זאג
והשבות אל לבבך כי ה' הוא האלהים אונ ניט ווי אפיקורסים זאגין אז עס
חם ושלום שתי רשויות איינער ווס טוט גוט אונ איינער שלעכץ
דין דס קען דר מענטש זעהען אין זיין הארץ · דען עס איז נאר איי
צו איינעם טוט איר חסד אונ צום אנדערין דין דרום שטייט והשבות
לבבך ווייסטו וויסין כי ה' הוא האלהים דס חס ושלום עס איז ניט דא ק
פירוד חס ושלום דרום זאגין מיר יוצר אור ובורא חשך כולל צו זיין מד
יום דס איז ליכט אונ מדת לילה וואס איז חשך אונ הקב"ה איז עו
שלום ובורא את הכל אונ דס איז מרמז יהי מאורות ברקיע השמים להאיר על האר
פקודא חמישאה דיא פינפטע פקודא איז מרומז אין פסוק ישרצו המים ש
נפש חיה דאס זענין דרייא ערלייא מצות איינס מען זאל תורה לערנ
דס אנדרי מען זאל עוסק זיין בפריה ורביה דס דריטע מען זאל
זיין אקינד צו אכט טאג · תורה לערנין מיר אפ פון ישרצו המים דען
תורה איז גיגליכין צו וואסר דס הייסט דער מענטש זאל אלע ט
מערין צו לערנן אין דרינין דרום שטייט ישרצו זיי זאלין זיך ווידמע
תמיד עוסק זיין דרינען כדי זי זאל ניט פר געסין ווערין פון אים א
דורך דער תורה בקומט ער איין נשמה וואס זיא הייסט נפש חיה א
מיט דער נשמה איז ער זוכה צו זיין אזו וויא דיא מלאכים עליונ
אזו וויא דר פסוק זאגט ברכו ה' מלאכיו דס זענען די לומדים וואס זיי
הייסן אוף דר וועלט מלאכים אונ דרום שטייט ווייטער דא ועוף יעו
על הארץ דס דאס איז בעולם הזה אבר לעולם הבא האבן מיר גלערינ
אז לעתיד וועלן די צדיקים זיין אזו וויא די אדלר שוועבין בכל העול
אזו וויא דער פסוק זאגט וקווי ה' יחליפו כח יעלו אבר כנשרים אונ דרום הא
דויד גזאגט לב טהור ברא לי אלהים באשאפ מיר איין ריין הארץ תורה צו
לערנען דען ורוח נכון חדש בקרבי וועל איך זוכה זיין צוא איין הייליגע
נשמה : פקודא שתיתאה דיא זעקסטע מצוה איז דער מענטש זאל עוס
זיין בפריה ורביה דען דורך דעם ווערט גימערט דיא נשמות אויב
אונ דורך די נשמות ווערן גימערט די חיילות מלאכים ווען איין נשמ
נידערט אראפ אויף דר וועלט קומין מיט איר צווייא מלאכים איינ
פון דר רעכטער זייט אונ איינר פון דר לינקר זייט איז ער זוכה הימ
זיי אים אזו וויא דר פסוק זאגט כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכיך איז ע
ניט זוכה זענען זיי מקטרג אויף אים · רבי פנחס זאגט דרייא מלאכי
קומען מיט איר וואס זייא זענין אפטרופסים אויף אים · ווען ער א
זוכה אזו וויא דער פסוק זאגט אם יש עליו מלאך מליץ אחד מני אלף להגיד לא
ישרו עס שטייט מלאך איז איינער · מליץ איז דער אנדערער אחד מני א
איז דער דריטער · רבי שמעון זאגט עס זענען פינף דען עס שטיי
ויחננו איז דער פערטער ויאמר פדעהו איז דער פינפטער · זאגט ער צו אי
עס איז ניט אזוי נייערט ויחננו איז הקב"ה אליין ער טוט אים לי
זעליגין אונ לייזין אים דען דאס האט קיינער ניט בכח נאר הקב"
אליין זאגט רבי שמעון דוא האכט רעכט גזאגט אונ ווער עס איז זי
מונע פון פריה ורביה דער איז ממעט דעם עולם אונ דיא נשמו
למעלה ווערן פר האלטן וואס דארט זענין דיא מים העליונים אונ דרו

ם ישרצו המים. זייא זאלין אויך גיצויגין ווערין צוא ווידמענען דיא
ית אונ ווער עס פאר מייד זייא שטייט אויף אים ויצאו וראו בפגרי
ם הפושעים כי דאס דיא נשמה זייניגע קומט ניט ארויף צוא דער
ה של עולם הבא דם ער האט ניט קיין עולם הבא פקודא שביעאה
זיבעטע מצוה איז מל צוא זיין אקינד צוא אכט טאג אפ צוא
פון אים דיא טומאות הערלה דען איז ער זוכה צוא דער נשמה
זייא הייסט נפש חיה אונ ווען מען איז מקיים מצות ברית מילה
קומט אליהו צו שוועבין אויף דעם ברית צו זעהען אז זייא זענין
ם דעם ברית דרום שטייט ועוף יעופף על הארץ דאס אליהו קומט
פ אויף דער ערד דרום מוז מען אן גרייטין איין שטול צו אליהו
מען זאל בפירוש זאגין זה הכסא של אליהו אונ אז מען רעט ניט ארוים
ויש אזו קומט ער ניט דרום שטייט ויברא אלהים את התנינים הגדולים
איז ערלה ופריעה ואת כל נפש החיה דאס איז דר ברית מילה כדי
לין זיין גיצייכינט אזו וויא הקב"ה האט גיצייכינט דיא בהמות
ת וואס מען מעג עסען אונ דיא בהמות וחיות וואס מען טאר
עסין: פקודא תמינאה די אכטע מצוה איז מרחם זיך צו זיין איבר
עמדין: פקודא תשיעאה דיא ניינטי מצוה איז צדקה צו געבין: פקודא
אה די צעהנטי מצוה איז תפילין צו לייגן דען ער איז בצלם אלהים
מות עליון דאס איז מרומז אין פסוק ויברא אלהים את האדם בצלמו דען
ר פרשיות פון תפילין זענין אנטקעגן די פיר אותיות פון דעם שם
ש דרום שטייט וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך דם זענן די
לין וואס זענין אויף דעם מענטשין דען ער איז בצלם אלהים דרום
כט זיך איטליכר פר אים. דיא עלפטי מצוה איז צוא געבן מעשר
הארץ אונ די צוועלפטי מצוה איז בכורים צו געבן דרום שטייט הנה
לכם את כל עשב זורע זרע אשר על פני וכו' אונ עס שטייט ביי מעשר אויך
. ולבני לוי נתתי מעשר דם איז צו ווייזן אויף דר מצוה פון מעשר. אונ
רים לערן איך אפ עס שטייט את כל פרי העץ גיב איך אייך צו עסין
ר ניט לדורות דען קיין בכורים טאר מען ניט עסין נאר אפ צוא
ן דעם כהן: די דרייציטי מצוה איז צו מאכן צו זיין זון אפדיון הבן
מיט דעם פדיון איז מען מקשר בחיים צום זון דען
ענין אויף אים צוויי ממונים איינר של חיים אונ איינר של מיתה
זיי שטייען אויף אים אונ מיט דעם פדיון לייזט מען אים אוים פון
טוט דם דר מות קען אויף אים ניט שולט זיין דרום שטייט וירא
ם את כל אשר עשה והנה טוב מאוד. טוב איז דר יצר טוב מלאך החיים מאוד
דער מלאך המות אונ מיט דעם פדיון ווערט שלאף דר כח פון
יצה"ר אונ ער איז ניט באנגריפן אין אים ויאמר אלהים יהי אור ויהי אור גאט
ה גיזאגט עס זאל זיין אליכט לעולם הזה אבר ויהי אור דאס גרויסע
ט איז אויף גהובן גווארין לעולם הבא דען דר אור וואס הקב"ה האט
ערשטן בשאפין האט אדם הראשון מיט אים גזעהן מסוף העולם
סופו אונ דם ליכט האט הקב"ה גוויזן צו דוד המלך דרוף האט ער
ט מה רב טובך אשר צפנת ליראיך אונ דעם אור האט ער גוויזן צו משה
ער גזעהן דר מיט פון דעם לאנד גלעד ביז דן אונ אז הקב"ה האט
ן אז עס וועלין אויף שטיין דריי דורות רשעים דור אנוש ודור המבול
הפלגה האט ער די ליכט בהלטין כדי זיי זאלן ניט נהנה זיין דר פון
הקב"ה האט די ליכט גגעבן צו משה אזו ווי דר פסוק זאגט ותצפנהו
ה ירחים אונ אז ער איז גקומן פר פרעה האט ער ביי אים די ליכט צו
ביז ער איז גשמאנן אויף דעם בארג סיני מקבל צו זיין די תורה

האט ער אים ווידר דר צו מזכה גוועזן אונ האט דר מיט משמש גוועזן כל
ימיו אונ די ישראל האבן צו אים ניט גקענט גנעהענין איבר דעם אור
ביז ער האט גמוזט געבן איין מסוה אדעק איבר זיין פנים אונ דעם אור
האט הקב"ה בהאלטן צו צדיקים לעתיד לבא אזו ווי דר פסוק זאגט
אור זרוע לצדיק ולישרי לב שמחה דענקט מאל וועט אלץ מתוקן זיין אויף איין
ארט אונ עס וועט מקוים ווערן דער פסוק והיה אור הלבנה כאור החמה ואור
החמה כאור שבעת הימים. די אור החמה וועט לייכטן אזו ווי די ליכט פון די
ליכט פון די זיבן טעג וואס הקב"ה האט די וועלט בשאפין דען די אור
החמה איז היינט נאר איין חלק פון דרייא הונדערט אונ דרייא אונ
פערציג חלקים פון דעם אור וואס איז בהאלטין גווארין אונ דעם אור
האט הקב"ה אנפלעקט פון דעם חשך אזו ווי דר פסוק זאגט מגלה עמוקות
מני חושך אזו ווי דיא מחשבה ווערט אנפלעקט דורך דעם דבור. אונ
ווייל דר דבור פון הקב"ה הייסט שבת דרום טאר מען אום שבת ניט
ריידן קיין דברי חול דרום אז רבי שמעון האט גהערט זיין מוטר ריידן
דברי חול אום שבת האט ער איר גזאגט שווייג היינט איז שבת:
ויעש אלהים את שני המאורות הגדולים עס זענין צוויי ערליי אורות די אורות
של מעלה הייסין מאורי אור אונ דיא אורות תחתונים הייסין
מאורי אש דם זענין פיל ממונים איינר איבר דעם אנדערין אונ דיא
ממונים וואס הייסן מאורי אש איז זייער שליטה אנאנצי וואך אונ אום
שבת זענין שולט דיא מאורי אור די זענין מצד האור וואס איז בשאפן
גווארין דעם ערשטין טאג אונ פון דעם אור ווערין אלי וואס אונטער
איר דר לייכט דרום אז שבת גייט אוועק מאכט מען אברכה. בורא מאורי
האש אונ ווייל דיא פינגר פון דעם מענטשין ווייזין אויף גרוסי סודות
אונ די נעגיל פון די פינגר זענין אנטקעגין די מאורי האש וואס זענין
שולט אין דער וואכין דרום אז מען מאכט בורא מאורי האש זאל
מען די פינגר אריין בייגן אונ מען זאל קוקין אויף די נעגיל אנטקעגן
דער ליכט אבער ניט פון דער אנדערער זייט פון די נעגיל דאס איז
אנטקעגין די מאורי האור וואס זענין שולט אום שבת אונ זיי האבין
זייער ליכט ניט פון דם פייער נייערט פון גאט ב"ה אליין דען אום
שבת איז הקב"ה אליין שולט אונ זיצט אויף זיין כסא הכבוד אונ
אלע אורות זענן נכלל אין אים דרום דארף מען ניט זעהן אינווייניג
פון דער האנט נייערט אין דרויסין אויף דיא נעגיל:
ויאמר אלהים נעשה אדם רבי חייא הייבט אן אחור וקדם צרתני בשעת הקב"ה
האט בשאפין צוא אדם האט ער גיזעהן אז ער זאל מושל זיין
איבר אלי בשעפניש ער איז בשאפין גיווארין צוויי צורות אין איינם
אונ ער איז גלייך גוועזן צו דיא עליונים ותחתונים אונ אז דיא בריות
האבן דר זעהן האבן זיך אלי צו אים איין גזאמלט אונ האבן זיך גבוקט
צו אים אונ זיין פחד ואימה איז גפאלן אויף זייא אזו ווי דר פסוק זאגט
ומוראכם וחתכם יהיה על כל חית הארץ ועל כל עוף השמים אונ גאט האט אים אריין
גבראכט אין גן עדן צו היטן אים אונ ער זאל זיך דארט משתעשע
זיין מיט אים מיט די תענוגים פון אים ער האט אים גמאכט איין כסא
הכבוד מיט אלערלייא אבנים טובות אונ די מלאכים עליונים האבן
זיך אלי גפרייט פר אים דר נאך האט ער אים גבאטן איין מצוה ער
זאל ניט עסין פון דעם עץ הדעת אונ ער האט זי ניט גהאלטן: אשכחנא
מיר האבן גפונן אין ספר פון חנוך דר נאך אז הקב"ה האט צו חנוך
ארוף גבראכט אז ער זאל ווערן איין מלאך אונ ער האט אים גוויזן
אלי אוצרות המלך עליונים ותחתונים ער האט אים גוויזן דעם עץ
החיים

החיים אונ דעם עץ הדעת ווס אדם איז אוף אים אן גזאגט גיווארין אונ הט אים גיוויזין דאס ארט וויא אדם איז גזעסין אין גן עדן אונ ווען ער וואלט ניט זינדיגין וואלט ער אייביג דארט גיוועזן אונ וואלט דארט איין קיום [illegible]אט אונ וייל ער האט דאס גבאט ניט גהאלטין איז ער ארוס גנאנגן חייב בדין אונ איז גשטראפט גווארן:

רבי יצחק זאגט אדם איז גוועזן צווייא פרצופים אין איינם דר נאך הט אים הקב"ה צו טיילט הט אים הקב"ה גמאכט פון איין זייט איין נקבה אין דעם גרעסטין שיינקייט אונ האט זיא גבראכט צוא אדם דרום שטייט ויבן ה' אלהים את הצלע וגו' אונ הקב"ה האט אים גגעבין א נשמה פון דעם ארט וויא אלי נשמות קומן ארוס אונ הט אים מוסיף גוועזן חכמה אונ שכל אלין צוא וויסן ביז ער האט גוואוסט מער פון אלי מלאכים אונ האט גקענט זיין האר"ן מיין פון אלי בשעפו"ש אונ אז ער האט גזינדיגט זענין אלי מעינות החכמה פון אים פאר שטאפט גווארן דרום שטייט וישלחהו ה' אלהים מגן עדן ער הט אים אוועק גשיקט פון חכמה אונ שכל ווס ער הט גיהאט לעבוד את האדמה ער זאל עוסק זיין אין די מלאכות פון גשמיות די ערד צו ארבעטין:

ויאמר אלהים נעשה אדם זאגט ר"ש סוד ה' ליראיו אזו וויא ער זאגט דאס קומט איין דמות וויא איין גישטאלט אונ זאגט שמעון שמעון וואס איז דאס ויאמר אלהים נעשה אדם אין דעם איז דם גישטאלט פאר הוילין גיווארין אונ מען האט אים שון מער ניט גיזעהן זאגט רבי שמעון צו זייני חברים ווער האט דאס מיך גירופין שמעון אונ ניט רבי שמעון מוז דאס זיין גיוויס הקב"ה דם אצונד איז דיא צייט אן צו הובין סודות מגלה צו זיין אין דעם פסוק דען עס איז בוודאי קיין רשות ניט גגעבן גווארן קיינם צו מגלה זיין אונ אצונד פר שטייא איך אז מיר איז יוא רשות גגעבן גווארין צו מגלה זיין אזו הייבט ער אן גרויסע סודות צו זאגין:

פתח ר"ש הייבט אן איר עליונים הערט צו תחתונים זאמלט אייך איין בראשי ישיבות של מעלה ושל מטה דו אליהו איך בשווער דיך נעם רשות אונ קום אראפ דו חנוך מט"ט דר שר פון דרוועלט דו אונ דייני ראשי ישיבות ווס זענן אונטר דיר קומט אלי אהער דען איך וועל מגלה זיין סודות דס טוא איך ניט פון מיין כבוד וועגן נייארט פון וועגין הקב"ה נאר א מלחמה גדולה צו האלטן קעגן דעם יצה"ר ר"ש זאגט אמאל בין איך גוועזן אונ מייני חברים אין דר שטאט ווי רבי כרוספדאי הט גיוואונט אונ די מוטער פון ר' כרוספדאי האט גיהאט איין מנורה מיט זיבן ליכט האט זיא אונז גוויזין דם ספר פון רבי כרוספדאי אז מיר האבין אין דרינען גלערינט איז אראפ גקומן תיכף חיילות מלאכים אונ האבין אונז ארום גרינגילט וויא די לייט זאמלין זיך איין צו א חופה בשמחת חתן וכלה אונ הקב"ה איז אויך אראפ מיט זייני חיילות צו הערין די סודות פון דעם ספר אונ הקב"ה הט מיט זיך אראפ גיבראכט דעם פאטר פון רבי כרוספדאי ער זאל אויך הערין די סודות פון זיין זון אונ דיא נאכט איז גוועזן ליל שבועות הט זיך הקב"ה גיפרייט מיט די רייד גלייך מיט דעם טאג ווס ער הט גגעבין די תורה אוף דעם בארג סיני אמאל זענן מיר ווידר גוועזן ביי זיין מוטער איז שוין רבי כרוספדאי גוועזן גישטארבין אונ זי האט נאך ניט גיוואוסט הט זיא אונז אן גגרייט א טיש אונ איין מנורה אונ מיר האבן נאט גרעט קיין דברי תורה איבר דעם זאגט זיא צו אונז רבנן ווי קומט דם ווס איר לערנט ניט קיין תורה הייגט אזו ווי תמיד האב

איך גזאגט צו דר חברייא לאמיר ריידן דברי תורה כדי זיא זאל דע
פון ניט גוואר ווערן אז איר זון איז גישטארבין ווערט איר דורך אונ
אתקלה קומן דען זיא וועט חז שטארבן פר צער הייבט ער אן בראשי
ברא אלהים דם איז די נשמה אז זיא גייט ארוס פון דר מוטרס לייב א
אוף איר גזאגט גווארין והארץ היתה תוהו ובוהו דען זייני אוגין זענן נא
פר מאכט אונ אז ער עפינט זייני אוגין מיד ויאמר אלהים יהי אור אז ע
שטארבט ווידר ויאמר אלהים יקוו המים מתחת השמים אל מקום אחד ותרא
היבשה דען די נשמה גייט ארוף ווידר צו איר ארט אונ דר גוף בלייב
יבשה זאגט זיא רבנן פון דיא רייד ווס איר שמועסט אלץ פון יענ
וועלט דם איז ניט אום זוסט זיא גייט צו איר ליכט ווס האט תמי
גיברענט אונ זיא הט גהאט אין דעם אסימן אז עס איז גוועזן מיט שיי
גשטאלט אונ דר פון הט גילייכט אלערלייא גשטאלט הט זיא אצונ
גזעהן אז דאס ליכט איז פינצטר גוועזן זאגט זיא איר רבנים עס אי
מיר איין אבידה פר לארין גווארין איך וועל גיין זי זוכין זאגין זיי זי
מוז בוודאי זיך מארקין זיי גייען אוועק אין זייער וועג אונ זי גייט און
די וועגן אונ גפינט אזונה נקבה זאגט זיא צו דר טויב דו יונה דו ביס
גוועזן א שליח נאמן צו דיין הארן אז נח הט דיך גשיקט אזו ווי דר פסוק
זאגט וישלח את היונה מאתו אונ עס שטייט ותשב אליו היונה לעת ערב האסט
אים גטאן דיין שליחות רעכט דרום בשווער איך דיך אז דוא זאלסט
מיר אויך גיין אין מיין שליחות צו זעהן אוב מיין זון לעבט מיד אי
זיא אוועק גפלויגן אונ פר נאכט איז זיא צו ריק גקומן אונ אירי פעדרי
זענן גוועזן צו ריסין וויא די מוטר האט דם דר זעהן הט זיא אן גהוב
צו ווייגן אונ שרייען ביז די נשמה איז איר ארוס אונ איז גשטארבין
אונ אזו ווי רבי שמעון מיט דר חברייא גייען פרעגן זיי ווארום איז א
דם קינד גייט ארוס פון זיין מוטרס בויך איז זייני אוגין צו • זאגט ער
דרום שטייט ותכהן עיניו מראות דען אז דם קינד איז אין דר מוטרס ליי
ווייזט מען אים אלי נקודות אונ מרכבות אזו וויא יחזקאל הנביא הט
גזעהן נאר איטליכן נאך זיין נשמה נאך ער איז דארט עוסק בתורה
אונ פר שטייט אלי מצות וויא זיי זענן גגעבן למעלה דר נאך ווייזט
מען אים דעם גיהנם ווער עס איז עובר אוף דר תורה וואס פאר איי
עונש ער הט אונ ווס פר איין שכר ער הט אז ער איז מקיים די תורה
דר נאך אז ער גייט ארוס פון דר מוטר זענן זייני אוגין פאר שטאפ
מחמת דעם ליכטקייט וואס ער הט גזעהן אז ער איז גוועז ביא דע
מוטר אין בויך אזו ווי דר פסוק זאגט ותכהן עיניו זייני אוגין זענן טונק
מראות מחמת ער הט גזעהן גרוסי אורות: והארץ היתה תהו ובהו וחושך אז
אויך ווער עס איז ניט עוסק בתורה זענן זייני אוגין פר שטאפט לעוה"ב
אבר ווער עס איז יוא עוסק בתורה שטייט ויאמר אלהים יהי אור ויהי או
דר לייכטין אים זייני אוגין בעוה"ב צו זעהן דם גרוסי ליכט ווס הקב"ה
הט בהאלטין צו צדיקים לעוה"ב • אז ער גייט אוועק פון דר וועל
שטייט יקוו המים מתחת השמים אל מקום אחד בלומר זיין נשמה ווערט איי
גטאן אל מקום אחד וויא דר פסוק זאגט והרוח תשוב אל האלהים אשר נתנ
אונ דר גוף בלייבט יבשה טרוקין דר נאך זאגט הקב"ה תוצא הארץ נפ
חית למינה דם זענן דיא חיות הקודש וואס זייא דער לייכטין די נשמה
מקבל צו זיין למינה אזו וויא דער פסוק זאגט על כסים ישאונך אדר תוצא
הארץ נפש חיה דם איז זיין בת זוג וואס גייט מיט אים בעוה"ב בהמה ורמ
וחיתו ארץ למינה דם זענן כמה חיילות מלאכים וואס קומן פון זיין כבו
וועגין דר נאך ברענגט אים הקב"ה ארייין אין גן עדן אזו וויא דר פסו

...ש ויאמר אלהים תדשא הארץ דשא אלץ וואס עס איז בשאפן געווארן אין
...ת ימי בראשית איז אים אלץ מזומן בעוה"ב אין גן עדן העליון אונ
...גן עדן התחתון וירא אלהים את כל אשר עשה והנה טוב מאד פר וואס
...יט ניט ביי דעם אנדערן טאג כי טוב ווייל דר טוט איז בשאפן געווארן
...שני דרום שטייט דא טוב מאוד דס מיינט מען דעם טוט ווייל ער
...שון בשאפין געווארין: וירא אלהים את כל אשר עשה האט דען הקב"ה
...ער ניט גזעהן וואס זאגט ער וירא אלא הקב"ה האט אלץ פריער גזעהן
...עס וועט זיין אונ דרום זאגט דר פסוק את כל דאס איז מרבה אלי
...ות וואס וועלדר נאך זיין אונ וואס עס וועט מחודש ווערן אין איטלכן
...אונ דס וואס דר פסוק זאגט אשר עשה איז משמע וואס עס איז שון
...אפן געווארן דס ווייזט אונז וואס הקב"ה האט דענסמט מאל בשאפין
...ער דס בשאפן גרוסר הייט אזו וויא עס דארף דר נאך זיין ויכולו
...ים והארץ וכל צבאם ר' אלעזר הייבט אן מה רב טובך אשר צפנת ליראיך
...ה אונ זעה הקב"ה האט בשאפין דעם מענטשין אויף דר וועלט כדי
...זאל גאנץ זיין אין זיין עבודה אונ אין זייני וועגין כדי ער זאל
...ה זיין צו דעם אור וואס ער האט בהאלטן צו די צדיקים וואס דר פסוק
...ט עין לא ראתה אלהים זולתך יעשה למחכה לו אונ צו דעם אור איז ער נאר
...ה דורך דר תורה דען דר וואס לערינט תורה איז גלייך וויא ער
...גבויעט די וועלט דען מיט דר תורה איז די וועלט בשאפן געווארין
...דעם רוח האט הקב"ה די וועלט בשאפן אונ מיט דעם רוח פון די
...די תורה האט די וועלט אקיום ומכ"ש מיט דעם רוח אונ הבל וואס
...ארוס פון די קליינע קינדר אז זיי לערנען ביי זייער רבי דרום זאגט
...מה רב טובך אשר צפנת ליראיך ווי גרוס איז דס גוטס וואס דו האסט
...אלטן צוא דיא יראי חטא פעלת דוא האסט גילערינט בששת ימי
...אשית אונ האסט בשאפן איין גן עדן בארץ אין דעם געשטאלט ווי
...איז למעלה אונ דרום זאגט ער נגד בני אדם דאס ג"ע למטה איז
...עגן די מענטשן אונ דר גן עדן למעלה איז אנטקעגין די עליונים
...שים · זאגט רבי שמעון אפילו דאס גן עדן של מעלה איז אויך
...קעגין די מענטשין וואס טוען דעם ווילן פון הקב"ה: ויכולו השמים
...ז אלץ איז נגמר געווארן הין למעלה והין למטה זאגט ר"ש שמים
...ווייזט אויף דר מעשה ואומנות פון תורה שבכתב ושבע"פ וכל
...ם דס זענען די פירושים אויף דר תורה אונ ווייל עס איז שבעים פנים
...ה דרום איז מרמז דס ווארט ויכולו דס בטרעפט זיבציג אופנים פון
...תורה שבכתב ושבעל פה · ויכולו עס זענען גגרונד פעסטיגט געווארן
...ם וארץ וכל צבאם דס זענען די סודות התורה אונ דינים פון דר תורה
...ו שבת מכל מלאכתו אשר ברא אלהים לעשות מתקן צו זיין גרונד פעסטין
...ם עולם מיט איטלכן טאג אונ אום ציהען רוחות ונשמות אונ האט
...י אום גצוגין רוחות ושדים אוב דו וועסט מיינן די שדים זענען ניט
...ן תקון העולם עס איז ניט אזו נייערט זיי זענען אויך דער תיקון אין
...ם העולם צו שלאגין מיט זיי די רשעים צו שטראפן זיי אויף זייערי
...שים קום אונ זעה עס שטייט ביי שלמה והוכחתיו בשבט אנשים ובנגעי
...ארם ווער זענען די נגעי בני אדם דס זענען די מזיקין וואס זיי שטראפין
...ייט מיט עונש · קום אונ זעה בשעת שבת איז אריין גגאנגין אונ
...מקודש געווארין זענען זיי איבר גבליבין רוחות אן גופים אונ זייא
...ן ניט גגרונד פעסטיגט געווארין אזו וויא אנדרי בריות נייערט זיי
...ן נאר פסולת אזו וויא מען לייטערט איבר גאלד אונ עס בלייבט
...לת אזו זענען זייא גבליבין פגומים וחסרים ניט קיין גאנצי בריות

אונ ווייל זיי זענען פגומים רועט אוף זיי ניט דר רוח הקודש ווארום
ער רועט ניט אוף איין ארט וואס איז פגום אונ זיי פארכטין זיך פאר
דעם שם הקודש אזו אויך ווען דר מענטש איז פגום ווען ער שטארבט
אונ לאזט ניט קיין קינד אוף דער וועלט אזו קאן זיך דיא נשמה ניט
באהעפטין אין דעם שם הקודש אונ מען לאזט אים ניט אריין אין
דעם פרגוד ומחיצה של מעלה ווייל ער איז ניט גאנץ אונ איז פגום
אן קינדר ביז ער ווערט מתוקן אזו וויא אבוים וואס ווערט ארויס
גירוסין מוז מען אים ווידר פלאנצין אזו מוז זיין ברודר דס ווייב פון
דעם מת מיבם זיין אזו האט ער אתיקון אונ ווערט ווידר גבארין אין
דעם קינד וואס זיי האבן · קום אונ זעה ווייל די שדים זענען פגום זענען
זיי ניט באהעפט למעלה ולמטה דרום שטייט אוף זייא אשר ברא אלהים
לעשות גאט האט זיי בשאפין נאך צו טאן אין זיי די גופים דר ווייל איז
אריין גנאנגן שבת זענען זיי גבליבין פגומים למעלה ולמטה אוב דוא
וועסט פרעגין זייא האבין דאך רוחות פאר וואס זענין זיי ניט נשלם
למעלה אלא ווייל זייא זענען ניט נשלם למטה איבער דיא גופים דרום
זענען זייא למעלה אויך ניט נשלם אונ אלע קומען מצד הדין אונ
זענען פר הולן פון די אויגן פון דעם מענטשן אונ שטייען אקעגן זיי צו
איבלן אונ ביז צו טאן זיי זיי האבן דריי זאכן ווי מלאכים אונ דריי
ווי מענטשן אזו ווי די גמרא זאגט אין מסכת חגיגה אונ אז זייא זענין
בשאפין געווארן האבן זייא גנידערט אין תהום רבה זענען זייא דארטין
געזעסין אגאנץ שבת אונ אז שבת איז אוועק גיגאנגן זענין זייא ארוס
גגאנגן אוף דער וועלט אונ אזו איז היינט אויך דען אז שבת גייט
אוועק דר וועקט זיך דר צד שמאל אונ דין אונ דאס אש של גיהנם
פלאמט אונ אלי וואס זענען מצד שמאל שוועבין אוף דער וועלט
אונ ווילין זיך מתלבש זיין אין אגוף אונ קענין ניט דרום מוז זיך דיא
וועלט היטין פאר זייא דרום האט מען אין מוצאי שבת מתקן גיוועזן
דעם שיר של פגעים דאס הייסט מען זאל זאגן ויהי נועם · קום אונ זעה
ווען דער שבת גייט אריין אונ ווערט מקודש דען ווערט אויף דער
וועלט סוכת שלום אונ ווערט פר שפרייט אויף דער וועלט ווער איז דר
סוכת שלום דס איז שבת דען אלי שדים ורוחות רעות וקליפות אונ
אלי צד הטומאה גייען אריין אין נוקבא דתהום רבה דעז אז עס דר וועקט
זיך דיא קדושה אוף דר וועלט ווערט דר רוח הטומאה בהאלטין אונ
אנטלופט פר דר קדושה דען איז די וועלט אין דר שמירה העליונה
דרום בדארף מען ניט אום לאזין אזו ווי אין דר וואכן שומר עמו ישראל
לעד דען עס איז נאר מתוקן געווארן אום דר וואכן אז די וועלט דארף
האבן שמירה אבער אום שבת איז פר שפרייט סוכת שלום אין גיהנם
ווערט דיא וועלט גיהיט אויף אלע זייטין אפילו דיא רשעים
אונ אלי עולמות עליונים ותחתונים זענין גהיט דרום זאגין מיר דיא
ברכה הפורס סוכת שלום עלינו · נאך וואס זאגט מען ועל ירושלים חייל דארטן
איז דס וואונונג פון דר סוכה דס איז די שכינה דען סוכה איז טייטש
לשון דעקן זי בדעקט אוף אונז אונ איז מגין פון אלים ביזן דרום מוז
מען אן ברייטן דא אונ זאגן הפורס כדי זי זאל אוף אונז מגין זיין וויא
אמוטער אוף אירי קינדר : קום אונ זעה בשעת די ישראל זאגין דיא
ברכה אונ זענען מזומן צו דר סוכת שלום אונ זאגן הפורס דען נידערט
אראפ די קדושה עליונה אונ פר שפרייט אירי פליגל אוף די ישראל
אונ בדעקט זיי אונ אלי רוחות רעות ווערן איין גטאן פון דר וועלט
דעז זיצן די ישראל אונטר דער קדושה פון זייער העכן אונ די סוכת

שלום גיט נייע נשמות צו איטע קינדר דרום ווייל די נשמות רוען בייא איר אונ גייען פון איר ארוס דען גיט זיא איטליכן איין נשמה יתירה וואס קומט פון עוה"ב אונ מיט דר נשמה יתירה זענין זייא זיך משמח אונ מאכן פר געסן פון זיך אלי דברי חול אונ אלי מורא אונ צער אזו ווי דר פסוק זאגט ביום הניח ה' לך מעצבך ומרגזך וגו' אונ אין ליל שבת מוז דר מענטש פאר זוכן פון אלי עסין דס מען זאל וויסין אז דער סוכת שלום איז כלול פון אלץ אונ אלץ איז נכלל אין איר נאר מען זאל ניט פגום מאכן די סעודה פון אין דר פריא פון יום שבת אונ דר גמיינסטר מוז האבן צוויי תבשילים צו איטליכר סעודה • אונ די מצוה פון נר שבת איז גיגעבין גיווארין צו די ווייבר פון דעם עם הקדוש דס זיי זאלן אן צינדן ליכט אום שבת • די חכמים האבן גזאגט דעם טעם ווייל חוה הט פר לאשן דס ליכט פון דער וועלט אונ האט פינצטער גמאכט דיא וועלט מיט איר חטא דרום זאל זיא ליכט אן צינדן אוף שבת אבר דער רעכטער טעם איז ווייל דיא סוכת שלום רועט אוף אונז אום שבת מיט דיא נשמות דרום מוז די אשה טאן למטה אזו אנישטאלט ווי עס איז למעלה אן צו צינדן די ליכט דרום ווייל די צווייא נשמות פון דעם מענטשין לייכטין אום שבת דרום מוזין זיי אן צינדן צווייא ליכט אונ ווען די אשה צינד די ליכט גהער זי צו צינדן מיט שמחה ווייל עס איז לכבוד דר שכינה דרום איז זיא זוכה צו הייליגי קינדר וואס זיי וועלין זיין דס ליכט פון דר וועלט אונ תורה אונ יראה אונ וועלין דר לייכטין די וועלט מיט שלום אונ מיט דעם גיט זי דעם מאן לאנג לעבין דרום גיהערין די ווייבר נזהר זיין אין דר מצוה פון ליכט צינדין אויף שבת :

אלה תולדות השמים והארץ בהבראם מיר האבן גלערינט אלה איז פוסל ראשונים עס האקט אפ דיא ערשטע דיא פסולת דיא עולמות וואס זענין פריער גוועזן דען הקב"ה האט פריער בשאפין עולמות אונ הט זיי חרוב גמאכט דרום זענין די ראשי תיבות פון השמים והארץ הי"ו דס זיי זענין פריער חרוב גווארן איז על פי סוד ויאמר אלהים יקוו המים די תורה וואס זי איז גגליכן צו וואסר זאל זי איין גזאמילט ווערין אל מקום אחד צו דיא וואס זייער אחיזה איז אין ה' אחד דרום זאגט דר פסוק אלה תולדות השמים והארץ בה' בראם איז אקליינה ה' אונ עס איז די אותיות פון אברהם צו ווייזין דס די תולדות וואס זענין פון אברהם שטייט דורך די שמים וארץ ווייל זיי לערנין די תורה אונ ווייטר איז גרויסי סודות :

ויטע ה' אלהים גן בעדן וגו' רבי שמעון זאגט מיר האבין דאך גילערינט דאס הקב"ה הט אלי עולמות בשאפין מיט די אותיות התורה אונ האט אויס גיקריצט די אונטערשטע וועלט אונ דעם גישטאלט פון דער אויבערשטער אונ האט גימאכט דעם גן עדן של מטה אונ דעם גשטאלט פון דעם גן עדן של מעלה אונ אז הקב"ה הט בשאפן דעם עולם האט ער בשאפין אדם הראשון :

פתח ר"י הייבט אן והמה כאדם עברו ברית דיא ישראל האבין עובר גוועזן דעם ברית אזו ווי אדם הראשון וואס הקב"ה הט אים בשאפן אונ הט אים גקריינט מיט אלי עטרות של מעלה דס ער איז כלול גיוועזן פון אלי עולמות אונ אלי בשעפעניש עליונים ותחתונים די האבין זיך אלי פר אים גפארכטין אונ הקב"ה האט אים ארין גיבראכט אין גן עדן ער זאל דרינן אלי תענוגים האבין פון די עליונים אונ די מלאכי מעלה האבין אים ארום גירינגילט אונ האבין אים מודיע גיוועזן אלע סודות עליונים כדי ער זאל וויסין אלי חכמות אונ פר שטיין אין דעם כבוד פון הקב"ה אונ אז ער הט גזינדיגט האט אים הקב"ה פון דעם גן עדן ארוס גיטריבין אונ הט אויף אים גילייענט איכה אזו ווי דר פסוק ויקרא ה' אלהים אל האדם ויאמר לו איכה אזו אויך הט הקב"ה גיבראכט די ישראל קיין א"י אזו ווי דס ג"ע אונ אז זיי האבן גזינדיגט אונ האבן עובר גיוועזן דעם ברית פון דר תורה הט ער זיי ארוס גטריבן אונ הט אוף זיי גזאגט איכה איכה ישבת בדד : דר נאך איז ער מגלה די היכלות זיבן היכלות איז פר האנדין למעלה אין גן עדן העליון אונ אנטקעגן איז שבעה מדורין אין גן עדן התחתון דאס איז אלץ גישטעלט בסודות ורזין עילאין אונ אלץ איז איינס אנטקעגן דעם אנדערן אונ אלץ נאך זיין מעלה נאך אונ איין היכל אין אנדערין אונ איין חדר איז אנדערן אונ דרינין איז אדם הראשון גיוועזן אונ אז ער האט גיזינדיגט אונ איז פאר טריבין גיווארין האט הקב"ה דעם גן עדן אן גיברייט צוא דיא נשמות פון צדיקים מיט זייא זיך משתעשע זיין :

היכל קדמאה דס ערשטי היכל איז צו די צדיקים וואס פארכטין זיך פאר הקב"ה אונ פר בייטן ניט די יראה אנטקעגן דר יראה פון דער קליפה • דס היכל איז ווען די נשמות פון די צדיקים גייען ארויס פון דער וועלט אזו גייט איטליכע נשמה נאך זיין מעלה נאך אין דעם היכל אזו מוזן זיי דארטן זיצן אן גקלייד אינאזו אמלבוש אונ גשטאלט ווי זי איז גיוועזן אוף דר וועלט אין גוף אונ דארטן הט זיא דער ווייל גרויסע תענוגים ביז זיא זיצט דארטין נאך אירי מעשים נאך ביז זיא איז זוכה פון דארטין ארוף צוא קומין אין גן עדן העליון אונ דארטין ווערט זיא אן גיקלייד אין אמלבוש נאך אירי מעשים נאך אונ דורך דיא מלבושים קען זיא זעהען אונ משיג זיין דיא צורות עליונים אונ דעם כבוד פון הקב"ה אונ אין דעם היכל זענין די נשמות פון די פר צייטיגע גרים זייא גייען אהין צו זעהין פון דארטין דעם כבוד פון הקב"ה אונ ווערן גקלייד אין אמלבוש וואס לייכט אונ אנטקעגין דעם היכל איז אין איין טיר קעגין דעם גיהנם דארטין זעהען דיא נשמות פון די גרים פון די מצרים רשעים וואס מען איז זיי בן דורך מלאכי חבלה אין פייער אונ זיי פרייען זיך וואס זיי האבן דר קענט דעם בורא עולם אונ דריי מאל אין טאג זענין זיי זיך משתעשע אין דעם גרוסין תענוג פון דעם אור הגדול של מעלה אונ דער ראש איבר זייא איז עובדיה אונ אונקלוס הגר :

היכלא תניינא דר אנדערר היכל איז אינווייניג ווייטר פון דעם ערשטן אונ דיא טיר איז נאהענט צו דער מערת המכפלה דער היכל לייכט מיין פון דעם ערשטן אין דעם היכל זענען די נשמות וואס האבן גליטן אוף דר וועלט יסורים אונ האבן אוף זיך מקבל גוועזן באהבה אונ האבן ניט מבטל גוועזן פון דר תורה אונ תפלה אונ האבן מודה ומשבח גיוועזן צוא הקב"ה אונ דעם היכל גאנץ אינווייניג זענין דיא נשמות וואס האבן מקדש גוועזן מיט זייער כח דעם שם הקדוש אונ האבין גיזאגט אמן יהא שמיה רבא מברך מיט כוונה דארטן זעהן זייא דיא גרוסי ליכט פון די אורות עליונים אונ זייער ממונה איז משיח ער גייט אונ איז זייא מנחם אונ גייט פון זייא ארויס אונ גייט אין דעם דריטין היכל ארייין דארטין זענין די וואס האבן גרוסי יסורים גליטן אונ אלי נשמות פון די קליינע קינדר פון דעם רבי וואס זענין געשטארבין אונ דארטין זענין אויך די וואס האבן גטרויערט אוף חורבן בית המקדש אונ האבן גלאזט טרערין מיט זייער גוויין אונ משיח איז זיי מנחם • ער גייט ארוס פון זייא אונ גייט אריין אין פערטן היכל דארטין זענין

י אבילי ציון וירושלים און אלי ווס זענין דר שלאגין גוואורין דורך
אומות אשור ובבל און משיח ווייגט אוף זיי · אזו קומן די נשיאים
רע דויד און נעמין אים אן און טרייסטן אים און ער הייבט אן צו
ין דס אנדרי מאל און דס קול גייט ארויף און ער גייט אויך ארויף
ב זאמט אובין ביז ראש חודש אזו נידערין מיט אים אראפ פיל
רות און לייכטונג ווס זיי דער לייכטין אלי היכלות און רפואות צו
חלאים און וויטאג און דער שלאגינע וואס זענין אום גקומין און
אבן גליטין יסורים קומין זיי אלי אראפ מיט משיח אזו טוט ער זיך
איין מלבוש אוף דעם מלבוש זענן אום גקריצט אלי ווס זענין אום
ומין דורך דיא אומות בבל ואשור און דאס קלייד גייט ארויף
בין און קריצט אוים און צייכינט אלע צורות פון דיא
ונגים און דעם לבוש פון דעם מלך עליון און הקב״ה איז אן גקלייד
ה זעלביגי קלייד ווס ער איז גוועזן אן גקלייד בשעת ער הט דן גוועזן
מצרים און ער קומט ווידער מיט פיל מלאכים און מרכבות של
לה מיט מלבושים און איטליכר ברענגט איין מלבוש אן צו טאן
א נשמות פון די הרוגים און אז זיי טוען אן דיא מלבושים האבין
גרוסי תענוגים פון דעם אור העליון און גאנין אינווייניג פון דעם
בל שטייען די עשרה הרוגי מלכות רבי עקיבא מיט זייני חברים
גייען אוף צו דר ליכט ווס הייסט אספקלריא דמאירה און דס לויטער
ט פון כבוד עליון דאס אוף זייא האט דר פסוק גזאגט עין לא ראתה
אלהים זולתך :

בלא חמישאה דס פינפטע היכל דס זענן אלי בעלי תשובה וואס זייא
בן תשובה גטאן אוף זייערי עבירות און זענין גשטארבין בטהרה
ב אויך די ווס האבן מקדש השם גוועזן און האבין אוף זיך מקבל
ען מיתה פון נאטס וועגן · הינטער דעם טויער שטייט מנשה מלך
ידה ווס הקב״ה הט אים מקבל גוועזן בתשובה שלמה · אינווייניג
דעם היכל שטייען די גרוסי ווס האבין תשובה גטאן און זייער
מה איז זיי אום גגאנגין בשעת זיי האבן זיך בארעמין אוף זייערי
שים און זיי זענין נהנה מאור העליון דרייא מאל אלי טאג קומט
דעם היכל דס אור עליון און איטליכר איז נהנה נאך זיין מדריגה
ך דס היכל איז גרעכר פון יענעם דס אפילו צדיקים גמורים קענן
ין ניט ארייין גיין און קיין שום מדריגה איז ניט דא איבער זייא
נייערט דיא חסידים :

בל הששי דס זעקסטע היכל איז דרינין די נשמות פון חסידים וואס
האבן ליב גהאט צו גאט מיט גרוסי אהבה און אין דער טיר
דעם היכל זענין אלי דיא וואס האבין מייחד גוועזן דעם יחוד פון
יאת שמע דר ממונה פון דעם היכל איז אברהם בי איין טיר לימין
הקב״ה און אין דר אנדערר טיר שטייט יצחק ווס הט זיך גלאזט
דן אוף דעם מזבח פר איין קרבן שלם צו הקב״ה אין דר דריטר
ר שטייט יעקב אין מיטין און זיינע צוועלף שבטים ארום אים און
שכינה אוף זייערי קעפ און ווען די ישראל זענין בצרה חו״ו דער
קין זיך די דרייא אבות און זענין מעורר דיא שכינה און זיא גייט
וף גקריינט און איז מגין אוף דיא ישראל און אזו ווי דיא היכלות
ען בגן עדן של מטה אזו זענען זייא בגן עדן של מעלה בסודות
ונים און אלי די זעקס היכלות זענין אן גקניפט און גקריינט מיט
דעם זיבעטין היכל :

בל השביעי דאס זיבעטי היכל איז גנוז וסתום פר הולן און פר בארגין

מיין פון אלי היכלות און די זעקס היכלות זענין אלי אוף צוא
וואונין אין זיי אבר ניט דס זיבעטי היכל · און די זעקס למטה זענין
אנטקעגין די זעקס למעלה דרום שטייט בראשית ברא בראשית מאכט
ברא שית ער הט בשאפין זעקס · און עס שטייט שית צווישן צווייא
מאל ברא צו ווייזן אז דס ווארט ברא גייט ארויף און אראפ גלייך ווי
עס שטייט צוויי מאר שית מרמז צו זיין אז די זעקס זענן גישטעלט
אנטעגין דיא זעקס וואס איז למעלה בסודות עליונים און אלי זענין
בסוד אחד ווי די בעלי הקבלה ווייסן און פאר שטייען די סודות ווס
מען קאן ניט ארוים שרייבין און אנטקעגין דיא זיבין היכלות זענין
שבעה מדורים זיבין חדרים אין גן עדן התחתון איין מדריגה איבר דער
אנדערער אזו וויא עס איז למעלה דיא זיבין היכלות און איינס איז
בגרייפט אין אנדערין דס אלי זאל זיין אין איין אחדות דאס ערשטע
חדר איז למטה אין אפינצטער ארט און דארטין זענין רוחות · און
שטארקי שטורים ווינטן זיי ווערן ניט גזעהן זיי האבן גאר קיין צורה
ניט און אממונה איז איבר זיי ער הייסט ס״ה ער הט מיט זיך זיבעציג
ממונים ושרים וואס זייא שוועבן און ווערן נזעהן וויא פלאם פייער
און בייא נאכט שוועבין זייא און ווערין גיזעהן אזו וויא פינקן און
אלע אין דער פריא גייען זייא ווידר אין זייער נקב התהום און
ווערין ניט גיזעהן · דס אנדערע חדר איז איין ארט ווס דארט איז
מער ליכט אבר ניט זייער ליכטיג און דאס חדר איז אן גיברייט צו
די מלאכים ווס זענין ממונה אוף די מעשה בני אדם צו זעהן זייערי
מעשים עדות צו זאגן און אממונה איז איבר זייא ער הייסט ק״ד און
זייא הייבן אן שירה און ווערין שטיל און גייען אוועק און ווערין ניט
גזעהן ביז די ישראל הייבן אן אונטן שירה זאגן · דען שטעלין זייא
זיך אוף זייער ארט און ווערין גזעהן אין ליכטגר גשטאלט ווי פייער
דרייא מאל אין טאג זענן זיי מקדש די קדושה און אז די ישראל זענן
עוסק בתורה אזו שוועבין זייא אלי ארויף און זאגין עדות אוף דיא
ישראל · דס דריטי חדר איז איין ארט פון רויך און פייער דארט ווערט
גצויגן דר נהר דינור דס אין דעם פייער ווערן פר ברענט די רשעים
און דארט זענן די מלאכי חבלה ווס זיי טרייבין ארין דיא רשעים
אין דעם נהר דר ממונה ווס אוף זיי איז דר סס״א דארט זענן מקטריגים
אויף ישראל ווען די ישראל טוען תשובה קענן זיי גאר ניט טאן און
זיי אלי זענן מצד החשך על פני תהום דאס פערטי חדר איז ליכטיג און
עס דר לייכט צו די מלאכים עליונים וואס זענן מלאכי חסד און די
מלאכים הייבן אן שירה זאגן און לאזין ניט אום אזו ווי די מלאכים
וואס זיי זאגן שירה און גייען ארין אין נהר דינור און ווערן דארט
פר ברענט און ווערן ווידר בשאפן אבר די בלייבן אייביג אין זייער
שטאנד די זענן מלאכי רחמים אוף זייא שטייט עושה מלאכיו רוחות און
די טוען שליחות אוף דר וועלט און ווערן ניט גזעהן צו קיין מענטשן
און זייער ממונה איז ס״ד ער הט ביי זיך די שליסלען צו עפינן צו די
בעלי תשובה און צו עפנן די טירן עס זאל ארויף גיין די תפלות פר
הקב״ה · דס פינפטע חדר איז ליכטיגר מער פון אלי די אייבערשטי
עס זענן דרינן מלאכים אטייל פון וואסר אטייל פון פייער אמאל
זענן זייא מלאכי רחמים און אמאל זענן זייא מלאכי דין · דיא זענן
ממונה צו זינגען פר זייער העריו אטייל אין האלבי נאכט און אטייל
אין דר פריא און זייער ממונה איז ק״ד און אז עס קומט האלבי נאכט
אזו דר וועקט זיך דר צפון ווינט דאס רענטס מאל גייט הקב״ה אין
״

גן עדן אריין משתעשע זיין מיט די נשמות הצדיקים דען דר וועקט זיך דר רוח צפון צו די וואס זענען ממונה דענסט כאל שירה צו זאגן דען הייבין אלי אן זאגין שירה אונ אז עס קומט דער אור הבוקר הייבן דיא אנדרי אן צו זאגין שירה אונ אלי כוכבי רקיע אונ אלי מלאכים של מטה העלפן זיי שירה צו זאגן אזו ווי דר פסוק זאגט · ברן יחד כוכבי בוקר ויריעו כל בני אלהים ביז די ישראל הייבן דר נאך אן צו זאגן שירות ותשבחות · דס זעקסטי היכל איז קרוב למלכות שמים דארט זענען די מחנה שכינה אונ מעשה מרכבה אזו וויא דר פסוק זאגט זה הים גדול ורחב ידים וגו' שם אניות יהלכון דס קען מען ניט ארום שרייבין · דס זיבטי היכל איז איבער אלי דארטין ווערין נאר גיפונן נשמות הצדיקים דס זייא זענין זיך דארט מתענג בתענוגים פון דעם כבוד עליון דארט זענען די גנזי שלום וברכה ונדבה אונ אזו אויך זענען בארץ התחתונה זיבן ארצות אלי אזו ווי אין גישטאלט למעלה אונ אלי זענין מודה ומשבח צו הקב"ה אונ אזו וויא אובן ווייסט קיינער ניט דעם כבוד פון הקב"ה אונ אזו וויא דאס אייבערשטי היכל דיא זעהן רעכט דעם כבוד פון הקב"ה וויא עס בדארף צו זיין צו דינן אים אונ צו לובן אים אונ צו דר קענן אים אזו אויך זענען די זיבן ערדין וואס הייסין ארץ אדמה גיא נשיה ציה ארקא תבל דס העכשטי איבר אלי איז תבל אונ אזו וויא דר מדור השביעי איז איבר אלי מדורים צו די נשמות הצדיקים אזו איז דא תבל דס אייבערשטי צו דיא גופות הצדיקים אוף דעם עולם דס אלץ זאל זיין למטה אין גשטאלט פון למעלה אונ אז אדם הראשון הט גזינדגט שטייט כי שבע יפול צדיק אונ אז אדם הראשון הט כהרהר בתשובה גוועזן שטייט אוף אים ויקם איז ער ארויף גגאנגן אונ אז ער הט אראפ גנידערט אוף דיא זיבן ערדין האט ער אוף איטליכן ארץ גיטאן מעשים טובים אונ תולדות אטייל האבן גשפראצט אונ אטייל ניט עס זענען דארט בריות אטייל זענען מיט צוויי קעפ אונ אטייל מיט דרייא קעפ אזו איז ביז זיבן קעפ עס זענין דא אזעלכי מקומות וואס דארט לייכט דיא זון מיט דער לבנה כוכבים ומזלות אונ אין אטייל ערטר איז פינצטר אונ אזו גפינט זיך ביי די לייט אין דעם עולם אטייל אין בייא זייא דיא ליכט מיט עשירות אונ אטייל פון זייא איז פינצטר מיט עניות אונ אטייל איז האלבי יארן מיט עניות אונ האלב מיט עשירות דס אלץ גיווענט זיך אין מזל ווען זיי ווערן גבארן אין מילוי הלבנה אונ אין חסרון הלבנה אונ עס איז פאר האנדין מקומות וואס אוף זיי שטייט והבור רק אין בו מים וואסר איז ניט דא אבר נחשים ועקרבים איז דא דס זענען די רשעים וואש זייערי הייזר זענין פיל מיט מלאכי חבלה דס זענען דיא נחשים ועקרבים וואס בייסין מיט אלרליי יסורים אין זייער גוף דס מאכט אלץ וואס זיי זענין גיקומן אין גלגול מחמת עונות וואס זיי האבן גיטאן איידר זיי זענין גיקומן אויף דר וועלט אונ דרום ווערן זיי גישטראפט דורך דיא בייזי לייט וואס זענין נחשים ועקרבים אונ זייא האבן מחלוקת אין זייער שטוב אונ שרייען צו די שערי גיהנם ווייי ווייי אונ אטייל זענין וואס כל ימיהם איז בשמחה אונ עשירות אלץ וואס איז אין דיא שבעה ארצות אין ארץ ישראל אזו איז אין די שבעה מדורי גיהנם אונ אזו אויך גיפונט זיך אויך ביי די לייט וואס ווערן גישטראפט אמאל ביי זייער לעבן אונ דיא בעלי הקבלה פר שטייען עס גאנץ וואול וויא עס איז · נאר מען קען עס ניט ארום שטעלן :

קם רבי שמעון איז רבי שמעון אויף גישטאנען אונ הט גיזאגט וואול איז



צוא דיין חלק אדם הראשון דער אוס דר ווייטר פון אלי בשעפנ
פון דר וועלט דען הקב"ה הט דיך גגרייסט איבר אלי ער האט ד
אריין גבראכט אין גן עדן אונ הט דיר דארט מתקן גוועזן זיבן חופ
דוא זאלסט זיך דרינן משתעשע זיין אונ מתענג זיין אין דעם תע
פון דעם גן עדן העליון וואס אוף דעם גרוסין עונג האט דוד המ
גבעטן צו השי"ת לחזות בנועם ה' דס דר עונג איז העכר פון די שב
רקיעים אונ עס ווערט אן גרופן נועם ה' ולבקר בהיכלו דס איז דר תע
פון די שבעה רקיעים אונ זיי שטייען איינר אנטקעגין דעם אנד
אונ אין אלי ביסטו גשטאנען אין גן עדן אונ דיא זיבן חופות עליונ
זענען גשטאנען איבר דיר כדי דו זאלסט מיט זיי גקריינט ווערין אין
זיבן חופות התחתונים הט דיר הקב"ה גגעבין דוא זאלסט זיך מ
זיי משתעשע זיין אין אלי הט דיך הקב"ה גימאכט גוועלטגן דו זאל
גאנץ זיין אין אלי ביז דייני פיס זענען נאך גגאנגן נאך דער עצה ד
פון דעם נחש ביסטו ארויס גטריבן גווארין אונ האסט גורם גיוו
מיתה צו דיר אונ צו גאר דר וועלט דו האסט אוועק גלאזט די גרו
תענוגים של מעלה ושל מטה אונ ביסט נאך גגאנגן נאך די תא
הטומאה פון דעם נחש וואס ער הייסט ראש פתנים דס דר גוף בהע
זיך אין דרינן אבר ניט דר רוח אזו ווי עס שטייט ראש פתנים אכזר ענב
ענבי רוש ביז עס איז גקומן דר חסיד אברהם אונ האט אן גיהובן ד
וועלט מתקן זיין אונ הט דיך ארויין גלאזט אין דר מחנה קדושה
האט מתקן גוועזן למעלה ולמטה אונ די שבעה רקיעים עליונים
שבעה רקיעים התחתונים דס די תחתונים זענען היכלות צו די רקי
עליונים דס זיי זאלן אלי זיין איין יחוד אונ איין חיבור אזו וויא כ
האבין שוין גישטעלט בייא יענע היכלות דרך כלל נאר דא ווע
מיר רעכט מפורש אונ מיחד זיין וויא עס דארף צו זיין כדי אונ
חברים זאלין זיך ניט טועה זיין אונ זאלין גיין בדרך האשר אונ ו
דר פסוק זאגט כי ישרים דרכי ה' צדיקים ילכו בם :

היכל הראשון הייסט היכל לבנת הספיר דס ערשטי היכל איז תחי
המדריגות עס שטייט ליכטיג גקריינט צוא ווערין במדרי
עליונות דר ממונה דער פון הייסט ס"ה ער שטייט אוף דער טיר
דעם היכל אונ אז אלי נשמות ווילין ארויף גיין שטייט דר ממונה ב
זה אונ נאך אנדרי ממונים שטייען מיט אים אטייל פייער אפ צ
ריינגן די זוהמא פון דער נשמה וואס זיא איז פאר פלעקט פון א
עבירות אונ אלי ממונים זענען פול אויגן איז דיא נשמה זוכה צוא
ווייטר עפינט ער איר די טיר גייט זיא ווייטר אבער אז זיא איז חלי
ניט זוכה אזו שטייט אוף דר אנדרר זייט איין ממונה מיט כמה אלפ
ורבבות משחיתים אונ אז דר ממונה ס"ה וואס ער איז מצד הקדו
שטופט זיא ארויס אזו קומט דר אנדרר וואס ער איז מצד הטומ
אונ נעמט זיא אונ ברענגט זיא אריין אין גיהנם אונ דארטין ווע
זיא גמישפט צוועלף חדשים כמשפט רשעים בגיהנם אונ דר ממו
ס"ה וואס ער איז מצד הקדושה שטייט ער אוף דר טיר פון דעם הי
אונ די תפלות אז זייא גייען ארויף אונ שפאלטין אלי הימלין א
צו קומן לפני המלך זענען זייא תפלות רבים אזו עפינט ער זייא א
די טיר אונ די תפלות גייען אריין אונ פון אלי תפלות ווערט גמא
איין קרון בראש צדיק חי עולמים אונ אז עס איז אבער איין תפ
יחיד קומט זיא ביז צו דער טיר פון דעם ממונה ס"ה זעהט ער איז
תפלה ריין אונ זיא איז ראוי זיא זאל אריין קומן פר דעם מלך הק

אלי מאל פר הקב"ה וואול צו דר נשמה ווס זי איז אזו זוכה אונ אוף
ווי איז דר ממונה א"ס אונ ער איז שולט אויף דעם היכל אונ דארטין
ווערין בשאפין מושלים אחרים אוף דר וועלט די זענין שרפים מיט שש
כנפים זייא זאגן קדושה צווא זייער הערין דרייא מאל אין טאג זיי זענין
מדקדק מיט די צדיקים כחוט השערה אונ דיא שרפים שטייען צווא
שטראפן די לייט בעולם הזה ובעולם הבא אונ צו די ווס זענין מזלזל
אין אמענטשן ווס ער הט פון אים גילערינט אפילו איין זאך אין דער
תורה אונ צו די מענטשין וואס זיי שאפין מיט אמענטשן ווש האט
גילערינט ששה סדרי משנה פון נאטס וועגין אונ ווען די אורות לייכטין
אלע באנאנדער גייט פון דעם אור ארויס איין חיה וואס זיא איז שולט
אויף די מלאכים וואס זייא הייסן שרפים אונ פיר חיות זענן אונטער
איר די חיה הייסט יופ"י די חיה איז אממונה אויף די סודות החכמה
וסודות התורה אין דער קבלה · אונ דרום בטרעפט דער מלאך קבל"ה
אונ אלי מפתחות פון דר חכמה איז ביי איר די חיה שטייט צו בגערן
שכר פר הקב"ה צו געבין צו די ווס לופן נאך די חכמה פון קבלה אונ
סודות צו לערנין פון איטליכן מענטשן כדי צו קאנן זייער הערין אונ
צו די מענטשן ווס זיי געבן שכר צו די דאזיגי ווס לופן נאך צו לערנן
קבלה וסודות התורה אונ ווען דר מענטש גייט אוועק פון דר וועלט
אזו גייט ארוס די חיה אוף פיר שרפים ווס זיי שוועבן אונ זי שוועבט
פאר אים אונ לאזט ניט קיין משחיתים צווא טרעטן צווא אים אונ כמה
מלאכי שלום ריגלן אים ארום אונ אז די שרפים ווערין גזעהן אז זיי
שוועבן פר אים אזו ווערט פאר שטוסן אונ אונטר גטאן דיא נחשים
שרפים ווס זיי קומן פון דעם נחש ווס הט גורם גוועזן מיתה אוף דר
וועלט דס זיי זאלן אין אים ניט קאנן שולט זיין אונ דיא חיה הקדושה
שטייט ווי די נשמה גייט ארוף פרעגט זי די חיה אין די סודות הקבלה
אונ אין דר חכמה ווס ער איז נאך גלאפן נאך איר אונ דר נאך גיט
מען אים זיין שכר אונ אז ער האט גקאנט לערנין קבלה מיט סודות
התורה אונ האט זיך ניט בהעפט אין זיי אזו שטוסט מען דיא נשמה
ארוס אונ זי קומט שון ניט אריין אונ שטייט אונטר דעם היכל כהרפה
ובבושה אונ אז די חיה הייבט אן צו געמן אונ צו ריהן אירי פליגל אזו
ריהן די שרפים ווסזיי זענןאונטר איר מיט זייערי פליגיל אונ פר ברענגן
די נשמות ניט רעכט היינו זי שטייט ניט אונ מען איז זי
בן אלי טאג זיא לייכט אונ לייכט ניט כלומר ניט רעכט אונ חאטשי
זי הט מעשים טובים העלפט עס ניט דען עס איז ניט פר האנדן אזו
איין שכר בעולם הבא ווי צו די וואס זענין משתדל בחכמת הקבלה
צו זעהן דעם כבוד פון זייער הערין דורך די סודות הקבלה אונ עס
איז ניט דא קיין שיעור צום שכר ווס מען גיט צו די מענטשן ווס זיי
וויסן די חכמת הכבוד פון זייער הערין וואול צו זייער חלק בעולם
הזה ובעולם הבא אזו ווי דער פסוק זאגט (משלי ג') אשרי אדם מצא חכמה
ואדם יפיק תבונה ווייטר זענין גרוסי סודות וואס מען קען זייא ניט ארוס
שרייבן מעסקי הנבואה :

היכל השלישי הייסט היכל נוגה דס היכל שטייט אין בעסר ליכטיקייט
פון די אייבערשטי אין דעם היכל זענין פר האנדן פיר טירן לצד
מזרח מערב צפון ודרום אונ אוף איטליכר טיר איז דא איין בזונדר ממונה ·
די ערשטי טיר איז פון דרום זייט דארט איז איין ממונה ער הייסט
מל"כ ער איז שולט אוף אלי בריבליך אונ פתקין וואס גייען ארויס פון
דעם בית דין של מעלה ווי די וועלט זאל גימשפט ווערין אונ אזוי ·

אין דעם קוויטיל ווערט גישריבן אי ער דרוף משגיח מקיים צוא ז
אונ אונטר אים זענען צוויי סופרים איינר פון דר רעכטר זייט אונ איי
פון דר לינקר זייט אונ דר ממונה הט בכח צו מתקן זיין די פתקין א
אז זיי גייען ארום פון זיין האנט ווערין זיי איבר גיענטפערט צו דע
ממונה ווס איז אין דעם ערשטן היכל אונ אז די פתקין קומן שון צו
אים אזו גייען זיי שון ארויס אונ מען קען זיי שון ניט אום קערין א
תיכף איז פר האנדין איין ממונה מצד הטומאה והקליפה מצד כח הדין הקש
דער איז זיך שון ניט מרחם ער הייסט סנ"ג אונ ער איז ממונה איב
דער טיר פון דעם ערשטין היכל ווס איז בצד הטומאה בגיהנם א
דארטן זענין פר האנדין כמה וכמה משחיתים ווס זיי שוועבן ארו
אוף דר וועלט אונ זיי זענין אן גיברייט צו טאן דין אונ זיי שטייען פ
דעם ממונה ער זאל פריער איבר זעהין די קוויטלך אונ דיא צוויי
סופרים ווס זיי הייסן סמ"ק וק"ם זיי זענען ממונה מתקן צו זיין די פתק
אונ דר ממונה סל"כ איז איבר זייא אונ דיא היכלות שבטומאה ווא
דארטן זענין דר היפך פון דיא ממונים שבקדושה דען דיא היכלו
שבטומאה זענין ממונה נאר שלעכטין צווא טאן צו מענטשין · ק
אונ זעה דר ממונה סנ"ג נעמט דיא פתקין פון דעם גזר דין פון דע
ממונה וואס שטייט אין דר ערשטער טיר עפינט ער איין טיר ל
החושך ווס הייסט כור שחת דארטן זענין פאר האנדן אלפים ורבבו
ווס זיי זענין אן גברייט צו נעמין די פתקין אונ דר ממונה איז א
זיי דען גייען ארום דיא כרוזים אונ רופין אום דעם פסק דין · דר
שטייט דר ממונה מעיין צו זיין אין די פתקין אונ מתקן צו זיין ד
פתקין פון די דינים איידר זיי גייען ארום פון דעם פתח דען דר נא
קען מען שון ניט איבר מאכין די אנדרי טיר איז לצד מזרח אין ו
טיר הענגט דר מות וחיים דען דארטן ווערן גיחתמט אלי פתקין ד
אז די פתקין ווערין שון נגמר אזו וויא עס בדארף צוא זיין איז פ
האנדן איין ממונה ער הייסט גז"ד ער נעמט די פתקין אין דר אנד
טיר אונ איין ממונה שטייט אוף דר טיר ער הייסט עזר"י אונ איטל
טיר איז איר נאמן אזו ווי איר ממונה הייסט דר ממונה הט אונ
זיך צוויי שמשים איינר איז מימין אונ איינר איז משמאל מצד י
איז תולה חיים ומצד שמאל איז תולה מות אונ זייא האבן צווי
חתימות אין זייערי הענט חותם החיים אונ חותם מות · חיים איז מי
אונ מות איז משמאל · דיא טיר איז פאר שלאסן אגאנץ יאר נ
שבת אונ ראש חודש ווערט זיא גיעפינט צו ווייזן אז דר חותם פ
חיים הענגט דארטן דען שבת וראש חודש הענגט דארטן נאר חי
אונ אום יום כפור דס אלי ישראל שטייען בתפלות ובקשות ותחנונ
אונ דינן פאר השי"ת איז דיא טיר צווא גשלאסן ביז מנחה אונ נא
תפלת מנחה קומט ארויס איין רוח פון דעם בית דין וואס איז
היכל זכות אונ עפינט דיא טיר אונ דר ממונה פון דער טיר שטי
אונ דיא שמשים שטייען אחד מימינו ואחד משמאלו אונ דיא חתימות
חיים ומות איז ביי זייא אין די הענט אונ אלי בריב אונ אלי פסק
איז פר זיי דען ווערין דיא בריב גיחתמית הן לחיים והן למות דרום זא
כיר אין תפלת נעילה פתח לנו שער בעת נעילת שער כי פנה יום ווארום
דער צייט ווערט דער שער גיעפינט דרום זאגט מען אויך בתפל
נעילה ותחתמנו לחיים טובים ; דיא דריטי טיר שטייט לצד צפון דיא ט
שטייט אין איר שטאנד צו וויסן אלי ווס דר דין איז אוף זיי הן צ
שלאפקייט הן ווייטאג הן עניות אזעלכי דינים וואס זענין ניט או

ת ווען די טיר איז צו גשלאסן דען איז דר דין אן גצייכנט אוף
ענטשן וואס זיי האבן גזינדיגט אונ האבין קיין תשובה ניט גטאן
תשובה שלימה איז מבטל דיא דינים דרום זאגט איוב (איוב יב)
על א"ש ולא יפתח דס מיינט ער אוף דר טיר ווארום ער איז אוך אזו
ר גווארן צום שטן ער זאל אים טאן יסורים אבר הרגנן הט דר
אים ניט גטארט אזו ווי עס שטייט ורק את נפשו שמור אוף דר טיר
יט אממונה ער הייסט קפ"ץ ער איז ממונה אוף דר טיר צו שליסן
אוף דעם מענטשן וואס ער איז ראוי צו דעם עונש כדי זיין תפלה
ניט מקובל ווערן ביז ער וועט תשובה טאן אונ אז עס וועט נגזר
ין איין דין אוף קליינע קינדר וואס זיי האבן ניט חוטא גוועזן איז
טר אים דא איין ממונה ער הייסט ע"י גייט ער ארוס אונ רופט
דעם דין לצד שמאל ביז עס דר וועקט זיך איין רוח וואס ער איז סגוס
דאס ער איז בשאפין גווארין בשעת דיא לבנה איז גימינערט
רין אין דעם פערטין טאג ער הייסט אסכר"ה ער שטייט אין דריטן
ל הטומאה בסדריגה הרביעי אונ איז ממונה אויף דיא קליינע קינדר
ת צו זיין ער בווייזט זיך צום קינד ווי איין פרויא אונ שפילט זיך
אים ביז ער טייט אים דען גייט זיין נשמה ארוס אונ ער נעמט
ן ברענגט זיא פר דעם ממונה וואס ער שטייט אין פערטין היכל
ער איז זי מגדל אונ איז זיך משתעשע מיט איר ביז ער ברענגט
פר המלך הקדוש אלי שבת אונ ראש חודש אונ ער בענטשט
ובשעת דר רוגז אונ מדת הדין איז חלילה שולט אויף דר וועלט
ט הקב"ה אויף אזעלכי קינדר אונ הט פון זייערט וועגין הס אוף
וועלט אונ אזו איז אלי קינדר וואס זיי שטארבין פר דרייצעהן יאר
אטאג ווערין איבר געגענטפערט אין זייני הענט אונ דיא קינדר
זענין אלט פון דרייצעהן יאר ביז צוואנציג דיא ווערין איבער
טפערט אין איין אנדערין רוח ער הייסט אגר"י ער קומט ארוים
עם נחש הקדמוני דס איז דר יצר הרע וואס ער הט גורם גוועזן
ה אוף דר גאנצר וועלט אונ פון צוואנציג יאר אונ ווייטר ווערט
טין נידון בב"ד של מעלה וואס זיי הייסין זכות אונ ווערט נמסר
מלאך המות דען פון דרייצעהן ביז צוואנציג גייט אים נאך דר
אגר"י ער איז מסטרא דנחש דרום ווייל מען היט ניט אפ דס קינד
בר הייד דרום הט ער איין שליטה אונ ווי אזו מען זאל אים אפ
ן שטייט אין ספר הזוהר אונ תאטשי דר ממונה הט נאך אויף
קיין רשות ניט שטייט יש נספה בלא משפט אונ עס שטייט והנה טוב מאוד
מיינט מען דעם מלאך המות דען ער איז זיך מקדים אונ נעמט
צו פר דר צייט איידר ער זינדיגט אונ דער ממונה וואס שטייט
דר טיר דר ברענגט ארויף די נשמה אבר ביז דרייצעהן יאר
ט ער צו גינומן דורך אסכר"ה אין דעם פאטרס זינד אונ די היכלות
איינם קעגן אנדרין די קדושה אנטקעגין דר טומאה את זה לעומת
דיא פערטי טיר איז מצד מערב די טיר שטייט צו רפואות ער
ט פתח הרפואות אין דער טיר שטייט איין ממונה ער הייסט
ער איז ממונה על כל הרפואות שבעולם אונ ער איז ממונה
ם צו ברענגין די תפלות פון די בעלי יסורים וחולאים ובעלי צער
ייט מיט זייערע תפלות ארויף צוא ברענגין זייא פאר הקב"ה
ער הייסט מלאך מליץ אחד מני אלף אונ עס שטייט ויאמר פדעהו מרדת שחת
כופר דען ער איז עולה אונ איז אמליץ טוב פאר דעם מענטשן
איז מזכיר זייני זכות וואס ער האט גיטאן פאר הקב"ה דען דר

מלאך שטייט אלי מאל לטובה אונ דרום שטייען דיא אלי מלאכים
פון זכות ווי דר סד"א איז ממונה דס איז לצד מערב די אלי פיר טירן
זענן בהיכל נוגה דען דארטן איז אלי גלוסטקייט אונ לוטרקייט אונ דר
רוח איז ממונה צו די אלי וואס זייא האבן אחלק לעולם הבא דא קריינט
ער די נשמות באור דין היקר כדי די רוחות פון אנדרי היכלות זאלן וויסן
דר וואס איז דא איז איין בן עולם הבא כדי ער זאל קענען דורך גיין
צווישן אלי אונ קיינר זאל אים ניט ווערן דר רוח איז איין לויטריר רוח
טהור מער פון די אלי וואס זענן אונטר איר ער הייסט זהר"י אויף אים
ווערט גזוגן פון דעם סטן משחת קודש העליון אונ פון דארטן ווערט ער
גיגרייסט אונ ער איז דער נר וואש דוד האט גיזאגט ערכתי נר למשיחי
ווייטר קען מען שון ניט שרייבן די סודות · אונ אז די אורות קומן
זיך צו נוף ווערט כתוצין פון זיי אנדרי אורות גייט ארוס פון זייא
איין חיה קדושה אין גשטאלט אריה ונשר אונ זענן אלץ איין גשטאלט
ער הייסט אר"י אונ דרינן זענן נכלל פיר אופנים פון אלרליי גשטאלט
אונ איטליכר האט אכט פליגיל אונ זענין ממונה אוף אלי חיילות
השמים פון מלהבה האלטן אונ די ארבע אופנים זענן לארבע רוחות
העולם אונ זייער מלהבה ווערט דר וועקט מכח דעם התעוררות פון
דעם היכל זכות פון דעם ב"ד דען פון זייער שוויים וואס גייט ארוס פון
זיי קומט דר פון ארוס כמה חיילות ומחנות אן השבון אונ אן מספר
אונ אלי שטייען אונטר די אופנים אטייל זענן ממונה אוף שירה אונ
אטייל זענן שלוחים צו דר וועלט אזו ווי די וואס זענן אין דריטין היכל
אין דר טומאה את זה לעומת זה זענן די אין דר קדושה אין דעם היכל
הקדושה דארטין אין דר טומאה זענן זיי אלי מאל מקטרג זיי זאלן
שלעכץ טאן אונ די זענן אנטקעגין · זענן מגין אז זיי זאלן ניט שולט
זיין אוף די לומדי התורה אזו ווי דר פסוק זאגט כי מלאכיו יצוה לך לשמרך
בכל דרכיך אונ עס שטייט על כפים ישאונך פן תגוף באבן רגליך דר אבן הייסט
אבן נגף צור מכשול אונ אין דר קדושה הייסט אנטקעגין אבן בוחן פנת יקרת
צור ישראל אונ אלץ איז איינס אנטקעגין דעם אנדרין אין דעם היכל
שלישי בטומאה קומן ארוס צוויי משחיתים זיי הייסן אף וחימה פון זיי
גייען אלי שלוחים וואס גייען צפ קערן די לייט מדרך האמת אונ די שטייען
אוף אויף אלי לייט וואס גייען בדרך אמת דרום זענן די אופנים מגין
צו זיין אוף די בעלי מצות זיי זאלן זיי ניט קענן מזיק זיין אונ קיין שום
רעה טאן דרום הט זיך משה גפארכטן פר די צוויא בשעת ער הט
אראפ גנידרט פון דעם בארג סיני אז דיא ישראל האבן חוטא גוועזן
אזו ווי דר פסוק זאגט כי יגורתי מפני האף והחמה· אין מיטין היכל איז פר
האנדן איין גאנץ הויך ארט וואס עס שטייט גאנץ הוך מיט פיר טירן
לד' רוחות העולם אין איטליכר טיר איז פאר האנדן צעהן אונ איינר איז
איבר זיי אונ איז נכלל אין דעם אור וואס הייסט אה"ד אונ די פיר נעמן
דעם דין פון היכל זכות וואס עס ווערט דארטין גיפסקת צו שלאגן די
נשמה פון איר חטא וועגן אונ זיי שטייען מיט פלאמן פייער אונ [illegible]
צו דר נשמה אונ שלאגין זיא זיא שטייט אין דרויסין בנזיפה וויפיל
טאג דס בית דין פון היכל זכות האבן גפסקת זיא זאל שטיין בנזיפה
אונ די פיר שטייען אוך מנדה צו זיין צו די מענטשן וואס ריידן דברים
בטלים אונ זענן מטמא זייער מול מיט לשון הרע אונ רכילות אונ מיט
אנדרי רייד וואס ניט כהוגן אזו זענן די אופנים מנדה אונ פערצג טעג
גייען ניט ארוף זייערי תפלות אונ קומן ניט לפרגוד אונ שטייען בנזיפה׳
אונ דר מענטש וואס איז אוף דר וועלט חייב גיווארן נזיפה פר צעהן

מענטשין גייט דארטין ארום איין כרוז אלי טאג און רופן אום דער מענטש איז בנזיפה אויף דר עבירה וואס ער האט עובר גווען ביז ער טוט תשובה הרחמן יצילנו מעונש הזה און ווען ער טוט תשובה אויף דער עבירה זאמלן זיך איין די פערציג ממונים און זענען אים ווידר מתיר און רופן ווידר אום דער איז שון ניט בנזיפה און זייני תפלות גייען שוין ארויף אבער איידער ער טוט תשובה איז ער בנזיפה למעלה ולמטה און די שמירה פון הקב"ה איז אפ גטאן פון אים און אפילו בייא נאכט איז זיין נשמה בנזיפה מען פאר שליסט פאר איר אלי שערי שמים זיא זאל ניט ארויף קומין און מען שטויסט זיא ארויס און אז דר אופן וואס שטייט אויף איר אז ער ציט צו גיין קומט זיא אויף איין ארט וואס הייסט הא הרצים די מלאכים הייסין חשמלים און דרום הייסין זיי הרצים ווייל זיי לופין מגין זיין אויף דיא צדיקים אנטקעגין די רצים אין דר קדושה איז פר האנדן רצים אין דר טומאה זיי לופן שלעכץ טאן צו די רשעים צו איבלן זייער מזל און מושל זיין אויף זיי און דס מיינט דר פסוק הרצים יצאו דחופים די זענין מצד זה גלאפן און די מצד זה און דר סימן אין והעיר שושן צהלה ושמחה דאס איז אזו דיא רצים פון דר קדושה לופן און אז די רצים פון דר טומאה לופן איז והעיר שושן נבוכה דר ספר הגלגולים שרייבט ווען די ישראל לופן נאך מצות אויף דר וועלט מיט די פים ויינו הלויה הכות ובקור רודים הליכה לבית הכנסת און דעסט גלייכן וואס אמענטש טוט מיט זייני פים דען גיט ער אריין איין כח צו די רצים למעלה וואס זענען אין דר קדושה דען לופן זיי גישווינד צו מבטל זיין די גזירות רעות אבער ווען זייא זענען זיך מתעצל צו טאן מצות דען קריגין דיא אנדרי רצים ח"ו איין כח אין זייערי פים צו לופן דען איז והעיר שושן נבוכה דרום זאגט דוד קרבו רודפי ומה מהורתך רחקו כלומר דרום האבין זיך מקרב גווען און גיפעדרט די רודפי זמה מצד הקליפות ווייל זיי האבן זיך מרחיק גווען פון דר תורה אזו ווי אויבין שטייט את זה לעומת זה דרום הייסין זיי מגינים און אז זיי גייען ארויף אלי מיט אנאנדר הייסין זיי אלי איין מגן דרום שטייט אנכי מגן לך ארום דעם היכל שטייען צוועלף גדגלים און זיי זענען ממונים שרפים פון צוויי ערליי גשטאלט רוט און ווייס זיי זענען משגיח אויף די בעלי צער וואס די מענטשן זענען זיי מיצר און ליידין ביי זיי דוחק אין גלות און זיי הייסין חלונות אויף זיי שטייט משגיח מן החלונות און זיי שטייען תמיד צו קוקין אין דיא וואס טוען תפלות און זענען זיך מקדים אין שול פון די ערשטי צעהן אזו גייען די ממונים און שרייבן עס אוף למעלה דען זיי זענען חברים צו זיי אזו וויא דר פסוק זאגט חברים מקשיבים לקולך השמיעני זכאין זענען די צדיקים וואס זייא ווייסן מסדר צו זיין די תפלות אזו וויא עס גיהער צוא זיין דען ווען דיא תפלות הייבן אן ארויף צו גיין דען גייען זיי מיט זיי און ברענגן זייא אריין אין אלי רקיעים און אין אלי היכלות ביז צוא דר טיר פון דעם פתח העליון אזו גייען די תפלות אריין פר השי"ת גקריינט צו ווערין אזו ווי מיר האבין אויבין גיזאגט · קום און זעה אלי וואס זענין מתפלל זייערי תפלות צו מקדש זיין צו זייער הערין מיט דעם גאנצין ווילין ובלב שלם אז דיא מחשבה ווערט אום גיצויגין דורך דעם דיבור ווערט גהייליגט דר שם הקדוש און אז זיי גרייכן צו די מלאכים וואס שטייען אויבין וואס זיי הייסן חברים נעמן זיי די תפלה און גייען מיט זייא ביז דעם פערטין היכל צו דעם פתח · און ווען דיא ישראל זענען מתפלל ביי טאג זענען די חברים מיט זיי און זענען אויך משכח ומקדש שמו הגדול

אבר ניט ביי נאכט אזו ווי אנדרי מלאכים וואס זאגן שירה ביי נאכט קום און זעה עס שטייט גוזל אביו ואמו ואומר אין פשע חבר הוא לאיש משחית האבן זיי דאך גזעצט אין דר גמרא דס גייט אויף דעם וואס ער עסט אן איין ברכה איז ער גוזל צו הקב"ה וואס ער איז אונזר פאטר און איז איין חבר צו דעם משחית דס איז דר נחש וואס ער הט פר מיטין דיא ברכות פון דר וועלט און דר אויף וואס עסט אן איין ברכה פר מייט ער די ברכות פון דר וועלט דרום איז ער איין חבר צוא דעם איש משחית דרום באדארף איטליכער מענטש איין ברכה מאכין און מתפלל זיין צו הקב"ה דען ווערט ער איין חבר צו די אייבערשטי חברים קדושים עס שטייט וחובר חבר וואס מיינט מען דס אלא דר וואס גייט נאך דר סטרא אחרא און איז חורש חרשים צו טאן כישוף ציהט אוף זיך ארויף דעם רוח הטומאה און איז זיך מחבר מיט דער חברותא פון דעם חבר רע און דר איש משחית רוט אויף אים בחברותא און פר וואס הייסט דער שטן ויצר הרע חבר דען בשעת דער מענטש ווערט נאר גבארין איז ער זיך מחבר צו אים און שטייט ביי אים אזו ווי איין חבר און דר נאך ווערט ער צו אים איין איש משחית ער רעט אים אן צו שלעכין און דר נאך גייט ער אליין ארויף און איז אויף אים מקטרג און נעמט רשות און נעמט ביי אים זיין נשמה אזו איז פאר האנדין דר היפוך פון די מלאכים חברים אין דר קדושה חבר טוב צו טאן טובות מיט מענטשן בעוה"ז ובעוה"ב און די חברים שטייען אלי כאמ אוף זיי צו מגין זיין און צו העלפין זייא און מקדש און מזכר צו זיין לשמו הגדול : און פון דיא י"ב שרפים גייען ווידר ארוים פיר ממונים אנדרי און זיי זענען ממונה אוף אזעלכי וואס טראכטן שלעכטי עצות שלעכין צו טאן דעם צדיק חאטשי זייא טוען עס נאך ניט גייען דיא ממונים ארוף און זענען דס מודיע און זענען דס מבטל און זיי הייסין אראלים און חאטשי אלי אראלים זענען דאך דרויף ממונה פון דעסט וועג האט דאך איטליכר אבזונדר התמנות און אונטר זייא זענין ווידער ממונים אן צאל און אן מספר און דיא פיר עמודים שטייען לארבע רוחות העולם איטליכר שטייט אוף איין זייט און זיי הייסין הרכים אזו וויא דר פסוק זאגט (שיר השירים ב') מציץ מן החרכים די פיר שטייען אוף די לייט משגיח זיין וואס זיי טוען מעשים טובים און אוף די וואס האבן אין זין צו טאן מעשים טובים חאטשי זיי קענען עס ניט טאן דר ממונה וואס איז לצד דרום דר שטייט משגיח צו זיין אוף די וואס זענען מנחם איין ארומאן און דר וואס הט צער חאטשי ער קאן זיי ניט געבן קיין געלט און צו דיא וואס גייען בדרך מצוה · און צו דיא וואס טוען חסד מיט מתים און דר ממונה איז דער קיום פון עמוד האמת און איז ממונה דאס צו גידענקין למעלה און אום צוא קריצין זיין גשטאלט למעלה צו ברענגן אים לעולם הבא און דר וואס שטייט לצד צפון דר שטייט משגיח צו זיין צו די וואס האבין אין זין גהאט צו טאן שלעכ און האבן ניט גטאן אדר ער הט גוואלט טאן די עבירה און הט זיך גובר גווען אוף דעם יצר הרע און הט דס ניט גטאן דר וואס שטייט לצד מערב שטייט משגיח צו זיין אוף די וואס זיי מידין זיך אין דר תורה און ברענגין זייערי קינדר צום רבי לערנן תורה און צו די וואס זענ משגיח אויף איין שלאפין אז ער זאל זאגין ווידוי און תשובה טאן אוף זייערי עבירות דען דר וואס איז משגיח אוף איין שלאפין אז ער זאל זאגן ווידוי און תשובה טאן אוף זייני עבירות איז ער אים גורם ניצול ווערין פון זיין שלאפקייט און ווידר גזונד צו ווערן אוף דעם

זאגט

ט דר פסוק (תהלים מ"א) אשרי משכיל אל דל ביום רעה ימלטהו ה' וואס מיינט
ביום רעה עס וואלט גיהערט צו שטיין ביום רע אלא ביום אזו
טאג וואס די רעה איז שולט אין אים צו נעמין ביי אים זיין נשמה
דס הייסט איין חולה אזו ווי עס שטייט (שמואל ב י"ג) מרוע אתה ככה
ן המלך און ווער עס איז אויף אים משכיל און משגיח ער זאל
ובה טאן ביום רעה ימלטהו ה' ווייל ער האט אים מציל גיוועזן פון דעם
אפקייט דורך זיין תשובה דר פר אז עס ווערט נמסר דער דין ער
שולט זיין אויף דר וועלט וואס ער הייסט רעה און די אלי ממונים
ייען ביום ראש השנה וואס הקב"ה שטייט בדין אויף דר וועלט און
ר שטן מיט אלי מקטריגים קומין מקטרג זיין אויף דיא לייט דען
ולין זיך איין אלי די ממונים און קריינין זייא מיט זייערי מעשים
ים וואס אויבין שטייען און קומען פר הקב"ה אויף דר צייט שטייט
ח מן החלונות מציץ מן החרכים עס שטייט מציץ איז טייטש קוקן אזו ווי
ר קוקט דורך איין קליין לעכיל קאן ער ניט רעכט זעהן וואס ער
ארף אזו איז צו דעם ערשטין אבר דר נאך משגיח מן החלונות קוקט
דורך די פענצטר וואס איז גרויס ער עפינט אגרויסין שער מרחם
צו זיין איבר אלי און אז הקב"ה איז משגיח אויף דר וועלט זעהט
די חלונות און די חרכים און איז חס אויף דר וועלט דען ווען די
אל בלאזין שופר אום ראש השנה דער וועקט דאס דעם שופר
ליון און דס קול של מטה איז מעורר דס קול של מעלה אזו גייט
ים אברוז און רופט אויס אין אלי רקיעים און זאגט קול דודי הנה זה
משגיח מן החלונות מציץ מן החרכים ווייסין אלי דס הקב"ה האט רחמנות
ם דר וועלט און זאגין צדיקים זענען פיל זוכה דס זייא האבין איין
ה אויף דר ערד דס זיי ווייסין דר מיט צו דר וועקין די רחמים של
לה דרום שטייט אשרי העם יודעי תרועה תרועה איז אמאל די טייטש
ברעכן אזו ווי עס שטייט תרועם בשבט ברזל דס מיינט מען וואול צו די
קים זיי ווייסין צו ברעכן דעם כח הדין הקשה זיי זאלן דר מיט ניט
ספט ווערן פיל זענען זוכה די צדיקים בעולם הזה ובעולם הבא דען
וייכין דעם וועג פון הקב"ה צוא גיין אין אים און מייחד זיין דעם
ר אזו ווי עס דארף צו זיין און די ממונים וואס הייסן חלונות און חרכים
ייען אלי צו נעמין די תפלות פון צדיקים ארויף ברענגן זיי ממטה
עלה אז הקדוש ברוך הוא זאל אויף זייא משגיח זיין און
ם מוז זיין אין איטליכן בית הכנסת פענצטר אבר אז
איז קיין פענצטר ניט דא טאר מען דארט ניט מתפלל זיין ווארום
בית הכנסת של מטה איז אנטקעגן דאס בית הכנסת של מעלה
דרינן איז דא חלונות אזו ווי מיר האבן אויבין גזאגט אז אין בית
סת הגדולה של מעלה איז דא צוועלף חלונות אזו דארף אין בית
סת של מטה אויך זיין דעדי עולמות זענען איינס אקעגן אנדרן של מטה
טקעגין של מעלה דרום מוז אלץ גלייך זיין און אזו אויך איז
טעקט גיוועזן דאס משכן מיט אלי כלים אזו וויא עס שטייט אין
שת תרומה און דר כבוד פון הקב"ה איז עולה איבר אלי אזו איז
אממונה כה"ז ער איז ממונה אויף די וואס האבן רחמנות אויף איין
אזו ווי דר פסוק זאגט אשרי משכיל אל דל און דרום שטייען די אלע
דעם היכל און דס היכל השלישי איז נכלל אין דעם אנדרין וואס
איבר דעם דרום אשרי חלקם וואול צו די לייט וואס ווייסין דיא אוצרות
המלך און מייחד זיין צו זייער הערין און מקדש צו זיין זיין הייליגין
ן אלי מאל דען ער ווערט זוכה זיין צו עולם הזה און עולם הבא :

היכל הרביעי דאס פערטי היכל הייסט היכל זכות דארט זיצט דס בית
דין של מעלה און זענין גוזר אלי דינים צו אלי דורך דעם היכל
ווערט דר קענט דיא ממשלה פון הקב"ה אויף דר וועלט דאס היכל
שטייט צו היטין דעם וועג פון דער תורה עס הייסט היכל זכות דען
דרינין ווערט גימשפט אלי דינים אויף דר וועלט און אלי זכיות און
אלי חובות און אלי עונשים און שכר טוב צו די וואס היטין די תורה
און דס היכל זכות איז משונה פון אנדרי היכלות און איז כלול פון
פיר היכלות און ווייל עס איז אין דרינן דר רוח וואס הייסט זכות דרום
הייסט דס היכל זכות און הייסט א"ל דרויף זאגט דר פסוק ואל זועם בכל
יום דיא פיר היכלות וואס זענין דרינין נכלל האבין טירין פאר דער
ערשטער טיר שטייט איין ממונה ער הייסט סנ"ס און אנטקעגין איז
איין ממונה אין היכל הטומאה מצד שמאל ער נעמט די דינים און
די פסקים וואס מען פסקית דא און טוט זיי אויף דר וועלט און ווייל
ער נעמט זיי פון דעם מלאך סנ"ס דרום הייסט ער אויך סנ"ס און ער איז
שולט אויף די אסכר"ה פון די קלייני קינדר און אז ער נעמט דעם כח
הדין פון דעם היכל זכות רופט ער אויס צו דיא ממונים וואס שטייען
אויף די צוועלף טירין און דר רוח זכות וואס זענען אין אים כלול גייען
פון אים ארויס שבעים סנהדרין של מעלה פינקילדיגע ליכט און אלי
שטייען אין זיין עיגול דס הייסט קיילעכדיג אזו ווי דיא סנהדרין של
מטה זענין געזעסין בעיגול אז איינר זאל דעם אנדרין זעהן און עס זאל
גיט פר הולין ווערין אלי זכיות און אלי עונשין און אלי דינים פר אלי
שטיין אורות פון זיי גייען ארויס נאך צוויי אורות ממונים דיא צווייא
שטייען פאר זיי תמיד עדות צו זאגין און שרייבין אלי פסקים לזכות
אדר לחוב און אזו ווי עס איז ע"ב לצד ימין אזו איז ע"ב לצד שמאל
און אין מיטין איז אויך דא ע"ב אין גאנצין איז דא צווייא הונדערט
מיט זעכצין און דיא אלי רי"ו זענין נכלל אין דעם רוח זכות פון דעם
היכל ווערט אויך גמשפט הן טובות הן רעות נאר דריי זאכין דס איז
בני חיי ומזוני קינדער און לעבין און פרנסה לאו בזכותא הענגט ניט אין
דעם היכל זכות אלא במזלא נאר אין דעם אור וואס איז איבר דעם היכל
וואס הייסט מזל"א פון דארט ווערט ארויס גיגעבין לעבין און קינדר און
מזונות און אין איטליכן פתח איז איין ממונה פון דר ערשטער טיר
הייסט ער גזר"י ער נעמט פון דעם בית דין וואס איז נגמר גיווארין און
איז מודיע וואס עס איז נגזר גיווארין צו די וואס שטייען אין דרויסין און
זיי רופין אויס דעם גזר דין ביז עס ווערט גיהערט אין די הימלין און
פון די הימלין גייט מען ארויס און מען רופט ביז עס ווערט גיהערט
בכל הרקיעים און זיי נידרין אראפ און זענין מודיע צו אלי תחתונים
פון איין מדריגה צוא דר אנדרר ביז עס ווייסין אלי פויגלין פון דעם
הימל און די עופות פון דר ערד די זענין עס מודיע אויף דר וועלט
ביז עס נעמין די זאכין די משחיתים און זענין עס מודיע צו די לייט
בחלום און דיא זאך ווערט מקוים לזמן קרוב און אז עס איז גיווען
נביאים פון ישראל האבין זיי זייער נבואה גיהאט פון די צוויי עמודי
עולם נביאי אמת ורבי אמת און אז די נבואה האט אויף גיהערט האבין זיי
שון נאר גיהאט במראה אדער בחלום דס איז פון דער טיר וואס זייא
זענין מודיע צו די מלאכים דען איטליכע מדריגה און איטליכר פתח
האט אונטער זיך ממונים פון איר צד אין אלי רקיעים און איינר איז
מודיע דעם אנדרין ביז מען ווייסט למטה אטייל זענין ממונים צוא
היטין לייט פר שדים און פר קליפות אז די גייען אין וועג אטייל זענין



ממונים

ממונים צו העלפין צוא דיא לייט וואס ווילין זיך מטהר ומקדש זיין
אטייל זענין ממונים צו טאן נסים ואותות אויף דר וועלט אטייל זענן
משגיח צו זיין אין דיא מעשים פון דעם מענטשין עדות צו זאגין אויף
זייא אונ אזו איז אפ גישייד כמה מדריגות אונ אלע מצד אמונת
הקדושה אזו איז אויך דער צד הטומאה עס שיידין זיך אפ כמה
מדריגות פון אירי היכלות אויף אלי מדריגות זענין שלעכץ צוא טאן
אלי מענטשין אונ אפ צו קערין דיא לייט פון הקב"ה מדרך טוב לדרך רע
אונ אטייל זענין מטמא צו זיין דעם מענטשין וואס ער וויל זיך מטמא
זיין אזו ווי מיר האבין גילערינט בא ליטמא פותחין לו אונ זייא הייסין צואת
רותחת אזו ווי דר פסוק זאגט צא תאמר לו אונ איינס איז אנטקעגין דעם
אנדרין די מדריגות הקדושה זענין צו די וואס ווילין זיך מטהר זיין
דם זיי זאלין זיי העלפין אונ אנטקעגין איז די טומאה צו די וואס ווילין
זיך מטמא זיין אין דער אנדערער טיר שטייט איין ממונה ער הייסט
זהרי"ע ער איז ממונה אריין ברענגין די זכיות פון אלי לייט ער ברענגט
זיי אריין ווען מען איז דן דעם מענטשין אונ אז די זכיות זענין מיין איז
ער ממונה אויף זיין שכר טוב פון דיא זכיות אונ איז מוצא דעם דין
אונ איז אים מוסר צום מלאך פד"י וואס ער איז אין ערשטין היכל אזו
וויא אובין איז גישטאנין דען איז ער אים פודה מרדת שחת דען אז
דר מענטש קומט צו דעם גילעגער דם הייסט אז ער ווערט קראנק איז
גלייך ווי ער איז תפוס מען איז אים דן אין דעם היכל אזו קומין אלי
חובות אונ אלי זכיות וואס ער הט גיטאן אויף דער וועלט אונ אז ער
ווערט גימשפט אויף גוטץ אזוא ווערט נמסר זיין דין לצד ימין צוא
דעם מלאך זהרי"י אונ ער איז מודיע אז זיין דין איז לטובה ביז ער
ווערט גיזונד אונ דר פסק דין גייט אראפ פון איינם צו דעם אנדרין
הז לטובה הן לרעה ווערט אלץ דר קענט פון איינם צו דעם אנדרין
ביז עס ווערט מפורסם בכל מקום אין דר דריטר טיר איז אממונה
וואס הייסט גד"י דער איז לצד שמאל ער איז ממונה אריין ברענגין כל
העונות וכל הרעות וואס דר מענש הט זיך אין זיי בהעפט אונ ברענגט
זיי אריין אין אוואג שאל צו וועגין זיי מיט די זכיות פון דעם ממונה
וואס ער שטייט פריער אונ די וואג שאלין שטייען אין דר פערטר טיר
דארטין וועגט מען אלי זכיות אונ חובות פון מענטשין דורך די צוויי
ממונים אונ אז דיא זכיות זענין מנצח זענין ווידר פר האנדין אנדרי
ממונים לצד ימין וואס זיי נעמין זיי אונ זענין מעביר פון אים אלי רעות
אונ חלאים ביז ער ווערט גיהאלפין אונ אז די עונות וועגין איבר איז
דא כיה ממונים לצד שמאל אונ זיין מזל ווערט גשלאפט אזו נידערין
די פון צד שמאל אונ נעמין זיין נשמה זכאה וואול איז דר חלק פון די
צדיקים בעולם הזה ובעולם הבא · אין דער פערטר טיר שטייט דיא
וואג שאל וואס דארט ווערט אלץ גיטאן דר ממונה דר פון הייסט
אזג"י אונ הט אונטר זיך צוויי ממונים איינר לצד ימין אונ דר אנדרר
לצד שמאל דר פון צד ימין הייסט הר"י אונ דר פון צד שמאל הייסט
רגרו"ד דער איז מכריז לצד ימין אונ דער אנדרר לצד שמאל אונ אלע
זענין נכלל אין דעם היכל זכות אונ אז אלי ווערין אין אים נכלל גייט
ארויס אחיה קדושה זי הייסט ועס"י די חיה שטייט משגיח צו זיין מיט
די עיני ה' די ממונים וואס שוועבין ארום אויף דר וועלט אונ זעהן אום
די פר בארגיני זאכין פון דר וועלט אונ משגיח זיין אויף דיא מעשים
עס ווערין גיטאן ברצון ובלב שלם תאמשי דר מענטש טוט דם ניט
געבט נאר נייל עס איז ברצון טיב אונ מיט דעם גאנצין הארצין אונ

די חיה איז משגיח אויף די תפלות דען אלי תפלות פון לייט שטייע
אין זיין האנט אונ ער לייגט זייא אריין אין דעם היכל אונ זייא ליגי
דארטין פערציג טאג משגיח צוא זיין אין זייא אונ נאך פערציג טע
נעמט די חיה אלי תפלות ובקשות אונ לייגט זי פר די סנהדרין של
מעלה וואס זיי זענין דארטין אין דעם היכל אונ זיי זעגין עס דן דע
איז דר רוח וואס הייסט זכות וואס ער איז דר כלל פון די ע"ב אורות פון ד
סנהדרין איז ער מעיין אין זיי אוב זיי זענין לזכות אדר לחוב אויב עס
איז לזכות גייט דיא תפלה ארוים אונ איז זיך מתגלגל אונ עס גייע
ארוים מיט איר צוועלף אורות ממונים אונ איטליכער איז תובע אונ
בגערט אז די שאלה זאל מקוים ווערן אונ וועט מקוים הינטר דר חי
זענין ווידר פיר שרפים פון פלאם פייער זייא זענין אין די פיר זייט
פון דר וועלט זיי זענין ממונה משגיח צו זיין אויף די וואס היטין שב
ווי עס בדארף צו זיין אונ ווען די פיר שרפים ציען גייט פון זיי ארוס
ע"ב גלגלים פון פייער אונ פון זיי ווערט גימאכט דער נהר דינור וואס
דארטין זענין אלף אלפים ישמשוניה זיי זענין דארטן צו טאן זייער שליחות
אונ די פיר שרפים זענין משגיח אויף די וואס טוען זיך אן תענוגים
אום שבת אונ ווי עס איז רעכט אונ די חיה שטייט אויף זיי אונ זי
ציען אונטר איר אלי טאג אונ דר פון ציט זיך דר נהר דינור אונ פ
ברענט כמה רוחין וכמה מושלים ושרים של מעלה אונ אז עס קומט שבת גיי
ארוים איין כרוז אונ דער נהר דינור ווערט גישטילט אונ אלי דיני
וכעס וזעם ווערין אלי גישטילט אונ די חיה איז עולה אויף דיא פי
שרפים אונ גייט אריין אין מיטין היכל דאס ארט הייסט עונג דען א
עס קומט שבת ווערין מסודר אלי שולחנות פון דיא מענטשין וואס
גרייטין אן אלי מאכלים אויף שבת אונ די הייסין בני היכלא דמלכא דרון
זענין ממונים אלף אלפים ורבוא רבבות אונ די חיה גייט אויף די פיר שרפי
אויף אלי ערטר אונ איז משגיח אויף אלי טישין אונ ווי אזו מען א
אים מענג מיט תענוגים אונ די חיה בענטשט די לייט אונ דיא אל
אלפים זאגין דרויף אמן אונ דס איז דיא ברכה אז תתענג על ה' והרכבתי
על במתי ארץ והאכלתיך נחלת יעקב אביך וגו' אונ אלי זאגין אז תקרא וה' יענה תש
ויאמר הנני דאש זאגט די חיה מיט אלע וואש זענין אונטער איר או
דער אייבערשטער ורוח הקודש ווען דער טיש איז מיט תענוגים אל
דרייא סעודות פון שבת נאך דר דריטער סעודה נאך זייערי ברכו
וואס זיי בענטשין אים לאזט ער אוים אונ זאגט אז יבקע כשחר אורך וארוכת
מהרה תצמיח וגו' אונ די שבעים סנהדרין וואס זענין דארטן ביטן ובשמא
ובאמצע זאגין אלי הנה כי כן יבורך גבר ירא ה' אבר ווען דר טיש איז ניט מי
תענוגים ווי עס גהער צו זיין דען איז די חיה מיט אירי פיר שרפי
מיט די אלף אלפים ורבוא רבבות שטויכין זיי ארוים אונ זענין זיי
דוחה צו די משחיתים אונ די משחיתים גייען אונ ברענגין זיי ארי
צו זייער ארט דם איז דר היפוך פון עונג דם הייסט נג"ע אונ אז זיי
ברענגין עס אריין אהין הייבין זיי אלי אן צוא זאגין ויאהב קללה ותבוא
ולא חפץ בברכה ותרחק ממנו· ינקש נושה לכל אשר לו ויבוזו זרים יגיעו אל יהי לו מוש
הסד וגו'·השם ישמרנו רחמנא יצילנו דער רחמן זאל אונז מציל זיין דען דע
עונג פון הקב"ה איז אז דר מענטש איז מענג דעם שבת דרום דע
וואס איז מענג שבת ויום טוב איז די פיר שרפים וואס שטייען אונט
דער חיה שטייען זיי אנטקעגין דעם נהר דינור אונ לאזין ניט זייער
נשמה זאל פר ברענט ווערין בשעת זיא טובילת זיך אזו ווי אויבי
איז גישטאנין · אונ הינטער דיא פיר חיות שטייען אין דרויסן כסד



ממונים

ממונים און רופין אוים אלץ וואס איז דרינן ווערט ניפסקת נאר דריי זאכן ניט בנים · וחיים · ומזוני · דען דאס הענגט ניט אן אין היכל זכות נייערט איז דעם מזל עליון וואס דער פון ציהט זיך און דרינען הענגט חיים של מעלה און מזונות און בנים · און ווען דר מענטש ליגט קראנק ווערט ער יוא דארט נידון אויב דוא וועסט פרעגין אז ער ווערט דארט נידון אויף לעבין נמצא הענגט שוין לעבין אן אין זיי און וואס זאגסטו אז עס הענגט אן אין מזל העליון · אלא אזו איז אז דער מענטש ליגט קראנק איז מען אים דארט דן און אז עס ווערט נגזר אויף אים לחיים אזו ציהט זיך דר חיים אראפ פון מקור החיים וואס הייסט מזלא אזו ווערט ער גיזונד און אז עס ווערט נגזר אויף אים חס ושלום למיתה גיט מען אים שוין ניט קיין חיים פון אויבין וכאין וואול צו די צדיקים וואס זייא ווייסין דעם וועג פון דר תורה און זענין דורך דעם זוכה לחיי העולם הבא און אויף זיי שטייט ועמך כולם צדיקים לעולם ירשו ארץ :

היכל חמישי דס פינפטי הייסט היכל אהבה דר היכל שטייט צו לייכטין די היכלות וואס אונטר דעם זענין בסוד היחוד והאמונה עס איז דרינן דא איין טיר און דרויף איז איין ממונה ער הייסט סניגור ער שטייט אויף צו זיין איין סניגור און איין פיר שפרעכר אויף צדיקים צו ברענגן אויף זיי טובות דס די קליפות זאלן ניט קענן אין זיי שולט זיין אין דעם היכל איז פר האנדן איין ממונה ער איז כולל ארבע גוונין דס הייסט ער האט אין זיך פיר גשטאלטן ווייס און שווארץ גרין און רויט און ער הייסט טוריאל ער איז גרעסר פון אלי חיילות וואס זענין אונטר אים ער עפינט און שליסט צו אלי טירן עליונים וואס זענן ביי אים אין זיין רשות דריי מאל אין טאג און אלי חיילות תחתונים זענן נכלל אין אים און שטייען הינטר אים און ווערן גשפייזט פון אים ער איז ממונה איבר אלי סודות פון זיין הערן ער הייסט אהבה דרום הייסט דס היכל אהבה דען דארט זענן פר בארגן אלי סודות עליונים הגדולים· די זענין ממונה איבר אלי סודות ורזין צוא וועמין עס בדארף זייא בהעפטין דרויף זאגט דר פסוק שם אתן את דודי לך דער איז דער שומר עליון ער הייסט שומר ישראל שומר הברית פון דארטן גייט ארוס איין רוח מקיים זיין די נשמות מיט דעם נפש צו אלי לייט דען עס ווערט גגעבן דורך זיי און דרויף שטייט כי על כל מוצא פי ה׳ יחיה האדם דען אין דעם היכל שטייען אלי נשמות און אלי גופים עליונים וואס די נשמות זענן זיך למעלה אין זיי מתלבש און זענן אן גיבריט אראפ צו נידרין צו די לייט מיום שנברא העולם און דס היכל איז מקבל אלי נשמות וואס קומן ארוס פון דעם נהר דינור וואס ער ציהט זיך פון דעם גן עדן העליון און דרום איז דאס היכל קיין מאל ניט ליידיג און אז משיח וועט קומן וועט ער דר וועקין דיא צווייא היכלות היכל אהבה און היכל זכות וואס זיי זענן גיגליכן צו צוויי בריסט אויף זיי שטייט שני שדיך כשני עפרים תאומי צביה און פון דארט קומן ארוס אלי אורות וואס זיי הייסין להט החרב המתהפכת און פאר וואס הייסט עס חרב המתהפכת וועיל עס קערט זיך אום צו פיל גשטאלט און דס דר וועקט צו טאן דס שליחות פון גאט ב״ה און אזו ווי דס ב״ד של מעלה וואס זענן אין היכל זכות אונטר דעם היכל אהבה איז דארטין דר להט החרב המתהפכת אזו אויך דס ב״ד של מטה דארפן זיך אלי מאל דר מאנן דס די חרב איז איבר זיי און אז דר רוח טוט טרעטן אום ציהן אורות לכל צד אזו ווי די בריסט טוט אום ציהן מילך אזו קומט ארויס פון דעם רוח אנדרי

חיה זי איז ממונה אויף דעם לחט החרב המתהפכת און די חיה איז ממונה ווען עס ווערט נגזר אהונגר אויף דר וועלט זי זאל אום ציהן ארות מזונות צו די בני אמונה זיי זאלן ניט שטארבן מחמת הונגר און טוט אונטר לעהנן די ערד ווען דר רוח הטומאה איז שולט וואס זיי הייסן שוד וכפן דרויף זאגט דר פסוק לשוד וכפן תשחק דען די צוויי משחיתים זענן ממונה בזמן הרעב איינר איז ממונה אז די לייט זאלן שטארבן פר הונגר און איינר איז ממונה אז וואס די לייט עסן זאלן זיי ניט זאט זיין און דעם היכל זענן צוויי ממונים זיי שטייען אלף ורבוא רבבות זייא הייסן גפנים און אלף ורבבות וואס זיי הייסין דסונים און אלי שטייען באהבה וחבה און זייא דר וועקין איין אהבה צווישן דיא צדיקים און צווישן הקב״ה און אז עס דער וועקט זיך דאס ליבשאפט מלמטה למעלה ומלמעלה למטה דען ווערט דס היכל דר פילט פון כמה טובות און כמה חסדים און כמה רחמים דען בהעפט זיך דיא אהבה של מטה מיט דר אהבה של מעלה אין איין דבקות פון זיי גייען ארוים צוויי ממונים און זיי שטייען משגיח צו זיין אויף דיא וואס זענן מיחד דעם יחוד פון הקב״ה מיט אהבה און זענן זיך דרויף מוסר נפש באהבה אויף יחוד שמו הקדוש בתפלה ובקריאת שמע אזו גייען זיי ארויף און זאגן עדות אין די לייט וואס טוען חסד אויף דער וועלט אזו גייען דיא חסדים ארויף אין דעם היכל ארין גקריינט ווערין און דר נאך גייען זייא נאך העכר ארויף גקריינט ווערין אין דער אהבה עליונה מכודת הקב״ה אליין און אויף דעם שטייט גשריבין (תהלים קח) כי גדול מעל שמים חסדך און אויף דעם היכל שטייט מים רבים לא יוכלו לכבות את האהבה ונהרות לא ישטפוה אם יתן איש את כל הון ביתו באהבה בוז יבוזו לו :

היכל ששי הייסט היכל רצון דען דארטין איז דר רצון פון הקב״ה וואס ער הייסט מוצא פי ה׳ דארטן איז די שמחה פון דעם דביקות פון דר וועלט אויף דעם שטייט כחוט השני שפתותיך אין דעם מוצא פי ה׳ שטייען אלי תפלות ובקשות פון דר וועלט און אז עס קומט דר זמן פון דם יחוד אזו ווערט אלי שלימות גפונן און אלי פנים ווערין דר לייכט און אלי תפלות גייען ארויף דען דענסט מאל איז איין עת רצון און דרויף שטייט ואני תפלתי לך ה׳ עת רצון אין דעם היכל זענין זעקס טירין פיר זענן אויף די פיר זייטין פון דער וועלט היינו מזרח מערב דרום צפון און אחד למעלה ואחד למטה און דר ממונה וואס ער איז ממונה אויף אלי טירין הייסט ער רז״י ער איז ממונה אויף אלי די רזין וסודות עליונים וואס ווערין איבר גענפרט מפה אל פה בסוד דביקות האהבה און די סודות שטייען ניט מגלה צו זיין נאר בשעת אז די טירין ווערין געפינט דען ווייסין אלי היכלות און אלי רוחות און אלי חיות און שיירות אז דיא שערי רצון זענן געפינט גווארין און עס גייען ניט ארייין אין דיא שעדים נאר דער רצון התפלות דער רצון פון שיר ושבח צוא הקדוש ברוך הוא דער רצון פון דיא נשמות הקדושים העליונים און דר רוח איז נמסר אין זיין רשות אלי סודות פון די נשמות וואס דר וועקין מיט גלוסטעקייט ואהבה של מטה ושל מעלה מיט איין מאל דאס זענן די גאנץ הוכי נשמות היינו רבי עקיבא מיט זייני חברים אזעלכי נשמות וואס ווערין ניט גנייט צוא וואשן זיך אין נהר דינור אזו זייא אנדרי נשמות מוזין זיך פריער טובלין און וואשין אין נהר דינור אזו וויא אובין איז גשטאנין קום און זעה דער רוח ציט אויף צוועלף אורות וואס שטייען אונטר אים און זייא זענין שוהט לארבע רוחות העולם בצד דרום דס איז צד ימין שטייט איין אור עליון דס איז מיכאל

שר

סו הגדול דס איז דער גרוסר כח פון אור העליון וואס ער קומט מצד
דרום דס דר אור שטייט בתוקפו מצד ימין און ער איז איין אפוטרופוס
הגדול פון ישראל דען ווען דר צד הטומאה שטייט מקטרג זיין אויף
דיא ישראל אזו שטייט מיכאל השר הגדול צוא טענען מיט אים און
ווערט איין סניגור און איין פיר שפרעכר מציל זיין דיא ישראל פון
דעם שטן השונא אבער בשעת אז דר בית המקדש און ירושלים איז
חרוב געווארין דען האבן נובר געווען די חטאים דענסט מאל האט דר
צד הטומאה גובר געווען אויף די טענות פון ישראל און אויף מיכאל
דרום שטייט השיב אחור ימינו מפני אויב ומצד צפון שטייט איין אנדרר אור
דר איז גבריאל ער נעמט די דינים פון דעם היכל הרביעי און גיט זיי
אפ דעם ממונה וואס ער שטייט אויף דר טיר און דארטן ביי דר טיר
שטייען אנדרי ממונים מצד הטומאה וואס זיי ווילין נעמן דעם דין ביי
דעם ממונה וואס ער נעמט די דינים צו טאן און צו צייטן טוט גבריאל
אליין דעם דין און ער איז דעם דין ניט מוסר צוא דעם צד הטומאה
און אז ער אליין טוט דעם דין חאטשי עס איז דאך דין איז דס דאך
מיט חסד און דער ביי איז ארפואה דען גבריאל איז כלול פון חסד
און דין (עיין לקמן פ' תצוה) און דרום טוט ער אכבה און די רפואה איז
דר ביי און דא איז מקיים דר פסוק דברים ח') כי כאשר ייסר איש את בנו ה'
אלהיך מיסרך און דאס זענין יסורים של אהבה דס איז כלול מצד ימין
ומצד שמאל בצד מזרח שטייט אנאנדער ער הייסט רפאל ער איז
ממונה אויף כל הרפואות און פיר צו ברענגן פר דעם הערין דר וואס
הט אלאנגי קרענק אזו קומט ער פר הקב"ה מקרב זיין דעם קץ פון
דעם חלאת דס זיי האבן שון משלים געווען זייער חלאים רעים ונאמנים
און אלי טאג רינגילט ער ארום דיא ווערט משלים זיין דיא רפואה
בפקודת הקב"ה און דר רפאל הט איין אחיזה מצד מיכאל מימין ומצד
גבריאל משמאל און ער איז ממונה בשעת דער מענטש ווערט נידון
לחיים פון דעם פערטין היכל אזו איז ער זיך מקדים צו טאן ארפואה
און די רפואה קומט מצד הדוחק דרום ווייל ער איז כלול פון ימין
ושמאל דרום איז די רפואה מצד ימין און דר דוחק מצד שמאל און
דרום אז די רפואה קומט · קומט זיא מצד הדוחק און מצד מערב
איז איין אור ער הייסט נוריאל און אוריאל און ער איז דר כלל פון אלי
און אשליח צו אלי און דיא פיער ממונים מלאכים מיכאל גבריאל רפאל
נוריאל זיי זענן דער יסוד ואמונים צו די פיר יסודות צו וואס איטליכר
מענטש הט וואסר פייער ווינט ערד עס שטייט (קהלת ח) ושבח אני את
השמחה אשר אין טוב לאדם תחת השמש כי אם לאכול ולשתות ולשמוח והוא ילונו בעמלו
כל ימי חייו איז דאך קשה פר וואס הט שלמה המלך גלויבט די מענטשן
וואס זיי זענין פרייליך · נאר ער מיינט די שמחה פון הקב"ה וואס זיא
איז שולט בשבתות וימים טובים איז מער פון אלי מעשים טובים
וואס ער טוט · נאר עסין און טרינקען און פריילעך זיין און וויין
אשמחה אין דר צייט כדי ער זאל האבין אחלק לעולם הבא · והוא
ילונו בעמלו והוא · מיינט מען הקב"ה וואס הייסט הוא ער טוט דיך
באליטין ארויין צו ברענגן דיין נשמה לעולם הבא · נאך אפשט איז
והוא גייט אויף דעם מענשן דר מענטש וואס עסט און טרינקט בשבת
יום טוב און איז זיך משמח ילונו טוט ער דס אנטלייען צוא הקב"ה
און הקב"ה גיט אים אפ כפלי כפלים · און מיט צוויי ערדיי זאכין
טוט דער מענטש לייען צו הקב"ה איינס וואס ער גיט דעם ארומאן
און הט אויף אים חס און איינס וואס ער איז מוציא הוצאות אויף שבת



ויום טוב אזו ווי דר פסוק זאגט מלוה ה' חונן דל גמולו ישלם לו און די פי
מלאכים האבן איטליכר ביי זיך נאך צוויי דס אלי זענן די י"ב סנהי
המרכבה און אנטקעגן זיי איז געווען די דגלים דס ישראל זענן גינאנ
אין דער מדבר דרייא שבטים אויף איטליכער זייט איז אלץ גיווע
אנטקעגן די י"ב מלאכים און אלי זאכין של מטה ושל מעלה א
אלץ איינס אנטקעגן אנדרין · פון דעם היכל גייען ארום אלי תפלו
ובקשות וואס ווערן גטאן באהבה אז זיי קומן אין דעם היכל בהעפ
זיך אלי אין הקב"ה ובכל זמן ובכל יום איז הקב"ה זיך משתעשע מיט ד
נשמות פון צדיקים אויף דעם שטייט אז תתענג על ה' ווייטר שטייט ד
סוד פון די שבעה היכלות און ווי אנדרי תפלות זענן געשטעלט גוואר
נאך די היכלות און עולמות אלץ ע"פ סודות נעלמות און צום סוף זאג
ער וואול צו דעם מענטשן וואס ער קען זיין תפלה רעכט מכוון זי
זיין מחשבה ורצון מיט זיין קול ודבור דס איז דער גאנצר יחוד הש
דען זיין תפלה איז ניט חוזר צו ריק אום זיסט און ווערט מקוב
און אז הקב"ה איז גוזר איין גזירה איז ער זיא מבטל אויף אים שטיי
ישמח אביך ואמך ותגל יולדתך און אלי מקטריגים ווערן אונטר אים אונט
גטאן און זייער חלק איז די עונות וואס ער איז מתודה נעמט ד
מקטרג זיך פר זיין חלק אזו ווי דר שעיר לעזאזל איז אום יום כפו
אויף אלי עבירות און ווען דר מענטש איז ניט מתודה איז ער אוי
אים אייז מקטרג און קען אים ביי קומן · אזו איז אויך געווען ביי דע
קרבן די מחשבה טובה מיט דעם רצון איז געווען צו הקב"ה און ד
ווידוי איז געווען צו דעם חלק פון דעם שטן דס מיינט דר פסוק (מש
כ"ה) אם רעב שונאך האכילהו לחם און דר סימן איז יבוא המלך והמן היום אל המשו
אזו ווי אסתר הט אן גברייט דעם מלך מיט המן צו דר סעודה א
האט מעז דעם שטן אויך זיין חלק געגעבין די ווידוי פון אלי חטאי
און עבירות · וואול צו דעם מענטשן וואס ער ווייסט צו גיין בדר
אמת און דר וואס ווייסט ניט מסדר זיין דעם שבח פון הקב"ה א
בעסר ער זאל גאר ניט געווען גבארין ווערין וואול צו דעם מענטש
וואס ער קען מקשר ומיחד זיין מיט זייני כוונות בתפלה אין א
עולמות וואול צו אים בעולם הזה ובעולם הבא ע"כ ביז אהער זענ
מפורש די היכלות פון דר קדושה :
והנחש היה ערום מכל חית השדה זאגט רבי יצחק דער נחש איז דר יצ
הרע רבי יהודה זאגט עס איז געווען איין נחש ממש · ווי ז
זענן גקומן פר רבי שמעון הט ער גזאגט עס איז אלץ איינס דר ס
הט אראפ גנידרט און הט גריטין אויף איין נחש און פר זיין גשטאל
זענן אלי בריות אנטלאפן געווארין · און זייא זענן גקומן מיט זייע
רייד צו דר אשה און האבן גורם געווען מיתה צו נאר דר וועלט א
ער הט מיט זיין חכמה פר דארבין דעם ערשטין אילו דאס איז אד
הראשון אזו איז דר חטא גהאנגן אויף דעם ס"ם ביז עס איז גקומן א
אנדרר אילוהקדוש דס איז יעקב אבינו ער איז געווען דס שיינקייט פ
אדם הראשון און הט פון עשו וואס ער איז געווען דר כח פון דעם ס
פר מיטין די ברכות וואס יצחק הט אים גוואלט בענטשן למטה א
פון זיין כח למעלה און יעקב הט זיך ווידר זיינס אפ גנומן דען א
קללות וואס ער הט אים פריער גורם געווען זענן אלי פר קערט גווא
צו ברכות :
והמפקדנה עיני שניהם פרעגט רבי חייא זיי האבין דאך פריער מי
שכל גיהאט פון מלאכים וויש זאגט דר פסוק אז זיי זענ

רשט נאך דעם חטא קלות גוואריִן · אלא אזו מיינט דר פסוק עס יז גווארן אפין זייערי אויגין אז זייא האבין גזינדיגט וידעו כי ערומים הם לומר אצונד האבן זיי גזעהן ווי אזוי זיי האבן פוגם גוועזן דען מען ט ביי זיי צו גנומן זייער גרוס ליכטיקייט וואס זיי האבן פריער גהאט ונ זענן בדעקט גוועזן מיט אורות של מעלה אונ היינט האט מען עס יי זיי צו גנומן אונ זענן גבליבן נאקט דר פון אונ האבן אן גקלייד י עלי תאנה דם איז די בלעטר וואס זיי האבן מיט דעם חוטא גוועזן ונ האבן גגעבן כח צו די קליפות אונ זייא זענן גווארין גשטארקט רום האבן זיי זיך גוואלט אן קליידין מיט די בלעטיר פון דעם בוים אם זאל אויף זייא מגין זיין אונ דיא וועלט איז גבליבן בקללה ביז יא ישראל זענין גשטאנען אויף דעם בארג סיני דענסט מאל אט אלץ איין תקון גהאט נאך דעם האט הקב"ה אן גקלייד צוא דם הראשון וחוה מיט לבוש עור איז טייטש הויט אבר פריער האבן יי גהאט איין כתנות אור דאס לבוש איז גיוועזן פיל גרויסע אורות פילו דיא מלאכים עליונים זענין אראפ גיקומין נהנה צוא זיין פון עם לבוש אור וואס זייא האבין פריער גיהאט אזו וויא דער פסוק אגט (תהלים ח') ותחסרהו מעט מאלהים וגו' אונ דער נאך האבין זייא נאר יהאט כתנות עור וואס דר גוף האט דר פון הנאה ניט דר נפש דר אך האבין זיי גהאט צוויי זין קין איז גוועזן מצד ווהמת הנחש וואס פון ים קומן ארוס אלי מיני שדים ורוחות רעות וקליפות וכל רשעים וחצופים ועזי פנים ובעולם אונ הבל איז גיוועזן מצד אדם מצד הטוב והרחמים זענין זייא ניט יבליבין ביז עס איז גיבארין גיווארין שת דם דר עולם איז פון אים יפלאנצט גווארין אונ אלי צדיקים אונ אז קין האט גיזינדיגט האט ער מורא גיהאט ווייל ער האט גיזעהן אויף זיך פיל חילות ומחנות פון ינים וואס ווילין אים אום ברענגין ביז ער האט תשובה גיטאן האט אים קב"ה גיגעבין איין צייכין פון זייני אותיות התורה דאס האט אויף אים מגין גיוועזן :

ישכן מקדם לגן עדן וגו' ואת להט החרב המתהפכת דם זענין די כוחות הדינים וואס זיי ברענגין די מעשים פון די מענטשין ארויף מען זאל זיי ן זיין אונ ווערין פר קערט צו פיל ערלייא גישטאלטין צו בצאלין יא רשעים צו צייטין ווערין זייא מאנזבלין אונ צו צייטין ווייבר צו ייטין פלאם פייער אונ צו צייטין רוחות דם קיינר קען זיי ניט דער קענין אונ דם איז אלץ לשמור את דרך עץ החיים דורך זיי ווערט די תורה יהיט אונ זיי צאלין צו די רשעים זיי זאלין שון ניט טאן אזו ווי צום רשטין זיי היימין להט החרב דאס איז פלאם פייער דאס קומט על ראש שעים בגיהנם דרום שטייט ולהט אותם היום הבא דאס מיינט מען דעם להט חרב אויף דעם שטייט אין (ישעיה ל"ד) חרב לה' מלאה דם קום אונ זעה ז אדם הראשון האט גיזינדיגט האט ער אויף זיך גיצוגין כמה מיני רעים ונ כוחות הטומאה אונ דרום האט ער זיך פר אלי גיפארכטין אונ האט יט גיקענט בשטיין אנטקעגין זיי שלמה המלך האט גיוויסט די חכמה ליונה אונ הקב"ה האט אויף אים גיטאן עטרת וכתר מלכות אונ די גאנצי עלט האבין זיך פר אים גיפארכטין אונ די גאנצי וועלט איז גוועזן ונטר אים אונ אז ער האט גיזינדיגט האט ער אויף זיך מושך גיוועזן לי מיני רעים וכוחות הטומאה ובעלי דינים דען האט ער זיך פר אלי גפארכטן ארוס זיי האבין אים גיקענט שלעכץ טאן אונ די גדולה וואס איז ביי ים גיוועזן האט מען ביי אים צו גנומן דרום אין וואס פר איין וועג דר ענטש גייט אונ אין דעם וועג וואס דער מענטש באהעפט זיך פון

דארטן איז ער אויף זיך מושך דעם כח וממונה אזו האט אדם מושך גיוועזן דעם כח הטומאה דאט ער אים מטמא גיוועזן אונ גאר דיא וועלט דם איז דר נחש הרע דען ער איז טמא אונ האט מטמא גוועזן די גאנצי וועלט דען מיר האבין גילערינט אז דר נחש דאס איז דער מלאך המות וועז ער נעמט ארויס דעם מענטשין די נשמה בלייבט דער גוף טמא אונ ער איז מטמא דם גאנצי הויז אונ צוא אלי וואס גינעהנין צו אים אזו וויא דר פסוק זאגט (במדבר יט) כל הנוגע במת בנפש וגו' ווארום אז ער נעמט ארויס די נשמה איז גיגעבין גיווארין רשות צו דר צד הטומאה זיי זאלין רוען אויף אים דען אז דר נחש רירט אן אין אים ווערט ער תיכף טמא דרום האבין זיי שון איין שליטה אונ דרום ווי דר נחש רירט זיך צו איז טמא קום אונ זעה די גאנצי וועלט אז זיי שלאפין ביי נאכט זענין זייא טועם טעם מיתה אונ ווייל זייא זענין טועם איין טעם מיתה דרום שוועבט דר רוח הטומאה אויף דר וועלט אונ איז מטמא די וועלט אונ אלי מענטשין אונ רוט אויף די הענט פון די מענטשין דרום זענין זיי טמא אונ ער האפט זיך אויף אונ די נשמה גייט ווידר ארין צו ריק צוא אים איז וואס ער רירט אן מיט דיא הענט איז ער מטמא ווייל דרויף רוט דער רוח הטומאה דרום זאל דר מענטש ניט נעמין אין דר פריא דעם מלבוש פון אזו אהאנט וואס האט זיך ניט גיוואשין דען ער איז אויף זיך מושך דעם רוח הטומאה אונ אין זיך נאך מער מטמא אונ דר רוח הטומאה האט רשות צו רוען אויף אזו איין ארט וואס ער גיפינט אצייכין וואס קומט פון זיין זייט אונ דרום זאל זיך דער מענטש וואשין פון אזו אמענטש וואס האט זיך שון גיוואשין ווארום אז ער וואשט זיך פון אזו אמענטשין וואס ער האט זיך נאך ניט גיוואשין דען צידהט ער אויף זיך ארויף דעם רוח הטומאה אונ ער האט רשות צו רוען אם דרום גיהער זיך דר מענטש צו היטין אויף אלי זייטין פון דעם רוח הטומאה פון דעם נחש הרע ער זאל אויף אים ניט שולט זיין אונ הקב"ה איז או גברייט לעתיד לבא די אלי כוחות הטומאה מבער זיין פון דר וועלט אזו וויא דער פסוק זאגט אין (זכריה י"ג) ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ דענסט מאל וועט מקוים ווערין בלע המות לנצח :

והאדם ידע את חוה אשתו ותלד את קין · רבי אבא הייבט אן עס שטייט (קהלת ג') מי יודע רוח בני האדם העולה היא למעלה דער פסוק ווערט גידרשת אין פיל גישטאלט דען די תורה האט שבעים פנים קום אונ זעה ווען אמענטש גייט בדרך האמת אונ גייט אין רעכטין וועג אזו צייט ער אויף זיך דעם רוח הקודש פון צד ימין פון אובין אונ ווערט בהעפט אין דר קדושה וואס ווערט ניט אפ גיטאן פון אים דען דם קינד וואס קומט ארוס פון אים צייט ער אויף אים דיא קדושה אונ דאס קינד ווערט גיהייליגט אין דער קדושה פון זייער הערין אזו וויא דר פסוק זאגט והתקדשתם והייתם קדושים אבר ווען אמענטש גייט ניט אין רעכטן וועג אזו צייט ער אויף זיך ארוף דעם רוח הטומאה אונ איז אין אים באהעפט דרום שטייט לא תטמאו בהם ונטמתם בם הבא לטמא פותחין לו וום דר מענטש נעמט זיך פיר אזו ווערט ער גיהאלפין דר צו אונ דר וואס גייט איז דעם וועג פון דעם רוח הטומאה איז דאס קינד וואס ער איז מוליד צייט ער ארויף אויף אים דעם רוח הטומאה דרום שטייט מי יודע רוח בני האדם העולה היא למעלה דם איז טייטש הקב"ה ווייסט רוח פון דעם מענטשין וואס ער בהעפט זיך לצד ימין פון גאט ב"ה דען גייט זיין נשמה ורוח ארויף אונ ווען דר מענטש איז זיך מדבק צו דעם צד

שמאל

שמאל אין דר טומאה · דר נידרט אראפ ווייל זיין וואונונג איז מיט
דער טומאה רוח הבהמה היורדת למטה גייט איף דעם מענטשין אדם
הראשון · ווייל ער מיט חוה האבין חוטא גיוועז אונ הט מקבל גוועזן
דיא טומאה פון דעם נחש דרום האבין זייא גיהאט איין זון פון דער
טומאה דס איז קין אונ אז ער הט תשובה גיטאן הט ער גיהאט איין
זון פון דער קדושה דאס איז הבל · רבי אלעזר זאגט פריער האט
בהעפט דר נחש זיין זוהמא אין חוה דר נאך הט זיך אדם מיט איר
מזדווג גיוועזן דרום הט זי גיהאט צווייא זון איינר מצד הטומאה פון
דעם נחש דאס איז קין אונ איינם מצד הקדושה מצד אדם הראשון
דס איז הבל אונ דרום ווייל קין הט אין זיך גיהאט דיא טומאה פון
דעם נחש דם איז גיוועזן דר כח פון דעם יצה״ר וואס ער איז דר מלאך
המות דרום הט ער גידהרגת זיין ברודר הבל אונ פון אים קומין אלי
בייזי וואונונג פון מזיקים אונ שדים אונ רוחות אויף דר וועלט דרום
אז קין מיט הבל האבין גיבראכט קרבנות הט איטליכר גבראכט פון
זיין ארט וואס ער הט אין דרינין איין אחיזה דרום שטייט ויהי מקץ ימים
דס איז דר כח פון דעם מלאך המות וואס ער איז קץ כל בשר ער גיט
איטליכין זיין קין הט ער גיבראכט זיין קרבן פון די פירות פון דער
ערד אזו ווי עס שטייט (ישעיה ג) אוי לרשע רע כי פרי מעלליו יאכלו דיא פרי
פון זייני מעשים איז דר מלאך המות פוז דעם הט קין מקריב גיוועזן
אבער הבל הביא גם הוא ער האט גיבראכט פון זיין צד הקדושה דרום
שטייט וישע ה׳ אל הבל ואל מנחתו צוא הבל אונ צו זיין מנחה האט זיך
הקב״ה גיקערט ואל קין ואל מנחתו לא שעה צו קין אונ צו זיין מנחה הט
ער זיך ניט גיקערט אונ האט זיא ניט מקבל גיוועזן דרום שטייט ויחר
לקין מאוד ויפלו פניו עס האט אים זייער באנק גיטאן האט אים הקב״ה
גיזאגט הלא אם תטיב שאת ווען דוא וועסט תשובה טאן וועסטו דוא דער
הויבין ווערין למעלה אונ דיין נשמה וועט ארויף גיין אונ וועט ניט
נידערן ווי איין בהמה וואס נידערט אראפ · רבי יוסי זאגט איך האב אזו
גיהערט דעם פשט אם תטיב שאת אז דו וועסט תשובה טאן וועט אפ
גיטאן ווערין דר רוח הטומאה פון דיר ואם לא תטיב לפתח חטאת רובץ אונ
אז דו וועסט קיין תשובה ניט טאן וועסטו בצאלט ווערין אין דר טיר
פון דעם דין של מעלה דר דין וואס איז אין דיר בהעפט ער וועט דיר
בצאלין · רבי יצחק זאגט קום ווה בשעת אז קין הט גיהרגת צו הבל
הט אים הקב״ה גישאלטין נע ונד תהיה בארץ וואו אהין ער איז גיגאנגין
איף אלי פיר זייטין פון דר וועלט הט אים די ערד ניט גוואלט צוא
נעמין אזו הט ער זיך גיקלאפט אין קאפ אונ הט תשובה גיטאן הט
אים הקב״ה האלב גישענקט ווארום ער הט אים פריער גיזאגט נע ונד
דר נאך שטייט וישב בארץ נוד קדמת עדן הט אים בנעגינט אדם הראשון
אונ פרעגט אים מיין זון ווי אזו איז דיין דין נגמר גיווארין האט אים
קין גיזאגט מחמת איך האב תשובה גיטאן האט מיר הקב״ה מוחל
גיוועזן · זאגט אדם הראשון אזו איז גרויס דער כח פון תשובה איך
האב גאר ניט גיוויסט אזו הט ער אן גיהויבין זאגין מזמור שיר ליום השבת
טוב להודות לה׳ וגו׳ עס איז גוט צו לויבין גאט אונ צוא בקענין זיין זינד
פר אים עס הייסט ער זאל תשובה טאן דען דורך דעם איז ער מוחל
אלי זייני עבירות :

ויהי מקץ ימים ויבא קין מפרי האדמה מנחה לה׳ פון וואנן האט ער גיבראכט
זאגט דער פסוק מקץ הימים פון דעם פסולת פון דעם איבער
בלייבונג גלייך ווי איין מענטש וואס טוט תשובה אז ער איז שון אלט

אז ער הט שון קיין כח ניט צו טאן קיין שלעכץ אבר אין זיין יוג
הט ער קיין תשובה ניט גיטאן דרום זאגט דער פסוק מפני שיבה
איידר דו ווערסט אלט זאלסטו אויף שטיין תשובה צוא טאן ·
דרום ווייל קין הט פון דעם פסולת גיבראכט זיין מנחה איז זיא
מקובל גווארין אזו וויא עס שטייט ואל קין ואל מנחתו לא שעה אבער
הט גיבראכט פון דעם בעסטין אזו ווי עס שטייט מבכורות צאנו ומחל
דרום שטייט וישע ה׳ אל הבל ואל מנחתו גאט הט יוא אן גינומן זיין מנ
ויחר לקין מאוד עס האט צו קין זייער פר דראסין וואס זיין קרבן איז
מקובל גיווארין הט הקב״ה צו אים גיזאגט למה חרה לך וואס פר דר
דיך הלא אם תטיב שאת אז דוא וועסט תשובה טאן אויף דייניגע מעש
וועסטו מקובל ווערין אונ אז ניט וועסטו נידערין אין גיהנם ·
אלעזר זאגט מען בדארף ניט פר הולין די סודות שאת איז די אות
פון אשת דרום ווייל ער הט עובר גיוועזן אויף דעם פסוק ואל אשת ע
לא תתן שכבתך אונ ער איז גילעגין ביי זיין ברודרס ווייב זיא איז גב
גיווארין אין איינם מיט הבל דרום שטייט ויקם קין אל הבל אחיו
איז ער אויף גישטאנין אונ הט מזנה גיוועזן מיט זיין ווייב אונ
נאך הט ער אים גיהרגת אונ דס איז דר סוד פון דר זאך משה רב
איז גיוועזן די נשמה פון הבל אונ דר מצרי וואס משה הט אים גיה
איז גיוועזן די נשמה פון קין דרום שטייט ויפן כה וכה וירא כי אין איש
איז כה וכה זאגין אונזרי חכמים כה ער הט גיזעהן וואס ער הט אים גע
אין שטוב מיינט מען ער האט מזנה גיוועזן מיט זיין חייב וכה ער
גיזעהן וואס ער הט אים גטאן אין פעלד אין משה הט גיזעהן לכל
ווארום אמאל איז פר האנדין אז פון איין רשע קומט ארויס איין
כשר אבער דא הט משה גיזעהן אז ביז ששים רבוא וועט פון אים
ארויס קומין קיין גר דרום ויך את המצרי הט ער אים גיהרגת ·
ווידר איז מרומז אם תיטיב שאת דס הקב״ה הט אים גיוויזין אז דר
וועלין זייני קינדר זיין מלכים אונ וועלין האלטין די ישראל אין ג
דרום הט ער אים גיזאגט אז דו וועסט גוטס טאן מיט זיי אין ג
וועל איך דייניגע קינדר אויך סובל זיין אונ וועל מאריך אפי זיין
אוב ניט לפתח חטאת רובץ איז דיא טיר פון דעם גיהנם גיעפינט צו
צו נעמין איין נקמה צו דיר אונ צו דייני קינדר דם זענן סודות כק
ודיך נגלה זאגט רבי שמעון צוא זיין זון רבי אלעזר גיבענטשט ביס
מיין קינד צו הקב״ה דס דר רוח הקודש טוט זיך דר וועקין ביי
צו מגלה זיין אזעלכי חידושים וואס זענין נאך ניט גיהערט גיווא
זאגט ער בוודאי איז דס מרומז קול דמי אחיך צועקים אלי דאס איז ד
בלוט פון די ישראל וואס די קינדר פון קין דס איז דס ערב רב וועט
זיי אין גלות גזלנין אויף זיי שטייט כי מלאה הארץ חמס מפניהם דס וואס
הט גיהרגת הבל איז דס מרומז אז די קינדר פון קין דס איז דס ע
רב וועלין צו נעמין דס געלט פון ישראל וואס קומין ארויס פון ד
דס הייסט דמי אונ איין עני איז גלייך ווי איין מת דרום שטייט קול
אחיך צועקים אלי הקב״ה האט גיזאגט צו קין דו קומסט ארויס פון ד
זוהמת נחש בימטו גלייך ווי דר נחש הט גורם מיתה גיוועזן צו א
דרום שטייט ביי אים ארור אתה מכל הבהמה אזו האסטו אויך גטאן זי
מעשים אונ האסט דיין ברודר גיהרגת אונ עס שטייט פוקד עון אבות
בנים הקב״ה בצאלט דעם חטא פון די פעטר אויף די קינדר ווען ז
טוען אויך זייערי מעשים דרום לא תוסף תת כחה לך דאס דו וועסט
זובה זיין מעמיד זיין שרים איך האב גיזאגט צוא אדם וירו כונת

נחוּף חשפיו ובבהמה דם מיינט מען אזעלכי מענטשן וואס זענען גלייך צו
בהמות וחיות זיי זענען אונטער די מזלות די אלי וועלין קומן צו דיר
ך נוקם זיין אין דיר אונ דיך הרגנין אונ דו וועסט זיין נע ונד נע ונד
איז מרומז עון נדה דם ער קומט ארוס פון דעם טומאת הנחש וואס ער
איז טומאת הנדה אונ דו ביסט נע בעוה״ז ונד בעוה״ב :

אמר קין אל ה׳ גדול עוני מנשוא קין האט שוין חרטה גיהאט אונ האט
תשובה גיטאן דרום שטייט וישם ה׳ לקין אות דא איז מרומז מיט
עם ווארט אות דם ברית מילה דס הייסט ברית קודש דאס קין וועט
ין צד הטוב דס פון אים וועט ארוס קומען יתרו וואס ער האט
ך מגייר גיוועזן אונ האט אויף זיך מקבל גוועזן דעם אות ברית מילה
דרום שטייט ובני קני חותן משה וחבר הקני נפרד מקין ער האט זיך אפ גשייד
פון קין קני איז די אותיות קין זיין צד הטוב איז אפ גשייד גווארן אין
תרו דארפן איז קין מתוקן גיווארן פון זיין חטא אונ איז גווארן נק׳
יין אונ יתרו האט זוכה גוועזן דס זייני קינדר זענין גיזעסין אין לשכת
גזית מיט די סנהדרין דס האט הקב״ה גוויזין צו קין אז ער וועט דר
אה מקובל ווערין בתשובה׳ האט קין גיזאגט אז הקב״ה איז מקבל
י רשעים בתשובה מכל שכן צדיקים ויצא קין מלפני ה׳ דר מיט איז ער
ארוס גגאנגן פון כר גאט מיט זיין דין אונ האט אויף זיך מקבל גיוועזן
עלין וואס הקב״ה האט אויף אים גוזר גוועזן אונ דרום שטייט וישב בארץ נוד
הקב״ה האט אויף אים פריער גוזר גוועזן נע ונד ממילא וועט עס וואלט
ים דר זעהן וואלט אים גהרגית היינט אז ער האט תשובה גטאן האט
ים הקב״ה גיגעבין איין אות דם איז די וא״ו דם איז מרמז אויף אות
מילה איז גווארן פון נד אותיות נוד אונ ניט דם אליין נאר הקב״ה האט
ים נאך גגעבין קדמת עדן דם וועגין דר תשובה האט ער זוכה גיוועזן
צום גן עדן :

ויאמר ה׳ לקין אי הבל אחיך רבי שמעון זאגט האט דען הקב״ה ניט גוויסט
ווי הבל איז אמער עס איז דאך ניט פר האנדן קיין שום זאך
אויף דר וועלט וואס עס זאל חס ושלום פר הוילן ווערין פון אים אזו
י עס שטייט (ירמיה כג כד) אם יסתר איש במסתרים ואני לא אראנו נאום ה׳ דם איז
טייטש אמענטש זאל זיך פר בארגן אין איין פאר בארגניש וואלט
יך דען ניט גיזעהן אזו זאגט גאט אלא רבי שמעון זאגט ווי צו די
יט די נארשי זיי האבן פר שטאפטע הערצר פר שטאפטע אוגן זיי
ענן אזו ווי די בהמות וואס זיי עסין שטרוי פון דר תבואה אזו זענען
י לייט וואס זיי פר שטייען נאר דעם פראסטין פשט פון דר תורה
אונ זיי מיינין די תורה איז נאר איין מעשה׳ אבר די חכמים די בעלי
קבלה פר שטייען סודות התורה דס איטלכם ווארט איז פיל שמות
הקדושים אונ אלי עולמות זענען מיט זיי בשאפן גיווארן׳ די זענין
עכטי לייט אונ ניט קיין בהמות׳קום אונ זעה הקב״ה האט גפרעגט
ו קין אי הבל אחיך ווי איז דיין ברודר גלייך ווי ער האט חס ושלום ניט
ייסט ווי ער איז אלא אי הכל איז טייטש הקב״ה האט גזאגט צו קין ער
ט פוגם גוועזן אין די שמות הקדושים׳אויך ווערט גדרשית די פרשה
ן קין והבל כדרך סוד קין איז דר יצר הרע אונ הבל איז דר יצר טוב׳
דרום הייסט ער הבל ווארום הבל איז די אותיות פון הלב אויף זיי זאגט
ר פסוק לב חכם לימינו דאס הארץ פון דעם חכם איז אויף דער רעכטר
ט ולב כסיל לשמאלו אונ דם הארץ פון דעם נאר איז אויף דר לינקר זייט
ס איז פר האנדן איין הבל וואס גייט ארוס פון דעם מויל פון דעם
ענטשין אונ עס איז פאר האנדן הבל טוב דאס איז הבל תורה דאס

איז גיגליכין צוא איין פלאם פייער אזו ווי עס שטייט קול ה׳ חוצב להבות
אש פון דעם הבל ווערט גבויט שמים חדשים אזו ווי אויבין שטייט
אונ עס איז ווידר פאר האנדן איין הבל וואס ער איז שלעכט דרויף
איז גיזאגט גווארן הבל המה מעשה תעתועים דאס איז דאס הבל פון לשון
הרע אונ פון שקרים אונ דעם הבל נעמען דיא מלאכי חבלה אוי
פבאנצן דר מיט פאלשי הימלין אונ ערד דרום האט שלמה המלך
גיזאגט יש הבל אשר נעשה על הארץ ווייטר זענען גרויסי סודות פון דעם סוד
פון הבל פון מענטשין אונ דרויף ברענגט ער דארט איין מעשה עס
איז גוועזן אמענטש פון די בעלי קבין דס מיינט מען די וואס גייען אויף
שטאלצן האט ער בגעגנט צווייא תלמידי חכמים זאגט דר מענטש צו
זיי שלום עליכם ווי אזהין גייט איר ענטפרן זיי אים מיר גייען צו דעם
אונ צו דעם צרט אונ דס איז גיוועזן ערב שבת זאגט ער צו זיי איך
גייא אויך אהין אוב איר ווילט וועל איך אייך ברענגן צהין אויף שבת
זאגין זיי צו אים וויא קען דאס זיין מיר פארן מיט פערד אונ דוא
גייסט צו פוס אין דעם האבן זיי גיזעהן ווי דר מענטש שלופט גיך ווי
אשטערין אונ ער האט זייא גמאכט מיט שמות זאגן האבן קפיצת
הדרך זענען זיי גקומן צו דר מערה אין איין רגע זאגט ער צו זיי איר
רבנן גייט אריין זענען זיי אים נאך גיגאנגן פון איין הייל אין דר אנדרר
ביז זיי זענען גיקומן אין אבוים נארטן האט זיך בעלי קבין אום גטאן פון
דעם גוף אונ האט זיך אן גיטאן אין אנגדרן גוף אונ זיין פנים האט
גלייכט אזו ווי די זון אונ האט זיך גיזעצט אויף איין כסא מלכות אונ
הינטר דר שטול שטייען דריי הונדרט תלמידים אונ זאגן דעם פסוק
אין קהלת הבל הבלים פיל מאל אן חשבון׳ פרעגין אים די רבנן וואס
איז דם איז דען ניט פר האנדן קיין אנדרר פסוק אין קהלת אזו וויא
דר פסוק הבל הבלים מיד באלד איז ער אויף גישטאנן פון דר שטול
אונ האט זיי גינומן ביי די הענט אונ האט זיי אריין גיפירט אין זיבן
היכלות אין איטליכן היכל שטייט אן גישריבן הבל הבלים אונ אין
זיבעטן היכל איז גוועזן איין אדלר אונ אקרון איז אין זיין מויל אונ אויף
אים איז גישטאנן אטויב אונ אויף דר קרון איז גיוועזן אן גשריבן ווער
עס ווייסט ניט דעם סוד פון די זיבן הבלים וואס שטייט אין קהלת איז
אויף אים גיזאגט גיווארן הזר הקרב יומת אפרעמדר וואס גינעהנט צהער
זאל גיטייט ווערן ווי די רבנים האבן דס דר זעהן זענען זייא אוועק
גיגאנגן הינטר זיך זאגט צו זיי דר בעלי קבין איר זייט די חכמים פון
דעם דור איך בין צייה נאך גיגאנגן ביז אהער הערן פון אייך חכמת
התורה צום סוף זייט איר קיין חכמים ניט איר זאלט וויסען אז מיט
דעם פסוק האב איך דס גאנצי בנין גמאכט אונ מיט דעם שוועב איך
אום די גאנצע וועלט מיט איין שוועב אונ צוא צייטען מיט צווייא
שוועב אונ צוא צייטען מיט דרייא ביז זיבען שוועב אונ מיר
זענען אין לאנד אטייל בעלי קבין אונ דעם פסיק האב איך בקבלה
פון מיין פאטער אונ ער האט בקבלה פון זיין פאטר׳ האט
זיי דר בעלי קבין אום גיקערט בהרף עין אויף זייער ארט דם מיינט
שלמה המלך יש הבל אשר נעשה על הארץ זאגן זיי צו אים רבי זאגט אונז
חאטשי איין רמז אין דעם פסיק כדי די חכמה זאל ניט זיין צו גידעקט
פון די בעלי הקבלה אונזרי חברים׳ זאגט ער צו זיי׳ רבנן עס איז
בוודאי גרויסע סודות אין דעם פסוק פון דעסט וועגין וועל איך
פארט זאגין ברמיזא זיבן הבלים זענען פאר האנדן אין דעם פסיק וואס
קהלת האט גזאגט הבל איז אינס הבלים איז צוויי איז שון דריי הבל הבלים

איז ווידר דריי איז זעקס הכל הבל איז זיבן דס איז אנטקעגין דיא זיבן
שמות הקדושים וואס זענען גזאגט גווארן במעשה בראשית מען דארף
צו וויסן אז עס איז ניט פר האנדן קיין ווארט אין דר תורה וואס עס
איז ניט מרומז אין דעם סודות נפלאות וואול צו די מענטשין וואס זיי
פאר שטייען :

הן גרשת אותי היום מעל פני האדמה עס זענען פאר האנדין זיבן ערדין אייני
איבר דר אנדערר זיי הייסין ארץ · אדמה · ארקא · גיא · נשיה ·
תבל · ציה · אונ תבל איז די אייבערשטי פונאלי דרום שטייט והוא ישפוט
תבל בצדק אז אדם הראשון איז פר טריבן גווארן פון דעם גן עדן איז ער
פר ווארפין גווארן אין דעם ארט וואס הייסט ארץ דאס איז איין מקום
חושך וואס דארטן לייכט ניט די זון ווי אדם איז אהין גקומן האט ער זיך
זייער גפארכטין אונ דארטן טוט פלאמין דס פייער פון דעם להט החרב
המתהפכת אונ ווי שבת איז אום גגאנגן אונ ער האט תשובה גטאן האט
אים הקב״ה שוין העכר גמאכט אין דעם ארט וואס הייסט אדמה דרום
שטייט לעבוד את האדמה דארט לייכט דס גשטאלט פון די כוכבים ומזלות
אונ דארטן איז דס וואונונג פון דיא לייט וואס זענען ארוס גקומן פון
אדם הראשון אונ די הונדערט מיט דרייסיג יאר אז ער האט זיך פורש
גוועזן פון זיין ווייב · עס איז ביי זיי ניט פאר האנדן קיין שמחה קיין
מאל אונ זיי שוועבין פון דארטן ארויס אויף דר וועלט ווי מענטשין
זענען זיי פר קערין לצד הרע אונ גייען צו ריק. זיי זענען דארט מתפלל
תפלות · אונ דארטין זייען זיי אונ עסן · נאר ווייץ מיט די אלי זיבין
מיני תבואה איז דארט ניט פר האנדן · אויף דעם ארט איז קין והבל
גבארן גווארן אונ אז קין האט גזינדיגט האט אים הקב״ה אראפ גנידערט
אויף דעם ארט וואס הייסט ארץ דרום זאגט קין הן גרשת אותי היום מעל פני
האדמה דו האסט מיך פאר טריבין פון דעם ארט וואס הייסט אדמה
והייתי נע ונד בארץ והיה כל מוצאי יהרגני ווארום דארטן איז להט החרב המתהפכת
דרום האט ער זיך פר זיי גפארכטן אונ אז ער האט מהרהר בתשובה
גוועזן האט אים הקב״ה אויף גבראכט אין דעם ארט וואס הייסט ארקא
איז ער דארטין גוועזן אונ האט גהאט דארטין קינדר אונ אין דעם
ארט איז ליכטיג פון דר זון אונ דארטן זייען זיי זריעות אונ פלאנצן
אלי ביימער חוץ די זיבן מיני תבואה איז דארט אויך ניט פר האנדן ·
אונ די קינדר פון קין זענען מיט צוויי קעפ · אטייל זענען הויך אונ גרוס
אונ אטייל זענען קליינע זיי האבין ניט קיין דעה מיושבת צוא צייטין
זענין זייא מצד הטוב אונ צייטין מצד הרע · אונ האבין קינדר אונ
שטארבין אזוי ווי אנדרי לייט · רבי שמעון זאגט די ארקא איז אזוי איין
ערד וואס איז אום גמישט פון חשך אונ פון אור אונ דארטן זענען צוויי
ממונים איינר איז אין חושך אונ איינר איז אין אור דארטן זענען זייא
מקטרג איינער אין דעם אנדערין אונ בשעת קין איז גיקומין אהין
האבין זיי ביידי זיך משתתף גוועזן אונ האבין גמאכט שלום דען זייא
האבן גזעהן אז קין וועט האבן קינדר מיט צוויי קעפ איינר מצד אור
אונ איינר מצד חושך אונ ווען דר אור איז שולט איז דער כח מנצח
דעם אנדרין דרום האבן זיי גמאכט אלץ איינס אונ דער ממונה פון
אור הייסט קסט״י אונ דר פון חשך הייסט עפר״י אונ זייער צורה איז פון
מלאכים קדושים מיט זעקס פליגיל איינר בצורת שור אונ איינר בצורת
נשר אונ אז זיי זענען בנאנד האבן זיי צורת אדם ווען זיי זענען בחושך
זענען זיי זיך מתהפך אזוי ווי די צורה פון אשלאנג מיט צוויי קעפ אונ
גייען אזוי ווי אנחש אונ שוועבין אין תהום אונ וואשין זיך בים הגדול

אונ אז זיי קומן צו דעם ארט פון עזא ועזא״ל דר שרעקין זיי זיך אונ דר
וועקין זיך אונ שפרינגן אין די הרי חושך פר מורא אונ זייא מיינען אז
הקב״ה בגערט זיי פעדרין צום דין אונ צוויי ממונים שוועבין אין ים
הגדול אונ פליהן פון דארטן אונ גייען ביי נאכט צו דר נעמה די מוטר
פון די שדים וואס די מלאכים האבן זיך טועה גוועזן אין איר אזו ווי
עס שטייט ויראו בני האלהים את בנות האדם אונ זיי ווילין צוא איר גנעהנ
שפרינגט זי אוך אוועק אויף זעקס טויזנט מייל אונ מאכט זיך אין ווי
פיל ארלייא ציורים כדי די לייט זאלין זיך טועה זיין נאך איר אונ די
צוויי ממונים שוועבין אויף דער גאנצר וועלט אונ קערין זיך ווידער
אום אויף זייער ארט אונ זיי דר וועקין צו די קינדר פון קין מיט דעם
יצר הרע צו גווינן קינדר · דר הימל וואס דארט איז ניט אזו וויא דיא
הימלן אונ די ערד איז ניט אזו ווי די ערד זיא ציהט ניט אום אזו גי
קיין תבואה אזו ווי די ערד אונ אויף די צוויי ממונים עפר״י וקסט״י זאגט
דר פסוק (ירמיה י׳) אלהא די שמיא וארקא גו׳ דס מיינט מען זייא ווערין פאר
לארין ווערין אונ וועלין שון ניט שולט זיין · אדם הראשון איז גוועזן
אין דעם ארט אדמה ביז ער האט גווינן זיין זון שת אונ פון דארטין
איז ער ארויף גגאנגן דרייא מדריגות פון קין ביז ער איז גיקומן צוא
דעם ארט וואס הייסט תבל וואס דס איז די גרעסטי מדריגה איבר אלי
ווי ער איז גקומן צו דעם ארט פון דעם בהמ״ק וואס ער ווערט אויך
גירופין מיט דעם נאמן ארץ אונ אדמה האט ער שון איבר גשפרונגן
דרייא מדריגות ג״א נשי״ה צי״ה : (ג״יא) איז איין גרוס אונ אברייט ארט
דארט איז די לייננג אונ ברייט פון דעם גיהנם · אונ אין גיא נשיה צי
דארט זענען פר שפרייט גווארין דר דור הפלגה וואס זייא האבין דעם
מגדל גיבויט אונ זיי האבן דארטן גיוואונן קינדר ווייל זיי האבן דער
צערינט דעם מלך עליון אונ ווייל גיא איז נאהונט צום פייער וואס ברענט
תמיד אין גיהנם דרום זענען דארטן די לייט גרויסע עשירים זיי האב
דארט עפרות זהב אונ אבנים טובות אונ ווען איינער פון דאנע
קומט אהין גיבן זייא אים וואס ער וויל אונ זייא ברענגין אים אוי
צוא צייטין צוא דעם ארט נשיה דען פר געסט ער אלץ אונ נאך דעם
גייט ער אראפ צוא דעם ארט גיא אונ ווייסט ניט וויא ער איז גיא אי
אין מיטן פון די שבעה ארצות דאס איז גיא בן הנום אונ פון דארטי
גייט ארויס איין רצועה אהער אונ עס הייסט אויך גיא בן הנום או
דארט איז דיא טיר פון דעם גיהנם אונ אלי לייט וואס וואונן דארט
ווייסין אלי חכמות אונ דארט זייען זייא אונ פלאנצין נאר קיין וויי
מיט די זיבן מיני תבואה איז דארט ניט דא · אין דעם ארט נשיה זענ
קליינע אונ קורצע מענטשין אונ האבין ניט קיין נאז נאר צוויא לעכ
דר אטום זאל ארויס גיין אונ וואס זייא טועץ פר געסין זייא תיכף דרו
הייסט עס נשיה דאס איז טייטש פאר געסין זייא זייען אונ פלאנצי
ביימער אונ האבין אויך ניט דיא זיבין מיני תבואה · ציה איז אי
ווייסט ארט דען ציה איז טייטש ווייסט אונ טרוקין דארטן זענען ליי
אין שיין גשטאלט אונ דרום ווייל עס איז איין טרוקין לאנד דרום א
זייא ווערין גיוואר פון קאלטע וואסער אזו גייען זיי דורך דר וואסע
אונ זייא זענען בני אמונה דאס הייסט בגלייבטע מענטשין מער פון די
אנדערע לייט אונ צווישין זייא איז פאר האנדין שיינע דירות או
גרויס עשירות אונ זייא זייען ווייניג ווייל דאס ארט איז טרוקין או
פלאנציז ביימר אונ זענען ניט מצליח אונ זייער חשק איז נאר אהער
פון אלי זייערי ערדין עסין זייא ניט קיין ברויט נאר דיא וואס

וואנע

וואונען אין תבל דיא איז איבר אלי אזו וויא עס שטייט והוא ישפוט תבל בצדק אונ דער תבל איז אויס גימישט דס דרינען זענען די גשטאלטין פון אלע ערדין אונ אויך אלע נעמען פון ששה ארצות איז פר האנדן אין דרינען תחומין אונ מקומות וואס ווערין אזו גירופין וויא דיא ארצות אין אלע אירע ערטער איז אויך פאר האנדן בריות משונות אייגם פון דעם אנדרין אזו וויא דארטין דרויף האט דוד גיזאגט מה רבו מעשיך ה׳ :

רבי יצחק זאגט פון דר צייט וואס קין האט גידהרגת צו הבל אונ איז גיזעסין אין דעם לאנד נוד האט זיך אדם אפ גשייד פון זיין ווייב נאך די הונדערט מיט דרייסיג יאר הט זיך אדם ווידר מדבק גוועזן מיט זיין ווייב אונ האביז גיהאט שת אבער קין והבל זענין ניט גיוועזן אין דעם גישטאלט פון אדם נאר בדמות עליונים אונ בייא שת שטייט ויולד בדמותו כצלמו זאגט רבי שמעון וייל אין די ק״ל שנה האט ער פון זיך אפ גיטאן די זוהמא פון דעם נחש דרום אז ער האט זיך דר נאך בהעפט צו חוה הט ער גהאט בדמותו כצלמו אימליכר מענטש וואס איז מטמא זיין וועג אזו צידט ער אויף זיך ארוף רוחות הטומאה אונ זיי ווערן בהעפט אין אים · וואול צו דיא צדיקים וואס גייען בדרך הישר זענען צדיקי אמת אויף זיי אונ אויף זייערי קינדר שטייט כי ישראל וכו׳ יירשו ארץ זאגט רבי חייא נאך וום שטייט ואחות תובל קין נעמה וייל זיי האבין אלי מזנה גיוועזן מיט דר געמה אונ די בני האלהים עז״א ועז״אל האבין זיך נאך איר טועה גיוועזן זי איז די מוטר פון די שדים אונ זי איז ארוים גיגאנגין מצד קין אונ זיא מיט לילי״ת איז ממונה אויף אסכר״ה פון דיא קליינע קינדער רבי אבא פרעגט מיר האבין דאך גילערינט אז דיא שדים שטארבין פאר וואס שטארבט זיא ניט אונ לעבט נאך · זאג רבי חייא די דרייא נעמה ולילית ואגרת בת מחלת ווכ זייא קומין ארוים פון איר כח די וועלין לעבין ביז הקב״ה וועט מבער דעם רוח הטומאה פון דר וועלט · זאגט רבי שמעון ווי צו די לייט וואס זייא ווייסין ניט אונ זענען ניט משגיח אונ קוקן ניט אונ זיי זענען פר שטאפט ען ווען מען זאל גיוועזן געבין רשות דיא אויגין צו זעהן וואלטן זייא יך ניט גקענט פר וואונדרין ווי אזו מען האט אקיום אויף דר וועלט ר די שדים אונ פון דר נעמה קומין ארוים דיא שדים דרום מוז מען זיך מטהר זיין אין וואסר אפ צו טאן איר טומאה :

ת ספר תולדות אדם רבי יצחק זאגט הקב״ה האט גיוויזין אדם הראשון אלי צדרות פון אלי דורות אונ פון אלי מושלים וום וועלן זיין אויף שראל ווי ער הט גיוויזין צו דוד אז ער וועט זיין איין נפל אונ וועט אר ניט לעבין האט ער אים פון זיינע יארין גישענקט זיבעציג יאר דרום האט דוד גיזאגט (תהלים צ״ב) כי שמחתני ה׳ בפעליך דיין ווערק האט יך משמח גיוועזן במעשי ידיך ארנן דען אדם איז גיוועזן דיא מעשה ידיו פון ש״י ווארום אדם האט גידארפט לעבין טויזנט יאר האט ער אים וועק גישענקט זיבעציג יאר אונ אז אדם איז גיקומען צוא דעם דור ון רבי עקיבא הט ער זיך גיפרייט מיט זיין תורה אונ הט זיך מצער יוועזן מיט זיין טויט דען ער איז גיוועזן פון דיא עשרה הרוגי מלכות דאס טייט זה ספר ווארום אז אדם איז גיוועזן אין גן עדן האט אים הקב״ה ראפ גישיקט איין ספר דורך דעם מלאך רז״י ער איז דר ממונה אויף לי סודות עליונים הקדושים אונ דרינין איז גיוועזן ע״ב מיני חכמות וום ען הט ניט מגלה גיוועזן צו די קדושים עליונים אונ אלי ע״ב חכמות איז תם גיוועזן אין דעם ספר ווי דר ספר איז גיקומן צוא אדם האבין זיך צו אים איין גיזאמילט דיא מלאכים עליונים צו הערין אונ צו וויסין די סודות האבין זיי גיזאגט רומה על השמים אלהים על כל הארץ כבודך : באותו שעה איז גיקומין צו אים דר מלאך הדר״י הקודש אונ הט אים גיזאגט דו אדם פאר בארג דעם כבוד פון דיין הערין דו זאלסט נאר אליין לערנין אין אים אזו האט ער אים פר בארגין דער נאך אז ער האט גיזינדיגט אונ הט עובר גיוועזן די מצוה פון זיין הערין איז דר ספר אוועק גיפליגין פון אים האט זיך אדם גקלאפט איז קאפ ארין אונ האט גוויינט אונ איז ארין גיגאנגין אין מי גיחון דאס איז איין טייך פון די פיר טייכן וום גייען פון דעם גן עדן אונ איז גזעסין אין אים ביז אין האלז אונ דס וואסר הט אים גימאכט שפאלטן אין זיין לייב אונ זיין צורה איז נשתנה גיווארין באותו שעה האט הקב״ה מרמז גיוועזן צו רפאל הט ער אים ווידר גיבראכט דס ספר אונ ער הט אין אים גילערינט איז דאס ספר גיגאנגין בירושה צו זיין זון שת ביז צו אברהם אבינו הט ער אויך גילערינט אין אים אונ האט פון דארט גיזעהן דעם כבוד פון הקב״ה אויך הט מען גיגעבין איין ספר צו חנוך וום ער האט דארט גיזעהן בכבוד הקב״ה אונ אלי אוצרות עליונים זענין היינט איבר גיענטפערט צוא אים ער איז אמלאך אונ טוט דאס שליחות פון הקב״ה אונ ער נעמט אלי טאג מאה ברכות אונ איז קושר קשרים צו זיין הארין אונ הקב״ה האט אים ארויף גינומין ער זאל פר אים משמש זיין אזו וויא דר פסוק זאגט כי לקח אותו אלהים בשעת הקב״ה הט אים ארויף גנומין הט ער אים גוויזין כל אוצרות עליונים אונ דעם עץ החיים מיט אלי בלעטר אונ צווייגין דאס זייא זענין גרוסי סודות : זכאין זענין די חסידי עליונים וואס צו זייא איז נתגלה גיווארין די חכמה עליונה אונ עס ווערט פון זיי אייביג ניט פר געסין אזו ווי דער פסוק זאגט סוד ה׳ ליראיו ובריתו להודיעם רבי יצחק זאגט פון שת זענען ארוים גיקומין אלע צדיקים וחסידים דער נאך האבין זייא זיך מתפשט גיוועזן אונ האבין מוליד גיוועזן אונ האבין זיך גילערינט מלאכות די וועלט מכלה זיין מיט כלי זיין שפיזין אונ שווערדן דס דורך דעם הט מען ניט גאקערט אונ גיזייט קיין פעלדר ביז נח איז גיקומען אונ הט זיי מתקן גוועזן דיא כלים פון אקערין אונ דר נאך האבין זייא שון גיאקערט ווארום פריער הט מען גאר ניט גקענט אקערין אפילו זיי זאלין גיוועזן האבין מיט עפים מחמת דיא ערד איז גיוועזן פר שאלטין אז מען האט גיזייט ווייץ האט גיוואקסין דערנר אונ דר נאך שטייט שון עוד כל ימי הארץ זרע וקציר מען האט שוין גיזייט אונ עס האט גיוואקסען תבואה : זאגט רבי אליעזר הקב״ה איז אן גיבערייט צו געבין איין רוח אויף דער וועלט מען זאל אייביג לעבין אזו וויא דר פסוק זאגט ומחה ה׳ אלהים דמעה מעל כל פנים וחרפת עמו יסיר וכו׳ כי פי ה׳ דבר רבי אלעזר זאגט אין די טעג פון דור אנוש זענין דיא לייט זייער קלוג גיוועזן אונ האבין מיט זייערי חכמות גיקאנט אויף האלטין דיא חילות השמים זיי זאלין ניט קענין מיט זייער כח טאן ווארום אז אדם איז פר טריבין גיווארין פון דעם גן עדן הט ער אויף זיך גיצויגען דיא כוחות החיצונים וואס זייא הייסען שרפי אילנות בלעטר פון דעם בוים פון די קליפות וויא ער האט אין דרינין עוסק גיוועזן אזו האבין זיי זיך אין דרינין מדבק אונ עוסק גיוועזן ביז אנוש איז גיקומין אונ הט גיזעהן אז די חכמה איז זייער חשוב אזו האבין זיי אלי אין דרינין עוסק גיוועזן אונ די חכמה הט זיך מתפשט גיוועזן ביז דעם דור המבול אונ אלע זייערע מעשים איז אלין גיוועזן צוא

שלעכן

שלעכין אונ אז נח הט זיי גישטראפט זיי זאלין תשובה טאן האבין זייא זיך גישטארקט אנטקעגן אים מיט זייערע חכמות אונ האבין גיזאגט דר מדת הדין קען אין זייא ניט שולט זיין ווייל זיי קענין מיט זייערי חכמות דוחה זיין אלי בעלי דינים דס זיי זאלין אין זייא קיין דין ניט טאן אונ פון דור אנוש האבין זייא אן גהובין עוסק זיין אין דער חכמה דרום זאגט דער פסוק אז הוחל לקרא כולם בשם ה׳ רבי יצחק זאגט אלי צדיקים וואס זענין גיוועזן אין דר צייט האבין אין זיי גיווערט היינו ירד מתושלח חנוך אונ זיי האבין די צדיקים ניט גיהערט ביז עס הט זיך פון זיי מתפשט גיוועזן אזעלכי רשעים וואס האבין מורד גיוועזן אין זייער הארין אונ האבין גיזאגט מה שדי כי נעבדנו ווי קומט עס צו זייא זיי זאלין ריידין אזעלכי נארישקייט אז מען זאל ניט דינין צו הקב״ה נאר זייא האבין גיוויסט מיט זייער חכמה אלי שרים וממונים של מעלה אויף וואס איטליכר איז ממונה אפילו די קינדער האבין גוויסט איטליכן מלאך אויף וואס ער איז גיזעצט אויף פייער אדר וואסר האבן זיי זיך פר זיכערט אז הקב״ה וועט וועלין ברענגן אויף זיי דעם מבול וועלין זיי משביע זיין די שרים וממונים אויף צו האלטין עס זאל אויף זיי ניט קומן דרום האבין זייא ניט גקוקט אין דעם וועג פון השי״ת אונ האבין ניט פר שטאנין אז הקב״ה איז איין מושל איבר אלי אונ פון אים קומט דר דין אויף דר וועלט אונ זיי האבן גימיינט אז עס איז אלין גיוועזט אין די שרים ומלאכים ביז הקב״ה הט אים גקערט די וועלט צוא וואסער אזו ווי זי איז פריער גוועזן אונ האט פארט די גאנצע וועלט ניט חרוב גימאכט ער האט משגיח גיוועזן אויף איר ברחמים אזו וויא עס שטייט ה׳ למבול ישב שטייט דער שם פון רחמים אונ שטייט אלהים דר שם פון דין · השי״ת האט אויף זיי גיבראכט דעם מבול ביז די ערד איז פר דארבין גיווארין אונ דר רוח הקודש האט אויס גירופן אלי טאג יתמו חטאים מן הארץ ורשעים עוד אינם אונ הקב״ה הט זיי גיווארט אונ מאריך גיוועזן איבר די צדיקים וואס עס איז צווישין זיי גיוועזן ירד מתושלח חנוך נאך זייער טויט הט ערשט הקב״ה גינידערט דעם דין אויף דער וועלט זענען זיי פאר לארין גיווארן אזו ווי דער פסוק זאגט וימחו מן הארץ :

ויתהלך חנוך את האלהים ואיננו כי לקח אותו אלהים רבי יוסי הט אן גיהויבן עס שטייט עד שהמלך במסבו נרדי נתן ריחו דעם פסוק הט מען שוין מפורש גיוועזן · אבר קום אונ זעה אזו איז דר סדר פון הקב״ה בשעת דר מענטש איז זיך מדבק אין הקב״ה אונ הקב״ה מאכט זיין וואונוג אויף אים אונ אז הקב״ה וויסט ער וועט דר נאך זינדיגין איז הקב״ה זיך מקדים אונ נעמט אים אוועק פון דער וועלט פר דר צייט אונ נעמט אים אוועק דעם ריח הטוב דרום שטייט עד שהמלך במסבו אז הקב״ה רועט נאך אויף דעם מענטשן וואס ער איז זיך מדבק אין אים נרדי נתן ריחו דס זענין זייני מעשים טובים דאס איבר זיי מוז ער אוועק גיין פון דר וועלט פאר זיין צייט כדי ער זאל ניט זינדיגין אונ אויף דעם הט שלמה גיזאגט יש הבל שנעשה על הארץ אשר יש צדיקים שמגיע אליהם כמעשה הרשעים עס איז פר האנדן צדיקים וואס עס פירט זיך מיט זיי אזו וויא מיט רשעים דאס זייא מוזין שטארבן פר דר צייט איבר זייערי מעשים טובים ווייל הקב״ה הט זיי ליב נעמט ער זיי אוועק כדי זיי זאלין ניט זינדיגן ויש רשעים שמגיע אלהים כמעשה הצדיקים עס איז פר האנדן רשעים וואס הקב״ה דר לענגערט זייערי טעג אונ טוט זיי ניט קיין שלעכץ עס איז אלץ לטובה כדי זיי זאלן תשובה טאן אדר עס וועט

פון זייא ארויס קומין איין זרע כשר · קום אונ זעה חנוך איז גי[...]
איין צדיק אונ אז הקב״ה האט גיזעהן דאס ער וועט לבסוף זינד[...]
דרום הט אים הקב״ה אוועק גינומין דרום זאגט דר פסוק דודי ירד [...]
הקב״ה נידערט אין זיין גן עדן ללקוט שושנים אויס צו קלויבין דיא ר[...]
וואס זיי שמעקין אצונד קלויבט ער זייא אויס פון דר וועלט כדי ז[...]
זאלין ניט זינדיגין דרום שטייט ביי חנוך ואיננו כי לקח אותו אלהים ער [...]
ניט לאנג גילעבט ווי אנדרי מענטשין רבי אלעזר זאגט הקב״ה [...]
ארויף גינומן חנוך צו זיך אונ האט אים גימאכט פאר איין מלאך [...]
הייסט מט״ט שר הפנים אונ הט אים מוסר גיוועזן אלי אוצרות אונ סוד[...]
עליונים אונ צוויי אונ פערציג שליסלן פון סודות זענין נמסר גווא[...]
אונ זייני הענט אונ דס איז טייטש ואיננו ער איז ניט גישטארבין ו[...]
אלי מענטשין נייערט הקב״ה האט אים ארויף גיבראכט אויף ד[...]
הויבין הימעל אונ האט אים גימאכט פאר איין שר עולם איב[...]
אלע מלאכים :

וירא ה׳ כי רבה רעת האדם וגו׳ רק רע כל היום רבי יהודה הייבט אן [...]
שטייט כי לא אל חפץ רשע אתה לא יגורך רע דעם פסוק הט מען ש[...]
מפורש גיוועזן אבר קום אונ זעה ווער עס איז זיך מדבק אין דעם [...]
הרע אונ ציהט זיך נאך אים ווערט ער טמא אונ מען איז אים מט[...]
זיי האבן אלי שלעכץ גיטאן פון דעסט וועגין איז ניט גשטילט גווא[...]
זייער שלעכץ ביז זיי האבן שופך דם גיוועזן אום זיסט דאס זיי הא[...]
זיך מטמא גיוועזן דרום שטייט רק רע כל היום עס איז ניט נגזר גיווא[...]
זייער דין נאר אויף דעם רע אזו ווי עס שטייט ויהי ער בכור יהודה רע בעיני [...]
מיינט מען דאך דארטין ער הט זיך מטמא גיוועזן אזו דעם רע מיי[...]
מען אוך אזו · פרעגט רבי יוסי וואס איז דער חילוק פון רשע צו [...]
אמער איין רשע איז דאך איין רע · זאגט רבי יהודה רשע דיי[...]
אפילו ווען ער הייבט נאר אויף די האנט אויף זיין חבר דרום הא[...]
משה גיזאגט רשע למה תכה רעך דו ווילסט שלאגין דיין חבר ביסטו [...]
איין רשע אבר רע הייסט דר וואס איז זיך מטמא ער גייט ניט אר[...]
פר הקב״ה בהיכל המלך אונ איז ניט זוכה צו זעהן פני השכינה [...]
איז זיך מטמא אונ גיט איין כח צו דר טומאה וואס הייסט רע אזו [...]
עס שטייט רק רע כל היום מיר זעהן בשעת יעקב אבינו האט גיווא[...]
בענטשין די קינדער פון יוסף הט זיך די שכינה פון אים אפ גיטאן [...]
ער גימיינט אז עס איז חס ושלום דא איין פסול אין זייני קינדער [...]
דורך דעם הט זיך דר רוח הטומאה אין זיי גישטארקט מכל שכן [...]
וואס איז זיך מטמא טוט זיך בוודאי די שכינה פון אים אפ טאן · ק[...]
אונ זעה אז דר מענטש איז זיך מטמא ווערט ער ניט גידאכט פ[...]
הקב״ה צו גוטן נאר תמיד ווערט ער גדאכט צו שלעכץ דרום שטי[...]
(משלי יט) ושבע ילין בל יפקד רע אז ער איז זאט מיט דער תורה אונ ט[...]
מעשים טובים ווערט ער ניט גדאכט צו שלעכץ דרום שטייט דא[...]
רע כל היום ער הייסט רע אונ ניט רשע אונ עס שטייט גם כי אלך ב[...]
צלמות וגו׳ :

וינחם ה׳ כי עשה את האדם בארץ וגו׳ רבי יצחק הייבט אן עס שטי[...]
(ישעיה ה׳) הוי מושכי העון בחבלי השוא דאס זענין דיא לייט וו[...]
זינדיגין פאר זייער הערין אלי טאג אונ אין זייערע אויגין איז ד[...]
גירעכינט וויא אפאלש שטריקיל פון פאוויטיניא אונ מיינען [...]
הקב״ה איז ניט משגיח דריגען אונ זייא זינדיגען אזו פיל ביז זי[...]
מאכין דעם חטא שטארק אונ גראב אזו ווי איין גראבר שטריק [...]
איין

ין וואגין וואס ער קאן ניט צו ריסן ווערין · קום אונ זעה אז הקב"ה
ט איין דין אין די רשעים חאטשי זיי זינדיגן פר אים זייער פון דעסט
ען איז ער זיך אויף זיי מרחם אונ גדענקט אז זיי זענן זייני מעשה
יו דם ער הט זיי בשאפן אונ איז זיי מאריך אף אונ ווארט זיי אונ
ט חס אויף זייא · וינחם ה' על הרעה אשר דבר לעשות לעמו רבי יוסי זאגט
עם פשט לטובה ווייל זיי זענן מעשה ידיו דרום הט ער אויף זיי חס
תעצב אל לבו ווייל זיי האבן גזינדיגט פר אים · אונ רבי חזקיה זאגט
ה לרעה ווען הקב"ה וויל פר לירין די רשעים פון דר וועלט איז ער
כביכול מקבל תנחומים אויף זיי גלייך ווי זיי זענן פר לארין גווארן אונ
ער איז שוז מקבל תנחומים העלפט שוין קיין תשובה ניט אבר
ייער העלפט יוא תשובה · רבי חייא זאגט וינחם ה' ער הט זיך מנחם
ין משמח גוועזן וואס ער הט בשאפן דעם מענטשין אויף דער וועלט
ין דעם גשטאלט פון די מלאכים פוז אויבין דם די מלאכים האבן
ים אפ גגעבין כבוד אזו ווי צו הקב"ה כביכול אזו ווי עס שטייט אין
הלים ח) ותחסרהו מעט מאלהים וכבוד והדר תעטרהו אונ אז ער הט גזינדיגט
ט ער זיך כביכול מצער גוועזן ויתעצב אל לבו ווייל די מלאכים האבן ניט
ואלט מסכים זיין אויף דער בריאה פון דעם מענטשין אונ האבין
אגט מה אנוש כי תזכרנו אונ היינט האבן זיי איין פתחון פה זיי האבין
עכט גזאגט· רבי יצחק זאגט ויתעצב אל לבו הקב"ה איז זיך ניט משמח
ער טוט איין דין אין דיא רשעים אונ דרום שטייט בצאת לפני החלוץ
דו לה' כי לעולם חסדו אונ עס שטייט ניט כי טוב ווייל הקב"ה איז זיך ניט
שמח אין דר מפלה פון די רשעים אונ דרום האבן די מלאכים קיין
ירה ניט גזאגט בשעת די מצרים זענען דער טרונקען גווארין דען
ם שטייט אין (שמות כ"ד) ולא קרב זה אל זה כל הלילה דאס מיינט מען דיא
לאכים האבין ניט גינעהענט שירה צוא זאגין ווארום הקב"ה האט
זאגט מיין מעשה ידי ווערין דר טרונקן אונ איר ווילט זאגין שירה·
רום אז אדם האט גזינדיגט איז הקב"ה כביכול גוועזן אין עצבות אונ
אט גזאגט צו אים דו אדם האסט גמאכט שלאף דעם כח העליון
אותו שעה איז זיין ליכט פינצטער גווארין אונ הקב"ה האט אים פר
דריבין פון דעם גן עדן אונ האט אים גזאגט איך האב דיך אריין
בראכט אין גן עדן לעבדה ולשמרה דו זאלסט מקריב זיין קרבנות צום
וף האסטו פוגם גוועזן אין דעם מזבח אונ האסט ניט מקריב גוועזן
ון היינט אונ ווייטר זאלסטו זיין לעבוד את האדמה אונ הט אויף אים
זר גוועזן מיתה אונ פון דעסט וועגן אז ער איז גשטארבן הט הקב"ה
ים בהאלטין אין דר מערת המכפלה וואס איז ניט ווייט פון דעם גן
דן אונ אז אדם הט גוואוסט אז עס איז ניט ווייט פון דעם גן עדן הט
ר גימאכט די מערה כדי ער מיט חוה זאלין דארטין ליגין ער הט
ארטן גזעהן אז אקליין ליכט גייט אריין פון דעם גן עדן אזו הט ער
ר צו גיגלוסט דען דארטין איז נאהענט צום גן עדן קום אונ זעה עס
ערט ניט אפילו איין מענטש אפ גיטאן פון דר וועלט ביז ער זעהט
ריער צו אדם הראשון אונ אדם פרעגט אים פר וואס גייסטו אוועק
ון דער וועלט ענטפערט ער אים איבר דיר ווייל דוא האסט גורם
וועזן מיתה צו דער וועלט זאגט ער מיין קינד איך האב נאר איין
בירה גטאן אונ בין דרויף גשטראפט גווארן מכ"ש דו האסט גטאן
מה וכמה עבירות זאגט רבי חייא נאך עד היום שטייט אדם אלי טאג
ונ זעהט די אבות צווייא מאל אין טאג אונ איז פאר זייא מתודה
ויף זיין חטא אונ חייזט זיי דאס ארט וואס ער הט גהאט אין גן עדן

אין העכסטן כבוד אונ ווייזט אלי צדיקים וחסידים וואס זענן פון אים
ארויס גיקומען אונ זיי ירשינען דעם כבוד גדול אין גן עדן אונ אלי
אבות זאגין מה יקר חסדך אלהים ובני אדם בצל כנפיך יחסיון זאגט רבי יוסי די
גאנצע וועלט איידר זייא שטארבין מוזין זייא זעהען דאס פנים פון
אדם הראשון · צו ווייזין עדות אז זייער טויט איז פר זייערע חטאים·
ניט בחטא אדם הראשון אזו ווי מיר האבין גילערינט אין מיתה בלא חטא
קיין שום מענטש שטארבט ניט אן חטאים נאר דריי מענטשין זענען
גשטארבין מחמת דער עצה רעה פון דעם נחש הקדמוני · אונ די
זענן זייא · עמרם דר פאטער פון משה · אונ לוי ובנימין אונ אטייל זאגין
ישי דר פאטר פון דוד המלך· זיי האבן נאר ניט גזינדיגט נאר מחמת
עס איז נגזר גווארין מיתה אויף דר וועלט מחמת דעם נחש הקדמוני
זענן זיי אויך גישטארבין · קום אונ זעה דר דור פון נח האבין גיטאן
זייערע חטאים בפרהסיא פר אלי · רבי שמעון איז אמאל גיגאנגען
אין דיא טויערן פון טבריא האט ער גיזעהן אז די מענטשין זענען
זיך מטמא אזו וויא דער דור המבול זאגט רבי שמעון ווי קומט דם
אז זייא זאלין אזוא דער צערנען זייער הערין אפינטליך · האט ער
גיגעבין זיינע אויגין אויף זייא זענען זייא אריין גיווארפן גיווארין אין
ים דורך אווינט · קום אונ זעה אלע זינד וואס ווערין גיטאן אפינטליך
זענען זייא דוחה דיא שכינה פון דר וועלט · דר דור המבול האבין
זיך גיהאלטין בנאוה אונ האבין גיזינדיגט בפרהסיא אונ האבין דוחה
גיוועזן די שכינה פון דר וועלט ביז הקב"ה האט זיי דוחה גיוועזן פון
דער ערד דרום שטייט אין משלי הגו רשע לפני מלך הגו סיגים מכסף וגו'
הנפילים היו בארץ בימים ההם רבי יוסי זאגט דאס זענען עזא ועזא"ל זייא
זענען גיוועזן פון דיא מלאכים אויף זיי שטייט ועוף יעופף על
הארץ אונ אז זייא האבין מורד גיוועזן אין הקב"ה האט ער זייא אראפ
גיווארפין פון זייער קדושה עליונה אונ זענען גראב מגושם גיווארן
אין דעם אויר פון דער וועלט אז זייא קענען שוין זיך ניט אויס טאן
פון זייער מלבוש וואס זיי זענן דרינען אן גיקלייד גיווארין אין דעם
גישטאלט פון דר וועלט דער נאך האבין זייא זיך טועה גיוועזן נאך
דיא נשים יפות אונ האבין מזנה גיוועזן זייא זענען נאך פאר האנדין
עד היום זיי האבן גהאט קינדר וואס הייסין בני אלהים ענקים גבורים:
מדרש רות · ויראו בני אלהים את בנות האדם רבי חנינא זאגט דאס זענען עזא
ועזא"ל דם זיי האבין מקטרג גוועזן אויף מענטשן הט זיי הקב"ה
אראפ גינידערט אונ זענן פר גרעבט גיווארן אין דעם אויר פון דער
וועלט אונ ביי אלי מלאכים איז ניט אזו חאטשי אז זיי קומען אוך אויף
דר וועלט מוזין זיי זיך אויך אן קליידין מיט דעם אויר פון דר וועלט
אבר דר נאך טוען זיי זיך דר פון אויס אבר די מלאכים האבין זיך
אזו פר גרעבט אז זיי קענען זיך שון ניט אוס טאן דר פון · רבי קסמא
זאגט עס שטייט עושה מלאכיו רוחות משרתיו אש לוהט עס איז פר האנדן
מלאכים פון רוח אונ מלאכים פון אש אונ פון דעסט וועגין זענן זיי
שלום צווישין זיך אונ אז זיי קומען אראפ מיט די צווייא סודות אויף דר
וועלט ווערין זיי פר גרעבט מיט דעם אויר אונ אז זיי זענן אונטן זיבן
טאג כסדר קענן זיי ניט ארויף גיין אונ דרום שטייט ויראו בני אלהים את
בנות האדם ווארום שטייט כי טובות הנה דם מיינט מען זייער שיינקייט איז
גיוועזן אזו וויא דאס ליכטיקייט פון אויבין אז זיי האבין דא גיוואונען
קינדר הט זיי הקב"ה גנומען אונ הט זיי אריין גבראכט אינטר דיא הרי
חשך דם זיי הייסן הררי קדם אונ הט זיי אן גבונדן מיט אייזערני קייטן

אונ

אונ די בני קין זענן איין גזונקין גווארן אין תהום רבה בלעם הרשע הט גזאגט מן ארם ינחני בלק מלך מואב מהררי קדם אונ אזו ווי זיי האבין תחילת מורד גיוועזן אין הקב"ה אזו זענן זיי היינט אויך נאך מורד אונ לערנן כישוף אונ זענן מכחישים פמליא של מעלה אונ ווען זיי זאליז ניט זיין פר שלאסין אין די אייזרני קייטין וואלטן זיי חרוב גמאכט די וועלט אונ דארטין אין די הרי חושך ציהען זיי זייער חיות פון צפון זייט דאס פון דארטין האבין אלי קליפות חיות:

ויאמר ה' אמחת את האדם רבי יוסי הייבט אן עס שטייט (ישעיה נה) כי לא מחשבותי מחשבותיכם קום אונ זעה אז אמענטש וויל זיך נוקם זיין אין דעם אנדערין שווייגט ער אונ זאגט ניט פריער אוים כדי יענער זאל זיך ניט היטן פר אים אבר הקב"ה איז ניט אזו ער טוט ניט קיין משפט אויף דר וועלט ביז ער רופט פריער אוים אונ איז מודיע צו אלי • ווארום קיינר קען אים ניט ווערין ער זאל ניט טאן אונ קיינער קען זיך ניט היטן פר הקב"ה ווארום מען קען ניט בשטיין אנטקעגן אים • הקב"ה הט גזאגט צו נח אמחה את האדם ער הט זיי מודיע גיוועזן דורך נח אונ הט זיי התראה גטאן עטלכי מאל אונ זייא האבין ניט גוואלט פאלגין דר נאך הט ער אויף זיי גבראכט דעם מבול זענן זיי פאר לארן גווארין פון דר וועלט:

ויקרא את שמו נח לאמר זה ינחמנו רבי יוסי זאגט חן איז די אותיות פון נח ביי די צדיקים ווייזט זייער נאמן אויף גוטץ פון נח איז גווארן מצא חן אונ ביי די רשעים ווייזט זייער נאמן אויף שלעכץ אזו וויא עס שטייט ויהי ער בכור יהודה רע בעיני ה' איז פון דעם נאמן ער גווארן רע אז נח איז גבארין גווארין הט ער גזעהן אז די לייט זענן גרוסי רשעים הט ער זיך פון זיי פר בארגין אונ הט דארטן גידינט השי"ת ער הט גלערינט אין דעם ספר פון אדם הראשון אונ פון חנוך • קום אונ זעה ווי אזו הט נח גיוואוסט אז מען דארף מקריב זיין קרבנות נאר ער הט גלערינט אין די ספרים הט ער דארטין גפונען מיט זיין חכמה אז דיא וועלט הט נאר אקיום אויף די קרבנות אונ ווען די קרבנות זאלין ניט זיין וואלט די וועלט קיין קיום ניט גהאט אונ די עליונים וואלטן אויך קיין קיום ניט גיהאט:

## מדרש הנעלם

בראשית ברא אלהים וגו' רבי יוחנן הייבט אן עס שטייט בחכמה יבנה בית אמענטש דארף צוא זיין איין חכם אויף דער וועלט היינו פריער בויען אשטוב דר נאך פלאנצן אויין גארטין ער זאל האבין פרנסה דר פון דער נאך זאל ער נעמן אווייב מיט איר האבן קינדר וועט ער זיי דר מיט מפרנס זיין • ניט אזו ווי די שוטים וואס טוען פר קערט • דען רבי סימון הט גזאגט דר וואס נעמט פריער אווייב אונ הט זיא ניט מיט עפיס מפרנס צו זיין הייסט ער פרייא פון מצות אזו ווי דר פסוק זאגט במתים חפשי ווארום וויל ער דארף תמיד נאר עוסק זיין אין דער פרנסה • ניט בעבודת הבורא איז ער פרייא פון מצות אזו ווי איין מת • רבי יהודה זאגט עס איז גלייך ווי ער נעמט איין אפ נאט צו זיך • דען רבי יהודה הט גזאגט תחילת פלעגין דיא חכמים חסידים נעמן ווייבר • אונ פלעגן פארט אוועק לאזין חיי עולם הזה אונ האבן עוסק גוועזן בתורה ובמצות אין עבודת הבורא אבר בזמן הזה דם די וועלט איז טרוד נאך פרנסה דרום מוז דר מענטש פריער בויען אשטוב אונ אן גרייטן פון וואנען ער זאל פרנסה געבין זיין ווייב



אונ קינדר אונ דר נאך זאל ער נעמן איין ווייב אזו קען ער דינן הערין אונ עוסק זיין בתורה אזו ווי די חכמים האבן גזאגט אם אין [...] אין תורה: רבי יהודה זאגט אז אמענטש נעמט איין ווייב הייסט [...] עבד ה' דען זיין הארץ איז שון ריין פון עבירות ער דארף ניט קו[...] אויף קיין פרעמדי ווייבר אונ איז מקיים ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עי[...] אשר אתם זונים אחריהם דרום גיהער דער מענטש פריער בויען איין [...] אונ זיך זעהן איין פרנסה אונ דר נאך נעמן איין ווייב • מיר זעהן [...] הקב"ה הט פריער בוואט די וועלט אונ הט זיא גיגרונד פעסט[...] אונ הט אן גגרייט אלערליי פרנסות בהמות חיות עופות פיש יר[...] ביי דר נאך הט ער דעם מענטשן בשאפן מיט זיין ווייב • אונ [...] הט גוואונען קינדר אונ הט גמאכט איין ישוב אויף דר וועלט אין [...] בית וום הקב"ה הט גבואט אונ דרום שטייט בראשית דאס מאכט [...] ראש אונ איטליכר מענטש גהער זעהן אז ער זאל זיך קובע זיין צ[...] צו דר תורה חאטשי ער איז עוסק בדרך ארץ ומלאכה אדער [...] ומתן פון דעסט וועגן זאל ער זיך מאכין אלי טאג איין צייט צו לע[...] שיגיעת שניהם משכחת עון • אויב אמענטש וויל זאגין איך בין איין [...] פון אגרויסר משפחה עס איז ניט שיין איך זאל טאן אמלאכה • ד[...] הט זיך הקב"ה גפעדרט אונ הט אליין גטאן אמלאכה אזו וויא [...] שטייט בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ דרום גיהער מען זיך [...] לערנן פון השי"ת אויך צו טאן אמלאכה • אונ דרום הט ער בשא[...] אדם צום הינטרשטין אז ער הט שון אלץ גמאכט שמים וארץ וכל צ[...] ער הט אים גזאגט ביז אהער האב איך עוסק גוועזן במלאכה אונ [...] היינט אונ ווייטר זאלסט דוא שוין עוסק זיין במלאכה דרום שט[...] בראשית צום ערשטן איידר ער הט בשאפן איין מענטשן ברא אלהים [...] גאט אלדינג בשאפן • רבי יוחנן זאגט נאך וום איז דר מענטש בש[...] גווארין בצלם אלהים אזו וויא עס שטייט ויברא את האדם בצלמו עס [...] איין משל צו איין מלך וום ער איז מושל אויף איין מדינה האט [...] גבויט אלערליי בנינים אונ אפ נאסין צו דער שטאט אונ דיא גא[...] מדינה איז משועבד גוועזן צו אים אמאל הט ער צום הויף גירופן [...] גאנצי מדינה אונ הט איבר זיי געזצט איין שר אונ האט זיא גה[...] ביז אהער האב איך מיך מטריח גוועזן צוא אלי אייערי בדערפ[...] פר ריכטין צו מאכן טירן שלעסר אפ גאסין פון היינט אונ ווייטר [...] דר שר גלייך אזו ווי איך ער וועט מושל זיין אויף דער מדינה ג[...] ווי איך צו בויען אונ אויך אלי זאכין דר נאך האט ער דעם שר א[...] אזו אן גזאגט ער זאל משגיח זיין אויף דר מדינה צו בויען אונ [...] פר ריכטן די שלעסר פון דר מדינה אונ אלץ זאל צוא אים משוע[...] זיין אונ מען זאל פר אים מורא האבין אזו וויא פר דעם מלך א[...] אזו אויך הט הקב"ה אן גזאגט בשעת ער הט בשאפן אדם הרא[...] אונ דרום שטייט ומוראכם וחתכם יהיה על כל חית הארץ דרום שטייט א[...]

בצלם אלהים עשה את האדם:

רבי יוחנן איז גגאנגן פון קיטור קיין לוד אונ רבי חייא בר אבא [...] אויך גוועזן מיט אים זענין זיי גיקומן צו איין פעלד זאגט רבי יוחנן [...] פעלד איז גיוועזן מיינס האב איך עס פר קופט כדי איך זאל דר [...] זוכה זיין צו דר תורה זאגט רבי חייא, אונ ווינט פר וום האסטו [...] דיר ניט גילאזט אויף דיין עלטר זאגט ער איך האב פר קופט א[...] וום איז בשאפין גווארן אין זעקס טאג אונ האב דר פר גקופט א[...] וום איז בשאפין גיווארין אין פערציג טאג אזו ווי דר פסוק זאגט [...]

ה כתר ארבעים יום וארבעים לילה אונ איך האב מיר גיקויפט חשובי זאכן
ב גרויסי דס איז עצת תושיה חכמה וגבורה אזו ווי דר פסוק זאגט לי עצה
שיה אני בינה לי גבורה אז רבי יוחנן הט גילערינט תורה הט זיין פנים
ויכטין וויא די זון אויף אים הט מען גרייענט דעם פסוק ואוהביו כצאת
מש בגבורתו רבי יצחק זאגט דיא תורה הייסט תושיה דס איז טייטש
לאף דען זיא מאכט דעם מענטשין שלאף דאס איז אז ער הייבט
רשט אן צו לערנין אבר אז ער לערינט שון שטייט לי גבורה דען צום
שטין מוז ער מלחמה האלטין מיט דעם יצר הרע אונ מוז זיך
יניגיז זיין גוף אונ זיצן אין בית המדרש ביז ער ווערט גוואנט מיט
רה אונ חכמה אונ מעשים טובים בקומט ער די גבורה צו האלטן
מלחמות ה׳ אזו ווי דר פסוק זאגט על כן יאמר בספר מלחמות ה׳ :

אמר אלהים יקוו המים מתחת השמים אל מקום אחד ותראה היבשה רבי תנחום
הייבט אן עס שטייט הצדיק אבד ואין איש שם על לבו אנשי החסד נאספו
ן מבין כי מפני הרעה נאסף הצדיק מיר האבין גלערינט אז הקב״ה ועהט
עס איז ניט דא קיין צדיקים אויף דער וועלט אונ עס איז דא פיל
שעים דענסט מאל טוט ער איין דין אין זיי זאגט רבי תנחום אזו ווי
מעשה הגוף איז מיט דר נשמה אזו טוט הקב״ה מיט דער וועלט
ן אז דר מענטש זינדיגט נעמט ער ארויף זיין נשמה אזו אוה דר
יק איז דיא נשמה פון דעם רשע דרום נעמט צוא הקב״ה דעם
יק וואס ער איז די נשמה דס מיינט דר פסוק יקוו המים אל מקום אחד
ס מיינט מען די צדיקים זיי זאלן איין גיטאן ווערין צו יענר וועלט
איז איין מקום מיוחד צו דר נשמה אזו בלייבט דר גוף טרוקין אן
ר נשמה ותראה היבשה דיא רשעים וועלין שון ווערן אן גזעהן צו דין
ארום עס איז שון קיינר ניט דא ער זאל אויף זייא מגין זיין אונ קיין
עשים טובים האבן זיי אודניט עס זאל אויף זיי מגין זיין דרום ווערין
גיזעהן : אויך שטייט אז אהרן איז גשטארבין ויראו כל העדה כי גוע
ן לייען ניט ויראו נאר ויראו זיי זענען וואורין גיזעהן דען דר מגין
ז גשטארבין וואורום כל זמן די צדיקים זענין אין דור קען דר מדת
ין אין זיי ניט שולט זיין אזו וויא דר פסוק זאגט ויאמר להשמידם לולא
ה בחירו וגו׳ אונ ווען הקב״ה טוט איין דין אין די רשעים נעמט ער
ייער אוועק די צדיקים עס איז אמשל צו איין עשיר ער האט איין
רטין אמאל איז ער ארײן גיגאנגין אין גארטין האט ער גיזעהן
רטין דערנר הט ער זיי גהייסין אפ האקין דר נאך הט ער דארטין
זעהן שייני רויזין וואקסין זאגט ער פון וועגין דיא רויזין וועל איך
ן דארטן לאזין די דערנר אויך שטיין · דר נאך אז די רויזין האבין
גהויבין זייער שמעקין הט ער זיי אויס גריסין אז ער האט זיי שוין
ים גריסין זאגט ער אצונד איז שון צייט אז מען זאל די דערנר אויס
יסין פון דאנין אזו אויך די צדיקים אז זיי ווערין אפ גיטאן פון די
שעים טוט ערשט הקב״ה איין דין אין די רשעים דאס מיינט דער
פסוק דודי ירד לגנו לערוגת הבושם לרעות בגנים וללקוט שושנים :

אל ר׳ יצחק הט גיפרעגט צו רבי אלעזר אז זיי זענין גיגאנגין אין דר
מדבר אונ האט אים גיזאגט איך וועל דיך איין שאלה פרעגין
ר דו זאלסט מיר הייסין האט ער צוא אים גיזאגט פרעג דען דו
סט כדאי צו פרעגן וואס דו ווילסט הט ער אים גפרעגט עס שטייט
אלהים כי טוב איז משמע אז ער הט שון אלדינג בשאפין הט ער
שט גזעהן אז עס איז גוט אונ פריער הט ער חס ושלום ניט גוויסט
עס איז גוט זאגט רבי אלעזר דס איז איין אזהרה צו מענטשין אז
אמענטש וועט לערנין במעשה בראשית דיא מעשים פון איטליכן
טאג וועט ער וועלין פרעגין ווארום דס איז אונ דס איז דרום שטייט
וירא אלהים כי טוב עס איז השי״ת אזו וואל גיפעלין בדארפסטו ניט פרעגן
דרויף · אויך לערינט אונז דיא תורה דרך ארץ אז אמענטש זאל זיך
ניט בארימן מיט זיין זאך איידר עס ווערט פארטיג דען טאמר וועט
אין דרינן זיין אחסרון וועט ער בלייבן אליגנר דרום חאטשי השי״ת
הט דאך פריער גוויסט אז עס איז גוט הט ער פארט ניט גישטעלט
אז עס איז גוט ביז ער הט עס גומר גיוועזן · אזו גפינן מיר כמה מאל
אין דער תורה אויך בייא סדום שטייט ארדה נא ואראה חאטשי הקב״ה
האט אלץ גיוויסט אונ הט ניט גידארפט אראפ נידרין שרייבט אונז
די תורה כדי מען זאל זיך פון אים אפ לערנען דען דס בית דין זאל
ניט פסקנן איין דין דורך זייער שכל נייערט רעכט חוקר ודורש זיין
אזו ווי דר פסוק זאגט ודרשת וחקרת ושאלת היטב · אין דעם איז אן גקומן
רבי אבא פרעגין זיי אים די שאלה הט ער זיי גזאגט דרום שטייט וירא
אלהים כי טוב דען ער הט אלץ גימאכט דורך זיין גיבאט היינו די ערד
זאל טאן איר זאך · דס וואסר זאל טאן זיין זאך אונ אז זיי האבן גטאן
זיין רצון שטייט וירא אלהים גאט האט גזעהן כי טוב אז זייא האבין גוט
גיטאן זיי האבין אים גיפאלגט דרום שטייט וירא אלהים את כל אשר עשה
והנה טוב מאוד ער הט גזעהן אז אלי זאכין וואס ער האט בשאפין איז
גיוועזן זייער גוט צוא שטין אין זייער בשטאנד אזו וויא היינט זאלין
ניט משנה זיין :

תנו רבנן דיא רבנן האבין גילערינט אלע טאג גייט ארוים אכרוז אונ
זאגט דר וועקט זיך בני קדושים עליונים אונ טוט די עבודה צו אייער
הערין דס ער הט אייך געבן אנשמה הקדושה וואס זי איז אפ גשייד
גיווארין פון דעם כסא הכבוד רבי אלעזר זאגט עס שטייט ויפח באפיו
נשמת חיים דס די נשמה הקדושה וואס זי קומט פון דעם כסא הכבוד ·
ביי אדם שטייט ויהי האדם לנפש חיה דאס נפש חיה איז נאר איין נפש
וואס עס איז בשאפין גיווארין פון דער ערד ניט פון דעם כסא הכבוד
דען די תורה קלאגט זיך אויף אים אונ זאגט הקב״ה הט אים גגעבן
איין נשמת חיים הקדושה כדי ער זאל האבען חיי העולם הבא צום
סוף הט ער פר זינדיגט אונ איז נאר גבליבין ביי דעם נפש חיה וואס
איז פון דר ערד דרום קלאגט די תורה נאך אזו אנשמה וואס ער הט
גידאט זאל ער היינט נאר האבין אנפש חיה אונ הקב״ה זאגט דיא
אדם איך האב דיר גיגעבין איין נשמת חיים דען זי גיט חיים צו אירי
בעלים דס זיא איז בשאפין גיווארין פון מיין כסא הכבוד אונ דורך
דייני חטאים ביסטו נאר גיבליבין בייא דעם נפש חיה וואס זיא איז
בשאפין גיווארין פון דר ערד חייד שווער איך ביי דיין לעבין אז דער
וואס וועט עוסק זיין אין דער תורה אונ וועט זיא היטין וועל איך אים
געבין די חשובי נשמה וואס זי איז פון מיין כסא הכבוד אונ גיט חיים
צו זיין הערין אונ דער וואס וועט ניט היטין דיא תורה וועט ער נאר
האבין אנפש חיה וואס זיי האבען זיך אוים דר ווילט דס זיי ווערין
פר לענד מיט איר דרום זאגט קהלת מי יודע רוח בני האדם העולה היא למעלה
דאס איז דיא הייליגי נשמה דס זיא גייט ווידר ארויף למעלה פון דיא
צדיקים וואס זיי הייסין אדם ורוח הבהמה היורדת למטה לארץ דס איז די נפש
חיה וואס ער איז בשאפין גיווארין פון דער ערד · זאגט רבי אלעזר
ביז דרייצין יאר הט דר מענטש נאר דעם נפש חיה דר נאך איז ער
זוכה גיט מען אים דיא נשמה הקדושה וואס זי איז מכסא הכבוד

רבי שמעון האט אמאל גמאכט אגרוסי סעודה אונ הט גרופין אויף
דר סעודה חכמי המשניות אונ פיל תנאים אונ הט בדעקט דיא
שטוב מיט טייערי כלים דר נאך הט ער גזעצט די רבנים אויף איין
זייט אונ הט זיך גזעצט אויף דר אנדרר זייט אונ איז זייער פריילך
גיוועזן האבין אים די רבנים גיפרעגט ווס ביסטו היינט מער פריילך
פון אלי טעג הט ער זיי גיזאגט היינטיגן טאג נידרין אראפ נשמות
קדושות אויף די ארבע כנפות החיות צו מיין זון רבי אלעזר דרום
בין איך היינט זייער פריילך דען דס איז די רעכטי שמחה אונ דר
נאך הט ער גזעצט זיין זון רבי אלעזר לעבין זיך אונ זאגט צוא אים
זעה מיין קינד דען היינטיגין טאג וועסטו בקומן איין הייליגי נשמה
עליונה אזו זאגט רבי שמעון איין זאך איז גיווארין דיא שטוב ארום
גירינגלט מיט אייטל פייער זענין דיא רבנים ארויס גיגאנגין האבין
זיי גיזעהן אז אנאנצין טאג איז ארוים גגאנגין ארויך פון דער שטוב
דר ווייל איז אן גקומן רבי יוסי ברבי שמעון בן לקוניא הט ער גפונגן
צו די רבנים זיי שטייען אונ פר וואנדרין זיך זייער פרעגט ער צו זיי
ווס איז דס זאגין זיי דר רויך איז פון אש של מעלה דען מען קריינט
היינט רבי אלעזר מיט אהייליגי קרון דר וויל זעהין זיי דאס עס איז
אראפ פיר פליגיל פון דעם גשר של אש אונ הט ארום גירינגלט צו
רבי אלעזר מיט זיין פאטער רבי שמעון · אונ רבי יוסי איז דארטין
גיוועסין ביז דס פייער איז אוועק גיגאנגען איז ער אוועק גיגאנגין צו
רבי שמעון זאגט רבי שמעון צו רבי יוסי ווס ווילסטו זאגט רבי יוסי
איך וואלט גערין גיגעבין מיין טאכטר צוא דיין זון רבי אלעזר זאגט
רבי שמעון לאז אזו זיין הט ער גירופין די רבנים אונ האט פר זייא
אשידוך גטאן זענין זיי דארט גיוועסין דריי טאג אונ האבין גילערינט
תורה זיי האבין ניט גלאזט קיין סוד אין משניות ווס רבי שמעון הט
זיי ניט גזאגט כל ימיו אלי טאג פון רבי שמעון הט מען ניט גזעהן קיין
רעגין בוגין דען זיין זכות האט מגין גוועזן אויף דעם דור · רבי יצחק
זאגט די נשמה איז תמיד אין איר בשטאנד זי הט אקיום אויף אייביג
אבער אויף דעם נפש חיה שטייט הכרת תכרת הנפש ההיא עונה בה פרעגט
רבי יוסי אז דר נפש חיה איז אזו וויא איין רוח פון אבהמה ווארום
מאכט דר תרגום אויף דעם פסוק ויהי האדם לנפש חיה לרוח ממללא דס איז
טייטש איין נפש וואס ער קען ריידין אונ אז עס איז יוא גלייך צוא
אבהמה ווארום ריידין די בהמות ניט זאגט רבי יצחק וויל זייער גוף
איז גיקנעטין גיווארין פון גרעברר ערד פון דעם מענטשין אונ ווידר
זיי קענין ניט קוקין אויף דעם הימיל · זיי זאלין זיין פון אזו איין ערד
ווי דיא מענטשין אונ זאלין קוקין אויף דעם הימיל אזו ווי מענטשין
וואלטין זיי אויך גקאנט ריידין · זאגט רבי יוסי דער טעם וואס דיא
זאגסט וויל זיי זענין פון גרעברר ערד ווי דיא מענטשין גיפעלט מיר
אבר וואס דו זאגסט וויל זיי קענין ניט קוקין אויף דעם הימיל וויא
מענטשין דרום קענין זיי ניט ריידין גיפעלט מיר נישט ווס האט זיך
גיוועגדין זייער ריידין אין דעם · זאגט רבי יצחק דאס איז אגרוסי
הילף צו די מענטשין ווס קענען קוקן אויף דעם הימיל · קום אונ זעה
אז נבוכדנצר איז פר טריבין גיווארין פון מענטשין אונ איז גיווארין
איין חיה הט ער קיין הילף ניט גיהאט ביז ער הט גיקוקט אויף דעם
הימל אזו ווי דר פסוק זאגט אנא נבוכדנצר מלכא עיני לשמיא נטלית ומנדעי יתוב
עלי דר נאך אז ער הט אין הימיל ארין גיקוקט איז ער ווידר צו זיין
שכל גיקומין אבער פריער איז ער גיוועזן איין חיה רעה :

ותרא האשה כי טוב העץ למאכל וכי תאוה הוא לעינים ונחמד העץ להשכיל ותקח מפ
ותאכל קום אונ זעה דם די לייט ווייסן ניט אונ זענין ניט משג
בשעת הקב"ה הט בשאפין צו אדם הט ער אים מכבד גיוועזן בכבו
עליון אונ ער הט פון אים בגערט אז ער זאל זיך אין אים בהעפט
כדי ער זאל זיין איין יחיד ולב אחד דאס הייסט ער זאל קיין מאל ני
נשתנה ווערין אין זיין אמונה אזו ווי דר פסוק זאגט ועץ החיים בתוך ה
דם איז אלץ ביחוד דער נאך האבן זיי זיך אפ גקערט פון דר אמונ
אונ האבין גילאזט שטיין דעם אילן היחוד מכל האילנות אונ האבין זי
בהעפט אין דעם עץ הדעת טוב ורע אזו איין ארט וואס איז זיך משתנ
אונ פר קערט זיך פון איין גישטאלט צום אנדרין מטוב לרע ומרע לט
אונ זייא זענין אראפ פון זייער מדריגה אונ האבין זיך בהעפט אי
פיל מדריגות נידעריגער אונ האבין גילאזט שטיין די מדריגה וואס
איז איבער אלי וואס עס איז איין יחוד עס ווערט קיין מאל ניט פאר
ענדערט אזו וויא דר פסוק זאגט (קהלת ז') אשר עשה האלהים את האדם יש
והמה בקשו השבונות רבים הקב"ה האט זיי בשפין צו זיין רעכטער יחוד
אן איין שום שינוי אונ זייא האבין זיך בהעפט אין וויא פיל שנויי
דרום איז גווארן זייער הארץ אזו וויא דער צד וואס זייא האבין
באגערט אמאל לטוב אונ אמאל לרע האט הקב"ה צוא זייא גזאגט
איר האט פאר לאזט דעם צד החיים ועץ החיים אונ האט זיך
מדבק גיוועזן איז צד המות דאס איז דער עץ הדעת טוב ורע וואס
דם איז איין מות אנטקעגין דיר אזו ווי דר פסוק זאגט (משלי ח') רגלי
יורדות מות דרום איז נגזר גיווארין דער טויט אויף איר אונ אויף גאר
דער וועלט אונ אז דוא וועסט פרעגין אז אדם הט גיזינדיגט וואס
האט די גאנצע וועלט גיזינדיגט ווס זייא זאלין שטארבין אויב דוא
וועסט זאגין אז אלי בריות האבין אויך גיגעסין פון דעם עץ הדעת
עס איז ניט אזו אלא בשעת אז אדם איז בשאפין גיווארין אונ האט
אן גיהויבין ארום צו גיין האבין זיך אלי בריות פאר אים גיפארכטין
אונ זענין אים נאך גיגאנגען אזו ווי קנעכט גייען נאך זייער הערין
אונ ער הט צו זיי גזאגט בואו נשתחוה ונכרעה נברכה לפני ה' עושנו קומט
מיר ווערין זיך בוקין צוא אונזער גאט ווס ער האט אונז אלי בשאפין
זענען זייא אלי אים נאך גיגאנגען אונ אז זייא האבין גיזעהען אז ער
בוקט זיך צום צד טוב ורע אונ בהעפט זיך אין דרינען האבין זייא אלי
אים נאך גיצויגין דרום הט ער גורם גיוועזן מיתה צו זיך אונ צו גאר
דר וועלט דען אדם איז פר ענדערט גיווארין אמאל לטוב אונ אמאל
לרע פעמים לרחמים ופעמים לדין פעמים לנחת ופעמים לרוגז פעמים לחיים ופעמים למות
אונ ער איז ניט גבליבן שטיין תמיד אויף איין שטאנד דרום הייסט
דאס להט החרב המתהפכת ווייל עס פאר קערט זיך פון טוב לרע אונ פון
רחמים לדין אונ פון שלום צו מלחמה דם ארט האט עס אים גורם
גיוועזן ווס ער איז זיך אויך מהפך אזו וויא מיר האבן גיזאגט אונ דר
מלך עליון ווס ער איז זיך מרחם אויף זייני מעשה ידיו האט ער דרוף
אן גיזאגט ועץ הדעת טוב ורע לא תאכל ממנו אונ ער האט דאס ניט מקבל
גיוועזן אונ הט גיפאלגט זיין ווייב דרום האט ער גורם גיוועזן מיתה
צו זיך אונ צו גאר דר וועלט אונ איז פאר טריבן גווארן אויף אייביג
פון דעם גן עדן · קום אונ זעה לעולם הבא שטייט כימי העץ ימי עמי
די טעג פון מיין פאלק וועלן זיי אזו ווי דיא טעג פון דעם עץ ווס איז
מיוחד וואס איז זיך קיין מאל ניט משנה אונ דער נאך שטייט ב

תולדות נח נח איש צדיק תמים היה בדורותיו די תוספתא אין זוהר פרעגט
...ווס שטייט נח נח צוויי מאל · אלא איטליכר צדיק הט אין זיך
נשמות אייני פון עוה"ז אונ דיא אנדרי פון עוה"ב דרום רופט
...ם הקב"ה מיט זיין נאמן צווייא מאל אזו וויא מיר גפינן אברהם
...הם יעקב יעקב משה משה שמואל שמואל שם שם נאר בייא
...ק שטייט איין מאל יצחק ווייל ער איז גבונדן גווארן אוף דעם
...ח איז אים ארוס גיגאנגן זיין נשמה אונ איז אריין גיגאנגען אין
... איל וואס מען האט מקריב גיוועזן אוף זיין ארט דער נאך האט
...ווידר אים גיקערט צו אים נאר זיין נשמה פון עוה"ב דרום גפינן
...ניט אז הקב"ה איז מייחד זיין נאמן אוף איין צדיק ווס ער לעבט
...ופן אלהי פלוני נאר אז ער שטארבט אבער ביי יצחק גיפינן מיר
...הקב"ה הט גיזאגט צו יעקב אנכי אלהי אברהם אביך ואלהי יצחק אונ יצחק
...נאך גלעבט נאר ווייל זיין נשמה פון עוה"ז איז שון ביי אים ניט
...ן פון דער עקידה אן דרום איז גלייך ווי ער איז שון גשטארבין :
...ה תולדות נח רבי אבא זאגט ווס שטייט אלה דס ווארט פסילת די
זאכן ווס פריער נאר דרום זאגט ער אלה די זענן רעכטי תולדות
...ר ניט דיא וואס פריער דען יענע זענין גוועזין רשעים דרום זינט
...ם הראשון הט גיזינדיגט הייסן אלי מענטשין בני האדם דס איז ניט
... מעלה נאר לגנאי אזו ווי איינר זאגט דס זענן די קינדר פון דעם
...א אבר אז נח איז גבארין גווארן הייסן אלי קינדער די קינדר פון
...אלה תולדות נח די קינדר הט נח מגדל גיוועזן אוף דר וועלט אונ ניט
...ווי די תולדות פון אדם הראשון ווס הקב"ה הט זיי מעביר גיוועזן
...דר וועלט אונ ער הט גורם גוועזן מיתה צו אלי לייט · זאגט רבי
... אמער עס שטייט דאך שון דר נאך וירד ה' לראות את העיר ואת המגדל
...בנו בני האדם אונ עס שטייט ניט בני נח · זאגט רבי אבא קום אונ
...ת עס שטייט בן חכם ישמח אב ווען ער איז אגוט קינד טוט איטליכר
...מאנדעם פאטר צו גוטן אבר ווען ער איז אשלעכט קינד דר מאנט
...טליכר זיין פאטר צוא שלעכטן אזו דא אוך ווייל דער דור הפלגה
...בין מורד גוועזן אין הקב"ה רופט ער זיי בני אדם זיי זענן אזו ווי אדם
...ם שטייט דא אלה תולדות נח דאס זענן די תולדות וואס זענן ארויס
...אנגען פון דער תיבה אבער ניט די תולדות פון אדם הראשון ווס
...ן הט אים פר טריבן פון דעם גן עדן · קום אונ זעה אז אדם וואלט
...בן קינדר אין גן עדן וואלטן זיי ניט גוועזן פר דארבן גווארן לדור
...ות אונ דיא ליכט פון דער לבנה וואלט אייבג ניט גיוועזן קלענער
...ארן אונ אלי וואלטן גוועזן גבליבן אוף אייביג אונ זיי וואלטן גוועזן
... גרוים ליכט מער פון די מלאכים אין גשטאלט אונ אין חכמה אזו
...עס שטייט כצלם אלהים ברא אותם אבר אז ער הט גזינדיגט אונ ער הט
...וזט ארוס גיין פון דעם גן עדן אזו זענן זיי גבליבן אזו ווי עס בדארף
...זיין אונ האבן שון קיין קיום ניט · פרעגט רבי חזקיה ווי אזו וואלט
...ם הראשון גוועזן גקענט האבן קינדר אין גן עדן ער זאל ניט גוועזן
...דיגן וואלט ער דאך קיין יצר הרע ניט גהאט ער וואלט דאך גוועזן
...ליבן אן קינדר · דעסט גלייכן ווען די ישראל זאלן גוועזן בלייבן ביי
...ער מדריגה פון מתן תורה דס זייא האבן קיין יצר הרע ניט גהאט
...י וואלטן זיי אליין גבליבן אונ קיין דורות וואלט שון ניט גוועזן נאך
...ביז זיי האבן גיזינדיגט מיט דעם עגל האבן זיי אוף זיך מושך גוועזן
...ם יצר הרע ענטפערט אים רבי אבא אז אדם הראשון זאל ניט
...ען זינדגן וואלט ער ניט גהאט קיין קינדר מצד יצר הרע אזו וויא

הייגט נאר ער וואלט גוועזן גהאט קינדר מצד רוח הקודש הייליגי אזו
ווי די מלאכים קדושים ווס זיי לעבן אייבג אונ זיי וואלטן ניט גהאט
קיין יצר הרע אבר אז ער הט גיזינדיגט אונ האט גהאט קינדר חוץ
דעם גן עדן הט ניט זוכה גיוועזן קינדר האבן אין גן עדן דרום האבן
זיי קיין קיום ניט גהאט אין גווארצילט ווערן אוף דער וועלט ביז נח
איז ארויס גיגאנגן פון דר תיבה פון דארטין זענין ארויס גיגאנגן אלי
דורות אונ פון דארטן זענן זיי פר שפרייט גווארן אוף אלי פיר זייטן
פון דער וועלט :

וירא אלהים את הארץ והנה נשחתה ווארום איז די ערד פר דארבן כי השחית
כל בשר את דרכו על הארץ ווייל די לייט האבן פר דארבן זייער וועג
מטמא זיך צו זיין · רבי חייא הייבט אן עס שטייט (יונה ג') וירא אלהים
את מעשיהם כי שבו מדרכם הרעה קום אונ זעה בשעת די לייט זענן פרום
אונ היטן די מצות פונדר תורה אזו ווערט גשטארקט די ערד אונ אלי
שמחות ווערט אוף איר גפונן ווארום ווייל די שכינה רועט אוף דר
ערד דען זענן עליונים ותחתונים אין שמחה אבר אז די לייט פר דארבן
זייער וועג אונ היטן ניט די תורה אונ זינדיגן פר הקב"ה אזו זענן זיי
דוחה די שכינה כביכול פון דר וועלט אזו רועט דר שטן אונ קליפות
אוף דר ערד אונ די ערד ווערט פאר דארבן פון זייא אונ עס קומט
אייטל קללות איבר דעם גזל ושנאת חנם ולשון הרע אבר ווען דיא
מענטשן זענן פרום גיבן זיי אריין איין כח וגבורה אין דר פמליא של
מעלה אזו ווי עס שטייט תנו עוז לאלהים אונ דורך זייערי מעשים טובים
הט די וועלט אקיום אונ די קליפות גיוועלטיגן ניט אוף דער ערד ·
פרעגט ער ווי אזו קען זיין אז די קליפות זאלין האבין אשליטה אין
ארץ ישראל אונ מסלק זיין די שכינה פון דארטין אמער מיר האבן
דאך גלערינט אז אין ארץ ישראל רוען ניט קיין קליפות · אונ אויף
ארץ ישראל איז ניט דא קיין שום ממונה נאר דורך הקב"ה אליין ·
קום אונ זעה אז קיין קליפה קען טאקי ניט שולט זיין אין ארץ ישראל
נאר איין שעה קומט אמאל אום אז דר משחית קומט אונ איז שולט
ממית זיין מענטשן אזו ווי מיר גפינן ביי דוד המלך עליו השלום אז
דר דבר איז גוועזן אין זייני צייטן שטייט וירא דוד את מלאך ה' עומד והרבו
שלופה בידו דרום גפינן מיר אז אמאל ווערט דיא ערד פון ארץ ישראל
פר דארבין · זאגט רבי אליעזר אפילו אין דר צייט פון דעם דבר איז
אויך ניט גוועזן דורך דעם מלאך המות נאר פון הקב"ה ווארום עס
שטייט דא מלאך ה' אונ שטייט ווידר המלאך הגואל אונ שטייט ויסע מלאך
אלהים הן גוטין אדר שלעכין איז קיינר ניט שולט אוף דעם נאר הקב"ה
אליין אוב דו ווערסט פרעגן עס שטייט דאך (איכה א') כי ראתה גוים באו
מקדשה די אומות זענן גאנגן קיין ארץ ישראל אונ האבן חרוב גמאכט
דם בית המקדש אז די שרים של מעלה האבין דארטין קיין שליטה
ניט וויא אזו האבן די אומות גקענט חרוב מאכן דאס בהמ"ק · קום
אונ זעה עס שטייט כי אתה עשית דס איז טייטש הקב"ה אליין הט חרוב
גמאכט דעם בית המקדש אונ ווידר שטייט עשה ה' אשר זמם הקב"ה
הט גטאן ווס ער הט גטראכט ווייטר זענן סודות · רבי שמעון זאגט
די לייט האבן גזינדיגט אונ די ערד איז פר דארבן גווארן אזו ווי דר
פסוק זאגט וירא אלהים את הארץ והנה נשחתה דען דר עיקר פון דער ערד
זענן די לייט אונ מיט דעם ווס זייא האבן זיך מטמא גוועזן אוף דער
ערד האבן זיי די ערד מטמא גוועזן אזו ווי עס שטייט ותטמא הארץ ואפקוד
עונה עליה זאגט רבי יצחק צו רבי שמעון פר ווס הט הקב"ה דן גוועזן

זייא

זיי מיט וואסר און ניט מיט פייער אדער מיט אנדרי זאכין זאגט רבי שמעון דרום ווייל זיי האבן פר גאסין דם בלוט פון מענטשן אזו ווי וואסר הייסר הייד דרום הט זיי הקב"ה בצאלט מיט הייסי וואסער וואס די הויט איז פון זיי אפ גקראכין מיט דר מאס וואס זיי האבן גזינדיגט ווען זייא ניצאלט גווארין ווארום אוף אלי עבירות קען מען תשובה טאן אבר אוף דר עבירה מוז ער שטארק תשובה טאן ער זאל האבן איין כפרה ווען ער פאר דארבט זיך און איז מטמא דיא ערד און פאר דארבט זיא :

רבי חייא און רבי יהודה זענין גיגאנגן אין וועג זענין זיי גיקומן צו גאנץ הויכע בערג האבין זיי דארטין גיזעהן גרוסי ביינר וואס זיי זענען נאך גילעגן פון דעם דור המבול זענן זייא גיגאנגן דרייא הונדרט טריט אוף איין ביין האבן זיי זיך זייער פר וואונדרט דרוף און זאגין דרום האבן אונזערי חכמים גיזאגט אז דער דור המבול האבין זיך פאר קיין דין ועונש ניט גיפארכטן אזו וויא דער פסוק זאגט (איוב כח) ויאמרו לאל סור ממני ודעת דרכיך לא חפצנו ווען אז די וואסר איז גיקומן פון דעם תהום האבן זיי מיט זייערי פיס צוא גשטאפט דעם תהום ביז די וואסר איז ארוס גקומן גאנץ הייס דם די פיס זענין פר ברענט גווארן דר פון און זיי זענען גפאלן און זיי זענען גשטארבן דר תוספתא פון דעם זוהר שרייבט עס גייט ארוס איין קול פון די קולות של מעלה דם קול צו ברעכט בערג און שטארקי שטיינר און רופט אום אלי טאג אוף די רשעים זיי האבן אויגן און זעהן ניט און האבן אויערין און הערן ניט און זענען דוחה פון זיך די היילגע נשמה מיט זייערי עבירות און דרום ווערין זיי ניט אן גשריבין בספר החיים אזו ווי עס שטייט ימחו מספר חיים ועם צדיקים אל יכתבו אבר אז דר מענטש איז מטהר זיין נפש ורוח אזו רועט די נשמה צווישן זיי ווי צו די רשעים אז זיי גייען אוועק פון דר וועלט זייא ווערן איבר געגעפרט אין דער האנט פון דעם שר של גיהנם ער הייסט דומ"ה און זיי ווערן דארטן פאר ברענט אין פייער און גייען ניט ארוס פון דארט נאר אום שבת וראש חודש אזו ווי דר פסוק זאגט (ישעיה סו) והיה מדי חדש בחדשו ומדי שבת בשבתו יבא כל בשר להשתחוות לפני אמר ה' און נאך שבת וראש חודש גייט ארוס איין קול פון צפון זייט ישובו רשעים לשאולה די רשעים זאלין זיך ווידר קערין אין גיהנם ארייין אזו זאמלין זיך איין כיל כתות מלאכי חבלה פון אלי פיר זייטן און שלאגן זיי און טרייבן זיי ווידר אין גיהנם אריין און דריי מאל אין טאג אז די ישראל זאגן אמן יהא שמיה רבא מברך ווערט הקב"ה אוף זיי מלא רחמים און איז מרמז צו דעם מלאך וואס ער איז ממונה אוף דעם גיהנם ער הייסט ש"ה און הט אין זיין האנט דריי שליסלען אזו עפינט ער אוף די דריי טירין וואס זענין אין דער זייט צו דר מדבר אזו זעהן זיי די ליכט פון דר וועלט און אז דר רויך קומט און פר שטעלט זיי דעם וועג זיי זאלין ניט זעהן דם ליכטקייט איז פר האנדן דריי ממונים וואס זיי קערין אוועק דעם רויך אוף זיין ארט אזו ווערט ליכטיג אוף אנדר האלבן שעה דם ווערט גטאן דריי מאל אין טאג • וואול איז צו די צדיקים וואס זייערי וועגן זענען ליכטיג לעולם הבא אוף אלי זייטן אזו וויא דער פסוק זאגט (משלי ד) וארח צדיקים כאור נוגה הלוך ואור עד נכון היום רבי אבא זאגט אין גיהנם זענן פר האנדן זיבן חדרים איינר איבר דעם אנדרין וואול צו די צדיקים וואס זענען ניט מטמא זייער וועג און זייער נשמה מיט זייערי מעשים אבר ווער עס איז זיך מטמא און טוט ניט קיין תשובה אז ער שטארבט נידרט מען אים אין גיהנם אריין ביז דר אונטרשטר מדריגה עס אי[...] פר האנדן צוויי חדרים איינס לעבן אנדרן זייא הייסען שאול ואבדו[ן] ווער עס קומט אין דעם גיהנם פון שאול קומט ער דארטין אפ זיין[...] עונש ביז ער קומט צוא איין העכרין גיהנם ביז ער קומט איבער[...] אלי אבער אז ער קומט צוא דעם גיהנם וואס ער הייסט אבדון[...] קומט ער שוין קיין מאל ניט ארויס פון דארטין דרום הייכט ער[...] אבדון איז טייטש פאר פארין • קום און זעה נח האט איין התראה[...] גטאן אין זיין דור זייא זאלין תשובה טאן ווען עס וועט קומן חלילה[...] אויף זייא איין מבול האבין זייא אים ניט גיוואלט הערין ביז הקב"ה[...] האט אויף זייא גיבראכט דעם דין פון דעם גיהנם ווען עס איז דא[...] איין גיהנם פון פייער אויף דיא מענטשין וואס האבין עובר גיוועז[ן] אויף מצות לא תעשה און האבין גיווארימט מיט דער עבירה אי[...] מען זייא דן זעקס חדשים אין פייער און ווידער איז פר האנדן איין[...] קאלטער גיהנם דארט איז מען דן די וואס האבין עובר גיוועז אוי[ף] מצות עשה דאס איז מחמת עצלות ער האט אקאלטי טבע דרום[...] איז מען אים דן אין קאלטי וואסער און מיט דיא ביידי האט מען[...] דן גיוועזן דער דור המבול מיט פייער און מיט וואסר ביז זייא זענין[...] גישטארבין און פאר לארין גווארין פון דער וועלט דער נאך האט[...] שוין דיא וועלט גהאט איין קיום דורך נח ווען ער איז ארין גיגאנגין[...] אין דער תיבה מיט אלי מינים וואס איז בשאפין גיווארין אויף דער[...] וועלט • רבי חייא זאגט דרייא הונדערט יאר פאר דעם מבול האט[...] זייא נח איין התראה גיטאן אויף זייערי מעשים און זיי האבן[...] אים ניט גיוואלט צו הערין ביז הקב"ה האט זייא גמאכט פר לירין[...] עס שטייט פריער ויראו בני האלהים את בנות האדם ווען זייא זענין ארוב[...] גגאנגן נאקעט פאר אלי און דורך דעם איז גיווארין פיל זנות און[...] זענן נאך גיגאנגען דעם יצר הרע און האבין דוחה גיוועזן דיא שבינה[...] פון דר וועלט מחמת זיי האבין זיך מטמא גוועזן מיט זנות שטייט ק[...] כל בשר בא לפני דם איז דר יצר הרע דר שטן דר מלאך המות וואס דער[...] סוף פון איטליכין איז דורך אים דרום הייסט ער קץ • בא לפני ער אי[...] גקומן פאר מיר מקטרג צו זיין אויף זייערי שלעכטי מעשים און ווי[...] נעמין פון מיר רשות זיי זאלין גישטראפט ווערין דרום ווייל דער ק[...] איז גקומן פר מיר גיב איך אים רשות והנני משחיתם את הארץ דרום עשו[...] לך מאך דיר איין תיבה צו פר בארגין זיך דרינן פר דעם שטן ער זא[...] ניט קענין אין דיר שולט זיין קום און זעה מיר האבען גילערנט א[...] מען האט שון גיגעבין רשות צום משחית צו טייטין איין שטאט אדר[...] איין מדינה טאר מען זיך אוף דער גאס ניט ווייזין ווייל ער האט[...] דערנעמט מאל רשות צו פר דארבין אלי לייט וואס ער זעהט דרום הט[...] אים הקב"ה גיהייסין מאכין איין תיבה • און דיא וועסט פרעגין עס[...] איז נאר וואסר גיוועזן ווי קומט אהין איין משחית דער מלאך המות[...] זאלסטו וויסין אז עס איז ניט דא קיין שום דין אויף דר וועלט וואס אי[...] ניט דורך דעם מלאך המות אזו אוך איז ער גיגאנגין אין דער וואסר[...] פון דעם מבול און דו וועסט פרעגין דר משחית הט דאך גיזעהן ד[...] תיבה זאלסטו וויסין אז ער הט קיין שליטה ניט סיידן ער זעהט דעם[...] מענטשין אין פנים דרום בשעת מכת בכורות אין מצרים שטייט ואת[...] לא תצאו איש מפתח ביתו עד בוקר ווייל דר משחית איז דארט גוועזן :

רבי חייא ור' יוסי זענען גגאנגען אין וועג זענין זיי גקומן אויף די בערג פו[ן] אררט האבן זיי דארטין געזעהן דיא סימנים פון דור המבול זאגט[...]

רבי

י חייא צו רבי יוסי די צייכן פון דור המבול לאזט הקב"ה בלייבן
לדורות כדי מען זאל זעהן אז זייערע חטאים וועלן ניט אפ גמעקט
רין דען אזו איז דער סדר פון הקב"ה דעסט גלייכן ביא צדיקים
הקב"ה אז זייער גידעכעניש זאל בלייבן לדור דורות • אונ דרום
זייט ביי די רשעים נכתם עונך לפני רבי יוסי זאגט ווייא צוא די רשעים
ווילן ניט קיין תשובה טאן אויף זייערי עבירות כל זמן זיי זענין
ף דר וועלט וואלט זייא הקב"ה מוחל גיוועזן אוו וואלט אויף זייא
ן גיוועזן אבער אז ער שטארקט זיך אין דיא עבירות אונ טוט ניט
ן תשובה אזו אז ער שטארבט פאלט ער אריין אין גיהנם • קום
זעה דר דור המבול ווייל זיי האבין גישטארקט זייערי הערצער
טאן זייערי עבירות בפרהסיא דרום האט זיי הקב"ה גישטראפט
ך בפרהסיא • רבי יצחק זאגט אפילו אז אמענטש טוט איין עבירה
לער היט שטראפט אים אויך הקב"ה בפרהסיא אזוא ווייא מיר
גען ביי איין סוטה • אזו אויך דר דור המבול זענין אויך גישטראפט
ארין בפרהסיא דען מחמת דר הייסער וואסער איז זיי זייער
ט אונ פלייש צו גאנגען אונ די ביינער זענין צו פאלין גיווארין אונ
איז מקוים גיווארן וימחו מן הארץ אונ זיי זענין פר לארין גיווארין פון
וועלט אונ פון יענער וועלט • רבי יהודה זאגט אין דר צייט וואס
זענען פר לארין גיווארין איז הקב"ה טרויעריג גיוועזן וואס איז ניט
קיינער זאל אויף זיי מגין זיין חאטשע עס איז דאך גיוועזן נח נאר
איז גינוג גיוועזן וואס ער האט אויף זיך אליין מגין גיוועזן אונ האט
מיר גיוועזן קינדר אויף דר וועלט דרום שטייט כי אותך ראיתי צדיק לפני
הזה דאס מיינט דר פסוק נאר אין דעם דור איז ער גוועזן אצדיק
יוסי זאגט בדור הזה איז איין שבח אפילו אין דעם דור פון רשעים
ער גיוועזן אצדיק חאטשע ער הט ניט גהאט פון וועמן זיך אפ צו
ן נוטם מכל שכן ווען ער וואלט גוועזן אין איין דור פון צדיקים
לט ער בוודאי גיוועזן אצדיק נאר פר וואס הט ער ניט מגין גיוועזן
דר וועלט ווייל קיין צעהען צדיקים זענען ניט גיוועזן אויף דער
לט אזו ווייא מיר גיפינען ביי סדום אז אברהם הט נאר גיבעטין
צעהען צדיקים • אבער דא איז דאך נאר גיוועזן ער אונ זיינע
א זין מיט זייערע ווייבר • רבי אלעזר הט גיפרעגט צו זיין פאטער
שמעון מיר האבין דאך גילערינט ווען עס איז דא איין דין אויף
וועלט אונ דר דין גייט ארויס אויף זיי אזו נעמט הקב"ה צו דעם
ק פריער פון דר וועלט אונ ער שטארבט פאר זייא פר וואס איז נח
ל גיווארין הט ער אים גיענטפרט מיר האבין דאך גילערינט ווייל
ב"ה הט גיוואלט פון נח מוציא זיין זרע אויף דר וועלט אונ ווידר
דין הט אין אים קיין שליטה ניט גיקענט האבין ווייל ער איז גוועזן
האלטין אין דער תיבה קום אונ זעה עס שטייט בקשו צדק בקשו ענוה
תסתרו ביום אף ה' אונ נח הט באגערט צדק אונ ענוה אונ איז גיוועזן
בארגין אין דר צייט פון צארין דרום האט דער שטן ניט גיקענט
טרג זיין אויף אים • רבי יצחק זאגט נח איז דורך דעם ניצול גווארין
ער הט אין זייא התראה גיטאן אלי טאג אונ זיי האבין אים ניט
אלט פאלגין הט ער מקיים גיוועזן דעם פסוק (יחזקאל ג') ואתה הזהרת
ולא שב מרשעו וגו' ואתה את נפשך הצלת דר פון לערנען מיר אפ ווען
ער שטראפט איין רשע חאטשע דער רשע איז ניט מקבל דיא
אף בדארף ער אים פארט שטראפין ווארום דער מיט איז ער
מציל ער ווערט ניט נתפס אין זיין חטא אונ דער רשע ווערט

אליין גישטראפט אויף זייני עבירות :

רבי יצחק הייבט אן עס שטייט (ישעי' סג) מוליך לימין משה זרוע תפארתו בוקע מים קום אונ זעה דעם חילוק פון משה צוא איין אנדערין בשעת די ישראל האבין גיזינדיגט האט הקב"ה צו אים גיזאגט לאז מיך וועל איך דיא ישראל פר לענדין אונ וועל דיך מאכין צוא איין גרוס פאלק האט משה גזאגט ווייא אזו קען איך דאס טאן פון מיינט וועגין אצונד וועלין די גאנצי וועלט זאגין איך האב זיי אום גבראכט אזו ווי נח הט גיטאן בשעת הקב"ה הט אים גיזאגט איך וועל ברענגין אמבול אויף דער וועלט אונ דוא זאלסט דיר מאכין איין תיבה דוא זאלסט ניצול ווערין הט ער ניט מתפלל גיוועזן אונ הט ניט גיבעטין פר זיי צו הקב"ה אונ הט זיי גילאזט פר לארין ווערין פון דר וועלט דרום הייסט דר מבול אויף דעם נאמין פון נח אזו ווי דר פסוק זאגט כי מי נח זאת לי אשר נשבעתי מעבור מי נח עוד על הארץ דרום הייסט דאס מי נח ווארום ער האט גורם גיוועזן דעם מבול ווייל ער האט ניט מתפלל גיוועזן אויף זיין דור זאגט משה אזוא וועט מען דאך אויף מיר אויך זאגין דס איך האב גימאכט פר לירין די ישראל פון דער וועלט • דרום איז בעסר איך זאל שטארבין אונ ניט לאזין דיא ישראל פאר דארבין ווערין מיד ויחל משה הט ער אויף זיי מתפלל גיוועזן זאגט רבי יצחק דר אן הייב תפלה איז גיוועזן למה ה' יחרה אפך בעמך איז קשה וס הט משה גיזאגט למה ווארום ביסטו ברוגז אויף זיי אמעד זיי האבין דאך גדינגט דס עגל איז דאך השי"ת גרעכט נאר מיר האבן גלערינט אז איינר וויל שלום מאכין צווישין איינם וס הט גזינדיגט אנטקעגין אנדרין זאל ער פר דעם גירעכטין מענטשין קליין מאכין די זינד אונ אנטקעגין דעם וס איז גירעכט גרויס מאכין די זינד אזו האט משה גיטאן אנטקעגין הקב"ה הט ער קליין גימאכט אונ הט גיזאגט למה אונ אנטקעגין די ישראל הט ער גימאכט גרויס אזו ווייא דער פסוק זאגט אתם חטאתם חטאה גדולה אונ משה איז ניט אוועק גיגאנגין ביז ער האט זיך מוסר נפש גיוועזן אזו ווי עס שטייט ועתה אם תשא חטאתם ואם אין מחני נא מספרך אונ הקב"ה האט זייא מוחל גיוועזן אזו ווי עס שטייט וינחם ה' על הרעה אבר נח האט ניט אזו גיטאן ער האט נאר גיזעהן ער זאל ניצול ווערין דרום תמיד אז דר מדת הדין איז שולט אויף דער וועלט זאגט דר רוח הקודש ווי נעמט מען אזו איין צדיק ווייא משה איז גיוועזן דרום שטייט ויזכור ימי עולם משה עמו רבי יצחק זאגט חאטשי נח איז גיוועזן איין צדיק פון דעסט וועגין איז ער ניט ראוי גיוועזן אז הקב"ה זאל מציל זיין די וועלט פון זיינט וועגין ווארום משה הט ניט אן גיהאנגין אין זיין זכות נייערט אין זכות אבות אזו ווי עס שטייט ער הט גיזאגט זכור לאברהם ליצחק וגו' אבר נח הט ניט גיהאט אין וועמן אן הענגען זאגט רבי אלעזר דאך האט ער גיוואלט מקריב זיין דעם קרבן וס ער הט מקריב גיוועזן נאך דעם מבול וואלט הקב"ה פארט מוחל גיוועזן זאגט רבי יהודה די רשעים האבין אלי טעג דר צערינט צו הקב"ה זאל ער מקריב זיין אקרבן ער הט נאך מורא גיהאט פר זיין לעבין אויך ווייל דיא רשעים האבין דר צארינט להקב"ה אלע טאג • רבי יוסי איז גיוועזן שכיח פר רבי שמעון פרעגט ער צו רבי שמעון פר וס האט הקב"ה פר לענט אלי בהמות וחיות ועופות אין דור המבול ווען דיא לייט האבין גיזינדיגט וואס האבין די בריאות גיזינדיגט ענטפערט אים רבי שמעון עס שטייט כי השחית כל בשר את דרכו על הארץ זיי האבין אויך פר דארבין זייער וועג אונ האבין מזנה געווען

איין

איין מין מיט דעם אנדרין · רבי פנחס זאגט עס איז אמשל איין מלך הט חתונה גמאכט זיין זון בשעת חתונה איז ער גיווארין ברוגז אויף זיין זון אונ האט אים גיהרגת · דער נאך איז ער גילאפין אויף דער חתונה אונ הט צו בראכין אלי כלים אונ צו ריסין אלי מלבושים אונ זאגט דען דיא אלי זאכין האב איך נאר גימאכט פון מיין קינדס וועגן היינט אז ער איז שון טוט וואס טוג מיר אלי זאכין אזו אויך ביי דעם דור המבול אז דיא מענטשין זענין אוים גישטארבין זענין שוין די אנדרי בהמות אויך נהרג גיווארין · קום אונ זעה דיא רשעים האבין גימאכט אז אלי בעלי חיים בהמות חיות ועופות האבין אויך פאר דארבין זייער וועג אונ האבין מכחיש גיוועזן מעשה בראשית דרום הט הקב"ה גיזאגט איר ווילט מכחיש זיין מיין ווערק דער פאר ומחיתי את כל היקום וועל איך אוים מעקין אין גאנצין מיין ווערק אונ איך וועל אום קערין די וועלט אזו וויא זיא איז פריער גיוועזן אייטיל וואסער · אונ ווייטער וועל איך באשאפין אנדערע בריות וויא עס דארף צוא זיין :

כי לימים עוד שבעת אנכי ממטיר על הארץ ארבעים יום וארבעים לילה פר וואס פערציג טאג נאר צו שלאגין רשעים אזו וויא מלקות וואס ביי זייא שטייט ארבעים יכנו זאגט רבי חייא דיא וועלט איז גיוועזן אין ערוות זינט אדם הראשון הט גיזינדיגט ביז נח איז גיקומין אין די וועלט ווידר מיושב גיווארין · רבי יוסי זאגט דיא וועלט איז ניט גיווארין מיושב אונ איז ניט ארויס גיגאנגין פון דעם והמת הנחש ביז די ישראל זענין גישטאנין אויף דעם בארג סיני אונ האבין גיהאט איין אחיזה אין דעם עץ החיים איז ערשט די וועלט רעכט מיושב גיווארין אונ אז די ישראל זאלין ניט גיוועזן זינדיגין מיט דעם עגל וואלטין זייא ניט גיוועזן גישטארבין דען די זוהמות הנחש איז פון זיי בטל גיווארין בשעת קבלת התורה אונ אז זיי האבין גיזינדיגט מיט דעם עגל אזו זענין די לוחות צו בראכין גיווארין וואס אויף זייא איז גיוועזן דאס חרות פון אלע זאכין אונ דיא לוים זענין אויף זייא גישטאנין אונ האבין דיא רשעים גיהרגת אזו האט זיך דער וועקט דר נחש הרע אונ איז אלץ פר זיי גיגאנגין אונ הט דאך אין זיי ניט גיקאנט שולט זיין ווייל זיי זענין גיוועזן אן גיגורט מיט כלי זיין דס זענין די שמות הקדושים וואס זיי האבין מקבל גיוועזן אויף דעם בארג סיני אונ אז משה האט זייא גיזאגט ועתה הורד עדיך מעליך האבין זיי אפ גיטאן דם צירונג דם מיינט מען די שמות הקדושים אזו איז ווידר רשות גיגעבין גיווארין צו דעם נחש ער זאל ווידר אויף זייא שולט זיין דרום שטייט ויתנצלו בני ישראל את עדים מהר חורב עס איז גיווארין אוועק גנומען זייערע צירונג דורך קך רבוא מלאכי חבלה אזו איז ווידר דר נחש אויף זיי גקומן זאגט רבי חייא נח איז דאך איין צדיק גיוועזן פאר וואס הט ער ניט מבטל גיוועזן דעם טויט פון דר וועלט זאגט רבי יוסי דרום ווייל די זוהמא פון דעם נחש הט זיך נאך ניט אויף גיהערט פון דר וועלט אונ ווידר זייא האבין קיין אמונה ניט גיהאט אין הקב"ה אונ האבין זיך בהעפט אין די קליפות חיצונות אונ ווידר ווייל נח הט אויך גיצוגין דעם נחש אויף דר וועלט דר מיט ווס ער הט זיך אן גיטרונקין מיט ויין אזו ווי עס שטייט וישכר ויתגל בתוך אהלו אונ מחמת עס איז נאך קיין תורה ניט גיוועזן אויף דר וועלט דרום הט נח זיי ניט גיקאנט מציל זיין אזו ווי זיי גייען דר זעהן זיי גיין איין יהודי פרעגין זייא אים ווער ביסטו זאגט ער איך בין אשלים מצוה איך זיץ איז דער שטאט כפר דראסן אונ אצונד איז פר סוכות דארף מען האבין דיא פיר מינים פון לולב מיט איין אתרוג גייא איך זייא ברענגין איין אתרוג מיט דיא פיר מינים ווי זיי גייען זאגט דער יהודי צוא זיי ד׳ מינים שבלולב קומען איבער בעטין להקב"ה ער זאל געבין רעגין ווארום נעמט מען זייא דווקא בחג הסוכות אונ ניט אננדהערן יום טוב זאגין זייא צו אים דיא רבנן האבין דאך שוין גיזאגט דעם טעם נאר האסטו עפיס נייעס זאג אונז ענטפערט ער זיי די שטאט ווי איך זיץ איז אקליין ארט מיר אלי זענין עוסק בתורה אונ מיר האבין ביי אונז רבי יצחק ברבי יוסי ער זאגט אונז אלי טאג נייע תורה הט ער אונז גיזאגט דרום נעמן די ישראל דיא פיר מינים אום סוכות צו ווייזין אז מיר האבין זוכה בדין גיוועזן אום יום כפור אונ דרום נעמט מען די פיר מינים כדי מיט דעם זאל מען איבר בעטין להקב"ה מיט דעם סוד פון דעם שם הקודש וואס איז מרמז אויף דיא פיר מינים אונ דורך דעם וועלין מיר שולט זיין אונ מיר וועלין דר וועקין אויף אונז די היליגי קוועלינדיגי וואסר דרום איז דענסט מאל גיוועזן אין בית המקדש ניסוך המים דר נאך הט ער זיי גיזאגט גרוסי סודות זאגט רבי חייא אונ רבי יוסי הקב"ה הט אונז אן גיברייט דעם וועג וואול צו די לייט וואס זענין עוסק בתורה אונ רבי יוסי לייענט אויף אים דעם פסוק וכל בניך למודי ה׳ ורב שלום בניך ווי זיי זענען גקומן ווייטר איז פעלד הבן זיי זיך גזעצט זאגט דר יהודי ווארום שטייט וה׳ המטיר על סדום שטייט דא דער שם הוי"ה אונ ביא דעם דור המבול שטייט אלץ דר שם אלהים אלא וה׳ איז טייטש ער מיט זיין בית דין אונ אלהים איז טייטש נאר דם בית דין אליין ביי סדום הט זיך דר דין דר וועקט נאר אויף זיי אונ ניט פר לענדן די גאנצי וועלט דרום האט זיך הקב"ה מיט זיי משתף גוועזן כדי עס זאל זיין רחמים ביא דעם דין אבר ביי דעם מבול איז די גאנצי וועלט פר דארבין גיווארין האטשי נח מיט זייני קינדר זענן ניצול גווארן זענן זייא דאך גיוועזן בהאלטן אין דר תיבה אבר אלדינג ווס איז גיוועזן אויף דר וועלט איז דאך פר דארבין גווארן דרום שטייט אלהים אונ דר נאך אז דר רוגז פון אלהים איז גשטילט גיווארין שטייט ויזכור אלהים את נח ואת כל החיה אונ ווייל הקב"ה איז פר הוילן אונ איז אויך אנפלעקט מכח זיין בית דין אונ ער איז פאר הוילן אין דעם ארט וויא אלי ברכות קומין פון דארט דרום אלי זאכן ווס זענן פר הוילן רוט דרויף די ברכה אונ ווס עס איז אנפלעקט קען דרויפקומן איין עין הרע ווינט רבי יוסי אויף די סודות ווס ער הט דארט גזאגט אונ זאגט וואול צו דעם דור ווס רבי שמעון איז צווישן זייא אין זיין זכות הט אונז הקב"ה צו גשיקט דיא סודות פון אזו אגרויסין מענטשין וואול צו די ישראל ווס הקב"ה הט זייא גגעבין די תורה הקדושה אונ זיי זענן עוסק אין איר טאג אונ נאכט אז זיי זענן גקומן צו רבי שמעון אונ האבן אים דער ציילט דיא אלי זאכין וואס ער האט גזאנט זאגט רבי שמעון בוודאי האט ער רעכט גזאגט :

ויבא נח ואשתו ונשי בניו רבי חייא הייבט אן עס שטייט אם יסתר איש במסתרים ואני לא אראנו נאום ה׳ וויא אזו האבין דיא מענטשין אזעלכי פאר שטאפטי הערצר אונ פר מאכטי אוגן אונ זענין ניט משגיח צו וויסן דעם כבוד פון זייער הערין הקב"ה אזו וויא דער פסוק זאגט הלא את השמים ואת הארץ אני מלא דם גאנטם כבוד איז פול אויף דעם הימל אונ אויף דר ערד אונ זיי ווילן זיך פר בארגן פון מיר מיט זייערי עבירות אונ זאגין מי רואני ומי יודעני דאס קיינער ווייסט ניט אונ זעהט ניט והיה

במחשבה

שך מעשיהם אונ זיי פר בארגין זיך מיט זייערי מעשים פר הקב"ה איז איין משל צו איין מלך וואס ער האט גבויאט איין פאליץ אונ דארט גמאכט פר בארגני היילין אונ אין איין צייט ארום האבן מורד גוועזן אין אים אונ האבן זיך פר בארגן אין די היילין זאגט מלך די היילן האב איך דאך אליין גמאכט אונ איר מיינט אז איך ם פון זיי ניט אונ איז גקומן אויף זיי מיט זיין חיל אזוי אויך זאגט ב"ה איך האב אליין בשאפין דעם אור אונ דעם חושך מיט אלי בארגניש אונ איר ווילט זיך פאר בארגין פון מיר דרום שטייט יסתר איש במסתרים ואני לא אראנו ווען אמענטש זינדיגט צוא הקב"ה אין בארגניש איז אים הקב"ה מפרסם אונ אז דר מענטש בהעפט זיך י הקב"ה בהאלט אים הקב"ה ווען דר מדת הדין איז שולט אויף דר לט ער זאל אויף אים ניט קענן שולט זיין ביום אף ה' אונ אז דער ת הדין זאל אים זעהן וואלט ער אין אים שולט געוועזן דרום האט י שמעון גזאגט איטליכר מענטש וואס האט איין שלעכט אויג איז ף אים שולט דאס עין רע פון דעם משחית ומחבל דרום זאל איין ענטש נזהר זיין ער זאל זיך ניט מקרב זיין צוא אים כדי ער זאל ט ניזוק ווערין פון אים ומכל שכן ער זאל זיך פר בארגין פר דעם טן ומלאך המות ווען ער הט רשות צו פר דארבן די וועלט דרום טייט ביי בלעם ונאום הגבר שתום העין ער האט גהאט איין שלעכט יג אויף וואס ער הט גקוקט האט ער אויף גצוגן דרויף דעם רוח פון ם משחית דרום הט ער זייער גוואלט זעהן די ישראל מיט זיין עין רע כדי ער זאל זיי פאר לענדין דר מיט דרום שטייט וישא בלעם את יו וירא את ישראל שוכן לשבטיו ער הט אויף גיהובן די אויגן צו זעהן זיי ט זיין שלעכט אויג הט ער געזעהן אז די שכינה דעקט זיי צוא אונ עט אויף זיי ווי איין מוטער הויערט אויף אירי קינדר אונ דעקט זיי מיט אירי פליגל אזו זענן גוועזן צוועליף שבטים אונטר דר שכינה ו וויא די מרכבה עליונה דרום שטייט כרע שכב כארי וכלביא מי יקימנו ר הט געזעהן די שכינה הויערט אויף זייא דרום שטייט ותהי עליו רוח הים · עליו איז ניט די טייטש אויף בלעם נאר עליו מיינט מען אויף דיא שראל איז גוועזן דר רוח אלהים דרום הט ער זייא גאר ניט גקענט טאן רום אויך הט הקב"ה גהייסן צו נח אז ער זאל זיך פר בארגן פון דעם טן כדי זיין עין הרע זאל אויף אים ניט שולט זיין אונ אז נח האט עהן אז דר מלאך המות קוקט אין דר וואסר איז ער ארין גגאנגין ין דר תיבה אונ הט זיך דארט פר בארגן צוועלף חדשים דען אזוי איז דר דין פון די רשעים אין גיהנם צוועלף חדשים :

ימח את כל היקום אשר על פני האדמה רבי אבא זאגט דר פסוק ווייזט אונז אז הקב"ה הט צום ערשטן מעביר גוועזן אלי ממונים של מעלה זו וויא דר פסוק זאגט יפקוד ה' על צבא המרום במרום פריער טוט הקב"ה בולן די צבא מרום אין הימל אונ ווי אזוי איז אים הקב"ה מעביר ער ירט אים איבר דורך פייער אזוי וויא עס שטייט כי ה' אלהיך אש אוכלה וא דס פייער פר ברענט אנדרי פייער דרום שטייט וימח את כל היקום דס מיינט מען די ממונים פון אויבין אונ דר נאך מאדם עד בהמה עד רמש ועד עוף השמים וימחו מן הארץ דס זענן די אונטרשטי :

וישאו את התיבה ותרם מעל הארץ רבי אבא הייבט אן רומה על שמים אלהים על כל הארץ כבודך וויי צו די רשעים וואס זיי זינדגן אונ דר צערנן ייער הערן אלי טאג אונ מיט זייערי זינד זענן זיי דוחה די שכינה פון ד וועלט דרום שטייט ותרם מעל הארץ די שכינה הט זיך דר הובן אונ אפ גטאן פון דר וועלט דענסט מאל האבן שון די קליפות מיט דעם מדת הדין שולט גוועזן אויף דר וועלט ביז די רשעים זענין פאר לענט גווארין אזו איז ווידר דיא שכינה גיקומן אויף איר ארט פרעגט רבי יוסי אין ארץ ישראל זענן דאך אלי רשעים פר לענדן גווארן פר וואס איז די שכינה ניט ווידר גקומן אויף איר ארט אזו ווי פריער ענפרט רבי אבא עס איז אבר אין דרינן ניט גוועזן קיין צדיקים דען ווי צדיקים זענן רוט די שכינה אפילו אין חוץ לארץ כל שכן אין ארץ ישראל אונ פון די עבירות וואס זענן דוחה דיא שכינה איז דר וואס איז זיך מטמא איז ער ניט זוכה צוא זעהן פני השכינה אונ ניט צוא קומען אין זיין היכל דרום שטייט ביא דעם דור המבול וימחו זייא זענין פון אדרינג אפ גמעקט גווארן קום אונ זעה אז הקב"ה וועט מחיה מתים זיין וועט ער בשאפין איין נייעם גוף צוא דיא מתים פון חוץ לארץ וויא עס גיהער צו זיין דען איין ביינדיל בלייבט איבר אין דיא ערד וואס עס ווערט ניט פאר פוילט ווערט דאס אזו וויא זויער טייג וואס מאכט דאס גאנצי טייג אויף גיין אזו דורך דעם ביינדיל ווערט גבויאט דער גאנצר גוף אבער דיא נשמה וועט הקב"ה ניט געבין צוא איטליכין נאר אין ארץ ישראל אזו וויא דער פסוק זאגט אין (יחזקאל לו) בפתחי את קברותיכם עמי והעליתי אתכם מקברותיכם עמי והבאתי אתכם אל אדמתכם דס זייא ווערין זיך קייקלין אונטער דער ערד דער נאך שטייט ונתתי רוחי בכם וחייתם איך וועל דארט גיבין מיין רוח וועט איר דארט לעבדיג ווערין חוץ דר דור המבול וואס זיי האבין זיך שטארק מטמא גיוועזן אונ אויף זיי שטייט וימחו מן הארץ זיי זענן אפ גימעקט גיווארן פון דר ערד וואס דר פסוק זאגט ועמך כולם צדיקים לעולם יירשו ארץ מיינט מען דעם ארץ החיים זענן זיי פון דעם ארץ אפ גמעקט גווארין אבר צו דעם משפט וועלן זיי אויך אויף שטיין אזו ווי דר פסוק זאגט (דניאל יב) ורבים מישני אדמת עפר יקיצו אלה לחיי עולם ואלה להרפות ולדראון עולם :

ויזכור אלהים את נח רבי אלעזר זאגט ווען דער מדת הדין איז שולט אויף דר וועלט גהער דר מענטש ניט דר מאנן זיין נאמן פאר הקב"ה אובן דען ווען מען איז מזכיר זיין נאמן פר הקב"ה אובן איז דר מדת הדין מקטרג אויף אים צו גידיינקן זייני עבירות וואס ער הט גטאן · מיר לערנן דס אפ פון דר שונמית אזו וויא דער פסוק זאגט (מלכים ב) ויהי היום ויעבור אלישע אל שונם דס איז גוועזן אום ראש השנה דאס הקב"ה איז דן די וועלט הט אלישע צו איר גזאגט היש לך לדבר אל המלך טאמר האסטו עפיס צו ריידין צו דעם מלך דס מיינט מען הקב"ה וואס ער ווערט דענסט מאל אן גרופין המלך הקדוש וועל איך פון דיינט וועגן בעטן הט זיא גזאגט בתוך עמי אנכי יושבת איך וויל ניט מען זאל אויף מיר משגיח זיין אויף מייני מעשים נייערט איך וויל זיין צווישין נאר דעם פאלק ווארום דר וואס איז זיך כולל צווישן כלל ישראל דר ווערט אויבין ניט דר מאנט צוא שלעכטס דרום כל זמן דר מדת הדין הט שולט גוועזן הט הקב"ה אויבין ניט דר מאנט צוא נח נאר נאך דעם אז דר מדת הדין איז אוועק גיגאנגין שטייט ויזכור אלהים את נח הט ערשט הקב"ה דר מאנט דעם נאמן פון נח :

רבי הזקיה איז גגאנגן אין וועג פון קפוטקיא קיין לוד הט אים בגעגינט רבי יוסי זאגט רבי יוסי צו אים איך פר וואונדר זיך זייער אויף דיר וואס דו גייסט אליין אונ מיר האבן דאך גילערינט אז אמענטש זאל אליין ניט גיין אין וועג זאגט רבי הזקיה איין יונגיל גייט מיט מיר ער וועט באלד קומין אהער זאגט רבי יוסי דרויף איז מיר נאך מער

וואונדר

ואונדר ווי אזו גייסטו מיט אזו אמענטש ווס דו קאנסט מיט אים ניט
עוסק זיין בדברי תורה אין וועג · מיר האבין דאך גילערינט ווער
עס גייט אין וועג אונ איז ניט עוסק בתורה קומט ער צו איין סכנה'
זאגט ער דם איז גווים אזוי דר וויל קומט אן דם יונגיל צו גיין פרעגט
אים רבי יוסי מיין קינד פון וואנין בימטו זאגט ער איך בין פון לוד
אונ איך האב געהערט אז דער תלמיד חכם גייט אהין אזו האב איך
מיך אן גבריט מיט אים צו גיין צו בדינן אים · זאגט צו אים רבי יוסי
מיין קינד קאנסטו עפיס לערנין זאגט ער איך קאן וואול איך גדענק
ווען מיין פאטר הט מיט מיר גילערינט פרשת הקרבנות אונ אז ער
הט גילערינט מיט מיין עלטרין ברודר האב איך אויך צוא גיהערט
זאגט רבי יוסי מיין קינד זאג מיר עפיס ווס דו האסט גילערינט פתח
הייבט ער אן עס שטייט ויבן נח מזבח לה' ויקח מכל הבהמה הטהורה ווארום
האט נח מקריב גיוועזן איין עולה דען איין עולה קומט דאך נאר אז
אמענטש הט גיזינדיגט מיט דר מחשבה' נאר דם טראכטונג פון נח
איז אזו גיוועזן · הקב"ה הט גוזר גיוועזן אויף דר גאנצר וועלט צו פאר
דארבין אונ מיך האט ער מציל גיוועזן טאמר האב איך שוין מער קיין
זכות ניט מיר באלד ויבן נח מזבח לה' האט ער גבויט אמזבח וואס אדם
הראשון הט אויף אים מקריב גיוועזן· אונ נאך ווס שטייט דם לשון ויבן
איז משמע ער הט גבויט איין נייעם מזבח נאר דם מזבח ווס אדם
הראשון הט גימאכט האבן די דורות הרשעים צו בראכן הט דאס
נח ווידר גבויאט דם איז איין סוד אונ עס איז נאך דא פיל סודות ווס
דם קינד הט מגלה גוועזן איז רבי יוסי אויף גישטאנין אונ האט אים
גקושט אונ זאגט פיל גוטס איז גיוועזן ביי דיר אונ איך האב דר פון
גיט גוויסט זאגט רבי יוסי איך וועל שון מיין וועג ניט גיין נאר מיט
דיר דען דר וועג איז מיט דר שכינה אן גיברייט באר אונז האט ער
גנומן דם קינד בייא דער האנט אונ איז גגאנגין מיט אים זאגט רבי
יוסי צו אים זאג מיר ווס דיין פאטר הט גזאגט הט דם קינד אן גהובן
מגלה זיין גרוסי סודות אויף דעם פסוק ישקני מנשיקות פיהו זאגט רבי יוסי
צו דעם קינד ווי אזו איז דיין נאמין זאגט ער אבא איז מיין נאמין
זאגט רבי יוסי צו אים אבא איז טייטש אפאטר דו זאלסט זיין אפאטר
אין דער חכמה אונ מיט לאנגי יאר ער לייגט אויף אים דעם פסוק
ישמח אביך ואמך ותגל יולדתך :

ומוראכם וחתכם יהיה על כל חית הארץ הקב"ה הט זיי גיבענטשט אז פון
היינט אן אונ ווייטר זאלין זיי האבין דאס גישטאלט פון
אמענטשין דען צום ערשטין אז הקב"ה האט בשאפין אדם הראשון
האט ער אים בשאפין אין דעם גישטאלט אונ אין דעם פארים פון
הקב"ה אונ אז אלי בשעפניש האבין אויף גיהובין זייערי אויגין אונ
האבין דר זעהן דעם הייליגין גשטאלט כדמות של מעלה זענן אלי דער
ציטרט גיווארין אונ האבין זיך גפארכטין פאר אים אונ אז זיי האבן
גיזינדיגט איז דר גשטאלט פר ענדרט גווארין אונ איז שון ניט גוועזן
בצלם אלהים אזו האבן זיי זיך שון גפארכטן פר אלי חיות אונ בשעפניש
אונ אזו איטליכר מענטש אז ער איז ניט עובר אוף דר תורה ווערט
זיין צורה ניט משתנה פון דעם צלם אלהים אונ אלי בריות פון דר וועלט
האבן פר אים מורא אבר אז ער זינדיגט ווערט ער אן דעם צלם אלהים
אונ אלי בריות וחיות רעות זענן אויף אים שולט אונ דרום וויל נאך
דעם מבול איז די וועלט בנייט גווארין דרום הט זיי הקב"ה ווידער
גיגעבין שליטה אויף אלי חיות ובריות אזו ווי דר פסוק זאגט וכל דגי

הים בידכם נתנו אפילו די פיש אין וואסר זענן אין אייער האנט גיגעבי[ן]
גיווארין ומכל שכן אנדערי בריות :

ויחל נח איש האדמה ויטע כרם רבי יהודה אונ רבי יוסי קריגין אין דעמ[...]
איינער זאגט דר בוים פון ווייַן טרובין איז פאר טריבין גווארע[ן]
פון דעם גן עדן הט אים נח דא גיפלאנצט אונ איינר זאגט ער האט[...]
אים דא גיפונען האט ער אים אויס גריסין פון דעם ארט אונ הט אים[...]
ווידר גיפלאנצט אין דעם טאג הט דער בוים אויס גיצוגין בלעטע[ר ...]
מיט ווייַן טרובין אונ נח האט זייא אין דעם טאג גטרעטין מאכן ווי[ין ...]
אויף טריגקן אונ הט גטרונקן אונ איז שיכור גיווארין · רבי שמעו[ן ...]
האט גיזאגט גרויסי סודות פון דעם כרם וואס ער איז גיוועזן דאס[...]
איז איין סוד פון דעם גפן וואס אדם הראשון איז דער מיט נכש[ל ...]
גיווארין אונ וואס דיא בני אהרן האבין גיזינדיגט קען מען עס ני[ט ...]
שרייבין עס איז אגרויסר סוד :

פתח ער האט אן גהובן אונ האט גיזאגט עס שטייט כי פשעי אני אד[ע ...]
וחטאתי נגדי תמיד ווי אזו דארף דר מענטש גהיט זיין ער זאל ניט זינדיג[ן ...]
פר הקב"ה דען אז דר מענטש זינדיגט ווערט זיין עבירה אן גצייכנ[ט ...]
למעלה אונ ווערט ניט אפ גימעקט נאר מיט גרויס תשובה אזו ווי[...]
דר פסוק זאגט (ירמיה ב') כי אם תכבסי בנתר ותרבי לך בורית וגו' קום אונ זע[...]
אז דער מענטש זינדיגט פאר הקב"ה איין מאל מאכט ער למעל[ה ...]
אצייכין אונ אז ער זינדיגט נאך אמאל ווערט דער צייכין מע[...]
גישטארקט אונ אז ער זינדיגט דאס דריטע מאל צו שפרייט זיך ד[...]
פלעק זייער שטארק דענסט מאל שטייט שוין נכתם עונך לפני אז ד[...]
המלך האט גיזינדיגט פר הקב"ה מיט בת שבע הט ער גימיינט אז ד[...]
צייכין פון דר עבירה וועט שטיין אויף אייביג אבר דער פסוק זאג[ט]
גם ה' העביר חטאתך לא תמות השם יתברך הט אפ גימעקט דיין צייכין א[...]
הט מעביר גיוועזן פון דר וועלט זאגט רבי מיר האבין דאך גילערי[נט ...]
אז בת שבע איז גיוועזן ראוי צו דוד פון דר צייט אן אז מען הט[...]
וועלט בשאפין פר ווס הט הקב"ה זי גיגעבין צו אוריה החתי זא[...]
ער אזו איז דר סדר פון הקב"ה מיט מענטשין דאמשי די אשה [...]
אן גיבריט צו דעם מענטשין קען אנדרר זיך פעדרין אונ דא [...]
נעמען פאר איין אשה אונ אז די צייט קומט אז יענער זאל זיא [...]
נעמין אזו מוז דר מענטש שטארבין ווס האט זי פריער גינומין א[...]
ווערט נדחה פר יענם כדי ער זאל זיך אפ נעמין זיין בת זוג ד[...]
איז דר טעם ווס ארץ כנען איז פריער גיגעבין גיווארין צו כנען [...]
די ישראל דם איז אלין ידוע צו דיא מקובלים · קום אונ זעה דאמ[...]
דוד האט מתודה גיוועזן אויף זיין חטא אונ האט תשובה גיטאן [...]
דעסט וועגין האט ער זיך פארט אלי מאל גיפארכטין פר זייני ז[...]
אונ פאר דעם חטא פון בת שבע טאמר וועט זיין חטא גורם זיין [...]
וועט אויף אים מקטרג זיין בשעת הסכנה דרום שטייט כי פשעי
אדע אנדרר פשט איז כי פשעי אני אדע וחטאתי נגדי תמיד דם הט ער גיזא[גט]
אויף דעם חסרון הלבנה דם די לבנה איז קלענר גווארן דעם פע[...]
טאג אונ דוד הט זי גוואלט מתקן זיין מיט זייני שירות אונ זי איז [...]
מתוקן גיווארין ביז שלמה המלך איז גיקומין איז זי ערשט דר ליי[...]
גיווארין אונ די וועלט איז מתוקן גווארן דרום זענן די ישראל גזע[...]
פאר זיכרט אזו וויא עס שטייט וישבו איש תחת גפנו ואיש תחת תאנתו א[...]
דעם הט דוד גיזאגט וחטאתי נגדי תמיד דם איז דר חטא הלבנה אונ[...]
תיקון וועט ערשט זיין אז משיח וועט קומין וועט מקוים ווערן ויא[...]
הטומאה

טומאה אעביר מן הארץ וועט דער מיעוט הירח רעכט מתוקן ווערין
א היה גבור ציד לפני ה׳ דער נמרוד איז גיוועזן איין שטארקער מאן ווייל
ער הט אן גיטאן דס קלייד וואס הקב״ה האט אן גיטאן צו אדם
ראשון דען דורך דם קלייד הט נמרוד גיקענט חאפין אלי בשעפניש
ב דרום הט ער גיהייסין נמרוד ווייל ער הט מורד גיוועזן און ווידר
שפעניגט פר הקב״ה און פר די עליונים ותחתונים ער הט גיזאגט
איז דר גיוועלטיגר פון דר וועלט ביז זיי האבין אלי אפ גיקערט
הקב״ה און האבין גידינט עבודת כוכבים זאגט רבי שמעון אין
די קליידר ווייסין די חכמים גרויסי סודות :

י חייא ור׳ יוסי זענין גיגאנגין אין וועג זאגט רבי חייא לאמיר אן
הייבין מחדש זין אין דער תורה האט רבי יוסי אן גיהויבין עס
ייט כי ה׳ אלהיך מתהלך בקרב מחניך להצילך הקב״ה איז גיגאנגען מיט די
ראל אין דר מדבר אזו וויא עס שטייט וה׳ הולך לפניהם יומם און אויך
ט די שכינה מיט דעם מענטשין אזו וויא עס שטייט צדק לפניו יהלך
לדרך פעמיו אז דר מענטש איז פרום טוט הקב״ה גיין מיט אים צו
לפין אים און צו באשיצין אים אין דר וועגין פר אלי שלעכין דרום
ער זיך דר מענטש האלטין ריין און הייליג אזו ווי עס שטייט והיה
ד קדוש ווארום שטייט קדוש לשון יחיד עס וואלט בדארפט שטיין
שים אלא דאס גייט אויף די איברים פון דעם מענטשין זיין גוף
זיין הייליג כדי די קדושה זאל קענין רוען אויף אים דרום זאגט
פסוק ולא יראה בך ערות דבר וואס איז טייטש דבר אלא דבר מיינט מען
ר דס דר מענטש בדארף היטין זיין דבור ער זאל ניט ריידין קיין
ילפה און ליצנות און לשון הרע כדי ער זאל ניט מטמא זיין זיין
ל ווארום די שכינה גייט פון אים אוועק דרום שטייט ושב מאחריך
דער מענטש איז מטמא זיין גוף מיט זנות און הייליגט ניט זיין
רוט אופאים ניט די קדושה דרום בדארפין מיר עוסק זיין בתורה
די תורה קריינט דעם מענטשין אויף זיין קאפ און דיא שכינה
ט ניט אפ גיטאן פון אים · רבי חייא הייבט אן עס שטייט ויאמר
ן עם אחד וגו׳ דער דור הפלגה האט גפונין איין ארט פון דעם דור
בול אפ צו קערין פון הקב״ה און זיי האבין גרויס הצלחה גיהאט
ייערי ווערג ווייל זייא זענין גיוועזן עם אחד ושפה אחת און האבין אלי
ט לשון הקודש הט הקב״ה גיזאגט ווייל זיי זענין איין פאלק און
ין איין הארץ און ריידין לשון הקודש דרום וועט דאך אלץ זיין
ט זייא ווילין איך וועל מבלבל זיין זייער לשון און זייערי מדריגות
נות הט זיי הקב״ה מבלבל גיוועזן און הט זיי פר שפרייט אויף
וועלט היינט לאמיר זעהן ומה דאך זיי האבין גילייקינט אין גאט
ווייל זייא זענין גיוועזן מיט איין הארץ און האבין גירעט לשון
ש הט קיין דין אין זיי ניט גיקענט שולט זיין ביז הקב״ה הט זיי
בל גיוועזן איז שוין אפל שכן מיר און דיא חברים מיר זענען בלב
און זענען עוסק בתורה בלשון הקודש קען בוודאי דער מדת
ניט שולט זיין אין אונז זאגט רבי יוסי פון דאנין לערנין מיר
אז מחלוקת הט קיין קיום ניט דען ווייל זיי זענין מיט צו טיילטע
צר ווארום זייא האבין דאך אמת גילייקינט אין גאט נאר ווייל
אבין גיהאט איין הארץ הט דר מדת הדין ניט שולט גיוועזן אין
זאגט רבי חייא מיר לערנין אפ אלץ איז גיווענט אין דבור פון
מענטשין דען וויא באלד גאט האט נאר זייער לשון פר מישט
זיי תיכף פר שפרייט גיווארין אבר אז משיח וועט קומן שטייט

כי אז אהפוך אל עמים שפה ברורה לקרוא כולם בשם ה׳ און ווידר שטייט והיה ה׳
למלך על כל הארץ ביום ההוא יהיה ה׳ אחד ושמו אחד :

ויהי כל הארץ שפה אחת וגו׳ דער דור הפלגה האבין אלע גירעט בלשון
הקודש וואס דס לשון פר שטייען די מלאכים זיי האבין קיין אנדר
לשון ניט גירעט דרום שטייט ועתה לא יבצר מהם דען ווען דיא דור
הפלגה אלץ פועל זיין דען אז מען רעט אנדר לשון צו די מלאכים
זענין זיי דרויף ניט משגיח דען מעשה שדים איז נאר איין פר בלענדניש
פר די לייט און ניט מער און זיי האבין גוואלט דוחה זיין די קדושה
און שטארקין דיא טומאה דען זייא האבין גיוויסט איטליכין ממונה
אויף וואס ער איז גיזעצט דרום האבין זיי מצליח גיוועזן אין דעם עיר
ומגדל וואס זיי האבין גיבויט און וואס זייער כוונה איז גיוועזן איז איין
גרויסער סוד דרום וירד ה׳ לראות הט הקדוש ברוך הוא אראפ גינידרט
צו זעהען זייערע מעשים פון דר בקעה דען זיי האבן גיוואלט גרויסן
די טומאה אויף דעם ארט דווקא הט זיי הקב״ה מבלבל גיוועזן זייער
לשון דרום שטייט אשר בנו בני האדם אזו ווי אדם הט גישטארקט דיא
טומאה אזו האבין זיי אפ גקליבין דס ארט דס איז גוט גיוועזן דר צו
און זייא האבין גישטארקט דעם כח פון דער טומאה און דאס איז
גיהאנגין ביז די בני אפרים זענין אליין ארוס גיגאנגין פון מצרים און
האבין ניט גיוואלט ווארטין אויף דעם קץ הימין זענין זיי דארטין אין
דר בקעה גיפאלין בקץ הימים פון דר קליפה דרום שטייט ביי יחזקאל
ער הט גיזעהן אין דר בקעה והיא מלאה עצמות דען זיא איז גישטארקט
גיווארין פון דעם צלם וואס נבוכדנצר הרשע האט דארטין גישטעלט
און דר כח איז דר נאך צו בראכין גיווארין אז דיא מתים זענין אויף
גישטאנען אויף זייערע פיס און דער צלם איז צוא בראכין גיווארין
דענסט מאל האבין אלי אומות גיוויסט אז קיין אנדרר גאט איז ניט
דא נאר גאט אליין און נאך מער דעם טאג וואס חנניה מישאל ועזריה
האבין מקדש השם גיוועזן איז אלץ מתוקן גיווארן דרום שטייט והקדישו
את קדוש יעקב וגו׳ רבי חייא הייבט אן עס שטייט והרשעים כים נגרש וגו׳
אזו ווי דר ים אז ער שטורימט ווארפט ער ארויס פון זיך מיסט און
ליים און טינוף אזו אויך זענין די רשעים דען זיי גייען אין קרומי וועגן
און וואס עס גייט ארויס רייד פון זייער מויל איז פול טינוף און אום
ערדיג און מיסט ביז זיי זענין זיך מטמא · קום און זעה זייא האבין
גיזאגט הבה נבנה לנו עיר וגו׳ הבה איז טייטש אן ברייטין דען זיי האבין
זיך אן גיברייט צו בויען איין שטאט און איין טורעם און מיט זייער
שטות האבין זיי ווידר גישפעניגט אנטקעגין הקב״ה און האבין זיך
גיוואלט אויס ציהען פון דעם רשות פון הקב״ה און צו געבין זיך אין
רשות פון דיא קליפות וירד ה׳ לראות דאס איז איינס פון דיא צעהען
ירידות וואס הקב״ה האט אראפ גינידרט עס שטייט וירד ה׳ ווייזט דאס
אז הקב״ה איז ניט נאר אויבין ער זאל בדארפין אראפ נידערין נאר
לראות ער הט אראפ גינידערט פון מדת הרחמים צוא זעהן זייא מיט
דער מדת הדין צום ערשטין אויף דיא מדריגות העליונים און דער
נאך אויף די מדריגות התחתונים און ווייל זייא האבין למעלה אויך
פוגם גיוועזן דרום האט ער פריער משגיח גיוועזן למעלה דרום שטייט
פריער לראות את העיר דר נאך ואת המגדל אשר בנו בני האדם דאס זענין דיא
קינדר פון אדם הראשון ער הט אויך מורד גיוועזן אין זיינעם הערין
און ער הט גורם גיוועזן מיתה לכל העולם :

ותהי שרי עקרה אין לה ולד זאגט רבי חייא וויא צוא אונז אויף דער
דאזינר

דאזיגר צייט זאגט רבי יוסי אמער זיא הט דאך דר נאך גיהאט איין זרע קודש דאס איז יצחק זאגט רבי חייא דוא ווייסט אונ איך ווייס וואס איך האב גיהערט פון רבי שמעון דרויף ווין איך ווייא אויף דער דאזיגר צייט דרום ווייל שרה האט שפעט גיהאט אקינד דרום האט זיא גיזאגט צוא אברהם בא נא אל שפחתי אולי אבנה ממנה אונ דיא שעה איז בייא גישטאנען צוא איר שפחה הגר זיא זאל האבין אקינד פון אברהם אונ האט גיזאגט פאר הקב"ה לו ישמעאל יחיה לפניך אונ חאטשע הקב"ה האט אים מבשר גוועזן אז ער וועט האבין יצחק האט ער זיך פארט מדבק גיוועזן אין ישמעאל ביז הקב"ה האט אים גיזאגט ולישמעאל שמעתיך אונ הט זיך מל גוועזן איידר יצחק איז גקומן אויף דער וועלט קום אונ זעה פיר הונדערט יאר איז גישטאנען דר ממונה פון ישמעאל אונ האט גיבעטין פאר הקב"ה אונ הט גיזאגט רבונו של עולם ווער עס טוט זיך מל זיין זאל קיין חלק ניט האבין אונ דיין נאמן זאגט הקב"ה יוא האט ער גיזאגט ישמעאל הט זיך צוא דרייצען יאהר מל גיוועזן פר וואס זאהל ער קיין חלק ניט האבן אין דיין נאמען אזו וויא יצחק זאגט הקב"ה יצחק האט זיך מל גוועזן צוא אכט טאג אזו ווי דיא רעכטי צייט איז אבר ישמעאל האט זיך ניט מל גוועזן אין דר רעכטר צייט זאגט ער פון דעסט וועגין אז ער האט זיך מל גיוועזן זאל ער קיין שכר ניט האבין דר פר וואס האט הקב"ה גיטאן האט ער אים מרחיק גיוועזן פון דביקות של מעלה אונ האט אים גיגעבין זיין חלק למטה אין ארץ ישראל אונ די בני ישמעאל וועלין שולט זיין אין ארץ ישראל אלאנגי צייט בחורבנו אז ארץ ישראל וועט ניט זיין בשלימות אזו וויא זיין מל זיין איז ניט גיוועזן בשלימות אונ דס וועט אויף האלטין די ישראל זייא וועלין ניט קאנען קומען אהין ביז זיין זכות וועט זיך אויס לאזין דענסט מאל וועלין דיא בני ישמעאל דר וועקין אמלחמה אונ מען וועט זיך איין זאמלען אויף זייא אונ וועלין מיט זייא מלחמה האלטין אויף דעם ים אונ אויף דר יבשה אונ איין מלחמה נאהענט קיין ירושלים אונ ארץ ישראל וועט ניט זיין איבער גיענטפערט אין דער צייט וועט זיך דער וועקין איין פאלק מסוף העולם ועד סופו אונ וועלען מלחמה האלטען דרייא חדשים אונ פיל פעלקר וועלן זיך אהין איין זאמלן אונ וועלן מלחמה האלטין מיט זייא אזו וויא דר פסוק זאגט ה' צלדעל יד ימינך ווייל דר שם הקדוש איז בימין אונ דיא תורה איז בימין אזו וויא דער פסוק זאגט מימינו אש דת למו דען אלז דינג הענגט אן אין דער רעכטער האנט אונ דרום גיהער מען תמיד שטארקין דעם ימין איבר דעם שמאל אזו ווי עס שטייט הושיעה ימינך ועגני:

אלה תולדות נח רבי יהודה זאגט הקב"ה האט גימאכט ירושלים של מעלה אנטקעגן ירושלים של מטה אונ הט גישווארין ער וועט ניט ארין גיין בירושלים של מעלה ביז דיא ישראל וועלען קומען בירושלים של מטה אזו וויא דער פסוק זאגט בקרבך קדוש ולא אבא בעיר אונ דארטין זענין כיתות פון מלאכים אונ די טירין הייסין צדק זייא זענין ממונה ארין ברענגען אהין דיא נפשות הצדיקים אויף זייא הט דוד גיגלוסט אונ גיזאגט פתחו לי שערי צדק אבא בם אודה יה זה השער לה' צדיקים יבואו בו אונ די שומרים זענין אויף מויערין אזו וויא דער פסוק זאגט על חומותיך ירושלים דאס מיינט מען ירושלים של מעלה הפקדתי שומרים דאס זענין דיא מלאכים עס איז פאר האנדין זיבין טירין צוא דיא נפשות ארין צו גיין ביז זייא קומן איטליכר אויף זיין רעכטער ארט נאך זייער מעלה נאך אונ אויף איטליכר טיר איז דא שומרים פתח הראשון די ערשטי טיר גייט די נשמה אין דער מערת המכפלה דען זיא איז נאהענט צוא דעם גן עדן אונ דער שומר איז אדם הראשון אויב זיא איז זוכה רופט ער אוים פנו ראמט אוים איין ארט פריד צו דיין קימען אזו גייט זיא ארוים פון דער טיר אונ קומט צוא דער אנדערער טיר וואס זיא איז בשערי גן עדן אונ דארטין שטייען דיא כרובים מיט דעם להט החרב המתהפכת איז זיא זוכה גייט זיא ארי בשלום אונ אויב ניט איז זיא דארטין מקבל איר עונש אונ זיי משפט די נשמה מיט פלאם פייער אונ אזו איז גיוועזן אין בית המקדש ש כרובים אז דער כהן גדול איז זוכה גיוועזן איז ער ארין אונ ארויס גיגאנגין בשלום אונ אויב ניט איז ארויס גיגאנגין איין פלאם פייער פון די כרובים אונ הט אים פר ברענט אזו איז אויך די כרובים פו דעם גן עדן צו לייטערין די נשמה אונ אז זיא איז זוכה גיט מען איר איין בוך פר איין סימן ארין צו גיין אין די שערי גן עדן התחתון או דארטן איז פאר האנדן איין זייל פון ענן ונוגה גמישט אונ עשן ונגה א ארום אזו ווי דר פסוק זאגט וברא ה' על מכון הר ציון ועל מקראיה ענן יומם וא נוגה אונ פון דארטן גייט זיא ארויף צו די שערי ירושלים איז זיא ניט זוכה בלייבט זיא דארטן אונ ווערט דארטן אן גזאגט פון דעם גוטן פון אויבן אבר ווען זיא איז זוכה גייט זיא דורך דר זייל צו דר דריט טיר ער הייסט זבול ביז ירושלים איז זיא זוכה זענין דארטין פאר האנדין שומרים עפינט מען איר אויף דיא אלי טירין גייט זיא ארי אונ אוב ניט פאר שליסט מען די אלי טירין אונ מען נעמט ביי איר צו דעם בוך וואס זיא הט גבראכט אסימן אונ מען שטויסט זיא ארוס אזו זאגט די נשמה מצאוני השומרים הסובבים בעיר דס זענען די מלאכי השרת וואס זיי היטין דס בית המקדש וירושלים של מעלה נשאו את רדידי מעל זיי האבין ביי מיר צו גנומן דעם סימן דס הייסט דעם בוך שומרי החומות די וואס זענען שומרים אויף די חומות ירושלים ווען זיא איז אבער זוכה אזו גייט זיא ווייטר אין די שערים אונ טוט לויבין צו הקב"ה אין בית המקדש וואס איז אויבין אונ מיכאל שר הגדול איז זיא מקריב פר אקרבן צו הקב"ה דס הייסט אזו ווי איינר ברענגט איין מתנה פר איין מלך אונ מיכאל גייט מיט איר ביז צו דר פערטר אונ די פינפטי טיר אונ זאגט פאר הקב"ה רבונו של עולם וואול צוא דייני קינדר דייני ליב האבר אברהם יצחק ויעקב וואול צו די צדיקים וואס זייא זענען זוכה צו קומן צו דעם שער השביעי וואס ער הייסט ערבות דארטן זענין גנזי החיים אונ נשמות הצדיקים אונ דארטין ווערין זיי מלאכי השרת אונ לויבן פר הקב"ה אונ ווערין גישפייזט פון דעם לויטערין ליכט וואס זיא הייסט אספקלריא המאירה אונ דארטין איז דיא מנוחה פון חיי עולם הבא דרום זאגט ער אלה תולדות נח די מנוחת ונחלה וואס אויף דעם שטייט עין לא ראתה אלהים זולתך דר צו הט נח זוכה גוועזן ווארום נח איש צדיק תמים ווייל נח איז גוועזן אצדיק תמים הט זיך הקב"ה משתעשע גוועזן מיט זיין נשמה דרום שטייט את האלהים התהלך נח דאס מיינט מען אויבין ניט אונטין רבי יצחק זאגט הקב"ה הט גישווארין אז ער בגערט ניט אין דעם טויט פון די רשעים אזו ווי דר פסוק זאגט חי אני נאום ה' אלהים אם אחפוץ במות הרשע וגו' הקב"ה וויל אז דער רשע זאל תשובה טאן וועט ער לעבין בעולם הזה ובעולם הבא וואול צו די ישראל וואס מען זאגט זיי טוט תשובה וועט איר לעבין רבי יוחנן זאגט עס שטייט ועיני רשעים תכלינה ומנוס אבד מנהם וגו' עס איז אמשל צו גזלנים וואס זיי פלעגין רובין

מענשן

שין אוף דעם וועג אמאל האט מען זייא ארייןגיכאפט אין דער סה האבין זייא זיך בטראכט אז וועדליג זייערי מעשים דרעים זיי האבין גיטאן וועט מען זיי בודאי אן טאן גרוסי יסורים האבין ונטר גינראבין דם תפיסה הויז אונ זענין אנטלאפין גיווארין · ר צווישין זיי איז גוועזן איין שוטה ער האט אויך גיזעהן די לאך אונ ניט אנטלאפין גיווארין · צו מארגן איז גיקומן דער מלך זעהן די סה פון די גזלנים האט ער גיזעהן ווי זיי זענן אלי אנטלאפין גווארין איינר איז גבליבין זאגט דר מלך דוא האסט דאך אויך גיקאנט לויפין גליך מיט זיי ווס זאל איך דיר טאן זייא זענין דאך ניט דא דיר זאל מען דייני אויגן אוס שטעכין דער נאך זאל מען דיך גין · אזו אויך די רשעים וואס גייען אין דער פינצטר מיט זייערי בטי מעשים פר הקב"ה נאר די קלוגי זאגין וואס זאלין מיר טאן מיר זאלין פון דעם עונש ניצול ווערין לאמיר טאן תשובה ותפלה לין מיר ניצול ווערין אבר די שוטים זיי זעהן דר וועג פון תשובה פר זיי אפין ווס אנדרי האבין גיעפינט אונ זענן ניצול גווארין אונ בגערין ניט זייא זאלין אויך ניצול ווערין זאגט הקב"ה שוטים ערי ברידר האבין שון גטאן תשובה ווס זאל איך זייא טאן אבער הט דאך אויך גיזעהן דעם וועג אונ איר הט אין דרינן ניט גוואלט אונ ניצול ווערן פון אייער דין ווס שטייט אוף זיי ועיני רשעים תכלינה רי אויגן זאלין בלינד ווערין ומנוס אבד מנהם ותקותם מפח נפש לעולם א איז פר לארין זייער האפונג אזו אויך זענן גוועזן דר דור המבול האבין גיזעהן אז נח מאכט איין תיבה אונ האט זיי אזו התראה אן אונ האבין פארט ניט גיוואלט קיין תשובה טאן דרום זאגט ב"ה זייער הצלחה איז שון פר לארין ווייל זיי האבין קיין תשובה ט גטאן ותקותם מפח נפש דם זיי וועלין ניט אוף שטיין ליום הדין :

י יוסי אונ רבי חייא זענין גיגאנגין אין וועג זאגט רבי חייא זאג מיר פון די גוטי זאכין ווס דיין פאטער הט גזאגט פון דעם תענוג פון נשמה בעולם הבא זאגט רבי יוסי לאמיר פון דעם ארט אוועק גיין רום דא איז ניט קיין רעכטי ליט זאגט רבי חייא אדרבה ווייל מיר לין דא לערנין וועלין מיר פון זיי ניצול ווערין זאגט רבי יוסי דם ניט גיזאגט גווארין אוף איין סכנה אזו וויא זייא גייען זאגט רבי י עס שטייט כרם היה לשלמה בבעל המון כרם מיינט מען די נשמה דס איז גיפלאנצט גיווארין מתחת כסא הכבוד היה לשלמה מיינט מען ב"ה ער הייסט שלמה ווייל ער איז דער שלום פון דר וועלט בבעל ן מיינט מען דעם כסא הכבוד דם ער איז שולט אויף אלי חיילות שמים והארץ אונ ער איז דר העכר איבר אלי ער גיט די נשמה לנוטרים פריו צו די צדיקים ווס היטין די מצות ומאתים לנוטרים את פריו דם איז ריז ווס דרינן איז צוויי הונדערט גלוסטיגי עולמות צו די צדיקים ן הקב"ה איז זיך בחצות הלילה משתעשע מיט זייא אונ אז דוד מלך הט דם גזעהן האט ער גגלוסט דר צו אונ הט גזאגט רבש"ע י תבחר ותקרב ישכון חצריך וואול צו די לייט ווס זענן זוכה דארט צו רוען ט רבי אבוהו איטליכר מענטש גיהער נזהר זיין כל זמן די נשמה ן בייא אים ער זאל ניט חוטא זיין אונ תמיד איבר קלערין אין זייני עשים כדי ער זאל האבין זיין מעלה גליך ווי אנדרי צדיקים אז די מה וועט ארויף גיין צוא זעהן פני השכינה זאל אים קיינר ניט קענין רין מיר לערנין דאך פון דר תיבה אז בשעת נח איז אין איר ארייו גאנגין זענן אלי בהמות וחיות ועופות ווס זיי האבין ניט גיזינדיגט

אויך ארייןגנאנגין אונ די תיבה האט זייא צוא גנומן אונ דיא וואס האבין יוא גיזינדיגט הט זיי די תיבה ארוס גשטוסין ומה דאך דיא תיבה איז נאר איין האלץ איז אזו גיוועזן מכל שכן די שערי שמים מיט דיא שומרים אונ דער כסא הכבוד נעמין בוודאי אן נאר אזוי א מענטש וואס ער הט ניט גיזינדיגט אונ ווער עס האט יוא גזינדיגט שטויסט מען אים ארויס רבי חייא זאגט נח איז גוועזן מקטני אמנה דם הייסט א קלייניר גלייבר ער איז ניט ארייןגיגאנגין אין דר תיבה ביז די וואסר זענן שון גרויס גווארין דרום שטייט מפני מי המבול זאגט רבי יצחק קום אונ זעה דם רחמנות פון הקב"ה בתחלה הט ער גמאכט נידערין דם וואסר מיט רחמנות כדי זייא זאלין דורך דעם תשובה טאן דרום שטייט ויהי הגשם עס איז נאר גיוועזן איין רעגין וועלין זייא תשובה טאן וועט דאס זיין רעגין פון ברכה אונ אז זייא האבין קיין תשובה ניט גיטאן איז דר פון גיווארין איין מבול · רבי הייבט אן עס שטייט וירח ה' את ריח הניחוח וגו' אז נח איז ארויס גיגאנגין פון דער תיבה הט ער גיזעהן די וועלט איז חרוב גווארין האט ער אן גהויבין צו וויינין אונ הט גיזאגט רבונו של עולם פון וועגין די זינד פון דיא נארישי לייט האסטו חרוב גימאכט די גאנצי וועלט אמער וואלסטו בעסער ניט גוועזן בשאפין דעם מענטשין אדר ניט בשאפין די וועלט דם ער גיבראכט א קרבן עולה אונ האט זיך גישטעלט מתפלל זיין איז דר ריח פון דר עולה ארויף גיגאנגין צו הקב"ה אונ עס איז אים גיוועזן זיס אונ גיליבט זאגט רבי דריי ריחות זענין אויף גיגאנגין דר ריח פון דעם קרבן אונ דער ריח פון דער תפילה אונ דער ריח פון זייני מעשים טובים אונ דר ריח פון נח איז גיליבטר גיוועזן צו הקב"ה מער פון אלי דרום שטייט ריח ניחוחי תשמרו להקריב לי במועדו דעם ריח ווס נח הט פר מיר מקריב גיווען זאלט איר היטין דאס מיינט מען ריח עולה ותפלה ומעשים טובים · רבי איבו זאגט נח איז א גרוסר חכם גיוועזן אונ הט פר שטאנען דם לשון פון די עופות אונ פון אלי ברואים וואס זיי מיינין מיט זייער שרייען אונ מיט זייערי תנועות אונ אז ער איז גיוועזן אין דר תיבה הט ער גזאגט עס איז ניט פאר האנדין קיין קלוגר עוף פון דעם ראב דאס פון זייני מינים קען מען פיל וויסין דרום הט ער אים גישיקט אין שליחות · פרעגט רבי חייא וויא הט ער אזו גיטאן אמער עס שטייט דאך לא תנחשו ולא תעוננו אונ אז מען קוקט אויף דיא מינים פון דיא עופות איז מען דאך עובר אויף דעם לאו נאר דרום הט ער גישיקט דעם ראב ווארום ער הט זיך מצער גיוועזן ווס די וועלט איז פר לארין גיווארין אונ הט גזאגט רבונו של עולם דו ביסט דאך איין בעל הרחמים אונ היינט איז דם רחמנות פר קערט גיווארין צוא אכזריות אונ האסט זיך ניט מרחם גיוועזן איבער דייני קינדער ווס דו האסט זיי בשאפין דרום וועל איך שיקן דעם ראב ווס ער איז אויך איין אכזר אוף זייני קינדער · פרעגט רבי יוסי נח איז דאך גיוועזן איין צדיק תמים ווי הט ער אזו גירעט אנטקעגין השי"ת אמער דם הייסט דאך איין עזות אזו רעדין אנטקעגין השי"ת מהדר זיין נאך זייני מעשים זאגט רבי חייא ווייל ער הט דם גירעט מחמת צער איז הקב"ה ניט ברוגז גיוועזן דען דער מענטש ווערט ניט גישטראפט אז ער רעט בשעת צער אזו ווי איוב הט גירעט אקעגין השי"ת מחמת זיין צער הט אויך השי"ת אויף אים ניט גיצערינט אזו וויא דר פסוק זאגט לא בדעת ידבר ודבריו לא בהשכל אונ דר ראב הט ניט גיוואלט גיין אין דעם שליחות פון נח ווייל ער איז גיוועזן אן גיבייט

אוף

אוף אנדר שליחות צוא שפייזין אליהו הנביא אזו וויא עס שטייט
וחעת־בים טביאים לו בשר ולחם דרום שטייט עד יבושת המים • יבשת איז דיא
אותיות פון תשבי דס איז אליהו התשבי • אונ אז נח הט גיזעהן אז
ער טוט ניט זיין שליחות הט ער גישיקט די טויב אונ דרום האט ער
זיא גישיקט צו ווייזין כיונה פותה אין לב כחכמת דעם גרויסין צער איז איר
הארין ניט פאר האנדין מיט איר • אונ ווידר כחמת דיא טויב איז
מקבל אויף זיך איר טוט זיא שטרעקט אויס איר האלז מען זאל זיא
קוילין אונ עס איז ניט פר האנדין צווישין אלי עופות איר גלייכן דרום
זענין די ישראל גיגליכין צו אטויב דרום האט זיא נח גישיקט פאר
איין סימן אז עס איז צו אונז אויך אזו רעכט מקבל זיין דעם צער וואס
הקב"ה הט אויף אונז גישיקט • ער וועט אונז אליין העלפין :

אמר רבי יוחנן בן נורי רבי יוחנן בן נורי הט גזאגט הקב"ה הט גינומין
שם בן נח אונ הט אים אפ גישייד פר איין כהן לאל עליון אונ האט
גימאכט רוען די שכינה אוף אים אונ הט אים גרופין מלכי צדק מלך שלם
אונ זיין ברודר יפת האט ביא אים אין כהמ"ד תורה גילערינט ביז
אברהם אבינו איז גיקומין אונ הט אויך דארט גלערינט תורה האט
אים הקב"ה צו זיך כהעפט אונ הט אין אלי פר געסין האט אברהם
מתפלל גיוועזן אז הקב"ה זאל תמיד מאכין רוען זיין שכינה אין דעם
בית המדרש פון שם הט אים הקב"ה מודה גיוועזן אזו ווי עס שטייט
אתה כהן לעולם על דברתי מלכי צדק זאגט רבי יוחנן יפת איז דאך גיוועזן
עלטר פון שם נאר דרום הט הקב"ה בעסער ליב גהאט צום שם וייל
ער הט תמיד עוסק גיוועזן כתורה אונ האט זיך אפ גישייד פון דער
וועלט אונ פון וועמין הט שם גיהאט די תורה נאר אדם הראשון הט
זיין ספר גילאזט צו זיין זון שת איז דר ספר גיגאנגין בירושה ביז ער
איז אן גיקומין צו שם אזו וויא אויבין איז גישטאנין • זאגט רבי יוסי
אז שת הט יוא גיהאט די תורה ווארום הט השי"ת גידארפט געבאטין
זיבין מצות צו די בני נח אמער זייא זענין דאך פריער גישטאנין אין
דר תורה נאר מחמת דעם צער פון דעם מבול האבן זיי פאר געסין
די תורה הט זיי הקב"ה דר מאנט דיא זיבן מצות רבי יוסי זאגט ח"ו
זיי האבן ניט פר געסן די תורה נאר הקב"ה הט גזאגט אז איך וועל
זיי גיביטן די גאנצי תורה וועלין זייא ניט וועלין האלטין אפילו איין
מצוה אזו וויא מיר גיפינן מענטשן האבין גזאגט ודעת דרכיך לא חפצנו
דרום וועל איך זיי געבין חאטשי די זיבן מצות זייא זאלין דער וייל
האלטין ביז עס וועט קומן איינר דאס מיינט מען אברהם אבינו ער
וועט שוין האלטין דיא גאנצי תורה אזו וויא עס שטייט עקב אשר שמע
אברהם בקולי וגו׳ בשעת אז אברהם הט גילערינט מיט שם הט ער אויף
זיך מקבל גיוועזן צו האלטן די גאנצי תורה :

תנו רבנן די רבנים האבין גילערינט בשעת אז נח איז ארויס גגאנגין
פון דר תיבה אונ האט גיזעהן אז דיא גאנצי וועלט איז פאר
דארבין גיווארן האט ער אן גיהובין צו וויינין אונ הט גיזאגט רבונו
של עולם דוא ביסט דאך איין רחום וחנון וואלסטו גידארפט אוף זייא
רחמנות האבן פר וואס האסטו זיי פר דארבן׃ הט אים הקב"ה געענפערט
אצונד טוסטו אוף זיי בעטין פר וואס בשעת איך האב דיר גיזאגט כי
אותך ראיתי צדיק לפני בדור הזה ואני הנני מביא מבול וגו׳ האסטו ניט גיבעטין
אוף זיי נאר וייל דו האסט גיהערט אז דוא וועסט ניצול ווערין פון
דעם מבול הט דיך ניט גיהארט אויף דער גאנצר וועלט • היינט אז
אלדינג איז שון פר לארין גיווארין הייבסטו ערשט אן צו בעטין פר

זיי • זאגט רבי יוסי קום אונ זעה דעם חילוק פון נח צוא שפעטר
צדיקים דען ער הט ניט מתפלל גיוועזן אונ הט ניט מגין גיוועזן אויך
זיין דור׳ אבר אברהם אבינו אז הקב"ה הט אים גזאגט זעקת סדום ועמורה
כי רבה שטייט ויגש אברהם ויאמר האף תספה צדיק עם רשע ער הט פיל גיבעטן
פר זיי אז אפילו עס וועט מער ניט זיין צווישין זיי נאר צעהן צדיקים
זאלין אלי ניצול ווערין • אונ ווידר ביא משה רבינו גיפינן מיר א
הקב"ה האט אים גיזאגט דיא ישראל האבין גיזינדיגט מיט דעם עגל
שטייט ויחל משה ער הט אזו לאנג גבעטין ביז ער הט זיך מוסר גיוועז
פון זייערט וועגין בעוה"ז ובעוה"ב ער הט גזאגט אם תשא חטאתם ואם אי
וגו׳ אונ ווידער שטייט ויאמר להשמידם לולי משה בחירו וגו׳ אזוי אויך א
צדיקים האבין מגין גיוועזן אוף זייער דור אונ האבין ניט גלאזט דעמ
מדת הדין זאל שולט זיין אין זיי • אבר נח הט הקב"ה מיט אים לאנג
גירעט פר דעם מבול כדי ער זאל אות זיי בעטין אונ ער הט זיך נאר
ניט גקערט צו די רייד נאר ער הט זיך גמאכט איין תיבה אונ ד
גאנצר דור איז פר לארין גיווארין :

רבי שמעון מיט ר׳ אלעזר זענין גזעסין אין דר שטאט טבריא פרעגט
אים רבי יהושע רבי פר וואס הט נח ניט גבעטין אוף זיין דור
זאגט רבי שמעון וייל ער הט זיך ניט גגלייבט ער זאל אליין ניצו
ווערין דען השי"ת הט אים גיזאגט כי אותך ראיתי צדיק וגו׳ האט ער זיך
גיטראכט וייל דר גאנצר דור זענן רשעים איז ער אקעגן זיי א צדיק
דרום הט ער גזאגט הלוואי וואלט איך גקאנט בעטן איך זאל אליי
ניצול ווערין ווי אזו קען איך נאך בעטין אויף דעם גאנצין דור זאגט
רבי אלעזר פון דעסט וועגין וואלט ער פארט גידארפט בעטין אויף
דער וועלט ווארום הקב"ה האט הנאה אז מען רעט גוטץ אוף זיינ
קינדר מיר לערנן דס אפ פון גדעון בן יואש ער איז ניט גוועזן אז
אגרויסר צדיק נאר וייל ער הט גרעט גוטץ אוף דיא ישראל שטייט
ביא אים ויאמר לו ה׳ לך בכחך זה והושעת את ישראל מיד מדין וואס מיינט מע
לך בכחך דס איז דר כח וואס דו האסט גרעט גוטץ אוף ישראל מיט דעם
כח וועסטו זיי העלפין פון מדין זאגט רבי אלעזר חאטשי איינר אי
אצדיק גמור מער פון דר גאנצר וועלט נאר ער רעט רכילות אדע
שלעכץ אוף דיא ישראל איז זיין עונש גרעסיר פון אלי ווארום מיר
גיפינן ניט איין גרעסרין צדיק פון אליהו הנביא אין זיין דור אונ וויי
ער הט גרעט שלעכץ אוף די ישראל אזו ווי עס שטייט כי עזבו בריתך בנ
ישראל את מזבחותיך הרסו ואת נביאך הרגו בחרב הט דס הקב"ה זייער גיהארט
שטייט ווייטר ויבט והנה מראשותיו עגת רצפים הקב"ה הט אים גזאגט דו ביסט
ווערט דו זאלסט עסין אקיכיל וואס עס איז גבאקין גווארין אוף קולי
וייל דו האסט גרעט שלעכץ אוף די ישראל שטייט ווייטער וילך בכח
האכילה ההוא וגו׳ ארבעים יום איז דאך קשה ווי אזו גישיקט זיך אז ער הט
גילעבט מיט דעם עסין פערציג טאג נאר אזו מיינט מען הקב"ה הט
אים גיוויזין די פערציג טעג אונ פערציג נעכט וואס משה רבינו אי
גיוועזן אוף דעם הימיל מקבל זיין די תורה דר וייל האבין די ישרא
גימאכט דס עגל איז משה רבינו ניט אוועק גיגאנגין ביז הקב"ה הט
זיי מוחל גוועזן הט הקב"ה גיזאגט צו אליהו דו וואלסט גדארפט או
אזו טאן ווארום זיי זענן מייני קינדר דס זיי האבין מקבל גיוועזן די
תורה אוף דעם בארג סיני דס שטייט וילך בכח האכילה ההוא וגו׳ עד הר חור
דס איז דר הר חורב וואס די ישראל האבין דארטין מקבל גוועזן די
תורה זאגט רבי יצחק אליהו איז ניט אוועק גיגאנגין פון דעם אר

ער הט גישווארין פר הקב"ה אז ער וועט תמיד זיין אמלין אויף
שראל אונ היינט ווער עס טוט איין מצוה ברענגט עס אליהו פר
ב"ה אונ זאגט דס הט דר אונ דער גיטאן אונ גייט ניט אוועק פון
ם אורט ביז דר זכות ווערט פאר שריבן אזו וויא דער פסוק זאגט
ב ספר זכרון לפניו זאגט רבי יהודה וואס איז גיוועזין דר עונש פון נח
דעם וואס ער הט ניט גיבעטין פר זיין דור ער איז ארוס פון דר
ה הינקעדיג אונ איז מבוזה גיווארן אין די קינדרס אויגן אונ זיין
זון חם הט אים גיטאן וואס ער האט אים גיטאן :
לח את העורב דאס גייט אויף דוד המלך וואס ער האט גירופן צוא
הקב"ה אזו ווי איין ראב וואס ער שרייט תמיד אונ איז גיוועזן
נרדף אונ איז גלאפין איבר בערג אזו ווי איין ראב קום אונ זעה
ם חילוק פון מלכי בית דוד צווישין מלכי ישראל דען אז הקב"ה
אראפ גנידרט צו דוד המלך פון זיין מלוכה הט ער תיכף תשובה
אן פר הקב"ה נאך מער אפילו מנשה מלך יהודה וואס ער איז
ן אגרוסר רשע האט ער אויך תשובה גיטאן דרום שטייט וישלח
עורב מרמז זיין אויף דוד אז ער הט אראפ גנידרט פון זיין מלוכה
יצוא ושוב דס מיינט מען ער האט תיכף תשובה גטאן ווארום ער
גוויסט אז זייני חטאים האבין אים דאס גורם גיוועזן זאגט רבי
ום הקב"ה הט גוואלט אז דיא ישראל זאלין תשובה טאן הט ער
ר טריבין קיין בבל אזו וויא דר פסוק זאגט וישלח את היונה דאס
ט מען די כנסת ישראל דען זיא איז גיגליכין צו איין טויב ווייטר
יט ולא מצאת היונה מנוח לכף רגלה זייא האבין אין בבל ניט גיקאנט
קיום הבין ווארום דר מלך בבל הט אויף זיי זייער שווער גמכט
עול גלות הונגער אונ דארשט אונ הט גהרגת פיל צדיקים אונ
ת דעם גלות שטייט ותשב אליו אל התיבה זיי האבין תשובה גיטאן
זיי הקב"ה מקבל גיוועזן מיט זייער תשובה אונ הט זיי גבראכט
ארץ ישראל אונ אז זייא האבין ווידר גזינדיגט שטייט ויוסף שלח
היונה מאתו הט ער זיי ווידר פר טריבין אין אפינצטרין גלות אריין
ם זייער פנים איז פר פינצטרט גווארין מחמת גרוסי צרות דרום
יט ותשב אליו היונה לעת ערב דס זייער רוח הייסט די נשמה הט ניט
בט אזו ווי פריער אונ פיל צדיקים זענן נהרג גווארין אונ זייערי
. איז גווארין פינצטר מחמת גרויסי צרות האבין זייא גזאגט אוי
נו כי פנה היום דס מיינט מען די צדיקים וואס האבין זיי גליכטן אזו
ר טאג כי ינטו צללי ערב זייא זענין נאר ווייניג איבר גבליבן והנה עלה
טרף בפ"ה דס מיינט מען אין די צייטן פון חשמונאי דס הקב"ה הט
וועקט דיא חשמונאים אונ האבין איין גנומין דיא מלחמה אונ
ין אן גיצונדין דיא ליכט פון בוים איל אין בית המקדש אונ
די חשמונאים זאלין ניט גוועזן זיין וואלטין חלילה אלי ישראל
ג נחארין אונ אלי מאל אז די ישראל האבין תשובה גיטאן זענען
אלץ אום גלייזט גווארין נאר דר גלות האבין נאך די ישראל קיין
ובה ניט גיטאן אונ עס הענגט אלץ אן אין תשובה וואלטין זייא
ובה גיטאן וואלטין זייא נאר גיוועזן טויזנט יאר אין גלות דרום
שטייט וישלח את היונה ולא יספה שוב אליו עוד •

## פרשת לך לך

ר ה' אל אברם לך לך • פתח רבי חייא רבי חייא הייבט אן שמעו אלי אבירי
לב הרחוקים מצדקה וויא שטארק איז דס הארץ פון די רשעים זיי
ווייסין דעם וועג פון דער תורה אונ ווילין ניט קליגין אין איר אונ
זייער לייב איז שטארק זיי ווילין ניט טאן קיין תשובה דרום הייסין
זיי אבירי לב דס איז טייטש שטארקי הערצר רחוקים זיי זענין ווייט פון
הש"ית אונ פון דר תורה וואס זייא הייסין צדקה דרום האבין זייא קיין
שלום ניט אזו ווי אין פסוק שטייט (ישעיה מה) אין שלום אמר ה' לרשעים אבר
אברהם איז ניט גוועזן אזו ווי די רשעים אבירי לב אונ הט זיך מקרב
גיוועזן צו הקב"ה דרום הט ער גיהייסין אברהם אוהבי דר גיליבטר צוא
הש"ית אונ ער הט מקיים גוועזן אהבת צדק ותשנא רשע מער פון זיין גאנץ
דור וואס זיי זענען ווייט גוועזן פון הש"ית אונ צדקה אונ שלום פתח רבי
יוסי הייבט אן (תהלים פד) מה ידידות משכנותיך ה' צבאות די לייט דארפין צו
וויסין ווי אזו צו דינען צו הש"ית דען אז הש"ית הט בשאפין די וועלט
הט ער אוים גימישט פייער מיט וואסר אונ הט בשאפין די הימלין
דרום הייסין זיי שמים דס הייסט אש ומים אונ עס הט אלץ קיין קיום ניט
נאך דורך דר תורה אז די ישראל זענען עוסק אין דר תורה בלייבט
אלץ שטיין אויף זיין בשטאנד • קום אונ זעה אז עס קומט האלבי
נאכט גייט הקב"ה אריין אין דעם גן עדן זיך צו פרייען מיט די נשמות
הצדיקים אונ אלי ביימר פון דעם גן עדן זאגין שירה אונ לובן הש"ית
אזו ווי דער פסוק זאגט אז ירננו כל עצי יער מלפני ה' דען גייט ארוים איין
כרוז וויא צו די מענטשין וואס זייא שלאפן זיי ווייסין ניט אונ בגערן
ניט זאלין זעהן אז זיי וועלין אויף שטיין אפ געבין דין וחשבון צוא
הקב"ה אונ זייער גוף ווערט אן גירופין טמא אונ די היילגי נשמה
וועט שוועבין אויף דער וועלט אהין אונ אהער אונ קיין שער עפינט
מען איר ניט מען ווארפט זי אזו ווי אשטיין פון אשליידר דס הייסט
כף הקלע וויי צו זיי זיי וועלין ניט זעהן דעם תענוג פון די צדיקים אין
גן עדן נאר מען וועט זיי איבר ענפרין אין די הענט פון דעם מלאך
דומ"ה דר שר פון דעם גיהנם זיי וועלן אראפ נידערין אונ ניט אויף
גיין אזו ווי עס שטייט (איוב י"ב) כלה ענן וילך כן יורד שאול לא יעלה אין דר
צייט אז דר כרוז רופט עס אויס דר וועקט זיך אפלאם פון צפון זייט
אונ שלאגט אין אלי פיר זייטן פון דר וועלט אונ נידערט אין גריכט
צווישין די פליגיל פון דעם האן אונ ער הייבט אן צו שרייען • אונ
דר צו דר וועקט זיך קיינר ניט נאר די צדיקים דער וועקין זיך אונ
שטייען אויף אונ לערנען תורה • אונ הש"ית מיט די צדיקים וואס זענין
אין גן עדן פר נעמן די תורה וואס מען לערינט אין דר צייט אזו ווי
דר פסוק זאגט (שיר השירים ח') היושבת בגנים חברים מקשיבים לקולך השמיעני :
ויאמר ה' אל אברם וואס שטייט פריער וימת הרן על פני תרח אביו נאך וואס
דארף דס שטיין • נאר ביז דר צייט פון הרן איז קיינער ניט
גשטארבין פר דעם פאטרס לעבין בשעת אז מען הט אברהם אריין
גווארפין אין קאלך אויבין הט זיך הקב"ה בוויזין צו אברהם אונ הט
אים מציל גוועזן אונ הרן איז אויך גשטאנען דארטין האבין די כשדים
גזאגט אז אברהם איז ניצול גווארן אין דעם זכות פון הרן מיד באלד
איז ארוס אפלאם פייער אונ הט אים פאר ברענט אונ אטייל זאגן
די כשדים האבן גזאגט אז אין די קינדרפון תרח איז ניט שולט קיין
פייער דרום הט מען אריין גווארפין הרן אין פייער אונ ער איז פר
ברענט גיווארין אונ זיין פאטר תרח איז דער בייא גישטאנין דרום
שטייט על פני תרח אביו האבין שון אלי אומות גיוויסט אז הש"ית האט
מציל גוועזן אברהם פון דעם פייער • אונ אלי אומות האבן גבראכט
זייערי קינדר צו אברהם אונ האבין גיזאגט מיר האבין גיזעהן אז ה
האסט

האט גרוים ביטחון אין השי"ת דרום בעטין מיר דיך לערין אונזרי קינדר אויך דעם גוטין וועג וואס דו ווייכט • אויף זייא זאגט דר פסוק (תהלים מז) נדיבי עמים נאספו עם אלהי אברהם • קום אונ זעה עס שטייט ויקח תרח את אברם בנו וגו' ויצאו אתם וגו' איז דאך קשה עס גיהער צוא שטיין ויצאו אתו איז טייטש מיט אים • נאר דס ווייזט אז תרח אונ לוט זענין גגאנגן מיט אברהם ושרה ווארום זיי האבין ניט גוואלט זיין מיט די רשעים אונ תרח אונ לוט האבין ניט גוואלט אוועק גיין • נאר אז תרח הט גזעהן אז אברהם איז ניצול גיווארין פון דעם קאלך אובין הט ער זיך בראכט ער זאל טאן וואס אברהם וועט אים הייסין דרום שטייט ויצאו אתם דס מיינט מען אברהם ושרה • אונ דער ווילין פון אברהם איז גיוועזן גיין צו דעם לאנד כנען מיד באלד ויאמר ה' אל אברם הט זיך השי"ת באוויזין צו אים • אונ הט אים גזאגט גייא קיין ארץ כנען פון דאנן לערנין מיר אז הבא לטהר מסייעין אותו ווער עס וויל זיך מטהר זיין העלפט אים השי"ת ער זאל דר צו קומן • דען מען ווארט אויף דעם הימל ביז דר מענטש דער וועקט זיך פון אונטין אזו וויא אליכט קען אנדרש ניט ברענין ביז מען צינט דס אן אזו אויך דאס הייליגי פייער פון אויבין קומט ניט צו דעם מענטשן ביז דר מענטש צינט דס אן פון אונטין אונ וויל עס זאל אויף אים רוען • אזוי אויך די נבואה הט ניט גירוט אויף קיין נביא ביז ער האט זיך פריער דער וועקט זיין ווילין דר צו אזו ווי עס שטייט ביי אלישע והיה כנגן המנגן ותהי עליו רוח ה' :

רבי אלעזר הט גפרעגט זיין פאטר רבי שמעון מיר זעהן דאך אז אלי זענן ארוס גגאנגן מיט אברהם אונ תרח הט נאך גדינט עבודת כוכבים בשעת ער איז גיגאנגן מיט אברהם זיין ווילין טאן אונ מיר גיפינן דאך אז הקב"ה וויל די רשעים זאלין טאן תשובה אונ ווארום הט ער גזאגט צו אברהם לך לך איז משמע ער אליין זאל גיין עס ווארט גידארפט שטיין לכו לכם איר זאלט גיין אברהם מיט תרח ווארום תרח הט דאך אויך גיוואלט גיין מיט אברהם • ענטפערט אים רבי שמעון דו מיינסט אז תרח איז ארוים גגאנגין תשובה טאן עס איז ניט אזו נאר ער הט גיוואלט אוועק גיין פון זיין דור וואס זיי האבן אים גוואלט הרגנען בשעת זייא האבין גיזעהן אז אברהם איז ניצול גיווארין פון דעם קאלך אויבין האבין זייא גיזאגט דוא האסט אונז אפ גינארט אונ פאר פירט מיט דייני עבודת כוכבים דרום איז ער ארוים גיגאנגען מחמת מורא אונ אז זיי זענין גיקומען קיין חרן איז תרח דארטין גיבליבן דרום שטייט וילך אברם וכו' וילך אתו לוט אונ עס שטייט ניט תרח אבער דער נאך האט תרח אויך תשובה גיטאן דרום שטייט ואתה תבוא אל אבותיך בשלום הקב"ה האט אים איין בשורה גיזאגט אז ער וועט ליגין מיט זייני עלטערין בשלום אונ אז תרח זאל קיין תשובה ניט גיוועזן טאן וואס איז די בשורה ער וועט קומען צו זייני עלטערין איז דער פון גידרונגען אז ער האט רעכט תשובה גיטאן אונ איז גיווארן איין צדיק ואת הנפש אשר עשו בחרן דאס זענין די שטאט לייט אונ זייער הויז גיזינד וואס אברהם ושרה האבן זייא מחזיר בתשובה גיוועזן וילך אתו לוט ער איז דרום גיגאנגין מיט אברהם כדי ער זאל זיך אפ לערנין פון אים גוטע מעשים אבר ער האט זיך ניט פיל אפ גילערנט רבי אלעזר זאגט וואול צוא דיא צדיקים זייא לערנין דעם וועג פון הקב"ה צוא גיין דרינען אונ צוא פארכטין זיך פאר דעם יום הדין דס איטליכר מענטש איז אן גיבריט צוא געבין

דין וחשבון פאר הקב"ה :

פתח ער הט אן גיהויבין עס שטייט אין (ישעיה לו) ביד כל אדם יחתום ק
אונ זעה אז דיא זעלבינע צייט קומט אז דער מענטש ז
אוועק גיין פון דער וועלט ווערט דער גוף צוא בראכין אונ ד
נשמה וויל זיך אפ שיידין פון אים דענסט מאל האט דער מענט
רשות צו זעהן אבער פריער האט ער קיין רשות ניט דען עס שטיי
פאר אים דרייא שלוחים אונ חשבנען אים זיינע יארין אונ זיי
עבירות וואס ער האט גיטאן אויף דער וועלט אונ דער מענטש א
אויף אלם מודה אונ דער נאך חתמ'ת ער מיט זיין האנט כדי מ
זאל אים קענען דן זיין לעולם הבא על הראשונות ועל האחרונות אויף ד
נייע אונ אויף דיא אלטע עס ווערט ניט פאר געסין פון אלע זיי
מעשים וואס ער הט גיטאן כל זמן דיא נשמה איז אין אים גיוו
דרום מוז ער אפ געבין חשבון כל זמן דיא נשמה איז נאך אין א
איידער ער גייט אוועק פון דער וועלט • קום אונ זעה אזו וויא ד
רשעים זענין קשה עורף אויף דר וועלט אזו זענין זייא קשה עורף אז זיי
גייען אוועק פון דער וועלט דרום וואול צוא דיא לייט וואס לערנ
אויף דעם עולם די וועג פון השי"ת צו גיין דרינען אבער דיא רשעי
אפילו אז זייא זענין ביי צדיקים בגערין זייא אויך ניט אפ צו לער
זיך פון זייא דרום גיהערין זיך די צדיקים צו שטארקין אז זייא זאל
מיט די רשעים לערנין די רעכטי וועגין פון השי"ת דען אז ער וועט
אים אפ לאזין וועט ער חרוב מאכין די וועלט ניט וויא אלישע ה
דוחה גיוועזן צו זיין קנעכט גיחזי מיט ביידי הענט אונ לוט ווייל ע
איז גיוועזן ביי אברהם הט ער זיך ניט מחבר גיוועזן צו די רשעים א
ווי באלד ער הט זיך אפ גישייד פון אברהם שטייט ויבחר לו לוט את
ככר הירדן אונ עס שטייט ויאהל עד סדום דער נאך שטייט ואנשי סדום רע
וחטאים לה' מאוד :

ויקח אברם את שרי אשתו נאך וואס שטייט ויקח נאר ער האט זיא מוש
גיוועזן מיט גוטי רייד דען איין מענטש הט ניט קיין רשות או
צו ציהען זיין ווייב אין אנגדער לאנד נאר מיט איר ווילין אזו ווי
עס שטייט קח את אהרן קח את הלוים איז טייטש נעם זייא איין מי
גוטע רייד דען ער האט איר מודיע גיוועזן וויא עס איז שלעכט די
מעשים פון דעם דור ואת לוט בן אחיו וואס האט אברהם גיזעהן וואו
ער הט זיך מחבר גיוועזן מיט לוט דען ער האט גיזעהן ברוח הקוד
אז פון לוט וועט ארוים קומין דוד המלך ואת הנפש אשר עשו בחרן ווא
שטייט עשו דס מיינט מען די גרים וואס אברהם הט מגייר גיוועזן או
די גיורות וואס שרה הט מגייר גיוועזן איז גלייך וויא זייא האבין זיי
גיווינין אונ בשאפין דרום שטייט עשו • פרעגט רבי אבא זענין ד
נאך גיגאנגין אלי מענטשין וואס זיי האבין זיך מגייר גיוועזן האט רב
אלעזר גיזאגט יוא עס זענין אלי נאך גיגאנגין זיי הייסין עם אלהי אברה
זאגט רבי אבא ווען דו זאגסט וואלט דאך בדארפט שטיין הנפ
אשר עשו וואס שטייט ואת הנפש דס איז עפיס מרבה ואת הנפש מיינט מע
דר זכות פון די מענטשין וואס זיי האבין פרום גימאכט איז גיגאנג
מיט זייא דען אז איינער איז מזכה דעם אנדרין מיט מעשים טובי
הענגט אין אים דער זכות אונ ווערט פון אים ניט אפ גיטאן דרו
שטייט ואת הנפש דר זכות הט אויף זיי מגין גיוועזן :

ויהי כאשר הקריב לבוא מצרימה זאגט רבי אלעזר עס וואלט בדארפט שטיי
כאשר קרב וואס שטייט הקריב דס איז טייטש ער הט גמאכט גינענ

אז

# פרשת לך לך

ו וח עס שטייט ופועה הקריב ער האט גימאכט גינעהנין דאס הארץ ן ישראל צו תשובה דען דורך דעם וואס ער האט זיי נאך גיזאגט אבין זייא גרויס מורא גיהאט אונ האבין גישריגן צוא גאט מיט שובה אז ער זאל זייא העלפין אז אברהם איז גיגאנגין קיין מצרים י ער זאל דורך דעם גינעהנין צו הקב"ה דען אין מצרים איז גוועזן גרעסטי טומאה אונ גרויסי רשעים אונ ער הט זיך פון זיי ניט אפ לערינט דורך דעם הט ער זיך מקרב גוועזן צו הקב"ה מיט יראה · גט רבי יהודה קום אונ זעה ווייל ער הט גינידערט קיין מצרים אן שות פון הקב"ה דרום זענין זייני קינדער גיקומין קיין מצרים אויף רד"י ים דרום שטייט וירד ער הט אליין גינידרט עס שטייט ניט ויר' הקב"ה אל אים זאגין נידר ער הט זיך אגאנצי נאכט מצער גיוועזן פון וועגין רה ער הט צו איר גיזאגט הנה נא ידעתי כי אשה יפת מראה את אצונד וויס יך אז דו ביסט איין שיין מענטש דען מחמת גרויס צניעות וואס אין י איז גיוועזן הט ער זי ניט רעכט גיקאנט אדר מחמת איר צורה איז ט משונה גיווארין וועגין דעם וועג אזו ווי דר סדר איז אונטר דעם ע איז מען ניט אזו שיין ווי אין דר היים אבר זיא איז גיבליבין בייא יר שיינקייט נאך איין פשט איז ער האט גיזעהן בייא איר דיא שכינה דרום הט ער גיזאגט אמרי נא אחותי את דם הט צוויי טייטש איין טייטש איז כפשוטו דו זאלסט זאגן דו ביסט מיין שוועסטר אונ נאך יין פשט איז ער הט עס גיזאגט אויף דר שכינה אזו וויא עס שטייט משלי ז) אמור לחכמה אחותי את דם איז טייטש דו זאלסט זיך בהעפטין אין ער שכינה וואס זיא ווערט אן גירופין הכמת שלמה אונ אברהם איז גאנגין קיין מצרים אונ אזו אין ארט פון טומאה פון רשעים רום הט ער גיזאגט צו דער שכינה אחותי את דו ביסט גלייך בייא מיר י איין שוועסטר צו בהעפטין זיך אין דיר : רבי יצחק זאגט וויא צו י רשעים פון דר וועלט וואס זייא זענין ניט משגיח וויא אזו צו דינין השי"ת אונ קליגין ניט אז וואס אויף דר וועלט איז גרויס אונ קליין ם איז אלץ פון השי"ת ער זעהט אלץ פריער וואס עס וועט זיין אזו ויא דער פסוק זאגט (ישעיה מח) מגיד מראשית אחרית ער קוקט אונ טוט מעשים בתחלה וס עס וועט זיין צום סוף · קום אונ זעה דורך דעם ס פרעה הט גינומין צו שרה אונ איז דורך דעם גישלאגין גיווארין האט דאס שלאגין גורם גיוועזן אז ער זאל דער נאך גישלאגין ווערין וועגין די ישראל אזו ווי עס שטייט וינגע ה' את פרעה נגעים גדולים אונ עס שטייט ויתן ה' אותות ומופתים גדולים ורעים במצרים אזו וויא דער נאך איז ער ישלאגין גיווארין מיט צעהן מכות אזו וועגין שרה איז ער גישלאגן גיווארין מיט צעהן מכות אונ דם איז גיוועזן אסימן אזו וויא ער האט אים היינט גישלאגין בייא נאכט אזו וועט ער אים פר די ישראל אויך שלאגין בייא נאכט דען וואס איז אויך גיוועזן די נאכט פון פסח · אונ אגאנצי נאכט האט די שכינה גירוט אויף שרה אונ אז פרעה האט גיוואלט צו איר גינעהנין איז לעבין איר גישטאנין איין מלאך אונ זי הט אים גיהייסין ער זאל פרעה שלאגין אונ אברהם איז גיוועזן פאר יכרט אגאנצי נאכט אז פרעה וועט צו איר ניט קענין צוא טרעטין אונ דרום האט הקב"ה ניט גיהייסין צוא אברהם ער זאל גיין קיין מצרים מען זאל ניט זאגין אז הקדוש ברוך הוא האט אים גישיקט קיין מצרים כדי ער זאל אים דארטין אן טאן יסורים :

רבי סבעו איז גגאנגין אין וועג · אונ מיט אים איז גיוועזן זיין זון רבי אלעזר אונ רבי אבא אונ רבי יהודה בשעת זיי גייען זאגט רבי שמעון איך פר וואונדער מיך אויף די מענטשין פון דר וועלט וס זיי בגערין ניט צו וויסין דיא תורה אונ אויף וואס האבין זייא אקיום · פתח האט ער אן גיהויבין עס שטייט (ישעיה כו) נפשי אויתיך בלילה אף רוחי בקרבי אשחרך קום אונ זעה ווען אמענטש לייגט זיך שלאפין בייא נאכט גייט פון אים די נשמה ארוס בלייבט נאר זיין גוף מיט אביסל חיות· אלע נשמות גייען ארויף אבער ניט איטליכער איז זוכה צוא זעהן דעם לעבדיגין גאט ווען דיא נשמה גייט ארויף אונ וויל גיין איין מדריגה נאך דער אנדערר אלץ העכר קומט זיא צום ערשטין צוא די רוחות הטומאה אונ זייא לאזין זיא ניט גיין ווייטר · איין ריינע נשמה וואס האט זיך ניט מטמא גיוועזן האט זיא קיין מורא ניט פאר דיא רוחות הטומאה · אבר ווען זי איז חס ושלום ניט ריין אזו ווערט זי פאר אום ריינגט אונ בהעפט זיך אין דיא רוחות הטומאה אונ קען ניט גיין ווייטר דארטין זענין זייא איר מודיע אמייל זאכין וואס עס וועט באלד זיין וס זיי הערין פון דעם הימל אונ אמאל שפעטין זיי אונ לאכין אויס איר אונ זענין איר מודיע דברים שקרים וכזבים פאלשע זאכין אזוי גייט זי ארום אגאנצי נאכט ביז דער מענטש חאפט זיך אויף אונ קומט ווידער אויף איר ארט · וואל צוא דיא צדיקים וואס הקדוש ברוך הוא איז זיי מגלה אין חלום זייני סודות כדי זייא זאלין זיך וויסין צוא היטין פאר דעם מדת הדין · וויא צו דיא רשעים וואס זענין זיך מטמא דעם גוף מיט דער נשמה · אבער דיא צדיקים ווען זיי שלאפן גייט זייער נשמה ארויף אונ איז זוכה צו זעהן דם ארט פון גן עדן העליון אזו ווי דר פסוק זאגט לחזות בנועם ה' ולבקר בהיכלו איטליכר מענטש הט איין חלק לעולם הבא אונ זיין חשק איז תמיד זיך צוא באהעפטין אין זיין חלק ווארום איטליכער חלק האט אין זיך איין קדושה עליונה דרום זאגט דוד המלך נפשי אויתיך בלילה מיין נפש טוט גלוסטין באהעפטין זיך אין דיר · אונ דער נאך איז ער זוכה צוא איין רוח דער היליגר חלק איז גרעסער פון דעם היליגין חלק וואס הייסט נפש אונ דער נאך איז ער זוכה צוא דעם חלק וואס הייסט נשמה אונ ווער עס איז זוכה צו דיא דרייא חלקים נפש רוח נשמה דער ווערט אן גירופין קדוש אהייליגר מענטש אונ תמים אגאנצער מענטש אונ דם איז אלץ צוא טאן דעם רצון פון הקב"ה קום אונ זעה אזו וויא אליכט פון ריינעם וואקס ברענט זייער לויטר אזו אויך אז דער גוף איז ריין אונ לויטר פון טומאה לייכט אין אים דער אור הנשמה ליכטיג אונ ער ווערט אן גירופין קדוש אונ דרום שטייט נר ה' נשמת אדם אזו אויך בייא אברהם ער האט ניט גיקאנט קריגין קיין רעכטע נשמה ביז ער הט גמוזט גיפרובט ווערין דרום איז ער ארין גיגאנגן קיין מצרים צווישען אזעלכע קליפות אונ רשעים אונ איז דארט בשטאנין בייא זיין צדקות אונ איז ארויס גיגאנגען בשלום אזו וויא עס שטייט ויעל אברם ממצרים דען האט ער זיך רעכט באהעפט אין דער קדושה · אונ ווייטער איז ער מגלה גרויסע סודות · איז אויף גישטאנען רבי אבא אונ רבי אלעזר אונ האבין גיקושט זייני הענט זייא האבין גיוויינט אונ גיזאגט ווער וועט דער לייכטין דיא וועלט אז דוא וועסט שטארבין וואול איז צוא אונז וואס מיר האבין זוכה גיוועזן צוא הערין דיא סודות פון דיר וואל צוא די צדיקים זיי ווערין גקריינט אין הקב"ה אונ הקב"ה אין זיי · וואל צו זייא בעולם הזה ובעולם הבא אויף זייא זאגט דער פסוק (ישעיה ס) ועמך כולם צדיקים וגו' אונ עס שטייט (משלי ד') ואורח צדיקים כאור נוגה הולך ואור עד נכון היום :

רבי

רבי שמעון איז געגאנגען קיין טבריא און מיט אים איז געגאנגען רבי יוסי
און רבי חייא און רבי יהודה · אויף דעם וועג איז אן געקומען זיין
שווער רבי פנחס האבין זייא זיך מתחבר געוועזן מיט אים און האבין
אראפ גינידערט פון די אייזלין און האבין זיך גיזעצט אונטער דיא
ביימער · זאגט רבי פנחס ווייל מיר זיצען דא · וויל איך הערין פון
דייני גוטע זאכין וואס דוא זאגסט תמיד · האט רבי שמעון אן
גהויבין עס שטייט וילך למסעיו וגו' ווארום שטייט למסעיו לשון רבים עס
גיהער שטיין למסעו לשון יחיד אלא עס איז געוועזן צוויי מסעות איינם
זיין ציהן און איינם פון דר שכינה · דען איטליכער מענטש בדארף
צוא זיין איין זכר ונקבה דען ווערט דיא קדושה גישטארקט און דיא
שכינה רועט ביא זיי און כל זמן דר מענטש איז אין דר היים טוט
זיך די שכינה ניט אפ פון דר שטוב פון וועגין זיין ווייב דען די אשה
איז דר עיקר פון דער שטוב דרום שטייט ביא יצחק אבינו (בראשית
כה) ויביאה יצחק האהלה שרה אמו עס האט דארטין איין ליכט גיברענט
תמיד פון וועגין דער שכינה וואס זיא האט זיך קיין מאל ניט אפ
גיטאן פון דעם אוהל · און אז דוא ווערסט פרעגין אז דיא שכינה איז
מער ניט שורה נאר ביי איש ואשה היינט אז ער גייט אבר אין וועג
ווערט דאך די שכינה פון אים אפ גיטאן · איז דר תירוץ איידר דער
מענטש גייט אין וועג אריין מוז ער פריער מתפלל זיין כדי דורך דעם
איז ער מושך אויף זיך דיא שכינה כל זמן ער איז נאך אין דער היים
ביא דר אשה רועט דאך אויף אים די שכינה · דרום קאן ער אויף
זיך ממשיך זיין דיא שכינה דרום שטייט צדק לפניו יהלך וישם לדרך פעמיו
דרום כל זמן דער מענטש איז אין וועג גיהער ער זיך היטין פון איין
עבירה די שכינה זאל פון אים ניט אוועקגיין און דיא שכינה היט
אים אין וועג און שייד זיך ניט אפ פון אים ביז ער קומט צוא ריק
אהיים גהער ער זיך משמח זיין בשמחה של מצוה דהיינו בזיווג און
בשמחה וואס די שכינה איז ווידער ביא אים און מען גיט אים שלום
אזו וויא דר פסוק זאגט (איוב ה') וידעת כי שלום אהלך ופקדת נוך ולא תחטא
אבער אז ער איז זיא ניט פוקד בזיווג האט ער איין חטא ווארום ער
מינערט די קדושה עליונה ווארום דס ווייב איז אים גורם ער הייסט אדם
אבער אן א ווייב הייסט ער ניט אדם און דיא ברכה איז ניט שורה
ביא אים אזו וויא עס שטייט ויקרא את שמם אדם און ווען ער איז זיא
פוקד איז ער משפיע אויף זיין קינד איין הייליגע נשמה דאס הייסט
ער וועט האבן איין זון א צדיק ער וועט הייסין איין זון צוא הקב"ה
דרום שטייט וידעת כי שלום אהלך דען ווען דיא שכינה קומט מיט דיר
וואס זיא הייסט שלום אין דיין געצעלט ופקדת נוך ולא תחטא און ווייטער
איז דרויף גרויסע סודות :

ומלכי צדק מלך שלם רבי אלעזר און רבי חייא און רבי יוסי זענען גגאנגען
אין וועג און מיט זייא איז געוועזן איין יהודי ער האט זייא מגלה
געוועזן גרויסי סודות אין דער תורה דער נאך האט ער גיזאגט עס
שטייט אנכי אנכי הוא מוחה פשעיך למעני דאס איז טייטש הקב"ה מעקט אפ
די זינד זיי זאלין ניט געזעהן ווערין וואס שטייט למעני דאס איז טייטש
פון מיינט וועגין קום און זעה די רשעים מאכין מיט זייערי עבירות
איין חסרון למעלה זיי זענען פוגם און קיין רחמים קען אויף דר וועלט
ניט קומען דרום זאגט הקב"ה איך וועל אפ מעקין אייערי עבירות פון
מיינט וועגין כדי איך זאל קענין מייני ברכות מיט מדת הרחמים
מגלה זיין אויף דר וועלט · קום און זעה וויא אזוין אברהם איז גגאנגען

זענין ברכות אזוין גיקומען אזו וויא דער פסוק זאגט והיה ברכה ד
מאכסט אז ברכות ווערין קומין למעלה ולמטה פון דיינט וועגין אזו ו
עס שטייט ונברכו בך כל משפחות האדמה דרום שטייט ומלכי צדק מלך שלם
גייט אויף הקב"ה דס דורך אברהם הייסט ער מלך שלם אנאנצר
דען די צדיקים זענען מתקן אלי פגימות הוציא להם יין דס מיינט מען
מזונות זאלין ניט פר מיטין ווערין פון דער וועלט און הקב"ה
אים מעשר ווייטער זענען גרוסי סודות פרעגט אים רבי אלעזר וו
ביסטו פר א בעל מלאכה זאגט דער יהודי איך בין געוועזן איין מלמ
מיט קינדר אצונד האבן זיי גנומען רבי יוסי דכפר חנן און האבן א
אפ געגעבן דיא קינדר און האבן מיר גוואלט צאלין אום זיסט הא
איך ניט גיוואלט נעמין קיין געלט אים זיסט האב איך מיך פר דונ
צו דעם חכם זאגט אים רבי אלעזר דו בדארפסט די ברכה פון מ
פאטר זענען זיי געגאנגען גלייך צו רבי שמעון זענען זיי פר אים געזעסן א
האבן פר אים גילערינט אמאל האבין זייא גילערינט דעם ענין פ
וואשן זיך זאגט רבי שמעון דר וועם וואשט זיך ניט אזו ווי דר דין א
אזו ווערט ער גשטראפט פון אובן בעולם הזה ובעולם הבא א
עד איז אויף זיך גורם ארומקייט דס איז דיא ראשי תיבות ע"ל נ"טי
ידים · עני ער ווערט איין עני און אזו ווי דער עונש איז אזו איז דר שכ
פון דעם וועם איז זהיר אין נטילת ידים איז ער אויף זיך מושך ברכו
פון אובין ער ווערט גיבענטשט מיט עשירות · אמאל האט ר
שמעון געזעהן וויא דער יהודי וואשט זיך מיט פיל וואסר האט ר
שמעון גיזאגט מ"לא י"דינו מ"ברכותיך דס איז די ראשי תיבות מי"ם כלומ
ער זאל דר פילט ווערין דורך דעם מיט עושר אזו איז געוועזן ער ה
גיפונען איין מציאה און ער איז געווארין א גרויסר עושר און איז געוו
א גרויסר בעל צדקה און האט גילערינט יום ולילה · האט רבי שמע
אויף אים געלייענט דעם פסוק ואתה תגיל בה' בקדוש ישראל תתהלל דאס א
טייטש דוא זאלסט זיך פרייען מיט גאט און מיט דעם הייליגן גא
פון דיא ישראל ווערסטו געלויבט ווערין :

אחר הדברים האלה היה דבר ה' אל אברם מיר האבן גלערינט עס גייט ארוי
איין בת קול אלי טאג אויף דעם בארג חורב און זאגט וויי צ
די מענטשין וואס זענען מבזה די תורה · דען די וואס זענען עוסק בתור
אויף דר וועלט · אז ער שטארבט און גייט אויף יענר וועלט גיט מע
אים אויף אלי זייטין שלום און הקב"ה איז אויך זיי און ער פארכט זי
פר קיינם ניט דרום שטייט אחר הדברים האלה דס מיינט מען די תורה וו
זיא הייסט הדברים האלה ווען ער האט פיל תורה גלערינט · דר נאך א
ער שטארבט איז זיך הקב"ה מקדים צוא זיין נשמה און גיט אי
שלום און איז איר מבשר בשורות טובות און זאגט צוא דער נשמ
וום זיא הייסט אברם אל תירא אברם פארכט דיך ניט אנכי מגן לך איך ווע
דיך בשיצן פון אלי בייזי מקטרגים און פר אלי בייזי כוחות הטומא
אין גיהנם שכרך הרבה מאד דיין שכר איז זייער גרוס דען דער וואס א
עוסק אין דר תורה בעולם הזה איז ער זוכה צוא ירשנן עולם הב
אזו ווי דר פסוק זאגט להנחיל אוהבי יש דס איז די ירושה לעולם הב
ואוצרותיהם אמלא צו דר פילן די אוצרות אויף דר וועלט מיט עושר ומכ
הטובות שבעולם דר וום גייט לימין הקב"ה איז ער זוכה לעולם הבא און ד
וום גייט לשמאל הקב"ה איז ער זוכה צו עושר בעולם הזה · דען עס אי
פר האנדין לצד שמאל אין דער קדושה און אין דער קליפה דרו
זאגט דר פסוק אורך ימים בימינה דס הייסט אז איינר לערינט פון נאט

וזענין

עגין אונ כדי ער זאל וויסן צו טאן מצות ומעשים טובים גיט אים
קב"ה אריכות ימים לעולם הבא איז שון אבל שבן עושר וכבוד אוף
ר וועלט ובשמאלה עושר וכבוד אונ דר ווס לערינט ניט פון גאטס וועגן
אר פון עשירות וועגן ניט צו וויסן אונ טאן צדקה ומעשים טובים
ון דר תורה גיט מען אים עושר וכבוד אוף דר וועלט פון דעם צד
שמאל פון דר קליפה יצר הרע אונ ער טוט דער מיט שלעכץ אונ
ר נאך ירשת ער גיהנם · אונ אז דוא ווערסט וועלין פרעגין איז דען
ט פר האנדין איין עושר פון דעם צד שמאל פון דר קדושה איז דר
ירוץ דר ווס איז איין עני אונ לערינט פארט תורה אונ איז זיך ניט
מבטל דורך עניות דר איז דר נאך מקיים די תורה דורך עושר אונ
ם עשירות איז פון דר קדושה · רבי אבא אז ער איז גקומן קיין ארץ
שראל הט ער אויס גירופן ווער עס וויל עושר מיט אריכות ימים זאל
ר קומן צו מיר וועל איך מיט אים לערנן וועט ער האבן עושר מיט
עולם הבא זענן אלי צו אים גקומן איין עם הארץ איז גוועזן אין זיין
אם איז ער גקומן צו אים אונ זאגט איך וועל זיך מידין אין דר תורה
די איך זאל זיין איין עושר זאגט רבי אבא צו אים גוט דו ווערסט זיין
יין עושר ווי אזו הייסטו בייא דיין נאמן זאגט ער יוסי זאגט רבי אבא
וא זייני תלמידים לערינט מיט אים אונ איר זאלט אים רופין יוסי
ארי דעותרא ויקרא דר האר פון עושר אונ כבוד איז ער גזעסן אונ האט
לערינט אמאל איז ער גקומן צו רבי אבא אונ זאגט צו אים רבי ווי
יז מיין עשירות וואס איר האט גיזאגט אז איך וועל האבין פון דעם
ערנן פאר וואונדרט זיך רבי אבא אונ זאגט עס איז גידרונגן אז ער
ערינט ניט לשם שמים אונ איז אוועק גגאנגן אין זיין חדר כדי ער
אל מתפלל זיין ער זאל שטארבין דר וויל הט ער דער הערט איין
ת קול זאגט זייא אים ניט בעניש ווארום ער ווערט זיין איין גרוסר
מדן אונ איין צדיק איז ער ארין גגאנגן צו ריק אונ זאגט צוא אים
יין קינד לערין איך ווער דיר געבן עשירות דר וויל איז גקומן איין
מענטש אונ האלט אין זיין האנט אבעכיר פון גין גאלד אז ער האט
אים ארויס גנומן איז גווארין די שטוב פול מיט ליכט פון דעם גאלד
אגט ער צו רבי אבא רבי איך וויל זוכה זיין צו דר תורה נאר איך
אב שון ביז אהער ניט גלערינט דרום וויל איך געבין איינם דעם
בעכיר אונ ער זאל פאר מיר לערנן תורה דען איך האב גירשת פון
יין פאטר איין גרוסן אוצר ער האט גהאט אוף זיין טיש אזעלכי
ריינצעהן בעכר דרום וויל איך זוכה זיין צוא תורה האט רבי אבא
רופן דעם רבי יוסי אונ זאגט אים נעם דעם בעכיר אונ לערן תורה
אונ רבי אבא זאגט דעם פסוק לא יערכנה זהב וזכוכית ותמורתה כלי פז דער
בי יוסי איז גזעסן אונ הט גלערנט אונ האט צוא גנומן דעם בעכר
אמאל האט רבי יוסי גיקריגן גרוס חשק אין דער תורה האט ער אן
הובן זייער צו וויינן הט אים רבי אבא דר זעהן זאגט ער אים וואס
וויינסטו זאגט רבי יוסי ווס האב איך גטאן איך האב אוועק גלאזט
יי עולם אונ בין עוסק בחיי שעה ווס הייסט פון דר וועלט וועגן איך וויל
יט דעם בעכר הט רבי אבא גזאגט היינט זעה איך אז ער טוט עס
לשם שמים הט רבי אבא גזאגט צו דעם פון דעם בעכר נעם אים אפ
אונ צו טייל דם געלט ארימי לייט אונ איך וועל דיר געבין אגרוסין
חלק אין דר תורה האט רבי יוסי אפ גגעבן דעם בעכיר צוא ריק פון
יענסט מאל אן הט מען אים גירופן רבי יוסי בן פזי פון וועגן דעם
בעכר פון פז אונ דר רבי יוסי מיט אלי זייני קינדר זענן אלי גווארין

גרוסי ת"ח אונ גדולים בתורה אונ עס איז קיין גרעסערער שכר ניט דא
פון דעם ווס לערינט תורה אונ איז זיא מקיים דען זיי האבן די וועלט
אונ ירשנן יענע וועלט :

אחר הדברים האלה וגו' רבי יהודה הייבט אן אני לדודי ועלי תשוקתו דם האבן
מיר שון לאנג מפורש גוועזן עס קומט ניט קיין ברכות פון אובן
סיידן מען איז מעורר פון אונטן אונ קיין ברכות קומט ניט אויף איין
ארט פון צער נאר דארט ווי עס איז דא שמחה אוך קומט ניט אוף
אליידיג ארט נאר אז עס הט אוף עפיס שורה זיין אזו ווי מיר גיפונן
עס שטייט ביי אשת עובדיה אלישע הט איר גזאגט (מלכים כד) הגידי לי מה
יש לך בבית דען דיא ברכות של מעלה זענן ניט שורה אוף איין שלחן
ריקם הט זי גזאגט איך האב מער ניט נאר אביסל בוימל ווס מען קאן
דעם פינגר אום שמירן זאגט איר אלישע נחמתני ווייל דו האסט אביסל
עס זאל קאנין דיא ברכה שורה זיין ובפרט בוימל קען בוודאי דיא
ברכה שורה זיין אזו וויא דער פסוק זאגט כשמן הטוב על הראש שטייט
ווייטר יורד על הזקן כי שם צוה ה' את הברכה פון דעם שמן של מעלה ווערן
גיזאלבט דאס מלכות הקודש אונ ווייל עס איז למטה בייא דיר דא
אביסל בוימל וועלן קומן דיא ברכות מסקור השמן של מעלה אונ אויך
דער שלחן וואס דער לחם הפנים איז גלעגן אוף אים איז ניט גוועזן
ליידיג אפילו איין רגע דען פון אים איז ארפ גיקומן אלי מזונות אונ
אלי ברכות דרום ווייל אלי זאכן מוז זיך מתעורר זיין פון אונטן
דרום שטייט אני לדודי ועלי תשוקתו דיין חשק איז צו מיר איך זאל מיך
צום ערשטין דר וועקן בכדי איך זאל מיר מאכן איין ארט ארפ צו
ברענגין אלי ברכות דבר אחר אני לדודי דען די שכינה ווערט ניט גפונן
וויא רשעים זענן אבער אז דר מענטש קומט זיך מטהר זיין איז מען
אים מטהר פון אובן אונ די שכינה רוט אוף אים קום אונ זעה עס
שטייט אחר הדברים האלה אז אברהם הט נאך גיאגט די מלכים אונ הט
זיי גיהרגת הט ער מורא גיהאט טאמער וועט מען אים אפ רעכנן פון
זיין שכר ווס ער הט פרום גמאכט מענטשן אונ היינט הט ער גהרגת
זייער פיל מענטשן הט אים השי"ת גזאגט אל תירא אברם דיין שכר איז
נאך גאנץ גרויס אונ ווערסט נאך נעמן פיל שכר דרוף וואורום עס
וואלט פון זייא קיין גוטץ ניט גיוועזן אונ זייא אליין זענן אוך גרוסי
רשעים אונ השי"ת הט גרעט מיט אים במחזה דאס איז דיא הינטרשטי
מדריגה פון נבואה אונ אז אברהם האט זיך מל גוועזן האט זיך השי"ת
מגלה גיוועזן צו אים מיט אגרוסי מדריגה פון נבואה ווארום אז ער
הט זיך מל גוועזן הט ער שון גהאט איין אחיזה אין דעם שם הקדוש
דען ווען דר ברית זאל ניט זיין וואלט די וועלט קיין קיום ניט גיהאט
אזו וויא דר פסוק זאגט אם לא בריתי יומם ולילה חקות שמים וארץ לא שמתי :

והוא יהיה פרא אדם רבי שמעון זאגט וואול צו די מענטשן דאס השי"ת
הט זיי גרופן אדם אזו ווי דר פסוק זאגט ואתן צאני צאן מרעיתי אדם
אתם פר ווס הייסן זיי אדם ווייל עס שטייט ואתם הדבקים בה' אלהיכם איר
זייט בהעפט אין השי"ת אונ ניט די רשעים דרום הייסן זייא ניט אדם
ווארום אז דר מענטש איז נכנס בבריתו של אברהם אונ איז זוכה מקיים
צוא זיין די מצות התורה הייסט ער אדם :

רבי יהודה איז גגאנגן פון קפוטקיא קיין לוד צו זעהן רבי שמעון וואס
ער איז דארט גיוועזן איז מיט אים גגאנגן רבי חזקיה זאגט רבי
יהודה צו רבי חזקיה דם ווס רבי שמעון הט גזאגט אוף דעם פסוק
והוא יהיה פרא אדם איז רעכט אין סוד · נאר ווי שיקט זיך דר סוף פסוק
ואל

ועל פני כל אחיו ישכון זאגט אים רבי חזקיה איך האב דרוף ניט געהערט
און וויל נישט זאגין ווארום איך האב גילערינט עס שטייט וזאת התורה
אשר שם משה לפני בני ישראל ווס משה הט גלערינט דאס מעגסטו זאגין
אבער וואס משה האט נישט גזאגט טארסטו ניט זאגן • זאגט רבי
יהודה עס שטייט כי היא חייך ואורך ימיך ווער עס איז זוכה צו דר תורה
און איז זיך ניט פורש פון איר איז ער זוכה צו צווייערליי חיים בעולם
הזה ובעולם הבא דרום שטייט כי היא חייך לשון רבים און דר ווס איז זיך
פורש פון דר תורה איז גליך וויא ער איז זיך פורש פון חיים אזו אז
מען איז זיך פורש פון רבי שמעון איז ער זיך פורש פון חיים ומה
דאך אז ער הט שון אן גהובן צו זאגין אפשט קאן מען ניט גומר זיין
איז שון אבל שכן די תורה ווס זיא איז סתום וחתום על אחת כמה וכמה וויי
צו דעם דור ווס רבי שמעון וועט אוועק פון זיי דען אז מיר זענן גוועזן
פר רבי שמעון איז גוועזן אפין אלי סודות פר אונז און אז מיר האבן
זיך אפ גשייד פון אים איז אלץ גווארין פאר הולן פון אונז און אלי
קוואלין פון חכמה איז גווארין פר מאכט פון אונז זאגט רבי חזקיה
דרום שטייט ביא משה רבינו ויאצל מן הרוח אשר עליו ויתן על שבעים איש
הזקנים ווי איין ליכט ווס מען צינט אן פיל ליכט פון איר און זי ווערט
ניט חסר אזו איז רבי שמעון דר הער פון אלי ליכט און זיין ליכט
ווערט ניט אפ גיטאן פון אים און זיא בלייבט אין זיין שטאנד און אז
זיי זענן גקומן צו רבי שמעון האבן זיי אים גפונען אז ער איז עוסק בתורה
הט רבי שמעון צו זיי גיזאגט איין אוצר איז ביא אייך גוועזן און איז
ווידר פון אייך פר לארין גיווארין האבין זיי אים גיפרעגט אוף דעם
סוף פסוק הט ער זייא גיזאגט דרוף גרויסע סודות זאגט רבי יהודה
רבי שמעון איז גליך צו איין קוואל ברונען וואס ער הערט ניט אוף
צוא געבין קיין וואסר אזו אויך איז דר שכל פון רבי שמעון און ער
איז אזו ווי וויין ווס שטייט אויף זיינע הייבין דס ער איז תמיד גוט און
וועפט ניט אויס וויי צו דעם דור ווס רבי שמעון וועט אפ גיטאן
ווערן פון זייא :

ויהי אברם בן תשעים ותשע שנה רבי אבא הייבט אן עס שטייט (שמואל ב כב)
כי מי אל מבלעדי ה' ומי צור זולתי אלהינו ווער עס איז איין שליט אדר
אממונה אויף דער וועלט דער קענט ער גאט ער ווייסט ער איז
גאר גיזעצט און באפוילין פון גאט ער שטייט ניט אין זיין רשות
ער קען אליין גאר ניט טאן און ווער איז איין תקיף און איין
שטארק פעלין וואס ער קען טאן איין שום זאך אן דעם ווילין פון
השי"ת נאך איין פשט איז כי מי אל ווער איז אין זיין רשות און ניט
אזו ווי זיין מזל אין הימל ווייזט אויף אים אבר השי"ת איז אלץ דינג
משנה אזו ווי זיין ווילן איז ומי צור און ווער נאך הט אין זיך אזו איין
מעלה ווי השי"ת ער בשאפט איין צורה אין דר מוטרם לייב און גיט
אריין אין אים אנשמה בדמות עליון השי"ת בשאפט פון דעם בהעפטין
מאן און ווייב דאס קינד און איז כולל פון זייא ביידי אזו וויא אונזרי
חכמים האבין גזאגט דרום גהער זיך איטליכר מענטש די צייט פון
זיווג מקדש זיין כדי דס קינד זאל זיין ארעכטי גשטאלט ציור שדם רבי
חייא זאגט קום און זעה ווי גרויס זענין די ווינדר פון השי"ת דען ער
באשאפט אמענטשין בדמות עליון און אלי טאג איז השי"ת בורא עולמות
ומזוג זווגים איטליכן ווס איז צו אים ראוי און איטליכר מאן און ווייב
איז איין ציור למעלה איידר ער בשאפט זיי זענן זיי אובין אין גישטאלט
אזו ווי זיי זענין דר נאך • רבי שמעון זאגט עס שטייט זה ספר תולדות

אדם השי"ת הט גיוויזן צוא אדם אלי דורות און זייערי מנהיגים
דעם גישטאלט ווס זיי וועלין זיין אויף דר וועלט ווארום זיי שט
אין דעם גישטאלט פון בריאות העולם אן אזו אויך אלי צדיקים
שטארבין זענין אן גיבריט צו ווערין אין דעם גשטאלט און אין ד
מלבוש ווס זיי זענין גיוועזן אויף דר וועלט און דאס הט אלץ הש
גיוויזין צו אדם הראשון בסודות עליונים קום און זעה איידר דר מענ
ווערט בשאפן ווערט אוים גרופען למעלה בת פלוני לפלוני און הש
ענטפערט איבר ביידי נשמות צו דעם מלאך ווס הייסט לילה דער
ממונה איבר דעם טראגן פון נשים דער נאך ווערן זייא צו שפר
איטליכר אין איין אנדערן גוף און אמאל ווערט איינר בשאפן פ
דעם אנדרין און אז עס קומט די צייט זיי זאלין זיך נעמין איז הש
מחבר ביידי און זיי ווערן אזו ווי איין גוף און דרום שטייט אין כל
תחת השמש אז דו וועסט פרעגין אמער מיר האבן דאך גלערנט אז
זיווג פון דעם מענטשן איז נאך זיינע מעשים נאך דס איז אמת
זייני מעשים זענן גוט בקומט ער דעם זיווג ווס מען האט אויף ד
הימל אויס גרופן און מען האט אים איבר געענפרט צו דעם מל
לילה הט רבי חייא גפרעגט אז זיין זיווג איז נאך זייני מעשים נאך
דארף אמענטש נאך זוכין נאך זיין זיווג הט אים רבי אבא געענטפ
מיר האבן דאך גלערינט תמיד זאל אמענטש פר קויפין ווס ער
און זאל נעמין איין בת תלמיד חכם ווארום דיא פקדונות פון ג
זענין אויף גהובין ביי איין תלמיד חכם • תאנא מיר האבין גילערי
בסודות המשניות די מענטשין ווס קומן אויף דר וועלט קענן מיט תפ
צו נעמין דעם זיווג פון יענם אזו ווי מיר האבין גזאגט אין דר גמ
שמא יקדמנו אחר ברחמים און דרום איז שווער פר השי"ת דר זיווג אזו
קריעת ים סוף • רבי יהודה האט גשיקט צוא רבי אלעזר און הא
גפרעגט דעם סוד פון נשמות דס ווייס איך נאר עס איז מיר קש
דר ווס הט שוין גיהאט זיין זיווג ווי נעמט ער היינט איין זיווג הא
ער אים גיענטפערט עס שטייט ביי דיא בני בנימין (שופטים כח) מה נעש
לנותרים וויא וועלן זיי נעמין ווייבר נאך דעם שטייט ותחטפו לכם איש
אשתו און זיי האבן גיחאפט ווייבר וועלכי זייא האבן גוואלט אזו
אויך אויף זיי איז גזאגט גיווארן שמא יקדמנו אחר ברחמים טאמער וועט
אנדרר פריער צו נעמן מיט תפלה און רחמים דרום איז דס שווע
פר השי"ת אזו ווי קריעת ים סוף • וואול איז צו די ווס הקב"ה הט
מגלה גיוועזן זייני פאר בארגני סודות אין דער תורה און זיינע פא
בארגני וועגן אויף זיי איז גזאגט גווארן תורת ה' תמימה וואול צוא די
ווס לערנן תורה און זענין זיך ניט פורש פון איר דען דער וואס שיי
זיך אפ אפילו איין שעה פון דר תורה איז גליך ווי ער שייד זיך א
פון דעם לעבן אזו וויא דער פסוק זאגט כי היא חייך ואורך ימיך און ע
שטייט אורך ימים בימינה און עס שטייט אורך ימים ושנות חיים וכו' : ר
יוסי הייבט אן ועמך כולם צדיקים לעולם יירשו ארץ (זכאין) פיל זענין זיי זוכ
דאס הקב"ה רופט זייא אן צדיקים תאנא מיר האבען גלערינט אכ
טויזנט און הונדערט מיט פינף און צוואנציג מלאכים איז פר האנ
זיי הייסן מארי דגדפין די מלאכים שוועבין אויף דר וועלט און הער
אלץ ווס דר מענטש רעט אזו נעמן זיי דס קול ברענגן עס ארוף או
דעם הימעל דען מיר האבן גילערינט עס איז ניט פאר האנדן אשו
דיבור אז עס זאל ניט אויף גיין דיא מארי דגדפין זיי נעמן דאס קול או
טראגן עס פר דעם בית דין של מעלה און זיי זענן דאס דן צו נוט

צו שלעכין אזו ווי דער דיבור איז אזו וויא דר פסוק זאגט אין
ת יב) כי עוף השמים יוליך את הקול וגו' ווען איז מען עס דן רבי חייא
ט בשעת דער מענטש ליגט אונ שלאפט אונ די נשמה גייט פון
אוועק אונ זאגט עדות אויף דעם מענטשן אזו ווי דר פסוק זאגט
(מיכה ז) משוכבת חיקך שמור פתחי פיך דס איז טייטש פאר די וום ליגט
דיין שוים דס מיינט מען דיא נשמה זאלסטו היטין פר איר דיין
ל דען זיא וועט עדות זאגן אויף דיר • רבי יהודה זאגט אויף אלי
ן וום דר מענטש טוט ביי טאג טוט זי אויף אים עדות זאגין בייא
בט רבי אלעזר זאגט בשעת דר טאג טוט אוועק גייזאונ די זונטוט
טר גיין די ערשטי שעה אין דר נאכט אזו גייט דר האר פון די
יסלין וואס ער איז ממונה אויף דר זון גייט ער אריין אין צוועלף
רים וום זיי זענן ביי טאג אפן אונ אז ער גייט אריין ווערן זיי פאר
כט אונ איין כרוז גייט ארויס אונ רופט אויס שטייט אויף איר
מרים אונ נעמט צו די שליסלן אונ נאך דעם כרוז זאמלין זיך איין
שומרי שערים של מעלה אונ גייען ארויף אונ עס ווערט שטיל אונ עס
ינט קיינר קיין מויל ניט דען הויבן זיך אן אלי כוחות הדינים דר וועקן
ב זיי גייען אונ שוועבן אויף דר וועלט ביז די לבנה הייבט אן צוא
כטן הייבן אן צו בלאזין די דינים פון יבבא וילילה מזאל דר שרעקין
כוחות הדינים וום זענן שולט אויף דר וועלט • אונ אז מען בלאזט דם
דרי מאל דר וועקן זיך די מלאכים וום זאגן שירה פר השי"ת אונ
גן שירות ותשבחות צו השי"ת אונ פיל הערן פון דינים דר וועקין זיך
יף דר וועלט אז דיא לייט שלאפן אונ דיא נשמה גייט ארויף עדות
גין פר השי"ת אויף אלי אירי מעשים פון דעם טאג אונ אפילו זיא
ערט מחויב בדין טוט השי"ת מיט איר חסד אונ זי גייט ווידר אין
ף אונ אז עס קומט אין מיטין דער נאכט גייט הקב"ה מיט דיא
לאכים אין גן עדן אריין צוא פרייען זיך מיט דיא נשמות הצדיקים
אול צו די מענטשן וום שטייען אויף האלבי נאכט לערנין דר איז
וודאי איין בן עולם הבא אונ הקב"ה מיט אלי צדיקים הערין אים
ו אזו ווי דער פסוק זאגט היושבת בגנים חברים מקשיבים לקולך השמיעני אונ
קב"ה איז אויף אים ממשיך איין חוט של חסד דס ער ווערט אייבג
היט אונ מען היט אים פון אויבין אונ אונטן ווייטר שטייען סודות :
בי אבא איז גיגאנגין פון טבריא קיין טרוניא צו זיין שווער אונ מיט
אים איז גיוועזן רבי יעקב בר רב זענין זייא גקומין צום דארף
רשא זאגט רבי אבא צו דעם בעל הבית האסטו ביי דיר איין האן •
אגט דער בעל הבית וואס בדארפט איר איין האן זאגט רבי אבא
יך וויל אויף שטיין אין האלבי נאכט לערנין זאגט דר בעל הבית
יך האב איין וואג וואס איך גיס דאס אן מיט וואסר אונ אגאנצע
אכט גייט דער פון טראפין אונ אז עס קומט אין מיטין דער נאכט
וערט עס ליידיג הייבט זיך עס אן צוא דרייען וויא אראד אונ עס
הייבט אן קלינגן אז מען הערט עס אין גאנצין הויז • עס איז בייא
מיר גיוועזן איין אלטר מאן ער פלעגט אויף שטיין אין האלבי נאכט
אזו הט ער מיר דס גימאכט הט רבי אבא גיזאגט גילובט איז השי"ת
ום הט מיך אהער גיבראכט • אז עס איז גיקומין האלבי נאכט הט
יך דס ראד אן גהובין צו דרייען אונ קלינגן איז רבי אבא ורבי יעקב
ויף גישטאנין אונ האבן גילערנט הערין זיי ווי דר בעל הבית מיט
יני דריי קינדר זיצין אין הויז אונ לערנין אונ זאגין עס שטייט חצות
לילה אקום להודות לך אונ זאגין אויף דעם גרויסי סודות זאגט רבי אבא

צו רבי יעקב היינט וועלין מיר זיך בהעפטין מיט דר שכינה • זענין
זיי גיגאנגען צו דעם בעל הבית אונ זאגין אים דו האסט גוט גיזאגט
נאר פון וועמען האסטו דאס גיהערט זאגט ער פון דעם אלטין אונ
זאגט ווייטער סודות • שטייט אוף רבי אבא אונ הט אים גיקושט אונ
זאגט גילויבט איז השי"ת וואס האט מיך גיבראכט אהער עס איז
פר רבי שמעון אויך אזו גיזאגט גיווארין • אונ דר בעל הבית זאגט
ווייטר סודות אזו שטייט אויף רבי אבא אונ זאגט איך האב גימיינט
אז די חכמה איז מער ניט פר האגדין נאר בייא די גרויסע מענטשין
היינט זעה איך אז אפילו די קינדר וואס זענן אין דור פון רבי שמעון
זענן אויך זוכה צו חכמה עליונה ווי צו דעם דור וום רבי שמעון וועט
אוועק פון זיי • האט רבי אבא ארויף גיליינגט בידע הענט אויף דעם
בעל הבית קאפ אונ הט אים גיבענטשט אונ האבן ווייטער גילערנט
ביז עס איז טאג גיווארין :

פתח הט רבי אבא אן גיהויבן עס שטייט ועמך כולם צדיקים וגו' איז דאך
אקשיא נאך וואס שטייט ועמך כולם צדיקים זענען דען אלע
צדיקים עס איז דאך פאר האנדין צווישן זייא פיל רשעים וואס זענן
עובר אויף דער תורה נאר מיר האבין גילערנט וואול צו זייא • זיי
זענען זוכה צוא מאכין איין באווילינטין קרבן צוא הקב"ה מיט דעם
וואס זיי זענן מל זייערע קינדר צו אכט טאג אונ מאכין זייא איין חלק
להקב"ה זיי זאלין ווערין אן גירופין צדיקים דרום זענען זיי זוכה צו
ירשנן דס ארץ החיים של מעלה • ולעולם יירשו ארץ מיינט מען דעם
גן עדן וואול איז צוא דיא וואס היטין זייער היליגין צייכין דען דער
יהודי וום לייקנט אין דעם היליגן צייכן איז גלייך וויא ער לייקנט
אין דעם נאמן פון דעם מלך אזו וויא עס שטייט (הושע ב') בה' בגדו כי
בנים זרים ילדו איז טייטש אז זייא גיווינען קינדר פון פרעמדע פעלשין
זייא אין זיין היליגין נאמען רבי אבא זאגט בשעת דער מענטש
ברייגט זיין קינד מל זיין רופט השי"ת דיא פמליא של מעלה אונ
זאגט צו זייא קומט אונ זעהעט וואס מיין קינד טוט אויף דר וועלט
באותו שעה קומט אן אליהו הנביא וואס שוועבט דיא וועלט מיט
פיר שוועבין אונ דרום האבין מיר גילערנט אז דר פאטר פון דעם
קינד גרייט אן אשטול אונ זאגט זה הכסא של אליהו קומט צו גיין אליהו
אויף דעם ברית אונ דער נאך גייט ער ארויף אונ זאגט עדות פאר
הקב"ה אז ישראל זענען מקיים דעם ברית אונ אז ניט קומט ער ניט
צו גיין • קום אונ זעה עס שטייט אין פסוק מה לך פה אליהו השי"ת הט
אים גיפרעגט וואס טוסטו דא האט ער גיענטפערט קנא קנאתי לה' כי
עזבו בריתך בני ישראל האט אים הקב"ה גיזאגט דא שווער איך ביי דיין
לעבין דער פר וום דוא האסט גירעט אויף דיא ישראל אונ זאגסט
כי עזבו בריתך זאלסטו תמיד שטיין ווען דיא ישראל וועלין מל זיין
זייערע קינדער אונ דאס מויל וואס האט גירעט שלעכץ זאל אליין
עדות זאגין אז דיא ישראל זענען מקיים דעם ברית אונ זענן מל
זייערע קינדער דרום דארף מען מאכין אשטול פון זיינט וועגן ער
זאל קומען צוא גיין דער ווייל איז גיווארין טאג האבין זייא געוואלט
אוועק גיין זאגט דער בעל הבית צו זיי אז איר האט שוין אן גיהובן
מוזט איר גומר זיין זאגט רבי אבא וום איז דען זאגט דר בעל הבית
איר וועט מארגן זעהען אליהו ווארום איך מאך מארגין איין ברית
מילה אונ בעט אייך איר זאלט זיך אויף האלטין בייא מיר זאגט רבי
אבא דאס איז דאך אמצוה צו זעהן דיא שכינה וועלין מיר ווארטין

זייא

זייא האבין גיווארט אגאנצין טאג אויף דער נאכט האט דער בעל
הבית גירופין זיינע גוטע פריינד אונ האבין אגאנצי נאכט גילערינט
קיינער הט ניט גישלאפין זאגט דער בעל הבית איך בעט אייך איר
זאלט זאגין גייעס פון דר תורה הט איטליכר גיזאגט תורה :
פתח הייבט איינר פון זייא אן צוא זאגין עס שטייט (תהלים צד) לולי ה'
עזרתה לי כמעט שכנה דומה נפשי מיר האבין גילערינט פאר וואס
האבין די יהודים ניט קיין גיהנם ווארום זיי האבין גיהיט דעם היילגין
צייכין מיר האבין גילערינט בשעת דער מענטש גייט אוועק פון דר
וועלט קומין אים אנטקעגין מלאכי דין אונ ווילין צו נעמין די נשמה אונ
אז זייא זעהן דעם היילגין צייכין שיידין זייא זיך אפ פון אים אונ ער
קומט ניט אריין אין דר האנט פון דעם מלאך דומ"ה ווארום דער ווס
קומט אריין אין זיין האנט פירט ער אים אין גיהנם אריין אונ פאר
דעם היילגין צייכין האבין מורא עליונים ותחתונים אז קיין בייזער
דין זאל אין אים ניט שולט זיין אז ער איז זוכה ער זאל אים רעכט
היטין אונ אז דוד המלך האט אים ניט גיהיט האט מען בייא אים
דיא מלוכה צוא גינומען אונ מען האט אים אוועק גיטריבין פון
ירושלים ער הט נאך מורא גיהאט ער זאל ניט נכשל ווערין אין די
הענט פון דעם מלאך דומ"ה ווען ער שטארבין פון ביידי וועלטין ביז
הקב"ה האט אים איין גוטי בשורה גיזאגט אזו וויא עס שטייט גם ה'
העביר חטאתך לא תמות אין דער צייט הט ער גיזאגט לולי ה' עזרתה לי ווען
הקב"ה וואלט מיר ניט גיוועזין בהילפיג כמעט שכנה דומה נפשי וואלט מיין
נפש אריין גיקומין אין דר האנט פון דומה דער שר פון גיהנם : פתח
אייך הט ווידר איינר אן גיהובין עס שטייט ויאמר דוד והראני אותי ואת נוהו
וואס איז טייטש ואת נוהו ער האט דען בגערט צו זעהן הקב"ה אלא
מחמת דוד הט פוגם גיוועזין אין דעם אות ברית אונ איז פאר טריבין
גיווארין פון ירושלים האט ער גיבעטין ער זאל ווידער קומען צוא
דער מדריגה פון דעם אות דאס הייסט בחינת צדיק אי"ב ואת נוהו הייסט
ירושלים ער זאל ווידר קומין קיין ירושלים צוא זיין מלוכת פתח האט
ווידר איינר גיזאגט עס שטייט ומבשרי אחזה אלוה וואס הייסט פון מיין
לייב טוא איך זעהן גאט אלא דורך דעם ברית קודש דס הייסט בשר אז
מען היט עס אזו ווי עס בדארף צו זיין איז מען זוכה צוא זעהן דיא
שכינה אונ אז מען היט אים ניט שטייט מנשמת אלוה יאבדו (זכאין) דיא
צדיקים זענן זוכה זייא האבין איין אחיזה אין השי"ת בעולם הזה
ובעולם הבא אויף זיי שטייט ואתם הדבקים בה' אלהיכם חיים כלכם היום זייא
זאגן ווייטר איטליכר גרוסי סודות פרעגט רבי אבא ווי קומט דאס
איר זייט אזעלכי גרוסי חכמים אונ איר זיצט דא האבן זיי גיזאגט אז
די פייגלין פליהן אוועק פון זייער נעסט ווייסין זיי ניט ווי אהין צוא
פליהן אזו וויא עס שטייט כצפור נודדת מקנה כן איש נודד ממקומו אזו איז
אונזר מנהג ביז האלבי נאכט שלאפין מיר אונ דער נאך לערנן מיר
ביז טאג אונ דער ריח השדה גהדות טל איז אונז מרחיב אונזר
הארץ אונ אויף דעם איז אמאל גוועזן אגרוסר מדת הדין דען דא איז
אמאל גישטארבין פיל גדולים והשובים לומדי תורה פון וועגן ביטול תורה
דרום זענן מיר עוסק בתורה יום ולילה אונ דס ארט איז אונז מסוגל
צו לערנן אונ דר ווס שייד זיך אפ פון דעם ארט איז גלייך וויא ער
שייד זיך אפ פון דעם לעבין הייבט רבי אבא אויף זייני הענט אונ
בענטש זיי זענין זיי גיזעסן ביז עס איז גווארין טאג אז עס איז טאג
גיווארן האבן זיי גזאגט צו די קינדר גייט ארוס אונ זעהט אוב עס איז

שון ליכטיג אונ איטליכר פון אייך זאל זאגין איין נייע זאך פאר ד
אדם גדול דס מיינט מען רבי אבא זאגט איינער עס איז אן גבר
עס זאל היינט אראפ נידרן אפייער פון דעם הימיל זאגט דר אנ
עס וועט אריין אהער אין שטוב זאגט דר דריטער עס וועט פר בר
איין אלטין מאן אין דר שטוב זאגט רבי אבא רחמנא לצלן גאט
אונז מציל זיין דר פון זיי פר ווינדרין זיך אונ קאנן ניט ריידן מ
פחד זאגט רבי אבא ווס עס וועט זיין פון אובין זאל מען וויסן או
אונ עס איז אזו גיוועזן עס האט דעם טאג ארום גירינגלט דיא ש
פייער פון אובן אונ זייא האבן דארטן גיזעהן פני השכינה אונ רבי א
איז גיוועזן רוט פון דעם פייער אונ פון דער שמחה של תורה ד
גאנצן טאג איז קיינער ניט ארוס גנאנגן זייא האבן זיך משמח גיו
גלייך ווי זיי וואלטן היינטיגן טאג די תורה מקבל גוועזן אונ דס
איז גוועזן ארום גירינגילט אגאנצין טאג מיט איין פייערדגן זייל
נאך האבין זיי גאר ניט גוויסט אויב עס איז טאג אדער נאכט ד
רבי אבא גיזאגט וויל מיר זענן אלי דא זאל איטליכר זאגן חידו
תורה כדי מחזיק טובה זיין צום בעל הברית האט איינר אן גהו
עס שטייט (תהלים ס"ה) אשרי תבחר ותקרב ישכון חצריך נשבעה בטוב ביתך ק
היכלך אונ זאגט אין דעם פסוק גרוסי סודות אונ דרום דיא חסיד
הראשונים אז מען הט גיבראכט דס קינד צוא דער מילה האבין ז
גיזאגט אשרי תבחר ותקרב ישכון חצריך אונ די מענטשן וואס זענן דר ב
גישטאנען האבן גזאגט נשבעה בטוב ביתך קדוש היכלך דער נאך האט
גזאגט די ברכה אשר קדשנו במצותיו וצונו להכניסו בבריתו של אברהם אבינו
דר עולם הט גזאגט כשם שנכנס לברית וכו' אונ דר ווס זאגט ניט אזו
איז ניט זוכה צו זעהן די צעהן חופות וואס הקב"ה וועט מאכן צ
די צדיקים אין גן עדן אונ דרום זאגט דר פסוק אשרי תבחר וגו' צע
ווערטר דס ווייזט אז איטליכם ווארט וועט זיין איין חופה דאס
אגרויסר סוד וואול צו אייך בעולם הזה ובעולם הבא דס דיא תו
איז גלייך בייא אייך וויא איר וואלט היינט גשטאנען אויף דעם בא
סיני צו מקבל זיין זי פתח הט ווידר איינר אן גהובן עס שטייט ויהי א
בן תשעים שנה ותשע שנים וגו' איז קשה הט זיך דען ביז אהער ניט בווי
צוא אים הקב"ה ווס זאגט ער ויהי אברם וגו' וירא ה' איז משמע אב
פריער הט זיך הקב"ה ניט בוויזין צו אים אמער עס שטייט דאך
פיל מאל ווי גאט הט מיט אים גרעט נאך איז קשה וואס ציילט
זייני יארין נאך איז קשה ביי תשעים וואס איז לשון רבים זאגט
שנה אונ ביי תשע ווס איז לשון יחיד זאגט ער שנים אלא ביז אהע
איז ער ניט גוועזן גימלת דרום שטייט ביז אהער ניט דאס לשון ו
אונ אז ער הט זיך שון מל גוועזן שטייט שון דס לשון וירא ער הט
שון בוויזין צו אים אצונד איז גוועזן די צייט יצחק זאל גבארין ווע
ווס ער איז זרע קודש דרום האט הקב"ה אים נהייסן זיך מל זיין דר
ציילט ער זייני יארן אונ זאגט ביי תשעים שנה דען אלי יארן פון פר
איז גיוועזן אזו ווי איין יאר אונ ביי תשע זאגט ער שנים ווייל די נ
יארן זענין גוועזן גרעכינט פר פיל ווייל ער הט זיך אין זיי מל גיוו
ויאמר אליו אני אל שדי פר ווס ביז אהער הט ער ניט גיזאגט צו אים
אל שדי אלא מיר האבין גלערינט הקב"ה האט בשאפין מדריגות פ
כוחות החיצונים ווס זיי זענן אונטר דר קדושה וזה לעומת זה עשה אלהים א
ווייטר איז גרוסי סודות זאגט רבי אבא זכאין זייט איר בעולם הז
ובעולם הבא אונ איך בין אזכאי אז איך האב זוכה גוועזן דר צו

רין אזעלכע סודות און חידושי התורה איר זייט קדושים קינדער
דעם המלך הקדוש און דער בעל ברית האט זוכה געווען צו זעהן
שכינה פנים בפנים אשרי חלקו ואשרי חלקנו און אויף דעם קינד וואס
געבארין געווארין איז געזאגט געווארין דער פסוק כל הנקרא בשמי ולכבודי
תיו יצרתיו אף עשיתיו און דער פסוק וכל בניך למודי ה' ורב שלום בניך דער נאך
בן זייא צוא רבי אבא בלייט דרייא מייל אויף דעם וועג זאגין זייא
בעל הברית האט דאס זוכה געווען ווייל ער האט מקיים געוועזין איין מצוה
עגט רבי אבא וואס פאר אמצוה זאגט דער בעל הבית מיין ברודער
געשטארבין אן קינדער האב איך גענומען זיין ווייב און דעם קינד האב
א נאמען געגעבין נאך מיין ברודער זאגט רבי אבא ווייטער זאלסטו
ם רופין אידי און דאס איז רבי אידי בר יעקב האט אים רבי אבא
ענטשט און איז אוועק געגאנגען · וויא רבי אבא איז געקומען פאר רבי
עזר האט ער פאר רבי אלעזר דער ציילט די גאנצי מעשה און פאר רבי
מעון האט ער מורא געהאט צו זאגין אמאל איז ער געשטאנען פאר רבי
מעון זאגט רבי שמעון וואס מיינט דער פסוק ויפול אברם על פניו וידבר
אלהים לאמר אני הנה בריתי אתך איז משמע איז ער האט זיך מל געווען
ער געפאלין אויף דעם פנים אז גאט האט מיט אים גערעט · און דער
ך שטייט הנה בריתי אתך איז משמע אז ער איז שון געווען געמלת ·
דאך א קשיא פון דעם סוף פסוק אויף דעם אן הייב פסוק זאגט
י אבא אוב עס איז ניחא אז איך זאל זאגן פאר דעם הער די חשובי
ד וואס איך האב געהערט זאגט רבי שמעון זאג זאגט רבי אבא איך
רכט מיך זיי זאלין ניט גענעש ווערין דורך דעם · זאגט רבי שמעון
ושלום משמועה רעה לא יירא נכון לבו בטוח בה' דאס איז טייטש פאר איין
מועה רעה זאלין זיי ניט מורא האבין דען זיין הארץ זאל אים זיין פאר
רט אין גאט האט ער אים דער ציילט די גאנצי מעשה און אלי דברי
רה, זאגט רבי שמעון איך בין גוזר אז דוא זאלסט זיך מידין אלי
גטיגי דרייסיג טאג אין זייער תורה און זאלכט דאס פאר געסין דען
ם שטייט אל תמנע טוב מבעליו איז טייטש אז דו זאלסט ניט פאר מיידן
ן גוטץ פון דעם וואס ביי אים איז דאס גוטס · און אזוי איז געווען · נאך
גט רבי שמעון איך בין גוזר אז מיט זייער תורה זאלין זייא פאר
ייבין ווערין קיין בבל און זאלין פאר טריבין ווערין צווישן דיא
במים · רבי אבא האט זיך זייער מצער געווען דרויף אמאל זעהט אים
י שמעון זאגט צו אים רבי שמעון איך זעה אין דיין פנים אז דוא
אסט גרוס דאגה אויף אזאך זאגט רבי אבא ניט פון מיינט וועגין
ר פון יהודים וועגן בין איך זיך מצער זאגט רבי שמעון חס ושלום
זאלין גענעש ווערין · נייערט די סודות זענען ביי זיי זייער אנפלעקט
ב זיי דארפין זיי בהאלטין און אז זיי וועלין פאר טריבין ווערין צו די
נים פון בבל וועלין זיי זיך פון זיי אפ לערנען אז זיי זאלין ניט אזוי
לה זיין די סודות דען אזעלכי דברים דארפין ניט מגולה ווערין נאר
וישן אונז דען הקב"ה האט מסכים געווען אז די סודות זאלין נאר ביי
נז מגולה ווערין רבי יוסי זאגט עס שטייט אין (ישעיה נח) אז יבקע כשחר
ד דען הקב"ה איז אן געבריית אוס צוא רופען דיין ליכט וועט דער
כטין אזוי וויא דער מארגין שטערין דאס הייסט דיין מזל וועט זיין
ים און דיין רפואה וועט דיר באלד שפראצין און עס וועט פאר
דיר גיין דיין צדקה און דר כבוד ה' וועט דיך איין זאמלן :

## מדרש הנעלם

רבי יהודה פתח רבי יהודה הייבט אן עס שטייט אין (שיר השירים) הנצנים
נראו בארץ עת הזמיר הגיע וקול התור נשמע בארצנו זאגט רבי יהודה קום
און זעה וויא אמענטש גיהער נאר עוסק זיין בתורה ובמצות יומם
ולילה דען די מעלה פון דר תורה איז איבר אלי מעלות דען ביי דעם
איז פאר האנדן צוויי גרוסי מעלות לעבין מיט עשירות אזו שטייט אורך
ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד און כבוד מיינט מען עשירות ווארום
איין עושר האט כבוד און דס איז אלץ דורך דר תורה· דען אלי נאכט
נעמט דר מלאך מט"ט אלי נשמות הצדיקים און ווייזט זיי פר הקב"ה
און די מלאכים ווארטן מיט זייער שירה זאגן ביז עס זאמלין זיך איין
אלי נשמות הצדיקים און הייבן אן זאגן שירה באנאנד צוא הקב"ה
דרום שטייט הנצנים נראו בארץ מיינט מען די מענטשן פון דר ערד וואס
זענען עוסק בתורה לשמה עת הזמיר הגיע מיינט מען די צייט איז געקומען זינגן
זמירות ותשבחות צו דעם באשעפר · דורך וועמען ווערין די אלי זאגן
זאגט ער פון וקול התור דס איז דער מלאך מט"ט וואס זאמלט איין אלי
נשמות הצדיקים זאלן זאגן שירה צו הקב"ה דרום שטייט יעלזו חסידים
בכבוד דורך דעם מלאך מט"ט וואס ער הייסט כבוד ירננו על משכבותם
טוען זיי זינגן ביי נאכט אז דיא מענטשן שלאפן · רבי יעקב זאגט
אלי נשמות הצדיקים זענן באשאפען גווארן מתחת כסא הכבוד דען דיא
נשמה פירט דעם גוף און ווייזט אים צוא טאן דעם רצון הבורא ·
דען אז הקב"ה שיקט אראפ די נשמה אין גוף אריין שטייט ויאמר ה'
אל אברם דס מיינט מען הקב"ה זאגט צוא דער נשמה וואס זיא הייסט
אברם דס איז צוויי ווערטר א"ב ר"ם די נשמה הייסט אב ווייל זיא איז
איין פאטר צו דר גוף דס הייסט זיא ווייל זיא איז פון איין הויך ארט
דרום הייסט זיא אברם און השי"ת זאגט איר אן זיא זאל היטן דיא
תורה מיט דיא מצות און ענטפערט איר איבר הונדערט שריפן דאס
הייסט מען זאל מאכן אלי טאג הונדערט ברכות מיט איטליכר ברכה
ציהט ער אויף זיך איין שריפיל דרום שטייט לך לך עס באטרעפט
הונדערט און אזו זאגט הקב"ה לך גייא ארוס מארצך פון דיין לאנד דס
מיינט מען דעם גן עדן וממולדתך פון דיין משפחה מיינט מען די מלאכים
פון דעם הימיל מבית אביך מיינט מען אלי כחות הקדושה ; אל הארץ אשר אראך
אויף דר ערד אין וועלכן גוף איך וועל דיר ווייזן דר נאך בענטשט
הקב"ה די נשמה מיט זיבן ברכות (א) ואעשך לגוי גדול איז איין ברכה ·
(ב) ואברכך · (ג) ואגדלה שמך · (ד) והיה ברכה · (ה) ואברכה מברכיך · (ו) ומקללך
אאור (ז) ונברכו בך כל משפחות האדמה וילך אברם גייט דיא נשמה אראפ כאשר
דבר אליו ה' אזו ווי השם יתברך הט געהייסן וילך אתו לוט גייט מיט אים
תיכף דר יצר הרע וואס ער הייסט לוט דען ער איז דר נחש וואס ער
הט אן גירעט צו אדם הראשון אז ער זאל עסין פון דעם עץ הדעת את
דאס ווארט לוט איז טייטש פאר שאלטין דען ער איז פאר שאלטין
געווארין · ווארום אויף ארור מאכט דער תרגום ליט און ביז דרייצעהן
יאר וואס זיי הייסין שני ערלה געוועלטיקט דער יצר הרע אליין אין דעם
מענטשן דר נאך קומט דר יצר הטוב און דר שורש נשמה וואס ער
הייסט חמש ושבעים שנה בצאתו מחרן גייט זיא ארוס פון דעם
יצר הרעם הענט וואס הייסט חרן ער איז נאר צארענדיג און פול מיט
דין דען די קדושה קומט צו דעם מענטשן צו ביינן דעם יצר הרע

און

אונ די נשמה דר וועקט אים דינן צו השי"ת אונ פירן אים אין רעכטן וועג ויקח אברם את שרי אשתו דר גוף איז אקעגן דר נשמה ווי איין נקבה אנטקעגן איין זכר · דרום זאגט דר פסוק ויקח אברם די נשמה נעמט את שרי אשתו דאס מיינט מען דעם גוף פון דרייצעהן יאר אונ ווייטר תם את לוט דער יצר הרע ווערט ניט אפ גטאן פון אים ואת כל רכושם אשר רכשו אלי אירי מעשים טובים וואס זיא האט גיטאן נאך דרייצעהען יאר מיט דעם כח פון דער נשמה ואת הנפש אשר עשו בחרן אונ די אלי מצות וואס ער האט גיטאן ביז דרייצעהען יאר וואס זענן נאר גוועזן מיט דעם יצה"ר דרום זענין זייא ניט קיין רעכטי מעשים · אונ דאס פאר ריכט אלץ די נשמה אונ פירט דעם מענטשין אין רעכטין וועג מיט תשובה ומעשים טובים אונ גייט אין שול אונ אין בית המדרש ארייו כדי דר יצר הרע זאל בטל ווערין דרום שטייט ויעבור אברם בארץ עד מקום שכם דס הייסט ער איז גאנגן אין בית המדרש ארייו דארטן רועט די שכינה אזו ווי עס שטייט ביא יוסף ואני נתתי לך שכם אחד על אחיך · עד אלון מורה דאס איז דער בית המקדש וואס דארטן זענין דיא מורה הוראות פון דער וועלט מיינט מען דיא סנהדרין זענן דארטין גיזעסין אונ מיט דעם ווערט דר יצר הרע אונטר טעניג אזו וויא איין קנעכט· דרום הייסט ער כנעני אז ער טוט מעשים טובים ווערט אלץ פאר ריכט · אונ אז ניט הייסט ער כנעני דאס הייסט אסוחר וואס ער רינגילט ארום הין אונ הער · אזו איז ער פריער רעט ער אן מען זאל טאן איין עבירה דער נאך גייט ער ארויף אויף דעם הימיל אונ איז מקטרג אויף דעם מענטשן אונ נעמט רשות אונ גייט אראפ צו נעמן ביי דעם מענטשין די נשמה שטארבט דער מענטש אונ ווערט ערד אזו ווי פריער איידר ער איז גיבארין גיווארין אונ אז דיא צייט קומט דר מענטש זאל שטארבין ויך למסעיו דאס איז טייטש ער גייט אוועק פון דר וועלט ווס זי ווערט אן גירופן נגב ער גייט עד בית אל אונ וויל גיין למקום אשר היה שם אהלו בתחלה בין בית אל ובין העי דאס מיינט מען ער וויל גיין אין גן עדן אריין ווס דארטין פרייד זיך השי"ת מיט דיא נשמות הצדיקים איז זי זוכה קומט זי אל מקום המזבח אשר עשה שם ווס הקב"ה הט גימאכט בראשונה צום ערשטין אונ דר מלאך מיכאל שטייט אונ ער גינעהנט די נשמות הצדיקים לריח ניחוח צו אנישמאקין ריח איז זיא זוכה אהין צוא קומן ויקרא שם אברם בשם ה' אונ ווערט נצרר בצרור החיים דס איז אלץ אז ער הט מתקן גיוועז דעם גוף אזו ווי מען דארף ער הט איין גיבויגין דעם יצר הרע אונ אז אפילו ער קומט מקטרג זיין העלפט אים זיין נשמה דרום שטייט ויהי ריב בין רועי מקנה אברם ובין רועי מקנה לוט דס מיינט מען דעם יצר טוב מיט זייני חיילות קריגט זיך מיט דעם יצה"ר מיט זייני חיילות דען זאמליכער וויל מען זאל אים פאלגין איבר דעם איז דר גוף אין צער אויף דער וועלט :

ויאמר אברם אל לוט זאגט דיא נשמה צום יצר הרע איך בעט דיך אל נא תהי מריבה ביננו ווארום זאלסטו מיט דיינע חיילות קריגין מיט מיר אונ מיט מייני חיילות כי אנשים אחים אנחנו מיר זענין דאך קרובים דען דר יצר טוב איז ביי דר רעכטר זייט פון דעם מענטשין אונ דר יצר הרע איז בייא דר לינקר זייט דרום זענן זיי קרובים דאס הייסט נאהענט ווי דען הלא כל הארץ לפניך הפרד נא מעלי עס איז דאך דא גינוג רשעים אויף דר וועלט גיי דיר צו זיי דען זיי וועלין דיך פאלגין נאך זאגט ער צו אים אם השמאל אז דו וועסט מיך אן ריידן איך זאל עובר זיין איין לאו אין דער תורה וועל איך דיך ניט פאלגין ואימינה וועל

איך טאן אמצוה ואם הימין אונ אפילו אז דו וועסט מיך אן ריידין א...
זאל טאן אמצוה וועל איך דיר אויך ניט פאלגין דען אמאל רעט ...
דר יצר הרע אז מען זאל טאן אמצוה פון גדלות וועגין אדר עס זא...
דער פון ארויס קומין איין עבירה אונ ער האלט אזו לאנג מלחמ...
ביז ער זעהט אז ער קען גאר ניט פועל זיין שטייט ויפרדו איש מעל את...
גייט ער אוועק פון דענסט מאל ואברם יושב בארץ הנגב זיצט ער בשלו...
אונ ער איז זוכה צו זיצין אין גן עדן ווס ער איז פון דרום זייט דאס...
הייסט פון דר רעכטר זייט צו הקב"ה אונ דר נאך שטייט ואברם כב...
מאוד במקנה דאס מיינט מען ער הט זייער פיל מצות ומעשים טובי...
אונ לוט דאס איז דער יצר הרע איז זיך מחבר מיט דיא רשעים דרו...
שטייט ויאהל עד סדום אונ ווייטער שטייט ואנשי סדום רעים והטאים לה' מאו...
ווייל דר יצר הרע רעט זיי אן צו ווידר שפעניגין אין גאט ברוך הו...
כדי ער זאל זייא מאכין פר לירין אונ אז די נשמה בלייבט שוין א...
דעם יצר הרע אונ דר גוף בלייבט שון ריין פון עבירות טוט הקב"...
זיין וואונונג ביי אים אונ איז זוכה צו ירשנין ירושה עליונה ותחתונה דרו...
שטייט ווייטער וה' אמר אל אברם אחרי הפרד לוט מעמו שא נא וגו' לך אתהלך קו...
התהלך בארץ וגו' זייא דיך משתעשע אין ארץ החיים מיט אנדער...
צדיקים ביז ער קומט צוא דעם מזבח לה' דורך דעם מלאך מיכא...
אזו ווי אויבן איז גישטאנען אונ לוט בלייבט ביי דיא רשעים אונ זייא...
זינדיגן דורך אים ביז זייא האבין שוין קיין תרופה ניט דרום שטיי...
וישמע אברם כי נשבה אחיו דר צדיק הערט אז דר יצר הרע איז גיפאנגן...
גיווארין מיט גרויסי עבירות ווי ער דר הערט דאס וירק את חניכיו ילידי...
ביתו גייט ער מיט נאך צדיקים וואס זענין מחונך במצות וירדוף עד ד...
אונ יאגט נאך די רשעים צו שטראפין זיי אונ זייא מחזיר בתשובה...
זיין אונ איז זייא מודיע דעם דין פון גיהנם אונ פון עולם הבא אונ...
לאזט זייא ניט אפ טאג אונ נאכט ויחלק עליהם לילה זייא שטייען אויף...
האלבי נאכט צו שטראפין זיי ביז זיי זענין זיי מחזיר בתשובה שטיי...
ווייטער וירדפם עד חובה אשר משמאל לדמשק זיי האבן די רשעים גישטראפט...
ביז זיי זענן גיגאנגן מיט חובה ווס איז פון דר לינקר זייט דס הייסט...
מצד יצר הרע אונ האבן זיך ניט באהעפט לצד הימין מצד היצר...
טוב עס שטייט ווייטער וישב את כל הרכוש אשר רכש דס מיינט מען זייא...
זענין חוזר בתשובה שליכה וגם את לוט ואת רכושו השיב זיי אונ דר יצר...
הרע זענין חוזר בתשובה זאגט רבי חייא דר צדיק ווס הט גישטראפט...
די רשעים אונ הט זיי מחזיר בתשובה גיוועז אז די נשמה גייט ארוס...
פון זיין גוף גייט אים אנטקעגין מיכאל כה"ג ער איז מקריב די נשמות הצדיקים...
אונ גיט אים שלום דרום שטייט ומלכי צדק מלך שלם דאס מיינט מען...
מיכאל ער איז דר ראש פון דיא שערי שלום וצדק אונ זאגט צו אים...
שלום איז דיין קומען זאגט רבי חייא פון דאנין לערנין מיר אפ אז...
אייגער קומט פון דעם וועג אונ איינער גייט אנטקעגין אונ גיט אים...
שלום איז גלייך ווי ער גיט אים עסין אונ טרינקן דרום שטייט לא יבוא...
עמוני ומואבי בקהל ה' על דבר אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים האבען דען דיא...
ישראל בדארפט לחם ומים זיי האבין דאך גיהאט דעם מן ווס ער...
איז בעסר פון אלי אכילות אויך האבן זיי גהאט דעם באר של מרים...
נאר ווייל זיי האבן ניט מקדים בשלום גיוועז איז גלייך וויא זייא...
האבין זיי גיווינציגט זייער לחם ומים אזו אויך מיכאל בענטשט דיא...
נשמה אונ זאגט צוא אים ברוך אברם לאל עליון קונה שמים וארץ וואול צוא...
דיר ווס דו האסט דר צו זוכה גיוועזן אונ דר נאך זאגט ער אים ויתן

אל

# פרשת לך לך

...יין אשר מגן צריך בידך גיבענטשט איז גאט וואס ער האט דיר מוסר
...ווען די רשעים אין דיין האנט דו זאלסט זייא מחזיר בתשובה זיין
...ן כי מעשר מכל דם מיינט מען הקב"ה גיט צו דער נשמה מעשר דאס
...ייסט איין אות ה' פון זיין כסא הכבוד וואס ער האט מיט דעם אות די
...עלט בשאפן אונ קריינט די נשמה דען ווערט זי גאנץ אונ הייסט
...ייסט שוין אברהם אונ דער מיט ווערט זייא צרורה בצרור החיים דרום
...שטייט מעשר מכל דם מיינט מען פון השי"ת וואס הייסט כל · רב חסדא
...אגט ווען השי"ת וויל טאן איין דין אין דיא רשעים בארואט ער זיך
...ריער מיט די נשמות הצדיקים אזו ווי עס שטייט מנשמת אלוה יאבדו
...אס הייסט אז די נשמה פון די רשעים בדארפין פר לארין ווערין ·
...ערין זיי פארלארין דורך דער נשמה פון דעם צדיק אונ דער שר
...של גיהנם שטייט פאר די נשמות הצדיקים אונ בעט זייא זאלין ניט
...תפלל זיין פר די נשמות הרשעים נייערט זיי זאלין זיי ארין געבין
...ין זייערי הענט ארין ווילין זיי מאכין זיי גידערן אין גיהנם דרום
...שטייט ויאמר מלך סדום אל אברם תן לי הנפש והרכוש קח לך דער מלך סדום
...מיינט מען דעם גיהנם ער בעט צו אברם דס איז דער צדיק גיב מיר
...דעם נפש פון די רשעים וועל איך זיי דן זיין אונ זאי זיי ניט מציל מיט
...זיין תפלה והרכוש אונ די וואס האבין תשובה גיטאן נעם דיר צו מציל
...זיין זיי פון גיהנם ויאמר אברם אל מלך סדום הרימותי ידי אל ה' וגו' דא שווער
...איך דיא מענטשין וואס איך האב זיי אלי טאג התראה גיטאן אז זייא
...זאלין תשובה טאן אונ האב זיי גיזאגט אז זיי ווילין קיין תשובה ניט
...טאן ווילין זיי ארין פאלין אין גיהנם אונ זיי האבן מיך ניט גיוואלט
...פאלגין שווער איך אויב איך וועל זיי מציל זיין פון דיין רשות מיט
...תפלה נעם דיר זיי זיי זענין אין דיין רשות · רבי יהושע בן לוי זאגט
...אמאל בין איך גיוועזן ביי דר טיר פון דעם גיהנם האב איך גיזעהן ווי
...מען איז דן דיא רשעים אונ זיי שרייען ווייא צו אונז דען דיא צדיקים
...פלעגין אונז תמיד שטראפין אונ מיר האבין זיי ניט גיוואלט צו הערן
...אונ דר נאך האב איך ווידר גיהערט איין קול שרייט דו רבי יהושע
...בר ליואי האלט צו דיין מויל אונ שטאפ עס צו דען דוא האסט נאך
...קיין רשות ניט אזו ווי אנדרי צדיקים צו בעטין אויף זיי שטייט ועסותם
...רשעים כי יהיו אפר תחת כפות רגלי הצדיקים נאך איין פשט איז הרימותי ידי אל ה'
...די נשמה שווערט אז זי זאל ניט מציל זיין די רשעים וואס האבין קיין
...תשובה ניט גיטאן בלעדי רק אשר אכלו הנערים קום אונ זעה וויא אזו דיא
...תורה איז גיליבט פר גאט דורך איר איז א מענטש זוכה לחיי עולם
...הבא אונ דער וואס לערינט מיט אנדרין איז ער נאך מער זוכה דרום
...שטייט רק אשר אכלו הנערים דם מיינט מען די וואס האבין גילערינט תורה
...מיט אנדרי אונ מיט קינדר איז זייער שכר כפול זייא זענין אין גן עדן
...מיט דר שכינה ווען רבי שמעון פלעגט גיין זעהן די קינדר ביי זייער
...רבי פלעגט ער זאגין איך וועל גיין זעהן דיא שכינה דרום זאגט דיא
...נשמה צום שר של גיהנם אלי וועל איך ניט מציל זיין נאר רק אשר
...אכלו הנערים די וואס האבן גילערנט תורה מיט אנדרי די וועל איך מציל
...זיין פון דיין האנט אונ ניט איך אליין וועל זיי מציל זיין נאר די אבות
...וואס הייסין ענר אשכול וממרא הם יקחו חלקם וועלין זייא אויך נעמין זייער
חלק זייא חעלין אויך העלפין מציל זיין צו זייא :

# פרשת וירא

...וירא אליו ה' באלוני ממרא רבי חייא האט אן גיהויבין עס שטייט (שיר ב')
הנצנים נראו בארץ דאס מיינט מען אז השי"ת האט די וועלט בשאפין
האט ער גיגעבין דר ערד דעם גאנצין כח וואס זיא דארף כדי עס זאל
קענין פון איר ארויס שפראצין פירות פון דעסט וועגין ביז אדם
הראשון איז בשאפין גיווארין האט פון איר נאר ניט גישפראצט דעסט
גלייכין די הימיל האבין ניט גיגעבין קיין רעגין ביז אדם הראשון איז
גיקומין אזו ווי עס שטייט וכל שיח השדה טרם יצמח דאס איז טייטש אלי
גראזין האבין ניט גישפראצט ביז אדם הראשון איז גיקומין ער זאל
ארבעטין די ערד מיד באלד הנצנים נראו בארץ האט אן גיהויבין אלין דינג צו
שפראצין עת הזמיר הגיע עס איז גיקומין די צייט די ערד זאל שירה זאגן
פר השי"ת ווארום אדם הראשון איז בשאפין גיווארין אבר אז אדם
הראשון האט גיזינדיגט איז ווידער אלץ אפ גיטאן גיווארין אונ דיא
ערד איז גישאלטין גיווארין אזו וויא עס שטייט ארורה האדמה בעבורך
אויך שטייט כי תעבוד את האדמה לא תוסף תת כחה לך וקוץ ודרדר תצמיח לך וגו'
נאך איז נח גיקומין אונ האט צוא גיגרייט איין אקער אייזין מען זאל
אקערין האט ווידר אן גיהויבין וואקסין תבואה דר נאך אז נח האט
אויך גיזינדיגט אזו וויא עס שטייט וישת מן היין וישכר ויתגל בתוך אהלו איז
ווידער אפ גיטאן גיווארן דער כח פון דער ערד ביז אברהם אבינו
איז גיקומין מיד באלד הנצנים נראו בארץ האט ווידר אן גיהובן צו שפראצן
עת הזמיר דיא צייט פון בשניידין איז גיקומין מיינט מען הקב"ה האט
גיהייסין אברהם זאל זיך מל זיין הגיע האט גגרייכט דורך אים האט די
וועלט אקיום גיהאט דען איידר אברהם איז גיקומין איז גיוועזן פר
הוילין אלי ליכטיקייט אויבין אונ אונטין אונ אז אברהם האט זיך מל
גיוועזן האט ער ארויס גיראמט אלי טומאות וקליפות פון דר וועלט
אונ עס איז אנטפלעקט גיווארין אלי ליכטיקייט דרום שטייט וירא
אליו ה' הקב"ה האט זיך צו אים אנטפלעקט מיט דר מרכבה עליונה :
וישא עיניו וירא והנה שלשה אנשים נצבים עליו רבי אבא האט אן גיהויבין עס
שטייט מי יעלה בהר ה' ומי יקום במקום קדשו קום אונ זעה דען דיא
מענטשין פון דר וועלט זעהן ניט אונ בנערין נאר ניט זיך דר וועקן
צו טאן תשובה ווארום די טעג פון דעם מענטשן גייען אוועק אונ אז
עס קומט דיא צייט ער זאל שטארבן שטייען דיא טעג נאהענט צוא
הקב"ה דרום שטייט ויקרבו ימי ישראל למות עס האבין גיגרייכט דיא טעג
פון ישראל צו שטארבן כל זמן דר מענטש לעבט טראכט ער גאר
ניט נאך וואס ער איז בשאפען גיווארען אונ לאזט אוועק זייני טעג
ליידיג אן תורה אונ מצות אונ דר מאנט זיך ניט אז ער וועט שטארבן
אונ ווי אהין ער וועט קומין דען ניט איטליכע נשמה איז זוכה צוא
קומין אויף איר ארט וואס זיא איז פון דארטן גינומען גיווארין נאר
וואס פאר איין ארט זיא פאר דינט אויף דער וועלט אהין קומט זיא
אויף יענער וועלט קום אונ זעה אז א מענטש איז זיך מדבק אין דר
קדושה אונ וויל זיך תמיד באהעפטען אין השי"ת דער נאך אז ער
שטארבט לאזט מען אים ארויף גיין צוא דער קדושה וואס ער האט
זיך גיצויגן אויף דר וועלט רבי אבא זאגט אמאל בין איך גיוועזן אין
דעם ארט פון די בני קדם האבן זייא מיר גיזאגט דיא חכמה וואס זייא
האבין גיהאט פון דיא ערשטע צייטין אונ האבין גיהאט ספרים של
חכמה האבין זייא מיר גיוויזין איין ספר איז אין אים גישטאנען אזו
ווי די מחשבות וואס דער מענטש האט אויף דער וועלט אזו ציהט
ער אויף זיך איין ווילין פון יענער וועלט טראכט ער תמיד אין דר
קדושה ציהט ער אויף זיך קדושה אונ אויב חלילה ניט איז פר קערט
אונ

און דר עיקר פון אלי זאכין איז דיבור ומעשה ומחשבה דורך דיא
דריא זאכין ציהט ער אויף זיך חן פון דער קדושה אדר פאר קערט
חלילה · איז זיין מחשבה אונ דר קדושה אז ער שטארבט ווערט ער
איין ממונה צוא דינען פאר השי"ת צווישען אנדערע מלאכים אזו
וויא דער פסוק זאגט (זכריה ג) ונתתי לך מהלכים בין העומדים האלה דעסט
גלייכין האט ער זיך בהעפט אויף דער וועלט אין שלעכץ ניט מען
אים דארטין איין באהעפטונג צווישין די מזיקים וואס הייסען נגעי בני
אדם אונ אז ער שטארבט נעמען אים זיין חברותה מיינט מען דיא
נגעי בני אדם אונ שלעפן אים אין גיהנם ארין דארטין וויא אלי רשעים
חנין מען זאל אים בן זיין דער נאך ווערט ער אויך איין מזיק אזו
וויא זייא · דיא זאכין האב איך גילערינט אין זייערע ספרים
חאס זייא האבען מיר גיוויזין זאג איך צוא זייא דיא זאכין גלייכין זיך
אוים מיט אונזער תורה נאר פון דעסט וועגען זאלט איר זיך
דער ווייטערין פון דיא ספרים פון דיא בני קדם ווארום מען
קען חלילה דורך זייא פר פירט ווערין פון השי"ת · אונ דיא חכמות
של בני קדם האבין זיי גיירשת פון אברהם אבינו אזו וויא דר פסוק
זאגט ולבני הפילגשים נתן אברהם מתנות דר נאך האבן זיי זיך גינומן צו פיל
זייטן אפ קערין פון השי' אבר די קינדר פון יצחק דר חלק פון יעקב
זענן ניט אזו · ווי דר פסוק זאגט ויתן אברהם את כל אשר לו ליצחק · כל אשר
לו מיינט מען די קדושה ווס ער הט זיך בהעפט אין השי"ת אזו ווי
עס שטייט והנה ה' נצב עליו השי"ת שטייט אוף אים · הט ער דס אלץ
איבר גיענטפרט צו יצחק אונ יצחק הט דס איבר גיענטפרט צו יעקב
אזוי וויא עס שטייט ואתה עבדי יעקב דרום זאל איטליכער מענטש
בהעפטן זיין מחשבה צו השי"ת דרום שטייט מי יעלה בהר ה' ווער וויל
זיך בהעפטן אין השי"ת שטייט דר נאך נקי כפים ובר לבב דר ווס הט
ריינע הענט אונ אלוטר הארץ ער הט ניט קיין בייזי גידאנקן · נאר
זיין ווילן איז צו דינן להשי"ת אשר לא נשא לשוא נפשו ער הט זיך ניט פר
אום ווירדיקט נאר ער טוט מעשים טובים זאגט אוף אים דר פסוק
ישא ברכה מאת ה' קום אונ זעה בשעת אברהם הט זיך מל גיוועז איז צו
אים גישיקט גווארן דריי מלאכים אופינטלך זיי זאלן אים געבן שלום
אפשר איז דיר קשה ווי קען מען זעהן מלאכים עס שטייט דאך עושה
מלאכיו רוחות נאר אז זיי זענן אראפ גקומן האבן זיי זיך אן גיקלייד אין
דעם אויר פון דר וועלט זענן זיי אוס גיוויזן גיווארן ווי מענטשין אונ
חאטשי אברהם איז שלאף גוועזן איז ער זיי גלאפין אנטקעגן אזו ווי
זיין מנהג איז גיוועזן · רבי שמעון זאגט פריער הט ער גימיינט זייא
זענען מענטשן דר נאך אז ער הט גיזעהן אוף זיי די שכינה הט ער פר
שטאנן אז זיי זענן מלאכים אונ זיי האבין גוויסט וויא שרה איז אונ
האבן פארט גיפרעגט אוף איר קום אונ זעה עס שטייט ועברתי בארץ
מצרים אני ה' נאך וואס האט השי"ת בדארפט אליין גיין קיין מצרים
הרגנן די בכורים נאר די מלאכים ווייסן ניט ווער עס איז איין בכור
אונ ווער עס איז ניט קיין בכור נאר השי"ת אליין ווארום זייא ווייסין
ניט קיין זאך נאר ווס מען ענטפערט זיי איבר אז מען דארף עפים
ברענגן אוף דר וועלט רופט מען אוס אין הימל דר פון ווייסין דיא
מלאכים אויך אז עס איז חלילה איין מגפה אוף דער וועלט האט דר
מלאך המות איין שליטה בדארף זיך דער מענטש פאר בארגן אין
שטוב זיך ניט ווייזן אוף דר גאס ווארום מען קען חלילה פר דארבן
ווערן אבר פר השי"ת קען מען זיך ניט באהאלטן אזו ווי דר פסוק

זאגט אם יסתר איש בסתרים ואני לא אראנו נאום ה' דרום האבן דיא מלאכי[ם]
גפרעגט אוף שרה זיי האבן אן איר ניט גוואלט זאגן די בשורה ת[...]
זיי אברהם גזאגט הנה באוהל האבן זיי גיזאגט שוב אשוב אליך כעת חיה וה[נה]
בן לשרה אשתך קום אונ זעה דעם דרך ארץ פר דעם עסן האבן זיי ני[...]
גוואלט זאגן די בשורה כדי מען זאל ניט מיינן מחמת דער גוטש[...]
בשורה גיט ער זיי עסן נאר דער נאך אז זיי האבן שון אפ גיגעס[ן]
שטייט שוב אשוב וגו' ויאכלו כדי עס זאל זיין אברהם איין כבוד האב[ן]
זיי זיך גמאכט גלייך ווי זייא עסן רבי אלעזר זאגט זייא האבן טאק[ע]
רעכט גיגעסן דען זיי זענין אש אוכלה אש אין דער סעודה איז פא[...]
האנדין גרוסע סודות אלי עסן ווארג הט אברהם אפ גיהיט עס זא[ל]
זיין טהור אונ אז איינר איז גיוועזן טמא הט ער ניט גקאנט צו טרעט[ן]
צוא זיין הוז הט אברהם גוויסט אז ער איז טמא האט אים אברה[ם]
גהייסן ווארטן זיבן טאג אונ הט אים גיטובילט אדער ער הט אי[...]
תיכף אוף דר נאכט גיטובילת אזו ווי אין דר תורה שטייט אברה[ם]
הט אזו גטאן צו מאנזבלין אונ שרה צוא דיא ווייבר אוך האט ע[ר]
גיפלאנצט אבוים אונ דורך אים הט ער פאר שטאנן אין וואס דע[ר]
מענטש האלט זיך אן צו אין דר קדושה אדר חלילה פר קערט א[...]
דר מענטש גיוועזן פון דר קדושה האט דר בוים צוא שפרייט זיינ[ע]
צווייגן אוף אים אונ הט גמאכט אשיינעם שאטן אונ אז ניט הט ד[...]
בוים צו נוף גינומן די צווייגן הט שון אברהם גוויסט אז דר מענט[ש]
הט איין אחיזה אין דר טומאה אזו הט ער אים גשטראפט ביז ע[ר]
הט תשובה גטאן אונ אונטר דעם בוים איז גוועזן איין קוואל ברונ[ן]
אונ ווער עס הט זיך בדארפט תיכף טובלין זענן אים דיא וואסע[ר]
אנטקעגין גילאפן אונ אוב ניט זענן זיי גווארן טרוקן הט ער גמוז[ט]
ווארטן זיבן טאג אונ אפילו אז די מלאכים זענן צוא אים גקומן ה[...]
ער זיי אוך בודק גיוועזן אזו ווי עס שטייט יוקח נא מעט מים אונ ווידע[ר]
שטייט והשענו תחת העץ דס מיינט מען ער הט זיי גהייסן צו גיין צו[ם]
בום אוך מיינט מען והשענו איר זאלט זיך אונטר לעהען איז הקב[...]
ווס ער הייסט עץ החיים ער איז דס לעבן פון אלי באשעפעניש קום א[ונ]
זעה אדם הראשון הט גזינדיגט מיט דעם עץ הדעת אונ האט גור[ם]
גיוועזן מיתה צו דר גאנצר וועלט דרום איז גקומן אברהם אונ הא[ט]
מתקן גוועזן דעם חטא אונ הט די מענטשין בהעפט אונטר דעם ע[ץ]
החיים אונ הט דר גאנצר וועלט מודיע גיוועזן דיא אמונה פון גא[ט]
ב"ה ויאמר שוב אשוב אליך איז דאך קשה שוב אשוב איז טייטש איך וו[...]
מיך אום קערין איז משמע אז עס איז ביי אים אין די הענט דר מפת[ח]
פון קינדר אמער מיר האבן דאך גילערינט אז דר שליסל פון קינד[ר]
אונ פון רעגן אונ פון תחיית המתים איז נאר ביי השי"ת אין די הענ[ט]
ניט ביא קיין שום מלאך עס וואלט בדארפט שטיין שוב ישוב הקב[...]
ווערט קומן אלא הקב"ה איז גישטאנן איבר די מלאכים אונ ער הא[ט]
גזאגט שוב אשוב אונז דרום שטייט סתם ויאמר ווארום דאס גייט א[...]
הקב"ה והנה בן לשרה ווארום שטייט ניט הנה לך בן ווארום שטייט לש[רה]
כדי ער זאל ניט מיינן פון הגר דרום שטייט לשרה אשתך דיא וועט
האבן איין זון פון שרה:

והנה בן לשרה ר"ש הייבט אן עס שטייט בן יכבד אב ועבד אדוניו בן יכבד
מיינט מען יצחק ער הט ערליך גהאלטן זיין פאטר בשעת [...]
האט אים גוואלט מקריב זיין אויף דעם מזבח פר איין קרבן איז [...]
אלט גוועזן זיבן אונ דרייסיג יאר אונ אברהם איז אלט גוועזן הונד[ר]ט

און

ב זיבן אונ דרייסיג יאר ממילא אז יצחק זאל גוועזן אשטופ טאן צו
רהם מיט איין פיס וואלט ער דאך אים ניט געקענט בנדן אונ מקריב
אונ ער הט זיך אבער גלאזט בנדן אונ ארוף לייגן אויף דעם מזבח
ווי איין לעמיל כדי ער זאל טאן דעם ווילן פון זיין פאטער ועבד
יי גייט אויף אליעזר עבד אברהם אז ער איז גקומן קיין חרן האט
בייא זיך גיהאט פיל כסף וזהב אונ אבנים טובות האט ער דאך
אגט זאגן איך בין צו אברהם איין קרוב אדר איין ליב האבר אונ
הט מכבד גיוועזן זיין הערין אונ האב גיזאגט איך בין איין קנעכט
ב דר מיט הט דר נביא גישטראפט די ישראל אונ הט צו זיי אזוי
אגט איר שעמט זיך זאגן אז איך בין אייער פאטער אדר איר זייט
קנעכט דרום זאגט ער אם אב אני בין איך אייער פאטער איה כבודי
איז מיין כבוד בין איך איין האר ווי איז מיין מורא דרום שטייט
בן לשרה אשתך ער ווערט זיין איין רעכטער זון דעז פון זיינט וועגן
איז שרה גשטארבן אז מען הט איר גזאגט פון דר עקידה :
קיפו על פני סדום רבי אלעזר זאגט זעה ווי השי"ת איז זיך נוהג מיט
מענטשין מיט גוטסקייט ומכל שכן דר וואש גייט אין זיין
ב דען אז הקב"ה איז דן די וועלט איז ער צום ערשטין מזכה דעם
נטשין מיט איין מצוה כדי דר דין זאל ניט קענן אין אים שולט
מיר האבן גלערינט בשעת הקב"ה הט אמענטשן ליב שיקט ער
ם צו איין מתנה דאס איז דר ארומאן כדי ער זאל מזכה זיין דעם
אונ ווער עס איז מזכה דעם עני איז הקב"ה אויף אים מושך איין
ט של חסד אויף דר רעכטער זייט אונ ער פר שפרייט זיך אויף זיין
פ אונ צייכינט אים כדי אז עס ווערט קומן איין פורענות אויף דר
לט זאל דר משחית אים ניט אן רירין דען דר משחית ווערט אויף
בן זייני אוגן אונ ווערט זעהן דעם צייכן אויף אים ווערט ער זיך פון
ם אפ שיידן אזו אויך הקב"ה הט גוואלט ברענגן איין דין אויף סדום
ם האט ער צו אברהם מזכה גוועזן מיט די אורחים כדי דר זכות
ל ביי שטיין צו לוט ער זאל ניצול ווערן אזו אויך אלי מענטשן וואס
טוען צדקה מיט די ארימי לייט אז עס קומט איין דין ווערט ער
יך דעם ניצול פון דעם טוט אזו ווי דר פסוק זאגט (משלי ב') וצדקה
ל ממות דען אלי שעה וואס דר מענטש איז זוכה שרייבט מען עס
ה תיכף למעלה · דרום שטייט ויקומו משם האנשים דם מיינט מען פון
סעודה וואס אברהם הט זיי גמאכט אונ הט זוכה גוועזן דורך דעם
ווי מיר האבן אובן גזאגט · דרום שטייט ויאכלו חאטשו זיי זענן
ען מלאכים פון פייער נאר עס איז פר ברענט גווארן דרום שטייט
כלו אזו ווי מיר גפונן ביי די קינדר פון אהרן ויחזו את האלהים ויאכלו וישתו
ל זיי האבן נהנה גוועזן פון דעם אור השכינה שטייט דאס לשון
כלו אזו דא אויך ווייל אין דעם זכות פון דר סעודה וואס ער הט אויף
גמאכט איז דר וועקט גווארן דר חסד לאברהם וואס השי"ת שפייזט
גאנצי וועלט אויף די מלאכים ממילא זענן די מלאכים דורך דעם
שפייזט גווארן דרום שטייט ויאכלו דם גייט אויף אובן זיי האבן אובן
נה גוועזן פון דעם זכות · דרום גהער איטליכער מענטש טרינקן
איין כוס של ברכה ווייל ער איז בימין דורך דעם איז ער זוכה
ברכה עליונה וואס זיא איז מצד הימין פון הקב"ה אונ דר מיט איז
מעורר רחמים דרום שטייט ויקומו משם האנשים וישקיפו אזו וויא עס
טייט השקיפה ממעון קדשך דען זיי האבן גבעטן השי"ת זאל קוקן אויף
דרום מיט מדת הרחמים אונ דורך דעם איז לוט ניצול גווארן :

ואברהם הולך עמם אונ אברהם איז גגאנגן זייא בלייטן : רבי יהודה
פרעגט אז אברהם הט גוויכט אז זייא זענן מלאכים נאך
וואס הט ער זיי בדארפט בלייטן · זאגט רבי אלעזר האטשו ער הט
גוויסט אז זייא זענן מלאכים נאר ווייל ער איז גוואנט גוועזן אז ער
זאל איטלכן בלייטן דרום הט ער זיי אויך בלייט דרום גהער איטלכר
מענטש זהיר זיין אז ער זאל דעם חבר בלייטן דען דם איז דר עיקר
דרום אזו ווי ער איז גגאנגן הט זיך גאט ב"ה צו אים בוויזן דען ווען
איינר בלייט איין אורח איז ער ראוי די שכינה זאל זיך בהעפטן אין
אים צו מגין זיין אויף אים : רבי חייא הייבט אן עס שטייט (עמוס ג') כי
לא יעשה ה' אלהים דבר כי אם גלה סודו אל עבדיו הנביאים וואל צו דיא צדיקים
דען הקב"ה איז זיי מגלה זייני סודות וואס ער טוט אין הימל אונ אויף
דר ערד טוט ער אלץ דורך די צדיקים אונ פר הולט ניט פון זיי אונ
ער איז זיך משתף מיט זיי כדי די רשעים זאלן ניט האבן קיין פתחון
פה אונ תרעומות אויף גאט דען זיי האבן ניט גוויסט פון דעם עונש
דרום איז השי"ת מודיע די צדיקים כדי זיי זאלן זיי אן זאגן תשובה
טאן אונ אז זיי פאלגן ניט נאך דעם אז דר דין קומט אויף זיי האבין
זיי שון קיין תרעומות ניט · רבי אלעזר זאגט ווי צו די רשעים זייא
היטין זיך ניט פון זינד ומה דאך הקב"ה וואס זייני מעשים זענן דאך
אמת אונ זייני וועגן זענן דין פון דעסט וועגין טוט ער ניט קיין דין
ביז ער איז מגלה צו דיא צדיקים כדי דיא לייט זאלן ניט האבן קיין
פתחון פה מכל שכן דיא לייט גהערין זיך בוודאי היטין אז מען זאל
קיינר פון זיי ניט ריידן אזו ווי עס שטייט והייתם נקיים מה' ומישראל ומכל
שכן די רשעים גהערן זיך בוודאי היטן דר מדת הדין זאל ניט האבן
אויף זיי קיין פתחון פה אויף זייערי מעשים הרעים רבי יהודה זאגט
עס שטייט וה' אמר המכסה אני מאברהם דען הקב"ה הט צו אברהם געגבן
גאנץ ארץ ישראל אזו ווי דר פסוק זאגט כי את כל הארץ אשר אתה רואה
לך אתננה דער נאך הט הקב"ה גוואלט איבר קערין דיא שטעט פון
סדום הט הקב"ה גזאגט איך בדארף עס אים מודיע זיין דען עס איז
דאך זייני שטעט · אויך איז ער דר פאטר פון אלי פעלקר אונ דרום
הייסט ער אברהם דאס מאכט אב המון גוים דרום גיהער איך דעם
פאטר מודיע זיין אז איך וויל זייני קינדער אום ברענגן דרום שטייט
המכסה אני מאברהם רבי אבא זאגט קום אונ זעה וואס פר אגרוסר עניו
אברהם איז גיוועזן חאטשי הקב"ה האט מיט אים אזו פיל גרעט אונ
הט גזאגט זעקת סדום ועמורה כי רבה אונ הט אים גזאגט אז ער וויל ברענגן
איין דין אויף סדום אונ פון דעכט וועגן הט ער אים ניט גבעטן אויף
לוט ער זאל אים מציל זיין דען ער האט ניט בגערט קיין שכר אויף
זייני מעשים · דרום הט הקב"ה גישיקט לוט מציל זיין דרום שטייט
ויזכור אלהים את אברהם וישלח את לוט וגו' אשר ישב בהן לוט אין די שטעט האבן
פיל רשעים גיוואנט נאר לוט הט גיהאט אביסל זכות דם ער האט
אביסל גילערינט ביא אברהם דען עס איז דאך קשה ווארום
שטייט אשר ישב בהן ער איז גזעסן אין זייא איז ער דען גזעסין אין אלי
שטעט נאר ווייל ער איז קיין גרויסער צדיק ניט גוועזן נאר דר זכות
פון אברהם הט אויף אים מגין גיוועזן ווייל ער הט ביי אברהם גלערינט
תורה אונ הט אים משמש גוועזן דען דר וואס איז משמש איין תלמיד
חכם איז דס אויף אים מגין אונ ווידר מחמת ער לערינט זיך אפ פון
זייני מעשים דען אז ער הט גזעהן אז אברהם איז מכניס אורחים הט
ער אוה אזו גטאן חאטשי ער הט זיך ניט אפ גלערינט אין גאנצן הם

ער

ער פארט די מדה נהאט דרום הט זיין זכות מגין גוועזן וואס ביז אהער
איז דיא שטעט ניט חרוב גווארן דרום שטייט כהן איין לשון רבים
וייל ער הט מגין גוועזן אוף אלי שטעט איז גליך ווי ער איז גיזעסין
אין אלע שטעט :

ואברהם היו יהיה לגוי גדול וואש איז דער טעם וואש השי"ת האט אים היינט גבענטשט צו ווייזן חאטשי השי"ת זיצט בדין אוף איינם טוט ער מיט דעם אנדרין חסד עס איז ביי אים קיין שום שינוי ניט פאר האנדן ער איז בדין אוף דעם אונ רחמים אוף דעם אין איין רגע רבי יהודה זאגט עס שטייט ואני תפלתי לך ה' עת רצון צוא צייטין איז ער אין רצון אונ צו צייטין ניט · צו צייטין הערט ער צו אונ צו צייטין ווערט ער גפונן צו די וואס בעטין אים אונ צו צייטן ניט אזו וויא עס שטייט דרשו ה' בהמצאו קראוהו בהיותו קרוב רבי אלעזר זאגט עס איז איין חילוק פון איין יחיד צו איין ציבור אוך צווישין איין שטאט אונ צווישן דער גאנצר וועלט דרום וייל אברהם איז גוועזן אזו ווי די גאנצי וועלט אזו וויא דער פסוק זאגט אלה תולדות השמים והארץ בהבראם אונ בהברא"ם איז די אותיות אבר"הם אוך האבן מיר גלערינט אז אין איטליכן דור מוז זיין דרייסיג צדיקים וואס אוף זיי שטייט די וועלט אזו ווי דער חשבון פון יהי"ה באטרעפט דרייסיג אונ אברהם איז גשטאנין אנטקעגן אלי דרייסיג דרום הט אים הקב"ה גבענטשט ואברהם היו יהי"ה רבי שמעון איז אמאל ארוס גגאנגן אויף דר גאס האט ער גיזעהן וויא עש קומט אן אגרוס פינצטרניש אויף דר וועלט זאגט ער צו זיין זון רבי אלעזר קום וועלין מיר זעהען וואס הקב"ה וויל טאן אויף דער וועלט וויא זיי גייען זעהן זיי איין מלאך ער איז אזו גרוים וויא איין גרויסר בארג אונ פון זיין מויל גייט ארוס איין פלאם פייער פרעגט אים רבי שמעון וואס איז דיין בגער זאגט דער מלאך איך בין גיקומן חרוב מאכן די וועלט וייל אין דעם דור איז ניט דא קיין דרייסג צדיקים דען הקב"ה הט גזאגט צו אברהם ואברהם היו יהי"ה דס מיינט מען אברהם בשטייט פאר דרייסיג צדיקים ממילא בדארף זיין אין איטליכן דור דרייסיג צדיקים זאגט רבי שמעון צו אים איך בעט דיך אז דו זאלסט גיין צו הקב"ה אונ זאלסט אים זאגן איך בר יוחאי בין דא אוף דער וועלט איז שון גינוג איז דר מלאך גגאנגן אונ הט גזאגט רבש"ע דו ווייסט דאך וואס רבי שמעון הט מיר גזאגט הט הקב"ה צו אים גיזאגט גייא אונ מאך חרוב די וועלט אונ הער ניט צו בר יוחאי וויא דר מלאך איז גקומן אוף דר וועלט הט אים ר"ש דר זעהן זאגט רבי שמעון צו אים אויב דו וועסט ניט אוועק גיין וועל איך אוף דיר גוזר זיין אז דו זאלסט ניט אריין קומן אין הימל אונ זאלסט קומן אוף דעם ארט וויא עז"א ועזא"ל זענן דרום זאלסטו ווידער ארוף גיין צוא הקב"ה אונ זאגן אז עס איז ניט דא קיין דרייסיג צדיקים איז גינוג צוואנציג אזו ווי עס שטייט לא אשחית בעבור העשרים אונ אז עס איז ניטא קיין צוואנציג צדיקים איז גינוג צעהן אונ אז עס איז קיין צעהן אויך ניט דא איז גינוג איך מיט מיין זון רבי אלעזר עס שטייט דאך על פי שנים עדים יקום דבר דורך צווייא עדות זאל בלייבן שטיין די וועלט וואס זיא ווערט אן גרופן דבר אזו ווי עס שטייט בדבר ה' שמים נעשו אונ אז קיין צוויי איז אוך ניט דא איז גינוג איך אליין איך בין צדיק יסוד עולם אונ עס שטייט דאך וצדיק יסוד עולם אונ איין צדיק איז דר יסוד פון דר וועלט באותו שעה איז ארוס גגאנגן איין קול פון דעם הימל אונ הט גיזאגט וואול צוא דיין חלק רבי שמעון דס הקב"ה איז גוזר איין גזירה אונ דוא ביסט

זיא מבטל אוף זייא שטייט רצון יראיו יעשה הקב"ה טוט דעם רצון
זייני צדיקים וואס זיי פארכטן זיך פר אים :

ויאמר ה' אל אברהם זעקת סדום ועמורה כי רבה הקב"ה הט גזאגט צו אבר
עס איז פר מיר גקומן דס גשריי וואס זיי טוען צוא דר גא
וועלט דס די גאנצי וועלט האבן זיך פר מיטין פון צוא פארין
סדום אזו וויא דר פסוק זאגט (איוב כ"ח) פרץ נחל מעם גר הנשכחים מני
דען זייא האבין גימאכט צווישן זיך אז איינר ווערט קומן אהין
ער ווערט אים געבן עסן אונ טרונקען זאל מען דעם מענטשן
וואסר אריין ווארפן דרום איז קיינר צו זיי ניט גיקומן אונ אז אי
איז צו זיי גיקומן פלעגן זיי אים אום הונגריגן אונ זיין פנים איז פ
ענדרט גיווארן ביז ער איז גשטארבן אזו ווי דר פסוק זאגט נתיב
ידעו עיט איין פויגל הט דארט קיין וועג ניט גוויסט ארדה נא ואראה הכצע
איז קשה וואורום שטייט איין לשון יחיד עס וואלט בדארפט שט
הכצעקתם דס גשריי פון דער גאנצר וועלט דען די גאנצי וועלט ה
דאך אויף זיי גישריגן ענטפרט רבי שמעון דס גייט אוף דעם גש
פון דעם מדת הדין דס דר מדת הדין הט תמיד גישריגן פר הקב
ער זאל אין זיי טאן משפט מיט דין אוך האבן מיר גלערינט אז ד
מדת הדין הט פיל מאל גישריגן פר הקב"ה אז ער זאל טאן איין
אוף די שבטים וואס האבן פר קויפט יוסף קיין מצרים איז דר פון א
גידרונגען אז דר מדת הדין שרייט פר הקב"ה הבאה אלי דס גייט א
דעם מדת הדין וואורום ביי נאכט איז דר מדת הדין שולט אזו ווי
שטייט בערב היא באה ובבקר היא שבה דס איז טייטש ביי נאכט קומט
דר מדת הדין אונ אין דר פרי גייט ער אוועק אונ דס איז דער ט
וואס איין חולה ווערט בייא נאכט שלאפר וייל דער מדת הדין
דענסט מאל מקטרג אויה אים דרום שטייט הכצעקתה איין לשון נקב
דס גייט אוף דעם מדת הדין :

ויגש אברהם ויאמר האף תספה צדיק עם רשע רבי יהודה זאגט ווי האט מ
נאך גזעהן אזו איין דר בארמיגר פאטר ווי אונזר פאטר אברה
איז גוועזן קום אונ זעה עס שטייט ביי נח ויאמר אלהים לנח קץ כל בשר
לפני דס הייסט עס איז גקומן דר סוף פון אלי מענטשן איך וועל זי
אלי אום ברענגן אונ נח הט אוף זייא גאר ניט מתפלל גיוועזן אב
אברהם ווי באלד השי"ת הט אים גזאגט זעקת סדום ועמורה כי רבה שטי
תיכף ויגש אברהם ער הט גנעהנט מתפלל צו זיין פר זיי · רבי אלע
זאגט אברהם האט נאך אויך ניט גוט גיטאן וואורום ער האט נ
גבעטין ער זאל ניט איין טאן קיין צדיק מיט קיין רשע גליך אב
משה רבינו בשעת הקב"ה הט אים גזאגט סרו מהר מן הדרך עשו להם ע
מסכה שטייט תיכף ויחל משה וגו' אונ איז ניט אוועק גגאנגן ביז הקב
הט אים גזאגט סלחתי כדבריך דרום איז ניט גיפונן גווארן איז קיין ש
דור קיין רועה נאמן אזו ווי משה רבינו אונ וואורום הט אברהם נ
גבעטן אוב עס ווערט זיין צעהן צדיקים זאלין זייא מציל זיין צו סד
אונ ניט אוף ווינציגער זאגט רבי יצחק ער האט גמיינט דיא עשר
ימי תשובה דאס איז פון ראש השנה ביז יום כפור אבר אוף ווייני
הט ער שון ניט גיקענט בעטין וייל קיין אנדרי צייט איז שון ניט ד
אוף קיין תשובה אז מען טוט די צייט קיין תשובה ניט :

ויבאו שני המלאכים סדומה בערב רבי יוסי זאגט פריער שטייט וילך ה' כא
כלה לדבר אל אברהם אונ אז דיא שכינה האט זיך שוין אפ גיטא
פון אברהם הט זיך אברהם אפ גקערט צו ריק צו זיין ארט זענן שו

אכים גאנגען קיין סדום אונ אז זייא זענין גקומן קיין סדום הט
ט דר זעהן איז ער זיי אנטקעגין גלאפין אונ ווי קומט דס · איז
ען אלי אורחים אנטקעגען גלאפן אונ הט זייא גגעבן עסין אונ
קן וכמה דאך דיא טאכטר פון לוט האט נאר אשטיקיל ברוט
ן איין עני האבן דיא שטאט לייט זיא איין גשמירט אין האניק
האבן זי גשטעלט צווישן בינן ביז די בינן האבין זיא אוף גיגעסן
וי אזו הט ער גיקעגט פר די שטאט לייט אורחים אריין נעמן
יי געבן עסן אלא דס איז גוועזן ביי נאכט האט ער גמיינט אז
ער העט ניט זעהן אונ פון דעסט וועגן האט ער מיט זייא ארום
גילט זיין שטוב · רבי יצחק זאגט דרום איז ער זייא אנטקעגן
ן ווייל ער הט גזעהן אז אברהם איז זיי אנטקעגן גלאפן · רבי
ה זאגט ער הט אוף זיי גזעהן די צורה פון אברהם רבי יוסי זאגט
הט גזעהן די שכינה אוף זיי דרום הט ער גזאגט סורו נא אדוני אונ
ן זאגט ער סורו קערט אפ אונ זאגט ניט גינעהגט אלא מחמת
האט זייא גיהייסן ארום רינגלן כדי קיינר זאל זיך ניט שטויסן
דרום זאגט ער סורו קערט אפ פון דעם גלייכן וועג :

חזקיה הייבט אן עס שטייט כי הוא לקצות הארץ יביט תחת כל השמים יראה
רען איטליכר מענטש בדארף תמיד קוקן בעבודת הבורא אונ
עוסק זיין בתורה יום ולילה דען אז ער איז עוסק בתורה
עשים טובים טוט זיך השי"ת מיט אים באריימן למעלה ולמטה
די תורה איז איין עץ חיים צו די וואס זענן עוסק אין איר צוא
זיי חיים בעולם הזה ובעולם הבא קום אונ זעה השי"ת קוקט
דר גאנצר וועלט צו געבן זיי מזונות אונ אלץ וואס זייא בדארפין
וי עס שטייט עיני ה' אלהיך בה מראשית השנה ועד אחרית שנה תחת כל השמים
עהט אוף דר גאנצר וועלט צו געבין זיי מזונות וואס איטליכער
דר בדארף אזו ווי עס שטייט פותח את ידיך ומשביע לכל חי רצון אנדרר
ט איז השי"ת זעהט אוף דר וועלט וואס זיא שטייט אונטר דעם
ל אונ זעהט אלי מעשים וואס איטליכר בזונדר טוט · קום אונ
אז השי"ת הט גזעהן די מעשים פון סדום האט ער גישיקט דיא
כים צו פר דארבן זיי וירץ לקראתם וגו' פר וואס האט אברהם זייא
סן פריער אפ וואשן דיא פיס דר נאך אריין גיין אונ לוט האט
ער גזאגט נעכטיגט איבר דר נאך זאלט איר אפ וואשן אייערי
דס איז כדי די שטאט לייט זאלן ניט וויסן אז זיי האבן ביי אים
כטיגט ויאמרו לא כי ברחוב נלין ווייל מען הט דארטן קיינם ניט אריין
ט אין קיין שטוב אריין דרום האבן זיי גזאגט מיר וועלן אוף דר
נעכטיגן וה' המטיר על סדום פר וואס שטייט דא דר שם הוי"ה וואס דר
איז רחמים ווייל ביי דעם דין איז גיוועזן רחמים אוך אזו ווי עס
יט ויהי בשחת אלהים את ערי הככר ויזכור אלהים את אברהם וישלח את לוט אונ לוט
יצול גווארן וועגן רחמים דען עס איז דער נאך פון אים ארויס
גקומן צווייא אומות אונ דוד ושלמה :

כהוציאם אותם החוצה קום אונ זעה בשעת דער דין איז שולט אויף
דר וועלט בדארף זיך קיין מענטש ניט ווייזן אוף דר גאס ווייל
עת דר דין איז שולט איז ביי דעם משחית קיין חילוק ניט צווישן
צדיק אונ צווישן איין רשע · דרום הט נח גמוזט זיין אין דער
ה בשעת דעם מבול אונ אין מצרים הט השי"ת גיזאגט צו דיא
אל אתם לא תצאו איש מפתח ביתו עד בקר אונ דרום שטייט בייא לוט אל
אחריך גינוג אז דו וועסט ניצול ווערין בזכות אברהם ביסטו ניט

כדאי אז דו זאלסט נאך זעהן אין זייער פורעניות
רבי יצחק אונ רבי יהודה זענן גאנגן אין וועג זאגט רבי יהודה דעם
דין וואס השי"ת האט גיטאן אין דור המבול אונ סדום איז דאס
גיוועזן איין דין של גיהנם די רשעים פון דעם גיהנם ווערן אויך גידון
מיט דעם דין פון וואסר אונ פייער וואדום פריער ווערין די רשעים
גימשפט אין גיהנם צוועלף חדשים דארטן ווערן זיי גליימערט אונ דר
נאך ברענגט השי"ת צו די צדיקים זיי זאלן שטיין אוף דער טיר פון
דעם גיהנם זיי זאלן זעהן זייער דין אזו בעטן די צדיקים אוף זיי צו
השי"ת ער זאל זיי שון ארוף נעמן אזו האט הקב"ה אוף זיי רחמנות
אונ ברענגט זיי אוף זייער ארט ווי זיי בדארפין צו זיין אונ פון דעם
טאג אן הט שון זייער גוף מנוחה אין קבר אונ די נשמה קוקט אוף
איר ארט קום אונ זעה אפילו דר דור המבול איז אויך גמשפט גווארן
אין פייער מיט וואסער פון אובין איז גקומן קאלטי וואסער אונ פון
אונטן הייסי אזו ווייא פייער ווייל דער דין של מעלה איז אזו דרום
שטייט בייא זייא גפרית ואש :

ותבט אשתו מאחריו עס וואלט בדארפט שטיין מאחריה זיא האט הינטער
איר גיזעהן אבער מאחריו איז טייטש הינטער אים אלא מען
מיינט אונטער דעם משחית ומחבל וואדום כל זמן אז מען זעהט ניט
דעם משחית אין די אויגן קען ער אים גאר ניט טאן אבער אז זי הט
גקוקט הינטער אים איז אוס גקומן אין דעם פנים פון דעם משחית
דרום איז זיא גווארין איין שטיק זאלץ רבי חייא זאגט זיי זענן גוועזן
צרי עין דס הייסט קמצנים אוף ארימי לייט אונ רשעים מיט דעם גוף
אונ מיט דעם געלט אונ דר וואס הט ניט קיין רחמנות אוף איין ארים
מאן איז ווערט ער זאל ניט האבן קיין קיום אוף דר וועלט אונ אוף
יענר וועלט אונ דר וואס הט רחמנות אוף ארומי לייט איז ער ווערט
ער זאל האבן איין קיום אונ לעבן אוף דר וועלט אונ אוף יענר וועלט:
ויעל לוט מצוער וגו' רבי יצחק הייבט אן עס שטייט (איוב לז) והוא מסבות
מתהפך בתחבולות לפעלם וגו' הקב"ה איז מסבב סבות אוף דר וועלט
מיט אלי מעשים וועדליג די מענטשן פירן זיך אוף דר וועלט זענין
זיי פרום אונ טוען גוטי מעשים איז הקב"ה זיך נוהג מיט זיי מיט חסד
אוב חלילה זיי זענן ניט פרום פירט ער זיך מיט זייא מיט דעם מדת
הדין אזו ווי איינר מאכט איין כלי איז ביי אים אין די הענט צו מאכן
אזו ווי ער וויל קום אונ זעה ווי אזו הקב"ה איז מסבב סבות וואדום
איידר אברהם הט זיך מל גוועזן הט ער גהאט ישמעאל פר איין זון
דר נאך אז ער הט זיך מל גוועזן הט ער ערשט גהאט יצחק וואס ער
הייסט זרע קודש ער איז גהייליגט פון אובין דס קיין שום שלעכץ הט
זיך אין אים ניט בהעפט אונ ווידר הט ער מסבב גוועזן עס זאל ארוס
קומן צוויי אומות פון לוט מיט זייני טעכטר דורך דעם וואס זיי זענן
גיקומין אין דער מערה אריין :

ר"ש זאגט עס שטייט ולא ידע בשכבה ובקומה דאס מיינט מען לוט האט
ניט גוויסט אז הקב"ה וויל עס זאל פון אים ארויס קומען דוד
ושלמה אונ אנדערי מלכים דען אלי זענין ארויס גיקומין פון רות
המואביה וואס בייא איר שטייט ותשכב מרגלותיו אונ ווידר שטייט ביי
איר ותקם בטרם יכיר איש את רעהו וגו' דס מיינט מען ולא ידע בשכבה ובקומה
היינו ער האט ניט גוויסט אז פון אים וועט ארויס קומען רות וואס
בייא איר שטייען דיא צווייא לשונות ותשכב ותקם קום אונ זעה דאס
פרומקייט וואס אברהם איז גיוועזן שטייט דאך פריער ארדה נא הקב"ה

דאס איסמעלה געוועזן אז ער וועט שטראפן די שטאט פון סדום דר נאך האט ער געזעהן אז עס איז אויף געגאנגען ארוך פון סדום אונ דאס אלין ניט געבעטין אויף לוט ווס ער איז געוועזן זיין ברודערס זון אפשר מיינסטו אז ער איז ביא אים גאר ניט חשוב געוועזן ער זאל אויף אים בעטין מיר זעהן דאך אז אברהם הט זיך מוסר נפש געוועזן צו האלטן מלחמה מיט פינף מלכים כדי ער זאל מציל זיין לוט פון זיינע הענט נאר ווייל אברהם הט זייער ליב געהאט צוא הקב"ה אונ לוט איז ניט געוועזן ערליך ער האט ניט קיין מצות געטאן דרום הט ער אויף אים ניט געבעטין הן בתחלה והן בסוף :

ויאמר אברהם אל שרה אשתו אחותי היא איז קשה מיר האבן דאך געלערינט אז הקב"ה טוט אמענטשן איין מאל איין נס זאל ער דאך דם אנדרי מאל ניט סומך זיין אז מען וועט אים טאן איין נס ווארום אז ער ברענגט זיך אריין במקום סכנה גייען פון אים אוועק אלי זכיות ווס ער הט פון פריער דרום האט יעקב געזאגט קטנתי מכל החסדים ומכל האמת אונ אברהם הט ערשט געהאט אין מצרים איין נס אונ איז ניצול געווארין נאך וואס האט ער זיך נאך אמאל אריין געבראכט אין איין מקום סכנה אין זאגין אחותי היא נאר אברהם האט זיך ניט סומך געוועזן אויף איין נס דר מיט ווס ער האט געזאגט אחותי היא ווארום ווייל די שכינה איז תמיד געוועזן מיט שרה דרום האט ער געזאגט אחותי אזו וויא עס שטייט אמור לחכמה אחותי את דאס מיינט מען די שכינה אונ אויף איר זכות האט ער זיך סומך געוועזן :

ותרא שרה את בן הגר המצרית מצחק רבי שמעון זאגט דם דר ציילט מיר דר פסוק דעם שבח פון שרה ווייל זיא הט געזעהן פון אים אז ער דינט עבודת כוכבים דרום האט זיא געזאגט צו אברהם ער זאל אים ארויס טרייבין ווארום ער איז ניט פון זיין חלק דען ער טוט ניט קיין גוטע מעשים נאר ווערליג זיין מוטער זענין זיינע מעשים כי לא יירש בן האמה הזאת עם בני איך וויים דאך וואול אז ער וועט ניט יירשנן מיט מיינע קינדער אויף דער וועלט אונ ניט אויף יענער וועלט אונ הקב"ה האט אויך מסכים געוועזן צו אירע רייד אזו וויא דער פסוק זאגט כל אשר תאמר אליך שרה שמע בקולה כי ביצחק יקרא לך זרע הקב"ה האט געוואלט אפ שיידן די קינדר בזונדר ווארום איידר ער הט די וועלט בשאפין זענין די ישראל פריער אויף געגאנגין במחשבה אזו ווי דר פסוק זאגט קודש ישראל להי ראשית תבואתה דרום האט דם אלין קיין קיום ניט געהאט ביז יעקב איז געקומן אויף דר וועלט דרום שטייט כל אשר תאמר אליך שרה בקולה צום ערשטין אז שרה הט זיא פר טריבין שטייט כי שמע ה' אל עניך דער נאך שטייט ותלך ותתע במדבר באר שבע איז טייטש זיא איז ווידר שלעכט געווארין דרום שטייט כי שמע אלהים את קול הנער אבר ניט איר קול האטשי זיא האט געוויינט האט מען דאס אלין ניט געהערט באשר הוא שם די חכמים זאגין ער איז נאך ניט געוועזן קיין בר עונשין ווארום דאס בית דין של מעלה שטראפט ניט קיין מענטשין פר צוואנציג יאר ניט אזו ווי דאס בית דין של מטה ווס שטראפט פון דרייצעהן יאר אונ ווייטער פרעגט רבי אלעזר וויא אזו קומט ווידר וואס איינר שטארבט פר צוואנציג יאר דען ער איז דאך ניט קיין בר עונשין אונ פון דעם פאטערס רשות איז ער אויך שוין ארויס גיגאנגין פון דרייצעהן יאר אונ ווייטער ער זאל פאר אים ניט גישטראפט ווערין ענטפערט אים ר"ש ער שטארבט ווייל הקב"ה האט אויף אים רחמנות ער זאל שטארבין איין צדיק ווארום אז ער וואלט נאך לעבין וואלט ער געווארין איין שלעכטער פרעגט ווידער רבי אלעזר אז ער איז אבער שוין געוועזן אשלעכטער וויא אזו קען ער שטארבין מען שטראפט דאך אים נאך ניט זאגט רבי שמעון אויף אים שטייט יש נספה בלא משפט ווען עס קומט איין משפט אויף דער וועלט אונ דר מחבל בגעגינט אים נעמט ער אים צו פון דר וועלט פר דר צייט דען ער איז אויבין ניט געאכט מחמת זיין שלעכץ אויף אים זאגט דר פסוק עונותיו ילכדנו את הרשע אונ ניט מחמת דעם משפט פון ב"ד של מעלה דרום שטייט את הרשע עס איז מיר מרבה אזעלכי ווס ער איז פר צוואנציג יאר אונ איז איין רשע דרום שטייט כי שמע אלהים את קול הנער באשר הוא שם :

## מדרש הנעלם

וירא אליו ה' באלוני ממרא דיא רבנים הייבין אן דעם פסוק (שיר א') לריח שמניך טובים שמן תורק שמך מיינט מען די נשמות בשעת זיא גייט ארויס פון דר וועלט אויף דעם הימל · קומט זי הקב"ה מבקר זיין · רבי שמעון זאגט אז עס איז איין נשמה פון איין צדיק וואס זיא איז ראוי צו זיצין במחיצת השכינה רופט הקב"ה צו די אבות אונ הייסט זיי גיין זיא מבקר זיין אונ מקדים זיין שלום · ענטפערן דיא אבות עס איז בעסר דם קינד זאל גיין צו דעם פאטר · רופט הקב"ה צו יעקב אונ זאגט אים דוא האסט דאך געהאט צער גידול בנים זייא דוא איר מקבל פנים אונ איך וועל אויך גיין מיט דיר אזו וויא דר פסוק זאגט מבקשי פניך יעקב סלה רבי אלעזר הגדול האט אמאל זייער שטארק געלערינט דר ווייל איז געקומן צו אים רבי עקיבא זאגט רבי עקיבא צו אים אין וואס איז דר הער עוסק זאגט ער אין דעם פסוק וכסא כבוד ינחילם דאס גייט אויף יעקב אבינו השי"ת הט אים געמאכט פר איין בזונדר כסא הכבוד מקבל צו זיין דאס לערנין פון דר נשמה פון דעם צדיק אונ הקב"ה גייט מיט אים מקבל פנים זיין די נשמות הצדיקים אונ אז די נשמות הצדיקים זענין זוכה צו זעהן דעם אור השכינה בוקין זיי זיך פר אים אונ זאגין דעם פסוק ברכי נפשי את ה' ה' אלהי גדלת מאוד וגו' זאגט רבי עקיבא דעם גאנצין שבח פון ברכי נפשי ביז הללו זאגט אלין די נשמה צו גאט אונ גאט שטייט לעבין איר אונ זי לויבט צו גאט אפילו אויף דעם גוף ווס ער איז געבליבן אויף דר ערד דרום שטייט ברכי נפשי את ה' וכל קרבי את שם קדשו אונ השי"ת גייט מיט איר דרום שטייט וירא אליו ה' באלוני ממרא דם גייט אויף דעם צדיק אונ אז אברהם ויצחק זעהן דם בעטין זיי פון אים אז זייא זאלין אויך גיין מיט אים מקבל פנים זיין דיא נשמה פון דעם צדיק דרום שטייט וישא עיניו וירא והנה שלשה אנשים נצבים עליו דם מיינט מען אברהם יצחק ויעקב סיד באלד וירץ לקראתם מפתח האהל וישתחו ארצה בוקט זיך די נשמה צו זיי ווייל זיא זעהט מיט זייא דיא שכינה דרום שטייט אויף דר נשמה עד כן דרום עלמות אהבוך דם מיינט מען דיא אבות האבן דיך ליב · ד"א נאך איין פשט איז אויף דר פרשה די רבנים זאגין בשעת דר מענטש בדארף שטארבין איז דר יום הדין הגדול דען איידר די נשמה צו שייד זיך מיט דעם גוף זעהט זי די שכינה אזו וויא דר פסוק זאגט כי לא יראני האדם וחי אמענטש זעהט מיך ניט ביי זיין לעבין אבר פאר דעם טויט זעהט ער יוא · אונ די שכינה קומט מיט דריי מלאכים מקבל צוא זיין די נשמה כחום היום דם מיינט מען די היץ פון דעם יום הדין ווס די נשמה צו שייד זיך מיט דעם גוף וישא עיניו וירא והנה שלשה אנשים דם

נין די דרייא מלאכים וואס ווי זענן בודק אלי זייני מעשים וואס ער
ט גיטאן אויף דר וועלט אונ ער איז אלץ מודה אונ די נשמה גייט
ט ארויס ביז ער איז אלץ מודה דערנסט מאל איז זי זיך משבח אונ
לוסט ארויס צו גיין פון דעם עולם ההבל אונ צו גיין אויף דעם עולם
התענוג דס איז עולם הבא :

ז רבנן דיא רבנן האבן גילערינט אז רבי אליעזר הגדול איז שלאף
גיוועז איז גיוועז פריטיג אונ זיין זון הורקנוס איז גיזעסן פר אים
ונ ר"א האט אים מגלה גיוועזן גרויסי סודות אונ פאר בארגיני אונ
ורקנוס הט זיי ניט גיוואלט מקבל זיין ווייל ער האט גימיינט אז רבי
ליעזר איז ניט קלאר אונ דר נאך אז ער הט גיזעהן אז ער איז יוא
לאר האט ער מקבל גיוועזן פון אים הונדערט אונ איין אונ אכציג
ודות עליונים אין דר תורה אונ אז ער איז גיקומן צום סוד פון אבני
יש טהור הט רבי אליעזר אן גיהויבין צו וויינן אונ הט גיזאגט הער
ו מיין זון הורקנוס איך זעה אז דו וועסט אויך גיך אוועק גיין פון
יר וועלט · דר וייל זענן אן גיקומן די חכמי הדור אים מבקר חולה
יין הט ער זיי אן גיהויבין צו שעלטין פר ווס זיי זענן ביז אהער צו
אים ניט גיקומן אים משמש זיין · דען מיר האבין גילערינט ווער עס
איז משמש איין תלמיד חכם איז גרעסר וויא ער לערינט מיט אים ·
יער וייל איז רבי עקיבא אן גיקומן פרעגט ער אים עקיבא ווארום
ביסטו ביז אהער ניט גיקומן מיך משמש זיין זאגט רבי עקיבא רבי
איך האב קיין צייט ניט גיהאט · זאגט רבי אליעזר צו אים איך פר
וונדר מיך אויב דו וועסט שטארבין מיט דיין טויט אונ האט אים
גישאלטין אז זיין טויט זאל זיין ערגר פון אלי הט רבי עקיבא זייער
גיוויינט אונ זאגט רבי לערין מיט מיר תורה האט רבי אליעזר
געפינט זיין מויל אונ הט אן גיהויבין זאגן מעשה מרכבה איז אראפ איין
פייער אונ הט זיי ביידי ארום גירינגלט · ווי די אנדרי חכמים האבן
דס דר זעהן האבן זיי גיזאגט פון דאנין איז גידרונגן אז מיר זענין
ניט ווערט צו הערן די סודות התורה זענן זיי ארויס גיגאנגן אונ רבי
אליעזר הט צו רבי עקיבא מגלה גיוועזן גרויסי סודות וחדושים אונ דס
פייער איז אוועק גיגאנגן הט ער מיט אים גילערנט אין איין זאך דריי
הונדרט הלכות פסוקות אונ ער הט גילערנט מיט אים די טעמים פון שיר
השירים אונ רבי עקיבא הט גיוויינט איז גיקומן צוריק דס פייער פון
אויבן אונ הט זיי ווידר ארום גירינגלט ווי ער איז גיקומן צו דעם פסוק
סמכוני באשישות רפדוני בתפוחים כי חולת אהבה אני האט ער זיך ניט גיקענט
איין האלטן פר גיוויין אונ הט אן גיהויבן זייער וויינן אונ שרייען אונ
האט ניט גיקענט ליידין מחמת דר מורא פון דר שכינה וואס זיא איז
דארטן גיוועזן אונ רבי אליעזר הט מיט אים גילערינט אלי סודות פון
שיר השירים אונ שמות ורזין עליונים אונ ער הט אים בשווארין אז ער
זאל ניט משמש זיין מיט דיא שמות כדי הקב"ה זאל חס ושלום ניט
חרוב מאכן די וועלט פון וועגן דר קדושה וואס אין שיר השירים איז
אונ אז רבי עקיבא איז ארויס גיגאנגן הט ער אן גיהויבן שרייען אונ
וויינן אונ הט אזו גיזאגט וויא איז צו דר וועלט זיי וועלן בלייבן איין
יתום פון דיר · אלי חכמים זענען אריין גיגאנגין אונ איטליכער האט
גיפרעגט אונ ער הט אלץ גיענטפערט · ביז ער איז גיווארן גוסס האט
ער ארויס גינומען זייני הענט אונ האט זייא ארויף גילייגט אויף זיין
הארצן אונ הט אזו גזאגט וויי איז צו דיר וועלט ווס איך גייא אוועק
פון דיר אלי אורות עליונים ורזין עליונים גייען אוועק פון דיר עולם התחתון

וויי צו דיר וויי צו אייך צוויי הענט ווס איר זייט צוויי תורות איר וועט
פר געסן ווערן פון דר וועלט דען רבי יצחק הט גיזאגט אז אלי יארין
פון רבי אליעזר הט די תורה גילייכטן אזו ווי דר טאג ווס מען האט
זי גיגעבן אויף דעם בארג סיני · דר נאך הט ער גיזאגט די תורה ווס
איך האב גילערינט פון מייני רבנים אונ דס ווס איך האב אליין פאר
שטאנען וועט אלי מענטשן פון דר וועלט זאלין זיין שרייבר וואלטן זיי
דס ניט גיקענט אוים שרייבן אונ מייני תלמידים האבן פון מיר ניט
מחסר גיוועזן נאר אזו ווי מען טוט ארין פארב אין איין אונ אונ איך
פון מייני רבותי האב מחסר גיוועזן אזו ווי איינר טרינקט אפ פון דעם
ים · דר נאך האבין זיי אים גיפרעגט איין דין פון חליצה הט ער זייא
גיזאגט גרויסי סודות אונ הט אגישריי גיגעבן דס ווארט טהור אונ
דר מיט איז אים זיין נשמה ארויס גיגאנגן אונ רבי עקיבא איז בשעת
מעשה ניט גיוועזן · נאך שבת איז רבי עקיבא גיוואר גיווארן אז רבי
אליעזר איז נפטר גיווארן הט ער זייני קליידר צו ריסן אונ האט צוא
ריסן זיין פלייש אונ האט גישריגן אונ גיזאגט הימלן זאגט צו
דער זון אונ צוא דער לבנה אז דיא ליכט ווס הט מער גילייכט
פון זיי איז פינצטר גיווארן רבי יהודה זאגט אז דיא נשמה פון דעם
צדיק בדארף ארויס גיין איז דס שמחה צו אים ווייל ער איז בטוח אז
ער וועט מקבל זיין שכר אזו וויא דר פסוק זאגט וירא וירץ לקראתם דיא
נשמה דר זעהט די שכינה לויפט זי ארויס אנטקעגן בשמחה מקבל
זיין איר פנים · וישתחו ארצה אונ בוקט זיך צוא דער ערד · רבי יוחנן
הייבט אן עם שטייט (שיר ב') עד שיפוח היום ונסו הצללים דאס גייט אויף
אמענטשן דען ער איז אויף דר וועלט גלייך ווי איין שאטין אזו וויא
קהלת האט גיזאגט ואלו חיה אלף שנים פעמים אמענטש זאל לעבין צוויא
טויזנט יאר איז ביום המיתה גלייך וויא איין שאטן גייט אוועק אויף
איין רגע · רבי שמעון בן פזי זאגט די נשמה פון דעם מענטשן טוט
אים איין התראה אונ זאגט אים עד שיפוח היום ונסו הצללים די וועלט איז
גלייך ווי איין אויגן בליק אונ ווי איין שאטין ווס ער פר גייט באלד
דרום בעט איך דיך סוב ודמה לך דודי לצבי או לעופר האילים זיי גלייך וויא
איין הירש אונ ווי איין יונגי אינד וואס זיי זענן גרינג אויף זייערי פיס
צו לויפין אונ דוא זאלסט לויפן צו טאן דעם רצון הבורא צו ירשנן
עולם הבא דס איז על הרי בשמים וואס הייסט הר ה' די בערג פון תענוג :
ואל הבקר רץ אברהם אז רב דימי איז גיקומן פון ארץ ישראל האט ער
עם מפורש גיוועזן דאס דיא נשמה האט גיפונן איין הילף צוא
דעם גוף דאס וואס דא אין פרשה איז מרומז דער רמז פון קרבנות
אונ חאטשע דיא קרבנות וועלין בטל ווערין אבער דיא תורה וועט
ניט בטל ווערין ווער עס איז ניט עוסק אין קרבנות זאל ער עוסק זיין
אין דר תורה פון קרבנות רבי יוחנן זאגט אז הקב"ה האט גיזאגט
צו משה דיא פרשה פון קרבנות האט משה גיזאגט צו השי"ת דאס
איז רעכט אז דער בית המקדש וועט שטיין אונ דיא ישראל וועלין
זיין אין ארץ ישראל · אבער אז דיא ישראל וועלין ניט זיין אין ארץ
ישראל וואס וועלין זיי טאן האט אים השי"ת גיענטפערט לאזין זייא
עוסק זיין אין דער תורה וועל איך זייא מוחל זיין זייערע עבירות
מער פון אלע קרבנות פון דער וועלט אזו וויא דער פסוק זאגט זאת
התורה לעולה ולמנחה ולחטאת ולאשם ולמלואים כלומר אז מען לערינט דיא
תורה פון עולה אדער פון מנחה אדער פון דיא אנדערע איז גלייך
וויא מען איז מקריב אלע קרבנות · רבי פרוספדאי זאגט הער עס

זאגט

זאגט מיט זיין מויל די קרבנות אין שול אדער אין בית המדרש אונ
איז זיך מכוין דרינן איז דרוף פר האנדן איין בריתות בריה אז אלי
מלאכים וואס דר מאנן זייני עבירות אונ וועגן אוף אים מקטרג הייגט
זאלן זיי אים ניט קענן טאן קיין שרעקן נאר גוטץ אזו ווי אין דר
פרשה שטייט אז דיא נשמה פון דעם צדיק וואס זיא הייסט אברהם
זעהט והנה שלשה אנשים נצבים עליו אז דריי מלאכים שטייען אכטונג געבן
אוף דעם משפט פון זייני עבירות וואס טוט ער ויטהר אברהם האהלה איילט
ער אין געצעלט אריין אין שול אדר אין בית המדרש אריין לערנן די
תורה פון מנחות אזו ווי עס שטייט מהרי שלש סאים קמח איז די תורה
פון קרבנות אזו ווי עס שטייט ואל הבקר רץ אברהם דען קענן זייא אים
נאר ניט טאן אדרבה זיי זענן אים מבשר גוטי בשורות אונ בענטשן
אים אזו וויא עס איז מרומז אין דער פרשת תצוה אז קטורת איז מכפר
דען ניט גינוג וואס די צדיקים זענן מבטל דיא שלעכטי גזרה · נאך
מער די אלי מקטריגים בענטשן זייא נאך דרום שטייט ויטהר אברהם
ער האט גיאיילט טאן תשובה צו לערנן פרשת הקרבנות דער נאך
ויאמר אליו זענין אלי מסכים בפה אחד ויאמר שוב אשוב אליך כעת חיה זייא
זאגן אים די וועסט לעבן · אונ אז די מלאכים זעהן אז ער האט זיך
גינומן איין גוטי עצה צו טאן תשובה · גייען זיי פון אים אוועק אונ
גייען בייא טראכטן דיא עבירות פון דיא רשעים דרום שטייט תיכף
ויקומו משם האנשים וישקיפו על פני סדום רבי יהודה זאגט אזוי איז דר סדר
פון אצדיק אז ער זעהט מען הייבט אן אוכן ביי טראכטן זיין משפט
איילט ער תיכף תשובה טאן מיט תפלות אונ פאסטין אונ צדקה
געבין אזו ווי עס איז מרומז אין דעם פסוק למען אשר יצוה את בניו וגו' לעשות
צדקה ומשפט ביז די מקטריגים גייען אוועק פון אים דער נאך איז ער
מתפלל אוף די רשעים זיי זאלן ניט אריין גיין אין גיהנם אריין אזוי
ווי עס שטייט (תהלים לה) ואני בחלותם לבושי שק אונ בעט ניט די רשעים
זאלן שטארבן · ווארום ווען הקב"ה וואלט צוא נעמן תרח פון דער
וועלט בשעת ער איז גוועזן איין רשע וואלט דאך אברהם אבינו מיט
כל ישראל אוף דר וועלט ניט גוועזן אונ מען וואלט דיא תורה ניט
מקבל גוועזן דרום זענן די צדיקים מתפלל זייא זאלין תשובה טאן ·
רבי אבא הייבט אן עס שטייט ואלה הגוים אשר הניח ה' לנסות בהם את ישראל
איך האב גזעהן אז די וועלט האט מער קיין קיום ניט נאר איבר דיא
מענטשן וואס זיי גוועלטיגן אוף דעם יצר הרע דען יוסף הצדיק האט
דרום זוכה גיוועזן צו דר מלוכה ווייל ער האט בצוואונגן דעם יצר הרע
מיר האבן גלערינט דר וואס נעמט איין די מלחמה פון דעם יצר הרע
איז זוכה צו מלכות שמים ווארום הקב"ה האט נאר בשאפן דעם יצר
הרע מען זאל מיט אים פרובין מענטשן אזו ווי עס שטייט כי מנסה ה'
אלהיכם אתכם · נאר נאך וואס דארף השי"ת דעם מענטשין פרובין כדי
דר מענטש זאל ניט האבן קיין פתחון פה צו זאגן איך וואלט גוועזן
איבר גישפארט דעם יצר הרע ווייזט מען אים דיא מלחמה צו זעהן
ווי אזו ער וועט זיך נוהג זיין · דרום שטייט ולוט דם איז דר יצר הרע
ישב בשער סדום ער זיצט דארטן צו פרובין זיי · רבי זאגט עס שטייט
והרשעים כים נגרש אז אפילו מען משפט דעם רשע איז ער מעיז פנים אונ
בלייבט בייא זיין שלעכין דרום שטייט טרם ישכבו ואנשי העיר אנשי סדום
נסבו על הבית די רשעים רינגלן ארום זיך שטארקן אוף דר קדושה אונ
אוף דעם יצר טוב · רבי יצחק זאגט אזו ווי השי"ת האט בשאפן איין
גן עדן התחתון אוף דר ערד אזו ווי עס שטייט ויטע ה' אלהים גן בעדן מקדם

אזו האט ער בשאפן איין גיהנם התחתון אזו ווי עס שטייט (איוב כב)
עיפתה כמו אופל אונ ווידר האט ער בשאפן איין גן עדן אוף דעם הי...
פון וועגן די נשמות הצדיקים גמורים זיי זאלן דארטן גישפייזט ווע...
פון גרוס ליכטיקייט וואס דארטן איז פר האנדן אזו וויא עס שטי...
והיתה נפש אדוני צרורה בצרור החיים את ה' אלהיך אוך אין קהלת שטייט וה...
תשוב אל האלהים אוך האט ער בשאפן איין גיהנם אוף דעם הימל א...
ווי עס שטייט ואת נפש אויביך יקלענה בתוך כף הקלע מען ווארפט די נשמ...
אזו ווי מען ווארפט איין שטיין מיט איין שליידר · אונ דער גיה...
התחתון איז צו די רשעים גמורים משפט מען זיי מיט פייער אזו...
עס שטייט ויצאו וראו בפגרי האנשים הפושעים בי וגו' ואשם לא תכבה אונ דר גיה...
איז צו די פושעי ישראל וואס האבן עובר גוועזן אוף תורה ומצות א...
האבין קיין תשובה ניט גטאן ווערין זייא דארטין גישליידרט א...
רינגקן ארום די גאנצי וועלט אזו ווי עס שטייט סביב רשעים יתהלכון...
ווערן דארטן גמשפט צוועליף חדשים דער נאך קומט ער אוף זיי...
ארט ווי ער איז ווערט · דר פסוק זאגט אשר הסך ה' באפו ובחמתו מיינ...
מען עס איז פר האנדן רשעים וואס וועלן ניט אוף שטיין ליום הד...
ווארום באפו מיינט מען בעולם הזה ובחמתו איז בעולם הבא
רבי יעקב זאגט די רשעים פון יהודים וואס האבן פר אים ווירדיק...
דעם הייליגן צייכן אונ האבן מחלל שבת גוועזן בפרהסיא או...
חול המועד אונ האבין גלייקינט בתורה ובתחיית המתים דיא גיי...
אין גיהנם אריין אונ ווערן דארטן גמשפט לדורי דורות אבר זיי...
וועלן אוף שטיין לתחיית המתים אונ אוף זיי האט דניאל גזאגט ורבי...
מישני אדמת עפר יקיצו אלה לחיי עולם ואלה לחרפות ולדראון עולם נאך שטייט וה...
דראון לכל בשר מיינט מען עס וועט אוף זיי קומן אזו פיל צרות אז אל...
מענטשין וועלן זאגן די ראון הייסט אז מען זעהט זיי זאגט מען לא...
שון זיין גינוג זייער משפט אבר אוף צדיקים שטייט ועמך כולם צדיקים וגו'
ויעל לוט מצוער רבי אבוהו זאגט קום אונ זעה דר יצר הרע וועט ני...
בטל ווערין פון דר וועלט ביז דר צייט וואס שטייט אין (יחזקאל...
והסירותי את לב האבן מבשרכם האטשי דר יצר הרע זעהט ווי מען משפט...
די רשעים אין גיהנם גייט ער פארט ארום אוף דר וועלט צוא פא...
פירין דיא מענטשין מיט זייני נארישקייט דרום שטייט ויעל לוט מצוע...
מיינט מען דר יצר הרע שטייט אוף דעם טויער פון דעם גיהנם או...
אין פרשת לך לך האבין מיר גזאגט פאר וואס דר יצר הרע הייסט לוט
ווארום ער איז דר נחש הקדמוני וואס איז פאר שאלטין גיווארן אונ אוף
דעם ווארט ארור מאכט דר תרגום ליט · רבי יהודה זאגט דריי הנהגות
איז פר האנדין בייא דעם מענטשן איינס איז הנהגת השכל והחכמה דס...
איז דר כח פון דר נשמה הקדושה · דאס אנדרי איז הנהגת התאוה דס...
דר מענטש גלוסט צו אלי זאכן דר כח גיט דעם מענטש לוסט צוא...
טאן אלדונג · אונ דס דריטי איז נפש המתאוה דר האלט דעם גוף ער...
זאל זיך גרוס האלטן אונ דס איז דער כח הנפש והגוף · זאגט רבי...
יהודה דר יצר הרע גיוועלטיגט מער ניט נאר אין דיא צוויי כוחות
הנהגת התאוה ונפש המתאוה דרום שטייט ותאמר הבכירה אל הצעירה אבינו זק...
מיינט מען דר נפש המתאוה זאגט צו דעם הנהגת התאוה לכה נשקה את אבינו יי...
קום מיר וועלן בידי נאך גיין נאך תאוות היצר הרע זענן זיי ביידע
מסכים אונ בהעפטן זיך אין דעם יצר הרע דורך עסין אונ טרינקין
ווייטר שטייט ותקם הבכירה ותשכב את אביה מיינט מען בשעת דר מענטש
ליגט אוף דעם בעט דר וועקט דר נפש המתאוה דעם יצר הרע טראכטן

אין

…אַרישֶׁקייט פון דעם יצר הרע ביז ותהרין שתי בנות לוט מאביהן דיא
… כוחות ווערין טראגין פון זייער פאטר דר יצר הרע דם הייסט
…בהעפטן זיך אין אים · רבי יצחק זאגט אלי צייט איז דער יצר
… ניט מפתה דעם מענטשן נאר דורך אכילה ושתיה אונ מחמת
…חה פון וויין אבער ביא איין צדיק שטייט צדיק אוכל לשובע נפשו ער
…ט קיין מאל ניט שיכור · רבי יהודה זאגט איין תלמיד חכם ווס
…שיכרת זיך אן איז אוף אים גזאגט גווארן דר פסוק נזם זהב באף
…אונ ער איז נאך מחלל שם שמים דר מנהג פון רשעים איז נאר
…חה פון וויין זיי דר וועקין אוף זיך דעם יצר הרע אזו ווי עס שטייט
…ידע בשכבה ובקומה דער יצר הרע איז ניט משגיח בשכבה דאס מיינט
… עולם הזה ובקומה דאס איז עולם הבא · רבי אבוהו זאגט בשעת
… ברענגט אריין די רשעים אין גיהנם ברענגט מען דעם יצר הרע
… ער זאל זיי זעהן דרום שטייט ולוט בא צוערה דם איז דר יצר הרע
…ם ער הייסט לוט קומט ער אין דעם צער פון גיהנם אונ אז ער
…ט דעם צער פון די רשעים פאלט אויף אים איין פחד מיט איין
…טערניש ער מיינט מען וועט אים אויך דן זיין אונ אז ער זעהט אז
…ן משפט אים גיט גייט ער ווידר ארום אז צו ריידן די מענטשין
…שלעכין רבי יצחק זאגט אז ער פארכט זיך אזו ווי עס שטייט כי ירא
…ת בצוער ווארום רעט ער ווידר אן מענטשין צו שלעכין נאר אזוי
… דר סדר פון די רשעים אז ער זעהט איין דין פארכט ער זיך אונ
… נאך איז ער ווידר ווי פריער אזו איז דר יצר הרע אויך · רבי יצחק
…ט עס איז איין משל צוא גזלנים וואס ליגן אוף דעם וועג אונ
…ריבין אויס איין קלוגין מענטשין ווס ער האט אין זיך ווייכע רייד
…ב שיקין אים ארויס אוף דעם וועג אונ ער באקומט עטליכע
…נטשן הייבט ער אן צו ריידן מיט זיי מיט ווייכע רייד אונ ווערט
…א זיי ווי אקנעכט אונ באדינט זיי אונ זיי גלויבן אין אים אונ ער
…ר פירט זייא צוא דעם וועג פון דיא גזלנים אונ אז זיי קומן אהין
…פרינגט ער ארום צום ערשטין אונ הרגית זיי אונ זיי שרייען ווייא
…אונז ווס מיר האבין דיר גיגלובט אונ האבן דיך גיפאלגט אונ אז
…הרגית זיי גייט ער ווידר ארום אוף דעם וועג אונ רעט איבר אנדרי
…נטשין די ווס זענן קלוג ווייסן אז ער הט שון פר פירט ווייא פיל
…נטשין מיט זייני ווייכי רייד אונ דר נאך הט ער זיי גיהרגית ווילן
…שון אים ניט פאלגן אונ דר ווייטערן זיך פון זיין וועג אזו איז אוך
… יצר הרע פון די גזלנים דם זענן די קליפות ער גייט צו מענטשין
…נ רעט זיי איבר מיט ווייכע רייד ער מאכט זיך פר איין קנעכט
… אים אונ ווייזט זיי אזעלכי זאכן ווס זענן אסור צו אים אונ רעט
…ם אן אז ער זאל אראפ ווארפן פון זיך דעם עול תורה אונ זאל
…ט זייא איין עבירה טאן אונ דיא שוטים גייען נאך אים אונ
…אלגין אים אונ גייען אין זיין וועג דר נאך הרגית ער זיי צום ערשטן
…ען דר יצר הרע איז דר מלאך המות דר נאך פירט ער אים אריין
…ן גיהנם צו זיין חברותה די מלאכי חבלה ווי דר רשע קומט אהין
…רייט ער נאך ווס האב איך אים גיפאלגט אונ דער נאך גייט ער
…רום פון דעם גיהנם אונ חאפט אנדרי מענטשן מיט זייני גוטי רייד ·
… ווס זענן קלוג גייען ניט אין זייני וועגין אונ פאלגין אים ניט וואל
… זיי אונ וואל צו זייער חלק · רבי יוסי זאגט איך בין אמאל גגאנגן
…יין בבל האב איך גזעהן ווי שייני בחורים גייען צווישן שייני ווייבר
…ונ האבן ניט גזינדיגט מיט זיי האב איך גזאגט צו זיי איר פארכט
אייך ניט פאר דעם יצר הרע זאגן זייא מיר קומן ניט ארוס פון קיין
שלעכטי מחשבות נאר פון קדושה דען רבי יהודה האט גזאגט דר
ווס איז זיך מקדש בשעת הזיווג גייען פון אים ארוס פרומי קינדר
ווס זיי האבן קיין מורא ניט פר דעם יצר הרע אזו ווי דר פסוק זאגט
והתקדשתם והייתם קדושים נאך האט ער גזאגט אז איינר גייט אין איין
שטאט אונ זעהט שייני ווייבר זאל ער זייני אויגן אוועק טאן פון זייא
אונ זאל זאגן דיא שפראך סך מסאן אגזר אגזר נא גריד נא חקיל פוק פוק ראבבי
קרושא רשבתא הוא ווארום מחמת דר היץ פון דעם וועג קען דער יצר
הרע אין אים שולט זיין דרום זאל ער דם זאגן וועט ער ניצול ווערן:

## פרשת חיי שרה

ויהיו חיי שרה רבי חייא זאגט אונזרי חכמים האבן גזאגט אז בשעת
יצחק אין גבונדן גווארן אוף דעם מזבח איז יצחק אלט גוועזן
זיבין אונ דרייסיג יאר אונ אין דער צייט איז שרה גישטארבין דרום
שטייט ויבא אברהם לספוד לשרה ולבכותה ער איז גקומן פון הר המוריה
פון דר עקידה צו באקלאגן שרה אונ דר פסוק ווייזט מיר אז אזוא
וויפיל יצחק איז אלט גוועזן הייני זיבן אונ דרייסיג יאר אזו פיל איז
גוועזן איר לעבן אבער איידר יצחק איז גבארן גווארן איז ביי איר גלייך
גוועזן ווי זי איז גשטארבן דען אז איינר הט קיין קינדר ניט איז גלייך
ווי ער איז גשטארבן אזו ווי רחל האט גזאגט צו יעקב הבה לי בנים ואם
אין מתה אנכי דרום זאגט דר פסוק ויהיו דאס בטרעפט זיבן אונ דרייסיג
חיי שרה דם איז גוועזן דם לעבן פון שרה אבער ביז זי האט גהאט צו
יצחק איז גלייך גוועזן ווי זי הט ניט גלעבט:

ויקם אברהם מעל וגו' ער איז אוף גשטאנגן צו קופן די מערת המכפלה ·
רבי יהודה זאגט אברהם הט גהאט איין סימן אין דער מערת
המכפלה אונ זיין הארץ הט אהין גגלוסט ווייל ער איז דארטן אמאל
גוועזן הט ער דארטן גזעהן צו אדם וחוה · אונ ווי אזו ער הט גוויסט
אז דאס זענן אדם וחוה · ער האט דארטן גזעהן אז עס געפינט זיך
איין טיר אין גן עדן אריין אונ דם גשטאלט פון אדם האט זיך פר
אים גישטעלט · קום אונ זעה דער וואס זעהט דאס גשטאלט פון
אדם הראשון דער מוז שטארבן אונ איטלעכער מענטש איידער ער
שטארבט זעהט ער' צו אדם הראשון אבער אברהם הט אים גזעהן
אונ איז גבליבן לעבן ער האט דארטען גיזעהען איין ליכט ברענט
אין דר מערה דרום האט אברהם זייער גיגלוסט צו דר מערה אונ
דרום האט ער ניט גבעטין תיכף אוף דער מערה כדי זייא זאלין
זיך ניט מארקין אז ער הט גרוס חשק דר צו דרום הט ער די בני חת
גבעטין פריער זיי זאלן אים געבין אשטיקיל ערד צו בגראבן זי אונ
אז ער הט גהערט אז זייא האבין אים גיזאגט אין דעם בעסטין קבר
בגראב דיין מת דרום הט ער זיי שון גבעטן אז זיי זאלין בעטין פון
זיינט וועגין צו עפרון בן צוחר דען איך טוא עס ניט פון מיינט וועגן
נאר פון אייער כבוד וועגין כדי איך זאל זיין אפ גשייד פון אייך אונ
דאס הט ער אלץ גטאן כדי זייא זאלין זיך ניט מארקין אז ער האט
גרויס לוסט צוא דער מערה · רבי אלעזר זאגט בשעת דיא מלאכים
זענן גיוועזן ביי אברהם הט זיך דר מלאך רפאל גמאכט פאר איין פר
דם הייסט איין אקס אונ דרום הייסט ער רפאל דאס מאכט פר אל אונ
אברהם איז אים נאך גלאפן צוא חאפין איז ער אנטלאפין אין דער
מערת המכפלה דרום שטייט ואל הבקר רץ אברהם ווי ער איז גיקומן
איז

אין דר מערה האט ער דארטן גזעהן וואס ער האט גזעהן און ער פלעגט
שון גיין תמיד אהין מתפלל זיין דען ער האט דארטן גזעהן גרוס ליכט
און האט גשמעקט א גוטן ריח און השי"ת האט מיט אים דארטן גרעט
דרום האט ער גרויס חשק גהאט צו דר מערה · אויב דו וועסט מיינען
עפרון האט דארטן אויך עפיס גזעהן · עפרון האט קיין זכות ניט גיהאט
ווארום די קדושה האט זיך בהאלטן נאר צו איר העער אברהם אבער
עפרון האט נאר גזעהן אין איר פינצטרניש דרום האט ער זיא פר קופט
און האט גגעבן צו אברהם מיין וויא פיל ער האט אליין גוואלט דען
אברהם האט ביי אים גקויפט די מערה אליין און עפרון האט אים נאך
צוא גגעבן דם פעלד אויך ווייל זיא איז ביא אים נמאס גוועזן און אז
אברהם איז גקומען דם ערשטי מאל אין דר מערה האט ער גזעהן איין
גרוס ליכט און די ערד האט זיך אויף גהייבן אנטקעגין אים האט זיך
אנטפלעקט צוויי קברים פון אדם וחוה און אדם האט זיך בוויזן צוא
אים און ער האט גלאכט אנטקעגין אים אזו האט ער גוויסט אז ער
וועט דארטן אויך בגראבן ווערן · זאגט אברהם צו אים איך בעט דיך
זאג מיר אויב איך וועל דא אויך ליגן זאגט אדם צו אברהם הקב"ה
האט מיך דא בהאלטן און איך בין גילעגן בהאלטין ביז אהער אזו
ווי איין פרי וואס ליגט בהאלטין אין איר שאלעכץ ביז דו ביסט גקומען
אויף דר וועלט האב איך אין דיא גאנצי וועלט איין קיום פון דיינט
וועגן און דרום שטייט ויקם השדה והמערה וכל אשר בו אלס דינג וואס דארטן
איז גוועזן דאס מיינט מען אדם הראשון דען אברהם האט זיין חטא
מתקן גוועזן דרום וואס פריער איז גוועזן פר בארגן האט דם היינט אליין
איין תקומה גהאט דרום שטייט ויקם רבי שמעון זאגט בשעת אברהם
האט אריין גטראגן שרה אין דר מערה אריין זענען אויף גשטאנען אדם
וחוה און האבן ניט גלאזט מען זאל זיא דארטן בהאלטן זייא האבן
גזאגט מיר זענען נאך בחרפה פון אונזר חטא וואס מיר האבן גגעסין
דעם עץ הדעת און היינט אז אזעלכי צדיקים וועלן זיין מיט אונז
וועט דאך נאך גרעסר זיין אונזר חרפה האט זיי אברהם גיענטפערט
איך בין אן גבנייט מתפלל זיין אויף אייך איר זאלט שון מער ניט
פר שעמט ווערין דרום שטייט ואחרי כן קבר אברהם את שרה דר נאך אז
אברהם האט אויף זיך מקבל גוועזן מתפלל זיין איז אדם גגאנגן אויף
זיין ארט און חוה אויף איר ארט דרום שטייט את שרה מיינט מען זיי
האבין אלי אקיום גהאט מיט שרה דורך אברהם אזו ווי עס שטייט
אלה תולדות השמים והארץ בהבראם מיינט מען אדם וחוה וואס זענען גיוועזן
תולדות שמים וארץ זיי קומען ניט ארוס פון קיין מענטשן האבן זיי אקיום
גיהאט דורך אברהם דאס ווייזן דיא אותיות בהבראם באברהם אבער ביז
אברהם האבן זיי קיין קיום ניט גיהאט ווארום ער איז דער עיקר :

ואברהם זקן בא בימים וה' ברך את אברהם בכל רבי יהודה הייבט אן עס
שטייט אין תהלים אשרי תבחר ותקרב ישכון חצריך וואול צו דעם
מענטשן וואס זייני וועגין זענין רעכט פארטיג פר הקב"ה דען בגערט
ער אין אים און איז אים מקרב צו זיך אברהם האט תמיד גיגלוסט
זיך מקרב זיין צו הקב"ה נאר מיט איין מאל קען מען ניט קומען צוא
דר מדריגה עליונה נאר אלי טאג איז ער גגאנגן פון איין מדריגה צו
דר אנדרר ביז אויף דר עלטר איז ער ערשט גיקומען צוא דר מדריגה
העליונה דרום שטייט ואברהם זקן אז אברהם איז אלט גיווארין בא בימים
איז ער גקומען צוא דער גרוסר מדריגה וואס זענען מדריגות עליונות
דענסט מאל שטייט וה' ברך את אברהם בכל הקב"ה האט אים גבענטשט
מיט דר ברכה פון ככל אזו הייסט דם ארט וואס פון דארטן גייען ארוי
אלי ברכות · אבער וואול איז צו די בעלי תשובה זיי זענען גרעסר פו
צדיקים ווארום איין צדיק קען מיט איין מאל ניט קומען צוא איי
מדריגה עליונה נאר אויף דר עלטר אזו ווי אברהם איז גקומען דר צ
אויף דר עלטר : אויך ביי דוד שטייט והמלך דוד זקן בא בימים ער איז אוי
נאר גקומען דר צו אויף דר עלטר אבער די בעלי תשובה זענין תיכף
זוכה צו דר מדריגה עליונה · רבי יוסי זאגט מיר האבן גלערינט און
דעם ארט וויא די בעלי תשובה שטייען האבין קיין צדיקים גמורים
קיין רשות ניט צו שטיין איטליכר האט זיין מדריגה וואס ער איז ראו
דרום שטייט אשרי תבחר ותקרב ישכון חצריך וואול צו דעם מענטשן וואס
ער איז זיך מקדש אויף דר וועלט איז הקב"ה מקרב זיין נשמה אז זיא
גייט יירשנן איר ירושה וואס עס איז איר ראוי לעולם הבא און אי
זוכה צו דר קדושה וואס די מלאכים זענין זוכה · דעסט גלייכן אז איינ
פר אום ווערדיגט זיך חלילה אויף דר וועלט ציהט ער אויף זיך ארו
רוחות הטומאה און אז ער שטארבט שלעפן אים די רוחות הטומאה אי
גיהנם אריין אבער ווער עס הייליגט זיך אויף דר וועלט איז ער צווישן
די הייליגי מלאכים אזו וויא עס שטייט ונתתי לך מהלכים בין העומדים האל
דם איז די מדריגה פון חצר עס איז אזו ווי איין הויף פר דער שטוב
דרום שטייט ישכון חצריך אזו ווי ביי דעם משכן האבין די לוים גירועט
אין חצר · ווידר איז פר האנדן איין גרעסרי מדריגה וואס ווערט א
גרופין בית דרום שטייט נשבעה בטוב ביתך ווייטר איז נאך פאר האנדי
גרעסרס נאר גאר ווייניג עס הייסט דם היכל קדוש היכלך דם הייסט אינעווייני
אזו ווי ביי די לוים שטייט והחונים לפני המשכן אהרן ובניו עס איז פר האנדן
כמה היכלות כמה מעלות כמה מדורין כמה נהורין איינר איבר דעם אנדרין זענ
ניט גלייך איינר צו דעם אנדרן איינר ווערט פאר שעמט פאר דעם
אנדערינס ליכט וואס עס איז העכר · און אזו ווי די מעשים פון דער
נשמה אויף דר וועלט זענען אפ גשייד איינס פון דעם אנדרין אזו אוי
יענר וועלט זענען אפ גשייד אירי אורות עליונים אז דר מענטש שלאפט
אויף דעם בעט גייט די נשמה ארויף זעהן דעם כבוד פון הקב"ה און
אלי רוחות הטומאה רופן אויס ראמט אויס די טומאה ווארום דר מענטש
איז ניט פון אונזרי לייט גייט דיא נשמה ארויף צווישן דיא הייליגי
מלאכים איז מען איר דארטין מודיע דברים של אמת און אז זי גייט
ווידר אראפ ווילין די רוחות הטומאה אויך וויסן וואס זיא האט אובין געהערט
זענען זיי זיך צו איר מקרב און זענען איר מודיע אנדרי זאכן ווערן די
הייליגי רייד פון אובין מיט זייערי רייד פון די מלאכי חבלה אוס
גמישט אזו ווי תבואה צווישן שטרויא און ווער עס איז א גרויסר
צדיק האבן זיי קיין רשות ניט צו פר מישן די הייליגי רייד פון אובין
מיט זייערי רייד אבער אז די נשמה איז חס ושלום אום ריין אזו בהעפטן
זיך אין איר אלי רוחות הטומאה וואס זיי זענען אין דר אונטרשטר מדריגה
און ווי באלד די נשמה קומט ארויף האפן זיי זיא אמאל זאגן זיי איר
די זאכן וואס זיי הערן מאחורי הפרגוד וואס עס וועט זיין אויף דער וועלט
און אמאל זאגן זיי איר גרוס ליגן זיי לאכן און שפעטן אום איר · דם
איז אז דר מענטש שלאפט אזו אויך אז דר מענטש שטארבט און
די נשמה וויל ארויף גיין חאפן זיא כמה מלאכי חבלה און גיבן זי אפ
צו דעם מלאך רומ"ה אין די הענט אריין ער זאל זיא פירן אין גיהנם
אריין און רופן פריער אויף איר אויס אזו טוט מען די מענטשן וואס
זענען עובר אויף דר תורה און שוועבן מיט איר אום די גאנצי וועלט

ב דר נאך ווארפט מען זיא אין גיהנם אריין אזו פיערט מען זיא
עלף חדשים דר נאך קומט איטליכר אוף זיין ארט וואס ער איז ראוי
בר די נשמות פון צדיקים גייען גלייך ארוף אזו ווי מיר האבן גזאגט
ר אין די אינעווייניגסטי מדריגות איז קיינר ניט זוכה נאר דר וואס
רינט חכמת הקבלה וסודות התורה ווארום זייא ווייסן זיך רעכט צוא
העפטן אין דער קדושה אוף זייא שטייט עין לא ראתה אלהים זולתך יעשה
חכה לו דס קיין אוג הט אין דעם קיין השגה ניט אפילו קיין נביא
ן ניט רעכט פר שטיין די זאך ער זאל קאנען זיין האר נאר דורך
בלה אונ סודות התורה מיט די לייט בארימט זיך השי"ת אלי טאג
נ איז תמיד מיט זיי זייערי נשמות גייען ארום אלי טויערן אונ מען
רט זייא ניט ווארל איז זייער חלק אוף דער וועלט אונ אויף יענער
לט אזו אויך אברהם הט זיך בהעפט אין השי"ת כימים עליונים דס
ן די מדריגות עליונים וואס זיי הייסן ימים דען ער הט זוכה גוועזן צו
מדריגות עליונים וואס פון דארטין קומן ארויס אלי ברכות דרום שטייט
ברהם זקן בא בימים וה' ברך את אברהם בכל דס ווארט בכל איז דס ארט פון
אלי ברכות :

בי יצחק זאגט עס שטייט וישוב העפר על הארץ כשהיה הקב"ה הט בשאפן
אדם הראשון הט ער גינומן ערד פון דעם בית המקדש אונ הט
בויט זיין גוף פון אלי פיר זייטין פון דר וועלט דר נאך הט הקב"ה
ם אריין גגעבן איין רוח חיים אזו ווי עס שטייט ויפח באפיו נשמת חיים
ז ער אויף גשטאנען לעבעדיג אונ האט גיוואקסט אז ער איז כלול
ליונים ותחתונים ער איז גיוועזן בהעפט אין דר קדושה אונ הט גיוואוסט
חכמה עליונה אויך איטליכר מענטש איז נכלל מלמעלה ולמטה
ן די וואס זענען זיך מקדש אוף דר וועלט אז ער האט אקינד ציהט
ר אויף אים ארופ איין קדושה פון אויבין אונ הייסט אקינד צוא
שי"ת ווייל דער גוף איז היילג גיט מען אים איין נשמה אויך פון
בין דער נאך אז דער מענטש שטארבט אונ דארף אפ געבן דין
ף זייני מעשים וואס ער הט גטאן אז דיא נשמה איז גיוועזן אין גוף
שיידן זיך די ביידי דיא נשמה גייט אוף איר ארט אונ דער גוף
ערט זיך אום צו איר ערד איטלכר קערט זיך אום צו זיין ארט ווי
ר איז גנומן גווארן אונ דס איז אלץ פר בארגן ביי הקב"ה ביז ער
עט מחיה מתים זיין דעם זעלביגן גוף מיט זיין נשמה אונ דעמאלט
עט הקב"ה ביי נייען די וועלט אונ וועט מאכן נידרין איין טל פון
בן אונ וועט מיט אים מחיה מתים זיין אזו ווי דער פסוק זאגט כי
אורות טלך דר טל קומט פון דיא אורות עליונים אונ פון דעם עץ החיים
עט ארום גיין לעבן אוף דר וועלט אונ וועט ניט אוף הערן ווארום
יינט אז דר יצר הרע מיט די קליפות זענען דא אוף דר וועלט איז די
בנה ניט גאנץ אונ דר עץ החיים איז ניט שולט אבר אז הקב"ה וועט
עביר זיין די קליפות וועט די לבנה ווערן גאנץ אזו וויא עס שטייט
יה אור הלבנה כאור החמה רבי חזקיה זאגט אז דו וועסט וועלין זאגן אז
די גופות שטייען אוף אבר אז עס איז גוועזן איין נשמה אין צווייא
פות ווי אזו וועט זיין זאגט רבי יוסי די גופות וואס האבן ניט מצליח
ועזן אוף דר וועלט צו מקיים זיין תורה ומצות איז גלייך וויא זייא
ען נאר ניט גוועזן וועלן זיי ניט אוף שטיין אוף זיי שטייט והיה כערער
רבה ולא יראה כי יבא טוב ער וועט ניט זעהן דס גוטס פון תחית המתים
נ דר הינטרשטר גוף וואס האט מצליח גוועזן דר וועט אוף שטיין
נ וועט דר לייכטן דס ליכט וואס הקב"ה האט בהאלטן בששת ימי

בראשית צו די צדיקים אזו ווי עס שטייט וירא אלהים את האור כי טוב, כיך
באלד וועט הקב"ה מחיה מתים זיין אונ עס וועט זיין אזו וויא עס
שטייט וזרחה לכם יראי שמי שמש צדקה אונ עס וועט בלייבן נאר טוב אונ
דר רע וועט אוועק גיין אונ די ערשטי גופות וואס האבן ניט מתקן
גוועזן אוף דר וועלט וועלן זיין גלייך ווי זיי זענען ניט גוועזן בעולם הזה
רבי יצחק זאגט הקב"ה וועט אויף זייא אויך געבין איין אנדערן רוח
ווערין זיי זוכה זיין וועלן זיי מיט די צדיקים אוף שטיין אונ אוב ניט
וועלן זיי ווערן אש אונטר דיא פיס פון צדיקים אזו וויא עס שטייט
(דניאל יב) ורבים מישני אדמת עפר יקיצו אלי וועלין אויף שטיין אונ וועלין
זיך שטעלן פר הקב"ה אין זייער צאל אזו ווי עס שטייט המוציא במספר
צבאם אונ די מתים פון ארץ ישראל וועלן פריער אוף שטיין אונ דיא
מתים פון חוץ לארץ וועט הקב"ה בשאפן זייערי גופים אונ וועט זיי
אריין געבין איין רוח אונ זיי וועלין זיך קייקלען אונטר דער ערד קיין
ארץ ישראל אונ דארטין וועלין זייא מקבל זיין זייערי נשמות אונ
דארטן וועלן זיי האבן איין קיום רבי אלעזר אונ רבי יוסי זענען אמאל
ביידי גנאנגן ביי נאכט אונ האבין גלערינט תורה זאגט רבי אלעזר
אז הקב"ה וועט מחיה מתים זיין וועלין אלי גשטאלטין שטיין פר
אים אין דעם גשטאלט וואס זענען גוועזן אוף דר וועלט אונ הקב"ה וועט
איטליכן רופין ביא זיין נאמען אויף דער צייט שטייט וחרפת עמו יסיר
דעם יצר הרע וואס ער האט פאר פינצטערט דאס פנים פון דיא לייט
וועט ער אפ טאן פרעגט רבי יוסי פאר וואס אז דער מענטש לעבט
איז ער ניט טמא אונ אז ער שטארבט איז ער טמא זאגט רבי אלעזר
ווייל דר יצר הרע נעמט בייא אים דעם רוח מיט דר נשמה איז ער
זייא מטמא דרום בלייבט דער גוף טמא אבער דיא היידין וואס
זענען גוועזן אין ארץ ישראל ווייל זייער גוף הט מטמא גוועזן ביי זייער
לעבין דרום אז זייער נשמה איז פון זייא אוועק גיגאנגן איז דער גוף
גיבליבן אן טומאה דרום האט אברהם אן גזאגט צוא זיין קנעכט
אליעזר אז ער זאל ניט נעמן אוייב צו זיין זון יצחק פון זיי דען ווער
עס הט זיך בהעפט אין זיי הט ער זיך מטמא גוועזן אונ הט גמאכט
איין גרויסן פגם למעלה אונ חאטשי ער הט אים בשווארן פון דעסט
וועגין הט ער נאך תפלה גטאן ער זאל אים צוא שיקן דעם מלאך
הברית צו היטן זיין ברית קודש ער זאל זיך ניט מטמא זיין צווישן
זיי אונ דר זכות פון אברהם איז גשטאנען צו אליעזר אונ די ערד איז
אים אנטקעגין גיקומן אונ אין דעם טאג וואס ער איז ארוס גגאנגן איז
ער גקומען צוא בתואל דרום שטייט ואבא היום אל העין היינט בין איך
ארוס גיגאנגן אונ היינט בין איך גקומן :

# פרשת תולדות

אלה תולדות יצחק בן אברהם רבי יוסי זאגט פר וואס שטייט ביז אהער ניט
בן אברהם נאר דא ווייס איך דען ניט אז ער איז גוועזן דר זון פון
אברהם נאר אז אברהם איז גשטארבן איז גבליבן זיין צורה ביי יצחק
אונ איטליכר וואס הט גזעהן צו יצחק הט ער גמיינט דס איז אברהם
דרום איטליכר וואס הט גזעהן צו יצחק הט ער עדות גזאגט אז ער איז
דר זון פון אברהם רבי יצחק איז אוף גשטאנען ביי נאכט צו לערנין
תורה אונ רבי יהודה איז גוועזן אין דר שטאט קסרון זאגט רבי יהודה
איך וועל מיך גיין מחבר זיין מיט רבי יצחק צו לערנן תורה איז ער
גנאנגן אונ זיין זון רבי חזקיה איז אויך גוועזן מיט אים אונ ער איז נאך

נוטה

גוועזן נאר יונג אז ער איז גקומן צו דר טיר הערט ער ווי רבי יצחק זאגט עס שטייט ויהי אחרי מות אברהם ויברך אלהים את יצחק בנו איז קשה נאך וואס האט הקב״ה בדארפט בענטשן צו יצחק אלא ווייל אברהם האט אים ניט גיבענטשט כדי עשו זאל ניט ווערן גבענטשט · ווייל דיא ברכות וועלן זיין אויף אלי זייני קינדר אונ עשו איז דאך זיין זון דרום האט אברהם אפ געגעבן צו הקב״ה די ברכות ער זאל אליין בענטשן וועמן ער וויל דרום שטייט וישב יצחק ער איז גיזעסן עם באר דאס מיינט מען די שכינה וואס זי איז גיגליכן צו איין קוואל ברונן לחי רואי וואס אלי חיות אונ אלי ברכות קומן פון דארטן ארוס דרום הייסט זיא באר לחי רואי אזו ווי פון איין ברונען גייט וואסר תמיד פון דעם קוואל אזוי גייט תמיד ברכות פון דר שכינה ויעתר יצחק לה׳ לנוכח אשתו יצחק איז גיזעסן מיט רבקה צוואנציג יאר אונ זי האט קיין קינד ניט גהאט אזו האט ער תפלה גטאן ווייל השי״ת גלוסט צו דר תפלה פון צדיקים דען דורך דעם ווערט גימערט ברכות אובין פון זייערי תפלות קום אונ זעה אברהם האט ניט מתפלל גוועזן וועגין קינדר חאטשי ער האט גזאגט הן לי לא נתת זרע דס איז ניט גוועזן בדרך תפלה נאר ער האט דר ציילט פר הקב״ה אבר יצחק האט מתפלל גוועזן ווייל ער האט גוויסט אז עס וועט ארוס גיין פון אים יעקב מיט צוועלף שבטים נאר ער האט ניט גוויסט אוב זיי וועלן זיין פון רבקה אדר פון אנגדר ווייב דרום שטייט לנוכח אשתו די קינדר זאלן ארוס גיין פון איר ויתרוצצו הבנים בקרבה דאס איז לשון שטוסן זייא האבין מלחמה גיהאלטין דען יעקב האט ניט גוואלט האבן מיט אים אין איינים קיין חלק בעולם הזה ובעולם הבא ווייל עשו איז גיוועזן דער כח פון דעם נחש הקדמוני דרום איז יעקב גינאנגען מיט אים מיט רמאות אזו וויא עס שטייט ועם עקש תתפתל מיט איין קרומין מענטשן זאלסטו זיך אויך קרימין בבטן עקב את אחיו דארט האט אים יעקב גיווארפן צוא דער ערד צוא מאכן אים אונטר טעניג אונטר דר קדושה דרום האט מען אים יום כיפור גבראכט איין שעיר לעזאזל דען דר שעיר איז גיוועזן צום ס״ם דר שר פון עשו דען מיט דר חכמה האט מען אים אפ גשייד פון דר קדושה אונ מיט דעם שעיר האט מען אפ גטאן אלי עבירות פון ישראל אזו ווי דר פסוק זאגט ונשא השעיר עליו את כל עונותם דס מיינט מען אז ער זאל ניט קענן מקטרג זיין אויף די ישראל דרום איז קיין חידוש ניט וואס יעקב איז גינאנגין מיט עשו מיט רמאות דען יעקב איז גיוועזן דר כח פון אדם הראשון אונ עשו איז גוועזן דר כח פון דעם נחש אונ ווייל ער האט גורם גיוועזן צו אדם הראשון קללות דרום האט ער אים אויך פר פירט מיט רמאות : ויקרא שמו יעקב הקב״ה האט אים גרופין יעקב דרום שטייט ניט ויקרא יצחק אונ ווידר שטייט ויקרא לו אל אלהי ישראל מיינט מען אויך דר נאמט וואס איז אלהי ישראל האט אים גרופן אל הקב״ה האט אים גזאגט איך בין איין אל בעליונים אונ די ביסט איין אל דס הייסט איין שטארקר בתחתונים דרום האט זיך יעקב מתגבר גוועזן אנטקעגין עשו מיט חכמה צו פר מיידין אים פון די ברכות :

ויגדלו הנערים ויהי עשו אישיודע ציד איטליכר איז גנאנגין נאך זיין אחיזה נאך יעקב איז גינאנגען אין בית המדרש לערנין אונ עשו איז גנאנגן אויף דעם פעלד דען דארטן האלטן זיך אויף די קליפות ורוחות רעות האט ער זיך צו זיי בהעפט אונ אז די וועסט פרעגן די שכינה איז דאך תמיד גוועזן מיט יצחק פר וואס האט ער עשו ליב גיהאט אונ האט ניט גוויסט פון זייני שלעכטי מעשים אלא דיא שכינה איז ניט גוועזן ביי אים · ווי אזו האט ער גקענט בענטשן צו יעקב · אלא די שכינה איז טאקי תמיד גיוועזן בייא אים נאר זי האט אים ניט גוואל[...] מגלה זיין אז עשו איז אשלעכטר כדי יעקב זאל נעמן די ברכות [...] זיין וויסן נאר אין זיין וויסן פון השי״ת אונ אזו האט גמוזט זיין די [...] ברכות זאלן צו גנומן ווערן מיט רמאות ווייל עשו איז דר נחש א[...] אזו ווי ער איז גנאנגן אנטקעגן אדם מיט רמאות אזו האט מען זי[...] מיט אים אויך נוהג גוועזן ברמאות אונ אז יעקב איז גקומן נעמן די[...] ברכות איז די שכינה אויך מיט אים גינאנגן האט יצחק דר זעהן אז[...] איז ראוי לברכה דרום האט ער אים גבענטשט :

ויזד יעקב גזיד יעקב האט גוויסט אז עשו איז אן גהאלטן אין דין דר[...] האט ער אים געגעבן לינדזין ער זאל אים שלאף מאכן זיין כח · אונ ה[...] קראפט זאל צו בראכן ווערן עס איז אלץ גיוועזן מיט חכמה ווארו[...] דורך דעם האט ער זיך פר קופט פאר איין קנעכט אונ האט אים צ[...] גיגעבן די בכורה דענסט מאל האט יעקב גוויסט אז זייני קינדר וועל[...] מקריב זיין אין בית המקדש איין שעיר אונ איינם וועלין זייא אוועק[...] שיקן לעזאזל ער זאל אויך פר קערט ווערן צו איין קנעכט אונ ווע[...] ווערן איין מליץ אויף די ישראל רבי יהודה זאגט בייא לבן איז א[...] אזו גוועזן ווייל ער איז גוועזן אגרויסר מכשף אזו ווי עס שטייט נחש[...] ויברכני ה׳ בגללד אונ איז גנאנגן מיט גרוס רמאות דרום חאטשי יע[...] איז גוועזן איין איש תם דס הייסט אגאנצר מאן פון דעסט וועגן ה[...] ער גמוזט זיך פירין מיט אים ברמאות אזוי שטייט עם חסיד תתחסד [...] יענר איז פרום זאלסטו זיך מיט אים פירין מיט פרומקייט ועם ע[...] תתפתל אונ מיט אקרומן מענטשן דס הייסט ארמאי זאלסטו זיך מ[...] אים אויך נוהג זיין ברמאות :

ויהי רעב בארץ רבי יצחק זאגט עס שטייט ה׳ צדיק יבחן קום אונ זעה ד[...] אלי משפטים וואס השי״ת טוט איז אלץ אמת אזו שטייט הצור ת[...] פעלו כי כל דרכיו משפט דען הקב״ה האט ניט גשטראפט אדם הראשון נ[...] ער האט אים גבאטן איין מצוה וואס זי איז גיוועזן פון זיין טובה ווע[...] ער זאל ניט אפ קערין פון השי״ת מיט דעם וואס ער וועט עסן פון ד[...] עץ הדעת טוב ורע האט ער ניט מקיים גוועזן נאר ער האט עובר גוועזן או[...] דעם דרום האט אים הקב״ה גישטראפט אונ דאך ניט אזו ווי אים ז[...] גקומן ווארום ער איז ווערט גוועזן אז תיכף זאל ער שטארבן הא[...] אים הקב״ה דר לענגערט דעם צארין חאטשי ער האט אים גזאגט [...] אכלך ממנו מות תמות האט אים הקב״ה גירעכינט וועדליג זיין טאג הייס[...] טויזנט יאר דרום האט ער אזו פיל גילעבט · נאר זיבציג יאר האט [...] אוועק גשענקט צו דוד המלך ווארום ער האט מער ניט גהאט ק[...] לעבן חוץ די זיבציג יאר וואס אדם האט אים גשענקט אזו אויך איטלי[...] מענטש איז הקב״ה ניט דן אויף זייני שלעכטי מעשים וואס ער ט[...] אלי כאל ווארום די וועלט וואלט הי׳ קיין קיום ניט גהאט נאר [...] דר לענגערט אים זיין צארן טאמר וועט ער תשובה טאן אזו שטי[...] חי אני דם שווער איך אז איך וויל ניט דר רשע זאל שטארבן נאר [...] זאל תשובה טאן כדי ער זאל האבן עולם הזה מיט עולם הבא · א[...] דרום איז ער אים מאריך אף טאמיד וועט פון אים ארוס קומן ג[...] קינדר אזו ווי מיר זעהן פון תרח איז ארוס גקומן אברהם אבינו [...] שורש פון דר גאנצר וועלט אונ מיט די צדיקים איז הקב״ה מדקד[...] אויף זייערי מעשים וואס זיי טוען זאלן ניט אפ קערן אונ דר לינק[...] זייט אדר אין דער רעכטי זייט חאטשי הקב״ה נייסט וואל אז נ[...]

ביי שטיין אויף זיין פרוב פון דעסט וועגן פרובט ער זייא כדי
אל אויף הייבן זייער קאפ אנטקעגין די מקטריגים מיט דעם יצר
אזו שטייט ביי אברהם והאלהים נסה את אברהם דס וואורט נסה איז
ש ער הט אויף גהובן אזו ווי עס שטייט הרימו נס דרום שטייט ה'
כחן הקב"ה פרובט דעם צדיק ער זאל אים דר הייבן בעולם הזה
לם הבא אזו אוך הט הקב"ה גיבאטן צו אדם הראשון ער זאל
עסין פון דעם עץ הדעת כדי ער זאל בלייבן במדריגה העליונה
אז ער הט ניט מקיים גוועזן אונ הט זיך באהעפט צו דעם כח פון
יצר הרע הט ער גינידערט למדריגה התחתונה דעסט גלייכין
ריער איז ער גוועזן איין צדיק תמים דר נאך הט אים דער יצר
פאר פיהרט ער זאל זיך אהן טרינקין מיט וויין · אבר אברהם
שי ער הט גינידערט קיין מצרים וואס עס איז פיל מיט טומאה
ער זיך פארט בהעפט אין דר קדושה אזו שטייט וירד אברם מצרימה
אברם אזו וויא ער איז אריין גיגאנגן בשלום מיט דר קדושה אזוי
ער בשלום ארוס גגאנגן אונ יצחק איז בכוונה גגנגן קיין פלשתים
ת הונגר כדי ער זאל גיפרובט אונ גיליטערט ווערין אונ איז
אריין גגאנגן אונ איז ארוס גגאנגן בשלום דרום הט ער גיזאגט
זיין ווייב אחותי היא דס הט ער גמיינט די שכינה אזו ווי עס שטייט
לחכמה אחותי את אזוי וויא עס שטייט אין פרשת לך · עס איז איין
גרויסר סוד דרום שרייבן מיר דס בקיצור :

אבימלך אבימלך הט אן גזאגט זיין פאלק אז קיין שום מענטש
זאל אים ניט אן רירן אונ ווער עס וועט אים אן רירן זאל גטייט
ן קום אונ זעה וויא לאנג הקב"ה האט גוואהרט דיא רשעים די
תים אז די ישראל זאלן ביי זיי ניט צו נעמן זייער לאנד ווייל זיי
ן גטאן טובות מיט די אבות אבימלך הט גזאגט צו יצחק הנה
מיין לאנד איז פאר דיר ווי די ווילסט מעגסטו זיך באזעצין ·
יהודה זאגט ווי צו די רשעים דס אפילו זייער טובה איז אויך
גאנץ פריער הט עפרון גזאגט צו אברהם אדוני שמעני השדה נתתי
ז טייטש איך שענק דיר דר נאך שטייט וישקול אברהם לעפרון וגו'
לסוחר אזוי אוך אבימלך אין ערשטן האט ער גזאגט מיין לאנד
ר דיר דר נאך הט ער גזאגט לך מעמנו גיי אוועק פון אונז · רבי
ר זאגט דס איז די טובה וואס ער הט אים אוועק גשיקט בשלום
אר זיין געלט דער נאך איז ער גיגאנגין מיט אים כורת ברית
ווייטר שטייט גרויסי סודות אויף די בארות וואס די אבות האבן
אבן דר מיט בהעפט מען זיך אין דר אמונה פון הקב"ה אזו אוך
עס גייט אין ציצית מיט תפילין באהעפט ער זיך אויך אין דער
ה שכינה פון הקב"ה אונ ווער עס לייגט ניט טלית ותפילין אונ
אן ציצית רעט אויף אים ניט די רעכטי אמונה אונ עס טוט זיך
ון אים זיין יראת שמים אונ זיין תפלה ווערט ניט אן גנומען
פאר הקב"ה :

א את עשו בנו הגדול רבי אלעזר הייבט אן אשרי אדם עוז לו בך מסילות
בלבבם וואל צו דעם מענטש וואס ער הט בטחון אין הקב"ה ניט
יי חנניה מישאל ועזריה האבן תחלת גיזאגט דר גאט וואס מיר
אים וועט אונז מציל זיין · קום אונ זעה אז הקב"ה טוט ניט קיין
עם מענטשן וואס פאר לאזט זיך אז מען זאל אים טאן איין נס
ם אז זיי האבן גזעהן עס איז שלעכט וואס זיי האבן גזאגט האבן
קף תרטה גהאט אונ האבן גזאגט דר מלך זאל וויסן הן הקב"ה
וועט אונז מציל זיין והן ער וועט אונז ניט מציל זיין וועלן מיר זיך
אלץ ניט בוקן צו דיין עבודת כוכבים דרום זאל זיך א מענטש ניט
פר לאזן אויף איין נס נאר ער זאל זיך פאר זיכערן אונ שטארקן אין
דר אמונה פון הקב"ה ער זאל אים העלפן צו גיין אין זיין וועג ווארום
אז א מענטש קומט זיך מטהר זיין אויף דר וועלט העלפט מען אים
פון אובן דרום שטייט עוז לו בך מסילות בלבבם וואל צו דעם מענטשין
וואס שטארקט זיך נאר אין הקב"ה ניט אין קיין אנדרן כדי ער זאל
גיין אויף דעם וועג פון השי"ת בכל מקום ווי ער דארף · נאך איין פשט
איז צו שטארקן זיך אין דר תורה וואס זי הייסט עוז אזו שטייט ה' עוז
לעמו יתן וואל דעם מענטשן וואס לערינט תורה נאר לשם שמים ווארום
אז ער לערינט ניט לשם שמים וואלט אים בעסער גיוועזן אז ער
וואלט גאר ניט גיבארן גיווארין דען ער איז נאר באשאפין גיווארן
לערנען תורה אונ צוא פאר שטיין דיא גדולה אונ דיא מעלה פון
השי"ת קום אונ זעה די מעשים פון יעקב זענען גאנץ גיוועזן צו גאט
דרום האט זיך דיא שכינה פון אים ניט אפ גיטאן אונ אז יצחק האט
גירופין עשו צוא בענטשין האט דיא שכינה מודיע גוועזן צוא רבקה
אונ זיא האט מודיע גוועזן צוא יעקב דען אוב עשו וואלט חס ושלום
גיבענטשט גיווארין פון יצחק וואלט יעקב חס ושלום קיין שליטה
ניט גיהאט אויף דער וועלט אפילו איין טאג דרום איז דאס אלין
גיוועזן פון הקב"ה אז אזו זאל זיין עס שטייט ורבקה אוהבת את יעקב אונ
ווייל זי הט אים ליב גיהאט דרום הט זיא אים גיהייסן מאכין צווייא
ציקעלעך אונ עס איז גיוועזן ערב פסח וואס דעמאלט איז מען
מבער דעם חמץ דס מיינט מען דעם יצר הרע דרום הט זי גימאכט
צווייא תבשילין רבי יהודה זאגט דאס הט מרמז גיוועזן אז אום יום
כפור וועט מען מקריב זיין צווייא ציקעלעך איינם לה' אונ איינם
לעזאזל דרום הט יעקב גינומן צוויי ציקעלעך איינם מקריב זיין צוא
הקב"ה אונ איינם מכניע זיין עשו מיט זייני חיילות אונטער יעקב
דרום שטייט שני גדיי עזים אונ יצחק הט פון ביידי גיגעסן ויבא לו יין ער
האט אים גיבראכט דעם יין העדיון הקודש פון דעם גן עדן ותקח רבקה את
בגדי עשו וגו' אשר אתה בבית די קליידר הט עשו צו גינומן ביי נמרוד זיי
זענען גיוועזן די קליידר פון אדם הראשון וואס השי"ת האט זייא אים
גימאכט אונ נמרוד פלעגט חאפן חיות מיט זיי דען אויף די קליידר
איז גיוועזן אויס גימאלט אלי חיות פון דער וועלט פלעגן דיא חיות
זיך אהין איין זאמלן אונ עשו האט מיט נמרוד איבער דיא קליידער
מלחמה גיהאלטן ביז ער הט אים גיהרגעט אונ הט די קליידער צוא
גינומען דרום שטייט ויבא עשו מן השדה והוא עיף ער איז גיוועזן מיד פון
רציחה אונ עשו פלעגט אויך גיין מיט דיא קליידער חיות חאפן אונ
ער פלעגט זיי תמיד געבן בהאלטן צו רבקה אונ אין דעם טאג הט
ער זיי ניט מיט גינומן דרום הט זי זיי גיגעבן צו יעקב אונ ווען עשו
פלעגט זיי אן טאן פלעגין זיי ניט שמעקן אבר אז יעקב הט זייא אן
גיטאן האבן זייא גישמעקט פון דעם ריח גן עדן יעקב איז גיוועזן די
נשמה אונ דאס שיינקייט פון אדם הראשון זענין דאך דיא קליידר
ווידר גיקומן אויף זייער ארט דרום האבין זייא גישמעקט ווי אין גן
עדן זאגט רבי יוסי מיר האבין דאך גילערינט אז דאס שיינקייט פון
אדם הראשון האט טונקיל גימאכט דאס ליכטיקייט פון דר זון איז
יעקב דען אויך גיוועזן אזו שיין זאגט רבי אלעזר דאס איז גיוועזן
איידר אדם הט גיזינדיגט הט קיינר ניט גיקענט קוקן אין דיין צורה

אריין נאך מער ווי אין דר זון אבר אז ער הט דר נאך גיזינדיגט איז טונקיל גיווארין זיין צורה אונ זיין הויך איז נאר גיווארין הונדערט איילין • ווייטר זאגט ער גרויסי סודות פון דעם שוינקייט • אונ אז יצחק הט גישמעקט דעם ריח הט ער גיזעהן אז ער איז ראוי צו די ברכות אבער ווען ער וואלט ניט שמעקען וואלט ער אים ניט גיבענטשט דרום שטייט וירח את ריח בגדיו ויברכהו ער האט גישמעקט דעם ריח פון זייני קליידר דרום הט ער אים גיבענטשט ויאמר ראה ריח בני אטייל זאגין דס גייט אויף יצחק ער הט דס גיזאגט • אונ אטייל זאגין ווען עס שטייט ניט ויאמר יצחק אונ עס שטייט סתם • ויאמר גייט דס אויף דר שכינה די שכינה הט גיזאגט זעה דער ריח פון מיין זון איז כריח שדה אזו וויא דער ריח פון דעם גן עדן ווס הייסט שדה דרום ויברכהו האט ער אים גיבענטשט :

ויתן לך האלהים מטל השמים רבי אלעזר הייבט אן עס שטייט שיר המעלות אל ה' בצרתה לי קראתי וגו' די שירה הט יעקב גיזאגט ווארום בשעת יצחק הט גיזאגט צו יעקב גינעהן אהער וועל איך דיך טאפין צו די ביסט עשו איז ער בשעת מעשה גיוועזן אין אגרויסער צרה ער זאל אים גיט דר קענן דרום האט ער מתפלל גיוועזן צוא גאט אונ האט גיזאגט בצרתה לי קראתי ויענני איך האב גירופין צו גאט אין מיין צרה אונ ער הט מיר גיענטפערט אונ איך בעט דיך זייא מיך מציל משפת שקר מלשון רמיה דס איז עשו דער נחש הקדמוני דען ער הט מיט זיין רמאות דס הייסט לשון רמיה גיבראכט קללות אויף דר וועלט מיט דעם ווס ער האט אדם הראשון אן גירעט צו איין עבירה • קום אונ זעה בשעת יצחק האט גיזאגט צו עשו גיי אין פעלד אונ חאפ מיר איין חאפונג ווען ער וואלט זאגין ואברכך וואלט גינוג גיוועזן אבר אז ער הט גיזאגט לפני ה' פר גאט וועל איך דיך בענטשין באותו שעה איז דר ציטרט גיווארין דר כסא הכבוד אונ הט גיזאגט היינט וועט עשו דר נחש הקדמוני נעמן אלי ברכות אונ יעקב ווס ער איז אדם הראשון זאל בלייבן אזו באותו שעה איז גיקומין די שכינה מיט מיכאל פר יעקב אונ אז יעקב איז אריין גיגאנגן איז דער גן עדן אויך מיט אים אריין גיגאנגן אונ אז עשו איז אריין גיגאנגן איז דר גיהנם מיט אים אריין גיגאנגן דרום שטייט ויחרד יצחק חרדה גדולה ער האט זיך זייער דער שראקן ער הט ניט גיוויסט אז עשו איז אזו פיל אין דר טומאה דרום האט ער גיזאגט גם ברוך יהיה איך האב רעכט גיטאן ווס איך האב גיבענטשט צוא יעקב ווארום פון דיא טעג פון אדם הראשון אן איז ראוי גיוועזן אז יעקב זאל נעמן די ברכות פון עשו מיט רמאות מדה כנגד מדה ווייל עשו איז גיוועזן דער נחש הקדמוני וואס ער האט גורם גיוועזן קללות מיט זיין שפת שקר ולשון רמיה אוף דעם נחש שטייט ויאהב קללה ותבואהו ולא חפץ בברכה ותרחק ממנו אונ ווידר שטייט ארור אתה מכל הבהמה ומכל חית השדה אונ יעקב איז ארוים פון די קללות ווס אדם הראשון איז גישאלטין גיווארין אונ זייא זענין פאר קערט גיווארין צוא ברכות דרום זאגט דוד המלך מיט רוח הקודש מה יתן לך ומה יוסיף לך לשון רמיה דר נחש האט מרמה גיוועזן צו אדם אונ האט גיבראכט קללות אויף דר וועלט דר נאך איז גיקומין יעקב אונ האט צו גינומן די ברכות ווס ער הט זיי בדארפט האבין אונ איר קללה איז איר גיבליבין ווס דר נחש עסט פילט ער אטעם פון ערד ויתן לך האלהים מטל השמים ומשמני הארץ ער איז גיבענטשט גיווארין פון אויבין אונ פון אונטין בחבור אחד קום אונ זעה בשעת דר נחש הט גיבראכט

די קללות אויף דר וועלט איז די ערד גישאלטין גיווארין אז זיא זאל ניט מאכין וואקסין קיין תבואה אזו ווי עס בדארף צו זיין דרום הט ער אים גיבענטשט משמני הארץ אוך הט אים הקב"ה גישאלטין בעצבון תאכלנה דרום האט ער אים גיבענטשט מטל השמים אונ אנטקעגין דר קללה בזעת אפך וגו' האט ער אים גיבענטשט יעבדוך עמים הקב"ה האט דאס אלץ גיטאן אז יעקב זאל זיין מצד הקדושה זאגט רבי חזקיה מיר זעהן דאך אז יצחק הט צו עשו אויך גיזאגט הנה משמני הארץ יהיה מושבך ומטל השמים מעל זאגט רבי שמעון עס איז ניט גלייך איינס צו דעם אנדרן ביא יעקב שטייט ויתן לך האלהים גאט זאל דיר געבין אבר ביא עשו שטייט הנה עס וועט זיין משמני הארץ אונ עס שטייט ניט האלהים דורך גאט אונ ווידר ביי יעקב שטייט מטל השמים ומשמני הארץ אונ בייא עשו שטייט פריער משמני הארץ אונ דר נאך ומטל השמים עס איז פיל אפ גישייד איינס פון דעם אנדרין יעקב האט דיא ברכה כשמים וארץ של מעלה אונ עשו הט משמים וארץ של מטה חאטשי עס שטייט והיה כאשר תריד ופרקת עלו אז יעקב וועט ניט רעכט האלטין די תורה זאל עשו אוועק נעמן די ברכות דס איז נאר לכמטה האט ער גיקענט נעמן • אבער למעלה הט ער ניט גיקענט נעמן ווי עס שטייט כי חלק ה' עמו יעקב חבל נחלתו רבי יוסי הט גיפרעגט צו רבי אלעזר האסטו ניט גיהערט פון דיין פאטר פר ווס די ברכות פון יעקב זענין ניט מקוים גיווארין אונ די ברכות פון עשו זענן יוא מקוים גיווארן הט ער אים דרויף גיזאגט גרויסי סודות :

## פרשת ויצא

ויצא יעקב ויפגע במקום רבי יצחק זאגט ער האט באגעגינט דעם הר המוריה וואס דר נאך איז דארטין גישטאנן דאס בית המקדש אונ ער הט דארטן מתפלל גיוועזן • רבי יהודה זאגט יעקב הט נאך גיקאנט ווייטר גיין ווארום עס איז גיוועזן נאך גרוסער טאג נאר מען הט אים פון אובן ניט גלאזט • רבי יוסי זאגט ער הט דארטן מתפלל גיוועזן ווארום עס הט אים זייער באנק גיטאן נאך וואס די בני עשו ציילן דס יאר נאך דר זון אונ זייני קינדר ציילן נאך דר לבנה ווארום עשו איז דר עלטערער ברודר ער הייסט גדול ציילט ער צו דר זון ווס זי איז גרעסר אזו ווי עס שטייט את המאור הגדול אונ יעקב ווערט אן גירופן קטן דרום ציילט ער וועדליג די לבנה דאס זיא ווערט אן גירופן קטן ואת המאור הקטן לממשלת הלילה דרום האט אים באנק גיטאן ווס הקב"ה הט ביי אים צו גינומן דיא מעלה פון דר זון דרום שטייט וילן שם כי בא השמש ווילן איז טייטש קריגן ער האט זיך מתרעם גיוועזן כי בא השמש ווס הקב"ה הט ביי אים צו גינומן די מעלה פון דר זון אונ האט דארטן אפ גיגעבן צוא עשו מיד תיכף ויקח מאבני המקום האט ער גינומן דיא שטיינר פון צוא קאפן זיך מצער זיין אזו וויא משה האט גיטאן אז ער הט מלחמה גיהאלטין מיט עמלק שטייט ויקחו אבן וישימו תחתיו וישב עליה :

ויחלום והנה סולם מוצב ארצה רבי יצחק איז אמאל גיזעסן דער וייל איז דורך גיגאנגן איין מענטש מיט צווייא קינדר זאגט איינר צו דעם אנדרן די וועלט וואלט קיין קיום ניט גיהאט ווען ניט דר ווינט אונ ער איז מגלה גרוסי סודות זאגט רבי יצחק אזעלכי טייערי סודות זענן ביי אייך אונ איך זאל מיט אייך ניט גיין • זאגן זיי דו גייא דיר דיין וועג אונ מיר מוזן גיין אין שטאט אריין אין אוף דר חתונה פון מיין

קינד

# פרשת ויצא

קינד איז רבי יצחק אוועק גגאנגן און איז גיקומן פר רבי שמעון און האט אים דר ציילט די גרויסי סודות פון זיי · זאגט רבי שמעון זייא האבין רעכט גיזאגט די רייד זענן פון די איינקלעך פון רבי צדוק חלשא דרום הט מען אים גירופן חלשא דם הייסט שלאפקייט ווייל ער האט גיפאסט פערציג יאר אז ירושלים זאל ניט חרוב ווערן ער האט מפורש גיוועזן אויף איטליכר זאך פון דער תורה גרויסע סודות און האט מוסר גיוועזן צו דיא קינדר · אין אקליינר צייט ארום האט רבי יצחק ווידר בגעגינט דעם מענטשן מיט איין זון הט ער אים גפרעגט וויא איז דער אנדערר האט ער אים גיזאגט איך האב אים חתונה גימאכט איז ער גיבליבן אין שטאט ביי זיין שווער · ווי ער הט אים דר קאנט זאגט ער צו אים פר ווס האסטו מיך ניט גיבעטן אויף דר חתונה האט ער אים גיזאגט דא שווער איך אז איך האב דיך ניט גיבעטן אויף דער חתונה איבר דרייא טעמים איינס איך האב דאך דיך ניט גיקאנט טאמר ביסטו איין גרויסער מענטש וועל איך דיר ניט קאנן אן טאן כבוד אזו ווי מען דארף און דם אנדרי מיר זענין גיוועזן איילינדיג אין וועג האב איך דיך ניט גיוואלט מטריח זיין און דם דריטי כדי דו זאלסט ניט פר שעמט ווערן ווארום ביי אונז איז דר מנהג דר וואס עסט אויף סעודת חתן וכלה גיט ער זייא מתנות טאמר האסטו ניט קיין געלט וואלסטו דאך פאר שעמט גיווארן · האב איך אים גיזאגט הקב״ה זאל דיך אזו בן זיין לטובה · פרעג איך אים וויא אזו איז דיין נאמן זאגט ער צדוק זוטא עס הייסט דר קליינר צדוק אין דר צייט האב איך פון אים גילערינט דרייצעהן סודות אין דר תורה און דרייא סודות האב איך גערינט פון זייני זין דעם סוד פון נבואה אין דעם סוד פון חלום און וואס איז דער חילוק צווישען נבואה אדר חלום און פר ווס איין נבואה איז נאר אויף איר ארט ווי אהין זיא גיהערט אבר דער חלום איז אויף דער גאנצר וועלט צוא איטליכן נאך זיין מדריגה אזו ווי עס שטייט ויחלום והנה סולם מוצב ארצה הט ער דרויף גיזאגט גרויסי סודות :

אם יהיה אלהים עמדי פרעגט רבי יהודה אמער הקב״ה הט גיזאגט צוא יעקב אזו פיל הבטחות און ער זאגט אויב הקב״ה וועט זיין מיט מיר בלשון ספק נאר ווייל עס איז גיוועזן איין חלום ווס דר שטייגר איז פון אים עס זאל זיין אביסיל אמת און אביסיל שקר דרום האט ער גיזאגט אז עס וועט מקוים ווערין וועל איך וויסן אז עס איז אמת רבי חייא מיט רבי חזקיה זענען גיזעסין אונטער איין בוים איז רבי חייא אנטשלאפין גיווארן הט ער גיזעהן צו אליהו זאגט אים אליהו פון אייער תורה לייכט דם גאנצע פעלד און אצונד בין איך גיקומען דיר זאגין אז ירושלים וועט באלד חרוב ווערין מיט אלי ערטר פון די חכמים אצונד האט מען גיגעבין רשות צו דעם ס״ם ער זאל חרוב מאכן ירושלים מיט אלי שטארקי פון דר וועלט דרום בין איך גקומן צו די חכמים מודיע זיין אז מען הערט אוף צו לערנן גייט אוועק דם לעבן פון דר וועלט דרום זאלט איר מיט אייער לערנן דר לענגערין די יארין פון ירושלים דען די תורה איז איין עץ חיים ווען די חכמים לערנן הט דר ס״ם קיין שליטה ניט דרום שטייט הקול קול יעקב דם איז די תורה ווס זיא הייסט קול יעקב אבר ווען זיי לערנן ניט איז שולט והידים ידי עשו דער וויל הט זיך רבי חייא אויף גיכאפט און דר ציילט דם די חכמים · זאגן די חכמים דם ווייסט איטליכר אזו שטייט אם ה׳ לא ישמר עיר מיינט מען די תורה ווס זיא הייסט מיט דעם שם הוי״ה אז זי היט ניט שוא שקד שומר העלפין ניט אלי שטארקי שומרים :

וירא והנה באר בשדה רבי יהודה הייבט אן עס שטייט מזמור לדוד בברחו מפני אבשלום בנו איז דאך קשה אז איינזון יאגט נאך און וויל הרגנן דארף מען דאך צו וויינן ווארום הט ער גיזונגן נאר דוד המלך האט גמיינט אז הקב״ה וועט אים שטראפן אויף יענר וועלט פר דעם חטא פון בת שבע היינט אז ער הט גיזעהן אז מען בצאלט אים אויף דר וועלט האט ער זיך זייער גיפרייט · און ווידער ער האט גיזעהן אז גרעסערי פון אים זענן אויך אנטלאפן גיווארין פאר זייערי פיינט · יעקב איז אנטלאפן פר זיין ברודר עשו אזו ווי עס שטייט ויברח יעקב שדה ארם משה איז אנטלאפן פר פרעה אזו וויא עס שטייט ו ברח משה מפני פרעה נאך מער יעקב מיט משה זענען אליין אנטלאפין און מיט דוד זענן אנטלאפן אלי גרוסי לייט און זענן גישטאנן פון אלי זייטן צו היטן אים דרום הט דוד גיזונגן שירה :

ותצא לאה לקראתו ותאמר אלי תבא איז דאך קשה דאס ווייזט אום ווי איין עזות ריידן אזעלכי רייד· נאר פונדאנן לערנן מיר אפ איר גרויס פרומקייט דען זיא הט דם ניט גיזאגט איר שוועסטר רחל אין דיא אוגין נאר זי איז אים אקעגין גגאנגן און הט אים דם גיזאגט שטילר היט ער זאל דער פון אוך וויסן אז עס איז מיט דעם ווילן פון רחל אזו ווי עס שטייט כי שכור שכרתיך נאר זי הט מורא גהאט איר שוועסטר רחל זאל ניט פר שעמט ווערן און ווידר ווייל איר גיצעלט איז פריר גוועזן פר רחלס גצעלט דרום איז זיא גגאנגן אנטקעגן אים כדי רחל זאל גאר ניט וויסן און זיא זאל ניט דארפין ארין גיין צוא רחל אין גצעלט ארין · און ווידר לאה הט זיך גטראכט אפילו עס הייסט ניט קיין עזות אים ארויס רופין פון רחלס גיצעלט איז אבער ניט כדאי אזעלכס טאן אנטקעגין אשוועסטר איבר די אלי זאכן האט זיא זיך מקדים גוועזן אנטקעגין גיין און זיא הט גזעהן אז דר עיקר השבטים וועלן פון איר ארויס קומן און דרום הט זי זיי גגעבן נעמין על פי סודות של חכמה רבי יוסי זאגט ווי אזו הט זי גוויסט אז יעקב קומט אן נאר דם אייזיל ווס יעקב הט דרויף גירידן הט אן גהובן צו שרייען הט זי דר קענט אז יעקב קומט אן דרום שטייט יששכר חמור גרם דר חמור הט גורם גוועזן זיא זאל אים ארויס גיין אנטקעגן און פון דער נאכט איז גיבארן גיווארן יששכר כי שכור שכרתיך איך האב דיך גידונגן מיט דיא דודאים פון מיין זון איך האב איר גיגעבן איין סגולה צו קינדר אבר יעקב הט גיוואוסט אז קינדר האבן איז נאר גיוועזט אין מזל עליון פון הקב״ה · און ווייטער זאגט רבי יהודה גרוסי סודות אויף דעם פסוק מושיבי עקרת הבית אם הבנים שמחה דרום שטייט ויזכור אלהים את רחל די זכירה איז גוועזן פון השי״ת ניט פון די דודאים :

רבי יהודה און רבי חזקיה זענן גגאנגן פון קפוטקיא קיין לוד זאגט רבי יהודה לאמיר עוסק זיין בתורה אזו ווי עס שטייט הבו גודל לאלהינו זאגט רבי חזקיה מיר זאלן זיין דריי וואלט רעכט גיוועזן איינר וואלט גיזאגט · און צווייא וואלטן צו גיהערט · זאגט רבי יהודה דאס איז נאר ביי בענטשן ווייל אז איינר דר מאנט דעם שם בדארפן צווייא ענטפערן אמן אזו וויא עס שטייט כי שם ה׳ אקרא אז איך וועל דר מאנען דעם שם הבו גודל לאלהינו זאלט איר געבן איין גרויסקייט צו גאט אבר ביי תורה אפילו צוויי לערנן גיבין זייא אויך איין גודל און איין שבח פון דר תורה צו גאט זאגט רבי חזקיה מיר האבן גילערינט עס איז פר האנדן איין זכירה לטובה אזו ווי עס שטייט ויזכור אלהים את נח· ויזכור אלהים

ווען פון אים הט זיך באלד בהעפט צו אים דיא שכינה מיט איהרי הייליגי חיילות אים ארום רינגלען דרום שטייט ויאמר יעקב כאשר ראם מחנה אלהים זה אונ פון די מלאכים הט ער גשיקט צו עשו אזו שטייט וישלח יעקב מלאכים רבי חזקיה פרעגט ווידער אז דיא שכינה מיט דיא מלאכים זענען מיט אים גוועןן ווארום שטייט ויותר יעקב לבדו ער איז גבליבן נאר אליין זאגט רבי יהודה וויל ער הט זיך אריין גבראכט אין איין מקום סכנה דען הט ער גזעהן אז זיי האבן זיך אלי פון אים אפ גטאן אונ ער איז גבליבן אליין אזו ווי עס שטייט קטונתי מכל החסדים ומכל האמת דאס זענען די הייליגי חיילות ווס זיי האבן זיך פון אים אפ גשייד׳ רבי יצחק זאגט דרום האבין זייא זיך פון אים אפ גשייד ווארום עס איז געווען איין גזר מן השמים אז עס זאל צו אים קומען דר שר פון עשו אונ אז זיי וואלטין גוועןן מיט אים וואלט ער ניט גקאנט קומען דרום האבין זיי זיך פון אים אפ גשייד אונ זענען גגאנגן זאגן שירה ווארום עס איז גוועןן זייער צייט צו זאגן שירה דער נאך זענען זייא צוא אים ווידר גקומען דרום שטייט קטונתי מכל החסדים ומכל האמת רבי אבא פרעגט נאך ווס הט יעקב גשיקט זייני מחנות צו עשו ער זאל אים נאך דר וועקין די שנאה נאר יעקב הט גוויסט אז ער איז מקיים כיבוד אב דרום כל זמן דר פאטר הט גילעבט הט ער פר אים קיין מורא ניט גהאט ווארום ער קען אים גאר ניט טאן רבי שמעון זאגט עס שטייט (משלי יב) טוב נקלה ועבד לו מטתכבד וחסר לחם דר פסוק שמועסט פון דעם יצר הרע וואס ער האלט זיך גרויס אונ פיערט דעם מענטשין אויך מיט גרוסקייט דר נאך איז ער אויף אים מקטרג ביז ער פירט אים אריין אין גיהנם אריין דרום שטייט טוב נקלה ועבד לו עס איז בעסר דר וואס פאלגט ניט דעם יצר הרע אונ האלט זיך ניט גרוס נייערט ער וויל תמיד טאן דעם רצון פון השי״ת ווערט דר יצר הרע פר קערט צוא אים פר איין קנעכט אונ דר מענטש הט איבר אים ממשלה אזו ווי עס שטייט ואתה תמשל בו איז דס בעסר מטתכבד פון דעם ווס האלט זיך גרוס וחסר לחם אונ ווערט אן דיא אמונה פון השי״ת וואס זיא הייסט לחם • נאך איין פשט איז עס גייט אויף יעקב אבינו עליו השלום ער הט בעסר גמאכט ווס ער הט זיך מכניע גוועןן צו עשו אונ האט זיך גמאכט ווי איין קנעכט צו אים כדי דר נאך זאל עשו צו אים זיין איין קנעכט מטתכבד וחסר לחם ער הט דר מיט גמאכט אז עשו זאל זיין דר נאך איין חסר לחם דען יעקב האט גיוויסט אז עשו דארף אזו צוא זיין אונ עס איז גוועןן מיט גרוס הכמה ווארום וואלט עשו פר שטיין וואס יעקב הט אים גטאן דר מיט וואס ער הט זיך צוא אים מכניע גוועןן וואלט ער זיך אליין ממית גוועןן אונ וואלט ניט גקומען צו אים ווארום אין דעם איז גוועןן גרוס חכמה דרוף זאגט דר פסוק ה׳ יחתו וגו׳ :

עם לבן גרתי רבי יהודה זאגט נאך וואס האט אים יעקב דר ציילט אז ער הט גוואונט מיט לבן נאר לבן הט גהאט איין שם אויף דער וועלט אז ווער עס פאלט אריין צו אים אין די הענט קען שון פון אים ניט ארויס ער איז גיוועןן דער פאטער פון בעור אונ בעור איז גיוועןן דער פאטער פון בלעם הרשע איז לבן נאך גיוועןן מער פון זייא דען זייא האבין ערשט בייא אים מקבל גיוועןן • וועמן לבן האט גוואלט שלעכץ טאן הט מען זיך פר אים ניט גיקאנט בהאלטין דרום האט יעקב בפוילן דאס ערשטי ווארט עם לבן גרתי מיט אזו איין מענטש ווי די גאנצי וועלט פארכט זיך פר אים האב איך מיט אים גוואונט לאנגי צייט ניט איין חודש אדר איין יאר נאר ואחר עד עתה צוואנציג יאר האב איך מיט אים גוואונט • אפשר מיינסט דוא איך האב פר אים מורא גהאט אונ האב אים גאר ניט גטאן זאג איך דיר ויהי לי שור וחמור דאס זענען די ערשטי קליפות אז זייא באהעפטין זיך אין איינעם קען די וועלט קיין קיום ניט האבן דרום שטייט לא תחרוש בשור ובחמור אונ איך האב זייא מכניע גיוועןן אויך דיא וואס הייסן צאן ועבד ושפחה דאס זענין דיא כוחות הטומאה וואס הקב״ה האט גישלאגין אין מצרים אזו וויא עס שטייט בכור השפחה בכור בהמה האב איך דיא אלע מכניע גוועןן מיד הט זיך עשו פר אים גפארכטן מער ווי יעקב האט פר אים מורא גהאט • עס איז איין משל איין מענטש איז גגאנגן אין וועג הט ער בגעגינט נאך אמענטש פרעגט ער אים פון וואנן ביסטו זאגט ער איך בין מחיל פלוני זאגט ער צו אים גינעהן ניט צו מיר ווארום איך האב אשלאנג טייט ער ווער עס גינעהנט צוא מיר • הט זיך דר מענטש זייער דר שראקן אונ הט זיך אום גקערט צו זיין חיל אונ הט זיי דער ציילט האבן זייא זיך זייער דר שראקין זאגט זייער עלצטר איך וועל גיין צוא אים אונ וועל אים איבר בעטן וויא דער מענטש דער זעהט דעם עלצטין מיט זיין פיעל חיל מראכט ער זיך היינט וועט ער מיך הרגן איז ער אים אנטקעגן גילאפן אונ הט זיך כורע ומשתחוה גוועןן צו אים אונ צוא זיין חיל הט זיך דער עלצטר גטראכט עס זאל זיין אמת אז ער האט אזוי איין ברענדיגין שלאנג וואלט ער זיך צו מיר ניט גבוקט איז דר עלצטר ביי זיך זייער גרוס גווארן אונ זאגט דר פר ווס ער איז זיך צו מיר אזו שטארק מכניע וועל איך אים ניט הרגין אזו אויך יעקב אבינו האט גשיקט צו עשו זאגן עם לבן גרתי איך האב גוואוינט מיט לבן צוואנציג יאר איך האב ביי מיר אשלאנג ווס טייט מענטשן דס מיינט מען ויהי לי שור והמור אז עשו הט דס דר הערט טראכט ער זיך ווער קען בשטיין אנטקעגין אים ער קאן מיך ממית זיין מיט זיין מויל איך וועל אים גיין איבער בעטין ווי יעקב הט אים דר זעהן ויירא יעקב מאוד ויצר לו דר נאך שטייט וישתחו ארצה ער הט זיך גיבוקט צו אים הט זיך עשו גטראכט עס זאל זיין אמת ווס ער זאגט וואלט ער זיך צו מיר ניט גבוקט אונ איז גווארן ביי זיך זייער גרוס אונ הט אים ניט גהרגת • אויך אז לבן האט אים נאך גיזאגט האט אים הקב״ה גזאגט השמר לך מדבר עם יעקב מטוב עד רע אמער לבן הט דאך ניט גהאט קיין חיל בשעת ער הט אים נאך גיאגט אונ יעקב הט גהאט אגרעסרי מחנה פון אים פר ווס הט ער מורא גהאט אונ הקב״ה הט גמוזט מזהיר זיין צוא לבן דרום הט הקב״ה צו אים גזאגט זאלסט זיך היטן צו ריידן מיט יעקב מטוב עד רע אזו אוך בלעם הרשע אז ער הט גוואלט די ישראל פר לענדן מיט זיין כישוף הט ער דר נאך גיזאגט כי לא נחש ביעקב ולא קסם בישראל ווער קאן זייא עפס טאן אז מיין זיידע לבן הט זיי ניט גקאנט שלעכץ טאן ווי אזוי זאל איך זיי עפס טאן • דרום האט יעקב גזאגט ויהי לי שור וחמור אונ הקב״ה הט מיך מציל גוועןן פון לבן:

וישובו המלאכים אל יעקב לאמר באנו אל אחיך אל עשו איז דאך קשה ווייס איך דען ניט אז עשו איז זיינר אברודר וואס שטייט אחיך עשו האט גידארפט שטיין אחיך אליין אדער עשו אליין נאר אזו איז דר פשט מיר זענען גקומען צו דיין ברודר מיינסטו אפשר ער הט שוין תשובת גטאן אונ גייט שון בדרך הישר זאגן מיר דיר אל עשו ער איז נאך עשו הרשע אזו ווי פריער אונ אפשר מיינסטו ער גייט אליין וארבע מאות איש עמו ער גייט מיט פיר הונדערט מענטשן זיי האבן אזו גיזאגט כדי

ער

ער זאל מורא האבן אונ זאל מתפלל זיין צוא הקב"ה דען הקב"ה
גלוסט צו די תפלות דצדיקים אונ ווערט גקריינט מיט זייערי תפלות
דר מלאך סנ"ד נעמט אלי תפלות פון די ישראל אונ מאכט אקרון
צו הקב"ה נאר עס איז דאך קשה יעקב הט גהאט אזו פיל מלאכים
מיט זיך אונ הט פארט מורא גהאט פר עשו נאר די צדיקים ווילין
זיך ניט סומך זיין אוף איין נס נאר זיי טוען תפלה צוא הקב"ה רבי
יהודה הייבט אן עס שטייט אשרי אדם מפחד תמיד וואל צו די ישראל דס
הקב"ה הט זיי געבן די תורה של אמת דען דורך דעם זענן זיי זוכה
לחיי עולמים דען דר ווס איז עוסק בתורה ציהט הקב"ה אוף אים
חיים עליונים אונ ברענגט אים לחיי עולם הבא אזוי וויא דער פסוק
זאגט (דברים ל"ו) כי היא חייך ואורך ימיך ובדבר הזה תאריכו ימים זי גיט אים חיים
בעולם הזה ובעולם הבא רבי אלעזר זאגט ווער עס איז דא עוסק
אין דר תורה איז זיין טויט ניט דורך דעם יצר הרע ווס ער איז דר
נחש אין דר מלאך המות · נאר זיין טוט איז בנשיקה אזו ווי יעקב
אבינו איז ווי עס שטייט ישקני מנשיקות פיהו דס הייסט דורך גאט אזוי
ווי עס שטייט ביי אהרן וימת על פי ה' דס איז לשון כהעפטן עס כהעפט
זיך דס נפש אין דעם שורש ווס ער הט למעלה דרום די צדיקים ווס
זענן עוסק בתורה אז זיי שטארבן איז זייער גוף ניט מטמא אונ זייא
זענן טהור · אזו ווי די רבנים האבן אמאל גזעהן אליהו איז גשטאנן
אוף איין בית הקברות האבן זיי צו אים גזאגט דר האר איז דאך איין
כהן טארסטו דאך דא ניט שטיין הט ער צוא זיי גזאגט דיא צדיקים
זענן ניט מטמא אז זיי שטארבן · אוך האבן מיר גלערינט אז רבי
איז גישטארבן איז בטל גיווארן די כהונה דס הייסט אפילו כהנים
האבן זיך גימעגט מתעסק זיין מיט אים ווייל קיין טומאה הט אויף
אים ניט גרואט כל שכן יעקב ער איז גוועזן דר עץ החיים נאך ווס
הט ער זיך גיפארכטן אונ ווידר איז קשה השי"ת הט דאך אים גזאגט
והנה אנכי עמך ושמרתיך בכל אשר תלך אונ ווידר איז קשה ער הט דאך ביי
זיך גהאט דיא חיילות ומלאכים הקדושים אלא יעקב האט זיך ניט גוואלט
סומך זיין אוף קיין נס ווארום ער הט גמיינט ער איז ניט ראוי צוא
קיין נס ווייל ער הט ניט מקיים גוועזן קיין כיבוד אב ואם אונ האט
ניט עוסק גוועזן אין דער תורה אונ הט גנומען צווייא שוועסטר אונ
חאטשי מיט דעם אמת הט ער דאך חלילה ניט גזינדיגט אזו וויא
אונזרי חכמים פר ענטפרן דס · פון דעסט וועגן בדארף זיך אמענטש
תמיד פארכטן פאר השי"ת אזו ווי דר פסוק זאגט אשרי אדם מוחר תמיד
קום אונ זעה די תפלות פון די אבות זענן דר קיום פון דר וועלט אונ
אלי מענטשן לעבן דורך זיי אונ עס ווערט קיין מאל ניט פר געסין
דר זכות פון די אבות · אוך ווען די ישראל זענן אין איין צרה זעהט
הקב"ה אין דר צורה פון יעקב ווס זי איז אויבן אום גיקריצט אין כסא
הכבוד אונ דורך דעם הט ער רחמנות אוף דר וועלט אזו וויא דער
פסוק זאגט וזכרתי את בריתי יעקב· יעקב איז גוועזן דם שענקייט פון אדם
הראשון ווס אוף אים שטייט כצלם אלהים עשה את האדם דער וואס האט
גיזעהן צו יעקב הט ער גזעהן די אספקלריא המאירה · רבי יהודה זאגט
איך האב גיהערט אז דר ווס זעהט אין חלום יעקב אום גצירט מיט
זייני מלבושים איז אסימן אז מען האט אים מוסיף גוועזן חיים · רבי
שמעון זאגט מיר האבין שון לאנג גזאגט אז אידער דוד המלך איז
בשאפן גווארן הט ער גאר קיין לעבן ניט גהאט אוף דר וועלט ער
זאלט נאר גיבארן גווארן אונ וואלט תיכף גישטארבן האט אדם

הראשון אים גשענקט פון זייני יארן זיבעציג יאר דען אדם ה
בדארפט לעבן טויזנט יאר הט ער נאר גלעבט ניין הונדערט
דרייסיג יאר דרום זאגט דער פסוק חיים שאל ממך נתת לו אורך ימים
ועד דאס גייט אויף דוד המלך · דען אז הקב"ה האט בשאפן ד
גן עדן אונ הט אריין גיבראכט דיא נשמה פון דוד הט ער גיזעה
אז דוד הט קיין חיים ניט אויף עולם הזה אונ האט אים אזו בשא
חיים ביז השי"ת הט בשאפין צו אדם הראשון הט ער גזאגט דוד
דאך מיין קיום ווארום אד"ם מאכט אדם דוד משה דרום הט ער א
גיגעבן פון זייני יארן דע זיי זענן ביידי איין שורש אונ אז אדם ה
גזינדיגט האבן די אבות אים גמוזט שענקן יארן · אברהם ה
בדארפט לעבן הונדרט מיט אכציג יאר הט ער אים גשענקט פ
יאר יעקב הט אוך אזו פיל בדארפט לעבן הט ער נאר גלעבט הונד
זיבן אונ פערציג יאר אונ ניין אונ צוואנציג יאר הט ער אים גשענק
יוסף הט בדארפט לעבן אזוי פיל וויא יעקב האט ער נאר גלעפ
הונדרט מיט צעהן יאר האט ער אים גילאזט זיבין אונ דרייסיג י
טרעפט דם אן זיבציג יאר נאר יצחק הט אים ניט גלאזין קיין יא
ווייל ער איז ניט גוועזן פון דעם ארט פון חיים אבר די אבות איז גוו
זייער אחיזה אין דעם ארט פון חיים דרום האבן זיי אים גגעבן חיי
קום אונ זעה די תפלה פון יעקב הט אים גהאלפן אז ער זאל נוצ
ווערן פון עשו זיין זכות האט ער ניט גוואלט אפ ניצין ער האט א
גלאזט צו זייני קינדר אונ יעקב הט זיי צו טיילט אוף צווי מחנות
וישם את השפחות ואת ילדיהן ראשונה די שפחות מיט זייערי קינדר הט
גשטעלט צום ערשטן אונ הט גזאגט אם יבא עשו אז עשו ועט קומן
זיי אונ ועט זיי שלאגן וועלין חאטשי דיא איבריגי אנטלופן איז דא
קשה ווי אזו הט דם יעקב גטאן ער זאל שטעלן צום ערשטן די ב
השפחות כדי מציל זיין די איבריגי אלא יעקב האט גזעהן אז די
שכינה הט זיך אפ גטאן פון אהל רחל אונ פון אהל לאה אונ הא
גרואט אויף די בני השפחות האט ער גזאגט איך זעה אז זייא זע
גיהיט פון השי"ת דרום הט ער זיי גשטעלט צום ערשטן אינ דר נ
הט ער אן גהובן מתפלל זיין אונ הט אזו גיזאגט אלהי אבי אברהם ואל
אבי יצחק וגו' קטנתי מכל החסדים יעקב הט גזאגט אלין ווס די האבט מ
צוא גזאגט איז נאר גיוועזן אוף איין תנאי אונ איך בין גבינערט פ
זכיות דען אלין ווס די האסט מיט מיר גיטאן ביז אהער איז נאר גו
פון דיינט וועגן איך בין דעם ירדן אריבר לידיג אונ היינט בין א
צווייא מחנות ביז אהער הט ער מסדר גיוועזן דעם שבח פון הקב
דר נאך הט ער אן גהובן צו בעטן הצילני נא מיד אחי מיד עשו פון דא
לערנין מיר אפ אז אמענטש וויל מתפלל זיין פאר הקב"ה אוף ז
בדערפניש זאל ער פריער זאגן דעם שבח פון הקב"ה אונ דר נא
זאל ער בעטן פון זיינט וועגן אזו וויא יעקב הט גטאן · אוך לער
מיר אפ פון יעקב אז אמענטש זאל ארום זאגן זיין בקשה רעכט א
ווי יעקב הט גזאגט הצילני נא אונ אז די ועסט מיר זאגן איך האב ד
שון מציל גוועזן פון לבן זאג איך דיר מיד אחי אונ אוב די ועסט מיי
אנדרי קרובים זאג איך דיר מיד עשו אונ פר ווס בעט איך דיך כי י
אנכי אותו ווארום איך פארכט מיך זייער פר אים דרום גהער מען ני
כתב מתפלל זיין נאר רעכט ארויס רידן ווייל די מלאכים ווס זענ
מקבל די תפלות קענן כשנה זיין מחמת קטרוג אבער אז ער נוע
מפורש זיין די תפלה וועלן זיי שון ניט קענן כשנה זיין:

בק איש עמו עד עלות השחר רבי שמעון זאגט אמענטש איז דאך נאר
פלייש אונ בלוט ווי קען ער זיך ראנגלין מיט אמלאך וואס ער
נאר רוח אונ אש אזו ווי עס שטייט עושה מלאכיו רוחות משרתיו אש לוהט
א פון דאנין לערנן מיר אפ אז דיא מלאכים קומן אוף דר וועלט
ידן זיי זיך אויך אן איין גוף פון דר וועלט אזו אויך ביי די מלאכים
זענן גקומן צו אברהם אבינו שטייט ויאכלו זיי האבן גגעסן כדי זיי
ן ניט משנה זיין פון דעם מנהג פון דער וועלט אזוי אויך משה
ינו אז ער איז גקומן אוף דעם הימל שטייט לחם לא אכל ומים לא שתה
האט אלי פערציג טעג ניט גגעסן כדי ער זאל ניט משנה זיין פון
ם מנהג פון יענר וועלט אזו אויך דר מלאך הט זיך אן גקלייד אין
ן גוף פון דר וועלט דרום הט יעקב זיך גקענט מיט אים ראנגלן
ן ער איז גיוועזן דער שר פון עשו דרום האט ער זיך גשטארקט
טקעגן יעקב די גאנצי נאכט אונ אז עס איז גקומן אין דר פריא
ן זיין כח שלאף גווארן ווייל זיין כח איז נאר ביי נאכט אונ דר כח
י יעקב איז גווארן גשטארקט ווייל זיין כח איז נאר ביי טאג אזוי
דר פסוק זאגט משא דומה אלי קורא משעיר שומר מה מלילה דס מיינט מען
ו וואס ער הייסט שעיר איז זיין כח בייא נאכט דרום האט דר שר
אגט צו יעקב שלחני כי עלה השחר אונ יעקב הט אים גזאגט איך וועל
ך ניט אוועק שיקן כי אם ברכתני עס וואלט בדארפט שטיין תברכני
אלט די טייטש גוועזן די זאלסט מיך בענטשן וואס שטייט ברכתני דס
ז טייטש די האסט מיך שון גבענטשט אלא יעקב האט צוא אים
אגט די זאלסט מסכים זיין אוף די ברכות וואס מיין פאטר הט מיך
בענטשט אונ די זאלסט ניט מקטרג זיין אוף זיי דרום הט אים דר
ר גזאגט לא יעקב יאמר עוד שמך כי אם ישראל דר מלאך זאגט מיר מוזין
ך דיין ווייל די ביסט אובן גקריינט מיט דר מדריגה פון ישראל
רום שטייט ויברך אתו שם ער האט מודה גוועזן אוף דיא ברכות וואס
חק הט אים גבענטשט · רבי שמעון זאגט עס שטייט ברצות ה׳ דרכי
ש גם אויביו ישלים אתו קום אונ זעה וויא איין מענטש דארף זיך אן
ייטן צו גיין אין וועג פון השי״ת אונ צו לערנן תורה אונ מצות
ן איטליכר מענטש הט צוויי מלאכים וואס זיי זענן תמיד מיט אים
יינר פון דר רעכטר זייט אונ איינר פון דר לינקר זייט אונ זאגן
רות אוף אלי זאכן וואס דר מענטש טוט דאס מיינט מען דעם יצר
יב מיט דעם יצר הרע · איז דר מענטש זיך מטהר אונ גייט אין
טן וועג שטארקט זיך דער יצר טוב אוף דעם יצר הרע אונ דר יצר
רע ווערט צו אים פר איין קנעכט אונ מאכט מיט אים שלום דרום
אגט שלמה ברצות ה׳ דרכי איש הייסט אז דער מענטש גייט אין
עכטין וועג גם אויביו ישלים אתו מיינט מען דער יצר הרע מאכט
יט אים שלום אונ ווערט צוא אים פאר איין קנעכט אונ דער
אכ גייט חלילה אונ דעם וועג פון דעם יצר הרע שטארקט ער
ך אוף דעם יצר טוב אזו ווי עס שטייט טוב נקלה ועבד לו עס איז בעסר
ז דער נקלה דאס מיינט מען דעם יצר הרע איז איין עבד צוא אים
רום ווייל יעקב זענין אלי זייני ווענין גיוועזן צוא הקב״ה אונ זיין
טחון איז נאר גוועזן צוא אים דרום אויביו מיינט מען דער שר של
שו ישליב אותו האט אויך גיט אים שלום גמאכט אונ וויא דער שר
ט אזו גיטאן הט שון עשו אליין אויך גימוזט אזו טאן ער הט מיט
ים שלום גימאכט אונ האט אים מודה גיוועזן אויף די ברכות דרום
גט ער צו יעקב יש לי רב אחי יהי לך אשר לך עס זאל ביי דיר בלייבן די

ברכות אבר ווען דער שר וואלט ניט קיין שלום מאכין וואלט עשו
אויך קיין שלום ניט גימאכט ווארום אלין דינג גיוועגט זיך נאר אין
די שרים של מעלה :

והוא עבר לפניהם וישתחו ארצה רבי אלעזר זאגט עס שטייט לא תשתחוה
לאל אחר כי ה׳ קנא שמו יעקב איז דאך גיוועזן דער אויס דער
וויילטר אונ דר בעסטר פון די אבות ווי קומט דס ער זאל זיך בוקין
צוא דעם רשע וואס ער איז גיוועזן באהעפט אין איין אל אחר
אונ דר וואס בוקט זיך צו אים איז גלייך ווי ער בוקט זיך חלילה לאל
אחר ועסטו וועלין זאגין תעלא בעידניה סגיד ליה דס הייסט איין פוקס
אין דר צייט ווען ער איז איין מלך מוז מען זיך צו אים בוקין עס איז
דאך אבר ניט גלייך דר פוקס איז ניט קיין אל אחר אבר צו איין אל
אחר טאן מען זיך דאך ניט בוקן מען גיט דאך חלילה איין כח אין
דער טומאה · נאר קום אונ זעה דוד המלך האט גיזאגט צוא נבל
הכרמלי ער איז גיוועזן איין רשע ואמרתם כה לחי ואתה שלום וביתך שלום איז
דאך אויך דיא קשיא וויא גישיקט זיך דוד המלך זאל אים זאגן ואתה
שלום מיר האבין דאך גילערינט אז מען טאר ניט קיין רשע שלום
געבין אונ נבל איז דאך גיוועזן איין רשע נאר דוד הט גיזאגט דעם
פסוק צו הקב״ה ואמרתם כה לחי מיינט ער צו דעם חי עולמים הקב״ה וואס
לעבט אייביג אונ נבל הט גימיינט אז ער זאגט דס צו אים ביי יעקב
שטייט וישתחו ישראל על ראש המטה אז יעקב איז שראה גיוועזן הט ער זיך
גיבוקט הט יוסף גימיינט ער בוקט זיך צו אים אונ דר אמת שטייט
דאך על ראש המטה מיינט מען דיא שכינה אזו דא אויך שטייט והוא
עבר לפניהם · הוא · מיינט מען די שכינה איז גיגאנגן פר אים אזו וויא
עס שטייט הוא עשנו הט זיך יעקב נאר גיבוקט צו דער שכינה זיבין
מאל דרום שטייט ניט וישתחו לעשו נייערט עס שטייט עד גשתו עד אחיו
ער האט מער קיין כבוד ניט גיגעבין נאר צו הקב״ה וואול צוא דיא
צדיקים וואס זייערי מעשים זענין נאר לכבוד השי״ת ניט אפ קערין
חלילה פון זיין וועג :

## פרשת וישב

וישב יעקב בארץ מגורי אביו בארץ כנען רבי חייא זאגט עס שטייט רבות רעות
צדיק ומכולם יצילנו ה׳ קום אונ זעה ווי פיל מקטריגים דר מענטש
הט זינט ער קומט אויף דר וועלט ווי באלד ער ווערט נאר גיבארין
קומט שוין דער יצר הרע אונ ברענט אין אים ער איז ערגר פון איין
בהמה ווארום איין בהמה אז זי ווערט גיבארן איז איר טבע זי זאל
אנטלופין פאר פייער אונ היט זיך דער פון אונ איין קינד איז דער
שטייגר לופט אין פייער אריין ווארום עס איז אלין איבר דעם יצה״ר
וואס אין אים איז קערט אום אים צו בייזין אזו ווי עס שטייט טוב ילד
מסכן וחכם דס איז דר יצר טוב וואס ער קומט ערשט צו דעם מענטשן
צו דרייצעהן יאר דרום הייסט ער ילד איין יונג קינד איז בעסר ממלך
זקן וכסיל מיינט מען דעם יצר הרע ער קומט צוא דעם מענטשן תיכף
ווי ער ווערט גיבארן דרום הייסט ער איין אלטר אונ ער ווייסט ניט
ווי אזו זיך צו פירין אזו הט שלמה המלך גיזאגט כסיל בחושך הולך דר
יצר הרע קומט ארום פון דעם ערשטין חושך ער הט גאר ניט געזעהן
קיין ליכטיקייט קום אונ זעה דרום קומט ער פריער צו דעם מענטש
כדי ער זאל מיט אים גיוואונט ווערין אונ ער זאל אים גלויבין דען
נאך אז דער יצר טוב קומט אן קען ער אים שוין ניט גלויבן ער איז
אויף

אויף אים גלייך ווי איין משל אוך האבן מיר גילערינט ווער עס איז
איין קלוגר רשע אז ער הט אמשפט מיט זיין חבר איז ער זיך מקדים
צו דיינים פר זיין חבר כדי ער זאל זיך גרעכט מאכן אזו ווי עס שטייט
צדיק הראשון בריבו דר וואס קומט צום ערשטן איז גירעכט אזו איז אויך
דער יצה״ר וואס ער איז דער נחש אזו ווי עס שטייט והנחש היה ערום ער
איז גיוועזן אקלוגר קומט ער אין ערשטין צו דעם מענטשין מיט דיא
פאלשי טענות דר נאך אז דר יצר טוב קומט איז אים שוין שווער צו
גלובן דרום שטייט וחכמת המסכן בזויה מיינט מען דעם יצר טוב ווארום
ווייל דר יצר הרע איז פריער גיקומן זענן שון דר נאך זייני רייד פר
שעמט דרום וועלכר דיין וואס הערט צו די טענות פון איין בעל דין
איידער דר אנדערר איז גיקומן איז גלייך ווי ער איז מקבל אויף זיך
אלהים אחרים צו דר קדושה נאר אזו ווי עס שטייט ובא רעהו וחקרו דר
אנדערר קומט אונ ווייזט אויס אז עס איז אליץ שקר דס איז דר וועג
פון איין צדיק ער גלויבט ניט דעם יצר הרע וואס ער איז איין קלוגער
רשע נאר ער ווארט ביז דר יצר טוב קומט תאמטשי זיי ליידן פון דעם
יצר הרע פיל שלעכטין איז זייא הקב״ה מציל פון זייני הענט דרום
שטייט רבות רעות צדיק ומכולם יצילנו ה׳ ווארום הקב״ה באגערט אין דעם
צדיק אונ העלפט אים בעולם הזה ובעולם הבא וואול זייער חלק
קום אונ זעה וויא פיל שלעכץ עס איז גיקומן אויף יעקב אבינו ווייל
ער האט זיך ניט גיוואלט באהעפטן אין דעם יצר הרע אונ האט זיך
מרחיק גיוועזן פון אים אונ הקב״ה האט אים גיהאלפין אונ האט אים
מציל גיוועזן פון אלי שלעכץ ביז דער יצר הרע האט זיך דר ווייטרט
פון אים אזו אויך אלי צדיקים ליידין פון אים גרויסי צרות איין צרה
נאך דר אנדערר ביז זיי גייען ארויס פון זייני הענט אונ ירשנן עולם
הבא · יעקב אבינו האט גיזאגט לא שלותי איך האב ניט גיהאט קיין
פריד ביי לבן הארמי דען איך האב ניט גיקאנט ניצול ווערן פון אים
ולא שקטתי אונ איך בין ניש גיווארין גישטילט פון דעם שר של עשו
פריער הט ער מיך זייער מצער גיוועזן דר נאך האב איך גיהאט דעם
צער פון עשו ולא נחתי איך האב ניט גיהאט קיין מנוחה פון צרות
פון דינה אין שכם ויבא רוגז דער נאך האב איך גיהאט דעם צער פון
יוסף וואס איז גרעסר איבר אלי רבי יוסי זאגט עס שטייט הצדיק אבד ואין
איש שם על לב הקב״ה איז משגיח אויף דער גאנצר וועלט אונ אז ער
זעהט אז מענטשין פירין זיך ניט אין רעכטן וועג אונ דר משפט איז
אן גיברייט אויף זייא צוא קומען נעמט ער צוא דעם צדיק פון
צווישען זייא ווארען כל זמן דער צדיק איז צווישען זייא
קאן דר מדת הדין ניט שולט זיין אויף דר וועלט אזו ווי עס שטייט
ויאמר להשמידם לולי משה בחירו דרום שטייט כי מפני הרעה נאסף הצדיק איידר
דס שלעכץ דארף קומן ווערט דר צדיק איין גיטאן כדי ער זאל ניט
קאנען מגין זיין אויף דעם דור קום אונ זעה יעקב איז גיוועזן דער
בעכטר פון דיא אבות אונ ער איז ראוי גיוועזן צוא ליידן דעם גלות
וואס הקב״ה הט גיזאגט צו אברהם בברית בין הבתרים נאר מחמת
ער איז גיוועזן איין צדיק הט ער אויף גיהאלטין דעם מדת הדין אפילו
דר הונגר האט אויף גיהערט פון זיינט וועגן אז ער איז גיקומן קיין
מצרים אזו אויך יוסף וואס ער איז גיוועזן אזו ווי דאס גישטאלט פון
יעקב כל זמן ער הט גילעבט הט זיך דר גלות ניט אן גיהובן אזו וויא
עס שטייט ויסת יוסף הבה נתחכמה לו אזו אויך כל
זמן ד־ צדיק איז אויף דר וועלט קען דר מדת הדין ניט שולט זיין אונ

הקב״ה איז מגין אויף דער וועלט פון זיינט וועגן דרום שטייט ויישב
יעקב בארץ מגורי אביו מיינט מען ער איז אליץ גיזעסין אין דעם פארכט
פון דעם מדת הדין אונ האט אים אויף גיהאלטין :

אלה תולדות יעקב יוסף ווער עס האט גיזעהן דס פנים פון יוסף הט ער
גיזאגט דאס איז די צורה פון יעקב דרום שטייט ביי קיינם ניט
ואלה תולדות יעקב ראובן אדר שמעון נאר בייא יוסף בן שבע עשרה שנה רבי
אבא זאגט הקב״ה האט מרמז גיוועזן אזו וויא יוסף איז אלט גיוועזן
זיבעצין יאר אז ער איז פר לארין גיווארן דרום הט דאך יעקב אויך די
זיבעצין יאר גיוויינט דר פר הט אים הקב״ה אפ גיגעבין זיבעצין יאר
גוטע אין מצרים מיט גרויס שמחה יוסף איז גיוועזן איין מלך אונ
אלי קינדער זענין פר אים גיוועזן דרום שטייט ויחי יעקב בארץ מצרים שבע
עשרה שנה דען דס איז גיוועזן זיין רעכט לעבין :

ויחלום יוסף חלום קום אונ זעה ווען אמענטש וויל זיך לייגן שלאפן זאל
ער פריער אויף זיך מקבל זיין עול מלכות שמים דער נאך
זאל ער זאגן איין פסוק פון רחמים אזו וויא אונזערי חכמים האבין
גישטעלט דאס לייענן פון קריאת שמע דען אז דר מענטש שלאפט
גייט זיין נשמה ארויף אונ שוועבט אויף יענם עולם איטליכר נאך
זיין מדריגה נאך אונ הקב״ה איז מודיע צוא דער נשמה מיט דער
מדריגה פון חלום וואס עס וועט זיין אויף דר וועלט אדר זאכן וואס
ער האט אין זין גיהאט ביי טאג אונ עס איז פר האנדן פיל מדריגות
אין חלום אויך איז פאר האנדן איין מדריגה פון חזיון אונ איטליכר
איז זוכה נאך זיין מדריגה נאך אונ אמענטש טאר זיין חלום ניט
זאגן נאר צוא זיין ליב האבר ווארום עס קען חס ושלום פאר קערט
ווערן אונ דרום ווייל יוסף האט זיין חלום גיזאגט צוא זייני ברודר
וואס האבן אים פיינט גיהאט הט ער גורם גיוועזן אז דר חלום איז אויף
גיהאלטין גיווארן צווייא אונ צוואנציג יאר אבער אז ער וואלט ניט
זאגין פאר זייא ווארט דאס באלד מקוים גיווארן אונ ווידר אז זייא
וואלטן אים כשיידן דעם חלום אנדערש וואלט אויך מקוים גיווארן
נאר זיי האבן אים תיכף גיזאגט המלוך תמלוך עלינו דרום איז דס מקוים
גיווארן נאר אין אלאנגער צייט ארום :

רבי חייא אונ רבי יוסי זענן גיוועזן ביי רבי שמעון זאגט רבי חייא מיר
האבען גילערינט איין חלום וואס מען איז אים ניט פותר איז
גלייך ווי איין בריב וואס מען לייענט זייא ניט דרויף פרעג איך צו
ער ווערט גאר ניט מקוים צו ער ווערט יוא מקוים נאר ער ווייסט
ניט זאגט רבי שמעון ער ווערט יוא מקוים נאר דר מענטש ווייסט
ניט דען עס ווערט אליץ למעלה אוים גירופין עס איז ניט פר האנדין
קיין שום זאך אויף דר וועלט עס זאל ניט הענגן אין איין חלום אדר
איז איין כרוז אזו ווי עס שטייט כי לא יעשה ה׳ דבר וגו׳ השי״ת טוט ניט
קיין שום זאך סיידין ער רופט עס פריער אוים אובין אונ פון דארטן
איז זיך עס מתפשט צו די נביאים אונ אז עס איז ניט דא קיין נביאים
ווייסין דיא חכמים אונ אז קיין חכמים איז אויך ניט דא ווייסט מען
עס דורך איין חלום אונ אז דר חלום איז אוך ניט ווייסט מען עס
דורך עופות השמים :

רבי יהודה הייבט אן עס שטייט תורת ה׳ תמימת משיבת נפש ווער עס איז
זיך מבטל פון דר תורה איז גלייך ווי ער מאכט חרוב די וועלט
קום אונ זעה וויא אמענטש בדארף צוא לערנען תורה דען אז ער
לערינט תורה הט ער חיים בעולם הזה ובעולם הבא קום אונ זעה
אפילו

# פרשת וישב

אפילו דער וואס איז ניט עוסק בתורה אזו וויא עס בדארף צו זיין האט ער אויך איין שכר טוב אויף דר וועלט אונ מען איז אים ניט דן אויף יענר וועלט אזו ווי עס שטייט אורך ימים בימינה ווער עס לערינט תורה לשמה הט ער אורך ימים אויף יענער וועלט וואס זיא הייסט אורך ימים • ובשמאלה עושר וכבוד ווער עס איז ניט עוסק אין דר תורה פון נאטס וועגין הט ער איין שכר טוב אונ שלוה אויף דער וועלט אונ דער וואס לערינט לשמה אז ער בדארף שטארבין גייט דיא תורה פאר אים אונ איז מגין אויף אים כדי דיא שרי הדינים זאלין ניט קענען גינעהנין צוא אים • אונ אז דער גוף ליגט אין קבר היט דיא תורה אים • אונ אז די נשמה גייט ארויף אויבין גייט דיא תורה פאר איר אונ כמה שערים ווערין צו בראכין פר איר ביז זיא קומט אויף איר ארט אונ דיא תורה שטייט אויף דעם מענטשין ביז ער וועט אויף שטיין צוא תחיית המתים אונ די תורה איז אמליץ יושר פאר אים אזוא וויא דער פסוק זאגט בהתהלכך תנחה אותך בשכבך תשמור עליך והקיצות היא תשיחך • בהתהלכך מיינט מען אז דוא וועסט גיין אין קבר בשכבך מיינט מען אז דו וועסט לערנין אין קבר והקיצות מיינט מען תחיית המתים אז דו וועסט אוף שטיין וועט זי זיין אמליץ יושר אונ פר דיר ריידען דאס הייסט תשיחך רבי אלעזר זאגט היא תשיחך מיינט מען אז דער מענטש וועט אויף שטיין תחיית המתים וועט ער קענן דיא גאנצי תורה אונ וועט זיא ניט פר געסן אונ ער וועט אלץ וויסין וים ער האט פריער גילערינט אונ דם וים ער האט פריער ניט גיקענט משיג זיין אונ רעכט קעניך וועט דס אלץ ארייין גיין אין זיין הארצין אונ וועט אלין קענן אונ גרייכין אונ דיא תורה וועט אין אים ריידין דרום שטייט היא תשיחך רבי יהודה זאגט דער וואס איז עוסק בתורה אויף דער וועלט איז ער זוכה אין איר משתדל זיין אויף יענר וועלט קום אונ זעה דער וואס איז ניט משתדל אין דער תורה אויף דער וועלט אונ גייט בחושך אז ער גייט אוועק פון דר וועלט נעמט מען אים אונ מען ברענגט אים אריין אין דעם אונטרשטין גיהנם וואס ער הייסט בור שאון ושיס היון אזו וויא דער פסוק זאגט ויעלני מבור שאון מטיט היון דרום ווער עס איז זיך ניט משתדל אויף דער וועלט אין דר תורה שטייט דרויף ויקחהו וישליכו אותו הבורה דם מיינט מען דעם גיהנם וואס דארטין איז מען דן דיא מענטשן וים האבין ניט עוסק גיוועזן אין דר תורה דרום שטייט והבור רק דער גיהנם נעמט נאר אזעלכע מענטשן וים זענן גיוועזן ליידיג פון דער תורה וואס זיא הייסט מים אונ אין דעם בור איז פר האנדן אזעלכע משחיתים וים האבין איין פנים ווי נחשים ועקרבים קום אונ זעה וויא אזו עס איז גרוס דר עונש פון ביטול תורה דען ווי פיל עבירות דיא ישראל האבין גיטאן וענן זייא ניט פאר טריבן גיווארן ביז זייא האבין מבטל גיוועזן דיא תורה אונ האבין זיך אפ גיטאן פון איר ווי עס שטייט מי חכם ויבן את זאת על מה אבדה הארץ ויאמר ה' על עזבם את תורתי רבי יוסי זאגט פון דאנין לערנען מיר עס אפ דען עס שטייט לכן גלה עמי מבלי דעת זיי זענן דרום פאר טריבן גיווארן ווייל זיי זענן גיוועזן אן דער תורה וואס זיא הייסט דעת דען אלץ שטייט נאר אויף דעם קיום התורה דיא תורה איז דר קיום פון אלי עולמות עליונים ותחתונים אזו ווי דער פסוק זאגט אם לא בריתי יומם ולילה חוקות שמים וארץ לא שמתי :

# פרשת מקץ

ויהי מקץ שנתים ימים ופרעה חולם רבי יהודה הייבט אן עס שטייט (איוב כ"ח) קץ שם לחושך ולכל תכלית הוא חוקר ארץ אופל וצלמות דר פסוק איז אזו גזאגט גיווארן קץ דם איז דר שטן ער איז דר קץ פון אלי דען ער שוועבט אוף דר וועלט אונ איז דר נאך מקטרג פר הקב"ה אונ ער וויל נאר אלי זאכן פר לענדן ער הייסט אבן נגף ווארום די רשעים ווערן גישטרויכלט דורך אים אונ שטייען אין ארץ עיפתה אין איין גרום פינצטרניש קום אונ זעה ווי איין מענטש בדארף זיך משתדל זיין אין דר תורה דען דורך דר תורה ווייסט ער ווי אזו צו ריידן צו השי"ת דען דיא תורה רופט אום אלי טאג מי פתי יסור הנה אונ אז אמענטש איז עוסק אין דר תורה ווערט ער בהעפט אין דעם עץ החיים אזו ווי דר פסוק זאגט עץ חיים היא למחזיקים בה אונ אז אמענטש איז באהעפט אין דעם עץ החיים אוף דר וועלט איז ער גשטארקט אין דעם עץ החיים אוף יענר וועלט אויך • דען אין דעם עץ החיים איז דאך פר האנדין כמה מדריגות בלעטר אונ צווייגין אונ דר שורש אונ דער גוף פון דעם בוים אונ אלי צדיקים זענן באהעפט אין דעם עץ החיים אטייל אין גוף אליין אונ אטייל אין די צווייגן אונ אטייל אין דיאווארצלען בין כך ובין כך ווערט גפונן אז אלי זענן בהעפט אין עץ החיים אונ ווער עס איז עוסק בתורה איז בהעפט אין דעם גוף אליין עס שטייט מלך במשפט יעמיד ארץ דם מיינט מען דוד המלך ווארום עס שטייט ויהי דוד עושה משפט וצדקה מיט זיין משפט הט ער גמאכט די וועלט זאל איין קיום האבן ואיש תרומות יהרסנה מיינט מען רחבעם המלך• קום אונ זעה אפילו עס ווערט נגזר איין פורעניות אוף דר וועלט ווערט עס אוף גהאלטן בזכות הצדיקים כל זמן דוד המלך הט גלעבט הט ער אוף גהאלטין דעם פורעניות פון דער וועלט אונ אפילו בשעת ער איז גשטארבין שטייט וגנותי על העיר הזאת להושיעה למעני ולמען דוד עבדי אויך כל זמן יעקב מיט יוסף האבן גלעבט הט זיך דר גלות ניט אן גהובן ואיש תרומות יהרסנה מיינט מען פרעה ווייל ער האט גשטארקט זיין הארץ אנטקעגן משה איז חרוב גווארן דאס לאנד מצרים אונ דורך יוסף הט דם לאנד אקיום גהאט אונ דם איז גוועזן דר חלום דרום שטייט ויהי מקץ שנתים ימים ופרעה חולם דם הט גורם גוועזן :

ויהי בבוקר ותפעם רוחו רבי יוסי זאגט דרום שטייט ביי נבוכדנצר ותתפעם רוחו אונ ביי פרעה שטייט ותפעם ווייל נבוכדנצר הט ניט גוויסט דעם חלום מיט דעם פתרון שטייט ותתפעם עס האט אים צוויי מאל גיקלאפט אבר פרעה הט גוויסט דעם חלום נאר דעם פתרון הט ער ניט גוויסט • שטייט ותפעם עס הט אים נאר איין מאל גיקלאפט וישלח ויקרא את כל חרטומי מצרים מיינט מען די כישוף מאכר ואת כל חכמיה מיינט מען דיא שטערין זעהר אונ אלי האבן ניט גוויסט רבי יצחק זאגט האטשי מיר האבן גלערינט אז איין חלום איז וועדליג איטליכם מדריגה • נאר איין מלך איז העכר פון אלי מענטשין דרום איז זיין חלום העכר פון אלי מענטשן דרום שטייט אשר האלהים עושה הראה את פרעה ניט צו קיין אנדרין מענטשין • נייערט צו דיא נביאים וחסידים וחכמים פון דעם דור • עס שטייט אותי השיב על כני ואותו תלה פון דאנן לערנן מיר אפ אז דר חלום איז נאר גיווענט אין דעם מענטשן וואס איז אים פותר ווארום עס וואלט גידארפט שטיין אותי השבת על כני ואותו תלית ווייל ער האט דאך גרעט מיט פרעה אליין דארף ער דאך זאגן מיך האסטו גיזעצט אוף מיין שטול אונ אים האסטו גהאנגען נאר וים דען שטייט אותי השיב על כני דם גייט אויף יוסף ווייל ער האט אזו פותר חלום גיוען איז דאס אזו מקוים גווארן ווארום כל החלומות

חולכין אחר הפה אונ אזו שטייט ויה כאשר פתר לנו כן היה דרום שטייט אותי
השיב דס גייט אויף יוסף ער הט דם גימאכט מיט זיין פתרון :

וישלח פרעה ויקרא את יוסף ויריצהו מן הבור רבי אבא הייבט אן עס שטייט
רוצה ה׳ את יראיו את המיחלים לחסדו קום אונ זעה ווי הקב״ה בגערט
אין די צדיקים ווייל זיי מאכן שלום אובן אונ אונטן אונ זיי פארכטן
זיך פר אים צו טאן זיין ווילין למיחלים לחסדו מיינט מען דיא תלמידי
חכמים וואס לערנן תורה ביי נאכט ציהט אויף זייא הקב״ה ארויף זיין
גנאד ביי טאג אזו ווי עס שטייט יומם יצוה ה׳ חסדו ובלילה שירה עמי מיינט
מען די תלמידי חכמים וואס לערנן ביי נאכט מיט גאנג דרום שטייט
ניט ביראיו אונ עס שטייט את יראיו ווארום עס איז גלייך וויא איינער
באווילינט דעם אנדרין מיט גוטי רייד אזו אויך ווייל יוסף איז גוועזן
טרויעריג אין דער תפיסה דר נאך אז פרעה האט נאך אים גשיקט
שטייט ויריצהו איז טייטש לשון איבר בעטין פרעה האט אים מפייס
גוועזן מיט רייד פון שמחה דר פרייען זיין הארץ :

ויצא יוסף מלפני פרעה ויעבור בכל ארץ מצרים אנדערי מענטשן האבען איין
גזאמלט תבואה איז פר פולט גווארן אבער יוסף הט איין גזאמלט
תבואה אונ זי איז ניט פר פולט גווארן רבי שמעון זאגט הקב״ה הט
אלין מגלגל גוועזן אזעלכי סיבות כדי עס זאל מקוים ווערין וואס ער
הט גזאגט צו אברהם בברית בין הבתרים ועבדום וענו אותם ארבע מאות
שנה וואלט עס גקאנט אום קומן יעקב זאל קומען קיין מצרים מיט
אייזרני קייטן מקיים זיין דעם גלות פון דעם ברית בין הבתרים נאר
מחכמת הקדוש ברוך הוא הט ליב גהאט די אבות הט ער אזו גפירט
אז יוסף זאל ווערין אין מצרים איין מלך איז שון יעקב מיט אלי
שבטים ארין גקומן בכבוד גדול קיין מצרים ומחכמת הקדוש ברוך
הוא הט צו גזאגט צו אברהם זיי זאלן ארוס גיין פון מצרים מיט פיל
געלט דרום הט השי״ת גישיקט איין הונגר אויף דר וועלט דם גאנצי
גאלד אונ זילבר פון דר וועלט זאל קומן קיין מצרים • אונ אזו איז
תמיד דר סדר פון הקב״ה ער שיקט די רפואה פר דר מכה דר נאך
אז עס איז שוין גיווארן מצרים פול מיט כסף וזהב • האט ער ארין
גיבראכט יעקב קיין מצרים מיט גרויס כבוד כדי עס זאל מקוים
ווערין די רייד פון ברית בין הבתרים :

וירא יעקב כי יש שבר במצרים רבי חזקיה זאגט ווען עס איז איין צער אויף
דער וועלט זאל זיך אמענטש ניט ווייזן אויף דער גאס ער זאל
ניט נתפס ווערן דורך זייני זינד דרום האט יעקב גיזאגט צוא זייני
קינדר למה תתראו ווארום זאלט איר גווייזן ווערן פר מענטשן נאך איין
פשט איז אז יצחק איז גישטארבן האט זיך יעקב מיט עשו גיטיילט
מיט דר ירושה הט עשו אפ גגעבן צו יעקב גאנץ ארץ ישראל נאר
אויף דעם תנאי ער זאל אויף זיך נעמן דעם גלות דרום זאגט יעקב
צו די קינדר כי יש שבר למה תתראו דער בראך פון דעם גלות וועט זיין
נאך וואס זאלט איר זיך ווייזן פאר דעם דין של מעלה טאמר וועט
גיפינן ווערין אויף אייך איין קטרוג רדו שמה ער הט זייא מרמז גיוועזן
אז זיי וועלין זיין אין גלות אזו ווי די צאל פון רד״ו דאס הייסט צווייא
הונדערט מיט צעהען יאר :

ויכר יוסף את אחיו והם לא הכירוהו רבי אלעזר זאגט עס שטייט למה אירא בימי
רע עון עקבי יסובני קום אונ זעה עס איז פר האנדן דריי וואס פארכטן
זיך אונ ווייסן ניט פר וואס אזו ווי דיא חכמים זאגן נאר עס איז נאך
פר האנדן וואס פארכטין זיך אונ ווייסי ניט פר וואס • דס מיינט מען

זיי פארכטן זיך פאר זייערי עבירות אונ ווייסן ניט אוב זייא הא
גזינדיגט אונ טראכטן גאר ניט זייא זאלן תשובה טאן בימי רע מי
מען דעם יצר הרע פר וואס הייסט ער בימי רע ווארום ער הט אזע
טעג וואס מען גיט אים רשות ער זאל מענטשן מטמא זיין וואס
האבן אפ גקערט פון דרכי השי״ת דען דר וואס איז זיך מטמא א
דער וועלט איז מען אים מטמא פון אובן דאס הייסן ימי רע אונ
זענן ממונה אויף אזעלכי קלייני עבירות וואס דר מענטש האלט
פר גאר נישט אונ טרעט זיי מיט די פיס זענן זיי אים מטמא ווא
אין וואס פר איין וועג אמענטש וויל גיין אזו פירט מען אים פון א
קומט דר מענטש זיך מטהר זיין איז פאר האנדן אזעלכי וואס ז
העלפין אים דר צו • מיר האבן גלערינט אז דר מענטש שטייט
אין דער פריא דארף ער תיכף דיא הענט וואשן מיט אגרויסר
אונ מקבל זיין די וואסר פון אזו איין מענטש וואס ער האט זיך ש
גיוואשן אויך דארף מען די רעכטי האנט פריער וואשן פר דר לינ
האנט כדי דר צד ימין זאל זיך שטארקן על צד שמאל דאס הייי
דער יצר הרע כדי מען זאל אים ניט געבין איין ארט ער זאל
ושלום שולט זיין אויף אים דעסט גלייכען דארף זיך אמענטש צ
היטן פר די קלייני עבירות וואס ער האלט זיי פר גאר נישט אזו
מיט דעם וואשן חאטשי איין מענטש האלט דס פר נישט זעהן מ
דאך אז אונזרי חכמים האבן אויף דעם זייער מזהיר גוועזן אונ דר
פארכטן זיך מענטשן אונ ווייסן ניט פר וואס דען זיי האבין גילא
דעם צד שמאל מיינט מען דעם יצר הרע זאל זיך שטארקען או
דעם צד ימין בקומט ער אויף אים איין שליטה אונ דיא יסי רע קומ
אונ שרעקין אים דרום פארכט ער זיך • דוד המלך האט זיך ת
גיהיט פר אזעלכי זאכן צו זינדיגן מיט זיי אונ הט תמיד נאך גיזוכ
פר ריכטן די זאכן איידר ער איז גגאנגן מלחמה האלטן דרום הא
ער שון פאר די פיינט קיין מורא ניט גהאט אין דער מלחמה • ק
אונ זעה עס איז גוועזן פיר מלכים וואס איטליכר הט ניט בגערט דע
אנדרינס בגער • דוד הט בגערט ער זאל נאך יאגין זייני פיינט א
זאל זיך ניט אום קערין פון דר מלחמה ביז ער זאל זיי אין גאנצן פ
לענדין פר וואס הט ער גבעטן עס זאל אזו זיין דרום ווייל ער הט ז
אלי מאל גהיט פר די עבירות אונ הט ניט גגעבן קיין ארט די פיינ
זאלן קענן אויף אים שולט זיין דרום הט ער בגערט זיי צו יאגין ני
זיי זאלין אים יאגן מכח זיין זינד • אונ דר מלך אסא הט שון ניט א
בגערט ער הט זיך שון מער גפארכטן חאטשי ער הט אויך מפשפ
גיוועזן זייני מעשים אבר ניט אזו וויא דוד דרום האט ער בגערט צ
ער זאל יוא יאגן זייני פיינט אבר השי״ת זאל זיי שלאגן אזו וויא ע
שטייט וירדפם אסא אסא הט זיי נאר נאך גיאגט אבר השי״ת הט זיי
גישלאגין אבר ביי דוד שטייט ויכם דוד דוד הט זיי אליין גישלאגן פו
איין אבינט צום אנדרין • יהושפט מלך יהודה האט אנדרש בגער
ער הט גיזאגט צו השי״ת איך קען זייא ניט יאגן אונ שלאגן בווורא
ניט • נאר איך וועל מתפלל זיין אונ דו זאלסט זייא שלאגין דען ע
הט זיך ניט אזו מפשפש גוועזן ווי אסא הט אים השי״ת אזו גטאן א
ווי עס שטייט ובעת החלו ברינה ותפלה נתן ה׳ מארבים על בני עמון חזקיהו מל
יהודה הט אנדערש גזאגט צו השי״ת רבונו של עולם איך קען ני
מתפלל זיין אונ כלל שכן נאך יאגין אונ שלאגין דען ער האט זי
גפארכטן פר זייני קלייני עבירות וואס מיר האבן אובן גשריבן הט

הקב"ה אויך גפאלגט אזו ווי עס שטייט ויהי בלילה ההוא ויצא מלאך ה'
סחנה אשור חזקיה איז גילעגן אוף זיין בעט און הקב"ה האט זייא
ית גוועין און פון זיי קען מען זיך איין קל וחומר נעמן ומה דאך
לכי גרוסי צדיקים האבן זיך גיפארכטין פר זייערי עבירות מכל
ן אנדרי לייט געהערין בוודאי מורא האבן ווייל זיי דרום גיהער דאך
לכר מענטש צו היטן אפילו פאר אזעלכי קלייני זאכן און צוא
קן זיין זיי כדי די שלעכטי טעג זאלין אויף אים קיין שליטה ניט
בין דען זיי האבין גאר קיין רחמנות ניט קום און זעה עס שטייט
יוסף את אחיו אז זיי זענן ארייין גפאלין אין זייני הענט האט ער אויף
ג רחמנות גהאט ווייל ער איז גיוועין איין גאנצער מאן מיט אלי
ות אבר שמעון ולוי ווייל זיי האבן גהאט איין אחוה אין דעם דין
שה דרום האבין זייא זיך ניט מרחם גיוועין אויף יוסף אז ער איז
יין גפאלין אין זייערי הענט דרום זאגט דוד למה אירא איך טו מיך
רכטין בימי רע פון די שלעכטי טעג עון עקבי דורך די קלייני עבירות
מען טרעט מיט די פיס דרום שטייט הוי מושכי העון בחבלי השוא דס
טייטש ווי גישריגען אויף די מענטשן וואס זייא ציהען אויף זיך
לכי קלייני עבירות וואס זענען ביי זיי אין די אויגן גלייך ווי אשלאף
ריקיל היינו זיי מיינן אז דס איז גאר קיין עבירה ניט און דר נאך
רט עס כעבותות העגלה אזו וויא דר שטריק פון איין וואגן וואס ער
גראב דען דר שטן ווערט גישטארקט און פירט אים אראפ פון
לם הזה און פון עולם הבא · וואול צו די צדיקים וואס זיי היטן זיך
אלי עבירות און זענען תמיד מפשפש דאס הייסט זייא זוכין נאך
מיר האבן זיי עפיס גטאן טועו זייא דרוף תיכף תשובה כדי עס
ל ניט זיין אויף זיי קיין קיטרוג בעולם הזה ובעולם הבא דען דיא
רה ווייזט זיי דעם רעכטן וועג וואס זאלין גיין אין אים אזו וויא עס
שטייט דרכיה דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום :

מסור אותו לעיניהם פאר זייערי אויגין האט ער שמעון גיבונדין
אבער אז זייא זענין אוועק גגאנגין האט ער אים אפ גיבונדין
ב האט אים גגעבין עסין און טרינקען · אויב דו ווערסט זאגין יוסף
ט דאס איבר דעם גטאן ווייל עס שטייט אם רעב שונאך האכילהו לחם
דיין שונא איז הונגריג זאלסטו אים גיבין עסין חס ושלום אז יוסף
דיק זאל דס איבר דעם טאן דען עס שטייט ווייטר כי גחלים אתה
תה על ראשו נאר ער האט דס גטאן אזו ווי מען גיהער צו טאן צו איין
ודר עס שטייט וימלאו את כליהם בר האט ער אויך דאס אלץ גיטאן
א מען גיהער צוא טאן צוא ברודר · קום און זעה דיא אלי
בין וואס יוסף האט גיטאן צו זייני ברודר און דיא אלי זאכין פון
ף מיט די ברודר נאך וואס האט אזו בדארפט צו זיין דען די תורה
ו איין תורה של אמת עס איז ניט דא אייןווארט אין איר וואס עס
ל ניט זיין סודות עליונים אלא אזו ווי עס שטייט אל תאמר אשלמה רע
ם און זעה הקב"ה האט גמאכט דעם מענטשן ער זאל זיך שטארקן
ין דר תורה און צו גיין בדרך אמת לצד ימין און ניט לצד שמאל
ארום די אחוה פון ישראל איז בצד ימין דרום מוז זיין צווישן זיי
הבה ושלום וואס דאס איז בצד הימין והחסד אבר ניט שנאה
מחלוקת חס ושלום וואדום דורך שנאה ומחלוקת ווערט שלאף דר
ר יכין ח"ו און דרום איז דר יצר טוב מצד ימין און דר יצר הרע
צד שמאל פון דעם מענטשן און דיא ישראל מוזן שטארקן דעם
ר טוב אויף דעם יצר הרע מיט זייערי מעשים טובים און אז דער

מענטש קערט זיך חס ושלום לצד יצר הרע לשמאל ווערט דר יצה"ר
גישטארקט אויף דעם יצר טוב דר יצה"ר דר מנוול איז ניט גאנץ
נייערט פגום אבר דורך די עבירות מאכט מען אים גאנץ דרום זאל
דר מענטש זעהן אז דר יצר טוב זאל ווערן גאנץ דורך זייני מעשים
טובים אבר ניט דר יצר הרע דרום זאגט שלמה אל תאמר די זאלסט
ניט זאגן אשלמה רע איך וועל דעם יצר הרע גאנץ מאכן קוה אל ה' ויושע
לך האף צו גאט ער וועט דיר העלפן אז די זאלסט גיין בדרך הישר ·
נאך איין פשט איז אל תאמר אשלמה רע דיא זאלסט ניט זאגן איך וועל
בצאלן שלעכץ דעם וואס האט מיר גטאן גוטין ווארום עס שטייט משיב
רעה תחת טובה דר וואס בצאלט שלעכץ פר גוטין לא תמוש רע מביתו וועט
זיך קיין שלעכץ ניט אפ טאן פון זיין שטוב חס ושלום אזו אויך
חאטשי יענר האט דיר שלעכץ גטאן זאלסטו אים פארט ניט בצאלן
קיין בייז ווי דען קוה אל ה' ויושע לך האף צו גאט ער וועט דיר דר פר
העלפן און דער פסוק גייט אויף יוסף הצדיק חאטשי זייני ברודר
האבן אים גטאן שלעכץ פון דעסט וועגן האט ער זייא ניט גיוואלט
בצאלן קיין שלעכץ בשעת זיי זענן גוועין אין זייני הענט ווייל ער האט
זיך גיפארכטן פר השי"ת אזו ווי עס שטייט את האלהים אני ירא ער האט
תמיד גיהאפט צו השי"ת און ניט גינוג ער האט זיי קיין שלעכץ ניט
גטאן נאר ער האט זיי נאך גוטס גטאן אזו איז דר סדר פון די צדיקים
דרום האט הקב"ה ברוך הוא אויף זיי חס בעולם הזה ובעולם הבא ·
רבי אבא איז אמאל גיזעסן אויף דעם טויער פון לוד האט ער גזעהן
ווי א מענטש האט זיך גזעצט אין איין גרוב פון איין שטיין ער איז גוועין
זייער מיד פון דעם וועג און איז דארטן אנטשלאפן גווארן דר ווייל
זעהט רבי אבא ווי איין שלאנג גייט צו אים ווי ער איז גקומן נאהנט
צו אים איז אראפ גפאלן איין צווייג פון איין בוים און האט דעם שלאנג
גהרגת ווי דר מענטש כאפט זיך אויף זעהט ער ווי דר שלאנג ליגט
טויט ווי ער איז אויף גשטאנען פון זיין ארט איז אים גיפאלן דר בוים
אונטר אים און ער איז ווידר ניצול גווארן איז רבי אבא גיגאנגן צו
אים און זאגט צו אים זאג מיר דייני מעשים דען איך האב דא גזעהן
ווי השם יתברך האט דיר גטאן צוויי ניסים דס איז גווים ניט אים זיסט
זאגט דר מענטש כל ימי בין איך מיך נוהג אז א מענש האט מיט מיר
גטאן איין רעה האב איך אים ניט גיטאן צוריק קיין רעה נאר איך
האב אים נאך תיכף מוחל גיוועין און ניט דאס אליין נאר פון דעם
טאג אן האב איך מיך משתדל גוועין אז איך זאל אים נאך טאן
טובות ווי רבי אבא האט דס דר הערט האט ער אן גהויבן וויינין און
האט גזאגט דס איז דאך נאך גרעסר פון יוסף הצדיק דען יוסף האט
עס גטאן אנטקעגן זייני ברודר און ער טוט אנטקעגן פרעמדי עס איז
רעכט וואס הקב"ה האט דיר גטאן אזעלכי גרויסי ניסים :

פתח ער האט אן גהויבן עס שטייט (משלי י) הולך בתום ילך בטח דער
מענטש וואס גייט בדרך תורה גייט ער זיכערליך קיין שום דין
קען אין אים ניט שולט זיין ומעקש דרכיו יודע און דר וואס קערט אפ מדרך
אמת און בגערט וואס ביי זיין חבר איז ווערט ער דר קענט אין די
אויגן פון די שרי הדין עס ווערט ניט פר לארין פון זיי זיין גשטאלט
צו ברענגן עס פר הקב"ה און מקטרג זיין אויף אים נוקם צו זיין זיך
אין אים אבר דר וואס גייט בדרך הישר איז הקב"ה אויף אים מגין און
איז מכסה אויף אים די שרי הדינים זאלין פון אים ניט וויסן און דר

מען אים וואל צו די לייט וואס גייען בדרך הישר זיי זענן פר זיכערט
בעולם הזה ובעולם הבא :

# פרשת ויגש

ויגש אליו יהודה רבי אליעזר הייבט אן עס שטייט כי אתה אבינו אברהם לא ידענו וגו' קום אונ זעה הקב"ה הט בשאפן די וועלט אונ איטליכר טאג האט גיטאן זיין ווערג אזו וויא עס איז ראוי גיוועזן אונ אז עס איז גיקומען דער זעקסטער טאג האט הקב"ה גיוואלט בשאפין דעם מענטשין איז גיקומן די תורה פר הקב"ה אונ זאגט רבונו של עולם דעם מענטשן וואס די ווילסט בשאפן איז אן גברייט דר צערנן דיך אונ אוב די וועסט ניט דר לענגרן דיין צארן זאלסטו אים תיכף ניט שטראפן איז בעסר אז דיא זאלסט אים גאר ניט בשאפן · האט איר הקב"ה גיענטפערט ווער איך דען אום זיסט אן גירופן ארך אפים איך דר לענגר מיין צארין אונ שטראף ניט תיכף · אונ אלץ איז בשאפין גיווארן מיט דר תורה דען איידר הקב"ה האט דיא וועלט בשאפין זענן אלי אותיות פון דער תורה גקומן פאר הקב"ה אונ זענין אריין גיגאנגן צוריק על סדר תשר"ק היינו אין ערשטן איז גקומן די ת"ו אונ הט גזאגט רבש"ע איז דיין רצון זאלסט מיט מיר בשאפן דיא וועלט הט הקב"ה גזאגט ניין ווארום דורך דיר זענן דיא צדיקים אן גברייט צו שטארבן אזו ווי עס שטייט והתוית תיו על מצחות האנשים האלה ומסקדשי תחלו לייענט ניט ממקדשי איז טייטש מיין בית המקדש נייערט וממקודשי דס הייסט פון מייני הייליגי צדיקים זאלט איר אן הייבן צוא הרגנן דרום קען איך מיט דיר ניט בשאפן די וועלט · דר נאך זענן אריין גגאנגן די אותיות שר"ק הט מען זיי גיענטפערט איר זייט ניט ראוי מען זאל מיט אייך די וועלט בשאפן ווארום פון אייך לייענט מען אותיות שקר זענן אלי אותיות נדחה גווארן אפילו אות כ"ף וואס בשעת זי איז אריין גגאנגן איז גווארן דר ציטערט צוויי הונדרט טויזנט וועלטן אזו ווי עס שטייט אין זוהר פרשת בראשית ביז עס איז אריין גקומן דס אות בי"ת אונ מיט איר איז בשאפן גווארן די גאנצי וועלט ווייל זי איז איין סימן ברכה דרום הייבט זיך די תורה אן מיט דעם אות בי"ת בראשית חאטשי די אלף איז דס ערשטי אות פון דעם אלף בי"ת איז פארט מיט איר ניט בשאפן גווארין די וועלט ווייל מיט איר ווערט גילייענט דס ווארט ארור וואלט חלילה די קליפות גהאט איין אן האלט מחמת זייא הייבין דעם נאמן · קוט אונ זעה חאטשי דיא וועלט איז באשאפין גיווארין מיט דער מדריגה פון אברהם הט ער פארט זיך ניט משתדל גיוועזן צוא בעטין אויף אונז בשעת הקב"ה האט אים גיוויזין דעם גלות בברית בין הבתרים אויך האט ער גיזאגט לו ישמעאל יחיה לפניך דרום שטייט כי אתה אבינו אברהם לא ידענו וישראל לא יכירנו אונ יעקב חאטשי ביי אים אין דער האנט זענען גיוועזן אלי ברכות הט ער פארט אלי קינדער ניט גיבענטשט נייערט ער הט זייא אפ גיגעבן צו דר שכינה זי זאל זיי בענטשן אזו ווי עס שטייט ויכל יעקב לצות את בניו אונ שטייט ניט לברך ווארום ער הט גבאטן די שכינה זאל זיי בענטשן דיזו די אלי ברכות וואס שטייען אין פרשת ויחי איז ניט גוועזן צו אלי שבטים ווארום מען גיפינט דארטן מער ניט נאר ראובן שמעון לוי דרום הט זיך יעקב אויך צו אונז ניט גמאכט דר קענן נייערט כי אתה אבינו די הקב"ה אליין ביסט אונזר פאטר אונ אונזר משגיח צוא בענטשן אזו ווי איין פאטר איז משגיח אויף זיין קינד זעהן וואס ער דארף גואלנו מעולם שמך דיא בוסט אונזר גואל אזוי שטייט המלאך הגוא[...] דס איז דיין נאמן דרום בעטן מיר לייז אונז אום מיט דיין נאמן אוך זאגן אונזרי חכמים מען טאר ניט מפסיק זיין צווישן גאל ישראל אונ צווישן שמונה עשרה אזוי אויך טאר מען ניט מפסיק זיין צווישן תפילין של יד אונ צווישן של ראש איז אלץ צו ווייזן אז עס איז איינס דרום זאגן מיר גואלנו מעולם שמך די גאולה מוז זיין נאהינט צוא דער תפלה וואס דס איז דיין נאמן · רבי יצחק מיט רבי יהודה זענן גזעסן איין נאכט אונ האבן גלערנט זאגט רבי יצחק צו רבי יהודה איז אזו ווי מיר האבן גילערנט אז הקב"ה הט בשאפן די וועלט אונ דעם גשטאלט פון יענר וועלט כדי עס זאלין ביידי זיין איינס זאגט רבי יהודה בוודאי איז אזו זייא זענן ביידי גלייך אונ האט בשאפין דעם מענטשין איבר אלי אזו שטייט אנכי עשיתי ארץ ואדם עליה בראתי איך האב בשאפן די ערד פון וועגן דעם מענטשן וואס גייט אויף ארום אויף איר דען ער איז דר קיום פון דר וועלט דר נאך הט רבי יהודה גיזאגט גרוסי סודות ווי אזו די נשמה דארף בשאפן ווערן קום אונ זעה אז הקב"ה הט דעם מענטשן בשאפן הט ער איין גיזאמלט ערד פון אלי פיר זייטן פון דר וועלט אונ הט אים גמאכט במקום בהמ"ק של מטה אונ איין נשמה הט ער אים גגעבן פון דעם בהמ"ק של מעלה וואס זיא איז נכלל פון דריי מדריגות היינו נפש רוח ונשמה · נפש איז דיא אינטערשטי מדריגה רוח איז גרעסר פין נפש ער איז דר קיום פון דעם נפש אונ די נשמה איז העכר פון די אלי מדריגות אונ זענן אלי אריין גיגעבן אין דעם מענטשן צו טאן דעם רצון פון השי"ת · אין ערשטן איז ביי דעם מענטשן דר חלק וואס הייסט נפש דר מיט ווערט ער גבארין אונ אז ער איז מטהר דעם נפש אונ האלט אים בקדושה ובטהרה אזוי ווערט ער גיקריינט מיט דעם חלק וואס הייסט רוח דר נאך אז ער ברייט זיך אן צוא דינן להשי"ת איז ער זוכה צוא דעם חלק הנשמה הקדושה די גרעסטי מדריגה פון אלי אונ ער ווערט גיקריינט מיט דר מדריגה הקדושה פון אלי זייטן אונ איז זוכה דורך דעם לעולם הבא אונ הייבט איין ליב האבר צו השי"ת אזו ווי עס שטייט להנחיל אוהבי יש דס מיינט מען די וואס זענן זוכה צו דר הייליגר נשמה · פרעגט רבי יצחק ווי קאן דס זיין אז די נשמה איז אזו אגרוסי מדריגה מיר גיפינין דאך ביא דעם דור המבול שטייט כל אשר נשמת רוח חיים באפיו זענן אום גשטארבן אונ זיי זענין דאך גיוועזן רשעים ווארום שטייט ביי זיי נשמה זאגט רבי יהודה צו אים דר פסוק גייט ניט אויף די רשעים נייערט אויף די צדיקים וואס זענין גוועזן צווישן זייא הייסט חנוך אונ ירד נאך אזעלכי צדיקים זיי זענן גשטארבן אז עס איז נאך גיוועזן טרוקן איידר דר מבול איז גוועזן כדי זיי זאלן ניט האבן קיין צדיק זאל אויף זיי מגין זיין דרום הט זיי הקב"ה פריער אוועק גנומן אויף דעם שטייט נשמת רוח חיים דס מיינט מען די צדיקים זענן גשטארבן פר דעם מבול אז עס איז נאך טרוקין גיוועזן ווייטער זענין דא סודות ביז עס קומט צו דר זאך פון יהודה מיט יוסף וואס זענן ביידי גוועזן צדיקים אונ זי זענן גורם בכה טובות אויף דר וועלט שלום צוא אלי שבטים אונ שלום צו יעקב דס זיין רוח הט אקיום גהאט דורך דעם אזו שטייט ותחי רוח יעקב אביהם : רבי יהודה מיט רבי יוסי זענן גקומן אין דר שטאט כפר חנן ווי זיי זיצן אויף דר הארבריג קומט אריין איין מענטש וואס הט גהאט אין דרוסין איין אייזיל מיט משא זאגט רבי יהודה צוא רבי יוסי מיר האבין דאך גלערנט אז דוד האט נאר גשלאפין וויא איין

ערד דם איז גאר ווייניג וום דען שטייט חצות לילה אקום להודות לך איך
שטיי אויף האלבי נאכט דיך צוא לובן אמער אז ער האט אזו ווייניג
ישלאפן איז ער דאך פריער אויף גישטאנן זאגט דר מענטש צו אים
אז עס איז גווארן נאכט הט ער זיך גיזעצט מיט זייני שרים דן זיין
משפטים אונ הט עוסק גוועןן אין דר תורה ביז עס איז גיווארין ניט
וייט צו האלבי נאכט הט ער גשלאפן ביז האלבי נאכט אונ אז עס
איז גווארין האלבי נאכט איז ער אויף גישטאנן אונ הט עוסק גיוועןן
בתורה אונ אין שירות ותשבחות צו הקדוש ברוך הוא דרום ווייל
דוד המלך איז חי וקים לעולמי עולמים דרום הט ער זיך גהיט אז
ער זאל ניט טועם זיין טעם מיתה דען דר שלאף איז איין זעכציגט
חלק פון דעם טוט אונ פון ניין אונ פופציג מינוט אונ ווייטר איז מען
שון טועם איין טעם מיתה דרום הט זיך דוד גיהיט אז ער זאל ניט
שלאפין קיין זעכציג מינוט כדי ער זאל בלייבין חי אונ ער זאר ניט
שלאפין לענגר מיט איין מינוט כדי ער זאל ניט פאר זוכן דעם טעם
מיתה אונ עס זאל ניט שולט זיין אויף אים קיין שום זאך נאר חיים
עליונים אונ אז עס קומט די מיטן נאכט אונ די קדושה עליונה הייבט
זיך אן מתעורר זיין אונ דער מענטש שלאפט אויף זיין בעט אונ
בגערט ניט צוא דר וועקין זיך אין כבוד הקב"ה איז ער מקושר אין
מות אונ איז בהעפט אין דר טומאה דרום איז דוד אויף גישטאנין
משגיח צו זיין אין כבוד הקדוש ברוך הוא אלי מאל צוא באהעפטין
איין חי מיט דעם אנדרין דען דוד איז חי וקים לעולם · זענן גקומן
רבי יוסי אונ רבי יהודה אונ האבין אים גיקושט אונ האבין אים
גיפרעגט וויא אזוי איז דיין נאמין זאגט ער חזקיה זאגין זיי צוא אים
יתישר חילך ותקן אורחותיך כלומר דיא זאלסט ווייטר גישטארקט ווערין
אין דר תורה זאגט רבי יהודה צוא אים ווייל דיא האסט שוין אן
גיהויבין צו זאגין זאג אונז ווייטר פון דיא סודות עליונים האט ער
זייא גיזאגט גרויסי סודות דער ווייל איז גיקומין רבי אלעזר אז ער
האט זייא דער זעהין זאגט ער דיא שכינה איז בוודאי דא אין וואס
זייט איר עוסק האבן זייא אים דער ציילט דיא גאנצי מעשה זאגט
רבי אלעזר בוודאי הט ער רעכט גיזאגט האבן זיי זיך מתחבר גיוועןן
ין איינם אונ האבען עוסק גיוועןן בתורה הייבט אן רבי אלעזר עס
שטייט ה' אלהי ישועתי יום צעקתי בלילה נגדך קום אונ זעה דוד המלך איז
אויף גישטאנען האלבי נאכט אונ האט עוסק גיוועןן אין שירות
ותשבחות משמח צו זיין הקב"ה דען אויבין הייבין אן האלבי נאכט
כמה מלאכים צו זאגין שירה בשמחה אונ ווי פיל מינים אויף אלע
זייטן לויבן אונ זינגן שירה אונ אז אמענטש טוט אויף דר ערד אוך
לובן אין דר צייט צו גאט בגערט הקב"ה אין אים אונ אלי מלאכים
הקדושים וום זיי לובן צו הקדוש ברוך הוא פר נעמן זיין קול וום ער
לובט צו הקב"ה דען דאס איז דער עיקר שלימות וואס דר שבח פון
הקב"ה גייט ארויף פון דער ערד · קום אונ זעה דוד האט גיזאגט ה'
אלהי ישועתי וגו' ווען איז הקב"ה מיין הילף דעם טאג וום איך פערער
מיך פריער ביי נאכט מיט שירות ותשבחות צו אים דען דער וואס
פעדערט זיך ביי נאכט צו לובן צו השי"ת ווערט ער גישטארקט ביי
טאג פון דעם יד ימין של הקב"ה אונ עס ווערט אויף אים גיצויגן איין
חוט של חסד דרום זאגט דוד ווען איז הקב"ה אויף מיר מושך איין
חוט של חסד צעקתי בלילה נגדך אז איך האב פריער דיא נאכט גישריגן
צו דיר שירות ותשבחות אונ האב עוסק גיוועןן אין דער תורה דרום
זאגט ער לא המתים יהללויה עס גיהערין צו לובן הקב"ה די לעבידיגי ניט
וום שלאפן מער פון ניין אונ פופציג מינוט דען דר מענטש איז אוף
זיך מושך דעם מות אבר ואנחנו מיר וואס שלאפען ניט קיין זעכציג
מינוט איז דאך אויף אונז ניט שולט דר מות נברך יה מיר וועלין לובן
גאט אונ וועלין זיך בהעפטן אין אים וום ער הייסט חי דרום שטייט
ואתם הדבקים בה' אלהיכם חיים כולכם היום זייא זאגען ווייטער גרוסי סודות ·
זאגט רבי יהודה וואול צו די צדיקים זיי זענן מרבה שלום אויף דער
וועלט דען זיי ווייסן מייחד זיין דעם יחוד דען איידר יהודה מיט יוסף
זענן זיך צו נויף גיקומן איז קיין שלום ניט גיוועןן אויף דר וועלט אונ
אז זייא זענען זיך צו נויף גיקומען איז גיווארן שלום אונ שמחה איז
גימערט גיווארין למעלה ולמטה :

ולא יכול יוסף להתאפק לכל הנצבים עליו רבי חייא הייבט אן עס שטייט פזר
נתן לאביונים צדקתו עומדת לעד קרנו תרום בכבוד קום אונ זעה הקב"ה הט
בשאפן די וועלט אונ הט גימאכט גיוועלטיגין דעם מענטשן ער זאל
זיין אמלך איבר אלי אונ פון דיא מענטשן ווערט אפ גשייד כמה
מינים צדיקים אונ רשעים אונ קלוגי אונ נארין אונ אלי זענין אקיום
אויף דער וועלט אטייל זענן עשירים אונ אטייל עניים כדי מען זאל
זיך מזכה זיין איינס פון דעם אנדרן דען דורך צדקה איז דר מענטש
זוכה לחיי עולם אונ ווערט מקושר צו דעם עץ החיים אונ ניט דס
אליין נאר ער איז מקיים די גאנצי וועלט אזו וויא עס שטייט פזר נתן
לאביונים צדקתו עומדת לעד אז ער גיט צדקה איז ער מקיים די וועלט אונ
די צדקה שטייט אייביג אונ ווייטר שטייט רשע יראה וכעס דאס מיינט
מען דיא קליפות דרום שטייט מתן בסתר יכפה אף · אף מיינט מען דיא
קליפות זיי ווערן בטל מחמת צדקה · רבי יוסי הייבט אן עס שטייט
ביי אליהו ויקרא אל ה' ויאמר הגם על האלמנה אשר אני מתגורר עמה הרעות להחיות
את בנה קום אונ זעה צווייא האבן גירעט אנמקעגן הקב"ה משה אונ
אליהו · משה האט גיזאגט למה הרעות לעם הזה ווארום האסטו שלעכץ
גיטאן צו דעם פאלק אונ אליהו האט אויך גיזאגט ווארום האסטו
שלעכץ גיטאן צו מייטן איר זון אונ זיי ביידי האבן גיזאגט איין זאך
משה הט גיזאגט נאך וום האסטו גיגעבן רשות צו דר קליפה וואס
זיי זענן פון דעם יצה"ר אז זיי זאלין שולט זיין אויף דיא ישראל אונ
אליהו הט אויך אזו גיזאגט נאך וום האסטו גיגעבן רשות צוא דער
קליפה זיא זאל צו נעמן די נשמה פון דעם קינד דרום זאגט אליהו
הגם על האלמנה דען הקדוש ברוך הוא הט גיזאגט צו אליהו איך האב
גיבאטן איין אלמנה זיא זאל דיך שפייזן אונ דר וום שפייזט זיין חבר
וום ער איז הונגעריג דר הט איין אחיזה אין דעם עץ החיים אונ איז
גורם חיים זיך אונ זייני קינדר אונ היינט די אלמנה וואס האט מיך
גישפייזט זאל שולט זיין דר רע אין איר קינד · אמער ווען איינר איז
מקיים איין נפש אויף דר וועלט גיהער ער צוא האבן חיים אונ צוא
בהעפטן זיך אין דעם עץ החיים אונ עס זאל ניט שולט זיין אין אים
קיין מות דרום זאגט ער למה הרעות קום אונ זעה אז דר מענטש גייט
לצד ימין אין רעכטן ווענ אזו היט אים הקב"ה אלי מאל אונ דר צד
הרע קען אין אים ניט שולט זיין ער ווערט אונטר גיטאן פאר דעם
מענטשן אבר דער וואס גייט חס ושלום לצד שמאל דר ווערט אפ
גיטאן פון דר שמירה פון השם יתברך אונ אז דר יצר הרע זעהט אז
אויף אים איז קיין שמירה ניט דא אזו איז ער שולט אויף אים אונ
קומט אים פר לענגן אזו נעמט ער אויבן רשות אונ ער נעמט ביי
אים

אים זיין נשמה · משה האט גיזאגט למה הרעות לעם הזה דען עס איז גיגעבן גיווארן רשות צו דעם צד הרע אז ער זאל משעבד זיין מיט די ישראל אין גלות נאך · איין פשט איז למה הרעות ער הט גיזאגט ווי פיל זענן אויס גישטארבן אונ איבר גיענטפערט גיווארן אין דר האנט פון דעם יצר הרע · קום אונ זעה בשעת דר יצר טוב דר וועקט זיך ווערט גפונן כל טוב אונ אלי ברכות אויף דר וועלט אונ עס איז אלץ שטיל דרום זאגט מען ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד שטיל כדי מכוון צו זיין דעם יחוד אזו ווי עס גיהער צו זיין · רבי חייא פרעגט אמער אליהו איז דאך אויך אויף אזו איין מדרגה גיוועזן אז ער האט גוזר גיוועזן אונ הקב"ה האט מקיים גיוועזן דען ער האט גוזר גיוועזן אז עס זאל ניט זיין קיין רעגן איז אזו גיוועזן ווארום הט ער מורא גיהאט פר איזבל דען אז זיא הט גישיקט מען זאל אים הרגנן איז ער אנטלאפן גיווארן וואס האט ער זיך גיהאט פר איר צו פארכטן ענטפערט רבי יוסי ווייל די צדיקים זענן ניט מטריח צו הקב"ה דארט ווי איין היזק איז שכיח אזו אויך שמואל הנביא אז ער איז גיגאנגן זאלבן דוד פר אמלך הט ער גיזאגט צו הקב"ה ווי אזו קען איך גיין דוד זאלבן פר איין מלך אז שאול וועט גיוואר ווערן וועט ער מיך הרגנן האט אים הקב"ה גיזאגט נעה מיט דיר איין רינד אונ זאג דו גייסט מקריב זיין איין קרבן דען די צדיקים ווילן ניט מטריח זיין צו הקב"ה דארט וויא עס איז שכיח איין היזק · ווייטר זאגט ער גרוסי סודות ווס אליהו איז גיווארן איין מלאך שטייט ביי אים והנה רכב אש וסוסי אש ער הט אויס גיטאן זיין גוף אונ איז גיווארן אזו ווי איינר פון די הייליגי מלאכים אזו ווי אנדרי קדושים עליונים זענן אונ טוט אופדר וועלט דם שליחות פון גאט · פריער אז גאט האט זיך צו אים באווייזן אונ הט אים גיפרעגט ווס טוסטו דא אליהו הט ער גיזאגט קנא קנאתי הט אים הקב"ה גיזאגט עד מתי ביז וואנן נאך וועסטו זאגן אז די ישראל זענן ניט פרום ווארום שטייט ויאמר כי עזבו בריתך בני ישראל דיא ישראל האבין פר לאזט דעם ברית זיי זענן זיך ניט מל הט הקב"ה אים גיזאגט דא שווער איך ביי דיין לעבין דער פר ווען דיא ישראל ווערן מקיים זיין דיא מצוה פון ברית מילה זאלסטו דער ביא זיין דרום אז עס איז איין ברית מילה דארף מען מאכן איין שטול צו אליהו אזו אויך וועלכר מענטש ער איז מקנא קנאת ה' צבאות אזו ווי פנחס אונ אליהו האבן גיטן הט דר מלאך המות אין אים קיין שליטה ניט אזו וויא אין אנדרי אונ איז תמיד בשלום אזו ווי עס שטייט ביי פנחס הנני נתן לו את בריתי שלום :

ויפול על צוארי בנימין אחיו ויבך רבי יצחק זאגט אונזערע חכמים האבין גיזאגט יוסף הט דרום גיוויינט ווייל עס וועט צווי מאל חרוב חרוב ווערין דאס בית המקדש וואס שטייט אין זיין חלק אונ ער ווערט אן גרופין צואר · אזו ווי עס שטייט כמגדל דוד צוארך בנוי לתלפיות דער בית המקדש איז גיגליכן צו איין האלז וואס אויף אים הענגט אלי צירונג אונ שונקייט פון דעם גוף אזו איז דר בית המקדש דאס שונקייט פון דער גאנצר וועלט אונ אז דר בית המקדש איז חרוב גיווארן שטייט על צוארנו נרדפנו אויף דעם בית המקדש ווס ער איז דר צואר פון דער וועלט זענן מיר גיווארין נאך גיאגט עס הייסט מיר זענן שוין מיד אים צוא בויען צווייא מאל ולא הונח לנו אונ דייא לאזן אונז אים ניט בויען אונ ער בלייבט חרוב אזו ווי דר האלז אז ער ווערט פר דארבן איז שון דר גאנצר גוף פר דארבן אונ מיאוס אזו אויך אז דר בית המקדש איז חרוב אונ פינצטר גיווארן איז די גאנצי וועלט אויך פינצטר גיווארן אונ לייכט שונית · די הימל אונ ערד אונ שט[...] זענין פינצטר גיווארן דרויף הט יוסף גיוויינט אויך אויף די שבט[...] דען זיי וועלן פאר טריבן ווערין אין גלות אריין ווארום אז דם ב[...] המקדש איז חרוב גיווארען זענן אלי שבטים פאר טריבען אונ צ[...] שפרייט גיווארען צווישען אלי אומות דרום שטייט וינשק לכל אחיו ו[...] עליהם פריער הט ער גיוויינט אויף דעם חורבן בהמ"ק אונ אויף גל[...] פון די עשרת השבטים ואחרי כן דברו אחיו אתו פר ווס שטייט ניט ב[...] זיי אז זיי האבן אויך גיוויינט נאר ער האט דאס אלץ גיוויסט ב[...] הקודש אונ זיי האבן ניט גיוויסט דרום האבן זיי ניט גיוויינט · וה[...] נשמע בית פרעה ווארום שטייט והקול דרום זאגט רבי אלעזר דם איז [...] קול פון היכל ווס הט גיוויינט אויף חורבן בהמ"ק אונ גלות ישרא[...] ווארום דא שטייט והקול אונ דארט שטייט קול ברמה נשמע אזו ווי דאר[...] מיינט מען דעם קול אזו דא מיינט מען אויך דעם קול רבי אלע[...] זאגט עס שטייט נכספה וגם כלתה נפשי לחצרות ה' וגו' קום אונ זע[...] איטלכר מענטש וואס דאווינט שמונה עשרה פאר הקב"ה מוז ע[...] פריער זאגן אנדרי ברכות אלי טאג אונ מתפלל זיין אין דער צייט ווס מען דארף אין דר פריא אונ ביי טאג אונ אויף דר נאכט אונ [...] טאר ניט מאכין הערן זיין קול אין דר שמונה עשרה דר חבר זא[...] הערן אונ ווען ער טוט ניט אזו ווערט זיין תפלה ניט אן גנומן פא[...] השי"ת · וירא את העגלות אשר שלח יוסף ווארום בשעת אז ער איז אוועק פון דעם פאטר האבן זיי גילערינט די פרשה פון עגלה ערופה דא[...] ער אויך היינט דם גישיקט פר איין סימן · קום אונ זעה אז יוסף ה[...] זיך אפ גישייד פון יעקב איז ער אוועק גיגאנגן אן עסין אונ אן ל[...] הייסט בלייטין דרום איז גיוועזן וואס עס איז גיוועזן אונ בשעת יעק[...] דט גזאגט טרוף טורף יוסף שטייט ווייטער כי ארד אל בני אבל שאולה ווארו[...] איך האב דם אליין גורם גיוועזן איך האב גוויסט אז די ברודר האב[...] אים פיינט אונ האב אים פארט גישיקט צו זיי אונ ווידר איך הא[...] אים ניט בלייט וואלט דם אויך גיוועזן אפ גיהיט פון שלעכין אנכי אר[...] עמך מצרימה פון דאגן לערנן מיר אפ אז די שכינה איז גיוועזן מיט די[...] ישראל אין מצרים אונ ווי אהין די ישראל ווערן פר טריבן גייט ד[...] שכינה אויך מיט זייא אונ אז דיא ישראל וועלן ארויס גיין פון דעם גלות שטייט והביאו את כל אחיכם מכל הגוים מנחה דם איז בקיצור ווארו[...] עס שטייט דרויף גרויסי סודות :

# פרשת ויחי

ויחי יעקב בארץ מצרים פאר וואס זענין דיא צווייא סדרות אין איינעמ[...] פר שטאפט עס איז ניט פאר האנדין קיין הפסק אין דר תורה[...] צווישן זיי אזו ווי אנדרי סדרות ווארום אז יעקב איז גישטארבן הט[...] זיך אן גיהובן דר גלות פון מצרים אונ זייערי אוגן זענין פר שטאפט גיווארן איבר דעם גלות מיט דעם שעבוד · רבי שמעון זאגט פריער שטייט וישב ישראל בארץ מצרים אונ דר נאך שטייט ויחי יעקב צו ווייזן אזו ווי זיי זענען גוועזן גיוואונט מיט תענוגי מלכות אזו אויך איז יעקב גוועזן אין מצרים אין תענוגי מלכות דרום שטייען דיא סדרות נאהונט איינס לעבין דעם אנדרן אונ דרום שטייט ויחי דען אלי זייני טעג זענן גיוועזן אין צער אזו ווי עס שטייט לא שלותי ולא שקטתי אבר די טעג ווס ער איז גיוועזן אין מצרים הט ער גיהאט איין גוט לעבן דם איז ביי אים גוועזן דר עיקר לעבן אז ער הט גיזעהן אז דר זון איז איין מלך אונ זיינע

הינדר

...ר זענען אלי צדיקים אונ זענען אין תענוגי מלכות זייא האבין
...בט אזו ווי מלכים אונ ער איז געזעסין צווישן זיי אזו ווי גוטער
...שטייט אוף זיינע היבין שטיל דרום שטייט ניט קיין צווישין
...ר צווישין ויפרו וירבו אונ צווישין ויחי יעקב איינם הייגט אן אין דעם
...ערין ווייל זייא האבין זיך גימערט מיט נחת איז זייער גוט גיוועזן
...ר לעבן • שבע עשרה שנה זאגט רבי שמעון דם ווייזט חאטשע אלי
...ן פון יעקב זענען גיוועזן מיט פיל צער אונ אז ער האט דר זעהן
...ף איז בייא אים גלייך גיוועזן וויא ער האט קיין מאל קיין צער
... גיהאט אונ עס האט זיך אים גידאכט אז ער זעהט רחל
...רום יוסף איז גיוועזן אין איר שיינקייט גלייך מיט איר • אונ
...עת יוסף איז אוועק פון אים איז יוסף אלט גיוועזן זיבצעהן יאר •
... אין גאנצען לעבען האט ער ניט גיהאט אזו אגרויסין צער וויא
...יבצעהן יאר האט ער אלין גיוויינט אויף דיא זיבעצין יאר דרום
...ט אים הקב"ה גיזאגט איך וועל דיר געבין אנדערי זיבעצן יאר •
... ישית ידו על עיניך דוא וועסט האבין אזעלכע זיבעצעהן יאר
...מיט גרויס תענוג דרום שטייט ויחי יעקב בארץ מצרים שבע עשרה שנה :
...יא מיר האבין גילערינט די גאנצע צייט איז דיא שכינה מיט אים
גוועזן ווס זי הייסט חיים דרום שטייט ותחי רוח יעקב אביהם פון דר
...ט אן וואס ער איז גיווארין אז יוסף לעבט האט זיין רוח
...ך גילעבט אבר פריער איז ער גוועזן גלייך וויא אטוטער מענטש
...רום דער רוח הקודש פון אויבין איז ניט שורה אויף דעם וואס
... איז בצער זאגט רבי יוסי דיא שכינה רועט ניט נאר אויף אזו
...ן ארט וואס איז גאנץ אן צער אבער ניט דארט וויא עס איז צער
...ב טרויעריקייט נייארט דארט וויא עס איז שמחה דרום זינט יוסף
...ז פר לארין גיווארין איז יעקב ניט פרייליך גוועזן דרום הט אוף אים
...ט גירוט דיא שכינה • רבי אבא זאגט עס שטייט עבדו את ה' בשמחה
...או לפניו ברננה עס איז ניט דא קיין שום עבודה פר גאט נייערט מיט
...מחה ווייל די שכינה רוט ניט דארטן ווי עס איז קיין שמחה ניט
...א דרום שטייט ביי אלישע והיה כמנגן המנגן ותהי עליו רוח אלהים אז ער
...אט גשפילט אונ איז גווארן פרייליך איז אוף אים גקומן דיא נבואה
פון גאט :

...קרבו ימי ישראל למות פרעגט רבי חייא עס שטייט ויחי יעקב בארץ מצרים
פר ווס ביי זיין לעבין רופט ער אים יעקב אונ ביי זיין טויט
...יפט ער אים אן ישראל אמער ישראל איז דאך אגרעסרי מעלה פון
...עקב אונ אגרעסרי מדריגה • זאגט רבי יוסי עס איז רעכט ווארום
...ם איז דאך קשה ווס שטייט ויקרבו ימי עס האבן גנעהנט די טעג פון
...שראל צו שטארבין אמער אמענטש שטארבט דאך אין איין טאג
...ונ אין איין שעה ורגע עס וואלט בדארפט שטיין ויקרב יום ישראל למות
...ם הט גנעהנט דר טאג פון ישראל צוא שטארבן אלא מיר האבין
...ילערינט אז עס קומט די צייט פון דעם מענטשן צוא שטארבין אזו
...ערן גציילט אלי טאג ווס ער הט גילעבט פאר הקב"ה אונ אז זייא
...עהנן פאר הקב"ה גידאכט אונ גציילט ווערן אזו באלד שטארבט
...ר מענטש • וואול צו דעם מענטשן ווס זייני טעג קומן פר הקב"ה
...ן חרפה אונ קיין שום טאג פון זייני טעג ווערט ניט פאר שטויסן
...מעלה מיט גרוס חרפה וואול צו דיא צדיקים דאס זייערי אלי טעג
...ייען פר הקב"ה דרום שטייט ביי די צדיקים דם ווארט קריבה ויקרבו
...י ישראל ויקרבו ימי דוד זייא האבן גנעהנט אלי פאר הקב"ה אן חרפה

מחמת זיי האבן גטאן אלי טאג מעשים טובים אבער ווייי צו די רשעים
ווס ביי זיי שטייט ניט קיין קריבה זיי זאלן גנעהנן פאר הקב"ה ווייל
זייא זענען מיט חטאים דרום ווערין זייא ניט גציילט פאר הקב"ה אונ
ווערן ניט גידאכט למעלה דען דיא טעג פון דיא רשעים זענן פאר
דארבן אונ גפיינט פר הקב"ה אוף זיי שטייט דרך רשעים באפלה לא ידעו
במה יכשלו אבער ביי יעקב שטייט ויקרבו ימי ישראל זייא האבן גנעהנט אן
חרפה נייערט גאנצי טעג מיט גרוס שמחה ווייל זייא זענן אלי גיוועזן
גאנץ דרום שטייט דא ישראל דאס איז אהעכרי מדריגה אונ אז דוא
וועסט פרעגן עס שטייט דאך ויעקב איש תם אונ תם איז דאך טייטש
גאנץ פון דעסט וועגן שטייט יעקב דער תירוץ איז קריבת הימים איז
אגרעסרי מדריגה פון תם דרום מוז דא שטיין ישראל• רבי יוסי זאגט
בשעת די טעג קומן גציילט ווערן פר הקב"ה איז פר האנדן אמאל
ביי איין זכאי אז זייני טעג זענן רחוק אונ בייא איין זכאי וואס זייני
טעג זענן קרוב אונ ווערן ניט דר ווייטרט אונ זענן נאהענט פר אים
אן חרפה וואול צוא זיין חלק דרום שטייט ויקרבו ימי ישראל זייא זענין
גיוועזן נאהענט :

ויקרא לבנו ליוסף פרעגט רבי יצחק איז דען יוסף אליין גיוועזן זיין זון
אונ דיא אנדערי שבטים ניט אלא זאגט רבי אבא יוסף איז
גיוועזן זיין זון מער פון אלי ווארום מיר האבין גלערינט בשעת דאס
ווייב פון פוטיפר האט אים מצער גיוועזן אז ער זאל מיט איר זיין
שטייט ויבא הביתה לעשות מלאכתו ואין איש מאנשי הבית שם עס וואלט בדארפט
שטיין ואין איש בבית וואלט משמע גוועזן אז קיינר איז ניט גוועזן אבער
היינט איז משמע קיין שטוב מענטשין איז ניט גוועזן אבער אנדערי
מענטשן איז יוא גוועזן אלא די צורה פון יעקב הט זיך דארטן בוויזן
צו אים דרום שטייט מאנשי הבית פון די שטוב מענטשן איז ניט גיוועזן
אבר די צורה פון יעקב איז יוא גוועזן אונ אז יוסף הט דר זעהן די
צורה פון יעקב שטייט פר אים הט ער מיט איר ניט גזינדיגט קום
אונ זעה עס שטייט וימאן ויאמר הט הקב"ה גזאגט דא שווער איך ביא
דיין לעבין ווייל דו זאגסט וימאן דו ווילסט ניט דען דר פר וועט אוף
דיר קומן איין אנדרר וימאן צוא בענטשן דייני קינדר אונ דורך דעם
וועלין זיי גבענטשט ווערן אזו ווי דר פסוק זאגט וימאן אביו ויאמר ידעתי
בני ידעתי ווארום זאגט ער ידעתי צווייא מאל נאר אזו זאגט ער איך
וויים וואול בשעת אז דוא האסט גזעהן מיין צורה אונ האסט ניט
גזינדיגט וויים איך פון דעסט מאל אז דו ביסט מיין זון • נאך איין
פשט איז ווס עס שטייט לבנו ליוסף ווארום ווער עס הט דר זעהן יוסף
הט ער עדות גזאגט אז ער איז דר זון פון יעקב דען זיי האבין ביידי
איין צורה גהאט אונ ווידר מחמת יוסף הט אים גשפייזט אויף דער
עלטר דרום ווערט ער גרופן זיין זון מער פון אלי אונ ער הט גרופן
צו יוסף מער פון אלי ווייל יוסף הט מער מאכט גיהאט ער זאל אים
טראגן קיין ארץ ישראל• רבי יוסי זאגט אמער יעקב הט דאך גוויסט
אז זייני קינדר וועלן דא זיין אין גלות ווארום האט ער ניט גוואלט
באגראבן ווערן אין מצרים אונ האט זיך גהייסן טראגן קיין ארץ
ישראל אמער וואלט דארטן זיין זכות מגין גוועזן עס שטייט דאך
כרחם אב על בנים אונ וויא איז דר רחמנות אז ער האט זיך גהייסן פון
דארטן אוועק טראגן אלא מיר האבן גלערינט בשעת ער האט
גנידרט קיין מצרים הט ער זיך זייער גפארכטן אונ הט גזאגט טאמר
וועלן מייני קינדר חס ושלום דארטן פאר פאלן ווערן אונ וועלן זיך
באהטפכן

בהעפטן צו די מצרים אין, טאמר וועט זיך דיא שכינה אפ טאן פון זי עס שטייט ואמר אלהים לישראל במראות הלילה אל תירא מרדה מצרימה כי לגוי גדול אשימך שם פארכט זיך ניט ווארום איך וועל דיך מאכן צוא איין גרויס פאלק אונ איך וועל דארטן זיין מיט זייא האט יעקב ווידר גיזאגט איך פארכט מיך טאמר וועל איך דארטן בגראבן ווערן אונ וועל ניט זוכה זיין צו באגראבן ווערן מיט מייני עלטרין הט השי"ת צו אים גזאגט אנכי איך וועל דיך אוף ברענגן פון מצרים גם עלה איך וועל דיך אוף ברענגן צו בגראבן ווערן מיט דייני אבות אונ דרום הט ער זיך גהייסן אוף ברענגן פון מצרים קיין ארץ ישראל ווייל ער הט מורא גהאט די מצרים זאלן אים ניט מאכן פר איין אפ גאט אונ ער הט גזעהן אז הקב"ה וועט דר נאך גצאלט ווערן פון אלי אפ געטר אונ ווידר מחמת ער האט גזעהן אז דיא שכינה וועט זיין מיט דיא ישראל דרום האט ער שון ניט בדארפט רחמנות האבן אונ ליגן לעבן זיי • אונ ווידר ער הט גוואלט אז זיין גוף זאל ליגן צווישן דיא אבות ווייל ער איז גוועזן דם שינקייט פון אדם הראשון אונ זיין גוף איז גוועזן פון דעם כסא הכבוד הקדוש דרום הט ער ניט גקענט ליגן צווישן די רשעים אין מצרים נייערט צווישן דיא אבות דען ער איז גוועזן דר כלל פון זיי אברהם ליגט מימין אונ יצחק לשמאל אונ יעקב אין מיטן נמצא איז ער דר כלל פון ביידי דרום שטייט ושכבתי עם אבותי דען עס איז צווישן זיי קיין צווישן שייד ניט דא חס ושלום דרום הט מען אים תיכף בדארפט טראגן אונ ליגן צווישן זייא ויקרא לבנו ליוסף וס בדארף שטיין לבנו אלא ווייל זיין ווילן אונ זיין מחשבה איז נאר גוועזן צו רחל דרום הט ער פון אים מער הנאה גיהאט וויא פון אלי קינדר דרום הט לאה גזאגט צו רחל המעט קחתך את אישי דען דר גאנצר ווילן פון יעקב איז נאר גוועזן אין רחל דרום שטייט בייא יוסף בנו • רבי שמעון הייבט אן עס שטייט הנסתרות לה' אלהינו קום אונ זעה וויא דר מענטש בדארף גזהר זיין פון עבירות אונ זאל זיך היטן ער זאל חלילה ניט עובר זיין דעם ווילן פון השי"ת דען מיר האבן גלערינט אז אלץ וואס דר מענטש טוט אוף דר וועלט ווערט עס אן גשריבן אינאספר אוף יענר וועלט אונ גייט אריין בחשבון לפני המלך אונ אלץ איז אנטפלעקט פר השי"ת אזו וויא דער פסוק זאגט אם יסתר איש במסתרים ואני לא אראנו אונ אז עס איז יוא אזו ווי אזו זאל זיך דר מענטש ניט פארכטן צוא זינדגן פאר זיין הער • אוך האבן מיר גלערינט אז אפילו וואס דר מענטש הט במחשבה צו טאן איין עבירה ווערט אלץ ניט פר לארן פון הקב"ה קום אונ זעה אז יעקב הט זיך מייחד גוועזן אן ערשטן מיט לאה ער הט גמיינט דס איז רחל ווארום רחל הט איר מוסר גיוועזן די סמנים וואס יעקב האט איר גגעבן אונ דעמאלט איז ראובן גבארין גווארין דרום האט ער גזאגט צו ראובן כחי וראשית אוני אבר השי"ת ווייסט דאך אלי פר בארגני זאכן האט ער אוף גבראכט דעם רצון פון יעקב אוף זיין ארט אונ האט גגעבן דיא בכורה פון ראובן צו יוסף ווארום יעקב האט זיך פארט גטראכט עס איז רחל אונ ווייל די מחשבה איז אזו גוועזן דרום הט יוסף גירשית די בכורה וואס ער קומט ארום פון רחל אונ דרום הייסט ער ראובן דס הייסט ראו בן זעהט איין זון אונ הייסט ניט ראו בני זעהט מיין זון ווייל זיא הט דם אלץ גוויסט • מיר האבן גלערינט אז דיא מחשבה פון יעקב איז חס ושלום ניט גוועזן צו זינדגן ער זאל וויסן אז דם איז לאה אונ פראכטן אוף אנדערר אזו ווי דר שטייגער פון דיא רשעים דיא קינדער

ווערין אן גרופן מיט אנדרן נאמן דרום שטייט ויקרא לבנו ליוסף דען
איז זיין זון מתחלה ועד סוף :
בפרשת תרומה שטייט גרוסי סודות פון דיא קליפות אונ איז דאר
מאריך אז קיין קליפות קען ניט אריין קיין ארץ ישראל
דרום די קליפות פון די זיבן אומות וס זענן דארטן גיוועזן אז זיי
נשמות זענן ארום גגאנגן פון זיי הט ארץ ישראל זיי ניט מקבל גו
אונ זי הט זיי דוחה גוועזן ארום אונ זענן ארום גגאנגן ביז זיי זע
ארום גקומן אוס ארץ ישראל אונ די נשמות ישראל וס זענן דאר
גיוועזן זענען אריין גגאנגן לקדושה דען כל מין חוזר למינו אונ ד
נשמות וס זענן ניט אין ארץ ישראל אונ זענן ארום גיגאנגן פון ד
רשות הקליפות גייען זיי ביז זיי קומן אהין וואול צוא דעם מענט
וואס זיין נשמה גייט ארום בארץ הקדושה איז אין אים ניט שו
קיין רוח הטומאה דרום שטייט אז מען הט גהאנגן איין מענטשן ז
מען אים דעם דאזיגן טאג בגראבן כדי מען זאל די ערד ניט מט
זיין ווארום ביי נאכט איז גגעבן גווארין רשות צוא דיא קליפות צ
שוועבן אויף דר וועלט אבר אין ארץ ישראל האבין זייא קיין רש
ניט צוא שוועבן נאר אז זיי האבן איין כלי זיין צוא גיין אהין דו
שטייט כי קבור תקברנו ביום ההוא ולא תטמא את אדמתך וואול דיא גופים
די צדיקים וס זיי האבן זיך ניט אריין גלאזט אין די נארישי תא
פון די קליפות איז אוף זיי די קליפות ניט שולט אבר די וואס גי
נאך תענוגי עולם הזה אונ האבן זיך מטמא גוועזן דעם גוף כ
זייערי מעשים רעים אז די נשמה גייט ארום פון זיי האבן די קליפ
אין זיי איין אחיזה זיי מטמא זיין אבר די צדיקים וס האבן זיך
מאל ניט נאך גגעבן תענוגי עולם הזה נאר אין שבת ויום טוב
דר רוח הטומאה אויף זייא ניט שורה זיין • ווער עס שטארבט
מצרים אונ זיין גוף ווערט טמא פון דעם רוח הטומאה וס ווערט
אים בהעפט קען ער ניט ריין ווערין ביז דר גוף ווערט פר פולט
אז מען ברענגט איין גוף טמא פון מצרים קיין ארץ ישראל אים
בגראבן דארטן זאגט אוף אים דר פסוק אין דעם לאנד איז קיין ו
הטומאה ניט שולט אונ איר ברענגט מיר אריין דעם גוף טמא
זייט מטמא מיין לאנד נאר הקב"ה טוט פון דעסט וועגן איין רפו
צו דעם גוף ער זאל גיך פר פוילט ווערין דהינו ער מאכט ווייען
גוטן ווינט דאס איז דוחה דעם רוח הטומאה פון דעם גוף נאר יו
תאטשי ער איז גשטארבן אין מצרים האט פון דעסט וועגן אוף
ניט שורה גוועזן דר רוח הטומאה ווארום פר זיין לעבן הט ער זיך
גצויגן נאך דעם רוח הטומאה אונ פון דעסט וועגן הט ער פארט
גוואלט מען זאל זיין גוף טראגן קיין ארץ ישראל נאר זייני ביינ
דרום האט ער גזאגט והעליתם את עצמותי מזה מייני ביינר זאלט איר
ברענגן ניט דעם גוף פר וס הט יעקב זיך גהייסן טראגן קיין א
ישראל ווייל ער איז ניט גשטארבן אונ זיין גוף איז גבליבן אין
שטאנד ווייל עס איז ניט גפונן גווארן קיין פסול אין זייני קינדר
צוועלף שבטים מיט זייערי קינדר ביז זיבציג זענן אלץ גוועזן צדי
דרום הט ער זיך ניט גפארכטן פר דעם צד הטומאה ער זאל אוף
שולט זיין • אונ ווידער מחמת זיין שיינקייט איז גיוועזן אין גישטא
פון אויבין אין דאס שיינקייט אונ אלע אברים איז גיוו
אין גישטאלט פון אדם הראשון דרום שטייט ושכבתם עם אבותי ונשא
מצרים איר זאלט דעם גאנצן גוף טראגן פון מצרים קיין ארץ ישר

דרי

חלקיה איז פר האנדן אין דעם מענטשן זיי הייסן נפש רוח ונשמה
לי זענן נכלל אין איינם אונ אין דריי ערטר איז איר כח דר נפש
ן קבר ביז דר גוף ווערט פר פוילט אונ מיט דעם נפש בווייזט
צווישן די לעבדיגי כדי מען זאל וויסן זייער צער אונ צו בעטן
ת אוף זייא · דער רוח גייט אריין תיכף אין גן עדן התחתון אונ
ן ווערט ער אוים גמאלט אין גשטאלט פון איין גוף פון דער
ט אונ הט דארטן הנאה פון זיו הגן אונ אין שבת ויום טוב וראש
ט גייט זי ארוף אין גן עדן העליון אונ הט דארטן הנאה דר נאך
ט זיא זיך ווידר אום צוא איר ארט אונ אויף דעם שטייט והרוח
אל האלהים · אונ דיא נשמה גייט תיכף ארוף אוף איר אורט פון
זיא איז ארוס גינומן גיווארן אונ כל זמן דיא נשמה איז ניט
גיגאנגן אויף איר ארט ווערט דער רוח ניט נקריינט אין
ן התחתון אונ דער נפש ווערט ניט מיושב אוף איר ארט
ז דיא נשמה קומט אוף איר ארט דען האבן אלי מנוחה אונ
וועלט איז בצער אונ מען גייט אוף דעם בית הקברות בעטין
עקט זיך דר נפש וואס אין קבר אוף דעם גוף אונ דר נפש דער
ט דעם רוח אונ דער רוח דער וועקט דיא נשמה · אונ דיא נשמה
לט זיך פאר הקב"ה דענסט מאל האט הקב"ה רחמנות אויף דר
ט אונ כל זמן די נשמה גייט ניט ארויף אויף איר ארט דא גייט
יח אונ שטערט זיך אוף דר טיר פון דעם גן עדן אונ מען עפינט
ט אוף די טיר אזו גייט ער אונ שוועבט אונ קיינר איז אוף אים
שגיח אונ ער זעהט ווי די ווערים עסין דעם גוף אונ ער קלאגט
דעם גוף אונ שוועבט אלץ אוף דר וועלט ביז די נשמה קומט
איר ארט קומן זיי אלי אוך אוף זייערי ערטר דען זיי זענן אלי אן
פט איינס אין דעם אנדרין דר נפש שפייזט דעם גוף אונ איז איין
ל צו דעם רוח דען זי ווערט גישפייזט צו דעם רוח אונ ווערט דר
ט פון אים אונ דר רוח איז איין שטול צו דר נשמה דם דר רוח
ט דר לייכט פון איר ליכט אונ אפילו זיי צו שיידן זיך זענין זייא
ט ניט אין גאנצן אפ גישייד · דר נפש איז ביי דעם גוף אין קבר ·
וח איז אין גן עדן התחתון · די נשמה איז אין גן עדן העליון אונ
מן די ביינר זענן נאך אין קבר איז דר נפש אלץ דארטן אונ דיא
ה ווערט גיקריינט מיט איין הייליגי קרוין אונ דר רוח שטייט
העליון היינו אים שבת ויום טוב וראש חודש לייכט דר נפש
ינקילט פון זיי אונ ווערט מגולה מיט אלי ביינר אזו ווי צו דעם
טין אונ זיי גייען ארוף אונ לובן צו השי"ת אזו ווי דר פסוק זאגט
מותי האמרנה ה' מי כמוך אונ דרום שטייט ניט אומרות נייערט תאמרנה
עלן דר נאך זאגין ה' מי כמוך אונ אז מען זאל געבין רשות צו דיא
זאלן זעהן וואלטן זיי גזעהן אום שבת ויום טוב וראש חודש
יי צורות שטייען אוף דיא קברים אונ זענין מודה ומשבח צוא
ה אבר דס טפשות אונ שטות דאס איז מעכב אז זיי זאלן ניט
אז זענן ניט משגיח אוף וואס זיי שטייען אוף דר וועלט אונ בגערן
משגיח צו זיין בכבוד מלך עליון אוף דר וועלט ומכל שכן בעולם
אונ זענן ניט משגיח צוא וויסן אז דיא נאכט פון ראש השנה
ט די וועלט גימשפט אונ די כסא הדיינים שטייען פר דעם מלך
דן צו זיין די וועלט דען שוועבין אלי נפשות מתפלל צו זיין אוף
בדיגי אונ די נאכט פון הושענא רבה אז דר דין איז שון ארוס
גייען זיי אונ שוועבן צו הערן אונ צוא וויסן וואס פר איין דין

איז נגזר גיווארן אוף דר וועלט אונ צו צייטין זענין זיי דס מודיע ד"א
לעבעדיגי אין חלום אזו ווי דר פסוק זאגט בחלום חזון לילה בנפול תרדמה של
אנשים איז דר נפש מודיע צו די לייט כדי זיי זאלן זיך מקבל זיין מוסר
אונ תשובה טאן אונ אין דר נאכט וואס די קוויטליך פון דעם פסק
דין גיין ארוס אזו ווערט אפ גיטאן דר צל פון דיא מענטשן וואס זייא
בדארפן שטארבן דס יאר אונ דר נפש וואס מיר זאגן אויבין שוועבט
אונ איין ממונה וואס ער חתכיה נידרם ארעפ אין דר נאכט אונ ככה
אלפים ורבוא רבבות מיט אים אונ נעמין דעם צל פון איטליכן
בזונדר אונ ברענגן אים ארוף למעלה אונ דר נפש שוועבט אונ זוכט
דעם צל אונ קערט זיך ווידר אום אין קבר אונ רופט אום אז דר
מענטש וועט צו אונז קומן איז ער איין צדיק פרייען זיך אלי אונ אוב
ניט שרייען אלי ווי אונ אז מען ברענגט ארוף דעם צל ברענגט מען
אים צו דעם עבד נאמן מט"ט אונ ער נעמט דעם צל אונ ברענגט אים אוף
אוף זיין ארט ומאותו שעה גרייט מען שון אן איין ארט צו דר נשמה
אונ איין ארט צוא דעם רוח אין גן עדן התחתון אונ איין ארט צוא
דעם נפש ער זאל האבין מנוחה אונ נהנה זיין בשעת ער שוועבט
אונ גייט דען עס איז פר האנדין איין נפש וואס ער האט קיין מנוחה
ניט דס איז דר נפש וואס ער ווערט פר שניטן פון דעם גוף דר הט
קיין מנוחה ניט ער גייט ארום אונ שוועבט אונ איז זיך מתגלגל אוף
דר גאנצע וועלט אונ הט קיין מאל קיין מנוחה ניט יום וללה דאס
איז דר ערשטר עונש אוף דעם נפש שטייט והכרתי אותה מקרב עמה דר
נפש הט קיין שום זכרון ניט למעלה · אונ ווידר איז פר האנדן איין
נפש וואס ער ווערט ניט אזו פר שניטן ווי יענר אוף דם שטייט ונכרתה
הנפש ההוא מלפני אני ה' וואס מיינט מען מלפני דאס מיינט מען דער רוח
רועט ניט אוף אים ער הט קיין שותפות ניט צו וויסן וואס למעלה
איז אונ ווייסט ניט וואס אובן איז ווייל דר רוח רועט אוף אים ניט
אונ איז אים ניט מודיע ער איז גלייך ווי איין נפש פון איין בהמה
אבר דר נפש וואס ער הט יום מנוחה דר גייט אונ שוועבט אוף דר
וועלט בגעגינט ער דעם ממונה דומ"ה מיט זייני חיילות ושרים נעמין
זיי דעם נפש אונ ברענגן אים אין אלי טירין פון דעם גן עדן אונ
ווייזן אים דעם כבוד פון די צדיקים אונ דעם כבוד פון זיין רוח אונ
דר נפש איז זיך מדבק מיט זיין רוח מיט זיין לבוש דען רעט דער
רוח מיט איר אין וועלט זאכין · זכאין די צדיקים וואס זענן יראי השם
אויף דר וועלט אונ גייען מיט דריי מניחות אויף יענר וועלט :

קם רבי שמעון. איז אוף גשטאנען אונ בענטשט צוא רבי אבא אונ
זאגט זכאין זייט איר מייני קינדר אונ זכאה בין איך דס מייני
אויגין זעהן דס דען כמה מקומות עליונים זענין צו אונז אן גיברייט
אונ דר לייכטן אונז לעולם הבא · רבי שמעון זאגט וואל צוא דער
נשמה פון יעקב חאטשי זי איז אום גגאנגן אין מצרים איז זי פארט
ניט אום גגאנגן ברשות אחר אזו וויא מיר האבן גילערנט אז זינט
דיא וועלט איז בשאפין גיווארין איז נאך ניט גיוועז אזו איין מטה
שלימה ווי די מטה פון יעקב איז גוועזן אז זי איז נאר אוועק פון דר
וועלט איז די נשמה תיכף נתקשר גיווארין אין איר ארט אזו וויא
אובין איז גשטאנן אונ אז יעקב איז אריין אין דר מערה איז דארטן
גפונן גיווארן אלי רוחות פון דעם גן עדן אונ די מערה הט גילייכט
מיט פיל ליכט אונ איין ליכט הט גיברענט אונ אז דיא אבות זענין
גיקומן צו יעקב אונ האבן דר זעהן דיא אלי מצרים וואס זענן ניט



אים

איס גקומן איז תיכף אפ גטאן גווארן דס ליכטיקייט פון דר ליכט און אז יעקב איז אריין אין דר מערה הט זיך דס ליכטיקייט ווידר אום גקערט אזו ווי עס איז גוועזן תמיד און די מערה הט קיין מאל ניט מקבל גוועזן קיין שום מענטשין און זי וועט קיין מאל ניט מקבל זיין נייערט די אבות גהערן דארטן צו ליגן און אלי נשמות הצדיקים מוזן דורך גיין דורך דר מערה כדי די אבות זאלן זעהן זייערי קינדר וס זיי האבין גלאזט אויף דר וועלט און זאלין זיך משמח זיין פאר הקב"ה רבי אבא פרעגט וס איז דס פאלמעסן וס מען הט גפאלמעסט צו יעקב און די וועסט זאגן דרום וייל מען הט אים בדארפט פירן אויף דעם וועג אמער יוסף איז דאך גיבליבין אין מצרים און פון דעסט וועגן שטייט וימת יוסף ויחנטו אותו און מען הט אים גיפאלמיסט אלא מען הט דס גיטאן כדי דר גוף זאל איין קיום האבין אזוי וויא צו דיא מלכים טוט מען היינו מען האט אים גיפאלמיסט מיט דיא בעסטי אייכן און מיט די טייערי בשמים גימישט און דורך דעם הט דער גוף איין קיום פיל צייט דען דיא ערד פון ארץ ישראל און פון מצרים פר לענדן גיך דעם גוף האט דס גמאכט איין קיום צום גוף און יעקב הט גימוזט זיין בקיום גוף ונפש ווייל ער הט גיזעהן דר גוף פון די איבריגי אבות איז גאנץ דרום הט זיין גוף אויך גימוזט זיין גאנץ דעסט גלייכן יוסף איז אויך גוועזן אין דעם גלייכן פון יעקב דרום איז ער אויך גבליבן בקיום גוף ונפש קיום הגוף איז גידרונגען פון ויחנטו אותו און קיום הנפש שטייט ויישם בארון במצרים ווייל ער איז גיוועזן איין צדיק איז תיכף זיין נשמה מקושר גווארין אין דר שכינה אזו שטייט והנה ארון ברית אדון כל הארץ דרום ווייל ער הט אפ גיהיט דעם היליגן צייכן שטייט אויף אים ויישם מיט צוויי יודין אזו ווי איין צדיק וס ער ירשת דעם ארץ החיים למעלה אזו זאגט דר פסוק ועמך כולם צדיקים לעולם יירשו ארץ נצר מטעי מעשה ידי להתפאר: סליק ספר בראשית

---

# פרשת שמות

אלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה את יעקב איש וביתו באו. והמשכילים יזהירו כזוהר הרקיע וגו' והמשכילים דס זענן די וס קליגן און זענן עוסק בתורה צו לערנן די סודות הקבלה יזהירו כזוהר הרקיע דיא וועלין לייכטן און פינקלן אזו ווי די אובערשטי ליכט וס לייכטין אום דעם נהר היוצא מעדן דס פון דר ליכט ווערן גישפייזט אלי עולמות און זענין נהנה דר פון וס דארטן זענן נסתם כל רזין דאוריתא און דארטן לייכטין שמש וירח כוכבים ומזלות עליונים אזו וועלן לייכטן די בעלי הקבלה ווייטר זענן סודות ביז ואלה שמות בני ישראל איך האב דס גישריבין דרך נגלה להוריע שבחה של תורה ועוסקיה רבי שמעון האט אן גהובן עס שטייט היה היה דבר ה' אל יחזקאל ווארום שטייט צוויי מאל היה און ווידר יחזקאל איז גוועזן איין נביא נאמן ווארום הט ער אלץ מגלה גוועזן וואס ער הט גזעהן ווען איין מלך פירט איינם אין זייני חדרים און היכלות און ווייזט אים זייני פר בארגיני זאכן גישיקט זיך ניט ער זאל מגלה זיין וס ער הט גזעהן און ווידר משה רבינו עליו השלום האט מער גיזעהן און הט גאר ניט מגלה גוועזן און ווידר מיר האבן גילערנט אז די שכינה רועט ניט אין חוץ לארץ ווי אזו הט יחזקאל דס אלץ גיקאנט זעהן אין חוץ לארץ און ווידר די רייד זענן אזו ווי איינר איז ניט מיט קיין גאנצר דיעה נאר יחזקאל איז בוודאי גוועזן איין נביא נאמן און אלץ וס ער הט גיזעהן איז גוועזן באמונה און הקב"ה הט אים גיהייסן מגלה זיין עס הט גימוזט אזו זיין זאגט רבי שמעון מיר זעהן דאך ווער עס איז תמיד גיוואנט מיט צער און עגמת נפש אז עס קומט אים אן איין צער קען ער דס פר נעמן און זאל עס ליידין אבר ווער עס איז ניט גיוואנט מיט צער נאר מיט תענוגים אז עס קומט אויף אים איין צער קען ער דס גאר ניט ליידין און פר נעמין דרויף מוז מען וויסן די ישראל וס האבן גינידרט קיין מצרים זענין גיוועזן גיוואנטליך מיט צער דען אלי יארן פון יעקב זייער פאטר איז אלץ גוועזן מיט צער ויסורים דרום האבן זיי גקאנט פאר נעמין דעם גלות פון מצרים אבר דר צער פון גלות בבל איז גיוועזן זייער אגרויסר צער אויף דעם האבן גוויינט די מלאכים פון דעם הימל אזו ווי עס שטייט הן אראלם צעקו חוצה מלאכי שלום מר יבכיון און די מענטשין האבן אויך גיוויינט אזו ווי עס שטייט על נהרות בבל שם ישבנו גם בכינו בזכרנו את ציון פר וס איז דס אלץ ווייל זיי זענין גוויינטליך גוועזן מיט גרויסי תענוגים ווי דר פסוק זאגט בני ציון היקרים המסולאים בפז און אצונד האבן זיי גינידרט אין גלות בבל און האבין גיטראגין מיהל שטיינר אויף זייערי אקסלן און די הענט גבונדין ארונטער אז זיי זענן גקומן קיין בבל האבן זיי זיך גיטראכט אז הקב"ה וועט זיי שון חלילה פר לאזן אויף אייביג. מיר האבן גילערנט אז אין דר צייט הט הקב"ה גרופן זיין גאנצי פמליא של מעלה און זיין חיל מיט אלי שרים פון אובין און הט זיי גיזאגט וס טוט איר דא אויף דעם הימל דען מייני קינדר זענן אין גלות שטייט אויף וועלן מיר אלי איך וועל אויך מיט אייך נידרין אין גלות אזו וויא עס שטייט כה אמר ה' למענכם שולחתי בבלה פון אייערט וועגין האב איך גינידערט קיין בבל אזו זאגט הקב"ה והורדתי בריחים כלם דס מיינט מען אלי מרכבות וחילות עליונים האבן אויך אלי גינידרט קיין בבל אין דער צייט האבין זיך גיעפינט דיא הימלן און דיא נבואה הט גירועט אויף יחזקאל און הט גזעהן וס ער הט גזעהן און זאגט צו די ישראל איר זאלט וויסין אז אייער האר מיט אלי זייני חיילות זענן גיקומן מיט אייך וואנין אין גלות האבן זיי ניט גוואלט גלייבן ביז ער הט גימוזט מגלה זיין און האט גזאגט וארד וארא איך האב ארא גינידרט האב איך גזעהן אזוי וויא איך זאג אייך און דס וס ער הט מגלה גוועזן איז אלץ גוועזן כדי די ישראל זאלן גלייבן וועלן זיי זיך משמח זיין אז זיי האבן שון גהערט די רייד פון יחזקאל האבין זיי זיך שוין גאר ניט גיזארגט אויף דעם גלות זיי האבן שון זיך פר זיכרט אז הקב"ה וועט זייא דארטין ניט לאזן מיר האבן גלערנט אין אלי ערטר ווי די ישראל זענן פר טריבן גיווארן איז די שכינה אויך גיוועזן מיט זיי דס שטייט ביי גלות מצרים ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה את יעקב איז דאך קשה עס שטייט דאך שון בני ישראל וס דארף שטיין את יעקב עס וואלט בדארפט צו שטיין אתו נאר אלה שמות בני ישראל מיינט מען דיא חילות עליונים האבן גינידרט קיין מצרים מיט דר שכינה און מיט יעקב. רבי חייא הייבט אן עס שטייט אל תלחם לחם רע עין די הנאה און דס ברויט פון

עם מענטשן וואס איז איין רע עין איז ניט גוט צו עסן אדער הנאה
אבן דען וואלטן די ישראל ניט גוועזן גיגעסן פון דעם לחם מצרים
ארטן זייא ניט גיבליבען אין גלות מצרים אונ וואלטען ניט
האט קיין צרות זאגט רבי יצחק עס איז אבער דאך א וויא
זר גיווארין בברית בין הבתרים ענטפערט רבי חייא
ם איז רעכט עס שטייט דען כי גר יהיה זרעך בארץ מצרים עס שטייט
אך נאר בארץ לא להם זייא זאלין זיין אין איין אנדר לאנד אבר ניט אין
ו איין צרה ווי אין מצרים רבי יצחק זאגט דר מענטש וואס ער איז
בעל נפש דס הייסט ער עסט פיל אונ מער פון אנאנדרין אדר ער
יט נאך וואס זיין הארץ גלוסט אים אז ער בגעגינט איין רע עין דס
ייסט א מענטש איין קמצן זאל ער זיך פון אים דר ווייטרין אונ זאל
ט עסין פון זיין ברויט דען עס איז ניט דא קיין ערגערער ברויט
יף דר וועלט ווי פון דם רע עין אזו ווי עס שטייט כי לא יוכלון המצרים
לאכול את העברים לחם כי תועבה היא למצרים :

תא עס איז פר האנדן דרייא זאכין וואס זענן דוחה די שכינה פון
דער וועלט אונ מענטשען שרייען אונ זייער קול ווערט ניט
הערט איינס איז דר וואס ליגט ביי איין נדה דען עס איז ניט פאר
אנדן קיין שטארקערי טומאה אויף דר וועלט פון טומאת נדה ער
ערט טמא אונ אלי וואס גינעהנן צו אים ווערין טמא אונ ווי זיי גייען
פט דיא שכינה אוועק פון זייא אונ ניט דאס אליין נאר ער איז נאך
רם חלאים רעים אויף זיך אונ אויף זייני קינדר וואס ער גיווינט דר
ך דען אז דער מענטש גינעהנט צוא דר נדה שפרינגט אויף
ם די טומאה אונ ער ווערט טמא אונ אלי אברים אונ די קינדר וואס
הט דר פון ציהט ער זיך ארויף דם רוח הטומאה אונ ער איז כל
יו בטומאה ווייל דער בנין ויסוד פון אים איז גיוועזן בטומאה אזו
עס שטייט ותהי נדתה עליו אונ דאס אנדרי איז · דר וואס איז גילעגין
יא איין מואבית · אונ מיר האבין גילערינט עס איז ניט דא קיין
אה פר הקב"ה ווי די קנאה פון דעם וואס איז פוגם דעם ברית קודש
ען דס איז דר קיום פון דעם שם הקודש אונ דר סוד אמונת היחוד עס
טייט אין פסוק ויחל העם לזנות אל בנות מואב שטייט תיכף ויחר אף ה'
ראל אונ די ראשי העם האבין גיוויסט דר פון אונ האבין זייא ניט
וערט דרום זענן זיי צום ערשטין גישטראפט גיווארין אזו וויא עס
טייט קח את כל ראשי העם והוקע אותם לה' נגד השמש זאגט רבי אבא דער
רית הייסט שמש דרויף שטייט כי שמש ומגן ה' אלהים אז וויא דיא זון
יכט צוא דער וועלט אזו לייכט דר ברית צו דעם גוף אזו וויא איין
אנציר איז מגין אונ בשיצט אויף דעם מענטשן אזו אויך דר ברית
דש איז אמגין אויף דעם מענטשין אונ דער וואס היט דעם ברית
דש אזו וויא עס בדארף צו זיין קען קיין שום נזק אין דער וועלט
ו אים ניט גינעהנן דרום שטייט נגד השמש אונ איטליכן דור ווערין
י ראשים ומנהיגים גענש דער פר אז זיי ווייסן אז מען זינדיגט מיט
עם אונ זיי דרשנן ניט פון גאטס וועגין אויף דעם פגם הברית אונ
ר וואס איז מיט אפרעמדר זאגט אויף אים דר פסוק לא יהיה לך אלהים
' פני לא תשתחוה להם ולא תעבדם כי אנכי ה' אלהיך אל קנא עס איז דרויף
יין קנאה פון השי"ת אונ מחמת דעם ווערט די שכינה נדחה דען
ר וואס איז פוגם אונ איז משקר אין דעם ברית וואס איז גחתמת אין
עם לייב פון דעם מענטשין איז גלייך וויא ער לייקינט אין חותם
מלך לייקנט ער דאך אין דעם מלך אליין אונ ער האט ניט קיין

חלק באלהי ישראל נייערט מיט גרויס תשובה קען ער זיך ווידער
מתקן זיין אונ דס דריטי איז דר וואס איז ממית זייני קינדר וואס זיין
ווייב טראגט אונ איז גורם אז זייא זאלן שטארבן אין אירי גידערים
ער איז סותר דעם בנין פון השי"ת דען אנדר גזלן הרגית פרעמדע
לייט אונ ער הרגית זייני אייגיני קינדר · דרייא רעות טוט ער וואס די
וועלט קען עס ניט לייזן אונ דריבר ווערט דר עולם צו גאנגן איינציג
וויים אונ מען ווייסט ניט אונ השי"ת ווערט אפ גיטאן פון דער וועלט
אונ עס קומט אויף דר וועלט חרב רעב סוח איין שווערד אונ הונגר אונ
טוט זיי זענן סותר דעם בנין פון דר וועלט זיי זענן דוחה דיא נשמה
זיא שוועבט אין דער וועלט אונ גיפינט ניט קיין מנוחה אונ דרויף
וויינט דר רוח הקודש אונ דיא וועלט ווערט גימשפט מיט אלי דינים
וויא איז צו דעם מענטשן עס וואלט בעסר גיוועזן אז ער וואלט גאר
ניט בשאפין גיווארין אויף דר וועלט ווואול צו די ישראל אז זיי זענן
גיוועזן אין מצרים זענן זיי ריין גיוועזן פון דיא דרייא פון נדה אונ פון
זנות מואבית אונ פון ממית זיין דיא קינדער חאטשי עס איז נגזר
גיווארין אז מען זאל זייערי קינדר אין טייך ארין ווארפין איז פארט
ניט גיפונען גיווארען צווישן זיי אז זיי זאלין הרגנן זייערי קינדר אין דר
מוטרם לייב ומכל שכן דר נאך ובזכות זה זענן זיי ארויס גיגאנגן פון
דעם גלות פון וואנען איז גידרונגען אז פון נדה האבן זיי זיך גיהיט
זאגט רבי חייא פון דעם פסוק עס שטייט ויעש כיור נחושת ואת כנו נחושת
במראות הצובאות דרום האבן די ווייבר זוכה גיוועזן אז מען זאל מאכין
דעם כיור פון זייערי שפיגל ווייל זייא האבין זיך גיהיט פון נדה אין
מצרים אונ אז זיי האבן זיך מטהר גיוועזן פלעגין זיי קומין צו זייערי
מאנין גיצירט אונ האבען גיקוקט מיט זייערי מאנן אין שפיגעל אונ
האבין זייא דורך דעם מעורר גיוועזן צו פריה ורביה· אונ פון מואבית
זענען זייא נזהר גיוועזן וואורום עס שטייט יצאו כל צבאות ה' אונ ווידער
שטייט שבטי יה עדות לישראל דר שם איז איין עדות צו די ישראל אז
זיי האבן ניט מזנה גיוועזן אזו ווי עס שטייט ואלה שמות בני ישראל · שבטי
בני ישראל · דבר אל בני ישראל אז דו ווערסט פרעגין עס שטייט דאך והוא בן
איש מצרי עס איז נאר איינר גיוועזן הט אים דיא תורה מפרסם גיוועזן
דרום שטייט ווער ער איז גיוועזן ושם אמו שלומית בת דברי למטה דן אונ זיי
האבן ניט ממית גיוועזן זייערי קינדר אין דר מוטרס בויך נייערט זיי
האבן עוסק גיוועזן בפריה ורביה אזו ווי עס שטייט ובני ישראל פרו וישרצו
וירבו פון די אלי דריי זענן דיא ישראל גיהיט גיוועזן בשעת זייא זענין
ארין גיגאנגין קיין מצרים עס שטייט בני ישראל אונ אז זייא זענין
ארויס גיגאנגין שטייט אויך בני ישראל ביא דעם ארין גיין שטייט
ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה אונ ביא דעם ארויס גיין שטייט ובני
ישראל יוצאים ביד רמה רבי שמעון זאגט אז די שכינה הט גינידערט קיין
מצרים הט זי מיט איר גיפירט צוויא אונ פערציג מלאכים הקדושים
וואס איטליכר הט גיהאט איין אות פון דעם שם הקודש מיט זיך
זיי אלי האבן גינידערט מיט יעקב קיין מצרים דרום שטייט ואלה שמות
וגו' ואלה בטרעפט צוויי אונ פערציג דס איז אנטקעגן די צוויא אונ
פערציג מלאכים וואס האביז מיט זייא גינידרט :

רבי יצחק איז גישטאנן פר רבי אלעזר בן ערך אונ האט גיזאגט די
שכינה הט גינידערט קיין מצרים אזו ווי עס שטייט ויאמר אנכי ארד
עמך מצרימה זאגט רבי אלעזר קום אונ זעה אז די שכינה הט גינידרט
מיט יעקב קיין מצרים הט מיט איר גינידרט טוזינט הייליגי מרכבות



דרום

דרום שטייט ביא זייער ארויס גיין כשש מאות אלף רגלי דיא זענען אלי ארויס גיגאנגן מיט די ישראל ווארום אזו ווי די ישראל זענין אונטען ארויס גיגאנגן אזו זענין למעלה דיא שש מאות אלף מרכבות אויך ארויס גיגנגן אונ די ישראל האבן דס גזעהן אונ גיוואוסט אז זיי האבן זיך אויבן פר זאמט פון זייערט וועגן דרום שטייט ולא יכלו להתמהמה זיי האבן זיך ניט גיקאנט זאמען אונ עס שטייט ניט ולא רצו זייא האבן ניט גיוואלט ווארום אין אמת האבן זיי זיך ניט גיקאנט זאמין איבר דיא מלאכים אונ דרום שטייט ואת יעקב אונ שטייט ניט אתו ווארום דס גייט אויף די מרכבות פון אויבין וואס זענין גיקומען מיט יעקב זאגט רבי יהודה עס איז איין קל וחומר ומה דאך אז יעקב איז ניצול גיווארען פון לבן שטייט ויעקב הלך לדרכו ויפגעו בו מלאכי אלהים איז שוין אבל שכן אז ער הט גיגידערט קיין מצרים אונ הקב״ה הט אים גיזאגט אנכי ארד עמך מצרימה איז דאך רעכט אז די קנעכט זאלן אויך מיט אים נידרין · רבי חייא איז גיגאנגן פון אושא קיין לוד ער האט גירימן אויף איין זייזיל אונ רבי יוסי איז אויך מיט אים גיוועזן הט רבי חייא אראפ גינידערט אונ געקמט אן רבי יוסי ביי דר האנט אונ זאגט צו אים די מענטשן זאלן וויסן דעם כבוד וואס יעקב הט גיהאט בשעת הקב״ה הט אים גזאגט אנכי ארד עמך מצרימה וואלטן זיי גיקושט די ערד פון דריי מייל ביז זיין קבר דען דיא מארי מתניתין האבען מפורש גיוועזן דעם פסוק ויצא משה לקראת חותנו אז אהרן הט גיזעהן אז משה גייט אנטקעגן איז ער מיט זיין זון אלעזר מיט אלי נשיאים וזקנים אונ כל ישראל זענען נאך גיגאנגען ווארום ווער איז דען אזו צמענטש זאל זעהען אז אזעלכע גרויסי לייט גייען אונ ער זאל ניט גיין · קענען מיר פאר שטיין אז מחמת דעם כבוד פון משה איז אזו גיוועזן מכל שכן ועל אחת כמה וכמה אז הקב״ה הט גינידרט קיין מצרים מיט דיא ישראל האבן בוודאי מיט אים גינידערט אלי הייליגי מלאכים ומרכבות עליונים ותחתונים דרום שטייט הבאים מצרימה את יעקב רבי אבא הייבט אן עס שטייט אתי מלבנון כלה אתי מלבנון תבואי מיר האבן גילערינט רבי יצחק זאגט ווי צו די לייט זיי וויסן ניט אונ טראכטן ניט ווי אזו צו דינן צו השי״ת דען אלי טאג גייט ארויס איין בת קול פון דעם בארג חורב אונ זאגט ווי איז צו די לייט פון זייער דינסט צו השי״ת וויא איז צו די לייט פון דעם בזיון פון דער תורה איטליכר מענטש וואס לערינט תורה אונ טוט גוטי מעשים אויף דר וועלט דר ירשת עולם הבא אונ דר וואס לערינט ניט קיין תורה אונ טוט ניט קיין מעשים טובים דער הט ניט די וועלט אונ ניט יענע וועלט · פרעגט אים רבי יהודה מיר האבן דאך גילערינט אז איטליכר מענטש הט איין חלק לעולם הבא וועדליג ער איז ווערט נאך זייני מעשים נאך זאגט רבי יצחק אונזרי רייד איז נאר גיזאגט גיווארין אז ער לערינט גאר ניט אונ הט גאר ניט קיין מעשים טובים דער הט ניטביידי וועלטין זאגט רבי יהודה ווען דיא לייט זאלן וויסן דאס ליבשאפט פון הקב״ה צו דיא צדיקים וואלטן זיי גישריגן ווי די לייבן אונ לעמפרטן נאך יאגן צו מאן דעם רצון פון הקב״ה ווארום מיר האבין גילערינט בשעת הקב״ה האט גינידרט קיין מצרים הט ער גירופן צו זיין פמליא וחיילות של מעלה אונ האט זיי גיזאגט נידרט קיין מצרים ווארום איך וועל אויך מיט איך נידערן ווייטר זענין אביסיל סודות :

רבי חייא זאגט פאר רבי שמעון ווארום הט דיא תורה צום ערשטין גיציילט דיא בני יעקב צוועלף שבטים אונ דער נאך זיבעציג מענטשען אז וויא עס שטייט כל הנפש הבאה ליעקב מצרימה שבעים ...
ענטפערט אים רבי שמעון דס איז צו ווייזין אז עס איז גיוועזן זיבע...
אומות אונ דיא ישראל זענין אויך זיבציג נאך האבין מיר גילערי...
אלין דינג וואס עס איז פר האנדן אונטן אזו איז אובן אויך אזו אין ...
מרכבה עליונה זענען צוועלף ממונים וואס זיי האבן זייער כח פון ד...
צוועלף צירופים פון דעם הייליגין נאמן פון דאנען צו טיילט זיך ...
כח צו די זיבעציג שרים אונ דיא צוועלף ממונים לייכטין צוא ד...
צוועלף מזלות אונ אלי פיר זייטין פון דר וועלט אזו זענען די ישר...
גיוועזן למטה דרום זענען זייא אין ערשטין גיציילט גיווארין צווע...
אונ דר נאך זיבציג דרום שטייט יצב גבולות עמים למספר בני ישראל א...
שטייט כי בארבע רוחות השמים פרשתי אתכם ווארום שטייט ניט כארבע נ...
בארבע דס ווייזט מיר אזו וויא די וועלט קען ניט זיין אן פיר זייטן צ...
איז ניט מיגליך גיוועזן בשעת מתן תורה אן דיא ישראל :
ויקם מלך חדש רבי אבא האט אן גיהובן צו זאגן אשריכם זורעי על כל ...
משלחי רגל השור והחמור וואול צו די ישראל וואס הקב״ה הט אין ...
בגערט בשעת מתן תורה אונ הט זיי צו זיך מקרב גיוועזן אזו שטי...
וכך בחר ה׳ להיות לו לעם סגולה אויך שטייט כי חלק ה׳ עמו יעקב חבל נחלתו א...
די ישראל זענען בהעפט צו הקב״ה אז וויא עס שטייט ואתם הדבקים ב...
אלהיכם חיים כ:לכם היום אונ דרום איז זיי וואול גיוועזן ווייל זייא זענען על ...
מים דס מיינט מען זיי טוען צדקה די מעלה איז על כל מים דס הייס...
עולם הבא :
ויקם מלך חדש אין ספר רב המנונא סבא האבן מיר גלערנט די מצרי...
זענין ניט גיווארען קיין מלך איבר דער גאנצר וועלט נאר פ...
ווען די ישראל וואס זענין אהין גיקומען אונ גלות אריין אונ דא...
שטארקייט פון בבל איז נאר גיוועזן גישטארקט פון ווען די ישראל...
אנטיוכוס איז אויך ניט גשטארקט גווארן איבר אלי אומות נייער...
פון ווען דיא ישראל זייא זאלין זיין ביי זיי אין גלות דען די דאזיג...
אומות זענין גיוועזן נידעריגער פון אלע אומות נאר פון ווען די...
ישראל זענין זייא חשוב גיווארין אונ דרום שטייט ביי דיא מצרי...
מבית עבדים ווייל זייא זענען עבדים צו אלי אומות · בייא בבל שטיי...
אויך הן ארץ כשדים זה עם לא היה אויך בייא דיא וואס האבין דעם ביר...
המקדש חרוב גימאכט שטייט הנה קטן נתתיך בגוים בזוי אתה מאוד דרו...
שטייט ויקם מלך חדש ווייל אז די ישראל זענען גיקומין קיין מצרים אי...
גיווארן צו דעם מלך מצרים איין קימה וגדולה צו מושל זיין איבר...
אלי אומות דען צום ערשטן האט מען גיגעבן למעלה צום שר איין...
כח וגדולה דר נאך האט זיין אומה אונטין גיהאט די ממשלה דרו...
שטייט ויקם מלך חדש על מצרים דר ממונה פון מצרים איז נייא גיווארן דע...
פריער הט ער ניט גיהאט די ממשלה איבר אלי אומות אונ דר נאך...
האט ער מושל גיוועזן איבר אלי אומות אזו איז מקוים גיווארין תחת...
שלש רגזה ארץ תחת עבד כי ימלוך רבי חייא זאגט דרייסיג טאג פריער...
איידר עס קומט צו איינעם גוטס אדר איין בראך רופט מען פריער...
אוים אויבין אונ אויך אמאל ווערט דיא זאך איבער גיענטפערט אין...
מויל פון די יונגי קינדר אונ אמאל צו דיא מענטשן וואס האבין קיין...
שכל ניט אונ אמאל ווערט עס איבר גיענטפערט צו די עופות השמים...
זיי רופן עס אוס אויף דר וועלט אונ קיינר איז דרוף ניט משגיח אונ...
אז די מענטשין פון דר וועלט זענען זוכה אונ פרום ווערט עס איבר...
גיענטפערט צו די צדיקים פון דעם דור כדי זיי זאלן עס מודיע זיין צו...

וועלט כדי זיי זאלן תשובה טאן צו השי"ת אבער אז קיין צדיקים
ניט דא ווערט עס איבער געענטפערט צוא דיא וואס מיר האבען
פריער געזאגט :
אלעזר אונ רבי חייא אונ רבי יוסי זענן אמאל גשטאנען אויף דעם
דעם טויער פון לוד זאגט רבי יוסי איך וועל אייך זאגן וואס איך
ב היינטיגן טאג גזעהן · איך האב געזעהן איין עוף איז גיפליגן
הט דריי מאל אויף גהויבן זיין קאפ אונ איז איין מאל אראפ גנידערט
הט גזאגט עליונים עליונים וואס זיי שוועבן אין הימל לימין דריי
גרעכטי הארן איז אויף דר ערד אונ איינר וואס איז גיזעסן וועט
מער ניט זיצן מען איז אים מעביר אין ברענדיג פייער מען פירט
ער זיין ממשלה פון אים אונ אויך זיין קיום אונ דרייא עמודים
טונים עליונים שטייען אויף אויף דר וועלט אזו הט דם עוף גזאגט·
האב איך אויף גהויבן מיין קול צו דעם עוף אונ האב גזאגט עוף
זאג מיר דעם זעלביגן וואס מען איז אים מעביר פון זיין שטאנד
ווער זענען די שלטונים וואס וועלן אויף שטיין אויף דער וועלט אזו
דם עוף מיר גווארפן דריי פעדרן פון זיין רעכטן פליגל אונ איין
דר פון זיין לינקן פליגל אונ איך וויים ניט וואס דם איז מרמז · הט
י אליעזר גנומן די דריי פעדרן אונ הט זייא גישמעקט איז ארוס
אנגן בלוט פון זייני נאז לעבר אזו הט רבי אלעזר גזאגט עס וועט
שטיין דריי שרים אונ וועלן גוזר זיין גזירות רעות אויף ישראל דר
ך הט רבי אליעזר גנומן דעם פעדר פון דעם לינקן פליגל אונ הט
ם גישמעקט אזו איז ארוס גיגאנגן איין שווארץ פייער דאט רבי
ליעזר גזאגט עס איז אפ גטאן גווארן דיא ממשלה פון מצרים אונ
ם איז אן גבריט צוא זיין איין מלך וואס איז גוועזן בימי חורבן אונ
טיוכוס איז פון די דריי ער וועט שולט זיין אין זיי ער וועט ברעכין
ינים אונ וועט ווידר בויען הט רבי אלעזר גווארפן די פעדרן אויף
ערד זענן די דריי פעדרן גפלויגן אויף דעם לינקן הט רבי אלעזר
יינט דר וויל איז דורך גגאנגן איין קינד אונ לייענט דעם פסוק משא
רים הנה ה' רוכב על עב קל ובא מצרים אונ דער נאך איז גגאנגן נאך איין
נד אונ הט גלייענט דעם פסוק ארץ מצרים לשממה תהיה דער נאך גייט
ך אקינד אונ זאגט דעם פסוק ואבדה חכמת מצרים האבן זיי ווידר גזעהן
ן דר לינקר פליגל איז פר ברענט זאגט רבי אלעזר דאס קול פון
עם עוף אונ דם וואס די קינדר האבן גיזאגט איז דס אגאנצי חכמה
נ איין נבואה אונ השי"ת וויל אונז מגלה זיין פאר הוליני סודות ·
ממשלה פון מצרים איז בוודאי אפ גטאן גווארן אונ איין מלך פון
א דריי וועט מושל זיין אונ וועט ברעכן בניינים אונ בויען בניינים
אגט רבי יוסי עס איז פיל חכמה אבער די חכמה פון רבי אלעזר איז
עסר פון אלי אונ השי"ת וויל מגלה זיין צו די לייט פר הוליני זאכן
ס ער וועט טאן אזו ווי דר פסוק זאגט כי לא יעשה ה' דבר כ"א גלה סודו
ל עבדיו הנביאים אונ איין חכם איז גרעסר פון אנביא מיט אלי זאכן דען
וף איין נביא רוהט דער רוח הקודש אויף אצייט אבער פון איין חכם
ערט דר רוח הקודש ניט אפ גטאן אייביג אונ זיי וויסן וואס למעלה
למטה איז נאר זיי ווילן ניט מגלה זיין זאגט רבי אבא ווען עס זאל
יט זיין קיין חכמים אויף דר וועלט וואלט מען ניט גוויסט וואס די תורה
יז אונ וואס זענן די מצוות פון השי"ת אונ עס וואלט קיין חילוק ניט
ווען צווישן דעם רוח פון אמענטשן אונ צווישן אבהמה · זאגט רבי
צחק ווען הקב"ה ברענגט איין דין אויף איין אומה טוט ער פריער

דעם דין אין זייער שר וואס איבער זיי איז געזעצט למעלה אזו וויא דער
פסוק זאגט יפקוד ה' על צבא מרום פריער אויף דעם שר פון דעם הימל אונ
דר נאך ועל מלכי האדמה באדמה אונ וואס איז דר דין וואס מען טוט אויבן
צו דעם שר מען פירט אים איבער אין נהר דינור דאס איז איין טייך
פון פייער אזו ווערט זיין ממשלה אפ גטאן פון אים אונ מען רופט
תיכף אוס אין הימל די ממשלה פון דעם אונ דעם איז אפ גטאן גווארן
אונ דם קול גרייכט אין אלי הימלן ביז עס גרייכט צוא דיא מלאכים
וואס זענן ממונה אויף דר וועלט אזו רופן זיי אוס אויף דר גאנצר וועלט
ביז עס קומט אן צו די עופות אונ צו די קינדר אונ צו דיא טפשים
פון דיא מענטשן דבר אחר אנאנדרר פשט איז ואלה שמות בני ישראל רבי
אלעזר בן ערך ווען ער פלעגט קומען צו דעם פסוק פלעגט ער וויינען
דען רבי אלעזר הט גזאגט בשעת דיא ישראל זענן גגאנגן אין גלות
האבן זיך איין גזאמלט אלי נשמות פון דיא שבטים אין דער מערת
המכפלה אונ האבין גישריגן אונ האבין גיזאגט סבא סבא רחמי דער
בארמט זיך ווי אפאטר איבר קינדר איז מען דען ניט משעבד מיט
אייערי קינדר מיט מידיקייט אונ הארטיקייט אפרעכד פאלק טוען
אין זיי נקמות · אין דר צייט איז דר וועקט גיווארן דר רוח פון דעם
ארטן יעקב אבינו ער הט גינומן רשות אונ איז אראפ גנידרט אונ
הקב"ה הט גרופן אלי מרכבות וחיילות ומלכם בראשם אונ האבן אלי גנידרט
מיט יעקב אונ מיט די שבטים קיין מצרים דם מיינט דר פסוק הבאים
מצרימה את יעקב ראובן וגו' זאגט רבי אבא אויף דעם איז גיזאגט ירחם אב
על בנים רבי יהודה בר שלום איז גגאנגן אונטר וועגינס מיט רבי אבא
זענן זיי ארין גגאנגן אין איין ארט צו עסין דער נאך זענן זיי גגאנגן
אויף דער גאס אונ האבן זיך גיליינט שלאפן מיט דיא קעפ אויף איין
בערגל אונ דם איזגוועזן איין קברי איידר זיי זענן אנטשלאפן גווארן
האבן זיי גהערט איין קול פון דעם קבר איין מענטש איז גגאנגן אין
דר ערד ארין ער הט דם גמיינט אויף זיך דען דאס איז שון צוועלף
יאר אז איך בין ניט אויף גיוואכט גיווארן נאר אצונד דען איך האב
ערשט דר זעהן דם גישטאלט פון מיין זון זאגט רבי יהודה צו אים
ווער ביסטו זאגט ער איך בין איין יהודי דען איך ביז אין נזיפה אונ
קען ניט קומען אויף יענר וועלט איבר מיין זון דם איין עובד כוכבים
הט אים קליינר הייד אוועק גיגנבת אונ אלי טאג שלאגט ער אים איז
ער זייער אין צער אונ מחמת זיין צער קען איך ניט קומן אויף מיין
ארט · אונ זינט איך ליג דא אויף דעם ארט בין איך ניט אויף גיוואכט
גווארן נאר אצונד זאגט ער צוא אים איר ווייסט דען פון דעם צער
וואס קומט אויף די לעבדיגי ענטפערט ער אים איר לעבדיגי דא שוועער
איך מיין קבר זאל צו פירט ווערן אונ זאל ווערין אויס גליידיגט פון
מיר דען ווען ניט אונזר גיבעט וואס מיר בעטין אויף דיא לעבדיגי
וואלטען זיי קיין קיום ניט גיהאט אפילו איין טאג אויף דר וועלט אונ
אצונד בין איך אויף גוואכט גווארן דען זיי זאגן מיר אלי טאג אז מיין
זון וועט באלד קומן אהער נאר איך וויים ניט ווי אזו ער וועט קומן
צו לעבדג אדער טויטר הייד זאגט רבי יהודה צו אים וואס איז אייער
טאן אויף יענר וועלט· דר ווייל הט דר קבר גטאן שטורמן אונ זאגט
שטייט אויף אונ גייט אוועק דען אצונד שלאגט מען מיין זון האבין
זיי זיך זייער פר וואונדרט אונ זענן אוועק גילאפן פון דארטן אהלבן
תחום שבת אונ זענן דארטן גזעסן ביז דער מארגן שטערן איז אויף
גגאנגן אז זיי זענן אויף גשטאנען אוועק גיין האבן זייא גזעהן איינעם
לופיז

לופן אונ עס הט זיך אים גנאסן דאס בלוט פון זיין אקסיל האבן זייא
אים צו גהאלטן אונ ער הט זיי דר ציילט די גאנצי מעשה זאגן זיי צו
אים ווי אזו איז דיין נאמן זאגט ער לחמא בר ליואי זאגין זיי איינער
צוא דעם אנדרין דר מת איז גוועזן ליואי בר לחמא אונ האבן שוין
מורא גהאט מיט אים מער צו ריידן אונ האבן זיך ניט אום גקערטי
זאגט רבי אבא דס וס זייא האבן גזאגט אז זייערי תפלות זענן מגין
אוף די לעבדיגי פון וואנן ווייס איך דס ווארום עס שטייט ויעלו בנגב
ויבא עד חברון זאגט רבי יהודה קום אונ זעה צוויי זאכן הט הקב"ה צו
גזאגט צו יעקב איינס ער זאל אים היטן אין גלות אונז דס אנדערי
ער זאל אים אוף ברענגן פון זיין קבר צו זעהן די שמחה של חברותא
הקדושה וס זיי וואונן מיט זייני קינדר אזו ווי עס שטייט אנכי ארד עמך
מצרימה דס איז איינס אונ ווידר שטייט והעליתי אתכם מקברותיכם עמי אונ
נאך שטייט ששם עלו שבטים שבטי יה :

ויאמר אל עמו זאגט רבי שמעון מיר פר שטייען אז ווי עס שטייט אין
דר פרשה מלך מצרים סתם מיינט מען זייער שר וואס זייא
האבן אובן אין הימל אונ אז עס שטייט פרעה מלך מצרים מיינט
מען דעם מלך מצרים וואס הייסט פרעה דרום זאגט זייער שר דען
ער הט זיי ארייין גשיקט אין זייער מחשבה צוא זאגן הנה עם בני ישראל
רב ועצום ממנו דס הייסט די ישראל זענן שטארקר פון אונזר שר וואס
אוף דעם הימל זאגט רבי יצחק די גאנצי וועלט ציהען זייער כח פון
זייער שר וס אובן אין הימל אבר דיא ישראל ציהען זייער כח פון
הקב"ה דרום הייסן זיי עם ה' גאטס פאלק ניט אפאלק פון דיא שרים
דרום שטייט כי כל העמים ילכו איש בשם אלהיו ואנחנו נלך בשם ה' אלהינו זאגט
רבי אבא עס וואלט גדארפט שטיין הנה עם ישראל אדער הנה בני ישראל
נאך וס שטייט עם בני ישראל מיינט מען די מצרים האבן גטראכט אז
זיי זענן ניט עם ה' נייערט זיי זענן דס פאלק וס זייא הייסן אוף דעם
הימל ישראל רבי יוחנן פרעגט צוא רבי יצחק מיר זעהן בלק האט
גיזאגט הנה עם יצא ממצרים ווארום שטייט ניט עם בני ישראל זאגט רבי
יצחק בלק איז גוועזן אגרוסר כישוף מאכר אונ אזו איז דער סדר פון
די כישוף מאכר זיי נעמן אזו איין זאך וס קיין חשד איז דר ביי ניט
פר האנדן דרום דער מאגן זייא אוך ניט אין זיין מאג דעם פאטרס
נאמין נאר דר מוטרס נאמן וס דר ביי איז קיין חשד ניט פר האנדן
דען אזו איז דר סדר פון די שדים וס זיי דר מאגן אין דיא זאך וואס
מען זאגט זיי · איז דס שקר זענין זייא מודיע זייערי שקרים · איז עס
אמת אלין וס זיי זאגן צו צו איין קליינר צייט איז אמת · ומכל שכן
צוא טאן איין מעשה :

רבי אבא זאגט בלק הט זיי דר מאנט דרך בזיון הנה עם דס הייסט מיר
ווייסן ניט ווער זיי זענן אונ פון וואנן זיי זענן זאגט רבי יוחנן פר
וס זענין דעמאלט גיוועזן עמון ומואב פון די זיבציג שרים גהיט אונ
דאס פאלק פון הקב"ה זענן ניט גוועזן גהיט זאגט רבי עס איז גלייך
וויא איין ארום מאן מיט איין עושר דר ארומאן מוז זיינס אפ היטין
אונ דר עושר היט זיינס ניט אפ וכל שכן די ישראל זענין דס פאלק
פון דעם אייברשטין וואס ער האט ליב דין ואמת אונ צום ערשטין
משפט ער זייני בני בית פריער פון אנדרין דען זיי דארפין זיין מער
גהיט פון עבירות אזו ווי עס שטייט רק אתכם ידעתי מכל משפחות האדמה
על כן אפקוד עליכם את כל עונותיכם · רבי יוסי מיט רבי חייא זענין גגאנגין
אין וועג רבי יוסי האט שטיל גישוויגן אונ האט גטראכט אין וועלט

זאכין אונ רבי חייא הט גיטראכט אין דברי תורה חויא זיי גייען זעה
רבי יוסי ווי אשלאנג לויפט אים נאך זאגט ער צו רבי חייא זעהסט
וויא דער שלאנג לויפט מיר נאך זאגט ער איך זעה ניט איז רב
יוסי אנטלאפין גווארין אונ דר שלאנג איז אים נאך גלאפין דר ווי
איז רבי יוסי גפאלן אונ דם בלוט הט אים גירונין פון דער נאז האט
ער גהערט וויא מען זאגט רק אתכם ידעתי מכל משפחות האדמה על כן אפק
עליכם את כל עונותיכם האט רבי יוסי גיזאגט ומה דאך איך האב גא
מבטל גיוועזן איין שעה פון דר תורה איז מיר אזו צו האנדין גקומ
מכל שכן דער וואס איז זיך גאר פורש פון איר קומט אים בוודא
אנטקעגין ניט קיין נוטץ · הט ער אן גהובין צו זאגין עס שטייט כי ה
אלהיך ברכך בכל מעשה ידיך ידע לכתך במדבר נאך שטייט המוליכך במדבר הגד
והנורא נחש שרף ועקרב נאך וס זאגט ער נחש שרף ועקרב נאר דס איז מע
זאל דורך זיי שטראפן די ישראל ווען זייא זענין זיך פורש פון דעו
עץ החיים אונ אזו וויא עס שטייט כי היא חייך ואורך ימיך זאגט רבי חייא
עס שטייט חושך שבטו שונא בנו דר וס פר מיידט די רוט פון זיין זון אי
אסימן אז ער הט אים פיינט ומכל שכן די תלמידי חכמים וויל בוודא
גאט ניט אז זיי זאליז זיך אפ שיידין פון דעם עץ החיים אפילו ארגע
ויאמר אל עמו ער הט זיי געבן איין עצה זיי זאלן טאן שלעכץ צו ד
ישראל רבי תנחום זאגט די מצרים האבן גזעהן אז די שטער
אז זיי וועלן לסוף גשלאגן ווערן איבר די ישראל דרום הט ער גהיים
צו טאן אוף זיי שלעכץ מיר האבן גלערינט בשעת הקב"ה הט איבר
געגטפרט די ישראל צו די מצרים הט ער אויף זייא גזיר גוועזן זיבי
גזירות אזו ווי דר פסוק זאגט וימררו את חייהם בעבודה קשה בחומר ובלבנים ובכ
עבודה בשדה את כל עבודתם אשר עבדו בהם בפרך אונ אנטקעגן דעם הט ער זי
געבן זיבין ברכות אזו וויא עס שטייט ובני ישראל · פרו · וישרצו · וירבו
ויעצמו · במאוד · מאוד · ותמלא הארץ אותם · הבה נתחכמה לו הבה איז טייטש
אן בריטן אונ לשון מסכים זיין זיי דען זייא האבן אלי מסכים גוועז
צו טאן איין דין אונ זיי האבן גזאגט פן ירבה טאמר וועלן זיי זיך מער
הט הקב"ה גזאגט כן ירבה זיי וועלן זיך בוודאי מערן ויקוצו מפני בני ישראל
דען דיא מלאכים האבין גשטאכן דיא מצרים אזו וויא מיט דערנר
רבי יצחק זאגט דיא מחשבה פון דיא מצרים איז גיוועזן צוא פאר
מיידין דיא ישראל פון פריה ורביה אונ פרעה האט זייא איין עצה
גיגעבין אונ האט צוא זייא גזאגט עס וועט גיבארין ווערין צוא דיא
ישראל איינר וואס וועט טאן איין דין אין אייערי אפ געטער · רבי
יוחנן זאגט בשעת משה האט גיזאגט ובכל אלהי מצרים אעשה שפטים אי
דער שר פון מצרים וואס ער הייסט דומה גגאנגן פיר הונדערט מייל
אונ איז גיקומען פאר הקב"ה האט הקב"ה צוא אים גיזאגט עס אי
גיקומען דיא צייט אז איך זאל זיך אין דיא מצרים נוקם זיין אונ
פריער אין דיר אזו וויא עס שטייט יפקוד ה' על צבא המרום במרום באות
שעה איז צוא גינומען גיווארין דיא שררה פון אים אונ דער ממונה
דומה איז גווארן איין שר של גיהנם צו דן זיין די רשעים אין גיהנם ·
רבי יהודה זאגט ער איז איין ממונה אוף די מתים · רבי חנינא זאגט
עס שטייט ובאלהיהם עשה ה' שפטים איז קשה איז דען גיטאן גיווארן איין
דין אין די אפ געטער פון גאלד אין זילבר אונ האלץ אלא זאגט רבי
יוסי די וס זענן גוועזן פון גאלד אונ זילבר זענן צו גאנגין גווארן אונ
פון האלץ איז פר פולט גיווארין · זאגט רבי אליעזר די אפ
געטר פון מצרים איז גיוועזן לעמעלע דרום האט הקב"ה גיבאטן

א בראטן עס אין פייער צו מקיים זיין ספילי אלהיהם תשרפון באש כדי
מצרים זאלן שמעקן · דען גבראטינס שמעקט אויך · די בייער
ן דעם קרבן פסח האט מען געווארפן אויף דר גאס וואס איז נאך ערגר
יען ביי זיי ווי אלץ וואס ער האט זיי גיטאן · דרום שטייט שפטים רבי
ודה זאגט עס שטייט ובאלהיהם עשה ה' שפטים מיינט מען דעם שר של
עלה אזו ווי עס שטייט יפקוד ה' על צבא המרום במרום אונ דס אלץ האבן
ויסט זייערי חכמים ומכל שכן זייער שר דרום האבן זייא גיזאגט
ה נתחכמה לו רבי יוחנן זאגט די מצרים האבן גיהאט פיל ערלייא
פ געטר אונ דר טייך נילוס איז גיוועזן זייער אפ גאט אונ אין אלי
ט הקב"ה גיטאן שפטים אונ דר אפ גאט איז צום ערשטן גשלאגין
וארן דרום איז דר טייך גווארן פריער פיל מיט בלוט אונ דר נאך
טייט ויהי הדם בכל ארץ מצרים · רבי אליהו זאגין ווארום שטייט ובעצים
אבנים דס לערינט אונז אז די אפ געטר פון עצים ואבנים טובים האבן פון
ה גילאזט בלוט · רבי שמעון זאגט דר עיקר שלאגין פון די מצרים
ליין איז גוועזן אין ים אזו ווי עס שטייט ולא נשאר בהם עד אחד אונ פריער
ין גיטאן גווארן דינים אין זייערי אפ געטר דרום שטייט הבה נתחכמה
פן ירבה והיה כי תקראנה זיי האבן דורך כישוף גזאגט וואס עס וועט אויף
י זיין דר נאך זאגן זיי ונוסף גם הוא על שונאינו דאס מיינן זייא מחנות
לאכים וועלן רגען צווישן זיי ונלחם בנו אזו ווי עס שטייט ה' ילחם לכם ·
ועלה מן הארץ אזו ווי עס שטייט ובני ישראל יוצאים ביד רמה :

לך איש מבית לוי רבי אליעזר הייבט אן עס שטייט שיר השירים אשר לשלמה
מיר האבן גלערינט בשעת הקב"ה האט בשאפין די וועלט מיט
ין וויקן האט ער בשאפן די הימלין מיט זיין רעכטי האנט אונ דיא
רד מיט זיין לינקער האנט אזו וויא עס שטייט אף ידי יסדה ארץ וימיני
פחה שמים אונ האט באשאפן טאג אונ נאכט אונ מלאכים וואס זענין
מונה צו זאגן שירה ביי טאג אונ מלאכים וואס זאלן זאגן שירה ביי
אכט אונ אלי מלאכים פר נעמן די שירה פון די ישראל רבי יצחק
אגט די מלאכים וואס זאגן שירה ביי נאכט פר נעמן די שירה פון די
שראל ביי טאג דרום שטייט חברים מקשיבים לקולך אונ דיא וואס זאגין
ירה ביי נאכט די שירה איז גרעסר פון אלי בעלי השיר · אז דיא
עבידיגי הייבן אן צו זאגן שירה זענן די עליונים משיג וואס זיי האבן
ריער ניט משיג גוועזן אפילו הימל אונ ערד זענן אויך מוסיף כח דר
ון · זאגט רבי נחמיה וואל צו דעם וואס ער איז זוכה צוא וויסן דיא
ירה אונ צו פר שטיין אונ איז משיג גרוס חכמה וכח וגבורה צוא
יסין מה שהיה ומה שעתיד להיות אונ דוד האט עס גוויסט אונ האט מתקן
וועזן פיל שירות ותשבחות אין ספר תהלים אונ האט מרמז גיוועזן וואס
ס וועט זיין אונ האט מוסיף גוועזן כח וגבורה מיט רוח הקודש צוא
ניני תורה וחכמה אונ האט עס אלץ מתקן גיוועזן אין תהלים אונ
למה האט נאך מער זוכה גיוועזן מיט דעם שיר השירים ער האט מתקן
יועזן גרוסי חכמות אונ פיל משלים דרום זאגט ער עשיתי לי שרים ושרות
לומר איך האב גיבארשט צו וויסן פון דיא שירים עליונים אונ פון
י וואס זענן אונטר זיי דרום זאגט ער שיר השירים כלומר דאס איז דער
יר פון די שירים של מעלה דס איז אזו איין שיר וואס דרינן איז
לול אלי ענינים תורה חכמה כח אונ גבורה דס וואס איז שוין
יוועזן אונ דס וואס עס וועט זיין דר שיר וואס די עליונים זינגן · רבי
לעזר זאגט די שירים של מעלה זענן גשטאנן ביז לוי איז גבארין
יוארן פון דר צייט אונ ווייטר האבן זיי די שירים גיזאגט · אז משה
איז גבארן גווארן אונ אהרן איז גיזאלבט גווארין אונ די לוים זענן
גיהייליגט גווארן זענן ערשט די שרים גיקומן אויף זייער משמר אונ
אז לוי איז גבארין גווארן האבן אלי שרים של מעלה גיזאגט דעם שיר
מי יתנך כאח לי יונק שדי אמי אמצא בחוץ וגו' אונ פון לוי זענן ארוס גיקומן
די לוים וואס זענן גיוועזן משוררים אונטין אין בית המקדש אונ זייא
זענן גהיילט גווארן אונ זענן גשטאנן אויף זייערי משמרות אנטקעגן
די שרים של מעלה וואס זאגן שירה זענין די עולמות גיווארן חברים
אלי זענן גווארין איינס אונ איין מלך רועט אויף אלי זיי הייסן לוים
דס איז טייטש בהעפט אזו ווי לאה האט גזאגט הפעם ילוה אישי אלי אזוי
אויך האט זיך די שכינה באהעפט מיט די קינדר פון לוי משה אהרן
ומרים מיט זייערי קינדר אונ די משוררים של מעלה זענן ניט גשטאנן
אויף זייער משמר ביז די דריי זענן גבארן גווארן דס איז משה אהרן
ומרים וואס זיי האבן אלי גיזאגט שירה דרום שטייט שרים זינגערס דס
איז משה מיט אהרן וואס זיי האבן אלי גזאגט אז ישיר וגו' · ושרות זינגרנס
מיינט מען מרים אזו ווי עס שטייט ותען להם מרים שירו לה' וגו' · תנא מיר
האבין גילערינט אז לוי איז גיבארין גווארין האט אים הקב"ה גינומן
אונ האט אים בוחר גוועזן מער פון אלי ברידר דר נאך האט ער גווינן
קהת אונ עמרם משה אהרן ומרים אונ אז עמרם האט זיך אפ גשייד
פון זיין ווייב אונ האט זי ווידר צוריק גינומן אין דר צייט האבין דיא
מלאכים גזאגט שירה אויף דעם הימל האט הקב"ה אויף זיי אן גישריגן
זענן זיי שטיל גווארן ביז הקב"ה האט גינייגט זיין רעכטי האנט אויף
עמרם מיט די קינדר אונ פר וואס הייסט ער עמרם ווייל פון אים איז
ארוס גיקומן עם רם אהוך פאלק העכער פון אלי הוכי אונ ווארום
שטייט ניט זיין נאמן נאר עס שטייט וילך איש ווייל ער איז גיגאנגין
בצנעה שטילר הייד אונ האט יוכבד צוריק גינומן קיינר זאל ניט וויסן
דרום שטייט ניט זיין נאמן נאר וילך איש :

ויקח את בת לוי אונ שטייט ניט איר נאמן אויך ווייל זיא איז צוא אים
גיקומן בצינעה רבי אבהו זאגט וילך איש דס איז גבריאל ער האט
זיי צו אנגדר גיבראכט רבי יהודה זאגט עמרם אליין האט זי צוריק
גינומן נאר דריבר שטייט ניט זיין נאמן צו ווייזן עס איז גוועזן מן
השמים ווארום עמרם האט ניט גיקאנט גווינן משה ביז ער האט גנומן
איין חלק פון דר שכינה דרום ביי אהרן ומרים שטייט ניט דר זיווג
פון עמרם מיט יוכבד נאר ביי משה אונ דרום שטייט ותרא אותו כי טוב
הוא דען הקב"ה האט מייחד גיוועזן זיין נאמן אויף איר אזוי וויא עס
שטייט טוב הוא לכל דער טוב פון הקב"ה איז גיוועזן ביא משה :

דבר אחר וילך איש דש איז גבריאל וואש הייסט איש אזו ווי עש שטייט
והאיש גבריאל וגו' · ויקח את בת לוי מיינט מען דיא נשמה דען
מיר האבין גילערינט בשעת דער גוף פון איין צדיק דארף גיבארין
ווערין אויף דר וועלט רופט הקב"ה צו גבריאל אונ הייסט אים נעמן
די נשמה פון גן עדן אונ גיט זי אריין אין דעם גוף פון דעם צדיק וואס
ווערט גיבארן אונ ער איז דרויף ממונה זי צו היטין · וועסטו פרעגין
אמער דר מלאך וואס איז ממונה איבר דיא רוחות הצדיקים הייסט
דאך לילה וואס ער איז ממונה אויף דעם טראגן פון איין אשה וואס דען
זאגסטו אז ער הייסט גבריאל נאר גבריאל הייסט אויך לילה ווארום
ער איז מצד שמאל :

וילך איש מבית לוי מיינט מען עמרם ויקח את בת לוי דס איז יוכבד · איין
בת קול האט אראפ גירעדט אונ זאגט ער זאל זי צוריק נעמן

דען עס האט גיגרייכט די צייט מען זאל די ישראל אוס לייזן פון מצרים דורך דעם זון וואס זיי וועלן האבן און הקב"ה האט זיי גיהאלפן די שכינה זאל זיך ניט אפ טאן פון זייער זון משה וואס איז גיבארין גיווארן מחמת זייער ווילן איז גוועז צו בהעפטן זיך מיט דר שכינה אזו וויא עס שטייט והתקדשתם והייתם קדושים ווען אמענטש הייליגט זיך אוף דר וועלט הייליגט מען אים פון יעני וועלט אזו ווי דר ווילן פון דעם מענטשין איז צו בהעפטן זיך מיט דר שכינה אזוי ווערט די שכינה ניט אפ גטאן פון זייערי מעשים זאגט רבי יצחק וואל צו די צדיקים וואס זייער רצון איז תמיד זיך מדבק זיין להקב"ה אזו איז זיך הקב"ה צו זיי מדבק און פר לאזט זיי ניט אבר ווי צו די מענטשין וואס זייער רצון איז ווייט פון הקב"ה נאך מער זייא זענין זיך חלילה מדבק צו דר טומאה מיט די קליפות · קום און זעה עמרם האט זיך בהעפט צו הקב"ה איז פון אים ארוס גקומן משה רבינו וואס די שכינה האט זיך פון אים ניט אפ גטאן ביז אייביג וואל איז זיין חלק :

**ותהר** האשה ותלד בן ותרא אותו כי טוב הוא פר וואס איז ער גוועזן גוט ווארום ער איז גיבארין גיווארין גימלת דער הייליגר צייכין פון דעם מענטשין הייסט טוב אזו ווי עס שטייט אמרו צדיק כי טוב רבי יוסי זאגט אז משה איז גבארין גיווארין איז גיווארין ליכטיג אין דר גאנצר שטוב דען דא שטייט כי טוב און בשעת הקב"ה האט בשאפן דס ליכטיקייט שטייט אוך וירא אלהים את האור כי טוב · ותצפנהו שלשה ירחים דס ווייזט אז ער וועט דר קענין דס גרוסי ליכט ביי דר הייליגר תורה וואס ער האט מקבל גיוועזן אוף דעם בארג סיני בחודש השלישי וואס דעמאלט האט זיך די שכינה צו אים באוויזן און האט אוף אים גירופט פר אלי ישראל אזו ווי עס שטייט ומשה עלה אל האלהים ויקרא אליו ה' ולא יכלה עוד הצפינו דען ביז אין דר צייט פון קבלת התורה האט מען אליץ ניט גיוויסט וואס משה האט גרעט מיט הקב"ה דרום שטייט משה ידבר והאלהים יעננו בקול :

**ותקח** לו תיבת דס ווייזט מיר אויף דעם ארון הקודש מיט דיא לוחות ותחמרה ווייזט מיר אז עס איז גיוועזן באדעקט מיט גאלד פון אינעווייניג און פון דרויסן בחמר ווייזט אוף די מצות עשה ומצות לא תעשה וואס גאט האט דרויף מחמיר גוועזן ותשם בה את הילד דס זענען די ישראל דר פסוק גלייכט זיי צו אקינד אזו ווי עס שטייט כי נער ישראל ואהבהו · ותשם בסוף דס זענען די מצות פון דר תורה וואס זענין ניט אזוי אגרוסר חיוב צו טאן אין דר מדבר ביז סוף פערציג יאר אז די ישראל זענין שון ארין גיגאנגין קיין ארץ ישראל ווארום דארטין איז פאר האנדין פיל מצות וואס זענען ניט נוהג אין חוץ לארץ על שפת אויף די לעפצין פון די לומדים וואס פסקנען שאלות צו די ישראל · ותתצב אחותו מרחוק דאס מיינט מען די הייליגי חכמה וואס הייסט אחות אזוי ווי עס שטייט אמור לחכמה אחותי את ווען די ישראל זינדיגן חלילה איז דר מדת הדין אוף זיי מקטרג דען עס שטייט די שכינה מיט דר הייליגר חכמה פון דר ווייטן אזו ווי עס שטייט מרחוק ה' נראה לי דעמאלט ותרד בת פרעה כל זמן אז די ישראל זענן צדיקים איז די שכינה ביי זיי נאהונט אבר אז זיי זענען זיך חלילה מרחק פון דר תורה קומט דר מדת הדין דס הייסט ותרד בת פרעה לרחוץ צו וואשין זיך אין בלוט פון די ישראל אוף דעם ביוש פון דר תורה על יד היאור מיינט מען דיא לומדים און דיא מורה הוראות וואס מאכין שלאף אירי הענט און ווילין ניט לערנין ערינסט די תורה · זאגט רבי יהודה אלי זאכן העלפט אן אין תשובה און אין תפלה פאר הקב"ה ומכל שכן אז ער וויינט אין זיין תפלה

איז בוודאי זייער גוט ווארום אלי טויערין זענען אובין ניט פר שלא
פר די טרערן פון מענטשין זיי זאלין ארין גייען דרום שטייט ותפ
דס איז די שכינה זי שטייט תמיד מלמד זכות זיין אוף די ישראל א
ווי אמוטר איבר די קינדר ותראהו את הילד דס זענען די ישראל וואס זע
גגליכן צו איין ילד שעשועים ווען אפילו זיי זינדיגן טוען זיי תיכף תשוב
און וויינען פאר הקב"ה און בעטן פאר אים אזו וויא איין קינד פא
איין פאטר דרום שטייט והנה נער בוכה ער וויינט פר הקב"ה און ע
ווערט תיכף אפ גטאן אלי גזירות רעות פון דר וועלט אזוי וויא ע
שטייט ותחמול עליו זי איז זיך מרחם אוף זיי מיט דעם מדת הרחמ
און זאגט מילדי העברים זה די זענען ניט פון די וואס האבן הארטי הער
און קשה עורף נייערט פון דיא עברים טהורי לב פון זייערי אבו
ואמהות ווייכי הערצר תשובה טאן פר הקב"ה ותקרא את אם הילד זי ה
אוך גיוויינט אזו ווי עס שטייט קול ברמה נשמע נהי בכי תמרורים רחל מב
על בניה מאנה להנחם זיי וויינען ביידי אין איינעם זאגט רבי יהודה לעת
שטייט בבכי יבאו ובתחנונים אובילם בזכות דעם גיוויין פון דער מוטר רח
ווערין זיי קומין און ווערין זיך איין זאמלין פון דעם גלות זאגט ר
יצחק די גאולה פון ישראל הענגט נאר אן אין וויינען ווען זיי וועלן פ
לענדין די טרערין וואס עשו האט גיוויינט פר זיין פאטר יצחק אזו ו
עס שטייט וישא עשו את קולו ויבך זאגט רבי יוסי די טרערין וואס עשו ה
גלאזט האבן גמאכט נידריג די ישראל אין גלות ארין אבר מיט דע
וויינען פון דיא ישראל וועט משיח קומן אזו וויא דר פסוק זאגט בב
יבאו ובתחנונים אובילם :

**ויהי** בימים הרבים ההם רבי יהושע זאגט עס איז שון גוועזן דר סוף פ
דעם גלות מצרים אזו ווי עס שטייט וימת מלך מצרים דר שר פ
מצרים האט אראפ גינידרט פון זיין גדולה און איז אראפ גפאלן פ
זיין גאווה דען אז ער האט איין מפלה גיהאט האט זיך הקב"ה ד
מאנט אין דיא ישראל און האט צו גיהערט זייער תפלה זאגט ר
יהודה כי זמן דר שר פון מצרים האט גיהאט ממשלה איז ניט צו
גהערט גווארן דס געשריי פון די ישראל און אז דער שר איז אר
גפאלן שטייט וימת מלך מצרים ויאנחו בני ישראל מן העבודה ותעל שועתם אל האל
אבר ביז דר צייט זענין זייא ניט גענפרט גווארן מיט זייער געשרי
זאגט רבי אלעזר קום און זעה די מדה פון הקב"ה ווען הקב"ה ו
זיך מרחם זיין אוף די ישראל נייגט ער און נידרט אראפ דעם כ
הדין · רבי יהודה זאגט עס שטייט והנה מצרים נוסע אחריהם האט דא
רבי יוסי גיזאגט אז דס איז דר שר פון מצרים און דו זאגסט וימת מ
מצרים מיינט מען דעם שר זאגט רבי יצחק אדרבה דס איז נאך אי
ראיה צווא דעם דען דא שטייט וימת מלך מצרים און דארט שטייט ה
מצרים נוסע און עס שטייט ניט מלך מצרים וויל מען האט אים ש
אראפ גינידרט פון זיין גדולה און ווארום שטייט וימת נאר אזו וו
ביי משה שטייט כי מתו כל האנשים המבקשים את נפשך מיינט מען דא
דארט אז זיי האבן אראפ גינידרט פון זייער גדולה און אז די גדול
ווערט אפ גטאן למעלה ווערט עס למטה אויך אפ גטאן · רבי יו
זאגט עס שטייט הנה יום בא לה' והיה יום אחד יודע לה' איז קשה זענין ד
אנדרי טעג ניט צו השי"ת זאגט רבי אבא פון דאנן לערנין מיר א
אז איבר אלי טעג איז די ממשלה פון די מזלות און שרים שר מעל
אבר דר טאג וואס משיח וועט קומן וועט זיין דיא ממשלה פון דע
טאג צו גאט אליין צו טאן איין דין · רבי אבא זאגט אז השי"ת מ

דין אין די שרים של מעלה שטייט כי רוותה בשמים חרבי איז דען דא
שווערד צוא הקב"ה זאגט רבי יצחק אמער עס שטייט דאך חרב
...לאה דם אוך שטייט והרבי תאכל בשר זאגט רבי חייא דער חרב איז
...טש דין דאס הייסט גלייך וויא איין שווערד אזו וויא עס שטייט
...דוד את מלאך ה' עומד וחרבו שלופה בידו הט דען דר מלאך גיהאט איין
...ערד אין זיין האנט נאר דם מיינט מען דעם דין· רבי יהושע בן
...זאגט דר מלאך המות הט מיר גזאגט ווען איך זאל ניט חס האבן
... די לייט וואלט איך זיי אנפלעקט דעם בית השחיטה אין זייער
...לז בשעת איך קולר זיי אזו ווי איין שוחט אנטפלעקט בייא איין
...מה אונ רבי אבא זאגט דר גמר דין הייסט חרב דרום שטייט וחרבו
...ה בידו פרעגט מען ווייטר אין זוהר א הכי אז חרב מיינט מען טאקי
...בתי שווערד ווארום שטייט וישב ח"ב אל נדנה ער הט אום גקערט
...שווערד אין איר שייד אריין זאגט רבי אבא דארט מיינט מען
...י אזו דר גמר דין הט זיך אום גקערט צום בעל דין אונ צוא דעם
ארט ווי ער איז גנומן גווארן :

...ן כה וכה משה הט געזען אין דיא פינף אונ צוואנציג אותיות פון
שמע ישראל וואס די ישראל זאגן אלי טאג צוויי מאל מיט דעם הט
...גהרגת דעם מצרי דרום שטייט ויפן כ"ה וכ"ה ויך את המצרי ער הט אין
... ניט גזעהן דעם כ"ה וכ"ה רבי אבא זאגט פריער הט ער גזעהן
... ער האט מעשים טובים וכ"ה אונ אוב עס וועט ארוס קומן פון
... איין גוט קינד וירא כי אין איש ער הט גזעהן ברוח הקודש אז עס
...ט פון אים ניט ארוס קומען קיין גוט קינד דרום האט ער אים
...לאגין דען רבי אבא האט גזאגט עס זענן כמה רשעים אוף דער
...לט וואס פון זיי קומט ארוס צדיקים מער וויא פון איין צדיק אונ
... צדיק וואס קומט ארוס פון ארשע הט מער מעלה פון איין אנדרן
... דאס איז איין טהור פון איין טמא טוב פון רע אור פון חושך
...מה פון טפשות דם איז בעסר פון אלץ אונ אז משה האט גיזעהן
...וח הקודש אז עס וועט פון אים ניט ארוים קומען קיין זרע כשר
...ים הט ער אים גהרגת · אונ הקב"ה האט גוואלט אז ער זאל גיין
...דעם באר וואס ער הט אין יעקב בגעגנט אזו וויא עס שטייט וישב
...באר אונ ביי יעקב שטייט אוך וירא והנה באר בשדה דם איז אלץ גוועזן
...ן באר אונ חאטשי משה מיט יעקב זענין גיוועזן אין איין מדריגה
...בהעפטן זיך צו איין באר פון דעסט וועגן איז די מדריגה פון משה
...רט גרעסער גוועזן רבי יוסי אונ רבי יצחק זענן גגאנגן אין וועג
...עגט רבי יוסי דר באר וואס משה אונ יעקב זענן ביי אים גוועזן איז
... גוועזן דר באר וואס אברהם אונ יצחק האבן גגראבן צוא גיין זאגט
...י יצחק בשעת דיא וועלט איז בשאפין גיווארן איז דער באר אוך
...אפן גווארן אונ ערב שבת פר נאכט איז זיין מול בשאפן גווארן
דם איז דר באר וואס יעקב אונ משה האבן גזעהן :

...הן מדין שבע בנות זאגט רבי יהודה ווי אזו קען זיין אז דם איז דר
ברונן פון יעקב אמער ביי יעקב שטייט דאך דם אלי פאסטחר
...בן זיך גמוזט איין זאמלן אראפ צוא נעמן דעם שטיין אונ דא
...ייט אז די טעכטר פון יתרו האבין צו זיי ניט באדארפט נאר זייא
...בן אליין אן גשעפט זאגט רבי חייא יעקב הט דעם שטיין אראפ
...בן פון דעם ברונן דען ביי די פאסטעהער שטייט והשיבו את האבן
...לעגן ווידר אום קערן דעם שטיין אוף דעם ברונן אונ ביי יעקב
...ייט שון ניט וישב את האבן ווייל תחלת זענן די וואסר גוועזן נידריג

אבר אז יעקב איז גקומן צו אים זענן די וואסר אוף גגאנגן צוא אים
אזו אויך צוא משה דרום איז שון ניט גוועזן דער שטיין דרום שטייט
ותבאנה ותדלנה זייא האבן תיכף אן גשעפט דען עס איז שון קיין שטיין
ניט גיוועזן · רבי אלעזר אונ רבי אבא זענן גגאנגן פון טבריה קיין
צפורי הט זיי בגעגנט איין יהודי אונ הט זיך בהעפט צוא גיין מיט
זיי זאגט רבי אלעזר איטליכר פון אונז זאל זאגן דברי תורה הייבט אן
רבי אלעזר עס שטייט ויאמר אלי הנבא בן אדם אל הרוח ואמרת אל הרוח פון דעם
פסוק לערנן מיר אפ פון וואנן דר רוח קומט ארוס דען ווי אזו האט
יחזקאל גיקענט נביאות זאגן אויף דעם רוח אמער עס שטייט דאך
אין אדם שליט ברוח לכלוא את הרוח אלא נאר איין מענטש קען ניט שולט זיין
אוף דעם רוח אבר הקב"ה איז שולט אוף אלץ אונ אוף די רייד הט
ער נביאות גזאגט· שפרינגט דר יהודי אוועק פון אים· זאגט רבי אלעזר
וואס האסטו דר זעהן· זאגט דר יהודי איך האב איין זאך דר זעהן זאגט
רבי אלעזר וואס איז זאגט ער אז דר רוח ווערט אן גקלייד אין א גוף
פון מענטשן אוף דר וועלט וואלט בדארפט שטיין כה אמר ה' מגן ערן באי
הרוח דען די רוחות קומן דאך פון דעם גן עדן פון דארטן זענן זיי זיך
מתלבש אוף דר וועלט אין א גוף זאגט רבי אלעזר אז דער רוח גייט
ארוס פון דעם ג"ע זיך מתלבש זיין אין איין גוף מוז ער פריער ארוף
גיין צו דעם כסא הכבוד וואס ער שטייט אוף די פיר עמודים וואס דם איז
דר מקור פון די פיר יסודות וואס איטליכר מענטש הט אין זיך דם איז
מים רוח אש עפר אונ דר רוח מוז פריער נעמן פון דעם כסא הכבוד כח
אונ חיות פון די פיר יסודות כדי ער זאל קענן האבן דאס חיות פון
מענטשן וואס ער איז פון די פיר יסודות דר נאך איז ער זיך מתלבש
אין איין גוף · זאגט דר יהודי דם שפרינגען וואס איך האב גשפרונגען
ווייל איך האב גזעהן איין זאך פון דעם גן עדן · דען אמאל בין איך
גגאנגן אין דר מדבר האב איך גזעהן איין בוים ער איז גיוועזן זייער
גלוסטיג צו קוקן אוף אים אונ אונטר אים איז גיוועזן איין הייל האב
איך גנעהנט צו אים האב איך גזעהן אז פון דר הייל גייען ארוס כל
מיני ריח בשמים פון דער וועלט אזו האב איך מיך גשטארקט אונ
בין אריין גגאנגן אין דר הייל במדריגות הידועים איך בין גקומן אוף איין
ארט וואס דארטן איז גיוועזן פיל ביימר אונ ריח ובשמים וואס איך
האב ניט גיקענט סובל זיין דארטן האב איך גיזעהן איין מענטש
אונ ער הט גיהאט אין זיין האנט איין רוט אונ איז גשטאנען אויף
איין טיר אונ אז ער הט מיך דר זעהן הט ער זיך גיזעצט לעבין מיר
אונ הט זיך פר וואונדרט אונ זאגט צו מיר וואס טוסטו דא אונ ווער
ביסטו · בין איך גוועזן זייער אין פחד אונ זאג צו אים מיין הער איך
בין פון דיא חברים של רבי שמעון בן יוחאי אזו אונ אזו האב איך
גזעהן אונ בין אריין גגאנגן אין דר מערה אונ האב גנידרט אהער ·
זאגט ער צו מיר ווייל דו ביסט פון דר חברייא נעם דם בינדל כתבים
אונ גיב צו דר חברייא וואס זיי זענן מקובלים אונ ווייסן סודו"ת פון
די רוחות הצדיקים · אונ ער הט גיקלאפט אויף מיר מיט דער רוט
אזו בין איך אנטשלאפן גיווארן האב איך גיזעהן אין שלאף כמה
חיילות ושיירות וואס זענן גקומן אין דעם ארט אריין אונ דר אייגענר
מענטש שלאגט מיט דר רוט אונ זאגט צוא זייא גייט אין דעם וועג
פון די ביימר · אין דעם ווי זיי גייען הייבן זיי אן צוא פליהן אין דער
לופטן אונ גייען ארוף איך ווייס ניט וויא אהין זייא פליען אונ איך
האב גהערט פון זיי גרויסי קולות אונ ווייס ניט ווער זיי זענן אזו האב

איך

איך זיך אוף גחאפט פון דעם שלאף אונ האב שון מער ניט גזעהן
אונ פארכט מיך זייער אוף דעם ארט אין דעם האב איך גזעהן
דעם איינם מענטשן זאגט ער צו מיר וואס האסטו גזעהן זאג איך צו
אים איך האב גזעהן אין שלאף אזו אונ אזו זאגט ער צו מיר אין דעם
וועג גייען די רוחות פון די צדיקים אין גן עדן אונ דס וואס דו האסט
גהערט פון זיי דס איז וואס זיי שטייען אין גן עדן אין דעם גישטאלט
פון דר וועלט אונ פרייען זיך מיט די רוחות הצדיקים וואס גיין דארטן
אהין דען אזו וואול ווי דר גוף ווערט גבויט אוף דר וועלט פון פיר
יסודות אזו מוז דארטן דר רוח גבויט ווערן פון דר נשמה פון די פיר
יסודות פון דיא אוירים פון גן פון וואנן דער מקור קומט ארוס דאס
פנימיות אונ חיות פון אלי פיר יסודות אונ דס בינטל כתבים נעם
צו אונ גיב דר חברייא אונ גייא דיר דיין וועג איז גקומן רבי אלעזר
מיט די חברים אונ האבן אים גקושט אוף זיין קאפ זאגט רבי אלעזר
בריך רחמנא גלובט איז השי"ת וואס ער האט דיך אהער גשיקט בוודאי
איז דס די לוטרי זאך אונ הקב"ה הט מיר אין מיין מול גגעבן דעם
פסוק · אונ ער הט זיי גגעבן דס בינטל כתבים · ווי רבי אלעזר גנעמט
זיי אין דר האנט אונ עפינט דיא כתבים איז גקומן איין פייער אונ
הט אים ארום גרינגילט ער הט דרינן גזעהן וואס ער האט גזעהן אונ
עס איז ארוס גפלוגן פון זייני הענט הט רבי אלעזר גוויינט אונ האט
גזאגט ווער קען בשטיין אין די גנזי אוצרות די בהעלטינש פון דעם
מלך אזו וויא עס שטייט ה' מי יגור באהלך ומי ישכון בהר קדשך ווער קאן
וואונן אין דייני גצעלטן אונ ווער קאן רוען אוף דיין בארג וואול דעם
וועג אונ די שעה וואס איך האב דיך בגעגינט אונ פון דר צייט אן הט
זיך רבי אלעזר זייער משמח גוועזן אונ הט גאר ניט גיזאגט פאר דיא
חברים · ווי זיי גייען באגעגנן זיי איין קוואל ברונין וואסר האבין זיי
זיך דארטן גשטעלט אונ האבן גטרונקן די וואסר זאגט רבי אלעזר
וואול איז דס חלק פון די צדיקים · יעקב איז אנטלאפן גווארן פאר
זיין ברודר האט זיך אים גטראפן איין קוואל ברונין פון וואסר וויא
דס וואסר הט אים דר זעהן האבן זיי דר קענט זייער הארן אונ האבן
זיך גפרייט מיט אים אונ זענן אוף גגאנגן אנטקעגן אים אונ דארטן
הט ער בקומן זיין בת זוג · משה רבינו איז אנטלאפן פר פרעה הט
זיך אים אוך גטראפן דר ברונין וואסר האבן אים דיא וואסר אוך
דר קאנט אונ זענן אים אנטקעגן גקומן · אונ אז משה האט דס דער
זעהן האט ער גוויסט אז דא וועט ער בקומן זיין בת זוג ווארום דער
רוח הקודש הט זיך קיין מאל פון אים ניט אפ גיטאן אונ הט גוויסט
אז צפורה וועט זיין זיין בת זוג · זאגט דר מענטש צו רבי אלעזר איך
האב אזו גלערנט דס יתרו איז גוועזן איין כומר צו די עבודת כוכבים
אז ער הט דר זעהן אז עס איז אין איר קיין ממש ניט האט ער זיך
פון איר פורש גוועזן אזו האבן זיי אים אין חרם ארין גלייגט אונ אז
זייני טעכטר זענן גקומן אן שעפין וואסר האבן זיי די פאסטעכער
אוועק גטריבן · וויא משה האט גזעהן ברוח הקודש אז איבער דעם
טרייבט מען זיי אוועק מיד תיכף שטייט ויקם משה ויושען איז משה אוף
גשטאנן אונ הט זיי גהאלפן וישק את צאנם אונ הט אן גטרונקן זייערי
שאף ווארום ער הט זיך מקנא גוועזן פון וועגין הקב"ה · זאגט רבי
אלעזר דו ביסט ביי אונז אונ מיר ווייסן ניט דיין נאמן זאגט ער מיין
נאמן איז יועזר בן יעקב זענן גקומן די חברייא אונ האבן אים גקושט
אונ זאגן דו ביסט ביי אונז אונ מיר האבן גאר ניט גוויסט פון דיר
וואס דו ביסט זענן זיי שוין אנאנצן טאג גיגאנגן באנאנד · אויף דעם
אנדרן טאג הט ער זיי באלייט דריי מייל אונ איז זיך אוועק גגאנגן
זיין וועג :

ותאמרן איש מצרי הצילנו דר רוח הקודש הט אויס זיי גרעט זיי האבן
אליין ניט גוויסט וואס זיי זאגן דר מצרי וואס משה הט גהרגט
אין מצרים דס הט גורם גוועזן משה זאל קומן צו אונז · עס איז אמשל
איין מענטש זיצט אין דר מדבר אונ וויל זייער עסין פלייש אונ קען
ניט בקומן · אמאל דר זעהט ער ווי איין בער יאגט נאך איין שעפסלי
הט זיך דר מענטש גשטארקט אקעגן דעם בער אונ הט דס שעפסלי
מציל גוועזן אונ ער הט דס גקולט אונ הט דס אוף גגעסין :

ומשה היה רועה את צאן יתרו רבי שמעון הייבט אן עס שטייט דודי לי
הרועה בשושנים ווי צו די לייט וואס גיבין ניט אכטונג אונ ווייסין
גאר ניט דען אין דער צייט אז עס איז אויף גגאנגן אין דער מחשבה
פון הקב"ה צוא באשאפין דיא וועלט זענין אלי עולמות אוף גגאנגן
אין זיין מחשבה אונ מיט דער מחשבה זענין אלי עולמות
באשאפין גווארן אזו וויא עס שטייט כולם בחכמה עשית אונ מיט דער
מחשבה פון דער חכמה אונ מיט דער רעכטר האנט הט ער בשאפן
יעני וועלט אונ מיט דר לינקר האנט הט ער בשאפין די וועלט אזוי
ווי עס שטייט אף ידי יסדה ארץ מיינט מען די לינקי האנט וימיני טפחה שמים
איז די רעכטי האנט זיי זענן אלי בשאפן גיווארן אין איין שעה אונ
אין איין רגע אונ הט גימאכט עולם הזה אנטקעגין עולם הבא אונ
אלץ וואס עס איז אויף דעם הימל איז אנטקעגין פר האנדן אוף דער
וועלט אונ וואס עס איז אוף דר וועלט איז פר האנדין זיין גלייכין אין
ים עס איז אלץ איינס ער הט בשאפין אובין מלאכים אונ אוף דער
וועלט הט ער אנטקעגן בשאפין מענטשין אונ אין ים איז אנטקעגין
דר לויתן אזו ווי עס שטייט לחבר את האוהל להיות אחד דס איז אלץ איינס
קעגין דעם אנדרן ביי דעם מענטשין שטייט כי בצלם אלהים עשה את האדם
נאך שטייט ותחסרהו מעט מאלהים אונ הט אוס דר ווילט אין די צדיקים ·
די אייברשטי מלאכים רופט ער זיי ניט אן בנים מייני קינדר אונ די
צדיקים רופט ער בנים אזו ווי עס שטייט בנים אתם לה' אלהיכם ער ריפט
זיי קינדר אונ זיי רופן אים פאטר אזו ווי עס שטייט כי אתה אבינו דרום
שטייט דודי לי ואני לו ער הט מיך אויס דר ווילט אונ איך האב אים
אויס דר ווילט הרועה בשושנים חאטשי ארום די רוזן זענין פר האנדין
דערנר פון דעסט וועגן הט הקב"ה אונז גטאן שפייזן אין ארץ ישראל
צווישן די עובדי כוכבים דס קיינר האט זיי ניט גיקאנט עפיס טאן
נאך איין פשט איז ווארום הייסט הקב"ה רועה בשושנים אזו ווי איין
רויז איז רויט אונ איהר זאפט איז ווייס אזוי אוך הקב"ה פירט דיא
וועלט מיט דעם מדת הדין וואס איז רויט אונ מיט דעם מדת הרחמים
וואס ער איז ווייס אזו וויא עס שטייט אם יהיו חטאיכם כשנים כשלג ילבינו :

רבי אבא איז גגאנגן אין וועג מיט רבי יצחק אזו ווי זיי גיין זענין זיי
גיקומין צו רויזין בייכר הט רבי אבא גינומין איין רוז אונ איז
אוועק גיגאנגן הט איר בגעגינט רבי יוסי זאגט ער צו אים די שכינה
איז בוודאי דא אונ איך זעה אין די הענט פון רבי אבא דס ער הט
נאר גנומן די רוז כדי ער זאל פון איר אפ לערנן גרוס חכמה · זאגט
רבי אבא זעט דיך אנידר מיין קינד האבין זייא זיך גיזעצט הט רבי
אבא איין שמעק גיגעבין די רוז אונ זאגט די וועלט הט בוודאי מער
קיין קיום ניט נאר אוף דעם ריח דען מיר זעהן אז דר נפש הט נאר

איין

אין קום אוף דעם ריח · דרום געהער מען צו נעמן איין הדס צו הבדלה במוצאי שבת צו שמעקן דר פון · ער הייבט אן עס שטייט אני לדודי ודודי לי ווער איז מיר גורם וואס איך בין לדודי אונ מיין דודי איז צו מיר ווייל ער איז הרועה בשושנים ער פירט דיא וועלט אזו וויא ארוז שמעקט מען אונ זי איז רוט אונ די וואסר וואס מען קוועטשט אוס פון איר איז וייס אונ איר ריח ווערט ניט פר ענדרט אזוי אויף דעם אופן פירט השי"ת די וועלט דען ווען ניט אזו וואלט חלילה אזנדיגר מענטש קיין קום ניט גיהאט דען דר חוטא הייבט אדום רוט אזו וויא עס שטייט אם יהיו חטאיכם כשנים כשלג ילבינו אונ אז דר חוטא איז מקריב איין קרבן שפרי נגט מען פון אים דם בלוט וואס איז רוט אויף דעם מזבח וואס דר מדת הדין איז אויף אים רוט אונ דר ריח קומט אוף פון אים וויס דען עס ווערט פר קערט פון רוט צו וויס פון דעם מדת הדין ווערט רחמים · אוך זאגט רבי יצחק אזו ווי איין ווין איז רויט אונ וויס אזוי אויך דר ריח הקרבן איז פון רויט אונ וויס · קום אונ זעה די קרייטעכצר פון די קטורת אטייל זענין וויס היינו וואריך אונ אטייל זענין רויט דס איז מר דרור אונ דר ריח גייט אויף פון ביידי רויט אונ וויס אזו אויך איז הקב"ה זיך נוהג מיט דר וועלט בשושנים וואס זענין רויט אונ וויס אזו וויא עס שטייט להקריב לי כל חלב ודם אזוי אויך אז א מענטש פאסט איז ער מקריב זיין חלב ודם דאס חלב איז וויס אונ דם בלוט איז רוט אונ הקב"ה איז אים מכפר אונ אזו וויא ארויז איז רויט אונ קען וויס ווערין דורך פייער אזו איז דר קרבן ווייל מיר האבן היינט קיין קרבן ניט איז דר תענית איין קרבן · זאגט רבי יהודה דורך דעם תענית פון דעם מענטשין ווערין זייני אברים שלאף אונ דר יסוד האש איז זיך גובר אוף אים מיט דעם אש איז ער מקריב זיין חלב ודם דס הייסט מזבח כפרה דרום אז רבי אלעזר הט גפאסט הט ער מתפלל גוועזן אונ הט גיזאגט רבונו של עולם עס איז אנטפלעקט פאר דיר אז איך האב מקריב גוועזן צו דיר מיין חלב ודם אונ האב זייא גימאכט דר היצין מיט דעם שלאפקייט פון מיין גוף עס זאל זיין בווילגט דר ריח וואס גייט היינט ארוס פון מיין מול ווי דר ריח פון איין קרבן וואס איז אוף גיבאגן אוף דעם מזבח אונ דיא זאלסט מיך באווילגן נמצא ווערט גיפונן אז א מענטש פאסט איז ער מקריב זיין חלב ודם אונ דס אש אונ דר ריח וואס גייט פון זיין מול איז איין מזבח כפרה דרום הט מען מתקן גוועזן די תפלות אוף דעם ארט פון איין קרבן נייערט ער זאל אין זיי מכוין זיין אזו ווי מיר האבן גזאגט · רבי יצחק זאגט עס שטייט כל דבר אשר יבוא באש תעבירו באש וטהר אזו אזאך וואס עס איז דורך דעם פייער טריף גיווארן זאל עס דורך דעם פייער כשר ווערין ממילא אזו וויא דר מענטש אז ער טוט איין עבירה דער היצט ער זיך מיט דעם יצר הרע אזו איז ווידר זיין כפרה דורך דעם וואס ער דר היצט זיך מיט דעם פאסטן אדר מיט תורה לערנן אדר מיט מעשים טובים ווערט ער טהור · רבי יוסי זאגט אז דר בהמ"ק איז גשטאנין פלעגט דר מענטש מקריב זיין א קרבן פלעגט מען אים דורך דעם מכפר זיין זייני עבירות היינט איז די תפלה מכפר אוף דעם ארט פון דעם קרבן :

דבר אחר נאך איין פשט איז אזו ווי רוזין וואקסן צווישן די דערנר אזו אוך פירט הקב"ה די וועלט צדיקים מיט רשעים אונ אזו ווי רוזן קענן ניט האבן קיין קיום סיידן דורך די דערנר אזו אוך ווען די רשעים זאלן ניט זיין וואלטן די צדיקים ניט רעכט דר קענט גוואהרן דען רבי יהודה הט גזאגט אז ווען עס זאל ניט זיין קיין רשעים אוף דר וועלט וואלטן די צדיקים גאר ניט דר קענט גווארן אונ דורך זייערי מעשים רעים דר קענט מען די צדיקים :

דבר אחר נאך איין פשט איז הרועה בשושנים דאס מאכט שש שנים השי"ת איז מנהיג די וועלט מיט זעקס יאר אונ דס זיבטן יאר איז שבת צו גאט דס הייסט שמיטה · אדר הרועה בשושנים מיינט מען די וואס לערנן תורה דען שונים איז טייטש לערנן אין דעם זכות פירט הקב"ה די וועלט :

ומשה היה רועה את צאן יתרו רבי חייא הייבט אן עס שטייט מזמור לדוד ה' רועי לא אחסר וגו' אזו ווי אפאסטיך פירט זייני שאף אויף איין רעכטר אונ איין פעטי פאשי לעבין טייכין פון וואסר אונ ער מאכט רעכט פארטיג זייער גאנג אזו איז אוך הקב"ה דרום שטייט בנאות דשא ירביצני על מי מנוחות ינהלני רבי יוסי זאגט דר סדר פון איין פאסטיך איז צו פירין זייני שאף מיט ערליכקייט צו מציל זיין זיי פון גזל זיי זאלין ניט עסן פון פרעמדי פעלדר אונ הט אין זיין האנט איין רוט כדי זיי זאלן ניט גייען רעכט אונ לינק אזו אוך הקב"ה איז רועה די ישראל ער פירט זיי אוף איין רעכטן וועג אונ די רוט פון דין איז אין זיין האנט זיי זאליז זיך ניט גייגין אן דר זייט :

דבר אחר איין אנדרר פשט איז ומשה היה רועה וגו' רבי יוסי זאגט דר וואס איז איין קלוגר פאסטיך צו פירין זייני שאף דר איז אן גיברייט צו מקבל זיין אוף זיך דעם עול מלכות שמים אבר דר וואס איז איין שוטה איז אוף אים גזאגט תקוה לכסיל ממנו זאגט רבי יהודה משה איז גיוועזן איין חכם צו פירין זייני שאף אזו אוך דוד איז גוועזן איין חכם גדול אונ הט גיפירט זייני שאף כדין דרום הט אים הקב"ה גימאכט פר איין מלך אוף כל ישראל ווארום אזו ווי עס שטייט רועה צאן ער הט גיפאסיט שאף פר וואס ניט רינדר זאגט רבי יהודה דיא ישראל הייסין צאן אזו ווי עס שטייט ואתנה צאני צאן מרעיתי אונ ווידער שטייט כצאן קדשים כצאן ירושלים אזו וויא דורך דיא שאף וואס מען איז מקריב אויף דעם מזבח הט מען איין כפרה אזו דר וואס איז מנהיג די ישראל אויף איין גוטין וועג איז מען זוכה דורך זייא לחיי עולם הבא אונ ווידר אזו ווי אז די שאף גוינן קליני שעפסך נעמט זייא דר פאסטוך אוף זייני הענט אונ טראגט זייא נאך זייער מוטר אונ איז זיך מרחם אוף זיי אזו בדארף דר מנהיג ישראל פירין דיא לייט מיט רחמנות אונ ניט מיט אכזריות אזו אוך הט משה גזאגט כי תאמר אלי שאהו בחיקך אזו ווי איין גוטר פאסטוך איז מציל די שאף פון חיות רעות אזוי אויך דר מנהיג ישראל איז זייא מציל מדין של מטה ומדין של מעלה אונ איז זיי מדריך לחיי העולם הבא אונ אזו איז גיוועזן דר רועה נאמן משה רבינו · הקב"ה הט גזעהן ווי אזו ער פירט דיא שאף וועט ער מנהיג זיין מיט דר מדה דיא ישראל דרום שטייט ומשה היה רועה את צאן יתרו אונ עס שטייט ניט צאנו זייני שאף דען אזו איין גרוסר עושר ווי יתרו איז גוועזן אונ הט אים גיגעבין זיין טאכטר פר אווייב מן הסתם הט ער אים שאף אוך גגעבן נאר משה הט ניט גיוואלט פאטין זייני שאף מיט די אין אייגעם מען זאל ניט זאגן פון וועגין זייני שאף דרום פאסיט ער זיי אויף גוטי פאשי דרום שטייט נאר צאן יתרו אבר ניט זייני כתו סדין זאגט רבי תנחום חאטשי יתרו איז גוועזן איין עובד כוכבים פון דעסט וועגן ווייל ער הט מיט משה חסד גיטאן דרום הט ער אים גיפאסיט זייני שאף אזו וויא עס

באדארף צו זיין אוף גוטי פאשי :

וינהג את הצאן אחר המדבר רבי יוסי זאגט פון דעם טאג אן וואס משה
איז געבארן גיווארן האט זיך דר רוח הקודש ניט אפ גיטאן פון
אים אונ ווייל ער האט גיזעהן אז אין דר מדבר וועלן די ישראל מקבל
זיין די תורה אונ מצות דרום האט ער גפירט זייני שאף הינטער דער
מדבר אונ האט ניט גיוואלט אריין פירין זיי אין דר מדבר ויבא עד הר
האלהים חורבה ער איז אליין ארויף גינאנגין אויף דער בארג עס איז איין
משל צו איין מאגנעט וואס ציהט צו זיך אייזן ווי באלד ער דר זעהט
אים שפרינגט ער אויף אים אזו אויך משה רבינו אז ער האט דר זעהן
דעם בארג סיני דס איז דר הר חורב איז ער גשפרינגן אויף אים דרום
שטייט ויבא עד הר האלהים חורבה זאגט רבי אבא משה רבינו אונ דער
בארג סיני זענין ביידי אן גיברייט גוועזן מששת ימי בראשית אונ
אין דעם טאג וואס משה איז גיקומן צו דעם בארג האט ער אן גהויבן
שטורמין אנטקעגן משה אז ער האט דס דר זעהן איז ער גישפרונגן
אויף אים אונ האבן זיך ביידי גפרייט זאגט רבי ינאי משה האט תיכף
גוויסט אז דר בארג איז הר האלהים מיר האבן גילערינט דען משה האט
אויף דעם בארג גזעהן עופות פליהן אונ שוועבן זיי האבן צו שפרייט
די פליגיל אונ גייען ניט ארויף אויף דעם בארג צוא שטעלין זיך אויף
אים זאגט רבי יצחק ער האט גיזעהין עופות פליהן פון דארטין אונ
פאלן פר זייני פיס מיד תיכף האט ער דס פר שטאנין אונ האט גלאזט
די שאף שטיין הינטער דר מדבר אונ ער אליין איז אהין גינאנגן :

תנו רבנן די רבנים האבן גילערינט אין דר צייט וואס משה איז גיקומן
צו דעם בארג סיני נאך וואס האט זיך הקב"ה צו אים באוויזן בלבת
אש מיט פלאם פייער דס איז דאך דר מדת הדין זאגט רבי יצחק עס
איז גוועזן די צייט פון מנחה וואס אין דר צייט איז ער שולט נאר פאר
וואס האט זיך השי"ת צו אים פריער ניט באוויזן פר דר צייט נאר דר
עיקר איז אזו ווי עס שטייט ויבא אל הר האלהים חורבה דר נאך שטייטובחורב
הקצפתם את ה' אונ ווידר שטייט וירא מלאך ה' אליו בלבת אש מתוך הסנה ווייל
זיי וועלן זיין דר נאך אזו ווי דערנר אזו ווי עס שטייט קוצים כסוחים
באש יצתו דס האט אים הקב"ה גיוויזן אז זיי וועלן דר נאך זינדיגן אונ
וועלין זיין ווי דערנר צו פר ברענין אין פייער זאגט רבי יהודה פון
דאנן לערנן מיר אפ דס רחמנות פון הקב"ה איז אויף די רשעים דען
אזו ווי עס שטייט והסנה בוער באש דר מדת הדין ברענט אזו ווי פייער
פון דעם גיהנם אויף די רשעים וואס זיי זענן ווי איין דארין אבר דאס
רחמנות פון הקב"ה איז והסנה איננו אוכל דס קיין מאל פר דארבט ער
זיי ניט מחמת דעם מדת הרחמים וואס ער הט אויף זיי רחמנות :

וירא מלאך ה' אליו בלבת אש פר וואס האט זיך הקב"ה צו משה באוויזן מיט
פייער ניט אזו ווי צו אנדרי נביאים זאגט רבי יהודה משה איז
ניט גלייך צו אנדרי נביאים ווארום אנדרי מענטשן אז זיי גינעהן צו
פייער ווערן זיי פר ברענט אונ משה האט גינענט צו דעם פייער אונ
איז ניט פר ברענט גווארן אזו ווי עס שטייט ומשה נגש אל הערפל אשר
שם האלהים דרום שטייט וירא מלאך ה' אליו בלבת אש מתוך הסנה זאגט רבי
אבא עס שטייט ביי משה כי מן המים משיתיהו מען האט אים פון דעם
וואסר ארויס גצוגן אונ ווער עס ווערט אום גצויגן פון וואסר דר פארכט
זיך ניט פר פייער דען מיר האבן גילערינט פון דעם ארט וואס משה
איז באשאפן גווארן איז פון דארטן קיין שום מענטש ניט באשאפן
גווארן ער איז גיוועזן גנדינד פעסט אין אלי מדות ומדריגות דרום

שטייט בכל ביתי נאמן הוא וואל איז זיין חלק אז הקב"ה זאגט אליין אויף
אים אזו איין עדות זאגט רב דימי עס שטייט דאך ולא קם נביא עוד בישראל
כמשה האט ר' יהושע בן לוי גיזאגט נאר ביי די ישראל איז ניט גוועזן אזו
איין נביא ווי משה רבינו אבר ביי די אומות איז גוועזן איין נביא כמשה
אונ דס איז בלעם זאגט ער די זאגסט בוודאי רעכט אונ ווייסט ניט צו
ענטפערן ווי רבי שמעון איז גקומן פרעגן זיי אים דס ענטפערט ער זיי
חס ושלום עס זאל גלייך זיין גוט גיווירץ אונ שמעקינדיגער אייל
צו שלעכט גיווירץ אזו אויך חס ושלום מען זאל גלייכין בלעם צוא
משה נאר אזו איז דר פשט ביא דיא אומות איז בלעם חשוב גיוועזן
אזו ווי משה ביי די ישראל אבער זיי זענין ניט גלייך ווארום משה
איז גיוועזן אין די מדריגות העליונים הקדושים פון הקב"ה אונ בלעם
הט משמש גיוועזן במדריגות התחתונים וואס זיי זענין ניט הייליג
דען הקב"ה הט אין באשאפן זה לעומת זה אזו ווי אין דער קדושה
אזו איז דאס בקליפה כקוף בפני אדם אזו וויא איין נאף דאס הייסט
אבוזאנע אנטקעגן אמענטשן אזו איז די טומאה גיוועזן די מדה פון
בלעם אנטקעגן די מדה פון משה פון דער קדושה דרום שטייט ואת
בלעם בן בעור הקוסם הרגו בחרב רופט ער אים שוין אן כישוף מאבער
וועסט וועלין מיינן ער איז גרעסער גיוועזן גייא אונ פרעג זיין אייזי
וועסטו וויסין דעם אמת פון זיין גרויסקייט איז גיקומן רבי יוסי או
הט אים גיקושט זייני הענט אונ זאגט אצונד איז מיין גלוסטיקיי
פון מיין הארץ ארויס גינאנגען אונ פון דאנן זאל מען וויסין אז ע
איז פר האנדען עליונים ותחתונים ימין ושמאל רחמים אונ דין אונ על פ
פנים זענן אפ גישייד די נביאים עליונים פון דיא נביאים התחתונים
די הייליגי נביאים זאגט רבי יהודה אזו ווי משה איז אפ גשייד גוועז
פון אלי נביאים וואס אין דר קדושה דען ער איז גיוועזן העכר פון אל
הייליגי נביאים אזו איז בלעם אין דר טומאה אויך העכר גיוועזן מע
פון אלי נביאים חרשים מכשפים די נבואה וואס ניט הייליג ועל פ
פנים משה איז גיוועזן למעלה אונ בלעם איז גיוועזן למטה דס זענע
כמה מידות וואס זענן אפ גישייד איינס פון דעם אנדערן זאגט רב
יהודה משה הט זיך גיטראכט טאמר חס ושלום וועלן די ישראל פ
דארבן ווערן אין דר שווערע ארבייט פון די מצרים דרום שטייט ויר
מלאך ה' בלבת אש מתוך הסנה וירא והנה הסנה בוער באש והסנה איננו אוכל דא
הייסט ווען אפילו זיי וועלן זיין ביא פרעה אין דר האנט אזו ווי אי
דארן אין פייער וועלן זיי פארט ניט פר דארבן ווערן פיל זוכה זע
די צדיקים דס הקב"ה הט זיי אפ גישייד בשעת מתן תורה פון א
רשעים די היידן וואס זענן גיוועזן אין ארץ ישראל אונ הט זיי גירופ
בנים אזו ווי עס שטייט בנים אתם לה' אלהיכם נאך שטייט ואתם הדבקים ו

## פרשת וארא

וידבר אלהים אל משה רבי זאגט עס שטייט אין פסוק בטחו בה' עדי עד
כי ביה ה' צור עולמים איטליכער מענטש גיהער זיך כל ימיו צ
שטארקן אונ פר זיכרין אין הקב"ה דען אזו האט דוד גיזאגט אלהי
בטחתי וגו' ווער עס טוט זיין בטחון אונ זיין שטארקייט אין הקב"ה
עס דארף צו זיין קען אים די גאנצי וועלט קיין שלעכץ ניט טאן א
ווער עס טוט זיין שטארקייט אין דעם שם הקודש ווי דר פסוק זא
כי ביה ה' צור עולמים דען מיט די צוויי אותיות זענן אלי וועלטן באשא
גיווארן עולם הבא איז גיווארן באשאפן מיט דער יו"ד אונ עולם הז

אז

ויז בשאפן געווארן מיט דר הא די וועלט איז בשאפין געווארן מיט
ין אונ אויף דיז שטייט די וועלט אזו ווי עס שטייט בראשית ברא אלהים
מיינט מען דעם מדת הדין כדי די מענטשן זאלן זיך נוהג זיין בדין
אונ זאלן ניט ארויס גיין פון דעם רעכטן וועג · אונ דרום וויל משה
רבינו האט פריער גיזאגט למה הרעותה לעם הזה איז גיקומן צוא אים די
מדת פון דיז דרום שטייט תיכף וידבר אלהים אל משה דאס איז בקיצור
וארום עס איז דא אין דעם גרויסי סודות :

וארא אל אברהם אל יצחק ואל יעקב זאגט רבי חייא יעקב איז גיוועזן דער
בחיר שבאבות דרום שטייט ביי אלי אל אן איין ואיז אבר ביי
יעקב שטייט ואל מיט איין ואיו צו ווייזן דאס ער איז דער גאנצער פון
אלי אבר ער איז דאך ניט גלייך גיוועזן צוא משה רבינו דרום האבן
די נאר גיזעהן מיט דער מדריגה פון אל שדי אונ משה הט גיזעהן
מיט דעם שם הוי"ה אזו ווי עס שטייט ושמי ה' לא נודעתי להם וגם הקימותי
את בריתי אתם לתת להם את ארץ כנען דען ווער עס איז גיוועזן גימולת דער
הט גירשת דם לאנד ארץ ישראל עס האט קיינר ניט גיירשת נאר
ער וואס איז איין צדיק אונ דר יהודי וואס ער איז גימולת הייסט ער איין
צדיק אזו ווי עס שטייט ועמך כלם צדיקים לעולם יירשו ארץ ווען איז דם אזו
אז ער היט דעם היילגן צייכן אונ איז אים ניט פוגם חלילה אזו ווי
מיר גיפינן ביי יוסף ער הט ניט גיהייסן איין צדיק ביז ער הט גיהיט
דעם היילגן צייכין אונ האט אים ניט מטמא גיוועזן ביא אשת פוטי
פרע פון דענמאלט אן הייסט ער יוסף הצדיק · רבי חזקיהו זאגט עס
שטייט אשרי אדם לא יחשוב ה' לו עון וויא אזו זענען דיא לייט זייער פאר
שטאפט זיי ווייסן ניט אונ זעהן ניט אויף וואס זיי האבן אקיום אויף
דר וועלט דען אז הקב"ה האט בשאפן דעם מענטשין האט ער אים
בשאפן אין זיין גישטאלט אונ האט אים מתקן גיוועזן אין זייז תיקון
אונ האט אים בשאפן פון דעם ארט וויא דער בית המקדש איז אונ
ווארטן האבן זיך בהעפט די פיר זייטן פון דר וועלט דס איז די פיר
יסודות מים אש רוח עפר פון דעם איז דער גוף בשאפין געווארין אונ זיין
נשמה איז פון דעם בית המקדש של מעלה אונ דם איז נכלל גיווארן
זיין עפר מיט די איבריגי דריי יסודות דם זענין די נשמות פנימיות
דרך דעם איז דר מענטש גיווארן כלול פון די עליונים מחמת דער
נשמה אונ פון דיא תחתונים מחמת דעם גוף דרום שטייט אשרי אדם
לא יחשוב ה' לו עון ואין ברוחו רמיה וואול צו דעם מענטשין וואס עס איז קיין
רמיא ניט דא אין זיין רוח דר הייסט אדם אזו אויך משה איז העכר
גיוועזן אין דר מדריגה פון די אבות דען אזו ווי דר בן אדם איז זיין
נשמה דם פנימיות פון זיין גוף אזו איז משה גיוועזן דם פנימיות פון
די אבות דס הייסט די נשמה פון די אבות דרום שטייט וארא אל אברהם
אל יצחק ואל יעקב באל שדי וגו' דם איז גישריבן בקיצור דרך נגלה :

לכן אמור לבני ישראל אני ה' והוצאתי אתכם פרעגט רבי יהודה דער פסוק
שטייט פר קערט פריער זאגט ער והוצאתי אונ דר נאך והצלתי
אונ דער נאך וגאלתי ער וואלט בדארפט פריער זאגן וגאלתי איך
וועל זיי אויס לייזן דר נאך והוצאתי איך וועל זיי אויס ציהן דר נאך
והצלתי אלא ער האט זייא גיוואלט פריער זאגן דיא בעסטי בשורה
זאגט רבי יוסי צמער דיא בעסטי בשורה איז דאך נאר ולקחתי אתכם
לי לעם והייתי לכם לאלהים וואָרום זאגט ער דאס צום הינטערשטען זאגט
רבי אבא די צייט איז ביי זיי גיוועזן די בעסטי בשורה אז זייא וועלין
ארויס גיין דען זייא האבן גימיינט אז זייא וועלן שון קיין כאל ניט

קענן ארויס גיין פון מצרים וויל זיי האבן גיזעהן אז דיא וואס זענען
גיוועזן תפוס אין מצרים האבין די מצרים גיבונדן מיט כישוף אז זייא
זאלן שון אייביג ניט קענן ארויס גיין פון מצרים דרום דיא בשורה
פון והוצאתי איז גרעסר גיוועזן פון אלין דרום האט ער זייא גיזאגט
והוצאתי אתכם אונ אז איר וועט מורא האבן טאמר וועט מען אייך
נאך יאגען צוא שלעכן טאן אייך דרום זאגט ער והצלתי אתכם
מעבודתם איך וועל אייך שון גאר מציל זיין פון זייא אונ אז איר וועט
זאגן אז מיר וועלן שון ארויס גיין אונ ניצול ווערן פון זיי עס וועט
אבר ניט זיין קיין גאולה זאגט דר פסוק וגאלתי אתכם בזרוע נטויה אוב
איר וועט זאגין אז מיר וועלן יוא ניצול ווערן הקב"ה וועט אונז אבר
ניט נעמן פר קיין פאלק אונ אנדרר מלך וועט אונז נעמן אין גלות
דרום זאגט ער ולקחתי אתכם לי לעם אונ אוב איר וועט זאגן אז ער וועט
אונז יוא נעמן פר א פאלק ער וועט אונז אבר ניט ברענגן קיין ארץ
ישראל דרום זאגט ער והבאתי אתכם אל הארץ וגו' :

ולקחתי אתכם לי לעם והייתי לכם לאלהים וידעתם כי אני ה' אלהיכם די מצוה איז
דיא ערשטי מצוה פון אלי מצות דאס מען זאל דער קענען
הקב"ה בדרך כלל ובדרך פרט · בדרך כלל איז מען זאל וויסן אז
ער איז איין שליט עליון דר האר פון דר וועלט אונ הט אלין בשאפן
היכל אונ ערד אונ אלין וואס עס איז דא אויף זייא אונ הט בשאפין
דעם מענטשן פון דר ערד אונ הט אין אים ארין גיגעבן איין נשמת
חיים דם איז בדרך כלל · אז דיא ישראל זענין ארויס גיגאנגען פון
פון מצרים האבען זייא ניט גיקענט צוא הקב"ה אונ אז משה איז
גיקומן צו דר ערשטר מצוה וואס ער הט זיי גילערנט שטייט וידעתם
כי אני ה' אלהיכם המוציא אתכם וגו' אונ ווען ניט די מצוה וואס ער האט צוא
זיי גיזאגט וואלטן זיי ניט גיוועזן גיגלייבט אין אלי ניסים וגבורות וואס
ער האט זייא גיטאן אין מצרים אונ אז זיי האבן דאס גיוויסט בדרך
כלל דען איז גיטאן גיווארען צוא זייא ניסים וגבורות אונ צום סוף
פערציג יאר אז זיי האבן עוסק גיוועזן במצות התורה אונ משה הט
מיט זיי גילערנט סייא די מצות וואס זענען נוהג נאר אין ארץ ישראל
אונ סייא די מצות וואס זענען נוהג אין חוץ לארץ אויך האט ער זייא
שויז געלערנט בדרך פרט דרום האט ער זייא געזאגט
גיזאגט וידעת היום והשבות אל לבבך וגו' אונ זאגט היום דאס הייסט נאר
היינט אבר פריער הט איר קיין רשות ניט גיהאט צו וויסן כי ה' הוא
האלהים דם איז בדרך פרט אין דעם פסוק איז פאר האנדן כמה רזין
וסודות דרום איז דיא ערשטי מצוה צוא קענען הקב"ה בדרך כלל
ופרט · דר סוד פון אני ראשון איז בכללי ואני אחרון איז בפרט אונ אלץ
איז נכלל איז אסוד אז דר מענטש ווייסט בכלל אז ער איז משלים
אלי זייני רמ"ח אברים מיט די שס"ה גידים מיט מצות התורה דיא
רמ"ח מצות עשה איז אנטקעגן די רמ"ח אברים אונ די שס"ה מצות
לא תעשה איז אנטקעגן דיא שס"ה גידים אונ אז דער מענטש איז
משלים די שס"ה מצות לא תעשה וואס זייא זענען אנטקעגן די שס"ה
טעג וואס איז אין יאר אזו ווערט ער גיבענטשט פון זייא דען דורך
אים ווערן די שס"ה ימים גבענטשט דרום ווערן זיי אים איין רפואה
צו זייני שס"ה גידים דרום שטייט ביומו תתן שכרו דאס מיינט מען זיין
שכר איז פון די טעג אליין זיי זענען איין רפואה צו אים וואול צו דיא
ישראל דען דורך די מצות התורה ווערן זיי גירופן אדם אזו ווי עס
שטייט אדם אתם זיי זענען כרוגמת אדם של מעלה דורך די מצות התורה וואס

זענן

ווען אין דר צאל שס"ה רמ"ח דאס איז תרי"ג מצות הייסט ער אדם
דרום שטייט אדם אתם אזו אויך אז השי"ת הט געגעבן די תורה צו די
ישראל האט ער געזאגט אנכי בדרך כלל אונ ה' אלהיך בדרך פרט עס
איז אלץ איינס דען עס איז פר האנדן אפיקורסים וואס זיי זאגן אז עס
איז דא צווייא רשויות חו איינר טוט גוטץ אונ איינר טוט שלעכץ
דרום איז דר עיקר יחוד צו אונזר אמונה כי ה' הוא האלהים מיט דעם
שם אלהים איז הקב"ה פועל רחמים אונ מיט דעם שם הוי"ה איז הקב"ה
פועל דין אונ דאס קען אמענטש זעהן אין זיך אליין דען דיא רמ"ח
אברים זענן אנטקעגן רמ"ח מצות עשה וואס זענן מצד ימין אין דער
צאל פון אברהם וואס עס בטרעפט רמ"ח דס איז מצד החסד אונ דיא
שס"ה גידים זענן אנטקעגן דיא שס"ה מצות לא תעשה מצד שמאל
אונ אלי זענן דאך נכלל אין מענטשן דרום שטייט והשבות אל לבבך דר
מענטש זאל זעהן אין זיין הארצן דען ער טוט צו איינעם גוטץ אונ
צו איינם שלעכץ אונ דאס איז דאך פון איין כח אזו איז דער כלל
ופרט אלץ איין יחוד ה' אחד ושמו אחד נאר דארט ווי די קדושה הייסט
ראשון איז דורך חסד וטוב · אונ ווי זי הייסט אחרון איז דין ומשפט
דרום שטייט אני ראשון ואני אחרון ומבלעדי אין אלהים :

וידבר ה' אל משה ואל אהרן ויצום אל בני ישראל ואל פרעה מלך מצרים רבי יוסי
זאגט ער האט געבאטין צוא משה אונ צוא אהרן פון דיא בני
ישראל ווגין אז זייא זאלן דיא בני ישראל פירן בנחת אזו וויא עס
געהער צו זיין אונ אויף פרעה הט ער זייא געבאטין אז זיי זאלן אים
נוהג כבוד זיין ווייל ער איז איין מלך זאגט רבי ייסא וואָרום שטייט
דא תיכף אלה ראשי בית אבותם אלא הקב"ה זאגט צו משה האטשי זייא
זענן היינט בעבודה קשה יאלסטו זיי פארט פירן בנחת אלה ראשי בית
אבותם די וואס דו זעהסט זענין ראשי בתי אבות זייא קענין זיך רעכט
מיחס זיין נאך זייערי בית אב זיי האבן זיך ניט פר מישט מיט דיא
מצרים זיי זענן געבליבן שטיין אין זייער הייליגן שטאנד אונ זיי האבן
זיך ניט מתחתן געווען מיט די מצרים · רבי אבא זאגט דרום זאגט
דר פסוק דא אלה ראשי בית אבותם ווייל דער פסוק וויל מייחס זיין צוא
משה ואהרן אונ ווייזן זייער מעלה אז זיי זענין ראוי אוים צוא ציהען
די ישראל פון מצרים אונ צו ריידן פר פרעה אונ צו בצווינגין אים
מיט דעם שטעקין ווייל צווישען אלי ראשי ישראל איז ניט געוועזן
זייער גלייכין קום אונ זעה עס שטייט ואלעזר בן אהרן לקח לו מבנות פוטיאל
לו לאשה ותלד לו את פנחס אלה ראשי אבות הלוים איז קשה ער איז דאך נאר
געוועזן איינער וואס זאגט ער אלה לשון רבים איז משמע פיל נאר
דרום זאגט ער בייא פנחס לשון רבים ווייל ער האט במעשה זמרי
דר האלטן כמה אלפים ורבבות מישראל דען דורך אים הט די מגפה אויף
געהערט דרום איז דער זכות פון רבים אין אים דרום זאגט ער אלה
בלשון רבים אונ ער האט אויך מקיים געוועז דיא ראשי אבות הלוים
דרום שטייט סתם ראשי אבות הלוים אויך ווייזט אונז די תורה מיט ותלד
לו את פינחס אלה ראשי אבות הלוים אז דס זענין די נשמות פון דיא צווייא
ראשי הלוים דס זענן נדב ואביהוא זענן זייא אריין אין פנחס דרום
זאגט ער את פינחס אלה ראשי ער הט מתקן געוועזן וואס זיי האבן מקלקל
געוועזן דען זיי האבן מקלקל געוועזן דעם יסוד הברית פון זיין ארט אבער
פנחס האט מקיים געוועזן דעם ברית דרום האט ער זוכה געוועזן צוא
זייערי נשמות דרום איז דא דר פסוק מרמז וואס ער וועט זיין אוב דו
וועסט פרעגן נאך וואס איז דס די תורה דא מרמז אלא אז השי"ת הט

נזאגט ואזכור את בריתי הט ער געזעהן ווי די בני אהרן וועלן מקלקל ...
אין דעם ברית דרום הט ער געזאגט נאך וואס זאל איך אים שיקן א...
קיין מצרים אוים לייזן די ישראל מחמת איך געדענק מיין ברית...
ברית וואס איך האב כורת געוועזן מיט דיא אבות צום סוף וועלין א...
די בני אהרן מקלקל זיין דרום האט ער שון צוא אהרן ניט געוואָ...
שיקן אז ער הט אבער געזעהן אז ער וועט האבן פנחס וואס ער וו...
מתקן זיין דעם ברית האט ער שוין געשיקט אהרן קיין מצרים דר...
זאגט ער הוא אהרן ער איז דר ערשטר אהרן הוא אהרן ומשה זייא זע...
ביידי נכלל אין איינם דרום שטייט הוא אונ ניט הם ווייל זייא זע...
ביידי איינס דרום זאגט ער מיט אלשון יחיד :

רבי אלעזר אונ רבי אבא האבן אמאל גנעכטיגט אין לוד זענן זי...
אוף גשטאנן בייא נאכט צו לערנן תורה הייבט אן רבי אלע...
עס שטייט וידעת היום והשבות אל לבבך כי ה' הוא האלהים עס וואלט בדארפ...
שטיין וידעת היום כי ה' וגו' והשבות וגו' אלא וואול צו די וואס זענן עוס...
בתורה · משה הט אזו געזאגט אוב דוא ווילסט וויסן אז ה' הוא האלה...
וועסטו דס וויסן פון דיין הארצן דען דוא האסט דאך צווייא הער...
דר יצר טוב אונ דר יצר הרע אונ זיי ווערן נכלל אין איינם אזו ד...
מ"הד אונ מ"דה"ר איז איינס · זאגט רבי אלעזר די רשעים מאכן א...
פגם למעלה דס דער יצר הרע ווערט גיט נכלל בימין אין יצר ט...
איבר זייערי עונות נאר דר פגם איז צו זיי אונ ניט צוא הקב"ה זי...
טוען זיך דר מיט שלעכץ דרום שטייט שחת לו לא בניו מומם זייא טו...
נאר זיך דס די ברכות קענן אוף זיי ניט נידרין אבר די הימלן זענן
זיך אליין מקבל דיא ברכות דרום שטייט ועצר את השמים דיא ברכ...
ווערן אין די הימלן פר האלטן זיי קענן ניט אראפ נידרין אונ דא...
מאכן די רשעים וואס זיי זענן ניט כולל דעם יצר הרע אונ דעם י...
טוב נייערט זיי מאכן איין צווישן שייד צווישן זיי אונ בהעפטן ...
אין דעם יצר הרע :

ואמרת אל אהרן קח את מטך פאר וואס האט ער ניט געהייסן נעמען ד...
שטעקן פון משה נאר ווייל דר שטעקין פון משה איז געוו...
הייליגר פון אהרן ווייל ער איז גנומען גוואָרן פון דעם גן עדן הע...
מיט דעם שם הקודש דרום הט הקב"ה ניט געוואָלט אז דיא מכשפ...
זאלין מיט זייערי שטעקן מטמא זיין דעם שטעקן פון משה אונ וויי...
ווייל אהרן איז געווען מצד ימין דרום הט ער מיט זיין שטעקן גמאכ...
אונטער טעניג די מצרים וואס זענן מצד שמאל אונ עס איז אנפרע...
געווען פאר הקב"ה אז דיא מצרים וועלן אויך מאכן פון זייער שטע...
שלאנגן אונ וואס האבן זיי גמאכט שלאנגן איז דס דען אחידוש גוו...
ביי פרעה נאר פון דארטן איז געוועזן די התחלה צו שלאגן זיי דען
ממשלה פון פרעה איז געווען פון דעם נחש אונ אז זיי האבן געזעהן
פון דעם שטעקן פון אהרן איז געוואָרן איין נחש האבן זיי זיך נפרי...
ווייל דער ראש החכמה פון זיי איז דער נחש אבער אז עס איז ווידע...
געוואָרן פון דעם שלאנג אשטעקן איין עץ יבש אונ הט זייערי שטע...
איין געשלונגן האבן זיי זיך פר וווּנדרט אונ האבן געזעהן אז עס איז ...
איין האר ער איז מושל איבר אלי כשפים דען זיי האבן תמיד גמיי...
אז איבר זיי איז קיין מושל ניט דא דרום איז דס געוועזן דער נס ...
מטה אהרן את מטותם עס שטייט ניט נחש אהרן נאר מטה דען דר נאך אז ...
איז שוין ווידר געוואָרן איין שטעקן הט ער זייערי שטעקן איין געשלונ...
דרום הט אהרן געטאן צווייא נסים איינם למעלה אונ איינס למטה...

למעלה

עלה איז צו ווייזן אז דר תנין העליון אין דר קדושה איז שולט אויף
• אונ למטה אז איין האלץ איז שולט אויף זייערי שלאנגן • אונ
עה איז אגרוסר חכם גוועזן מער פון זיי אלי הט ער דר פון גיזעהן
דער שולט העליון איז הקב"ה ער איז שולט איבער אלי למעלה
מטה זאגט רבי יוסי אוב דו וועסט וועלן זאגן אז דם וואס די מכשפים
כן איז נאר אחיזת עינים עס ווייזט זיך נאר אום אזו אונ אזו איז
י צו זיי אז מיט זייער כישוף מאכן זייא יענים בלינד עס ווייזט
נאר אוים • דרום זאגט דר פסוק ויהיו לתנינים זיי זענן טאקי רעכטי
אגן גוועזן • אונ דר נאך הט דר שטעקן פון אהרן זייערי שטעקן
איין גישלונגען :

חייא איז גזעסן אמאל אין דעם טויער פון אושא הט ער גיזעהן
וויא רבי אלעזר מיט רבי אבא גייען אונ איין עוף שוועבט נאך
אלעזר זאגט רבי אבא צוא רבי אלעזר אפילו אין וועגלוסטין
דיר נאך צו גיין הט ער זיך אום גיקערט צו דעם עוף צוא זעהן
זאגט רבי אלעזר עס איז בוודאי איין שליחות צו מיר מיט דעם
דען הקב"ה טוט מיט אלעמן שליחות ער הט פיל שלוחים אונ
ילו מיט דעם וואס הט ניט קיין רוח חיים • האט ער אן גהובן עס
ייט כי אבן מקיר תזעק וכפים מעץ יעננה ווי אזו דער מענטש זאל נזהר
פון צו טאן עבירות אונ אויב ער וועט זאגן ווער וועט אויף אים
ות זאגן די שטיינר אונ דם האלץ פון זיין הוז וועט אויף אים עדות
ן אונ צו צייטן טוט הקב"ה מיט זייא שליחות קום אונ זעה דער
עקן פון אהרן איז דאך גוועזן איין טרוקין האלץ פון דעסט וועגן
הקב"ה גטאן מיט אים דעם אן היב ניסים אונ צוויי שליחות איז
ט אים גוואהן אייניס ער איז גוועזן איין עץ יבש אונ אין איין שעה
ער גווארן איין בריה אונ האט גיקריגן אין זיך איין רוח חיים
ט רבי אלעזר פר פלוכט זאל ווערין דר רוח פון דיא וואס זאגן אז
ב"ה קען ניט מחיה מתים זיין ווארום ווי קען ער מאביז פון דיא
טי אין נייע בריה די טפשים רשעים זענן ווייט פון דר תורה אונ
ן זיך מרחיק פון איר דען לאזן זיי זעהן אין דיא העגט פון אהרן
גוועזן אשטעקן איין עץ יבש הט הקב"ה אין איין מינוט גמאכט
אים איין נייע בריה משונה מיט איין גוף ורוח מכל שכן דיא
ות וואס אין זיי איז שון גוועזן רוחות אונ נשמות קדושים אונ האבן
ק גוועזן אין דר תורה ומצות יום ולילה אונ הקב"ה הט זייא פאר
רגן אין דר ערד אונ לעתיד אז די צייט וועט קומן צוא מחדש זיין
וועלט איז שון מכל שכן אז זיי וועלן ווידר ווערן איין בריה חדשה
ט רבי חייא ניט דם אליין נאר אפילו דר אייגנר גוף וואס ער איז
דא גוועזן וועט ער ווידר אויף שטיין אזו ווי דר פסוק זאגט יחיו מתיך
י יקומון אונ עס שטייט ניט יבראו ער וועט ערשט בשאפין אבר עס
ייט יחיו די גופות אליין וועלן לעבדיג ווערן דעקאיין ביינדל בלייבט
דר ערד וואס ווערט אייבג ניט פר פוילט אונ צוא תחיית המתים
ט הקב"ה מאכן דעם גוף אזו ווי טייג אונ דאס ביינדיל אזו וויא
ר טייג אונ דם ביינדל וועט מאכן אויף גיין דעם גאנצן גוף אונ
גוף וועט זיך דר פון דר הובן אונ וועט זיך מתפשט זיין פון אלי
ן אונ דער פון וועט דער גוף ווערין גיגרונד פעסט מיט אלי זייני
ים דר נאך וועט אים הקב"ה געבן זיין רוח זאגט רבי אלעזר דו
סט גוט קום אונ זעה מיט וואס וועט דם ביינדל וויך ווערן מיט
טל אזו ווי עס שטייט כי טל אורות טליך :

ויאמר ה' אל משה אמור אל אהרן קח את מטך ונטה את ידך וגו' ועל כל מקוי
מימיהם ויהיו דם זאגט רבי יהודה וויא אזו הט אהרן גיקענט גיין
אין די אלי ערטער אונ ווידר עס שטייט דאך וימלא שבעת ימים אחרי הכות
ה' את היאור איז דאך משמע אז דר טייך אליין איז גישלאגין גיווארין
אונ דא שטייט אויף אלי וואסרין זאל אהרן גיין אונ זייא וועלין אלי
ווערין בלוט אלא מימי מצרים מיינט מען דעם נילוס אליין אונ פון דעם
טייך נילוס איז אלי וואסרין גישלאגין גיווארין אונ אהרן האט נאר
דעם נילוס אליין גישלאגין דרום שטייט ולא יכלו מצרים לשתות מים מן היאור
רבי יצחק זאגט ווען הקב"ה וויל שלאגין איין אומה מיט דם שיקט
ער אויף זיי איין אומה אויף מלחמה אז זיי זאלין נהרג ווערין אונ
ווארום הט הקב"ה אזו ניט גיטאן בייא פרעה דרום ווייל די ישראל
זענן גיוועזן צווישין זיי וועלין זיי צער האבין דרום הט הקב"ה גישלאגן
זייערע טייכין מיט בלוט אז זייא זאלין ניט קענן טריגקן ווייל זייער
ממשלה אונ כח של מעלה איז גזען פון דעם צד אונ הקב"ה האט
גוואלט צום ערשטן שטראפן זייער כח אונ זייערי אפ גאטן דרום איז
דער נילוס זייער אפ גאט צום ערשטן גישלאגן גיווארן אונ פון אלי
זייערי אפ געטר הט גקוועלט בלוט דרום שטייט והיה דם בכל ארץ מצרים
ובעצים ובאבנים קום אונ זעה דיא ממשלה פון פרעה איז גיוועזן מיט
וואסיר אזו וויא עס שטייט התנין הגדול הרובץ בתוך יאוריו דרום איז דער
טייך פר קערט גיווארין צו בלוט דר נאך מיט צפרדעים זייא זענין
ארויין אין זייערי גידערים אונ האבן גישריגן מיט שטארקי קולות
אונ זיי זענין ארוס גיגאנגן פון דעם טייך אויף דר יבשה אונ האבין
גישריגן אויף אלי זייטין ביז זיי זענין גיפאלן אין זייערי הייזר אזו וויא
טויטע אונ דער טעם פון אלץ איז דאס השי"ת האט זייא גישלאגין
מיט צעהן מכות דאס איז אלץ גיוועזן פון זיין יד החזקה וואס ער איז
שולט איבר אלי שרים אונ כוחות פון די מצרים כדי צוא מבלבל זיין
זייער דעה דען זיי האבן ניט גיוויסט וואס זייא זאלין טאן אונ מיט אלי
זייערי מדריגות אונ כוחות אז זיי זענין ארוס גיגאנגין עפיס צו טאן
האבן זיי ניט גקענט טאן דען די יד החזקה האט אויף זייא שורה גוועזן
דרום שטייט וישרץ היאור צפרדעים ועלו ובאו בביתך :

רבי שמעון הייבט אן עס שטייט קול ברמה נשמע נהי בכי תמרורים רחל מבכה
על בניה איז קשה אמער רחל האט נאר גיהאט יוסף ובנימין
ווארום וויינט רחל מער אויף אירי קינדר וואס זענען אין גלות מער פון
לאה אמער לאה האט דאך מער קינדר גיהאט אלא אונזרי חכמים
האבן גזאגט אזו וויא עס שטייט ועיני לאה רכות ווארום זענען אירי אויגין
טונקל גוועזן ווייל זי איז גשטאנען אויף די וועגין אונ הט נאך גיפרעגט
אויף די מעשים פון עשו האט מען איר גזאגט זייני שלעכטי מעשים
הט זי זיך זייער גפארכטן אז זי זאל ניט ארויין פאלן אין זיין גורל ווייל
זי איז עלטר דרום הט זי תמיד דרוף גוויינט האט הקב"ה צוא איר
גיזאגט דוא שטייסט בפרשת דרכים אונ ווייסט דוא זאלסט ניט ארויין
פאלן צו עשו הרשע אונ דיין שוועסטר רחל וועט שטיין בפרשת דרכים
אונ וועט וויינען אויף גלות ישראל אונ אזו איז תמיד אז דיא ישראל
זענען אין גלות טוט רחל וויינען אויף אירי קינדר אונ ווייל זיא טוט
זייער שרייען מיט קולות אויף דעם גלות ישראל דרום האט הקב"ה
גשיקט קיין מצרים די קולות אזו ווי עס שטייט והיתה צעקה גדולה במצרים
אשר כמהו לא נהייתה אונ הקב"ה האט זייא אן גבריט אנדרי קולות פון
צפרדעים זיי האבן גשריגן אין זייערי גידערים אונ די מצרים זענין
נפאלן

נפאלן אויף דר גאס טוט עס איז נאר גוועז איין צפרדע נאר זי האט גוויינן אונ הט דר פילט גאנץ מצרים מיט צפרדעים אונ אלי האבין זיך מוסר נפש גוועזאין פייער אזו ווי דר פסוק זאגט ובאו בתנוריך ובמשארותיך זיי זענן גוועז אין אובן אונ זיי האבן גזאגט כאנו כאש ובמים ותוציאנו לרויה אונ אז דו וועסט פרעגן וואס הט דס גהארט די מצרים אז זייא זענין גגאנגן אין פייער אלא ניט אלי זענן גפייגרט אין פייער אונ די וואס זענן יוא גפייגרט זענן ניי אריין גגאנגן אין ברוט אריין וואס זענן גוועזן אין אובן אונ זענן דארטן צוא שפאלטן גווארן אונ פון זיי איז ארוס גגאנגן אנדרי פרעש אונ זענן אריין גגאנגן אין זייערי גידערים אונ האבין דארטן גשפרונגן אונ גשריגן ביז זיי זענן גשטארבן אונ דאס איז ערגר גוועזן בייא זייא פון אלין קום אונ זעה עס שטייט ושרץ היאור צפרדעים ועלו ובאו בביתך ובחדר משכבך ועל מטתך פרעה איז פריער גישלאגין גווארן פון אלי אונ מער פון אלי יהי שם ה׳ מבורך מעתה ועד עולם גילובט זאל זיין דר נאמן פון השי״ת אויף אייביג דס ער גידיינקט די מעשים פון די מענטשן וואס זיי טוען עס שטייט בייא שרה ויראו אותה שרי פרעה ויהללו אותה אל פרעה ותקח האשה בית פרעה אין דעם פסוק שטייט דרייא מאל פרעה עס איז גוועזן דריי פרעה אייגר וואס האט גנומן שרה אונ אייגר אין דר צייט פון יוסף אונ אייגר אין דער צייט פון משה וואס משה הט אים גשלאגן מיט מכות מיט זיין שטעקן · אונ פרעה וואס ער הט גנומן שרה צו זיך אונ זיא איז דאך גוועזן אגרויסי יפת תואר הט ער גהייסן די מאלרס אז זיי זאלן אפ מאלין איר צורה אויף דער מאנט אין זיין חדר איז נאך ניט גינוג גוועזן פאר אים הט ער גהייסן אפ מאלן איר צורה אויף איין טאביל אונ פלעגט דעם טאבל נעמן צוא זיך אונ די מלכים וואס זענן נאך אים גוועזן אז זיי האבן דר זעהן דיא צורה האבן זיי זיך גפרייט דרוף וועזן זיי זענן צו איר גגאנגן האבין זיי דר פון הנאה גיהאט דרום איז דר מלך מער גשלאגן גיווארן פון אלי אזו ווי עס שטייט ובחדר משכבך ועל מטתך פריער אין זיין חדר אונ זיין בעט דר נאך שטייט ובבית עבדיך ובעמך אונ ביי זיי שטייט ניט ועל מטתך אזו ווי עס שטייט ביי דעם מלך פרעה:

רבי אבא זאגט עס שטייט כל הנחלים הולכים אל הים וגו׳ ער הט ביז האלב נאכט גזאגט סודות ווארום אין דער צייט דער וועקט זיך דער יחוד וקדושה של מעלה זאגין דיא מלאכים שירה ביז עס גייט אויף דער מארגין שטערין ווערט טאג אזו וויא עס שטייט ברן יחד כוכבי בוקר ויריעו כל בני אלהים אונ אז דער מארגין שטערין גייט אויף זאגן שירה דיא עליונים ותחתונים דעסט גלייכן דיא ישראל אונטין זאגין אויך שירה אזו וויא דער פסוק זאגט דיא וואס גלוסטין צוא גידענקען להקב״ה תמיד אונ שטייען אויף האלבי נאכט אונ געבין ניט קיין שטיל שווייגין צוא זייער הארצין אונ אז דער מארגין שטערין גייט אויף זענין זייא זיך מקדים אין שול אריין אונ דאווען תפלת שחרית אונ נאך האלבין טאג תפלת המנחה אונ אז די זון גייט אונטער בייא נאכט דאווענען זייא תפלת ערבית אויף זיי איז גיזאגט דער פסוק המזכירים את ה׳ אל דמי לכם זיי גידענקן צו הקב״ה אונ עס איז ניט קיין שטיל שווייגונג צו אייך דס זענן די ישראל וואס הקב״ה הט זיי גידאכט אין מצרים · אונ עס איז ניט קיין שטיל שווייגונג צוא אייך דאס איז אות פרעה דיא ניט קיין שטיל שווייגונג אונ זענין ניט שטיל יומם ולילה דאס זענן דיא צפרדעים דיא פרעש האבן קיין מאהל ניט גישוויגן ווייל דיא מצרים האבען זיך גישטארקט אויף דעם עם קדוש וואס שווייגן ניט

שטיל יומם ולילה צו לויבן צו הקב״ה עס איז קיינר ניט גיוועזן אין מצרים וואס זאל קענן ריידן מיט דעם אנדרן פון וועגן דאס גישרייא פון דיא צפרדעים פון זיי זענן די מצרים פר דארבן גווארן אונ מחמת זייערי קולות זענן אוים גישטארבן ילדים ונערים אונ דו וועסט פרעגין ווארום האבן די מצרים ניט גיהרגת דיא צפרדעים נאר עס איז גיוועזן איין מכה וואס מען האט פון איר ניט גיקאנט אנטרונן ווערן דהיינו אז איינער האט גיווארפין אשטיין אויף איין צפרדע אדר ער האט זיא גיהרגת מיט איין שטעקין איז זיא צוא שפאלטן גיווארן אונ עס איז ארוים פון איר זעקס אויף איר ארט אונ האבן זיך צוא שפרייט אונ צוא קראכן אויף דער ערד דאס זיי האבן שוין ניט גיקאנט גיין אונ טרעטן אויף דער ערד איבר זיי דרום האט מען זיי ניט גיטארט אן רירין · קום אונ זעה פון דעם אויברשטן ים גייען ארוים כמה גרויסע טייכן אונ קליינע טייכלך זייא ציהן אונ צו טיילין זיך אויף פיל זייטן אונ איטליכר איז מגדל אנדרי מיני פיש וואס זייא זענין שלוחים פון הקב״ה אונ אזו ווי אונטין גייען ארויס פון דר וואסר אלרליי מינים אזו הט איטליכס זיין כח למעלה איז אייברשטן ים וואס זייא זענין שלוחים צו טאן דעם ווילן פון הקב״ה וואס זענן ממונה ברוח החכמה דרום האבן מיר גילערינט יש מים עס איז פר האנדין וואסר וואס עס איז מגדל חכמים אונ עס איז פר האנדן וואסר וואס עס איז מגדל טפשים אונ די וואסר פון מצרים הט מגדל גוועזן מכשפים אונ צעהן מדריגות פון כישוף איז אזו ווי עס שטייט קוסם קסמים מעונן ומנחש וחובר חבר ושואל אוב וידעוני ודורש אל המתים דאס זענען צעהען מיני חכמות פון כישוף אין דער צייט האט הקב״ה גישטרעקט זיין פינגר אונ האט צו מישט די אלי וואסרן פון מצרים איז פאר מיטן גיווארן דיא דגים עליונים פון די כוחות אונ עס איז גיווארין פר קערט די וואסר צוא בלוט אויך אלי בעך וואסר זענן פר קערט גיווארין דען דיא חכמה איז פון זיי אוועק גינומן גיווארין פון זייערי כוחות למעלה וואס זענן אנטקעגן די צפרדעים וואס שרייען · זייערי ממונים האבן שוין ניט גיהאט זייער כח האבן זיי גישריגן דס זיי קענן שוין מיט זייער כח גאר ניט טאן · אויך מיט דעם מכה פון ערוב הט ער למעלה זייער כח אין ים פר מישט זייער חכמה דס זיי האבן זיך ניט גיקאנט אין דעם בהעפטן אונ די וואס האבן פאר דארבן זייער וועג עס הייסט ערוב צו מישט גלייך ווי כלאים מין בשאינו מינו אזו זענין זיי פר מישט גיווארן למעלה . הקב״ה האט זייא מבלבל גיוועזן אין איין מאל בדי זייער שטארקר כח זאל אויך מבולבל ווערין אונ אלי נסים וגבורות וואס הקב״ה הט גיטאן אין מצרים איז נאר גיוועזן מיט איין האנט ער הט אויף זיי אויף גיהויבן די האנט פון אויבן אונ פון אונטן אונ פון דארטן איז פר לארן גיווארן דיא חכמה פון מצרים אזו וויא עס שטייט ואבדה חכמתחכמיו ובינת נבוניו תסתר נאך שטייט וסכסכתי מצרים במצרים איך וועל צו מישן דיא מצרים פון אונטן מיט דיא מצרים פון אויבן דען די אייברשטי חיילות האבן צו שאפן אויף די אונטרשטי אזו זענן אלע פאר מישט גיווארין אונ אז די כוחות אונ די שרים של מעלה זענן פר מישט גווארן האבן שון די מצרים זיך ניט גיקאנט בהעפטן אין זייער כישוף ווארום דיא כוחות של מעלה זענין פאר מישט אונ מבולבל גיווארן דרום הט הקב״ה אויף זיי גיבראכט דעם ערוב ווא זיי זענן פר מישט גיווארן איינר מיט דעם אנדרן אזו אויך די כנים פון כנים עס קאן ניט גיטאן ווערן אנטין קיין שום זאך אז עס זא

נים

גיט אין דעם אריין קומען דר כח פון אובן און אלץ וואס אונטן איז פר האנדין איז אלץ אין גישטאלט ווי זיין כח איז אויף דעם הימל · קום און זעה עס איז פאר האנדין זיבין הימלען און אנטקעגין זענין זיבען לענדר איטליכס לאנד פון די זיבן שטייט אונטר זיין כח פון דעם שר של מעלה און זייא צו שיידן זיך אויף שבעים שרים זייא רינגלן ארום גאנץ ארץ ישראל אויף דעם הימל · אזו אויך אויף דער ערד האט איטליכר זיין גבול און זיין תחום אזו אויך איז דער גבול פון מצרים אובן האט הקב"ה גיטאן זיין צייכין און דרינין ווען דארטין גיווארען כלאם פייער איז אלץ וויא עס איז גיוועזן וואסער איז אוים גיטריקינט גיווארן אזו אויך אונטן הט אהרן גישלאגן די וואסר צו ווייזן אז ער איז די רעכטי האנט פון הקב"ה אזו ווי עס שטייט ימינך ה' תרעץ אויב די רעכטי האנט צו ברעכט אלי פיינט און דיא גרוסי שטעט אזו ווי עס שטייט ונהפכו נחליה לזפת ועפרה לגפרית און דרום איז גיווארן פון דער ערד די מכה פון כינים אין מצרים :

רבי יהודה מיט דר חבריא זענן גיגאנגן אונטר וועגן זאגט רבי חייא ווען די חבריא גייען אונטר וועגן דארפן זיי גיין מיט איין הארץ און ווען זייא בגעגינין אדר זייא גייען מיט רשעים אזעלכי וואס גייען אוועק מהיכל המלך מוז הקב"ה זיך אפ שיידן פון זיי · מיר לערנן דס אפ פון כלב אזו ווי עס שטייט ועבדי כלב עקב היתה רוח אחרת עמו וימלא אחרי דם מיינט מען דעם רוח אחרת וואס ער האט זיך אפ גישייד פון די מרגלים :

פתח הט ער אן גיהובן עס שטייט ויעלו בנגב ויבא עד חברון ער האט זיך אפ גישייד פון די מרגלים און איז אליין גיגאנגן קיין חברון צו פר שפרייטן זיך דארטן אויף די קברי אבות אין חברון און עס איז אים גיגעבן גיווארין די שטאט פר איין ערב אזו וויא עס שטייט ולו אתן את הארץ אשר דרך בה פר וואס הט מען אים גיגעבן חברון אמער ער איז דאך נאר גיגאנגען מתפלל זיין אויף דיא קברי אבות · ער זאל ניצול ווערן פון די מרגלים · נאר איך האב גיהערט אזו אגלייכן עס שטייט וישאל דוד בה' לאמר האעלה באחת ערי יהודה ויאמר ה' עלה ויאמר אנה אעלה ויאמר חברונה איז דאך די קשיא נאך וואס האט דוד גידארפט גיין קיין חברון דארטין אליין זיין זיבין יאר איין מלך און דער נאך אז איש בושת איז גישטארבן איז ער ערשט גיווארן איין מלך אין ירושלים איבר אלי ישראל אמער דוד איז דאך נאך גיזאלבט גיווארן פר איין מלך אז שאול הט גילעבט · און דערנאך אז דוד איז גיגאנגען קיין חברון איז דאך שוין שאול גיוועזן גישטארבן פאר וואס איז דוד ניט גיווארין תיכף איין מלך איבר אלי ישראל נאך וואס איז ער גיגאנגן קיין חברון און איז דארט גיוועזן זיבן יאר · נאר דר טעם איז ווארום די מלוכה פון דוד הט קיין קיום ניט גיהאט נאר פון די אבות דרום האט ער ניט גיקאנט זיין קיין רעכטר מלך ביז ער האט זיך בהעפט מיט די אבות וואס ליגין אין חברון אזו אויך כלב ער איז פון יהודה ס ער איז דר שורש פון דוד דרום האט אים גילייכט דר רוח חכמה ו גיין קיין חברון וואס דאס איז זיין ארט און דאס איז גיפאלן אין זיין לק צו ירשנן און די מקובלים פאר שטייען דיא סודות אין גאנצין :

בי חייא און רבי חזקיה זענן גגאנגן פון קפוטקיא קיין לוד און מיט זיי איז גיגאנגין איין יהודי און זיין אייזיל הט גיטראגן משא פון תורה · אזו ווי זייא גייען זאגט רבי חייא צו רבי חזקיה עפן דיין יל צו זאגן עפיס פון די גוטי דברי תורה וואס דו זאגסט אלי טאג

פר רבי שמעון בן יוחאי דאס היליגי ליכט הייבט ער אן עס שטייט דרכיה דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום דס זענן די וועגן פון דר תורה דען דר וואס גייט אין איר וועג טוט הקב"ה אויף אים מאכן רוען דם זיסקייט פון דר קדושה און זיא טוט זיך פון אים ניט אפ אייביג וכל נתיבותיה שלום און אלי שטעגן פון דער תורה זענן אלי שלום · שלום למעלה שלום למטה זי איז צו אים שלום בעולם הזה און שלום בעולם הבא און ער זאגט ווייטר גרוסי סודות זאגט דר יהודי דרכיה דרכי נועם דאס מיינט מען עולם הבא אז דר סוד פון עולם הבא דר וועקט זיך איז זיך מתעורר כל טוב וכל שמחה און גרוסי אורות דרום הייסט עס נועם דרום האבן מיר גלערנט אז עס גייט אריין שבת האבן אלי רשעים אין גיהנם אויך מנוחה און חירות און אז שבת גייט אוועק זענן מיר מעורר צו דר וועקן דם חירות העליון פון עולם הבא כדי מיר זאלן ניצול ווערן פון דעם עונש פון דיא רשעים ווארום דענסט מאל הייבט מען זייא ווידר אן דן צו זיין דרום זאגין מיר בשעת מעשה ויהי נועם וגו' דם זיסקייט פון עולם הבא וואס הייסט נועם און דם איז דם חירות פון אדי זאל עס אויף אונז רוען וכל נתיבותיה שלום אלי אירי שטעגן פון אלי זייטן איז מקבל דר צדיק וואס הייסט שלום ער מאכט שלום אובען און אונטען און מאכט איין יחוד און דער לייכט אלע עולמות מיט זיין גרוים כח · און ער זאגט ווייטר גרוסי סודות · זענן גיקומן רבי חייא און רבי חזקיה און האבן אים גיקושט און זאגן צו אים אזעלכי פר בארגני סודות זענן בייא דיר פאר בארגין און מיר האבן עס ניט גיוויסט זיי גייען ווייטר ביז זייא קומין צו איין פעלד האבן זיי דארט גיזעהן בהמות ליגן טויט זאגן זייא דא איז בוודאי איין דבר פון בהמות זאגט דער יהודי דאס וואס איר האט גיזאגט אז הקב"ה הט ממית גיוועזן אלי שאף און רינדר אין מצרים עס איז גיוועזן דרייא ארלייא מיני מיתות ביי די בהמות איינס פון דבר און איינס פון ברד און איינס פון בכור בהמה און וואס איז גיוועזן זייער מיתה אלא עס שטייט פריער הנה יד ה' הויה במקנך אשר בשדה ווארום שטייט ניט ביי אלי יד ה' אזו ווי דא אלא אין איין האנט איז דא פינף פינגר און פריער שטייט אצבע אלהים הוא און דא שטייט יד ה' דען דאס איז גיוועזן די פינפטי מכה און איטליכר פינגר הט ממית גיוועזן איין מין דרום שטייט דא פינף מינים דרום שטייט בסוסים ובחמורים בגמלים בבקר ובצאן עס זענן פינף מינים צו פונף אצבעות וואס הייסן יד דרום שטייט הנה יד ה' הויה במקנך נאך דעם האבין זיך פר קערט די אותיות פון דבר און עס איז גיווארן דר פון ברד און הט אלץ ממית גיוועזן וואס עס איז איבר גבליבן · וואס איז דר חילוק צווישן זיי אלא אז דבר איז גיוועזן זענן זיי גיפאלן בנחת און זענן פון זיך אליין מת גיווארן און דר ברד איז גיוועזן מיט שטארקי רוגזה און הט אלץ ממית גיוועזן ושרץ היאור צפרדעים אין זוהר פרשת פינחס שטייט רבי פינחס הייבט אן עס שטייט לדוד ה' לא גבה לבי ולא רמו עיני ולא הלכתי בגדולות וגו' דעם פסוק האט דוד גיזאגט בשעת ער איז גיגאנגין אויף דעם ברעג פון דעם ים האט ער גיזאגט רבונו של עולם איז דען נאך גיוועזן אזא אמענטש וואס ער זאל זאגן צו דיר אזו פיל שירות ותשבחות ווי איך האב צו דיר גיזאגט איז גיקומן איין צפרדע און זאגט צו אים · דוד זיי זיך ניט אזו פיל מתגאה איך האב מער גיטאן פון דיר איך האב זיך מוסר נפש גיוועזן אויף די רייד פון מיין הער מקיים צו זיין דען עס שטייט ושרץ היאור צפרדעים וגו' בין איך אין פייער גגאנגן צו מקיים



זיין

זיין די רייד פון השי"ת אזו ווי מיר האבן אויבן גיזאגט און ניט דם אריין נאר איך בין משבח ומזמר ביי טאג און ביי נאכט און שווייג ניט שטיל באותו שעה האט דוד גיזאגט ה' לא גבה לבי ולא רמו עיני מיין הארץ איז ניט גרויס און מייני אויגן זענען ניט דר הובן מחמת גאוה ולא הלכתי בגדולות :

# פרשת בא

ויאמר ה' אל משה בא אל פרעה רבי יהודה הייבט אן עס שטייט אשרי העם יודעי תרועה יי באור פניך יהלכון דיא לייט בדארפן זייער נזהר זיין צו גיין אין דעם וועג פון הקב"ה און צו היטין די מצות התורה כדי דורך דעם וועלין זייא זוכה זיין צו עולם הבא און וועלין ניצול ווערען פון אלי מקטריגים למעלה און אז זייא טוען יוא דיא מצות התורה און גייען בדרך הישר און יראת השי"ת האבען זייא פיל מליצים אובן אזו ווי עס שטייט אם יש עליו מלאך מליץ אחד מני אלף שטייט ווייטר ויחננו ויאמר פדעהו מרדת שחת מצאתי כופר דרום וואול איז צוא דיא מענטשן וואס היטן דיא מצות התורה פרעגט רבי חייא נאך וואס בדארף דר מענטש האבן איין מלאך פר אמליץ עס שטייט דאך כי ה' יהיה בכסלך ושמר רגלך מלכד און ווידער שטייט ה' ישמרך מכל רע דען נאט זעהט אלץ וואס דר מענטש טוט אוה דר וועלט זייא גוטץ סייא שלעכץ · זאגט רבי יהודה עס איז אמת עס שטייט אבר אז הקב"ה האט גיזאגט צום שטן אויף איוב הנה כל אשר לו בידך און שטייט אז ער האט גיזאגט צום שטן ותסיתני בו לבלעו חנם דו האסט מיך אום זוסט אן גירייצט אויף איוב איך זאל ברענגן אויף אים יסורים פון דאנן איז גידרונגן אז הקב"ה גיט דעם שטן רשות אפילו אויף אזעלכען וואס בדארף ניט פאלן אין זייני הענט קען ער אויך מקטרג זיין אויף אים און דאס איז פר בארגיני זאכן וואס דער מענטש טאר אין דעם ניט טראכטין די חוקות התורה בדארף ניט איטליכר וויסן נייערט דיא צדיקי אמת וואס ווייסן סודות התורה און גייען בדרך חכמה צו פאר שטיין די הייליגי זאכן פון דר תורה :

ועבר ה' לנגוף את מצרים זאגט רבי יוסי דער פסוק איז קשה אזו וויא עס שטייט וראה את הדם ופסח איז משמע אז ער וועט זעהען דאס בלוט פון דעם קרבן פסח אין דרויסן וועט ער איבר היפן די שטוב ער זאל ניט שלאגין אין איר דיא בכורים אמער בדארף דען השי"ת איין סימן חלילה און אויב דוא וועסט זאגען ווייל דאס בלוט איז גוועזן פון אמצוה נאך וואס האט מען עס בדארפט געבין אין דרויסן און אויף דריי ערטר אויף דר טיר און אויף דעם ביי שטידיל און אויף די שתי המזוזות אבער עס שטייט והוא גלי עמיקתא ומסתרתא השי"י אנפרעקט אלי פר בארגיני זאכן אלא מיר האבן גלערינט עס שטייט וירא ה' וינאץ און ווידר שטייט וירא ה' כי רבה רעת האדם בארץ עס ווערט אויבין גיטאן השגחה אויף איין מעשה וואס מען טוט למטה אבר אויף איין מחשבה רעה איז מען ניט משגיח נייערט אמחשבה צו עבודת כוכבים אזוי ווי עס שטייט השמרו לכם פן יפתה לבבכם וסרתם ועבדתם אלהים אחרים שטייט דא מחשבה אבר אויף אנדרער מחשבה רעה ניט אבר אז מען טוט חלילה איין עבירה במעשה איז זיך מתעורר די השגחה של מעלה דרום הן גוטץ אדר שלעכץ הענגט אלץ אן אין דיא מעשים פון דר וועלט · זאגט רבי יוסי אלי מארקין פון מצרים זענען פיל גיוועזן מיט עבודת כוכבים און אלי הייזר זענען גוועזן פיל מיט כישוף וואס זיי האבן

גיקניפט אלי כוחות החיצונים און האבן אויף זיך ארויף גצויגין דע[...]
רוח הטומאה דרום שטייט ולקחתם לכם אגודת אזוב וטבלתם בדם אשר בס[...]
והגעתם אל המשקוף ואל שתי המזוזות דס אגודת אזוב איז גוועזן דר מיט או[...]
ראמין דעם רוח הטומאה און די דריי ערטר משקוף ושתי המזוזו[...]
ווייזן אויף דר רעכטי אמונה איינס אוה איטליכר זייט און איינס א[...]
דר מיטן דם ווייזט אויף איין גרויסן סוד היחוד דרום שטייט ופסח ה' ע[...]
הפתח אז דו וועכט אויף זייא אז צייכענין דעט סוד פון דעם ש[...]
הקודש ולא יתן המשחית לבוא אל בתיכם לנגוף ווייטר זענין סודות · זאג[...]
רבי אבא אין עטליכי ערטר גיפינן מיר אז הקב"ה הט רחמנות או[...]
זייני קונדר בועט איין מענטש איין הוז זאגט הקב"ה שרייב אוף מי[...]
נאמין און זעץ איהם איין אויף דעם טויער וועסטו אין איר זיצ[...]
אינווייניג און איך וועל דיך היטן פון דרוסן · אזו אוך דם בלוט וו[...]
די ישראל האבן גישפרענגט אוף זייערי ביי שטידך און אוף דע[...]
משקוף איז אן גיצייכנט גוווארן דר סוד היחוד של מעלה אז די וועסט זיי[...]
אין שטוב וועסטו גיהיט ווערן דרום שטייט ואתם לא תצאו איש מפתח ביו[...]
עד בוקר און ווייטר שטייט וראה את הדם על המשקוף וגו' :

וידי בחצי הלילה וה' הכה כל בכור רבי חייא מיט רבי יוסי זענן גינאנגן פו[...]
אושא קיין לוד און רבי חייא הט גריטין אויף איין אייזיל זאג[...]
רבי יוסי עס איז צייט מיר זאלין דא רוען און מתפלל זיין תפל[...]
המנחה דען מיר האבן גילערינט אייביג זאל דר מענטש גיווארינ[...]
זיין אין תפלת המנחה דען ביז דר צייט הט דר מדת הדין איין שליט[...]
אויף דער וועלט דרום דארף דר מענטש זייער מכוין זיין אין דע[...]
תפלה · זאגט רבי חייא צו רבי יוסי ווארום שווייגסטו · זאגט רב[...]
יוסי איך האב בטראכט אין מיין שכל אז די וועלט הט קיין קיום נאו[...]
אוף די ראשי הדור ווען זיי זענן צדיקים אז וואל איז דעם פאלק און דע[...]
וועלט אבר ווען זיי זענן ניט קיין צדיקים ווי צו דעם פאלק און צ[...]
דר וועלט זאגט רבי חייא בוודאי עס איז אזו · פון וואנין ווייסן מיר[...]
דם ווארום עס שטייט גשריבן ראיתי את כל ישראל נפוצים אל ראשי ההרים כצא[...]
אשר אין להם רועה ויאמר ה' לא ארונים לאלה ישובו איש לביתו לשלום עס שטיי[...]
ישובו איז טייטש זיי זאלין זיך אום קערין עס וואלט גידארפט שטיי[...]
ישבו בביתו ווארום זיי זענין דאך גוועזן אויף זייערי ערטער נאר מיו[...]
האבין גילערינט ווען דער ראש פון דעם פאלק איז ניט גוט ווערט[...]
דאס פאלק גישטראפט איבער אים אזו ווי עס שטייט ויאמר דוד אני הוא[...]
אשר חטאתי ואלה הצאן מה עשו דוד האט גיזינדיגט און די ישראל זענני[...]
גישטראפט גיווארין איבר אים אבר ווען דר ראש ווערט נתפס או[...]
גישטראפט ווערט דם פאלק ניצול דען דר מדת הדין איז ניט שולט[...]
אוף זיי אזו ווי עס שטייט ויאמר ה' לא אדונים לאלה דם הייסט וואלטן זי[...]
ניט גיהאט אדונים ישובו איש לביתו לשלום וואלטן זיי אלי גהאלפן גוואר[...]
דען אירי ראשים וואלטן נתפס גווארן איבר זיי אפילו יהושפט אי[...]
אוך אויף אים נגזר גיווארן ער זאל גישטראפט ווערין ווען ער וואלט[...]
ניט תפלה גיטאן ווייל ער הט זיך בהעפט צוא אחאב אזו וויא עס[...]
שטייט ויזעק יהושפט דם הייסט ער הט גישריגן מיט תפלה צו הקב"ה[...]
ווי זיי גייען אזו איז גווארן שפעט און עס איז נאכט גווארין זאגן זי[...]
וואס זאלן מיר טאן זאלין מיר ווייטר גיין איז שוין פינצטער זאלין מיר[...]
דא זיצן איז אבר איין גרוסר פחד · זענן זיי גיגאנגן אין זייט פון וועג[...]
און האבן זיך גזעצט אונטר איין בוים לערנין תורה און האבין שוין[...]
ניט גשלאפן ווי עס איז גיקומן אין מיטן דר נאכט זעהן זייא לויפ[...]

איין

ן הונט לעבן זיי אונ הט גשריגן מיט גרוסי קולות איז רבי חייא
רבי יוסי אויף גשטאנען אונ זענען דר ציטרט גווארין הערן זיי איין
האט אוים גירופין אונ זאגט סתערין קומו נייכין אתערו דאס הייסט
בינדיגי שטייט אויף שלאפינדיגי וואכט אייך אויף עולמות ברייט
ך אן אנטקעגן אייער האר דען איין קול איז ארום גיגאנגין ממעון
ו פון זיין היילגן וואנינג גיט ער זיין קול ווארום עס שטייט קול ה'
ל אילות ויחשוף יערות דען אייער האר גייט אין גן עדן אין זיין היכל
יין זיך פרייען מיט די נשמות פון צדיקים אזו ווי עס שטייט ויבא
הכבוד ובהיכלו כולו אומר כבוד זעצן זיך רבי חייא מיט רבי יוסי זאגט
י חייא אצונד איז האלבי נאכט וואל איז אונזר חלק אז מיר האבן
ה גיוועזן דם צוא הערין · זאגט רבי יוסי עטליכי מאל האב איך
רעגט דיא זאך עס שטייט ויהי בחצי הלילה וה' הכה כל בכור בארץ מצרים
ווס איז דס גוועזן ביי נאכט אמער ווען עס וואלט גוועזן ביי טאג
לט דאך דר נס גרעסר מפורסם גיוועזן · אונ ווידר פר ווס זענין
טארבן די שלאפי ווס זענן אחר הריחים ווארום זענן ניט גשטארבן
ים ושרים רוכסים אונ גבורי מלחמה אזו ווי עס איז גוועקבי סנחריב אזו
עס שטייט ויצא מלאך ה' ויך בםחנה אשור אונ מיר האבן גלערינט אז
ענן גיוועזן אלי גרוסי לייט אונ דס איז גיוועזן דיא גבורה אז נאר
ליח פון הקב"ה הט זיי אלי גיהרגית ומכל שכן בייא פרעה איז
ך גיוועזן דיא גבורה פון הקב"ה אליין וואלט דאך גידארפט נאך
יסר זיין זאגט רבי חייא דיא פרענסט רעכט איך האב אויף דעם
י ניט גיהערט אונ איך וויל אויף דעם גאר ניט זאגין נאר וייל
י האבין זוכה גיוועזן צו די אלי זאבין אונ דר וועג איז אן גיברייט
אונז איך הב גהערט רבי שמעון איז מטהר די מארקן אין טבריה
ף מען גיין צו אים · זענען זיי גזעסן ביז עס איז טאג גיווארן זענין
אויף גשטאנען אונ זענין אוועק גיגאנגן ווי זיי זענין גיקומין צו רבי
עון האבין זיי אים גפונען זיצן אונ אספר פון אגדה אין זיין האנט
בט ער אן צוא זאגן עס שטייט כל הגוים כאין נגדו מאפס ותוהו נחשבו לו
ווען עס שטייט שוין וכל הגוים כאין נגדו נאך ווס דארף מיר נאך
יין מאפס ותוהו נחשבו לו אונ הט דרוף גיזאגט גרויסע סודות זאגט
י חייא אויב עס איז דעם האר לרצון וועלין מיר זאגין איין זאך
י ווס מיר זענן אהער גיקומן עס שטייט ויהי בחצי הלילה וגו' אונ ווס
י האבן גיהערט פון דעם האר וועט זיך שיקן צוא דער זאך אונ
זר וועג איז אן גיברייט פר אונז צוא קומן פאר דיר צוא פרעגן :
ת ער הייבט אן עס שטייט מי כה' אלהינו המגביהי לשבת המשפילי לראות
בשמים ובארץ דם איז טייטש וועער איז אזו ווי אונזר גאט ווס ער גייט
ם אונ ווערט גיקריינט צו זיצן בסתר העליון הקידש מיט דעם אובערשטן
י איבר אלי אורות ווס דר לייכטן אלי כתרים עטרות אונ ער גידרט
זייני מדריגות מכתר לכתר מנר לנר פון איין ליכט אין אנדרן אכטונג
ן אויף דר וועלט אונ אויף יענר וועלט אזו ווי עס שטייט ה' משמים
קיף על בני אדם קום אונ זעה עס שטייט ויהי בחצי הלילה עס וואלט
ארפט צוא שטיין בחצות הלילה אדר כחצות אזו ווי משה האט גזאגט
ט דען דר ביי אן די קשיא פון אונזר חברייא ווס מיר האבן משה
ענטפערט כדי די כישוף מאכר פון פרעה זאלין ניט זאגין משה
איין גרוסר שקרן די קשיא איז אויף דריי אופנים ווארום אפילו די
אל וואלטין דאך אויך אזו גזאגט איינס ווען עס איז אזו וואלט
ארפט שטיין כחצות הלילה ווארום שטייט ויאמר כה אמר ה' אזו וואל ווי

זיי וואכטן גירעט אויף משה אזו וועלן זיי ריידין אז הקב"ה הט אויך
חלילה ניט מכוין גוועזן אונ ווידר איז קשה משה האט דאך גיזאגט
עד בכור השפחה אשר אחר הרחים אונ עס איז דאך ניט אזוי גיוועזן נאר עד
בכור השבי אשר בבית הבור וועלן דאך די ישראל אויך אזו זאגן ווייל זייני
רייד זענען ניט מקוים גווארן ווידר איז קשה משה האט גיזאגט פון
גאטס וועגן כחצות הלילה אונ נאך דעם שטייט ויהי בחצי הלילה אונ נאך
מער אייער שאלה איז מיר איין משא אז קיין בהמה קען עס ניט
פר טראגן דען ווארום איז גוועזן מכות בכורות אין האלבי נאכט אונ
ניט ביי טאג אלא עס איז איין גרוסר סוד צווישן די סודות עליונים
אונ די בעלי הקבלה פר שטיין עס אונ אלץ איז אן גקניפט אין דעם
נביא נאמן דס איז משה רבינו וואל איז זיין חלק אויף אים שטייט
יפיפית מבני אדם די ביסט שענר פון שת אונ חנוך ווס זענין גיוועזן בני
אדם הוצק חן בשפתותיך דס מיינט מען מער פון נח מיט זייני קינדר ווס
הט זיך גגאסן חן אין זייני לעפצן אזו ווי עס שטייט ונח מצא חן · על כן
משחך אלהים אלהיך מער פון אברהם אונ יצחק שמן ששון איין פריילכקייט
מער פון יעקב מחבריך מער פון אנדרי נביאים אונ אזוי אגרויכער
מענטש וואס ער איז אויף גיגאנגין אין אזוי אמדריגה ווס קיין שום
מענטש הט ניט זוכה גוועזן זאל ער ניט וויסן ווס ער זאגט אלא אזו
האבן מיר גלערינט הקב"ה הט זיי גוואלט ווייזן אז אלץ איז אין זיין
רשות צו טאן חסד צו איטליכן וואס איז ראוי אונ וייל ביז האלבי
נאכט איז שולט דר מדת הדין אונ אלי כשפים אונ קליפות האבין
זייער כח ביז האלבי נאכט אין האלבי נאכט דר וועקט זיך פיל חסד
דען אין דר צייט גייט הקב"ה אין גן עדן ארין זיך משתעשע זיין
מיט די נשמות הצדיקים אונ אכרוז גייט ארום עורי צפון ובואי תימן הפיחי
גני יזלו בשמיו יבא דודי לגני ויאכל פרי מגדיו ווס מיינט מען ויאכל פרי מגדיו ער
זאל עסן די זיסי פירות דס מיינט מען די נשמות הצדיקים ווס מען
איז זיי מקריב צו גיגעבן פר אים בחצי הלילה אונ דס איז איין קרבן
דענסט מאל אבר אנגדר מאל איז טאקי קרבנות ממש דרום האט
הקב"ה גוואלט טאן איין דין צו די מצרים אונ חסד צו דיא ישראל
דרום שטייט ויהי בחצי הלילה וה' הכה כל בכור ער אונ זיין בית דין דאס
איז דר מדת הדין דרום זאגט משה כחצות דס הייסט אזו וויא דיא
נאכט צוא טיילט זיך אין דר צייט וועל איך ביידי טאן אזו וויא עס
שטייט ויפן פרעה ער הט אוועק גיקערט זיין הארץ פון דער מחשבה
ויבא אל ביתו ולא שת לבו גם לזאת ער האט ניט גטאן צוא זיין הארץ צוא
פארכטן זיך פר דעם מדת הדין וואס הקדוש ברוך הוא וועט אים
מיט זיין גאנגלאנד חרוב מאכין כל בכור אפילו די מדריגות עליונים
ותחתונים ווס האבן שולט גוועזן אין מצרים זענן גיבראכן גווארן פון
זייער מדריגה דרום שטייט בארץ מצרים אונ דאס איז דר פסוק מרמז
ווער זענן זיי גוועזן מבכור פרעה היושב על כסאו עד בכור השפחה אשר אחר הרחים
וכל בכור בהמה אונ נאך דעם שטייט עד בכור השבי אשר בבית הבור דא זענן
מרומז זייערי פיל חיילות אונ מחנות כוחות החיצונים ווס דיא אלי
האבן כח צו טאן כישוף אונ די בכור השבי אשר בבית הבור ווס זיי קומין
פון דר בכור השפחה ווס דארפטן האבן זיי כח גיהאט מיט כישוף צוא
מאכן אז וועלכר ווס איז אין דר תפיסה דר זאל קיין מאל ניט ארוס
גיין לחירות אונ אויף דעם איז גוועזן דר בטחון פון די מצרים ווס זיי
האבן ווידר גישפעניגט די רייד פון הקב"ה ניט ארום שיקן די ישראל
פון זייער עבודה אבר הקב"ה הט מיט דעם געוויזן זיין ממשלה אז
ער

ער איז אליין איין מושל אונ האט אלץ באשאפין אונ ער האט אלי
זייערי כוחות צו בראכן אונ הט די ישראל פארט ארוס גיצוגן דרום
ווערט דם גידעכניש פון יציאת מצרים ניט אפ גיטאן פון די ישראל
אוף אייביג אפילו ביז די הינטרשטי דורות וועט אלץ גדאכט ווערן
יציאת מצרים אונ די גבורות פון הקב"ה דען ווען עס וואלטן אפילו
גקומן אלי מלכים פון דר וועלט אונ אלי גרוסי חכמים וואלטן זייא
ניט גיקענט ארוס ציהן דיא ישראל פון מצרים אזו וויא עס שטייט
אובן אבר הקב"ה הט זיי אלי צו בראכן אונ הט צוא ריסן זייערי
קשרים ארוס צו ציהן די ישראל דרום שטייט מי לא ייראך מלך הגוים כי
לך יאתה כי בכל חכמי הגוים ובכל מלכותם מאין כמוך • בכה רבי שמעון רבי שמעון
הט גוויינט אונ הייבט אוף זיין קול אונ זאגט איר מיינט דם הקב"ה
הט זיך ווי פיל מאל באריכט אין דר תורה מיט יציאת מצרים אזוי
ווי עס שטייט אשר הוצאתיך מארץ מצרים אונ ווידר שטייט זכור את היום הזה
אשר יצאתם מארץ מצרים אונ נאך ווי פיל מאל שטייט אלץ דר מאנט אין
דר תורה יציאת מצרים אלא מיר האבין גילערנט עס זענין צעהן
מדריגות אין דר טומאה אזוי וויא אין דר קדושה דען השי"ת האט
גימאכט איינס אנטקעגן אנדרן אונ אלי זייערי מדריגות זענן סתום
נאר דיא דרייא וואס מיר האבין אובן גיזאגט וואס הייסן בכור פרעה
בכור שפחה וכל בכור בהמה דאס זייא זענין דיא דרייא קשרים פון דיא
דרייא מדריגות וואס דיא מצרים האבן גימאכט מיט כישוף אז די
ישראל זאלין ניט קענין ארויס גיין אייביג פון דעם שעבוד מצרים
אבר מחמת דעם זכות פון אברהם יצחק ויעקב זענין אוף גיקניפט
גיווארין דיא דרייא קשרים פון כישוף אונ ער האט אין זייא נקמות
גטאן דען הקב"ה הט גידענקט די דרייא קשרים פון יחוד הקדושה
אזוי וויא עס שטייט ויזכור אלהים את בריתו את אברהם דאס איז איין קשר
קדושה את יצחק איז דער אנדרר קשר ואת יעקב איז דער דריטר קשר
דרום אלי ימים טובים אונ שבתות זענן איין זכר צו יציאת מצרים
דען וואלט ניט גוועזן יציאת מצרים וואלט ניט גוועזן דם היטונג פון
שבתות ויום טוב דען דיא ימים טובים זענן גישטעלט אנטקעגן דיא
אבות אונ איבר אלי דרום מוז מען דער מאנן זכר ליציאת מצרים שבת
אונ יום טוב אונ דם איז אויך דר יסוד אונ דר עיקר פון דער תורה
אונ דם שלימות פון די ישראל דם הקב"ה הט זיי ארוס גנומן פון די
כוחות הטומאה וום זיי זענן גוועזן דרינן פר בונדן אונ הט זייא דער
הייבט אונ בהעפט אין זיך איבר אלי שרים של מעלה אונ איבר אלי
כוחות צו האלטן זיין וועג פון דר תורה אונ מצות אונ צו היטן דיא
שבתות וימים טובים וואס האבן איין אחיזה אין דיא אבות עליונים
ווס אין זייער כח וזכות זענן צו בראכן גווארן זייערי כוחות הטומאה
ווס זענן גוועזן דרינן פר בונדן אז זיי זאלן אייביג ניט ארוס אונ דיא
שבתות וימים טובים זענן אקעגן די כוחות הקדושה ווס זיי האבין
צו בראכן די כוחות הטומאה ווס איז איינס אנטקעגן דעם אנדערין
אונ דם ווס איר הט גפרעגט ווארום איז ניט גוועזן די גאולה ביי טאג
דעריבט מאל איז מער פרסום הנס עס שטייט היום אתם יוצאים איז משמע
ביי טאג זענן זיי ארוס גגאנגן אונ ווידר שטייט הוציאך ה' אלהיך ממצרים
לילה איז משמע אז ער הט זיי אוס גצוגן פון מצרים ביי נאכט אלא
מיר האבן גלערנט דם די עיקר גאולה איז גוועזן ביי נאכט דען דר
בת ווס איז שולט ביי נאכט דם קניפט אוף אלי קשרים אונ טוט אלי

נקמות אונ ביי טאג הט ער זיי ארוס גצוגן אפינטליך ביד רמה אזו ו
דר פסוק זאגט ובני ישראל יוצאים ביד רמה אונ ווידר די קדושה פון ביי
נאכט הט אוף גיקניפט אלי קשרים פון דיא מצרים אונ האט גיט
נקמות אונ דינים אין זיי אונ ביי טאג הט ער אנטפלעקט אונ הא
מפרסם גוועזן די ניסים ונקמות ווס זענין גשעהן אזו וויא עס שטיי
ובני ישראל יוצאים ביד רמה נאך שטייט ומצרים מקברים את אשר הכה ה' בהם
בכור דם איז דר פרסום הנס אזו זענן גיקומן רבי חייא מיט רבי יו
אונ צו שפרייטן זיך פר אים אונ קושן זייני הענט אונ האבן גוויינ
פר שמחה אונ זאגן די צורות הקדושים דם זענן עליונים ותחתונ
די ריכטן אוף זייער קאפ פון זיינט וועגן דם הייסט דורך דיין תור
לייכסטו די עליונים ותחתונים אונ גיסט זיי איין כח אוף צוא ריכ
זייער קאפ צו זיין אקעגן די קליפות אזו וואול ווי הקב"ה הט גמאכ
ירושלים של מטה אין גישטאלט של מעלה אזו האט גימאכט ר
שמעון בן יוחאי די הייליגי מוערין מיט די טוערין עס קאן אהין ני
ארין גיין ווער עס וויל נאר אז די טוערין ווערן אים געפינט במע
עליונה אונ ווערן אים אן גבריים די מעלות אונ מדריגות פון דע
מויער אוך שטייט יראה כל זכורך את פני האדון ה' ווער איז דער פני הא
דם מיינט מען רבי שמעון בן יוחאי זאגט רבי שמעון איך האב נא
ניט אוס גזאגט די זאך ווס איר הט מיך גפרעגט מיר האבן גלערני
וה' הכה כל בכור השי"ת הט גשלאגן די אלי ווס מיר האבן גיזאגט א
זיי זענן גשטארבן זיי האבן ביי נוצט אונ אן גבונדן מיט דיא כוח
ומדריגות הטומאה אטייל האבן ביי נוצט זייערי מדריגות עליונ
אונ אטייל האבן גניצט מיט די מדריגות התחתונים וועדליג זייע
מדריגות זענן זיי תחתונים דען דם גאנצי לאנד מצרים זענין גיווע
אין אלי מדריגות הטומאה זענן גשלאגן גיווארן אזו ווי עס שטיי
כי אין בית אשר אין שם מת אונ זענן גמשפט גווארן בשעת אז זיי האב
זיך איין גזאמלט אין זייערי הייזר איז גוועזן דר אור הנר פון דר שכינ
דם איז גוט צו דר בדיקה מבער זיין דעם חמץ הייסט דיא קליפו
דענמאלט הט מען אלי גמשפט אונ מיר האבן גילערנט דאס די
נאכט הט גלייכטן אזו ווי דר טאג איז תקופת תמוז כדי דאס גאנ
פאלק זאל זעהן ווי אזו הקב"ה משפט זיי אזו ווי עס שטייט ולילה כ
יאיר כחשיכה כאורה אונ בשעת זייא זענין ארוס גגאנגן פון זייערי הייז
האבן זיי גפונן אין אלי גאסן כולם מתים פר אלי אין דיא אויגן אונ ע
איז ניט גוועזן ווער עס זאל בגראבן אונ דם איז זיי נאך ערגר גווי
פון אלץ דינג ווס זייא האבן גזעהן דיא ישראל גייען אלי ארוס פא
זייערי אויגן אין איין זייט אונ אוף אנדר זייט האבן זיי גיזעהן לי
זייערי מתים אונ דאס איז אלץ גוועזן איין פרסום הנס עס איז נא
ניט גוועזן זינט דיא וועלט איז בשאפן גווארן קום אונ זעה וואס ע
שטייט ליל שמורים הוא לה' וגו' איז דאך קשה פריער זאגט ער ליל א
טייטש איין נאכט דער נאך זאגט ער וזמורים לשון רבים עס וואל
גדארפט צו שטיין שמור אונ פר ווס דר נאך זאגט ער הוא הלילה ניט
איך טאר ווייטער ניט שרייבן ווארום ער זאגט גרוסי סודות
שטייט כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות אזו וויא ביא יציאת מצר
שטייט ליל אונ לילה אזו וועט דארטן אויך זיין ליל ולילה דרום שטי
שומר מה מלילה שומר מה מליל אונ ווידער שטייט אמר שומר אתא בוקר וגם לי

דאס איז אויך בקיצור דרך נגלה גשריבן גווארן :

## רעיא מהימנא

...א העם את בצקו טרם יחמץ דיא מצוה ווייזט מען זאל כבער חמץ זיין
דען די מצוה איז איבר געגעבן גווארן צו די ישראל אזו וויא
...ן שטייט וישא העם וגו' נאך שטייט שאור לא ימצא בבתיכם אונזרי חכמים
...בן גזאגט דעם חילוק פון חמץ ומצה דען מצה איז אנטקעגן יצר
...ב אונ חמץ איז אנטקעגן דעם יצר הרע נאך דעם איז איין מצוה
...דר מאגן יציאת מצרים עס איז איין חיוב אויף איטלכן מענטשן צו
...ציילן דעם שבח איבר דען אונזרי חכמים האבן מפורש גוועזן אז
...מענטש וואס דר ציילט יציאת מצרים אונ פרייד זיך מיט שמחה
...ר מיט וואס ער דר ציילט איז ער אן גברייט זיך פרייען מיט דער
...נה לעולם הבא אונ צו מאכן אים אגרעסרי שמחה ווי צו אנדרן
...ן ער פרייט זיך מיט הקב"ה אונ הקב"ה פרייט זיך מיט זיין דער
...לזאין דר צייט זאמלט איין הקב"ה זיין פמליא של מעלה אונ זאגט
...גייט אונ הערט ווי מייני קינדר דער ציילן מיין שבח אונ פרייען
...מיט מיין גאולה אזו זאמלין זיך אלי איין אונ בהעפטין זיך מיט
...שראל אונ הערן דס דער ציילונג דעם שבח פון דער גאולה פון
...ער הארן אונ לובן צו הקב"ה אויף אלי נסים וגבורות וואס ער האט
...אן אויף דר ערד צו זייני בשעפניש דען ווערט גמערט כח וגבורה
...בן מיט דעם דר ציילונג אזו ווי איין מלך וואס האט הנאה אז מען
...ט אים דעם כח פון זייני מעשים וואס ער הט גטאן אונ מען לויבט
...ם דורך דעם פארכטן זיך אלי פאר אים אונ זיין כבוד ווערט דר
...בן העכר איבר אלי דרום גהער מען צו דר ציילן יציאת מצרים
...אוך איז איין חיוב אויף דעם מענטשן דר ציילן פאר הקב"ה אונ
...רסם זיין אלי נסים וואס ער הט גטאן אוב דו ווערסט פרעגן ווארום
...דס איין חיוב אמער הקב"ה ווייסט דאך אליין וואול וואס עס איז
...ען אונ וואס עס וועט זיין וואס איז דר פרסום הנס • אלא וודאי דר
...נטש מוז מפרסם זיין די נסים אונ ארום צו ריידן אלץ וואס ער הט
...אן דען דיא דאזיגי רייד וואס ער זאגט אויף דער וועלט
...ן ארויף אויף דעם היכל אונ די פמליא של מעלה זאמלן זיך איין
...זעהן די רייד אונ גיבין אויך איין לוב צו הקב"ה אונ זיין כבוד
...רט גרייסט בעולם הזה ובעולם הבא דעסט גלייכן ווען איינער
...מתודה אויף זייני עבירות וואס ער הט גטאן • איז דאך קשה נאך
...ם דארף דער מענטש מתודה זיין דען הקב"ה ווייסט דאך וואול
...ין פון די אלי זאכין וואס דר מענטש האט גטאן אונ וועט טאן •
...י מחמת דר שטן ומקטרג שטייט אובן אלי מאל פר הקב"ה אונ
...מקטרג אונ ברענגט ארויף דיא עבירות פון דיא לייט כדי צוא
...ענגן אויף זיי איין עונש אונ אז דער מענטש איז זיך מקדים אונ
...מתודה אויף איטלכר עבירה הט שון דר מקטרג קיין פתחון פה
...אויף אים מקטרג זיין אונ קען שון ניט פעדרן אויף אים קיין עונש
...ווערט פון אים אפ גשייד אין גאנצין אונ גייט דאך אוועק איז
...חוזר בתשובה אונ טוט שון ווייטר די עבירות ניט איז גוט אונ
...חלילה ניט ער איז נאר מתודה אונ קיין תשובה טוט ער ניט
...מאלט הט דר מקטרג נאך מער פתחון פה אונ זאגט רבש"ע דר
...יגר מענטש איז גקומן פר דיר מיט זיין עזות פנים אונ הט גזאגט
...אונ אזו האט ער מורד גוועזן אין זיין הערן אונ האט פארט קיין
...בה ניט גטאן • דרום גיהער דער מענטש זיך אפ היטן פון דיא
...זאכן אונ זאל זיך זיין גוואנן צוא זיין איין עבד נאמן צו הקב"ה:

פקודא נאך דעם שטייט איין מצוה פון פסח אז מען זאל גידענקן לדורי דורות אז אין די צייט זענין מיר ארום גגאנגן פון דעם רשות פון די קליפות וואס הייסן חמץ אונ זענין בהעפט גווארן אין דר קדושה וואס הייסט מצה דס איז דר יסוד אמונה ויחוד של מעלה • ויאמר ה' אל משה ואהרן זאת חקת הפסח דס איז די מצוה אז מזאל קולן דעם קרבן פסח פערצעהען טאג אין ניסן צווישן טאג אונ נאכט איין זכר צוא פסח מצרים אונ דר חיוב איז אויף אלי אזו וויא עס שטייט ושחטו אותו כל קהל עדת ישראל בין הערבים אונ מען זאל אים היטן פון צעהן טאג אין ניסן ביז פערצעהן דען די צייט לייכט דיא לבנה אונ ווערט פול אין דעם פופצעטן טאג אונ דרום זאל מען אים קולן צווישן טאג אונ נאכט דען די צייט זענן די דינים שולט אונ דיא קליפות האבן כח שולט צו זיין אונ זענן גורם דעם מיעוט הירח דס דר אור פון דער לבנה איז ניט פול • דרום האט השי"ת גהייסן אז זייא זאלן זיך פריער מל זיין אונ אפ טאן די ערלה פון דעם ברית אונ דר ריח פון דעם גבראטנס איז צו הנאה האבן דר פון לריח ניחוח אונ דרום שטייט וכל ערל לא יאכל בו עס טאר ניט עסין פון אים נאר דר וואס איז גמלת דר קען צו ברעכן דעם כח פון דר ערלה אונ דעם כח פון דר עבודת כוכבים פון מצרים וואס איז גוועזן איין ש"ה וואס דס בטרעפט ערל"ה אבר איין ערל הט ניט גטארט עסין אונ אז הקב"ה איז גקומן קיין מצרים הט ער גזעהן אויף די טירן דעם דם פסח ודם מילה וואס זיי האבן זיך מל גוועזן עס שטייט ולקחתם לכם אגודת אזוב וטבלתם בדם אשר בכף דער אזוב איז גוועזן צו מכפר זיין דעם רוח הטומאה אונ אלי רוחות רעות הט עס מעביר גוועזן מיט זיין התעוררות וואס מען האט גטאן מיט אים למטה אונ בגאולה העליונה וואס וועט זיין לעתיד לבא וועט הקב"ה ברענגן דעם יצה"ר אונ וועט אים שעכטן אונ אצוגד ביי דעם קרבן פסח שטייט ושחטו אותו כל קהל עדת ישראל דס איז איין זכר אויף לעתיד אויף דעם זמן הגאולה העליונה וואס וועט זיין אויף דיא ישראל • מען הט גשפרענגט מיט דעם דם על המשקוף ועל שתי המזוזות מען הט גוויזן דעם צייכן פון דם הברית אונ דר משחית איז גקומן אונ האט דער זעהן דס בלוט הט ער זיך אוועק גצוגן דער פון אזו וויא דער פסוק זאגט ולא יתן המשחית לבא אל בתיכם אונ ווען הקב"ה הט אליין גשלאגין די בכורים וואס שטייט ולא יתן המשחית איז דאך משמע אז דר משחית איז גינאנגין אלא הקב"ה האט בוודאי אליין ממית גוועזן דיא בכורי מצרים נאר דר משחית איז גגאנגן צו גפינען איין ארט ארויין צו גיין דס ער זאל אויך קענן משחית זיין אונ אז ער האט גזעהן דעם בראך פון דר ערלה אויף ביידי זייטן פון פסח אונ פון מילה איז ער אנטלאפן גווארן אונ הט זיך אפ גשייד פון זייא אונ וויל הקב"ה האט ממית גוועזן אלי בכורים פון די מצרים דרום האט ער גיגעבן דיא בכורים פון די ישראל פר איין פדיון כדי דר שטן זאל ניט האבן איין פתחון פה אויף ישראל אונ אין אלעמן הט הקב"ה גהיט צו די ישראל וויא איין פאטר היט זייני קינדר:

בבית אחד יאכל די מצוה איז צוא עסין דעם קרבן פסח על מצות ומרורים דס איז צו ווייזן אז די שכינה איז אויך גוועזן אין דעם ביטרין גלות מיט זיי אזו וויא עס שטייט וימררו את חייהם בעבודה קשה אונ זייא האבין געסן דעם קרבן פסח צו ווייזן אלץ וואס די מצרים האבן זייא גטאן אין שעבוד הגלות אונ וואס מען טאר ניט צו ברעכן די ביינער פון אים צו ווייזן זייער בזיון אונ חרפה דס זייער אפ גאט איז גיוועזן

איין

איין שעפסלי אונ אז זיי האבן קיין ביינר ניט צו בראכין האבן זייא דאך זיי ניט גקענט עסין אונ האבן זיי גמוזט ארוכ ווארפן אויף דר גאס דרך בזיון דרום שטייט איר טארט ניט צו ברעכן די ביינר אבר די הינט זענן גקומן אונ האבן זיי צו בראכן אונ אז די מצרים זענן גקומן אונ האבן גזעהן אז די הינט שלעפן די ביינר פון איין ארט אויף דעם אנדרן האבן די מצרים בגראבן די ביינר אין דר ערד כדי די הינט זאלן זיי ניט קענן גפינן אונ דם איז גוועזן דר רעכטר ביטול עבודת כוכבים וויל זיי האבן זייא אליין בגראבן אין דער ערד אונ הקב"ה איז גרום גיווארן מיט דעם העכסטין כבוד וגדולה אונ דיא קליפות זענן זיי אונטר טעניג גווארן אונ דער ביטול פון זייערי אפ געטר איז גוועזן דורך זיי אליין דרום שטייט ועצם לא תשברו בו:

וכל פטר חמור תפדה בשה די מצוה איז צוא לייזן דעם פטר חמור מיט איין שה אונ ווער עס לייזט אים ניט אויס זאל ער אים אפ האקן זיין האלז אונ נאקין אזו וויא עס שטייט ואם לא תפדה וערפתו אונ דער טעם איז דען מען באדארף דעם יצר הרע מחזיר בתשובה זיין אונ ער זאל ווערן איין יצר טוב דרום שטייט אעשה לו עזר כנגדו איז ער זוכה איז ער אים אליין איין הילף צוא דער קדושה אונ אוב ניט איז ער אים איין שונא מקטרג צוא זיין אויף אים זייא זענין אין דעם גישטאלט דער יצר טוב איז כשה אונ דר יצר הרע איז כחמור איז ער זוכה אונ איז חוזר בתשובה אפילו ער איז כחמור איין עם הארץ תפדה ווערט ער אים גילייזט פון דעם גלות ווי איין שה דם זענן די ישראל וואס הייסן שה שה פזורה ישראל אבער אז ער איז ניט חוזר בתשובה שטייט וערפתו ער איז איין קשה עורף זייא ווערין צום סוף אויס גימעקט ווערין פון דעם ספר החיים אונ אויף זיי איז גיזאגט גיווארין מי אשר חטא לי אמחנו מספרי • והיה לאות על ידך ולטוטפות בין עיניך דיא מצוה פון תפלין הייסט קדושה אונ פאר דיא שיינקייט פון אלע גישטאלט למעלה אונ מען בדארף צוא לייגין תפלין של יד ושל ראש איינס נאך דעם אנדרין תיכף אונ קיין צווישן שייד ניט מאכן צווישן זייא ווער עס ווערט גיקריינט מיט דיא תפלין דער שטייט אין דמות עליון אונ איז בצלם אלהים אונ דאס הייסט מקבל גיוועזן אויף זיך עול מלכות שמים שלימה באהבה אונ ער איז אין דם דיוקן עליון • אויף אים איז גיזאגט גיווארן וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך אונ דם איז גרויסי סודות:

## פרשת בשלח

ויהי בשלח פרעה את העם רבי שמעון הייבט אן עס שטייט תפלה לחבקוק הנביא על שגיונות אין דעם פסוק איז קשה ווארום שטייט נאר ביא חבקוק תפלה מער וויא ביא אלי נביאים פר וואס שטייט ניט תפלה לישעיהו אדער תפלה לירמיהו אדער אנדערע נביאים אלא מיר האבען גילערינט אז אלישע הנביא האט זוכה גיוועזן איין מדריגה מער פון אלי נביאים נאר אחוץ משה רבינו אונ פון דעסט וועגן האט ער ניט גיוואלט מטריח זיין זיין האר אזו ווי עס שטייט ויהי היום ויעבור אלישע אל שונם ושם אשה גדולה ווארום רופט ער זי גדולה ווארום זי איז גרוס גוועזן מיט אירי מעשים טובים זי איז חשוב גוועזן ביי דעם גאנצן דור • אונ ווייל זי איז גיוועזן דיא עקרת הבית אונ דער מאן איז ניט שכיח גיוועזן אין דר היים דרום שטייט נאר דר מאנט איר נאמן ניט זיין נאמן • אונ אויך דרום הייסט זי אשה גדולה זי איז גרעסר אונ בעסר גיוועזן

פון אלי נשים וואס אין דר וועלט • דען אנדרי ווען זיי זעהן איין אור דר שרעקן זיי זיך אונ זענן זיך מצער וכל שכן עס זאל זייא קאסט געלט • אבר די שונמית הט זיך גיפרייט אז זי הט גיהאט איין אור אונ הט אויס גיגעבן געלט כדי זי זאל אים כבוד אן טאן אזו ווי ע גיהער צו זיין • דרום איז דם גאנצע הוז נאר גילויבט דורך איר ותא אל אישה הנה נא ידעתי כי איש אלהים קדוש הוא ווי אזו הט זי גיוויסט אז ע איז הייליג האבן אונזרי חכמים גיזאגט זי הט פר שפרייט איין ווייס ליילך אונ ער איז גיוועזן ריין אונ ווידער איז אויף זיין טיש קיין פל ניט גיפלויגען • נאר עס איז קשה עס איז פאר האנדין נאך אזעלכ מענטשן וואס האבן אין זיך די זאכן אונ ווידר וואס זאגט זי הנה נא ידעת איז משמע נאר זיא אליין ווייסט אמער אלי מענטשען האבען אי גיזעהן עסן אויף דעם טיש נאר דר פון הט זיא גיוויסט ווארום דע סדר איז איין מענטש שטייט אויף פון דעם שלאף גייט ניט קי שיינר ריח פון דעם גילעגר אונ אז ער איז אויף גישטאנין א גיגאנגען פון דעם גילעגער איין ריח גן עדן הט זיא גיזאגט ווען ע זאל ניט זיין איין הייליגר מענטש אונ דיא קדושה פון זיין האר זא ניט זיין אויף אים וואלט אויף אים ניט גיוועזן דר רוח הקודש • דרו הט זי גיוואלט אים אפ שיידן ער זאל האבן איין בזונדר חדר ווארו עס איז אים קיין כבוד ניט צוא זיין מיט אלי מענטשן אין איינעם הט זי גיזאגט נעשה נא עלית קיר קטנה ונשים שם מטה ושולחן וכסא ומנורה מי גיפינן אז די פיר זענן דר תיקון פון דר קדושה עליונה אונ נאך וו הט זי גיזאגט פריער מטה דר נאך שולחן • ווארום איין גילעגר א ביי א מענטשן חשובר פון אלין דינג ויהי היום די חבריא זאגן עס אי גיוועזן יום טוב פון ראש השנה וואס דיא עקרות ווערן גידענקט א דעם טאג • אונ אלי מענטשין ווערין אויך דער מאנט אין דעם טא דרום האט ער זיא גירופן אונ זאגט הנה הרדת אלינו את כל החרדה הזאת דו האבט מיר אפ גיגעבן איין בזונדער חדר • דרום מוז איך היינ אכטונג געבן אין דין דאס הקב"ה איז דן די גאנצי וועלט • ווייל אי בין אפ גישייד אויף דעם ארט דארף איך אכטונג געבן ברוגז ש עולם: מה לעשות לך היש לך לדבר אל המלך או אל שר הצבא איז זי דען גיווע איין יוצא ונכנס ביי דעם מלך זי זאל צו אים דארפן וואס ער הט זי אזו גיפרעגט נאר אין דעם טאג ווערט הקב"ה אן גירופין הסכן הקדו הסכך המשפט ער זיצט בדין דרום הט ער זיא גיפרעגט אויב ער זא רייד פון אירט וועגן פר דעם מלך עליון הט זי געענטפרט בתוך עמ אנכי יושבת דאס מיינט זי בשעת עס איז איין משפט אויף דער וועל זאל זיך איין מענטש ניט אפ שיידן פון מענטשן כדי ער זאל ני אליין גידאכט אונ גיצייכנט ווערן למעלה דען אין דער צייט פו משפט די אלי וואס ווערן דר קענט אונ פר צייכנט למעלה פאר זי זעלברט ווען ער זאל אפילו זיין איין צדיק ווערט ער נתפס דרום זא זיך איין מענטש ניט אפ שיידן פון אלי לייט דען אויף איין רבים ה הקב"ה רחמנות ער איז זיך אויף זיי מרחם דרום הט זי גיזאגט בתו עמי אנכי יושבת איך וויל אליין ניט דר מאנט ווערן נאר צווישן מיי פאלק אזו ווי איך האב גיטאן ביז אהער:

ויאמר גחזי אבל בן אין לה זאגט אלישע זיא וועט בוודאי גידארפן ווער ווייל דר היינטיגר טאג איז גורם דם אלי עקרות ווערן גדאכט אונ נפקד למעלה פאר הקב"ה ויאמר למועד הזה כעת חיה את חובקת בן ער האט דריבר גיזאגט למועד ווארום דאס קינד הט נאר גלעבט איי

קליינע

יני צייט דען דר נאך איז ער גישטארבין ווייל ער הט גיזאגט את
קת בן ער איז גיגעבן גיווארן נאר צו איר אליין ניט צוא איר מאן
. דר וואס איז פון אזו איין צד איז ער מקושר צו דעם טויט ער הט
 קיין רעכט לעבין · דרום שטייט ביי אברהם למועד הזה אשוב אליך
ליר אונ ניט צו איר ותעל ותשכיבהו על מטת איש האלהים ווי דס קינד איז
טארבן הט זי אים גילייגט אויף זיין בעט ווייל זיא הט גיזעהן אין
ען די קדושה אזו וויא אויבין איז גישטאנן ויאמר לה השלום לך השלום
סך השלום לילד ווייל זיא איז גיוועזן די עקרת הבית איז זיא גיקומען
יין אן איר מאן הט אלישע גיזאגט הקב"ה הט פון מיר פר הוילין
 הט מיר ניט גיזאגט דען פר וואס איז דס איז גיוועזן ווארום הקב"ה
הט גיזאגט אפילו איך וועל אים זאגן וועט דאס קינד אויך מוזען
טארבען ווארום זיין נבואה איז אזו גוועזן את חובקת בן אזו וויא מיר
בן אויבן גיזאגט זאגט אלישע צו זיין משרת גחזי ער זאל נעמען
ם שטעקן אונ גיין אהין אים מאכין לעבידיג זאגט די שונמית חי ה'
נפשך אם אעזבך אז ער הט ווידר גשיקט זיין משרת גחזי אין שליחות
 וואס האט זי אים ניט גיוואלט אפ לאזן נאר זיא האט גיקענט דאס
טעות פון גחזי אז ער איז ניט ווערט עס זאל דורך אים איין נס
אן ווערן וישם פיו על פיו ועיניו על עיניו נאך וואס האט ער אזו גיטאן
ארום ער הט גוואוכט אז דס וואס ער הט גזאגט את חובקת בן הט אים
ם גיוועזן די מיתה ווייל ער איז מקושר אין צד הדין דרום האט
 גוואלט אים אראפ ציהן איין רוח של מעלה וועט ער האבן איין
כט לעבן ער הט אבר אים ניט גיקאנט אפ רייסן פון זיין ארט פון
ם כח הדין דרום הט ער אים דר וועקט איין רוח של מעלה דאס
 זאל זיין מצד הרחמים איז ער אין דעם מקושר גיווארן דען ווען
 וואלט אזו ניט גיטאן וואלט ער ניט גיקאנט לעבידיג ווערין אונ
ס קינד איז גיוועזן חבקוק הנביא ווארום הייסט ער חבקוק עס איז
יטש צווייא מאל האלזין אונ ניט חיבוק עס שטייט דאך את חובקת
ר ביי אים איז גיוועזן צווייא ערליי איינס פון דר מוטר אונ איינס
ן אלישע דרום זאגט ער תפלה לחבקוק הנביא דען זיין גיבארען איז
חיקה גיוועזן מצד התפילה על שגיונות אין דעם דאזיגן טאג וואס אלי
יונות פון דער וועלט העגגן אן אין אים דרום אז דיא נבואה איז
קומען אויף אים הט ער זיך גיפארכטן פר דעם דין · איז איין משל
 איינם הט איין הונט גיביסין דר נאך פארכט ער זיך אפילו פאר
ן גישריי זאגט ער ה' שמעתי שמעך יראתי ה' פעלך בקרב שנים חייהו ער הט
 אויף זיך מתפלל גיוועזן פעלך הייסט איך בין דיין ווערק דו האסט
ך באשאפן זאלסטו מיך געבין צו די שנים העליונים וואס אין זייא
זאגט אן דס לעבן אונ איך זאל ניט שטארבן אזו ווי פריער דרום
ן ער הט גיוואלט זאגן נביאות הט ער גנומין איין כלי זמר צוא
גין אזו ווי עס שטייט ביי דוד שגיון לדוד ער הט גיבראכט דיא כלי
ר ער זאל זיך מעורר זיין מיט שירה וזמרה מבטל צו זיין פון זיך
א רוחות הדינים · אונ אזו אויך אלי נביאים בייא אלישע שטייט
תה קחו לי מנגן דורך דר שירה וזמרה האבן זייא אויף זיך גיבראכט
 נבואה אבר משה הט קיין התעוררות ניט בדארפט האבן ווייל
ן מדריגה אונ זיין נבואה איז גרעסר גיוועזן פון אלי נביאים וואל
ז זיין חלק · קום אונ זעה אז די ישראל זענין ארויס גיגאנגען פון
צרים איז אין זיי זייער רוח צו בראכן גווארן אונ זיי האבן גהערט
שבחות אונ האבן זיך ניט גיקענט משמח זיין דען בשעת אז אלי

חיילות ומרכבות של מעלה זענן ארויס גיגאנגין מיט דער שכינה
האבן זיי אלי גיזונגן שירות ותשבחות צוא הקב"ה דען הט הקב"ה
דער וועקט דעם רוח פון דיא ישראל אז זייא זאלן הערן דיא שירות
ותשבחות אונ זייער רוח איז פארט גיבליבען אין זייא אונ איז ניט
ארויס גיפלויגן פון זיי דר סדר איז אמענטש אז ער הערט אויף צוא
ארבטן דער פילט ער ערשט דאס מידיקייט אזו אז זייא זענן ארויס
גיגאנגען פון מצרים האבן זיי פאר זוכט דעם טעם מיתה אונ הקב"ה
האט זיי גיהיילט אזו ווי עס שטייט וה' הולך לפניהם יומם אונ אלי וועגין
האבן זיי אויף גיבראכט ריחות פון רפואה אונ די ריחות האבן זייא
גיהיילט אונ דורך דעם קול פון שירות ושבחות וואס זיי האבן דער
הערט האבן זיי זיך גיפרייט דען הט גירוט איז זיי זייער רוח · אונ
פרעה מיט זייני חיילות זענן נאך גגנגן צו בלייטן זיי ביז זיי זענן ארוס
גיגאנגין פון מצרים אונ אזו וויא פרעה מיט זיין חיל האבן אונטין
בלייט דיא ישראל אזו אויך אלי שרים של מעלה וואס זענן ממונים
איבר זיי אונ איבר אנדרי אומות האבין אלי בלייט די שכינה מיט
די ישראל ביז זיי האבן גירעגט אין איתם אזו ווי דר פסוק זאגט ויהי
בשלח פרעה את העם וגו' :

ויהי בשלח פרעה וואס שטייט פריער ויקם פרעה לילה הוא וכל עבדיו קום אונ
זעה די נקמה עליונה וואס הקב"ה האט גיטאן אין מצרים זענין
דרייא ערלייא מיתות גיוועזן איינס וואס זייא האבין גיטאן אין דיא
בכורים אין מצרים וואס זיי האבין זיי גיהרגת אונ איינס וואס הקב"ה
האט זיי גיטייט האלבי נאכט אונ איינם בשעת פרעה האט גיזעהן
דעם טויט ביי זיך אין שטוב אונ אין די קינדר אונ אין די קנעכט
איז ער אויף גישטאנען אונ הט זיך מזרז גיוועזן אונ הט גיטייט זייני
שרים אונ דוכסים אונ אלי וואס האבן אים גימאכט פר איין מלך אויף
דעם פאלק אזו ווי דר פסוק זאגט עדות אז פרעה איז אויף גישטאנען
ביי נאכט דס מיינט מען אזו ווי די נאכט הט גיטאן אין די בכורים
וואס הקב"ה הט זיי גיטייט אזו איז פרעה אויך אויף גישטאנען אונ הט
גיטאן נקמות אין זייני שרים ודוכסים אזו ווי דר סדר איז פון איינם
אז מען שלאגט אים מיט אשטיין שלאגט ער דעם אנדערין אזו איז
אויך גיוועזן פרעה אונ דר נאך איז ער גיגאנגען אויף דעם מארק אונ
הט אויס גירופן צו די ישראל קומו צאו מתוך עמי שטייט אויף אונ גייט
ארוס פון מיין פאלק איר הט גטייט אלי שטאט לייט איר הט גטייט
אלי מייני הערן אונ דוכסים אונ אין גאנצן מיין הויז גיזינד אזו וויא
דר פסוק זאגט ויקרא למשה ולאהרן לילה אונ הט זיי גיזאגט עס איז אלין
אין אייער האנט וברכתם גם אותי איר זאלט מיר אויך בענטשין אונ
זאלט מיך ניט טייטן אונ דר נאך הט ער זיי אליין בלייט אונ האט
זיי אוס גיצויגן פון זיין לאנד אזו וויא דער פסוק זאגט ויהי בשלח פרעה
את העם :

ויסב אלהים את העם פרעגט רבי יהודה פר וואס אז די ישראל זענן אין
מצרים שטייט שלח את עמי ואם מאן אתה לשלח את עמי · בני בכורי
ישראל חאטשי אין דר צייט זענן זיי נאך ניט גיוועזן גימלת אונ זענין
נאך ניט גיוועזן אן גיקניפט אין הקב"ה אזו ווי עס גיהער צו זיין אונ
אצונד זענן זייא דאך שוין יוא גיוועזן גימלת אונ האבן גימאכט איין
קרבן פסח אונ זענען שוין גיוועזן אן גיקניפט אין הקב"ה צום סוף
רופט ער זיי עם אלא מחמת עס איז גיוועזן אין זיי בהעפט אונ אויס
גימישט דער ערב רב דרום רופט ער זייא אן סתם עם דרום שטייט

ויגף ה' את העם על אשר עשו את העגל • ויקהל העם על אהרן • וירא העם כי בשש משה אונ נאך פיל מאל דאס מיינט מען אלץ דאס ערב רב זייא היישן עם :

רבי יצחק אונ רבי יהודה זענען גיגאנגין פון אושא קיין לוד אונ מיט זייא איז גיוועזן יוסף טייעא מיט גמלים אונ זייא האבן גיטראגן משאות וויא זייא גייען הט דר סוחר יוסף דר זעהן איין כותית האט גיקליבן ירקות אויף דעם פעלד אזו איז ער אנטלאפן פון זייא אונ האט זיך גישטארקט אויף איר האבן זיך רבי יהודה אונ רבי יצחק זייער פר וואונדערט אונ זאגין מיר בדארפין זיך אום קערן פון דעם וועג דען הקב"ה האט אונז בוויזין אז מיר זאל זיך ניט מתחבר זיין מיט אים אזו וויא זייא האבין אוועק גיקערט פון דעם וועג האבן זיי אן גיהויבין נאך קלערין נאך אים האבין זייא דער קלערט אז ער איז איין ממזר ער איז דער זון פון אמצרית אונ דר פאטר איז אויך איין פסול זרע גיוועזן זאגין זייא בריך רחמנא דשזיב לן גילובט איז גאט וואס ער הט אונז מציל גיוועזן • הייבט אן רבי יצחק עס שטייט לדוד אל תתחר במרעים וואראם שטייט מרעים אונ ניט חטאים אדר רשעים אלא מרעים איז טייטש זיי איבן צו זיך אליין אונ צוא דיא וואס זייא בהעפטן זיך מיט זיי רבי יהודה זאגט דרום שטייט מרעים זייא זיך מרחיק פון צו זיין מיט זיי גיזעלין אונ חברים כדי דורך זייני מעשים רעים זאלסטו ניט נתפס ווערן • קום אונ זעה וואלטין ניט גוועזן דר ערב רב בהעפט מיט די ישראל וואלטן די ישראל ניט גוועזן גזינדיגט מיט דעם עגל אונ עס וואלט ניט גוועזן גישטארבין אזו פיל פון דיא ישראל אונ זיי וואלטן ניט גורם גוועזן וואס זיי האבין גורם גיוועזן דען דר חטא אונ די מעשה הט גורם גוועזן דעם גלות צו די ישראל דען מיר האבן גילערינט בשעת הקב"ה הט אום גיצוגין דיא ישראל פון מצרים הט ער זיי גוואלט מאכן אזו ווי מלאכים אונ צו מאכין זייא חירות פון אלץ זיי זאלן זיין פריי פון מיתה אונ פריי פון גלות אזוי ווי עס שטייט חרות על הלוחות לייען ניט חרות נאר חירות ווער עס וויל זיין פריי פון אלעם זאל ער עוסק זיין בתורה וואס איז אויף די לוחות אונ אז זיי האבן גטאן די מעשה העגל האבין זיי זיך ווידר גורם גוועזן מיתה אונ גלות אונ די לוחות הראשונות זענן צו בראכן גווארן אונ כמה אלפים פון די ישראל זענן גישטארבין דס הט אלץ גימאכט וואס זיי האבן זיך מתחבר גוועזן מיט דעם ערב רב אונ אויך דורך דעם ווערן זיי ניט גרופן בני ישראל אונ ניט עמו נאר סתם העם אוב די וועסט פרעגן עס שטייט דאך ווייטר ודמושים עלו בני ישראל מארץ מצרים דס איז אז זיי זענן ארוס גגאנגן איידר זיי האבן זיך נאך בהעפט מיט דעם ערב רב רופט ער זיי בני ישראל אבר דר נאך רופט ער זיי שון נאר העם אזו וויא עס שטייט ויהי בשלח פרעה את העם ולא נחם אלהים רבי יוסי פרעגט עס שטייט כי כאשר ראיתם את מצרים היום לא תוסיפו לראותם עוד עד עולם איר וועט שוין דיא מצרים ניט זעהן אין דר נאך האבן זיי דאך יוא גיזעהן אלי טאג דעם ערב רב • זאגט רבי יהודה עס שטייט ערב רב אונ עס שטייט ניט מצרים דען עס האבן גוואנט אין מצרים אנדרי אומות אויך אונ ווידר זיי זענן דאך גוועזן גמלת אונ אז זיי האבן זיך גימלת זענן זיי שון ניט קיין מצרים משה הט גיהייסן זיי מקבל זיין דרום זאגט דר פסוק צו משה לך רד כי שחת עמך סרו מהר מן הדרך אשר צויתם צייתם דס איז טייטש די האסט גהייסן זיי מקבל זיין :

וחמשים עלו בני ישראל זיי זענן גוועזן איין פינפט חלק פון די ישראל

רבי יוסי זאגט פינף זענע גוועזן פון ישראל אונ איינר פון זייא רבי יהודה זאגט איין פופציגט חלק זאגט רבי שמעון וחמושי[...] מיינט מען וויל עס הט אויף זיי גילייכט דר יובל וואס הייסט ש[...] החמישים דרום זענן זיי ארוס גיגאנגן ביובל בחושבן חמשים אונ ו[...] דס וואלט ניט גוועזן וואלטן זיי ניט ארוס גיגאנגן דרום האבן זיי ז[...] גימוזט פר זאמן פון יציאת מצרים ביז מתן תורה פופציג טעג א[...] דר צייט האבן זיי ערשט מקבל גוועזן די תורה דען פון דעם אר[...] וואס די תורה איז ארוס גגאנגן למעלה הייסט יובל וואס זי הט זיי או[...] גצוגן פריי דרום שטייט וחמשים עלו חסר וא"ו צו ווייזן צו לייענן חמשי[...] איבר דעם זענן זיי ארוס גיגאנגין פון מצרים אין דעם כח פון יוב[...] וואס הייסט חמשים :

ויקח משה את עצמות יוסף עמו פר וואס הט משה אויף גיבראכט די ביינ[...] פון יוסף וויל ער איז גוועזן דר ערשטר וואס הט גינידערט א[...] גלות מצרים אונ ער הט מוסר גיוועזן דעם סימן פון דר גאולה א[...] הט גזאגט ואלהים פקוד יפקוד אונ דר נאך אז משה איז גקומן זיי או[...] לייזן אונ הט זיי גזאגט דם לשון פקד פקדתי האבן די ישראל גיגלייב[...] אז ער איז איין נביא אמת אונ ווידר יוסף הט בשווארין די ישרא[...] זאלן זייני ביינר אויף ברענגן פון מצרים אזו וויא עס שטייט כי השב[...] השביע את בני ישראל • וה' הולך לפניהם יומם רבי יוסי זאגט עס שטייט למנצ[...] על אילת השחר מזמור לדוד מיר זעהן וויא אזוי דיא תורה איז גיליבט פ[...] הקב"ה דען איטליכר מענטש וואס איז עוסק בתורה איז גליבט או[...] אונ אונטן הקב"ה פר נעמט זייני רייד אונ פר לאזט אים ניט בעול[...] הזה ובעולם הבא אונ מען מוז עוסק זיין בתורה יומם ולילה אזו ווי ע[...] שטייט והגית בו יומם ולילה נאך שטייט אם לא בריתי יומם ולילה אונ אזו ווי[...] דר טאג אן דר נאכט הייסט ניט גאנץ נאר ביידי אין איינם באנ[...] הייסט איין טאג אזו אויך מוז די תורה גפונן ווערן ביי דעם מענטש[...] יום ולילה כדי עס זאל ביי אים שכיח זיין דר רוח הקודש אונ דא[...] שלימות יום ולילה אונ מיר האבן גילערינט דאס דער עיקר נאכ[...] הייסט נאר פון דר אנדרר העלפט אן אונ ווייטר חאטשי די ערשט[...] העלפט הייסט אויך נאכט אבר אין דר אנדרר העלפט גייט הקב"[...] אין גן עדן ארייך זיך פרייען מיט די צדיקים דרום זאל איין מענט[...] אוף שטיין אונ עוסק זיין בתורה אזו ווי מיר האבן גלערינט אז הקב"[...] מיט אלי צדיקים וואס אין גן עדן הערין אלי צוא זיין קול אזו וויא ע[...] שטייט היושבת בגנים חברים מקשיבים לקולך השמיעני היושבת בגנים מיינ[...] מען די כנסת ישראל וואס זי לובט להקב"ה בתורה בלילה וואל דע[...] מענטשינס חלק וואס פעדרט זיך אוף שטיין ביי נאכט לובן להקב"[...] בתורה אונ אז דר מארגן שטערן גייט אוף אזו פרייען זיך די כנס[...] ישראל מיט הקב"ה אונ ציהן איין חוט של חסד אויף זיך אונ אוף [...] וואס לערנן תורה ביי נאכט אזו ווי עס שטייט יומם יצוה ה' חסדו ובליל[...] שירה עמי דרום הייסט זי אילת השחר אין תחלת הלילה ווערן אלי טוע[...] פר שלאפן חמור נוער כלבים צועקים אונ אז ער שטייט אוף חצות לילה עוס[...] זיין בתורה איז וואל זיין חלק אונ איינדר פרי איז הקב"ה מיט דר שכינ[...] זייער פרייך אונ גיט מתנות לכל בני היכלין • ווייטר זענין סודות[...] ויי הולך לפניהם יומם דען הקב"ה מיט זיין ב"ד אונ מיט דר שכינה האג[...] זיך באהעפט מיט דיא אבות יומם מיינט מען דעם כח פון אברה[...] וואס הייסט יום בעמוד ענן מיינט מען יצחק לנחותם הדרך מיינט מען יעק[...] אזו ווי עס שטייט ויעקב הלך לדרכו • ולילה בעמוד אש להאי מיינט מען ד[...]

המלך

לך דם איז די מרכבה הקדושה צו דר שכינה מיט דעם ווען די
ראל גיגאנגן מיט אלי שלימות אונ די אבות זאלן זעהן די גאולה
ן די קינדר אזו ווי הקב"ה הט מבטיח גוועזן צו יעקב ואנכי אעלך גם
ה דרום שטייט דס ווארט גם קומט מרבה זיין דיא גאנצי מרכבה
ת יומם ולילה נאך ווס זענן זיי גיגאנגן ביי נאכט זיי וואלטן גדארפט
ן גאר ביי טאג ניט ביי נאכט עס זאל גלייך זיין ווי זיי אנטלופן אונ
דר הקב"ה הט דאך זיי גיהיט נאך ווס זענין זיי גגאנגן ביי נאכט
ר דר טעם איז גיוועזן כדי זייא זאלן זיין אין רעכטן שלימות ביום
לילה אונ די מצרים זאלן זיך טועה זיין אונ מיינן דס דיא ישראל
אבן פר זיי מורא אונ אנטלופין פון זיי דרום וועלין זיי דיא ישראל
נאך יאגין וועט גיערליכט ווערין דר כבוד פון הקב"ה :
נד למלך מצרים כי ברח העם פון וואנן הט ער גוויסט נאר זייני חכמים
ומכשפים האבן זיך איין גיזאמלט צו אים אונ האבן אים מודיע
ווען ווארום די כישוף מאכר האבן גיזעהן ווי די ישראל גיין טאג
נאכט אין וועג האבין זייא גיזאגט אז דיא ישראל זענין בוודאי
טלאפן גווארן · אוך האבן זיי גיזעהן אז זייא גיין ניט אין גלייכין
ג אזו ווי עס שטייט וישובו ויחנו לפני פי החירות דרום האבין זייא זיך
טראכט אז זיי אנטלופן אונ האבן גזאגט צו פרעה · ויקח שש מאות רכב
ר ער הט אלץ גטאן מיט חכמה ער הט גנומן שש מאות אנטקעגן
ישראל ווס ביי זיי שטייט שש מאות אלף רגלי אונ דיא שלישים ווס
בר אלי איז גוועזן אנטקעגן די מדריגות עליונות · רבי חייא זאגט
ר האבן גלערינט אז הקדוש ברוך הוא גיט ממשלה צו די שרים
ל מעלה גיט ער צו זיין פאלק אוף דר וועלט אוך ממשלה ובשעת
ער נידרט דעם שר למעלה ווערט זיין אומה אוך גנידרט למטה
ת שש מאות רכב בחור מיינט מען איר ממונה למעלה וואס ער האט
ירט די מרכבות פון אנדרי אונ די אלי זענן גיפאלין דר נאך אונ
די חיילות פון סיטרא דרום שטייט בחור וכל רכב מצרים :
רעה הקריב רבי יוסי זאגט ער הט גינענט דס הארץ פון די ישראל
צו הקב"ה דען דורך אים האבן זיי תשובה גטאן אזו ווי עס
טייט אין פסוק ה' בצר פקדוך צקון לחש מוסרך למו ווען עס גייט וואל צו
ישראל גדענקן זיי ניט אין הקב"ה נייערט ווען עס איז איין צרה
ילה אוף זיי דענקאלט דר מאנן זיי זיך אין הקב"ה דרום שטייט
ן לחש זיי זענן מתפלל תפלות ובקשות אונ שרייען מיט זייער קול
ן איז דם מוסרך למו ווען הקב"ה שלאגט זיי מיט זיין רצועה · אין
צייט שטייט הקב"ה אוף זיי מיט רחמנות אונ עס איז פר אים
טוב דם קול ער זאל גצאלט ווערן פון זייערי פיינט אונ אויף זייא
ערט ער דר פילט מיט רחמנות זיי ווערן ווי איין טויב · דען דאס
אבן אונזרי חכמים גזאגט דם משל · אזו אוך זענן די ישראל גוועזן
דעם ים דר ים הט אוף גיבראכט זייני אינדן האבן זיי זיך זייער
בראכטן אונ אז זיי האבן אוף גיהובן זייערי אויגן האבן זיי דר זעהן
פרעה מיט זייני חיילות ווארפין שטיינר אונ פאלין אזו וויא עס
טייט וייראו מאוד ווס האבן זיי גיטאן ויצעקו בני ישראל אל ה' האבין זייא
שריגן צו גאט נמצא וועד הט גורם גוועזן ווס די בני ישראל האבן
שריגן צו גאט · דס איז פרעה · דרום שטייט ופרעה הקריב ער הט זיי
עהט צו הקב"ה מיט דעם ווס ער הט זיי נאך גיאגט : ויאמר משה
העם אל תיראו רבי שמעון זאגט וואל דעם חלק פון די ישראל וואס
ה דר רועה איז גיגאנגן צווישן זיי עס שטייט ויזכור ימי עולם משה עמו

הקב"ה הט גזאגט ימי עולם משה עמו פון דאנן לערנן מיר אפ אז משה
איז גלייך ווי די גאנצי וועלט אונ ווידר לערנן מיר אפ אז דר רועה
אונ מנהיג פון דעם פאלק איז גלייך וויא דאס גאנצי פאלק איז ער
זוכה איז דם גאנצי פאלק זוכה איז ער ניט זוכה איז דם גאנצי פאלק
אויך ניט זוכה · אונ ווערין גישטראפט דורך אים · התיצבו וראו איר
באדארפט קיין מלחמה ניט האלטן דען הקב"ה האלט מלחמה פון
אייערט ווענן אזו ווי דר פסוק זאגט ה' ילחם לכם ואתם תחרישון קום אונ
זעה אין דר נאכט הט הקב"ה איין גיזאמילט דיא פמליא של מעלה
אונ הט דן גוועזן דעם דין פון די ישראל אונ עס וואלטן חלילה זיך
ניט מקדים גוועזן די אבות פר די ישראל צו טענן וואלטן די ישראל
חלילה גאר ניט ניצול גיווארין פון דעם דין · רבי יהודה זאגט דער
זכות פון יעקב הט מגין גיוועזן אויף דיא ישראל אזו וויא עס שטייט
לולי ה' שהיה לנו יאמר נא ישראל דם מיינט מעודי ישראל סבא יעקב אבינו ·
רבי אבא הייבט אן עס שטייט אם תשיב משבת רגלך עשות חפציך ביום קדשי
פיל זוכה זענין די צדיקים דאס הקב"ה באגערט אין זייא מחמת זיין
ליבשאפט הט ער זיי מקרב גוועזן צו זיך אונ הט גיגעבן דיא תורה
אונ שבת וואס ער איז הייליגר פון אנדרי טעג אונ איז איין מנוחה
וחדוה ושמחה אונ שבת איז אזו חשוב ווי די גאנצי תורה ווער עס
היט שבת איז גלייך ווי ער היט די גאנצי תורה וקראת לשבת ענג ער איז
דער עונג פון אלי · עונג פון דעם נפש וגוף עונג פון דיא עליונים
ותחתונים עס שטייט וקראת די זאלסט רופן ווס שטייט וקראת אלא די
זאלסט אן בריייטן דעם שבת אזו ווי מען בריית אן איין אורח חשוב
אין זיין הוז ער זאל אן גרייטן זיין טיש אין הוז אונ מאכלים ומשקים
מער פון אנדרי טעג וקראת לשבת די זאלסט רופן שבת נאך פון פאר
נאכט אן ולקדוש ה' מכובד מיינט מען אז די נאכט פון שבת מיט דם טאג
איז אלץ איינס ניט אזו ווי אטייל האבן זיך טועה גוועזן אז די קדושה
פון דר נאכט איז ניט אזו גרוס ווי די קדושה פון דעם טאג · ממצוא
חפציך ודבר דבר אזו ווי מיר האבן גיזאגט אז דר דיבור פון שבת זאל
ניט זיין אזו ווי דר דיבור של חול דען דר דיבור גייט ארויף אונ איז
מעורר חול אונ ניט קודש דען אז איינר בריית אן צו זיך איין אורח
בדארף ער מיט אים עוסק זיין אונ ניט מיט אנדרין אזו אוך שבת
איז ווי איין אורח ווס איז קודש דרום גיהער מען ניט שמוסן דברי
חול קום אונ זעה דען אימליכר דיבור ווס גייט ארוס פון דעם מויל
פון דעם מענטשן גייט עס ארויף אונ איז מעורר אזוי ווי דר דיבור
איז · איז ער גוט דר וועקט ער גוטס · איז ער חו רע דר וועקט ער
רע אונ ווער עס זיצט אין עונג שבת איז אסור אוף אים צו דר וועקן
איין שמוס פון דר וואכן דען ער איז פוגם אין דעם הייליגן שבת דען
ווער עס שטייט ביי דר שמחה פון דעם מלך גישיקט זיך ניט צוא
לאזן שטיין דעם מלך אונ שמוסן מיט אנדרן אונ אין אלץ מוז מען
טאן אמעשה אונ מעורר זיין התעוררות צו ווס מען בדארף אונ אים
שבת מיט פיל מילי דשמיא אונ ווס השי"ת הט גהייסן אונ ניט מיט
אנדרי זאכן קום אונ זעה אז פרעה הט גינענט צו די ישראל מלחמה
האלטן מיט זיי הט הקב"ה ניט גוואלט אז זיי זאלן דר וועקן אונטן
איין מלחמה ווייל די אבות האבין זיך שוין אובן מקדים גיוועזן אונ
זייער זכות איז גשטאנען פר הקב"ה דרום שטייט ה' ילחם לכם ואתם
תחרישון מען בדארף שוין ניט אייער התעוררות למטה :

רבי

רבי יוסי מיט רבי יהודה זענען גיגאנגען אין וועג זאגט רבי יוסי צו
רבי יהודה מיר האבין גילערינט אז דארטין וואו עס שטייט דר
שם הוי״ה איז רחמים חאטשע השי״ת האט מיט זיי מלחמה גיהאלטין
אונ האט גיטאן אין זייא איין דין דאך איז דר דין גיוועזן מיט רחמים
אונ דא שטייט ה׳ ילחם לכם אונ מיר זעהען דא ניט קיין שום רחמים
דען עס שטייט דאך ולא נשאר בהם עד אחד עס איז אפילו אייער פון זייא
ניט גבליבן זאגט רבי יהודה די רייד האב איך גהערט פון רבי שמעון
אז אפילו דא איז אויך גוועזן דר דין מיט רחמים דס דער ים האט זייא
צו גדעקט אונ זענען גשטארבן דר נאך האט זיי דר ים ארום גווארפן
אונ הקב״ה האט בגערט אין זייער כבוד אונ זענען גקומען צוא קבורה
אונ די ערד האט זיי ניט גוואלט מקבל זיין ביז הקב״ה האט איר אויס
גשטרעקט זיין רעכטי האנט האט זי זיי שון מקבל גוועזן אזו וויא עס
שטייט נטית ימינך תבלעמו ארץ איז דאך דס אויך גיוועזן דין מיט רחמים
דען חאטשי הקב״ה טוט איין דין דאך האט ער חס אויף זייני מעשה
ידיו דרום שטייט ה׳ ילחם לכם ואתם תחרישון וואול צוא דעם חלק פון
ישראל דאס הקב״ה האט זייא אויס גקליבן צוא זיין חלק ונחלה · רבי
יהודה הייבט אן עס שטייט ויתפלל יונה אל ה׳ אלהיו ממעי הדגה אונ פריר
שטייט וימן ה׳ דג גדול לבלוע את יונה אונ ווידר וואס שטייט ער האט אן
גבריים דעם פיש צו יונה עס וואלט בדארפט שטיין וימן ה׳ את יונה לדג
וויל ער האט דאך יונה אן גבריים צום פיש אונ האט יונה גישיקט צו
אים אלא וודאי דר פיש איז גוועזן אן גבריים צו היטן יונה מער וויא
אנדרי פיש דס יונה זאל זיך אין אים בהאלטן · אונ אז ער איז ארין
גקומן אין דעם פיש האט ער גזעהן דורך זייני גדערים די ברייט פון
דעם ים דען דר בויך פון דעם פיש איז גוועזן וויא אגרויסר היכל אונ
זייני צוויי אויגן האבן גלייכטן ווי די זון אונ איין אבן טוב איז גיוועזן
אין זייני גדערים וואס ער האט צו אים גלייכט אונ ער האט גיזעהן אלץ
וואס איז דא אין ים אונ אין תהום אוב דו וועסט פרעגן וואס שטייט דר
נאך יונה האט גיזאגט קראתי מצרה לי איז דאך משמע אז עס איז אים
דארטן אייננ גוועזן אלא אז דר פיש האט אים אום גווייזן אלץ וואס עס
איז דא אין ים איז ער דר נאך גפייגרט האט ער ניט גקענט סיבל זיין
איז אים דארטן דריי טאג זייער שלעכט גוועזן דען ער האט ניט גקענט
פר נעמן דס סרחון דען איז ער גוועזן אין איין צרה · רבי אליעזר זאגט
אז יונה האט גזעהן אז אים איז זייער גראס האט ער זיך משמח גיוועזן
האט הקב״ה גיזאגט איך האב דיך אהער ניט גבראכט דוא זאלסט
פרייליך זיין וואס האט הקב״ה גטאן האט ער דעם פיש גטייט אונ דיא
פיש פון דעם ים זענען גקומן ארום אים אונ האבן אים גביסן פון אלי
זייטן האט זיך יונה זייער גפארכטן דרום שטייט ויתפלל יונה אל ה׳ אלהיו
ממעי הדגה פריער שטייט דג וויל ער איז לעבדיג גיוועזן אונ דר נאך
שטייט דגה וויל ער איז שון מת גוועזן אזו ווי עס שטייט והדגה אשר
ביאור מתה דרום שטייט קראתי מצרה לי אונ עס שטייט ניט הייתי בצרה איך
בין גוועזן אין איין צרה אדר ישבתי בצרה נאר איך האב גרופן פון דר
צרה וויל די פיש האבן אים מצער גוועזן מבטן שאול שועתי פאר וואס
שטייט ניט מבטן דג אדר מבטן חי אלא בשעת ער האט מתפלל גיוועזן
איז דר פיש שוין מת גוועזן אונ הקב״ה האט מקבל גיוועזן זיין תפלה
אונ האט דעם פיש לעבדיג גמאכט אונ דר פיש האט אים אויס געשפיגן
אויף דר יבשה אלי האבן גזעהן אזו וויא דער פסוק זאגט ויאמר ה׳ לדג
ויקא את יונה אונ ווייטר זאגט ער סודות :

ואתה הרם את מטך ונטה את ידך הייב אויף דיין שטעקן וואס דר שם הוי״ה
שטייט אויף אים אונ נייג דיין האנט כצד הקודש אונ אז די
וואסר וועלן דר זעהן דעם שם הקודש וועלן זייא אוועק לופן דרו
שטייט ונטה את ידך נייג דיין האנט אויף איין זייט דען דיא אנדרי זיי
וועסטו בדארפן אנגדר מאל צוא אנדרי וואסר זאגט רבי אלעזר ע
שטייט דאך מטה אלהים זאגט רבי שמעון עס זענען גוועזן צווייא · א
ספר רב המנונא סבא שטייט עס איז ארץ גיוועזן אייגר · נאר טיי
של הקב״ה אדר של משה איז גוועזן צוא דר וועקין דין וגבורה דרו
שטייט ונטה את ידך איז טייטש דיין לינקי האנט צוא טאן דין ובקע
אונ שפאלט אים · עס איז דאך אונטן גוועזן דר תהום · נאר הקב״
האט גטאן נס בתוך נס אזו ווי עס שטייט קפאו תהומות בלב ים אונ זיי
זענין גגאנגן בתוך הים ביבשה דרום שטייט ויבואו כל בני ישראל וגו׳ :

ויסר את אופן מרכבותיו רבי שמעון זאגט עס שטייט וארא החיות והנה אופ
אחד בארץ אונ ער האט אינדעם גדרשת מעשה מרכבה של מעל
קום אונ זעה דס הקב״ה ווייזט אין אלדינג זיין ממשלה וויא ער אי
מושל בכל אונ זיין ממשלה ווערט ניט אפ גיטאן לעולם ולעולמ
עולמים ער האט גמאכט איין ממשלה מיט די אבות אונ גנעמט אברה
אונ איז מיט אים מקיים די וועלט אזו ווי עס שטייט אלה תולדות השמי
והארץ בהבראם איז די אותיות באברהם ער האט גנומן יצחק אונ האט מי
אים גפלאנצט די וועלט דס ער איז דר קיום פון דר וועלט אזו וויא
עס שטייט ואת בריתי אקים את יצחק ער האט גינומן צו יעקב אונ האט אי
גזעצט לעבין זיך אונ איז זיך מיט אים משתעשע ומתפאר אזו וויא
עס שטייט ישראל אשר בך אתפאר קום אונ זעה וויל יעקב האט זיך א
גהאלטן אין דעם עץ חיים וואס דארטין היינגט ניט קיין מיתה דרו
איז יעקב ניט גשטארבן ווייטר קאן מען ניט שרייבן בדרך נגלה איבי
די סודות המרכבה · קום אונ זעה די מרכבה וואס איז גוועזן ממונ
אויף מצרים זיא האט גוועלטיגט איבר אנדרי מרכבות אונ אז פו
דר מרכבה איז צו גנומן גווארן איר ממשלה זענין אלי ארום גגאנגי
פון איר ממשלה אזו ווי עס שטייט על מצרים על פרעה ועל הבוטחים בו דרו
שטייט שמעו עמים ירגזון וגו׳ אין דר צייט זענן אלי גקומן צו העלפין די
מצרים אז זיי האבן גהערט די גבורה וואס הקב״ה האט גטאן במצרים
איז שלאף גווארן זייער כח פון דיא אלי וואס האבין זיך אין איר א
גהאלטן אונ אז דר כח איז צו בראכן גווארן למעלה זענן אלי די וואס
האבין אין איר אחיזה למטה אויך צוא בראכין גיווארן דרום שטייט
ויסר את אופן מרכבותיו וינהגהו בכבדות אז דער אופן איז צוא בראכן גווארן
האבן זיי שון ניט גקענט ווייטר גיין אונ דרום שטייט ניט אופני נאר
אופן וויל אלי זענן גוועזן בהעפט אין דעם אופן וואול דס חלק פון
ישראל ביי זיי שטייט כו תדבק אויך שטייט ואתם הדבקים בה׳ אלהיכם חיים
כולכם היום אין הקב״ה ממש · אויך שטייט כי יעקב בחר לו יה אונ שטייט
כי חלק ה׳ עמו ער האט זיי אום גצונן מזרע קודש צו זיין חלק דרום האט
ער זיי גגעבן די תורה הקדושה עליונה הגנוזה דיא וואס איז גוועזן
בהאלטן צוויי טוזנט יאר איידר דיא וועלט איז בשאפן גיווארן אונ
וועגן זיין ליבשאפט האט ער זי גגעבן צו דיא ישראל מקיים זיין וואס
אין איר שטייט אונ זיך בהעפטין אין אי״ז · זאגט רבי יצחק בשעת
אז הקב״ה האט גוואלט מעביר זיין די היילות פון פרעה אונטין האט
ער אין ערשטין אפ גטאן זייער כח אויבן וויל דר כח וממשלה פון
אלי מרכבות איז גוועזן למעלה וואַרום די קדושה האט זיך מתלבש

נוען

...ען אין זיי למעלה דם די שכינה איז געוועזן מצרים פון דעם האבן
...אלי גהאט אייז כח אונ האבן גפירט די מרכבות אבר אז הקב"ה
...ט אפ גטאן דעם רוח קדושה פון זייער כח למעלה ביז דיא קדושה
...ז ארוים גינאנגן פון זיי דא האבן אלי מחנות ניט גיקענט גיין אונ
...רן די אנדרי אונ אז זיי האבין ניט גיקענט דם טאן אזו האט מען
...עביר גוועזן דעם ממונה פון מצרים פון זיין ממשלה מיט ברענדיגי
פייער איז די ממשלה פון מצרים אפ גיטאן גווארן:

...מר רבי יצחק בשעת די ישראל האבן גנעהנט צו דעם ים הט הקב"ה
גרופן דעם גרוסן ממונה פון דעם ים אונ זאגט אים בשעת איך
...אב די וועלט בשאפן האב איך דיך גיזעצט פאר איין ממונה אוף
...עם ים אז די וואסר זאלן זיך שפאלטן פר מייני קינדר ווען זיי וועלן
...ארפן היינט איז גיקומן די צייט דאס זייא דארפן דיך איבר פארן
...ארפסטו זיך שפאלטן פר זיי אזו וויא עס שטייט וישב הים לפנות בוקר
...יתנו לאתנו איז די אותיות לתנאו צו זיין ערשטן תנאי וואס הקב"ה
...ט מיט אים גהאט בשעת בריאת העולם אונ אז די ישראל האבין
...ועהן די אינדין אונ די גלגלים פון דעם ים האבין גטאן שטורימען
...מקענן זיי אונ פון הינטן האבן זיי גזעהן פרעה מיט זייני חילות
...אבן זיי זיך זייער גפארכטן אונ האבן גישריגן צו הקב"ה אין דער
...יט שטייט הים ראה וינוס דם מיינט מען ער האט דר זעהן ארונו של
...סף וואס ביי אים שטייט וינס ויצא החוצה ווייל ער הט ניט גוואלט זיין
...יט אשת פוטיפרע דרום הט זיך דר ים אנטקעגן אים גישפאלטן:

...אמר מצרים אנוסה מפני בני ישראל אין דעם איז גרויסי סודות רבי חייא
מיט רבי יוסי זענן גנאנגן אין דר מדבר זאגט רבי חייא צוא
...בי יוסי קום וועל איך דיר זאגן ווען הקב"ה איז מעביר איין ממשלה
...ון דער וועלט איז ער פריער מעביר זיין שר אין הימל אונ איז אים
...יט מעביר ביז ער זעצט איין אנדרן אוף זיין ארט כדי עס זאל ניט
...פ גיין איין ממשלה אין הימל זאגט רבי יוסי עס איז בוודאי אזו אונ
...אגט סודות אונ דר ווייל האבן זיי דר זעהן איין מענטש קומט אונ
...יי משא איז פר אים זאגט רבי חייא מיר דארפן אוועק גיין ווייטער
...ארום טאמר איז ער איין עובד כוכבים אדער איין עם הארץ איז
...אך אסור מיט אים צו בהעפטן אוף דעם וועג זאגט רבי יוסי מיר
...עלן דאווארטן ביז ער וועט קומן צו אונז וועלן מיר זעהן טאמר
...יז ער אגרויסר מענטש אין דעם גייט ער פיר פר זיי אונ זאגט דאס
...ען דארף דעם וועג ארום רינגלן מיט איין אנדרר זייט איך וויל צו
...יין חברותא ווארום איך וויים אנדרן וועג וועקן מיר דארטן ארום
...יין אונ וויל אייך זאגן ווייל איך וויל ניט שולדיג זיין דורך אייך
...אל עובר זיין אוף ולפני עור לא תתן מכשול דען איר זענט אין דעם וועג
...ויא איין בלינדר איר זאלט ניט ברענגין אייער נפש אין איין סכנה
...אגט רבי יוסי בריך רחמנא גלויבט איז הקב"ה דער בעל הרחמים
...ום מיר האבין דא גווארט האבן זייא זיך מיט אים בהעפט בנאנד
...אגט דר מענטש צו זיי איר זאלט ניט ריידין ביז מיר וועלין דאש
...יבר גיין אונ דר צייט אזוי זיי אזויאין יענעם וועג וואס מיר האבין אוועק
...גאט איז אמאל גינאנגן כהן חכם מיט אכהן עם הארץ איז דר עם
...הארץ אויף גישטאנן אונ הט דעם אנדרין גיהרגת אויף דעם ארט
...פון דעם טאג אן אונ ווייטר ווער עס גייט אוף דעם ארט איז ער זיך
...מסכן נפש דען דארטן איז פאר בארגני גזלנים אונ הרגנן אלי לייט
...ואש זייא קומן צו דעם ארט די חכמים ווייסן דאש ארט אונ ווילין

דארטן ניט גיין דען הקב"ה בגערט אלי טאג דש בלוט פון דעם כהן
חכם וואש איז דארטן גיהרגת גיווארן אונ ער הייבט אן זאגן סודות
אויף דעם פסוק עוד היום בנוב לעמוד נאך זאגט ער קום אונ זעה דער
פסוק רופט אן גבעת שאול פר וואס הייסט דש ארט אזו נאר ווייל
שאול האט גיהרגת דיא שטאט נוב עיר הכהנים הט זיך דער מדת
הדין גובר גיוועזן אויף דער וועלט אונ האט גיהרגת שאול מיט זיינע
קינדער אונ הט פון אים גימאכט פאר לירין דיא מלוכה אונ כמה
אלפים מישראל זענן דרוכר אום גיקומן אונ ביז אהער איז דר חטא
ניט גישטילט ביז סנחריב איז גיקומן אונ האט אלע גימאכט ציטערן
אזו אויך זינט דר כהן איז דארטין אום גיקומען איז קיינער דארטן
ניט איבער גיפארען כדי ער זאל זיך ניט מסכן נפש זיין זאגט רבי
חייא צוא רבי יוסי האב איך דיר דען ניט גיזאגט טאמער איז ער
אגרוסר מאז ער הייבט אן עש שטייט (משלי ג׳) אשרי אדם מצא חכמה וואול
איז צו אונז מענטשן וואש מיר האבן דיך גיפונן אונ ווייסן פון דברי
חכמה ואדם יפיק תבונה אונ מיר האבן גיווארט צוא מחבר זיין זיך מיט
דיר אונ אויף דעם שטייט אז הקב"ה ברייט אים אן אוף דעם וועג
דיא פני שכינה אונ אויף דעם שטייט וארחת צדיקים כאור נוגה דר מענטש
הייבט אן לדוד מזמור לה׳ הארץ ומלואה אונ זאגט דרויף גרויסע סודות:

ויסר את אופן מרכבותיו זיין ממונה איז למעלה אפ גיטאן גיווארן דרום הט
ער למטה אמפלה גיהט אזו ווי זיין ממונה איז גיקומן אין ים העליון
אזו איז ער גקומן דא בים התחתון וינהגהו בכבדות פר וואס הט ער אים
גפירט מיט שווערקייט אלא פון דאגן לערנן מיר אפ אזו וויא דער
מענטש פירט זיך דא אזו פירט מען אים פון אובן עס שטייט ביא
פרעה ויכבד את לבו דר פאר האט מען אים פון אובן אויך גפירט מיט
שווערקייט ויאמר מצרים אנוסה מפני בני ישראל דם הט גזאגט דער שר פון
מצרים אויבין זאגט רבי יוסי עס איז דאך קשה ווען מען האט אים
מעביר גוועזן פון זיין ממשלה ווי אזו הט ער גיקאנט נאך יאגין דיא
ישראל אלא וודאי עס איז אלץ פריער אזו גיוועזן אבר אז זייער כח
מיט דעם שר של מעלה איז צו בראכן גווארן איז בטל גווארן זייער
כח פון אונטן דרום האבין זיי גיזאגט כי ה׳ נלחם להם במצרים דם מיינט
מען אין דעם שר של מעלה אובין:

ויושע ה׳ ביום ההוא וגו׳ וירא ישראל את מצרים מת וגו׳ עס שטייט מצרים לשון
יחיד דם איז דר שר של מעלה פון די מצרים הט הקב"ה גוויזן
צוא דיא ישראל אז ער האט דעם שר איבר גפירט אין נהר דינור
אונ אז מען פירט איינעם למעלה איבר פון זיין ממשלה הייסט ער
מת וירא ישראל רבי יצחק זאגט מיר גיפינען ניט אז איינער זאל האבן
אין זיך אזוי איין שטארקייט אנטקעגין הקב"ה אזו וויא פרעה זאגט
רבי יוסי אמעהר סיחון ועוג האבין זיך אויך גישטארקט זאגט רבי
יצחק עס איז ניט אזו דען סיחון ועוג האבין זיך נאר גישטארקט
אנטקעגין דיא ישראל אבער פרעה האט זיך גישטארקט אנטקעגין
הקב"ה דען ער האט אלי טאג גיזעהען דיא גבורות אונ האט קיין
תשובה ניט גיטאן רבי חזקיה זאגט עס שטייט ארח היא על כן אמרתי
תם ורשע הוא מכלה אונ ער זאגט דרויף גרויסי סודות · זאגט רבי חייא
איוב איז גשלאגן גווארן מיט זייני יסורים אין דר צייט וואס ישראל
זענין ארוים גינאנגען פון מצרים אונ ער זאגט עס איז אלץ גלייך
פאר הקב"ה תם ורשע איז גלייך דען פרעה האט זיך גישטארקט
אנטקעגין הקב"ה וישראל אונ האט גיזאגט מי ה׳ אשר אשמע בקולו אונ

איך

איך האב גיט גיטאן דער ווידר השי"ת זאל איך גישטראפט ווערין גלייך מיט אים דר פון זעה איך אז תם ורשע הוא מכלה ווארום דס וואס עס שטייט הירא את דבר ה' מעבדי פרעה דאס מיינט מען איוב זאגט רבי יהודה די אבני ברד וואס זענן גיוועזן אין מצרים אונ משה האט זייא אויף גיהאלטין אין דר לופטין האבין זייא דר נאך ממית גיוועזן דיא אמורים בימי יהושע · דער פסוק איז קשה תחלת שטייט וירא ישראל את היד הגדולה אונ דער נאך שטייט וייראו העם את ה' זאגט רבי יהודה ישראל מיינט מען ישראל סבא דאס איז יעקב אבינו וואס ער האט גיזידערט אין גלות מיט זייני קינדר צו ליידן דעם גלות אונ ער אליין הט גיזעהן אלי נקמות וגבורות וואס הקב"ה הט גיטאן אין די מצרים דרום שטייט וירא ישראל דס מיינט מען יעקב וואס ער הייסט ישראל אונ הקב"ה הט גינומן דעם זקן אונ הט אים גיזאגט שטייא אויף אונ זעה דייני קינדר זענן שוין ארויס גיגאנגין פון דעם שטארקן פאלק אונ זעה די גבורות וואס איך האב גיטאן אין דיא מצרים פון וועגין דייני קינדר דס הט רבי יוסי גיזאגט בשעת יעקב איז גיגאנגין אין גלות ארייין קיין מצרים איז אויף אים גיפאלן אגרוסי מורא אונ איין ציטערניש הט הקב"ה צו אים גיזאגט אל תירא מרדה מצרימה ווייל ער הט זיך גיפארכטן דרום הט השי"ת צו אים גיזאגט פארכט דיך ניט הט יעקב גיזאגט איך פארכט מיך פר דעם גלות דס מייני קינדר זאלין חלילה דארטן ניט פר דארבן ווערין האט הקב"ה גיזאגט צוא אים אנכי ארד עמך מצרימה זאגט יעקב איך פארכט מיך אז איך זאל דארט ניט בגראבן ווערן אונ וועל חלילה ניט קומן צו מייני אבות אונ וועל ניט זעהן די גדולה פון מייני קינדר אונ די גבורות וואס דו וועסט זיי טאן האט הקב"ה גיזאגט צו אים אנכי אעלך גם עלה אעלך איך וועל דיך אויף ברענגן צו זעהן זייער גדולה אונ די גבורות וואס איך וועל טאן צו זיי גם עלה איך וועל דיך אויף ברענגן צו די אבות זאלסט מיט זיי בגראבן ווערן · אונ דעם טאג וואס די ישראל זענן ארויס גיגאנגן פון מצרים הט הקב"ה גינומן צו יעקב אבינו אונ הט גיזאגט שטייא אויף אונ זעה די גאולה פון דייני קינדר אונ די פודות וגבורות וואס איך האב גיטאן אונ יעקב איז דארט גיוועזן אונ הט דס אלץ גיזעהן דרום שטייט וירא ישראל את היד הגדולה דס איז יעקב אבינו · רבי יצחק זאגט עס שטייט ויוציאך בפניו בכוחו הגדול ממצרים וואס שטייט בפניו דאס מיינט מען פר יעקב וואס ער הט זיי אליין גיבראכט קיין מצרים אין גלות ארייין דרום האט הקב"ה פר אים דאס אלץ גיוויזין רבי חזקיה זאגט בפניו מיינט מען אברהם אזו ווי עס שטייט ויפול אברם על פניו ויאמר הלבן מאה שנה יולד ווען איך דען צו הונדערט יאר האבן איין קינד הט הקב"ה צו גיזאגט חייך דא שווער איך ביי דיין לעבן אז דו וועסט זעהן כמה חיילות ומחנות וואס וועלן פון דיר ארויס גיין · אונ בשעת הקב"ה האט אויס גיצוגין די ישראל פון מצרים אלי שבטים אלפים ורבבות האט הקב"ה אויף גיבראכט צו אברהם אז ער זאל זיי אלי זעהן דרום שטייט ויוציאך בפניו פאר אברהם · רבי אבא זאגט אלי אבות זענן דארט גיוועזן ביי דר גאולה דרום שטייט בפניו דס זענין דיא אבות זאגט רבי שמעון אזו אויך תמיד איז דיא גאולה אין דעם זכות פון דיא אבות אזו ווי דר פסוק זאגט וזכרתי את בריתי יעקוב ואף את בריתי יצחק ואף את בריתי אברהם אזכור והארץ אזכור דא זענען אלי אבות אונ וואס שטייט והארץ אזכור אלא דס איז דוד המלך דאס ער הט זיין אחיזה למעלה אין ארץ החיים אונ ער איז אין איין מדריגה מיט דיא אבות

אונ דורך זיי אלי איז תמיד דיא גאולה צו די ישראל · רבי יוסי ה
גיפרעגט עס שטייט וירא ישראל את מצרים מת על שפת הים משה הט פר
גיזאגט לא תוסיפו לראותם עוד עד עולם זיי וועלן שוין אייביג ניט זעה
מצרים אונ דא שטייט אז זיי האבן זיי דר נאך גיזעהן אלא ער ד
גימיינט איר וועט זייא גיט זעהין לעבידיג אבער טויט וועט איר
זעהן דרום שטייט כאשר ראיתם את מצרים היום לא תוסיפו לראותם אזו ווי
זעהט זייא היינט לעבעדיג וועט איר זייא שוין ניט זעהען ווייט
זענן סודות :

אז ישיר משה ובני ישראל וגו' ווארום שטייט ניט שר ער הט גיזונגן
ישיר איז טייטש ער וועט זינגען אלא לעתיד לבא חאטשע
צדיקים זענען שוין נפטר גיווארין אונ זענין אויף גיגאנגין במדרי
של מעלה אונ זענין נתקשר גיווארין בצרור החיים וועלין זיי אל
תחיית המתים לעבעדיג ווערין אונ וועלין זינגין די שירה · רבי שמ
זאגט פון דאנען לערנין מיר אפ עס שטייט יוסיפה' שנית ידולקנות את
עמו דס זענן די צדיקים וואס הייסין שאר עמו דען מיר האבין גלער
די וועלט הט קיין קיום ניט נייערט אויף די וואס מאכין זיך פר שרייב
הייכט איין איבר בלייבונג אונ האלטין פון זיך גאר גיט אויב
וועסט פרעגין אז זיי זענן שוין בצרור החיים אן גיבונדין אונ זענן
שוין מענג בעולם העליון ווארום נידערט זיי הקב"ה אראפ אויף
ערד גייא אונ לערין אפ פון די ערשטע צייטן דען צו דעם ערש
זענן נאך גיוועזן אלי רוחות ונשמות במדריגות העליונות למע
למעלה אונ הקב"ה הט זיי אראפ גינידערט אויף דר ערד מכל
אצונד דס הקב"ה וויל גלייך מאכן די קרומע וועג אזו שטייט כי
אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא אויב דוא וועסט זאגין די מענט
וואס זענן גישטארבין מכח דר עצה וואס דר נחש הט גורם מיתה גי
זיי האבין גאר קיין חטא ניט גיהאט נאך וואס זאלין זיי אויף שטיין
די דארפין אויך אויף שטיין לתחיית המתים זיי זאלין זיין די בעלי
פון דעם מלך המשיח דרום האבין מיר גילערינט אז משה וועט
שירה לעתיד לבא אזו ווי עס שטייט כימי צאתך מארץ מצרים אראנו גם
דס הייסט איך וועל משה אליין ווייזין דס אנדערע מאל דען ד
שטייט אז ישיר משה ובני ישראל את השירה הזאת לה' מיינט מען די
ישראל מיט משה וועלין זינגען צו הקב"ה :

תנינן מיר האבין גילערינט איטליכער מענטש וואס זאגט אלי
שירה מיט כוונה איז ער זוכה לעתיד לבא דען אין דער ש
שטייט וואס עס הט זיך גיטאן אונ וואס עס טוט זיך אין היינטיגר וו
אונ וואס עס וועט זיך טאן אונ אין דר שירה איז דר יחוד אונ די רע
אמונה אונ עס איז אין איר פון ימות המשיח דען אין איר גיווי
זיך ארייין בריינגען פר הקב"ה אלי שירות פון די עליונים ותחתונ
ויאמרו לאמר צו זאגין לדורי דורות דען דיא שירה וועט ניט פאר ג
ווערין פון זיי אייביג אונ ווער עס איז זוכה זאגן די שירה אויף
וועלט איז ער זוכה זיא צו זאגין אויף יענער וועלט אונ לימות המ
מיט דר גרויסע שמחה פון הקב"ה דרום שטייט לאמר צוא זאגין
היינטיגע צייט אונ זאגין אין ארץ ישראל אז די ישראל וועלן דר
זיצין צוא זאגין אין גלות צוא זאגין לעולם הבא :

אשירה לה' כי גאה גאה ער הערשט אויף דר וועלט אונ אויף יענר ווע
סוס ורוכבו רמה בים ער הט מעביר גיוועז זייער ממשלה פון אונ
אונ דעם כח פון זייער שר אויף דעם הימיל וואס זייא האן האלטין

דעם גיוועזן זענען אלי איבר געגנטפערט גוואָרין בים העליון אזו ווי
שראל האבין גיוואלט אונ גיבעטן פון הקב"ה אז אלי זאלין איבר
טפערט ווערין אין זייער האנט אזו הט הקב"ה גטאן דרום שטייט
ירוככו די אונטרשטע אונ זייער כח למעלה וואס רייט דרויף אלי אין
עם זענן גיווארפין אין ים אובין אונ אונטין די תחתונים אין ים
די עליונים בנהר דינור וים העליון אזו ווי אויבין איז גישטאנען:
לי ואנוהו רבי יוסי זאגט עס גיהער איטליכער מענטש זייער ליב
האבין להקב"ה דען די גרעסטע עבודה איז מאהבה אונ דר וואס
ט להקב"ה מאהבה ווערט אן גירופין דר ליב האבר פון הקב"ה
ערע חכמים האבין גיזאגט דכ וואס עס שטייט רעך ורע אביך אל תעזוב
ו אויף קרבנות ניט פר לאזין צו הקב"ה נייערט צו דינעז אונ זיך
עפטין אין אים אונ טאן זיינע מצות אים מקריב זיין קרבנות הוקר
סבית רעך דאס איז טייטש רייס אוים דעם יצר הרע ער זאל
ניט דר היצין אונ ניט גיוועלטיגין אין דיר אונ זאלשט ניט
כטן אין דיין הארץ שלעכץ וועסטו ניט דארפן ברייגגן קרבנות
ית דרום שטייט רגיך איז טייטש דיין גוואונג דם אמענטש איז
אונט אונ איז ניט נזהר פון בייזע מחשבות דר נאך ווערט דען
אין מעשה די מחשבה איז נאר אזו ווי פים צו דר מעשה אזו ווי
פים קען מען ניט גיין עפים טאן אזו קען מען ניט טאן קיין מעשה
יין מחשבה סבית רעך מיינט מען די נשמה הקדושה וואס הקב"ה
זיא דיר גיגעבין וואס ער הייסט רעך דרום זאל מען דינן להקב"ה
הבה אזו ווי עס שטייט ואהבת את ה' אלהיך וגו' זה אלי ואנוהו אלי ישראל
בן גזעהן ביי דעם ים וואס יחזקאל הנביא הט ניט גיזעהן אפילו די
ר וואס זענן נאך גיוועזן אין זייער מוטערש לייב האבן גיזעהן די
נה אונ האבן גילובט להקב"ה האבן אלי גיזאגט זה אלי ואנוהו וגו':
' מיט שמחה אונ אז נאט וועט זיך ווידער קערין קיין ציון
ן זיי זאגן זה אלי ואנוהו ווי עס שטייט זה ה' קוינו לו נגילה ונשמחה בישועתו:
יהודה איז גיזעסין פר רבי שמעון אונ זאגט עס שטייט קול צופיך
נשאו קול יחדו ירננו צופיך מיינט מען די וואס האבן אז הקב"ה וועט
מרחם זיין צוא בויען דם בהמ"ק· נשאו קול מיינט מען איטליכין
טשין וואס וויינט אונ הייבט אויף זיין קול אויף דעם חורבן בית
קדש דר איז זוכה צוא דעם וואס ווייטר שטייט· יחדו ירננו בנאנד
ין זייא זינגען אונ וועלין זוכה זיין צוא זעהן דם ביהמ"ק גיבויטער
בות פרעה וחילו ירה בים אז הקב"ה דער וועקט איין מלחמה ווערין
צו בראכין מדריגות עליונים ותחתונים דען איז גיוועזן מרכבות
וחילו וגו' רבי יהודה זאגט עס שטייט ראוך מים אלהים ראוך מים יחילו
גזו תהומות בשעת דיא ישראל האבן גידארפט גיין איבר דעם ים
ט נאט גיזאגט צו דעם שר של ים צו טייל דיין וואסר כדי מיני
ר זאלין דורך גיין זאגט ער דיא גאולה של רוגז וואס עס איז אצונד
ט רעכט גיוועזן די זאלין אום קומן דען דיא ישראל האבן אויך
נט עבודת כוכבים אין מצרים זאגט הקב"ה איך האב דרויף
אפען דעם ים אונ האב מיט אים אתנאי גיהאט ער זאל אצונד
פאלטן ווערן וואס האט הקב"ה גיטאן האט ער דער וועקט איין
ארקיים זענן די וואסר גישרומפין גיווארן דרום שטייט ראוך
לוהים וגו' דם די וואסר האבן אים דר זעהן זענן זיי דער ציטערט
רין אונ הקב"ה הט אים ניהייסן הרגנין די חיילות אונ זאל זיי
אך ארויס ווארפין אונ דר נאך הט ער זיי צו גידעקט אזו וויא

עס שטייט מרכבות פרעה וגו' אונ אזו וויא הקב"ה האט צו בראכין אלי
מרכבות הטומאה וואס איבר זייא מיט זייערי כוחות למעלה
אזו זענן אונטן אויך צו בראכין אונ פר לארן גיווארין:

תניא מיר האבן גילערינט רבי אבא זאגט וואול צו די וואס זענן זוכה
צו זאגן דיא שירה אויף דער וועלט דר איז זוכה צו זאגן אויף
יענר וועלט דיא שירה איז גיבויט גיווארן מיט צווייא אונ צוואנציג
הייליגי אותיות וואס אובין זענן זיי אוים גקריצט אין עשרה מאמרות
אונ עס איז אלץ ניצייכינט מיט דעם שם הקודש אונ דאס
איז דאס גאנצקייט פון דעם הייליגען שם זאגט רבי שמעון
אין דר צייט אז די ישראל זענין גישטאנין בייא דעם ים אונ האבין
גיזאגט דיא שירה האט זיך הקב"ה צו זיי אנטפלעקט מיט אלע זיינע
מרכבות וחיילות דאס זיי זאלן דר קענן זייער מלך וואס ער האט זייא
גיטאן ניסים וגבורות אונ איטליכר הט גיזעהן בנבואה מער אז אלי
נביאים האבן גיזעהן· מען זעהט אין דר שירה אז איין רייד גיהער
זיך ניט אן מיט דער אנדערער אונ וואס דער האט גיזאגט הט דר
אנדערער אויך גיזאגט אונ איינער האט ניט גיפעדירט איין ווארט
פאר זיין חבר נייערט עס איז אלץ גיוועזן כמשקל אחד אלי מיט אמאל
גלייך דען דער רוח הקודש האט גירעט פון אלי מיילער גלייך וויא
פון איין מויל אפילו די קינדער וואס זענין גיוועזן אין זייער מוטערס
בויך האבין אלי גלייך גיזאגט די שירה מיט אמאל אונ האבן אלי
גיזעהען וואס יחזקאל הנביא הט ניט גיזעהען אלע האבין גיזעהען
גלייך בשיינפערלאך אונ אז זיי האבין אלע גלייך אוים גילאזט זענן
אלי רייד זים גיווארין אין זייער נפש אונ האבען נאך גיגלוסט צוא
זעהען דעם גרויסען תענוג צוא זעהען דיא שכינה אונ האבען ניט
גיוואלט אוועק גיין פון דארטין מחמת גרוים ליבשאפט אונ תענוג
באותו שעה האט משה גיזאגט צו הקב"ה מחמת גרוים ליבשאפט
וואס דיינע קינדער האבין צוא דיר אונ ווילן קוקין אין דיר ווילען
זייא ניט אוועק גיין פון דאנען וואס האט הקב"ה גיטאן הט הקב"ה
באהאלטין זיין כבוד כביכול צוא דער מדבר האט משה זייא גיזאגט
אז זייא זאלין ווייטער ציהען אונ זייא האבען ניט גיוואלט ביז ער
האט זייא גיוויזין דעם כבוד פון השם יתברך איז אין דער מדבר
סיד באלד מחמת גרוים אהבה ורצון וואס זייא האבען גיקוקט האט
זייא משה גימאכט ציהן אזו וויא עס שטייט ויסע משה את ישראל משה
האט גימאכט ציהען דיא ישראל מים סוף ויצאו אל מדבר שור וואס הייסט
מדבר שור אלא שור איז טייטש קוקין אין דער מדבר וואס זייא
האבין דארטין באגערט צוא קוקין אין זיין זיו כבודו דאס לויטערקייט
פון כבוד הקב"ה· רבי יוסי הייבט אן עס שטייט מזמור שירו לה' שיר
חדש כי נפלאות עשה הושיעה לו ימינו וזרוע קדשו דעם מזמור האבין שוין די
חכמים מפורש גיוועזן אז דאס האבין גיזאגט די פרות וואס האבין
גיפירט דעם ארון פון די פלשתים אזו וויא עס שטייט וישרנה הפרות
בדרך וישרנה איז טייטש זיי האבן גזונגן שירה אויף דעם וועג אז זיי
האבן דעם ארון גיפירט· דא איז צו פרעגן וואס דר צייכט דר פסוק
פר אחידוש אז די בהמות האבן שירה גיזאגט אמער אלי בשעפניש
סיא למעלה אונ סיא למטה זאגן דאך שירות· אוב די וועסט זאגין
אלי שירות זאגן די שרים פון איטליכן מין אונ דא האבין די פרות
אליין גזאגט שירה ווייל דר ארון הקודש מיט די לוחות התורה זענן
מיט זיי גוועזן· וודאי איז אזו ווייל דר ארון מיט דר תורה איז אויף
זייא

זיי געווען דרום האבן זיי פון זיך זעלבערט גזונגן שירה אונ אז מען האט פון זיי דעם ארון אראפ גנומין זענין זיי שון געוועןווי אנדרי בהמות אונ האבין שוין קיין שירה ניט גזאגט בייא אנדרי מזמורים שטייט מזמור לדוד אדר לדוד מזמור אונ דא שטייט נאר ניט דר נאמן פון דוד אלא דר מזמור איז אן גיברייט מיט דעם רוח הקודש לעתיד צו זינגן אין דר צייט אז הקב"ה וועט די ישראל אויף ריכטן פון דר ערד דען וועט עס זיין חדש דען עס איז נאך אזוי איין שירה ניט גזאגט גיווארן מיום שנברא העולם · רבי חייא זאגט אז עס וועט זיין תחיית המתים דען וועט עס זיין חדש דס אזעלכים איז נאך אויף דר וועלט ניט גיוועזן רבי יוסי זאגט אין דר צייט אז הקב"ה וועט טאן נחמות אויף דר וועלט דענסט מאל וועט דיא שירה גיזאגט ווערין דר נאך חעכן זיך דר וועקן די מתים פון דר ערד אונ די וועלט וועט באנייט ווערן מיט ארעכטין קיום וואס עס איז נאך ניט גיוועזן דס די טומאה אונ דר נחש וואס האט גורם גוועזן מיתה אויף דר וועלט אונ האט פינצטער גימאכט דס פנים פון די לייט וועט עס שון בטל ווערין אונ הקב"ה וועט זיי שון מבער זיין פון דר וועלט אזו ווי עס שטייט בלע המות לנצח אונ ווידר שטייט ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ :

וילכו שלשת ימים במדבר ולא מצאו מים זיי האבן ניט גהאט קיין תורה וואס זי הייסט מים אזו וויא דר פסוק זאגט הוי כל צמא לכו למים זאגט רבי יוסי זיי האבן דאך אין דר צייט נאך ניט מקבל גוועזן די תורה זאגט רבי אלעזר זיי זענן ארום גינאנגן אין דר מדבר צו זעהן וויא אהין איז גיקומן דר כבוד השכינה האבן זייא זיא ניט גיפונין דרום שטייט ולא מצאו מים דס מיינט מען די תורה · אונ דער כבוד השכינה הייסט תורה · ווי זיי זענן גגאנגן אין דר מדבר האט אויף זיי אנפלעקט דר רשות פון שרים חיצונים וואס רועט אין דר מדבר אונ זיי האבן אין די חיצונים בגעגינט האבן זיי גזעהן אז דס איז ניט דס אור ווי יקרו פון דר קדושה דרום שטייט ולא יכלו לשתות מים ממרה כי מרים הם דאס מיינט מען דיא השגה פון דיא חיצונים איז ביטער אונ זייא האבן דא ניט גהאט דעם תענוג פון פריער דס זיי האבן גיזעהען די קדושה אויף דעם ים אונ ניט דס אליין נאר די חיצונים האבן נאך אויף זיי מקטרג גוועזן אזו ווי עס שטייט ווייטר ויצעקו אל ה' זיי האבן גשריגן צו גאט ויורהו ה' עץ דען האט זיך בוויזן צו זיי דס לויטרי אור פון הקב"ה דאס איז עץ חיים דרום שטייט וימתקו המים די ביטרי מים דס איז דר קטיגור איז זיס גווארן אונ איז גווארן איין מליץ טוב פאר זיי · זאגט רבי אבא תחילת זענין די ישראל אריין גינאנגין אין ברית פון הקב"ה אונ זענן אבער ניט רעכט אריין גינאנגן ווייל זיי האבן זיך נאר גמלת אן פריעה אונ אז זיי זענן גקומן קיין מרה האבן זיי זיך רעכט מכניע גוועזן מיט מילה ופריעה דרום שטייט שם שם לו חק ומשפט דארטין האט ער זיי גיטאן חק מיט משפט דאס איז מילה ופריעה וואס הייסט חק ומשפט אזו וויא דיא מקובלים ווייסן :

כי אני ה' רופאך אין פרשת בלק שטייט אויף דעם פסוק רבי אלעזר היבט אן ה' בוקר תשמע קולי בוקר אערך לך ואצפה דוד האט גבעטן דר עת רצון וואס ער איז תמיד אין דער פריא דאס דר חסד דר וועקט זיך אויף דער וועלט אונ הקב"ה טוט אלי טובות סייא צוא צדיקים אונ סייא צו רשעים דען איז די צייט פון תפלה צו מתפלל זיין פאר דעם מלך הקדוש דען זיא ווערט מקובל דרום אז עס ווערט טאג האבן אלי חולים איין נחת רוח דס עס ווערט זייא גרינגער אונ אוך דר זמן תפלה איז מגין אויף זיי מכל שכן די וואס זענין בעלי תשובו[...] אונ זענן מתפלל פר דעם מלך הקדוש דען אין דר צייט גייט ארו[...] איין ממונה דס איז רפאל מצד דרום ער איז ממונה אויף אלי רפואו[...] אונ אז די תפלה קומט פר הקב"ה דען בפעלט הקב"ה צו זיין ב[...] דין אז זיי זאלן אים ניט אן הויבן מיט דין דען דס חיים איז ניט א[...] זייער האנט נייערט אין דר האנט פון גאט אונ ווייל עס איז אן [...] צייט איין עת רצון דס הקב"ה בגערט אין דעם זכות פון מענטשי[...] אונ אז ער איז מתפלל איז גוט אונ אז ניט זאגט הקב"ה טאמר וועט [...] ער תשובה טאן אונ האט חס אויף אים · אונ אז עס ווערט טאג ווער[...] די פייגיל גהערט אזו ווי עס שטייט אשר שם צפרים יקננו אונ די פייגי[...] לויבן פאר הקב"ה אזו וויא זייערי כוחות ושרים של מעלה אונ דע[...] אילת השחר דר וועקט זיך אין זאגט מה רב טובך אשר צפנת ליראיך דע[...] גייט ארום דר זעלביגר ממונה אונ טוט וואס מען הייסט אים · אוי[...] די וועסט מייגן דאס די מיני רפואות זענין אין זיין האנט עס איז ני[...] אזו נייערט ביד המלך הקדוש אונ אז הקב"ה בפעלט דעם ממונה ד[...] רפואה טאן צו דעם מענטשין אזוי גייט דר ממונה ארויס אונ אל[...] מקטריגים וואס זענן ממונה אויף די חלאים רעים פארכטן זיך פר אי[...] דען דר רוח וואס גייט ארום מצד דרום דר גרייכט צו דעם מענטשי[...] דען האט ער איין רפואה אונ אלץ איז ביד הקב"ה דרום האט דוו[...] גזאגט ה' בוקר תשמע קולי אונ דרום שטייט דא כי אני ה' רופאך ווייל די[...] רפואה איז ביד הקב"ה אונ ניט ביי קיין אנדרין :

בזוהר חדש רבי יצחק היבט אן צוא זאגין וויא אזו גיהער איטליכ[...] מענטש מהרהר זיין אונ זייני מעשים אונ צו גידענקין דריג[...] אלי טאג ווייל הקב"ה האט אים גיגעבין די ריינע נשמה צו וויסן או[...] דר קענן זיין בשעפר אונ צו זעהן אין זייני ווינדער וואס ער טוט אל[...] טאג פיר ווינטן פון אלי פיר זייטן וועלט· דר מזרח ווינט ווייעט פו[...] דר פריא ביז האלבין טאג דאס מיט אים גייט ארום פון דעם אוצ[...] החמדה וואס איז בשער המזרח זענין דרינן פר האנדין טויזנט או[...] פינף אונ זיבציג רוחות פון רפואה גיין אין דר וועלט אריין אונ ד[...] מלאך וואס איז דר ממונה הייסט מיכאל אויף אים זאגט הקב"ה [...] מלאכי ילך איז די אותיות מיכאל אונ ווען עס דר וועקט זיך דר ווינ[...] גאנץ פרי ווער עס גייט אין דר צייט אין וועג אליין אונ איז זיך מכוו[...] צוא דעם ענין דען אלי ברכות וואס מען בענטשט אים אין דער צייט [...] ווערן מקוים אונ ער פרייד זיך דעם טאג· דר מערב ווינט ווייעט פו[...] האלבין טאג ביז נאכט גייט מיט אים ארויס תכ"ה ווינטין צו מאכ[...] בליהן גראזן אונ ביימר אונ דר ממונה דרויף איז רפאל דס איז לצ[...] מערב · זאגט רבי יוסי מיר האבן דאך גילערינט אז רפאל איז דער [...] ממונה אויף רפואות וואס דען זאגסטו אז דר ממונה פון מזרח זיי[...] הייסט מיכאל · זאגט רבי יוחנן די מעשים פון הקב"ה צו דעם מענטש[...] איז אלץ ער זאל אים דר קענן דס ער שלאגט אונ היילט ווידר זאל[...] האבין זייער בטחון נאר צו אים ניט אויף איין מלאך אדר איין ש[...] דרום טוט זיי הקב"ה צו צייטן פר ביימין כדי ער זאל ניט זאגן ד[...] מלאך האט מיר גיגעבין די רפואה נייערט עס איז אלץ בייא הקב"[...] אין דער האנט דרום פאר בייט ער דיא רוחות ביז דר מענטש אי[...] מתפלל אונ טוט תשובה בפעלט הקב"ה דיא רפואה זאל אויף אים [...] קומן אונ דר מלאך וואס דרויף איז גיזעצט גיט דיא רפואה מיט דעם [...] ווילן פון הקב"ה ניט מיט זיין ווילן · זעה דס בחמנות פון הקב"ה ער[...]

לאגט ניט דעם מענטשן ביז מען וועט פריער איבר זייני מעשים
פשר איז ער גאר ניט שולדיג און דר ממונה פון דעם איז מיכאל
יז דס רחמנות פון הקב"ה חאטשי דר דין קומט דורך מיכאל קומט
רפואה אויך דורך אים אז ער איז אים מתקן זייני מעשים און טוט
שובה פר זיין הארן · דר דרום ווינט ווייעט תחלת הלילה ביז האלבי
אכט דען גיין מיט אים ארוס עהדר ווינטן צו פעט מאכן די ערד אן
י ווארימין דיא קעלט פון דר וועלט און דר ממונה הייסט עוזי׳ דר
ינט איז שווער צו שלאפי מענטשן און אבר צוא דר גאנצר וועלט
יז ער גוט אין דר צייט איז מען דן דיא רשעים אין גיהנם און דיא
אנצי וועלט ליגן און שלאפן און קיינר איז ניט מתפלל אוף זיי · דר
פון ווינט ווייעט פון האלבי נאכט ביז טאג עס גייט מיט אים ארויס
ייי מאל מאה אלפים שלעכטי ווינטן ער איז שווער פר אלי נאר צו
י שלאפי איז ער גוט פר גרוס קעלט און היץ וואס זיי האבן · אין דר
יט גייט הקב"ה ארוס פון זייני פיל גלוסטיגי וועלטן און קומט זיך
שתעשע זיין מיט דיא צדיקים אין גן עדן און איין כרוז רופט אויס
ר אים און זאגט עורי צפון ובואי תימן דס מיינט מען דר וועק זיך די צפון
ינט צו קומן אוף דר וועלט און צו דר וועקן דס גישמאקייט פון די
שמים אין גן עדן אזו ווי עס שטייט הפיחי גני יזלו בשמיו אזו וויא מיר
אבן גילערינט ווען דר צפון ווינט ווייעט און הקב"ה קומט אריין
ין גן עדן דען גיבין אלי בשמים און אלי ביימר איז גן עדן זייער
שמאקן ריח און זאגן שירה פר הקב"ה אזו ווי עס שטייט אז ירננו כל
י יער מלפני ה׳ און אלי צדיקים זעען נהנה פון דעם ליכט פון אובין
וג ווערן דר פון גישפייזט און זינגן און לובין אין גן עדן פר זייער
שעפר דרום שטייט יבוא דודי לגנו ויאכל פרי מגדיו דס ווארט ויאכל גייט
יט אוף הקב"ה נייערט ווי איינר זאגט דר הער זאל קומן וועט דר
אסט עסן ווען הקב"ה קומט אין גן עדן אריין ויאכל וועלן זייני פרי מגדיו
סין די פירות פון הקב"ה דס מיינט מען די צדיקים וועלן עסן דס
ייסט וואס זיי זענען נהנה מזיו השכינה איז גלייך וויא זיי וואלטין
געסן אזו אשטייגר שטייט ביי די בני אהרן ויחזו את האלהים ויאכלו איז
אויך טייטש זיי האבן נהנה גיוועזן מזיו השכינה :
נו רבנן דיא רבנן האבן גילערינט אין דר צייט אז דר צפון ווינט
הייבט אן צו ווייען ווערן דר ציטרט אלי הימלין וחיות הקודש
אופנים וצבא השמים זיי ציטרין און הייבן אן צו זינגין גיזאנג און
ויב צו הקב"ה וואס הט בשאפין די וועלט מיט זיין זאג ביז הקב"ה
יט ארין מיט די צדיקים דען קומט אריין פלאם פייער פון די גלגלי
החיות ער גייט ארוס אין דר גאנצר וועלט און קומט אונטר דיא
ליגל פון דעם האן און מחמת גרוס פארכט הייבט ער אן קלאפין
יט די פליגל און שרייען · און ווער עס הט חכמה ותבונה אין זיין
ארץ דר וועקט ער זיך אוף שטיין לערנן און זיין קול ווערט גהערט
ין גן עדן און הקב"ה הערט זיין קול פרעגין אים דיא צדיקים און
אגן רבונו של עולם ווער איז דס זאגט הקב"ה דס איז דר מענטש
ס די הייליגי נשמה איז ביי אים און איז עוסק בתורה הערט צו אלי
ו זיין קול דען עס איז מיר זייער ניחא און ליבר מער אז אלי שירות
תשבחות וואס מען זאגט פר מיר אוף דעם הימל דרום שטייט היושבת
גים איז טייטש לשון גנות וחרפה חאטשי ער זיצט אין דעם עולם
שפל איז ער פארט עוסק בתורה חברים מקשיבים לקולך פר נעמין זיין
ל וואס עס איז זייער זיס און ווייל אז עס איז אזו השמיעני מאך מיך

הערן און הייב אוף דיין קול פון דר תורה וואס די לערינסט וועל איך
דיר געבן שכר טוב לעולם הבא · און דרום איז דוד המלך אויך אוף
גישטאנען האלבי נאכט אין דר צייט וואס דר רוח צפון ווייעט און זיין
פידל הט גיהאנגן איבר זיין בעטיל אזו ווי עס שטייט אין דר גמרא
ברכות · עס שטייט יוצר הכל יוצר איז טייטש איין טעפר צו ווייזן אזו
ווי איין טעפר קען צו ברעכן און ווידר גאנץ מאכן אזו ווי ער וויל
אזו אויך הקב"ה ער שלאגט און היילט ווידר ער ברעכט און בויט
ווידר · דרום איז וואל צו די לייט וואס זייער האפן איז צו הקב"ה און
לערנן תורה דס דורך דעם בקומן זיי איין נשמה וואס זי העלפט אים
לחיי עולם הבא דרוף שטייט הבא לטהר מסייעין לו ווי צו די רשעים וואס
זענען ניט זוכה צו דר נשמה ווערן זיי פר לארן לעולמי עולמים דרום
שטייט כי אני ה׳ רופאך און שטייט ניט סתם אז ער איז איין רופא לכל
העולם אלא רופאך דיין הייליגר נאר צוא דיא צדיקים איז ער דער
רופא חולים :

הנני ממטיר לכם לחם מן השמים רבי יוסי הייבט אן פותח את ידיך ומשביע לכל
חי רצון וואס שטייט פריער עיני כל אליך ישברו אלי בשעפניש האפן
און הייבן אוף זייערי אויגן צו הקב"ה אלי וואס זענען בני אמונה גהערן
זיי אלי טאג מתפלל זיין אוף מזונות ווייל דר וואס ער איז מתפלל צו
הקב"ה אויף מזונות איז גורם אז איטליכר טאג ווערט גיבענטשט
פון דעם איכן העליון וואס פון אים קומן אלי מזונות דרום שטייט ברוך ה׳
יום יום און חאטשי דער מענטש איז איין עושר מוז ער פארט אלי
טאג מתפלל זיין אוף מזונות כדי עס זאל גפונן ווערן מיט אים אלי
טאג די ברכות מלמעלה און דרום באדארף דער מענטש ניט אפ
קאכין מזונות פון איין טאג אויף דעם אנדרין אזו וויא דער פסוק
זאגט ויצא העם ולקטו דבר יום ביומו חוץ ערב שבת באדארף מען אן
ברייטן אוף שבת אזו וויא אונזרי חכמים האבן גיזאגט דען ווערט
הקב"ה גפונן אלי טאג מלא ברכות און דרום שטייט פותח את ידיך ומשביע
לכל חי רצון פון דעם רצון און מחשבה פון הקב"ה וואס אלי ברכות קומן
ארוים פון דארטין ווער עס איז מתפלל אויף מזונות אלי טאג פאר
הקב"ה ווערט ער גרופן צו הקב"ה בן הנאמן דר וואר האפטיגר זון דס
פון זיינט ווען ווערט גיפונין ברכות למעלה · רבי אבא הייבט אן
עס שטייט רוצה ה׳ את יראיו את המיחלים לחסדו וויא אזוי גיהערין דיא לייט
צו גיין אין דעם וועג פון דעם מלך הקדוש און פון דער תורה כדי
עס זאל ווערן גפונן ברכות למעלה ולמטה דען מיר האבן גלערינט
עס שטייט ישראל אשר בך אתפאר הקב"ה זאגט איך ווער באריםט בוודאי
למעלה ווען ישראל למטה וואס עס איז דר פאר און דאס שיינקייט
דס איז ער ווערט מקושר מיט די תפילין · תאנא מיר האבן גלערינט
עס שטייט רוצה ה׳ את יראיו הקב"ה בגערט אין די וואס ציהן אויס דעם
רצון עליון דס זענען די יראיו · המיחלים וואס האפן צו זיין חסד און בעטן
אלי טאג צו הקב"ה אויף מזונות· רבי ייסא סבא הט ניט מתקן גוועזן
זיין טיש אלי טאג ביז ער הט פריער גבעטן פר הקב"ה אויף מזונות
ער הט גזאגט מיר וועלן ניט מתקן זיין די סעודה ביז זי וועט אונז
פריער גגעבן ווערן פון דעם מלך און נאך דר תפלה הט ער גווארט
איין שעה און האט גזאגט אצונד איז דיא צייט אז זיא ווערט אונז
גגעבן פון דעם מלך מכאן והלאה ברייט אן די סעודה און אזו איז דר
דרך פון די יראי חטא אבר די רשעים וואס גייען אין דיא קרומי וועגן
ניט אין וועג פון דר תורה שטייט אויף זיי הוי משכימי בבוקר שכר ירדופו

וורום שטייט רוצה ה' את יראיו את המיחלים לחסדו זיי האפן צו הקב"ה דען וועריו די בני אמונה דר קענט דען זיי בעטן אלי טאג אויף מזונות דרום שטייט למען אנסנו הילך בתורתי אם לא הקב"ה טוט זיי פרובין אויב זיי זענן בני אמונה ולקטו דבר יום ביומו דוקא נאר אויף איין טאג אבער ניט פון איין טאג אויף דעם אנדרין רבי יצחק זאגט עס שטייט צדיק אוכל לשובע נפשו ווען עסט דר צדיק אז זיין נפש איז זאט פון תפלה אונ תורה· זאגט רבי שמעון קום אונ זעה אז הקב"ה הט געגעבן די תורה צו די ישראל הט ער זיי צום ערשטן גפרובט אוב זיי זענן בני אמונה של הקב"ה אונ צו ווישן די רשעים וום זענן ניט קיין בני אמונה· מיט וום הט ער זיי גפרובט מיט דעם מן דרום שטייט בייא דעם מן למען אנסנו אונ די וום זענן יוא בני אמונה גוועז הט זייא הקב"ה גצייכנט מיט דעם רושם פונכתר של חסד אזו ווי דר פסוק זאגט למיחלים לחסדו אונ די וום זענן ניט גוועזן קיין בני אמונה הט הקב"ה אפ גיטאן פון זיי דעם כתר עליון אונ מען הט אום נירופן ובטן רשעים תחסר אונ פון דעסט וועגן חאטשי די רשעים האבן פיל גיקליבן לא העדיף המרבה והממעיט לא החסיר ווער עס הט איבריג גקליבן איז בייא אים ניט איבר גבליבן אונ ווער עס הט ווינציגר גקליבן איז ביי אים ניט אפ גיגאנגן אונ דר מן איז גוועזן מעלה ריח מכל בשמים של גן עדן דען דורך דארטין הט דער מן אראפ גנידערט למטה אונ וום פר איין טעם מען הט גוואלט הט מען גפילט אונ גישמעקט אונ ער הט גלויבט למלך הכבוד דען אזו איז דר מן צו אים גוועזן איין ברכה אין זייני גידערים אונ דורך דעם מן הט ער משיג גוועזן אונ הט גזעהן מה למעלה בחכמה עליונה אונ דרום האבן זיי גהייסן דור דעה אונ זיי זענן גוועזן די בני אמונה אונ צוא זיי איז גיגעבן גווארן דיא תורה משיג זיין דרינן אונ צוא וויסן אירי וועגן אונ די וום זענן ניט גוועזן קיין בני אמונה שטייט אויף זיי שטו העם ולקטו וטחנו ברחים או דכו במדוכה ווער הט זייא אזו פיל מטריח גיוועזן צוא מאלין עס אדר צו קלאפין אין איין שטייסל ווייל זייא זענן ניט גוועזן קיין בני אמונה אזו היינט אויך דיא וואס זענין ניט בני אמונה אונ בגערין ניט צו גיין אין זייני וועגין דיא מוזן זיך מטריח זיין יום ולילה נאך זייער פרנסה טאמר וועלן זיי ניט האבן קיין ברוט צו עסן ווער איז דם גורם ווייל זייא זענן ניט קיין בני אמונה אזו אויך שטו העם דיא שוטים וואס זענין ניט קיין בני אמונה האבן זיך גמוזט מטריח זיין קלאפין אין איין שטייסל אדער מיט איין מיל שטיין אונ נאך אנדרי טרחות אונ עס איז צום סוף ניט גוט גיוועזן נאר כטעם לשד השמן ניט מעהר נאר אזו ווי מען מאכט טייג מיט בוימל דם הט זיי גורם גיוועזן ווייל זיי זענן ניט גוועזן קיין בני אמונה זאגט ר' יוסי וום שטייט לשד השמן אטייל זאגן עס איז טייטש לשון קנעטין אזו ווי מען קנעט מיט בוימל אונ אטייל זאגן עס איז טייטש איין שד אזו ווי אשד ווערט גיזעהן אין פיל ערליי גשטאלטן אזו איז גוועזן דער מן אלערליי טעמים:

רבי חייא אונ רבי יוסי זענן גגאנגן אין וועג זאגט רבי יוסי צוא רבי חייא כל זמן מיר זענן אין וועג טוט הקב"ה מיט אונז נסים אונ אצונד איז אונז דר וועג ווייט מיר וועלין עוסק זיין בתורה וועט זיך הקב"ה מיט אונז בהעלפן· הייבט אן רבי חייא אונ זאגט סודות פון מצות אונ סודות פון לחם עוני· ווי זיי גייען הערין זיי איין קול זאגט איר מושלים רוחות ומזיקים וואס אין קרומין וועג גייט ארויף אונ גידערט ניט אראפ אין אונזרין נצעלט· זאגט רבי יוסי ווייל הקב"ה בגערט אן אונזר וועג ענטפר מיר וועלן עפים זעהן נייעס אדער עס וועט אונז איין נס גשעהן· גייען זיי אונ זעצין זיך ביי איין שפארט פון איין שטיין· איז ארום גקומן צו זיי אמענטש אונ זייא זענן זייער דער שראקין גווארן· זאגט רבי יוסי ווער ביסטו זאגט ער איך בין פון די לייט וום זענן אין ארקא דם איז פון די זיבן לענדר וום אובין איז גשטאנן אין פרשת בראשית זאגט רבי יוסי צו אים איז דען דארטין אויך דא מענטשן זאגט ער עס איז ביי אונז פר האנדן מענטשן זייא זייען פעלדר אונ שניידין אונ עסין· איין טייל זענין אין איין אנדער גישטאלט וויאיך בין דא· בין איך ארויף גקומן צו זעהן דאס לאנד וום איר זייט דרויף ווארום עס הט אגרויסן שם בייא אונז· זאגט ער זיא הייסט ארץ אלדא עס איז ארץ החיים אזו וויא דר פסוק זאגט ארץ ממנה יצא לחם פון דעם לאנד גייט ארויס ברוט אבער פון דיא זעק לענדר וום אובן איז גשטאנן גייט ניט ארוס קיין ברוט ווען אפילו עס גייט ארויס פון זיי ברוט איז דם ניט פון די זיבן מינים דגן חטה ושעור וגו' ווי זיי ריידן אזו איז דר מענטש ווידער ארין גגאנגן אין זיין ארט האבן זיי זיך זייער פר וואונדרט אונ זאגן הקב"ה וויל אונז בוודאי ד וועקן אויף איין זאך· זאגט רבי חייא בוודאי אויף דעם פסוק וואס דוא האסט דא גזאגט גדענק איך אז איך האב גיהערט פון איין ז איין גרויסי זאך איין רעכטן טעם אויף פסח ווארום האט זייא הקב" גגעבן אין ערשטן דעם לחם עוני פון פסח אונ דר נאך דעם מן ו עס איז גוועזן לחם מן השמים עס איז דרויף פר האנדן גרויסי סודות נאך מער האט ער גזאגט ווען דר מענטש גייט ארום אויף דר וועל קריגט ער קיין שכל ניט ביז ער עסט ברוט אונ אז ער פר זוכט דע טעם פון ברויט קריגט ער ערשט שכל צוא וויסן אלץ דינג אונ א דר קענן אזו ווי מען דארף· אזו אויך אז די ישראל זענן ארוס גגאנג פון מצרים האבין זיי ניט גוויסט פון ידיעת הקב"ה ביז ער הט זיי גמאכט פר זוכן פון דעם מן וום ער איז מן השמים· אזו וואול ווי איין קינד קען ניט האבן קיין שכל צו וויסן וום עס טוט זיך אויף ד וועלט ביז ער פר זוכט דם ברוט פון דר וועלט אזו אויך די ישרא האבין ניט גקענט משיג זיין אונ פר שטיין יענע וועלט ביז זיי הא פריער גימוזט עסן דעם מן מן השמים האבין זיי ערשט גיוויסט א דר קענט אלי סודות וום עס איז פר האנדן אויף יענר וועלט· וויי קאן מען ניט שרייבען אונ דאס איז אויך גישריבען גיווארען ק

בדרך נגלה:

ויאמר ה' אל משה עבור לפני העם רבי חייא זאגט עס שטייט חונה מלאך סביב ליראיו ויחלצם וואול צו די צדיקים וום הקב"ה בגערט זיי כבוד מער אז זיין כבוד קום אונ זעה עס זענין כמה מענטשין וו האבן מחרף ומגדף גיוועזן אנטקעגין הקב"ה אזו וויא סנחריב ה גיזאגט מי בכל אלהי הארצות אונ הקב"ה הט אים פארט ניט גישטרא ביז ער האט פושט יד גיוועזן אין יחזקיהו המלך שטייט ערשט מלאך ה' ויך במחנה אשור אונ ווידר ירבעם האט גידינט עבודת כוכב ער האט מקטיר ומזבח גיוועזן צוא איר האט אים אלץ הקב"ה גשטראפט· אונ אז עידו הנביא איז צו אים גקומן נביאות זאגן ירבעם אנטקעגען אים אוים גישטרעקט זיין האנט עס שטייט וי ידו ולא יכול להשיבה אליו דיין האנט איז אים פר דארט גווארן ער ה ניט גיקאנט ברענגן צו זיך· אזו אויך פרעה הט מחרף ומגדף ג אונ הט גיזאגט מי ה' אשר אשמע בקולו הט אים הקב"ה גישוויגן ביז האט ניט גיוואלט ארויס שיקן דיא ישראל פון מצרים שטייט ש

...ודך מסתולל בעמי וגו' הנה יד ה' הויה במקנך וגו' אזו אויך אין אלי ערטער ...יפינן מיר אז הקב"ה איז מער מקפיד אויף כבוד הצדיקים ווי אויף ...יין כבוד · משה רבינו הט גיזאגט עוד מעט וסקלוני נאך אביסל וועלן ...יך די ישראל פר שטיינן ענטפערט אים הקב"ה עס איז אצונד ניט ...יא צייט איך זאל מאנן דיין בזיון נאר עבור לפני העם גייא זיך דורך ...אר דעם פאלק וועלין מיר זעהן ווער עס וועט אנטקעגין דיר זיך ...שטעלן ער זאל דיר עפים שלעכץ טאן שטייסט דוא דען אין זייער ...שות דוא שטייסט דאך אין מיין רשות ומטך אשר הכית בו את היאור קח ...דך והלכת ווארום הט ער גיהייסן נעמן דעם שטעקן נאר ווייל ער איז ...וען גיוואונטליך מיט נסים אונ דער שם הקודש איז אויף אים גישטאנן · חייטר זענן סודות :

...בא עמלק זאגט רבי שמעון עס איז ניט פאר האנדין איין ווארט אין דער תורה עס זאל ניט זיין אין דעם רזין וסודות עליונים של ...מה וואס זייא זענין מקושר אין שם הקודש הקב"ה כביכול זאגט ...ן די ישראל זענן חלילה ניט פרום דא ווערט גישטארקט דר כח ...ן דעם דין הקשה קום אונ זעה בשעת דיא ישראל האבן גיזינדיגט ...אס שטייט תיכף ויבא עמלק וילחם עם ישראל ברפידים דס מיינט מען זייא ...אבן שלאף גימאכט זייערי הענט פון דר תורה אונ פון דר קדושה ...ביכול ויאמר משה אל יהושע בחר לנו אנשים וצא הלחם בעמלק פר וואס האט ...שה גיהייסן יהושע זאל מלחמה האלטן מיט עמלק אונ ניט ער אליין ...ר משה וואויל זיין חלק הט פר שטאנן אונ הט גיוויסט דעם עיקר ...ם פון דר זאך דרום זאגט משה איך וועל מיך אן ברייטן צו דר ...לחמה פון אובן האלטן מלחמה מיט זיין שטארקן כח וום הייסט ...ט הרשע אונ דו יהושע ברייט זיך אן צו דער מלחמה מיט עמלק ...ף דר וועלט דרום שטייט והיה כאשר ירים משה ידו וגבר ישראל הט זיך ...שטארקט דר כח של ישראל אויבין דרום האט משה ניט גיוואלט ...יין מלחמה האלטען מיט עמלק כדי ער זאל זיין גרייט צוא דער ...חמה של מעלה וועלן זיי שוין מנצח זיין למטה · רבי שמעון זאגט ...מלחמה איז גיוועון למעלה ולמטה אנטקעגין הקב"ה דס דר מדת ...ין הט זייער מקטרג גיוועון אנטקעגן דעם מדת הרחמים ווייל די ...אל זענן ניט פרום גיוועון אונ עמלק האט גינומן מענטשן האט זייא אפ גישניטן דיא ערלות אונ האט גיווארפין ...קעגן הימל ער הט גיזאגט נעם דיר וואס דו האסט בגערט · רבי ...עון זאגט דוא זאלסט דיר ניט האלטן פר גרינג דיא מלחמה פון ...לק דען זינט די וועלט איז בשאפן גיווארן ביז דעם זעלביגן טאג ...גוג ומגוג וועט ניט גיפונן ווערין אזו איין מלחמה אונ ניט מחמת ...י גרויסי חיילות וגבורות וואס זענן זייער שטארק אונ פיל גיוועזן נאר ווייל זיא איז גיוועזן פון אלי זייטן אנטקעגן הקב"ה :

...מר משה אל יהושע פר וום הט משה אום דער ווילט צו יהושע זאל גיין מלחמה האלטן גיט קיין אנדערין ער איז דאך דענמאלט ...ן נאך גאר יונג עס איז דאך גיוועזן שטארקרי יונגי לייט פון אים ...ום האט זייא משה ניט גישיקט נאר משה האט דאס אליץ מיט ...ה פאר שטאנען אונ האט גיזעהען וויא עמלק קומט אנטקעגן ...אל אונטין אזו דער וועקט זיך אויבין זיין שר ס"מ הרשע ער זאל ...העלפין זאגט משה צו דער מלחמה דארף מען האבן יהושע ...ער הייסט נער ער איז למעלה אין דער מדרינה וואס ער האט ...מו נער תיתי אז יהושע איז ארויס גיגאנגן אנטקעגין עמלק למטה איז ארויס גיגאנגין זיין כח למעלה אנטקעגין דעם ס"מ אונ חאטשע זיין כח איז גיוועזן אים למעלה האט ער אים פארט ניט גיקאנט ביי קומן אן דם כח פון משה רבינו דרום זאגט משה בחר לנו אנשים צדיקים בני צדיקים וואס זייא זענען ראוי צוא גיין מיט דיר וידי משה כבדים איז טייטש לשון כבוד אונ היילג זייא האבין זיך ניט מטמא גיוועזן כל ימי חייו זענן זייא ווערט דעם כבוד צוא האלטין מלחמה של מעלה ויקחו אבן וישימו תחתיו ער זאל זיך מצער זיין מיט די ישראל אין איינעם והיה כאשר ירים משה ידו וגבר ישראל דאס ער האט גישמארקט די רעכטי האנט מיינט מען דעם מדת החסד אויף דער לינקער האנט מיינט מען דעם מדת הדין אונ האט זיך מכוין גיוועזן מיט דעם פאר שפרייטונג פון דיא הענט אז דיא ישראל זאלין גובר זיין למעלה וכאשר יניח ידו אין דר צייט ווען דיא ישראל שווייגין שטיל פון תפלה טאן הט משה ניט גיקאנט אויף ריכטן זייני הענט למעלה וגבר עמלק פון דאגין לערנען מיר אפ אפילו ווען דיא כהנים שטייען אויף דעם דוכן צוא שפרייט די הענט ביי דיא קרבנות מתקן זיין אונ ברענגין ברכות אויף דיא ישראל קענען זייא גאר ניט פועל זיין מיט זייערע מעשים ביז די ישראל זענען אויך מתפלל מיט זייא אין זייער תפלה ויהי ידיו אמונה עס גיהער צוא שטיין ויהיו אונ זייא זענען גיוועזן איין לשון רבים ווייל עס שטייט ידיו ביידע הענט וואס שטייט ויהי איין לשון יחיד אלא עס הענגט אליץ אן אין דר רעכטער האנט דר ימין איז דר עיקר פון אלי אזו וויא עס שטייט ימינך ה' נאדרי בכח ימינך ה' תרעץ אויב · כי מחה אמחה מחה איך וועל אפ מעקען למעלה אמחה איך וועל אפ מעקן למטה זכר זיין זכרון למעלה ולמטה רבי יצחק זאגט עס שטייט מחה אמחה איז טייטש איך וועל אפ מעקן אונ עס שטייט מחה תמחה דו זאלסט אפ מעקין אלא הקב"ה האט גיזאגט איר זאלט אויס מעקן זיין נאמן למטה אונ איך וועל אים אויס מעקן למעלה רבי יוסי זאגט עמלק הט מיט זיך גיבראכט אנדרי אומות מלחמה צו האלטן מיט די ישראל האבן זיך יענע זייער גיפארכטין צו גינעהען צו די ישראל נאר ער הט גינעהנט מלחמה האלטן דרום ויחלוש יהושע האט צוא בראכן זייער כח למעלה מלחמה לה' בעמלק מדור דור זאגט רבי יהודה עס איז ניט דא אין קיין שום דור אויף דר וועלט וואס עס זאל ניט זיין פון די רשעים של עמלקים אונ הקב"ה האלט מיט זייא מלחמה · רבי יצחק זאגט מדור דור איז טייטש לשון דירה פון דעם וואונונג של מטה צוא דעם וואונונג של מעלה אויף זיי שטייט יתמו חטאים מן הארץ ורשעים עוד אינם דס מיינט מען בעולם הזה ובעולם הבא אויף דעם זאגט ער ברכי נפשי את ה' הללויה :

## להפטורה דיומא

בפרשת לך לך שטייט וויא רבי אבא מיט נאך פיל תלמידי חכמים זענן גיוועזן אין איינעם אויף איין ברית מילה הט איטליכר גיזאגט דברי תורה אונ רבי אבא הייבט אן עס שטייט אין (שופטים ה') בפרוע פרעות בישראל בהתנדב עם ברכו ה' וום האבן דבורה וברק גיזעהן וום זיי האבן אן גיהויבן זייער שירה מיט דעם פסוק אלא מיר האבן גילערנט די וועלט האט קיין קיום ניט נייערט אויף דעם ברית אזו וויא עס שטייט אם לא בריתי יומם ולילה חקות שמים וארץ לא שמתי דען שמים וארץ האבען נאר איין קיום דורך דעם ברית דרום אז כל זמן דיא ישראל זענען מקיים דעם ברית האבן זיי איין קיום אונ עס קען קיין

שום

שום אוכה אין זיי נים שולט זיין און אז נים האבין זיי קיין קיום נים
און די ישראל האבן איז די טעג פון סיסרא מבטל גיוועז דאס זייא
דאבין נים מקיים גיוועז מצות פריעה דרום שטייט וישכחו ישראל את
ה' וימכור אותם ביד סיסרא ביז דבורה איז גיקומען און הט מתנדב גיוועז כל
ישראל צו מקיים זיין די מצות פריעה דען זענין אלי שונאים אונטער
טעניג גיווארין צו זיי און דרום הט הקב"ה גיזאגט צו יהושע מול
את בני ישראל שנית ווי אזו ווילסט דיא ישראל ברענגין קיין ארץ ישראל
אז זייא זענין פר שטאפט און האבין נים קיין מצות פריעה און כל
זמן זייא האבין נים מקיים גיוועז דיא מצות פריעה האבען זייא נים
גיקאנט אריין קיין ארץ ישראל אזו דא אויך אז זיי האבין זיך מתנדב
גיוועז דר צו דורך דבורה דרום זאגט דבורה בפרוע פרעות בישראל דען
זענין דיא שונאים אונטער טעניג גיווארין ווייל זייא האבין מקיים גיוועז
פריעה הייבט אן דער אנדערער און זאגט עם שטייט ויהי בדרך במלון
ויפגשהו ה' ויבקש המיתו ער הט גיווארט ממית זיין צו משה זאגט הקב"ה
דו ווילסט גיין קיין מצרים אוים לייזן דיא ישראל און ווילסט מכניע
זייא אזו איין מלך גדול און דו האסט דיין זון נים מל גיוועז תאנא
מיר האבען גילערינט עם איז אראפ גיקומען גבריאל מיט אפלאם
פייער צו פר ברענגין אים און הט אים גיוויזן איין נחש שרף אים איין
צו שלינגין און צוא פאר דארבין אים פאר וואס איז גיוועז איין נחש
אלא הקב"ה זאגט דיא ווילסט ממית זיין דעם נחש הגדול
ותקיף און האסט דיין קינד נים מל גיוועז ביז צפורה האט עם פאר
שטאנען ברוח הקודש און הט גינומען איין שארף שטיינדיל און האט
אים מל גיוועז אזו וויא עם שטייט ותקח צפורה צור ותכרות את ערלת בנה •
הייבט אן דר אנדערער און זאגט עם שטייט ויאמר יוסף אל אחיו גשו נא אלי
ויגשו נאך וואס הט ער זיי גירופין צו זיך אמער זיי זענין דאך נאהענט
גיוועז ביי אים אלא בשעת ער הט גיזאגט אני יוסף אחיכם האבין זייא
זיך פר וואנדערט און דר שראקן דען זיי האבין גיזעהן אז ער איז איין
מלכות זאגט ער צו זיי דם וואס איך האב זוכה גיוועז צו מלכות ווייל
איך האב גיהיט דעם ברית דרום זאגט ער גשו נא אלי ויגשו דען ווער
עם היט אפ דעם ברית און איז אים נים מטמא ארין צוא ברענגען
ברשות אחר איז ער זוכה למלכות און דאס לערין איך אפ פון בועז עם
שטייט חי ה' שכבי עד הבוקר דר יצר הרע הט אים גיוואלט אן ריידין צו
רות הט ער גישווארין חי ה' אז ער וועט אים נים פאלגין דרום האט
ער זוכה גיוועז אז פון אים זענין ארוים גיקומען מלכים מושלים איבער
אלי מלכים און פון אים וועט זיין מלך המשיח וואס ער ווערט גירופין
בשם הקב"ה און דער וואס איז פוגם דעם ברית איז משקר אין
מלכות הקודש מן השמים נלחמו הכוכבים ממסילותם נלחמו עם סיסרא וגו' מיר
האבן גילערינט באותו שעה אז דיא ישראל האבין זיך מדבק גוועז
צו אנטפלעקין דעם רושם הקודש מילה ופריעה אין זייער לייב דען
הט די וואס הייסט חרב נוקמת נקם ברית איין גיזאמילט אלי חיילות און
אלי וואפונג און אלי כלי זיין צו מלחמה האלטין מיט סיסרא און
דיא שטערין האבין מן השמים גיגעבין פייער אויף סיסרא מיט זיין
חיל און איטליכר שטערן הט איין בזונדערן נאמען און ווערט דר מיט
גירופין זאגט הקב"ה צו זיי ברייט אייך אן צוא נוקם זיין איין נקמה
פון וועגן מייני קינדר • צווייא נקמות בין איך אן גיברייט צו טאן
אין זיי איינס פון די זעקס הונדערט רכב בחור וואס פרעה האט גיצויגין
די הארין פון מצרים אויף דיא ישראל צו נאך יאגין זיי און מלחמה
האלטין מיט זיי און איין נקמה וואס זיי האבן אצונד צרות אן גיטא...
צו מיינע קינדר דרום זענין זייא גימשפט גווארין מיט צווייא דינ...
איינס מיט וואסר און דאס אנדרי מיט פייערמיט וואסר אזו ווי...
עם שטייט נחל קישון גרפם און מיט פייער אזו וויא עם שטייט מן השמ...
נלחמו הכוכבים און צווישין די שטערין איז גיוועז איין שטערין וואס א...
נים גיקומען צו דער נקמה איז ער פאר פלוכט גיווארן אויף אייב...
ווען ער הייבט אן צו לייכטין קומען די אנדערע שטערין און שלינ...
אים איין און אלי זייני חברותא ווערין מיט אמאל פר לארין אזו ...
דער פסוק זאגט אורו מרוז אמר מלאך ה' איז דען רשות צוא איין מלא...
צו פלוכין אלא דם איז גיוועז דר מלאך וואס ער שטייט ביי די ישרא...
ויסע מלאך האלהים ההולך לפני מחנה ישראל וגו' וואס אלי כדי מלחמה זענ...
אין זיין האנט דרום שטייט כי לא באו לעזרת ה' די ישראל זענין ארוי...
גיגאנגען פון מצרים לעזרת ה' בגבורים און ביי דיא שטייט גבורים זיי...
האבן מלחמה גיהאלטין מיט סיסרא דם איז דר מלאך ה' וואס ע...
ער הייסט המלאך הגואל וגו' :

# פרשת יתרו

וישמע יתרו כהן מדין חותן משה רבי חזקיה הייבט אן עם שטייט ויש...
אהרן את ידו עם שטייט ידו אן איין יוד דאס איז טייטש אי...
האנט דם מיינט מען מען גהער אוף צו הייבין דעם ימין אויף דע...
שמאל • מיר האבן גיפונען אין ספר פון שלמה המלך איין זאך דא...
איטליכער וואס הייבט אויף זייני הענט ארויף אום זיסט נים בשע...
דאוונן דר מענטש איז פר פלוכט פון אובן • דען דרויף זענין גיזעצ...
צעהן ממונים ווען דר מענטש הייבט אויף די הענט בשעת דאוונ...
אדער בשעת ברכה • זאלין זייא צו נעמען דיא דאזיגי תפלה אדע...
ברכה און געבין איין כח אז דר שם הקודש זאל גיווערדיגט ווער...
און ווערט גיבענטשט פון אונטין און פון אלי זייטן און זייא ווער...
דרויף גיזעצט צוא נעמין דיא ברכות למעלה און צו בענטשין דע...
דאזיגין מענטשין וואס האט גיבענטשט אזו וויא עם שטייט ושמו א...
שמי על בני ישראל ואני אברכם דרום זאל דר מענטש זיך אפ היטין ער זא...
אויף הייבן די האנט נאר בשעת תפלה וברכה ובקשה און נים או...
זיסט • דען די דאזיגי ממונים זענין אן גיברייט און דר וועקין זיך צ...
דעם וואס הייבט די הענט אויף אום זיסט זאלן אים שעלטן מיט רמ...
קללות און דרויף שטייט ויאהב קללה ותבואהו דא איז שורה דער רו...
הטומאה אויף די הענט וויא דער סדר פון אים איז צו זוכין זיך אי...
ארט וואס איז ליידיג אבער קיין ברכה רוט נים אויף איין ליידיג אר...
דרום שטייט הרמותי ידי אל ה' אל עליון מאכט דער תרגום בצלו הייס...
מיט תפלה ווארום אום זיסט וואלט ער נים אויף גיהויבין די הענ...
און אין דעם אויף הייבונג איז דא גרויסי סודות • און בשעת זיי...
זענען פאר שפרייט און אויף גיריכט ארויף ערלייכט דער מענטש צ...
הקב"ה בכמה סודות עליונים אזו ווי עם שטייט בפרשת בראשי...
ער זאגט עם שטייט ולא יראו פני ריקם דאס ווייזט מען זאל נים אוי...
הייבין דיא הענט אום זיסט נאר בתפלה ברכות ובקשות צוא דע...
וועקין אירי כוחות למעלה דם דרויף ווייזן די פינגער דען ווערט ד...
צד הטומאה אונטער טעניג און לויבן צו הקב"ה קום און זעה א...
חיא עם איז אין דער קדושה איין מלך און איין כהן אזו איז אוי...
גיוועז בצד הטומאה איין מלך זקן וכסיל און אונטער אים איין כהו...

וויא עס שטייט ויאמר אפרים אך עשרתי מצאתי און לי אונ אז דר מלך
ן פון די קליפות זענן אונטר טעניג אונ צו בראכין גיווארין אונ
ן צו הקב"ה דען איז הקב"ה איין שליט ומושל אליין למעלה אזוי
עס שטייט ונשגב ה' ביום ההוא לבדו אונ אזוי וויא אובן אזוי איז אונטן
עה איז גיוועזן איין מלך אונ האט גיזאגט צום ערשטן לא ידעתי את
דר נאך הט ער מודה גיוועזן אונ הט גיזאגט ה' הצדיק אונ איז צוא
אכן גיווארן אויך יתרו דר כהן און הט אויך גילויבט צו הקב"ה
ן ווערט הקב"ה דר הויבן מיט זיין ווערדיקייט איבר אלי למעלה
מטה אונ איידר זיי האבן מודה גיוועזן הט מען ניט גיקאנט געבין
תורה נאר אז יתרו איז גיקומין אונ הט גיזאגט עתה ידעתי כי גדול ה'
האלהים ברוך ה' וגו' איז דר הויבן גיווארן דר כבוד פון הקב"ה דער
ך הט הקב"ה גיגעבן די תורה אונ זיין גאנצי ממשלה איז גיווארן
בר אלי דרום שטייט יודוך עמים אלהים יודוך עמים כולם אונ זאגט גרוסי
רות איז גיקומן רבי אלעזר אונ קושט אים זייני הענט אונ זאגט
ול אונזר חלק ווס מיר האבן גיהערט די סודות דס ליכט פון דר
רה גייט ארויף עד רום רקיע וכסא הכבוד ווער וועט נאך דיר
לייכטן דס ליכט פון דר תורה ווייא איז דען נאך דיר וועט דער
ם זיין וויא איין יתום אבער דייני רייד וועלין לייכטין אויף דער
לט ביז משיח וועט קומען דענמאלט שטייט ומלאה הארץ דעה וגו' :
שמע יתרו הט דען נאר יתרו אליין גיהערט אונ ניט די גאנצי וועלט
עס שטייט דאך שמעו עמים ירגזון נאר אלי אומות האבן גיהערט
ב זענין ניט צו בראכן גיווארין אבער יתרו איז צוא בראכין אונ
נטר טעניג גיווארין פאר הקב"ה צוא זיין עבודה זאגט רבי אבא
ף דיא ערטר האבין מיר גילערינט אלץ ווס הקב"ה טוט למעלה
מטה איז אמת עס איז ניט פר האנדן איין זאך דער מענטש זאל
פון זיך מדחה זיין אונ דריגן נוהג זיין בזיון ווארום עס איז אלץ
ין אמת אונ די וועלט דארף דס האבן דען אמאל איז רבי אלעזר
אנגן אין וועג אונ רבי חזקיה איז אויך מיט אים גיוועזן האבן זיי
עהן איין שלאנג שטייט אויף רבי חזקיה צו דר שלאגן אים זאגט
י אלעזר לאז ער שטיין זייא אים ניט ממית זאגט רבי חזקיה עס
דאך איין שלעכטע זאך וואס עס איז מזיק מענטשן זאגט רבי
עזר עס שטייט דאך אם ישוך הנחש בלא לחש דער שלאנג בייסט ניט
ין מענטש ביז מען הייסט אים מן השמים אונ מען גיט איר רשות
זאל ממית זיין דעם מענטשן אונ איין מאל קען זיך טרעפן אז זיא
רט איין שליח יענעם מציל זיין פון אנדערי זאכן אונ הקב"ה טוט
ך איר נסים צו מענטשן אונ אלץ איז כבוד פון הקב"ה ומעשה
י אונ די וועלט דארף דס האבן ווארום דען ניט וואלט דס הקב"ה
ט בשאפין דרום גיהער דער מענטש ניט נוהג זיין קיין בזיון אין
ם ער זאגט ווייטר עס שטייט וירא אלהים את כל אשר עשה והנה טוב מאוד
ב דס איז דר מלאך החיים מאוד איז דר מלאך המות דרום שטייט
אלהים גאט דער לייכט אלי אורות למעלה ולמטה אונ אין אלי
שעפיניש קום אונ זעה יתרו האט איין עצה גיגעבן צו משה אויף
נים אונ משפטים דען עס האט אזוי גמוזט זיין דס ער האט מסדר
ען די תיקוני דינים פר משה צו ווייזן כי המשפט לאלהים הוא אונ ניט
דר צד הטומאה חלילה אונ דינים זענן נאר גיוועזן צו די ישראל
ו וויא עס שטייט חקיו ומשפטיו לישראל דרום זאל אמענטש ניט נוהג
ן בזיון אין דעם אנדערן ווען אפילו ער איז איין חשוב אונ יענער

איז איין שפל דאך ווען דאך זייני רייד עפיס גיאכט אזוי וויא משה האט פאר נומען די רייד פון יתרו דרום שרייבט די תורה אן

וישמע משה לקול חותנו צו לערנן אונז דרך ארץ :

וישמע יתרו כהן מדין ער הייבט אן צוא זאגין עס שטייט של כן אודך בגוים ה' ולשמך אזמרה דוד המלך הט דס גיזאגט ברוח הקודש בשעת ער האט גיזעהן אז דער עיקר איז דאס הקב"ה ווערט אויף גיריכט במעלה העליונה בכבוד למעלה ולמטה דעסט גלייכן איז גיפאלן דר פחד ומורא אויף דעם גאנצן עולם אלי אומות האבן גיציטערט פאר הקב"ה אונ אז יתרו ווס ער איז גיוועזן דר גרעסטער מכשף איבער אלי כומרים פון זייער עבודת כוכבים איז גיקומן צוא משה איז גישטארקט גיווארין דיא ממשלה אונ דער כבוד פון הקב"ה איבר אלי דען אז אלי האבן גיהערט אונ גיזעהן אז יתרו וואס ער איז דר גרעסטער חכם אונ איין ממונה איבער אלע עבודת כוכבים אונ איז פארט גיקומן דינן צו הקב"ה אונ זאגט עתה ידעתי כי גדול ה' מכל האלהים דען האבן אלי זיך מרחק גיוועזן פון זייערי עבודת כוכבים אונ האבן מודה גיוועזן אז עס איז אין זיי קיין ממש ניט דען איז גיהערט גיווארן דער כבוד פון גאט אין אלי זייטין דרום איז די פרשה אן גיצייכנט גיווארן אין דער תורה אונ די התחלה פון דער פרשה הייבט זיך אן מיט וישמע יתרו דען יתרו איז גיוועזן איינער פון דיא יועצי פרעה דען פרעה האט גיהאט דרייא יועצים בלעם איוב יתרו דען יתרו האט גיוואוסט אלע עבודות פון אלי עבודת כוכבים אונ אלע ממונים וואס מען זאל צוא אים דינן אונ משמש זיין פאר אים • בלעם איז גיוועזן איין חכם אין אלי כשפים עס איז פאר האנדין כשפים וואס מען מוז זייא טאן מיט מעשה אונ אזעלכי ווס מען טוט מיט דיבור איוב הט זיך גיפארכטין ביראה אונ מיט יראה איז דער עיקר קונה צו זיין צו זיך הין בקדושה והן בטומאה קען דר מענטש אויף זיך ניט ציהן דעם רוח של מעלה אונ מקרב זיין זיך דר צו נייערט מיט יראה אונ מוז זיך מכוין זיין דס הארץ אונ זיין רצון מיט יראה אונ שברון לב דען איז ער אויף זיך מושל מלמעלה דעם רוח של מעלה אונ דעם רצון ווס ער בדארף אונ ווען ער טוט ניט זיין רצון מיט יראה צוא דר זעלביגר זאך קען ער זיין ווילן ניט טאן צו בהעפטין זיך אין דר זאך סיי אין דר קדושה אונ סיי אין דר טומאה ובכל שכן די דברים עליונים בדארפן בוודאי האבן יראה אונ אימה אונ רצון יתרו הט בדארפט האבן יראה צו זיין עבודה צו די קליפות דען עס סיי ווען מען בדארף צו זיי אונ ווען מען בדארף אפילו ניט האבן צוא זייא בדארף מען אלץ האבן די יראה כדי ווען דר מענטש וועט בדארפן צו זיי זאל ער בהעפט זיין אין זיי בלעם אין זייני כשפים אזוי ווי מיר האבן גיזאגט איוב מחמת גרוס מורא ווס ער הט גהאט הט ער זיך גיפארכטין פר הקב"ה ווייל ער האט גיזעהן די ניסים וגבורות וואס הקב"ה הט גטאן אין מצרים אזוי הט ער באלד חוזר גוועזן צו הקב"ה אונ יתרו הט נאך אלץ ניט חוזר גוועזן ביז דיא ישראל זענין ארויס גיגאנגן פון מצרים אונ אלי קשרים אונ אלי כשפים ווס די מצרים האבן גיטאן אז די ישראל זאלין ניט קענין ארויס גיין הט אלץ ניט גיהאלפן אונ זענין פארט ארויס גיגאנגין אונ דר נאך האט ער דיא מצרים נאך דר טרונקן אין ים דענסט מאל הט ער ערשט חוזר גוועזן צו עבודת השית אבר בלעם הרשע הט ניט חוזר גוועזן אונ ער הט זיך בהעפט אין טומאה אונ אין שלעכין פון אלי קליפות אונ האטשי

אזוי

אזוי האט ער דאך געזעהן אז זיין נבואה פון די קליפות הענגט אן אין דרינען איין קליינער אור וואס זייער חיות הענגט דרינען און דורך דעם האט ער געזעהן זיין נבואה אזוי ווי איינער וואס שטייט הינטער דר וואנט און זעהט פון ווייטען ער האט געזאגט און האט ניט גוויסט וואס ער זאגט דארטען האט ער געזעהן זיין נבואה מיט פר מאכטי אויגן דרום שטייט ביי איהם שתום העין וואל דעם חלק פון משה דס ער האט די מעלה געהאט איבער אלי נביאים אין דער קדושה עליונה און האט געזעהן וואס איז צו קיין שום נביא קיין רשות ניט געווען צוא זעהן :

ואת שני בניה זאגט רבי חייא פר וואס שטייט בניה אירי קינדר און ניט בניו זייני קינדר אלא ווייל זי האט זיך מיט זיי מתעסק געוועזן ווייל משה איז ניט געוועזן אין דר היים דרום רופט זייא דר פסוק אן בניה זאגט רבי שמעון דס וואס עס שטייט ויבא יתרו ובניו איז ניט טייטש די קינדר פון משה נייערט פון יתרו דען ער מיט זייני קינדר זענין זיך גיקומען מגייר צו זיין דען איידר משה איז צו איהם גקומען האט ער קיין זון ניט גיהאט און דרום האבן זייני טעכטר גיפאסיט זייני שאף און אז משה איז גיקומען צו איהם האט ער שוין גיהאט זכרים און אזוי אויך יעקב אז ער איז גקומען צוא לבן האט ער אין זיין זכות גיהאט בנים זכרים דרום שטייט ויבא יתרו חותן משה ובניו מיט זיין גאנצין הויז גיזינד מגייר צו זיין און צו קומין תחת כנפי השכינה און די קינדר פון יתרו האבן זיך אויך מגייר גוועזן דרום שטייט ובני קיני חותן משה עלו מעיר התמרים דאס מיינט מען דיא שטאט ירחו :

פתח ער הייבט אן עס שטייט והלכו עמים רבים ואמרו לכו ונעלה אל הר ה' וגו' דר פסוק איז שון גידרשת גיווארן אין פיל ערטר דען אברהם האט גרופן די קדושה הר ה' אזוי ווי עס שטייט כהר ה' אזוי וויא איין בארג איז הפקר צו איטליכן אזוי איז די קדושה הפקר צו איטליכן און זיא איז פריי צו בהעפטן זיך אין איר און זי מקבל זיין אל בית אלהי יעקב יעקב האט די קדושה גירופין בית ער האט גזאגט אין זה כי אם בית אלהים זי הייסט הר און בית דאס איז אלץ איינס דען מען גייט אויף פון דעם בארג אין הויז אריין נאר דס איז צו ווייזן זי הייסט הר נאר צו אלי היידן וואס זענין גיקומין זיך מדבק זיין תחת כנפי השכינה אבר צו די ישראל הייסט זי בית אזוי ווי איינהויז בוואוינט מען אזוי אויך הייסט די שכינה בית צו די ישראל זיא איז צו די ישראל אזוי ווי איין אשה מיט איר מאן אין איין חדר מיט חדוה ושמחה און הוערט אויף זיי ווי איין מוטר אויף אירי קינדר קום און זעה דא שטייט ויבא יתרו חותן משה ובניו ואשתו ווען עס שטייט שון אז ער איז גקומין צוא משה וואס בדארף נאך שטיין אל המדבר מיר ווייסן דאך אליין וואל אז משה איז געוועזן אין דר מדבר אלא צו ווייזן ווי אהין זיי זענען גקומען צו בהעפטן זיך אל המדבר הר האלהים דס איז די מדריגה פון די גרים וואס זענען גקומען תחת כנפי השכינה דס איז בדמות הר צו זיי דרום זאגט ער אל משה ער זאל זיי מגייר זיין און צו ברענגן זיי תחת כנפי השכינה זיי זענען גקומען אל המדבר דס איז הר האלהים דס הייסט צו זיי נאר הר ווער עס איז גקומען דארטען איז ער געווען איין גר צדק ער האט דרום גיהייסן גר ווייל ער האט פר לאזט זיין פאלק און זייני אבות און איז גקומין צו אפרעמד ארט וואס האט ניט גוויסט פון זיין לעב טאג אן דרום הייסט ער גר :

רבי יצחק און רבי יוסי זענען גזעסין איין טאג און האבן עוסק גיוועזן אין דר תורה אין דר שטאט טבריה דער ווייל איז רבי שמעון בן יוחאי גקומען צו זיי פרעגט ער זיי און וואס זייט איר עוסק זאגן זיי

אין דעם פסוק וואס מיר האבן פון דעם הערן גלערינט פרעגט ער זיי וועלכר זאגן זיי דעם פסוק זה ספר תולדות אדם וגו' דס הקב"ה האט גוויזן צו אדם הראשון אלי דורות וואס זענען אן גבריית צו קומען אויף דער וועלט און אלי חכמים און פרנסים וואס זענען אן גבריית צו איטליכן דור ווייטר זענען סודות וואס איז מרומז אין דעם פסוק זה ספר וגו' דאס איז צו ווייסן אין דר צורה פון איטליכן מענטשין גרויסי חכמות וואס ווערן גיזעהן אין זיבין ערטר פון דעם מענטשן אין די האר און אין דעם שטערן אין די אויגן און אין פנים און אין די לעפצן און אין די אויערין אין די קריצן פון זייני הענט אין די זיבן ערטר ווערט ביי דעם מענטשן דר קענט אלי זאכן און דס האט יתרו גיזאגט צו משה דס ער זאל פר שטיין די חכמה ואתה תחזה מכל העם אנשי חיל יראי אלהים אנשי אמת שונאי בצע דרום זאגט ער ואתה תחזה איז טייטש די זאלסט זעהן און זאגט ניט ואתה תבחר די זאלסט אויס קלויבין אלא נאך זיין פאר שטאנד נאך צו זעהן אין די לייט אלי זייערי מדות דס איז צוא פאר שטיין ואתה תחזה צו דר קענן אין די האר פון דעם מענטשין מכל העם אין דעם שטערן אנשי חיל אין פנים יראי אלהים אין די אויגן אנשי אמת אין די לעפצן שונאי בצע אין די צייכין וואס זענין פר האנדין אין דיא הענט שטריכלך אין די אלי קען מען דר קענין אלי מעשים און מדות פון דעם מענטשן אויב עס איז אויף איהם שורה דער רוח חכמה אבער משה האט ניט גידארפט דר קענין אין די חכמות נייערט עס שטייט ויבחר משה אנשי חיל מכל ישראל ווייל דער רוח הקודש איז ביי איהם געווען דרום האט ער גיוויסט אין איין אויגין בליק דרום האט ער גיזאגט כי יהיה להם דבר בא אלי עס וואלט גידארפט צו שטיין באו אלי לשון רבים זיי קומען צו מיר נאך וואס שטייט בא אלי לשון יחיד ער קומט צו מיר נאר דס גייט אויף דעם רוח הקודש אז מענטשין קומין צו מיר זין לדון קומט תיכף דר רוח הקודש צו מיר דורך דעם האט ער אלי גוויסט און האט ניט גידארפט קענען חכמת היד וחכמת הפרצוף וואס יתרו האט איהם בראטן ווארום ער האט אליין גוויסט תיכף ווי ער האט נאר דר זעהן מיט זייני אויגין דעסט גלייכין שלמה המלך מיט זיין שטול חאטשי דר רוח הקודש האט אויף איהם ניט גירוט אזוי ווי משה רבינו פון דעסט וועגן ווען ער האט גינעהנט צו דר שטול איז און איהם גיפאלן איין אימה און איין ציטערניש און דער מיט האט ער גימשפט אן עדות דען די שטול איז געוועזן פון פיל ערליי גישטאלט און ווער עס איז גיקומען פר דער שטול מיט שקר האט דס גשטאלט גשטורמט האט שלמה גוויסט אז ער קומט מיט שקר ווארום די אימה פון דר שטול איז גיפאלין אויף אלי מענטשין אין דעם האט שלמה גוויסט ווער עס איז גרעכט אזוי אויך דר מלך המשיח מיט דעם רי[ח] וועט ער אלץ דר שמעקין אזוי ווי עס שטייט והריחו ביראת ה' ולא למרא[ה] עיניו ישפוט די האבן גימשפט דיא וועלט אן עדות און התראה אבע[ר] אנדרי לייט מוזן דן זיין דורך עדות כדין תורה די חכמים וואס ווער[ן] דר קענט אין דעם גשטאלט וואס אויבין שטייט פון חכמת הפרצו[ף] והידים צו געבן רפואה צו די לייט היילן זייערי נפשות וואל איז זיי בעולם הזה ובעולם הבא ווייטר זענען רזין דרזין סודות ונפלאות פו[ן] דר חכמת היד והפרצוף צו וויסן אלץ וואס מען קאן עס ניט שטעלי[ן] אויף טייטש והמשכילים יבינו :

בחודש השלישי לצאת בני ישראל וגו' די תורה איז גגעבן גווארן אין חודש סיון וואס ער איז מזל תאומים אצווילינג מיינט מען פה ולשו[ן]

לערנין די תורה יומם ולילה אונ דיא תורה הייסט אויך תאומים
ורה שבכתב ותורה שבעל פה אוך איז די תורה נכלל פון דרייא •
ורה • נביאים • וכתובים • אונ איז גגעבן גווארן צו איין פאלק וואס
ם איז גידריט • כהנים • לוים • וישראלים • אונ אין דריטין חודש
ייף דעם איז אלץ איין טעם • זאגט רבי חייא די צייט וואס די ישראל
ען גקומן צו דעם בארג סיני הט הקב"ה איין גיזאמילט אלי ישראל
נ הט אין זיי ניט גפונן קיין פסול נאר זרע אמת נהיילגט בני אבות
ן דר צייט הט הקב"ה גיזאגט צו משה אצונד וויל איך געבין דיא
רה צו די ישראל דארפכטו זיי צו ציהן צו מיר מיט דר אהבה פון
די אבות אונ זיי איין שליח נאמן צו ציהן די ישראל נאך מיר :
שה עלה אל האלהים וואל איז דר חלק פון משה וואס ער האט זוכה
גיוועזן צו דעם כבוד אז די תורה אליין זאגט אויף אים דאס
ות ומשה עלה וגו' קום אונ זעה דעם חילוק פון משה צו אנדרי לייט
ם דר שטייגר איז ווען עולה לגדולה הייסט עשירות אדר מלכות
נ דעסט גלייכן אבר משה איז עולה לגדולה גיוועזן מיט דעם
ם שטייט ומשה עלה אל האלהים וואל זיין חלק וואס ער הט דר צו זוכה
ען זאגט רבי יוסי פון דאנן האבין דיא חכמים אפ גילערינט הבא
ר מסייעין לו אין ערשט שטייט ומשה עלה אל האלהים ער ווערט גרופן
ן שם אלהים דר נאך הט ער זוכה גוועזן צו גירופן ווערן מיט דעם
ם הקודש דרום שטייט ויקרא אליו ה' הקב"ה הט אים גרופן מיט זיין
מן ר' יצחק זאגט עס שטייט אשרי תבחר ותקרב ישכון חצריך וואל איז דעם
ענטשן וואס הקב"ה בגערט אין אים אונ איז אים מקרב צו רוען אין
ן היכל דען איטליכר וואס בגערט אין עבודת הקב"ה דר ווערט
ייכינט מיט דעם צייכן פון אובן צו ווערן דר קענט אונ לאזן וויסן
ם ער איז דר אוס דר ווילטר פון דעם מלך הקדוש העליון ער זאל
ען אין זיין וואונג ביי ווען דר צייכן ווערט גיפונן אונ גזעהן דר
ט דורך אלי שערים של מעלה אונ קיינר קאן אים ניט ווערן • רבי
ודה זאגט וואל איז דר חלק פון משה אויף אים שטייט אשרי תבחר
קרב אוך שטייט ביי אים ומשה נגש אל הערפל • ונגש משה לבדו אל ה' והם לא
ו דרום שטייט ויקרא אליו ה' מן ההר לאמר כה תאמר לבית יעקב דס זענן די
נקבות ותגיד לבני ישראל דס זענין די זכרים :
יא רבי יוסי זאגט אמאל בין איך גיגאנגן אונטר וועגן איז מיט מיר
גיוועזן מיין זון רבי חייא • ווי מיר גיין האבן מיר דר זעהן איין
ענטש קלובט קרייטכצר אויף רפואות אונ צו לחשים הייסט צוא
פרעכין • האבן מיר אים גיפרעגט וואס טוג דיר די קרייטכצר הט
ר ניט געגטפרט ער הט אפילו דעם קאפ ניט אויף גהובין האב איך
ם נאך אמאל גיזאגט די רייד אונ הט אלץ ניט גיענטפרט זאג איך
מיין זון רבי חייא דר מענטש גיהער האבן פר שטאפטי אויערין
ר אגרוסר שוטה אדר אגרוסר חכם • האבן מיר זיך לעבין אים
ודר געזעצט נאך דם אז ער הט שון אן גיקליבן די קרייטכצר הט
ר גנומן בלעטר פון ווין שטאק אונ הט זיי צו גידעקט אונ זאגט
אונז איך זעה אז איר זייט יהודים • אונ די וועלט זאגט אז יהודים
בין זייער קלוג • איך זאל ניט חס אונ רחמנות האבין אויף אייך
לט איר אצונד דער ווייטרט גיווארן פון מענטשין אזו וויא איין
ורע וואס מען איז אים מרחיק פון אלי מענטשן • דען איך זעה עס
ן אין אייער גוף אריין גגאנגן איין ריח פון קרייטכצר וואס לעבן אייך
ו גוועזן אהונט • וועט איר קראנק ניז דריי טעג • דרום עסט אויף

די וואלד קנאבלן וועט איר גהיילט ווערן האבן מיר גגעסן די וואלד
קנאבלן וואס ער הט נהאט גרייט זענן מיר אנטשלאפן גווארן אונ דר
שווייס הט אונז בגאסן הט גוועהרט איין צייט דר נאך האבן מיר זיך
אוף גהאפט זאגט דער מענטש צוא אונז אצונד איז הקב"ה גיוועזן
מיט אייך אונ הט אייך גיהאלפין מיט גליק וואס איר הט מיך דא
גטראפן דען די רפואה פון אייער גאט איז דורך מיר גשיקט גווארן
ווי מיר זענן אוועק גגאנגן זאגט ער צו אונז דען איטליכר מענטש
זאל עוסק זיין מיט דעם אנדרן מענטשין נאך זיין סדר נאך איין זכר
ווערדליג זיין סדר איין נקבה נאך איר סדר איין חשובר מאן נאך זיין
סדר זאג איך צוא מיין זון רבי חייא בני דאס מיינט דער פסוק כה
תאמר לבית יעקב ותגיד לבני ישראל דס מיינט מען צוא די בני יעקב נאך
זייער כח אונ צו די בני ישראל נאך זייער כח זאגט ער צוא אונז
דס וואס איר האט גיזעהן אז איך האב ניט אויף גיהובין מיין קאפ
אונ האב מיט אייך ניט גירעט דרום ווייל איך בין איין חכם אונ פר
שטיי אין גראזן מיין וויא אלי מענטשן וואס איז אין דור איך האב
עס גלערינט פון מיין פאטר אלי דרכים פון די קרייטיכץ וואס אין זיי
איז אמת אונ מיין וואונונג איז ביי זיי אגאנץ יאר • אונ דס קרייטיכץ
וואס איר הט גזעהן וואס איך האב עס צו גדעקט מיט די בלעטר פון
איין ווין שטאק • עס איז אין מיין שטוב דא איין ארט אין צפון זייט
דארטין איז איין מיל מיט איין קוואל אונ פון דער מיל גייט ארויס
איין מאן מיט צוויי קעפ אונ איין בלוזי שווערד איז אין זיין האנט
אונ אזו איז ער אונז אלי טאג מצער אונ דער שרעקט אונז דרום
האב איך אוף גקליבן די קרייטכצר • גייט מיר נאך וועט איר זעהין
דעם כח פון די קרייטכצר • אונ וואס הקב"ה הט מגלה גוועזן אוף דר
וועלט אונ קיין מענטש ווייסט ניט זיין וועג זייא זענין אן אויגין אן
הערצר זיי פאר שטייען ניט • זענן מיר נאך אים נאך גגאנגן • וויא
מיר גייען אויף דעם וועג הט ער גנידרט אין איין לאך אין דר ערד
אונ הט גיטאן די קרייטיכצר אויף דער לאך איז ארויס גיגאנגן איין
שלאנג אונ זיין קאפ איז זייער גרויס הט ער גנומן איין שטריק אונ
הט גבונדן דעם שלאנג ווי איין ציקלי מיר האבן זיך זייער גפארכטן
אונ ער זאגט גייט מיר נאך אונ מיר גייען ביז צו זיין הויז האבן מיר
גזעהן דס זעלביגי ארט אין דר פינצטר אונטר איין וואנט ער האט
גנומן איין ליכט אונ האט גברענט מיט דעם פייער ארום דעם ארט
פון דער מיל זאגט ער צו אונז וואס איר וועט זעהין זאלט איר זיך
ניט פארכטן אונ רעט ניט אין דעם הט ער אוף גבונדן דעם שלאנג
פון זיין קנופ אונ הט צו קלאפט די קרייטיכצר אונ האט גיטאן אוף
דעם קאפ פון דעם שלאנג אזו איז דר שלאנג אריין גגאנגן אין דעם
קוואל פון דער מיל אזו האבין מיר גיהערט איין קול וואס דס גאנצי
ארט איז דר ציטרט גווארן מיר האבן פר מורא גוואלט ארויס גיין
הט ער אונז אן גנומן ביי דיא הענט אונ זאגט פארכט אייך ניט
גנעהנט צו מיר • אין דעם גייט ארוס דר שלאנג אונ דם בלוט רינט
פון אים נעמט ווידר דר מענטש אונ טוט ווידער קרייטכץ אויף זיין
קאפ אזו ווי פריער דר שלאנג גייט ווידר אריין אין מיל אריין אונ
זאמט אביסל דר נאך האבן מיר גזעהן אז עס איז ארוס גגאנגן פון
דעם קוואל איין מאן מיט צוויי קעפ אונ דר שלאנג איז אים גלעגן
ארום זיין האלז ער גייט אריין אין קוואל אונ גייט ארויס אזוי איז
גוועזן דריי מאל אונ הט גזאגט וקומא וקומא דס הייסט איין שפלה בריה

חיי

ווייל צו דר מוסר וואס ווי הט אים גיבראכט אויף דעם אָרט אין דעם
איז די מיל אוים גריסין גוואָרן פון איר אָרט אונ דר מאן איז אַרוס
גיגאַנגען מיט דעם שלאַנג אונ זענין ביידי גפאַלן טויט אונ אויף אונז
איז גפאַלן איין גרוסי מורא אַזו זאָגט דר מענטש צו אונז דאס איז
אַלץ פון דעם קרייטעכץ וואס איך האב גקליבן פאַר אַייך דרום האָב
איך מיט אַייך ניט גרעט אונ האב ניט אויף גהובן מיין קאפ בשעת
איר הט גנעהנט צו מיר · אונ ער זאָגט וואָלטן די לייט גוויסט אונ
פר שטאַנען אַלץ וואס הקב״ה הט גפלאַנצט אויף דער וועלט אונ אַלץ
וואס עס ווערט גפונן אויף דר ערד וואָלטין זייא גוויסט דעם כח פון
זייער הערן בהכמת גדולה אָבר הקב״ה הט עס דריבר פר באָרגן פון
די לייט כדי זיי זאָלן ניט אָפ קערן פון זיין וועג אונ זאָלן זיך ניט פר
זיכרין אין דר חכמה אונ וועלן פר געסן אין אים · אונ אַז מיר זענין
גקומן פר רבי שמעון בן יוחאי אונ מיר האָבן אים דאס דר ציילט
זאָגט ער פר גווים אַז דר מענטש איז אַגרוסר חכם דען עס איז ניט
דאָ קיין שום גראָז אויף דר וועלט וואס זאָל אין דרינען ניט זיין איין
גרוסי חכמה אונ איין כח גדול אין הימעל קום אונ זעה פון דעם
קרייטעכץ וואס הייסט אזוב וואס גאט הט גהייסן מטהר זיין דעם מענטשן
הט ער אַלץ גהייסן נעמן דעם אזוב וואס איז דר טעם דען מיט דעם
דר וועקט זיך זיין כח למעלה וואס ער איז אויף אים ממונה דען איז
דס מבער דעם רוח הטומאה אונ דער מענטש ווערט גרייניגט אונ
אוף דיר זאג איך בריך רחמנא גלובט איז השי״ת דר רחמן וואס הט דיך
מציל גוועזן · אתם ראיתם אשר עשיתי למצרים ואשא אתכם על כנפי נשרים וואָרום
זאָגט ער על כנפי נשרים זאָגט רבי יהודה עס קומט מיר צוא ווייזן אַז
השי״ת איז זיך מרחם אויף דיא ישראל אַזו וויא איין אָדלר איז זיך
מרחם אוף זייני קינדר אונ איז בדין אוף אַנדרן אַזו אוך איז הקב״ה
ברחמים על ישראל אונ בדין גוועזן אוף דיא מצרים · ויהי ביום השלישי
רבי אַבא הייבט אָן אחות לנו קטנה דס מיינט מען דיא כנסת ישראל
וואס זיא איז בהעפט צו הקב״ה ושדים אין לה דאס איז וואס מיר האָבן
גלערינט אַז די ישראל זענין גקומן צו דעם בארג סיני האָבן זיי קיין
מעשים טובים ניט גהאט קיין שום זכות עס זאָל אויף זייא מגין זיין
דרום זאָגט ער ושדים אין לה זיי האָבן ניט קיין בריסט אַזו וויא בריסט
זענין דס שענקייט פון דר אשה אַזו האָבין זיי קיין שום שענקייט ניט
גהאט מיט מעשים טובים מה נעשה לאחותינו ביום שידובר בה וואס זאָלן מיר
טאָן מיט דיא רייד פון דר תורה בשעת הקב״ה וועט זיך צוא זייא
בווייזן אוף דעם בארג סיני צו ריידן מיט זיי די תורה אַזו וועט זיך
אַוועק פליהן פון זיי זייערי נשמות רבי יוסי זאָגט בשעת די ישראל
זענין גקומן צום בארג סיני נאָך די דריי נעכט וואס זייא האָבן זיך
פורש גוועזן פון זייערי ווייבר זענין גקומן דיא מלאכים עליונים אונ
האָבן מקבל גוועזן די ישראל באהבה די מלאכים זענין מקדש דעם
שם העליון למעלה אונ דיא ישראל זענין מקדש דעם שם הקודש
למטה מיט גרוים היילינ אונ זענין גיקריינט גיוואָרין מיט זיבעציג
כתרים אין דר נאַכט אונ די מלאכים עליונים האָבין גיזאָגט אחות לנו
קטנה ושדים אין לה דס הייסט עס איז אין זיי ניט דאָ קיין זכות ומעשים
טובים מה נעשה לאחותנו דס הייסט וואס פאַר איין כבוד זאָלין מיר אָן
טאָן ביום אין דעם טאָג וואס הקב״ה וועט זיך צו זיי אַנפּלעקן מיט זיין
תורה רבי שמעון זאָגט בשעת הקב״ה האָט זיך גיוואָלט צוא זייא
אַנפּלעקן אוף דעם בארג סיני האָט ער גרופן צוא דער פמליא של

מעלה אונ הט גזאָגט צו זיי אַצונד זענין די א ישראל וויא קינדר זייא
ווייסן נאָך ניט מייני מנהגים וחוקים אונ איך וויל מיך מגלה זיין צ[ו]
זיי אונ אַז איך וועל זיך מגלה זיין צו זיי מיט כח וגבורה וועלן זייא
ניט קענען ליידן דרום ווער איך מיך צו זיי בווייזן מיט רחמים כדי זי[י]
זאָלן עס קענען ליידן אונ מקבל זיין מייני חוקים דרום שטייט ויהי ביו[ם]
השלישי בהיות הבוקר דאָ הט זיך דר וועקט דר זכות פון אַברהם אונ זיין
חסד וואס הייסט בוקר וואס ביי אים שטייט וישכם אברהם בבוקר ווייטער
זענין סודות · זאָגט רבי יוסי ברבי יהודה פנים בפנים האָבין דיא
ישראל גזעהן די לויטרי ליכט פון זייער הערן אונ עס איז ניט גוועזן
צווישן זיי קיין הינקדיגר אונ קיין שטומער אונ קיין בלינדר דען עס
שטייט וכל העם רואים את הקולות קיין קרומער וואָרום עס שטייט ויתיצבו
בתחתית ההר קיין אָפּ גהאַקטר עס שטייט נעשה ונשמע איז משמע זייא
האָבן גיקאָנט אַלדינג טאָן אָן איין חסרון אָבר לזמן העתיד שטייט
אז ידלג כאיל פסח ותרון לשון אלם דס זעלביגי מאָל אַז משיח וועט קומען
וועט דר הינקדיגר שפּרינגען אונ דר שטומר וועט זינגען :

וידבר אלהים את כל הדברים וגו׳ רבי יהודה זאָגט עס שטייט מי ימלל גבורות
ה׳ ישמיע כל תהלתו אין ווי פיל וועגן גפינן מיר אַז די תורה איז
מזהיר דעם מענטשן ער זאָל ניט זינדיגן אונ וויא פיל וועגין שטייט
אַז זי גיט אים עצות ער זאָל ניט אָפּ קערן פון די רעכטי וועגן ימין
ושמאל · ווי ער זאָל תשובה טאָן פר הקב״ה אונ ער זאָל אים מוחל
זיין · מיר האָבן גלערינט דריי הונדערט אונ דרייצן מיני עצה גיט
דיא תורה דעם מענטשן אַז ער זאָל זיין גאַנץ מיט הקב״ה דען ער
וויל מיט אים מטיב זיין בעולם הזה ובעולם הבא · דיא וועלט איז
אַקעגן יעני וועלט גליך ווי איין פיר הייזל אַקעגן איין פאַליץ דרום
איז עולם הבא של הקב״הי אונ ווען דר צדיק איז זוכה איז דאס זיין
חלקידען מיר האָבן גלערינט עס שטייט על כן לא היה ללוי חלק ונחלה עם
ישראל פר וואס איז דאס אַזו וואָרום ה׳ הוא נחלתו וואול דעם חלק פון
דעם וואס איז זוכה צו ירשנן די ירושה עליונה אַזו איז ער זוכה אוף דר
וועלט מכל שבן ווער עס איז זוכה לעולם הבא אונ צוא דעם בית
המקדש של מעלה אַזו וויא עס שטייט ונתתי להם בביתי ובחומותי יד אונ
דארטן על אחת כמה וכמה וואול דעם צדיק וואס ער איז זוכה צוא
וואוינען עם המלך אין זיין הויז · זאָגט רבי שמעון וואול דעם צדיק
וואס ער איז זוכה צו דעם וואס שטייט אז תתענג על ה׳ וואָרום שטייט ניט
עם ה׳ נאָר על ה׳ דס איז דר מיט וואס עליונים ותחתונים ווערן גצויגן
דר פון אונ גלוסטן דר צו דרויף האָט יעקב גזאָגט מאין יבא עזרי אויך
שטייט ועד עתיק יומין מטא וקדמוהי הקרבוהי דס גלוסטקייט אונ נאָר דער
תענוג איז צו לובן צו דעם לויטרקייט וואס די לויטרי ליכט גייט אַרוס
פון דאָרט אונ וואס פון דאָרט ווערין גיצונין אַלי אורות וכתרים ·
ווייטר זענין סודות :

וידבר אלהים דס איז איין לשון אוים רופן דתניא מיר האָבין גלערינט
בשעת אַז הקב״ה הט זיך אַנפּלעקט אונ אָן גהובן צוא ריידן
מיט די ישראל האָבן זיך די עליונים ותחתונים דר שראָקין אונ דיא
נשמות ישראל זענן אוים גגאַנגען אונ דס היילגי וואָרט הט גשוועבט
סלסעלה למטה אונ עס איז גוואָרן אוים גקריצט אוף אַלי פיר זייטן פון
דער וועלט אונ עס איז ווידער אַרוף גגאַנגען אום שעפּן דיא אורות
עליונים אונ פון דעם טל של מעלה אונ האָט אַרוס גרינגלט דיא
ישראל אונ הט זיי ווידר אום גקערט די נשמות אונ איז אום גקריצט

וואָרן

ארן אויף דעם רעכטן ארט אין די לוחות אבן אזו איז גוועזן איטליכר
ור ודבור · זאגט רבי שמעון איטליכר דבור איז גיוועזן פיל פון
י טעמים אויף דער זאך און פון אלי גזירות שכר ועונש און אלי
וסודות נסתרים אזו ווי איין אוצר וואס עס איז פול פון אלם גוטין אזו
ן גוועזן איטליכר דבור ודבור וואס עס איז ארוס גגאנגן פון הקב"ה
ן בשעת דר דבור איז ארוס גגאנגן האט ער אויס גוויזין נאר פאר
ינם און אז ער איז אום גקריצט גווארן אין דיא לוחות איז אויס
עהן גווארין אין דעם דיבור שבעים ענפים וואס איז דרויף ארויף
אנגן און ניין און פערצג קרוינן פון איין זייט און ניין און פערצג
רוינן פון דר אנדרר זייט אזו ווי איין האמר שלאגט אין איין שטיין
טיילט ער זיך אויף עטליכי פונקען אזו ווי עס שטייט וכפטיש יפוצץ
ע און אלי ישראל האבן גזעהן עין בעין און האבן זיך זייער גיפרייט
ן אלי דורות אחרונים וואס זענן גבארן גווארן און דיא וואס וועלין
בארן ווערן זענן דארטן גוועזן און אלי נשמות האבן מקבל גיוועזן
י תורה אויף דעם בארג סיני אזו וויא עס שטייט כי את אשר ישנו פה
ת אשר איננו פה און איטליכר האט מקבל גיוועזן דיא תורה נאך זיין
דריגה פון דער נשמה איז גיוועזן און אלי האבין גיזעהן און מקבל
וועזן דיא הייליגי רייד את כל הדברים זייא זענין נכלל גיווארין פון אלי
טעמים און סודות גזירות ועונשין לאמר דס זיא זאל זיין זייער ירושה
זו ווי עס שטייט תורה צוה לנו משה מורשה אויב דוא וועסט וועלן מיינן
ז אלי סודות וואס דו לערינסט מעגסטו מגלה זיין צו איטלכן דרום
שטייט אנכי ה' אלהיך אזו ווי איך בין פר בארגן און פר הולין פון אלי
הזו זאלן מייני רייד אויך זיין פר בארגן און פר הולן אין דיין הארצן
ניט אנפלעקט צו איטלכן דיא סודות התורה :

בי יצחק זאגט ווארום האט הקב"ה גיגעבן דיא תורה אין פייער אין
איין פינצטרניש אזו ווי עס שטייט וההר בוער באש עד לב השמים חושך
ן וערפל צו ווייזן דר וואס עס איז עוסק בתורה ווערט ער ניצול פון
דעם אש של גיהנם און פון דעם פינצטרניש של צרות וואס די עובדי
כוכבים האבן פר פינצטרט דיא ישראל דען מיר האבן גלערינט אז
הקב"ה האט גזאגט צוא אברהם כל זמן דייני קינדר וועלן עוסק זיין
בתורה וועלן זיי ניצול ווערן פון דעם גיהנם און פון דעם גלות און
אז ניט מוזן זיי זיין אין גיהנם און אין גלות זאגט אברהם דייני רייד
ענן בוודאי רעכט · נאר עס איז פארט ניט מיגליך צו פאר בינדן
יי מיט צוויי זאכן עס איז ניט מיגליך זיי זאלין האבין ביידי גיהנם
מיט גלות נאר אויב דיר איז ניחא בעסר זאלן זיי זיין אין גלות און
זאלן ניצול ווערן פון דעם גיהנם און אין גלות זאלן זיי זיין ביז זייא
וועלן תשובה טאן פר דיר · זאגט הקב"ה צוא אים עס זאל אזו זיין
בוודאי אזו ווי עס שטייט אם לא כי צורם מכרם דס איז אברהם אזו וויא
עס שטייט הביטו אל צור חצבתם צור מיינט מען אברהם ער הט זיי מוסר
גוועזן אין גלות אריין וה' הסגירם הקב"ה האט אויך מיט אים מסכים
גוועזן· רבי יהודה זאגט פון דר צייט וואס די ישראל זענן ארוס גגאנגן
פון מצרים ביז מען הט גגעבן דיא תורה האט גווערט פופציג טעג
קעגן די שנת היובל דען דר יובל הט זיי פריי גימאכט און הט זייא
אויס גצוגן פון מצרים דרום שטייט אין דר תורה דר מאנט פופציג
מאל יציאת מצרים ווארום זייא זענין גיקריינט גיווארן מצד היובל
ווייטר זענן סודות :

תנא רבי יצחק זאגט פון דר צייט אז הקב"ה הט זיך בוויזן אויף דעם
דעם בארג סיני איז דער בארג דער ציטרט גיווארן און אלי
בערג פון דער וועלט זענן אויך דער ציטרט גיווארן זייא האבין זיך
גהובן ארויף און אראפ ביז הקב"ה הט אויף זיי גשטארקט זיין האנט
זענן זייא ערשט גיווארן אזו וויא פריער און עס איז ארוס גיגאנגן
איין קול און הט אום גירופן מה לך הים כי תנוס וגו' זענן זיי גיקומן און
האבן גיזאגט מלפני אדון חולי ארץ מלפני אלהי יעקב :

רבי חייא זאגט דיא אותיות וואס זייא זענן איין גקריצט גווארן אין
דיא הייליגי לוחות זענין זייא גיזעהן גיווארן פון ביידי זייטן
אויף דער זייט איז גישטאנין אנכי ה' אלהיך און אויס דיא אייגני אותיות
האט מען גלייענט אויף דער אנדערער זייט לא תרצח און אויף דער
זייט איז גישטאנען לא יהיה לך און דיא אייגני אותיות האט מען
גילייענט אויף דער אנדערער זייט לא תנאף אזו איז גיוועזן אלי פינף
אנטקעגין די פינף זייא זענן גיוועזן גישריבן בגם דאס אלי מענטשן
וואס האבען דאס גיזעהען האבען זייא עדות גיזאגט אז דאס איז
מכתב אלהים בוודאי · דאס איז גישריבען בקיצור וויא אזוא דיא
לוחות זענין גיוועזן :

וידבר משה אל העם ויאמר אליהם און עס שטייט ניט וואס ער האט צו זיי
גיזאגט זאגט רבי יצחק דער סדר פון דער וועלט איז ווען עס
קומט אויף איין מענטשן פלוצלונג אגרויסי פרייד אדר אגרויס צער
וואס ער האט דער פון פריער ניט גיוואוסט קען ער עס ניט פאר
נעמען דען זיין הארץ פאלט פון אים אוועק לפי שעה אבער אז ער
ווייסט פריער דר פון אזו שטייט עס אויף איין שטאנד און ער קען
עס שוין יוא סובל זיין כיכל שכן דא וואס משה האט זייא אלץ גיזאגט
וואס דער נאך וועט זיין און האט זייער הארץ גישטארקט און זייא
האבין פארט ניט גיקענט דר נאך עס פר נעמען איז שוין אכל שכן
אז ער וואלט זייא פריער נאר ניט גיזאגט דרום שטייט צום ערשטן
וידבר אליהם משה ער הט זייא פריער גישטארקט זייער הארץ און דר
נאך וידבר אלהים את כל הדברים פון דעסט וועגן האבין זייא עס פארט
ניט גקענט פר נעמן דען רבי יוסי הט גיזאגט אז דיא ישראל האבין
גיהערט די רייד פון הקב"ה איז ארוס גפלוגין זייערי נשמות אין זענן
ארויף גיגאנגען ביז דעם כסא הכבוד צו באהעפטין זיך דארטן הט
די תורה גיזאגט צו הקב"ה רבונו של עולם ביז איך דען אום זיסט
בשאפן גווארין צוויא טויזנט יאר איידער דוא האסט בשאפן דיא
וועלט · שטייט דען אום זיסט פיל מאל אין דר תורה צו רייזן צו די
בני ישראל ווי זענן די בני ישראל · באותו שעה הט די תורה ווידר
אום גיקערט די נשמות פון דיא ישראל איטליכען אין זיין גוף אריין
דרום שטייט תורת ה' תמימה משיבת נפש די תורה אליין הט אום גיקערט
די נשמות צו די ישראל :

תאנא מיר האבין גילערינט אין דר צייט וואס הקב"ה האט גיזאגט
אנכי זענן אלע מצות פון דער תורה וואס האבין איין אחיזה
אין המלך הקדוש העליון נכלל גיווארין אין דעם ווארט אנכי אזו ווי
מיר האבן גילערינט אלי מצות פון דר תורה זענן בגריפן אין המלך
הקדוש און עס איז ניט דא קיין שום מצוה וואס זיא האט ניט קיין
אחיזה אין הקב"ה דען אזו וויא עס איז דא ביי אמענטשין רמ"ח
אברים ושס"ה גידין אזו זענן רמ"ח מצות עשה און שס"ה מצות לא
תעשה אלי אין איינעם טרעפן אן תרי"ג און איטליכי מצוה פון זייא
האבין איין אחיזה אין דיא אורות הקדושים פון הקב"ה אזו וויא עס

שטייט נעשה אדם בצלמנו כדמותנו און עס שטייט ומבשרי אחזה אלוה פון מיין פלייש און ביין גוף דר קענט מען השי"ת · האמשי ביי הקב"ה גשיקט זיך חלילה ניט מצייר זיין חס ושלום אזו אגלייכן ווייל הקב"ה האט ניט קיין גוף און ניט חלילה קיין שום דמות הגוף פון דעסט וועגין דורך דעם קענן מיר פאר שטיין די אורות עליונים הקדושים און דעסט גלייכין · נמצא אז די תרי"ג מצות האבין איין אחיזה אין הקב"ה אליין דרום ווער עס איז עובר איין מצוה פון דער תורה איז ער פוגם חס ושלים אין דעם וואס הייסט דמות פון הקב"ה אין דעם זעלבינן אבער וואס זיא האט איין אחיזה כביכול למעלה דרום שטייט ויצאו וראו בפגרי האנשים הפושעים בי שטייט בי דאס איז טייטש אין מיר זעלבערט וויא צו דיא רשעים וואס זענען עובר אויף דר תורה זיי ווייסן גאר ניט וואס פאר איין פגם זיי מאכן למעלה · רבי שמעון האט גיזאגט דאס ארט וואס דר מענטש איז פוגם למעלה דאס אליין איז מגלה און מפרסם זייני זינד · רבי שמעון זאגט הקב"ה אליין איז מגלה זייני זינד דען אנטקעגן הקדוש ברוך הוא האט ער חוטא גיוועזן דרום אנטפלעקט ער זייני זינד אזו וויא עס שטייט יגלו שמים עונו והארץ מתקוממה לו דיא שמים זענין מגלה זייני זינד און אז זיא זענען מגלה זייני זינד אזו טוט דיא ארץ זיין דין און זיין עונש · עס שטייט כבד ה' מהונך דאס מיינט מען זאלסט ערליך האלטין צוא גאט דורך דר תורה ומצות וועט אים מקוים ווערין אזו ווי דער פסוק זאגט אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד :

לא תעשה לך פסל וכל תמונה זאגט רבי יוסי אלי גשטאלטן מעג מען מאכן נאר איין גישטאלט פון איין מענטשין טאר מען ניט דען דער גשטאלט פון אמענטשן איז שולט אין אלי גשטאלטן רבי יצחק זאגט עס שטייט אל תתן את פיך להחטיא את בשרך איטליכר מענטש גיהער נזהר זיין ער זאל ניט עובר זיין אויף דר תורה און ער טאר ניט אום ציהן קיין דברי תורה פון זיין מויל וועלכס ער ווייסט ניט קלאר און הט דס ניט מקבל גיוועזן פון זיין רבי דען וועלכר מענטש וס זאגט דברי תורה און הט זיי ניט מקבל גיוועזן פון זיין רבי איז ער עובר אויף לא תעשה לך פסל וגו' און הקב"ה איז אן גיברייט פון אים גיצאלט ווערען לעולם הבא און אז די נשמה וועט וועלן אויף גיין אויף איר ארט וועט מען זי אוועק שטויסן פון איר ארט אין דער זייט אריין און וועט פר דארבן ווערן פון איר ארט וס הייסט צרור החיים דס ארט פון אלי נשמות רבי יהודה זאגט מיר לערנן דס אפ פון דעם פסוק למה יקצוף אלהים על קולך דאס איז דיא נשמה וואס הקב"ה איז אויף איר ברוגז איבער דעם קול פון דער תורה וואס זיא האט ניט רעכט גיזאגט רבי חייא זאגט מיר לערנען דאס אפ פון דעם פסוק כי ה' אלהיך אל קנא ער איז מקנא פון זיין נאמען וועגין הן אז ער מאכט איין גישטאלט וס ער לייקנט אין דעם נאמן פון הקב"ה והן פון דר תורה וועגין וואס ער הט ניט רעכט גיזאגט דען מיר האבין גילערנט אז די גאנצי תורה איז אלץ שמות הקדושים עס איז ניט פר האנדן איין ווארט אין דר תורה וס זאל ניט נכלל ווערן איין שם הקדוש דרום גיהער מען נזהר זיין מען זאל ניט לייקענין חלילה אין דיא הייליגי שמות דאס הייסט מען זאל זיך ניט טועה זיין אין דער תורה ווארום ווער עס לייקנט חלילה במלך עליון לאזט מען אים ניט אריין גיין בהיכל מלך און ווערט פאר דארבען פון עולם הבא רבי אבא זאגט דא שטייט לא תעשה לך פסל און ביא דער תורה שטייט אויך פסל לך שני לוחות אבנים

דאס הייסט דוא זאלסט ניט מאכן איין פסל וואס דער ביא שטייט פסל לך הייסט אזו איין תורה וואס דו ווייסט ניט פון דיין רבי ווארום כי ה' אלהיך אל קנא איך וועל אליין גיצאלט נעמען פון דיר אויף יענר וועלט בשעת דיין נשמה וועט וועלין אריין גיין פאר מיר זענען אן גיברייט כמה וכמה מחבלים צוא נעמין דיין נשמה און פירן זי אין גיהנם אריין. רבי יצחק זאגט עס שטייט לא תעשה לך פסל און דם מיינט מען אז איין מענטש זאל ניט לייקענן חלילה אין דעם קשר וואס דר מענטש האט זיך מקשר גיוועזן להקב"ה מיט דעם וס ער איז אריין גינאנגין בבריתו של אברהם אבינו און ווער עס לייקנט אין דעם לייקנט ער חלילה אין הקב"ה רבי יהודה זאגט פון דעם פסוק איז דס גידרונגען עס שטייט בה' בגדו כי בנים זרים ילדו ווער עס לייקנט אין דעם ברית לייקנט ער חלילה אין הקב"ה ווארום דער ברית האט איין אחיזה אין הקב"ה און עס שטייט לא תעשה לך פסל וכל תמונה :

לא תשא את שם ה' אלהיך לשוא רבי שמעון זאגט עס שטייט ויאמר אליה אלישע מה אעשה לך הגידי לי מה יש לך בבית אלישע האט איר גיזאגט טאמער האסטו עפעס וואס דיא ברכה פון הקדוש ברוך הוא זאל שורה זיין דרויף דען מיר האבין גילערנט אז איין מענטש טאר ניט מאכן איין ברכה אויף איין ליידיגן טיש ווארום די ברכה של מעלה קען ניט שורה זיין אויף אליידיג ארט דרום דארף דר מענטש מסדר זיין זיין טיש גאנץ שיין און זאל אויף אים בענטשן און ווען ער האט ניט מיט עפעס מסדר זיין זאל ער איבער לאזן פון זיין עסן צו דעם בענטשין · און אז דיא שונמית האט גיזאגט צו אלישע אז זיא האט בוים אייל האט ער גיזאגט דרויף וועט בוודאי שורה זיין דיא ברכה שליכה · פון דאנען לערנן מיר אפ אז מען טאר ניט דר מאנן דעם הייליגן שם אויף איין ליידיג ארט און ווער עס דר מאנט דעם הייליגן שם לידיג וואלט אים בעסר גיוועזן ער זאל ניט בשאפין ווערן · רבי אלעזר זאגט מען טאר ניט דר מאנין דעם הייליגן נאמן פון הקב"ה צום ערשטין איידער ער זאגט פריער אנדערע ווערטער ווארום מיר זעהען אין דער תורה ווערט דער מאנט דער שם נאך דיא צווייא ווערטר בראשית ברא און דר נאך זאגט ער דם ווארט אלהים רבי שמעון זאגט הקב"ה דר מאנט ניט זיין נאמען נייערט אויף איין עולם שלם דען אין מעשה בראשית שטייט ניט דער מאנט דער שם הוי"ה ביז דיא וועלט איז פארטיג גיווארען מיט אלץ דינג שטייט ערשט דער נאך ביום עשות ה' אלהים ארץ ושמים אבער פריער איידער זיא איז פארטיג גיוועזן שטייט נאר דר שם אלהים דרום זאל דר מענטש אויך ניט דר מאנן דער שם אויף איין ליידיג ארט דרום שטייט לא תשא את שם ה' אלהיך לשוא די זאך האבן די חכמים גיזאגט בשעת הקב"ה האט גיפלאנצט די וועלט הט ער גינומן איין שטיין וס דרויף איז גיוועזן אויס גיקריצט דעם הייליגר שם און הט דם שטיינדל אריין גיווארפן אין דעם תהום אריין און ווען די אונטרשטע וואסר ווילן ארויף גיין דער זעהן זיי דעם שם הקדוש אויף דעם שטיין אויס גיקריצט קערין זיי זיך אום צו ריק און דאס שטיינדל שטייט נאך עד היום אין דעם תהום · און אז דיא מענטשן שווערין אמת גייט אוף דר שטיין און איז מקבל דיא שבועה און קערט זיך ווידר אום און שטייט ווייטער אויף דעם תהום און די וועלט האט אקיום · אבער בשעת מענטשין שווערין אום זיסט און חלילה פאלש אזו גייט דר שטיין ארויף צוא נעמען דעם שקר און דיא וואסר גייען ארויף אין שרעקין און דיא

יתיות פון דעם הייליגן שם פליהן אוועק אונ ווילן פר פלייצין די
עלט אזו וויא צום ערשטן איז דיא וועלט גיוועזן וואסר ביז הקב"ה
דייט אן איין ממונה וואס איז ממונה אויף ו׳ מפתחות סוד שם הקודש
נמט ער דם שטיינדיל אונ קריצט ווידר אויס די אותיות אזו וויא
ייער הט ווידר דיא וועלט אקיום · אונ דיא וואסר קערין זיך אום
רום שטייט לא תשא את שם ה׳ אלהיך לשוא דאס הייסט דו זאלסט ניט
רם זיין אז דיא אותיות זאלען חס ושלום ארויף קומען פון שבועת
שוא וועגין :

ור את יום השבת לקדשו דם איז דער כלל פון דער גאנצר תורה אונ
אלי סודות התורה העגגין אן אין שבת ווער עם היט שבת איז
גליך וויא ער היט די גאנצי תורה :

בד את אביך ואת אמך דוא זאלסט זייא ערליך האלטן מיט אלערלייא
כבוד דאס הייסט זאלסט זייא משמח זיין מיט דייני מעשים
ובים אזו וויא עם שטייט גיל יגיל אבי צדיק איז דאס דער כיבוד אב
ם · זאגט דער רעיא מהימנא דאס איז משה רבינו רועה נאמן
בד את אביך מיינט מען הקב"ה מען זאל אים ערליך האלטין מיט
יינע קליידער צוא דער נשמה מיט כנפי מצות · כבד את ה׳ מהונך דאס
יינט מען תורה ומצות אזו שטייט אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד
ען קיין מענטש הייסט ניט קיין עני נאר אז ער איז ליידיג פון תורה
מצות אונ דאס עשירות פון דעם מענטשין איז נאר תורה ומצות
רום שטייט כבד את ה׳ מהונך דוא זארשט ניט לערנען כדי מען זאל
יך דר פאר ערליך האלטין אדער מען זאל דיך רופן רבי נאר אזו
יא עם שטייט גדלו לה׳ אתי אונ אזו וויא איין זון איז מחויב בכבוד אב
ם ווייל זייא האבן אין אים איין חלק דאס ווייסע פון דיא אויגין
וג דיא ביינער מיט די אברים איז פון דעם פאטר אונ דם שווארץ
פיל פון די אויגין מיט דיא האר אונ פלייש מיט דער הויט איז פון
ר מוטר אזו אויך דארפין די פאטער אונ מוטער מגדל זיין זייערע
ינדער בתורה ובמעשים טובים אזו וויא עם שטייט ושננתם לבניך אונ
ז דער פאטער לערינט מיט אים ניט קיין תורה איז גלייך וויא ער
אט אים גימאכט פאר איין פסל דרום שטייט דער בייא לא תעשה לך
סל אונ דער נאך ווערט דער זון איין בן סורר ומורה ער איז מבזה
אטער אונ מוטער ווייל ער איז איין עם הארץ ער איז חשוד אויף
לין דינג אפילו צו הרגנן איין מענטשן אונ מזנה זיין אונ דינן עבודת
וכבים ווען איינער גייט אויף אזו איין ארט וואו מען קאן אים ניט
ונ וועט קיין ברכה ניט מאכין ווארום ער איז איין עם הארץ וועט
ען מיינען ער איז פון דיא היידין · עד כאן רעיא מהימנא · כבד את
יך אזו וויא דר פסוק זאגט כבד את ה׳ דו זאלשט ערליכין צו הקב"ה
הונך פון דיין געלט אונ פון דיין שמחה דאס הייסט זאלשט אים דינן
ימ שמחה אזו זאלסטו משמח זיין דיין פאטר אונ מוטר מיט דיינע
עשים טובים ווארום אזו וויא איין מענטש איז מחויב ערליך האלטן
ונ מורא האבען פאר הקב"ה אזו איז ער מחויב ערליך האלטן אונ
ורא האבן פר פאטר אונ מוטר דען די דריי זענן חברותא אין דעם
ענטשין למען יאריכון ימיך דען עם איז פר האנדין ימים למעלה וום דם
לעבן העגגט אן אין דעם · ווייטר זענן סודות :

א תרצח לא תנאף לא תגנוב צווישין דיא דרייא איז דער טראפ מפסיק
צו ווייזין אז עם איז פאר האנדין אין זייא חילוקים אמאל טאר
ען זייא ניט טאן אונ אמאל מעג מען זיי טאן דען ווען עס וואלט ניט
זיין קיין הפסק וואלט דיא וועלט קיין תקומה ניט גיהאט לא תרצח
איז משמע מען טאר קיינעם ניט הרגנן אפילו אז ער איז עובר איין
עבירה וואס ער איז דרוף חייב מיתה דרום שטייט איין פסיק צוא
ווייזין אמאל איז אסור אונ אמאל איז מותר לא תנאף עם זאל ניט
שטיין קיין פסיק איז מיטין וואלט משמע גיוועזן אז עם איז אסור
מוליד זיין קינדער אונ זיך משמח זיין אפילו מיט זיין ווייב אבער דר
טראפ איז מפסיק צו ווייזין מיט אפרעמדי טאר מען ניט אבער מיט
זיין ווייב מעג מען לא תגנוב עם זאל ניט זיין קיין פסיק וואלט אסור
גיוועזן אפילו צוא גנבנן דיא דעה פון זיין רבי אין דער תורה אדער
דיא דעה פון אחכם · אדער אדיין אז עם קומט פאר אים איין
משפט פון רמאים אזו מוז ער גנבנן דיא דעה פון זייא כדי דער
משפט זאל ארויס גיין קלאר · אבער היינט אז עם איז דא איין
פסיק ווייזט דם אז אמאל איז מותר היינו אזעלכם וום שטייט אובן
מעג מען · לא תענה ברעך עד שקר דא שטייט שון ניט קיין פסיק ווייל מען
טאר קיין מאל ניט קיין פאלש עדות זאגן אונ מיט דברי תורה הט
הקב"ה גמאכט רזין עליונים אונ הט גלערינט די לייט איין וועג מתקן
צו זיין אונ גיין אין אים אזו וויא דער פסוק זאגט אני ה׳ מלמדך להועיל
מדריכך בדרך תלך · אונ אזו אוך לא תחמוד איז אויך קיין פסיק ניט דא ·
אוב דיא וועסט מיינן ווייל עם איז קיין פסיק ניט דא טאר מען ניט
גלוסטין אפילו קיין דברי תורה קום אונ זעה בייא אלי שטייט דער
איסור דורך כלל לא תרצח לא תנאף לא תגנוב אונ עם שטייט ניט וואס ·
איז משמע אלין · אבער דא שטייט ארום דורך פרט לא החמוד ב"ת רעך
לא תחמוד אשת רעך שדהו ועבדו ואמתו ושורו וחמורו וכל אשר לרעך אלי
זאכען וואס צוא דיין חבר איז איז אסור צוא גלוסטין · אבר
דיא תורה דאס איז תמיד דאס גלוסטיקייט אונ אורך ימים
בעולם הזה ובעולם הבא דאס איז מען מחויב צוא גילוסטען ·
דיא עשרת הדברות זענין דורך כלל פון דער תורה פון אלי
מצות · אונ דער כלל פון למעלה ולמטה · אונ דער כלל
פון עשרה מאמרות וואס דיא וועלט איז מיט זייא בשאפין
גיווארען · זייא זענען גיוועזן אוס גיקריצט אוף דיא לוחות
אבנים אונ אלי סודות זענען אין זיי מרומז אין איטליכן אות· אונ
די ישראל האבן דם גזעהן אונ האבין עם אלין גוויסט ווי די תרי"ג
מצות זענן נכלל אין די עשרת הדברות · אלין איז צו זיי גזעהן גווארן
אונ עם הט גלייכט צו זייערי אויגן אלי סודות התורה די רזין עליונים
ותחתונים · זייא האבן גיזעהען באשיינפערליך דם לויטערע ליכט
פון דעם כבוד פון הקב"ה אונ אז איין טאג איז ניט גיוועזן זינט די
וועלט איז בשאפן גווארן אזו ווי דר טאג וום הקב"ה הט זיך אין אים
אנטפלעקט צו די ישראל אוף דעם בארג סיני · אוב די וועסט פרעגן
מיר האבן דאך גלערינט אז איין שפחה האט גזעהן אוף דעם ים
וום יחזקאל הט ניט גזעהן · אבער דר טאג וום זיי זענן גישטאנן אוף
דעם בארג סיני איז ניט אזו גוועזן דען דעם טאג איז אוועק גיגאנגן
די זוהמא פון דעם נחש אונ אלי גופות פון די ישראל זענין גלייטרט
גווארן מיט דעם לוטרקייט פון די מלאכים עליונים ווען זיי זענן זיך
מתלבש אין די לבושים וום זענן לוטר ווען זייא בדארפן טאן דאס
שליחות פון זייער הערן אונ מיט די לבושים גיין זיי ארין אין פייער
אונ פארברענן זיך ניט · דעסט גלייכן דר מלאך וום הט זיך באוויזן
צו מנוח איז ארין גגאנגן אין פלאם פייער אונ איז דורך דעם ארויף
גגאנגן

גנאנגן אויף דעם הימל אזו ווי עס שטייט ויעל מלאך ה׳ בלהב המזבח און אזו אויך אז פון די ישראל האט זיך אפ גיטאן די זוהמא פון דעם נחש אין זייער גוף גיבליבן לויטער אן איין שום אונריינקייט און זייערי נשמות זענן אין זיי גוועזן ווי דער זוהר הרקיע מקבל צו זיין דאס אור און האבן גיקוקט אין דעם כבוד פון זייער הערן וואס אויף דעם ים איז ניט גוועזן אזו אגלייכן דען אויף דעם ים איז נאך ניט אפ גיטאן גיווארן פון זיי די זוהמא פון דעם נחש און אויף דעם בארג סיני האבן אפילו די ולדות אין זייער מוטערס בויך גיזעהן דעם כבוד פון זייער הערין און איטליכער האט מקבל גוועזן די תורה אזו ווי עס איז צו אים ראוי גוועזן • אין דעם טאג איז גוועזן איין שמחה פאר הקב״ה מער פון דעם טאג וואס די וועלט איז בשאפן גווארן דען דעסטמאל איז די וועלט נאך ניט גוועזן אויף איר שטאנד ביז די ישראל האבן מקבל גוועזן די תורה אזו ווי דער פסוק זאגט אם לא בריתי יומם ולילה חוקות שמים וארץ לא שמתי און אז די ישראל האבן מקבל גיוועזן די תורה אויף דעם בארג סיני דען איז ערשט די וועלט מבושם גווארן און די שמים וארץ זענן גבליבן שטיין אין איין קיום און הקב״ה איז גיווארין דער קענט למעלה ולמטה און זיין כבוד איז אויף גינאנגין אויף אלי און אויף דעם טאג שטייט ה׳ מלך גאות לבש ה׳ עוז התאזר און עוז איז טייטש דיא תורה אזו ווי דער פסוק זאגט ה׳ עוז לעמו יתן ה׳ יברך את עמו בשלום :

וזבחת עליו את עולותיך ואת שלמיך תנא מיר האבן גלערינט ווער עס איז מקריב זיין קינד אים מל זיין איז גלייך ווי ער וואלט מקריב גוועזן אלי קרבנות פון דער וועלט פר הקב״ה און גלייך ווי ער וואלט גיבויט איין מזבח פאר הקב״ה דרום מאכט מזב״ח מילה וסנה ביום ח׳ דרום מוז מען מסדר זיין איין מזבח היינו איין כלי מיט ערד און דרויף מל צו זיין דען איז דאס פר הקב״ה גלייך ווי ער וואלט דרויף גיקולט עולות וקרבנות און דס איז פר הקב״ה מער ניחא פון אלי קרבנות דרום שטייט ואם מזבח אבנים תעשה לי וזבחת עליו את עולותיך ואת שלמיך שטייט ווייטר בכל מקום אשר אזכיר את שמי דאס מיינט מען מילה וואס דרויף שטייט סוד ה׳ ליראיו ובריתו להודיעם דרום וואל צו דעם מענטשן וואס ער איז מקריב זיין קרבן בשמחה פר הקב״ה אויף אים איז גזאגט גווארן וישמחו כל חוסי בך לעולם ירננו וגו׳ :

# פרשת משפטים

ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם רבי שמעון זאגט אין דער פרשה איז מרומז די דינים פון דער נשמה ווי אזו זי איז מקבל איר עונש און ער זאגט דרויף גרויסי סודות ווי אזו אמענטש קען בקוקן אגרויסי נשמה פון הקדוש ברוך הוא וואס ער וועט הייסן איין בן צו הקדוש ברוך אזו ווי עס שטייט בנים אתם לה׳ אלהיכם אויף דעם זאגט דער פסוק נעשה אדם בצלמנו כדמותנו וירדו בדגת הים דער איז זוכה גיוועלטיגן אין אלי הימלין און אין אלי שרפים ואופנים והיות הקודש אויף דעם זאגט דער פסוק וכי ימכור איש את בתו לאמה איש • מיינט מען הקב״ה ער הייסט איש מלחמה • את בתו • מיינט מען די נשמה און אז ער זינדיגט מוז ער גשטראפט ווערן דרום שטייט ווייטר לא תצא כצאת העבדים זיא זאל ניט ארוס גיין אזו ווי דיא מדריגות נשמות וואס זייא הייסן עבדים ושפחות שפחה אמה • אגרויסן כלל מוז מען מודיע זיין אז עס קומען אמאל אראפ אויף דער וועלט נשמות הייליגי און בהעפטין זיך ווי די תלמידי חכמים גיין אין וועג און לערנן מיט זיי און זיי ווייזן זיך ווי

סוחרים גיין מיט אייזן און פירן סחורה דרום שטייט אין דר גמרא און פיל מאל איז זוהר אז זיי האבן גזעהן איין טייעא דס הייסט אסוחר פתח דר סבא הייבט אן עס שטייט אם רעה בעיני אדוניה אשר לא יעדה והפדה לעם נכרי לא ימשול למכרה בבגדו בה די פרשה איז גירעט גווארן אויף דעם אויבערשטן סוד וואס מיר האבן גזאגט אויף דעם פסוק וכי ימכור איש את בתו וגו׳ רבון העולמים ווער פארכט זיך ניט פר דיר דען די ביסט שולט איבר אלי מלכים פון דר וועלט אזו וויא דר פסוק זאגט מי לא יראך מלך הגוים כי לך יאתה כי בכל חכמי הגוים ובכל מלכותם מאין כמוך ווי פיל זענן פר האנדן אויף דר וועלט וואס זייא גרייזן אויף דעם פסוק און זאגן איין פשט אויף אים אבר ער איז ניט גוט ווי אזו זיי זאגן אים • דען עס איז קשה דר סוף פסוק כי בכל חכמי הגוים ובכל מלכותם מאין כמוך דס איז אלוב צו אמענטש אז מען זאגט זיין גלייכן איז ניט דא אבר ביי הקב״ה ווי גישיקט זיך דאס צוא זאגן אמער דיא גאנצי וועלט איז אנקעגן אים גאר ניט ווי גשיקט זיך צו זאגן אויף השי״ת וואס ער האט גאר קיין גלייכן ניט חס ושלום צוא קיין מענטשן זאל ער זאגין אז צווישן אלי חכמים פון גוים איז ניט דא זיין גלייכן עס איז אגרויסי תמיה אלא אזו איז דר פשט מי לא יראך מלך הגוים דר מלך הגוים גייט ניט אויף הקב״ה נאר אזו זאגט ער איז דען פר האנדן איין מלך הגוים וס ער זאל זיך פר דיר ניט פארכטן און ציטרין דעסט גלייכן זאגט דער פסוק הללו עבדי ה׳ הללו את שם ה׳ ווער עס ווייסט ניט דעם פשט זאגט ער אזו הללו עבדי ה׳ לויבט די עבדי ה׳ דרום זאגט ווייטר דר פסוק הללו את שם ה׳ מען זאל וויסן אז דר פשט איז די עבדי ה׳ זאלן לויבין דעם נאמין פון השי״ת אזו דא אויך מי לא יראך מלך הגוים מיינט מען דס גייט אויף הקב״ה ער הייסט מלך הגוים דרום זאגט ווייטר דר פסוק כי בכל חכמי הגוים ובכל מלכותם מאין כמוך ווען זייא זעהן מיט זייער חכמה און זעהן דייני גבורות און דייני מעשים דען זענין זיי מודה צו דיר און זאגן מאין כמוך אז קיינר קען זיך צו דיר ניט גלייכן דרום זאגט ער כי בכל חכמי הגוים דורך זייער חכמה פר שטיין זיי אז זיי זאלן מודה זיין צו דיר אז עס איז ניט דא דיין גלייכן • די רבנן פרייען זיך און וויינן און האבן ניט גירעט אזו וויינט דער סבא אזו ווי פריער און הייבט אן עס שטייט ותאמר שרה לאברהם גרש האמה הזאת ואת בנה האבן די רבנים גזאגט שרה האט גוואלט אום ראמען די ערגי פון איר שטוב דרום האט הקב״ה גזאגט כל אשר תאמר אליך שרה שמע בקולה דא שטייט וכי ימכור איש את בתו לאמה ווען די נשמה קומט צווישן די קליפות וועסטו ווען מיינן זי האט כח צו נעמין אפילו אזעלכי קינדר וואס זייא וועלן זיין צדיקים דר נאך דרום זאגט דר פסוק אם רעה בעיני אדוניה דווקא אז דר האר פון דר וועלט זעהט אז זיי וועלן שלעכט זיין וועסטו וועלן מיינין אז זי נעמט זיי צו בלייבן זיי חלילה ביא איר דרום שטייט אשר לא יעדה שטייט לו מיט אוא״ו והפדה השי״ת לייזט זיי אוס און נעמט זייא בישיבה של מעלה אזו אויך אנדרי נשמות וואס קומין אין איר רשות ארייין וועסטו וועלן זאגן ווייל זייא ווערין פאר צוקט אין איר רשות ווערין זיי חלילה פר פאלן זאגט ער לעם נכרי לא ימשול למכרה אז זי גייט ארוס איז זי הקב״ה מלביש אין איין טייערן לבוש און דורך דעם לבוש ווערט זי גהיט דר שם פון דער לבוש טוט זיא היטן דען אלץ איז ברשותו של הקב״ה חאטשי זיי ווערין אפט פר צוקט איז לפי שעה איבר דעם דור וואס זענן ניט אין דער צייט אז הקב״ה האט בשאפן די וועלט האט ער בשאפן אלי נשמות וואס זענין אן גברייט


נ׳זען

זען צו געבין צו די מענטשן דר נאך אין דעם געשטאלט וויא זייא
ארפן צו זיין אונ בשעת עס קומט די צייט זיי זאלן אראפ גייז אויף
ר וועלט רופט הקב"ה צו דר נשמה אונ זאגט איר גיין צו דעם ארט
ין דעם גוף פלוני אזו זאגט זי רבונו של עולם פון אזו אוועלט וואס
יך בין דא זאר איך אוועק גייען אין אזו אוועלט וואס מען וועט אין
יר ארבטן אונ איך וועל פר שעכט ווערן צווישין זיי זאגט הקב"ה
ו איר פון דעם טאג וואס די ביסט בשאפן גווארן ביסטו אן גיבריית
וען צו גיין אויף דר וועלט אזו מוז די נשמה אראפ נידרין אונ אריין
יין אין דעם גוף דרום זאגט די תורה זעהט ווי אייער האר הט אויף
ייך רחמנות דיא גוטי פעריל וואס ער הט גיהאט הט ער זי אייך פר
קופט אום זיסט אז איר זאלט מיט איר ארבטין אויף דר וועלט דרום
שטייט וכי ימכור איש דם איז הקב"ה ער וועט אייך פאר קופן את בתו
אמה מיינט מען די הייליגי נשמה פר איין דינסט איר זאלט מיט איר
ארבעטן בעט איך אייך בשעת אז עס וועט קומען די צייט אז זי וועט
ארפין ארוס גיין פון אייך לא תצא כצאת העבדים זאל זי ניט ארוס גיין
איין גיריכט אין זינד נייערט איר זאלט זי אפ געבן פריי אז קיינער
אל אין איר ניט קענען קיין שליטה האבן נאר לוטר אונ ריין הקב"ה
אל זיך מיט איר פרייען אונ זאל איר געבן איין גוטן שכר פון דעם
וטרקייט פון דעם גן עדן אזו ווי עס שטייט והשביע בצחצחות נפשך אבר
ם רעה בעיני אדוניה ווען זיא איז איין גריכט מיט זינד אונ ווערט ניט
ועהן מחמת אומריינקייט ווייא צו דעם גוף ער ווערט פר לארין פון
ר דאזיגר נשמה אויף אייביג דען ווען די נשמות גיין ארויף ריין פון
ער וועלט גייט איטליכי נשמה ארויף בספר של מלך איטליכער
בחתמת מיט זיין נאמן מען זאגט דם איז די נשמה פון דעם מענטשן
אונ זי איז אן גיבריית צו דעם גוף וואס זי האט גלאזט דרום שטייט
אשר לו יעדה מיט אזוי אבר אז זי גייט ארוס פר שמירט מיט עבירות
שטייט אשר לא יעדה מיט איין אלך זי איז שון ניט ראוי צוא דעם גוף
אונ איז שון פר לאזט פין אים אבר אז זי איז ריין שטייט והפדה וועט
ער זי אום לייזן פון דעם גיהנם אזו ווי עס שטייט פדה נפשי מעבור בשחת
אונ ווידר והפדה דם איז איין עצה צו אים ער זאל זיך אום לייזן מיט
תשובה דם הייכט אין צווייען ורפדה ער זאל זי אום לייזן מיט תשובה
ר נאך והפדה וועט ער זי אום לייזן פון דעם גיהנם לעם נכרי לא ימשול
למכרה ווער איז עם נכרי דען ווי זי גייט ארויס פון דר וועלט אונ גייט
ארויף אז זי איז זוכה זענן פר האנדן כמה חיילות קדושים וואס שטיין
אין וועג פון דעם גן עדן צו באהעפטן זיך אין איר אונ ברענגן זיא
אריין אין גן עדן איז זיא חלילה ניט זוכה זענין אן גיבריית כמה
חיילות נכרים מלאכי חבלה אין איר זיך נוקם זיין אונ אריין ברענגן
זי אין גיהנם דרום זאגט דר פסוק לעם נכרי לא ימשול למכרה בבגדו בה די
הייליגי נשמה וועט ניט ווערן איבר גיענטפרט צו זיי בבגדו בה ווייל זי
גייט אין דעם קלייד וואס הקב"ה הט זי אן גקלייד אזו קען קיינר
קיין שליטה ניט האבין אין איר אז זיא איז זוכה ואם לבנו ייעדנה קום
אונ זעה וויא דר מענטש דארף נזהר זיין ער זאל ניט אפ קערין פון
דעם גוטן וועג אויף דר וועלט דען ווען דר מענטש איז זוכה אונ היט
זיא אויף דר וועלט אזו וויא עס גיהער צוא זיין אזו באגערט הקב"ה
אין אים אונ בארימט זיך מיט אים אלי טאג בפמליא של מעלה אונ
זאגט זעהט דאס הייליגי קינד וואס איך האב אויף דר וועלט אזו
אונ אזו מוט ער אונ אזו זענן זייני מעשים ווען דיא נשמה גייט

ארוס לוטר אונ ריין אזו דר לייכט זיא הקב"ה מיט וויא פיל עדליא
ליכט ער ריפט אויס אלי טאג אונ זאגט דאס איז דיא נשמה פון
מיין זוהן דרום שטייט ואם לבנו ייעדנה כמשפט הבנות יעשה לה וואס איז דער
משפט הבנות דם איז אגרויסר סוד צו די חכמים עס איז פר האנדן
אובן איין היכל וואס הייסט היכל אהבה וואס אין דעם זענין פאר בארגן
אלי אוצרות של מעלה דארטין גייען אריין די נשמות וואס זענן דיא
ליב האבר פון דעם מלך ווען דר מלך עליון קומט אריין אונ גפינט
זיי דארטן איז ער זיי מחבק אונ מנשק אונ ברענגט זייא אויף מיט
זיך אונ איז זיך מיט זיי משתעשע דאס הייסט כמשפט הבנות אזו וויא
איין פאטר טוט זיין גליבטי טאכטר ער גיט איר גרוסי מתנות אזוי
אויך טוט הקב"ה צו דר נשמה אזו ווי עס שטייט יעשה למחכה לו אזו
ווי ער איז זיך משלים אויף דער וועלט אזו איז אים הקב"ה משלים
אויף יענר וועלט אזו ווי עס שטייט עין לא ראתה אלהים זולתך יע"כ דר סבא
טוט זיך פר שפרייטן אונ מתפלל זיין ער ווינט אזו וויא פרייער אונ
זאגט אם אחרת יקח לו וואס מיינט מען אם אחרת וועט דען הקב"ה געבין
צו די צדיקים איין אנדרי נשמה דר נאך אונ ניט דיא ערשטי נשמה
וואס זי הט זיך משלים גוועזן מיט אים אונ האט גטאן דעם ווילן פון
הקב"ה אונב עס איז ווידר אזו איז דאך חס ושלום גאר קיין הבטחה
ניט צו די צדיקים ער הייבט אן צוא זאגין עס שטייט וישוב העפר אל
הארץ כשהיה והרוח תשוב אל האלהים אשר נתנה דעם פסוק הט מען גדרשת
אויף חורבן בית המקדש דם די ערד איז ווידר גווארן אזו וויא זיא
איז פרייער גוועזן · אין אזו וויא עס שטייט והכנעני אז בארץ אז
די קליפות האבן ווידר דרויף אשליטה גיהאט והרוח אונ דיא שכינה
דם איז דר רוח הקודש תשוב הט זיך ווידר גקערט אז זיא הט דם דר
זעהן דם איז זי הט גצוגן צעהן מסעות פון דעם קודש הקדשים
אונ הט אלץ גמיינט אז די ישראל וועלן נאך תשובה טאן פר הקב"ה
אונ אז דר צד הקליפות האבן שולט גוועזן אין ארץ ישראל איז זיא
ווידר ארויף גגאנגן אונ הט זיך אפ גטאן אזו האבן די רבנים מפורש
גוועזן דעם פסוקים אונ זעה דר רוח פון אצדיק דר ווערט גקריינט
אין זיין גישטאלט בגן עדן של מטה אונ אלי שבת אונ יום טוב אונ
ראש חודש ווערן זיי גיקריינט אונ זענן אן גבריית אונ צו שפרייטן
זיך ארויף גיין אין גן עדן העליון אונ אזו וויא הקב"ה טוט מיט דיא
נשמות אין גן עדן העליון וואס זיי זענן דארטן אזו טוט ער צוא דיא
רוחות בגן עדן של מטה אז זיי גייען ארויף פר אים אונ מען זאגט
דם איז דר רוח של פלוני סיד תיכף קריינט הקב"ה צו דעם רוח אונ
איז זיך מיט אים משתעשע אויב דו ווערסט זאגן פון וועגן דעם רוח
טוט הקב"ה ניט צו דר נשמה אזו ווי ער הט פרייער גיטאן עס איז
ניט אזו נייערט שארה כסותה ועונתה לא יגרע די דרייא זענן גרוסי סודות
וואס איז אובן אין גן עדן העליון וואס הייסט עין לא ראתה אלהים זולתך יעשה
למחכה לו אונ זי ווערט דר לייכט מיט אלי פר בארגני ליכט פון דעם
עץ החיים דם ווערט אלץ ניט גמינערט פון דר נשמה דאס איז אלץ
איין נשמה פון אצדיק אבר אז די נשמה איז ניט אזו וויא עס דארף
צו זיין ווערט פון איר גמינערט די דריי זאכן אונ זי האט אפילו ניט
איינם פון די דריי דרום זאגט דר פסוק ואם שלש אלה לא יעשה לה הייכט
זי איז ניט זוכה דר צו ויצאה חנם שטויסט מען זי ארוס פון אויבין אין
כסף דר כסף איז טייטש גלוסטקייט אזו ווי עס שטייט נכספה וגם כלתה
נפשי איז דאך דארטן די טייטש גלוסטן דאס מיינט מען זיא איז ניט

חכה צו די גרויסטיגי עולמות פון דעם גן עדן ער זאגט ווייטר גרויסי
סודות דר נאך זאגט ער אז דר מענטש ווערט אלט דרייצעהן יאר
ווערט ער איין בן צו דר שכינה אז דוד איז אלט גווארן דרייצעהן
יאר הט ער גזאגט ה' אמר אלי בני אתה אני היום ילדתיך דרום וויל פריער
איז ער ניט גיוועזן קיין בן דם איז וויל עם האט נאך אויף אים ניט
גרוט די היליגי נשמה דען די ערשטי דרייצעהן יאר הייסן שני ערלה
דרום פון דעם אן הייב פערצעהן יאר זאגט הקב"ה אני היום ילדתיך דם
הייסט ער הט זוכה גוועזן צו דר נשמה הייסט ער שון בן צו הקב"ה
דרום זאגט דר פסוק ואם לבנו ייעדנה פון דרייצעהן יאר אונ ווייטר ווס
ער איז שון ארוס גגאנגן פון די שני ערלה כמשפט הבנות יעשה לה אזוי
וויא מען טוט אנדרי היליגי נשמות דען מיר האבין גילערינט אלי
טאג פון די דרייצעהן יאר ועהט הקב"ה דם קינד ווי ער גייט ארוים
פון די קליפות אונ גייט אלי טאג אין בית המדרש צו זיין רבי אונ
צו ברעכט די קליפות ווס ער איז דרינן ווס טוט הקב"ה צו דר נשמה
פירט ער זיא אין זיין חדר אונ גיט איר מתנות גדולות אונ צירט
זי מיט דעם צירונג של מעלה ביז זי גייט לחופה נאך דרייצעהן יאר:
אם אחרת יקח לו קום אונ זעה אום שבת אז די ישראל זענען מקדש אין

שול אזו קומן אראפ נשמות יחידות פון דעם עץ החיים אונ רוען
אויף זייא אגאנצין שבת אונ אז שבת גייט אוועק גייען ווידער אלי
נשמות ארויף אונ זיי ווערן גקריינט מיט היליגי עטרות דורך דיא
חידושי תורה וואס דר מענטש איז מחדש אום שבת אונ אויף דיא
עטרות ווס די נשמה איז מקבל זאגט דר פסוק אם אחרת יקח לו חאטשי
עם איז אים אן גבריט שארה כסותה ועונתה אזו וויא אויבן שטייט פון
דעסט וועגן לא יגרע ווערט פארט ניט גמינערט זיא בהאלט די עטרות
פון דיא חידושי תורה אונ פון פריער · זאגט דר סבא איך מוז דאך
ווייטר זאגין כדי איך זאל ניט עובר זיין אויף דעם פסוק אל תמנע טוב
מבעליו דם הייסט מען זאל ניט פר מיידן דאס גוטין פון הקב"ה אונ
הקב"ה איז דאך דא אונ אויך ווען איר זאלט ניט זיין קיין זכאים
וואלט איר מיך ניט בגעגינט ער זאגט ווייטר סודות פון דר נשמה
עס איז איין משל איין אהובה אונ איין יפת תואר ויפת מראה איז
פר בארגן אין איין היכל אונ זי האט איין ליב האבר אונ דיא לייט
ווייסן ניט אירי פר בארגנש ווי זי זיצט פר בארגין נייערט איר ליב
האבר ווס זיין לב ונפש איז אלץ צוא איר אונ ווייסט אז פאר גרויס
ליבשאפט ווס זי הט אים וועט זי זיך צוא אים בווייזן צו דר וועקין
דם גרוס ליבשאפט אונ ער גייט צו דעם הוז אונ רינגילט עם ארום
אוף אלי זייטן ער הייבט אויף זייני אוגין אויף אלי זייטן זיא ווייסט
דאך וואול אז דר אוהב האפט זי צו זעהין אונ ער גייט ארום דעם
הויז ווס טוט זי עפינט זי די טיר פון דעם היכל ווי זי איז פר בארגן
אונ ווייזט איר פנים צו איר ליב האבר אונ ווערט תיכף פר הולין ·
אלי ווס זענען דר ביי זעהן גאר ניט נאר דר אוהב אליין · אזו איז די
תורה זי ווערט ניט אנפלעקט נאר צו אירי ליב האבר ווייל זי ווייס
וואול אז דער ליב האבר איז עובר ושב הין אונ אהער ער לערינט
אונ וואלט גגערן צו פר שטיין דם פנימיות פון דר תורה וואס איז
פר הולן אין דעם מלבוש הנגלה דען באווייזט זי זיך אויף איין ארט
אין סוד אונ פר דעקט זיך ווייטר אלי לייט לערנען דם אונ פר שטייען
עם ניט נייערט ער אליין אונ זיין לב ונפש איז אלץ צוא דער תורה
אונ זי איז זיך מגלה צו איר ליב האבר בתחלה ווייניג · קום אונ זעה

אזוי איז דר סדר פון דר תורה בתחלה אז זי הייבט זיך אן אנפלעק[...]
צו אים ווייזט זי זיך ברמיזה פר שטייט ער עם איז גוט אונ אוב ני[...]
שיקט זי צו אים אונ בפעלט צו אים לאז דער שוטה קומן אזו וועו[...]
איך מיט אים ריידן דם מיינט דר פסוק מי פתי יסור הנה רופט זי א[...]
צו זיך אונ הייבט מיט אים אן צו ריידן אונטר דעם פרוכת ביז ע[...]
הייבט אן צו פר שטיין די תורה דורך דרש דר נאך טוט זי מיט אי[...]
ריידן איידלער דם איז אגדה דר נאך אז ער איז שון גיוואונט מי[...]
איר בווייזט זיא זיך צוא אים פנים אל פנים אונ רעט מיט אים א[...]
רזין סתימין אונ אלי אירי פר בארגנש אלי וועגן ווס זיא האט א[...]
הארץ אונ עס איז פר בארגן מימים קדמונים אונ דענסט מאל א[...]
ער אגאנצר מענטש איין בעל תורה ער איז דר הער פון דעם הו[...]
אלי אירי סודות ווייסט ער אונ עם ווערט ניט פר הולן פון אים א[...]
זיא זאגט בתחלה האב איך דיר גוויזן דורך רמז דאס איז לאין גוו[...]
רזין סודות עליונים דער עיקר איז מען זאל ניט מוסיף זיין אונ ני[...]
מינערן אפילו איין אות אין דר תורה דרום גיהער דר מענטש רוד[...]
זיין נאך דער תורה צוא זיין איר ליב האבר וועט זיא זיך צוא א[...]
אנמפלעקן ער זאגט ווייטר גרוסי סודות מען קען זייא ניט ארוי[...]
שרייבן דר נאך קושט ער זיי אונ בענטש זייא אונ זייא זענין אוו[...]
גגאנגן אז זיי זענן גקומן צו רבי שמעון דר ציילן זיי אים ווי דר סב[...]
הט זיי מגלה גוועזן סודות התורה הט ער זיך זייער גפרייט אונ [...]
וואונדרט זיך אונ זאגט איר זייט גוועזן מיט איין אריה עליון גבור חזק א[...]
אשטארקר לייב ווס כמה גבורים זענען אנטקעגן אים נישט אין ד[...]
תורה אונ איר הט אים באלד ניט דר קענט איך פר וואונדר מיך
אזו איר זייט ניצול גווארן פון זיין עונש נייערט הקב"ה האט א[...]
בגערט מציל זיין ער לייענט אויף זיי דעם פסוק וארח צדיקים כאור נ[...]
הולך ואור עד נכון היום וגו' אונ עם שטייט ועמך כולם צדיקים לעולם יירשו [...]
וגו' ע"כ מן ר' ייסא סבא :

## רעיא מהימנא

פקודא די מצוה נאך דעם איז מען זאל אום קערן איין אבידה [...]
דר נאך איז אמצוה מען זאל איין גזילה אום קערן זאגט [...]
בוצינא קדישא רבי שמעון צוא משה רבינו וואס ער הייסט ר[...]
מהימנא דו רועה נאמן הקב"ה וועט דיר אום קערין דיין אבידה [...]
דו האסט פר לארן איבר דעם ערב רב וואס זיי האבן גמאכט ד[...]
עגל דרובר איז גפאלן דיין כלה דם זענין די לוחות אזוי וו דר פ[...]
זאגט וישלך מידיו את הלוחות דרום איז צו דיר גזאגט גווארן לך רד הקב[...]
הט דיר כרמז גוועזן די ירידה בגלות הרביעי עס שטייט הן כל אלה יפעל [...]
פעמים שלש עם גבר דא איז מרומז דייני גלגולים דוא מוזט נדערין [...]
גלות וועגן דיין כלה בת יחידה דיא היליגי וואס עם שטייט נפלה [...]
תוסיף קום בתולת ישראל אונ אז דו וועסט צו איר נדערין אין גלות וו[...]
זי דורך דיר אויף שטיין דם איז השבת אבידה אונ די תורה איז [...]
גגאנגן אנטקעגן דיר ווי די וואסר פון דעם באר אונ אזו אויך וו[...]
דיר הקב"ה אום קערין דיין גזילה ויגזול את החנית מיד המצרי המ[...]
באטרעפט משה אונ אין גלות וועט ער אפ שיידן ערי מקלט [...]
בשירמען דיך פון פיל נאך יאגר ווס יאגן דיך נאך וואס האט [...]
סוף ניט דען דו האסט אין מצרים אום גבראכט דעם מצרי ווס [...]
אים איז גוועזן דר נחש הקדמוני מיט אירי חיילות אונ דו האסט [...]
גדהרגת פר דר צייט אונ האסט זיך ניט גפארכטן פר אלי נאך [...]
חס

# פרשת משפטים

ם האבן דיך נאך גיזאגט כמה נשים נעמ"ח אגר"ת לילי"ת און הקב"ה
ט דיר געגעבן ערי מקלט באשירעמט צו ווערן פון זיי דס זענין די
ערי תשובה · ווייטר קען מען ניט שרייבן כדרך נגלה עס זענין
גרוסי סודות עליונים :

ל משה אמר עלה אל ה' ער זאל מיט זיי ארויין גיין בברית דען אצונד
האבן זיי מקיים גווען מצות פריעה דען אין מצרים האבן זייא
נאר מל גוועזן אן פריעה און אצונד שטייט שם שם לו חוק ומשפט זיי
אבן מקיים גוועזן מצות פריעה ושם נסהו מיט דעם אות ברית קודש
צונד האבן זיי כורת ברית גוועזן דורך משה אזו ווי עס שטייט ויקח
ה חצי הדם וישם באגנות וחצי הדם זרק על המזבח ונגש משה לבדו אל ה' וואול
דעם חלק פון משה ווס ער הט גהאט אזו איין מדריגה צו גנעהנן
יין צו גאט ווס קיינר הט דס ניט זוכה גוועזן און די ישראל האבן
ונד זוכה גוועזן ווס זיי האבן ביז אהער ניט זוכה גיוועזן · באותו
ה האבן זיי גקריגין איין קיום בקיום העליון הקודש און מען הט
אבשורה גזאגט אז הקב"ה וועט רוען צווישן זיי אין בית המקדש
אזו ווי עס שטייט ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם :

או את אלהי ישראל ותחת רגליו כמעשה לבנת הספיר אין דעם גשטאלט ווס
הקב"ה וועט לעתיד בויען דס בית המקדש אזו ווי עס שטייט
תיך בספירים · ואל אצילי בני ישראל וכו' דס זענין נדב ואביהוא ווס זייא
בן נהנה גוועזן מזיו השכינה וואלט זייא תיכף גקומן זייער עונש
הקב"ה האט זייא גווארט אויף איין שפעטערי צייט רבי זאגט
לו זייא האבן בוודאי געגעסן און האבן זיך גשפייזט דר מיט און
ענן אצונד ראוי גוועזן דר צוא און דער מיט האבן זייא גאר ניט
דעט נייערט דר נאך האבן זיי גזינדיגט רבי אלעזר זאגט אפילו
שראל זענן אויך ראוי גוועזן דר צוא מקושר זיין אין דער שכינה
דעם ברית ווס זיי האבן מקיים גוועזן און האבן די תורה מקבל
ן און האבן די זכיה ניט גיהאט צו זעהן אזו ווי דיא צייט ביז
יד לבא איז הקב"ה אן גבריט זיך אנטפלקן צו די ישראל מיט
זייני כבוד צו ווערן גזעהן עין בעין אזו וויא עס שטייט כי עין בעין
יראו בשוב ה' ציון נאך שטייט ונגלה כבוד ה' וראו כל בשר יחדו וגו' :

משה בתוך הענן ער הייבט אן עס שטייט אמרתי לא אראה יה יה בארץ
החיים לא אביט אדם עוד עם יושבי חדל וויא גאר זענן פר שטאפט די
וואס זייא וויסן ניט און זענין ניט משגיח אין דער תורה און
ן נאר זעהן וועלט זאכין און עס ווערט פאר געסין פון
דער רוח החכמה דען ער ווערט גימישפט נאך זייני מעשים
און דארף אפ געבין דין וחשבון פאר הקב"ה אז ער שטארבט
עהט וואס ער זעהט אידער ער קומט אויף יענר וועלט קומט
פאר אדם הראשון ער זיצט פאר דיא טויערין פון דעם גן עדן
עהן אלי וואס היטין דיא מצות פון הקב"ה און ער פרייד זיך
זייא און כמה צדיקים שטייען ארום אים זייא הייסען יושבי חדל
ט יושבי חדר הייל זייא זענן ניט גוועזן אזו ווי איין חולדה אוויזלע
עס שלעפט און לאזט ליגין · און ווייסט ניט פאר וועמין ער
דאס אן גיגרייט נייערט יושבי חדר אזוי וויא עס שטייט חדלו לכם
ים פר מייד איך פון דעם גיהנם און שטארקט זיך צוא זיין
ן עדן און ווידר יושבי חדל איז טייטש בעלי תשובה ווס האבן זיך
מיטן פון דעם וועג פון די רשעים דרום זיצן זיי אויף דר טיר פון
גן עדן און נענן זיך משמח מיט די וואס קומן אין גן עדן ארויין

קום און זעה חזקיה המלך הט גידארפט שטארבן הט ער מתפלל
גיוועזן צו הקב"ה הט ער אים מוסיף גיוועזן פופצין יאר און ער זאגט
אמרתי לא אראה יה איך האב גימיינט איך וועל שוין ניט זוכה זיין צו
זעהן יה בארץ החיים ווען די נשמות גייען ארויף אין צרור החיים צו זעהן
דס גרוסי אור וואס הייסט אספקלריא המאירה מוזין זיך די נשמות צום
ערשטן אן קליידן מיט דעם מלבוש פון אירי מעשים טובים אזו אויך
משה הט ניט גיקאנט ארויף גיין ביז ער איז גיקומן אין איין ענן און
דאס איז גיוועזן צום אים איין מלבוש דרום האט ער גיזעהן וואס ער
הט גיזעהן דרום זאגט ער אמרתי איך האב גימיינט איך וועל שוין ניט
זוכה זיין צו זעהן אדם הראשון מיט די יושבי חדל וואס זענן מיט אים
ווייל ער הט ניט גנומן קיין אשה ער זאל האבן מיט איר קינדר דרום
האט אים ישעיה הנביא גיזאגט צו לביתך כי מת אתה ולא תחיה כי מת
אתה מיינט מען בעולם הזה ולא תחיה איז בעולם הבא און דר נאך
אז ער הט גינומן די טאכטר פון ישעיה הט ער גיזאגט דס ווס אובן
שטייט אמרתי וגו' וכמה דאך חזקיה וואס האט גיהאט זכות אבות און
איז גיוועזן אגרויסר צדיק וחסיד האט ער גיזאגט איז שוין אבל שכן
אנדרי ווס האבן ניט קיין זכות אבות און זינדיגין פאר הקב"ה וויא
וועלן זיי נעמען אויבן איין לבוש צוא דער נשמה וואס דער לבוש
הייסט חלוקא דרבנן וואל דר חלק פון דיא צדיקים וואס הקב"ה האט
פון זייערט וועגן בהאלטן כמה טובות ותענוגים לעולם הבא אויף
זייא שטייט עין לא ראתה אלהים זולתך :

# פרשת תרומה

וידבר ה' אל משה לאמר דבר אל בני ישראל ויקחו לי תרומה דיא ישראל זענין
אפ גישייד גיווארן צו מיר נאר איך האב איבר זיי צו שאפן
ניט די שרים של מעלה רבי יוסי זאגט עס שטייט ויקחו לי תרומה דם
מיינט מען ווער עס איז זיך משתדל און וויל טאן איין מצוה מוז ער
זעהן עס זאל ניט זיין חדירה אום זיסט אן געלט און אן כח נייערט
וועדליג זיין כח און זיין פר מעג אזו ווי עס שטייט איש כמתנת ידו כברכת
ה' אלהיך אשר נתן לך וועסטו וועלן פרעגין עס שטייט דאך אבר לכו שברו
ואכלו ולכו שברו בלא כסף ובלא מחיר יין וחלב דס גייט דאך אויף די השתדלות
פון הקב"ה זאגט ער עס אלא זאל זיין אום זיסט אן געלט דאס
השתדלות פון דר תורה איז פרייא ווער עס וויל אין דעם זוכה זיין
קען ער דר קענן די השתדלות פון הקב"ה דעם דאזיגין מענטשן איז
גרינג ווער עס וויל קען דער צוא זוכה זיין אן געלט אבער אזעלכי
השתדלות וואס הענגט אן אין איין מעשה טאר מען ניט נעמן אום
זיסט דען ער קען ניט זוכה זיין דורך דר מעשה ער זאל אויף זיך ציהן
דעם רוח הקודש נאר אז ער טוט דס מיט געלט· אין דעם ספר שלמה
המלך שטייט דארט אזו ווער עס וויל זיך משתדל זיין אפ טאן דעם
רוח הטומאה פון זיך און אים אונטר טענג מאכן דען די מעשה ווס
ער וויל מיט איר פועל זיין מוז ער זיא קופן פאר געלט ווי פיל מען
וויל פר דר מצוה נאר דער רוח הטומאה איז אן גיבריט אום זיסט
אן שכר ער רועט אויף דעם מענטשן און רעט זייא איבר פון וואנען
מיט זיי און פירט זיי אראפ פון דעם רעכטן וועג כדי ער זאל טאן
זיין וואונונג ביא זייא אבער דער רוח הקודש איז ניט אזו נייערט
בשכר שלם און מיט פיל השתדלות און מיט גרויס טרחא און זאל
זיך מתקן זיין בקדושה ובטהרה פון זיין גוף און מיט דעם רצון פון
דעם

נעם האריץ · נאך דעם הלואי זאל דס אים העלפן אז דר שם הקודש זאל מאכן זיין וואונונג ביא אים אונ אז ער איז שוין זוכה דער צוא מוז ער זיך פירן צו גיין בדרך הישר ניט אפ קערן ליהין ושמאל אונ אז ניט טוט זיך דיא קדושה תיכף אפ פון אים אונ ווערט שון ווייט אפ גיטאן פון אים אונ קען שוין אזו גיך ווידער ניט בקומן די דרגא דרום שטייט ויקחו לי תרומה מאת כל איש פון דעם וואס הייסט איש איין שטארקער מענטש וואס שטארקט זיך איבער דעם יצר הרע אונ בגערט מיט זיין ווילין אונ הקב"ה וואס הייסט לב אזו ווי עס שטייט לך אמר לבי נאך שטייט צור לבבי וטוב לב וייטב לבו דאס מיינט מען א"ץ הקדוש ברוך הוא אזו דא אויך אשר ידבנו לבו מיינט מען צו הקב"ה וואס ער איז דאס לב תקחו את תרומתי נאר דארטן ווערט גיפונען · אונ פון וואגען ווייסן מיר אז הקב"ה מאכט זיין וואונונג ביא זייא אז מיר זעהן אז דר ווילין פון דעם מענטשן איז מיט שמחה צו הקב"ה דען ווייסן מיר אז דיא שכינה רוהט אויף אים דען מוז מען דעם מענטשן קויפין פאר געלט אונ נאך זוכין מען זאל זיך מיט אים בהעפטין אדער צו לערנן מיט אים דרום האבין די חכמים גיזאגט קנה לך חבר מען מוז אים קויפן צו זוכה זיין בשכינה אונ מען מוז נאך יאגן נאך איין זכאי אונ אזו אויך דער זכאי מוז נאך יאגין נאך איין רשע אים צוא קופן ער זאל פון אים מעביר זיין דיא זוהמא אונ דיא קליפות אונטער טעניג מאכין אונ זאל אים מתקן זיין דאס נפש איז גליך וויא ער האט אים בשאפין אונ דער שבח וום דורך אים גייט אויף צו הקדוש ברוך הוא איז מער ווי אנדרער שבח ווייל ער איז גורם מכניע זיין דעם צד הטומאה אונ דער הייבען דעם כבוד פון הקב"ה דרום שטייט ביא' אהרן ורבים השיב מעון ער האט פיל ווידער גיקערט פון זינד אונ עס שטייט בריתי היתה אתו החיים והשלום קום אונ זעה ווער עס איז ארשע מחזיר למוטב ער זאל אוועק לאזין דעם שלעכטן וועג דר איז עולה אוף דרייא מעלות ווס איין אנדרר איז דער צוא ניט זוכה איינס ער איז גורם מכניע זיין דעם צד הטומאה אונטר דר קדושה אונ איז גורם דס הקב"ה איז עולה בכבודו אונ איז גורם מקיים צו זיין די וועלט אין קיום של מעלה ושל מטה אויף אזו אמענטשין שטייט בריתי היתה אתו החיים והשלום ער איז זוכה צוא זעהען אייניקלך אונ איז זוכה לעולם הזה ולעולם הבא אלי דינר של מעלה קענן אים ניט דן זיין בעולם הזה ובעולם הבא אונ ער גייט אריין אין די דרייצן שערים אונ קיינר ווערט אים ניט אויף אים שטייט גבור בארץ יהיה זרעו דור ישרים יבורך כלומר דס איז אלץ זוכה דר ווס מאכט דר לייכטן דעם רשע פון זיין פינצטרניש :

## תוספתא

מצוה דיא מצוה ויקחו לי תרומה איז צו לערנען אלע טאג דעם שורש פון דער אמונה עליונה צוא ווסין דעם וועג פון הקב"ה דען דר ווס איז עוסק בתורה איז ער זוכה בעולם הזה ובעולם הבא אונ ווערט ניצול פון אלע מיני בייזע מקטריגים דען דיא תורה איז דער עיקר פון דער אמונה ווער עס איז עוסק אין דר תורה איז ער עוסק ביחוד עליון · הקב"ה מאכט רוען זיין קדושה אוף אים אונ ער ווערט ניט אפ גיטאן פון אים אונ ווער עס ווייסט דיא דברי תורה גיהער מען דאך נאך צו לערנן די זעכציגי רייד פון אים אונ מקיים צו זיין זיי מאת כל איש אשר ידבנו לבו תקחו את תרומתי דאס איז די תורה פון דעם ים החכמה דיא תורה איז איין עץ חיים צו געבין חיים צו אלי וואס שטארקן זיך אין איר אזו וויא דר פסוק זאגט עץ חיים הוא למחזיקים ב[...] ער איז זוכה זיך מקשר זיין אין דר תורה עליונה אונ אין דר וועל[...] שווייגט ער ניט אונ אפילו אין קבר טוט ער ריידן מיט זייני לעפצ[...] אזו וויא דר פסוק זאגט דובב שפתי ישנים :

וזאת התרומה אשר תקחו וגו' דאס איז דאך גילערינט גיווארן אז הקב"[...] האט זיך אנפלעקט אויף דעם בארג סיני אונ הט גיגעבין די[...] תורה צו די ישראל אונ עשרה מאמרות איז איטליכר דיבור גיווא[...] איין קול אונ דאס קול האט זיך צו שייד אויף זיבעציג קולות או[...] אלע האבין גירויבט אונ גיפונקילט צו די אויגין פון אלי ישראל או[...] זייא האבן גיזעהן עין בעין דיא ליכט פון כבוד עליון אזו וויא דע[...] פסוק זאגט וכל העם רואים את הקולות אונ דאס קול האט התראה גיטא[...] אין איטליכן בזונדר פון די ישראל אונ האט צו אים גיזאגט ביסט[...] מיך מקבל אויף דיר מיט אזו פיל מצות התורה וואס איז אין מי[...] נכלל האט ער גיזאגט יוא האט זיך דאס קול אום גיקערט אויף זיי[...] קאפ אונ האט זיך ארום גידרייט ארום זיין קאפ אונ האט צו אי[...] גיזאגט ביסטו מיך מקבל מיט אזו פיל עונשים אין דר תורה האט ער ווידר גיזאגט יוא דער נאך האט דאס קול ווידר אום גיקערט או[...] איז גיקומן אין זיין מול אזו ווי דר פסוק זאגט ישקני מנשיקות פיהו או[...] דיא ישראל האבין דיא צייט גיזעהן איין אור וואס ער איז כולל אל[...] אורות אונ זייא האבין גיגלויבט דער צוא אונ אצונד זאגט הקב"[...] צו זיי דאס ליכט וואס איר האט גיזעהן אויף דעם בארג סיני וואס אייער חשק איז דער צו זאלט איר דאס מקבל זיין אונ נעמט עס אייך דרום זאגט ער תקחו את תרומתי ווייטער זענין גרוסי סודות · אזו קומען דיא חבריא אונ קושין אים אויף זיין קאפ אונ זייא קומן פאר רבי שמעון אונ זענן פאר אים מסדר דיא רייד · וויינט רבי שמעון אונ זאגט איך ווייס בוודאי אז דער רוח הקודש העליון רועט אויף אייך וואול צו דעם דור וואס זעהט דאס דען עס וועט שון אזו איין דור ניט זיין ביז דיא צייט וואס משיח וועט קומען דען וועט זיך די[...] תורה אום קערין צוא איר ארט וואול צוא דיא צדיקים בעולם הזה ובעולם הבא :

כתוב עס שטייט גישריבן ויאמר אלהים יהי אור ויהי אור זאגט רבי שמעון דאס אור האט הקב"ה בהאלטן צוא דיא צדיקים לעולם הבא אזו וויא מען הט גיזאגט עס שטייט אור זרוע לצדיק אונ דער אור האט ניט משמש גיוועזן אויף דער וועלט נייערט דעם ערשטין טאג דער נאך איז ער פר בארגן גיווארן זאגט רבי יהודה ווען דר אור וואלט באהאלטין גיווארין אין גאנצין וואלט דיא וועלט ניט גיקענט שטיין אפילו איין רגע נאר הקב"ה האט עס בהאלטין אונ הט עס גיזייעט ווי מען זייעט תבואה אונ עס מאכט פירות אונ דר פון בלייבט דיא וועלט אויף זיין קיום אונ עס איז ניט דא קיין שום טאג ווס עס זאל ניט ארויס גיין פון דעם אור אונ דער פון הט ער איין קיום אונ אויך אלע ערטער וואס זענן עוסק בתורה ביי נאכט אזו גייט ארום פון דעם אור אונ ווערט גצוגן אוף זיי דרום שטייט יומם יצוה ה' חסדו ובלילה שירה עמי אין דעם טאג וואס דאס משכן איז אויף גישטעלט גיווארען שטייט ולא יכול משה לבוא אל אוהל מועד כי שכן עליו הענן דער ענן איז גיוועזן פון דעם ערשטן אור איז ער היינט אראפ גיקומן מיט דר שמחה פון דר שכינה אז זיא איז אריין גיגאנגן אין משכן פון משה אונ פון דעם

ג אן וואס דער אור איז בהאלטין געווארען איז ער ניט אנפלעקט
יארין נייערט ער איז מחדש אלי טאג מעשה בראשית · רבי יוסי
ם זיך גימידט אין דר תורה אונ מיט אים איז גיוועזן רבי יצחק
ב רבי חזקיה זאגט רבי יצחק מיר זעהן אז דאס מעשה משכן איז
יך גיוועזן צו מעשה בראשית אזו ווי די חכמים האבן גיזאגט אבר
פר שטיין רעכט די סודות קענין מיר ניט זאגט רבי יוסי ברענגט
יף דיא רייד צו דעם הייליגין רבי שמעון בן יוחאי דען ער טוט
כט אן גרייטן דס גיקעכטס אונ מאכט עס זיס אונ גישמאק מיט
ם טעם אזו ווי הקב"ה הט אן גיגרייט מיט זייני מדריגות ער קען
כט קיינער קיין שום מענטש בדארף שוין אין דרינען קיין זאלץ ניט
יין טאן כלומר אז ער איז מגלה איין סוד בדארף שוין ווייטר מער
ין טעם ניט האבין ווייל ער איז מגלה מיט אלע סודות וטעמים
נ נאך מער פון זיין עסין וואס ער מאכט קען אמענטש עסין אונ
רינקן אונ צוא דער פילין זיך זיין בויך מיט אלע תענוגים שבעולם
ן זאל נאך איבער לאזין · אויף אים ווערט מקוים ויתנו לפניהם ויאכלו
תירו כדבר ה' ער הייבט אן עס שטייט וה' נתן חכמה לשלמה כאשר דבר לו
י דעם פסוק האבין מיר שוין גילערינט אויף וויפיל ערטר נתן איז
ייטש ער האט אים גישענקט אזו וויא איינר גיט צו זיין ליב האבר
מתנה ער האט אים גיגעבין שלימות החכמה עושר אונ כבוד
ממשלה דיא אלי זענן נכלל אין דר חכמה ויהי שלום בין חירם ובין שלמה
ייל זייא האבין זיך מגלה גיוועזן אלי סודות וואס אנדרי לייט האבן
יט גיוויכט דען שלמה האט גיזעהן אז אפילו זיין דור וואס איז אין
אים מער שלום ווי אין אנדרע דורות איז פארט ניט גיוועזן דער רצון
ון הקדו"ש ברוך הוא אז דיא חכמה זאל אנפלעקט ווערין אין דער
תורה וואס זיא איז סתום ונעלם האט ער אין דער תורה גיעפינט
פתחים מיט זיין חכמה אונ פון דעסט וועגין איז זיא דאך פר הולן
אר צוא דיא חכמים וואס זענין זוכה צוא דיא סודות התורה זענען
ייא מגמגם אין זייא אונ קענען ניט רעכט עפענין זייער מויל אבר
יער דור וואס רבי שמעון איז דרינען איז דער ווילין פון הקב"ה אז
עס זאל אנפלעקט ווערן ווען רבי שמעון דיא סודות התורה דורך
אים אבער איך טוא מיך פאר וואונדערין אויף דיא היינטיגי חכמי
הדור אז זייא זאלן רוען אפילו איין רגע פון עוסק זיין בתורה כל זמן
רבי שמעון לעבט נאך אויף דער וועלט ווייא צו דעם דור ווס רבי
שמעון וועט אוועק גיין פון דער וועלט אונ דיא חכמים וועלין זיך
מערין אונ דיא סודות התורה וועלין פר געסין ווערין פון דר וועלט
זאגט רבי יצחק וודאי איז אזו דען אמאל בין איך גיגאנגען אין וועג
מיט אים האט ער נאר גיעפינט זיין מויל אין דר תורה האב איך
גיזעהן וויא איין עמוד הענן איז גישטאנען מלמעלה למטה אונ איין
אור גדול האט גילייכט אין דעם עמוד הענן האב איך מיך זייער
גיפארכטן אונ האב גיזאגט וואול צו דעם מענטשן וואס עס איז אים
אן גיבריט אזעלכעס אויף דר וועלט וואס שטייט בייא משה וקמו כל
העם והשתחוו איש פתח אהלו עס איז רעכט גיוועזן צו משה וואס ער איז
גיוועזן איין נביא נאמן אויף דער גאנצר וועלט אונ דאס דור האבין
מקבל גיוועזן די תורה אויף דעם בארג סיני אונ האבן גיזעהן כמה
נסים וגבורות אין מצרים אונ אויף דעם ים דס הט צו זיי בדארפט
אזו זיין אבר בדור הזה איז נאר דער זכות פון רבי שמעון אזו פיל
גורם אונ עס ווערן גיזעהן נסים נאר דורך אים :

ותכלת זאגט רבי יצחק תכלת ווערט גיפארבט פון דעם פיש וואס
ווערט גיפונען אין ים כנרת אין חלק פון זבולון די פארב הט
מען גימוזט האבן ביי דעם משכן דען דר גשטאלט פון תכלת הט
גימוזט דרויף גיזעהן ווערן ער הייבט אן עס שטייט ויאמר אלהים יהי רקיע
דר רקיע איז בשאפן גיווארן אין דעם אנדרין טאג מצד השמאל דס
מיט אים איז בשאפן גיווארן דר גיהנם אונ דרום שטייט ניט בייא
דעם אנדרן טאג כי טוב ווייל עס איז בשאפן גיווארן דר מלאך המות
ווס ער הייסט חושך דס ער מאכט פינצטער דס פנים פון דיא לייט
אוב דו וועסט פרעגן עס שטייט דאך וירא אלהים את כל אשר עשה והנה
טוב מאוד זאגן דאך אנדרי חכמים אז דס מיינט מען דעם מלאך המות
ער איז זייער גוט ווארום שטייט ניט כי טוב ביי דעם אנדרין טאג
איבר דעם מלאך המות נאר דר סוד איז דר פון דער מלאך המות
איז בוודאי זייער גוט ווייל דורך אים זעהן די מענטשן אז זיי ווערין
שטארבן דרום זענן פיל מענטשן חוזר בתשובה פר זיין מורא אוך
פארכטן זייא זיך צו זינדיגן פיל פארכטן זיך פאר הקב"ה ווייל זיין
רצועה איז פר זיי צו שלאגן דר מיט ווי גוט איז די רצועה צוא דיא
לייט אז איבר איר זענן זיי גוט אונ גייען אין רעכטן וועג ווי עס גהער
צו זיין דרום שטייט והנה טוב מאוד אבר ווס מיר האבן גילערנט פון דר
הייליגר ליכט רבי שמעון בן יוחאי והנה טוב דס איז דר יצר טוב מאוד
דס איז דר מלאך המות ער איז זייער גוט ווארום אז הקב"ה האט
בשאפן די וועלט הט ער אלץ מתקן גיוועזן איידר אדם הראשון איז
בשאפין גיווארן דער נאך האט ער אים בשאפן אונ מתקן גיוועזן
בדרך אמת אזו וויא עס שטייט אשר עשה האלהים את האדם ישר וגו' דער
נאך אז ער הט גיזינדיגט איז ער פר טריבין גיווארן פון דעם גן עדן ·
אין גן עדן הט הקב"ה גיפלאנצט למטה אזו וויא עס שטייט ויטע ה'
אלהים גן בעדן מקדם אונ ער איז אין דעם גשטאלט פון גן עדן של מעלה
אונ אלי גשטאלטן פון גן עדן של מעלה זענען גיוועבט אונ גימאלט
אין גן עדן של מטה אונ אלי צורות אונ גשטאלטין וואס זענען פאר
האנדן אויף דר וועלט די זענן אלי דארטן אום גימאלט אונ דס ארט
איז איין וואונונג צו די רוחות הקדושים הן צו די ווס זענן שון גיוועזן
אויף דר וועלט והן צו די ווס זענן נאך ניט גוועזן אונ דיא ווס זענן
אן גבריט צו קומן אויף דר וועלט אונ דארטן זענען אלי רוחות זיך
מתלבש אין אזעלכי מלבושים וגופים ווס זענן גוועזן אויף דר וועלט
אונ דארטן זעהן זיי די ליכט פון זייערי הערן ביז זיי קומן אויף דער
וועלט אין דעם גוף ולבוש החומר אריין אזו ווערין זייא אום גטאן
אונ ציהן אראפ פון זיך יענם לבוש אונ זענין זיך מתלבש אין דעם
גוף אריין אונ ווען די צייט קומט ער זאל אוועקגיין פון דער וועלט
גייט ער ניט אוועק ביז דר מלאך המות קומט צו גיין אונ ציהט אום
דעם רוח פון דעם לבוש הגוף פון דר וועלט אזו גייט דר רוח ווידר
אין גן עדן אריין אונ איז זיך מתלבש אין דעם לבוש פון פריער ווס
ער איז איידלער ווס ער האט גהאט איידער ער איז גקומן אויף דער
וועלט אונ עס איז קיין גרעסרי שמחה ניט פר האנדין צו דעם רוח
אין דר צייט אז ער איז זיך ווידר מתלבש אין דעם לבוש פון דעם
גן עדן אונ פרייט זיך זייער ווס ער הט זיך אויס גטאן פון דעם גוף
אונ דורך יענם לבוש פון דעם גן עדן ווייסט זיא סודות עליונים אונ
זעהט · אונ דורך דעם הט דר רוח כמה תענוגים ווער איז דס גורם
אז דר רוח זאל האבן אזעלכי תענוגים דס הט אלץ דר מלאך המות

טרם

גורם געוועז ווס ער האט זיא אום גצוגין פון דעם גוף עולם הזה אונ הקב"ה טוט זייער איין טובה גדולה זייני בשעפעניש ווס ער בשאפט זיי איין לבוש איידר ער ציהט זיי אום פון דעם גוף עולם הזה אונ זיי בקומן איין בעסרין לבוש חוץ פון די רשעים וואס האבן ניט גיטאן קיין תשובה שלימה צו הקב"ה זיי קומין נאקט אן איין לבוש בעולם הזה אונ גייען אוועק אן אלבוש פון דר וועלט מיט חרפה ובושה אוך איז פר האנדין אזעלכי ווס ווערן גמישפט אין גיהנם וואס איז אוף דר וועלט מיט דעם אש של מעלה אטייל פון זייא שרייען אונ גייען אוף פון דעם גיהנם דס זאגן דיא רשעים וואס האבין מהרהר בתשובה געוועז אונ האבן ניט גיקאנט טאן קיין גאנצי תשובה דיא איז מען דן אין גיהנם אונ דר נאך זענן זיי מצפצף אונ גייען אוף • קגם אונ זעה דס רחמנות ווס הקב"ה האט אויף זייני בריות אפילו ווען ער איז אגרויסר רשע וייל ער הט נאר מהרהר בתשובה געוועז אונ מער הט ער ניט גקאנט טאן אונ איז גשטארבן איז ער בוודאי מקבל זיין עונש וייל ער איז אוועק גגאנגן פון דר וועלט אן תשובה אבר די מחשבה טובה גייט ארויף פר הקב"ה אונ נידערט אראפ אונ צו ברעכט אלי כוחות פון די שערי גיהנם ביז זיא קומט אויף דעם ארט ווי דר רשע איז אין גיהנם אונ דר וועקט אים די מחשבה ווס ער הט גהאט פריער דען ער איז מצפצף ועולה אונ גייט ארויס פון דעם גיהנם ווס הייסט שאול אבר דר מענטש ווס הט ניט גהאט קיין מחשבה טובה תשובה טאן דר ווערט פר לארן פר הקב"ה וואול צו דעם מענטשן ווס טראכט גוטי מחשבות פאר הקב"ה דען רעכינט מען אים דאס גלייכן וויא ער וואלט מקיים געוועז • אבער אשלעכטי מחשבה איז הקב"ה ניט מצרף למעשה נאר די מחשבה פון עבודת כוכבים אונ האבן ניט מהרהר תשובה געוועז דיא נידרין אין גיהנם לדורי דורות אונ גייען שון קיין מאל ניט ארוס פון דעם שאול אוף זיי שטייט כלה ענן וילך כן יורד שאול לא יעלה אונ אוף די ווס זענן מהרהר בתשובה שטייט ה' ממית ומחיה מוריד שאול ויעל רבי יהודה זאגט דר דין פון דעם גיהנם האבן מיר גלערינט דס מען איז דן די רשעים אין דעם פייאר פון דעם גיהנם ווארום דארט איז אפייער וואס ברענט טאג אונ נאכט אזו ווי די רשעים ווארימן זיך מיט דעם פייער פון דעם יצר הרע עובר זיין אוף דר תורה אין דער צייט דר היצן זייא דעם גיהנם • אמאל הט מען גוואלט הרגנן דעם יצר הרע אזו האבן זיי אים ארין גבראכט אין גוקבא דתהוסא רבה אונ האבן אים פר חתמת כחותם של ברזל איז אין דר צייט פר לאשן גווארן דס פייער פון דעם גיהנם ווייל קיין יצר הרע איז ניט געוועז אוף דר וועלט אונ הט ניט גברענט אבר אז דר יצר הרע איז ווידר אראפ גקומן אוף דר וועלט האבן זיך די רשעים אן גהובן מיט אים דר היצן מיט זיין פייער צו זינדגן האט ווידער אן גהובן דאס פייער פון דעם גיהנם צוא ברענן ווארום דר גיהנם ברענט נאר פון דר היץ פון די רשעים ווס זיי דר היצין זיך מיט דעם יצר הרע דרום ווערט דס פייער פון דעם גיהנם ניט פר לאשן טאג אונ נאכט עס איז פר האנדן זיבן מדורי גיהנם אונ דר יצר הרע האט אוך זיבן נעמן אזו וויא עס שטייט ווייטער בפרשת קרח :

**ואת** המשכן תעשה עשר יריעות רבי יהודה זאגט עס שטייט ברוב עם הדרת מלך דס זענין דס שיינקייט פון הקב"ה נאך מער ווען הקב"ה קומט אין שול אונ דאס פאלק קומן אלי מיט אמאל אונ זענן מתפלל אונ לובן צו הקב"ה דען איז דס איין שונקייט צוא הקב"ה אונ דעמאק[...] ווערן צוא בראכן אלי שלטונות של מעלה פון זייער מעלה אונ א[...] ממונים והחיילות של מעלה ווס זענן געווען מתוקן בתיקון המלך דר[...] ווייל אז די ישראל זענין מסדר למטה זייערי תפלות ובקשות צ[...] הקב"ה אזו זענן אלי חיילות עליונים מסדר זייערי שבחות מתקן [...] זיין דעם תיקון הקודש מיט זייערי תקונים של מעלה דען די חייל[...] עליונים זענן חברים צו די ישראל משבח צוא זיין צוא הקב"ה מ[...] אמאל אוף צו ברענגן דעם כבוד הקב"ה למעלה ולמטה מיט א[...] מאל אונ אז די עליונים ברייטן זיך אן צו זיין חברים צו דיא ישרא[...] אונ די ישראל קומן ניט אין שול ארין מסדר צו זיין זייערי תפלו[...] ובקשות אונ צו לובן למלך עליון דען ווערט צו בראכן דס שלטונו[...] פון די הייליגי קדושים עליונים פון זייער תיקון דען זייא קענין נ[...] עולה זיין מיט זייער תיקון אזו וויא עס גיהער צוא זיין דען דר שב[...] פון הקב"ה איז נאר אז דיא עליונים ותחתונים לובן אים מיט א[...] מאל אין איין שעה אונ אפילו עס איז ניט דא קיין פיל מענטשן א[...] שול נאר צעהן זענן שון די חיילות עליונים אן גברייט צו זיין חבר[...] מיט זיי ווייל דר תיקון של מעלה איז בעשרה דרום אז עס קען נ[...] זין מער פון צעהן איז גינוג צעהן דרום שטייט אוך ביא דע[...] משכן ואת המשכן תעשה עשר יריעות :

ועשית את הקרשים למשכן עצי שטים עומדים אלץ אזו ווי עס שטייט למעל[...] שרפים עומדים ממעל לו דען דיא מעשה קרשים איז אלץ געוועז א[...] ווי למעלה דרום אזו ווי ביי זיי שטייט עומדים אזו שטייט ביי ד[...] קרשים אוך עומדים דען אלי מלאכים וחיילות של מעלה מוזן שטי[...] אזו וויא דער פסוק זאגט ונתתי לך מהלכים בין העומדים האלה • עס שטיי[...] מזמור לדוד ה' רועי לא אחסר מיר האבין דאך גילערינט וויא עס שטיי[...] פריער מזמור אונ דר נאך לדוד ווייזט עס אז די שכינה איז פריע[...] גקומן צוא אים איידר ער הט גזינגן דעם מזמור אונ אז עס שטיי[...] לדוד מזמור איז צו ווייזן אז ער הט פריער גזונגן אונ פר ווס הט ז[...] דא די שכינה מקדים געוועז דרום ווייל דר מזמור רעט פון מזונו[...] אונ אלי מזונות נידערין דורך דר שכינה דרום הט זי זיך גפעדר[...] זאגט דוד ה' רועי אזו וויא איין פאסטוך פירט זייני שאף אויף א[...] גוטר פאשי אזו איז הקב"ה מיין שפייזר• אנאנדרר פשט איז ה' ר[...] מיר האבן גלערינט אז די מזונות פון דעם מענטשן איז שווער פ[...] הקב"ה אזו ווי קריעת ים סוף איז דא אין דעם צוויי פשטים איינ[...] ווייל אלי מעשים פון הקב"ה זענין בדין ובצדק אונ אויף דין צד[...] שטייט די גאנצי וועלט אונ אלי צייט איז ער דן צוא דער גאנצ[...] וועלט צו די צדיקים אונ צו די רשעים אזו וויא עס שטייט כי צדיק [...] צדקות אהב אונ אז ער איז דן דיא מענטשן אונ זעהט כמה רשע[...] וחוטאים איז אים שווער צו געבן צו זיי שפייז דען ער שפייזט דא[...] די רשעים אוך אלי צייט אונ דאס טוט ער שון לפנים משורת הד[...] אונ שפייזט זיי בחסד עליון דורך דעם חסד ווס ציהט זיך צוא דע[...] גאנצר וועלט אונ צו אלי חיות אין וואלד ובהמות ועופות מקרני ראמ[...] עד ביצי כנים עס איז ניט דא קיין שום בריה די גרעסטי אונ די קלענס[...] ווס ער שפייזט זיי ניט דרום איז דס שווער פר הקב"ה צו געבן זיי[...] מזונות מחמת זייערי שלעכטי מעשים אזו ווי עס איז פר אים שווע[...] געוועז קריעת ים סוף דען בשעת הקב"ה האט גוואלט שפאלטן דע[...] ים צו די ישראל איז גקומן רה"ב דר שר פון מצרים אונ הט בגער[...]

ן דין פר הקב"ה אונ הט גזאגט רבש"ע וואָרום ווילסטו טאָן איין
י צו די מצרים אונ צו די ישראל ווילסטו שפאלטן דעם ים זייא
ן דורך גיין אמער זיי זענן דאך אלי גלייך חייבים פאר דיר אונ
ני וועגן זענן דורך דין אונ אמת דען די דינן עבודת כוכבים אונ
דינן אוך עבודת כוכבים די זענן נואפים אונ דיא זענין נואפים
א זענין שופכי דמים אונ דיא זענין שופכי דמים באותו שעה איז
ער גוועזן פר הקב"ה צו שפאלטן דעם ים אונ ווען עס וואָלט ניט
ען דר זכות פון אברהם וואלטן אלי חלילה פר לארן גיוואָרן אין
אונ די גאנצי נאכט איז הקב"ה גוועזן בדין אויף דיא ישראל דען
האבן גלערינט וואס מיינט דר פסוק ולא קרב זה אל זה כל הלילה פון
ן לערנין מיר אפ אז די גאנצי נאכט זענן גקומן די מלאכים אונ
בן גוואלט זאגן שירה פר הקב"ה הט הקב"ה צו זייא גזאגט מיין
שי ידי ווערן דר טרונקן אין ים אונ איר ווילט זאגן שירה פר מיר
ם ולא קרב זה אל זה כל הלילה עס שטייט ויהי באשמורת הבוקר הקב"ה הט
קט בזכות אברהם וואס ער הט זיך געפעדרט גאנץ פריא צו טאָן
ם ווילן פון הקב"ה אזו ווי עס שטייט וישכם אברהם בבוקר אזו זענין
וואסר אוועק גלאפן פר די ישראל דרום שטייט וישב הים לפנות בוקר
ני דס איז די אותיות לתנאו דען הקב"ה הט איין תנאי גהאט מיט
ם ים בשעת ער הט אים בשאפן אז ער זאל זיך שפאלטן פר דיא
ראל אונ ווידר לאתני מיינט מען בזכות אברהם וואס ער הייסט
ן האזרחי דורך אים איז דר ים צו שפאלטן גוואָרן דרום אזו אוך איז
ער מזונות צו געבן איבר דעם דין דען דר דין לאזט ניט אז מזאל
בן מזונות צו די רשעים אזו ווי עס איז גוועזן ביי קריעת ים סוף דם
דין הט ניט גילאזט אז די ישראל זאלין ניצול ווערין ווייל זייא
בין אויך גזינדיגט · אונ אזו אוך האבין מיר גלערינט זיווגים איז
ער פאר הקב"ה ער זאל מזווג זיין איין זכר ונקבה אזוי וויא
עת ים סוף אזו וויא ביא קריעת ים ס"ף האט ער אויף דער
ט גטייט די מצרים אונ אויף דער זייט האט ער מקיים גוועזן צוא
א ישראל אזוי אויך ביא זיווג שטייט מוציא אסירים בכושרו"ת האבין
גילערינט אז בכושרות מאכט בכי ושירות דאס הייסט גיוויין
גיזאנג דער מוז שטארבן אונ ער גיט זיין ווייב צוא אנאנדערין
טשי ער איז ארשע איז אים אמאל אן גיבריט איין אשה טובה
עס איז בדין אבער דאס איז גרוסי סודות דער נאך זאגט ער
ן דיא מזונות של מעלה נידערין אראפ אזוא זאגן דיא מלאכים
ה דיא מחנה זאגט קדוש אונ רופן צוא דער אנדערער אונ זייא
ין אויך קדוש אונ אזו אויך דיא דריטי ביז אלי מיט אמאל זאגין
ש קדוש קדוש ה' צבאות מלא כל הארץ כבודו אונ אלי זענין מחובר איינר
ט דעם אנדרין דרום שטייט ביי די קרשים פון דעם משכן וואס זיי
ן גיוועזן אקעגין די מלאכים משולבות אשה אל אחותה כן תעשה לכל קרשי
שכן אונ אזו ווי למעלה שטיין זיי גלייך ניט איין גבוגן אזו אוך ביי
ברעטר שטייט קרשי המשכן עומדים אונ עס איז גוועזן שתי ידות לקרש האחד
שליכר עק איז כולל גיוועזן פון זיך אונ פון זיין חבר אזו אוך איז
תורה כי טוב סחרה מסחר בכסף ומחרוץ תבואתה דר לערינט מיט דעם וואס
ווייסט אונ דר מיט דעם אזו ווערין זייא מחובר אונ גיפלאכטין
ר מיט דעם אנדרין דער האט זיין תורה אונ אויך וואס ער האט
גלערינט פון זיין חבר אונ דר אנדרר איז אויך אזו :
ית קרשי נחושה חמשים רבי אלעזר אונ רבי אבא זענין אין איינעם

גיזעסין איין נאכט וויא עס איז נאכט גיוואָרין זענין זייא אריין
גינאנגן אין איין גארטן לעבן ים של טבריא האבן זייא גזעהן
ווי צוויי שטערן גיין איינר פון דר זייט אונ איינער פון דר זייט אונ
האבן זיך באגעגינט אונ זענן פר בארגן גיוואָרן זאגט רבי אבא ווי
גרויס זענין מעשה הקב"ה בשמים ממעל ועל הארץ מתחת ווער קען וויסין
וואס דאס באטייט זאגט ר' אלעזר איך האב זייא דאך יוא גיזעהן אונ
האב אין זיי אכטונג גיגעבן אונ איך האב משגיח גיוועזן אין כמה
מעשים אחרים וואס הקב"ה טוט תמיד :

פתח ער הייבט אן גדול אדונינו ורב כח ווייסט מען דען ניט אז הקב"ה
איז גדול ורב ועליון אונ וואס הט דוד פר איין שבח גזאגט דר מיט
אלא וואס שטייט פריער מונה מספר לכוכבים לכולם שמות יקרא ווען עס
וואלטין זיך איין זאמלן דיא גאנצי וועלט וואס איז גיוועזן פון אדם
הראשון אן ביז משיח וועט קומן אונ זאלן אלי ציילין דיא שטערין
וואלטן זיי ניט גקענט איבר ציילן אזו וויא דער פסוק זאגט וספור את
הכוכבים אם תוכל לספור אותם אונ ביי הקב"ה שטייט מונה מספר לכוכבים לכולם
שמות יקרא ער ציילט איבר אין איין רגע אלי שטערין אונ רופט זייא
איטליכן מיט איין נאמן דרום ווייל ער איז גדול ורב כח אונ אזו וויא
קיינר קען ניט ציילן דיא שטערן נאר ער אליין אזו וויא עס שטייט
ביא אים לתבונתו אין מספר קום אונ זעה עס שטייט המוצ"א במספר צבאם
לכולם בשם יקרא אלי שירות וכוכבים והיילות ציילט הקב"ה אונ
איטליכן בזונדר רופט ער אן מיט איין נאמן אונ עס ווערט אפילו
איינר פון די כוכבים ומזלות ניט גבראכט פר הקב"ה וואס זיי זאלין
ניט גזעצט ווערן פאר הערן ופקידים ושרים וואס זאלן משמש זיין
אויף דר וועלט איטליכן ווי עס איז ראוי צו אים אונ עס איז ניט דא
קיין שום גראז אויף דר וועלט וואס איז דרויף ניט שולט איין כוכב
ומזל ברקיע אונ אויף איטליכן כוכב ומזל איז איין שר וממונה וואס
ער איז משמש פר הקב"ה איטליכר וויא עס איז צוא אים ראוי אלי
כוכבים ומזלות פון דעם הימל זענין משמש אויף דער וועלט עס
שפראצט אונ וואקסט ניט קיין גראז אונ ביימר נאר אזו ווי דר כח
פון דעם שטערן וואס אויף אים איז למעלה אונ אזו הט עס אויף דער
וועלט איין סגולה אדר ארפואה צו אלי זאכן · די גרוסי ממונים פון
די חיילות כוכבים ומזלות גייען אלי ארום בתחלת הלילה ביז דריי
שעה אן אפערטיל דר נאך גיין ארום נאר קלייני ממונים אונ אלי
ווערן ניט גזעהן לבטלה עס איז פר האנדן אטייל שטערן וואס זענן
משמש אגאנצי נאכט צו שפראצין אונ מגדל זיין אויף דעם וואס זייא
זענן ממונה אונ עס איז פר האנדן שטערן וואס זענן נאר משמש ווייניג
פון דר נאכט אז ער זעהט זיך נאר מיט זיין עשב אדר דשא אויף וואס
ער איז גזעצט הט ער שון אפ גטאן זיין דינסט אונ טוט שון מער ניט
בנאכט קיין שום זאך אז זיי טוען אפ די דינסט פון הקב"ה אזו גיין
זיי ארין אויף זייער ארט ווייטר זאגט ער גרוסי סודות פון די שטערן :

רבי שמעון זאגט עס שטייט ולא אמר איה אלהי עושי הנותן זמירות בלילה דען
די כנסת ישראל טוען לובן צו דעם מלך שהשלום שלו אזו וויא
איין ליכט וואס שטילט ניט אזו אוך טוט זי תמיד לובן מקבל צו זיין
דם אור שמחת עליון אלי שטערן וואס לייכטן ביי נאכט די זאגן אלי
שירה אונ לובן אונ זינגן צו הקב"ה כל זמן זיי ווערן גזעהן אין הימל
דען די מלאכים זאגן שירה אלי דריי משמרות פון דר נאכט דען אז
עס ווערט נאכט זענין זיך מתפשט אלי קליפות ורוחות רעות אויף

דר וועלט און אז די קליפות ורוחות רעות זענען זיך מתפשט און דר
וועקן זיך אויף דר וועלט אזו ווערין אלי לייט אנטשלאפן און זענען
טועם אזעכציגסט חלק פון דעם טוט און אז די ששים רבוא מלאכים
ווילן זאגן שירה קענן זיי ניט זאגן ביז זיי שיידן זיך אפ פון די קליפות
און אז זיי ווארפן דעם שלאף אויף די לייט אזו זענען שולט אויף זייא
די קליפות און ווערן טמא נאר חוץ אין ארץ ישראל דארטן האבין
זיי קיין שליטה ניט נאך דעם אז דיא מלאכים שיידן אפ די רוחות
רעות זיי זאגן שולט זיין למטה אזו זאגין זייא שירה און לובן פאר
הקב"ה אזו אוך די ישראל קענן זיך לכתה ניט מדבק זיין בהקב"ה
ביז זיי מוזן פריער פון זיך די טומאה אוועק שטיפון און גיבין אים
אפ זיין חלק אזו ווי אום יום כפור גיט מען דעם שעיר לעזאזל און
דערסט גלייכן אין דר צייט זענען זייא זיך מדבק להקב"ה דען הקב"ה
הט אים גמאכט ארום דר קדושה אזו ווי איין מלך לייגט אנידער
איין שלאנג אויף איין קעסטיל פון אבנים טובות כדי קיינר זאל ניט
קענין קומען צוא דעם קעסטיל און אז עס קומט דער ליב האבר
פון דעם מלך זאגט אים דער מלך אז דוא וועסט וועלין גיין צו דעם
קעסטיל זאלסטו דעם שלאנג אזו און אזו טאן וועסטו קענין דעם
שלאנג אוועק טרייבן און וועסט ניצן פון מיין אוצר אזו אוך זאגט
הקב"ה צו די ישראל און צו די מלאכים ווען זיי ווילן זיך מדבק זיין
אין דר קדושה קענן זיי ניט איבר די קליפות ביז זיי שטוסן זיי אוועק
לחוץ אוב די וועסט פרעגן עס איז דאך פר האנדן מלאכים של אש
און פייער איז דאך ניט מקבל קיין טומאה קום און זעה עס שטייט
עושה מלאכיו רוחות די מלאכים פון דרויסן זענען רוח און משרתיו אש לוהט די
אינעווייניגסטי זענין אש און דיא קליפות זענין אוך רוח הטומאה
דרום מוזן זיי ארום שטוסן די טומאה פון זיך :

פתח ער הט אן גיהובן עס שטייט הללויה אודה ה' בכל לבב בסוד ישרים ועדה

די חכמים זאגין אז דוד המלך הט גזאגט תהלים מיט צעהן
מיני שבח און איבר אלי איז דס ווארט הללויה דער איז כולל דעם
שם ושבח אין איינעם אודה ה' בכל לבב איז צוויי הערצר דר יצר טוב
מיט דעם יצר הרע דען פון דעם יצר טוב קומט ארום דעם מענשן
גוטין דארף ער דרוף מאכן הטוב והמטיב און פון דעם יצר הרע קומט
דעם מענטשין שלעכין דארף דר מענטש דרוף מאכין ברוך דיין אמת •
בסוד ישרים ועדה דס זענען די ישראל וואס ווייסן די רזין וסודות פון הקב"ה
און זאמלין זיך איין אגאנצי עדה הייסט צעהן מענטשן לובין צוא
הקב"ה דרום גיהער מען לובין הקב"ה אויף גוטס און אויף שלעכץ
און גיהער אלץ מפרסם זיין אויף דר וועלט • אויב דיא וועסט וועקן
זאגן הקב"ה ווייסט דאך אלץ דינג נאך וואס דארף מען מפרסם זיין
צווישן מענטשן נאר מיט דעם ווערט גיהערט דר כבוד פון הקב"ה
אז מען איז מפרסם איין גם אויף דר וועלט דרום שטייט ביי הקב"ה
והתגדלתי והתקדשתי ונודעתי לעיני גוים רבים וידעו כי אני ה' זאגט רבי יצחק פר
צייטן הט אמענטש גזאגט צו זיין חבר זאג מיר אווארט דברי תורה
און איך וועל דיר דר פר געבן איין מנה כסף הייסט זאגט אמענטש
צו זיין חבר נעם דיר איין מנה כסף און לערין דיר אליין תורה און
קיינר וויל זיך ניט קערן און נייגן זייני אורין צו הערן חוץ די זעלבגי
קדושים וואס זענען נאר ווייניג אויף דר וועלט דען מיט זיי בארימט זיך
הקב"ה אזו וויא עס שטייט ועמך כולם צדיקים לעולם יירשו ארץ נצר מטע'

# פרשת תצוה

ואתה הקרב אליך רבי שמעון זאגט עס איז אלץ איין קריבה ווע...
ווייסט מייחד זיין דעם יחוד השם צו דינן זיין הארן ד...
דר צייט אז די קרבנות זענען גיוועזן האט דר כהן גימאכט איי...
בכל העולמות דרום שטייט דא ואתה הקרב אליך דען אהרן הט ג...
פיל יחודים אין אלי עולמות און עס איז אלץ דער לייכט גי...
אפילו די קליפות האבן אוך הנאה גיוועזן פון די קרבנות און ד...
וואס זיי האבין הנאה גיהאט האבין זייא זיך אפ גטאן פון דעם...
הקדושה און זי איז דר לייכט גווארן און דרום אז די ישראל...
ארום גנאנגן פון מצרים איז דר אור הקדושה ניט רעכט ליכטג...
ביז גאט הט אפ גגעבין דעם שטן זיין חלק ער זאל צו איוב י...
טאן און בתוך כך ווי דר שטן הט זיך מתעסק גוועזן איז די ט...
אפ גטאן גיווארן פון די ישראל און זענען ריין גווארן פון דר ט...
מיט דעם קרבן פסח דרום שטייט פסח לה' אלהיך דרום האבין ז...
גמוזט עסן איילינדיג כדי דר שטן זאל ניט מקטרג זיין אויף ז...
כל זמן איוב איז גוועזן ביי אים אין דר האנט הט ער זיך פון ז...
גטאן און זיי האבן גקאנט רעכט זיך מדבק זיין אין הקב"ה וו...
די וואס ווייסן רעכט מייחד זיין דעם יחוד פון הקב"ה וויא עס ...
צו זיין עס שטייט אלהי מסכה לא תעשה לך את חג המצות תשמור ווי גשיק...
די ביידי באנאנד נאר דיא חכמים האבן גזאגט ווער עס עסט ...
אום פסח איז גליך ווי ער דינט עבודת כוכבים ווארום חמץ א...
יצר הרע און עבודת כוכבים און אז די ישראל זענין ארום גיגא...
פון מצרים זענען זיי ארום גיגאנגין פון רשות פון די קליפות ו...
הייסן חמץ לחם רע עבודת כוכבים און הייסט שאור דען דר...
הרע איז ביא דעם מענטשין אזו ווי זויער טייג אז מען טוט ד...
טייג אריין גייט עס אויף ביסליך וויים אזו אויך גייט דער יצר...
אריין אין מענטשן ביסליך וויים ביז ער ווערט פר מישט אין ג...
אזו ווי זויער טייג אין דעם טייג דרום שטייט לא יהיה בך אל זר דען...
דיר וואקסט דר אל זר דער יצר הרע דאס מיינט מען את חג ה...
תשמור דאס איז דר יצר טוב צד הקדושה אלהי מסכה לא תעשה...
הייסט דיך אליין זאלסטו ניט מאכן פר איין עבודת כוכבים כ...
דעם וואס ער פר מישט זיך אין דעם גאנצן גוף הייסט ער אליין...
עבודת כוכבים דרום שטייט יד :

רבי יהודה זאגט עס שטייט חדלו לכם מן האדם אשר נשמה באפו כי במה ...
הוא דעם פסוק האבן די חכמים מפורש גוועזן אבר עס איז ...
קשה אז דר מענטש שייד זיך אפ פון זיין חבר דען שייד זיך דר ...
אוך אפ פון אים וועקן דאך איבר דעם ניט קענן זיין קיין מענ...
בנאנד נאר די חכמים האבין גזאגט אז דס גייט אויף דעם מענ...
וואס פעדערט זיך גיין צום חבר אים געבן שלום איידר ער הט גדא...
אזו ווייזט ער אז דר מענטש איז ביא אים מער חשוב חלילה...
הקב"ה איך האב דס מפורש גוועזן אין איין אנדרן פסוק עס שט...
מברך רעהו בקול גדול בבוקר השכם קללה תחשב לו דס מיינט מען אוך אזו...
ער גייט גאנץ פרי צו דעם חבר אין שטוב ארין אים געבין של...
איז שון די ביידי פסוקים זייער רעכט נאר נאך וואס שטייט אשר נ...
באפו אלא דס מיינט מעו הקב"ה זאגט אן דעם מענטשן ער זאל...
אפ היטין פון די מענטשין וואס קערן אפ פון דם גוטין וועג צו גיין...

שלעכטן

טן וועג און ווען מטמא זייער נפש מיט דר טומאה פון דיא
ת דען הקב"ה הט בשאפן דעם מענטשן בדמות עליון און הט
ריין גיגעבן איין רוח הקודש וואס ער איז נכלל אין דריי ערליי
סן נפש רוח ונשמה און די העכסטי מדריגה איז נשמה און
ר מאכט די נשמה הקדושה אריין גיין אין דר עבודה פון דר
ה איז ער זי מטמא און זי גייט ארוס פון עבודת הקב"ה דען די
פש רוח נשמה איז אלץ איינס זיי ווען זיך משתדל אין איינעם
ען ביי דעם מענטשין און אויף דעם איז גיזאגט גיווארן הודך את
חכם ווען די וועהסט אמענטשן וואס ער האט אין זיך אלי דרייא
ות נפש רוח ונשמה איידר די ווייסט רעכט זייני מעשים אוב
ט זיך מקרב זיין צו אים מיט וואס וועסטו אום דר קענן אוב ער
בהיט די נשמה הקדושה און זי איז ביי אים וועסטו אים דר קענין
ין רוגז דען מיט דעם רוגז הט ער די נשמה אום גריסן פון איר
און הט אריין גיבראכט אויף איר ארט איין אל זר די קליפה אז
ענטש היט די נשמה הייסט ער עבד ה' און ער איז אגאנצער
ש אבער אז ער היט זי ניט און מחמת זיין רוגז רייסט ער זי אום
בט אריין דעם אל זר די קליפה איז בוודאי דער מענטש מורד
ן הערן מען טאר זיך ניט מקרב זיין צו אים און זיך ניט מחבר
יט אים און ער הייסט טורף נפשו באפו ער רייסט אום די נשמה
יין צארן און עס רועט אויף איר ארט איין אל זר דרום זאגט דר
חדלו לכם פר מייד אייך מן האדם פון אזו אמענשן אשר נשמה באפו וואס
ט פר צוקט זיין נשמה מחמת זיין כעס און הט זי מטמא גיוועזן מיט
ל זר כי במה נחשב הוא לייען במה ער איז נחשב וויא איין עבודת
ם און דר מענש וואס רעט מיט אים און איז זיך מחבר מיט אים
לייך וויא ער איז זיך מחבר אין איין עבודת כוכבים ווייל דר
דר עבודת כוכבים רועט ביי אים און ניט דאס אליין נאר ער
יס גיריסן די קדושה עליונה די הייליגי נשמה פון איר ארט און
מאכט רוען אויף איר ארט דעם אל זר וואס עס שטייט אל תפנו
ילים און אזו אויך טאר מען ניט קוקן אויף זיין פנים אויב דוא
ן פרעגין אמער עס איז דאך אמאל ביי די רבנן אויך דא איין
אר דר רוגז פון די רבנן איז גוט אויף אלי זייטן דען מיר האבן
ינט די תורה איז אש און די תורה מאכט זיי ברענען אזו ווי עס
טייט הלא כה דברי כאש נאם ה' דער רוגז פון דיא רבנן איז בדברי
און צו געבין כבוד צו דר תורה און דאס איז עבודת הקב"ה
שטייט כי ה' אלהיך וגו' אבער ווען דר רוגז איז ניט וועגן גאט נאר
אנדרי זאכן איז גאר ניט דא אזו אזינד עס זאל הייסן עבודת
ים ממש אזו וויא דם און מען טאר גאר צו אים ניט גינעהנין
רו וועסט מיינן אז דיא נשמה גייט נאר אוועק פון אים לפי
אבער זיא קומט ווידר צו ריק עס איז ניט אזו דרום ווייל ער
אוים דיא קדושה פון דר נשמה פון זיין ארט און עס קומט
ל זר און נעמט צו דם ארט און ווערט דארט גישטארקט און
זיא שוין ניט צו ריק נייערט אז דר מענטש טוט תשובה אויף
יני עבירות און צו רייסט דעם אל זר פון זיך אויף תמיד און
ז זיך משתדל צו ווערן גיהייליגט און צוא ציהן אויף זיך דיא
ה נאה דעם הלואי וואלט ער גיווארן גיקריינט מיט דר נשמה
בי יוסי ער ווערט ממש גיהייליגט זאגט רבי יהודה קום און
שעת ער רייסט אוים די נשמה און דער אל זר רועט אויף איר

ארט דען ווערט ער טמא און איז מטמא אלע זיינע אברים און
אויך די אלי וואס גינעהנין צו אים און דיא קדושה לויפט אוועק פון
אים און עס איז זייער שווער אז ער זאל זיא שוין ווידר אום קערין
סיידען אז ער הייליגט זיך זייער זאגט רבי יוסי כמה טמאים ווערין
זיך דאך גירייניקט זאגט רבי יהודה אנדרע טומאה קען ניט מער
טאן ווי זיא . זיא איז נאר מטמא דעם גוף פון דרויסן דרום קען ער
ווידר טהור ווערן אבער די טומאה פון כעס איז מטמא דעם גוף פון
אינווייניג און פון דרוסן און איז מטמא דעם נפש דרום שטייט חדלו
לכם מן האדם אשר נשמה באפו מען זאל זיך היטין פאר אים דרום שטייט
אלהי מסכה לא תעשה לך דוא ביסט זיך אליין מטמא מיט דעם אל נכר
און דר נאך שטייט את חג המצות תשמור דאס איז דר צד הקדושה דוא
זאלסט זיך נאר מקדש זיין :

ועשית ציץ זהב טהור וואָרום הייסט ער ציץ דען ציץ איז טייטש קוקין
מיט דעם ציץ הט מען גיקוקט און דער קענט דעם מענטשן
וואס ער איז . אין ציץ זענען גיוועזן אום גיקריצט דיא אותיות פון דעם
שם הקודש און ווען איין זכאי איז פר אים גישטאנן זענען גיווארן די
אותיות וואס זענען גיוועזן גקריצט זענען ארוים בולט און האבן גיליכט
אין זיין פנים אזו הט ער גיוויסט אז הקב"ה בגערט אין אים און ער
איז איין בן עולם הבא . און אז אמענטש איז גישטאנן פר אים און
זיין פנים הט ניט גיוויזן דעם מראה הקודש וואס שטייט פריער אזוי
הט דר כהן גיוואוסט אז ער איז איין עזות מצח און מען מוז אויף אים
מכפר זיין און מתפלל זיין פר אים . קום און זעה די חכמים האבין
דאך גיזאגט אז דיא וואס זענין עזות מצח און האבן קיין בושה ניט
האבן זיי ניט קיין חלק לעולם הבא אבר זיי האבן ניט גימיינט דיא
עזות מצח וואס זענען גיוועזן צווישן די ישראל דען אז זיי האבין נאר
גיזעהן אין ציץ איז זייער הארץ צו בראכן גיווארן און האבן תשובה
גטאן אויף זייערי שלעכטי מעשים דען דער ציץ איז גשטאנן
פר איין צייכן דר וואס הט אים גיזעהן הט ער זיך גישעמט אויף זייני
מעשים דרום הט דר ציץ מכפר גיוועזן אויף עזות מצח דיא אותיות
פון דעם שם הקודש איז גיוועזן אין ציץ אוים גיריצט און זיי האבן
גיליכט און גפינקלט און ווער עס האט גיקוקט אין דעם פינקלין
פון די אותיות אין זיין פנים פר ענדרט גיווארן מחמת אימה ומורא
און זיין הארץ איז אים צו בראכן גיווארן מחמת פחד און איז אונטר
טעניג גיווארן פר זיין הערן דרום האט דער ציץ מכפר גיוועזן . און
אזו אויך דיא קטורת ווער עס האט גישמעקט דעם ריח אזו הט עס
אים גיליטערט מיט לויטרקייט צו דינן זיין הערן און הט פון אים אפ
גיטאן דיא זוהמא פון דעם יצר הרע און זיין הארץ איז נאר גיוועזן
צו דינן צו הקב"ה דען עס איז ניט דא אויף דר וועלט עס זאל צוא
ברעכן דעם יצר הרע אזו וויא קטורת . קום און זעה עס שטייט קח
את המחתה ותן עליה אש מעל המזבח ושים קטורת ווייל כי יצא הקצף מלפני ה' [illegible]
הנגף דען עס איז ניט דא קיין גרעסרר בראך צו די קליפות וויא דיא
קטורת און עס איז ניט דא אזו איין גיליבטי זאך פאר הקב"ה וויא
קטורת און דיא קטורת האבען מבטל גיוועזן אלי מיני כשפים און
שלעכטי זאכן און עס איז איין גזירה פאר הקב"ה אז דר וואס לייענט
אלי טאג במעשה הקטורת דער ווערט ניצול מכל מיני כישוף
שבעולם און פון אלי פגעים והרהורים רעים און פון דינים רעים
און פון מות און ווערט ניט ניזוק דעם גאנצין טאג דאס די קליפות


קענו

קענען אויף אים ניט שולט זיין נאר דס איז אז ער איז זיך רעכט מכוין
אין די קטורת · זאגט רבי שמעון די לייט זאלן וויסן ווי דיא מעשה
הקטורת איז חשוב פאר הקב"ה וואלטן זיי גינומען איטליכן דיבור אונ
וואלטין זיך גימאכט עטרות אויף זייער קאפ אזו וויא איין גילדינע
קרוין אונ ווער עס איז זיך דרינן משתדל אונ איז זיך דרינען מכוין
אלי טאג הט ער איין חלק בעולם הזה ובעולם הבא אונ טוט אפ
פון זיך דעם טויט אונ ווערט ניצול מכל דינים פון דער וועלט
ומרוחות רעות ומדינה של גיהנם · אונ ווען מען הט מקטיר גיוועזן
קטורת אונ דר רויך איז אויף גיגאנגן גלייך אזו ווי איין זייל אזו הט
דער כהן גיזעהן דיא אותיות פון דעם שם הקודש פאר שפרייט אונ
גיפלויגן אין אויר אונ זענן ארויף גיגאנגן למעלה דורך דר זייל דר
נאך האבין זיך ארום נידרינגילט כמה מרכבות הקדושים אונ האבין זיך
משמח גיוועזן למעלה אזו וויא מיר האבן שוין מפורש גיוועזן אויף
אנדר ארט עס שטייט מזבח מקטר קטורת אין דעם פסוק איז קשה
דען עס איז דאך גיוועזן צווי מזבחות מזבח העולה אונ מזבח הקטורת דר
מזבח העולה איז גיוועזן בחוץ אונ דער מזבח הקטורת איז גיוועזן
בפנים ווארום רופט מען מזבח הקטורת דס ווארט מזבח איז דאך
דר טייטש לשון שעכטן אונ אויף אים האט מען דאך ניט גשאכטן
נייערט אויף דעם מזבח החיצון נאר ווייל עס הט גיבונדן אונ מבטל
גיוועזן כמה רוחות רעות וקליפות דאס זיי האבן ניט גיקאנט שולט
אונ מקטרג זיין דרום הייסט דס מזבח ווארום זיי זענן גיוועזן אזו ווי
גיקוילט דורך דיא קטורת אונ אז דר יצר הרע האט דער זעהן דיא
מעשה הקטורת הט ער זיך אפ גיטאן אונ איז אנטלאפן גיווארן ער
הט ניט גיקאנט גינעהנן צו דעם משכן אונ דרום ווייל קיינר האט
ניט זוכה גיוועזן צו דר שמחה של מעלה וס די קטורת האבין דער
וועקט נייערט הקב"ה אליין איז דס זייער חשוב גיוועזן בייא הקב"ה
אונ ווייל אין דעם מזבח איז גפונן גיווארן איין ברכה איז ער דריבר
גישטאנען אינווייניג פר הוילין אונ פאר שטעלט פון דעם אויג עס
שטייט ביי אהרן ויעמוד בין המתים ובין החיים ותעצר המגפה ער הט גיבונדין
דעם מלאך המות אונ הט אים מכניע גיוועזן ער זאל ניט קענן שולט
זיין אונ טאן איין דין אונ מיר האבן דעם סימן בקבלה אז מען זאגט
מעשה הקטורת בכוונה וברצון הלב איז אין דעם ארט ניט שולט
קיין מלאך המות אונ עס ווערט קיינר ניט ניזוק · קום אונ זעה דר
מענטש וואס דינים לויפין אים נאך דער מוז זאגין קטורת אונ זאל
תשובה טאן צו זיין הערין דען דס איז אים איין הילף אז דיא דינים
זאלין זיך פון אים אפ טאן אונ אז ער גיוואנט זיך זאגין קטורת צוויי
מאל אין דר פריא אונ פר נאכט טוען זיך בוודאי אפ די דינים פון
אים אזו ווי עס שטייט בבוקר בבוקר וגו' בין הערבים יקטירנה וגו' אונ דס איז
דר קיום למעלה ולמטה אזו ווי עס שטייט קטורת תמיד לפני ה' דאס איז
למעלה לדורותיכם דס איז למטה אבר אז מען דר מאנט ניט די מעשה
הקטורת רוען דארטין די דינים של מעלה אונ פיל מיתה איז חלילה
שכיח דרום שטייט קטורת תמיד לפני ה' דיא קטורת איז דער קיום אונ
חשובר פאר הקב"ה מער וויא אלי עבודות פון דער וועלט חאטשי
תפלה איז חשוב אבער קטורת איז נאך חשובר קום אונ זעה דעם
חילוק צווישן תפלה אדר קטורת דען די תפלה הט מען מתקן גיוועזן
אויף דעם ארט פון קרבנות וס די ישראל האבין מקריב גיוועזו אונ
אלי קרבנות אליין זענן ניט גלייך צו קטורת אונ ווידר תפלות זענן

נאר מתקן וס מען דארף אבר קטורת איז מתקן אונ קושר קשרים דר
תרגום מאכט אויף קשר קטר איז טייטש ער קניפט אונ איז מייחד
אלי אורות צו דר לייכטן מער פונאנדערצדינג עס איז מעביר די זוהמא
אונ איז מטהר דעם משכן דס ער ווערט דר לייכט אונ מקושר דרום
מוז מען צום ערשטין מעביר זיין די זוהמא פון דר וועלט דס איז דר
רעכטר תיקון פון אלי טאג קום אונ זעה די קטורת הט מען מקטיר
גיוועזן פר דעם קרבן תמיד דרום גהער מען זאגן די מעשה הקטורת
פריער פר דעם דאווענן ושירות ותשבחות דען דס קען ניט אויף גיין
אונ די תפלה קען ניט מתוקן ווערין ביז מען מוז פריער אפ טאן די
זוהמא וטומאה דען גייט די תפלה ארויף אן קטרוג אונ ריין דס מען
איז פריער מעביר אלי חיצונים וואול צוא דיא ישראל בעולם הזה
ובעולם הבא דען זייא ווייסין מתקן זיין למעלה ולמטה אזו ווי מען
דארף · אין דעם מדרש הנעלם שטייט רבי תנחום זאגט אמאל בין
איך גיגאנגין אין וועג האב איך בגעגינט אליהו פרעג איך אים זאג
מיר מיין האר וועלכם איז גוט פר די מענטשן פון דר וועלט הט ער
מיר גיזאגט הקב"ה האט גוזר גיוועזן בשבועה אז אין וועלכר צייט
וס די לייט וועלין דר מאנן די קרבנות אזו ווי משה רבינו הט זייא
גיזאגט צו די ישראל אזו אפילו די אלי מלאכים וס דר מאנן תמיד
די זינד פון מענטשן זאלין אים מזכיר זיין לטובה אונ אויך אין דער
צייט אז עס איז שכיח חלילה מיתה אויף דר וועלט איז נגזר גיווארן
אונ איין כרוז איז ארוים גיגאנגין איבער אלי חיילות השמים ווע
מייני קינדר גייען אין בתי כנסיות ובתי מדרשות אונ זאגין דס ענ
פון קטורת הסמים מיט רצון וכוונת הלב אזו ווערט בטל דר טוי
פון זיי זאגט רבי יצחק קום אונ זעה עס שטייט ויאמר משה אל אהרן קח א
המחתה וגו' פרעגט אים אהרן נאך וס זאל איך נעמן די מחתה האו
אים משה גיענטפערט כי יצא הקצף מלפני ה' וואס שטייט דר נאך ויר
תוך העדה והנה החל הנגף בעם אונ ווייטער שטייט ויעמוד בין המתים ובין הח
ותעצר המגפה דר משחית ומחבל האט ניט גיקאנט שולט זיין אונ א
דר מיט בטל גיווארין :

רבי אחא איז גיגאנגען קיין כפר טרשא איז ער גיקומען אין א
הארבריג הערט ער וויא דיא מענטשין זאגין עס איז גיקומע
איין גרוסער מאן דארפין מיר גיין צו אים בעטין ער זאל אונז א
עצה געבן ווען דעם טויט עס איז שוין זיבן טאג וואס ער שטארב
זיך אלי טאג אונ הערט ניט אויף · זאגט ער זייא זאלין גיין אין ש
אריין אונ בעטין פאר הקב"ה ער זאל זיך אויף זייא מרחם זיין · ו
זיי גייען קומין מענטשין אונ זאגין דער אונ דער איז גישטארבן א
דר איז נוטה למות זאגט רבי אחא עס איז איצונד קיין צייט ניט
גיין אין שול אריין מתפלל זיין נאר איר זאלט פון אייך אפ שיי
פערציג מענטשן וייער פרומי לייט אונ איך וועל מיך מצרף זיין מ
אייך אונ צו טיילט אייך צוא צעהן מענטשין אויף אלי פיר זיי
פון דער שטאט אונ זאגט דעם ענין פון קטורת הסמים מיט כו
ורצון הלב וואס דס האט הקב"ה גיגעבין צו משה אונ אזו זאלט א
טאן דרייא מאל האביז זייא אזו גיטאן אונ זענן איבער גיפארן א
אלי פיר זייטין פון דער שטאט אונ האבן אזו גיזאגט דער נאך זא
ער צוא זייא גייט צוא דיא לייט וואס זענין נוטים למות אונ ש
זייא אפ אין זייערי הייזער אריין אונ זאגט אויך אזו דער נאך זא
איר זאגין דיא פסוקים ויאמר משה אל אהרן קח את המחתה וגו' בין ה

ומגפה האבין זייא אזו גיטאן אונ עס איז פון זייא בטל געווארן דער טויט דר נאך האבין זייא געהערט איין קול עס האט אזו געזאגט סיטרא סיטרא קסייתא חולי חולי איר איבערשטי בעלי דינים בלייבט אויבן אונ נידערט ניט אראפ דען דער דין מן השמים האט שוין דא קיין שליטה ניט דען זייא ווייסין אים מבטל זיין · דר ווייל איז רבי אחא אנשלאפין געווארין הערט ער אז מען האט אים געזאגט אז דוא האסט שוין געטאן דארפסט דוא גיין צוא זייא אונ זאגין זייא זאלין תשובה טאן ווארום זייא זענען רשעים איז ער אויף געשטאנען אונ האט זייא מחזיר בתשובה געוועזן האבין זיי אויף זיך מקבל געוועזן אז זייא וועלין זיך אייביג ניט מבטל זיין פון דברי תורה אונ האבין פר ענדערט דעם נאמן פון דר שטאט זיי האבין איר געגעבין איין אנדרן נאמן כתא מחסיא דאס מיינט מען דס איז די שטאט וואס הקב"ה הט אויף איר חס ורחמנות געהאט אונ האט זיא מציל געוועזן פון דעם טויט · דר זוהר איז מאריך פון די בגדי כהונה מיט דעם חושן דער אך זאגט ער אחור וקדם צרתני ותשת עלי כפכה עס שטייט בשעת הקב"ה הט בשאפן צו אדם הראשון הט ער אים בשאפן פון צוויי געשטאלטן פון איין זכר אונ פון איין נקבה ביז הקב"ה האט זיי צו שייד אונ האט יא פאר אים געבראכט פנים אל פנים אזו האבין זיי גימערט צווישין יך דיא אהבה אונ האבין געוואונען קינדער דער נאך אז זייא האבין זינדיגט אונ דער שלאנג איז געקומען האט חוה געוואונען דר נאך ן פון דער זוהמא פון דעם שלאנג ער איז געוועזן אין געשטאלט פון ליונים ותחתונים אונ דרום ווייל ער איז געוועזן פון דער זוהמא פון עם נחש איז ער געוועזן דער ערשטער וואס האט גיהרגת זיין ברודער בל מיר האבן געפונען בספרים קדמונים בשעת קין האט געוואלט הרגנין ן ברודער הבל האט ער אים גיביסן מיט דיא ציין אזו וויא שלאנג ביז ער האט אים גיהרגת דרום ווייל ער איז גיקומען מצד נחש דען איטליכער קערט זיך צו זיין שורש אונ אז אדם הט גיזעהן ן הבל איז נהרג געווארן אונ קין איז פאר טריבן געווארן האט ער זאגט נאך ווס זאל איך ווייטר קינדער האבן הט ער זיך אפ געשייד ן חוה הונדערט אונ דרייסיג יאר אונ דר נאך הט ער זיך במראכט נ הט גוויני מיט חוה דעם זון שת בדמותו כצלמו ווארום די קינדער ן פריער זענען ניט געוועזן אין זיין געשטאלט דאס שטייט היינט וזאת א אשה דרום שטייט אחור וקדם צרתני אונ אזו אויך האט זיך דער כהן ל אן געטאן אין די אורים ותומים אונ חושן ואפוד דס איז אויך ען אחור וקדם דס איז אלץ געוועזן מיט פיר רינגען אזו ווי די ארבע רגלי בה למעלה אונ אופנים וחיות הקודש אונ אזו כל מעשה משכן איז ן געוועזן אין געשטאלט פון דיא אורות ומקדש של מעלה דס די שכינה זאל אוף אים רוען אזו ווי למעלה :

# פרשת כי תשא

בר ה' אל משה לאמר כי תשא את ראש בני ישראל לפקודיהם ונתנו איש כופר נפשו וגו' רבי אבא ורבי יוסי זענין געגאנגן פון טבריא קיין צפורי ן זיי אוף דעם וועג דר זעהן צו רבי אלעזר ורבי חייא זאגט רבי א מיר וועלן זיך דא משתתף זיין מיט דר שכינה האבן זיי גנווארט יי זענען צו גנאנגן אז זיי זענן נקומן זאגט רבי אלעזר עס שטייט ה' אל צדיקים ואזניו אל שועתם דער פסוק איז קשה איז דען הקב"ה יח אוף די צדיקים ער זאל זייא נוטם טאן אמער מיר זעהן דאך כמה צדיקים ווס זיי האבן ניט קיין עסן אפילו איין ראב אין פעלד ווס זאגט דר פסוק עיני ה' אל צדיקים אלא קום אונ זעה אלי בריות פון דר וועלט ווערין דר קאנט מען זאל אוף זיי משגיח זיין הן זיי זענין מצד הקדושה אונ הן מצד הטומאה דיא ווס זענן מצד הקדושה ווערן זיי דר קענט מלמעלה צו משגיח זיין אוף זייא מצד הקדושה אונ די ווס זענן מצד הטומאה ווערן זיי אויך דר קענט מלמעלה מען זאל אוף זיי משגיח זיין פון דעם צד הטומאה אונ ווי דר צד הקדושה איז שולט קען דר צד הטומאה ניט שולט זיין אונ קען דר צוא ניט גיגעהין אונ קען אים ניט דוחה זיין פון זיין ארט דרום זאגט ער עיני ה' אל צדיקים דען דר צד הטומאה קען אוף זיי ניט שולט זיין אונ אצונד איז איין היילגי חברותא אונ איין סיוע משמים דא אונ ניט חס ושלום קיין שום צד הטומאה אונ קיין דבר רע קען אוף אייך ניט שולט זיין · זאגט רבי אבא מיר האבן דאך געלערנט אוף אלי זאכן ווי דר צד הקדושה רועט דרוף חאטשי עס ווערט גציילט פון דעסט וועגן ווערן די ברכות דר פון ניט פאר מיטן זאגט רבי אלעזר יוא עס איז גווים אזו זאגט רבי אבא דיא ישראל זענין דאך קודש אונ קומן מצד הקדושה אזו ווי עס שטייט קודש ישראל אונ ווידר שטייט והתקדשתם והייתם קדושים כי קדוש אני פר וואס אז דוד המלך הט זיי גציילט איז אין זיי געוועזן איין דבר אזו ווי עס שטייט ויתן ה' דבר בישראל מן הבוקר ועד עת מועד זאגט רבי אלעזר ווייל ער הט ניט גנומן פון זיי קיין שקלים אום צוא ציילן זייא עס שטייט ונתנו איש כופר נפשו לה' בפקוד אותם ולא יהיה בהם נגף בפקוד אותם דען מען מוז געבן דעם כופר פון קודש אונ ער הט ביי זיי ניט גנומן קום אונ זעה ישראל זענן קודש וואס שטייען ניט בחשבון דרום מוזן זיי געבן שקלים איין אום ציילונג אז מען ציילט זיי דס איז כופר נפש דען דס כופר זאל גציילט ווערן דרום זענן זיי ניט עולה בחשבון וויא זייא גייען הייבט אן רבי אלעזר עס שטייט והיה מספר בני ישראל כחול הים אשר לא ימד ולא יספר ווס מיינט מען כחול הים אלא דרוף איז צוויי פרושים דען די אינדן פון דעם ים אז זייא גייען אוף מיט רוגז אונ ווילן פר פלייצן די וועלט אז זייא דער זעהן דעם זאמד פון דעם ים ווס איז אוף דעם בארטן אזו קערין זייא זיך אום אונ ווערן גישטילט אונ קענן שון ניט שולט זיין צו פאר פלייצן אזו אויך ישראל זענן כחול הים אונ ווען דינים קשים ווילן אויף גיין אונ בגערין צו פר פלייצן אונ שולט זיין אונ אז זייא דער זעהן וויא דיא ישראל זענן אן גקניפט אין הקב"ה ווערין זיי צוא בראכן אונ קערן זיך אום פון זיי אונ קענן שון ניט שולט זיין אוף דר וועלט דאס איז איין פשט ווס זייא זענין גגליכן כחול הים · אונ נאך איין פשט איז אזו ווי דס זאמד פון דעם ים האבן דאך קיין צאל ניט אזו אויך ישראל האבין קיין חשבון ניט אונ שטייען ניט אין חשבון אונ ניט במדה מיט מאסן דרום שטייט אשר לא ימד ולא יספר דרום אז דוד האט זייא גיציילט אונ הט פון זיי קיין כופר ניט גנומן איז געוועזן איין רוגז אונ עס זענן פר לארין געווארין פון די ישראל כמה חיילות דרום שטייט בייא דעם משכן כל העובר על הפקודים קום אונ זעה קיין ברכה איז ניט שורה אוף אזו איין זאך ווס ווערט גציילט דרום האט מען גגעבין שקלים פאר כופר אונ קיין ציילן איז ניט געוועזן ביז מען האט איין גזאמילט דעם כופר אונ מען הט גבענטשט די ישראל דר נאך הט מען גציילט דעם כופר אונ דר נאך הט מען ווידר גבענטשט דיא ישראל גמצא זענן די ישראל גבענטשט געווארן בתחלה ובסוף דען

הט

הט שון קיין טוט ניט גקענט שולט זיין ווארום פר וואס איז שולט
דר טוט אז מען ציילט ווייל די ברכה רועט ניט אוף דעם וואס מען
ציילט אונ אז די ברכה ווערט אפ גטאן איז דר צד הטומאה שולט
אונ קען מזיק זיין דרום נעמט מען כופר ופדיון נפש דאס איז אז
מען זאל דעם כופר ציילן אונ ניט די ישראל • רבי יוסי ורבי חייא
זענן גגאנגן אין וועג דר ווייל איז נאכט גווארן האבין זיי זיך אנידר
גזעצט אז דר טאג הט אן גהובן צו לייכטין זענן זייא אוועק גגאנגן
זאגט רבי חייא זעה ווי דר צד פנים פון מזרח לייכט אצונד אונ די
וואס זיצן ביי די הררי קדם לעבן מזרח דינן צו דר ליכט אונ אז דיא
זון גייט אוף איז פר האנדן אזעלכי וואס דינן צו דער ליכט אלווז ומרגלא
דנהיר אוב דו וועסט זאגן דאס דינסט איז אום זיסט עס איז ניט אזוי
נייערט זיי האבן די חכמה כימים קדמונים ישנים אז די זון בדארף
אוף גיין איז גזעצט איין ממונה אוף דר זון אונ עס גייט ארום אותיות
קדושות פון דעם שם העליון הקודש אונ זיי זענן גצייכנט אוף דעם
ממונה אונ מיט דעם כח פון דיא אותיות הקדושים עפינט ער אלי
פענצטר אין הימל אונ דער ממונה איז איין ממונה אוף גאלד אונ
מרגליות אדומים אונ די וואס וואונין בהררי קדם וואס דינן צוא דעם
גשטאלט האבן זיי גירשת סימנים פון דיא קדמונים אונ גייען אונ
ווייסן די נקודת השמש וואס ווערט דר פון דם גאלד אונ דימענטין
אונ גפינן זיי • זאגט רבי יוסי ווי לאנג נאך וועלין די געצין דינר זיין
אוף דר וועלט אמער שקר הט דאך קיין קיום ניט ער הייבט אן עס
שטייט שפת אמת תכון לעד ועד ארגיעה לשון שקר קום אונ זעה דאס לוטרי
אור וואס די שטערין אין הימל לייכטן זענן דאך אמת נאר די שוטים
דינן צו זיי אונ רופן זיי גאט ווייל השי"ת פון זייערט וועגין ניט פאר
לענדן די אלי נאר די וואס האבן גדינט צו זיי די וועט ער מכלה זיין
אונ אזו מיינט דר פסוק שפת אמת תכון לעד דם זענן די וואס האבן איין
שפת אמת אונ זאגן ה' אלהינו ה' אחד אונ אלץ איז אמת אונ לאזן אום
ה' אלהיכם אמת וועלין זייא זיין אן גבריט אוף אייבג ועד ארגיעת לשון שקר
עס וואלט בדארפט שטיין עד רגע אלא ווי לאנג וועלן די היידן איין
קיום האבן ביז הקב"ה וועט זיי פר דארבן אבר די צדיקים די שפת
אמת בייא זייא שטייט עם זו יצרתי לי תהלתי יספרו איך גדענק איך בין
אמאל גגאנגן מיט רבי אלעזר בגעגינט אים איין הייד פרעגט ער
צוא רבי אלעזר דוא ווייסט פון דר תורה זאגט רבי אלעזר יוא איך
ווייס זאגט דר הייד צוא אים איר זאגט אייער אמונה איז אמת עס
שטייט דאך שפת אמת תכון לעד ועד ארגיעה לשון שקר אונ ביי אונז הט אלץ
אקיום דרום שטייט תכון לעד אונ צו אייך איז ווייניג גוועזן מלכות אונ
עס הט זיך באלד אפ גטאן אונ ביי אייך איז מקוים גווארן ועד ארגיעה
לשון שקר איין רגע הט איין קיום דר שקר אונ הט קיין בשטאנד ניט
זאגט רבי אלעזר איך זעה אז דוא ביסט איין חכם בתורה ווען עס
וואלט שטיין שפת אמת כוננת לעד וואלט דיא טייטש גוועזן דעם אמת
האסטו אן גבריט אוף אייבג עס שטייט אבער שפת אמת תכון לעד עס
וועט אן גיבריט ווערין אוף אייבג עס איז ערשט אן גבריט צו זיין
דר שפת אמת אוף זיין שטאנד אונ וועט שפראצן פון דר ערד דען
וועט זיין שפת אמת תכון לעד ווי דר הייד הט דאס דער הערט זאגט ער
וואול צו דיר אונ וואול צו דיין פאלק וואס איר האט גירשת תורת
אמת • גייען זיי ווייטר אונ זענין גיקומין צוא איין פעלד אונ האבן
דארטן מתפלל גוועזן אונ זאגן פון היינט אן אונ ווייטר וועלין מיר

זיך מתחבר זיין מיט דר שכינה אונ וועלן עוסק זיין בתורה ער זאגט
ווייטער גרוסי סודות • קום אונ זעה עס שטייט וירא העם כי בושש משה
העם מיינט מען דם ערב רב חאטשי עס איז גוועזן כושיים ולודים כפתורים
ותוגרמים אבר דם ערב רב מיינט מען די וואס זענן גוועזן נאר פון דיא
מצרים אליין ווארום וואלטן זיי גוועזן פון אנדרי אומות וואלט דאך
גדארפט שטיין עלו ווארום שטייט עלה נאר עס איז גוועזן איין עם
ולשון איבר אלי מכשפים וחרטומים פון מצרים וואס אויף זיי שטייט
ויעשו גם הם חרטומים מצרים זיי האבן גוואלט נאך טאן די נסים ונפלאות
פון הקב"ה ווי זיי האבן גזעהן די נסים ונפלאות וואס משה הט גטא
אין מצרים זענן זיי גגאנגן צו משה ער זאל זייא מגייר זיין האט אי
הקב"ה ניט גהייסן זאגט משה רבונו של עולם זייא ווילן זיך מגייר
זיין ווייל זיי האבן גזעהן דייני גבורות אונ ווייטר אז זיי וועלן זעהי
אלי טאג דייני גבורות וועלן זיי ווייסן אז עס איז ניט פר האנדן קיי
גאט חוץ דיר • אזו הט זייא משה מקבל גוועזן • אונ אלי זענן גווע
מכשפים • איבר זיי איז גוועזן צוויי עלצטי זיי האבן געהייסן יונים וימברי
די קינדר פון בלעם הרשע אונ דרום הט מען זייא גירופן ערב רב
ווייל זיי האבן גהאט אגזעצטי צייט וואס פלעגן טאן זייער כישוף ד
איז גוועזן פון תחלת דיא זיבעטי שעה ביז תחלת דער ניינטר שעה
דרום הייסט דם ערב רב איז טייטש אגרוסר נאבינט צווייא שעה
נאך האלבן טאג אונ די קלענרי מכשפים האבן גטאן זייער כישו
פון תחלת דער ניינטער שעה ביז האלבי נאכט אונ יעני הייסן ש
ערב זוטא עס איז גוועזן צוויי ערליי ערב רב דרגם שטייט וגם ערב רב על
אתם זייער חכמה איז גוועזן זייער גרוס זייא האבין גיזעהן אין דע
מדריגה פון משה אבר אין דיא ערשטי זעקס שעה פון דעם טא
האבן זיי ניט גקענט שולט זיין אוף דיא עליונים • אונ דיא צייט א
גוועזן וואס משה הט גדארפט אראפ נידרין פון דעם בארג אונ ווי
באלד זיי האבן גזעהן אז משה קומט ניט סיד שטייט באלד ויבא הע
אל אהרן דען מיד האבן גלערינט אז אין דר צייט האט משה מקב
גוועזן אלי זאבן פון כלל ישראל וועגן אפילו מגלת אסתר אזו ווי ע
שטייט וקבל היהודים עס וואלט גדארפט צו שטיין וקבלו היהודים נאר ד
גייט אוף משה וואס ער איז גוועזן דער כלל פון אלי ישראל ער הא
מקבל גוועזן די תורה אפילו מגילת אסתר • שטייט ווייטר זיי האב
גזאגט צו אהרן קום עשה לנו אלהים מיר זעהן אז די ישראל האבן דע
גאנצן כבוד אונ דם גוטס אונז זענט איר מדחה לחוץ • דען ב
אייך שטייט וה' הולך לפניהם יומם הקב"ה גייט פאר זיי • אזו ווילן מי
אויך האבן אזעלכן זאל גיין פר אונז מיר וועלן פאר אים מאכן מי
אונזר כישוף וועט ער פר אונז גיין אזו ווי בייא אייך דען דיא ענ
הכבוד זענן נאר גגאנגן פר דיא ישראל אליין אזו שטייט וה' הו
לפניהם יומם אונ דם ערב רב מיט די בהמות וצאן ובקר זענן גיגאנ
צו דעם אונטרשטן • קום אונ זעה די גאנצי פערצג יאר וואס די ישר
זענן גגאנגן אין דער מדבר איז אין דער מחנה ניט גוועזן קיין ש
לכלוך וטינוף דרום די בהמות וואס זיי האבן ניט געגעסן פון דעם
נאר דאס גראז פון דעם פעלד זענן זיי גגאנגן חוץ למחנה • א
רבי אלעזר צו רבי אבא וועדליג דו זאגסט ווייזט דאך אויס אז
ערב רב האבין ניט געגעסן פון דעם מן • זאגט רבי אבא בוודאי א
אזו גוועזן נייערט זיי האבן געגעסן פון דעם וואס די ישראל האבין ז
געבן אזו ווייא איינער גיט צוא זיין קנעכט פון דעם ערנסטין דר

שטייט

טייט ובני ישראל אכלו את המן נאר די ישראל האבן געגעסן מן ניט דאס
רב רב מיט די צאן ובקר · זענין דאך דאס ערב רב אונטר טעניג
ען צו די ישראל · אונ אצונד האבן זייא בגערט צוא טאן אזו איין
עשה זייא זאלין ווערין גישטארקט מיט זייער צד הטומאה אונ
אבן גזאגט · אחד מיר זאלן זיין איין פאלק בכלל אחד אדער מיר
לן אוך האבן אעלקן ער זאל פאר אונז גיין אזו וויא איר · האט
הרן גזאגט זייא וועלן מכשיל זיין דאס היילג פאלק · איידער דאס
רב זאלין זיין מיט זייא איין פאלק אונ אויס גימישט אין איין
ל איז בעסער זייא אפ שיידין פון דעם היילגן פאלק ביז משה
עט קומען · זיין כוונה איז גיוועזן לטובה נאר מחמת עס איז
וען פיל לייט פון דיא ישראל וואס האבין זיך מיט זייא משתתף
ען מיט דיא הערצער דרום אז משה איז אראפ גקומין האט ער
א גמוזט מברר ומלבן זיין זייא לייטערין פון דעם חטא אונ הט
א אן גיטרונקען מיט דער וואסער זייא בודק זיין אזו וויא סוטות
ז די ישראל זענן לוטר גיווארן עס איז צווישן זיי נאר קיין פסולת
ט איבר גיבליבן · אהרן הט גזאגט פרקו נזמי הזהב האבן זיי דען קיין
דער געלט ניט גיהאט נאר אהרן הט זיך גיטראכט זיי ווערין זיך
ודאי קריגין מיט די ווייבר אונ קינדר איידר זיי וועלין געבין דיא
רינגלך דר וויל וועט משה אן קומין · קום אונ זעה מיר האבין
ערינט אז דיא גרים זענין אזו וויא צרעת אויף דעם לייב איז דאך
עבט אזו זענן זיי צו די ישראל ומכל שכן דם ערב רב זענן נאך
ן רעכטי גרים ניט גוועזן אזו ווי עס דארף צו זיין · וואס האבין זיי
טאן ויתפרקו כל העם את נזמי הזהב אשר באזניהם זייא האבין אריין אראפ
ין פון זייערי אויערן ויקח מידם ויצר אותו בחרט אהרן האט דאך ניט
האט פר די צווייא כשפים יוגים וממברים איינר איז גישטאנן אונ דר
דרר הט גימאכט זיין כישוף זיי האבין ביידי איין עצה גיהאלטין
ט איינר גינומין צווייא חלקים גאלד אונ דר אנדרר הט גינומין איין
שליש אויף דר אנדרר האט דען אזו מוז זיין דר כישוף:
י שמעון וויינט אונ זאגט אי חסידא קדישא דיא אהרן משית אלהי הגדול
איבר דיין פרומקייט זענן גפאלן פיל מענטשן פון די ישראל אונ
האסט ניט גוויסט וואס זיי טוען וואס האבין זיי גיטאן ווי באלד עס
גקומין זעקס שעה אויף דעם טאג האבן זיי גנומין דאס גאלד וואס
האבן אראפ גנומן פון די אויערן ווארום עס שטייט ויתפרקו דען
כישוף איז אזו דם מען דארף ניט חס האבן אויף דעם געלט זיי
בין גזאגט די שעה שטייט הייגט צוא אונז מיר זאלן מצליח זיין
טארן דם ניט זאמן עס איז קיין צייט ניט פר האנדן מיר זאלן
האבן אויף אונזר געלט מיד תיכף ויתפרקו כל העם גלייך אזו ווי עס
ייט מפרק הרים ומשבר סלעים זייא האבין מיט גוואלד אפ גירסין דיא
ינגלך פון זייערי ווייברס אויערין אונ האבן זיי צוריסן די אויערין:

## פרשת ויקהל

הל משה את כל עדת בני ישראל רבי חייא זאגט עס שטייט ויאמר שאול
אל הקיני לכו סורו רדו מתוך עמלקי פן אוסיפך עמו וגו׳ קום אונ זעה וואס
שטייט ביי עמלק פקדתי את אשר עשה עמלק לישראל וגו׳ איז דאך קשה
וואס אלי מלחמות וואס די אומות האבן מלחמה גהאלטן מיט די
אל איז פר הקב״ה כביכול נאר ניט שווער גוועזן אונ עס הט אים
גיהארט אזו ווי די מלחמה פון עמלק נאר וייל די מלחמה פון
עמלק איז בוודאי אויף אלי זייטן למעלה ולמטה דען אין דר צייט הט
זיך גישטארקט דר נחש הרע אויף די ישראל למעלה ולמטה אזו ווי
איין נחש ליגט אויף דעם וועג אזו הט עמלק ארויס גיקוקט אויף דיא
ישראל אונ הט זיך פר בארגן בפרשת דרכים דרום שטייט ווייטר
אשר שם לו בדרך בעלותו ממצרים ער הט זיך פאר בארגין מטמא זיין דעם
מקדש ה׳ אונ די ישראל · ווי אזו ווייס איך דס ווארום עס שטייט
אשר קרך בדרך אונ דארטן שטייט מקרה לילה מיינט מען דאך טומאה
אזו דא מיינט מען אוך טומאה איז אוך שטייט ביי בלעם ויקר אלהים
אל בלעם ויקר איז אוך טומאה · ווערמטו וועקן פרעגן עס שטייט דאך
ויקר אלהים ווי שיקט זיך זאגן דם לשון טומאה · נאר הקב״ה הט אים
אן גיבריט דאס מקום טומאה אים מטמא זיין אונ אלהים מיינט
מען זיין מדריגה וואס ער איז גיוועזן אין איר בהעפט דען בלעם הט
גמיינט מיט די קרבנות וועט ער עולה למעלה זיין סיד הט אים הקב״ה
אן גיגרייט מדריגות הטומאה אזו ווי עס איז צוא אים ראוי מטמא
זיין דרום שטייט ויקר אלהים אל בלעם אזו איז אויך דר פשט ביי עמלק
אשר קרך ער הט דיר אן גבריט דעם נחש למעלה ער זאל דיך מטמא
זיין אויף אלי זייטן אונ ווען משה וואלט זיך ניט גישטארקט מיט זיין
כח למעלה אונ יהושע למטה וואלטן דיא ישראל אים ניט גיקענט
ביא קומען דרום היט צו אים הקב״ה די שנאה לדורי דורות · עס
שטייט ויאמר שאול אל הקיני דר קיני מיינט מען יתרו אונ ווי קומען דיא
קינדר פון יתרו צו עמלק אמער זיי האבן דאך גיוואנט אין יריחו
אזו ווי עס שטייט ובני קיני חותן משה עלו מעיר התמרים את בני יהודה אלא פון
דר צייט אן האבין זיי גרואט אין תחום פון עמלק ביז שאול המלך
איז גיקומען עס שטייט ויסר קיני מתוך עמלק דען די צדיקים וחסידים וואס
זענן צווישן רשעים ווערן זיי נתפס אין זייערי זינד אזו אוך ווען דס
ערב רב וואלט ניט גיוועזן צווישן די ישראל וואלטין די רשעים ניט
גישטראפט גווארן אין מעשה העגל · קום אונ זעה עס שטייט ויקחו לי
תרומה מאת כל איש אשר ידבנו לבו עס שטייט כל איש איז משמע פון אלי
אפילו פון דעם ערב רב דען הקב״ה הט גיוואלט מאכין דעם משכן
מכל צד אזו ווי איין פרי איז ארום איין שאלעכץ אזו די ישראל זענן
איינווייניג אונ דם ערב רב איז אין דרויסן ארום זייא דרום האט ער
גיווארט דם ערב רב כולל זיין מיט די ישראל אונ דר נאך אז זייא
האבן זיך בהעפט אין זייער מין הטומאה אין עגל אונ האבן גורם
גיוועזן מיתה צו די ישראל הט הקב״ה גיזאגט דר מעשה משכן זאל
שון נאר זיין פון די ישראל אן דעם ערב רב דרום שטייט ויקהל משה את
בני ישראל אונ דר נאך שטייט קחו מאתכם תרומה לה׳ פון אייך אליינס ניט אזו
ווי פריער וואס שטייט מאת כל איש וגו׳:

ויקהל משה וגו׳ פון וואנן הט ער זיי איין גיזאמילט אלא וייל דם ערב
רב איז גיוועזן צווישן זיי דרום הט ער גמוזט די ישראל פון זיי
אפ שיידן אונ בזונדר איין זאמלן · רבי אלעזר מיט רבי יוסי זענין
אמאל גיקומן פר רבי שמעון זאגט רבי שמעון מיין זון אלעזר דיא
אונ די גאנצי חברייא זיצט דא אין שטוב דריי טאג אונ איר זאלט
אייך ניט ארום ווייזן אויף דר גאס וייל דר מלאך המות איז אצונד
שכיח אין שטאט אונ וייל עס איז אים גיגעבן גיווארן רשות צו פר
דארבן קען ער איטליכין פאר דארבין אונ ניט דאס אליין נאר אז
אמענטש ווייזט זיך פר אים גייט ער ארויף אונ דר מאנט זייני עונות
למעלה אונ איז מקטרג אויף אים אונ בגערט איין משפט פון הקב״ה



אוף

אוף אים אונ ער גייט ניט אוועק ביז דר מענטש ווערט גמשפט אונ ער נעמט רשות צו טייטן אים זאגט ר' שמעון דא שווער איך בייא דם שם אלהים אז דם רוב פון דר וועלט שטארבן פר זייער צייט ווייל זיי ווייסן זיך ניט צו היטן דען בשעת אז מען טראגט ארוס איין מת לבית הקברות אין דר מלאך המות שכיח צווישן די ווייבר דען אזו איז זיין סדר זינט ער הט איבר גרעט צו חוה אונ הט מיט איר גורם מיתה גיוועזן צו דר וועלט דרום אז ער טייט אמענטשין אונ ווייבר גיפינן זיך דר ביי גיפינט ער זיך צווישן זייא זינט מען טראגט אים ארוס ביז זיי קערן זיך אים אהיים דען הט ער רשות צוא מזיק זיין אונ דרום איז ער גורם מיתה צו פיל לייט פר זייער צייט דרום שטייט יש נספה בלא משפט אטייל שטארבן אן איין משפט אונ פר זייער צייט אונ ווי אזו ווערט מען דר פון ניצול אז מען טראגט דעם מת צום קבר זאל זיך דר מענטש אום קערן זיין פנים אז די ווייבר זאלן גיין הינטר אים אונ אז זיי זענין זיך מקדים זאל ער גיין הינטר זיך דס ער זאל זיי ניט זעהן פנים בפנים אונ אז ער גייט צוריק זאל ער ניט גיין אוף דעם וועג ווי די ווייבר גין אונ זאל זיי גאר ניט זעהן נייערט ער זאל גיין דורך אנאנדרן וועג אהיים אונ מחמת די מענטשן ווייסן דס ניט דרום שטארבן זיי פר דר צייט זאגט רבי אלעזר אז עס איז אזו וואלט דאך גלייכר גוועזן אז מען זאל גאר ניט מלוה זיין קיין מת זאגט רבי שמעון עס איז ניט אזו דען דר מענטש וואס איז אין דריגן גידיט איז ער זוכה לאריכות ימים ומכל שכן לעולם הבא קום אונ זעה ניט אום זיסט האבן די חכמים קדמונים פר צייטין מתקן גיוועזן אז מען הט ארוס גטראגן דעם מת האבן זיי גבלאזן מיט איין שופר אוב די וועסט מיינן מען הט דס מתקן גיוועזן פון כבוד המת וועגין נייערט מגין צו זיין אוף די לעבידיגי דר מלאך המות זאל אין זיי ניט שולט זיין אונ זיי זאלן זיך היטן פון אים:

פתח ער הייבט אן עס שטייט וכי תבואו מלחמה בארצכם על הצר הצורר אתכם והרעותם בהצוצרות על הצר מיינט מען דעם מלאך המות הצורר אתכם ער בליידיגט אייך תמיד ער איז ממית צדיקים וואס די לייט זענן זיך מצער אויף זייער טויט מאי תקנתיה וואס פר איין תקנה זאלט איר טאן והרעותם דס איז ראש השנה ער איז איין יום הדין למעלה דר מלאך המות נידרט אראפ משגיח צו זיין אוף די מענטשן אונ גייט ארויף למעלה מקטרג צו זיין אונ די ישראל ווייסן וואל אז דר מלאך המות נידרט אראפ זענן זיי זיך מקדים מיט אשופר צו בלאזן אוף אים ער זאל צו בראכן ווערן אונ זאל גאר ניט קענין טאן אונ דס אל מגין זיין אוף זייא וכל שכן ווען ער טוט איין דין אונ הרגת מענטשין וכל שכן אז מען גייט לבית הקברות דען בשעת די ווייבר גייען מיט דעם מת נידרט ער אונ איז שכיח ביי זיי אזו ווי דר פסוק זאגט רגליה יורדות מות ווען נידרן אראפ אירי פיס מות צו דעם וואס ער הייסט מות הקב"ה זאל אונז מציל זיין קום אונ זעה עס שטייט כן דרך אשת מנאפת דס איז דר מלאך המות ער הייסט אזו אכלה ומחתה פיה ער פר ברענט די וועלט אונ הרגת מענטשן פר דר צייט ואמרה לא פעלתי און אונ ער זאגט ער טוט ניט קיין אום רעכט דען ער באגערט דין אונ בדין אמת שטארבן זיי אונ בשעת די ישראל האבן גמאכט דס עגל אונ עס זענן אזו פיל חיל פון זייא אום גישטארבן איז דר יצר הרע שכיח גוועזן ביי זיי אונ אז משה הט דאס דר זעהן אז דער יצר הרע איז שכיח ביי די ווייבר אונ צווישן מחנה ישראל סיד תיכף ויקהל משה

את וגו' דס זענן די ווייבר הט ער אפ גשייד אונ איין גזאמלט בזונדר אונ דר מלאך המות האט זיך ניט אפ גטאן פון דיא ווייבר ביז דר משכן איז אוף גישטעלט גוואורין אפילו בשעת זיי האבן גיבראכט די נדבות המשכן הט ער זיך פון זיי ניט אפ גטאן ביז משה הט זיי איין עצה גיגעבן אז זיי זאלן ניט קומן אלי בחברותא מיט די ווייבר אונ זייא זאלין זיך גיט זעהן פנים בפנים נאר הינטר זייערי אקסלין זאלין גיין די ווייבר אזו וויא עס שטייט ויבאו האנשים על הנשים ווארום שטייט ניט עם הנשים מיט דיא ווייבר אלא זייער קומין איז ניט גיוועזן מיט זיי אין אייניעם דרום שטייט על הנשים פר דיא ווייבר דרום ווייל דר מלאך המות הט זיך פון זיי ניט אפ גטאן ביז דר משכן איז אוף גישטעלט גיווארן דרום שטייט ויקם משה את המשכן ער הט די קליפה אפ גישייד פון דר קדושה · די חבריא זענן דארט גזעסן דעם גאנצן טאג אונ האבן עוסק גוועזן אין דר תורה:

פתח רבי שמעון הייבט אן ויאמר ה' לנח בא אתה וכל ביתך אל התיבה דעם פסוק האבן שון די חבריא מפורש גיוועזן אבר קום אונ זעה הט דען הקב"ה אים ניט גיקענט הייסין גיין אוף אנאנדר ארט אונ דארטן זאל קיין מבול ניט זיין אונ אזו ווי ביי גדעון שטייט ויהי הורב על הגזת לבדה אוף דר גאנצר וועלט איז גוועזן טל אונ אוף דר וואל פון גדעון ניט אדר האט ער אים גיזאלט הייסן גיין קיין ארץ ישראל דארטן איז דאך קיין מבול ניט גוועזן אזו ווי עס שטייט ולא גושמה ביום זעם דר רעגין פון דעם טאג פון דעם צארין דס איז דר מבול איז אין ארץ ישראל ניט גוועזן אלא ווען דר משחית ומחבל נידרט אויף דר וועלט דר וואס פר שליסט זיך ניט פר אים אונ ער ווייזט זיך פר אים איז ער מתחייב בנפשו ער הרגת זיך אליין · מיר לערנן דס אפ פון לוט עס שטייט אל תביט אחריך דער מלאך הט אן גיזאגט צו לוט דיא זאלסט ניט קוקין אהינטר ווייל דר משחית גייט הינטר דיין אקסיל אונ אז די וועסט זיך אום קערן פנים אל פנים וועסטו ניזוק ווערין דרום שטייט ביי נח ויסגור ה' בעדו כדי דר מלאך המות זאל אים ניט זעהן אונ זאל ניט קענן שולט זיין אין אים · אונ די צייט וואס דיא חבריא איז גיוועזן פאר בארגן איז גישטארבין אין שטאט דרייצין מענטשן זאגט רבי שמעון בריך רחמנא גילובט איז השי"ת וואס דר מלאך המות הט ניט גזעהן אין אייער גשטאלט · דר זוהר איז מאריך אין דר קדושה פון שבת אונ אין די תפלות פון שבת אז דר שבת קומט אן רופט אום איין כרוז אין אלי הימלן זייט אייך מתקן איר חיילות אונ מרכבות אנטקעגן אייער הערן דען גייט ארוס איין רוח מצד ימין ער הייסט לבוש יקר ער איז זיך מתפשט איבר אלי חיילות ושירות דען ווערט דר שולחן פון דעם מלך אן גיברייט בשמחה וואל צוא דעם חלק פון דעם מענטשן וואס ער איז מסדר זיין טיש אזו וויא עס בדארף צו זיין אונ דר טיש שטייט אן חרפה איטליכר נאך זיין פר מעג נאך אונ אז שבת גייט אריין מוז זיך דר מענטש אפ וואשן דען אין דר וואכן איז שולט איין רוח חול אונ אום שבת בקומט ער איין רוח הקודש נשמה יתירה דרום גיהער ער זיך מקדש זיין אונ זיך אפ וואשן אין מרחץ אפ טאן פון זיך דעם שימוש של חול מקבל זיין די הייליגי נשמה יתירה וואס דורך איר ווערט פאר געסן אלי מיני צער דען דארטן ווי זי איז אין איר ארט איז פיל חדוה ושמחה דען אז די רוח ונשמה יתירה קומט אראפ וואשן זיי זיך אין די בשמים פון דעם גן עדן אונ נידרט צו רוען אוף ישראל עם הקודש אונ אז זיא קומט

# פרשת ויקהל

אין גן עדן דר וועקן זיך אלי רוחות פון דעם גן עדן זאגן אשריכם ישראל וואל צו אייך ישראל עם הקודש דס דר רצון פון אייער האר טוט זיך אזו צו אייך דר וועקן דרום שטייט ושמרו בני ישראל את השבת דס ווארט את איז מרבה דעם רוח וועס נידרט אויף זיי אים שבת אז ער זאל אויך נהיט ווערן מיט תענוגים אונ שמחה דס חס ושלום קיין דאגה וצער אדר כעס ורוגז זאל ניט זיינבאי דעם מענשן דען עראיז פוגם איזעם רוח ונשמה יתירה ווארום דארטן איז איר ארט איז פיל חדוה ושמחה דס איז מרמז לא תבערו אש מען זאל ניט אן צינדן דעם כעס דאס איז דר כח פון דעם ס״מ אונ זיין כח איז פר לאשן אונ שטיל דס זיי קענן ניט שולט זיין אונ ווען דר מענטש האט אום שבת דאגה וצער וכעס שטארקין זיי זיך אויף דער הייליגר נשמה דרום זאגט דר פסוק ושמרו בני ישראל את השבת אויך צו היטין די נשמה ורוח יתירה אז די קליפות זאלין זיך אין אים ניט שטארקין אונ אן גיצונדין ווערין דרום שטייט כל שומר שבת מחללו מען דארף היטין דעם שבת אז דיא קליפות זאלין אים ניט פר שוועכין אונ ווידר דר רוח וועס איז שולט אום שבת אויף דיא ישראל האט הנאה פון זייערי תענוגים באכילה ושתיה פון דיא דרייא סעודות וואס זיי זענן אין דרייא מדריגות עליונות וואול צוא זייער חלק ווער עס איז מהנה דיא נשמה מיט תענוגים פון שבת דען דער רוח איז אנאנצי וואך נהנה פון דעם רוח העליון פון דיא אורות הקדושים אום שבת נידרט זיא אראפ אונ ווערט גיוואשין אין גן עדן אונ זיא האט איין תענוג פון דעם עונג הגוף אונ דר רוח ווערט גיקריינט מלמעלה ומלמטה אונ ווערט גיזעהן אויף אלי זייטין מיט דר עטרה של מעלה ושל מטה אונ וויל זיא איז אין דר צייט בייא דעם מענטשן אזו מוז ער זי היטין אונ זי מענג זיין מיט אלי תענוגי אכילה ושתיה אונ מיט אלי מיני שמחה אונ טייערי מלבושים דען אזו ווערט זי גיקריינט אונ גהיט למטה אונ אין דעם ספר פון שלמה המלך אונ דאס הייליגי ליכט · רבי שמעון האט גיזאגט עס שטייט וביום השביעי שבת וינפש ווען דיא נשמה יתירה גייט אוועק נאך שבת זאגט זי ווי נפש זיא האט פר לארין דעם נפש איז דאך קשה ווארום איז ווי צו דעם נפש עס גיהער זיין ווי צו דעם גוף דען דר גוף פר לירט נאך שבת דעם נפש · נאר דר טעם איז דען דר נפש פון דעם מענטשן איז איין ארט צו דעם רוח אזו ווי דר גוף איז איין ארט צו דעם נפש אונ אגאנץ שבת רועט דר רוח יתירה אין דעם נפש דען ער האט גרויס תענוג דר פון דרום האבין מיר גילערינט אז אלי נפשות פון דיא ישראל ווערין גיקריינט אום שבת דאס איז וועס דר רוח איז דרינן דרום איז רעכט וינפש עס איז ווייא צו דעם נפש דען זיא פאר לירט נאך שבת דעם נחת רוח אונ איר מעלה וואס זיא האט גיהאט אגאנץ שבת אונ דרום וויל דר רוח רועט אום שבת דרום איז דיא צייט פון דיא תלמידי חכמים וחסידים וצדיקים זיך מזווג זיין אום שבת · דען ער קאן אראפ ציהין נשמות קדושות צוא זייני קינדער אונ אז דער רוח ונשמה יתירה קומין אראפ אונ רוען אויף דר וועלט אזו מוזען זיך אפ אלי רוחות רעות אונ דיא מקטריגים פון דר וועלט דרום דארף מען ניט מתפלל זיין אויף שמירה דען די ישראל ווערין מקוילא גיהיט מכח דעם רוח אונ דר סוכת שלום פר שפרייט אירע פליגל אויף דיא ישראל אונ ווערין גיהיט פון אלי זאכין · אויב דוא וועסט פרעגין מיר האבין דאך גילערינט אז איין מענטש טאר ניט זיין אליין דיא נאכט פון מיטוואך אונ די נאכט פון שבת מחמת דיא

מזיקים איז דאך קשה וואס דארף ער זיך צו היטין אום שבת זייא זענין דאך גיהיט פון אלי מקטריגים קום אונ זעה עס איז בוודאי אזו די נאכט פון מיטוואך האבין זיי בוודאי אשליטה וויל די נאכט איז די לבנה קלענר גווארין דרום שטייט יהי מארת ברקיע שטייט מארת אן איין ואו דרום האבין דיא מזיקים שדים וקליפות אשליטה אין דער נאכט · אונ די נאכט פון שבת וויל אלי ווערין פר שפרייט ארין צוא גיין אין נוקבא דתהום רבא אראפ דס זיי קענין ניט שולט זיין דרום גיהער זיך דר מענטש אליין היטן דען האטשי זיי האבן קיין שליטה ניט ווערן זיי צו צייטין גיזעהן דרום אז דר מענטש איז אליין מוז ער זיך היטין דען שבת איז איין שמירה צו דעם עם הקודש אונ ווען שבת גייט ארין אזו קריינט הקב״ה צו אימליכן פון די ישראל דא מוזן זיי די עטרה היטין אונ האטשי די קליפות זענן דאך ניט שכיח אין ישוב נייערט אין דר מדבר אבר צוא צייטן ווען איינר איז אליין קען זיין ריע מזלא דרום מוז זיך דער מענטש היטן אום שבת אונ שבת איז איין יום השמחה למעלה ולמטה צוא אלי אונ עס ווערט אלין גיהיט למעלה ולמטה אז דס אור הקודש פון שבת קומט זענן זיך דס עם הקודש מקדים צו גיין אין שול ארין בשמחה גיקריינט צוא ווערין בכתרי כתרים קודש של סגלה מיט חשובי מלבושים אונ טוען לובין בשירות ותשבחות מיט דעם רוח וואס שטייט אויף זיי למטה אונ דער שיר ושבח גייט ארויף למעלה אונ דיא עליונים ותחתונים זענן אלי בשמחה אונ ווערין אלי מיט אמאל גיקריינט דען הייבין אן דיא עליונים אונ זאגן וואול צוא דעם פאלק דאס זייער האר ווערט גיקריינט אויף זייא אונ אלי חיילות הקדושים ווערין גיקריינט פון זייערט וועגין דער טאג פון שבת איז דער טאג פון דר נשמה ניט פון דעם גוף אז דאס פאלק גייען אין שול ארין איז אסור משתדל זיין אונ צוא ריידין אפילו שול זאכין ומכל שכן מילי דעלמא נאר שירות ותשבחות אונ תפלות מיט תורה · ווער עס איז עוסק אין מילי דעלמא דר איז מחלל שבת ער האט ניט קיין חלק בעמו ישראל צווייא מלאכים זענן דרויף ממונים אום שבת אונ טוען זייערי הענט אויף זיין קאפ אונ זאגין ווייא צו דעם מענטשין ער האט קיין חלק ניט אין הקב״ה · דרום מוז מען זיך אלין משתדל זיין מיט תפלות שירות ותשבחות פון זייער הארין אונ עוסק זיין בתורה אונ דער טאג איז פון דר נשמה וועגין אונ דרום לויבט מען מיט דעם שבח פון דער נשמה נשמת כל חי תברך את שמך וגו׳ ורוח כל בשר עס איז איין שבח מצד נשמה ורוח אונ דער טאג שטייט ברוח ונשמה אונ גייט בגוף אין דעם שבח פון דעם הייליגין טאג זאגט מען יוצר אור דאס אייבערשטע ליכט וואס פון אים ווערין גישפייזט אונ דער לייכטין אלי חיילות ומרכבות ומזלות אונ אלי וואס זענין שולט אויף דר וועלט דאס איז דר שבח עולם הבא אין דעם טאג אונ אזו אויך איז דר שבח פון אל ארון על כל המעשים דער שבח איז מיט כ״ב אותיות עליונים נאך דעם סדר אלף בית דאס זענען גרויסי סודות דרויף ווען דער שבח גייט ארויף קומין ששים רבוא מרכבות עליונים אונ ברענגין ארויף דעם שבח פון דעם הייליג פאלק אונ עס ווערין גיקריינט כמה מרכבות עליונים וועס זענין ממונים אויף די צדיקים אין גן עדן די ווערין אלע גיקריינט מיט דעם שבח אונ אלי מרכבות אונ אלע נשמות פון די צדיקים גייען אלי ארויף בשבח זה ביז אין דעם שורש פון דעם כסא הכבוד אונ אז דר שבח קומט לכסא הכבוד שטייט ער דארט ביז

די

די ישראל זאגין די קדושה פון מוסף דען גייט דאס ארויף למעלה
ולמעלה דאס איז דר שבח וואס איז העכר פון אלי שבחים ישמח משה
איז די שמחה פון די אבות זיי זענין זיך משמח מיט דעם מתנת חלקו
פון משה דס איז בקיצור מחמת עס איז גרויסי סודות ווייטר שטייט
דר סוד פון ספר תורה וואס מען לייענט אום שבת זיבין מענטשין
אנטקעגין די זיבין קולות וואס שטייט אין מזמור לדוד הבו לה' בני אלים
אונ אום יום טוב רופט מען אויף פינף מענטשין אונ אום יום כפור
זעקס אונ ראש חודש פיר דם זענין פיל סודות • די תיבה הייסט די
בימה וואס די ספר תורה ליגט דרויף אונ מען לייענט דארטין דארף
דאבין ששה מדריגות הייסט זעקס טרעפ אויף זייא ארויף גיין ניט מער
אנטקעגין דיא זעקס טרעפ וואס איז גיוועזן ביי דר שטול פון שלמה
המלך דם איז אלץ איין סוד אונ בשעת מען לייענט דארף מען נאר
צו הערין דם קול פון דעם קורא אונ בשעת מען ברענגט דיא ספר
תורה צוא דר בימה דארפן זיין אלע אן גיגרייט צוא שטיין באימה
וביראה ורתת וזיע אונ צו הערין בכוונה גלייך וויא ער שטייט אויף
דעם בארג סיני מקבל זיין די תורה מען דארף צו הערין דם לייענין
אונ ניט עפינין דם מויל אפילו בדברי תורה ומכל שכן אין אנדערי
רייד נייערט צו שטיין באימה ויראה אזו ווי עס שטייט ובפתחו עמדו
כל העם ואזני כל העם אל ספר התורה זאגט ר' שמעון אז מען עפינט אוף דעם
ארון הקודש ארויס נעמין די ספר תורה לייענין בצבור אזו ווערין
גיעפינט די שערי רחמים אונ זענין מעורר צו דר וועקין איין אהבה
למעלה אזו גיהער דר מענטש זאגין בריך שמיה וגו' אונ בשעת לייענין
דארף דר קורא שטיין אויבין אונ אלי מענטשין פון אונטין אזו וויא
ביי דעם בארג סיני ויתיצבו בתחתית ההר ומשה עלה אל האלהים אונ דר וואס
ער לייענט זאל האבין זיין כוונה ורצון צו דעם וואס ער לייענט אונ
ער זאל וויסין אז ער איז דר שליח פון זייני הערין צו מאכין הערין
צום גאנצין צבור דיא רייד דען ער שטייט העכער פון אלי אין דעם
גישטאלט של מעלה אזו וויא הקב"ה האט גירעט אויף דעם בארג
סיני דרום ווער עס לייענט אין דר תורה גיהער ער זיך מסדר צוא
זיין די סדרה אין דער היים אונ אז ניט זאל ער ניט לייענן אין דער
תורה מיר לערנין דם אפ פון הקב"ה ער הט פריער גילייענט אליין
די תורה אונ דר נאך הט ער זי גיזאגט צו דיא ישראל אזו וויא עס
שטייט אז ראה ויספרה הכינה וגם חקרה דר נאך שטייט ויאמר לאדם הן יראת ה'
היא חכמה אויך איז אסור צו דעם וואס לייענט אז ער זאל מפסיק זיין
אין מיטין דעם פרשה נייערט אויף דעם ארט ווי משה האט מפסיק
גיוועזן אויך זאל ער ניט לייענן די סדרה פון אנדערי וואך אין דעם
שבת דען אז מען לייענט אויס כסדר די סדרות פון אגאנץ יאר אונ
זיי ווערין גיקריינט פר הקב"ה זאגט הקב"ה צו זיי דו ביסט פון דעם
שבת אונ דוא פון דעם שבת באותו שעה רופט הקב"ה צוא דעם
מלאך יופ"י השר הגדול אונ צו דריי אונ פופציג מרכבות הקדושים וואס
זענין אונטער אים אונ זעצט זיי פר ממונים אז זייא זאלין משמש זיין
די תורה אונ איטליכי מרכבה נעמט ער אויף איטליכר פרשה אונ
איטליכר איז משמש דיא תורה זיין שבת דרום איז אסור צוא מישן
איינס מיט דעם אנדרין אונ ניט מאכין אריין גיין איין מרכבה אין
דר אנדרר אפילו ניט מיט איין ווארט אונ אפילו ניט מיט איין אות
נייערט איטליכי פרשה וויא הקב"ה האט זיא גיטיילט אונ גיזעצט
איטליכי פרשה אויף איר משמורה אונ דרום גייען אויף די זעלביגי

רייד וואס מען הט זיי גילייענט בצבור אזו נעמט זיא די מרכבה וואס
זי איז ממונה אויף דר פרשה אונ ברענגט זיא אויף פר הקב"ה אונ
די זעלביגי רייד ממש וואס ווערן גילייענט למטה שטייען פר הקב"ה
אונ זאגין מיר פרשה פלוני הט אונז גילייענט דער ציבור פלוני אז
אונ אזו איז גילייענט גיווארין ווי עס איז ראוי אזו גייען די רייד אוף
אונ ווערין גיקריינט על כסא הקודש אונ די מרכבה איז משמש פר אים
אונ אזו איז איטליכי מרכבה פון איטליכין שבת זייא ווערין אלע
גיקריינט אין דעם כסא הקודש אונ מיט דעם גייען זיי ארויף למעלה
למעלה אונ פון אלי ווערט גימאכט איין כלל אחד דרום וואול צוא
דעם חלק וואס ער איז רעכט משלים אלי שבת זיין סדרה אזו ווי עס
בדארף צו זיין אז שבת גייט ארויס אזו מוזין די ישראל זאמין דעם
שבת אונ מען זאל ניט דוחה זיין דעם הייליגין גאסט דרום זאל מען
זיך ניט היילין מיט מעריב • אונ מען זל אן הייבין והוא רחום יכפר
עון דם איז דר רעכטר תיקון ווייל די קליפות עון משחית אף וחימה
זענין אגאנצין שבת גיוועזן פר בארגין דרום זאגט מען והוא רחום
אז זייא זאלין אויף אונז קיין שליטה ניט האבין • אונ בשעת דיא
ישראל זאגין ויהי נועם ואתה קדוש זאגין אלע רשעים אין גיהנם
וואול צו אייך ישראל וואול צו אייך צדיקים וואס היטין דיא מצות
התורה וויא צוא אונז רשעים וואס מיר האבין ניט זוכה גיוועזן צוא
היטין די מצות התורה • דען איז דאך דער ממונה דגמ"ה מקדים אונ
איין כרוז רופט אוס ישובו רשעים לשאולה אונ אלי מלאכי חבלה טרייבן
זייא צוריק אין גיהנם אריין אונ קיינער איז זיך ניט מרחם איבער
זייא וואול צו די וואס היטין רעכט שבת אויף דער וועלט אונ זענען
זיך מתענג בתענוגים • דער וואס פאסט אום שבת דער וועקין זיך
אויף אים צווייא פאר השי"ת איינר איז דער הייליגער רוח וואס ער
הט הנאה פון דעם עונג שבת אונ ער האט אים ניט מענג גיוועזן אונ
איינער איז דער ממונה וואס ער איז ממונה אויף דיא וואס פאסטין
ער הייסט סנג"ד אונ גייען ארויף פאר דעם מלך הקדוש אונ זענען
מעורר דין אויף אים דען דר רוח פון שבת גייט ארויף בחסרון וואס
ער האט ניט גיהאט קיין עונג שבת למטה אונ אז ער איז ניט נשלם
מלמטה איז דר רוח של מעלה אויך ניט נשלם מחמת דעם תענית
דרום איז דער מענטש ראוי צוא מקבל זיין איין עונש אונ גישאלטין
צוא ווערין נאר אז ער פאסט אפ אננדערנטאג פון דער וואך אויף
דעם תענית פון שבת צוא רייסט מען אים זיין גזר דין פון זיבעציג
יאר עליונים עס איז אזו אמשל צו איין מלך וואס ער פרייט זיך אויף
זיין חתונה אונ אלע לייט פרייען זיך אויך מיט אים זעהעט ער אז
אמענטש זיצט תפוס אין גרויס צער אזו הייסט אים דער מלך פרייא
לאזין כדי אלי זאלן זיך משמח זיין מיט אים דרום ווער עס זיצט אום
שבת אין איין תענית צו רייסט מען אים זיין גזר דין הרעה כדי אלע
זאלין פריילעך זיין בשמחת המלך עליון אבער דער נאך קערין זיך
אום דיא ממונים וואס זייא שטראפין מענטשען אונ בצאלין דעם
מענטשן איין עונש ווייל פון זיינט וועגן איז גוועזן איין חסרון למעלה
ולמטה וואס איז זיין תקנה ווייל ער האט מבטל גיוועזן דעם עונג
שבת אונ אין דער וואכין האט ער ניט גיפאסט האט ער דעם רוח
חול יוא מענג גיוועזן אונ דעם רוח שבת ניט דרום זאל ער אין דער
וואכין אפ פאסטין נאך אטאג כדי דר רוח חול זאל אויך זיין בתענית
דאס איז אים איין רפואה אזו וויא די תורה האט מער מחמיר גיוועזן

# פרשת ויקהל

ביא אין גנב וויא ביא איין גזלן דרום ווייל דער גנב פארכט זיך פאר מענטשן מער וויא פאר גאט דרום בדארף ער צאלין כפל אזוי אויך אז ער הערט אום שבת פאסטין אונ אין דער וואכין ניט אזוא האלט ער חשובר דיא ימי החול פון שבת · וואול צו דעם מענטשן וואס ער איז משלים למטה דעם עונג העליון אזו וויא עס גיהער צוא זיין · דער יום השבת ווערט גיקריינט מיט זיבעצג קרוינען אונ דר שם הקודש העליון ווערט נשלם אויף אלי זייטן אלי מדריגות ווערין דר לייכט אונ אלי זענין בחדוה אונ דר מענטש מוז עדות זאגן די נאכט פון שבת מיט דעם קידוש בשמחה אויף מעשה בראשית אונ ווער עס הט זיין מחשבה דר צו איז אים הקב"ה מכפר זייני עונות :

## פרשת פקודי

אלה פקודי המשכן משכן העדות דר רוח הקודש אליין הט גיוויזין צו אלי דעם חשבון פון דעם כסף וזהב וואס די ישראל האבן מנדר גיוועזן אונ דר רוח הקודש הט גיזאגט וכסף פקודי העדה מאת ככר וגו' כל הזהב העשוי למלאכה דען הקב"ה הט בגערט אין די בעלי מלאכות אונ הט גיוואלט ווייזן זייער נאמנות צו אלי דרום שטייט אלה פקודי המשכן קום אונ זעה באותו שעה אז דר משכן איז אויף גישטעלט גיווארן הט דר שטן גישוועבט אונ הט גיוואלט גיפינען איין קטרוג אויף זייערי נאמנות ביז הקב"ה הט אום גמאכט אינטר טעניג פר משה אזו הט ער גמאכט דעם חשבון בעל כרחו אזו הט ער זייער נאמנות אויף גיבראכט פאר אלי קום אונ זעה ווייל דאס משכן איז גיצייקט גיווארן דרום הט משה גמוזט מתפלל זיין אז דיא ברכה זאל דרויף רוען דרום שטייט ויברך אותם משה וואס פר איין ברכה האט זייא משה גבענטשט יהי רצון עס זאל רוען די ברכה אין דר מעשה פון אייערי הענט דען איין זאך וואס מען ציילט איז דרויף ניט שורה קיין ברכה אונ די ברכה הט ניט גרוט אויף דם חשבון ביז משה הט עס אן גקניפט אונ מדבק גוועזן למעלה דרום שטייט אלה פקודי המשכן משכן העדות אשר פוקד על פי משה אונ ווען עס וואלט ניט גיציילט גיווארין דורך משה וואלטן זיי קיין חשבון ניט גקאנט מאכן נייערט די מדריגה פון משה הט עס גטאן ער האט גורם גיוועזן אז עס איז גיציילט גיווארין דרום שטייט אשר פוקד על פי משה קום אונ זעה בשעת די בעלי מלאכות האבן אן גיהובן צו טאן דעם מעשה המשכן האבן זיי נאר אן גיהובן אונ עס הט זיך שון אליין גטאן דרום שטייט ותכל כל עבודת משכן אהל מועד עס הט זיך אום גלאזט די עבודה וואס דר משכן הט אליין גטאן · אזו אויך ביי בריאות עולם שטייט אויך ויכלו השמים והארץ איז אויך דר טייטש זיי האבן זיך אליין משלים גוועזן אזו אויך אז מען הט גבויט דעם בית המקדש האבן אויך נאר די בעלי מלאכות אן גהובן אונ עס הט זיך אליין גטאן דרום שטייט והבית בהבנותו עס וואלט שטיין והבית אשר בניתי וואלט משמע גוועזן אז מען האט אים גבועט עס שטייט דך אבער בהבנותו איז טייטש אין זיין טאן בוען פון זיך זעלברט אזו אויך שטייט אבן שלמה מסע נבנה עס שטייט ניט בונה נייערט נבנה עס איז אליין גבוט גווארן אזו אויך אלץ וואס איז קודש איז אלץ אליין גטאן גווארן :

ויקם משה את המשכן רבי יהודה הייבט אן עס שטייט אל תשמחי אויבתי לי כי נפלתי קמתי ווער איז דר אויב דר ס"ם אונ די וואס זענן שונאים דער מלכות הקדושה זאגט דיא כנסת ישראל איר זאלט אייך ניט פרייען אויף מיין משפלה דען אז איך פאל שטיי איך ווידר אויף אבר אז איר ווערט פאלן ווערט איר שון ניט אויף שטיין גם כי אשב בהושך ה' אור לי דען כמה פעמים אז די כנסת ישראל איז גיפאלין בגלות מצרים ובבל האבן זייא דיא שונאים גיוואלט פר לענדן פון דר וועלט אונ האבן ניט גיקענט אזו ווי עס שטייט על עמך יערימו סוד וגו' אמרו לכו ונכחידם וגו' חאטשי זיי זענן גפאלן אין גלות זענן זיי ווידר אויף גגאנגן דרום אוך בגלות מצרים וואס משה הט זיי ארוס גצוגן אונ הקב"ה הט זיי גטאן נסים ונפלאות דערנסט מאל ויקם משה את המשכן ער הט זיי אלי מאל אויף גריכט ויכס הענן את אהל מועד אז דר ענן הט צו גדעקט דעם משכן הט די שכינה גירוט אויף דר וועלט אונ דר רוח הטומאה איז צו בראכן גווארן וואס ער איז קץ כל בשר אונ איז אפ גטאן גווארן אין נוקבא דתהומא רבא דרום שטייט ולא יכול משה לבא אל אהל מועד כי שכן עליו הענן דען דר רוח הקודש האט גרוט אויף דר וועלט אונ דר רוח הטומאה איז אפ גטאן גוואר נאר די רשעים האבן אים ווידר אויף גצוגן אויף דר וועלט אונ ווען ניט וואלט ער שון אויף דר וועלט ניט גוועזן אונ לעתיד איז הקב"ה אן גיברייט אים מעביר צו זיין פון דר וועלט אזו ווי דר פסוק זאגט בלע המות לנצח וגו' אונ ווידר שטייט ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ ברוך יי לעולם אמן ואמן : ימלוך יי לעולם אמן ואמן :

חסלת ספר שמות

# פרשת ויקרא

ויקרא אל משה רבי חייא זאגט עס שטייט באתי לגני אחותי כלה אריתי מורי עם בשמי אכלתי יערי עם דבשי וגו' אכלו רעים וגו' איז דאך קשה ער זאגט פריער אכלתי איך האב געגעסן אונ דער נאך זאגט ער אכלו רעים עסט איר ליב האבער איז דען אזו דער סדר אז איינר רופט מענטשן אויף איין סעודה זאל ער פריער עסן דר נאך זאל ער זייא געבן עסן · נאר וואל צו די ישראל וואס הקב"ה הט גיוואלט זיי מזכה מטהר זיין אונ ווייל ער האט גיוואלט אין זייא דרום וויל ער זייא אויף ברענגען פון אלי מקטריגים פון דר וועלט · קום אונ זעה דעם טאג וואס מען הט אויף גשטעלט דעם משכן למטה האט מען דעם משכן למעלה אויך גישטעלט דרום שטייט בתם הוקם המשכן מיינט מען דעם משכן של מעלה אונ אין דעם טאג איז גוועזן ארוס שמחה פר הקב"ה אונ אז מען הט מתקן גוועזן דיא ביידי משכנות שטייט ולא יכול משה לבא אל אהל מועד אונ הקב"ה הט דס גיזעהן הט ער גזאגט דר משכן איז דאך אויף גישטעלט גווארן דורך משה זאל ער אליין שטיין אינדרויסן מיד תיכף ויקרא אל משה הט ער אים אריין גרופן אונ הט אום גיזאגט דר חינוך המשכן דארף זיין מיט איין סעודה דרום שטייט אדם כי יקריב מכם וגו' ווייטער איז ער מגלה גרוסי סודות אויף דעם פסוק באתי לגני :

רבי שמעון איז גגאנגן אין וועג קיין טבריא הט אים בגעגינט אליהו זאגט ער צוא רבי שמעון שלום זאל זיין צוא דעם הערן זאגט רבי

רבי שמעון אין וואס איז אצונד די שכינה עוסק אין הימל זאגט ער אין דר פרשה פון קרבנות אונ זאגט פון דיינט וועגין הידושים וואס דיא האסט מחדש גיוועזן אין דר תורה וואל צוא דיר דרום בין איך גקומן צו דיר • איך זאל דיר מקדים זיין שלום אונ דיך פרעגן איין זאך וואס עס איז גפרעגט גוואָרן במתיבתא דרקיע אונ דס איז די שאלה מען הט גיפרעגט עס שטייט באתי לגני אחותי כלה אכלתי יערי עם דבשי וגו׳ דס הייסט הקב״ה זאגט איך בין גקומן צו מייני כנסת ישראל וואס הייסן כלה האב איך גגעסן ווי שיקט זיך דס בעוה״ב הט ער גגעסין אמער דארטן איז דאך גיט פר האנדן קיין אכילה ושתיה נאך וואס שטייט אכלתי דס איז גיפרעגט גוואָרן בישיבה של מעלה זאגט רבי שמעון וואס האט הקב״ה דרויף גיענטפערט זאגט אליהו הקב״ה האט גזאגט עס איז דאך פר האנדן רבי שמעון בן יוחאי לאז ער ענטפערן דרום בין איך גקומן צוא דיר דיא זאלסט דרויף ענטפערן זאגט רבי שמעון ווי גרוס איז דאס ליבשאפט וואס הקב״ה הט ליב די כנסת ישראל חאטשי ביא אים גישיקט זיך ניט קיין אכילה ושתיה נאר מחמת גרוים ליבשאפט הט ער משנה גוועזן זיין רצון צוא טאן איר רצון ווארום דער סדר איז אזו צווישן חתן וכלה׳ אוך לערנן מיר אזעלכם אפ פון דוד המלך ער הט גזאגט צו הקב״ה כהניך ילבשו צדק וחסידך ירננו ער הט גידארפט זאגן ולויך ירננו ווארום דיא שירה האבין דאך די לוים גזאגט ווארום שטייט וחסידך נאר בשעת ער הט גזאגט וחסידך הט אים הקב״ה גזאגט דוד מיין סדר איז ניט אזו האט דוד גיזאגט בעבור דוד עבדך אל תשב פני משיחך ווייל איך האב דיך צו מיר אן גיבריית דארפסטו מיר טאן מיין רצון ווארום דר דרך ארץ איז אז איינר בעט דעם אנדרן צוא זיך אויף איין סעודה טוט דר אורח זיין רצון אזו דארפסטו מיר טאן מיין רצון חאטשי דיין סדר איז ניט אזו ענטפערט אים הקב״ה אז דיא האסט מיך שוין אן גיבריית וועל איך טאן דיין ווילן דעסט גלייכן נפינן מיר ביי די מלאכים וואס זענן גקומן צו אברהם חאטשי אויף דעם הימל איז דאך ניט פאר האנדין קיין אכילה ושתיה נאר אים צו ליב האבן זיי גיגעסין אונ גטרונקן • אזו אוז הקב״ה מחמת גרוים אהבה וואס ער הט ליב דיא כנסת ישראל זאגט ער אכלתי וגו׳ זאגט אליהו צו רבי שמעון רבי דא שווער איך ביי דיין לעבן אז הקב״ה בעצמו הט גוואלט דעם תירוץ זאגן נאר ער הט זיך ניט גיוואָרט מחזיק טובה זיין פר די כנסת ישראל דרום הט ער מיר גיהייסן דיך פרעגן כדי די זאלסט ענטפערן וואל צו דיר וואל דיין חלק דאס הקב״ה טוט זיך באריםן מיט דיר למעלה אויף דיר זאגט דער פסוק צדיק מושל ביראת אלהים:

אדם כי יקריב מכם קרבן ווער עס איז אגאנצר מענטש דער קען מקריב זיין אלי מדריגות עליונים אונ צו מאכן איין יחוד שלם אבר ווער עס הט ניט קיין אשה דר הייסט ניט קיין אדם שלם זיין קרבן איז ניט ווערט אונ די ברכות גפינן זיך ניט ביא אים לא למעלה ולא למטה דען די שכינה רוט ניט אויף אים ווייל ער הייסט ניט קיין אדם ער איז איין בעל מום אונ ווער עס איז איין פגום ווערט ער נדחה פון אדיט אונ דרום נדב ואביהוא ווייל זיי האבן קיין נשים ניט גהאט אז זיי האבן גינעהנט צו דר עבודה זענען זיי גישטראפט גוואָרן אזו וויא עס שטייט ותצא אש מלפני ה׳ ותאכל אותם דרום שטייט אדם כי יקריב מכם קרבן דס איז זכר עם נקבה אזו וויא עס שטייט זכר ונקבה בראם ויקרא את שמם אדם רבי אחא איז גגאנגן אין וועג אונ רבי יהודה איז אוך מיט

אים גוועזן זאגט רבי יהודה מיר האבן גלערינט אז אבתולה ווערד גיבענטשט מיט זיבין ברכות דס איז אנטקעגן די כנסת ישראל וו... זי הייסט בתולה אזו וויא עס שטייט ואתה בן אדם שא נא קינה על בתול... ישראל דס גייט אויף די כנסת ישראל איז דאך קשה עס שטייט נפל... ולא תוסיף קום בתולת ישראל איז משמע אז זי וועט חס ושלום קיין תקומה ניט האבן אויף צו שטיין אונ אלץ וואס די חכמים האבן גיזאגט א... דעם וואלט רעכט גיוועזן אז דיא פרשה זאל שטיין בדרך נחמה ע... שטייט דאך אבר דר ביי קינה הייסט קלאג זאגט ער בוודאי איז א... אונ מיר איז דס אוך קשה גיוועזן זענן מיר גקומן מיט איין פינצט... פנים צו רבי שמעון אים פרעגן זאגט ער אין דיין פנים ווערט דר... קענט דיין הארץ זאג איך בוודאי איז אזו זאגט ער צו מיר זאג דיי... רייד האב איך אים גזאגט עס שטייט נפלה ולא תוסיף קום בתולת ישראל ווער... איז ברוגז אויף זיין אשה אונ הט זי אוועק גיטריבין פון זיך זאל ער... זי שון אייביג נאר ניט אום קערן צו זיך אוב עס איז חלילה אזו אי... דאך ווייא צו די ישראל וואס זענן פר טריבן גוואָרן הט ער מיר גזאגט... האסטו דען ניט גיהערט דעם תירוץ וואס די חכמים האבן אויף דעם... גזאגט זאג איך צו אים איך האב גיהערט נאר עס איז מיר נאך ניט... רעכט זאגט ער צו מיר אלץ וואס די חכמים זאגן איז בוודאי רעכט... אבר ווייא צום דור וואס זייערי פאסטעכר דס הייסן די צדיקים זענן ניט... פר האנדן צווישן זיי דען גיין די שאף אריין אונ ווייסן ניט ווי אהי... זיי זאלן זיך קערין מען מוז מגלה זיין דעם פסוק צו פר שטיין קומ... אונ זעה אלי מאר וואס די ישראל זענן פר טריבן גיוואָרן הט הקב״ה... גמאכט איין זמן ווען זיי וועלן ארויס גיין אונ אז עס איז גקומן דער... זמן האבן זיך די ישראל תיכף אום גקערט אונ אין דעם גלות האחרו... וועלן זיי שון אליין ניט אום קערן אזו ווי פריער אונ דר פסוק ווייזט... אויך אום אזו ווארום ווען עס וואלט שטיין איין פסוק נפלה ולא אוסיף להקימ... בתולת ישראל וואלט די טייטש גוועזן זי איז גפאלן אונ איך וועל זי שו... ניט אום קערן חס ושלום אבר היינט אז עס שטייט ולא תוסיף קום אי... טייטש זיא וועט שון אליין ניט אויף שטיין אזו וויא פריער נייערט... הקב״ה אליין וועט זיא אויף שטעלן זיא זאל גיין אויף איר ארט עס... איז איין משל צוא איין רייכן מאן וואס איז ברוגז גיוועזן אויף... זיין ווייב האט ער זיא ארוס גיטריבן אויף איין צייט זיא זאל צוא... אים ניט קומן אבר אז די צייט גייט אום גייט זיא אליין צו ריק אזוי... איז גיוועזן צוויי דריי מאל ער האט אלץ גימאכט איין זמן אבר א... דר זמן גייט אום גייט זיא אליין צו ריק אויף איר ארט אמאל האט... זיא דר רייכר מאן פר טריבן אן איין צייט אונ איז זייער ווייט גיוועזן... פון פאלעץ זאגט דר רייכר מאן אצונד איז ניט אזו ווי פריער דען... פריער פלעגט זיא אליין קומן אבר היינט וועל איך אליין גיין מיט... מייני בני היכלא צו ברענגין זיא • אונ אז דער רייכר מאן קומט צו... איר אזו זעהט ער ווי זיא ליגט אויף דר ערד מיט גרוס שפלות ווער... זעהט די צייט ווי דר רייכר מאן הייבט זי אויף אונ בעט זיא איבר... אונ ברענגט זי ווידר אריין אין זיין פאלעץ אונ טוט איר אן גרויס... כבוד ווער הט אזו איין זכיה צוא זעהן דעם גרוסין כבוד אונ ער... שווערט איר אז ער וועט זי שון קיין מאל ניט מרחיק זיין פון זיך אזו... איז אוך הקב״ה כמה מאל אז ער הט פר טריבן דיא ישראל האט... ער זיי פאר טריבן אויף איין זמן אונ אז דר זמן איז אום גיגאנגען... הט זיא זיך ווידר אליין אום גיקערט פאר דעם מלך אויף איר ארט...

אבר

ר אין דעם הינטערשטן גלות וועט ניט זיין אזו אלא הקב"ה אליין
עט זיא אן נעמין אין אירי הענט אונ וועט זי אום קערין צוא זיין
בל אונ דרום שטייט ולא תוסיף קום זיא וועט שון אליין ניט אוף שטיין
נ דרום שטייט ביום ההוא אקים את סוכת דוד הנופלת איך וועל זיא אליין
ף שטעלן ווער איז סוכת דוד דס איז בתולת ישראל הנופלת ווס זי
אלט אזו ווי עס שטייט נפלה דען זיא איז אראפ געפאלן פון איר הוכי
דריגה אין גלות אונ דער פסוק ווייזט אויף דעם כבוד ושבח פון
נסת ישראל אונ די זאך האב איך גלערינט פון רבי שמעון· באותו
עה זאגט רבי יהודה דר מיט איז מיר פר ענפערט גווארן ווס איז
יר קשה גוועזן אונ דס איז בוודאי דער לויטערר פשט אונ דאס איז
ליך צו דעם ווס מיר האבן גלערינט רבי יוסי זאגט הקב"ה איז אן
ברייט אום צו רופן אוף די כנסת ישראל התנערי מעפר קומי שבי ירושלים
ליך ווי איינר נעמט אן זיין חבר ביי זיין האנט אונ זאגט צוא אים
שטיי אוף פון דער ערד אונ שאקל זיך אפ פון דער ערד זאגט רבי
חא אזו אוך אלי בני היכלא פון דעם מלך וועלן אוך זאגן קומי אורי
שטיי אוף מיין ליכט כי בא אורך דען דיין ליכט דס מיינט מען הקב"ה
ליין איז גקומן צו דיר דענקט מאל וועט זיין איין שמחה אוף אלי
ז ער וועט זיא איבר בעטן אזו ווי עס שטייט ותבא בת שבע אל המלך
חדרה דס איז איין רמז אוף כנסת ישראל אונ פר ווס הייסט זיא בת
בע ווייל זיא ווערט גבענטשט מיט זיבען ברכות זיא איז גיקומין
ין חדר פון דעם מלך צום מלך אזו איז גוועזן עטלכי מאל אזו וויא
ם שטייט ותבא לפני המלך ותעמוד לפני המלך אבר לעתיד וועט דר מלך
ו איר קומן אונ וועט זיא מפייס זיין אזו ווי עס שטייט הנה מלכך יבא
א לך דער וועט צוא דיר קומען ניט דיא צוא איהם יבא
ער וועט קומן צו דיר דיך מפייס זיין אונ דיך אוף צו רעכטן אונ
ו ברענגין דיך אין זיין היכל אונ צו בהעפטן זיך אין דיר ביז אייבג
זו ווי דר פסוק זאגט וארשתיך לי לעולם וגו' באמונה אזוי וויא זייא גייען
געגינן זיי צו רבי אבא ער גייט זיי אנטקעגן זאגן זיי דא גייט דר
ר החכמה מיר וועלן מקבל זיין פני השכינה ווי זיי האבן גנענט
ו אים האט רבי אבא אראפ גנידערט פון זיין אייזיל מקבל צוא זיין
זייער פנים אונ זיי האבן גזאגט גרויסי סודות :

אם עולה קרבנו מן הבקר וגו' זאגט רבי יוסי פאר וואס איז איין מענטש
ערגר פון דעם אנדערן דען איינר ברענגט איין קרבן עולה פון
רינד אונ דר ברענגט פון איין שאף אונ דר פון איין עוף אלא דר
ס פר מאגט בדארף ער ברענגין פון איין רינד אונ דר וואס איז
רומער ברענגט ער פון איין שאף אונ דער וואס איז גאר ארום
ברענגט ער פון איין עוף דען הקב"ה האט ניט מטריח גוועזן אוף
עם מענטשן מער ווי ער פר מאגט אזו ווי דער פסוק זאגט ואם דל
וא ואין ידו משגת רבי אלעזר זאגט דס איז ווערליג דעם חטא דען איין
עושר מחמת זיין עשירות אונ גאוה זינדיגט ער גיכער פאר הקב"ה
דרום ברענגט ער איין רינד· איין מיטיל מעסיגר איז ניט אזו בגאוה
דרום ברענגט ער נאר א שאף· איין ארומאן ער איז תמיד איין שפל
רוח ברענגט ער נאר איין עוף דען הקב"ה איז איטליכן דן מיט
רעכטן משפט ווי ער זינדיגט אזו איין קרבן זאל ער ברענגן · רבי
אלעזר האט גפרעגט צו זיין פאטר רבי שמעון מיר האבן גלערינט
ז איבר דריי עבירות קומט איין הונגר אוף דער וועלט אמער דיא
דייא עבירות זענן דאך נאר ביא דיא עשירים אונ אז עס קומט

א הונגר שטארבין דאך אוים די ארימי לייט אונ די עשירים בלייבן
וועלן זיי אצונד נאך מער זינדיגן זאגט רבי שמעון דוא האסט גוט
גפרעגט נאר די חכמים האבן עס שון מפורש גוועזן ווען הקב"ה וויל
צו די רשעים בצאלן דעם שכר פון זייערי מצות אונ זיי מאכן פאר
לירין פון עולם הבא אזו גיט ער זיי שלום אונ איז זייא משלים מיט
אלערלייא גוטץ קום אונ זעה אלי לייט זענין ניט אזו נאהענט צוא
הקב"ה אזו ווי די עניים דען זיי זענן די כלים פון הקדוש ברוך הוא
ווס ער ניצט מיט זיי ווער זענן זיי לב נשבר ונדכה ואת דכא ושפל רוח דאס
זענן די כלים פון הקב"ה אונ אז עס קומט איין רעב אוף דר וועלט
דען ווינען זיי פר הקב"ה אונ הקב"ה הערט זיי צו אונ צו זיי איז ער
נעהנטר פון אלי אזו וויא עס שטייט כי לא בזה ולא שקץ ענות עני דרום
איז הקב"ה גוזר אוף דר וועלט מיתה אדר הונגר· ווייל צו די רשעים
ווס זענן דס גורם ווארום אז הקב"ה איז זיך מתעורר משגיח צו זיין
אוף דר וועלט דען איז ער משגיח אוף דעם קול פון די עניים אזו ווי
עס שטייט כי שמוע אשמע צעקתו עס שטייט צווייא מאל שמוע אשמע
איינס ווייזט מיר צו הערן זייער קול אוף ווס זייא שרייען אונ איינס
איז צו בצאלן צו די ווס האבן גורם גוועזן צו דעם גישריי אונ ווייטר
שטייט ושמעתי כי חנון אני· רחמנא ליצלן מעונש הזה דרום אז עס איז איין
הונגר אוף דר וועלט איז ווייא צו די רשעים עשירים ווס זייא האבן
גורם גוועזן צו דעם גישריי פון די ארימי לייט קום אונ זעה דר קרבן
פון איין עני איז גרינגר פון אלי ווייל זיין הארץ איז אים צו בראכן
חאטשי ער הט איין מחשבה צו זינדיגן פון דעסט וועגן מחמת זיין
גרובן צער אונ דר צער פון זיין הויז גזינד טוט ער עס ניט מיט זיין
גאנצן הארצן דרום איז זיין קרבן גרינגר דרום איז איטלכר קרבן
גוועזן גצייכנט פר דעם כהן· עס איז אמאל גוועזן איין מעשה איין
עושר הט גבראכט צווייא טויבין פר אקרבן צו דעם כהן האט דער
כהן צוא אים גזאגט דר קרבן איז ניט דייגר איז ער אוועק גיגאנגין
אהיים אונ איז גוועזן טרויעריג פרעגט מען אים ווס ביסטו אזו טרויעריג
זאגט ער דר כהן הט ניט גוואלט מקריב זיין מיין קרבן זאגין זייא
ווס פר איין קרבן דען דער פסוק זאגט ואם דל הוא ואין ידו משגת אז ער
איז ארום אונ פר מאגט ניט זאל ער ברענגן צווייא טויבין פר אקרבן
זאגט ער ווס דען איז מיין קרבן זאגן זיי איין רינד זאגט ער אזו איז
הארב איין מחשבה פון איין עבירה איך נעם אוף מיר איין נדר אז
עס זאל ניט אוף גיין אוף מיין מחשבה קיין הרהור חטא פון דעם
טאג אן פלעגט ער ביי טאג האנדלן אונ ביי נאכט פלעגט ער נאר
אביסל שלאפין אונ דר נאך פלעגט ער רופן זייני ברודר זיי זאלין
מיט אים לערנין ביז טאג אונ ער איז גווארן איין תלמיד חכם מען
הט אים גרופן יהודה אחרא אמאל הט זיך צו אים גטראפין רבי ייסא
סבא הט ער פר אים צוא טיילט גאר זיין גוטס איין האלב האט ער
אוועק גגעבן צו עניים אונ די אנדרי האלבי האט ער אוועק געגבן
צו סוחרים זיי זאלן פון זיינט וועגין האנדלן אונ ער האט זיך געצט
לערנין תורה :

פתח דר יהודה אחרא הט אן גהויבין עס שטייט ויאמר שאול אל הקיני
ווער איז דער קיני דאס זענין דיא קינדר פון יתרו דר שווער
פון משה אונ קיני איז טייטש נעסט דען זייא האבן זיך גמאכט איין
נעסט אין דר מדבר צו לערנן דארטן תורה אזו ווי דר פויגל וואס
הייסט דרור אזו ווי עס שטייט ודרור קן לה זיי האבן ניט בגערט צו

האנגרלען

האנדלן כחורה נאר צו מיען זיך אין דר תורה יום ולילה דרום האבן
זיי אוועק גצוגן פון יריחו אין דר מדבר אזו ווי עס שטייט ובני קיני חות
משה עלו מעיר התמרים דס מיינט מען יריחו ואתה עשית חסד עם כל ישראל
וואס פר איין חסד הט יתרו גטאן מיט די ישראל נאר וייל ער האט
מהנה גיוועזן צוא משה אריין נעמן אים אין הוז אריין • אונ ווידער
האבן מיר גלערינט וייל ער הט גמערט איין פרשה אין דער תורה
ואתה תחזה וגו' נאר עס איז דאך קשה ווי קומט דס אהער מען שמועסט
דאך דא ווי שאול המלך הט מלחמה גהאלטן מיט עמלק נאך וואס
דר ציילט ער דעם שבח פון יתרו • נאר דער תירוץ איז אזו שאול
המלך הט גזאגט בשעת די ישראל זענן ארוס גגאנגן פון מצרים הט
זיך קיינר אקעגן זיי ניט גישטעלט מלחמה האלטן נאר עמלק איז
גוועזן דר ערשטר אונ דו יתרו האסט גטאן מיט די ישראל חסד אונ
האסט מיט זיי גהאט שלום איז ניט גלייך דו זאלסט זיין צווישן זיי •
אונ ניט דס אליין הט יתרו גיטאן עס שטייט נאך ויקח יתרו חותן משה
עולה וזבחים לאלהים אונ ווען עס שטייט ווייטר ויבא אהרן וגו' לאכל לחם וגו'
לפני האלהים לערנן מיר פון דאנן אפ אז איינר איז מקדיש איין קרבן
מיט דעם גאנצן הארצן איז זיך הקב"ה מזמין צו אים אונ יתרו הט
דאך מקריב גוועזן קרבנות מיט זיין גאנצן הארצן אונ הט זיך מגייר
גוועזן דרום איז זיין קרבן זייער חשוב גוועזן פר הקב"ה דרום שטייט
לפני האלהים קום אונ זעה אז איין עני ברענגט איין קרבן איז זייער
חשוב פר הקב"ה ווייל ער איז מקריב צוויי קרבנות איינס דעם חלב
ודם פון זיין נפש וגוף אונ דס אנדרי דעם קרבן ווארום ער האט דאך
אליין ניט צו עסן טוט ער פאסטן אונ פאר דעם געלט ברענגט ער
איין קרבן שני תורים או שני בני יונה אדער איין צעהנטיל זעמיל מעהל
דרום איז אים הקב"ה תיכף מוחל זייני זינד • אונ באותו שעה רופט
הקב"ה אום כי לא בזה ולא שקץ ענות עני זאגט דער יהודה אחרא דרום
ווייל דר קרבן עני איז ביי הקב"ה השובר פון אלי דס הט מיר גורם
גוועזן איך זאל זיין אין דעם חלק פון הקב"ה אונ דרום האב איך צו
טיילט מייני נכסים צו די עניים ווייל זייא האבן מיר דס גורם גוועזן
אונ אזו ווי עס דר היצט זיך אין זיין גוף דר חלב ודם אזו דר היצט
זיך זיין מנחה אויף דעם מחבת ומרחשת • מיר האבן גלערינט אזו
ווי דר יצר הרע הט אים דר היצט מיט זיין תאוה זיין חלב ודם מיט
אלי איברים אזו הט ער גדארפט ברענגן דעם קרבן מיט זיין רצון
נפשו ורוחו ווארום דר עיקר איז דס בווילונג פון דעם הארצן וואול צו
די צדיקים דען זיי ברענגן אלי טאג איין קרבן צו הקב"ה דער מיט
וואס ער איז זיך מוסר נפש פאר אים פון דעסט ווענן איז איין קרבן
פארט בעסר ווארום דורך דעם קרבן ווערן גבענטשט אלי עולמות
אונ זאגט ווייטער גרוסי סודות • זאגט רבי ייסא צוא אים אשרי חלקך
וואול דיין חלק וואס דו האסט דר צו זוכה גיוועזן וואול צו דיא וואס
זענן עוסק בתורה ווארום דר מיט זענן זיי דבוק בהקב"ה אזו וויא
עס שטייט ואתם הדבקים בה' אלהיכם חיים כולכם היום :

נפש כי תחטא רבי יוסי זאגט עס שטייט עד שיפוח היום ונסו הצללים אלך לי
אל הר המור ואל גבעת הלבונה ווי אזו דארף איין מענטש נזהר זיין ער
זאל ניט זינדיגן פר הקב"ה דען אלי טאג גייט ארוס איין כרוז ער
רופט אום דר וועקט אייך אייערי הערצר איר בני עולם של המלך הקדוש
דר וועקט אייער נשמה הקדושה וואס זי איז אייך געגעבן גווארן ממקום
צ"ש הטהור דען מיר האבין גילערינט בשעת הקב"ה מאכט אראפ
נידערין דיא נשמה זיא זאל אריין גיין אין גוף אריין זיא זאל גגעבן
ווערן צו דעם מענטשן אויף דר וועלט איז ער זי מזהיר אונ איז איר
מתרה מיט פיל תוכחות זיא זאל היטן תורה ומצות אונ ניט דאס
אליין נאר מען פירט זיא דורך טויזנט מיט אכציג וועלטן זיך
משתעשע זיין מיט איר אונ איר ווייזן דעם כבוד פון דיא וואס זענן
עוסק בתורה אונ דערנאך מאל שטייט זיא פאר הקב"ה מיט איין
לבוש חשוב אין דעם גישטאלט וואס זי איז אן גגרייט צו זיין אויף דר
וועלט אזו שטייט זיא דארט אין איין לבוש אור גדול וחשוב אונ זעהט
אלי טאג דעם כבוד פון הקב"ה אונ ווערט גקריינט מיט פיל קרוינן
אונ אז די צייט קומט זי זאל שון נידערן אויף דר וועלט וואונט זיא
דרייסיג טאג אין גן עדן התחתון צו זעהן דעם כבוד פון די צדיקים
דר נאך גייט זי ווידר ארויף אויף איר ארט למעלה דר נאך גייט זיא
אראפ אויף דר וועלט אין גוף אריין אזו קריינט זי הקב"ה מיט זיבין
קרוינן דר נאך גייט זיא אויף דר וועלט אונ זיצט אין דר פינצטרניש
אונ איז עוסק מיט פינצטרי זאכין אונ זינדיגט • אזו פאר וואונדרט
זיך די תורה אויף איר אונ זאגט אזו ווי דו האסט גיזעהן דעם כבוד
וואס הקב"ה הט דיר געגעבן אונ דס גאנצקייט וואס הקב"ה האט דיך
גאנץ גמאכט • היינט זאלסטו זינדיגן אונ זאגט איר אזו נפש דו נפש
כי תחטא דו זאלסט זינדיגן בתמיה • זאגט רבי יוסי דר פסוק ונסו הצללים
גיט איין עצה צו דעם נפש כי תחטא דס ער זאל נזהר זיין פון צוא
זינדיגן אונ זאל זיך האלטן בקדושה ובטהרה איידר דער טאג פון דער
וועלט ווערט אוועק גבלאזן ווערן אונ דר שטארקר טאג ווערט קומן
וואס מען ווערט דיך תובע זיין לדין אוועק גיין פון דר וועלט ונסו הצללים
איידר דיא שאטן פון דער וועלט ווערט אנטלופן • זאגט רבי אלעזר
איטליכר מענטש הט פר זיך צוויי ערליי מיני שאטן אגרויסן אונ איין
קליינם אונ ווען זיי זענן ביידי בנאנד הט דר מענטש איין קיום אונ
איין שטאנד אונ אז ער דארף שטארבין גייען פון אים אוועק דיא
שאטן דרום שטייט עד שיפוח היום דען אז עס קומט דער יום המיתה
ונסו הצללים גייען זיי אוועק פון אים דרום זאל איטליכר מענטש זעהן
מתקן זיין זייני מעשים פאר הקב"ה אונ מתודה זיין אויף זייא דען
הקב"ה איז איין רחום וחנון ער פר נעמט די תשובה וואס מענטשן
טוען פר אים אונ דס זאל זיין עד שיפוח היום איידר די צייט קומט וואס
די צללים אנטלופן אבר דר טאג וואס די צללים גייען שון אוועק איז
גלייך ווי איינר זיצט אין איין תפיסה אונ קייטן אויף דעם הארז אונ
גבונדין מיט שטריק • עס איז פארט גרעכינט פר תשובה נאר עס
איז ניט גלייך וויא איינר שטייט נאך אין זיין כח אונ טוט תשובה
דרום זאגט שלמה וזכור את בוראך בימי בחורותך עד אשר לא יבואו ימי הרעה
דרום שטייט עד שיפוח היום איידר דר יום הדין הגדול קומט אן זאל דר
מענטש רעכט מתקן זיין זייני מעשים ווארום אז די צייט קומט אז
דר מענטש זאל שטארבן פאר וואונדרט זיך הקב"ה אונ זאגט נפש
כי תחטא פר וואס זאלסטו זינדיגן אמער ושמעה קול אלה דו האסט דאך
גישווארין בשבועה פאר מיין נאמן אז דוא זאלסט ניט לייקענן פר
מיר אונ איך האב דיר התראה גטאן דו זאלסט ניט זינדיגן והוא עד
אונ איך אליין האב דיר אן גיזאגט דוא זאלסט היטין מיינע מצות
דרום איידר דער מענטש קומט תשובה טאן פאר הקב"ה שטייט או
ראה או ידע די עבירות וואס ער ווייסט זיי וואול אונ זעהט זיי קלאר פר
זיך אם לא יגיד ווען ער ווערט אויף זייא ניט מתודה זיין פאר הקב"ה
שטייט

שטייט ווייטר אז ער גייט אוועק פון דר וועלט ונשא עונו מוז ער אליין
ליידין די עבירות אויף זיך · נמצא ווער וועט קענען עפענען איין מויל
און וועט קענען בשטיין פאר הקב"ה דרום שטייט ונפש כי תחטא :

## פרשת צו

וידבר ה' אל משה לאמר צו וגו' לאמר זאת תורת העולה היא העולה וגו' על המוקדה
העולה מיינט מען די שלעכטי מחשבה וואס קומט צוא דעם
מענטשן ער זאל חלילה זינדיגן און אפ קערן פון דעם רעכטן וועג
היא העולה די דאזיגי מחשבה וואס גייט אויף צו אים זאל ער זיא פאר
ברענגען אין פייער דורך וועמן קען ער זי פר ברענין דורך דר שכינה
וואס זיא הייסט אש אוכלה צוא פר ברענגען פון זיך די טומאה און זיך
מטהר זיין דורך דער שכינה אזו וויא אויף דעם הימל אז מען איז
מעביר איין שר איז מען אים מעביר דורך דעם נהר דינור איין טייך
פון פייער אזו אויך דר קרבן האט מבער גיוועזן דעם רוח הטומאה
ווס הט זיך בהעפט אין דעם מענטשן דורך זייני שלעכטי גידאנקין
און די טומאה ווערט אונטער טעניג און די קדושה איז עולה למעלה
און ווערט גיקרייגט דרום שטייט היא העולה דען דורך דעם קרבן
גייט די קדושה ארויף און דיא טומאה ווערט אפ גישייד פון אים ·
רבי אחא הייבט אן עס שטייט והאש על המזבח תוקד בו לא תכבה ובער עליה
הכהן עצים בבוקר בבוקר נאך וואס שטייט ובער עליה הכהן אלא מיר האבין
גילערינט אז א מענטש קומט זינדיגין פר זיין הערין אזו צינט ער אן
אין זיך איין פלאם פון דעם יצר הרע און ער איז דאך מצד הטומאה
אזו רוט אויף אים דער רוח הטומאה און ווערט ניט בטל פון אים
נאר דורך דעם פייער פון דעם מזבח דען דס פייער איז מבער אלע
שלעכטי מינים פון דר וועלט און אז דער כהן האט אן גיריכט דעם
אש המזבח מיט דם האלץ הט ער דאך מכוין גיוועזן צו פר ברענגן דאס
אש פון דעם יצר הרע וואס איז מצד הטומאה דרום שטייט לא תכבה
דס פייער פון מזבח טאר קיין מאל ניט פאר לאשין ווערין כדי דער
כח הטומאה זאל זיך ניט מתגבר זיין דרום האבין מיר גילערינט דר
אש המזבח איז אזו א פייער ווס דם פר ברענט אנדר פייער דם אש
המזבח האט פר ברענט דעם אש הטומאה און דר כהן האט דאס
מסדר גיוועזן אלי טאג · זאגט משה רבינו אש תמיד תוקד על המזבח מיינט
מען די תורה דען בייא איר שטייט הלא כה דברי כאש נאום ה' · לא תכבה
אז מען זינדיגט טוט דיא עבירה ניט פאר לעשין דעם זכות פון דער
תורה אבער א זכות פון א מצוה פר לעשט זי יוא דרום איז גיגליכן די
תורה צו איין גרויסין פלאם און איין מצוה נאר צו איין ליכט אזו ווי
עס שטייט כי נר מצוה ותורה אור אזו וויא א ליכט פאר לעשט זיך אזו
ווערט א מצוה אויך פר לאשין דורך איין עבירה און ווער עס פאר
לעשט מיט איין עבירה איין מצוה ווס זיא הייסט נר אזו ווערט זיין
נשמה אויך פר לאשן ווס זי הייסט אויך נר ה' נשמת אדם אזו בלייבט
דר גוף אין דר פינצטר אזו אויך דר ווס איז גורם אז די שכינה זאל
אפ גיטאן ווערן פון דר וועלט דורך זייני עבירות איז ער גורם איין
פר לעשונג און איין פינצטרניש צוא נאר דר וועלט און אויף דעם
ארט ווי דיא שכינה איז גיוועזן רועט די קליפה אזו וויא עס שטייט
ושפחה כי תירש גבירתה און דס פר לעשונג פון דער מצוה איז נאר בייא
די עמי הארץ ביי זיי ווערט פר לאשן די מצוה ביי זיי ווערט מקוים
ורשעים בחושך ידמו אבער צו די תלמידי חכמים איז קיין פר לעשונג קיין
מאל ניט פר האנדרין ווייל דר לייכטן זי מיט כסה רזי תורה מיט די סודות
פון דר תורה און קבלה ווייל דר לייכטין די שכינה ווייזענן מקיים די
תורה און דורך דעם רויך וואס גייט אויף פון זייער עסין פון דעם
מויל דס איז עשן המערכה גליך ווי עס איז ארויס גיגאנגן פון דעם
מזבח דער רויך פון דר מערכה און ברענגען אויף די שכינה און זענין
מקשר ומיחד אלי עולמות · ווייטר שטייען גרויסי סודות · אין זוהר
בראשית זאגט רבי שמעון עס שטייט ויסב חזקיהו פניו אל הקיר ויתפלל קום
און זעה דעם גרויסין כח פון דר תורה דען דר ווס איז עוסק בתורה
הט ער קיין מורא ניט פר קיין שום בשעפניש פון דר וועלט און ניט
פר עליונים ותחתונים און ניט פאר קיין שום חלאים רעים דען ער
איז אן גיהאלטן אין דעם עץ החיים ער לערינט תורה אלי טאג ווס
זי איז איין עץ חיים זי גיט איין עצה צו גיין אין רעכטין וועג און ווי
אזו ער זאל תשובה טאן פאר הקב"ה מבטל צוא זיין אלי שלעכטי
גזירות וואס איז אויף אים נגזר גיווארען און אפילו אז עס איז נגזר
גיווארן אז די גזירה זאל שוין ניט בטל ווערין פון דעסט וועגן לאזט
די תורה ניט זי זאל אויף אים קומין דרום זאל א מענטש לערנין דיא
תורה יום ולילה און זאל מקיים זיין והגית בו יומם ולילה און זאל זיך ניט
אפ שיידין פון איר דען דר ווס שייד זיך אפ פון איר שייד ער זיך אפ
דעם עץ החיים · קום און זעה איין עצה צוא דעם מענטשין אז ער
גייט זיך לייגין שלאפן אויף דר נאכט זאל ער פריער אויף זיך מקבל
זיין עול מלכות שמים מיט דעם גאנצין הארצין און זאל איבער
ענטפרין זיין נשמה צו הקב"ה דרום זאגט מען בידך אפקיד רוחי וגו' און
דורך דעם ווערט ער ניצול פון אלי בייזי מקטריגים און רוחות
רעות און אין דער פריא אז ער שטייט אויף זאל ער לויבין זיין
הערין ווס ער האט אים זיין פקדון צו ריק אפ גיגעבין און דער נאך
זאל ער גיין אין שול און זיך בוקין פר דעם היכל מיט גרויס יראה
און דר נאך זאל ער מתפלל זיין זיין תפלה און זאל נעמין איין עצה
פון די אבות הקדושים וואס זיי האבן מתקן גיוועזן דיא תפלות פאר
הקב"ה און זאל זאגין דעם פסוק ואני ברוב חסדך אבא ביתך מכוין צו זיין
אנטקעגן דעם זכות פון אברהם אשתחוה אל היכל קדשך ביראתך אנטקעגן
דעם זכות פון יצחק דר נאך זאל ער זאגין מה טובו אוהליך יעקב און מיט
דעם זאל ער אריין קומן אין שול און אז ער איז מכוין טוט זיך הקב"ה
מיט אים בארימן און זאגט דו ביסט מיין קנעכט ווס איך טוא מיך
מיט דיר בארימן :

בתוספתא בזוהר כשלח זאגט ער אזו עס שטייט תביאמו ותטעמו וגו' דס איז
איין מצוה מען זאל בוען איין מקדש למטה אזו ווי עס איז
דא א מקדש למעלה אזו וויא דער פסוק זאגט מכון לשבתך פעלת ה' מען
זאל בויען איין מקדש למטה מען זאל דרינען מתפלל זיין אלי טאג צו
דינען דר מיט צו הקב"ה דען די תפלה וואס מען איז מתפלל אין שול
דס איז איין עבודה ווס איז גיוועזן אין בית המקדש און דיא שול זאל
מען בויען זייער שיין און מתקן צו זיין מיט אלי תיקונים דען דס
בית הכנסת של מטה שטייט אנטקעגין דעם בית הכנסת של מעלה
און דס בית המקדש של מטה שטייט אנטקעגין דעם בית המקדש
של מעלה אזו אויך דר משכן ווס משה הט גימאכט אין דר מדבר
איז גיוועזן בדמות של מעלה מיט אלע תקונים וואס אזו איז למעלה
דרום גיהער מען מאכין דאס בית הכנסת בתכלית היופי און מיט דער
תפלה זאל מען מתקן זיין די תקונים של מעלה אזו אויך מוז דרינען
זיין

זיין פענצטר אזו ווי עס שטייט וכוין פתיחין ליה אזו וויא למעלה שטייט
משגיח מן החלונות מציץ מן החרכים אז דו וועסט זאגין אז מען איז מתפלל
אין מיטין פעלד איז ליכטיגר עס איז ניט אזו רען עס מוז זיין איין
בית אזו ווי עס איז למעלה אונ ווידר די תפלה אונ רוח מוזין ארויס
גיין דורך איין אייגג ארט אזו וויא דורך איין פענצטר צו גיין בדרך
הישר קיין ירושלים אויף דעם שטייט מן המצר קראתי יה ענני במרחב יה
דר מענטש בדארף זיין רוח מיט זיין תפלה וואס גייען ארויס פון
זיין מויל שיקין דורך איין אייגג ארט זייא זאלין זיך ניט נייגין לימין
ולשמאל אבר אין פעלד איז ניט אזו · אזו אויך ביי איין שופר גייט
ארויס דם קול פון איין אייגג ארט צו שפאלטין די הימלן אונ דער
וועקין דעם רוח למעלה · אויב דוא וועסט פרעגן אמער בייא יצחק
שטייט דאך ויצא יצחק לשוח בשדה איז ער דאך גיגאנגן אין פעלד אריין
תפלה טאן נאר יצחק איז גוועזן אנאנדרר מענטש וואס עס איז ניט
גיוועזן אויף דר גאנצר וועלט זיין גלייכין · אונ ווידר מען מיינט ניט
ער האט מתפלל גיוועזן בשדה נאר שדה גייט אויף דר שכינה זיא
הייסט שדה אשר ברכו ה׳ אזו ווי מען האט שוין מפורש גיוועזן · אין זוהר
בלק שטייט רבי אבא הייבט אן עס שטייט תפלה לעני כי יעטוף וגו׳ מיר
גיפינן נאר ביי דריי וואס עס שטייט ביי זיי תפלה תפלה למשה איש האלהים
תפלה לדוד· תפלה לעני אויב דו וועסט פרעגן עס שטייט דאך תפלה לחבקוק
איז דאה שוין פיר אלא די תפלה איז נאר וואס ער האט מודה ומשבח
גיוועזן צו השי״ת וואס ער האט אים אזעלכי ניסים גיטאן דען ער איז
גוועזן דר זון פון שונמית וואס אלישע הנביא האט אים לעבדיג גמאכט
ביי די דרייא תפלה למשה איש האלהים דם זיין גלייכן איז ניט גיוועזן בייא
קיין שום מענטשן תפלה לדוד זיין גלייכן איז ניט גיוועזן ביי קיין שום
מלך אונ תפלה לעני דם איז מער חשוב ביי הקב״ה פון תפלה למשה ותפלה
לדוד דען די תפלה גייט אריין פר הקב״ה פריער פון אלי תפלות פון
דר וועלט ווייל דער עני האט איין צו בראכין הארץ אונ עס שטייט
קרוב ה׳ לנשברי לב דר עני קריגט זיך אלי מאל מיט הקב״ה אונ הקב״ה
הערט אים צוא אונ איז מקבל זייני רייד אונ אז ער לאזט אויס זיין
תפלה אזו עפינט הקב״ה אויף אלי פענצטר פון דעם הימל אונ אלי
תפלות איז דר עני דוחה מיט זיין צו בראכן הארץ עס וואלט שטיין
כי יתעטף וואלט דיא טייטש גיוועזן ער טוט זיך איין וויקלן עס שטייט
דאך אבער כי יעטוף ער טוט אנדערי ארום וויקלען דען ער וויקילט
ארום אלי תפלות אונ לאזט זייא ניט ארויף גיין ביז זיין תפלה גייט
פריער ארויף אונ הקב״ה זאגט אלי תפלות זאלין זיך זאמן ביז זיין
תפלה וועט ארויף גיין פר מיר ווייל דר עני איז מתרעם אונ מאכט
אקדיג אנטקעגין מיר דרום בגער איך ניט אז איין בית דין זאל אונז
משפטין נייערט איך אליין וועל אים צו הערין דרום שטייט ולפני ה׳
ישפוך שיחו אלי חיילות השמים פרעגין איינר דעם אנדרין וואס טוט
הקב״ה מיט וואס איז ער עוסק זאגין זיי הקב״ה איז עוסק אין זיין לוסט
אונ מיט זייני כלים דם איז דר עני וואס ער איז מתפלל מיט טרערין
אונ איז מתרעם פר וואס עס גייט אים ניט גוט דער צו האט הקב״ה
זיין חשק אונ זיין תפלה איז איבר אלי תפלות דען משה האט מתפלל
גיוועזן אונ זייא זענין אויף גיהאלטין גיווארין כמה ימים · דוד האט
גיזעהן אז אלי פענצטר אונ טירן פון דעם הימל איז אן גיברייט אז
זיי זאלין זיך אלי עפענן פר דעם עני אונ עס איז ניט פר האנדן קיין

שום תפלה וואס הקב״ה זאל זיא גיך צו הערין ווי די תפלה פון ד
עני דרום האט ער זיך אויך גימאכט פר איין עני אונ האט אויס גימ
די לבושי מלכות אונ האט זיך אניהר גיזעצט אויף דר ערד אזו ו
איין עני אונ האט גיזאגט תפלה לדוד הטה וגו׳ כי עני ואביון אנכי איז טייט
נייג צוא מיר דייני אויערין אונ ענטפר מיר ווארום איך בין איין
האט אים הקב״ה גיזאגט דוד דו ביסט דאך איין מלך אונ האסט
שאפין איבר מלכים תקיפים אונ לסוף מאכסטו זיך פר איין עני ואב
סיד תיכף האט ער אום גיקערט זיין תפלה אין אנדרן אופן אונ זא
שמרה נפשי כי חסיד אני דארפין מיר פאר שטיין אז דוד האטשי ער א
גיוועזן איין מלך האט ער פון דעסט וועגין זיך גימאכט פר איין ע
מכח זיין נשמה ווייל ער האט קיין חיים ניט גיהאט נאר וואס די אבו
אונ אדם האבין אים גיגעבין פון זייערי יארען זיבציג יאר אזו ווי
אויבין שטייט ווי אזו דארף שוין איטליכר מענטש וואס איז מתפ
זיך מאכין פר איין עני ואביון צו שטיין בלב נשבר ונדכה כדי זיין תפ
זאל אריין גיין אין כלל פון אנדערי תפלות דען אלי וואס היטין די
שערי תפלה קענען ניט פאר האלטין דיא תפלה פון דעם עני ז
גייט ארויף אן רשות אונ אז א מענטש איז מתפלל דארף ער צו
ברעכין זיין הארץ אזו וויא איין עני וועט זיין תפלה גלייך ארו
גיין אונ באגעגינט זיך מיט אנדערע תפלות פון די עניים א
בהעפט זיך מיט זייא קומט זיא אריין פאר הקב״ה אין כלל פון א
תפלות נאך וואס האט זיך דוד פריער גימאכט פאר איין עני דע
אך פאר איין חסיד ווארום איין מענטש טאר זיך ניט מאכין פא
איינרשע אונ אויב דוא וועסט פרעגין וועדליג אז עס איז אזו גיהע
זיך דער מענטש ווידער ניט ארויס ריידין זיין עבירה ווארום ע
מאכט זיך דר מיט פאר איין רשע עס איז ניט אזו דען ווען ער א
מפורש זייני זינד אונ איז אויף זיי מתודה הייסט ער איין חסיד ווארו
ער צידט פון זיך אראפ דעם צד הטומאה וואס ער איז בהעפט גוואו
אונ קומט זיך צו בהעפטין אין דר רעכטע האנט פון הקב״ה וואו
איז אום גישטרעקט מקבל זיין די תשובה פון מענטשן אזו שטיי
וימינך פשוטה לקבל שבים דרום גיהער א מענטש מתודה זיין אויף זיי
חטאים וועסטו מיינען הקב״ה איז אים ניט מקבל בתשובה ביז ע
מוז ארויס ריידין זייגע חטאים אבער אזעלכע עבירות וואס ע
איז פון דעם מענטשן פאר הוילין איז הקב״ה ניט מוחל מחמת ע
האט זייא ניט ארויס גיזאגט עס איז ניט אזו נייערט ער דארף נא
מתודה זיין דיא עבירות וואס ער גידענקט אונ ווען ער טוט ז
רצון פון הקב״ה אזו שלעפין זיך שוין נאך אפילו דיא עבירות וואו
עס איז פון אים פאר הוילין אזו וויא מיר האבין גילערינט ביי
הלכות ביעור חמץ דאס איז איין רמז אויף דעם יצר הרע וואס הייס
חמץ אז מען איז בודק חמץ אין איין שטוב דארף מען ניט כוה
זיין אין אזעלכי ערטער וואס עס איז זייער הויך אדער גאר נידער
וואס קיין האנט קען אהין ניט גרייכן אזו אויך ביי נגעים אז דר כ
איז גקומן צו דעם מצורע שטייט לכל מראה עיני הכהן ווי אזו ער קען
נגע גלייך אן קוקן ער דארף זיך ניט אראפ בייגן אדר זיין קאפ ארו
הייבן נייערט די נגע וואס גלייך אנטקעגן זייני אויגן אזו אויך דר חוט
דארף נאר מתודה זיין וואס ער ווייסט אונ די אנדרי זענין שון נכל
אין די לאזיגי דרום האט זיך דוד גרעכינט צווישן די חסידים ער זא
ארום

וס רייכן זייני זינד און האט זיך ווידער גמאכט אזו ווי איין קנעכט
שטייט הנה כעיני עבדים אל יד אדוניהם ווידער שטייט הושע עבדך אתה אלהי
האט זיך ווידער גרעכנט צווישן די וואס זענען זיך מוסר נפש אויף
רוש השם אזו האט ער גזאגט שמח נפש עבדך כי אליך ה' אשא זאגט רבי
עזר עס איז דאך ניט רעכט אויף הייבן דיא הענט נאר בתפלה
תחנונים דרום הייב איך אויף מייני הענט בתפלה און זאג וועלכר
נטש וואס שטעלט זיך מתפלל זיין פר הקב"ה מיט די פיר מדריגות
אובן איז גישטאנען מיט זיין גאנצן ווילן אזו ווי עס דארף צו זיין
ווערט זיין תפלה בוודאי נתקבל און קערט זיך ניט אום ליידיג
הקב"ה נאר ער בעט זיך אום וואס ער דארף· אין ערשטן זאל ער
שטעלן אזו ווי איין עבד מסדר זיין דעם שבח פון הקב"ה מיט
ות ושירות וואס מיר זאגן פר שמונה עשרה דר נאך זאל ער שטיין
ווי איין עבד שטייט פר זיין הארן מיט דר תפלת שמונה עשרה
נאך אלי תפלות זאל ער אוועק גיין אזו ווי איין עבד גייט אוועק
זיין האר דרום האט דוד גזאגט דריי מאל עבד הושע עבדך · שמח נפש
ד · חנה עוזך לעבדך · אקעגן די דריי מאל וואס דר מענטש דארף
מאכן פר איין עבד צו הקב"ה אויך מוז ער זיך רעכנן צווישן די
זענען זיך מוסר נפש פון וועגן קידוש השם היינו מיט דעם יחוד
שמע ישראל ווער עס איז זיך דס מאל מכוין און איז זיך מוסר
ש בשעת מעשה אויף קידוש השם אין דר מחשבה איז גלייך ווי
וואלט זיך בפועל ממש מוסר נפש גוועזן אויף קידוש השם דער
זאל ער זיך מאכן פר איין עני בשעת ער זאגט אמת ויציב און איז
מך גאולה לתפלה זאל ער שטיין בשעת שמונה עשרה מיט איין
בראכן הארץ ווי איין עני און זאל כולל זיין זיין מחשבה מיט
יים וואס שטיין מיט איין צוא בראכן הארץ דער נאך זאל ער זיך
כן פר איין חסיד בשעת ער זאגט שומע תפלה און זאל דארטן ארוס
דן אלי זייני זינד דען איין יחיד דארף דארטן מתודה זיין כדי ער
זיך בהעפטן כימינו של הקב"ה הפשוטה לקבל שבים דען אזו הייסט ער
ן חסיד · אין דר צייט איז דר מענטש אין אלי פיר מדריגות ווי
גיהער צו זיין און אלי דריי מדריגות זענין נכלל אין דר מדריגה
ן עבד עס שטייט דריי מאל עבד אויף דריי ערטר און זענין אלץ
נכ אויף זיי זאגט דר פסוק הנה כעיני עבדים אל יד אדוניהם צום ערשטין
ט די שירות וזמירות וואס ער הייסט איין עבד דר נאך אז ער איז זיך
סר נפש אויף קידוש השם בשעת קריאת שמע און איז איין עני
שמונה עשרה דס איז צווישן דעם ערשטן עבד און צווישן דעם
דרן און איז איין חסיד בשעת שומע תפלה און דר דריטר עבד
עת ער האט שון אלץ מסדר גיוועזן אזו ווי מיר האבן אובן גזאגט
דר צייט אז דר מענטש טוט אזו ווי דר סדר מיט דעם גאנצין
רצן איז דס ביי הקב"ה זייער לרצון שפרייט ער אויף זיין רעכטי
נט אויף אים בשעת ער מאכט זיך נאך שמונה עשרה דס דריטי
ל פר איין עבד און הקב"ה זאגט אויף אים עבדי אתה די ביסט מיין
עכט אזו ווי דר פסוק זאגט ויאמר לי עבדי אתה ישראל אשר בך אתפאר און
תפלה קערט זיך בוודאי ניט צוריק ליידג פון דאנן קענן מיר אפ
נן די גרוסי מעלה פין דר תפלה אזו ווי די אנשי כנסת הגדולה
בן אלץ מתקן גוועזן וועדליג די מעלה פון די עולמות עליונים דס
ן גרוסי סודות דרום זאל מען ניט משנה זיין דעם סדר אזו ווי עס
יים אין די תפלות וועדליג זייער מדריגה למעלה מען זאל ניט

זאגן דם פריעדיגי שפעטר און שפעטידיגי פריער נאר אזו וויא עס
איז מסודר כסדר :

## פרשת שמיני

ויהי ביום השמיני קרא משה לאהרן ולבניו ולזקני ישראל רבי יצחק זאגט עס
שטייט ברן יחד כוכבי בוקר ויריעו וגו' וואל צו די ישראל וואס הקב"ה
האט זיי געגעבן די הייליגי תורה זי איז די שמחה פון אלי זייני שמחות
די שעשוע פון הקב"ה אזו ווי עס שטייט ואהית אמון אצלו ואהיה שעשועים יום
יום די תורה איז דר נאמן פון הקב"ה און מיט דר תורה האט ער
בשאפן די וועלט אזו ווי עס שטייט ואהיה אצלו אמון לייענט ניט אמון
איז טייטש איין דר ציהר נייערט אומן איז טייטש זיין כלי אומנות
איז דיא תורה גיוועזן צו דר וועלט בשאפן און מיט איר האט הקב"ה
בשאפן דעם מענטשן אזו ווי עס שטייט נעשה אדם בצלמנו וגו' הקב"ה
האט גזאגט צו דר תורה מיר וועלן בשאפן א מענטשן זאגט די תורה
ער וועט דיך אבר דר צערנן און אז די וועסט אים ניט מאריך אף
זיין וועט ער קיין קיום ניט האבין זאגט הקב"ה איך און די וועלין
אים אויף האלטין אויף דר וועלט דען איך הייס ניט אום זיסט ארך
אפים נאר כדי איך זאל מאריך אף זיין צו דיא רשעים · רבי חייא
זאגט די תורה שבכתב מיט דר תורה שבעל פה מאכן איין קיום
דעם מענטשן אויף דר וועלט אזו ווי עס שטייט נעשה אדם בצלמנו כדמותנו
מיינט מען תורה שבכתב און תורה שבעל פה זייא הייסן צלם ודמות
און דרום הייבט זיך אן דיא תורה מיט דעם אות (ב) צוא ווייזן פון
וועגן צוויי תורות שבכתב ושבעל פה זענן אלי בשאפן גוואורן זאגט
רבי יצחק ווארום איז דיא (ב) פון איין זייט אפין און די אנדרי זייט
איז פר מאכט ווארום בשעת דר מענטש קומט זיך בהעפטן אין דר
תורה איז זי אפין אנטקעגן אים און מאכט מיט אים חברותא און
בשעת ער פר מאכט זייני אוגן פון איר און גייט אין אנאנדרן וועג
און לערינט זי ניט ווערט זי פר שטאפט אויף דר אנדרר זייט אזוי
ווי מיר האבן גלערנט עס שטייט אם תעזבני יום יומים אעזבך אז די וועסט
מיך פר לאזן איין טאג וועל איך דיך פאר לאזן צוויי טאג און עס
גיפינט זיך שון ניט קיין פתח ביז ער קומט זיך מתחבר זיין מיט דר
תורה צו בהעפטן זיך מיט איר פנים בפנים ער זאל שון זיא ניט פר
געסן דרום שטעלט זיך די תורה פר די לייט און עפינט זיי איין טיר
און זאגט צוא זיי אליכם אישים אקרא און ווידר שטייט בראש הומיות תקרא
בפתחי שערים בעיר אמריה תאמר דרום הייבט זיך די תורה אן מיט דר (ב)
ווייל זי איז גיוועזן איין בית און איין רפואה צו דר וועלט און דרום
ווער עס איז עוסק אין דר תורה און לערינט זי איז גלייך ווי ער איז
עוסק אין שם הקודש אזו וויא מיר האבן גלערנט דיא תורה איז
דורך שמות הקדושים · קום און זעה אלי וואס זענן עוסק אין דר תורה
בהעפטין זייא זיך אין השי"ת און ווערין גקריינט מיט דר תורה און
איז גלויבט למעלה ולמטה און הקב"ה גרייכט צו אים זיין ימין ומכל
שכן די וואס זענין עוסק אין דר תורה ביי נאכט זייא זענן זיך משתתף
מיט דר שכינה און בהעפטן זיך אין איר און צו מארגן קריינט זיי
השי"ת מיט איין חוט של חסד דס זיי זאלן דר קענט ווערין צוא דיא
עליונים ותחתונים און אלי אין דר פריא בשעת דיא כנסת ישראל
קומן פר הקב"ה אום צו זעהן אזו זינגן אלי צו אים אזו ווי עס שטייט
ברן יחד כוכבי בוקר ויריעו כל בני אלהים ויריעו איז לשון צו ברעכן דען זיי

צוא

צו ברעכן אלי כוחות הדינים און זיי ווערן צו בראכן פר דעם בוקר דען דענסט מאל דר וועקט זיך דר חסד פון אברהם וואס ער איז שולט אויף דר וועלט אלי אין דר פרי אזו וויא עס שטייט וישכם אברהם בבוקר ויחבוש את חמורו מיט דעם האט ער גיבונדין די קליפות וואס זיי הייסין חמורים רבי אלעזר איז גינאנגן אין וועג האט ער דר זעהן זיין עלטער פאטר רבי פנחס בשעת ער איז גיפארן אויף זיין אייזל האט דס אייזל איין גשריי גיטאן האט רבי פנחס גינאגט אין דעם שרייען פר שטייא איך אז איך וועל האבין אגרוסי שמחה דען ער האט בוודאי גיזעהן אז אנדר אייזל גייט אנטקעגן ווי ער האט אראפ גינידערט פון דעם בארג האט ער דר זעהן רבי אלעזר זאגט רבי פנחס בוודאי אצונד איז נשלם גווארן מיין שמחה האט רבי אלעזר אראפ גנידערט צו אים און האט אים גקושט זאגט רבי פנחס צו אים אוב די האסט אנאנדרן וועג וואס די בדארפסט אוועק גיין גיי דיר און אוב ניט וועלן מיר זיך מחבר זיין מיט אנגדר אויף דעם ארט · זאגט רבי אלעזר בוודאי בין איך גקומן אקעגין דיר און ווייל איך האב דיך גיפונין וועל איך דיר נאך גיין און וועל זיך מיט דיר מחבר זיין · פתח הייבט רבי פנחס אן יברכך ה' מציון וראה בטוב ירושלים הקב"ה זאל דיך בענטשן פון ציון ווייל פון דארטן קומן אלי ברכות אויף דר וועלט און ירושלים ווערט גיבענטשט פון ציון אזו ווי עס שטייט כי שם צוה ה' את הברכה און פון ירושלים ווערט די גאנצי וועלט גבענטשט וראה בטוב ירושלים כל ימי חייך אין דייני טעג זאל ניט גיזעהן ווערין קיין רעגן בוגן אזו ווי עס איז ניט גזעהן גווארן אין די טעג פון דיין פאטר וראה בנים לבניך זיי זאלן זיין חסידים ויראי חטא דען אז צדיקים זענן אויף דר וועלט איז שלום אויף דר וועלט רבי אלעזר הייבט אן עטרת זקנים בני בנים ותפארת בנים אבותם די קינדר ווערין גיט גיקריינט נייערט מיט זייערי אבות און זאגט דרויף גרוסי סודות אזו ווי זיי זענן גגאנגן האט גיגרייכט די צייט פון תפלה האבן זיי אראפ גינידערט פון די אייזלין און האבין מתפלל גיוועזן אין מיטן דר תפלה איז גקומן אשלאנג און האט זיך ארום גוויקילט ארום דר פוס פון דעם אייזל פון רבי פנחס האט דס אייזל צוויי מאל גישריגן נאך דעם דאבנן זאגט רבי פנחס ווייל איך האב היינט גאנץ פריא גריטן אויף דעם אייזל און האב גיטראכט אין דברי תורה און ער האט מיך גיפירט אויף איין אום ריין ארט איבר דעם איז מען אים מצער זיי שטיין אויף זעהן זייא אז אשלאנג איז אויף זיין פוס זאגט רבי פנחס נחש נחש גייא און רינגלין אום דיין קנופ אין איין לאך אריין אזו איז דר שלאנג אראפ גיפאלן פון דר פוס שטיקר וויים זאגט רבי אלעזר ווי נאר איז הקב"ה מדקדק מיט די צדיקים זאגט רבי פנחס בוודאי איז הקב"ה מדקדק מיט די צדיקים און היט זייא און בגערט אין זיי צו מערן זיי די קדושה אלי מאל העכר און דרום ווייל דר אייזל האט ניט גהיט מיין קדושה האט מען איר מצער גיוועזן און דר נחש איז גיוועזן איין שליח און הקב"ה האט כמה שלוחים און מיט אלי טוט ער שליחות אפילו מיט חיות אזו ווי עס שטייט ושלחתי בכם את חית השדה ושכלה אתכם זאגט רבי אלעזר טוט ער זיין שליחות דורך איין ישראל אויך זאגט רבי פנחס יוא היינו דורך אייז רשע שטראפט ער אצדיק אבר ארשע ישראל שטראפט ער ניט דורך דעם אנדרן רשע ישראל נייערט אז ער איז זיך ניט מכוין אזו זיי דר פסוק זאגט ואשר לא צדה ער האט דאך ניט מכוין גיוועזן אז ער זאל דעם חבר הרגנן נייערט חשי' האט אים צו גישיקט אז ער זאל זיין חבר אום ברענגן כדי זיי זאלן ביידי בצאלט ווערן און זאגט ווייטר גרוסי סודות · אויך זאגט ער עס שטייט קח לך עגל בן בקר לחטאת ואיל לעולה כדי זיי זאלן האבן איין כפרה אויף זייער חטא און זאלין מושלם ווערן מיט אלדינג · אין דעם טאג וואס דר משכן איז אויף גשטעלט גווארן זענן נשלם גיווארן אלי עליונים ותחתונים און עס איז גוועזן שלום ביי אלי און ווען עס וואלט ניט איבר גשלאגן גווארן די מיתה פון נדב ואביהוא וואלט אזו איין שמחה אויף די ישראל ניט גוועזן זינט זיי זענן פון דעם ים ארוס גגאנגן אזו ווי דר טאג מען האט זיי מוחל גוועזן דעם חטא העגל און די כהנים ולוים וישראלים זענן גריינגט גווארן און אלי מקטריגים זענן גשטילט גווארן און האבן גשוויגט ארום זיי און האבן זיי גאר ניט גקענט טאן ביז דר צייט אז דר חטא האט גורם גוועזן צו נדב ואביהוא זיי האבן פר מישט די שמחה און האבן גיבראכט איין רוגז אויף דער וועלט און האבין גזינדיגט איינס זיי האבן קיין ווייבר ניט גינומין דרום זענין זיי ניט ראוי גוועזן מקריב צו זיין און זיי האבין דוחק את השעה גיוועזן דען זייער צייט איז נאך ניט גוועזן צו דר עבודה און ווידר פון דעם בארג סיני אן איז נאך גיזעהן זייער דין אזו וויא עס שטייט ויחזו את האלהים ויאכלו וישתו · ואל אצילי בני ישראל לא שלח ידו ווייטר שטייען גרוסי סודות:

וידבר ה' אל משה ואל אהרן לאמר זאת החיה אשר תאכלו ווארום שטייט דא אהרן ווייל ער איז תמיד מבדיל צווישן טמא וטהור אזו ווי עס שטייט להבדיל בין הטמא ובין הטהור רבי אבא הייבט אן עס שטייט מי האיש החפץ חיים אוהב ימים לראות טוב נצור לשונך מרע וגו' און ווידר שטייט שומר פיו ולשונו שומר מצרות נפשו אזו איז דר פשט מי האיש ווער איז דר מענש וואס ער בגערט אין עולם הבא וואס פון דארטין גייען ארויס אלי חיים אוהב ימים ער וויל זיך בהעפטן אין די ימים העליונים בקדושה זאל ער היטין זיין מויל פון אכילה ושתיה וואס איז אסור דען דס איז מטמא זיין נפש און איז אום מרחיק פון דיא חיים עליונים און אויך זאל ער היטין זיין מויל פון צוא ריידין לשון הרע און נאך אזעלכי דיבורים וואס איז שלעכט ווארום דאס איז מרחיק פון דיא חיים עליונים אז ער זאל קיין חלק ניט האבן אין זיי דרום האט הקב"ה אן גזאגט צו די ישראל זאת החיה אשר תאכלו וגו' דס זיי זאלן זיך היטן פון מאכלים אסורים כדי זיי זאלן זיך ניט קענן בהעפטן אין דר קדושה און זאגט ווייטר סודות · דר זוהר אויך דיא גמרא אין ברכות זאגין אז דר פסוק והתקדשתם וגו' גייט אויף נטילת ידים מען באדארף צוא וואשין דיא הענט פאר דעם עסן און נאך דעם עסין מים אחרונים און אין פרשה וישב זאגט רבי שמעון עס שטייט ארחץ בנקיון כפי דען עס איז ניט פר האנדן קיין שום מענטש אויף דר וועלט וואס ער זאל ביא נאכט ניט פילין קיין טעם מיתה בשעת שלאף און דער רוח הטומאה רועט אויף דעם גוף און אז די נשמה קומט צוריק גייט דר רוח הטומאה אוועק פון אים און בלייבט אויף דיא הענט פון דעם מענטשן דרום זאל דר מענטש נזהר זיין ער זאל ניט ארויף לייגן די הענט אויף די אויגן איידר ער האט זיך גוואשן ווארום ער קאן ניזוק ווערן און אז ער וואשט די הענט הייסט ער איין קדוש ער מוז האבן צוויי כלים מיט אייגר זאל ער זיך וואשין אין דר אנדרר כלי אריין זיא זאל מקבל זיין די וואסר מיט דר טומאה וזוהמא דר מיט ווערט ער גהייליגט פון דר טומאה · דיא אייבערשטי כלי הייסט ברוך און די אונטרשטי כלי הייסט ארור דרום נהער מען נזהר זיין מען זאל

אים

# פרשת שמיני

אום גיסן די נעגיל וואסר אוף אזו איין ארט ווי מענטשן גייען ניט ווארום אוה דר וואסר רוען די קליפות קענען זיי מזיק זיין די מענטשן ווס טרעטן אוף דר וואסר · אונ אלי אין דר פרי איידר דער מענטש וואשט זיך הייסט ער טמא אונ דער נאך אז ער וואשט זיך הייסט ער טהור דרום זאל ער ניט נעמן די וואסר זיך צו וואשן פון אזו איין מענטש ווס ער אליין האט זיך נאך ניט גוואשן איז ער דאך נאך ניט טהור אונ עס שטייט דאך והזה הטהור על הטמא אונ מיט דר וואסר טאר מען קיין מלאכה ניט טאן נאר מען זאל זיא אום גיסן אוף אזו איין ארט ווס קיין מענטשן גייען דארטן ניט אונ מען טאר די וואסר ניט לאזן איבר נעכטיגן אין שטוב ווארום עס קען חלילה דורך דעם שולט זיין דר דין · אונ הקב"ה וויל אונ בגער מטהר צוא זיין די ישראל זיי זאלן זיין הייליג אזו ווי עס שטייט וזרקתי עליכם מים טהורים וגו':

# פרשת תזריע

וידבר ה' אל משה לאמר אשה כי תזריע וילדה זכר זאגט רבי אבא מיר האבן גילערינט אשה מזרעת תחלה יולדת זכר אמער מיר האבן דאך גלערינט אז הקב"ה איז גוזר אוף דער טיפה וואס זיא זאל זיין איין זכר אדר איין נקבה זאגט רבי יוסי ווייל הקב"ה ווייסט וויא אזו עס וועט זיין דרום איז ער נאך פריער גוזר אוף דר טיפה ווס זיא זאל זיין · רבי אבא זאגט ווארום שטייט כי תזריע וילדה איז משמע זיא גיווינט תיכף עס וואלט גדארפט שטיין כי תזריע ותהר וילדה זאגט רבי יוסי דר שטייגער איז פון איין אשה זינט זיא ווערט מעוברת ביז זיא גווינט דס קינד האט זי נאר אין איר מחשבה אונ אין איר מול זי זאל גווינן איין זכר אונ וואלט גגערן זי זאל אים שון גווינן דרום שטייט אשה כי תזריע וילדה זכר רבי חזקיה זאגט עס שטייט מה רבו מעשיך ה' כולם בחכמה עשית ווי גרוס זענן די מעשים פון הקב"ה אוף דר וועלט עס איז איין משל צוא איין מענטשן וואס ער נעמט אין זיין האנט עטליכי ערלייא מיני זאמין אונ זייעט זייא מיט אמאל דר נאך גייט עס ארוס איטליכם בזונדר אזו הקב"ה כביכול האט גזייעט די וועלט מיט איין מאל אונ דר נאך איז איטליכם ארוס גקומן מיט זיין זאמין · קום אונ זעה בשעת דר מענטש קומט זיך מזווג זיין אונ איז זיך מקדש מיט כוונה ורצון הקדושה· אזו גייט דר רוח אין איין צלם ודמות בדמות עליונה אונ מיט דעם צלם ווערט ער בשאפן ארויס צו גיין אוף דר וועלט אזו ווי עס שטייט אך בצלם יתהלך איש אונ דר מענטש איז אין זיין צלם· דרום האט ער איין קיום אונ גייט אוף דר וועלט אונ שלמה המלך האט גיזאגט עד שיפוח היום ונסו הצללים · קום אונ זעה איין מענטש טאר ניט ארוס ווארפן איין כלי פון זיין הויז אונ זאל זאגין דס איז פר דעם צד הטומאה אדר פר דעם טייוויל אדר דעסט גלייכן דען עס איז פר האגדין אלרלייא מיני משחיתים וואס זענין אן גיברייט דיא זאך צו נעמין אונ פון דר שעה איז שון דרוף ניט שורה קיין ברכה ווייל עס איז אין דר האנט פון דר טומאה ומכל שכן אז ער ברייט אן איין זאך פון דעם צד הטוב צו דר טומאה דען פון דר צייט וואס ער האט דס אן גברייט איז דס שון תיכף זייערס אונ אז עס קומט די טעג ווס ער דארף שטארבן אונ דר צלם אלהים גייט פון אים אוועק קומט דר רוח הטומאה וואס ער האט זיך אין אים מדבק גוועזן אונ נעמט דעם צלם אונ שטארקט זיך אין אים אונ דער צלם גייט פון אים אוועק אונ קערט זיך שון ניט אום צו אים · קום אונ זעה בשעת

די נשמה דארף ארוף נידרין אוף דר וועלט קומט זיא פריער אין גן עדן התחתון אונ זעהט דעם כבוד פון די צדיקים וואס זייא זענין דארטן מסודר שורות שורות אונ דר נאך פידט מען זיא אין גיהנם זי זאל דארטן זעהן די רשעים ווי זיי שרייען ווי ווי אונ קיינר איז זיך איבר זיי ניט מרחם אונ אנטקעגן דעם ווייזט מען איר דאס זיא זאל וויסן דעם שכר ועונש אז זיא וועט זינדיגן אונ דר צלם הקודש שטייט איבר איר ביז זיא קומט אוף דער וועלט אונ אז זיא קומט אוף דער וועלט קומט דר צלם צוא איר אונ בהעפט זיך מיט איר אונ ווערין מגודל ביי נאנד אונ אין דעם צלם ווערין גכוונן דיא טעג פון דעם מענטשן אונ הענגן אן אין אים אזו ווי עס שטייט כי תמול אנחנו ולא נדע כי צל ימינו עלי ארץ דר צל אונ די טעג איז אלץ איינס אונ פון דעם טאג וואס די אשה ווערט מעוברת ביז זיא אנטווינט דאס קינד ווייסט מען ניט אונ מען פר שטייט ניט ווי אזו גרוס זענין דיא מעשים פון הקב"ה אזו וויא עס שטייט מה רבו מעשיך ה' קום אונ זעה אלי רוחות ווס גייען ארוס אוף דר וועלט זענן זכר אונ נקבה דר נאך צו שיידן זייא זיך איטליכר אין זיין וועג איז דער מענטש זוכה בקומט ער זיין בת זוג וואס זענן בנאנד ארוס גינאנגין פון זייער ארט אונ זענן זיך ווידר מזווג בנאנד אונ דרום שטייט תוצא הארץ נפש חיה למינה אונ ווען דער מענטש איז חלילה ניט זוכה אזו גיט מען אים אנדער בת זוג אונ האבן קינדר ניט אזו ווי עס דארף צו זיין:

אדם כי יהיה בעור בשרו שאת או ספחת וגו' רבי חייא מיט רבי יוסי זענין גגאנגן אין וועג וויא זיי גייען בגעגינט זיי איין מענטש וואס האט פיל צרעת אוף זיין פנים אונ דאס פנים איז רוט מחמת דעם צרעת זאגט רבי חייא צוא אים ווער ביסטו זאגט ער איך בין איין יהודי זאגט רבי יוסי דר מענטש איז איין חוטא ווייל דס צרעת איז אים אוף דעם פנים דס איז ניט קיין יסורים של אהבה · זאגט רבי חייא בוודאי איז עס אזו ווארום אז הקב"ה שטראפט איין מענטשן ניט מחמת קיין חטא נאר מחמת אהבה זענן די יסורים צו גדעקט זאגט רבי יוסי צו רבי חייא פון וואנן ווייסטו דס זאגט רבי חייא עס שטייט טובה תוכחת מגולה מא..בה מסותרת ווען דיא שטראף איז מחמת אהבה איז דס פר בארגין פון דיא לייט דעסט גלייכן אז איינר וויל שטראפן זיין חבר זאל ער אים זאגן מוסר בסתר ניט פר לייט כדי ער זאל ניט מבויש ווערן דס הייסט מאהבה אזו אויך אז הקב"ה וויל שטראפן איין מענטשן שטראפט ער אים צום ערשטן איניווייניג אין דיא ביינר איז ער חוזר בתשובה איז גוט גייען דיא יסורים פון אים אוועק אונ אז ער איז ניט חוזר בתשובה שטראפט ער אים אוף דר הוט אונטר דיא קליידר דס הייסט נאך אויך יסורים של אהבה· אונ אז ער איז נאך ניט חוזר בתשובה שטראפט ער אים אויפינטליך אוף זיין פנים כדי אלי מענטשן זאלין זעהין אז ער איז איין חוטא אונ ער איז ניט דר אוהב פון זיין האר · זאגט דר מענטש צו זייא איר זענט גקומן איבער מיר מיט איין בינד אונ מיט איין עצה איר גהערט זיין פון די מענטשן ווס זענין ביי רבי שמעון בן יוחאי אין שטוב דס זיי האבן פר קיינם קיין מורא ניט ווען מייני קינדר וואלטן דא זיין וואלטין זייא זיך פאר מיר אן גינומען ווארום רעט איר אזו אופינטלך אזעלכי רייד זאגט רבי חייא צו אים די תורה הייסט אזו אין איר שטייט בראש הומיות תקרא וואלטן מיר זיך גפארכטן פאר דיר בדברי תורה וואלטן מיר זיך גשעמט פאר הקב"ה מיר זאלן לעולם

הבא ניט פאר שעמט ווערין :
פתח דר מענטש הייבט אן עס שטייט מי אל כמוך נושא עון ועובר על פשע
ער הייבט אויף זייני הענט אונ וויינט דר ווייל זענען אן גיקומען
זייני קינדר זאגט דר קלענסטר עס איז דא איין סייעתא דשמיא ער
הייבט אן עס שטייט יש צדיק אובד בצדקו ויש רשע מאריך ברעתו דאס רוב
ווערט ניכר פר לארן איין זיין צדיק אין זיין צדקות וויא איין רשע אין
זיין רשעות ווי קומט עס זאל אזו זיין עס איז דא פיל רשעים אונ דר
דין הענגט איבר זייא ווערט דר צדיק גענש איבר זיי אזו וויא מיין
פאטר איז גשטראפט גווארן איבר די שטאט לייט דען זיי זענען גוועז
אייטל חצופים אקעגן אים אונ ער האט אין זייא קיין התראה ניט
גטאן אונ הט זיי ניט גשטראפט אונ הט זיי קיין מאל ניט פר שעמט
אונ הט אונז גזאגט עס שטייט לדוד אל תתחר במרעים וויל איך מיך ניט
מיט זיי מתגרה זיין דרום איז ער גשטראפט גווארן זאגט דער יהודי
בוודאי בין איך איבר דעם גשטראפט גווארן ווייל איך האב רשות
גיהאט צו שטראפן זיי אונ איך האב דס ניט גטאן ניט בסתר אונ
ניט בגלוי דרום בין איך אזו גישטראפט גיווארין · הייבט אן דער
אנדרר זון אונ זאגט ויפח באפיו נשמת חיים כל זמן אז די הייליגי נשמה
איז בהעפט אין דעם מענטשן איז ער דר ליב האבר פון זיין הערן
ער האט כמה שומרים וואס זייא היטן אים אפ פון אלי זייטן ער איז
גצייכנט למעלה ולמטה אונ די שכינה הקדושה איז שורה אויף אים
אונ אז ער קערט זיך אפ פון דעם גוטן וועג אזו ווערט דו קדושה אפ
גטאן פון אים אונ די נשמה הקדושה איז אין אים ניט בהעפט אונ
עס דר וועקט זיך איין רוח מצד הנחש דס איז דר שטן ער שוועבט
אויף דר וועלט אונ רועט נאר אוף דעם ארט ווי דר רוח הקודש איז
גוועזן אונ איז אוועק גגאנגן אהין קומט דער רוח הטומאה אונ איז
דעם מענטשן מטמא אונ דר מענטש ווערט חסר אונ גצייכנט אין
זיין לייב אונ אין גישטאלט פון זיין פנים קום אונ זעה ווייל דר נפש
חיה איז איין הוכי מדריגה דען זיא הייסט רוח ממללא אזו וויא דער
תרגום מאכט כלומר דער נפש קען ריידן פר גאט אונ קיינר קען
איר ניט ווערן דרום זאגט דער פסוק נצור לשונך מרע ושפתיך מדבר מרמה
דען ווען זייני לעפצן ריידן לשון הרע אדר אנדרי שלעכטי דבורים
גייען די רייד ארוף אונ בשעת זייא גייעז רופן אלי אום גייט אוועק
אוף איין זייט אונ קערט אפ פון די שלעכטי רייד פון דעם מענטשן
מאכט אום איין ארט צו דעם וועג פון דעם נחש הרע אזו גייט דיא
נשמה פון אים אוועק אונ קען ניט ריידן אזו וויא דער פסוק זאגט
נאלמתי דומיה החשיתי מטוב אונ דיא נשמה גייט ארוף בחרפה אונ אין
גרוסי צרות אונ מען לאזט איר שוין קיין ארט ניט אזו וויא פריער
ווייל זיא הט מטמא גוועזן איר כויל מיט דברים רעים דרום שטייט
שומר פיו ולשונו שומר מצרות נפשו עס שטייט נפשו דס מיינט מען זיין נפש
וואס פלעגט תמיד צו ריידן איז דס שטום גווארן איבר דיא שלעכטי
רייד אונ דר וועקט דר מיט דעם נחש הרע דען ער איז דר כח פון
לשון הרע דען איטליכר בהעפט זיך אין וואס ער האט זיך אין זיין
שורש אונ אז די שלעכטי רייד גייען ארוף אין זייער וועג וויא אהין
זיי בדארפן צו גיין צו דעם נחש וקליפות של מעלה דער וועקט זיך כמה
רוחות פון דר וועלט אונ גידרין אראפ אונ זענן אים ווידער מטמא
אונ דעם רוח הקודש וואס ער הט גהאט הט ער דאך שון פר לארין
אונ איבר דעם נוערט ער מצורע אונ פר שלאסן אונ אזו וויא דער

טונש איז צו דעם וואס רעט שלעכץ אזו איז דר עונש צו דעם וואס
ריידן גוטי זאכן אונ רעט ניט דען ער איז פוגם אין דעם רוח
וואראום ער איז אן גבריט גווארן צו ריידן למעלה אונ למטה
בקדושה ומכל שכן אז ער זעהט אז מענשן גייען אין שלעכטין
אונ ער קען זיי ווערן אונ שטראפן אונ ער טוט דס ניט דרום ש
נאלמתי דומיה החשיתי מטוב דרום ווייל איך האב גשוויגן פון צוא
גוטן דרום וכאבי נעכר בין איך בטריבט גיווארן מיט נגעים · ה
רבי חייא ורבי יוסי אראפ גנידרט פון זייערי אייזלן אונ האבין
גקושט אונ האבין זיך מיט אים בהעפט אנאנצן וועג זאגט רבי
אוף זיי שטייט דר פסוק ואורח צדיקים כאור נוגה הולך ואור עד נכון היום
יצחק איז גגאנגן קיין קפוטקיא צוא זיין פאטר האט ער גזעהן
א מענטש טראגט איין גרוסי משא אויף זיין אקסיל זאגט רבי י
צו אים וואס טראגסטו אונ ווי אהין טראגסטו דאס · הט ער אים
גענפרט איז אים רבי יצחק נאך גגאנגן אין איין הייל זעהט ער
ארויך גייט ארום אונטר דר ערד פון דר הייל אונ דר מענטש
ארין אין איין לאך פון דארטן אין איין אנדרי הייל אונ איז פר
גיווארין פון אים האט זיך רבי יצחק זייער גפארכטן אונ איז א
גגאנגן פון דר הייל אונ הט זיך גזעצט אובן אויף דער הייל · ד
ווייל קומט אן רבי יהודה אונ רבי חזקיה דר ציילט ער זיי די מ
זאגט רבי יהודה גלויבט איז השי"ת וואס ער הט דיך מציל גוועזן
די הייל איז פון דר שטאט טרוניא אין דר שטאט איז פול מצור
אונ אלי שטאט לייט זענן גרוסי מכשפים אונ גייען אין דר מ
אונ נעמן שווארצי שלאנגן וואס זענען עלטר פון צעהן יאר אונ ט
מיט זיי כישוף אונ אלי כשפים וואס זיי טון איז אין דר הייל אזו
זייא גייען באגעגינן זייא איין מענטשן פרעגין זייא אים ווער ב
זאגט ער איך בין איין יהודי אונ דאס איז מיין קינד אן גקניפט
אייזיל זאגין זייא וואס איז אים זאגט ער איך בין גיזעסין אין
דארף אין איין שטוב דריי יאר אונ איך האב דארטן גאר
גזעהן אונ מיין קינד האט גלערינט תורה אלי טאג ביא
רבי אונ אז ער פלעגט קומין אהיים פלעגט ער חזרין זיין לער
אונ היינט אז ער איז אהיים גיקומין פון זיין רבי נאך דעם אז
האט איבער גחזרת זיין לערנין איז גיקומין איין רוח אונ האט
מזיק גיוועזן דס זייני הענט אונ די אויגין אונ דאס מויל איז אים
קרימט גיווארן אונ ער קען ניט ריידן דרום גייא איך איז דר מ
פון סגור טרוניא טאמר ווערין זיי אים טאן ארפואה · זאגט רבי יהו
האסטו עפים פריער ניט גהערט פון דעם הויז עס זאל אמאל דאר
איינר גיזוק ווערין זאגט ער יוא עס איז שוין לאנג דארטעו איינ
גיזוק גיווארין אטייל לייט האבין גיזאגט עס איז ניט איין מזיק נ
עס איז איין חולאת כדרך מקרה אונ אטייל האבין גיזאגט אז עס
פון דעם הויז אבר דר נאך זענן שוין פיל לייט אין דעם הויז גיזע
אונ עס הט קיינעם ניט גישאט זאגט רבי יהודה דס איז מחמת
ער איז עובר אויף דעם וואס די חכמים האבין גיזאגט · הייבט ר
יהודה אן עס שטייט הוי בונה ביתו בלא צדק ווייא צו די וואס בויען זיי
הויז אן צדק דען דארטן וויא דיא קדושה איז דא לויפן אוועק א
רוחות ומזיקים פון דער וועלט עס איז ניט זייער ארט אונ דארט
ווי די טומאה איז שורה קומט די קדושה ניט אהין דען עס איז ני
איר ארט דרום דס ארט וואס ער הט צום ערשטין בלייבט ער דר ב

ז איין נגע איז אין שטוב מוז מען זיא מטהר זיין אונ אוועק
דעם רוח הטומאה פון זין ארט אונ דר נאך מוז מען צו שטוסן
שטיינר אונ דאס האלץ אונ עס בויען ווידר מצד הקדושה מיט
אונ מאכין רייען דרויף דעם רוח הקודש דאס דר רוח הטומאה
שוין דער פאר מורא האבין אונ מען בדארף אפ שמירין מיט
ליים אונ דער ווייטרן צוויא טפחים פון יענם ליים זאגט רבי
ה לאמיר אים נאך גיין אונ זעהן וואס ער וועט טאן זאגט רבי
עס איז צו אונז אסור ווייל ער גייט צו אזעלכי מענטשין וואס
ווייט פון דער תורה ווען ער זאל גיין צוא איין ירא שמים איין
ה צו נעמין אזו ווי נעמן איז גנאנגין צו אלישע וואלטן מיר אים
גיגאנגן אבר אזו איז אסור גילובט איז גאט וואס ער האט אונז
גיוועזן פון אים זאגט רבי יהודה מיר האבין דאך גילערינט
ארץ דינג מעג זיך אמענטש היטן חוץ פון איין לינדן בום פון
עבודת כוכבים זאגט רבי יצחק דאס איז בוודאי איין עבודת
בים אונ ניט דס אליין אמער עס שטייט דאך לא ימצא בך מעביר בנו
באש קוסם קסמים מעונן ומנחש זענן זייא אוועק גיגאנגן זייער וועג אונ
מענטש איז גיגאנגן אין דער מערה מיט זיין זון אונ עס איז אזו
סוף גיוועזן אז ער איז גיקומן צוא דר הייל האט ער גיוואלט זיין
ל אן בינדען איז ארויס גיגאנגען איין רויך פון פייער פון דער
ה אונ הט גישלאגן דעם זון אויף זיין קאפ אונ הט אים גיהרגת
דר פאטר איז ארויס גיגאנגן פון דער מערה הט ער אים גיפונן
ט הט ער גינומן דס אייזיל מיט אים אונ איז ווידר אוועק גיגאנגן
ים גיפינט אים ווידער רבי יהודה אונ רבי יצחק אונ רבי חזקיה
ט ער פאר זיי אונ דער ציילט זיי די מעשה זאגט רבי יצחק איך
ב דאך דיר פיל מאל גזאגט אז אהין איז אסור צוא גיין גילויבט
גאט דאס אלי זיינע מעשים זענין אמת אונ אלי זיינע וועגן
דין · זכאין זענן די צדיקים וואס זייא גייען בדרך אמת בעולם
ה ובעולם הבא זאגט רבי אלעזר אלע מעשים פון דעם מענטש
ן זיין לשם שמים דס הייסט אויף אלין דינג וואס ער טוט זאל ער
ין לשם הקב"ה אונ איך טוא אלין פון זיין דינסט וועגין צו דינן אים
ער וועט אזו טאן וועט דרויף ניט קענין קומין דער רוח הטומאה
ער איז אלי מאל אן גיבריים צו די לייט אונ רוען אויף דר מעשה
דר מענטש טוט דרום האט גירועט דר רוח הטומאה אויף דיא
ים וכיבר שכן אז ער טוט די מעשה צו דעם צד הטומאה דרום
ייט ונשמרת מכל דבר רע מען זאל זיך היטן מיט איין דיבור עס זאל
ילה ניט ארויס גיין קיין שלעכץ · רבי אלעזר איז גיגאנגן צו זיין
ער אונ רבי אבא איז אויך מיט אים גיגאנגן זאגט רבי אבא מיר
רפן רייען דברי תורה הייבט אן רבי אלעזר אונ זאגט עס שטייט
י נא אחותי את למען ייטב לי בעבורך איז דאך קשה אברהם אבינו איז
ך בוודאי גיוועזן איין ירא חטא אונ איין ליב האבער צוא הקב"ה
ל ער זאגין מען זאל מיר גוטץ טאן פון דיינט וועגן נאר חאטשע
רהם איז גיוועזן איין ירא חטא הט ער זיך ניט גיוואלט פר לאזין
ף זיין זכות אונ הקב"ה הט אים אויך ניט גיווארט אויס ציהן אין
זכות נייערט אין דעם זכות פון שרה ער זאל דורך איר בקומין
ל געלט פון אנדרי פעלקר דען דורך איין אשה איז איין מענטש
ה צו האבן פיל געלט אזו ווי עס שטייט בית והון נחלת אבות ומה' אשה
בלת ווער עס איז זוכה צו איין אשה משכלת איז ער זוכה צו אלע

זאבן אויך שטייט בטח בה לב בעלה ושלל לא יחסר אזו אויך אברהם איז
גיגאנגן נעמין דאס נוטץ פון אנדרי אומות אונ האט זיך נאר סומך
גיוועזן אויף איר זכות אז זיי ביידי וועט מען נאר ניט קאנן טאן קיין
שלעכטץ אונ ווידר אברהם הט גיזעהן איין מלאך איז גיגאנגיז פר
איר אונ הט אים גיזאגט פארכט זיך ניט הקב"ה האט מיך גישיקט
אויס ציהן געלט פון אנדרי פעלקר אונ צוא היטן זיא פון ארץ דינג
דרום הט אברהם נאר פר זיך מורא גיהאט ווייל ער הט ביי זיך ניט
גיזעהן קיין מלאך אונ פון אירעט וועגן האט ער זיך ניט גיפארכטן
ווייל בייא איר איז גיגאנגן איין מלאך הט אברהם גיזאגט זיא איז
גיהיט אבר ניט איך דרום האט ער זיא גיבעטין אמרי נא אחותי את למען
ייטב לי עס וואלט גידארפט שטיין למען ייטבו לי הייסט פיל מענטשן
וועלן מיר גוטץ טאן אונ עס שטייט ייטב לי לשון יחיד דס גייט אויף
דעם מלאך וואס עס איז מיט איר גיגאנגען ער וועט מיט מיר גוטץ
טאן בעולם הזה מיט געלט והיתה נפשי בגללך מיינט מען בעולם הבא
אז דוא וועסט ניט אפ קערען דיין וועג וועל איך האבין עולם הבא
דורך דיר אבר אז איך וועל נאר האבין געלט אויף דער וועלט אונ
דוא וועסט אפ קערן דיין וועג וועט מיין נפש ניט לעבן לעולם הבא
דרום האלט דיך ריין כדי מיין נפש זאל לעבען לעולם הבא דורך
דיר אונ דרום ווייל דער מלאך איז גיגאנגן צו היטן זיי שטייט וינגע ה'
את פרעה נגעים גדולים על דבר שרי אשת אברם זי הט גיהייסין דעם מלאך ער
זאל שלאגן צו פרעה הט ער זיא צו גיהערט שרה הט דר מיט גיוויזן
איין סימן צו אירי קינדר אז זייא וועלין זיין דער נאך אין מצרים אונ
פרעה וועט גישלאגין ווערין מיט עשרה מכות :

## פרשת מצורע

**וידבר** ה' אל משה לאמר זאת תהיה תורת המצורע רבי אבא זאגט עס שטייט
גורו לכם מפני חרב וגו' ווי אזו זאלין דיא לייט זיין גיווארינט צוא
היטין זייער וועג אונ זיך פארכטין פר הקב"ה מען זאל ניט ארא
גייגין חלילה מדרך הישר ניט עובר זיין אויף דער תורה אונ ניט
פאר געסין אין איר דען דער וואס ער איז ניט עוסק בתורה הייסט
ער איין נזוף איין מענטש וואס הקב"ה האט זיך אין אים אן גיבייערט
אונ איז אויף אים ברוגז די שכינה רועט ניט אויף אים אונ די מלאכים
וואס זענן ממונה זאלין אים היטן ווערין פון אים אפ גיטאן אונ ניט
דס אליין נאר מען שרייט אויס פר אים אונ מען זאגט טוט אייך אפ
פון דעם מענטשן ער הט ניט חס אויף דעם כבוד פון זיין הארן ווי
איז צו אים דען ער ווערט פר לאזט פון אויבן אונ פון אונטין ער הט
ניט קיין חלק באורח החיים אבר ווען ער איז עוסק אין דר עבודה
פון הקב"ה אונ מיהעט זיך אין דער תורה זענען אן גיבריים פיל
שומרים צו היטן אים אונ דיא שכינה רועט אויף אים אונ אלע רופין
אויס פאר אים אונ זאגין גיט אפ כבוד צוא דעם גישטאלט פון דעם
מלך גיט אפ כבוד צוא דעם בן המלך ער איז גיהיט בעולם הזה
ובעולם הבא וואול איז זיין חלק · קום אונ זעה מיט דעם לשון הרע
וואס דר נחש הט גירעט צו חוה הט ער גורם גיוועזן מיתה צוא איר
אונ צו אדם אונ צו דר גאנצר וועלט · ביא לשון הרע שטייט לשונם
חרב חדה זייער צונג איז ווי איין שארפי שווערד אויך שטייט גורו לכם
מפני חרב פארכט אייך פר לשון הרע כי חמה עונות חרב דס איז די שווערד
פון הקב"ה דען מיר האבן גילערינט הקב"ה האט איין שווערד וואס
ער

ער שטראפט מיט איר די רשעים אזו ווי עס שטייט חרב להשם מלאה
דם דסען תרעושדין עס שטייט שדיו מיט איין יוד דאס איז לשון דין דאס
הייסט איר זאלט וויסן אז מען וועט אים אזו דן זיין אזו ווי דעם וואס
האט איין שווערד אין מויל אונ מען איז אים דן מיט דער חרב פון
הקב"ה וואס פר לענד אלין דינג אונ דרום שטייט זאת תהיה תורת המצורע
וואס ער האט אוים גיצויגן מיט זיין צונג איין רע דען מצורע מאכט
מוציא רע דאס איז לשון הרע · רבי אלעזר הייבט אן אונ זאגט קום
אונ זעה די לייט ווייסן ניט אונ הערן ניט אונ זעהן ניט דעם רצון
פון הקב"ה איין כרוז שרייט אוים אלי טאג פר זיי אונ זיי פאר נעמן
אים ניט דען בשעת עס ווערט נאכט אונ די טויערן פון דעם הימל
ווערן פר מאכט דר וועקט זיך איין לאך פון דעם תהום רבה אזו ווערן
משחיתים גיפונן אויף דר וועלט אונ הקב"ה מאכט פאלן איין שלאף
אויף דר גאנצר וועלט אפילו אויף די דאזיגי וואס עס איז אויף זיי איין
התעוררות אונ חיים · אונ משחיתים שוועבן ארום אויף דר וועלט
אונ זענין מודיע אלי לייט אין חלום זאכין · אמייל איז אמת אמייל
איז שקר אונ אז עס קומט האלבי נאכט דער וועקט זיך איין צפון
ווינט אונ עס גייט ארויס איין כרוז אונ הקב"ה גייט אריין אין גן
עדן צו פרייען זיך דארטן מיט די צדיקים דען גייט ארויס איין פלאם
פייער אונ שלאגט דעם האן אונטר דיא פליגעל הייבט ער אן צוא
שרייען אונ וועקט אויף די לייט פון זייער שלאף אונ קיינר דער
וועקט זיך ניט אויף שטיין לעבודת המקום אונ אז עס ווערט טאג
שרייט ווידר אוים דר כרוז אונ אלי חיילות של מעלה טוען לויבען
צו הקב"ה אז ווי עס שטייט ברן יחד כוכבי בקר ויריעו כל בני אלהים אזו ווערן
גיעפינט פיל טויערן אונ טירן אויף אלי זייטן אונ קיינר דער וועקט
זיך אלין ניט צו דינן זיין האר מיט וואס פר איין פנים וועט ער שטיין
פר דעם מלך עליון אז מען וועט זיך דר וועקן אים צו משפטן אונ
מען וועט אים בינדען מיט קייטן דען מען וועט דאך אויף אים קיין
זכות ניט גיפינן ער זאל ניצול ווערן דער פון דען שטייט אויף אים
גישריבן כצפרים נאחזים בפח כהם יוקשים בני האדם אונ איידער דער מענטש
גייט אוועק פון דר וועלט ווערט ער גמשפט מיט כמה דינים איידער
דר נפש מיט דעם גוף צו שיידן זיך אונ אין דר צייט וואס זיי דארפין
זיך צו שיידן גייט דער נפש ארויס פון דעם גוף ביז ער זעהעט דיא
שכינה אונ מחמת גרוים שמחה וואס די נשמה האט פון דעם וואס זיא
זעהט די הייליגי שכינה גייט זיא ארויס פון דעם גוף אנטקעגין דער
הייליגי שכינה אונ אז ער איז איין צדיק אזו קניפט זיא זיך אן אונ
בהעפט זיך אין דר שכינה אויב חלילה ניט גייט די שכינה אוועק
פון אים אונ דר נפש בלייבט איבר אליין אונ גייט ארום אונ קלאגט
אויף איר אפ שיידונג פון דעם גוף דר נאך ווערט זי גימשפט מיט
כמה דינים אין גיהנם דורך דעם מלאך דומה אונ דער גוף ווערט
נידון אין קבר ביז ער ווערט ערד אונ דער נפש איז מקבל זיין דין
אין גיהנם ביז ער איז מקבל אונ גאנצן זיין דין אונ דער נאך אז עס
גרייבט שוין דר זמן זי זאל שוין מקודש אונ מטוהר ווערין אזו גייט
זיא ארויס פון דעם גיהנם מתוקן אונ אפ גיוואשין פון אירי זינד אזו
ווי אייזן וואס ווערט גגליט אין פייער אונ קומט ארויס לוטר אונ מען
ברענגט זי אריין אין גן עדן למטה דארטן ווערט זי ערשט גוואשין
מיט וואסר אונ בשמים אונ קרייטכצר וואס איז דארטן דא אזו ווי עס
שטייט מקטרת מור ולבונה דען גייען זיי מיט איר צרוף אונ זיא ווערט
גינעהנט פר איין קרבן אויף דעם מזבח אזו וויא עס שטייט זאת ת
תורת המצורע ביום טהרתו · והובא אל הכהן דאס מיינט מען דעם כהן על
וואס ער איז מקריב די נשמות אונ דורך דעם האט די נשמה איין תק
אונ דר איז וואס האט זיך ניט פיל מטמא גוועזן בעולם הזה אבר דר
האט זיך פיל מטמא גוועזן שטייט מעות לא יוכל לתקן :

זאת תהיה תורת המצורע רבי יצחק הייבט אן וזרח השמש ובא השמש וגו' דע
פסוק האבין מיר שון מפורש גוועזן אז דם גייט אויף דר נשמ
פון דעם מענשן דען כל זמן זיא איז ביי אים דען וזרח השמש ובא השמ
אונ אז זיא גייט ארום פון אים בתשובה אונ איז איין זכאי דען א
ואל מקומו שואף זורח הוא שם דם מיינט מען זיא קערט זיך אום צוא אי
ארט אזו ווי דר פסוק זאגט ובא השמש וטהר ואחר יאכל מן הקדשים קום א
זעה אלי חטאים איז הקב"ה מכפר אז מען טוט תשובה חוץ לש
הרע אז מען רעט אויף זיין חבר דרום שטייט זאת דם דאזיגי זאל זי
די תורה פון איין מוציא שם רע דם ער ווערט מצורע זאגט רבי חיי
דר וואס רעט לשון הרע אויף זיין חבר איז ער אלי זייני חברים מטמ
אז זיי רירן זיך אן אין אים דרוף בדארף מען אים פר שליסן ווארו
דיא רייד גייען ארוף אונ זענן מתעורר איין רוח הטומאה אוף די
מענטשן ווייל ער קומט זיך מטמא זיין למטה איז מען אים מטמ
פון אובן ער הייבט אן איכה היתה לזונה קריה נאמנה די וואס איז גוועזן אי
נאמן צו איר הערן דם איז ירושלים איז זיא גווארן צו איין זונה מלא
משפט צדק ילין בה הקב"ה וואס ער הייסט צדק ומשפט האט ער דרינ
גירועט אצונד זענן דדינן רוצחים ווייל זייא האבין מעורר גיוועז
דעם רוח הטומאה דרום האט זיך הקדוש ברוך הוא פון איר
אפ גיטאן · ומה דאך ירושלים איז אזוא איז שוין אכל שכן אנדר
לייט רבי יהודה זאגט דר מדת הדין פון הקדוש ברוך הוא שטיי
צו בצאלין צו די וואס זענין מוציא שם רע · ביום טהרתו והובא אל הכה
פון דעם איז גדרונגן אז כל זמן ער זינדיגט ווערט זיין תפלה ניט א
גנומן ביז ער קומט זיך מטהר זיין אזו ווי עס שטייט ביום טהרתו והובא
אל הכהן רבי יהודה מיט רבי יצחק זענן גיגאנגן אונ וועג האבין זייא
פריער מתפלל גוועזן דר נאך הייבט רבי יהודה אן עס שטייט עץ חיים
היא למחזיקים בה דם איז די תורה וואס זי איז איין שטארקר בוים דרום
הייסט זי עץ · פר וואס הייסט זי תורה דם איז לשון ווייזן דען זי ווייזט
די זאכן וואס זענן פר הולן אונ פר שטאפט אונ זי איז מגלה וואס מען
האט ניט גוויסט אונ זי הייסט חיים ווייל דם חיים פון אובן הענגט אן
אין איר אונ פון איר קומט דם ארום למחזיקים בה צו די וואס האלטן
אין דר תורה דען דר וואס האט איין אחיזה אין דר תורה האט ער איין
אחיזה למעלה ולמטה ותומכיה מאושר די דאזיגי וואס האלטן אונטר די
לומדים אונ העלפין זייא פון זייער געלט אונ דורך דעם זיצן זיי אונ
לערנן זענן זיי זוכה אז נביאים גיין ארום פון זיי ווייטר זענן סודות :
רבי חזקיה איז גוועזן איין נאכט פר רבי אלעזר זענן זיי אוף גשטאנן
האלבי נאכט צו לערנין הייבט רבי אלעזר אן ביום טוב היה בטוב
אין דר צייט אז הקב"ה שיקט חסד אויף דר וועלט גיהער זיך דער
מענטש ווייזן אויף דעם מארק פר אלי דען ווען הקב"ה שיקט איין
טובה אויף דר וועלט שיקט ער זיא פר אלי אונ מערט דם גוטץ אוף
דר וועלט דרום זאל זיך דר מענטש יוא ווייזן אויף דר גאס פר אלי
אונ זאל אוך גוטס טאן דען וועט רוען אויף אים דם גיטס פון אובין
וביום רעה ראה עס וואלט בדארפט שטיין היה ברעת אלא בשעת דר דין

אין

# פרשת מצורע

ז שולט אויף דר וועלט זאל זיך אמענטש ניט ווייזן אויף דר גאס
נ זאל אליין ניט גיין אויף דר גאס ווארום בשעת דער דין איז דא
פדר וועלט רוט ער אויף אלי אונ ווער עס ווערט גוויזן אונ בגעגינט
ן אים ווערט ער גמשפט מיט דעם דין דערנסט מאל ווערט מקוים
ר פסוק ויש נספה בלא משפט דרום שטייט וביום רעה ראה זעה אונ זיי גהיט
נ זאלסט וויסן אז דר מדת הדין רועט אויף אלי דרום זאלסטו ניט
רום גייען אויף דעם מארק כדי ער זאל דיך ניט טרעפין ווייל עס
שטייט כי גם את זה לעומת זה עשה האלהים גאט האט בשאפן איינס אקעגין
עם אנדערן אזו ווי אז עס איז איין טובה אויף דר וועלט רוט אויף אלי
זו אויך אז עס איז חלילה דר מדת הדין אויף דר וועלט רוט ער אויף
לי אונ אז ער בגעגינט אים טרעפט ער אים · קום אונ זעה אז דר
דת הדין איז שולט אויף דר וועלט איז פר האנדין כמה שווערדין
ם זיי קומן פון דעם חרב העליון ווס אויף דעם חרב שטייט חרב לה׳
ראה דם דם זענן די שלוחי דינים משחיתים זיי הייבן אויף זייער קאפ
ונ זעהן אז דר חרב העליון איז רוט פון בלוט אויף אלי זייטן אזו
ר וועקין זיך כמה משפטים אונ גבורות אזו ווי עס שטייט איש חרבו
ל ירכו אונ ווידר שטייט וחרבו שלופה בידו אונ די אלי ווערן גפינין צוא
טאן דין אונ וועל עס בגעגינט אין זיי ווערט ער ניזוק דס איז אין
שטאט אדר ארים דר שטאט אויף דעם פעלד · רבי חזקיה הייבט
ן שמעה ה׳ צדק זעה ווי אזו זענן די כנסת ישראל גלובט פר הקב״ה
דרום זאגט דוד שמעה ה׳ צדק הקשיבה רנתי איך קניפ מיך אן מיט דיא
כנסת ישראל צו זיין פר דיר האזינה תפלתי בלא שפתי מרמה ווס מיינט מען
בלא שפתי מרמה אלא מיר האבין גילערינט אז אטליכעם ווארט גייט
ארום פון דר וועלט גיין ארויף אונ שפאלטן הימלן אונ גייט ווי אהין
עס גייט אונ דארטן ווערט דס גפריבט איז דס גוט אונ איין כשר
ווארט ברענגט מען עס ארייין פר דעם מלך הקדוש צו טאן זיין ווילן
אונ אז ניט קערט מען עס אוועק אויף אנדרי זייט צו דר וועקין מיט
דעם ווארט דעם צד הטומאה דרום שטייט ביי יוסף ענו בכבל רגלו ווי
לאנג האבן זיי אים גפייניגט עד עת בוא דברו וגו׳ ביז זייני תפלות זענן
גיפריבט גיווארין למעלה אונ זייני רייד זענין גלייטרט גווארן דען
עס שטייט ווייטר שלח מלך ויתירהו איז ער אין דעם טאג געפינט גווארן
פון דר תפיסה וואל צו די צדיקים ווס זענן עוסק אין דר תורה אונ
קענן זיך מקשר זיין אין הקב״ה וכנסת ישראל אויף זיי שטייט ישמח
אביך דס איז הקב״ה ואמך דס איז די כנסת ישראל ותגל יולדתך דס איז
דיין פאטר אונ מוטר ווס האבן דיך גבראכט אויף דר וועלט זאגט
רבי אלעזר איך מוז זאגן איין זאך ווס איך האב גילערינט ביי מיין
פאטר פון די נגעים פון אהויז דען ווען דר רוח הטומאה רועט אין
שטוב אונ הקב״ה וויל עס זאל זיין ריין אזו שיקט ער איין נגע צרעת
אין הויז דס איז כדי איינס זאל מקטרג זיין דס אנדרי דען דיא נגע
הטמא גייט ניט אוועק ביז מען צו שטוסט דס גאנצי הויז די שטיינר
אונ דס האלץ אונ דיא נגע ווארט ביז דיא טומאה גייט אוועק אזו
ווערט טהור דס ארט אונ אזו אויך וועלכר מענטש ווס ער איז טמא
גיווארין אונ האט דר וועקט דעם רוח הטומאה אויף זיך אונ אויף דר
וועלט דען ער רוט אויף אים אדר אויף דר וועלט אונ אז הקב״ה וויל
הידר מטהר זיין די וועלט אדר אים שיקט ער איין שטארקין מדת
הדין דען ווערט ער גפינין אונ איז שורה אויף דעם רוח הטומאה אונ
זענן מקטרג איינר דעם אנדרן ביז ער גייט אוועק אונ דר דין הקשה
גייט ניט אוועק ביז ער צו שטוסט אים די ביינר מיט די גלידר דען
ווערט אלץ טהור דרום האבן מיר גלערינט דר ווס וויל זיך מטמא
זיין איז מען אים מטמא ווי צו אים ווען דר רוח הטומאה איז אויף
אים שורה אונ ווערט גפונן אויף אים דען זאל ער וויסן אז הקב״ה וויל
אים מבער זיין פון דר וועלט וואל צו די צדיקים ווס זיי זענן הייליג
אונ ווערן גפונן בקדושה ובטהרה פר דעם מלך עליון אונ אויף זיי
איז שורה דר רוח הקודש בעולם הזה ובעולם הבא :

## פרשת אחרי

וידבר אל משה אחרי מות שני בני אהרן רבי יצחק זאגט עס שטייט עבדו את ה׳ ביראה וגילו ברעדה אונ ווידר שטייט עבדו את ה׳ בשמחה די צוויי פסוקים זענן דאך ווידר אננדר נאר מיר האבן גילערינט אלי מצות ווס אמענטש טוט צו דינען הקב״ה זאל ער זעהן פריער קומן צוא יראת שמים ער זאל מורא האבין פאר הקב״ה אונ דורך דר יראה וועט ער קענן טאן די מצות התורה דרום שטייט מה ה׳ אלהיך שואל מעמך כי אם ליראה · וגילו ברעדה פון דאנין לערנין מיר אפ אז אמענטש טאר זיך ניט פיל פרייען אויף דר וועלט נאר תורה ומצות זאל מען טאן בשמחה דרום שטייט עבדו את ה׳ בשמחה זאגט רבי יוסי עס שטייט אחרי מות שני בני אהרן עס וואלט גידארפט שטיין אחרי מות נדב ואביהוא ווען מיר שון אליין וויסן אז זיי זענן בני אהרן נאר מיר האבן גלערינט דס זיי זענן נאך ניט גוועזן אין זייער רשות נייערט אין זייער פאטרס רשות אונ דרום בקרבתם לפני ה׳ וימותו ווארום זיי האבין דוחק השעה גוועזן פר זייער פאטרס לעבן · זאגט רבי חייא איך בין גיגאנגן אין וועג צו קומן פר רבי שמעון לערנן ביי אים דיא פרשה פון פסח בין איך גקומן צו איין בארג אונ עס איז אין אים גיוועזן גריבר דארטין זענן גזעסן צוויי מענטשן · ווי איך בין צו גנאנגן האב איך גיהערט איין קול פון די מענטשן זיי זאגן עס שטייט שיר מזמור לבני קרח גדול ה׳ ומהולל מאוד מיר האבן גלערינט פון רבי שמעון אז דר שיר איז גרעסר פון אנדרי שירים דרום שטייט שיר מזמור אזו אויך שיר השירים איז גיטאפילט אונ גרעסר פון אלי שירים · דעם מזמור האבן די בני קרח גזונגן אויף דיא דאזיגי וואס זיצן אויף דר טיר פון דעם גיהנם · בין איך צו גנאנגן צו זיי אונ פרעג זיי ווער זענט איר זאגין זיי צו מיר מיר זענן סוחרים אונ צוויי מאל אין דר וואך שיידן מיר זיך אפ פון דעם ישוב אונ מיר זענין עוסק בתורה ווארום אין דר היים האבין מיר ניט קיין מנוחה האב איך זיי גזאגט וואל איז אייער חלק · האבן זיי אן גהויבן צו זאגן כל זמן די דיינים ווערן אפ גטאן פון דר וועלט ווערט דר דין אויך אפ גטאן אונ דיא מיתה פון צדיקים איז מכפר אויף די זינד פון דעם דור דרום לייענט מען דיא פרשה אחרי מות אום יום כפור עס זאל זיין איין כפרה אויף דיא זינד פון ישראל אונ הקב״ה האט גזאגט זייט עוסק אין דם ווס עס שטוסט פון מיתת הצדיקים וועט פר מיר גלייך זיין ווי איר זענט מקריב קרבנות דעם טאג עס זאל אויך מכפר זיין דען מיר האבין גלערינט כל זמן אז די ישראל זענן אין גלות קענין זיי דאך ניט מקריב זיין דיא שני שעירים פון יום כפור דרום זאלן זיי לייענן די פרשה פון אחרי מות ווס דארטן שטייט די מיתה פון די שני בני אהרן וועט דאס זיין איין כפרה אויף זייערי זינד דען נדב ואביהוא זענין גלייך גוועזן צוא דיא זיבציג זקני סנהדרין ווס זענן גוועזן אין דר צייט פון משה דרום איז

זייער

זייער מיתה מכפר אויף די ישראל דרום שטייט ואחיכם כל בית ישראל יבכו
את השריפה אשר שרף ה׳ דענעס איז ניט גוועןזייער גלייכן צווישןדי ישראל:
תאנא מיר האבן גלערינט רבי יוסי זאגט אין יום הכפורים דארף
מען ליינען די פרשה אחרי מות מכפר זיין אויף די ישראל וייל
זייער מיתה הט מכפר גוועןאויף די ישראל פון דאגן לערנן מיר אפ
אז עס קומן חלילה יסורים אויף דעם מענטשין איז דס מכפר אויף
זייני זינד אונ ווער עס איז זיך מצער אויף מיתת הצדיקים איז מען
אים מוחל זייני זינד דרום לייענט מען דיא פרשה פון דיא בני אהרן
אום יום כפור כדי די מענטשן זאלן הערין אונ וועלן זיך מצער זיין
אויף זייער מיתה וועט מען זיי מכפר זיין זייערי זינד אונ ווער עס
איז זיך מצער אדר ער וויינט אויף דעם איז הקב״ה מכריז אויף זייא
אונ זאגט וסר עונך וחטאתך תכופר אונ ניט דס אליין נאך מער ער איז זוכה
זייני קינדר זאלן ניט שטארבין ביי זיין לעבין אונ אויף אים איז גזגט
גווארן וסר עונך וחטאתך תכופר יראה זרע יאריך ימים וחפץ ה׳ בידו יצליח:

רבי שמעון הט גזאגט עס שטייט כל הנחלים הולכים אל הים והים איננו מלא
זאגט רבי שמעון איך פר וואונדר מיך אויף די מענטשן דס זייא
האבן אויגן אונ זעהן ניט זיי האבן אויערן אונ הערין ניט זיי האבין
איין הארץ אונ טוען ניט קלערן אין רצון פון הקב״ה ווי אזו שלאפן
זיי אונ דר וועקין זיך ניט איידר דער פינצטערר טאג וועט אויף זייא
קומן אונ וועט זיי צו דעקין אונ דער האר פון זיין פקדון וועט אפ
נעמן דין וחשבון פון זייא אונ אלי טאג שרייט מען אויס איין כרוז
אויף זיי אונ זייערי נשמות זאגין אויף זיי עדות די תורה שרייט אויף
זיי אונ זאגט עד מתי וגו׳ ווי לאנג נאך שוטים וועט איר ליב האבן די
נארישקייט פון דער טומאה גייט אונ שפייזט איך מיט מיין שפייז
אונ טרונקט מיין וויין עס וויל אבר קיינר ניט צו גייגן זייערי אויערן
אונ צו בייגן זייער הארץ צו דר תורה קום אונ זעה דיא היגטרשטי
דורות זענען אן גיברייט אז די תורה זאל פון זיי פר געסין ווערן אונ
די חכמי לב וועלן איין גטאן ווערן אונ עס וועט ניט זיין ווער עס זאל
עפינן אונ פאר שליסן די תורה ווייי צו דעם דור אונ פון היינט אן
אונ ווייטר וועט שון ניט זיין אזו איין דור ווי עס איז היינט ביז אין
דר צייט אז משיח וועט קומן וועט זיך דר וועקין די ידיעה אויף דר
וועלט אזו ווי עס שטייט כי כולם ידעו אותי מקטנם ועד גדולם ער זאגט ווייטר
סודות מיר האבן גלערינט משה רבינו הט גפרעגט צו הקב״ה וועז
די ישראל וועלן זינדיגן אונ וועלן תשובה טאן דורך וואס וועלן זייא
גיבענטשט ווערן זאגט הקב״ה צו אים וואס פרעגסטו מיך דבר אל אהרן
אחיך דען אלי ברכות פון אובן אונ פון אונטין זענין איבר גיענטפערט
גיווארן אונ זייני הענט:

כמעשה ארץ מצרים זאגט רבי אבא קום אונ זעה עס איז פר האנדין
צעהן מדריגות אין דר טומאה מעביר בנו ובתו באש קוסם קסמים
מעונן ומנחש ומכשף וגו׳ די האבן איין אחיזה אין דר זוהמא פון די נעגל
ניין מדריגות זענען אין מצרים אונ איין מדריגה איז אויף דר גאנצר
וועלט אונ די מצרים האבן זיך אין זיי מטמא גוועןאונ דס זענען פיל
מיני כישוף פון דארטן האבן די מצרים גוויסט כישוף מער פון דר
גאנצר וועלט אונ ווען זיי האבן גוואלט טאן כישוף זענען זיי ארוים
גגאנגן אויף דעם פעלד אויף די הויכי בערג אונ האבין גישאכטן איין
שעכטונג פר די רוחות הטומאה אונ האבין גימאכט אגראבין אונ
האבן ארום גרינגלט דעם גראבן מיט דעם בלוט פון דעם שעכטונג

אונ דס איבריגי בלוט האבן זיי איין גיזאמלט אין דס גרוב אונ דס
פלייש פון דר בהמה האבן זיי דרויף אנידר גלייגט אונ אזו האבן ז
מקריב גוועןזייערי קרבנות צו די שדים אונ קליפות דר מיט האב
זיי זיך צו זיי מקרב גוועןאונ באוויליגט מוט אנגדר אויף די בערג
די ישראל זענן גוועןביי זיי אין גלות האבן זיי זיך דס פון זייא אפ
גילערינט אונ האבן אויך מקריב גוועןנאך די עבודות דרום שטיי
כמעשה ארץ מצרים לא תעשו איר זאלט ניט טאן אזו ווי די מצרים האבי
גטאן אונ ווידר שטייט ולא יזבחו עוד לשעירים זיי זאלן שון ניט שעכטן צ
די שדים וואס זיי האבן איין פנים אזו וויא איין ציקעלי:

תאנא מיר האבין גילערינט בשעת זייא האבין אזו מקריב גיוועזי
אויף דעם פעלד האבן זיך איין גזאמלט אלי מיני שדים או
האבן זיך צו זייא באוויזן אזו וויא ציקעליך מיט האר אונ האבי
זייא מודיע גיוועזין וואס זייא האבין גוואלט אונ דאס היגטערשט
פון דיא צעהן מדריגות איז דורש אל המתים דען מיר האבין גילערינ
רבי יהודה זאגט דיא נשמות פון די רשעים זענין דיא מזיקים אוי
דער וועלט · זאגט רבי יוסי עס איז דאך פאר זייא איין טובה
וויא איז זייער עונש פון דעם גיהנם וואס זייא דארפן ליידין און
זייערי זינד זאגט רבי חייא מיר האבן אזוי גילערינט אז דיא נשמו
פון די רשעים גייען אוועק פון דר וועלט אזו זענן כמה מלאכי חבלד
אן גבריט אריין צו ברענגן זיי אין גיהנם אריין מען זאל זיי משפט
אלי טאג דריי מאל דר נאך בהעפטן זיי זיך אין דיא מלאכי חבלה
אונ גייען אונ שוועבין אויף דר וועלט אונ זענן מטעה די רשעים וו
פון זיי איז שון פר שלאסן גווארן די שערי תשובה דר נאך ברענג
מען זיי ווייטר אין גיהנם אריין אזו פירט זיך מיט זיי אלי טאג או
דר נאה אז זיי שוועבן אויף דר וועלט קומן זיי אין קבר אריין זעהי
ווי די ווערים עסין דס פלייש פון דעם גוף אונ זייא קלאגין דארטי
אויף אים · דיא מכשפים האבן גקאנט טאן כישוף אויף דעם קבר
דען זיי פלעגן מאכן איין גשטאלט פון איין מענטשין אונ האבן פו
אים גישאכטן איין פויגל דר נאך האבין זיי דעם פייגל אריין גלאז
אין קבר אריין אונ האבן גמאכט כישוף אויף אלי פיר זייטן פון דע
קבר האבן זיך איין גזאמילט די משחיתים אונ האבן גיבראכט דע
נפש אין קבר אונ ער הט מיט זיי גרעט וואס זיי האבן גוואלט· זאג
רבי יצחק וואול צו די צדיקים בעולם הזה ובעולם הבא דען זיי זענ
אין גאנצין הייליג דר גוף מיט דעם נפש אונ מיט דעם רוח איז אל
הייליג אונ זייער נשמה איז קודש קדשים · קום אונ זעה עס זענ
דריי מדריגות בהעפט אין דעם גוף נפש רוח ונשמה אונ די נשמה אי
די אייבערשטי מדריגה דען רבי יוסי האט גזאגט איטליכר מענט
הט איין נפש אונ עס איז פאר האנדן איין נפש וואס איז גרעסר פו
דעם אנדרין כון וואסר איין עולם ער איז אזו איז זיין נפש דען אי
איטלכן עולם זענין מדריגות פון נפש רוח ונשמה אונ ווען אמענט
הט זיין נפש אונ איז זוכה אונ לערינט תורה בקומט ער דיא מעל
פון רוח אזו ווי דר פסוק זאגט עד יערה עלינו רוח ממרום מען ליידיגט או
אויף אים די מדריגה פון רוח איז ער זוכה אונ האלט רעכט דעם רו
אזו קריינט מען אים בכתר קודש עליון ער איז אליץ כולל דאס איז נשמ
אלוה דס איז דר חלק וואס ער הייסט נשמה · תאנא מיר האבן גלערנ
אין די סודי סודות פון שלמה המלך דריי ערליי וואונונג הט הקדו
ברוך הוא גמאכט צו די צדיקים · איינס די וואס האבן זוכה גיוועז

. זענן ניט פר שניטין גווארן פון דר וועלט מיט כרת און אז ד'
לט איז בצער און בדארפן האבן רחמים אזו גייען דיא נפשות
. בעטן רחמים און זענן מתפלל אויף זיי און זענן מודיע צוא דיא
ות וואס ליגן אין דר מערת המכפלה אזו דר וועקן זיך דיא אבות
. גייז אין גן עדן התחתון וואס איז אויף דר ערד און זענן זיך משתף
ט אנדרי צדיקים וואס זענן דארטן און זיי זענן גוזר גזירות טובות
. הקב"ה טוט זייער ווילן און האט חס אויף דר וועלט און די נפשות
דיקים זענן תמיד שכיח מגין צוא זיין אויף דיא לעבדיגי און דאס
סט נפש און דר חלק הנפש ווערט קיין מאר ניט פר לענט און
גישניטן פון דר וועלט כדי זיי זאלן ארץ קענן וויסן און מגין צו
אויף דר וועלט און דס האבן גמיינט די חבריא וואס זייא האבן
אגט אז די מתים וויסן דעם צער פון דיא לעבדיגי אבער אויף דיא
עים שטייט ונכרתה הנפש ההוא מעמיה • דאס אנדערי וואונונג איז גן
ן התחתון דרינן האט הקב"ה גמאכט טייערי חדרים עליונים אין
ם גישטאלט פון דעם עולם און פון עולם העליון און עס זענין
עלכי היכלות פון פיל ערלייא גישטאלט און אין דרינן איז פאר
נדן אילנות און עשבים און דארטין זענין די מענטשין גיקלייד
דעם גשטאלט פון דר וועלט און אין גשטאלט פון עולם העליון •
דריטי וואונונג איז דר טרור העליון הקודש וואס ער הייסט צרור החיים
רטן זענן זיי זיך מתענג אין דעם עונג העליון וואס דרוף שטייט
תענג על ה' דס הייסט נשמה • און מיר האבן גלערינט אז די וועלט
ארף רחמים און די צדיקים פון דעם דור זענן זוכה אז דער נפש
שוועבט אויף דר וועלט זאל אויף זיי מגין זיין אזו גייט דר נפש
איז מודיע דעם רוח און דר רוח גייט און שוועבט און איז מודיע
דר נשמה און די נשמה גייט אויף און בעט צו הקב"ה אזו האט
ב"ה רחמנות אויף דר וועלט און נידרט אראפ די נשמה און איז
מודיע צו דעם רוח און דר רוח נידרט אראפ און איז מודיע צום
ש און אלי שבת און ראש חודש זענן זיך אלי דרייא מחבר אין
נם און קומן זיך בוקן צום מלך הקדוש און דער נאך גייט ווידר
טלכר אויף זיין ארט דס מיינט דר פסוק והיה מדי חודש בחדשו ומדי שבת
בתו יבא כל בשר להשתחות לפני אמר ה' און בשעת דיא וועלט באדארף
בין צו רחמים און די לייט גייען און זענן עס מודיע צו די נפשות
צדיקים און וויינן דארטן אויף זייער קבר און די לייט זענן פרומי
ט אזו קענן זיך בהעפטן זייערי נפשות מיט די נפשות הצדיקים
. זאמלן זיך אלי איין און שוועבן צו די אבות קיין חברון און זענן
מודיע פון דר וועלט אזו גייען זיי אין דעם טויער פון דעם גן עדן
. זענין דס מודיע צוא דיא רוחות הצדיקים און דיא רוחות זענין
יינט אין גן עדן און מלאכים הקדושים גייען צווישן זיי און אלי
ן און זענן עס מודיע צו די נשמות און די נשמות בעטן אויף די
בדיגי אזו האט הקב"ה חס אויף דר וועלט פון זייערט וועגין אויף
ם זאגט שלמה איך לוב די מענטשן וואס זענן שון לאנג גשטארבן
ר פון די מענטשן וואס לעבן נאך • זאגט רבי חייא איך פר ווינדר
ר אוב עס איז נאך דא איין מענטש אויף דר וועלט וואס ער זאל
ן מודיע זיין צו די נפשות הצדיקים חוץ פון אונזר חבריא אבער
ר קען קיינר ניט • זאגט רבי אבא דר צער איז זיי מודיע • דיא
ר תורה איז זיי מודיע • ווארום אז עס איז ניט דא קיינר וואס ער
' מודיע זיין אזו ציהט מען איין ספר תורה אויף דעם בית

הקברות אזו זענין זיך מתעורר די מתים אנטקעגין דער ספר תורה
וואס זיא ווערט אנטפרעקט דען דער מלאך דומה איז זייא מודיע אזו
שרייען אלי אויף דעם וואס די תורה איז אזו אנפלעקט בחרפה זענין
די לייט חוזר בתשובה און וויינן בלב שלם פר הקב"ה אזו זאמלן זיי
זיך איין און זענן עס מודיע צו דיא אבות פון חברון גייען זייא און
זענן דס מודיע צו די רוחות אין גן עדן און די רוחות זענן דס מודיע
דר נשמה אזו ווי אויבן איז גשטאנן אבער אז די לייט ציהן אום דיא
ספר תורה און טוען ניט קיין תשובה זיי זאלן וויינן בלב שלם אויף
דעם צער איז ווי צו זיי דען זיי זאגן ווער האט דס גטאן דס זיי האבן
די תורה אזו מבזה גוועזן און אנפלעקט אן תשובה • זייא זענן נאך
אויף זיך מעורר זייערי עונות דרום זאל מען דס ניט טאן אן תשובה
און תענית און תפלה • רבי אבא זאגט תענית איז איבר אלי דרייא
און דס בדארף זיין דווקא אין דעם טאג וואס מען ציהט ארום דיא
ספר תורה און בשעת דיא וועלט איז אין גרויסן צער אזו טוען זיך
אלי בהעפטן מתפלל צו זיין פר זיי :

תאנא מיר האבן גלערינט רבי יהודה האט גזאגט אמאל זענן גנאנגן
רבי חזקיה און רבי ייסא אין וועג זענין זייא גקומן אין דער
שטאט גוש חלב און די שטאט איז דענסט מאל גוועזן חרוב האבין
זיי זיך גזעצט נאהנט ביי איין קבר און רבי ייסא האט ביי זיך גהאט
איין שטיק פון איין ספר תורה אפ גריסן אזו ווי זיי זענן גזעסן האט
דר קבר אן גהויבן שטורמן און שרייען ווי ווי דס דיא וועלט איז
היינט בוודאי אין צער ווייל איין ספר איז אהער אנטפלעקט און פר
טריבן גווארן אדר אפשר זענן אהער די לעבדיגי גקומן צו שפעטן
פון אונז מבייש צו זיין אונז מיט דר תורה וואס זיי לערנן פרעגט אים
רבי חזקיה ווער ביסטו זאגט ער איך בין איין מת און דר וועק מיך
מחמת דר ספר תורה דען אמאל איז גיוועזן דיא וועלט בצער זענין
גקומן לעבדיגי אהער צו דר וועקן אונז מיט א ספר תורה אזו האב
איך מיט מייני חברים זיך מקדים גוועזן און מיר האבין עס מודיע
גיוועזן צוא דיא אבות אין חברון זענן זייא גגאנגן און האבין מודיע
גוועזן צו די רוחות פון צדיקים נאך דעם איז גפונן גיוואורן דיא ספר
תורה פסול און זיי האבן משקר גוועזן בשם המלך דען דיא תורה
איז אין גאנצן שמות הקודש און עס איז גפונן גווארן איין איבריגי
וא"ו אין פסוק ושוסעת שסע שתי פרסות האבן די צדיקים גיזאגט ווייל זיי
האבן משקר גוועזן בשם המלך און מיר האבין זייא אום זיסט דער
וועקט דר פאר האבן זייא מיך מיט מיין חבר דוחה גוועזן פון דער
ישיבה ביז איין אלטר מאן וואס איז גוועזן צווישן זיי האט גבראכט איין
ספר תורה פון רב המנונא סבא אזו איז דער וועקט גיווארין רבי
אלעזר ברבי שמעון וואס איז גוועזן מיט אונז בגראבן איז ער גגאנגן
אין גן עדן און האט מתפלל גוועזן אזו זענין זייא גהיילט גווארן און
פון דעם טאג אז וואס מען האט צו רבי אלעזר צו גנומן פון דאנן און
מען האט אים אויף גבראכט צוא זיין פאטר אין זיין מערה ארייין איז
שון קיינר ניט דא ער זאל זיך איין שטעלן צו גיין צו דיא אבות דען
מיר פארכטן זיך שון צו גיין מיר זאלן ניט גישטראפט ווערן אזו ווי
פריער און היינט זענט איר גקומן צו אונז מיט דר ספר תורה האב
איך גימיינט ווייל דיא וועלט איז בצער דרום בין איך דער שראקין
גווארן און דר קבר האט גשטורעמט ווייל איך האב גיטראכט ווער
וועט גיין מודיע זיין צו די אבות קיין חברון אזו איז רבי ייסא אוועק



גינאנגין

נגאנגן מיט דר ספר תורה זאגט רבי חזקיה חס ושלום דיא וועלט איז ניט בעסער אונ מיר זענען חס ושלום ניט גקומן צו אייך מבייש צוא זיין זענן רבי חזקיה ורבי ייסא אוועק גגאנגן אונ זאגן בוודאי אז קיין צדיקים איז ניט דא אויף דר וועלט שטייט די וועלט נאר פון וועגן די מתים זאגט רבי ייסא פר וואס אז דיא וועלט בדארף האבין רעגין גייט מען צו דיא מתים אמער עס שטייט דאך ודורש אל המתים זאגט רבי חזקיה צוא אים ביז אהער האסטו ניט גזעהן דעם כנף פון דעם צפור פון דעם גן עדן ער הט אזו גזאגט ודורש אל המתים דאס זענן די רשעים זיי הייסן תמיד מתים אבר די וואס הייסן צדיקי אמת אויף דר וועלט אויף זיי הט שלמה גזאגט ושבח אני את המתים שכבר מתו זיי זענן שון לאנג גשטארבין אבר הייגט זענין זיי לעבדיג אונ ווידר אז די רשעים קומן צו זייערי מתים קומן זיי מיט כישוף צו דר וועקן מינים רעים משחיתים אבר אז די צדיקים קומן צו זייערי מתים קומן זייא מיט תשובה פר הקב"ה אונ מיט איין צו בראכן הארץ מיט תענית אונ זענן מתפלל פר זיי פון זייערי נשמות וועגן כדי זיי זאלן בעטין פר הקב"ה אונ הקב"ה הט חס אויף דר וועלט פון זייערט וועגן אונ אויף דעם האבן מיר גלערינט איין צדיק וואס ער ווערט נפטר פון דר וועלט ווערט ער גיט פר לארין פון אלי עולמות אזו ווי עס שטייט על כן עלמות אהבוך לייען ניט עלמות נאר עולמות איז טייטש וועלטין דען ביי זיין לעבן איז ער נאר שביח אין דריי וועלטן אבר דער נאך איז ער שביח אין אלי וועלטן וואול צוא זייער חלק :

תאנא מיר האבין גילערינט עס שטייט והיתה נפש אדוני צרורה בצרור החיים עס וואלט גדארפט שטיין נשמת אדוני דען די נשמות זענען אויף דעם ארט צרור החיים נאר אזו וויא מיר האבין אובן גזאגט וואול צו די צדיקים וואס זיי זענען אן גקניפט איינס אין דעם אנדרן דר נפש אין רוח דר רוח אין דר נשמה אונ די נשמה איז בהעפט אין גאט ווערט גפונן אז דער נפש איז אויך מקושר בצרור החיים זאגט רבי אלעזר מיר האבען גילערינט אז ביי איין ספר תורה בשעת מען איז זיא מטלטל פון איין שול אין דער אנדערר הייסט בייא איר גלות דרום טאר מען ניט מטלטל זיין קיין ספר תורה פון איין ארט אויף דעם אנדערין זאגט רבי אבא אז די שכינה איז פר טריבן גווארן איז אויך אזו גיוועזן ביז זיא הט גיזאגט מי יתנני במדבר מלון אורחים אין ערשטן פון איין שול אין דר אנדערר ביז דר נאך אויף דר גאס אונ דר נאך אין דר מדבר מלון אורחים זאגט רבי יהודה די בני בבל פארכטן זיך צוא טראגין איין ספר אפילו פון איין שול אין דער אנדערער מכל שכן אזו וויא אויבין שטייט :

תניא מיר האבן גלערינט רבי שמעון זאגט צוא דר חבריא כל זמן אז איך לעב וועלן די מענטשן ניט בדארפן מטלטל זיין איין ספר תורה אויף דר גאס ולבית הקברות דער וועקן דיא מתים זאלן מתפלל זיין דען מיין זכות אליין איז כדאי מגין זיין אויף דער וועלט ווארום דיא צדיקים זענן מגין פאר זייער לעבן אויף דעם דור ומכל שכן נאך זייער טויט וועט נאך מער מגין זיין וויא ביי זייער לעבין אזו ווי עס שטייט וגנותי על העיר הזאת להושיעה למעני ולמען דוד עבדי אונ אז דוד המלך הט גלעבט שטייט ניט איך וועל מגין זיין אויף דר וועלט פון וועגן דוד נייערט נאך זיין טוט שטייט ערשט אזו · זאגט רבי יהודה ווארום שטייט למעני ולמען דוד עבדי איז דאך משמע אז זיי זענן גיידיגלייך נאר ווייל דוד המלך הט זוכה גוועזן זיך בהעפטן אין דיא

דרייא אבות וואס זיי זענן שלשה רגלי המרכבה אונ ער איז גוועזן דער...
רביעי במרכבה דרום איז ארץ איינם כדיך הוא לעלם ולעלמי עלמיא...
רבי אבא איז גגאנגן קיין קפוטקיא אונ רבי יוסי איז אויך גיגא...
מיט אים זעהן זייא אז איין מענטש גייט זייא אנטקעגין אונ...
איין צייכן אויף דעם פנים זאגט רבי אבא מיר דארפין אפ ק...
אונזר וועג פון דעם מענטשן ווארום זיין פנים ווייזט אום אז ער ה...
עובר גוועזן אויף דיא עריות פון דער תורה זאגט רבי יוסי טאמ...
אים דער צייכן גקומן קלייער הייד אונ אויף וועלכי עריות האט...
גקאנט עובר זיין זאגט רבי אבא עס ווייזט אבר פארט אום אז...
הט עובר גיוועזן אויף די עריות הט אים רבי אבא צו גריפן אונ ז...
אים מיין קינד וואס פר איין צייכן האסטו אויף דיין פנים זאגט...
צו רבי אבא איך בעט אייך איר זאלט מיך שון מער ניט שטר...
דען מייני עבירות האבין מיר דש גורם גיוועזן זאגט רבי אבא...
אזו איז גיוועזן דיא מעשה זאגט ער איך בין איין מאר גינאנגן...
וועג מיט מיין שוועסטר האבן מיר גינעכטיגט אויף איין הארב...
האב איך מיך אן גיטרונקען מיט וויין אונ האב מיט איר מ...
גוועזן ביי נאכט אונ אז מיר זענן אויף גישטאנין אונ דר פרי הט...
דר בעל הבית מיט איינעם גיקריגט בין איך ארין גיגאנגן צווי...
זיי איך זאל זיי צו שיידן האבן זייא מיך ביידי גשלאגן דר אויף...
זייט אונ דר אויף דר אנדרר זייט האבן זיי מיר גימאכט די מכה...
דעם פנים איז די מכה גגאנגן ביז דעם מוח בין איך גוועזן מסוכן...
מיך ביי אונז ארופא מציל גיוועזן פרעגן זיי אים ווער איז דר רו...
זאגט דר מענטש ער הייסט רבי אלעזר זאגן זיי צו אים וואס פר...
רפואה הט ער דיר גיגעבן זאגט ער רפואת הנפש ער הט מיר גהייס...
תשובה טאן אלי טאג אונ פון דר צייט אן טוא איך תשובה...
זעה אלי טאג אין אשפיגיל מיין צייכן טו איך וויינען פר גאט וואס...
איז דר האר פון דר גאנצר וועלט אונ מיט די טרערן פון דיא או...
וואש איך אפ מיין פנים זאגט רבי אבא אוב עס איז ניט נגזר גווא...
אויף דיר אז קיין תשובה זאל דיר ניט העלפן וואלט איך דיר גמאכ...
אז דער צייכן זאל דיר אראפ פון דיין פנים דאס איך וועל אוף ד...
לייענן וסר עונך וחטאתך תכופר זאגט רבי אבא צו אים זאג מיר נאך דר...
מאל דעם פסוק הט ער דרייא מאל נאך גזאגט צו רבי אבא דע...
פסוק אזו איז דר צייכן אראפ גגאנגן פון זיין פנים זאגט רבי אב...
הקב"ה הט דיר אפ גטאן דעם צייכן ווייל די האסט רעכט תשוב...
גטאן זאגט ער איך טו איין נדר אז פון הייגט אן אונ ווייטר זאל א...
עוסק זיין בתורה יומם ולילה זאגט רבי אבא ווי אזו איז דיין נא...
זאגט ער אלעזר זאגט רבי אבא דיין נאמן הט דיר גורם גוועזן ו...
נאט הט דיר גהאלפן ווארום אלעזר מאכט אל עזר הט אים רבי אב...
גיבענטשט אונ הט אים אוועק גשוקט · אמאל איז גגאנגן רבי אב...
צו רבי שמעון איז ער גקומן אין איין שטאט הט ער גזעהן ווי איינ...
איז גזעסן אונ הט גידרשת דעם פסוק איש בער לא ידע וכסיל לא יבין א...
זאת ווי גאר זענן פר נארישט די מענטשן פון דר וועלט זיי זענן ני...
משגיח צו ווייסן אויף וואס זיי האבן איין קיום אויף דר וועלט וואס א...
זיי מעכב וואס זיי ווייסין ניט ווייל זייא זענן ניט משתדל אונ עוס...
בתורה וואלטן זיי עוסק זיין בתורה וואלטן זיי גוויסט דעם וועג ד...
פון וכסיל לא יבין את זאת דר נאר פר שטייט עס ניט פאר וואס הקב"...
שטראפט דעם צדיק אויף דר וועלט אונ בפרוח רשעים כמו עשב די רשע...



וואס

...גן עובר אויף דר תורה טוען בליען אזו ווי גראז און דוד המלך
...אגט דס איז נאר להשמדם עדי עד הקב"ה גיט זיי אויף דר וועלט
...און עשירות כדי ער זאל זיי פר טיליגן פון יענר וועלט דס זיי
...זיין אזו ווי ערד אזו ווי עס שטייט ועסותם רשעים כי יהיו אפר תחת
...גלי הצדיקים ער זאגט עס שטייט ויקם כי כחשי בפני יענה וואס מיינט דס
...פסוק אלא וואל צו דעם מענטשן וואס ער איז עוסק בתורה צו
...ן זיא און צו וויסן דעם וועג פון הקב"ה און ווער עס איז עוסק
...ה איז גלייך ווי ער איז עוסק אין דעם נאמין פון הקב"ה ממש
...יא דר נאמין פון הקב"ה טוט משפט און דין אזו אויך איז דיא
... · קום און זעה דר מענטש וואס איז עובר אויף דר תורה אזוי
...די תורה ארויף דער נאך נידערט זיא אראפ און מאכט דעם
...טשן איין צייכן אויף זיין פנים כדי די אובערשטי און די אונטערשטי
...אים זעהן און זאלן אים שעלטן· אין מיר האבן גלערינט אלי
...י ה' פר וואס הייסן זיא עיני ה' ווייל זיי גיין און שוועבן אויף דר
...ט צו וויסן דעם וועג פון די מענטשן אזו הייבן זיי אויף זייערי
...און זעהן אין זיין פנים שרייען זיי אלי אויף אים וויי · וויי איז
...ים בעולם הזה וויי איז צו אים בעולם הבא הערט אייך אוועק
...אים דען דר רוח הטומאה רועט אויף אים דען ער איז גיצייכנט
...דר צייכן זאל אויף אים עדות זאגן און כל זמן דר צייכן שטייט
...זיין פנים איז דס פר איין עדות און אז ער הט איין קינד איז
...קינד אום גצוגן און גנומן גווארין פון דר טומאה ניט פון דער
...שה און דס זענן די עזי פנים פון דעם דור די רשעים לאזט זיי
...ה גיין אויף דר וועלט און שטראפט זיי ניט כדי צו פר דארבן
...וו יענר וועלט און מיר האבן גילערינט דר צדיק וואס איז עוסק
...דה יום ולילה איז הקב"ה אויף אים מושך איין חוט של חסד ער איז
...אן גיצייכינט אין זיין פנים און פאר דעם צייכן פארכטין זיך
...נים ותחתונים אבר חלילה אז איינר איז עובר אויף דר תורה
...ער גצייכנט ברוח הטומאה און עס אנטלויפן פר אים עליונים
...תונים און רופין אום קערט אייך אוועק פון אים דען ער האט
...ר גיוועהן אויף דר תורה און מצות פון זיין הארין וויי צו אים וויי
...יין נפש דר מענטש ציהט אויף זיך דעם רוח הטומאה און מאכט
...ירשנן צו זייני קינדר דס הקב"ה הט אין אים קיין חלק ניט און
...ט אים גיין כדי ער זאל ווערין פר דארבן פון עולם הבא · זאגט
...אבא צו אים פון וועמן האסטו דס גלערינט זאגט ער אזו האב
...גלערינט דס די שלעכטי ירושה ירשנן ווידר זייני קינדר אז ער
...ט קיין תשובה ניט אבר קיין שום זאך קאן ניט שטיין אנטקעגין
...ובה און די רפואה הט מען מיך גלערינט איין מאל דס איך האב
...אט איין צייכן אויף מיין פנים בין איך גגאנגין און וועג הט מיך
...עגינט איין צדיק און דורך אים איז מיר דר צייכן אראפ · זאגט
...י אבא צו אים ווי אזו איז דיין נאמין זאגט ער אלעזר זאגט רבי
...א גלובט איז הקב"ה אז איך האב דיך אזו זוכה גוועזן צו זעהן וואל
...דיין חלק בעולם הזה ובעולם הבא זאגט רבי אבא צו אים איך
...דר מענטש וואס איך האב דיך דערנסט מאל בגעגינט הט ער זיך
...שפרייט פר ר' אבא און הט אים גרוס כבוד אפ געגבן און הט
...אריין גיבראכט אין זיין הויז אריין און הט גמאכט אגרוסי
...דה נאך דעם עסן האבן זיי גזאגט סודות זאגט ער צו רבי אבא
...גלובט איז הקב"ה וואס איך האב דס פון דיר גהערט און

רבי אבא הט אויף אים גלייענט דעם פסוק ואתה שלום וביתך שלום :

# פרשת קדושים

וידבר ה' אל משה לאמר דבר אל כל עדת בני וגו' קדשים תהיו וגו' רבי אלעזר זאגט עס שטייט אל תהיו כסוס כפרד אין הבין איר זאלט ניט זיין אזו ווי איין פערד אדער איין מול אייזיל וואס ער פאר שטייט ניט וויא פיל מאל די תורה דר וועקט זיך ווי פיל מאל שרייט זיא און הייבט אויף איר קול צו דר וועקן אלי לייט פון אלי זייטן און אלי לייט טון שלאפן און בגערין ניט צו זעהן און ניט צו וויסן מיט וואס פר איין פנים וועלן זייא שטיין ליום הדין העליון אז דר מלך העליון וועט פרעגין אויף דר בושה פון דר תורה וואס זיא הט גישריגן צו זיי און זיי האבן זיך ניט גקערט צו איר זייא זענין פגום און חסר פון דעם נאמנות פון דעם מלך עליון ווי צו זיי ווי צו זייער נפש דיא תורה שרייט צו זיי און זאגט מי פתי יסור הנה חסר לב ואמרה לו וואס הייסט חסר לב אלא דר וואס איז ניט עוסק אין דר תורה האט ער ניט קיין נאמנות הקדושה און איז פגום פון אלעמן דרום הייסט ער חסר לב דען מיר האבן גלערינט דר וואס איז ניט מקיים דיא תורה טאר מען זיך ניט מקרב זיין צוא אים און ניט האנדלין מיט אים קיין סחורה ומכ"ש ניט צו גיין מיט אים אין וועג דען ער הט קיין נאמנות ניט און דרוף האבין מיר גלערינט דער וואס ער גייט אין וועג און איז ניט עוסק בדברי תורה איז ער מתחייב בנפשו ומכל שכן אז מען גייט מיט אזו א מענטש וואס ער גדענקט ניט אין כבוד פון זיין הערן און זיין נפש דר הט בוודאי ניט חס אויף זיין נפש · רבי יהודה זאגט דר וואס הט ניט חס אויף זיין נפש ווי אזו קען ער אום ציהן איין כשרי נשמה צו זיין זון דרום שטייט אל תהיו כסוס כפרד אין הבין · זכאין זענן די צדיקים וואס זענן עוסק בתורה דען זיי ווייסן די וועג פון הקב"ה און זענן זיך מקדש בקדושת המלך עליון און זיי ווערין גפונען הייליג אויף דר וועלט און דרום ציהן זיי אראפ איין הייליגן רוח צו זייערי קינדר און די קינדר הייסן בני המלך בני קדושים ווי צו די רשעים דען זיי זענן אלי חצופים און דרום ירשנן זייערי קינדר איין נפש חצוף מצד הטומאה אזו ווי דר פסוק זאגט ונטמתם בם אז א מענטש קומט זיך מטמא זיין איז מען אים מטמא דרום זאגט דער פסוק זאלט ניט זיין אזו ווי די פערד וואס זיי זענן פיל מיט זנות איז מער מטמא ווי אלדינג עס שטייט דא אין הבין און ווידר שטייט והכלבים עזי נפש לא ידעו שבעה והמה רועים לא ידעו הבין כלומר עס זענין צו אים אן גיברייט דיא כלבים וואס זענן עזי נפש והמה רועים זיי זענן שרים ממונים צו פירן אים אין גיהנם אריין דרום שטייט ביי זיי לא ידעו שבעה די ממונים זענן קיין מאל ניט זאט פון צו פירן אין גיהנם אזו ווי עס שטייט לעלוקה שתי בנות הב הב וגו' איש לבצעו וגו' דס זענן די וואס פירן דעם מענטשן אין גיהנם אריין ווייל ער איז נאר נאך גיגאנגין נאך דעם וועלט און איז ניט גיגאנגין אין גאטס וועג און האבין זיך ניט הייליג גמאכט אין זייער זיווג אזו ווי עס גיהער צו זיין דרום שטייט קדושים תהיו כי קדוש אני ה' איר זאלט זיין הייליג אונדר קדושה וואס איר זענט באהעפט ווייל איך בין הייליג :

איש אמו ואביו תיראו און פריער שטייט קדושים תהיו דס ווייזט אז א מענטש קומט זיך מקדש זיין מיט זיין ווייב פון וועמן איז מיין שבח דס איז די קדושה פון דר מוטר דרום שטייט פריער אמו און דר נאך

אביו · רבי יהודה זאגט עס איז גלייך אזו ווי ביי שמים וארץ שטייט אמאל פריער שמים און אמאל ארץ צוא ווייזן אז זייא זענען ביידי גלייך בשאפן גיווארן אזו דא אויך שטייט כבד את אביך און דר נאך ואת אמך און ביי מורא שטייט פריער אמו דר נאך אביו צו ווייזן אז זיי זענען ביידי גלייך· עס שטייט איש אמו ואביו תיראו ואת שבתותי תשמורו צו ווייזן אויף דעם קדושת הזיווג דאס מען זאל זיך מקדש זיין אום שבת אזו ווי אובין שטייט דען תשמורו איז טייטש ווארטין אזו ווי עס שטייט ואביו שמר את הדבר איז דאך טייטש ער הט גיווארט דאס גייט אויף די וואס ווארטן מיט דעם קדושת הזיווג פון איין ליל שבת צוא דר אנדערר:

אל תפנו אל האלילים רבי חייא הייבט אן עס שטייט אל תפן אל רשעו ואל חטאתו איז קשה ווער קען עס זאגן צו הקב"ה קער זיך ניט צו זיין שלעכץ און צו זיין זינד אמער עס שטייט דאך כי עיניו על דרכי איש און עס שטייט אם יסתר איש במסתרים ואני לא אראנו דען הקב"ה זעהט אלי דרכים פון דעם מענטשן אפילו אז ער פר בארגט זיך איז הקב"ה אין אלעמען משגיח און ברענגט אים צום משפט ודין סייא אויף גוטץ סייא אויף שלעכץ אזו ווי עס שטייט יביא אלהים במשפט על כל נעלם אם טוב ואם רע מכילא ווי אזו האט משה גיזאגט דו זאלסט זיך ניט קערין צו זיין רשעות אלא מיר האבן גילערינט דס אמענטש זאל זיך היטן אז ער זאל ניט זינדיגן פר דעם מלך הקדוש · קום און זעה אמענטש אז ער טוט איין מצוה קומט די מצוה פר הקב"ה און זאגט איך בין פון דעם מענטשן וואס ער הט מיך גמאכט און הקב"ה זעצט זיא פר זיך צו זעהן זיא אלי טאג און גוטץ צו טאן צו דעם מענטשן פון דר מצוה וועגן אבער אז אמענטש איז עובר איין עבירה אזו קומט די עבירה פאר הקב"ה און זאגט איך בין פון דם מענטשן און נאט שטעלט זיא פר זיך ער זאל אויף איר משגיח זיין צו פר דארבן דורך איר דעם מענטשן אזוא וויא עס שטייט וירא ה' וינאץ מכעס בניו ובנותיו עס וואלט נאר בדארפט שטיין וינאץ און ניט וירא אלא וירא עד זעט אין דר עבירה וואס זיא שטייט פר אים דרום וינאץ איז ער ברוגז און אז דר מענטש איז חוזר בתשובה שטייט גם ה' העביר חטאתך לא תמות הקב"ה הט שון מעביר גוועזן דעם חטא וואס ער איז פר אים גישטאנען כדי ער זאל שון אין אים ניט קוקין און ער זאל שון קענן דעם מענטשן גוטץ טאן דרום שטייט אל תפן דוא זאלשט זיך ניט קערין צו זעהען זייער שלעכץ און דרום שטייט אויך נכחם עונך לפני · אמאל איז גיגאנגען רבי ייסא זעירא צו רבי שמעון הט ער אים דר ווישט אז ער האט דעם פסוק גילערינט ויאמר האדם האשה אשר נתת עמדי פרעגט רבי ייסא פר וואס שטייט ניט אשר נתת לי נייערט עס שטייט עמדי דס איז טייטש מיט מיר איז משמע אז זיא איז בשאפין גיווארן גלייך מיט מיר אמער עס שטייט אז השי"ת האט גזאגט לא טוב היות האדם לבדו אעשה לו עזר כנגדו איז משמע אז אדם הראשון איז שון גוועזן אויף דער וועלט האט השי"ת אים באשאפין איין ווייב זאגט רבי שמעון זי איז בשאפן גווארן גלייך מיט אים נאר קיין עזר און קיין ווייב איז זי אים נאך ניט גיוועזן דען זיא איז גיוועזן בהעפט אין אים דר נאך הט הקב"ה אראפ גינומין פון זיין זייט און האט זיא מתקן גיוועזן און האט זיא גיבראכט פר אים דרום שטייט ניט אברא לו עזר איה וועל אים בשאפן איין ווייב נייערט עס שטייט אעשה לו איך וועל אים מתקן זיין ווייל זיא איז שון לאנג באשאפין גיוועזן נאר זיא איז גיוועזן באהעפט אין אים ביז הקב"ה האט גווארפין אויף אים איין שלאף און האט אראפ גינומין דיא זייט און האט זיא מתקן גיוועזן און האט זיא גיבראכט פאר אדם פאר איין ווייב און מיר האבין גילערינט אז דם שיינקייט פון אדם איז גיוועזן אזו ווי דאס שיינקייט פון כסא זוהר קשר העליון און דאס שיינקייט פון חוה איז גיוועזן אז קיין שום בריה הט ניט גקענט אריין קוקין אין איר צורה אפילו אדם הט ניט גיקענט קוקין אין איר שיינקייט ביז זייא האבן גיזינדיגט איז איר שיינקייט קלענר גיווארן הט שוין אדם גיקענט קוקין אין איר שיינקייט און האט זיא דר קענט זיך מזווג זיין אזו וויא עס שטייט וידע אדם את אשתו איז טייטש ער הט שוין גיוויסט אין איר שיינקייט · מיר האבן גילערינט עס איז אסור צוא אמענטשען אז ער זאל קוקין און דעם שיינקייט פון איין אשה כדי ער זאל חלילה ניט קומן צו איין הרהור וועט ער דורך דעם קומן צו איין עבירה און אזו פלעגט רבי שמעון טאן בשעת ער איז גיגאנגען און איין שטאט און די חבריא זענען אים נאך גיגאנגען און הט גיזעהן שייני ווייבר האט ער אראפ גינידערט זייני אויגן און הט גיזאגט אל תפנו אל האלילים און ווער עס קוקט אויף א שיינער אשה ביי טאג קומט ער צו איין הרהור ביי נאכט און נאך מער בשעת ער איז זיך מזווג און דר הרהור רע קומט אים אין דר מחשבה איז די קינדר וואס ער גיווינט הייסין זיי אלהי מסכה און כל זמן דער הרהור איז אויף אים איז ער עובר אויף דעם פסוק אלהי מסכה לא תעשה לך:

תמן תנינן דארטן אין פרשת אחרי האבן מיר גילערינט הונדרט מיט דרייסיג יאר הט זיך אדם הראשון אפ גישייד פון זיין ווייב זינט קין הט גיהרגת צו זיין ברודר הבל רבי יוסי זאגט פון דר שעה וואס איז נגזר גיווארן מיתה אויף אים און אויף דר גאנצר וועלט הט ער זיך פורש גיוועזן פון זיין ווייב און הט גיזאגט וואס טויג מיר קינדער האבן אז זיי וועלין שטארבין ונגע לא יקרב באהליך דאס מיינט מען דיא נגעי בני אדם זיי וועלן ניט גינעהנן איז דיין געצעלט מחמת דר מזוזה · אויך האבען מיר גילערינט בשעת אדם הט גינידערט בדמות עליון ובצלם הקודש אז די תחתונים האבין אים דר זעהן האבין זייא אלי צוא אים גינעהנט און האבן אים גימאכט קיניגין איבר זייא בעולם הזה ויראו בני האלהים את בנות האדם כי טובות הנה און זייא האבן זיך אלי טועה גיוועזן נאך זיי און איין רוח הזכר איז גיקומן אויף דר וועלט פון דעם רוח פון צד קין ער הט גיהייסין תובל קין און איין נקבה איז ארויס גיקומין מיט אים זיא הט גיהייסין נעמה און דיא בריות האבין זיך טועה גיוועזן נאך איר און דר תובל קין הט אויף גיבראכט כלי זיין פון הריגה אויף דר וועלט און די נעמה הט איר וואונונג ביא דעם ים הגדול זי טוט קומן צו מענטשן אין חלום און זיא גייט אויף דער וועלט און זוכט אירי קינדר פון אמענטש און איז זיך מדבק צו זיי זיא גייט צו דעם רוח זי זאל זיך מאכן רוען אויף די קינדר אזו זענען זיך מזדמן דרייא רוחות קדושים פר איר און נעמין ביי איר צו דעם רוח און לייגן אים אנידר פאר הקב"ה צוא איבר פארן אים פון איר דרום האט די תורה אן גיזאגט צו די מענטשן והתקדשתם והייתם קדושים ווארום אז איין מענטש האלט זיך בקדושה פארכט ער זיך פר אים ניט דען די מלאכים הקדושים וואס מיר האבן גיזאגט היטן דם קינד אז זי זאל אים ניט מזיק זיין אזו ווי דר פסוק זאגט ונגע לא יקרב באהליך קיין נגעי בני אדם וועלין ניט גינעהנין צוא דיר ווייל הקב"ה גיבוט דיא

מלאכים

[...]אבים צוא היטן דיך אין אלי דייני וועגן אונ ווידר שטייט כי בי חשק [ל]שהו אבער אז דער מענטש האלט זיך ניט הייליג אונ ציהט אויף [...] דעם רוח הטומאה אזו קומט זיא צו דעם קינד ביז זיא איז אים [...]מית אונ אז זי איז אים ממית טוט זי פר אום ריינגן דעם רוח אונ [...]ערט אייבינג ניט אפ גיטאן פון אים • אויב דו וועסט פרעגן אז דם [...]נד וואס זי טייט אים אונ די דריי מלאכים נעמן ביי איר צו דעם רוח [...]י זי זאל אים ניט מטמא זיין וועגן זיי דך ניט מצד הטומאה פר וואס [...]ט זי אשליטה זיי צו הרגנן נאר דר מענטש וואס הט זיך ניט מקדש [...]וועגן אדר ער הט זיך ניט מכוין גיוועזן צו מטמא זיין דרום קען זיא [...]לט זיין אויף דעם גוף אבר ניט אויף דעם רוח • פיל זענן זוכה דיא [...]יקים וואס זיי זענן זיך מקדש בקדושת המלך • די אלי זאכין וואס [...]טייט דא הט שלמה המלך מגלה גיוועזן ער הט דם גיפינן אין ספר [...]ן אשמדאי המלך דארטן ווערט גיפינן טוזינט מיט פיר הונדערט אונ [...]ף מיני טומאה וואס איין מענטש איז זיך אין זיי מטמא ווייא צוא [...]לייט דם זיי האבן פר שטאפטי אויגן אונ זעהן ניט אונ ווייסן ניט [...]נ הערן ניט אונ זענן ניט משגיח אויף זיך ווי אזו זיי בלייבן אויף [...] וועלט • אונ זיי האבן דאך איין גוטי רפואה דאס איז דיא תורה [...]ז ווייא דער פסוק זאגט והתקדשתם והייתם קדושים כי קדוש אני ה' אלהיכם ׃

[...]בא מיר האבין גילערינט אז קין מיט הבל זענען אפ גיטאן גיווארין פון דר וועלט האט אדם צוריק גינומן חוה צו זיך אונ זייא זענן [...]וארן אן גיקלייד אין איין אנדרן רוח אונ האבן גיבוירן שת אונ פון [...]ם איז ארויס גיקומען אלי דורות הצדיקים אויף דער וועלט אונ הקב"ה האט גימערט דעם חסד אויף דר וועלט ׃

[...] תעשוק את רעך וגו' ביומו תתן שכרו ולא תבא עליו השמש כי עני הוא דוא זאלסט זעהן אז די זון זאל ניט אונטער גיין איידר דו גיסט אים [...]פ זייני שכירות ווארום עס זאל חלילה דיין זון ניט אונטער גיין דו [...]עסט איבר דעם שטארבן פאר דר צייט • פון דאנן לערנן מיר אפ [...]ו איינר איז מחיה דעם נפש פון איין ארוכין חאטשי דיא צייט איז [...]ין גיקומן דער מענטש זאל שטארבן איז אים הקב"ה אויך מחיה [...]ין נפש אונ איז אים מוסיף יארען ווייל ער האט מחיה גיוועזן דעם [...]פש פון דעם ארומאן • קום אונ זעה דר וואס האלט איין דעם שכר [...]ן דעם ארומאן איז גלייך ווייא ער נעמט בייא אים צו זיין נפש מיט [...]עם נפש פון זייני בני בית ער דר קערצט זייער לעבן אזו איז אים נאט [...]ייך מקצר זיין נפש אונ זייני יארן פון יענער וועלט דען די היץ פון [...]ין מויל וואס ער הט ניט גיגעסן גייט ארויף פר הקב"ה דר נאך אז [...]ר גיט אים ניט אפ זיינע שכירות גייט ארויף דער נפש פון דעם [...]רומאן אונ פון זיינע בני בית אונ שטייען פאר הקב"ה דרום אפילו [...]ם איז נגזר גיווארין אויף דעם מענטשן כמה טובות אין כמה יארין [...]ערט דם אפ גיטאן פון אים אונ די גזרה טובה ווערט צו ריסן אונ [...]ין נפש גייט ניט ארויף למעלה דרום האט רבי אבא גיזאגט רחמנא [...]שזבן הקב"ה וואס ער איז איין רחמן זאל אונז מציל זיין פון זיי אונ פר [...]ער שעמונג • אונ דם גייט אן אפילו דר פועל איז איין עושר אזו ווי [...]ם שטייט ואליו הוא נושא את נפשו עס שטייט סתם נפשו איטליכן נפש [...]פילו פון איין עושר ומכל שכן פון איין עני • אונ דרום פלעגט רב [...]מנונא אזו צו טאן אז ווי באלד זיין פועל איז אוועק גיגאנגן פון דר [...]רבט הט ער אים תיכף באצאלט • אונ הט אים גיזאגט נעם דיר [...]פ דיין נפש וואס דו האסט מיר גיגעבן בהאלטן אונ אפילו דר פועל הט אים גיזאגט לאז מייני שכירות זיין ביי דיר איך דארף זייא ניט האט ער אים גיזאגט מה דאך דיין גוף איז מיר ניט גיגעבן גיווארן פאר איין פקדון מכל שכן דיין נפש איז מיר בוודאי ניט גיגעבן גיווארען פאר איין פקדון דען דיין נפש איז נאר איין פקדון בייא הקב"ה אזו וויא עס שטייט בידך אפקיד רוחי • זאגט רבי חייא וויא אזו איז דער דין אז ער גיט אנאנדרן בהאלטן זייני שכירות • זאגט רבי אלעזר אפילו דר בעל הבית אליין אז ער הט אים גיצאלט אונ דער נאך הט אים דער פועל גיגעבן בהאלטן די שכירות איז אויך מותר אונ ער איז ניט עובר אוף לא תלין ווארום עס שטייט לא תלין פעולת שכיר אונ נאך שטייט ולא תבא עליו השמש אבער אז ער הט אים שון אפ גיגעבן הייסט שוין ניט פעולת שכיר • קום אונ זעה עס איז ניט פאר האנדן קיין טאג עס זאל דרויף ניט שולט זיין דר יום העליון אונ אז ער גיט ניט אפ דעם פועל זיין שכר מיט זיין נפש איז גלייך וויא ער וואלט פוגם אונ מחבל גיוועזן אין דעם יום העליון דרום שטייט ביומו תתן שכרו אונ ווידר שטייט לא תבא עליו השמש אויך שטייט לא תלין דען זיין נפש גייט ניט ארויף אונ דר נפש פון דעם עני מיט די בני בית גייען ארויף אזו ווי מיר האבין אויבן גיזאגט ׃

לא תקלל חרש ולפני עור לא תתן מכשול דר פראסטר פשט איז אזו ווי דאס משמעות פון דעם פסוק אבר מיר האבן אין דר פרשה גלערינט אנדרי זאכן אונ איינס הענגט אן אין דעם אנדרן • קום אונ זעה דר וואס ער שעלט דעם חבר אין דיא אויגן אונ ער פר שעמט אים איז גלייך ווי ער הרגעט אים אונ דר פסוק זאגט אן לא תקלל חרש דו זאלסט אים ניט שעלטן אפילו ער איז ניט דר ביי ווארום אז ער שעלט דעם חבר אזו גייט דאס ווארט ארויף דען עס איז ניט פאר האנדען איין דיבור עס זאל ניט זיין קיין קול דר ביי אונ דם קול גייט ארויף אונ כמה רוחות וכחות הדינים בהעפטן זיך אין דעם קול אונ זייא זענן זיך מתעורר אין דעם ארט וואס הייסט תהום רבה דען דארטן זענען פאר האנדען כמה משחיתים אונ זייא דער וועקן זיך אלי אויף דעם מענטשן וואס לאזט ארויס איין שלעכט ווארט פון דעם מויל דאס מיינט דער פסוק לא תקלל חרש אונ ולפני עור לא תתן מכשול מיינט מען אז איינר מאכט זינדיגין זיין חבר אדער ער שלאגט זיין גרויסען זון אדר ווען איינר איז נאך ניט ראוי צו פסקנן שאלות אונ דינים אונ ער פסקנט איז ער עובר ולפני עור פר איין בלינדן מענטשן לא תתן מכשול זאלסטו אים ניט מכשיל זיין לעולם הבא דען ער ווייסט ניט אונ טוט איין עבירה דורך דיר אבער דער וואס גייט בדרך הישר אונ לערינט די תורה אזו וויא עס דארף צו זיין דער האט איין חלק טוב בעולם הבא דען דאס ווארט וואס גייט פון זיין מויל גייט עס ארויף אונ כמה עליונים קדושים בהעפטן זיך אין דעם אונ עס גייט ארויף בדרך הישר אונ עס ווערט גיקריינט בעטרות קדושים אונ עס ווערט גיוואשן אין נהר פון עולם הבא וואס ער ציהט זיך פון דעם גן עדן עס איז גרויסי סודות אזו קומט די תורה אויף דעם נהר אונ ווערט דארטען באהעפט אונ עס קומט אראפ איין אור עליון אונ ווערט גיקריינט אויף דעם מענטשן אין דעם דאזיגן טאג אבר ווער עס איז עוסק בתורה ניט אזו וויא עס איז רעכט עס זאל זיין בדרך אמת ובדרך הישר אזו אז דאס ווארט גייט ארויף קערט זיך איטליכר אפ פון דעם וועג זיי זאלין זיך ניט מחבר זיין אין דעם אונ אלי זענען עס דוחה אוועק פון זיך עס קען קיין ארט ניט גיפינן אונ ווער האט דם

[...]דם גיוועזן ווייל ער איז ניט גיגאנגען בדרך הישר דרום שטייט ולפני
[ע]ור לא תתן מכשול אונ ווידר שטייט ויראת מאלהיך אני ה׳ אונ ווער עס הט
[ק]יינער חשק צו לערנן תורה נאר ער הט ניט ווער זאל מיט אים לערנן
[נ]אר מחמת גרוים חשק לערינט ער אליין אונ איז מגמגם דס הייסט
ער לערינט ניט רעכט נאר ער גרייזט זייער אזו גייט איטליכס
ווארט ארויף אונ הקב״ה פרייט זיך דר מיט אונ איז דס מקבל אונ
[פ]לאנצט עס ארום דעם נחל אזו ווערט דס ערבי נחל אזו ווי עס שטייט
באהבתה תשגה תמיד מחמת גרוים אהבה צו דר תורה טוט ער גרייזין
אין איר אונ פון דעסט וועגין איז דאס אן גינומן פר הקב״ה אונ דוד
המלך הט גיבעטן הורני ה׳ דרכך אהלך באמתך ווייז מיר דיין רעכטן וועג
אונ איך זאל לערנן דעם אמת פון דר תורה ונחני באורח מישור וגו׳ וואל
צו די וואס ווייסן דעם וועג פון דר תורה אונ זעגן עוסק אין דר תורה
בדרך הישר דען ווערט פון דער תורה גיפלאנצט איין עץ החיים
למעלה אונ דרום שטייט תורת אמת היתה בפיהו איז דאך קשה איז דען
פר האנדין איין תורה וואס זיא איז ניט אמת אלא אזו ווי מיר האבן
אויבן גיזאגט אז מען זאל לערנן תורה מיט אמת אונ לשמה אבער
ניט אזו ווי דער מענטש וואס ער פסקנט שאלות אונ דינים אונ ווייסט
ניט צווא עס איז אמת דען ער קען נאך ניט רעכט · אונ פון דעסט
וועגן זאל אמענטש לערנין פון אזו אמענטשען אויך דען חאטשע
ער לערינט ניט בדרך אמת דען דורך דעם וועט דיא תורה אויף
אים דאך מעורר זיין ער זאל זיא לערנען לשמה · קום אונ זעה
אמענטש בדארף לערנין תורה אפילו שלא לשמה דען דורך דעם
וועט ער קומען לשמה :

לא תשנא את אחיך בלבבך הוכח תוכיח את עמיתך אז אמענטש הט ליב דעם
אנדרן זאל ער אים שטראפין כדי ער זאל ניט גישטראפט ווערן
דורך אים אזו וויא הקב״ה טוט אזו וויא עס שטייט כי את אשר יאהב ה׳
יוכיח וועמען הקב״ה האט ליב שטראפט ער אים אזו זאל דר מענטש
אויך טאן פריער זאל ער אים שטראפן שטילער הייד איז ער מקבל
איז גוט אונ אויב ניט זאל ער אים שטראפין צווישן זייני ליב האבר
אונ בשעת דר בית המקדש איז גישטאנען אונ עס איז גיוועזן איין
כהן גדול פלעגט אזו זיין אז אמענטש הט גטאן איין עבירה פלעגט
אים הקב״ה געבין איין חולאת פלעגט ער שלאף ווערין כדי ער זאל
תשובה טאן האט ער תשובה גיטאן איז גוט גיוועזן אונ אז ניט הט
אים הקב״ה גישטראפט מיט זיין געלט אונ אין זיינע קינדער כדי
איטליכר זאל ווייסן אונ איטליכר זאל היידין פון אים הט ער תשובה
גיטאן איז גיוועזן גוט אונ אז ניט האט ער אים שוין גילאזט גיין זיין
וועג אזו אויך זאל אמענטש טאן בתחלה זאל ער אים שטראפן בסתר
דרום שטייט הוכח דאס ערשטע מאל זאל ער אים אליין שטראפען
דר נאך זאל ער אים שטראפן צווישן זייני פריינד אונ חברים דרום
שטייט תוכיח דער נאך זאל ער אים שטראפין אנטפלעקט פאר אלע
דרום שטייט את עמיתך אונ אז ער הערט דיך נאך ניט זאלסטו אים
לאזין גיין אונ ווען דער חבר איז אזוא אמענטש אז חאטשע ער
וועט אים שטראפן בסתר וועט ער אויך פאר שעמט ווערין זאל ער
אפילו בסתר אויך ניט שטראפין נאר ער זאל מיט אים ריידין פון
אנדערע זאכין אונ זאל אים זאגין אז אמענטש טוט אזו איין עבירה
שטראפט מען אים אזו אונ אזו אונ דורך דעם וועט ער שון אליין זיך
דער מאנן אונ וועט תשובה טאן ולא תשא עליו חטא דען אפילו ער מוז

אים שוין שטראפין בגלוי פאר לייטין זאל ער אויך אים ניט זאג[ן]
בפרהסיא דיא עבירה פאר אלע לייט ווארום ער וועט פאר שעמ[ט]
ווערין נאר ער זאל אים אזו שטראפין אז ער זאל אליין דער קיגן א[...]
מען מיינט אים אבער ניט אוים שרייען זיין חטא בפירוש ווארום ע[ר]
וועט מבויש ווערין דען הקב״ה האט חס אויף כבוד הבריות אפי[לו]
אויף רשעים אויך :

מפני שיבה תקום והדרת פני זקן דאס משמעות פון דעם פסוק איז א[...]
וויא דער פשוטר פשט איז אונ אויך האבין מיר גילערינט צ[...]
מען בדארף אויף שטיין פאר איין ספר תורה דען אזו הט רב המנונ[א]
גיטאן אז ער האט דער זעהען איין ספר תורה איז ער אויף גישטא[נען]
אונ הט גזאגט מפני שיבה תקום אז ער האט גיזעהן איין חומש איז ע[ר]
אויף גישטאנען אונ הט אים גטאן איין הידור אונ האט גיזאגט והדר[ת]
פני זקן אזו אויך מוז מען אויף שטיין פר איין תלמיד חכם דען ער א[...]
אקיום פון דר קדושה עליונה אונ איז גלייך צו דעם כח עליון רב[...]
שמעון זאגט ער איז גלייך צו תורה שבכתב ושבעל פה נאך האט[...]
מיר גלערינט דעם פסוק כדרך דרש אזו מפני שיבה תקום דיא תורה זאג[ט]
אן דעם מענטשן ער זאל זיך דער וועקין אונ תשובה טאן כל זמן א[...]
ער איז נאך יונג אונ האט כח מפני שיבה איידר ער ווערט אלט דע[...]
רענקסט מאל הט ער שון קיין כח ניט תשובה צו טאן אונ אמענט[ש]
זאל ניט זאגין איך וועל נאך תשובה טאן ניייערט ער זאל אין ד[י]
יוגינט תשובה טאן אונ דאס איז איין שיינקייט אויף זיין עלטר דרו[ם]
שטייט והדרת פני זקן אונ אז ער טוט ערשט תשובה אויף דר עלטר א[...]
דס ניט קיין גרוסר שבח ווייל ער הט שון ממילא קיין כח ניט צו[...]
טאן עבירות נייערט דר עיקר שבח איז אז אמענטש טוט אין ז[יין]
יוגנט תשובה ווס ער הט נאך כח אונ תאוה צו טאן עבירות אונ ע[...]
איז גובר דעם יצר הרע אונ דרוף זאגט שלמה המלך גם במעלליו יתנ[כר]
נער · וזכור את בוראך כימי בחורותיך גידענק דיין בשעפר אין דיין יוגנט
זאגט רבי אלעזר וודאי איז דר וועג אן גיברייט פר אונז אונ דם א[...]
דר דרך פון הקב״ה · ער הייבט אן עס שטייט כי יודע ה׳ דרך צדיקים וד[רך]
רשעים תאבד נאט ברוך הוא ווייסט דעם וועג פון די צדיקים אונ דע[ם]
וועג פון רשעים ווערט פאר לארן דען הקב״ה גיט ניט מיט זי[...]
נייערט מיט צדיקים צו היטן זייא אונ גוטס טאן מיט זיי אבר ב[יי]
די רשעים שטייט וארח לחברה עם פועלי און אונ ביי דיא צדיקים שטי[יט]
וארח צדיקים כאור נוגה הולך ואור עד נכון היום :

## פרשת אמור

ויאמר ה׳ אל משה אמור אל הכהנים בני אהרן ואמרת אליהם לנפש לא יטמא בע[מיו]
רבי יהודה הייבט אן מה רב טובך אשר צפנת ליראיך פעלת לחוסים [...]
נגד בני אדם וויא גאר גוט איז דר בהאלטנר אור וואס איז פר באר[...]
צו די צדיקים מששת ימי בראשית אונ ער הט עס ניט פר מיטין פון [...]
וועלט דען דס מאכט איין קיום אויף דער וועלט אלי טאג אונ [...]
שטייט אשר צפנת ליראיך דען מיר האבין גילערינט איין אור הגנ[וז]
העליון הט הקב״ה בשאפן בשעת בריאת העולם דאס האט גלייכ[...]
מסוף העולם ועד סופו אונ הקב״ה הט גזעהן אז עס וועט זיין רשע[ים]
אויף דער וועלט אזו הט ער דאס בהאלטן אזו וויא עס שטייט וי[...]
מרשעים אורם אונ דר אור איז אן גיברייט צו דיא צדיקים לעתיד לב[א]
אזו ווי עס שטייט וזרחה לכם יראי שמי שמש צדקה ומרפא בכנפיה קום אונ ז[...]

אז

...אמענטש איז שלאף און בדארף אַוועק גיין פון דער וועלט אזוי
...ן צו אים דריי שלוחים און ער זעהט פיל זאכן וואס ער האט פריר
...ט געזעהן און דער טאג איז דער יום הדין הגדול והנורא העליון דאס דער מלך
...ערט אפ צו נעמען זיין פקדון דאס איז די נשמה וואול איז צוא דעם
...נטשן וואס ער גיט אפ דעם פקדון דאס איז די נשמה אזוי וויא מען
...ה זי צו אים געגעבן בקדושה ובטהרה אבער אז זיין נשמה איז פאר
...ירט געווארן פון דעם טינוף הגוף דאס דער מענטש איז נאך נגאנגען
...ך תענוגים וואס וועט ער זאגן צוא זיין הערן פון זיין פקדון ער
...בט אויף זייני אויגן און זעהט דעם מלאך המות ער שטייט פאר
...ט און אבלוזי שווערד איז אין זיין האנט און ער ווערט גשטראפט
... אלי זייני אברים זייא ווערן איין גשרומפן עס איז ניט דא קיין
...ארקרי יסורים ווי בשעת דער נפש שייד זיך אפ פון דעם גוף ווען
... איז דער שטארקסטער דין און ער שטארבט ניט ביז ער זעהט די
...ינה און מחמת דעם גרויסן תענוג וואס דער נפש האט צו דער שכינה
...ט זי ארויס אקעגן דער שכינה און אז דאס נפש גייט ארויס בלייבט
... גוף אליין דרום שטייט לנפש לא יטמא בעמיו ווען דאס איז זייער
...סטיקייט זיי זאלן זיך בהעפטן אויף דעם ארט ווי די קדושה איז
...ן דרום ווייל די כהנים האבן מער קדושה ווי אנדרי אזוי ווי עס
...יט ביי זיי כי נזר אלהיו על ראשו דרום זענען זיי אן גזאגט געווארן זיי
זאלן זיך ניט מטמא זיין צו דער טומאה פון איין גוף מת :

...ר או שה אותו ואת בנו לא תשחטו ביום אחד פרעגט רבי יהודה פאר וואס
זאל מען ניט מעגן קולין די בהמה מיט איר ולד אין איין טאג
...ב דו וועסט זאגן דאס איז מחמת דעם צער פון דער בהמה · לאז
...ן קולין איטליכס אין איין בזונדער חדר זיי זאלן זיך ניט זעהן אדער
...ס שפעטער פון דעם אנדערן אבער אין דעם אייגנם טאג · האט אים
...ר פון דער חבריא גזאגט קום און זעה מיר האבין גלערינט עס
... זייער גוט איין תענית צוא איין חלום אזוי וויא איין פייער צוא
...עקליך פלאקס און דווקא אין דעם אייגנם טאג ניט אין דעם
...דרין ווען עס איז ניט פאר האנדן איין טאג אויף דער וועלט וואס עס
... אויף אים ניט שולט זיין טאג למעלה און אז ער פאסט דעם טאג
... איין חלום האבן מיר גלערינט אז דער טאג גייט ניט אוועק ביז
... איז מבטל די גזירה און אז ער לייגט אפ דעם תענית אויף אנדערן
...ב דא איז שוין די ממשלה פון דעם אנדערן טאג און איין טאג גייט
... אריין אין דעם גבול פון דעם אנדערן דרום מוז מען נאר פאסטן
... דעם טאג·אזוי אויך זאל איין מענטש זיין גהיט ער זאל ניט זינדגן
... דעם טאג וואס ער זינדיגט האט למעלה אויף זיך אויך איין יום
...ן וואס ער איז איבר אים און דעם טאג וואס ער זינדיגט ווערט ער
...ם אקעגן די אנדרי טעג און מיר האבן גלערינט אז עס איז אליץ
... נאך דעם התעוררות פון דעם מענטשן לספה אזוי ווי ער איז זיך
...עורר לכמטה איז זיך מתעורר אויבין דער כח העליון איז זיך דער
...מענטש מעורר און טוט חסד אויף דער וועלט דער וועקט זיך אויבין
... דער חסד און רועט אויף דעם טאג און ער ווערט גיקריינט פון
...ט ווען מיט חסד · און אז ער דער וועקט זיך אויף דער וועלט מיט
...מים דער וועקט ער אויבין דעם רחמים אויף דעם טאג און דער טאג
...ט גיקריינט מיט רחמים פון זיינט וועגן דרום איז דער טאג שוין
...אפוטרופוס בשעת דער מענטש בדארף האבן חסד אדר רחמים
...דער טאג פר אים אמליץ יושר אויבן · דעסט גלייכן פר קערט אז

דער מענטש טוט חלילה אכזריות אויף דער וועלט אזוי דער וועקט זיך
אויבן אכזריות צו פר דארבן אים פון דער וועלט דען מיט דער מאס
וואס דער מענטש מעסט זיך אויף דער וועלט מעסט מען אים צו ריק ·
מיר האבן גלערינט אז די מדה פון אכזריות איז פר מיטן פון דיא
ישראל זיי דארפן צו זיין רחמנים וואול צו די מענטשן וואס ער טוט
דא אויף דער וועלט גוטי מעשים דען איז פר האנדן כמה שרים וואס
זיי הייסן עיני ה' זיי זענען משגיח אויף די מעשים פון דיא מענטשן דען
מיט די מעשים פון אונטן דער וועקט ער זיי אויבן זיין גלייכן :

וספרתם לכם ממחרת השבת מיום הביאכם את עומר התנופה רבי אבא מיט
רבי חייא זענען גגאנגען אין וועג זאגט רבי חייא וואס מיינט
דער פסוק מיט דעם ספירת העומר זאגט רבי אבא די חבריא האבן
דאך שון מפורש גוועזן דעם טעם·אבער קום און זעה אז דיא ישראל
זענען גוועזן אין מצרים זענען זיי גוועזן אין רשות פון דער טומאה אזוי
ווי איין אשה נדה אין איר טומאה און אז זייא האבן זיך מל גוועזן
און זענען אריין גינאנגען בחלק הקדושה וואס הייסט ברית האט זיך דיא
טומאה פון זיי אפ גטאן אזוי וויא ביי איין אשה נדה דאס דער דם
הערט אויף · ביא איר שטייט וספרה לה שבעת ימים זיא זאל אפ ציילין
זיבין טאג איידער זיא ווערט טהור אזוי דא אויך שטייט וספרתם לכם
איר זאלט אייך ציילין כדי איר זאלט ווערן גריינינט במים עליונים און
דער נאך וועט איר זיך בהעפטן צו הקב"ה און וועט מקבל זיין דיא
תורה דען אין חג השבועות האבין זיי זיך בהעפט צו הקב"ה מיט
דער תורה· קום און זעה וועלכר מענטש וואס ער ציילט ניט קיין
ספירה, ער זאל זוכה זיין צו דער טהרה הייסט ער ניט טהור און איז
ניט בכלל טהור און איז ניט כדאי האבין איין חלק אין דער תורה ·
אבער ווער עס ציילט די ספירה און האט ניט פאר געסין איין מאל
צו ציילן ספירה אזוי אז עס קומט די נאכט פון שבועות זאל ער זיך
משתדל זיין אין דער תורה און זיך בהעפטן אין איר און צוא היטן
די טהרה עליונה וואס עס קומט אויף דער נאכט און מיר האבן גלערנט
די נאכט פון שבועות זאל מען לערנען תורה שבעל פה און ביי טאג
תורה שבכתב און זאל זיך בהעפטן אין זיי אזוי ווערן זיי גפונען אויבן
ביידי בנאנד די תורה שבכתב מיט דער תורה שבעל פה און מען
רופט אום אויף אים ואני זאת בריתי אותם אמר ה' רוחי אשר עליך ודברי אשר
שמתי בפיך וגו' און דרום האבן די חסידים הראשונים ניט גישלאפן די
נאכט און האבן נאר גלערינט אין דער תורה און האבן גזאגט מיר
וועלן ברענגן אהיילגי ירושה צו אונז און צו אונזרי קינדר אין ביידי
וועלטין · דען די נאכט ווערט די כנסת ישראל גיקריינט זיא קומט
זיך מחבר זיין מיט דעם מלך און די תורה וואס מען לערינט די נאכט
ווערט גיקריינט אויף איר קאפ · רבי שמעון האט אזוי גזאגט צוא דער
חבריא אז זיי זענען גגאנגען לערנען די נאכט קומט מיר דארפן מתקן
זיין די תכשיטין פון דער שכינה כדי זיא זאל מארגן זיין אום גיפירט
מיט אירי תיקונים אזוי ווי עס דארף צו זיין · וואול צוא דער חבריא
וואס זיי לערנען קבלה דען קיינר קען ניט מאכין די תכשיטין אזוי ווי
זיי קענען אשרי חלקם בעולם הזה ובעולם הבא ווייטער זענען גרוסי סודות· זאגט
דרוף רבי חייא ווען איך וואלט ניט זוכה גוועזן צו זיין אויף דער וועלט
צו הערן סודות נאר דאס אליין וואלט איך גינוג גוועזן וואול צו די וואס
לערנין תורה און ווייסן דעם וועג פון דעם מלך הקדוש ווען זייער
ווילן איז צו דער תורה אויף זיי זאגט דער פסוק כי בי חשק ואפלטהו אשגבהו וו

ילקחתם לכם ביום הראשון רבי שמעון זאגט עס שטייט כל הנקרא בשמי ולכבודי בראתיו יצרתיו אף עשיתיו דס מיינט מען איין מענטשין וואס הקב"ה האט אים גרופן זיין נאמן אזו ווי עס שטייט ויברא אלהים את האדם בצלמו אז דר מענטש טוט אמת ומשפט איז זיין נאמן אלהים אזו ווי עס שטייט אלהים לא תקלל מיר האבן גלערינט אין ספר פון שלמה המלך בשעת דער מענטש איז זיך מזווג שיקט הקב"ה אראפ איין גשטאלט ווי אזו ער זאל גבארין ווערן· אונ ווען עס זאל זיין רשות צו די אויגן זייא זאלן זעהן וואלט מען גקאנט זעהן ווי אויף זיין קאפ שטייט גצייכנט דס זעלביגי גשטאלט אזו ווי עס שטייט ויברא אלהים את האדם בצלמו דער צלם גייט פאר אים איידר ער קומט אויף דער וועלט אונ דר צלם איז פון אובן בשעת דיא רוחות גייען ארוס פון זייער ארט פון אובין דען איטליכער רוח איז אן גיברייט פון דעם מלאך הקדוש מיט דעם גישטאלט ווי ער איז דר נאך אויף דר וועלט אונ דר צלם פעדרט זיך פריער אליין אויף דער וועלט בשעת הזיווג אונ עס איז ניט פר האנדן קיין שום זאך אויף דר וועלט וואס עס זאל אין דעם ניט זיין איין צלם אונ אז דער מענטש שטארבט גיין אלי טומאות אוועק פון אים אזו בלייבט זיין גוף איבר אליין אן דער טומאה חאטשי נאך זיין טויט איז ער זיך מטמא אבר פארט ניט אזו ווי פר זיין לעבין אז די טומאה זאל קענין ווייטר מטמא זיין· קום אונ זעה כל זמן די צוויי צללים זענן ביי דעם מענטשן איז דער מענטש גהיט אונ דר גוף האט איין קיום אונ דר רוח רועט אין אים אונ בשעת די צייט קומט ער זאל שטארבין גייען זיי אוועק פון אים אונ איינר ברענגט ארוף דאס אנדערי אזו בלייבט דער מענטש אן שמירה אונ דרום שטייט עד שיפוח היום ונסו הצללים צללים איז טייטש צוויי· קום אונ זעה ראש השנה איז איין יום הדין השי"ת זיצט אויף דעם כסא דין דן צו זיין די וועלט אזו בדארף דר מענטש זיך דער וועקין מיט תשובה דען אין דעם טאג ווערן אלי קוויטלך גשריבין אונ זענין אן גבריית ארוס צו גיין איז ער זוכה אונ טוט תשובה צו רייסט מען זיין שלעכט קוויטל· דר נאך גיט הקב"ה זמן ביז יום כפור טוט ער תשובה איז גוט אונ אוב ניט הייסט הקב"ה חתמנן די קוויטלך· וויי צו דעם וואס די תשובה איז פון אים אפ גטאן איז ער נאך חוזר בתשובה הענגט נאך זיין דין ביז דעם הינטרשטן טאג סוכות דאס איז הושענא רבה דען שמיני עצרת גיהער שון ניט צוא סוכות ער איז שון אבזונדרדר יום טוב אונ דר גמר חתימה דארף זיין דעם הינטרשטן טאג פון סוכות איז ער רעכט חוזר בתשובה אזו ווערן זיי צו ריסן אדר מען האלט זיי אויף אבר אז ער איז חו ניט חוזר בתשובה אזו גיט מען די קוויטלך ארוס פון דעם בית המלך אונ מען גיט זיי אפ צו די שלוחים דאס איז גלייך אזו וויא מען גיט ארוס דער פסק דין צוא דעם תליין ער זאל שוין טאן זיין דין אזו דא אוך דיא שלוחים מיינט מען דעם מלאך המות אונ דיא קוויטלעך קערן זיך שון ניט אום צוריק· אונ די נאכט ווס זיי נעמן די קוויטלך ווערין פון אים אפ גיטאן די צווייא צללים אונ אז דר מענטש זעהט די נאכט דעם צלם ניט אזו ווי אנדרי נעכט איז אסימן אז עס ווערט קומן אויף אים איין דין אדר איין חולאת ר"ל אונ אין די ספרים הראשונים האבין מיר גיפונן אז די לבנה שטייט די נאכט לוטר אונ ער זעהט אויף זיין שאטין נאר זיין גוף אליין אונ דעם קאפ ניט איז אסימן אז ער מוז אוועק גיין פון דער וועלט אונ זיין ווייב אונ קינדער וועלען בלייבן לעבן אונ דס איז נאר אז ער טוט ניט קיין תשובה אבר אז ער טוט תשובה וועט ער פאר זוכין דעם טעם פון דעם טויט אונ וועט בלייבן לעבן אונ אז ער זעהט נאר דעם קאפ אונ דער גוף איז ניט דא איז איין סימן אז זיי וועלן שטארבן אונ ער וועט בלייבן אונ דאס איז נאר אז זייני קינדער זענן נאך קליין אונ זיין ווייב איז אין זיין רשות· אונ אז דיא פיס גייען אפ וועט אים נאך לויפין פיל קראנקייט· אונ אז די הענט גייען אפ וועט נחסר ווערן זייני במעשה ידיו אונ אז דר שאטין לויפט אהין אונ אהער איז אויף אים גיזאגט גיווארן בבוקר תאמר מי יתן ערב ובערב תאמר מי יתן בוקר מחמת די גרויסע צרות ווס וועלן זיין אויף אים· אבר די זכאין די חסידים זעהן אלי גלייך ווי זיי בדארפן היינט שטארבן אונ טוען תשובה שלימה פר זייער הערן אונ בדארפן ניט צו קיין אנדערי זאכן· זכאה איז זייער חלק בעולם הזה ובעולם הבא· קום אונ זעה עס שטייט כל הנקרא בשמי ווי גאר הויך זענן די מעשים פון הקב"ה דס די בריות דאס ער האט אונטן בשאפן האט ער זיי אן גיקניפט למעלה מיט זייערי כוחות אונ אז מען נעמט אונטן צוא טאן אמצוה דער וועקט מען דער מיט אויבן אזו ווי מיר האבן גיזאגט ביי דעם אזוב ועץ ארז· אונ אטייל זאכן איז פאר האנדן ווס זיי זענן זיך מתעורר אין דעם שם הקדוש היינו די פיר מינים פון לולב אתרוג הדס ערבה דס מיט דר מצוה איז מען מעורר למעלה אין דעם שם הקודש אונ אויך בדיבור ובמעשה איז מען אלץ מעורר דעם כח פון אויבען דרום שטייט כל הנקרא בשמי אלי ווס ווערין אן גירופן מעורר צו זיין מיין כבוד אויבען יצרתיו האב איך אים בשאפן צו טאן דר מיט אמעשה אף עשיתיו מען זאל מעורר זיין דעם כח למעלה ווייטר זענן סודות פון דיא פיר מינים פון לולב:

# פרשת בהר

וידבר ה' אל משה בהר סיני וגו' כי תבואו אל הארץ רבי אלעזר הייבט אן זאת תורת העולה היא העולה וגו' קום אונ זעה אז דיא נאכט גייט אוועק אונ די טויערן ווערן צו גיטאן אזו זענן די דינים אונטן מתעורר אויף דר וועלט אונ די גאנצי וועלט שלאפט אונ אויף דעם מזבח של מטה שטייט אש תמיד תוקד ברענט דאס פייער האלבר נאכט דר וועקט זיך איין צפון ווינט אונ פון דעם מזבח של מטה גייט אפלאם אונ דיא טויערן ווערן גיעפינט אונ די כוחות הדינים ווערן איין גיזאמלט אין זייערי לעבר אונ די טויערן פון דעם גן עדן ווערן אויך גיעפינט אונ דר פלאם גייט אונ שוועבט אונ ווערט צו טיילט אויף פיל זייטן פון דר וועלט אונ דר פלאם גייט דם האן אונטר זיינע פליגל אזו קרייט דר האן דענסט מאל איז הקב"ה צווישן די צדיקים אין גן עדן אונ די כנסת ישראל לויבט צוא הקב"ה ביז אין דער פריא דען אין דער פריא דער וועקט זיך דער חסד פון אברהם אונ אלי דינים ווערען גישטילט דרום ווערט איין חולה פרישר אנטקעגען טאג דען דיא דינים ווערין גישטילט ווארום אלי דינים קומין מחמת דינים אויף דעם מענטשן· קום אונ זעה אז די ישראל זענין ארין גיגאנגין קיין ארץ ישראל זענין ניט גיפונין גיווארן די דינים התחתונים אונ דיא שכינה האט גירועט אויף דיא כרובים דענסט מאל האט זי גיהאט איין מנוחה מיט אלעמען דען חאטשי דיא ישראל האבן גיזינדיגט דאך האט מען ניט איבער גינעכטיגט ביז מען האט מקריב גיווען

דעם תמיד של בין הערבים האט ער מכפר געווען אויף די עבירות פון דעם טאג דרום האבין זיך אפגיטאן אלע דינים און דיא עולה האט גיברענט אויף דעם מזבח דען האט די קדושה גיהאט איין מנוחה דרום שטייט כי תבואו אל הארץ ושבתה הארץ דאס גייט אויף דיא כנסת ישראל וואס זיא ווערט אן גירופין ארץ תחיים ארץ חפץ דען ווען זיא זיין בשביתה ומנוחה צו הקב"ה דרום שטייט ושבתה הארץ שבת לה׳ :

וכי תאמרו מה נאכל בשנה השביעית רבי יהודה הייבט אן בטח בה׳ ועשה טוב שכן ארץ ורעה אמונה איטליכער מענטש זאל תמיד נזהר זיין אין זיין הערצין אונ זאל בהעפטין זיין הארץ אין דר אמונה שלימה דס הייסט ער זאל גאנץ זיין מיט הקב"ה אונ אז ער וועט גאנץ זיין וועט אם קיינר ניט קענן טאן קיין שלעכץ · קום אונ זעה מיר האבן גלערינט אז פון דר מעשה וואס די ישראל טוען אונטין זענין זיי מתעורר אובן מיר לערנן עס אפ פון ועשיתם אתם כביכול מיט אייער התעוררות פון אונטין טוט איר אלץ אויבן דרום שטייט בטח בה׳ ועשה טוב מעורר צו זיין דעם כח פון צדיק וואס ער הייסט טוב דאס דער מענטש רועט אויף דר ערד אונ מאכט אלי יחודים בעולמות עליונים אלץ דורך זיינע התעוררות התחתונים קום אונ זעה די בני אמונה דיא ציהן אויף זיך דעם טוב אלי טאג אז זייא גיבן צדקה אונ טראכטין ניט אויף זייער געלט וואס ווערט גימינרט נאר זייא האבין אמונה אין הקב"ה אז ער וועט זייא מער געבן אזו ווי עס שטייט יש מפזר ונוסף עוד אונ מיט דר וועלט איז ער מעורר למעלה אז מען איז אים משפיע טובה ווייל ער זאגט ניט אז איך וועל היינט אוועק געבין וויא וועל איך מארגן נעמן אונ הקב"ה גיט אים ברכות עד בלי די דרום שטייט וכי תאמרו מה נאכל בשנה השביעית שטייט ווייטער וצויתי את ברכתי לכם בשנה הששית איך וועל אייך געבין איין ברכה אין דעם זעקסטין יאר אז דיא תבואה וועט וואקסן אוף דרייא יאר דס זעקסטי אונ דס זיבעטי וואס מען זייעט גאר ניט אונ דס אכטי איידר עס וועט אויף וואקסן · אונ רבי חייא אונ רבי יוסי זענען גיגאנגען אין וועג זענען זייא גיקומן צווישן גרויסי בערג זעהן זיי ווי צוויי לייט גייען אין דעם איז איינר גיקומן צו זיי אונ זאגט צו זיי איך בעט אייך גיט מיר ברויט צו עסן אזו האט איינר פון די צוויי ארויס גינומן ברויט אונ האט אים גיגעבין אין גאנצין זיין ברויט וואס ער האט בדארפט האבין פון זיינט וועגין אונ האט אים אויך גיגעבין וואסר צו טרינקן זאגט דר אנדרר צו אים ווי וועסטו נעמין עסן דען איך וועל דיר פון מיין עסין ניט געבין זאגט ער וואס האט דס צו דיר איך בין דען גגאנגן מיט דיר עסין אונ ער האט זיך גיזעצט לעבין דעם עני ביז דר עני האט אפגיגעסין אונ וואס עס איז איבר גיבליבן האט ער דעם עני מיט גיגעבין אונ דר עני איז אוועק גיגאנגין זאגט רבי חייא הקב"ה האט ניט גיוואלט מיר זאלין טאן דיא מצוה זאגט רבי יוסי טאמער איז אויף דעם מענטשין איין גזר דין נגזר גיווארן דרום האט אים הקב"ה צו גישיקט די מצוה כדי ער זאל דורך דעם ניצול ווערין פון דר גזירה אזו זענין זיי גיגאנגין האבין זיי גיזעהן ווי דר מענטש איז מיד גיווארין אויף דעם וועג זאגט דר אנדערר צו אים האב איך דען ניט גיזאגט דוא זאלסט דיין ברויט ניט אוועק געבין זאגט רבי חייא צוא רבי יוסי מיר האבין דאך ברויט דארפין מיר אים געבין זאגט רבי יוסי דו ווילכט ביי אים דעם זכות אוועק נעמין מיר ווילן זיין וועלין מיר זעהן דען איך זעה אין זיין פנים איין כלאם פון מיתה אונ הקב"ה האט דס אים צו גישיקט כדי ער זאל דורך דעם ניצול ווערין פון מיתה דר ווייל זעהן זיי ווי דער מענטש האט זיך גיזעצט אונטער אבוים אונ איז אנטשלאפין גיווארין אונ זיין חבר האט זיך גיזעצט ווייט פון אים זאגט רבי יוסי מיר דארפין זיך זעצין וועלין מיר זעהן וואָרום הקב"ה וועט אים בוודאי טאן איין נס דר ווייל זעהן זיי ווי עס שטייט ביי אים איין פלאם פייער זאגט רבי חייא ווייא צו דעם מענטשין ער וועט אצונד שטארבין זאגט רבי יוסי דר מענטש איז פיל זוכה דען הקב"ה וועט אים טאן איין נס דר ווייל זעהן זייא ווי איין שלאנג נידרט אראפ פון דעם בוים אונ וויל דעם מענטשין הרגנין אזו קומט דס פייער אונ הט דעם שלאנג פר ברענט אונ דר פלאם הט ארום גירינגילט זיין קאפ אונ איז אוועק גיגאנגין זאגט רבי יוסי האב איך דיר דען ניט גיזאגט אז הקב"ה וועט אים טאן איין נס אונ דו זאלסט זיין זכות ניט אוועק נעמין דר ווייל הט זיך דר מענטש אויף גיחאפט פון זיין שלאף אונ וויל אוועק גיין האבין אים רבי יוסי מיט רבי חייא אן גינומען אן האבין אים גיגעבין עסין נאך דעם עסין האבין זיי אים גיוויזין דעם נס וואס הקב"ה האט מיט אים גיטאן זאגט רבי יוסי עס שטייט בטח בה׳ ועשה טוב וואול צו דעם מענטשין וואס ער גיט צדקה אונ פאר זיכערט זיך אין הקב"ה דרום שטייט וצדקה תציל ממות ווארום די צדקה הט איין אחיזה אין דעם עץ החיים אונ דער עני איז בהעפט אין דעם אילן המות אונ מיט דער צדקה דר וועקט דר עץ החיים מחייה זיין דעם עני וואס ער איז חשוב כמת דרום איז דס אים אויך מציל פון דעם טויט :

## פרשת בחוקותי

אם בחוקותי תלכו דאס איז די תורה שבעל פה וואס אין דעם הענגין אן אלי דינים אונ עונשין אונ פקודין אונ משפטים תשמרו דאס איז תורה שבכתב אונ די צווייא תורות זענין אלץ איינס זייא זענין דר כלל פון דעם שם הקודש אונ ווער עס איז עובר אויף דר תורה איז גלייך ווי ער איז פוגם אין דעם שם הקודש פון הקב"ה ועשיתם אותם עס שטייט אתם אן איין וא"ו כביכול אז ער האלט די תורה איז גלייך וויא ער מאכט דעם שם · אונ גלייך ווי ער הט אלץ גימאכט דעסט גלייכן שטייט ויעש דוד שם איז קשה הט דען דוד גימאכט דעם שם נאר ווייל ער איז גיגאנגין אין דעם וועג פון דר תורה ומצות אונ האט גיפירט דיא מלוכה אזו וויא עס דארף צו זיין איז גיוועזן גלייך וויא ער האט גימאכט דעם שם כביכול אונ עס איז ניט גיוועזן קיין שום מלך אויף דער וועלט ער זאל אזו זוכה זיין וויא דוד המלך דען ער איז אויף גישטאנין האלבי נאכט אונ הט זיך משבח גיוועזן אונ הט גילערינט תורה ביז דער שם הקודש איז ארויף גיגאנגין בכסא הכבוד דאס איז גיוועזן ביז טאג דרום שטייט אם בחקותי תלכו · ועשיתם אותם אז איר וועט עוסק זיין מתקן זיין דעם שם הקדוש מיט תורה שבכתב ושבעל פה כיחוד אחד וועלין ביי אייך דיא ברכות גיפונען ווערין מתוקן אזו וויא עס דארף צו זיין :

ונתתי גשמיכם בעתם ונתנה הארץ יבולה ועץ השדה יתן פריו איטליכער בזונדער וועט געבין זיין כח אויף אייך ווייל איר האט גיהיט דעם שם הקודש אזו ווי עס שטייט ושמרו דרך ה׳ לעשות צדקה ומשפט איז דאך קשה אז עס שטייט שוין ושמרו דרך ה׳ נאך וואס שטייט נאך לעשות צדקה ומשפט נאר דער וואס היט דעם דין פון דער תורה איז גלייך וויא ער האט גימאכט כביכול צדקה ומשפט דאס הייסט דער יחוד פון דעם שם הקודש

הקודש · רבי שמעון וויינט אונ זאגט ווייא צו די מענטשין דען זייא ווישין ניט אונ זענען ניט משגיח אין דעם כבוד פון זייער האר ווארום ווער מאכט דען דעם שם הקדוש דר וואס גיט צדקה צו איין עני ווארום דר עני איז בהעפט אין דעם דין אונ זיין עסין איז פון דין ער האט ניט פון זייעם גאר ניט נייערט וואס מען גיט אים אזו וויא די לבנה האט פון זיך גאר ניט קיין ליכט נאר וואס זיא נעמט פון דר זון · קום אונ זעה פר וואס איז איין עני גליך וויא איין מת ווייל דאס ארט וואו ער איז בהעפט איז דאס אים גורם אונ ווער עס איז זיך מרחם איבר אים רועט אוף אים דר עץ החיים וואס ער הייסט צדקה אזו וויא עס שטייט וצדקה תציל ממות אונ דרום איז די צדקה גרעשער פון אלין דינג אזו וויא ער גיט פון אונטין צדקה צו דעם עני אזו דר וועקט זיך פון אובין אויך אזו איין גלייכן אונ ער דר וועקט צדק ומשפט אזו ווערט דר שם הקדוש ביחודו וואול צוא דעם מענטשין וואס ער איז זוכה צו מאכין דעם שם הקודש אונ דאס איז דווקא ווען ער גיט צדקה לשמה דס הייסט זיין כוונה איז נאר פון השי"ת ווענין ניט ער זאל זיך דער מיט בארימען אונ עס דארף נאר זיין בסתר אז קיינר זאל ניט ווישין דען איז ער גורם דאס דער שם ווערט גאנץ אזו וויא עס שטייט בצדקה תכונני דרום שטייט ועשיתם אותם ער איז מייחד הקב"ה מיט דיא כנסת ישראל:

ונתתי שלום בארץ רבי יוסי זאגט עס שטייט רגזו ואל תחטאו דעם פסוק האבן מיר שון מפורש גיוועזן דס דער מענטש זאל אן רייצין דעם יצר טוב איבר דעם יצה"ר אונ עס דארף אזו צו זיין אבר בשעת עס ווערט נאכט אונ דר מענטש לייגט זיך שלאפין דא דער וועקין זיך כמה בעלי דינים אונ די שלוחי הדין גייען ארום אונ שוועבין אוף דר וועלט אין דר צייט דארף דר מענטש ציטרין אונ זיך פארכטין פר הקב"ה דס ער זאל ניט אריין פארין אין זייערי הענט חלילה זיי זאלין אויף אים ניט שולט זיין אונ דער מענטש דארף זיך היטין ער זאל קיין שלעכץ ניט ארויס לאזין פון זיין מויל כדי זיי זאלין זיך ניט דר וועקין אויף אים דרום שטייט אמרו בלבבכם על משכבכם ודומו סלה איר זאלט שווייגין פון אלע שלעכטע זאכין · קום אונ זעה בשעת דיא ישראל זענען זוכה פר הקב"ה שטייט ונתתי שלום בארץ איז זיך הקב"ה מחבר מיט די כנסת ישראל ושכבתם ואין מחריד איר וועט זיך לייגן אונ קיינר וועט אייך ניט דער שרעקין פאר וואס ווייל והשבתי חיה רעה מן הארץ דס מיינט מען אגרת בת מחלת מיט איר חברותא די קליפות וועלן אויף אייך קיין שליטה ניט האבן ניט ביי נאכט אונ ניט ביי טאג אונ די לייט וואס זענין פון זייער צד וועלין אין אייך קיין שליטה ניט האבן דרום שטייט וחרב לא תעבור בארצכם · רבי אבא זאגט וחרב לא תעבור בארצכם אפילו זייער חברותא וועט ניט איבר פארין והשבתי חיה רעה מן הארץ דס עס וועט ניט שולט זיין די גוים וועלן איבר פארן איבר אייך האטשי אפילו אן כלי זיין וועלן זייא ניט איבר פארן אוף אייך אונ דס הט גידרשת יאשיהו המלך בשעת אז ער איז נתפס גווארן איבר חטאים פון דיא ישראל אזו וויא עס שטייט רוח אפינו משיח ה' נלכד בשחיתותם אין דעם פסוק איז דאך קשה אמער מיר האבין דאך גילערינט אז דר ראש פון דעם דור איז איין צדיק ווערין אלי ניצול אין זיין זכות אונ יאשיהו המלך איז דאך גיוועזן איין צדיק אונ איז זייער פרום גוועזן פר וואס איז ער נאך גשטראפט גווארן איבר זיי נאר ווייל ער הט ניט גיוואלט גלייבין צו ירמיהו הנביא דען ירמיהו הט אים גיזאגט אז די ישראל זענן זייער ניט פרום ער זאל זיי שטראפן אונ יאשיהו הט אזו ניט גיטאן ער הט גמיינט אז זיי זענן אויך פרום אזו ווי ער דרום איז ער נתפס גווארן איבר זייערי זינד:

אם בחוקותי תלכו רבי יוסי זאגט עס שטייט מוסר ה' בני אל תמאס ואל תקוץ ווי נאר זענן די ישראל זייער גליבט פר הקב"ה דס ער שטראפט זיי כדי זיי זאלן גיין בדרך הישר זיי זאלן זיך ניט קערן לימין ושמאל אזו וויא עס שטייט כי את אשר יאהב ה' יוכיח וכאב את בן ירצה אונ ווען הקב"ה הט אבר ניט זייער ליב קערט ער אוועק זייני שטראף פון אים ער זאל אים ניט שטראפן אזו ווי עס שטייט אהבתי אתכם אמר ה' איך האב אייך ליב דרום האלט ער אוף זיי די רוט צו שטראפן זייא אלי צייט · קום אונ זעה אז עס דער וועקט זיך דער דין צדק פון הקב"ה אזו דער וועקין זיך פיל שרי דינים מימין ומשמאל מיט פיל פייערדיגע ריטר פון פלאם פייער אונ גיין ארויס אוף דר וועלט צו שלאגן די מענטשן אונ הינטר זיי איז פר האנדן אנדרי ממונים פון פייער צו שלאגן ניין אונ דרייסיג מלקות זיי שוועבין אונ נידרן צוא שלאגין דיא מענטשן דרום שטייט ויספתי ליסרה אתכם איך וועל מערין דעם מדת הדין אייך צוא שטראפן נאר איר זאלט קענן לידן נאר פון דעסט וועגן וועל איך אייך ניט פאר לענדין ווארום הקב"ה זאל חלילה גובה זיין פון דעם מענטשין וואס ער איז שולדיג אקעגן אים וואלט דיא וועלט קיין קיום ניט גיהאט אזו ווי עס שטייט אם עונות תשמר יה אדני מי יעמד:

חסלת ספר ויקרא

# פרשת במדבר

וידבר ה' אל משה במדבר סיני וגו' רבי אבא הייבט אן עס שטייט ויברא אלהים את האדם וגו' בשעת הקב"ה הט בשאפן צו אדם הראשון האט ער אים באשאפין בדמותו אין דעם גישטאלט פון דיא עליונים והתחתונים אונ ער איז גוועזן כלול פון אלי בשעפניש אונ זיין שיינקייט האט גלייכט מסוף עולם ועד סופו אונ אלי האבין זיך פאר אים ניפארכטין אזו ווי מיר האבין שון דס מפורש גיוועזן אוף אנאנדער ארט · נאר עס איז דאך קשה אז עס שטייט שון ויברא אלהים את האדם בצלמו נאך וואס בדארף ער נאך זאגן בצלם אלהים ברא אותו אלא ווייל ער איז גיוועזן כלול פון זכר ונקבה ער איז גיוועזן צווייא צורות דרום שטייט זכר ונקבה ברא אותם אונ ער הט גיזעהן מיט זיין חכמה למעלה ולמטה אונ דר נאך אז ער האט גיזינדיגט איז זיין ליכט גימינערט גיווארין · אונ זיין חכמה איז אוועק גיגאנגן פון אים אונ ער הט שון נאר גזעהן אוף דר וועלט גשמיות אבר ניט פון אובין קיין רוחניות דר נאך הט ער גהאט קינדר זענן זיי גיוועזן אין גישטאלט פון דיא עליונים ותחתונים אונ זיי זענן ביידי ניט גיבליבן ביז ער הט גיהאט איין זון שת פון אים איז די וועלט גיפלאנצט גיווארין אונ די וועלט איז אלץ ניט גאנץ גוועזן אין רעכטין שטאנד ביז אברהם איז גקומין ער הט זי באגריפט בצד ימין דאס איז דורך חסד גלייך וויא איינער

פאלט

לט און מען נעמט אים אן בצד ימין דער נאך איז גקומין יצחק
ב האט זי בגריפט בצד שמאל האט זי שון גיהאט איין קיום דר נאך
י גיקומין יעקב ער האט ערשט גישטעלט די וועלט אויף ארעכטין
שטאנד פון דעסט וועגן איז זיא נאך ניט גיפלאנצט גוואָרן ביז ער
ט גיווינין דיא צוועלף שבטים און דר נאך איז נשלם גיוואָרין דיא
בעים נפש איז זי ערשט גיפלאנצט גיוואָרין דאך איז זיא נאך ניט
כט נשלם גיוואָרין ביז די ישראל זענין גישטאנין אויף דעם בארג
י און האבין מקבל גיוועזן דיא תורה און דער משכן איז אויף
טעלט גיוואָרין האט ערשט די וועלט ארעכטין קיום גיהאט און איז
כט מיושב גיוואָרין און די עליונים ותחתונים זענין מיושב גוואָרן
ב אז די תורה מיט דעם משכן זענין אויף גריכט גוואָרן האט הקב"ה
ערט צו ציילן די חיילות · קום און זעה אלץ וואס מען וויל מיישב
ן אויף איין אָרט קען עס ניט זיין מיושב נייערט מען זאל עס
ילן און מען זאל עס פון דעם מול ארום ריידן אזו אויך דיא תורה
נ דס משכן האט הקב"ה בגערט צו ציילן די חיילות פון דר תורה
נ פון דעם משכן און אלי זענין אלץ איינס זיי שיידין זיך ניט אפ
ן אנדער אזו וויא אובין און דרום שטייט במדבר סיני און באהל מועד
ינם ווייזט אויף דר תורה און איינם אויף דעם משכן כדי ער זאל
כולל זיין אזו ווי אובן איז די תורה מיט דעם משכן איינס באחד
ודש השני רבי יצחק הייבט אן ה' זכרנו יברך יברך את בית ישראל יברך את
ת אהרן ה' זכרנו יברך דס זענין די מענטשן וואס זענין גציילט גוואָרן אין
ר מדבר און הקב"ה האט זיי גבענטשט און האט מוסיף גוועזן אויף זיי
רכות דען ווען איינר דער ציילט דעם שבח פון זיין חבר סייא ער
בט אים מיט זייני קינדר אדר מיט זיין געלט מוז ער אים בענטשן
ין מוסיף זיין אויף אים ברכות און דאס לערנין מיר אפ פון משה
בינו ער האט גזאגט והנכם היום ככוכבי השמים לרוב שטייט דר נאך ה' אלהי
ותיכם יוסף עליכם ככם אלף פעמים דס זענין צוויי ערלייא ברכות איינס ה'
היכם הרבה אתכם די אנדרי ברכה ויברך אתכם כאשר דבר לכם צו ווייזן איין
רכה איבר דר אנדרר און אז איינר דר ציילט דעם שבח פון זיין
בר און בענטשט אים ניט ווערט ער נתפס צום ערשטין און אז ער
ענטשט אים זוא ווערט ער אויך גיבענטשט כלמעלה און אז ער
ענטשט אים מוז ער אים בענטשן בעין טוב און ניט בעין הרע און
יי אלי זאכן וויל הקב"ה האבן דס ליבשאפט פון דעם הארצין ומה
אך ווער עס בענטשט דעם חבר וויל הקב"ה ער זאל אים בענטשן
ין טוב ובלב טוב ואהבת הלב איז שוין אכל שכן אז ער בענטשט צוא
קב"ה און דרום שטייט ואהבת את ה' אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך
ום און זעה דס קיין ברכה רועט ניט אויף אזו איין אָרט וויא מען
יילט עס · אוב די וועסט פרעגן אמאי האט מען די ישראל גיציילט
רא מען האט זיי ניט גיציילט ביז מען האט ביי זיי גנומן איין כופר נפש
ם הייסט איין אום לייזונג און מען האט זיי פריער גיבענטשט דר
אך האט מען ביא זייא גנומן דעם כופר דר נאך האט מען זיי ווידר
יבענטשט נמצא זענין די ישראל גיבענטשט גוואָרן בתחלה ובסוף
רום האט קיין מות ניט שולט גוועזן אין זיי אבר אז מען ציילט אן
ברכה איז שולט דר טוט דרינן וויל קיין ברכה רועט דארטן ניט
נ דיא ברכה גייט אוועק דר פון אזו איז דיא קללה און דר צד
טומאה שולט און קען מזיק זיין יברך את בית ישראל דס זענין די ווייבר
ס זיי זענען ניט גיוועזן אין חשבון יברך את בית אהרן דס זענין די זכרים

פון אהרן וואס זיי בענטשין די ישראל בעין טוב ובלב טוב ובאהבת הלב דס
הייסט בית אהרן און דר את איז מרבה די ווייבר פון אהרן זיי ווערין
גיבענטשט מיט זייער ברכה יברך יראי ה' דאס זענין די לוים וואס זייא
פארכטין זיך פאר הקב"ה זיי וועלין אלי גיבענטשט ווערין הקטנים עם
הגדולים חאטשי זיי זענין ניט גקומין אין דר צאל וועלין זיי אלי גבענשט
ווערין · קום און זעה די וועסט ניט גפינין קיין שום צאל זיי זאלין אזו
גיבענטשט ווערין אזו ווי די דען די צאל איז נאר גיוועזן אז זיי זאלין
גיבענטשט ווערין און משלים זיין דס שלימות פון די עולמות עליונים
ותחתונים דען די צאל איז גיוועזן פון אזו איין אָרט למעלה וואס אלי
ברכות קומען פון דארטין ארויס דרום שטייט באחד לחודש השני וואס
דר חודש הייסט זיו דס אלי לויטרקייט קומט פון אים ארויס דרום
שטייט יברכך ה' מציון און ווידער שטייט כי שם צוה ה' את הברכה דאס איז
אלץ איין זאך :

איש על דגלו רבי אלעזר הייבט אן שמחו את ירושלים וגילו בה כל מאהביה וגו'
ווי גריכט איז די תורה פר הקב"ה דען אויף איטליכן אָרט וויא
דברי תורה ווערט גיהערט קומט הקב"ה מיט אלי זייני חיילות צוא
הערן און צו פר נעמען זייני רייד און הקב"ה קומט צו וואנען מיט אים
און בענטשט אים אזו וויא עס שטייט בכל מקום אשר אזכיר את שמי אבוא
אליך וברכתיך און אלי שונאים פאלן פר אים · קום און זעה די מצות
פון דר תורה זענען נאר הוה למעלה קומט אמענטש און טוט אמצוה
אזו שטעלט זיך די מצוה פר הקב"ה און זאגט דר מענטש האט מיך
גימאכט דען אזו ווי ער איז מעורר אונטן אזו דר וועקט ער למעלה
אויך און מאכט שלום למעלה ולמטה אזו ווי דר פסוק זאגט או יחזק
במעוזי יעשה שלום לי שלום יעשה לי איין שלום מיינט מען אונטן און איין
שלום מיינט מען אויבין וואל צוא דעם מענטשן וואס ער טוט מצות
התורה שמחו את ירושלים דרום וויל הקב"ה האט ניט קיין חדוה ושמחה
נאר אז די ישראל זענין אין ארץ ישראל דען דארטין איז דר חיבור
פון הקב"ה וכנסת ישראל דעמאלט מאל איז איין שמחה למעלה ולמטה
אבר אז דיא ישראל זענין ניט אין זייער לאנד בדארף זיך אמענטש
ניט משמח זיין און צו ווייזן א שמחה דרום שטייט שמחו את ירושלים וגילו
בה עס שטייט בה דווקא אז זיי זענין אין איר ניט אז זיי זענין אין גלות
רבי אבא האט אמאל גזעהן אמענטש האט זיך משמח גיוועזן ביי איין
שררה אין שטוב אין בבל האט ער אויף אים אנישרייי גיטאן און האט
גיזאגט עס שטייט שמחו את ירושלים וגילו בה ווען ירושלים איז בשמחה
זאלט איר אויך זיין בשמחה אבר ווען ירושלים איז בצער טאר מען
זיך ניט משמח זיין און רבי אלעזר וואס ער טייטשט אזו דעם פסוק
גייט ער נאך זיין טעם נאך וואָרום ער האט גפרעגט איין פסוק שטייט
עבדו את ה' בשמחה מען בדארף דינן גאט בשמחה און איין פסוק שטייט
עבדו את ה' ביראה זענין דאך די פסוקים ווידר אנגדר אלא בשעת דיא
ישראל זענין אין זייער לאנד איז בשמחה און בשעת זייא זענין אין
אפרעמד לאנד איז ביראה נאך אפשט איז עבדו את ה' ביראה יראה
מיינט מען די כנסת ישראל אז זיי זענען אין אפרעמד לאנד אין גלות
פרעגט רבי יהודה עס שטייט דאך כי בשמחה תצאו איז דאך גידרונגן
אז די כנסת ישראל הייסט שמחה זאגט רבי אלעזר בוודאי איז אזו
אז די כנסת ישראל איז אין גלות און ליגט אויף דר ערד בשפלות
ווערט זי ניט גרופן שמחה ביז הקב"ה אליין וועט צו איר קומען און
וועט זי אויף הייבן פון דר ערד און וועט איר זאגן התנערי מעפר קומי

אורי אונ ווערט זיך מחבר זיין מיט איר מיט אננדר דערנאך מאל ווערט היימן די רעכטי שמחה כי בשמחה תצאו דען ווערט אקעגן איר גיין כמה חיילות צו דער שמחת החתונה וואס הקב״ה ווערט האבן מיט דיא ישראל אזו ווי דר פסוק זאגט ההרים והגבעות יפצחו לפניכם רנה אונ ווידר שטייט כי הולך לפניכם ה׳ ומאספכם אלהי ישראל רבי אלעזר בר רבי שמעון זאגט גרוסי סודות אין די דגלים · וואס דו שבטים זענען גנאנגן ארום דעם משכן מיט פיר דגלים דאס איז גלייך וויא דיא מלאכים למעלה זענען ארום דעם כסא הכבוד אונ דאס איז אלץ גיוועזן ווי די מרכבה עליונה דאס קען מען ניט ארוס שרייבן · האט רבי פנחס זיין שווער דר הערט די סודות האט ער צו רבי אלעזר גיקושט אונ האט גוויינט אונ גילאכט אונ זאגט וואל דיין חלק בעולם הזה ובעולם הבא ער האט אן גיהויבן צו זאגן עס שטייט ה׳ אורי וישעי ממי אירא ה׳ מעוז חיי וגו׳ אז דר מענטש איז זוכה צו זעהן אין דעם אור העליון פון הקב״ה אונ הקב״ה דר לייכט אויף אים זיין ליכטיקייט דען האט ער קיין מורא ניט פר די עליונים אונ פר די תחתונים בגריפט אן אין מענטשין האט ער זיך שון ניט צו פארכטן בעולם הבא פר אלי מדות הדינים אזו וויא עס שטייט ה׳ מעוז חיי ועליך יזרח ה׳ וכבודו עליך יראה אזו אויך אז איך בין בגריפט אין דיין פאטער רבי שמעון אונ אין דיר וויא אזוי זאל איך מיך פארכטן בעולם הזה ובעולם הבא אויף דיר איז גזאגט גיווארין דער פסוק ישמח אביך ואמך ותגל יולדתך · ישמח אביך מיינט מען הקב״ה · ואמך דאס איז די כנסת ישראל · ותגל יולדתך דאס זענין דייני פאטר אונ מוטר וואס זייא האבן דיך גיוויגן · עס שטייט בידך אפקיד רוחי פדיתה אותי ה׳ אל אמת זאגט רבי אלעזר איז דאך קשה איז דען אזו דער סדר אז א מענטש זאל געבן דעם מלך עפעס צוא באהאלטין נאר וואל צוא דעם מענטשין וואס ער גייט בדרך המלך הקדוש אונ זינדיגט ניט פאר אים · קום אונ זעה אז דיא נאכט קומט איז דר מדת הדין דאס וואס דער טוט איז אין אים באהעפט איז ער שולט אויף דער וועלט אונ דר עץ החיים גייט ארויף אונ וויל ביי נאכט איז שולט דער כח פון דעם טויט דרום איז דיא גאנצי וועלט טועם טעם מיתה וויל דער מדת איז דאס גורם וואס ער איז דיא צייט שולט דרום זאל זיך דער מענטש פעדערין אונ געבין באהאלטין זיין נפש צוא דעם ארט פון דר קדושה כבירך סקרון גלייך וויא איינר גיט איין פקדון באהאלטין צו זיין חבר חאטשע ער איז אים שולדיג געלט פון דעסט וועגין האלט ער ניט איין דעם פקדון פאר דעם געלט וואס ער מאנט אים וויל ער האט אים גיגעבן בתורת פקדון אזו אויך ביא הקב״ה חאטשע דער מענטש האט גזינדיגט אנטקעגין אים האלט ער ניט איין די נשמה פר איין משכון וויל ער גיט זי אים פר איין פקדון אונ ווערכר יהודי וואס זאגט ניט פר דעם שלאף דעם פסוק איז ער ניט מבני אמונה דרום נעמט דער מדת הדין אלע נשמות צוא זיך אין דער צייט זענען אלע נשמות טועם טעם מיתה אונ דר מדת הדין איז ניט כדאי אז ער זאל ווידר קערן דיא נשמה אין גוף ארין ביז עס ווערט טאג איז שוין דא דער עץ החיים וואס ער איז דורך רחמים דרום איז ער גורם מחיה זיין דיא מענטשן מיט זיין כח איטליכין מיט זיין נשמה אונ דער כח המות ווערט אפ גיטאן פון דער וועלט אויב דוא ווערסט פרעגין עס איז דאך פר האנדן פיל מענטשן וואס שטייען אויף אין מיטין דר נאכט ווי אזו נעמן זיי אפ זייער פקדון איידר דער עץ החיים איז שולט

אויף דר וועלט נאר דס טוט דר מדת הדין פרובין דעם מענטש[…] לראות היש משכיל דורש את אלהים אונ כדי איין מענטש זאל קיין תירו[…] ניט האבין צו זאגן אויב ער וואלט האבן די נשמה וואלט ער אוי[…] גישטאנען ביי נאכט לערנען · זאגט רבי יהודה דיא דרייא אבו[…] זענען אזו ווי איין סגול דעסט גלייכן די כהנים לוים וישראלים זע[…] אויך ווי איין סגול אונ דס איז אלץ איין סוד דס די אלע זענען סגו[…] דס הייסט איין טייערער אוצר צו הקב״ה אזו ווי עס שטייט והייתם סגולה מכל העמים ער זאגט ווייטער סודות פון די דגלים :

רבי שמעון זאגט עס שטייט לדוד אליך ה׳ נפשי אשא וואס האט דוד גימיינ[…] וואס ער האט גישטעלט דעם מזמור מיט איין א״ב · אונ ווי[…] אלע מזמורים וואס זענען גיזאגט גיווארן מיט איין א״ב איז דא א[…] גאנצן דר א״ב אונ דר מזמור גייט אין אים אפ איין וא״ו · אונ ווי[…] פר וואס זאגט מען דעם מזמור נאך שמונה עשרה אז מען פא[…] תחנון · נאר דר טעם איז אז עס קומט דיא נאכט איז איטליכע[…] טועם טעם מיתה דרום מוז מען זיך פעדערין צו געבין דיא נשמ[…] בפקדון להקב״ה אונ אז עס קומט אין דער פריא אונ מען גיט א[…] אפ זיין פקדון דיא נשמה דארף דר מענטש לויבין צו הקב״ה וו[…] ער איז דער נאמן עליון דער נאך זאל ער גיין אין שול ארין אונ[…] קריינען מיט תפילין אונ זיך צוא דעקין מיט איין טלית אונ ציצ[…] אונ זאל זיך אין ערשטן מטהר זיין מיט פרשת הקרבנות אונ אי[…] מקומן · דר נאך אז ער איז אויף זיך מקבל עול מלכות שמים מיט פסו[…] דזמרה פון ברוך שאמר אונ ווייטער די מזמורים וואס דוד המ[…] האט גיזאגט דס איז דר סוד פון מלכות שמים אונ חאטשע דער עי[…] איז דר דיבור וואס דער מענטש טוט ריידן מיט זיין מויל פון דע[…] וועגין הענגט אלץ אן אין דר מעשה אין ערשטן איז ער מקיים מצ[…] ציצית ותפילין דס זענען תפילין של יד וואס מען דארף זייא לי[…] זיצינדיג אונ תפילין של ראש דארף מען אן טאן שטייענדיג ד[…] איז אנטקעגין דיא תפלות וואס מען דארף זייא זאגין זיצינדיג · […] ווידער שמונה עשרה דארף מען זאגין שטייענדיג דען דיא תפ[…] איז גישטעלט גיווארין בדיבור ובמעשה כדי זייא זאלין ביידע […] באהעפט · אבער אז מען איז חלילה פוגם אין דר מעשה פון ציצ[…] אדער תפילין אזו האט דר דיבור פון דר תפלה קיין תיקון ניט […] ער איז פוגם למעלה ולמטה · דען דר מענטש מוז פריער גיזע[…] ווערין מיט רעכטע מעשים דער נאך ווערט אן גינומען דער די[…] פון זיין תפלה אונ זיין תפלה איז גאנץ אונ רעכט וויא […] דעם מענטשין וואס ער איז פוגם אין זיין תפלה וואס זי איז די עבו[…] פון זיין האר · אויך שטייט כי תבאו לראות פני וגו׳ גם כי תרבו תפלה […] שומע איך טו ניט פר נעמן אייערע תפלות דען עס הענגט אלץ[…] אין דיבור ובמעשה אונ אז איין מענטש טוט רעכט תפלה מיט מע[…] ודיבור ווערין דורך אים גיבענטשט די עליונים מיט דיא תחת[…] אונ אז ער איז מתפלל שמונה עשרה זאל זיך אים אוים ווייזן […] ער גייט אוועק פון דעם עולם החיים וואס דיא שמונה עשרה האט […] אחיה אין דעם עולם · אונ אז ער גייט אויס שמונה עשרה זאל […] אים אוים ווייזן אז ער איז גישטראפט אונ ער איז גישטארבן […] איז אן גיהאלטן אין דעם מדת הדין דארטן וואו די מיתה האט […] אחיזה אונ אזו ווי איידר מען האט אים די נשמה אפ גיגעבין ד[…] מוז ער פאלין אויף זיין פנים אונ זאגין לדוד אליך ה׳ נפשי אשא אונ[…]

זיך מוסר נפש זיין צו דר מיתה ניט אזוי ווי ביי נאכט וואס ער גיט אר די נשמה פר איין פקדון · אבר היינט אז ער הט שוין מתוודה גיוועזן אויף זיינע זינד און האט מתפלל גיוועזן און הט מקשר גיוועזן אלע עולמות מיט זיין דיבור ומעשה באדארף ער זיך היינט רעכט מוסר נפש זיין צו דר מיתה גלייך ווי ער וואלט גישטארבען · דרום איז דער מזמור גישטעלט גיווארין אויף דעם סדר א"ב און דרום איז אין אים ניט פר האנדין דם אות וא"ו ווייל זיא איז מרומז אויף דעם עץ החיים און דא איז ער זיך מוסר למיתה · און דיא כוונה דר פון פר וואס ער דארף זיך מוסר זיין למיתה ווארום עס איז פר האנדין פיל חטאים וואס דר מענטש הט דרויף קיין כפרה ניט ביז ער שטארבט אזוי ווי עס שטייט ביי די בני עלי אם יכופר העון הזה לכם עד תמותון און אז דר מענטש איז זיך מוסר נפש למיתה איז גלייך ווי ער וואלט באמת גישטארבן נאר ער זאל זיך באמת מוסר נפש זיין ניט אזוי וויא ביי נאכט וואס ער האט זיא נאר גיגעבין פאר איין פקדון ווי דען נאר באמת ובלב שלם זאל ער זיך מוסר נפש זיין איז דס אויף אים רעכט מכפר אזוי ווי איין רעכטע מיתה איז מכפר אויף די זינד · וואול צו דעם מענטשן וואס ער קאן זיך רעכט מכוין זיין אין זיין תפלה דען איז זיך הקדוש ברוך הוא אויף אים מרחם און איז אים מכפר זיינע חטאים ווייא צו דעם וואס ער בעט צו הקדוש ברוך הוא מיט איין ווייט הארץ אזוי וויא עס שטייט ויפתוהו בפיהם ובלשונם יכזבו לו ולבם לא נכון עמו אז ער זאגט לדוד אליך ה' נפשי אשא נייערט מיט איין שלעכט הארץ איז ער אויף זיך גורם ער זאל שטארבן פר דער צייט בשעת אז עס דר וועקט זיך איין דין אויף דר וועלט דרום דער איטליכר מענטש זעהען צוא בהעפטין זיין נפש ורצון אין הקדוש ברוך הוא און זאל פר אים ניט קומען מיט אפאלש הארץ ווען עס שטייט דובר שקרים לא יכון לנגד עיני ומכל שכן אז ער קומט מייחד צוא זיין דעם שם הקודש און איז ניט מייחד אזוי וויא עס באדארף צו זיין דען גייט ארויס איין קול און זאגט לא יכון לנגד עיני ער איז ניט אן גיב... אנטקעגן מיינע אויגן וואול צו דיא צדיקים בעולם הזה ובעולם הבא אויף זיי שטייט ובאו וראו את כבודי און עס שטייט אך צדיקים ידו לשמך איז גיקומען רבי אלעזר און האט אים גיקושט אין זיינע הענט און זאגט ווען איך וואלט נאר גיקומען אויף דער וועלט וועגין דעם דאס צוא הערין וואלט איך גנוג גיוועזן זאגט רבי יהודה וואול איז אונזער חלק פון די ישראל ווען זייא זענען זיך מדבק אין הקב"ה אזוי וויא עס שטייט ואתם הדבקים בה' אלהיכם חיים כולכם היום און ווידער שטייט ועמך כולם צדיקים וגו' דער אר"י ז"ל שרייבט דער וואס קען ניט רעכט מכוין זיין דעם סוד פון תחנון מוסר צו זיין זיין נפש אויף קידוש השם אין דעם קאפיטל לדוד אליך ה' נפשי אשא איז א גרויסע סכנה און אזוי אויך איז משמע אין ... דרום זאל ניט איטליכר מענטש זאגין דעם פסוק און אויך נאך ... גוער מנהג וואס מען זאגט נאר דאס קאפיטל ה' אל באפך תוכיחני ... ער מען נאר מכוין זיין דיא פירוש המלות און דיא כוונה האבין אנשי כנסת הגדולה גוואוסט אזוי זאל מען טראכטן איז דס גנוג פראסטע לייט · און אין פרשת יתרו שטייט אז איינר טוט א מצוה ... איז מכוין אין איר איז ער רעכט פארטיג פר הקב"ה און אז ער ... זיך ניט מכוין האטשי ער איז דאך איין זכאי דר מיט וואס ער טוט מצוה אבר עס איז ניט אזוי חשיב וויא איינר טוט די מצוה און

איז זיך מכוין אין איר רעכט און זיין מחשבה איז פון זיין הערץ וועגין דען איז ער אלץ מתקן אובין אזוי וויא עס גהער צו זיין דען הקב"ה בגערט פון דעם מענטשן זיין הארץ און זיין ווילן און האטשי די מעשה איז ניט אזוי וויא עס בדארף צו זיין האט שוין דרויף דוד מתפלל גיוועזן ומעשה ידינו כוננה עלינו דאס הקב"ה זאל עס פארט אן נעמן דען איטליכר מענטש קען טאן די מצוה אזוי ווי מען בדארף דרום זאגט ער ומעשה ידינו אונזרי מעשים וואס מיר טוען דיא מצוה האטשי מיר טוען ניט אזוי וויא עס בדארף צו זיין פון דעסט וועגין כוננה עלינו זאלסטו אן ברייטן אובין אזוי וויא עס גהער צו זיין · און ווייל מיט דער מחשבה דר וועקט דר מענטש אין עולם המחשבה וואס איז גאנץ הויך דרום זאגט ער ויהי נועם ה' אלהינו עלינו דען דער הייסט נועם ה' האטשע מיר זענען ניט משיג מיט אונזער שכל אזוי הויך זאלסטו אן ברייטין גלייך וויא מיר האבן רעכט מכוין גיוועזן און זאלסט מאכן אויף אונז רוען די קדושה וואס הייסט נועם ה' זאגט רבי אלעזר ווי זענען די לייט אזעלכע נארעשע דאס זיי ווייסן ניט און זענען ניט משגיח אין דר תורה דען עס איז דרינען פר האנדין כמה פאר בארגענע זאכין דס מיט דעם וועג איז מען זוכה צו זעהן דעם נועם ה' ווארום דער ביי שטייט דרכיה דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום וואס איז דר טעם דס איז דס ארט וואס די תורה איז פון דארטן ארויס גיקומען זאגט רבי חייא מיר האבן גילערנט בשעת הקב"ה האט גיגעבין די תורה צו די ישראל איז גיקומען אזוי איין אור גדול פון דעם נועם און הט גיקריינט צו הקב"ה און פון דעם אור ווערן דר לייכט דס לייכטונג פון אלע עולמות און אלע הימלען אויף דר צייט שטייט צאינה וראינה בנות ציון במלך שלמה בעטרה שעטרה לו אמו און בשעת דס בית המקדש איז גיבויט גיווארין איז נאך גקריינט גווארן מיט דער עטרה און דערנאך מאל איז הקב"ה גיזעסן אויף זיין שטול און בשעת דער בית המקדש איז חרוב גיווארין איז דיא קרוין פאר בארגין גיווארין :

אמר ר' אלעזר הט רבי אלעזר גיזאגט בשעת משה איז ארייין גיגאנגן אין ענן אזוא וויא עס שטייט ויבא משה בתוך הענן איז ער אין אים גיקומען אזוי ווי א מענטש גייט ארייין אין איין גרויס ארט ארייין זוא האט אים בגעגינט איין גרויסער מלאך ער הייסט קמ"ו דער מלאך איז ממונה אויף צוועלף טויזנט מלאכים שלוחים איז ער גקומן צו משה און האט אים גיוואלט איין שלינגען האט משה גיעפינט זיין מויל און האט דר מאנט דעם שם פון מ"ב אותיות הקדושים וואס ער האט אים גלערנט פון הקב"ה בשעת ער האט זיך צו אים באוויזן אין סנה אזוי האט זיך דר מלאך פון אים דר ווייטערט צוועלף טויזנט מייל אזוי איז משה ווידער גגאנגן אין ענן און זיינע אויגין זענען אים גיוועזן ווי פייערדיגע קוילן ביז עס הט אים נאך אנדערער מלאך בגעגינט ער איז חשובער פון יענם ער הייסט הדרני"א ער איז העכער פון אלע מלאכים טויזנט מיט זעכציג רבוא מייל און זיין קול איז גיגאנגען אין צווייא הונדערט טויזנט הימלען דיא וואס זענען ארום גירינגלט מיט אש לבן חיים פייער און אז משה האט אים דעם זעהען האט ער ניט גיקענט ריידין ער האט זיך גיוואלט ארויס ווארפן פון דעם ענן ארויס האט הקב"ה צוא אים גזאגט דוא ביסט דאך דר משה וואס דו האסט מיט מיר פיל גירעדט עס האט גידויערט דרייא טאג דוא האסט גיוואלט וויסן דעם סוד פון דעם שם המפורש הקודש און היינט

פארכשטו דיך פאר איינעם פון מיינע בדינער אז משה האט דער הערט דס קול פון הקב"ה הט ער זיך געשטארקט און הט גיעפינט זיין מויל מיט דעם שם פון ע"ב אותיות און אז דער מלאך האט דער הערט דעם היילגן שם פון משה איז ער דער ציטערט גיווארין און האט גינעהענט צו אים און האט אים גיזאגט אשרי חלקך וואול צו דיין חלק משה דאס צוא דיר איז אנטפלעקט גיווארין וואס עס איז ניט אנטפלעקט גיווארין צוא דיא מלאכים עליונים קדושים און ער איז גיגאנגען מיט אים ביז ער איז גיקומען צו דעם שטארקן פייער פון דעם מלאך וואס ער הייסט סנד"ל און מיר האבין גילערינט דר מלאך איז העכר פון אלע מלאכים מיט פינף הונדערט יאר גאנג און ער שטייט אונטער דעם כסא הכבוד און איז קושר כתרים פון דיא תפלות פון די ישראל ובשעת דר כתר קומט ארויף כראש המלך הקדוש און ער איז מקבל אלי תפלות פון ישראל טוען אלע חיילות ומחנות ציטערן און ברומען און זאגן ברוך יקרא דה' מאתר בית שכינתיה זאגט דר מלאך הדרנ"י צו משה איך קען שוין ווייטר מיט דיר ניט גיין עס זאל מיך ניט פר ברענען דס שטארקע פייער פון דעם מלאך סנד"ל באותו שעה איז משה דר ציטערט גיווארן ביז הקדוש ברוך הוא הט אים אן גינומען און הט אים געשטארקט און הט אים גזעצט פר זיך און הט מיט אים גילערינט די תורה און הט אים צו גידעקט מיט דעם אור וואס ער הייסט נועם אזו איז דער פנים פון משה גילייכט אין אלע הימלען און אלע חיילות השמים האבין גיציטערט פר אים • באותו שעה האט ער אראפ גינידערט מיט דער תורה און אז דיא ישראל האבן גיזינדיגט אונטן הט הקדוש ברוך הוא צו גינומען פון משה טויזנט חלקים פון דעם אור העליון וואס הייסט נועם וואס משה הט גהאט באותו שעה האבן אלי חיילות עליונים און מלאכים אים גוואלט פר ברענן בשעת הקדוש ברוך הוא הט גזאגט צו משה לך רד כי שחת עמך איז משה זייער דער שראקן גווארין און האט ניט גיקענט ריידן ביז ער הט פיל תפלה גטאן פר הקדוש ברוך הוא הט הקב"ה צו אים גיזאגט משה שטארק דיך אין מיין כסא הכבוד און הקב"ה הט אן גשריגן אין אלי חיילות ומלאכים און משה הט זיך גישטארקט אין די לוחות און הט זיי אראפ גינידערט אונטן און אוף אים שטייט עיר גבורים עלה חכם וירד עוז מבטחה און פון דעם אור וואס עס איז אים גיבליבן נאך די טויזנט חלקים הט דר פון זיין פנים גילייכט ומה דאך נאר פון דעם אור וואס עס איז אים גיבליבן האט זיין פנים אזו גילייכט מען האט ניט גיקענט זעהן אין זיין פנים איז שוין אבל שכן דעם אור וואס מען האט אוועק גינומן פון אים זאגט רבי חייא ימינך ה' נאדרי בכח דאס איז דיא תורה וואס איז גיגעבין גיווארין מימין ימינך ה' תרעץ אויב דען עס איז ניט דא אזו אזאך וואס עס זאל צו ברעכן די עובדי כוכבים אזו וויא די תורה דרום הייסט דיא תורה עוז דאס הייסט שטארקייט אזו ווי עס שטייט ה' עוז לעמו יתן און אז די ישראל זענין ניט עוסק בתורה ווערט גישטארקט דער כח פון שלעכטע מלאכים און זיי זענין שולט אויף דיא ישראל און דיא ישראל קענין גאר קיין קיום ניט האבען און דרום זענין דיא ישראל פאר טריבין גיווארין און פר שפרייט גיווארין אזו ווי דער פסוק זאגט על מה אבדה הארץ ויאמר ה' על עזבם את תורתי דען כל זמן דיא ישראל זענין עוסק בתורה צו ברעכין זייא דעם כח פון די מקטריגים דאס מיינט דער פסוק ימינך ה' תרעץ אויב די תורה וואס זי הייסט ימין ה' טוט צו ברעכן

דעם פיינט זאגט רבי אלעזר אוודאי איז אזו • אזו וויא עס שטייט הקול קול יעקב כל זמן דס קול פון יעקב ווערט גיהערט אין שול און אין בית המדרש מען לערינט תורה זענין ניט שולט די מקטריגים אויף די ישראל אזו ווי מיר האבן גיזאגט אין פרשת חיי שרה • רבי אלעזר הייבט אן עס שטייט גל עיני ואביטה נפלאות מתורתך וויא נאר זענין דיא מענטשן נארין זייא ווייסין ניט און זענין ניט משתדל אין דר תורה דען די תורה איז דורך חיים וחרות און נאר טוב בעולם הזה ובעולם הבא זיא מאכט פרייא דעם מענטשן בעולם הזה ובעולם הבא און ער איז זוכה לאורך ימים עליונים ושלמים אזו וויא דר פסוק זאגט את מספר ימיך אמלא און ווער עס איז משתדל אין איר קענין קיינר אין אים ניט שולט זיין אויב דוא ווערסט פרעגין פון רבי עקיבא מיט זייני חברים און די אנדרי בני הגזרה זאג איך דיר דאס איז גיוועזן איין גזרה מן השמים און אזו איז אויף גיגאנגין במחשבה פר הקב"ה דס הט אזו גימוזט זיין דען דר מלאך המות הט אין זיי קיין שליטה ניט גיהאט און אויך וואלט זיך אדם הראשון בהעפט אין דער תורה וואס זיא הייסט עץ החיים וואלט ער ניט גורם גיוועזן קיין מיתה דאך אין אלי דורות וואס נאך אים און דרום אז הקב"ה הט גיגעבין דיא תורה צו די ישראל שטייט חרות על הלוחות דאס הייסט ווען זייא וואלטין ניט זינדיגין און וואלטין זיך ניט אפ לאזין פון דעם עץ החיים וואלטין זיי גיוועזן חירות פרייא פון דעם טוט און דרום זאגט הקב"ה אני אמרתי אלהים אתם ובני עליון כלכם איך האב גימיינט איר ווערט שוין זיין אזו וויא די מלאכים וואס זיי שטארבין ניט קיין מאל אכן אז איר האט אבער גיזינדיגט כאדם תמותון מוזט איר שטארבין אזו ווי אדם הראשון דרום ווער עס איז עוסק בתורה קען אין אים ניט שולט זיין דר נחש הרע מיינט מען דעם מלאך המות וואס ער הט פר פינצטרט דיא וועלט זאגט רבי יוסי פר וואס איז משה רבינו גישטארבין ער הט דאך ניט גיזינדיגט זאגט ער משה איז בוודאי ניט גישטארבין דען דר מלאך המות האט איז אים קיין שליטה ניט גיהאט ער איז דורך אים ניט גישטארבין און ער הט אים ניט מטמא גיוועזן נאר ער איז בהעפט גיווארן אין דר שכינה און איז גיגאנגין לחיי העולם הבא ער הייסט חי אזו וויא עס שטייט ובניהו בן יהוידע בן איש חי רב פעלים מקבצאל אזו אויך אלי צדיקים וואס זיי דר קענן זייער האר זענין אן גיבריט לחיי עולם צו לעבין אייביג אזו ווי עס שטייט כל הכתוב לחיים בירושלים דרום ווער עס לערינט תורה דר האט פרייא שאפט פון אלץ דינג אויף דער וועלט און אויף יענר וועלט דס מען פארשט אים ניט מען זאל אים בן זיין בעולם הבא ווארום ער איז איין צדיק ער הט ניט גיזינדיגט • קום און זעה אין דר תורה זענין בהאלטין כמה סודות דרום שטייט יקרה היא מפנינים ווי פיל פר בארגני אוצרות איז אין דר תורה בהאלטן דרום אז דוד המלך הט דס גיזעהן ברוח הקודש און הט אין איר גיזעהן כמה נפלאות וואונדרליכי זאכין הט ער גיבעטין צוא הקב"ה און האט גיזאגט גל עיני ואביטה נפלאות מתורתך אנטפלעק מיר מיינע אויגן וועל איך זעהן וואונדר פון דר תורה :

בפרשת ויקרא שטייט רבי שמעון זאגט עס שטייט עשרה הכף בשקל הקודש ווארום שטייט צווייא מאל דס ווארט עשרה נאר איין עשרה זענין די צעהן מאמרות וואס מיט זייא איז די וועלט בשאפין גיווארין און מיט דעם אנדרין עשרה מיינט מען די צעהן דברות פון דר תורה דס ווייזט מיר אז די צעהן מאמרות וואס מיט זייא איז דיא

וועלט

וועלט בשאפין געווארין איז נאר געוועזן פון דיא צעהן דברות אז דיא ישראל וועלין עוסק זיין בתורה וועט די וועלט האבין אקיום אונ אז חלילה זיי וועלין ניט עוסק זיין בתורה וועט דיא וועלט חרוב ווערין אזו ווי עס שטייט אם לא בריתי יומם ולילה חוקות שמים וארץ לא שמתי קום אונ ווען אז די צעהן דברות זענין פונקט אנטקעגין דיא צעהן מאמרות דער דיבור אנכי ה' אלהיך איז אנטקעגין דעם מאמר ויאמר אלהים יהי אור דען די אמונה ויחוד פון הקב"ה הייסט אור אזו ווי עס שטייט ה' אורי וישעי ממי אירא דר אנדרר דיבור לא יהיה לך איז אנטקעגין דעם אנדערין מאמר יהי רקיע בתוך המים דס זענין די ישראל וואס זייער אחיזה איז אין דעם ארט וואס הייסט שמים אזו ווי עס שטייט ואתה תשמע מן השמים דס איז איין סוד • דען אמאל האט רבי יוסי געפרעגט צו רבי אלעזר אין וואס האבין דיא ישראל איין אחיזה האט ער אים געענטפערט ויתן אותם אלהים ברקיע השמים דיא אחיזה פון די ישראל איז אין הקב"ה וואס ער הייסט שמים אונ די ישראל מאכין איין צווישן שייד פון מים למים צווישן השי"ת וואס ער הייסט מים חיים אונ צווישן די עבודת כוכבים וואס זי הייסט בורות נשברים געריבר מיט פר שטונקני וואסר דר דיבור לא תשא איז אנטקעגן דעם מאמר יקוו המים מתחת השמים אל מקום אחד דען דר וואס שווערט פאלש מאכט ער איין צווישן שייד צווישן הקב"ה ושכינתיה דרום שטייט יקוו המים אל מקום אחד עס זאל זיין איין יחוד זכור את יום השבת איז אנטקעגן דעם מאמר תדשא הארץ דשא ווען ציהט די ארץ הקדושה אוס עשב מזריע זרע דס מיינט מען די נשמות היילות של מעלה דאס איז נאר בשבת דעווערט זי געבענטשט איגדר צייט איז דר יחוד הקב"ה ושכינתיה וואס זיא הייסט ארץ חפץ לה' • כבד את אביך איז אנטקעגין יהי מאורות די תורה איז מרמז מיט דעם וואס זיא זאגט שמש וירח אויף קוב"ה ושכינתיה דען זיי הייסין די נעמין אזו ווי עס שטייט כי שמש ומגן ה' וירחך לא יאסף אונ ווייל עס איז אלץ איינס אן איין פירוד דרום שטייט יהי מאורות זיי זאלין זיין ביידי ביחוד לא תרצח איז אנטקעגין ישרצו המים נפש חיה דוא זאלסט ניט הרגנין איין מענטשין וואס ער הייסט נפש חיה איר זאלט זיך ניט גלייכין צו דיא פיש וואס איינר שלינגט איין דעם אנדערן לא תגנוב איז אנטקעגין הנה נתתי לכם את כל עשב איר זאלט נאר עסין וואס איך האב אייך געגעבין אונ ניט קיין פרעמדם לא תענה איז אנטקעגין נעשה אדם בצלמנו ווער עס איז בצלם אין געשטאלט פון דעם מלך זאל ער ניט זאגין אונ ווער עס זאגט פאלשי עדות אויף זיין חבר איז גלייך ווי ער זאגט עדות חלילה אויף הקב"ה לא תחמוד איז אנטקעגין לא טוב היות האדם לבדו עס זאל זיך דיר ניט גלוסטין דעם בת זוג פון דיין חבר ווארום דו האסט דאך דיין בת זוג דרום שטייט עשרה דאס זענין דיא עשרת הדברות עשרה הכף איז אנטקעגין די צעהן מאמרות וואס דורך זיי איז די וועלט בשאפין געווארין • רבי יצחק זאגט די פינף דברות וואס עס איז געשטאנין אויף איטליכין לוח איז איינס אנטקעגין דעם אנדערין אנכי איז אנטקעגין לא תרצח דען ווען איינער הרגית דעם אנדערין מאכט ער קלענער דעם צלם ודמות פון זיין האדין ווארום דער מענטש איז בצלם אלהים • לא יהיה איז אנטקעגין לא תנאף ווער עס איז מזנה לייקנט ער אין הקב"ה דער צלם אלהים איז געצייכינט אויף דעם מענטשין אונ אז ער איז מזנה איז ער משקר חלילה אין הקב"ה אזו וויא עס שטייט בה' בגדו כי בנים זרים ילדו לא תשא איז אנטקעגין לא תגנוב ווארום איטליכר גנב איז אן געבריט פאלש שווערין ווארום איינש

בריינגט צו דעם אנדרן אזו וויא עס שטייט חולק עם גנב שונא נפשו אלה ישמע ולא יגיד • זכור את יום השבת איז אנטקעגן לא תענה ברעך עד שקר דען שבת איז איין עדות אויף הקב"ה אז ער האט די וועלט בשאפין אונ דער מענטש מוז עדות זאגן כי ששת ימים עשה וגו' אונ שבת איז דער כלל פון דער גאנצר תורה אונ ווער עס לייקנט חלילה אין שבת לייקנט ער אין דער גאנצר תורה כבד את אביך איז אנטקעגין לא תחמוד אז ער מזנה מיט דעם אנדרינס בת זוג אונ האט מיט איר אקינד האלט ער ערליך איין פרעמדין פאטר אונ צו זיין פאטר גיט ער ניט אפ קיין כבוד אונ דרום שטייט ביי כיבוד אב למען יאריכון ימיך על האדמה וגו' אויף דר ערד וואס הקב"ה האט דיר געגעבין ניט דוא זאלסט גלוסטין שדהו עבדו וכל אשר לרעך וואס עס איז פר האנדין ביי דיין חבר • זאגט רבי אלעזר אין דיא עשרת הדברות זענען מרומז אלי מצות פון דער תורה גזירות ועונשין טהור וטמא שמים וארץ ים ותהום דען די תורה איז דר שם פון הקב"ה אזו וויא דר שם פון הקב"ה איז מיט צעהן מאמרות אזו אוך די תורה איז מיט צעהן מאמרות אונ די עשרת הדברות מיט דר תורה זענען אלץ דר שם פון הקב"ה וואול צו דעם מענטשין וואס ער איז זוכה צו דר תורה איז ער זוכה צו דם שם הקודש פון הקב"ה זאגט רבי יוסי ער איז זוכה צוא הקב"ה ממש דען ער מיט זיין נאמן איז אלץ איינס בריך שמיה לעלם ולעלמי עלמיא :

רבי חייא הייבט אן אתי מלבנון כלה אתי מלבנון תבואי תשורי מראש אמנה וגו' דר פסוק גייט אויף דיא כנסת ישראל בשעת זייא זענען געקומען מקבל זיין דיא תורה האט הקב"ה צוא איר געזאגט אתי מלבנון כלה דו ביסט מיט מיר געקומען פון דעם גן עדן העליון אתי מלבנון תבואי דוא ביסט געקומען פון וועגין דייגע קינדר זאלן מקבל זיין די תורה תשורי מראש אמנה דו זאלסט מקבל זיין איין מתנה פון דיינע קינדר וועגין וואס זייא זענען ארין געגאנגען בראש אמנה העליון אונ האבן געזאגט כל אשר דבר ה' נעשה ונשמע זיי זענען געוועזן אזו ווי די מלאכים עליונים וואס אויף זייא שטייט ברכו ה' מלאכיו גבורי כח עושי דברו לשמוע בקול דברו שטייט פריער עושי אונ דער נאך לשמוע אזו אויך דיא ישראל האבין פריער געזאגט נעשה איידר זי האבין געזאגט נשמע • מראש שניר וחרמון דאס איז דר בארג סיני וואס זיי האבין געגעהנט צו אים אונ זענין געשטאנין אונטר דעם בארג אזו ווי עס שטייט ויתיצבו בתחתית ההר • ממעונות אריות דם זענין די בני שעיר דם הקב"ה האט זיי געזאגט זייא זאלין מקבל זיין די תורה אונ זיי האבין ניט געוואלט מהררי נמרים דאס זענין די בני ישמעאל אזו וויא עס שטייט ה' מסיני בא וזרח משעיר למו הופיע מהר פארן ואתה מרבבות קודש וואס מיינט מען דם ואתה מרבבות קודש אלא אז הקב"ה האט געוואלט געבין דיא תורה צו דיא ישראל זענין געקומין חיילות מלאכים אונ האבין געזאגט ה' אדונינו מה אדיר שמך בכל הארץ אשר תנה הודך על השמים אונ זיי האבין געוואלט מען זאל זייא דיא תורה געבין האט הקב"ה געזאגט צו זיי איז דען פר האנדין מיתה צווישין אייך אזו ווי דר פסוק זאגט אדם כי ימות באהל וכי יהיה באיש חטא משפט מות והומת איז דען דא איין חטא צווישין אייך אדער איין אגנבה אדר ווייבר וואס דיא תורה זאגט לא תנאף איז דען דא צווישין אייך שקר וואס דיא תורה באדארף אן זאגין לא תענה ברעך עד שקר איז דען דא צווישין אייך גלוסטיקייט וואס עס שטייט אין דר תורה לא תחמוד וואס ווילט איר די תורה מיד תיכף האבין זיי געזאגט ה' אדונינו מה אדיר שמך בכל הארץ אונ האבן שוין ניט געזאגט תנה הודך על השמים דרום שטייט ואתה מרבבות קודש

די מלאכים הקדושים ווס זיי זענן רבבות קודש האבן כוכבים גיוועזן מען זאל געבן די תורה צו די ישראל :

## להפטרה דיומא מפרשת כי תשא

**תחלת** דבר ה׳ בהושע והיה מספר בני ישראל וגו׳ הקב״ה הט ניט ליב אז מען זאל ריידין שלעכטס אויף דיא ישראל חאטשע זייא זינדיגין אונ וויל הושע הט אויף זייא גירעט שלעכטץ דרום האט ער זייא דער נאך גיבענטשט מיט כמה ברכות והיה מספר בני ישראל כחול הים וגו׳ אונ ער האט זייא גיוואלט מחזיר בתשובה זיין פר הקב״ה אונ איז פון דארטין ניט אוועק גיגאנגין ביז הקב״ה האט זייא מוחל גיוועזן זייערע זינד אונ זענען גיווארין ריין פר אים אזו אויך ביי אליהו שטייט ויבא וישב תחת רותם אחד וגו׳ ער הט אזו גזאגט דו האסט גשיקט איין אשה צוא דיא ישראל זיא הייסט דבורה עס שטייט ביא איר והיא יושבת תחת תומר דבורה אונ תומר איז דיא אותיות פון רותם דרום שטייט דא רותם צו כרמז זיין אויף דבורה וואס ביא איר שטייט תומר זיא האט דיא ישראל מחזיר למוטב גיוועזן אזו וויא דר פסוק זאגט עד שקמתי דבורה וגו׳ אונ איך האב שוין כמה מאל פאר זיי אויס גירופין אז זייא זאלין תשובה טאן אונ זייא פאלגין מיך ניט אזוא האט זיך הקב״ה צו אים אנפלעקט אונ זאגט צוא אים מה לך פה אליהו וואס טוסטו דא • אין דיא טעג פון משה ביסטו גיוועזן איין מקטרג ומקנא פון וועגין דיא מענטשען ביא מעשה זמרי דען פנחס איז אליהו אונ דו האסט מקנא גיוועזן פון מיינט וועגין פון וועגין אות ברית דרום האב איך גיגומען דעם אות ברית מיט דעם ווילין פון משה אונ האב דיר אים גיגעבין ביז משה אליין האט גיזאגט הנני נותן לו את בריתי שלום אונ אז דער ברית איז דיינער איז ניט ראוי אז דוא זארסט מקטרג זיין אונ זאגט כי עזבו בריתך בני ישראל דרום זאגט ער מה לך פה פ״ה בטרעפט מילה וויל דיא האסט דרויף מקטרג גיוועזן דרום זאל זיך עס אום קערן ווידר צו משה • באותו שעה הט מען אוועק גנומען פון אים די מתנה ווס משה הט אים גיגעבן דרום שטייט וילך בכח האכילה ההוא ארבעים יום עד הר האלהים ער איז גיגאנגין אהין צו בעטן ווידר אויף דר מתנה פון דעם ברית ווס משה הט גירשת כהר האלהים הט משה גזאגט די קענסט שון פון מיר ניט מקבל זיין די מתנה גיי צו די ישראל פון זיי וועסטו אים קענן ווידר צוריק נעמן הט ער אזו גיטאן אונ הט זיי איבר גיבעטן אונ הט שון גרעט גוטס אויף זיי הט מען אים ווידר אפ גיגעבן • אונ ווידער גיפינין מיר כמה גוטס וואס הקב״ה הט גיטאן צו די ישראל חאטשי זיי זענן שלעכט גיוועזן אונ הט פארט ניט גוואלט מען זאל אויף זיי ריידין שלעכץ קום אונ זעה עס שטייט ואשלח לפניך משה ואהרן ומרים אמער עס זענין דאך גוועזן כמה נביאים נאך משה עס וואלט באדארפט שטיין ואשלח לפניך משה אהרן ומרים אלעזר ופנחס יהושע אלישע אונ נאך אנדרי צדיקים נביאים ווארום זאגט ער נאר די דריי אלא הקב״ה הט צו זיי אזו גזאגט מייני קינדר מיין פאלק פר ווס גדענקט איר ניט אלי טובות ווס איך האב אייך גטאן אז איך האב אייך גשוקט משה ואהרן ומרים • עס איז איין משל צו איין מלך ער הט אמדינה אונ שיקט צו זיי גרוסי שרים וחשובים אז זיי זאלן דס פאלק פירין אונ זיי מדריך זיין זענין זיי דאך זייערי דיינים דרום מוזן זיי געבן צו די דיינים עסן אונ ווס זיי בדארפן אונ איך האב אייך גיגעבן משה הט ער אייך גפירט אונ אייערי קינדר

אונ אייערי בהמות אונ הט זיך משתדל גוועזן אין אייערי דינים או
האט אייך גיגעבין דעם מן • איך האב אייך גישיקט אהרן הט ע
אייך גיבראכט די ענני כבוד אייך צו בדעקין אזו ווי די מלאכים אונ ז
ענגים האבן אייך גוואשן אייערי קליידר מיט דעם טל היקר זיי זאל
ניט פר פולט ווערן אונ אייערי שיך זענן תמיד נייא גוועזן איך הא
אייך גשיקט מרים הט זיא אייך גיבראכט דעם ברונין בארה של מר
איר זאלט הר פון טרונקן אונ אויך אייערי בהמות זייא האבן איי
געגבין פון זייער עסן אונ טרונקין אונ איר זענט גיזעסין בחופה ש
כבוד אונ איר הט זיי פון אייערן גאר נים גגעבין אונ ניט דס אל
נאר זייא האבין אוף אייך תמיד משתדל גיוועזן אונ האבין תמ
מתפלל גוועזן אוף אייך לטובה אונ איר הט זיי נאך גזידילט • זאג
רבי יוסי עס איז ניט דא אזו איין רחמן אונ אזו איין עניו ווי הקב״
איז אזו וויא דר פסוק זאגט לא נפל דבר אחד מכל דברו איז דא
משמע אז אלי זייני רייד זענן מקוים גוואורן אפילו דס שלעכץ ווא
ער הט גזאגט אז ער וועט אוף זיי ברענגן עס שטייט אבר מכל דב
הטוב איז גידרונגן אז דס גוטס איז מקוים גוואורן אבר ניט דס שרעכ
חאטשי ער הט גבאכט אוף זיי איין מורא אונ הט אוף גהובן או
זיי די רצועה איז גקומן די שכינה אונ הט עס אוף גהאלטן ער זא
זי אוף זיי ניט אראפ נידרין פון וואנין לערנין מיר דס אפ פון מש
דען הקב״ה הט אים גזאגט יד רד כי שחת עמך הקב״ה הט אוף זיי ד
רצועה אן גיהובן אוף צו הייבן אונ משה הט ניט גוויסט זיין סד
הט ער גשוויגין אונ אז הקב״ה הט גיזעהן אז משה איז ניט מתפל
הט ער אים מרמז גיוועזן אונ הט אים גזאגט ועתה הניחה לי לאז מיך
גלייך ווי ער הט אים צו גיהאלטין • הט משה פר שטאנען אז הקב״
וויל אז ער זאל פר זיי מתפלל זיין הט ער גיזאגט זכור לאברהם דס א
דר יד ימין פון הקב״ה הט שון הקב״ה ניט אראפ גנידערט די רצוע
אוף זיי • אוב די וועסט פרעגן אז דיא שכינה איז תמיד גוואנטלי
אז זי זאל אויף האלטין די רצועה פון דעם מלך וואו איז זי דענס
כאל גיוועזן אונ זי הט גילאזט אז משה זאל אויף האלטן די רצוע
פר ווס הט זי אליין ניט אויף גיהאלטין אזו ווי תמיד זאגט רבי יו
איך האב דאך די זאך גיזאגט נאר איך קען ניט וויסן דיא לויטע
זאך ביז מיר וועלין זיין פר דעם הייליגין ליכט רבי שמעון • ווי זי
זענן גקומן פר רבי שמעון הט ער דר זעהן איין סימן אין זייער פני
זאגט ער גייט אריין איר בני הקדושים גייט אריין ליב האבר פ
דעם מלך אונ פון מיר גייט אריין איר ליב האבר איינר נאך דע
אנדערין דען רבי אבא זאגט אלי חברים אלי תלמידי חכמים וואו
האבין זיך ניט ליב גיין זיי אוועק פון דר וועלט פר זייער צייט א
אלי חברים ווס זענן גוועזן אין דר צייט פון רבי שמעון איז ביי זיי
גוועזן אהבה של נפש ורוח דרום איז גיוועזן די סודות אין דיא טעג פ
רבי שמעון אנטפלעקט ווארום רבי שמעון הט גזאגט אלי חבר
בתורה ווס זענן זיך ניט קיין ליב האבר זענן זיי גורם דס זיי גיין נ
בדרך הישר אונ מאכן איין חסרון אין דר תורה דען די תורה א
דורך אהבת ואתוה ואמת אזו ווי אברהם הט ליב גיהאט צוא יצחק א
יצחק צו אברהם אונ זיי ביידי צו יעקב אונ צו זיי ביידי א
מוזין זיין דיא חברים אונ זאלין ניט מאכין קיין חסרון אונ אז ר
שמעון האט זייא דס גיזאגט אז ער זעהט איין סימן אין זייער פנ
האבן זיי גזאגט ודאי רועט דר רוח נבואה אוף דעם בוציגא קדי

...ינט רבי שמעון און זאגט וואס איז צו איך קשה ווארום האט דיא
...בינה גילאזט די זאך צו משה דאס איז איינס פון די זאכין וואס מען
...ט מיר גזאגט בסוד פון דעם ראש ישיבה פון דעם גן עדן און מען
...ט עס מיר מגלה גיוועזן שטילער הייד און מען האט עס מיר ניט
...הייסן אנטפלעקן דען דאס איז אגרויסר סוד נאר וואס זאל איך מיט
...יך טאן איר זענט ביי מיר ליב אזו ווי מיין לעבן מוז איך אייך דאס
...נטפלעקין און זאגט זיי אגרויסן סוד וואס מען קען עס ניט ארויס
...רייבן נאר בדרך כלל ווייל זיי האבין זייער הויך פוגם גיוועזן מיט
...עם חטא העגל האט זי שון ניט בדארפט צו האלטן די רצועה דרום
האט הקב"ה דאס גלאזט צו משה:

## מענין מגלת רות

...פרשת ויקהל רבי יהודה הייבט אן עיניך שדה אשר יקצורון והלכת אחריהן
הלא צויתי את הנערים לבלתי נגעך אין דעם פסוק בדארף מען פאר
...טיין נאך וואס בדארף די תורה דאס צו שטעלן · זאגט רבי יצחק
...מאי עס איז דא כמה פסוקים אין דר תורה וואס מען מיינט אז זיי
...ען גאר ניט און מיר זעהן דאך אז זייא זענען גרויסי סודות · זאגט
...בי יהודה דעם פסוק ווער עס זעהט אים און קוקט ניט רעכט אין
...ים אריין ווייזט זיך אים אוס אז דאס איז נאר א מעשה אין דברים
...שלים אבער דר פסוק איז רעכט און אי' ברוח הקודש גרעט געווארן
...ן בועז דר שופט ישראל האט געזעהן איר גרוס ענוה דאס די צדקת
...ט ניט אוף גהובן אירי אויגן צו קוקין אוף אנאנדר ארט נאר אלין
...עבן איר און זי איז ניט גיוועזן קיין עזות מצח דרום האט ער אירי
...ען גלובט דען עס איז פר האנדן אויגן אז וואס זיי זעהן איז דרינען ניט
...רדה קיין ברכה אבער וואס רות האט געזעהן איז גיוועזן בעין טובה און
...ץ וואס זי האט גיקליבן האט מצליח גיוועזן און עס איז גמערט געווארן
...ן פעלד און דר רוח הקודש האט אופאיר גירועט דרום זאגט ער
...יך בשדה אשר יקצורון דייני אויגן ווייל זיי זענען גבענטשט און די ביסט
...דם א ברכה דרום והלכת אחריהם מעגסטו נאך גיין נאך זיי אבער קיין
...דרי לייט האבן קיין רשות ניט צו גיין נאך זייערי אויגן אבער דיא
...זאגסט גיין נאך דייני אויגן ווייל די ביסט גורם איין ברכה · דבר אחר
... האט געזעהן אז פון איר וועלן ארויס קומין עינים עליונים הקדושים זייא
...ן די אויגן פון אלי מענטשן די אויגן זענען מרכים אזו ווי דאס פאלק
...ט נאך דעם מלך מיט דו מנהיגים און הערן זיי צו אזו גייט נאך
... גוף נאך די אויגן אזו ווי עס שטייט ביי תמר ותשב בפתח עינים זי איז
...עסן אין דר טיר ווי אלי מלכים ושלטונין זענען ארויס גגאנגן דרום
...גט דר פסוק ואם מעיני העדה נעשתה דאס זענען דיא מלכים מיט דיא
...הדרין וואס זיי הייסן עינים דרום זאגט בועז עיניך די מלכים מיט די
...וועלטיגר וואס וועלין פון דיר ארוס קומן בשדה אין ציון און ירושלים
...ם זי הייסט שדה אזו וויא עס שטייט ציון שדה תחרש אוך שטייט כריח
...ה אשר ברכו ה' דאס איז די שכינה וואס איז דארטין · דען זייא וועלין
...וועלטיגן אין ירושלים אשר יקצורון פון דארטין וועט מען שניידן דאס
...הייסט זיי וועלין מקבל זיין די תורה אזו וויא עס שטייט כי מציון תצא
...רה · והלכת אחריהם מיט דיא מעשים טובים וואס איך וועל דיר זאגין
...א צויתי את הנערים דאס איז אזו ווי דר איבערשטר פשט איך האב אן
...זאגט די יונגן זיי זאלין דיך ניט אן רירין דען איין אשה האט איין
...ויני דעה · וצמית [illegible] די וועסט זיין דארשטיג ער האט מיט איר

גשמיסט איין שיין לשון דאס מיינט ער אז די וועסט זיך וועלן בהעפטן
צו איין מאן והלכת אל הכלים זאלסטו גיין צוא די צדיקים וואס זיי הייסן
כלי ה' דאס זיי זענען אן גבריית זאלן ברענגן כלל העולם פר איין מתנה
צו דעם מלך המשיח ווי איין חשובי כלי אוך זענין זיי די כלים פון
הקב"ה וואס ער האט הנאה פון זיי דען זיי זענין אוף דער וועלט צוא
בראכני כלים כדי זיי זאלן קענן האלטין תורה ומצות דען הקב"ה
ניצט מער גיט נאר מיט דעם וואס ער איז ביי זיך ווי אצובראכני כלי
און אז די וועסט זיך צוא זייא בהעפטן ושתית וגו' ווייטער שטייט אין
פרשת עקב:

בפרשת לך לך שטייט מצאוני השומרים הסובבים בעיר · תנן מיר האבין
גילערינט אז די חלקים פון דר נשמה איז צו טיילט געווארן
אוף פיר חלקים נפש רוח נשמה ונשמה לנשמה דאס הייסט חיה יחידה אלימלך
דאס ווייזט אוף דר העכסטר מדריגה וואס איז דר חלק חיה נעמי הייסט
די נשמה זי איז פון דעם ארט למעלה וואס הייסט נועם ה' אלהינו מחלון
הייסט רוח רות איז דר נפש כליון הייסט רוח הבהמה דאס איז דר חלק
פון דעם יצר הרע אזו איז אוך איין חלק פון דעם בת זוג פון דעם
יצר הרע הייסט ערפה פון איר קומן ארויס דאס עם קשה עורף און
ערב רב אז דר מענטש איז זוכה זענען די אלי חלקים פר האנדן ביי
אים אבער אז ער איז ניט זוכה שטייט ותצא מן המקום ושתי כלותיה עמה
ותאמר נעמי אל כלותיה הנה שבה יבמתך די נשמה איז ארוס גגאנגן פון אים
און איר בלייבט דא וערפה שבה אל עמה ואל אלהיה מצד יצר הרע אן ריידין
צוא אירע מעשים:

תנן מיר האבן גלערינט הקב"ה האט גמאכט ירושלים של מעלה אין
גישטאלט פון ירושלים של מטה מיט מויערין און טויערין און
טירין וואס זענען אין זיי און אוף די טויערן זענען שומרים ממונים וואס
היטן די טירין פון די טויערן אזו ווי עס שטייט על חומותיך ירושלים הפקדתי
שומרים וגו' און מיכאל כהן גדול למעלה איז אממונה איבר אלי
שומרים און אז דיא נשמה וואס הייסט נעמי גייט ארוס פון דר וועלט
איז זי זוכה גייט זי אריין בגן עדן התחתון וואס ער איז אוף דר ערד
דאס השי"ת האט אים גפלאנצט צו די רוחות הצדיקים אין דעם גשטאלט
פון גן עדן העליון וואס דארטן זענען די נשמות הצדיקים פון דר וועלט
און אז די נשמה גייט אוועק פון דר וועלט גייט זיא אריין אין דער
מערת המכפלה וואס דארטן איז די טיר פון דעם גן עדן אזו בגעגינט
זי צו אדם הראשון און צו די אבות וואס זענען דארטן איז זי זוכה אזו
פרייען זיי זיך מיט איר און עפינין איר די טיר וואס איז אין גן עדן
אריין און זי גייט אריין גלייך אין גן עדן און אז חרידה ניט שטוסן
זיי זי ארוס און זי זאגט בשעת מעשה מצאוני השומרים הסובבים בעיר הכוני
פצעוני נשאו את רדידי מעלי און איידר די נשמה איז גקומן אוף דר וועלט
האט מען איר גיגעבן איין ליכט אוף איר קאפ אזו וויא עס שטייט
בהלו נרו עלי ראשי און אז מען שטויסט זי ארוס הייסט די נשמה נעמי
ווער עס זעהט זי פר וואונדערט זיך אוף איר און דער שרעקט זיך
און זאגט הזאת נעמי דאס איז די נשמה הקדושה וואס זיא האט פריער
גלייכט און היינט איז זיא אזו פר פינצטערט און איז נע ונד דאס
הייסט זי האט ניט קיין ארט וואו אהין צוא גיין און זיא זאגט רופט
מיך שון ניט נעמי נאר רופט מיך מרה דען איך בין גאר פול אוועק
גגאנגען פון אויבין אין גוף אריין און היינט וריקם השיבני ה' בין איך
גיקומען אהער ליידיג אן תורה ומצות און אן מעשים טובים מיט

הט מיך אריין גיבראכט אין איין שלעכטין גוף פון איין רשע אבר אז זי איז זוכה אזו קומט זי אין גן עדן אריין אונ באהעפט זיך אין איר אלימלך דס איז דר חלק וס הייסט חיה רוח ונפש השכליית אונ זיא טוט זיך דארט אן קליידין אין דעם לבוש אונ אין דעם גישטאלט ווי דר גוף איז גיוועזן אוף דר וועלט אונ איז דארט מקבל אלי תענוגים אונ אין דעם גן עדן התחתון קליידין זייא זיך אן דעם אויר פון דארטין אזו וויא די מלאכים עליונים אז זיי קומן אראפ אוף דר וועלט דען זענן זיי אוך פון דעם רוח אזו ווי עס שטייט עושה מלאכיו רוחות אזו אוך איז דאך דר רוח בגן עדן של מעלה מתלבש אין דעם גישטאלט פון דעם עולם אונ טוען דארט מקבל זיין אלי תענוגים אונ בגן עדן זענן אלי ציורים אין דעם גישטאלט פון דעם אובערשטין עולם אונ פון דעם הינטערשטין עולם אוך אונ דיא צדיקים האבן דארט אלי תענוגים· אונ אז עס קומט שבת וראש חודש טוען זיי זיך א״ס פון דעם נפש ורוח אונ גייען אוף אין גן עדן העליון אונ זענין זיך דארט מתלבש אין איין לבוש וס ער איז אין אלערלייא גשטאלט מיט פיהל אורות עליונים אונ זענן דארט נהנה מזיו השכינה אונ אז דר רוח וויל ארוף גיין אין איר ארט וס זי איז פון דארט ארויס גקומין אזו ווי עס שטייט והרוח תשוב אל האלהים וגו׳ נעמט זי מיכאל הכהן הגדול אונ איז זיא מקריב לריח ניחוח פר הקב״ה אונ זיא איז דארטין בתענוגים אין דעם צרור החיים וס דרויף שטייט עין לא ראתה אלהים זולתך אונ דער נאך גייט זיא ווידער אראפ אין גן עדן התחתון אונ הט אלע תענוגים טאפיל פון פריער אונ איז זיך ווידער מתלבש אין איין מלבוש אונ גייט ארוף אין די ישיבות פון דעם גן עדן אונ לערינט דארטן תורה אונ אז דר רוח גייט אוועק פון דר וועלט גייט זיא פריער אין דר מערת המכפלה אונ אדם הראשון מיט די אבות גיבין איר איין בוך פאר איין סימן מען זאל זי לאזין גיין ווייטער אונ אז זיא קומט פר דעם גן עדן בגעגינט זיא אין די כרובים אונ אין דעם להט החרב המתהפכת וס זיי זענן פאר דעם גן עדן לשמור את דרך עץ החיים ווען זיא איז זוכה זעהן זיי דעם בוך פון די אבות עפינט מען איר אוף די טיר זי זאל גיין ווייטר אונ אז חלילה זיא איז ניט זוכה שטויסט מען זיא ארויס אונ זי זיצט דארטן אונ איז זיך דארטן מתלבש אין דעם גשטאלט פון דר וועלט אונ אז מען נעמט ביי איר אוועק דעם בוך זאגט זיא מצאוני השומרים הסובבים בעיר הכוני פצעוני נשאו את רדידי מעלי וגו׳ אונ דר נפש בלייבט ביי דעם גוף למטה אין דער ערד דרום שטייט אך בשרו עליו יכאב ונפשו עליו תאבל אונ אויף דעם הט מען גיזאגט אז די מתים וויסן אויף יענער וועלט פון דעם כבוד הצדיקים אונ פון דר וועלט אונ ריידן איינס מיט דעם אנדרן· עס שטייט בפרשת תרומה איין טעם דרויף ווארום דר נפש בלייבט אין גוף אונ כתיקון ל״א שטייט ותלכנה שתיהם דס ווייזט אונז אויף די צווייא לוחות אונ אויף דיא צווייא תורות שבכתב אונ תורה שבעל פה זיי האבן אראפ גינידערט אויף דעם בארג סיני ותהום כל העיר מיינט מען די גאנצע וועלט הט גיציטערט אזו ווי עס שטייט וכל העם רואים את הקולות וגו׳ וירא העם וינועו אונ האבין גיזאגט הזאת נעמי די תורה וס זי הייסט זאת איז זייער גוט אונ זייער זיס אבר אז די לוחות זענען צוא בראכן גיווארן אזו וויא עס שטייט וישבר אותם תחת ההר זענן די אותיות פון דר תורה ארויף גיפלויגן הט זי גזאגט אני מלאה הלכתי איך בין גאר פול גיגאנגן אויף דעם בארג סיני אונ היינט וריקם השיבני בין איך ליידיג צרויף גקומן· דבר אחר ותלכנה

שתיהם דס איז דר גוף מיט דעם נפש אונ ווען דר מענטש איז חו…
בתשובה הט דר נפש ליב דעם גוף אונ זאגט צו אים באשר תמותי א…
ושם אקבר האטשי דו וועסט שטארבן וועל איך בלייבן בייא דיר א…
קבר אויף דעם שטייט בהתהלכך תנחה אותך דס איז בעולם הבא כשכ…
תשמור עליך דס איז אין קבר היט דער נפש דעם גוף והקיצות זיא וו…
דיך מאכן ווידער אויף שטיין לתחיית המתים אבער ווען ער טוט ק…
תשובה ניט הייסט זי ערפה ווייל זיא קערט אום דעם אקין צוא א…
הייסט זי גייט אוועק פון דעם גוף אזו ווערט ער פר לארן פון ביי…
וועלטן· זאגט רבי שמעון נאך דיר זענן דאך פיל קברים אום זיכ…
אז דר גוף וועט פר לארן ווערן נאך וס וועט דר נפש אויף שטי…
לתחיית המתים· אלא הקב״ה וועט בוודאי ניט פאר דארבין ז…
בשעפניש נאר אז הקב״ה וועט מבטל זיין די קליפות אונ עס וו…
מקוים ווערן אויף דעם ס״ם ובת זוגו וס אויף זייא שטייט כי שמים כע…
נמלחו והארץ כבגד תבלה אז זיי וועלן פר דארבן ווערן דענסט מ…
וועט הקב״ה מחדש זיין די וועלט אזו וויא עס שטייט כי כאשר השמ…
החדשים והארץ החדשה אשר אני עושה אונ זייא ווערן האבן איין תיקון ד…
הקדוש ברוך הוא בגערט ניט זיין מעשה ידיו זאל פר דארבן ווע…
דר גוף מיט דעם נפש ביום ההוא יהיה ה׳ אחד ושמו אחד :

# פרשת נשא

וידבר ה׳ אל משה לאמר נשא את ראש בני גרשון וגו׳ רבי אבא הייבט…
אשרי אדם לא יחשוב ה׳ לו עון ואין ברוחו רמיה דעם פסוק בדארף מ…
צו פר שטיין· קום אונ זעה תמיד אז דער זמן מנחה קומט הייב…
זיך אן דר מדת הדין צו דר וועקן אויף דר וועלט אונ אז עס ווער…
נאכט דר וועקן זיך אלע שומרים וס שטייען אין דרויסן ביי די טי…
אונ זיי צו שפרייטן זיך אויף דער וועלט אונ די גאנצע וועלט א…
טועם איין טעם מיתה בשעת זיי שלאפן אונ אז עס קומט האלב…
נאכט דען רופט מען אוס איין כרוז אויף דר וועלט אצונד איז די…
צייט מען זאל זיך דר וועקן מיט שירות ותשבחות דען ווערט גפונ…
דר תענוג פון אלי· וואול צו די מענטשן וס ער שטייט אויף די…
צייט צו לערנן תורה לשם יחוד קב״ה ושכינתיה ווייל דענסט מאל איז אי…
עת רצון אונ ביי נאכט גייט דיא נשמה ארוף אונ מען פרעגט זי…
אוף אירע מעשים וס זי הט אגאנצן טאג גטאן אונ זיא אליין זאג…
עדות אוף אלעמן אונ אלץ ווערט אויף גישריבן אפילו איטליכ…
ווארט וס דר מענטש הט גירעט אגאנצן טאג גייט עס אלץ ארוי…
אונ שפאלט אלי היכלען אונ שטייט במקום המיוחד ביז די נשמה גיי…
ארויף אונ באהעפט עס אלץ פר הקב״ה אזו וויא דער פסוק זאג…
משוכבת חיקך שמור פתחי פין דרום שטייט אשרי אדם לא יחשוב ה׳ לו עון וואו…
צו דעם מענטשן וואס עס ווערט אים ניט גרעכינט זיין עון ווען א…
דס ואין ברוחו רמיה אז זיין נשמה ורוח זענן אוף אים קיין עדות ני…
אפילו אוף זיין רוח פיו דענסט מאל ווערט עס אוף אים ניט גרעכינט…
איש או אשה כי יעשו מכל חטאת האדם וגו׳ קום אונ זעה עס שטייט והח…
הקיני נפרד מקין מבני חובב חותן משה דאס זענען דיא קינדר פון יתר…
ווארום הייסן זיי קיני דאס איז טייטש לשון נעסט ווייל זיי האבן זיך…
גמאכט איין נעסט אין דר מדבר צו לערנן תורה אזו וויא איין עו…
מאכט זיך איין נעסט אזו האבן זיי זיך אפ גישייד פון די מענטשן…
אין דר מדבר· זכאה איז דר מענטש וס ער איז זוכה צוא גיין אין…
דער

י תורה אונ צו בהעפטן זיך אין איר וועג דען אז ער גייט אין וועג
ין דער תורה ציהט ער אויף זיך ארויף דעם רוח קדושה עליונה
זו ווי עס שטייט עד יערה עלינו רוח ממרום אונ אז ער איז מקיים דיא
צות התורה איז ער מקיים ביידע עולמות אזו וויא מיר האבן
פורש גיוועזן עס שטייט ועשיתם אותם לייען איך אתם גלייך וויא ער
אכט אליין אונ יתרו איז פריער גוועזן איין כומר לעבודת כוכבים אונ הט
דינט צו דעם צד הטומאה דר נאך הט ער זיך דר פון אפ גישייד
ונ האט זיך מחבר גיוועזן אין הקב"ה דרום שטייט ובני קיני דם זענען
י קינדר פון יתרו נפרד מקין זיי זענן גוועזן אפ גישייד פון דר טומאה
ס עס קומט מצד קין · אונ ווער עס איז עובר אוף דר תורה איז ער
וגם למעלה ולמטה צו זיך אונ צו גאר דר וועלט עס איז גלייך צו
יין שיף מיט מענטשן אונ עס איז דא צווישן זיי איין שוטה מאכט
ר אונטן איין לאך איז ער גורם איין רעה צו זיך אונ צו אלע לייט
ס איז אין דר שיף דען זיי ווערן אלי דער טרונקן דרום שטייט איש
ו אשה כי יעשו מכל חטאת האדם אפילו נאר איין איש אדר איין אשה וואס
י וועט טאן איין עבירה הענגט דר חטא אן צו אלי מענטשן · קום
ונ זעה עס שטייט והמה כאדם עברו ברית אדם הראשון האט עובר
יוועזן איין מצוה הט ער גורם גיוועזן מיתה צו זיך אונ צו דר גאנצער
וועלט אונ האט פוגם גיוועזן למעלה ולמטה אונ זיין חטא איז נאך
ד היום תולה ביז הקב"ה וועט מתקן זיין די וועלט אזו וויא זיא איז
פריער גיוועזן אונ וועט אפ טאן דעם פגם פון דר וועלט אזו ווי דער
פסוק זאגט בלע המות לנצח ומחה ה' אלהים דמעה מעל כל פנים דרום זאגט דער
פסוק כי יעשו אז זייא ווערן טאן מכל חטאת האדם פון די זינד פון אדם
הראשון ומעלה מעל בה' וואס ער האט פוגם גיוועזן אין דר מדה פון ה'
ער איז ארויס גגאנגן פון מדת הרחמים פון הקב"ה הרחמן יצילנו הקב"ה
דר רחמן זאל אונז מציל זיין אויף דער וועלט פון די רשעים אונ פון
זייער חטא שטארבין אויס כמה צדיקים פון זייערט וועגין חוץ וואס
זייא זענן גורם למעלה ולמטה רבי יצחק אונ רבי יהודה זענן גגאנגן
פון אושא קיין לוד זאגט רבי יהודה לאמיר ריידין דברי תורה אונ
לאמיר גיין הייבט ער אן עס שטייט ווען איינר וועט עפענן איין גרוב
אדער ער וועט זיא פון תחלת אן גראבין אונ איינער וועט אין איר
ארייין פאלין אונ וועט ניזוק ווערין בעל הבור ישלם מוז דער בעל הבור
בצאלן היינט אז עס איז ביא דעם אזו על אחת כמה וכמה ווען איינר הט
גורם גיוועזן מיט זיינע חטאים צו דער גאנצער וועלט איז שוין אבל
שכן ווי אזו זיין עונש איז איך טו מיך וואונדערן אז איינר איז גורם
צו דער וועלט שלעכץ דורך זייני חטאים וויא אזו זאל אים העלפן
תשובה אזו ווי דר פסוק זאגט איש או אשה כי יעשו מכל חטאת האדם שטייט
ווייטער והתודו את חטאתם והשיב וגו' אלא וודאי תשובה איז אזו גרויס
אז מיט דער תשובה איז ער אליץ מתקן וואס ער האט פוגם גיוועזן
למעלה ולמטה זיך אונ צו דר גאנצר וועלט :

פתח רבי יהודה הייבט אן נאך אין דעם פסוק בצר לך ומצאוך את כל
הדברים האלה פון דאנן לערנן מיר אפ אז תשובה איז גרעסר פון
אליץ אידר דר דין איז שולט אבר אז דר דין איז שון שולט איז זיין
כח זייער שטארק דער דין גייט שוין ניט אוועק ביז ער איז משלים
זיין שליחות אונ אז ער טוט תשובה איז ער מתקן זיך אונ די גאנצע
וועלט דרום שטייט בצר לך ומצאוך את כל הדברים האלה דר נאך שטייט
ושבת עד ה' אלהיך תאטשע הקב"ה שיקט דעם דין אויף דר וועלט וויל
ער אויך אז מען זאל טאן תשובה כדי ער זאל מטיב זיין מיט זיי
בעולם הזה ובעולם הבא אונ עס איז ניט דא קיין שום זאך אוף דר
וועלט וואס זאל שטיין אנטקעגן תשובה אונ ער איז אויך גורם מיט
זיין תשובה דס די שכינה וואס זי הייסט תשובה וועט זיך אום קערן
אוף דעם ארט פון דעם גלות אונ דיא תשובה איז אז ער איז זיך
מוסר נפש אין דר תשובה צו השי"ת נעמט מען אן די תשובה אזו
איז אליץ מתוקן ער אונ די גאנצי וועלט למעלה ולמטה אבער דער
רשע איז מקלקל זיך אונ די גאנצי וועלט פון זיינט וועגן אוי לרשע ואוי
לשכינו קום אונ זעה יונה איז אנטלאפן גוואורן אונ הט ניט גיוואלט
גיין אין שליחות פון הקב"ה אונ כמה מענטשן וואס זענן גוועזן מיט
אים אין שיף זענן אלע שיר דר טרונקן גוואורן אין ים ביז זיי האבן
אים אריין גיווארפן אין ים זענן זיי ניצול גוואורן דער נאך האט ער
תשובה גטאן אונ הט גירופן צו הקב"ה אין זיין צרה אונ איז ניצול
גוואורן אונ הט מציל גיוועזן אין שטאט נינוה כמה חיילות דאס איז
אליץ וויל ער הט גירופן צו הקב"ה פון זיין צרה אזו ווי עס שטייט
קראתי מצרה לי ויענני אונ ווידר שטייט מן המצר קראתי יה :

## רעיא מהימנא

רעיא מהימנא דס הט גזאגט משה רבינו דר רועה נאמן צו ר' שמעון
איש איש כי תשטה אשתו וגו' זאגט דר רעיא מהימנא צו אליהו הייב
אן דו אליהו מיט מיר אין די מצות דען דו ביסט מיר אלי מאל צו
הילף דו ביסט דאך גוועזן אויך צום ערשטן פינחס בן אלעזר בן אהרן
הכהן מיין ברודר ואח לצרה יולד ער הייבט אן אונ זאגט ביא דער
מצוה פון פרשת סוטה שטייט ועבר עליו רוח קנאה וקנא את אשתו דס איז
מרומז אויף דעם יצר הרע ס"ם ער איז זיך מקנא אין דר הייליגער
נשמה וואס זי איז גיגליכן צו איין אשה וואס זיא איז שיין אין אירע
מעשים אוף איר איז גיזאגט אשת חיל עטרת בעלה אונ ער מחמת זיין
קנאה וויל ער זי מטמא זיין אזו ווי ער הט גטאן ביי אדם הראשון ·
ער הט זיך מקנא גוועזן אין זיין וייב ביז ער הט זי איבר גירעט אונ
הט זיי גורם גוועזן מיתה אונ די צייט וואס ער איז איבר איר שולט
איז ער זי מטמא אונ זיין ווילן איז צו פר ברענן די נשמה אין פייער
פון דעם גיהנם וקנא את אשתו והיא נטמאה אונ דרום האבן מיר גלערינט
ובת איש כהן דס איז מיכאל כהן גדול כי תחל לזנות את אביה היא מחללת באש
תשרף דס די זוהמא אונ דיא טומאה פון איר ווערט אין גיהנם פאר
ברענט אונ גילייטערט אזו ווי מען לייטערט זילבר אין איין טעפט
ווערט דאך דס פסולת פר ברענט אזו אויך די ישראל אז זיי זינדיגן
ברענט זיי הקב"ה אין גיהנם ווערן זיי דארטן גילייטערט אזו ווי עס
שטייט וצרפתיך כצרוף את הכסף וגו' ביז עס ווערט אין זייא מקוים אם יהיו
חטאיכם כשנים כשלג ילבינו דען ווען די ישראל זענן אום גמישט מיט דעם
ערב רב זענן אלי מצד עץ הדעת טוב ורע זים אונ ביטער אונ אז זייא
מאכין זינדיגן דיא ישראל זענן זייא ארע מצד הרע זייא זענן וויא דיא
מי מרה וואס זענען ביטער גיוועזן אונ הקב"ה האט גיהייסן אריין
ווארפן איין האלץ אזו ווי עס שטייט ויורהו ה' עץ וישלך אל המים וימתקו
המים אזו וויא ביא דער סוטה אז דער כהן הט אין דר וואסר אריין
גווארפן דעם שם הקודש וואס הייסט עץ אונ אז זיא איז טמא גוועזן
זענן די וואסר ביטער גוואורן אונ עס איז גיוועזן וצבתה בטנה ונפלה ירכה
איז זי צו שפרונגען גיוואורן אונ אז זיא איז גיוועזן ריין שטייט וימתקו
המים זענן זייא זים גיוואורן אונ זי האט גיהאט איין בן זכר אזו איז



זיא

ויא גיפרובט גיוואָרן דורך דר וואָמר אזו אויך וועט הקב"ה פרובן
די ישראל ביי דר גאולה אחרונה דרום שטייט יתבררו ויתלבנו ויתצרפו
רבים אונ זיי וועלן ווערן מצד הטוב די וואס וועלן ביי שטיין אויף דעם
נסיון אונ צו די רשעים וועט מקוים ווערן ואל אדמת ישראל לא יבואו דם
הקב"ה וועט זיי אום ברייננגען שטייט ווייטער אבער והמשכילים יבינו
די קלוגע וואס זיי זענן גיהאלטן אין דעם עץ החיים האט אויף זייא
דניאל גיזאָגט והמשכילים יזהירו כזוהר הרקיע די וואס וועלן קליגן אין דער
תורה וואס ער האט אייז אחיזה אין דעם עץ החיים זיי וועט מען ניט
פרובין נייערט דיא וואס זענן מצד עץ הדעת טוב ורע אונ דיא ישראל
וועלין אין דעם פר זוכן פון דעם עץ החיים אונ בזכות וואס זייא
וועלן לערנן די תורה וועט די גאולה קומען מצד הרחמים אין דער
צייט וועט אין זייא מקוים ווערן ה' בדד ינחנו אז גאט אליין וועט זייא
פירין דאס קיין צד הרע ווערט שון ניט זיין צווישן דיא ישראל אונ
ביא דער תורה הקדושה וואס היינט איז דיא תורה הקדושה
גשטעלט אין איין לבוש פון סיפורים וואס דרינען איז דא אסור ומותר
כשר ופסול טומאה וטהרה וואס מצד הטוב איז דאס כשר מותר טהור אונ מצד
הרע איז דאס פסול אסור וטמא דאס איז ווייל די וועלט ווערט היינט
גיפירט בדרך טוב ורע אבער לעתיד וועט דער אילן טוב ורע קיין שליטה
ניט האבין אויף די ישראל דען זייער פרנסה וועט שוין זיין מצד עץ
החיים דען וועט שוין אין דער תורה ניט זיין קיין מחלוקת מצד הרע
אונ קיין קשיא מצד הטומאה וואָרום מחמת דר שליטה פון טומאה
ורע פר שטייט מען ניט רעכט דיא תורה דרום איז פר האנדין אין
דר גמרא מחלוקת אונ קשיות דר פאר שטייט אזו אונ דר אנדרר
פר שטייט אנדערש אבר בזמן הגאולה וועט מקוים ווערין ואת רוח
הטומאה אעביר מן הארץ דאס קיין טומאה וועט שוין ניט שולט זיין וועט
שוין איטליכר די תורה רעכט פאר שטיין אונ דם ערב רב מיצ"ם
וועלין גאר ניט נחשב זיין גליך ווי זיי וואלטין גאר אויף דר וועלט
ניט גיוועזן זייא וועלין ניט פאר זוכין פון דעם עץ החיים אויף זייא
איז גזאגט גיוואָרין דם וועט זיין דער חילוק צווישין עולם הזה אונ
ימות המשיח דאס קיין גלות וועט ניט זיין אבער אנדערע מעלות
וועלין זייא ניט האבין ווי די לומדים אנטקעגין זיי איז דער משניות
מיט איסור והיתר טומאה וטהרה ניט אנטקעגן די תלמידי חכמים
דען זיי וועלן פר שטיין דם פנימיות דם איז אש טהור אונ וועלן מבוזה
ווערן פר די תלמידי חכמים זיי וועלן אקעגן זיי זיין וויא אור אקעגן
חושך דען ביי ישראל שטייט וחמשים עלו בני ישראל מארץ מצרים דר
חמשים איז טייטש שער החמשים דם דר יובל מאכט פון דארטן פרייא
צו פופציג יאר דארטן איז דר עץ החיים וואס אלי פרייד קומט פון
דארטן ארום דרום איז אוף זיי גזאגט גוואָרן חמה יעלו בהר זייא וועלן
ארוף גיין אוף דם בארג סיני אוף זיי שטייט ויסע מלאך האלהים וגו' אויך
שטייט ואשא אתכם על כנפי נשרים דאס זענן די ענני כבוד ואביא אתכם אלי
אבר דר ערב רב זענן ניט גוועזן אין די ענני כבוד נייערט די ישראל
אליין אויף זייא שטייט ובני ישראל יוצאים ביד רמה אזו וועלן דיא תלמידי
חכמים ארום גיין אונטער דער כבוד אונ ווי אזו עס איז גזאגט גוואָרן
אוף די עמי הארצים פון די יהודים וואס זענן מצד הטוב ויתיצבו בתחתית
ההר אזו וועלן זיי שטיין אונטר די צדיקים גליך ווי איין פערד אונטער
זיין האר אונ וויא איין קנעכט אונטר זיין בעל הבית אונ אזו וויא
הקב"ה האט צו זיי גזאגט בשעת זיי זענן גשטאנען אונטער דעם בארג
סיני וועט איר מקבל זיין די תורה איז גוט אונ אז ניט וועט איר
באגראבן ווערן אזו אוך וועט הקב"ה זאגן צו די עמי הארצים
יהודים וואס זענן מצד הטוב ווילט איר מקבל זיין אויף אייך
תלמידי חכמים גלייך ווי איין האר וואס רייט אוף זיין פערד אונ
קנעכט ביא דינט אים איז גוט אונ ניט וועט איר אלי דא
גלות בגראבן ווערן אונ דם ערב רב אזו ווי ביא מתן תורה שט
וירא העם וינעו ויעמדו מרחוק דם זיי זענן גישטאנן פון וייטן אזו וועל
לעתיד אוך וויט זיין פון דר גאולה אונ וועלן זעהן די תלמידי חכ
זענן אלי אין גרוס גוטס אונ גרוס כבוד אונ אז זיי וועלין וויט
דר פון אונ אז זיי וועלן זיך אוך וועלן בהעפטן מיט זייא שטייט
תגע בו יד כי סקל יסקל או ירה יירה אין דר צייט וועט מקוים ווערן דר פ
ה' בדד ינחנו ואין עמו אל נכר אונ דניאל האט גזאגט ורשעים בחושך ידמו ד
זענן די ערב רב וואס זענן נאך פון יציאת מצרים אונ אוף זיי האט
נביא גיזאָגט ואל אדמת ישראל לא יבואו · אין זוהר פנחס שטייט וויי
אוף דר צייט שטייט כה אמר ה' לרועים הפושעים כי דם זענן דיא מנהי
אונ די פרנסי הדור פון די ישראל וואס זיי זענין רשעים אוף זייא
גיזאגט גיוואָרן דער פסוק הנה אנכי מפתיה והולכתיה המדברה ונשפטתי
כאשר נשפטתי את אבותיכם דם זיי וועלין אום קומן במכת חושך ע"כ
די רייד פון משה · זאגט רבי שמעון צוא אים דוא רועה נאמן
באשווער דיך דו זאלסט ריידין אובין פון מיינט וועגין דאס הק
זאל געבין רשות מגלה צו זיין די תורה דם מיט דעם וועל איך
אוים לייזן דו ביסט פר שוועכט איבר דעם חטא פון די ישראל
וויא דער פסוק זאגט אוף דיר והוא מחולל מפשעינו דרום וויל איך
דיר טאן טובות דורך דיין דיבור · זאגט דר רועה נאמן משה
רבי שמעון דא באשווער איך דיך ביי דעם שם הקודש ה' דאס
זאלסט דיך ניט זאמן מיט דיין כתרען איך בין אין גרוסן צער
קער מיך כה וכה הין אונ אהער וירא כי אין איש אונ עס איז קיינר
דא ער זאל מיר העלפן אום ציהן מיך פון מיין צער מיט דר קב
וואס עס שטייט אוף מיר גשריבן ויתן את רשעים קברו דם זייא וועלן
ניט דר קענן דם איך בין גוואָרן צווישן דיא רשעים איך בין גח
צווישן זיי ווי איין מת · די תורה אונ די תלמידי חכמים זענן ני
מבוזה אונ די אנשי חיל יראי חטא מוזן ציהן מעיר לעיר אונ
איז זיך איבר זיי ניט מרחם אונ דו זאלסט ריידן פר השי"ת בכל יכו
צו וויכן דעם דוחק פון די תלמידי חכמים עד כאן רעיא מהימנא :
איש איש כי תשטה אשתו ומעלהבו מעל וואָרום שטייט צוויי מאל דם ווא
מעל אלא זיא פעלשט אין איר מאן אונ אין די כנסת ישראל
דרום ווייל די אשה איז מועל אין דר שכינה דרום שטייט והביא ה
את אשתו אל הכהן דען דר כהן איז דר שושבין אונ דר ליב האבר פון
שכינה דרום מוז ער זיא דן זיין דא קען מען פרעגן נאך וואס
דם גוועזן ביי דעם כהן אמער מיר האבן דאך גלערינט אז ביא
קרבן האט בדארפט אנדרר קולין ניט דר כהן דרום ווייל דר פ
האט איין אחיזה אין חסד דרום טאר ער ניט טאן קיין דין אונ
זאל קילין דעם קרבן וואלט ער דאך גיטאן איין דין וואלט ער פ
גיוועזן אין מדת החסד אונ פאר וואס ביא דער סוטה האט ער
גיטאן איין דין מיט דיא מים המאררים אלא דר כהן האט דאס גימו
טאן ווייל ער איז חסד אונ שלום מאכין בין איש לאשתו ער מאכט של
דורך די מים המאררים ווען זיא איז טהור אונ האט ניט חוטא גיוו

...יט בקתה ונזרעה זרע האט זיא דער פאר איין בן זכר אונ דער כהן
...זט אז ער האט זיא שלא כדין חושד גיוועזן אונ אז זיא האט יוא
...ינדיגט האט דער כהן איר דין ניט גיטאן נייערט דער שם הקודש
...אס ער האט אין דעם וואסער אריין גיטאן אונ דר כהן האט זיא פיל
...אל גיפרעגט זיא זאל זיך מודה זיין כדי מען זאל דעם שם הקודש
...ט אפ מעקין אין וואסער דרום אז זיא האט דיא וואסער גיטרונקען
...אט דער שם הקודש גיטאן אין איר דעם דין אבער ניט דער כהן ·
...ר המעתיק דרום שטייט אין פסוק ובאו בה המים המאררים למרים די וואסער
...ין גוט אונ זיס גוועזן נאר אין איר האט דער שם הקודש גמאכט
...ו זיי זענן אין איר ביטר גווארן ווייל זיא הט אין זיי פוגם גיוועזן :
...בי אלעזר הייבט אן אין דר פרשה ויבאו מרתה ולא יכלו לשתות מים ממרה
כי מרים הם איך פר וואנדר מיך אין דר פרשה צו פאר שטיין די
...רשה רעכט ווארום בייא דיא וואסר פון מרה שטייט שם שם לו חוק
ומשפט ושם נסהו אלא דר ענין פון דר סוטה איז גוועזן אין מרה ביי דר
...אסר דען די מצרים האבן גזאגט אז די קינדר פון די ישראל זענן
...ין זיי אונ אויך די ישראל האבן זייערי ווייבר חושד גוועזן אז זיי האבן
...נה גוועזן מיט די מצרים ביז הקב"ה הט זיי גבראכט צו דעם ארט
...רה בודק צו זיין זיי ווי איין סוטה מיט דר וואסר דרום שטייט ויצעק
...שה אל ה' זאגט הקב"ה צוא משה וואס ווייסטו עס זענן כמה
מקטריגים ומשחיתים אוף זיי דרום וויל איך בודק זיין די ווייבר פון
ישראל דרום שרייב אוף דם שם הקודש אונ ווארף אריין אין וואסר
...ריין וועל איך דר מיט בודק זיין אלי ווייבר אונ די מאנן וועלן דא
...ארטן כדי עס זאל שון קיין שם רע ניט זיין אוף מייני קינדר אונ
...ל זמן אז איך וועל אלי ניט בודק זיין וועל איך מיין נאמן אוף זיי
...ט מאכן רוען סיד שטייט ויורהו ה' עץ דם איז דר שם הקודש אונ ער
...הט אים אריין גווארפן אין וואסר אריין אונ דעם שם וואס דר כהן
...האט בודק גוועזן די סוטה דעם שם האט משה אין וואסר פון מרה
...ריין גיווארפן דרום שטייט שם שם לו חוק ומשפט ושם נסהו דען דארטין
...ט מען גיטאן חוק ומשפט מיט די ווייבר אונ דוא וועסט פרעגין
...ם איז רעכט ווס מען האט בודק גיוועזן די ווייבר אבר נאך וואש
...ט מען די מאנן בודק גוועזן דען די מאנן האבן דאך אויך גטרונקען
...לא מען האט זיי בודק גיוועזן אויב זיי האבין זיך ניט מטמא גוועזן
...מיט די ווייבער פון מצרים דם איז גיוועזן די גאנצע צייט ווס זייא
...ענן דארטין גיוועזן אונ זייא זענן גיפונען גיווארין אלע זכאין צדיקים
...אונ מען האט גיזעהן אז די זרע ישראל זענן קדושים דרום שטייט
...בייא דר וואסר ושם נסהו דארטין זענן זיי גיפרובט גיווארין אונ אזו
...האט דר כהן בודק גיוועזן די סוטה מיט דעם שם הקודש אונ אז
...יא איז ריין גוועזן זענן דיא וואסר אין איר זים גווארן אונ האבן זיא
...ריינ(י)קט אונ זענן אין איר גוועזן ביז זיא איז מעוברת גווארן אונ
...אז זיא איז מעוברת גווארן האבן די וואסר אין איר דאס קינד שיין
...אונ ריין גמאכט דם עס הט אין זיך קיין שום חסרון ניט גהאט מכל
...מום שבעולם אונ אז זיא איז ניט ריין גוועזן זענן די וואסר אין איר פאר
...קערט גווארן צו אשלאנג אונ עס הט פון איר גשמעקט די טומאה
...אונ די זוהמא מיט ווס זיא הט מקלקל גיוועזן אונ גזינדיגט איז זיא
...ארן בגריפין אונ עס איז ווארן גזעהן איר חרפה ובושה פאר אלי ·
...ראה איז דר חלק פון ישראל דם הקב"ה בגערט אין זייא אונ וויל
זייא מטהר זיין ·

רבי חזקיה הייבט אן אשתך כגפן פוריה די אשה איז גגליכן צו איין ווייןשטאק אזו ווי איין וויין שטאק קען ניט מקבל זיין קיין הרכבה פון אנדר מין דס הייסט אז מען וויל איין זעצן איין צווייג אין אים מוז ער זיין נאר פון דעם מין אבר ניט פון אנאנדר מין בוים אזו איז אויך איין אשה באהעפט זיך נאר אין איר בת זוג אזו ווי איין טויב האלט זיך נאר אין איר בת זוג פוריה זי בליהט אונ ציהט אויס צווייגין אויף אלי זייטין דם איז בירכתי ביתך אין דיין הויז זי זיצט נאר אינשטוב זי גייט ניט אויף דר גאס כדי זי זאל חס ושלום ניט קומן לידי מכשול אונ צו איין חטא · בניך כשתילי זיתים אייערי קינדר וועלין זיין אזו ווי דאס פלאנצין פון איין אייל בירט בוים אזו ווי איין אייל בירט בוים איז שענר פון אלי ביימר דען סיי זומער אונ סיי ווינטר פאר לירט זי ניט אירי בלעטר אונ זיא איז תמיד שענר פון אלי ביימער אזו וועלין אירי קינדר אויך זיין השובר פון אלע אונ ניט דאס אליין נאר איר מאן וועט נבענטשט ווערן מיט אלי ברכות למעלה ולמטה מיט עושר אונ בנים ובני בנים אזו ווי דער פסוק זאגט הנה כי כן יבורך גבר ירא ה' אונ ווידר שטייט יברכך ה' מציון וראה בטוב ירושלים כל ימי חייך וראה בנים לבניך שלום על ישראל :

איש כי יפליא לנדור רבי אלעזר הייבט אן מדוע באתי ואין איש ווי גאר זענן גליבט די ישראל פר הקב"ה דען ווי זיי זענין ווערט ער גיפונען מיט זיי אונ ווערט פון זייא ניט אפ גיטאן אזו ווי עס שטייט ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם עס שטייט סתם מקדש דען אלי שולין פון דר וועלט הייסין מקדש אזו ווי מיר האבין עס אויף אנדער ארט שון מפורש גיוועזן אונ די שכינה פעדרט זיך נאר אין בית הכנסת· וואול צו די מענטשין וואס ווערן גרופין צום ערשטין אין שול דען זייא זענין זיך מתקדש מיט דער שכינה צום ערשטין אונ די ערשטי צעהן דארפין מיט איין מאל אריין גיין אין איין צייט ניט איינציג ווייס דען דיא צעהן מענטשין זענין גלייך אזו וויא איינר דרום דארפין אלי אריין גיין אין איינם אונ גלייך אזו וויא דער מענטש איז מיט איין מאל באשאפין גיווארין אזו וויא עש שטייט הוא עשך ויכוננך :

איש כי יפליא לנדור וואס מיינט מען כי יפליא דם הייסט ער וועט זיך אפ שיידין פון אנדרע לייט ער זאל זיין היילינ אין גשטאלט פון אויבין אונ צו גיפונען ווערין גאנץ דען איין מענטש ווס ער קומט זיך מקדש ומטהר זיין איז מען אים פון אויבין מקדש ומטהר ער זאל זיין היילינ אונ ריין אונ מען פאר שפרייט אוף אים דיא אייבערשטי קדושה דם הש"ת ווערט דורך אים גיהייליגט אויף דער וועלט אונ אויף יענר וועלט :

# פרשת בהעלותך

וידבר ה' אל משה לאמר בהעלותך את הנרות וג' רבי יהודה זאגט וואול איז דער חלק פון זייא ישראל דאס הקב"ה הט אין זייא בגערט בשעת יציאת מצרים אונ הט זיי דערנאך גיגעבן איין תורת אמת איין עץ חיים דאס דורך דער תורה ירשנן דיא ישראל חיים בעולם הזה ובעולם הבא דען דער הט ער בהעפט זיך אונ איז עוסק אין דער תורה דער האט דאס לעבין אונ ווער עס שייד זיך אפ פון דר תורה דער שייד זיך אפ פון זיין לעבין דען זיא אונ אלי אירי רייד זענין כולו חיים חיים הם למוצאיהם אויך שטייט רפאות תהי לשרך ער זאגט ווייטער סודות · רבי אבא זאגט עס שטייט אשרי העם יודעי תרועה

באור

שיר פניך יהרכין ואל צוא זיי וואס הקב"ה האט זייא געגעבן דיא הייליגי תורה אונ הט זיי געלערינט איר וועג זיי זאלן זיך אין איר באהעפטן צוא היטן די תורה ומצות דען דורך דעם איז ער זוכה לעולם הבא אונ האט זייא ארויס גיצוגין פון מצרים פון דעם רשות הטומאה אונ האט זייא מקרב גוועזן צוא זיך זייא זאלן ווערן אן גהאלטן אין זיין נאמן וואס ער איז שולט על עליונים ותחתונים אונ מחמת גרוס ליבשאפט הט ער זייא דערנאך גרופן בני בכורי ישראל זייא זענין אין גשטאלט פון דר קדושה עליונה אונ האט צוא בראכן דיא כוחות הטומאה פון מצרים אונ הט אויך גבונדן די קניפן וואס די מצרים האבן זיי פר בונדן מיט כישוף אז זיי זאלן ניט קענן ארוס גיין פון מצרים דרום הט הקב"ה גהרגת אלי בכורים פון מצרים מיט זייערי כוחות ומזונים של מעלה אונ די מכה הט הקב"ה ניט גיוואלט טאן דורך אייז מלאך אדר איין שרף ווארום קיין מלאך הט ניט גקאנט וויסן וועלכער עס איז איין בכור אונ ווידער קיין מלאך האט ניט גיקענט אויף בינדן דס פר בינדונג וואס זיי האבן פאר בונדן דרום הט הקב"ה אליין גימוזט דס טאן · קום אונ זעה די נאכט פון מכת בכורות האבן דיא מלאכים גיוואלט שירה זאגן אז זייער צייט פון שירה איז גקומן הט הקב"ה צו זייא גזאגט היינט איז ניט די צייט איר זאלט שירה זאגן דען מייני קינדר זאגן אונטן איין אנדרי שירה אונ אז עס איז נקומן האלבע נאכט הט זיך דער וועקט דער צפון ווינט אונ הקב"ה הט גטאן נקמות אין מצרים אונ די ישראל האבן אונטן גיזאגט שירה והלל מיט אגרוס קול · אין דר צייט זענן זייא גיווארן פריי פון אלדינג אונ אלע מלאכים אונ חיות האבין פאר נומען דס קול פון די ישראל · דר נאך אז זייא האבן זיך מל גיוועזן אונ זענן גיצייכינט מיט דעם דם מילה אונ דס פסח אויף דעם אייבר שטידיל אונ אויף די צווייא מזוזות אונ אז דער משחית האט געזעהן דעם צייכן הט ער אויף זייא קיין שליטה ניט גיהאט ווארום הקב"ה הט אויף זיי חס גיהאט אזו ווי עס שטייט ופסח ה' על הפתח אויב דוא וועסט פרעגן ווארום שטייט ולא יתן המשחית איז משמע דער משחית הט גשלאגן אמער הקב"ה אליין הט דאך גשלאגן די בכורים נאר עס שטייט וה' הכה כל בכור שטייט וה' מיט איין ואו ווייזט דאס אז הקב"ה מיט זיין בית דין איז גוועזן אין מצרים דרום הט מען גימוזט צייכענן אויף איטליכר שטוב מיט דעם דם פסח ומילה כדי די וואס זענן גיוועזן מיט הקב"ה זאלן זיי ניט מזיק זיין ישראל דען ביי אלם דינג דארף זיין מעשה מען זאל דורך דעם ניצול ווערן פון דיא מקטריגים אזו אויך אויף דעם מזבח איז אויך גיוועזן איין מעשה וואס מען האט אויף אים גשפרענגט דס בלוט פון דעם קרבן כדי דיא מקטריגים זאלן ניט קענן מקטרג זיין דורך דער מעשה אבער אום ראש השנה וואס איז איין יום הדין אונ אלי בעלי לשון הרע די מקטריגים שטייען אלי אויף ישראל מקטרג צו זיין דרענסט מאל דארף מען ניט טאן קיין מעשה נייערט מיט דבור תפלה ובקשה אונ מען מוז ווייזן התעוררות מיט דעם רוח ונפש דאס איז מיט דעם שופר אזו ווי מיר האבן שון מפורש גוועזן דס מיט דעם שופר למטה דער וועקט מען דעם שופר גדול למעלה וואס אלי רחמים קומן ארוס פון אים וואס דר מיט ווערן צוא בראכן אלי בעלי דינים אונ מקטריגים אונ זיי האבן דעם טאג קיין שליטה ניט אונ אז מען דר וועקט דעם רחמים פון אובן אזו ווערן דר וועקט אלי אורות די ליכט לייכטן פון

אלי זייטן אין דר צייט איז באור פני מלך חיים קום אונ זעה בשעת
כהן גדול הט זיך מכוין גיוועזן אן צו צינדן די מנורה אונ דער נ
הט ער מקטיר גוועזן די קטורת הסמים אזו הט עס דר וועקט לבני
דס אלי אורות זענן דר לייכט גווארן אונ עס איז ארין מקושר גווא
באנאנד אין דער צייט איז גיפונען גווארן ששון ושמחה אין א
עולמות אזו ווי עס שטייט שמן וקטורת ישמח לב דרום שטייט דס ל
בהעלותך את הנרות עס וואלט גידארפט שטיין בהדלקתך לשון אן צינ
ניט לשון אויף ברענגן נאר מיט דעם וואס ער הט אונטן אן גיצונ
די מנורה הט ער אויף גיבראכט דאס התעוררות אובן דען עס
אלץ גישטעלט גווארן למטה אנטקעגן דעם משכן של מעלה דר
זאגט ער אל מול פני המנורה די מנורה של מעלה איז גשטעלט אנטקע
די מנורה של מטה בשעת דר כהן הט זי אן גצונדן יאירו שבעה הנ
הט ער דר מיט דר לייכט די שבעה נרות מע"ה :

רבי אלעזר מיט רבי יוסי ורבי יצחק זענין גיגאנגין אין וועג זע
זיי גקומן צו די הרי חושך ווי רבי אלעזר הייבט אויף זיינע א
הט ער דר זעהן די הויכע פינצטערע בערג זייא זענן במורא גד
זאגט רבי אלעזר ווארט מיין פאטר דא גוועזן וואלט איך מיך ג
ניט גיפארכטן אונ היינט אויך ווייל מיר זענן דריי מענטשן ווי
איך מיך אויך ניט פארכטין פון צו האבן דא איין דין זאגט ער
זיי ווי ליב זענן די דברי תורה דען איטלכס ווארט אין דער תו
איז גרוסע סודות ורזין עליונים אונ די תורה איז דר כלל העליון א
מיר האבן גילערינט די תורה ווערט גדרשת מיט דרייצעהן מד
איינס פון זיי איז כל דבר שהיה בכלל ויצא מן הכלל ללמד לא ללמד על ע
יצא אלא ללמד על הכלל כולו יצא איין זאך וואס איז גוועזן אין כ
פון אלי אונ עס איז ארוס גיגאנגען פון דעם כלל אויף אנייע ז
ווייזט עס מיר אויף דעם גאנצן כלל אזו אויך די תורה איז איין כ
פיל סודות גדולות אונ חאטשי איין זאך איז ארוס גיגאנגען הי
עס שטייט איין סיפור המעשה אדר עפיס אנדערי רייד איז דאך
מעשה ארוס גיגאנגן פון דעם כלל פון דר תורה דען מענטשן מ
די תורה דר ציילט זיי איין מעשה אונ ווייטר מיינט ניט די תו
נאר אזו ווי עס שטייט פר אים· אונ באמתלא ללמד על עצמו יצא עס
ניט ארוס גיגאנגן פון דעם כלל פון דר תורה וואס זי איז אין גאנ
גרוסע סודות ווייזן אויף זיך אליין דאס הייסט נאר די מעשה וו
ווערט דער ציילט ניט מער נאר עס קומט צו ווייזן על הכלל כולו
אויף דעם גאנצן כלל דס זיי זענן גרוסע סודות דהיינו עס שטייט
פסוק ותנח התיבה בחודש השביעי בשבעה עשר יום לחודש על הרי אררט דא
דר פסוק ארוס גיגאנגן פון דעם כלל פון דער תורה וואס זיא
גרויסע סודות אונ דא דר ציילט זי נאר איין מעשה בעלמא וו
קומט אונז ארוס וואו די תיבה הט גירועט אויף די בערג אדר א
אנדערע בערג נאר דס איז ארוס גיגאנגען פון דעם כלל ללמד על הכ
כולו יצא צו לערנן אונז מיר זאלן גלייבן אזו ווי די גאנצע תורה
דר כלל עליון סודות הגדולות אזו דאס איז אויך גרוסע סודות · פיל זו
זענן די ישראל מען הט זיי גיגעבין די תורה עליונה וואס זיא
תורת אמת קום אונ זעה צוא איין שר איז אויך קיין כבוד ניט צ
ריידן אזעלכע פראסטע רייד וכל שכן אויף צו שרייבן על ארת כ
וכמה באלף אלפי אלפים הבדלות דער מלך מלכי המלכים הקדוש בר
הוא דאס ער וואלט זיך גקענט מאכן איין תורה פון פיל הייליג

זאכן

...בן של מעלה ניט צו שטעלן פראסטע רייד צו מאכן דר פון איין
...ורה דהיינו די רייד פון הגר און פון עשו און פון לבן מיט יעקב
...י רייד פון בלעם און בלק און פון זמרי בן סלוא דעסט גלייכן
...נדערע רייד און סיפורים וואס שטייען אין דר תורה און פאר וואס
...הייסט זי תורת אמת תורת ה' תמימה משיבת נפש עדות ה' פקודי ה' יראת ה'
...צות ה' וגו' אויך שטייט הנחמדים מזהב ומפז רב ווי גישיקט זיך דס לשון
...אל שטיין אויף אזעלכע סיפורי דברים נאר דיא תורה הקדושה
...הייסט בוודאי רעכט תורת ה' תמימה אין איטליכן דיבור פון איר איז
...רומז אנדערע סודות אזו ווי מיר האבן גזאגט · קום און זעה דעם
...סוק ותנח התיבה איז אזו גלערינט גווארן דען דס ווייזט אויף אנדערע
...אכן אויך בחודש השביעי דאס איז ראש השנה דאס דעמסט מאל דער
...עקן זיך דינים אויף דר וועלט און הקב"ה זיצט על כסא דין צוא
...שפטן די וועלט אויף זייערע מעשים און דרום ווערט אן גירופן
...ר כסא דין תיבה דען דרינן איז אלין דא אזו וויא אין דער תיבה
...אזו אויך איז דרינן דא אלערלייא בריב פאר בארגין אין דעם אוצר
...המלך וואס דרינן איז פר צייכנט אלי זאכן · אלי ספרים וואס ווערן
...עפינט זענן פר בארגן דרום ווערט דארטן גאר ניט פר געסן און
...ר כסא דין איז אן גבערייט אום ראש השנה וואס ער איז איין יום
...הדין דעם טאג ווערט די גאנצע וועלט דארטן גידאכט דרום זאגט
...ר פסוק ותנח התיבה דר כסא דין טוט רוען אום ראש השנה על הרי
...רט דס זענן די אונטער לעהער פון דעם כסא הדין דס איז די שרי
...הדינים די שרים פון ילדה ויבבא דס איז לשון קלאגן די דר וועקן זיך
...און זענן שכיח פר הקב"ה דעם טאג און אלע בעלי תריסין דאס הייסט
...י וואס גייען מיט כלי זיין דער וועקן זיך דעם טאג און שטייען אלע
...ר הקב"ה אונטער דעם כסא הדין צו טאן דין אויף דער וועלט און
...י ישראל זענן דעם טאג מתפלל תפלות מיט בקשות ותחנונים פר
...הקב"ה און בלאזן שופר האט הקב"ה רחמנות אויף זיי און פר קערט
...עם דין צו רחמים און אלי עליונים ותחתונים הייבן אן צו שרייען
...און זאגן אשרי העם יודעי תרועה און דרום כוז מען האבן דעם טאג
...יין בעל תוקע וואס ער זאל וויסן דיא סודות פון דעם בלאזן וואס
...י כוונה דר פון איז און זאל קענן רעכט מכוין זיין בתרועה און זאל
...יין זאך טאן בחכמה און דרום שטייט אשרי העם יודעי תרועה און עס
...שטייט ניט שומעי תרועה וואס זיי הערין בלאזן נייערט יודעי תרועה וואס זיי
...וויסן וואס דס בלאזן בטייט דס הייסט ער זאל קענן דער וועקן מיט
...יין כוונה אובן צו פר קערן דעם דין צו רחמים דורך דעם בלאזן
...אזו האבן מיר דס מפורש גוועז אויף אנאנדר ארט · זייא גייען אזו
...גאנצן טאג ווי עס איז שפעט גיווארן פר נאכט קומן זיי אויף איין
...ארט און זעהן דארטין איין מערה זאגט רבי אלעזר לאז איינער
...פון אונז ...ער אריין גיין און זעהן אויב דס איז אזו איין ארט וואס עס איז אן
...יבר'יט פר אונז אזע אזו גייט אריין רבי יוסי און זעהט אז דארטן
...איז דא נאך איין הייל און איין ליכט איז דארטן און הערט איין
...קול עס זאגט בהעלותך את הנרות אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות וגו' העלה
...ותיה און זאגט דרויף גרויסע סודות וואס מען קען ניט ארויס שרייבן ·
...בי יוסי הערט עס און פרייט זיך זייער און דר ציילט דס צוא רבי
...לעזר זאגט רבי אלעזר מיר וועלן אריין גיין דען הקב"ה האט אונז
...קדים גיוועז צו טאן ניסים היינטיגן טאג · זענן זיי אריין גיגאנגען
...זעהן זיי דארטן ווי צוויי לייט זענן עוסק בתורה זאגט רבי אלעזר

סה יקר חסדך אלהים ובצל כנפיך יחסיון זיי זעצן זיך און זענן זיך אלי משמח
זאגט רבי אלעזר ווי גאר ווירדיג זענן די גינאד פון הקב"ה וואס איך
האב דא היינט גיפונען ציינד אן די ליכט צוא דער לייכטין מיט דיין
תורה הייבט רבי יוסי אן בהעלותך את הנרות עס איז גיטאן גיווארין
צוויי מצות איינס נאך דעם אנדערן הדלקת נרות און קטורת דס
זענן גרויסע סודות דס מיט דעם התעוררות למטה איז דער לייכט
גיווארן די שכינה מיט פיל ברכות בכל העולמות :

וידבר ה' אל משה במדבר סיני וגו' ויעשו את הפסח במועדו פרעגט רבי אבא
מען האט דאך זיי שון אן גיזאגט ביציאת מצרים אויף דעם
פסח וואס בדארף מען זיי דא נאך אמאל אן זאגין אלא דא שטייט
בשנה השנית ווייל די ישראל האבן גימיינט די מצוה פון פסח איז נאר
גוועזן אין מצרים אבר ניט לדורות דרום האט ער זיי דס אנדערע יאר
אן גיזאגט אויף לדורות און ער זאגט גרויסע סודות אויף בחודש השני
זאגט רבי שמעון וויי צו דיא לייט וואס זאגן אז דיא תורה איז נאר
ספורי דברים פון פראסטע לייט אזעלכע תורות קען איטליכער
מאכן מיט אגרעסערן שבח און די תורה וויל אונז דער ציילן וואס
עס איז געוועזן · האבן דאך שרים ומלכים אויך ספורים און דברי
הימים וואס האט זיך גיטאן פר צייטן אם כן לאז מען דר פון מאכן איין
תורה · אלא קום און זעה דר עולם העליון און דער עולם התחתון
איז איינס אנטקעגן אנדערן דיא צדיקים אונטן זענן אנטקעגן דיא
מלאכים אובן · ביי די מלאכים שטייט עושה מלאכיו רוחות דס איז נאר
למעלה אבער אז דער מלאך וויל אראפ גיין אין דעם עולם מוז
ער זיך מתלבש זיין אין איין לבוש וואס איז אין גישטאלט פון דער
וועלט אבער אז דעם לבוש קען ער ניט זיין אויף דר וועלט און די
וועלט קען זיי ניט פר נעמן און אזו איז ביי מלאכים איז שוין אכל
שכן די תורה וואס מיט איר האט הקב"ה אלי עולמות בשאפן און
אלע עולמות האבן נאר איין קיום דורך דער תורה דורך אירע
גרויסע סודות און שמות הקדשים מכלא אז זי האט בדארפט אראפ
גיין אויף דר וועלט ווען זי וואלט ניט גוועזן אן גיקלייד מיט דעם
מלבוש פון די ספורי מעשיות ודברים וואלט זי די וועלט ניט גקענט
פר טראגן מחמת גרוס רוחניות דרום זענן דיא ספורים נאר דער
לבוש פון איר און דער וואס מיינט אז דר פשוטר פשט איז די גאנצע
תורה איז ער גינארט אזו ווי דר גוף פון דעם מענטשן איז נאר איין
לבוש צו זיין רוח און אז זיין רוח גייט ארוס איז אין זיין גוף גאר
ניט דא קיין ממשות דען די מעלה פון דעם גוף איז נאר אז דר רוח
איז מיט אים אזו אז ער מיינט אז דר לבוש פון דר תורה איז דער
עיקר און עס איז דרינן ניט דא קיין פנימיות האלט ער נאר חשוב
דעם לבוש וואס ער איז אנוף ניט די סודות וואס זייא זענן דיא נשמה
דרום איז זיין עונש גרוס מדה כנגד מדה אזו בלייבט זיין גוף עפר ואפר
דר לבוש אן דר נשמה דען די תורה איז גישטעלט מיט אברים אזו
ווי דר מענטש אזו ווי עס שטייט אויבן אין פרשת בראשית דרום האט
דוד המלך גבעטן גל עיני ואביטה נפלאות מתורתך דו זאלסט אנטפלעקן
מיינע אויגן זיי זאלן זעהן צו פר שטיין וואס אונטער דעם לבוש פון דר
תורה דס איז דס פנימיות דער פון למשל די תורה זאגט בראשית ברא
אלהים את השמים ואת הארץ צום ערשטן האט השי"ת בשאפין הימל און
ערד דס איז נאר דר מלבוש פון די ספורי דברים אבר דס פנימיות
דר פון איז מרמז וויא הקב"ה האט בשאפן דיא מדרגות עליונות און דיא

מדריגה הייסט ראשית דיא מדריגה הייסט אזו איין שם אונ חוץ דעם פנימיות איז דא נאך מער פנימיות היינו די צרופי שמות וואס זיי גייען ארוס פון די פסוקים היינו שם ע"ב אונ אנדערע שמות וואס גייען ארוס פון דר פרשה דעסט גלייכן ויצא יעקב מבאר שבע איז דער פשוטר פשט נאר אסיפור. יעקב איז ארוס גיגאנגן פון דר שטאט באר שבע צו גיין קיין חרן אזו וויא דער אמת איז גיוועזן אבער דאס פנימיות דר פון איז גאר אנדערש עס איז למעלה אזעלכי שמות עולמות ספירות הקדושות דם איז איינם מיט דעם פסוק ונהר יוצא מעדן להשקות את הגן דאס איז אלץ דיא עולמות עליונות דאס איינס האט אחיזה אין דעם אנדערין אונ די תורה רעט כפשוטו אזו וויא עס איז גיוועזן אבער זיא מיינט מען זאל פאר שטיין ווייטר וויא דאס אלץ גייט למעלה דרום שטייט כי לא דבר רק הוא. די תורה איז ניט קיין ליידיגע זאך אונ אז דו מיינסט אז זיא איז יוא ליידיג מכם איז דם נאר פון אייך ווייל איר פר שטייט ניט אונ דרום שטייט דם לשון רק דם מיינט מען עס איז נאר איין גוף וואס איז ליידיג אן איין נשמה. קום אונ זעה דאס מלבוש ווערט גיזעהן צו אלי אונ דער נפש רוח ונשמה זעהט מען ניט וואס פר איין חשיבות איז אין דרינען אונ עס איז פר האנדין אזעלכע לייט וואס זיי פר שטייען אין גוף די שבע פנימיות פון דעם מענטשן נאך זיין נשמה נאך אזו ווי יתרו האט גיזאגט צו משה ואתה תחזה מכל העם דוא וועסט פאר שטיין אין חכמת הפרצוף אזו וויא עס שטייט אויבן אין פרשת יתרו אז מען קאן פר שטיין אין דעם גוף פון דעם מענטשין אזו אויך די תורה האט איין גוף אונ עס איז פאר האנדן דברי תורה וואס זיי הייסין גופי תורה וואס זיי זענען זיך מתלבש אין דיא ספורים. אונ די נארען בגערן נאר צו פאר שטיין דעם מלבוש פון דיא ספורי דברים אליין אונ ניט וואס אונטר דעם מלבוש אונ די וואס זענען קליגר די זעהן צו פר שטיין דעם גוף וואס אונטר דעם מלבוש איז אונ דיא וואס זענין נאך קליגר די זענען עבדי מלך עליון די וואס זענען גישטאנען אויף דעם בארג סיני זיי זעהן נאר די נשמה דאס פנימית פון דער תורה דאס איז דר עיקר אלי סודות דאס איז דיא רעכטי תורה אונ לעולם הבא וועט מען פר שטיין דם רעכטי פנימית דם איז וויא איין נשמה צו דר אנדרר נשמה אזו זענען אלי מדריגות עליונות איינס צו דעם אנדרין אונ אזו ווי איין מלבוש דאס די שמים מיט אלי חיילות של מעלה אונ אלי מדריגות זענען נאר אזו וויא מלבושים צוא דעם כבוד פון הקב"ה אויך ביי די נשמות איז איינע צו דר אנדערר איין לבוש דם ניט אימליכר קען דם פר שטיין אונ איינם איז אן גיהאלטן אין דעם אנדרן. ווייא צו דיא רשעים וואס זאגן אז די תורה איז נאר ספורי דברים אליין אונ בגערן נאר צו לערנן דעם מלבוש אליין ניט מער. פיל זענען זוכה די צדיקים וואס זענין מסתכל אין דר תורה וויא עס דארף צוא זיין אזו וויא מען האלט טייערן ווין אין איין כלי אזו אויך ווערט דיא תורה דר קענט אונ גיהאלטן דורך אירי מלבושים אונ ספורי דברים אונ דרום מוז מען פאר שטיין אז דיא מלבושים דעקין צו דם פנימית וסודות התורה:

ויעשו בני ישראל את הפסח במועדו זאגט רבי יוסי פון דעם ווארט ויעשו לערנן מיר אפ אז אימליכר וואס טוט אונמן אמצוה ווי עס דארף צו זיין איז גלייך ווי ער וואלט גיטאן אובן כביכול דען מיט דר מעשה למטה ווערט דר וועקט למעלה אזו וויא אויבן שטייט:

איש איש כי יהיה טמא לנפש ווארום שטייט מיר צווייא מאל איש נאר דאס ווייזט איין מענטשן אז עס קען זיין ער זאל מקבל זיין די נשמה הקדושה העליונה אונ זאל זיא מטמא זיין אונ ער איז דם זיך גורם אז די שכינה מיט דר נשמה גייען אוועק פון אים אונ רוען ניט אויף אים דרום שטייט מיר צווייא מאל צוא ווייזין אז ער איז איין מענטש וואס איז ראוי אז עס זאל אויף אים רוען דיא קדושה עליונה אונ ער אליין האט זיא מטמא גיוועזן קען מען אויף אים ניט מאכן רוען דיא קדושה עליונה:

וביום הקים את המשכן כסה הענן וגו' רבי חייא זאגט עס שטייט פזר נתן לאביונים צדקתו עומדת לעד קרנו תרום בכבוד דר פסוק ווייזט אונז ווען עס צו שפרייט זיין געלט אויף צדקה אזו וויא עס שטייט יש מפזר ונוסף עוד ווער עס איז מפזר זיין געלט אויף צדקה ווערט אים גימערט נאך מער געלט אונ לעבן דרום ווייל דר עני איז חשוב וויא איין מת אונ ער איז אויף אים מושך דעם כח החיים מלמעלה דרום ווערט ער גיבענטשט אונ עס איז אשמחה אין אלי עולמות דער כח הדין וואס איז שולט אין דעם עני ווערט אונטר טעניג דורך דר צדקה:

## פרשת שלח

וידבר ה' אל משה לאמר: שלח לך אנשים רבי יהודה זאגט עס שטייט כצנת שלג ביום קציר ציר נאמן לשולחיו ונפש אדוניו ישיב דם איז טייטש אזו ווי די קעלט פון שנייא איז גוט צו דעם וואס שנייט תבואה אין פעלד ער האט דר פון גרוים הנאה אזו איז איין שליח נאמן צו דעם וואס ער שיקט אים דם זענען גיוועזן פנחס מיט כלב וואס יהושע האט זיי גשיקט פר מרגלים ונפש אדוניו ישיב זייא האבין גורם גיוועזן אז די שכינה זאל רוען אויף די ישראל אונ האט זיך פון זיי ניט אפ גיטאן. אבער דיא אנדרי מרגלים וואס משה האט גישיקט האבן גורם גיוועזן איין בכיה לדורות דם הייסט איבר זיי איז דם בית המקדש חרוב גיווארין נאך האבין זיי גורם גיוועזן דם מכה אלפים ורבבות מישראל זענין אוים גישטארבן אין דר מדבר אונ די שכינה האט זיך פון זיי אפ גיטאן:

רבי חזקיה מיט רבי יוסי זענין גיגאנגין אין וועג זאגט רבי יוסי צוא רבי חזקיה איך זעה אין דיין פנים אז דו טוסט עפים טראכטין זאגט ער צוא אים בוודאי טראכט איך אין דעם פסוק וואס שלמה המלך האט גזאגט כי מקרה האדם ומקרה הבהמה מקרה אחד לחם כמות זה כן מות זה וגו' כי הכל הבל מיר האבין גילערינט אז אלי רייד פון שלמה זענין בהאלטן מיט גרוס חכמה אונ לסוף קענן זיך דיא אפיקורסים טועה זיין אין דעם פסוק זאגט ער עס איז בוודאי רעכט מען זאל אין דעם קלערין וואס שלמה האט גימיינט דר ווייל האבין זיי גיזעהן ווי איינער איז צו זיי גיקומן אונ בעט פון זייא איין טרונק וואסר ער איז זייער מיד פון דר היץ וואס די זון האט אים גיברענט זאגין זיי צו אים ווער ביסטו זאגט ער איך בין איין יהודי זאגן זיי אפשר הסטו זיך גמייעט אין דר תורה זאגט ער צו זיי איידר איך זאל מיט אייך דא ריידן וועל איך בעסר ארויף גיין אויף דעם בארג טאן א טרונק וואסר ווארום איך האב זייער דארשטיג נעמט רבי יוסי ארוס איין לאגיל מיט וואסר אונ זאגט אים טרינק דר ווייל דם וואסער דר נאך וועלין מיר מיט דיר ארויף גיין אויף דעם בארג נאך וואסר טרינקין האט ער גטרונקן דר נאך זענן זיי מיט אים ארויף גיגאנגן אויף דעם בארג אונ האבין דארטין גיפונן איין לויטרן קוואל וואסר האבין זיי אן גינאסען דעם לאגיל מיט וואסר אונ זעצין זיך דארטן אנידר. זאגט ער צוא זייא

פרעגט מיך עפיס דען איך האב עוסק גיוועזן בתורה דורך ...ן און איך בין מיט אים גינאנגין צווא זיין רבי זאגט רבי חזקיה ...עם איז דורך דיין זון איז בוודאי זייער גוט נאר אונזר קשיא ...יר האבין גיפרעגט אויף דעם פסוק כי מקרה אדם וגו' מוזין מיר ...אנדרען פרעגן ניט דיך זאגט ער צו זיי איר מעגט מיר אויך זאגן ...אמאל גיפינט מען איין פעדיל מיט איין אבן טוב אין איין זעקל ...איין ארונטאן · האבן זייא אים גיזאגט דעם פסוק מיט דר קשיא ...ער צו זיי מיט וואס זענט איר דען אפ גישייד פון אלי מענטשן אז ...ווייסט ניט דעם פשט זאגין זייא צו אים זאג דו אונז דעם פשט ...ער צו זיי דעם פסוק הט שלמה ניט גיזאגט פון זיינט וועגן אזו ...ער הט אלי פסוקים גיזאגט נייערט ער זאגט אז די מפשים מיט ...ארין ריידן אזו דען זיי קוקין ניט אין דר תורה און זאגין אז דיא ...ט איז נאך במקרה דען חלילה הקב"ה איז ניט משגיח אוף אלין ...ג נייערט עס איז איין טרעפונג צו דר בהמה און צו די מענטשן ...שלמה הט דס דר זעהן האט ער זיי אן גירופן מיט דעם נאמען ...ה ווייל זיי זענן ניט פר שטאנדיג זענן זיי גלייך מיט איין בהמה ...רייזן אזעלכי נארישי רייד דרום זאגט ער פריער אמרתי אני בלבי ...ך האב מיר גיטראכט על דברת בני האדם לכרם דס זיי זענן ניט גלייך ...אנדרי לייט וום האבין אמונה אין הקב"ה און די נארן וועדליג ...ער שכל זענן זיי גלייך מיט בהמות דרום זאגט ער ולראות שהם בהמה ...ה להם זיי ווייזן אום ווי די בהמות ווייל זיי זאגן עס איז אלין במקרה ...ם איז איין טרעפונג צו דר בהמה און צו די מענטשן עס איז אלין ...ייך ווייל זיי זענין אין זייערי אויגן אליין וויא איין בהמה מחוסר אמונה ...י צו זיי ווי צו זייער נפש עס וואלט זיי בעסר גיוועזן זיי זאלין גאר ...ויף דר וועלט ניט גיקומן אויף זייער שטות ענטפערט שלמה ווייטר ...ון זאגט מי יודע רוח בני האדם העולה היא למעלה ורוח הבהמה היורדת היא למטה ...ארץ ווער ווייסט דס צווישן די נארן דען זייא ווייסן ניט דעם כבוד ...ון הקב"ה מלך עליון און דעם כבוד פון דר תורה ווייסין זיי אויך ...ט אז זייא וואלטן ווייסן אז דער רוח פון דעם מענטשן גייט ארויף ...אנץ הויך לכקום הקודש מקום העליון צו גישפייזט ווערין פון דעם ...אר העליון פון דעם מלאך הקודש צווא זיין בצרור החיים ער זאל ...יפונן ווערן ביי הקב"ה און אז זי איז זוכה ברענגט זיא מיכאל כהן ...דול ארויף פר איין מתנה צו הקב"ה פאר איין קרבן אבר דר רוח ...הבהמה נידרט אראפ אין דר ערד אין דעם ארט ווי זיא איז פריער ...גיוועזן אבר דר מענטש איז דאך בצלם אלהים אזו וויא עס שטייט כי ...בצלם אלהים עשה את האדם אויך שטייט נר אלהים נשמת אדם און וויא אזו ...זאלין דיא נארן זאגין אז עס איז איין רוח און זייא ווילין ניט דער ...קענן זייער מדריגה דאס זייא האבן איין רוח מלמעלה אויף זייא איז ...גיזאגט גיווארן יהיו כמוץ לפני רוח זיי ווילין זיין אזו ווי פלעווי וואס דר ...ווינט בלאזט זי אוועק ומלאך ה' דוחה דר מלאך וואס איז ממונה אויף ...דיא נשמות זאל אים אראפ שטוסן אין דער מדריגה התחתונה פון ...פון דעם גיהנם ער זאל שוין ניט קענן ארויף קומן לדורי דורות אוף ...זיי שטייט יתמו חטאים מן הארץ ורשעים עוד אינם ברכי נפשי את ה' הללויה וויא ...רבי יוסי מיט רבי חזקיה האבן דר הערט די תורה פון דעם מענטשן ...זענן זיי גיקומן און האבן אים גקושט אוף זיין קאפ און זאגין אזו פיל ...תורה איז פאר האנדען אין דיר און מיר האבין דער פון גאר ניט ...גיוואוסט · פיל זוכה איז דיא שעה וום מיר האבן דיך בגעגינט · זאגט

ער צו זיי ניט דאס אליין האט שלמה גיזאגט · ער האט נאך גזאגט ווייטר זה רע בכל אשר נעשה תחת השמש כי מקרה אחד לכל ווער עס זאגט אזו ווי אויבן שטייט הייסט ער רע דס ער הט קיין חלק ניט לעולם הבא אזו וויא דר פסוק זאגט כי לא אל חפץ רשע אתה לא יגורך רע · קום און זעה הקב"ה הט גיזאגט ובחרת בחיים למען תחיה דו זאלסט לעבן בעולם הזה ובעולם הבא און אז די רשעים זאגן אז איין מענטש מיט איין בהמה איז גאר גלייך ווי אזו קענן זייא האבין איין חלק לעולם הבא · זאגין זיי צו אים דו ווילסט גייא מיט אונז בחברותא · זאגט ער איך זאל אזו טאן וואלט מיך דיא תורה אן גירופין כסיל איין נאר · פאר וואס ווארום איך בין איין שליח · און שלמה המלך הט גיזאגט מקצה רגלים חמס שותה שולח דברים ביד כסיל גמצא וועל איך ווערין גירופין כסיל קום און זעה די מרגלים ווייל זייא זענן ניט גיוועזן קיין בני אמונה ערליכי שלוחים · זענען זייא גיווארען מתחייב בנפשם בעולם הזה ובעולם הבא · הט ער זיי גיקושט און איז אוועק גגאנגן אז זיי זענן ווייטער גגאנגן האבן זיי בגעגינט מענשן גייען אנטקעגן האבן רבי יוסי מיט רבי חזקיה זייא גפרעגט אוף דעם מענטשן ווער ער איז זיין נאמען זאגן זיי דס איז רבי חגי איינר פון דר חבריא האבן די חבריא אים גשיקט ער זאל אפ זוכן רבי שמעון בן יוחאי מיט זיין חבריא זאגט רבי יוסי וודאי איז דאס רבי חגי וום ער האט כל ימיו ניט גוואלט מען זאל ווייסן וום ער קען · און דרום הט ער אונז גזאגט אז זיין זון האט אים מזכה גוועזן אין דר תורה ער איז איין שליח נאמן זכאה איז ער זכאה איז דר וואס ער האט אים גשיקט · קום און זעה אליעזר עבד אברהם איז גוועזן פון דיא קינדר פון כנען וואס ביא אים שטייט כנען בידו מאזני מרמה און עס שטייט ארור כנען עבד עבדים יהיה לאחיו און ווייל ער איז גיוועזן איין שליח נאמן שטייט בייא אים בוא ברוך ה' אוב דו ווערסט מיינן דס הט נאר לבן גרעט אבר דס איז ניט גיוועזן משמים נאך וום זאל דס שטיין אין דר תורה אלא ער איז דס מאל ארוס גגאנגן פון דעם כלל פון ארור כנען און איז גקומן לכלל ברוך און איז גבענטשט גווארן בשם הקב"ה און מיר האבן גלערנט אז איין מלאך איז גקומן און ער הט ארויין גטאן אין מויל פון לבן דיא ווערטר בוא ברוך ה' דרום ווייל ער איז גוועזן נאמן אין זיין שליחות צו אברהם דרום איז ער גקומן לכלל ברכה:

וישלח אותם משה וגו' כלם אנשים זייא זענין גיוועזן באותו שעה זכאים און עלצטע פון די ישראל נייערט זייא האבען אין זיך אשלעכטי עצה גנומען אוף זיך זעלבערט זייא האבין גיזאגט ווען מיר וועלען אצונד אריין גיין קיין ארץ ישראל וועט אונז משה אפ זעצן פון אונזרי נשיאות און וועט מאכין נייע עלצטי דרום האבין זייא גורם גיוועזן מיתה צווא זיך און צו דיא אלי וואס האבין פאר נומען זייערע רייד און משה האט גיזעהן אז זיי וועלין ניט מצליח זיין זייער וועג דרום הט ער מוסיף גיוועזן די יוד צווא יהושע און האט אויף אים מתפלל גיוועזן אז ער זאל ניצול ווערין פון זייער שלעכטער עצה און אז כלב האט גיזעהן אז משה האט מתפלל גיוועזן פאר יהושע הט ער זיך פאר זייא גיהיט און האט זיך אריין גילאזט אין איין סכנה אריין צו גיין צו די ענקים אחימן ששי ותלמי וואס זייא זענין ארוים גיקומן פון דיא מלאכים וום הקב"ה הט זיי אראפ גווארפן אוף דר ערד און זיי האבן דא גהאט די ריזין און כלב איז גגאנגן קיין חברון און הט מתפלל גיוועזן אוף דיא קברי אבות אז ער זאל אויך ניצול ווערן פון זייער

שלעכטע

יט דא אין דר תורה אבר די ווס זענן ניט קיין בני אמונה אונ
ן ניט לשם שמים עד סי האסח די מאכן חס ושלום איין פירוד אין
אמונה אונ דרום שטייט אוף זיי וישאוהו במוט בשנים אונ דרום זאגט
במוט ווייל די טומאה הייסט מוט אזו וויא עס שטייט אל יתן למוט
וכן הסוכים וכן התאנים זיי לייגן אום די תורה אויף אפיקורסות לצד
וישונו כתור הארץ זיי קערן זיך אום אונ באהעפטן זיך לצד הרע
קערן אוועק פון דעם דרך הישר והאמת זיי זאגן ווס קוכט אונז
ס דר פון ביז אהער האבין מיר קיין גוטס ניט גהאט אוף דער
ט מיר ארבטן אונ מיען זיך אונ אונזר הוז איז ליידג מיר האבן
י חרפות פון די זיבן עממין אונ נאר פון עולם הבא ווען אליין
איז זוכה צו דעם אונ ווער קען קומין דער צוא עס ווארט אונז
ר גוועין אז מיר זאלן זיך ניט מיען אין דריניין דרום האבן זיי דר
הרטה ויספרו לו ויאמרו זייא זאגין עס איז אמת מיר האבין זיך שוין
ט אונ מיר זענין שון מיד צו וויסן פון דעם חלק עולם הבא עס
וא ארץ זבת חלב ודבש זייער גוט אזו ווי מיר האבן פר שטאנן דורך
תורה אבר ווער קען אהין קומן ווארום אפס כי עז העם דר ווס וויל
ן עולם הבא מוז ער פריער זיין אגרוסר עושר ער זאל קענן פיל
ה געבין אונ גוטס טאן אזו ווי עס שטייט ועשירים יענו עזות ער מוז
ן איין שיין הוז ווס עס זאל זיין פיל מיט כל טוב וערים גדולות ובצורות
ם עס זאל אים ניט אפ גיין מכל טוב אונ פון דעסט ווענן חאטשי
הט שון אלץ וגם ילידי הענק ראינו שם מוז ער ערשט האבן איין שטארקן
יען די תורה מאכט אים שלאף ער מוז זיין שטארק ווי איין לייב
ער זאל זיך קענן מיען אין דר תורה צו וויסן אסור והיתר טמא טהור
בול ווער קען דס אלץ אום שטיין עס איז פיל צו לערנן אונ פיל
יסן אונ אז די ווערסט ווען זאגן מען קען פארט זוכה זיין דר צו
ערשט עמלק יושב בארץ הנגב דר יצר הרע דר מקטרג איז תמיד אין
מענטשן אונ ניט אזוער אליין נאר החתי והאמורי אנדרי מקטריגים
דארטן פיל אונ עס איז ניט מיגלעך ארין צו קומין אויף יענער
ט דען זיי מאכן אנגסטן אונ מורא אונ ווייל פריער זאגט ער אז
רה הייסט נגב דס איז טייטש טרוקין דרום זאגט די תורה אז דר
ך דר יצר הרע הט איין שליטה אין דר תורה ווס זי הייסט ארץ
אר ווען איז דס איידר ער לערינט זיא אבר אז ער לערינט דיא
ה הייסט זי תורה אור איז די תורה מגין אוף דעם מענטש פר דעם
הרע אונ ווען דר יצר הרע קומט צו אים זאל ער לופן אין בית
רש ארין אונ אז ער לערינט איז אובן ניט פר האנדין אוף אים
מקטרג ויניאו את לב בני ישראל אבר אזעלכי רייד טוען זיי אפ ריידן
י לייט דרום ווייל זיי זענן מוציא שם רע אויף די אנשי אמונה
אגן אם חפץ בנו ה' אז הקב"ה וואלט וועלן אין אונז ונתנה לנו וועט
ונז לאזן זוכה זיין דר צו אונ הקב"ה וועט אונז מצרף זיין אונזר
מחשבה למעשה דען הקב"ה בגערט נאר פון דעם מענטשן דס
ן אונ אז ער הט דעם היליגן צייכן ווס דרוף שטייט ועמך כולם
לעולם יירשו ארץ זענן דען אלי ישראל צדיקים נאר אז זייא זענין
ת אונ היטן דעם צייכן הייסן זיי צדיקים דרום זענן זיי זוכה צו
ארץ החיים בעולם הבא ווען איר האט נאר אגוט הארץ צוא
ה אך בה' אל תמרודו איר זאלט נאר ניט מורד זיין אין דר תורה
י תורה בגערט ניט פון אייך קיין גאלד אונ זילבר ואתם אל תיראו
תיראו איר זאלט זיך ניט פארכטן פר די מקטריגים • אונ דיא

רשעים זאגין אז מען לערינט ווערט מען שלאף אדרבה אז איין
שלאפר מענטש לערינט תורה הט ער איין רפואה אזו ווי דר פסוק
זאגט רפאות תהי לשרך ושקוי לעצמותיך אוך שטייט ולכל בשרו מרפא זי הייקט
אלי קרענק אונ מאכט אים שטארק אז דיא מקטריגים אליין רופין
אוף אים אום אונ זאגן ראמט אום איין ארט פאר דעם מענטש ער
איז איין עבד מלך דרום פארכט אייך ניט פר זיי כי לחמנו הם זיי אליין
גרייטן אן זייערי שפייז צו די ווס זענן עוסק בתורה אזו ווי עס שטייט
ביי אליהו ואת הערבים צויתי לכלכלך ווייטער שטייט והעורבים מביאים לו לחם
ובשר • סר צלם מעליהם דס איז דר שטארקר כח פון דעם דין הקשה איז
אפ גטאן דרום ווייל הקב"ה איז מיט אונז וה' אתנו דרום פארכט זיך
ניט פאר קיינם דען ווען מען לערינט תורה איז דר דין א ן אים ניט
שולט וואל איז דר חלק פון דעם ווס איז עוסק בתורה לשמה דען זיי
זענן מקושר אין הקב"ה ממש אונ זיי ווערן אן גרופן אחים להקב"ה
אזו ווי דר פסוק זאגט למען אחי ורעי אדברה נא שלום בך :

ויבואו עד נחל אשכול זאגט רבי אבא בשעת אז זיי האבן אפ גשניטן
דעם אשכול האבן זייא אים ניט גקאנט אוף הובן ביז
יהושע וכלב זענן גקימן האט ער זיך ערשט גלאזט נעמן דען
האבן זייא אים אוף גהובן דרום שטייט וישאוהו במוט בשנים מיינט
מען דיא צווייא יהושע וכלב זייא האבן דאך ניט גזינדיגט האבן
זייא גוויסט אז זייא וועלן ארין גיין קיין ארץ ישראל זענן זייא
גקומן צוא דר פרי אונ האבן גזאגט צוא איר דורך דיר וועלן מיר
קענן קומן קיין ארץ ישראל אז דיא וועסט זיך לאזן נעמן אונ מיר
וועלן אין דיר איין חלק האבן מיד תג כף האט זי זיך גרינגר גמאכט
אונ הט זיך שון גלאזט נעמן • רבי יצחק זאגט ווי זיי זענן גקומן
צוא דיא ענקים האבן זייא נאר גוויזן דעם שטעקן פון משה אזו
זענן זייא ניצול גווארן דען משה רבינו האט זייא מיט גגעבן זיין
שטעקן דרום שטייט עלו זה אונ שטייט ואת המטה הזה דאס מיינט מען
דעם שטעקן • רבי יהודה זאגט משה רבינו הט זיי מוסר גוועזן דעם
שם המפורש אונ אז דיא ענקים זענן גקומן צוא זייא זענן זייא
דורך דעם ניצול גווארן • רבי יהודה זאגט דרייא נעמן האבן זייא
נפילים ענקים רפאים אונ אלי האבן מאריך ימים גוועזן צום ערשטין אז
הקב"ה האט זייא אראפ גיווארפן פון דעם הימל האבן זייא גהייסן
נפילים ווייל זיי זענן אראפ גיפאלן אונ אז זייא האבן זיך באהעפט
מיט דיא בנות האדם אונ האבן מיט זייא גהאט קינדר האבן זייא
גיהייסן ענקים דער נאך אז זייא האבין ארום גשוועבט אוף דער
וועלט אונ זענין שלאף גיווארין פון דעם כח של מעלה האבין זייא
גהייסן רפאים דס איז לשון שלאף • רבי יצחק זאגט זייא האבן זיך
ארין גווארפין אין ים הגדול ארין זענן זיי דר טרונקין גיווארן אזו
וויא עס שטייט והרשעים יחוללו מתחת כים זאגט רבי שמעון ווען ישראל
וואלטין ארין קומין קיין ארץ ישראל מיט דעם סימן פון לשון הרע
וואלט די וועלט קיין קיום ניט גהאט דען דר כח פון לשון הרע איז
אזו גרוס דס הקב"ה הט זיי אוף אלץ מוחל גוועזן חוץ אוף לשון הרע
אונ דר כח איז אזו גרוס אז די דאזיגי וואס האבן גרעט לשון הרע
זענן גשטארבן אונ עס איז נגזר גווארן אז זיי זאלן אלי ניט ארין גיין
קיין ארץ ישראל אונ עס איז נגזר גווארן איין בכיה לדורות אז דיא
צוויי בתי מקדשות זאלן חרוב ווערן די נאכט דען עס איז גוועזן די
נאכט פון תשעה באב האט הקב"ה גזאגט ווייל איר וויינט היינט

אום

אים זיסט דר פר וועלן די צוויי בתי מקדשות חרוב ווערן די נאכט
ווערט איר שון ווייגן באמת ווארום אז זיי האבן גרעט לשון הרע אוף
ארץ ישראל איז גליך ווי זיי וואלטן גרעט אוף הקב"ה אונ ווען עס
וואלט ניט זיין די תפלה פון משה וואס ער הט מתפלל גוועזן וואלטן
זייא אלע פר דארבן גיווארין פון דער וועלט • רבי חייא זאגט זייא
האבין גיזאגט וגם ארץ זבת חלב ודבש היא וזה פריה דען זייא האבין אפ
גריסין אקליין צווייגיל מיט פלוימען אונ האבין גזאגט פון די פירות
וועגין האבין מיר גיליטין אזו פיל צרות מיט מידיקייט אמער אין
מצרים איז דאך די פירות גוועזן צוויי מאל אזו גרוס אפס כי עז העם זייא
האבן גזאגט דען דר סדר איז אז די גבורים ליגן אין דרויסין פון דר
שטאט מלחמה צו האלטן זיי זאלן ניט לאזן קומן קיין שונא צו דר
שטאט אונ די דאזיגי זענן נאר אין שטאט גבורים אונ תקיפים והערים
בצורות ווען עס זאלן זיך איין זאמלן אלי מלכים פון דר וועלט וואלטן
זיי ניט גקאנט קיין שום פנים מאכין אין זיי זאגט רבי יוסי פון דעם
גאנצן לשון הרע וואס זיי האבן גרעט איז דס ערגסטי גוועזן וואס זייא
האבין גיזאגט עמלק יושב בארץ הנגב עס איז איין משל ווען איינעם גיט
איין שלאנג איין ביס אז מען וויל אים מאכין איין מורא זאגט מען
אים אט גייט דר שלאנג צו דיר אזו האבן זיי אויך גטאן אונ האבין
גיזאגט דר וואס האט זיך אונטר גנומן מלחמה צוא האלטן לבעלה
ולמטה ער מיט זיין גרוסן כח פון זיין שר ס"ם דער זיצט אין דרום
זייט מיד תיכף ותשא כל העדה את קולם ויבכו העם בלילה ההוא אונ דיא נאכט
איז גוועזן תשעה באב דרום האט הקב"ה קובע גוועזן מען זאל דיא
נאכט תמיד וויינן • זאגט רבי יוסי זיי האבן זיך איין עצה גהאלטן
צו ריידן לשון הרע אוף ארץ ישראל אונ אוף הקב"ה :

ועתה יגדל נא כח אדני כאשר וגו' רבי אבא ורבי יוסי זאגן די ישראל זענן
פיל זוכה דען הקב"ה הט אין זיי בגערט אונ הט זיך ברימט
מיט זייא וואס זיי זענין עוסק בתורה אונ איינר איז מקושר אין דעם
אנדרין זיי טוען דעם ווילן פון זייער האר • קום אונ זעה אז הקב"ה
הט די וועלט בשאפן הט ער זיא גמאכט אזו ווי איין מענטש וואס
זיין הארץ איז דאך אין דר מיט גוף דען דאס הארץ איז דער כח
פון אלדינג אונ דס הארץ ווערט גישטארקט אונ איז באגריפין אין
מוח אונ איינס איז מקושר אין אנדערין אזו אויך הט הקב"ה מסדר
גוועזן די וועלט צום ערשטן האט ער מסדר גוועזן דעם ים אוקינוס
ער זאל ארום רינגלן די גאנצי וועלט דר נאך הט ער מסדר גיוועזן
אז די שבעים אומות זאלין ארום רינגלן ירושלים דען ירושלים איז
אין מיטן דעם ישוב פון דר וועלט אונ אין מיטן ירושלים איז דר הר
הבית אונ דר הר הבית איז ארום דעם עזרת ישראל אונ דר עזרת
ישראל איז ארום דעם לשכת הגזית ווי די סנהדרין זענין גזעסן אונ
מיר האבן גלערינט אז אין דר עזרה הט קיינר ניט גטארט זיצן נאר
מלכי בית דוד אונ דער לשכת הגזית רינגלט ארום דעם אולם אונ
דר אולם דעם מזבח אונ דר מזבח דעם היכל אונ דר היכל דס בית
קדשי הקדשים ווס דארטן איז גוועזן די שכינה אונ דיא כרובים אונ
דס כפורת אונ דר ארון אונ דס איז דס הארץ פון דר גאנצר וועלט
אונ פון דעם הארץ ווערן גשפייזט אלי לענדר אונ דש הארץ למטה
ווערט אויך גישפייזט פון דעם מוח העליון דען דס בית המקדש של
מטה איז מכוון אקעגין דעם בית המקדש של מעלה אונ איינס איז
מקושר אין דעם אנדרן אזו ווי עס שטייט מכון לשבתך וגו' דען ארין ווס

עס איז למטה איז אלץ אקעגן למעלה ווייטער זענין גרוסי סודות •
אונ אזו מיינט ער ועתה יגדל נא כח ה' עס זאל גגרייכט ווערן דער כח
איינס פון דעם אנדרן דען אלי עולמות זענן מקושר איינס אין דעם
אנדרן דס דר רחמים פון הקב"ה זאל זיך דער וועקן אוף זייא כאשר
דברת לאמר דס מען זאל ווייטר וויסן לדורי דורות אז מען איז חלילה
אין איין צרה זאל מען זאגן ה' ארך אפים ורב חסד וגו' • פרעגט רבי יצחק
פר וואס אין די שלש עשרה מדות פון פרשת כי תשא שטייט ורב חסד
ואמת אונ דא שטייט ניט ואמת זאגט ער ווייל זייא האבן גזאגט שקר
דרום הט זיך דר מדת אמת פון זיי אפ גיטאן כמדה שאדם מודד מודדין
לו אזו אויך דיא אלי מדות ווס דארטן שטייט אונ דא ניט איז כחבת
זיי האבן זיך פון זיי אפ גטאן הט זיי משה היינט ניט גקענט זאגן
אזו ווי דארטן :

מעשה דינוקא זאגט דער מעתיק תחלת וועל איך דיר מודיע זיין
אגרוסין כלל אז אין דיא ערשטי דורות איז גיוועזן אגרוסי
ידיעה אין סודות התורה אונ זייא האבן זיך אפ גשייד פון מענטשן
אונ האבין גיקענט מאכן איין יחוד פון צירופי שמות אונ כוונות אונ
זענן ארין גגאנגן אין גן עדן אונ אין היכלות וישיבות של מעלה
אונ אויף דעם זאגט אויך די גמרא ארבעה נכנסו לפרדס דס איז אזעלכע
זאכן ווס מען קען דס גוף העניין ניט ארויס שרייבין נאר בדרך כלל
אזו אויך איז פיל מעשים אין דר גמרא • אויך ביי רבה בר בר חנה
שטייט כמה זאכן ווס ער הט געזהן בשעת ער איז גיגאנגען אין דר
מדבר אין איין שיף• ווס זיי זענן דר ווידר דעם שכל פון דעם מענטשן
נאר מען בדארף גלייבן אז דס איז גרוסי סודות אין מעשה מרכבה
אונ אין מעשה בראשית נאר עס איז פר שטעלט אין אזו איין לבוש
אויך אזו איז דס גישטאלט ווס עס שטייט אין דער אדרא וואס רבי
שמעון מיט דר חבריא זענן ארין גגאנגן אונ אזו איז די מעשה פון
דעם סבא אין פרשת משפטים אונ אין פרשת בראשית פון דיא
בעלי קבין אונ דעסט גלייבן זענן פיל מעשיות אין זוהר אונ אין דר
גמרא איך שרייב עס מען זאל חס ושלום דס ניט פר גרינג האלטן
אונ מען זאל חס ושלום ניט שפעטן דר פון דען די זאכן שטיין ברומו
של עולם • רבי שמעון מיט דר חבריא זענין גקומן אין איין היל אונ
האבן דארטן גפונן לייט ווס זיי האבן עוסק גוועזן אין דר תורה אונ
האבן מגלה גוועזן אזעלכי סודות וואס זייא האבן עס קיין מאל ניט
גהערט זענין זיי ארום גגאנגן פון דר הייל אונ האבן זיך גזעצט אין
איין גארטן אונטר די ביימר זאגט איינר צום אנדרן ווייל מיר זענין
דא ווען מיר זאלין דא שטארבן וואלטן מיר בוודאי גיקומין לעולם
הבא אזו ווי זיי זענן גזעסן פאלט אוף זיי איין שלאף זענין זייא איין
שלאפין גווארן אין דעם קומט דר זעלביגר ממונה אונ וועקט זייא
אוף אונ זאגט צו זיי שטייט אוף אונ גייט ארום אין גארטין ווס איז
אין דרוסן זיי גיין אונ זעהן די בעלי מקרא ווס זיי לערנן פסוק אונ זאגן
דעם פסוק במדבר הזה יתמו ושם ימותו אין דר מדבר וועלין זייא שטארבן
אבר אוף איין אנדר ארט ניט אונ דס איז גיזאגט אוף זייערי גופות
אבר ניט אוף זייערי נשמות זאגט דר ממונה צו זיי גייט ארום זייא
גייען מיט אים ארום זאגט ער צו זיי הט איר דא עפיס גיהערט אין
דר מערה זאגן זיי מיר האבן גיהערט איין קול עס האט אזו גזאגט
מאן דפסק יתפסק מאן דקצר יתקצר מאן דקצר יתערך זאגט ער צו זיי ווייסט איר
ווס דס איז זאגן זיי ניין מיר ווייסן ניט זאגט ער צו זיי הט איר גנעהן



דסם

ם גרוסן אדלר אונ איין קינד הט גקליבן גראז דס איז רבי אלעאי
דר שטאט נציבין מיט זיין זון זייא זענן אהער גקומן אונ זיין זון
דר זעהן די מערה וויא זיי זענן אהער אריין גנאנגן האבין זייא
ט גיקענט פאר נעמן דאס פינצטרניש פון דער היל אונ זענן דא
שטארבין אונ דער ינוקא זיין קינד שטייט אלי טאג פאר בצלאל
שעת ער נידרט אראפ פון דר ישיבה של מעלה זאגט ער פר אים
ייי ערליי זאבן איידר בצלאל הייבט אן בסודות החכמה וואס זייא
גין פאר הולין אונ גאנץ טיף דאס אלי זייני רייד זענן גרוסי סודות
פראות וכפ עין לא ראתה אלהים זולתך אונ דס איז וואס ער האט גזאגט
אן דפסק יתפסק דס מיינט מען דר וואס איז מפסיק אונ הערט אוף צוא
ערנן אונ איז מבטל פון דברי תורה צו ריידן דברים בטלים דס זאל
פ גשניטן ווערן ניין לעבן בעולם הזה אונ זיין דין וועט זיין לעולם
הבא מאן דקצר יתקצר ווער עס איז מקצר אין דעם ווארט אמן אונ זאגט
ס גיך אוועק אונ איז דרינן ניט מאריך בנחת זאל פר קירצט ווערן
ין לעבן פון דער וועלט מאן דקצר יתארך ווער עס זאגט אחד בדארף
ער ניט מאריך זיין אין דר אל"ף פון אחד אונ אפ טיילן די א בזונדר
ייערט צוא לייגין אחד אין איינם אונ ווער עס איז מכוין אין אחד
ענגרט מען אים זייני יארן זיי זאגן צו אים ער הט נאך מער גזאגט
עס זענן צוויי אונ איינם איז זיך דר צו משתף איז שון דריי אונ די
דריי זענן איינם דס איז די כוונה פון קריאת שמע דהיינו מען זאל
מכוין זיין שמע ישראל די צוויי ווערטר ה' אלהינו אונ דר שם ה' איז זיך
מחבר דר צו דס איז אלץ אחד אונ דס איז די חתימה פון אמת אונ
דס מוז מען מכוין זיין אז דס איז אלץ איין יחוד ער זאגט ווייטער
איין סוד דר נאך זאגט ער צוא זייא גייט ארוס פון דאנין איר גרוסי
צדיקים זיי גייען ארוס אונ דר ממונה הט זיי גגעבן איין הוז ווי זיי
גייען ארוס אזו ווערט די טיר פון דר היל פר הולן פון זיי אונ זייא
זעהן שון ניט אונ זעהן דער אדלר נידרט אראפ פון דער היל אין
אנדר היל ארין זיי שמעקין די רוז אונ גייען ארין אונ גפונן דעם
נשר אוף דר מערה ער זאגט צוא זייא גייט ארין איר חברים צדיקי
אמת דען איך האב נאך ניט גזעהן זינד איך בין דא אזו איין חברותא
של שמחה וויא איר • זיי גייען ארין קומן זיי צו איין ווייין גארטן אונ
דר נשר גייט אוך מיט זיי ווי זיי זענן גקומן צו די בעלי משנה וואס
זיי לערנן משניות איז דר זעלביגר אדלר גיווארין אין גישטאלט פון
אמענטשן אונ איז גוועזן אן גטאן בגדי כבוד אונ האט גלייכט אזו
ווי זיי לייכטן אונ זעצט זיך לעבן זיי אונ זאגט צו זיי טוט אן כבוד
אונ ווערדיקייט צו די בעלי משנה וואס זיי זענן מיט מיר גיקומן דען
איר זאלט זיי ווייזן פיל ווינדר זאגט איינר פון זיי הט איר איין סימן
זאגן זיי יוא ציהן זיי אום צוויי רוזן זיי שמעקן דר פון זאגן זיי זעצט
אייך הערן פון ישיבות זעצט אייך איר צדיקי אמת זיי נעמן אן אין
זיי אונ זעצן זיי לעבן זיך באותו שעה האבן זיי דארט גלערינט דרייסיג
הלכות וואס זיי האבן פריער זיי ניט גוויסט אונ חוץ אנדרי סודות
התורה זענן זיי אוועק גגאנגן פון די בעלי משנה צו די בעלי מקרא
זיי גפינן זיי אז זיי זאגן דעם פסוק אני אמרתי אלהים אתם ובני עליון כלכם אכן
כאדם תמותון בשעת איר הט גזאגט נעשה פר נשמע האב איך גזאגט
איר זייט אלהים ובני עליון • אכן אבר אז איר הט גצוגן נאך דעם יצה"ר
כאדם תמותון מוזט איר שטארבן אזו ווי אדם הראשון דאס זיין מיתה
איז ער מוז נידערין אין דר ערד כדי דר יצר הרע וואס אין אים איז

זאל צו גיין אונ שטארבן אין דעם עפר אונ זאל פר פוילט ווערן אין
אים • זאגט דר זקן וואס ער איז איבר זייא איין ממונה דערבט גלייבן
שטייט אוך ופגריכם אתם יפלו במדבר וואס שטייט ופגריכם אלא דס איז דר
יצר הרע דען פגרו איז לשון חסרון דס מיינט מען דעם יצר הרע וואס
ער נידרט אראפ אונ גייט קיין מאל ניט אוף אזו ווי ביי קודש שטייט
מעלין בקודש ולא מורידין דרום זאגט ער במדבר הזה יתמו די פגרים זאלן צו
גיין ושם ימותו דען דר ווילן פון הקב"ה איז צו פר לענדן די פגרים פון
דעם יצר הרע פון דר וועלט אוף אייביג זאגט רבי אלעאי איר צדיקי
אמת גייט ארין אונ זעהט דען צו אייך איז גיגעבן גיווארין רשות
איר מעגט ארין גיין ביז דעם ארט וויא דר פרוכת איז פר שפרייט
וואול צו אייער חלק זיי שטייען אויף אונ גייען ארין אין אזו איין
ארט וואס דארטן זענן די בעלי אגדה וואס זיי לערנן אגדות ומדרשים
די זענן אין גאנצן נאר סודות בדרך נגלה אונ זייער פנים טוט לייכטן
אזו ווי די זון זיי פרעגן ווער זענן די זאגט ער דס זענן די בעלי אגדה
די זעהן אלי טאג די ליכט פון דר תורה ווי עס בדארף צו זיין זייא
שטיין אונ הערין פיל סודות ודרושים פון די בעלי אגדה אבר עס
איז זיי ניט גגעבן גווארן קיין רשות ארין צו גיין זאגט רבי אלעאי צו
זיי גייט אין איין אנדר ארט וועט איר זיי יוא קענן זעהן דארטן די
בעלי אגדה זיי גיין אין איין אנדרן גארטן זעהן זיי דארטן קברים
גראבן אונ ווערין תיכף ומיד גישטארבן אונ ווערן ווידר תיכף
לעבדיג אן גקלייד אין איין גוף קדוש וואס ער האט גלייכט פון דיא
אורות הקדושים זאגין זיי וואס איז דס זאגט ער אזו טוען זיי אלי טאג אז
זיי שטארבן אזו ווערט פר לענט זייער זוהמת הגוף וואס זייא האבן אין
זיך פריער גהאט אונ שטיין באלד אוף אונ זענין אין נייאי גופים
וואס זייא לייכטין אזו וויא דיא הייליגי גופים וואס זענין גישטאנין
אויף דעם בארג סיני אזעלכי גופות וואס איר זעהט האבן זיי גהאט
בשעת מתן תורה אוף דעם בארג סיני אן זוהמא אונ אן לכלוך דס
קיין שום צד הרע איז אין זייא ניט גיוועזן אונ דר נאך האבין זייא
אוף זיך גצויגן דעם יצר הרע זענן זייא ווידער אן גיקלייד גווארן אין
דעם גוף אזו וויא פריער אין גשמיות אזו וויא מיר האבן אצונד דס
איז מצד יצר הרע פרעכדי גופות אזו וויא עס שטייט ויתנצלו בני ישראל
את עדים מהר חורב אונ דר ווייל הערין זייא וויא עס גייט ארויס איין קול
אונ זאגט גייט ארין אונ זאמלט אייך איין דען אליאב שטייט אוף
זיין שטאנד אונ אלע זענען פר אים זענן זייא אלע אוועק גיפלויגן
אונ האבין שוין קיינעם ניט גיזעהן זייא זענען נאר אליין איבער
גיבליבן אונטער דיא ביימער פון דעם גן עדן דער ווייל האבן זייא
ווידער דער זעהן איין אנדרע טיר זענן זייא ארין גיגאנגען זעהן זיי
דארטן איין היכל גייען זיי ארין אונ זעצן זיך דארטן אנידר האבן זיי
דר זעהן דארטן צוויי יונגן זיי הויבן אויף די אויגן דר זעהן זיי איין
משכן אונ עס איז גמאלט מיט אלרלייא ציורים אונ גיוועבט מיט
אלערליי גשטאלט פון דר וועלט אונ דרויף איז פר שפרייט איין פאר
האנג וואס ער הט גלייכט אונ גיפינקלט וואס די אויגן האבן דרינן ניט
גיקאנט ארין קוקין אין איין ערך פון צווייא תחום שבת האבין זיי
גיזעהן אין דעם משכן ביז דעם ארט וואס דר פרוכת איז פר שפרייט
גוועין ווייטער האבין זיי ניט גיקענט זעהן דאבין זייא אראפ גינייגט
זייערע אויגין אונ דער הערין איין קול זאגט סודות וואס מען קען ניט
שרייבין אונ זאגט ווייטער ווער עס וועט קוקן אונ וועט זעהען זאל
כליגד

בלינד ווערן זיינע אויגן און ווער עס וועט ניט זעהן זאלין אים
געפינט ווערן זיינע אויגן עס איז איין בוים פון שמונה עשר ווער עס
בוקט זיך דער וועט זיין אויף גיריכט און וועט האבין איין קיום און
ווער עס בוקט זיך ניט עסט אים אויף דער נחש הרע ווען ער גייט
אריין צווישן דיא שני כרובים איינוועייניג דעם וועט זיין ווילין גיין און
ווער עס איז מעיין דרינען דעם ווערט זיין רצון אוועק גינומען דער
קרבן פון דעם קינד איז גאנץ עס זאל ווערן גינעהענט מקובל צוא
ווערן אזו האט דס קול אויף גיהערט און הערין ניט מער · זאגן די
צוויי יונגען האט איר ביי אייך איין סימן זאגן זיי יוא און ציהען ארוס
זייערע צווייא רויזן וואס זייא האבן בייא זיך גיהאט האבן זייא דס
נשמעקט און זאגן צו זיי זעצט זיך אנידר ביז איר וועט הערן צוויי
גרוסע סודות עליונים פון די ראשי ישיבות וואס דא זענן אבר איר
טארט זיי ניט מגלה זיין און זייא מוזן ביי אייך זיין בסוד זאגן זייא
יוא זאגט רבי שמעון צו זיינע חברים אלי די זאכן וואס איר האט דא
גיזעהן און גיהערט שרייבט דס אויף ווי זיי קומן דר צוא זאגט ער
עס שטייט אמרתי אשמרה דרכי מחטוא בלשוני דס הייסט איך דארף היטין
מיין צונג ניט מגלה זיין אזעלכע הויכע סודות און איך האב גפרעגט
מיין עלטער פאטער פון ווען די צוויי זאכן האט ער צו מיר גיזאגט
וייד דא שווער איך מיין קינד מיט די צוויי זאכן זענן בונה עולמות ומחריב
עולמות דר וואס ער איז מיט זיי משמש אז זיי האבן גהערט די צווייא
זאכן · זאגן צו זיי די צוויי יונגען גייט ארוס עס איז קיין רשות ניט
דא צו אייך איר זאלט מער הערן אזו האט איינר פון די צוויי יונגען
ארוס גיצויגן איין עפיל און גיט זיי און זאגט שמעקט אים האבן זיי
נשמעקט און זענן ארוס גיגאנגן און ארץ וואס זייא האבן דארטין
גזעהן האבן זיי ניט פר געסן ווי זיי גייען ארוס איז צו זיי גיקומן צו
גיין איין אנדערער ממונה און זאגט צו זייא איר חברים רבי אלעאי
האט מיט גשיקט צוא אייך אז איר זאלט ווארטן אוף דער מערה ער
וועט אייך מודיע זיין סודות עליונים וואס ער האט נאך ניט גיוואוסט
ער האט גינומען רשות פון דעם ראש ישיבה ער זאל אייך מגלה זיין
זענן זיי גגאנגן מיט אים און זענן גיקומן אוף דר מערה און ווארטן
דארטן אוף אים דר ווייל האבין זיי איבר גיחזרת אלע רייד וואס זיי
האבן דארטן גלערינט און גזעהן איז דעם איז רבי אלעאי אן גקומן
און זיין פנים לייכט אזו ווי די זון זאגן זיי צו אים האסטו גיהערט
חדושי תורה זאגט ער צו זיי בוודאי האב איך גהערט און עס איז
מיר גיגעבן גיווארן רשות אייך מגלה זיין די רייד האבן זיך אלע
אנידר גזעצט אוף דר מערה זאגט ער צו זיי איר טייערע לייט דס
איר האט אזו פיל זוכה גוועזן אז אייער האר האט אייך אזו פיל גוויזן
דס גישטאלט פון דר וועלט און צו אייך איז גאר ניט קיין מורא און
איין ציטערניש זאגן זיי בוודאי איז אזו און מיר האבן זיך אזו ווייט
צריין גילאזט אז מיר הערן שון ניט דעם דרך פון מענטשן און עס
איז אונז אגרויס וואונדר אוף דעם אלץ דינג וואס מיר האבן גיזעהען
אין דעם בארג זאגט ער צו זיי די אלע בערג וואס איר האט דא געזעהן
דס זענן אלע ראשי ישיבות צו דעם דור המדבר וואס זענן דא און
זיי זענין אצונד זוכה וואס זיי האבן ניט זוכה גיוועזן בייא זייער לעבין
און אלע ישיבות זאמלן זיך איין אלי ראש חודש און שבת ויום טוב
צו דעם בארג וואו אהרן הכהן ליגט דארטן דער וועקן זיך צו אים
און גייען אריין אין זיין ישיבה און באנייען זיך מיט דעם של הטהור

והקדוש שמן הקודש דר טל ציהט זיך אויף זייא און זענן זיך אלע מיט
אים מחדש בחידושי אהבת של סלך חקדוש ביז די ישיבה ווערט גרופן ישיבה
של אהבה און דער מיט טוען אלע בני ישיבה ציהען און פליען כדיד
נסתר ונעלם וואס איז זייער פר הוקן און שוועבן אזו ווי די אדלערס אין
דר ליכטיגר ישיבה פון משה רבינו און בלייבן אלי אין דרויסן נאר
אהרן אליין גייט אריין צו אים און ווערן באלד אן גרופן מיט זייער
נאמן און קיינר זעהט ניט דאס פנים פון משה רבינו דען איין מסוה
הייסט איין פיר האנג איז פר זיין פנים און ארום אים איז פר האנגן
ד' ענני כבוד און אהרן שטייט הינטר דר מחיצה פון משה די מחיצה איז
מפסיק און ניט מפסיק דס הייסט עס איז ניט קיין רעכטר הפסק
צווישן זיי און אלע ראשי ישיבות זענן אין דרויסן פון דעם פרוכת
פון דעם פרגוד און די אנדערע זענן אין דרויסן פון דיא ענני כבוד
און זיי לייכטן אזו קלאר און לויטר אז מען קען דורך זיי ארוס זעהן
די מסות פון משה וואס עס איז פר זיין פנים און דורך דר מסוה זעהט
מען אליכט וואס לייכט מער פון אלע ליכט פון דר וועלט און דאס
איז דס פנים פון משה און זיין פנים ווערט ניט גיזעהן צוא קיינעס
נייערט דס ליכט וואס לייכט דורך דר מסות און דורך די ענני כבוד ·
משה זאגט דיא רייד סתם צו אהרן און איז זיי ווייטר מפורש
צו די ראשי ישיבות און מיט וואס איז ער זיי מפורש מיט די מעיינות
החכמה וואס זענן פון אים פר הולין גיווארן בשעת אז עס איז גיקומען
די צייט פון יהושע ער זאל אריין פירין די ישראל קיין ארץ ישראל
אזו ווי עס שטייט ולא אוכל עוד לצאת ולבא דען עס איז פון אים פר הולן
גיווארין די מעיינות החכמה און אצונד איז ער זייא מפורש מיט גרויסע
וואונדער און ער קערט זייא אום מיט קוואלין און אזוא ווייא בעק
וואסר קוועלין פון איר ארט אזו קוועלט איטליכעס ווארט מיט פיל
סודות נפלאות און אלי נשים צדקניות פון דעם דור המדבר קומן אל
צו מרים אויך אין דר צייט ווי אויבן שטייט דען גייען אלי ארוף ווי
איין תמרות עשן אין דר מדבר און דר טאג ווערט גרופן יומא והלולא יומ
של שמחה די ווייבר קומן צו מרים די נאכט פון שבת ויום טוב או
זיי ווייסן אלי זיך משתדל זיין בידיעות בורא עולם וואל צו דעם דור מעו
פון אלי דורות פון דר וועלט זיי גייען ארוים פון דר ישיבה של מטה
און פליהן ארויף אין דר ישיבה אין היכל אריין און די וואס זענן נאך
העכר פליהן העכר דס הייסט ישיבה של מעלה דעם חילוק פון דיא
צוויי ישיבות וועסטו גפונען אין פרשת כי תצא אוף דעם דור המדבר
איז גזאגט גיווארן אשרי העם שככה לו · שככה בטרעפט משה · אשרי העם שה' אלהיו
פתח רבי אלעאי הייבט אן מגלה זיין סודות אין דעם פסוק תמים
תהיה עם ה' אלהיך ביז ער איז ארוס גקומן אוף דעם פסוק בסדרנ
חזח יתמו דו זאלסט ניט מיינן אז דר פסוק איז גזאגט גיווארין חליד
אוף שלעכן נאר דאס איז אזו דר פשט זיי האבן גידארפט זיין אי
דר מדריגה פון תמים תהיה עם ה' אין ארץ ישראל און דעם סוד יזאס
ער האט זיי מגלה גוועזן אבר הײנט האבן זיי נאר די מדריגה אין ה
מדבר ווייט פון דארטן ניט פנים לפנים ווי עס האט גדארפט זיי
אין ארץ ישראל ושם יתמו דס זיי מוזין אלי טאג ווידר שטארבן או
תיבה אוף שטיין אן צוא קליידן אנדערע מלבושים ליכטיגע אזו וויא
איר האט גזעהן דס איז טייטש ושם יתמו דר מיט ווערן זיי גאנץ דרו
שטייט יתמו דס איז לשון גאנץ וואול זייער חלק און וואול איז אייער
חלק וואס איר האט דס זוכה גוועזן איר חברים קדושים און די צווייא

מעדות

רות וואס איר האט זיי ניט גקענט נפונין און זיי וועגן פון אייך פר
לן גיווארן דען אין דרינן גייען זייא ארוף צו דר ישיבה של משה
זיצן פון ווייטן דרום שטייט בייא משה והאיש משה עניו מאוד מער
אלי נביאים האט רבי אלעאי זיי אן גינומן און פירט זיי אין דר
יבה אריין זינט זיי האבן אן גהויבן צו זעהן ביז דער צייט האט
וערט זיבן טאג דס זייא האבין פאר זיך גאר ניט גזעהן פון דר
לט זאגט רבי אלעאי איך וועל אייך זאגן דעם פשט פון דעם
וס איר האט גהערט דר וואס וועט ניט קלערין צו וויסין מה למעלה
למטה דר וועט זוכה זיין די תורה צו פר שטיין מיט אפעני זוגין
הייסט עס וועט אים אלץ אנפלעקט ווערין דר נאך האט איר
ערט דר אילן פון שמונה עשרה דאס זענן די אכצען חוליות פון
שדרה ביי דעם מענטשין אז ער בוקט זיך מיט זייא רעכט פאר
הארין ביי מודים דר וועט זיין אויף גיריכט לתחית המתים דר
ך האט איר גיהערט וואר עס גייט ארין צו די שני כרובים וועט
ווילין גטאן ווערין מיינט מען אזו דער וואס גייט ארין אין שול
דליג צוויי טירין דיא ברייט דר נאך דאבינט ער און באהעפט
אין זיין הערין דען ווערט זיין תפלה אן גינומן דר נאך ווער עס
מעיין דריגען און באגערט דס זיינע בקשות זאלין מקוים ווערין
ווערט זיין בקשה דר ווייטערט פון אים דר נאך האט איר גהערט
קרבן פון איין קינד דס איז דר וואס ברייננגט זיין קינד מל זיין
ר ער פירט אים צום רבי דס איז איין רעכטר קרבן וואס ווערט
קבל ווייטר איז חסר אין זוהר · דר נאך שטייט ווי זיי ליגין אין דר
רת המכפלה דר סדר איז אזו ווייבער לעבין ווייבר און מאנען
בין מאנען אדם צום ערשטן און לעבין אים איז חוה דר נאך שרה
לעבין איר אברהם און לעבין אים יצחק און לעבין אים רבקה
לאה לעבן איר יעקב לעבין לאה נמצא ליגט אדם פון איין זייט
יעקב פון דער אנדרער זייט אבער אין ספר פון שלמה המלך
טייט אזו דער סדר אדם וחוה שרה אברהם יעקב לאה רבקה
חק נמצא איז אדם פון איין זייט און יצחק פון דר אנדרער זייט
איז אגרויסר סוד מען טאר עס ניט ארויס שרייבין אוג אזו וויא
ליגין אזו וועלין זיי אויף שטיין צו תחית המתים לאה וועט זיך
שמח זיין מיט משיח בן דוד אינגווייניג וואס ער קומט פון איר ארוס
רחל וואס זי ליגט אין דרויסין חוץ פון דר מערה וועט זי זיך אויך
שמח זיין אין דרוסין חוץ לירושלים מיט משיח בן יוסף · זיי זעהן
טער פיל מגדלות ושערים און צווישן אלי איז איין מגדל פון אבן טוב
גייט גאנץ הויך און ווערט אצונד ניט גיזעהין ביז דער ראש
בה קומט און דרויף שטייט גישריבין דר פסוק מגדל עוז שם ה' וגו'
זאגט דרויף סודות און ער איז אויך מפורש אויף דעם מגדל וואס
שטייט אין בית הכנסת וואס דרויף לייענט מען אין דר ספר תורה
זי הייסט עוז ווי מען נעמט זי ארויס פון דעם ארון הקודש וואס
אלץ איז פיל סודות אזו מוז דר מגדל האבן זעקס טרעפ מען
ארוף גיין און דר חזן הכנסת מוז זיין איין צדיק און דר וואס ער
רט אויף גירופן צום לייענן מוז אויך זיין איין צדיק און איבר אלי
דר וואס ווערט אויף גירופן ששי פון די זיבין דרום שטייט כי ירוץ
וגו' ער ווערט ניגרייסט און גישטארקט ער איז מאריך ימים און
רכט זיך ניט פר דעם מלאך המות דס ער קען אים ניט מזיק זיין
טר זאגט ער פון דעם מגדל גרוסע סודות וואס מען קען זייא ניט

ארוס שרייבן · זכאה איז דיין חלק וואס דו האסט זוכה גיווען צו די
הייליגי רייד וואס זיי זענין פר הולין פון אלי זייטן מלמעלה ומלמטה
מעולם הזה ומעולם הבא זאגט רבי שמעון איין זאך וויל איך אייך
פרעגין צו וויסין אוב איר קענט מיר מודיע זיין די ווייבר למעלה
אוב זיי זענן זוכה אויף צו גיין למעלה אדר ניין זאגט ער רבי זעקס
היכלות האט מען מיר גוויזן למעלה מיט כמה תענוגים ביז אין דעם
פרוכת פון דעם גן עדן אין איין היכל איז דרינען בתיה בת פרעה
און כמה אלפים ורבבות ווייבר וואס זענן מיט איר זוכה איטלעכע
באזונדר האבין ערטר פון פיל אורות וואס זייא לייכטן און האבין
תענוגים אן דוחק אלי טאג דריי מאל גייט ארוס איין כרוז און זאגט
דא וועט אריין גיין דס גשטאלט פון משה נביא הנאמן אזו גייט ארויס
אנטקעגן בתיה בת פרעה צו איין מחיצה וואס זיא האט און זעהט דאס
גישטאלט פון משה אזו בוקט זי זיך צו אים און זאגט וויא ווערדיג
איז מיין חלק דס איך האב דר צוגן דס ליכט און דס איז איר גרעסטר
תענוג וואס זיא זעהט דאס גישטאלט פון משה רבינו דער נאך
גייט זיא ווידער אריין צוא דיא ווייבר און זענען דארטן עוסק צוא
לערנען במצות התורה אלי אין זייער גישטאלט ווי זייא זענען גיווען
אויף דר וועלט אין מלבושים פון פיל אורות נאר זיי לייכטין ניט אזו
וויא דיא מלבושים פון מאנען דרום וויל זייא האבין ניט גיקענט
מקיים זיין דיא מצות התורה אבער דארטין לערנען זייא און
זענין משתדל אין דער תורה און אין דיא טעמים פון די מצות און
אלי ווייבר וואס זיצין מיט בתיה הייסין נשים שאננות די זענין זיך
גאר ניט מצער אין דעם צער פון דעם גיהנם · אין אנדרין היכל איז
סרח בת אשר און מיט איר זענן כמה אלפים ורבבות ווייבר דריי
מאל אין טאג רופט אויס איין כרוז פר איר דא קומט דיא צורה פון
יוסף הצדיק און זי איז זיך משמח און גייט ארויס צו איין מחיצה
וואס זיא האט און זעהט דס ליכטיקייט פון דעם גישטאלט פון יוסף
הצדיק בוקט זיא זיך צו אים און זאגט ווי ווערדיג איז דער טאג אז
איך האב גיזאגט דיא בשורה צו מיין עלטר פאטער יעקב אז יוסף
לעבט דר נאך גייט זיא אריין ווידר צוריק צו דיא חייבר און זענען
משתדל אין לויבונג צו לויבן גאט מיט זיין נאמן און איטליכי אשה
בזונדר האט כמה שבחות און ערטר דר נאך קערן זיי זיך אום עוסק
צו זיין במצות התורה און אין אירי טעמים פון די מצות · אין דריטן
היכל איז יוכבד דיא מוטער פון משה נביא נאמן און כמה אלפים
ורבבות ווייבער זענען מיט איר אין דעם היכל ווערט קיין כרוז ניט
אויס גירופן אזו ווי אין יעני היכלות נייערט דריי מאל אין טאג זענן
זיי מודה ומשבח צו הקב"ה זיא מיט אלי ווייבר וואס זענן מיט איר
און דיא שירת הים וואס זיי האבן גיזונגן אויף דם ים זינגן זיי דארטין
אלי טאג און זיא אליין זאגט פון ותקח מרים הנביאה את התוף בידה וגו' און
אלי צדיקים וואס זענן און גן עדן הערין זייא צוא און פאר נעמען
זייער זיס קול און אזו אויך כמה מלאכים קדושים און דורך
דעם זענן זיי מודה ומשבח צו הקב"ה · אין פערטן היכל איז דבורה
הנביאה און אנדערי נשים צדקניות זענען מיט איר מודה ומשבח
ומזמר צו הקב"ה די שירה וואס דבורה האט גיזאגט אויף דער וועלט
אי רבי אי דבי ווער האט נאך גיזעהן אזו וויא דיא שבחה פון דיא נשים
צדקניות און פון די צדיקים וואס זיי טוען צו הקב"ה · גאר איינווייניג
פון די היכלות זענן דא פר בארגני היכלות פון דיא הייליגי **אמהות**

עדה

שרה רבקה רחל לאה דם די היגלות איז ניט קיין רשות זיי מגלה צו זיין אונ קיינער קען זייא ניט זעהן · רבי שמעון פרייט זיך זייער אונ זאגט ווען איך וואלט מער ניט זוכה גיוועזן נאר דאס צו הערין וואלט אויך גינוג גיוועזן אז איך זאל מיך משבח זיין דאס איך האב זוכה גיוועזן צוא הערין דיא רייד פון אמת פון יענער וועלט זאגט ער אי חסיד אי קדוש דוא זאלסט וויסין דיא שבחה פון דיא רייד וואס איז אויף יענער וועלט וואס דער ראש הישיבה האט גיזאגט וואלסטו זיך נאך מער משבח גיוועזן זאגט רבי שמעון וואס פאר איין חידוש האסטו היינט גיהערט ווס דוא בישט צוא מיר גיקומען זאגט ער דעם פסוק האט דער ראש ישיבה גידרשנת הקב״ה האט גיזאגט צוא יעקב ויוסף ישית ידו על עיניך ווארום באדארף מען איין מת צו מאכן די אויגן דרום ווייל דאס אויג פון דעם מענטשין איז גגליכן צו דר נאגער וועלט דם ווייס רינגלט ארום דם מיטילסטי אזו וויא דר ים אוקינוס רינגלט ארום די גאנצי וועלט דם מיטלסטי פון דעם אויג איז אנטקעגן דער מדבר אונ ישוב אונ דם שווארצי פון דם אוג איז אנטקעגן נקודת ציון דרום מאכט מען איין מת צו דיא אויגן צוא ווייזן דם די וועלט איז שון פר הולן פון אים אונ פאר שטאפט דאס ער זעהט שון ניט די וועלט · פרעגט רבי שמעון אדרבה מען גהער אים עפנן זייני אויגן צו ווייזן אז די וועלט איז ניט פאר לארן פון אים דען ער וועט אויף שטיין צוא תחית המתים זאגט ער אי חסיד אי קדוש ווען מען זאל ניט פר שטאפן דעם גישטאלט פון דער וועלט וואלט ער ניט גיקענט האבן קיין חלק אין יענער וועלט דען יענע וועלט איז להיפוך פון דר וועלט אז דר זמן פון תחיית המתים וועט זיין וועט פריער אלי זאכען פון דער וועלט פאר לארן ווערן אונ עס טאר ניט איבער בלייבן אפילו כחוט השערה אונ דורך דעם טל פון תחיית המתים ווס ער וועט מאכן נידערן אויף זייא דורך דעם טל וועלן אלי זוהמות פון דר וועלט פאר לארן ווערן אונ אלי מיאוסקייט פון דם גוף פון עולם הזה וועט אפ גטאן ווערן דר נאך וועט דער גוף זיין וויא איין טייג וואס דאס זויער טייג מאכט דם אויף גיין אונ פון דעם וועט ער מחודש ווערן צו איין נייע בריה דרום ווייזט מען אים אז ער וועט שון ניט זיין אין דעם גישטאלט פון דעם גוף ווס איז אויף דר וועלט זאגט רבי שמעון דם ווייס איך וואול אז איר זענט אויף יענער וועלט גקלייד אין לבושי כבוד עס איז פיל אורות קדושים דאס זענן גוף נקי וטהור וקדוש נאר איך פרעג דיך אוב עס קען זיין אז אייער זאל אויף דר וועלט אויך קענן זוכה זיין צו איין גוף זך ונקי זאגט ער עס איז דא צוויי נערים ווס זיי האבן זיך מתלבש גוועזן צווישן אונז אז זיי האבן שוין גלערינט זייער עונש אויף זייער חטא וואס מען באדארף ניט מגלה זיין האבן זיי דאס גפרעגט דעם ראש ישיבה הט ער זיי געענטפערט עס איז דאך אויף דר וועלט אויך גוועזן אזו אופן עס שטייט ויהי ביום השלישי ותלבש אסתר מלכות זיא הט זיך אן גקלייד איין מלבוש פון עולם הבא דר לבוש מלכות דאס איז דער רוח הקודש פון מלכות שמים אונ אז זי איז גקומן פר דעם רשע איז איר לבוש פון איר אפ גטאן גווארן אזו אויך ומרדכי יצא מלפני המלך בלבוש מלכות דר לבוש מלכות איז דם גשטאלט פון די לבושי עולם הבא זאגט רבי שמעון ווי זים זענן די רייד וואול צו מיין חלק דם איך האב דם גהערט אז דיא צדיקים אויף יענר וועלט ווערן אן גקלייד בלבוש מלכות אונ אזו איז בוודאי זאגט ער דר איר פון דעם גן עדן ווס ווייסט פון דעם רוח הקודש

דאס איז די לבושי מלכות ווס די צדיקים זענן זיך מתלבש אין דעם גשטאלט וואס זענן גוועזן אויף דער וועלט דער נאך רועט דער רוח הקודש אויף זייער קאפ אויף איטליכן בזונדר אונ ווערט גקריינט דר מיט פר איין קרון אויף זיין קאפ אזו איז מרדכי אויך גוועזן דרום שטייט בלבוש מלכות אין גשטאלט פון יענר וועלט אונ דער נאך ועטרת זהב גדולה דם איז דיא קרון ווס איז אויף דיא קעפ פון צדיקים אויף יענער וועלט אונ דם האבן די ישראל זוכה גוועזן בשעת מתן תורה צו דעם לבוש ביז זיי האבן דם בבושה אפ גטאן אז זייא האבן גזינדיגט אזו ווי עס שטייט ויתנצלו בני ישראל את עדים מהר חורב דם זיי האבן זיך אוס גטאן פון דעם לבוש אזו שטייט ביי יהושע הכהן הגדול הסירו הבגדים הצואים מעליו מען הט אים אוס גטאן פון די מאוסע קליידר אזו ווי עס שטייט ולבישהו בגדים אונ מען הט אים אן גטאן בגדים אונ לבושים פון יענם עולם אונ ביז זמן דער גוף איז נאך אין קבר קען זיין רוח ניט אן טאן די לבושים דרום שטייט דארטן מען זאל אים פריער צום ערשטן אפ טאן די לבושי צואה דם איז דר גוף פון דר וועלט דער נאך שטייט ולבישהו בגדים הט מען אים אן גיטאן מלבושים פון יענר וועלט אונ אז ער האט שוין דעם לבוש אן גיטאן שטייט שון מלאך ה׳ עומד דם איז די קרון פון רוח הקודש אויף זיין קאפ דם הייסט מלאך ה׳ ער שטייט אויף די קעפ פון די צדיקים דם איז ארץ אז יענר גוף איז שוניט דא אין קבר ווארוםכל זמן אז יענר גוף איז נאך פר האנדן אין קבר קען דר רוח ניט מקבל זיין קיין אנדרן לבוש אונ אז דר גוף איז שון ניט פר האנדן אין קבר אין דר צייט איז גרייט דר לבוש אן צו קליידן דם רוח אזו ווי דר יצר טוב מיט דם יצר הרע דם זיי קענן ניט זיין ביידי בנאנד זאגט רבי שמעון איך פאר ווינדער זיך אז ביא יהושע כהן גדול שטייט והשטן עומד על ימינו לשטנו ווס קען שון זיין ביא אנדרי מענטשן זאגן זיי צו איב דו בישט דאך איש חסיד וקדוש ווי זענן די זאכן פאר בארגין אונ פאר הולין זאגט רבי שמעון חאמשי אונזרי חכמים ווייסן פון די זאכן פון יענר וועלט אבר מיר ווייסן דאך ניט דען אז דער מענטש איז שוין גישטארבין אונ איז אויף יענר וועלט ווס הט דר שטן פר איין תועלת דר פון וואס ער איז נאך דארטין אויף אים מקטרג ניט גינוג ער האט שון די נשמה ביי אים צו גינומין אונ הט אים מכית גיוועזן זאל ער נאך אויף אים מקטרג זיין אזו ווי עס שטייט והשטן עומד על ימינו לשטנו זאגט ער אי דוא חסיד וקדוש וואול איז דיין חלק קום אונ זעה דר גאנצר חשק אונ לוסט פון דעם שטן איז נאר אז דער צדיק זאל ניט קענין אן טאן דעם לבוש הטהור והקדוש אונ דר גוף פון דעם מענטשין דאס איז דער חלק פון דעם שטן אין זיין מעשה פון זיין כח הטומאה יצר הרע אונ איז אין דעם בהעפט היינט אז ער זעהט דעם מלבוש פון דער וועלט דאס הייסט דער גוף איז שוין ניט נחשב ער איז שוין נדחה גיווארין דרום איז ער מקטרג דרויף דען ווען דער רוח וועט זיך מתלבש זיין אין דעם לבוש הקדוש והטהור פון יענר וועלט מוז דאך תיכף בטל ווערין דר גוף ווס ער איז דיא מעשה ידיו פון דעם שטן אונ דם וויל ער זייער ניט אונ ווידר כל זמן דער רוח האט נאך דעם לבוש ניט אן גיטאן קומט ער אלי מאל גיווואר ווערין צו דעם גוף אין קבר אונ רעט צו אים אונ דאס איז זיין חלק דרום איז דאס אים ניחא אבר אז ער זעהט אז ער טוט אן דעם לבוש הכבוד דען ווערט בטל דם גישטאלט פון דעם יצר הרע אין יענם גוף אונ הט שון קיין

# פרשת שלח

רט ניט מיט דעם גוף אים צו גידענקן ביז אייבינג אויב דוא וועסט
ענין מיר גייען דאך אלי תחלת הלילה פוקד זיין לבית הקברות
ם איז ניט אויף דעם גוף נייערט דר נפש כל זמן ער גייט נאקיט
אין לבוש אזו לאנג אז דס פלייש איז נאך פר האנדין אין קבר
יז דר רוח אים פוקד אונ קומט צו דעם נפש אונ דר נפש איז פוקד
עם גוף אבר אצונד אז קיין פלייש פון דעם גוף איז שוין נישט דא
י דעם גוף זענן מיר פוקד דעם נפש אונ ניט צו דעם פלייש נייערט
י דעם נפש ווס ער ליגט נאך צווישן. דיא ביינער דרום אלי תחלת
הלילה איז דר רוח פוקד דעם נפש ווייל ער וויל אז דר גוף זאל נאך
קיום האבין כדי ער זאל קאנין איינקורבות האבין צוא דעם פלייש
רום איז דארטין דר שטן מקטרג • ווייטר איז גרויסי סודות וואס
מען טאר זייא ניט שרייבין :

תח תאי ינוקא דר ינוקא הייבט אן אין דעם פסוק מגלה זיין גרויסי
סודות אזו שטייט אויף דער ראש ישיבה אונ קושט אים ער
אגט צוא אים חייך דא שווער איך אז דיא רייד זענן גיזאגט גיווארין
ישיבה של רקיע אונ אזו איז דס דו קדוש וחסיד ווי פיל שבחות על
מחות איז גימערט גיווארין מיט דעם קינד אין דר ישיבה זיבן אין
וואנציג טעמים הט ער גזאגט אין דר תורה אונ מיט זיבציג כתרים
ט מען זיין פאטר דעם טאג גיקריינט וואול דעם חלק ווס איז זוכה
ו לערנן תורה צו זיין קינד זאגט רבי שמעון זיין פאטר אליין האט
ט זוכה גיוועזן מיט אים צוא לערנען זאגט ער זיין פאטר האט אים
לאזט לערנין אבר עס איז איין פאר בארגיני זאך ווארום דס קינד
יז גישטארבין נייערט ווייל מען הט אים גידארפט דן זיין איז שוין
נפעקט גיווארין זיין חטא אונ איז ניצול גיווארין פון דעם משפט
ען זיין חטא איז גיוועזן דס ער איז גיוועזן אגרויסר חריף אונ ער הט
יט זייני חריפות אונ קושיות זיין רבי מבייש גיוועזן פר אלי אונ הט
ט גיוואלט גיין צוא אנאנדרן רבי ער זאל אים רעכט מאכין זיין
ערנין אונ איבער דעם איז די דעה פון זיין רבי שלאף גיווארין אונ
ט זיך מצער גיוועזן אוף דעם דרום האט מען אים גיוואלט דן זיין
יט איין שווערין משפט אונ דרום חאטשע ער איז ניצול גיווארין
ן די שרי הדינים ווס זיי האבין אים גיוואלט דן זיין איז ער דאך פון
עסט וועגין ניט ניצול גיווארין פון דעם גאנצן דין דען אלע ערשטע
בין טאג איז ער דא ניט גיזעהען גיווארין רעכט מיט זיין גישטאלט
ו ער הט זיך גיוואשין מיט גרוים ווייטאג די זיבין טעג ביז זיין
שטאלט איז ווידר מושלם גיווארין אונ פר ווס ער איז גישטארבין
ארפסטו ניט וויסין אי רבי אי רבי פיל זוכה איז דיין חלק ער זאגט
ייטר פון די מים חיים ווס זיי גייען ארוים פון דיא חדרים אונ זענין
ה מתפשט איז דרינין אונ זיי גייען אין דעם ים הגדול אונ עס ווערט
ן דעם אן גיצייכינט איין דוד כלב ים אונ דער פון טרינקט דער
יתן אונ ווערט זאט אונ איז זיך משמח אונ גיקריינט מיט זיין
וסקיט אונ אז נאך איין קוואל וועט ארוים גיין פון דעם קוואל אונ
עט זיך מתפשט זיין אונ וועט גיין פר בארגינר הייד אונטר דעם
רום אין ים האחרון וועלין אלי בים הזדונים אונ מים חזקים שלאף
נ אונטר גיטאן ווערין דס זיי זאלין ניט ארוים גיין משחית ומחבל
ן דיא מענטשין אונ דער סימן איז הנותן בים דרך ובמים עזים נתיבה אונ
ן דער עבדה זענין פאר האנדין צווייא כרובים זייא זענין מעשה
מן של חכמים דאיתקען. קיינר ניט פאר שטיין אויף זיי שטייען די

עליונים ותחתונים אונ אונטער זייא זענין אן גיבריים כל ישראל צו
שטיין דאס זייא ווערין ניט ארוים גיינפון זייערע פליגיל זייא וועלין
אזו גרוס ווערין אז כל ישראל וועלין ארונטר אונטער זייערי פליגיל
ווייטער איז חסר אין זוהר • דער ראש ישיבה הט איבער דעם זוכה
גוועזן צוא דעם כבוד ווער קען זאגן דיא רייד וואס מען איז מחדש
אלי טאג פאר דעם ראש ישיבה אי רבי אין אלי צייט אז דיא רוחות
פון זכרים גייען ארוף למעלה אין דער צייט גייען ארוס אלי נקבות
אונ זאמלין זיך איין צוא בתיה בת פרעה אין איר היכל אונ זענן
זיך דארטן משבח מיט וויא פיל דברים משונים אונ פון דארטן גיין
זיי אלי ארוס מיט בתיה אין היכל פון סרח בת אשר אונ זענן זיך
דארטן אוך משבח מיט כמה דברים חדשים גם ישנים אונ פון דארטן
גייען זייא ארוס אונ גייען אין היכל פון יוכבד אונ אזו גייען זייא
אין אלי היכלות אצונד רבי וויל איך דיר זאגן איין סוד קום אונ זעה
אין איטליכר שמיטה ושמיטה גייט ארוס איין כרוז אונ רופט אויס
איר זאמילט אייך איין אנשים ונשים אונ אלי בני אמונה אונ גייט
ארוף דען זענן זיך מתפשט אנשים ונשים אונ גיין ארוף אלי קריינגי
קינדר די זייני צדיקי גיין ארין אין דר ישיבה של רקיע אונ זענן זיך
דארטן משמח בשמחה אונ דר שר ווס די שליסל פון הקב״ה איז ביי
אים שטייט אונ זאגט זייא כמה דברים חדשים גם ישנים אונ אלי זעהן
שמחות וואס זייא האבן נאך אזעלכס ניט גזעהן דען גיין אלי ארין
אינוויינג אונ ווי פיל פרוכת אונ היכלות פר בארגני זענן דארטין
ווס זיי לייכטן פון דעם נועם ווס איז בעולם הבא אין דעם היכל ווס
הייסט היכל אהבה פון הקב״ה דרוף שטייט לחזות בנועם ה׳ ולבקר בהיכלו אונ
דר נאך פליען די קינדר ארוף אונ ארוס איטליכר אוף זיין ארט אונ
טוען זיך ווידר אן אין די לבושים ווס זענן זייערי פון פריער פיל זוכה
איז דאס פאלק וואס זייא האבן צו די טובות לעולם הבא זאגט רבי
שמעון ווי גאר זים זענן די רייד ווס איך הער דא וואל איז מיין חלק
ווס איך האב דס אלץ זוכה גוועזן צו הערן אונ וואל איז דעם טאג
ווס איך וועל אהער גיין זיי זאגין צו אים רבי נאר דריי טאג האבין
מיר צייט ביי דיר צו זיין ווייטר איז חסר אין זוהר • עס הייבט זיך
אן איין שמוס פון דעם יצר הרע ושטן הכסיל חובק את ידיו ואוכל את בשרו
דס איז דר שטן ער לייגט צו נויף די הענט פר ביטערטר הייד אונ
קלאגט אונ דר נאך עסט ער דס פלייש מיט גוואלד דען דס הט ער
פון אלי זייני טרחות אונ קטרוג ווס ער הט גטאן אוף דעם מענטשן
הט ער מער קיין הנאה ניט נאר פון דעם גוף דס פלייש דס איז זיינס
דר נאך שפרינגט ער אונ פרייט זיך אזו ווי איין כסיל אן שכל אונ
עסט נאר זיין פלייש אונ ווייטר הט ער קיין רשות ניט דס ביטרונג
איז למעלה ולמטה ווען די ישראל זענן בצרה חלילה אונ זיי גיבן
ניט קיין כח למעלה דורך זייערי מעשים טובים דענסט מאל איז
כביכול איין צער צו הקב״ה אפילו אוף דעם פלייש ווס איז בגבור
הרע זיי זאלן איין שליטה האבן דען ער איז איין רחום וחנון אבר אוף
דעם רוח ונשמה הקדושה ווס זיי זענין פון הקב״ה קענין ניט שולט
זיין די עליונים ותחתונים אונ דרום איז אלי בלבולים פון דעם שטן
נאר ער זאל קענן שולט זיין אוף דעם רוח הקדושה אונ אוף דער
נשמה אבר ער קען דס ניט דר לאנגין קערט ער זיך אום אונ עסט
זיין פלייש פון דעם גוף ווס דר גוף הט פון אים גהאט איין הילף אונ
די וועסט וועלן זאגן עס איז איין שמחה צוא דעם מלאך המות ווס

ער

ער איז ממית מענטשן עס איז ניט אזו נאר ער זעהט דס איז דר רצון פון הקב"ה מאכט ער זיך גלייך ווי ער איז פרייליך צו טאן דעם ווילן פון הקב"ה אזו וויא עס שטייט רוח סערה דס איז דר שטן עושה דברו ער טוט דס בפעלוגג פון הקב"ה פרעגט רבי שמעון ער גייט דאך אונ שפרינגט פר די נשים בשעת לויה זאגט ער אי חסיד וקדוש ער טוט דס צו וויזן פר דעם מלך אז ער הט אים ליב ברצון הלב אבר זיין נחת רוח איז מיט קלאג דרום שפרונגט ער אבר זיין מחשבה איז צו קלאגין זאגט רבי שמעון אז ער איז ווידר ניט געריכט ממית זיין דיא מענטשן נאך וואס גייט ער ארוף דר מאנען די עונות פון מענטשן זאגט ער דרום וויל ער איז איין זקן וכסיל ער מיינט ער וועט איין שליטה האבן אוף דעם רוח אונ זיין גאנצי שמחה אונ לוסט איז נאר פון דעסט וועגן אבר צום סוף איז אז ער איז נאר שולט אוף דעם פלייש דס אליין איז נאר זיינס אונ דרום שטייט ישוב עמלו בראשו ווייטר איז חסר • אונ דער נאך זאגט ער גרויסי סודות אונ זאגט אז אלי ערבי שבתות אז די ישראל זענן אונטן מקדש דעם שבת זאמלן זיך איין אלי מדנות למעלה אונ איין כרוז רופט אויס ברייט אן די הייליגע שטולן ווער זעהט גאר דיא שמחה וואס דא איז דרייא הונדרט אונ ניינציג היכלן וויפיל ממונים וויפיל געוועלטיגר זאמלין זיך איין צו זייער ארט אונ אז דיא ישראל אונטין זענין מקדש דעם שבת אונ הקב"ה איז זיך מתעורר על קדושת שבת דען גייט ארוס איין ווינט פון די בלעטר פון דעם עץ החיים אין גן עדן אונ גייט ארוס אויף עולם הבא אונ די צווייגן טוען זיך שאקלן דען קומט איין רוח פון עולם הבא אונ דר עץ החיים איז זיך מתעורר אונ ציהט אוס נשמות קדושים אונ פאר שפרייט זיי אוף דר וועלט אונ נשמות גיין ווידר אריין איינר טוען דר וועקן די אנדרי די גיין אריין אונ די גיין ארוס אונ דר עץ החיים איז בשמחה דען ווערן די צדיקים גיקריינט מיט עטרות פון נשמות הקדושים אונ אלי זענן בשמחה אונ גאנץ שבת האבן זיי מנוחת שמחה אזו אוך די צדיקים אלי אין גן עדן זענן אלי עולה אונ זענן זיך מתענג בתענוג עליון פון עולם הבא אונ אז שבת גייט אוועק אזו פליהן ווידר אלי נשמות פון צדיקים אוועק אונ זענן ווידר עולה ארוף • קום אונ זעה אז דר שבת קומט אן נידרן אראפ נשמות יתירות מלמעלה צו רוען אוף דעם עם הקודש אונ די נשמות הצדיקים פון גן עדן התחתון גיין אלי ארויף אין גן עדן העליון אונ מוצאי שבת גיין ווידר אלי נשמות וואס האבן גרועט אוף די ישראל ארוף אונ די נשמות הצדיקים גיין ווידר אראפ אין גן עדן התחתון אונ אז די נשמות יתירות גיין ארוף שטעלן זיי זיך אין זייער גשטאלט פר דעם מלך הקדוש אונ ער פרעגט זיי וואס פר איין חידוש הט איר גיהאט אוף יענר וועלט אין דר תורה וואל צוא דעם וואס איז מחדש אין דר תורה בשבת אזו זאגט עס די נשמה צו הקב"ה וואס פר איין שמחה מאכט הקב"ה ער זאמלט איין די פמליא של מעלה אונ זאגט הערט צו די חדושי תורה וואס די נשמה זאגט פון יענם מענטשן אונ דיא רייד ווערין גישטעלט אין די ביידי ישיבות וואס זענין למטה אונ והקב"ה למעלה חתמת דיא רייד • קום אונ זעה אז דר מענטש איז מחדש חידושי תורה אום שבת אונ די נשמה נידרט אראפ אונ איז עוסק אין זיי אונ איז דר מיט עולה פר הקב"ה אזו הערן צו די גאנצי פמליא של מעלה די רייד אונ די חיות הקודש זענן זיך מתלבש אין ער פליגל אונ אז הקב"ה פרעגט די נשמות אונ זיי ווייסן ניט דען

שטייט ביי די חיות בעמדם תרפינה כנפיהם בעמדם איז טייטש שווייגן אז זייא שווייגן אין דברי תורה דען תרפינה כנפיהם ווערן שלאף זייערי פליגל אונ פר וואס הייסט שווייגן עמידה ווייל אז אמענטש רעט רירין זיך אין אים זיבן אברים אונ ריידן לב ראה וקנה לשון שינים שפתים בשר אונ אז מען שווייגט שטיין אלי אונ רירין זיך ניט דרום הייסט דס עמידה וארום רב המנונא סבא האט אן גהובן ישלח עזרך מקודש ומציון יסעדך מקודש מיינט מען קידוש ידים וואס מען וואשט זיך פר דעם עסין ומציון יסעדך דס מיינט מען דיא המוציא וואס דס לעהגט אונטר דאס הארץ פון דעם מענטשן יזכור כל מנחותיך • כל איז מרבה דיא מים אחרונים וואס מען וואשט זיך פר דעם בענטשן ועולתך ידשנה סלה דאס איז ברכת המזון בזימון ווען די וועסט אזו טאן יתן לך כלבבך וכל עצתך ימלא דען גיט מען דעם מענטשן וואס ער וויל אונ אום שבת איז אזו די טייטש ישלח עזרך מקודש דס מיינט מען דעם קידוש וואס מען מאכט פר דעם עסן אוף דר זאך ווערן גיקריינט די צדיקים אין גן עדן פון איין שבת צום אנדרן • נאך הייבט ער אן על הר ציון גבוה וגו' וועלכר איז דר הוכר בארג דס מיינט מען דעם הר העברים וואס משה איז דארטן ווארן בהאלטן • דיא שכינה וועט דארטן ארוף גיין אונ וועט מבשר זיין אוף דר וועלט אונ מיט איר וועט זיין די מוטר פון משיח בן דוד וואס ער הייסט מנחם בן עמיאל אונ זיין מוטר וועט מיט איר גיין אונ וועט אבשורה זאגן צו ציון אונ דאס קול וועט גיהערט ווערין אוף דר גאנצר וועלט אונ צוויי מלכים וועלן זיך דר וועקין אוף דר וועלט מלחמה צוא האלטן אונ דר שם הקודש וועט ארוס גיין אוף דר וועלט וואס ער וועט מבשר זיין אונ וועט זאגן הנה ה' אלהים בחזק יבוא וזרועו מושלה לו הנה שכרו אתו ופעולתו לפניו הקב"ה וועט אום רופן אין אלי זייני פמליא של מעלה אונ וועט זאגן זאמילט אייך איין אונ טוט משפטן ווער עס הט זיך מוסר נפש גוועין אוף קידוש השם וואס איז זיין שכר אונ זיי וועלן זאגן אזו אונ אזו ווער עס הט גליטן אין גלות כמה יסורים אונ איז גזידילט גווארן וואס איז זיין שכר ווען זיי זאגן אזו אונ אזו ווער עס איז גישטראפט גיווארין אלי טאג פון מיינט ווענן וואס איז זיין שכר וועלן זיי זאגין אזו אונ אזו • אונ דר פסוק זאגט הנה שכרו אתו ופעולתו לפניו וואס איז טייטש ופעולתו נאר אזו ווי עס שטייט מה רב טובך אשר צפנת ליראיך דס מיינט מען די פעולה פון הקב"ה עס שטייט אשר צפנת דס איז טייטש וואס די האסט בהאלטן איז דאך קשה נאך וואס הט ער בהאלטין פר וועמין פארכט ער זיך דען פר גניבה אדר פר גזילה אלא גיי אונ זעה דיא מעשה רחמים וואס הקב"ה טוט מיט דעם וואס ער שלאגט גיט ער איין רפואה דען הקב"ה שלאגט מיט דר יד שמאל אונ איז ווידר מקרב מיט דר יד ימין אונ מיט דר שמאל וואס ער שלאגט וועט ער איין רפואה געבן צו דר וועלט מצפון תפתח הרעה צפון איז דר שמאל מיט דעם שלאגט ער פון דארטן גיין ארוס אלי דינים וגזירות קשות אונ דארטין רועט ווידר אלי שכר טוב אונ אלי טובות וואס הקב"ה הט אנגיגרייט צו די צדיקים לעולם הבא דען וועט הקב"ה רופין צו צפון אונ וועט זאגין צו דיר האב איך גיגעבין כל הטובות וכל שכר טוב צו מייני קינדר וואס זיי האבין גיליטין כמה רעות אוף דר וועלט פון מיין קידוש השם וועגין גיב ארוס דעם שכר וואס איך האב ביי דיר בהאלטין אזו ווי עס שטייט אומר לצפון תני ולתימן אל תכלאי דס איז טייטש צו צפון וועט הקב"ה זאגין גיב אפ אונ צו דרום וועט ער זאגן די זאלסט ניט פר מיידן די ברכות

אין

ז דאך קשה איז דען דר סדר אז דרום זאל פר מיידן די ברכות
מער אלי ברכות קומן דאך פון דרום דם איז דר יד ימין פון הקב"ה
ם אלי ברכות קומן פון אים ווס דען זאגט ער ולתימן אל תכלאי אלא
תו שעה ווענז נאט אוף וועקין צו אברהם אונ וועט צו אים זאגין
יי אוף דען די צייט איז גקומן ווס איך לייז אום דייני קונדר אונ
א געבין זייא שכר טוב אוף אלעמן וואס זייא האבין גיליטין אונ
ום וייל אברהם הט אונז פר קופט אין גלות דען אזו הט ער זיך
ם גיקליבן בברית בין הבתרים אז זייני קינדר זאלין זיין אין גלות אזו
דר פסוק זאגט אם לא כי צורם מכרם דם מיינט מען אברהם ווס ער
סט צור הט זיי פר קופט אין גלות דרום וועט זיך אברהם מאכן
יך ווי ער וואלט גיגערן גיזעהן אז זייא זאלין נאך מער גישלאגין
רין אונ גשטראפט ווערן אוף זייערי עבירות וועט הקב"ה זאגן
ה פר שטיי דאך אז די זאגסט עס נאר לפנים אבר ניט באמת
ום ווער איך אויך נאר זאגין לפנים דרום זאגט ער אומר לתימן איך
ל זאגן צו אברהם ווס ער איז צד ימין צד דרום אל תכלאי איך טוא דיך
בר בעטין אוף דייני קינדר די זאלסט ניט פר מיידן זייערי טובות
ב שכר טוב פון זיי דען זיי האבין שון גינוג צרות גליטן אוף זייערי
ר ולצפון תני גיב ארום דעם שכר טוב אשר צפנת ווס דם איז בצד צפון
ערי טובות ושכר טוב אונ די זאך וועט די שכינה זיי מבשר זיין •
ך מער וועט זי זיי מבשר זיין דאס אנדרי מאל בשעת זיא וועט
וף גיין אוף דעם הר גדול וועט זי גיין פון דארטן מבשר זיין צו די
ות דר נאך וועט זי זיין אין ירושלים צו זעהן איר חורבן אונ וועט
קיין ציון אונ דארטן וועט זי ווידר קלאגן אזו ווי פריער אוף איר
ט מיט כבוד ווס דארטן איז צו איר גיוועזן אונ דארטן וועט זיא
ערן אז זי וועט ניט ארום גיין ביז די ישראל וועלין זיין אין ארץ
ראל אונ חפצי בה די מוטר פון משיח וועט מבשר זיין אזו ווי צום
שטן אונ וועט זאגן צהלי ורוני יושבת ציון כי גדול בקרבך קדוש ישראל וואס
נט מען כי גדול בקרבך דם איז הקב"ה ער וועט צו איר קומין אויף
טן זי פון דר ערד אונ וועט צו איר זאגן התנערי מעפר קומי וגו' וודאי
איז ירושלים אונ הייסט ירושלים אונ מיט דעם אויך וועט זיין כמה
חות על שמחות צו די צדיקים אין גן עדן אונ דרום אויך וואל
צו דעם מענטשן ווס די נשמה זאגט דארטין עדות לפני המלך די
שי תורה פון שבת ווס ער הט אונטן מחדש גוועזן דם הקב"ה אונ
זיין פמליא של מעלה אונ אלי נשמות הצדיקים ווס זענן אין גן
ן ווערן אלי גיקריינט מיט די חדושי תורה • נאך מער האב איך
רט דם די הייליגי ליכט ווס זי איז פיל כבוד על כבוד ועטרות על עטרות
ט מען דארטן צו דעם פאטר פון דער מענטשין בשעת הקב"ה
ט זאמלט אייך איין צו הערן חדושים פון דר תורה פון דעם אונ
ם מענטשן היפל קושונג איז אוף זיין קאפ כמה צדיקים ווס טוען
קריינן בשעת זייא נידרין אראפ וואל צו זייער חלק וואס זענין
משתדל אין דר תורה אום שבת מער ווי אנדרן טאג ע"כ :
מר ה' אל משה לאמר דבר אל בני ישראל ואמרת אליהם ועשו להם ציצית רבי
חזקיה הייבט אן ויראני את יהושע הכהן הגדול וגו' זכאין זענן דיא
קים וואס הקב"ה האט באגערט אין זייער כבוד אונ האט זייא
עבין דיא תורה הקדושה אונ די נביאים נאמנים וואס זיי האבין
גיפירט בדרך אמת • קום אונ זעה איטליכן נביא ווס הקב"ה
ט אוף גישטעלט האט זיך הקב"ה צוא אים אנטפלעקט במדריגות

הקדושות העליונות אונ זייא האבן גזעהען דאס גשטאלט פון דעם כבוד המלך מקום העליון אבער עס שטייט דאך ביי זייא מרחוק ה' נראה לי אבער קיינער איז ניט אזו נאהענט גוועזן אזו וויא משה אשר הרקו מכל העולם דם ביי אים שטייט פה אל פה אדבר בו ומראה ולא בחידות ער זאגט ווייטער סודות אונ דיא מעלות פון משה • קומט רבי אבא אונ קשט אים אונ זאגט וודאי האסטו רעכט גזאגט אונ עס איז אזוא וואל צוא דעם חלק פון משה מער פון אלי נביאים דאס בשעת ער איז נסתלק גווארן פון דר וועלט הט זיך קיינר ניט מתעסק גוועזן מיט אים נאר הקב"ה אליין האט אים אריין גיבראכט אין זיין מחיצה אריין אבר אנדרי נביאים האבן גזעהן די שכינה דורך פיל מחיצות ויראני את יהושע הכהן הגדול ווארום איז יהושע גשטאנין פאר דעם מלאך מיט איין גיריכטע קליידער ביז עס איז ארוים גיגאנגען איין כרוז אונ האט גיזאגט הסירו הבגדים הצואים מעליו מען זאל אים אוים טאן דיא אום ריינע קליידער זאגט רבי יצחק עס שטייט דא ועומד לפני המלאך וואס מיינט ער פאר דעם מלאך אלא ער האט אים דן גיזעהן אונ ער איז גישטאנען בדין פאר אים אזוא וויא עס שטייט ואל תאמר לפני המלאך כי שגגה היא מיינט מען דאך דארטין פאר דעם מלאך וואס ער משפט אים אזו מיינט מען דא אויך אזו דען איטליכר מענטש ווס ער איז ניט זוכה אוף דר וועלט אן צו קליידן זיך מיט מלבושים פון מצוה ווען ער שטארבט אזו שטייט ער אן איין פר שמיערטן לבוש אוף יענר וועלט • אונ שטייט דרויף צו דעם משפט מען זאל אים דן זיין • קום אונ זעה ווי פיל לבושים זענן אן גיברייט אוף יענר וועלט אונ דר מענטש ווס עס איז ניט זוכה אן צו טאן זיך אוף דר וועלט מיט לבושים פון מצות ווען ער קומט אוף יענר וועלט טוט מען אים אן אזו איין לבוש ווס ער זאל מיט דעם דר קענט ווערין פר די שרים פון דעם גיהנם ווי צו דעם וואס מען קליידט אים אן מיט דעם לבוש דען עס זענן אן גברייט כמה בעלי מדות הדין אים צוא נעמן אונ מאכין איפ נידערין אריין אין גיהנם אונ דרום האט שלמה המלך גזאגט בכל עת יהיו בגדיך לבנים דם מיינט מען דר מענטש זאל גזהר זיין אויף דר וועלט אן צוא טאן מלבושי מצוה דהיינו ציצית אונ תפילין אונ דעסט גלייכן אזעלכי מלבושי מצוה כדי ער זאל אוף יענר וועלט אויך האבן אזעלכי ווייסי קלארי קליידר :

במדרש רות מהזוהר שטייט רבי נהוראי זאגט אין פרשת ציצית שטייט על כנפי בגדיהם לדרתם שטייט לדרתם חסר אן וואוין אזוי אויך ביי שבת שטייט לעשות את השבת לדרתם אויך חסרי מיר האבן גלערנט מען האט מתקן גוועזן פרשת ציצית אין קריאת שמע אונ אין דער מזוזה ווס איז אין דר דירה פון דעם מענטשן שטייט ניט די פרשה פון ציצית מיט ווס ווערט נשלם די פרשה פון ציצית ביי דר מזוזה ווען אמענטש טוט זיך אן אין די ציצית אונ גייט ארוס פון דר טיר פון זיין שטוב איין גוויקלט אין ציצית אזו איז זיך הקב"ה משמח • אונ דער מלאך המשחית אנטלופט פון דארטין אזוי ווערט דער מענטש ניצול מכל משחית ונזק דרום שטייט לדרתם חסר עס מאכט דירה תם דם הייסט אז ער גייט ארום גאנץ מיט דר מצוה האט אוף אים דר משחית קיין שליטה ניט עס שטייט מזוזה דאס מאכט זז מות דר משחית ווס הייכט מות איז ער זז אוועק גרוקט פון אים אונ הט ניט קיין רשות צו פר דארבן אים אזו אויך ביי שבת שטייט לדרתם חסר ווארום אז עס קומט שבת דארף מען אן צינדין ליכט עס זאל

זיין ליכטיג אונ גרייטין צו דעם טיש אזו וויא די דירה פון איין חתן
דאס ווארט אויף דער כלה ווארום שבת ווערט אן גרופין כלה דרום
גהער מען זיא אריין נעמין אין אשיינר דירה אזו ווי עס איז ראוי צו
איר דרום שטייט לעשות את השבת מען זאל אן גרייטין פון שבת וועגין
לדרתם זיא אריין ברענגין אין איין שיינר דירה אונ אז זי קומט אונ
געפינט ניט קיין ליכט ברענין אונ גגרייט צו דעם טיש אונ די דירה
איז אויך ניט שיין זאגט די כלה שבת די דירה איז ניט מישראל כיני
ובין בני ישראל עס איז אצווישן שייד צווישן מיר אונ צווישן די ישראל
דרום שטייט לדרתם בייא שבת אונ בייא ציצית • זאגט רבי נהוראי
איך זאג עדות אז דר מענטש וואס גייט ארוס פון זיין טיר אן גקלייד
מיט ציצית אונ תפילין צווישן די צוויי ביי שטידליך פון דר טיר אזו
איז זיך די שכינה צו אים מזדמן אונ צוויי מלאכים איינר פון דער
רעכטר זייט אונ איינר פון דר לינקר זייט בלייטין אים ביז אין שול
אריין אונ בענטשין אים אונ דר מקטרג שטייט פון הינטין פר דער
טיר אונ מוז נאך זאגין אמן אויף דר ברכה • רבי יהודה זאגט ווי
פיל עדות האט הקב״ה גמאכט צו דעם מענטשין זיי זאלין אים עדות
זאגין אונ אלי שטיין אקעגין אים זאלין אים אן זאגין ער זאל ניט זיין
שטייט דר מענטש אויף אין דער פריא אונ ציהט אום זייני פיס ער
זאל גיין זאגין זיי אים רגלי חסידיו ישמור שמור רגלך כאשר תלך פלס מעגל רגליך
דוא זאלסט היטין דייני פיס אז דוא וועסט גיין אין שול אריין אונ
זאלסט איבר וועגין די טריט פון דייני פיס עפינט ער אויף זייני אוגן
צוא זעהן אויף דר וועלט זאגין אים דיא עדות עיניך לנוכח יביטו דייני
אוגין זאלין זעהן וואס אקעגין דיר איז מיינט מען הקב״ה שטייט דיר
אקעגין • עפינט ער אויף דס מויל צו ריידין זאגין זייא אים נצור לשונך
מרע היט דיין צונג פון צו ריידין שלעכץ שטרעקט ער אום די הענט
עפיס צו טאן זאגין זיי אים סור מרע ועשה טוב קער אפ פון שלעכטץ
אונ טוא בעסר גוטי מעשים • פאלגט ער די עדות איז אים גוט אונ
אוב חלילה ער הערט ניט זייערי רייד שטייט והשטן עומד על ימינו לשטנו
זאגין זיי אלי עדות לחוב חלילה • ווען דער מענטש וויל עוסק זיין
בעבודת הקב״ה זענין פיל מליצים אויף אים פאר האנדין עדות צוא
זאגין לזכות ולטובה אונ זענין מליצים פר אים ווען ער דארף זייא
האבין אויך אין דר פריא מאכט ער ווי פיל ברכות ער לייגט תפלין
אויף זיין קאפ אונ דר שם הקודש העליון איז אין אים בהעפט אונ
גצייכינט אויף זיין קאפ אונ דיא רצועות הענגין פון ביידי זייטין
אקעגין זיין הארץ דא זעהט ער דעם כבוד פון זיין האר שטרעקט
ער אוס די האנט זעהט ער אז ער איז באהעפט אין דעם קשר של
תפילין פון דעם שם הקודש אונ זעהט דעם כבוד פון זיין האר בשעת
ער טוט אן דעם טלית מיט די ציצית וואס הענגן אויף אלי פיר עקין
פון דעם טלית ארוס אים אזו ווי די ווין טרויבין הענגין ארוס זייער
צווייגיל • אזו ציצית איז איין מצוה אונ ווידר דיא כריכות וואס ער
מאכט ניט וויינגר פון זיבין כריכות ארום דר האנט אונ ניט מעהר
פון דרייצעהן דס זענין גרוסי סודות אז ער טוט אזו שטיין פאר אים
פיר מלאכים עדות של אמת פון דעם מלך עליון וואס זיי הענגן אין
דיא פיר כנפות אונ וויל דר טלית פון ציצית ווייזט אויף דר שכינה
וואס דאס איז דס הארץ פון אלי וועלטין עליונים ותחתונים אונ עס
שטייט עיני ה׳ אל צדיקים וגו׳ הקב״ה זאגט ווער עס וויל נאך גיין נאך
מיין יראה זאל נאך גיין נאך מייני עינים ולב אבער ולא תתורו אחרי

לבבכם ואחרי עיניכם נאך אייערי עינים ולב טארט איר ניט נאך גיין פ...
וואס אשר אתם זונים אחריהם מיט אייער הארץ אונ מיט די אוגן טוט אי...
זינדיגין אונ וייל די מצוה פון ציצית ווייזט אויף דער שכינה וואס...
זי האט גהרגעט אלי בכורים אין מצרים דרום שטייט דער בייא אני ה...
אלהיכם אשר הוצאתי אתכם מארץ מצרים זאגט רבי יוסי עס שטייט כימי צאת...
מארץ מצרים אראנו נפלאות ווארום שטייט כימי איז טייטש פיל טעג ע...
וואלט בדארפט שטיין כיום ווארום זייא זענין דאך אין איין טא...
ארום גגאנגן נאר דס מיינט מען די כנסת ישראל וואס זי ווערט א...
גרופין ימים למעלה דען זי וועט דר פון גבענטשט ווערין אז די גאול...
אחרונה וועט זיין עס שטייט ואמרתם ביום ההוא הודו לה׳ וגו׳ מודעת זא...
בכל הארץ דס זי וועט דר קענט ווערין דורך דר מצוה פון ציצית וו...
דס ווייזט אויף די כנסת ישראל זי וועט דר קענט ווערן אויף דר גא...
וועלט דס הקב״ה וועט זיי ווייזן ניסים ואותות ומופתים אין דר צייט...
וועט מקוים ווערן דר פסוק ביום ההוא יהיה ה׳ אחד ושמו אחד אמן :

## פרשת קרח

ויקח קרח ער האט זיך גנומן איין שלעכטי עצה ווער עס לופט נא...
איין זאך וואס עס גיהער ניט צוא אים אזו לופט דאס פון אי...
אוועק אונ ער קאן דס ניט גרייכן אונ ניט דס אליין נאר אפילו וו...
ער האט גנעמט מען אויך בייא אים אוועק • אזו אויך קרח איז נא...
גלאפן וואס עס איז ניט זיינס האט מען זיין זאך אויך ביי אים צו גנומ...
אונ עס איז פון אים פר לארן גווארן אונ דאס האט ער ניט גרייכ...
קרח איז נאך גגאנגן נאך מחלוקת דאס הייסט צוא טיילן דען די...
וועלט שטייט אויף שלום אונ ער האט זי גוואלט טייל ן אונ האט גקריג...
אויף שלום דס איז דר שם הקודש וואס הייסט שלום ווער עס קריג...
דרויף ווערט ער פר לארן פון אלי וועלטן • בשעת הקב״ה האט די...
וועלט בשאפן האט זי קיין קיום ניט גקאנט האבין ביז הקב״ה הא...
אויף איר גלאזט רוען דעם שלום דס איז די קדושה פון שבת דס אי...
דער שלום פון עליונים ותחתונים אונ ווער עס קריגט דרויף ווער...
ער פר לארן פון אלי וועלטן אזו אויך צלפחד האט גקריגט אויף שב...
דר מיט וואס ער האט גקליבן האלץ אום שבת איז ער אויך פר לאר...
גווארן דרום וייל ער האט גיקריגט אויף דעם שלום פון דער וועל...
זאגט רבי יוסי עס שטייט שלום רב לאוהבי תורתך ואין למו מכשול די תור...
הייסט שלום ביי איר שטייט וכל נתיבותיה שלום אונ קרח האט אויף דע...
גיקריגט דרום איז ער גישטראפט גווארין מלמעלה ומלמטה :
ויאמר משה אל אהרן קח את המחתה רבי חייא זאגט עס שטייט חמת מ...
מלאכי מות ואיש חכם יכפרנה וויא אזו דארפין זיך דיא מענטש...
שטארקן זיי זאלן ניט זינדגן אונ זאלין היטן זייערי מעשים דען אל...
טאג גיין זייערי מעשים ארויף מיט איין וואג אונ מען גיט אובין או...
דעם זייער גוט אכטונג זיי ווערן פר שריבן אין איין בוך דרום נהע...
דר מענטש זיך אפ היטן פון צו זינדגין דען אז די וועלט ווערט ווי...
פיל מאל גימשפט גייט אויף זיין רוגז פר דעם מלך אונ דער מד...
הדין טוט זיך אויף אים דער וועקין דרום שטייט חמת מלך מלאכי מו...
ואיש חכם יכפרנה בשעת דר מדת הדין מיט די שרי הדינים שטיין או...
מקטרג זיין אויף דר וועלט אונ דר רוגז איז אנטקעגין אים ווען ע...
געפינט זיך אין דור איין צדיק וואס ער איז גצייכינט למעלה פאר אי...
צדיק איז הקב״ה אויף אים משגיח מיט זייני מעשים טובים הערט...

תיכף דער רוגז גשטילט עס איז איין משל צו איין הער וואס ער איז ברוגז אויף זייני קנעכט שאפט ער דעם תליין ער זאל טאן זיין משפט דר וויל קומט אריין זיין ליב האבר וואס דר הער הט אים זייער ליב אונ שטעלט זיך אנידר פר אים אז דר הער דער זעהט אים קריגט ער איין פרייליך הארץ מיט איין פרייליך פנים אנטקעגין אים אזו הייבט אן דר ליב האבר מיט אים צו ריידין אונ דר הער פרייט זיך זייער מיט אים דר וויל קומט אריין דר תליין צו טאן זיין משפט • בשעת דר ליב האבר זעהט אז דאס פנים פון דעם הער איז זייער פרייליך אונ לוסטיג הייבט ער אן צוא בעטין דעם הער אז ער זאל מוחל זיין די זינד פון זייני קנעכט אזו הערט אים דר הער אוס אונ פאר געמט זייני רייד אונ איז זיי מוחל זייערי זינד דרום שטייט חמת מלך דר צארן פון דעם מלך זענן מלאכי מות אבער ואיש חכם אז עס איז פר האנדין איין חכם וצדיק יכפרנה טוט ער אפ ווישין דעם רוגז אונ ער ווערט גישטילט • אזו אויך אז משה האט געזעהן אז עס איז פאר האנדין איין רוגז פר הקב"ה מיד תיכף הט ער גזאגט צו אהרן קח את המחתה ברענג דיא פייער פאן אונ זייא מקריב אין איר קטורת דרום וייל אהרן איז גוועזן דר ליב האבר פון השי"ת • אונ מען האט ניט מקטיר גוועזן קיין קטורת נאר דורך אהרן דרום וויל ער הט גמערט שלום אויף דער וועלט : וקטורת איז לשון קשר ער האט מייחד ומקשר גיוועזן אלי עולמות אונ דר מיט האט ער גמאכט איין שכינה בכל העולמות אזו וויא עס שטייט שמן וקטורת ישמח לב דאס הייסט ואיש חכם יכפרנה ער הט גמאכט ריין אונ הט אפ גווישט דעם רוגז פון הקב"ה אונ הט דר וועקט גרוים רחמים :

רבי אלעזר זאגט עס שטייט כל אשר תמצא ידך לעשות בכחך עשה כי אין מעשה וחשבון וגו׳ אלי רייד פון שלמה המלך זענין זייער פאר בארגני חכמות אונ פר הולן אונ אין די פסוקים איז משמע אז עס איז חס ושלום גאר מותר צוא טאן אלי שלעכטי מעשים אמער אזו אחכם ווי שלמה איז גוועזן מער פון דער גאנצר וועלט זאל ער אזו ריידין אלא דם איז אלץ פיל חכמה אזו זאגט ער וויל דר יצר טוב איז לצד ימין פון הקב"ה אונ דר יצה"ר איז לצד שמאל אונ עס שטייט ואהבת את ה׳ אלהיך בכל לבבך איז טייטש מיט דעם יצר טוב אונ מיט דם יצר הרע דו זאלסט פון דעם יצר הרע וואס ער איז שמאל זאלסטו מאכין איין ימין ער זאל ווערן איין יצר טוב אונ דיא לינקי האנט הייסט ידך אזו ווי עס שטייט ביי תפילין והיה לך לאות על ידך דם איז די לינקי האנט אונ די רעכטי האנט הייסט כח אזו ווי עס שטייט ימינך ה׳ נאדרי בכח היינט זאגט אזו שלמה דר מענטש זאל נזהר זיין אז אלי מעשים זאלן זיין לצד ימין צו דעם יצר טוב תמצא ידך דיין לינקי האנט זאל גפונגן ווערן צו טאן בכוחך עשה צו דעם צד ימין וואס ער הייסט כח דען וועט הקב"ה רוען ביי אים בעולם הזה אונ וועט אים נעמן צוא זיך בעולם הבא אונ דער מענטש זאל ניט זאגין איך וועל ערשט תשובה טאן אז איך וועל קומן אויף יענר וועלט כי אין מעשה וגו׳ דען אז דר מענטש גייט שון אוועק פון דר וועלט אן תשובה העלפט אים שון דארטן ניט קיין חכמה אונ קיין דעת ווען מען איז אים דן דם שטארקן דין אין גיהנם נייערט אז דר מענש וויל ניצול ווערן אונ דר מלך הקדוש זאל אים דר לייכטן אונ זאל אים געבן איין חלק לעו"הב זאל ער זיך משתדל זיין ודינן אויף דר וועלט איידר ער שטארבט דם זייני מעשים טובים זאלן נכלל ווערן לצד ימין ביצר טוב אונ זיי זאלן זיין לשם שבי"ח דען וועט ער האבן איין גוט חלק לעולם הבא אונ וועט ניצול ווערין פון דעם דין הקשה פון דעם גיהנם ד"א כי אין מעשה וחשבון בשאול אשר אתה וגו׳ עס איז אין גיהנם פיל וואונונג איינס איבער דעם אנדערין אונ דם אונטרשטע וואונונג הייסט שאול אונ נאר דם אונטרשטע הייסט אבדון די צוויי זענן נאהנט איינס לעבן אנדערן ווער עס קומט אריין אין שאול קומט ער ווידער ארוף מען איז אים דארטן דן וויא עס קומט אים אונ גייט אויף אזו ווי עס שטייט מוריד שאול ויעל אבער ווער עס נידערט אין אבדון דען קען שון אייביג ניט ארוף קומן אבר אבר דר וואס הט אין זיך מעשים טובים אדר ער איז איין בעל חשבון דם הייסט ער חשבינת זיך אלי מאל די מעשים וואס ער האט גיטאן אונ טוט תיכף תשובה דרוף דר וועט ניט אריין קומן אהין אזו ווי מיר האבין גילערינט דם איטליכר מענטש אלי נאכט איידער ער לייגט זיך שלאפין זאל ער האבין איין חשבון אויף זיינע מעשים וואס ער האט אגאנצין טאג גיטאן אונ זאל בעטין גאט אויף זיי אונ זאל אויף זיי תשובה טאן ווארום ביי נאכט איז דר מדת הדין שולט אויף דר וועלט אונ איטלכער איז טועם טעם מיתה דרום גהער איטליכר מענטש די צייט אחשבון האבין אונ מתוודה זיין אזו וויא פר דעם טוט דיא לייט הייסן בעלי חשבון דיא מענטשן וועט מען נאר דורך פירין דורך דעם גיהנם אזו ווי מען פירט דורך אלי נשמות אונ זייא זעהן אלי נשמות הרשעים שרייען איטליכר פון זיין וואונונג אונ זיי בלייבן אובן אונ ניט צווישן זיי נייערט זיי זענן וואו אלי אורות זענן אונ כמה תענוגים זענן דארטן אונ הקדוש ברוך הוא קומט צו דער מייען זיך מיט די צדיקים וואס זענן אין גן עדן דם איז וויל זיי זענן גיוועזן בעלי חשבון תשובה צוא טאן אלי מאל אויף זייערע עבירות וואול צו זייער חלק בעולם הזה ובעולם הבא אויף זיי שטייט אך צדיקים יודו לשמך ישבו ישרים את פניך :

רבי שמעון הייבט אן והמה כאדם עברו ברית וגו׳ דוא אדם הראשון דעק אויף די ערד פון דיינע אוגין דען הקב"ה הט צוא דיר גיבאטן איין מצוה אונ דו האסט זי ניט גיקענט מקיים זיין דרום וייל דוא ביסט גיווארין באוויידיגט אונ איבער גירעט צוא דעם נחש הרע ער הט דיך אפ גיקערט דר צו אזו וויא עס שטייט והנחש היה ערום דרום ביסטו איבר גירעט גיווארן אונ האסט גורם גיוועזן מיתה צוא דיר אונ צו גאר דער וועלט צוא אלי קינדר וואס זענן ארום גיקומען פון דיר קום אונ זעה דר וואס לאזט זיך איבר ריידן צו דעם נחש דם איז דער יצר הרע דער ווערט פר לארן אין איין רגע • קום אונ זעה איין ראיה פון דוד המלך ער איז גיוועזן אין דר העכסטער מדריגה אין דעם מקור פון דר קוועלינדיגע וואסער אונ אז ער איז נאך גיאגט גווארן אונ איז אנטלאפן אין אפרעמד לאנד איז ער אראפ פון ארץ הקדושה לסדריגה התחתונה איז ער פארט גשטאנען אין זיין שטאנד אונ איז ניט גינאנגען אין דר צד הטומאה חס ושלום אונ האט זיך גיהיט פר אים וואס שטייט ואולם חי ה׳ וחי נפשי כי כפשע ביני ובין המות דוד הט גישווארן צו יהונתן אז ער איז אזו נאהנט גיוועזן פון דעם טויט דם איז די קליפה וואס זי הייסט מות אזו ווי איין טריט ער האט שוין אזו טיף גינידערט אין דר מדריגה התחתונה אז ער איז שון אזו נאהנט גיוועזן אונ הט פארט ניט אראפ גינידערט צו איר אונ האט זיך אין איר ניט באהעפט וואול צו זיין חלק דר וואס קען זיך היטין פון דר צד הטומאה אונ פון אירע מדריגות דען דער יצר הרע הייסט נחש

ממונה אונ מיט אים נאך כמה אלפים ורבבות זאמלן זיך איין דר נאך אז ער שטארבט זענן זיי אים אלי מטמא דיא נשמה זייא נעמן אונ ברענגען זי ארין דן צו זיין אונ די אלי כוחות הטומאה שטייען דארטן דען בשעת ער הט זיך דר היצט צו דר תאוה רוען זיי אויף אים זיי נעמן דעם חשק אונ ברענגען עס אויף למעלה אונ שטארקן זיך דער מיט:

פתח השני אויף דער אנדערע טיר שטייט אויך איין מכוונה ער איז מכוונה אויף די וואס זיי זענן אזו ווי בהמות אנאנדר · אונ אנדרע אסורים אדר אין די עריות פון דר תורה דר ממונה מיט כמה אלפים ורבבות מיט אים שטייען אלי אים מטמא זיין אזו וויא עס שטייט אובן ביי די אנדרי · קום אונ זעה אלי די הרוגי ב"ד אדר די וואס זענן שון גשטראפט גווארן אויף זייערי עבירות דיא אלי זענן שוין אום גירימן פון דעם צד הטומאה אונ זיי האבן שון קיין חלק ניט אין זיי אונ ניט אין דעם מכוונה וואס ער הייסט כוס התרעלה ווארום זיי האבן שון זייער עונש מקבל גוועזן דען אלי וואס זיי האבן נאך ניט גיטרונקן דעם כוס פון דעם בית דין דר נאך אז זיין נשמה גייט ארוס פון אים דען קומט דר ממונה אונ אלי וואס זענן מיט אים בגרייפן דיא נשמה אונ דס איז דר יום הדין והסד זייא זענין דן דיא נשמה מיט כמה דינים משונים איינס פון דעם אנדרין אין דעם היכל שטייט איין רוח וואס ער איז ממונה אונטר אים פון דעם רוח חזק גייען ארוס דרייא ביטערי טראפן זיי פאלין אין כוס התרעלה איינר הייסט חצץ אונ איינער הייסט מר המות אונ איינער הייסט קובעת אונ די דריי טראפן זאמלין זיך איין אין דעם כוס פון דארטין קומען זיי אויף דער שווערד פון דעם מלאך המות דס דר מיט איז ער ממית דעם מענטשין:

פתח השלישי אונ ביי דר דריטר טיר שטייט אויך איין ממונה וואס ער איז ממונה אויף די וואס לייקענין אין דעם היילגין צייכין אונ זענין משחית דרכם איז דר ממונה אונ מיט די וואס זענן מיט אים מצייר ציורים זיי מאלין אום די נשים טמאות וואס ער הט זיך מיט זיי מטמא גוועזן די זענן אלע גצייכנט פר אים אז ער גייט ארוס פון דר וועלט אונ זיי זענין דר נאך מטמא זיין רוח אין דעם היכל העגין אן אלי סודות פון כישוף הרגנן דעם מענטש פאר דר צייט אונ ארי כישוף מאכר וואס זיי טוען זייער כישוף מוזן זיך דארטן מטמא זיין אונ דרום איז מען אים דארטן דן אונ דרום הייסט דר היכל שחת טמא אונ אין דעם היכל איז דא איין רוח וואס ער איז ממונה אונטר דעם רוח וואס שטייט פריער אונ כמה אלפים ורבבות זענן אונטער אים אונ אלי שטייען אויף דער זייט בשעת דער רוח פון דעם מענטשן גייט אראפ מרכבה פון דער צד הקדושה דען שטייען אלע כוחות הטומאה מיט דעם ממונה אונ באהעפטין זיך מיט אים אונ זענין אים מודיע דברים כזבים ושקרים מיט אביסל אמתי בייד דען אזו איז דער סדר פון איין שקרן מוז ער פריער עפעס זאגן אמת כדי מען זאל אים גלייבן אויף זייני שקרים דר נאך זענן זיך מתפשט די תחתונים צו די תחתונים וואס זיי האבן ניט קיין קיום אונ זענן מודיע דר וועלט זאכן לכמה צדיקים אונ אלי זענן אין דר מדריגה למטה · פון דעם היכל גיין ארום צוויי רוחות אונ זייא פר שטעלן זיך אמאל אין גישטאלט פון נשים אונ אפט זענין זיי אין גשטאלט פון מאנזבלין אונ שוועבן אויף דר וועלט אונ קומן צו דיא מענטשן אין חלום זאגן אים מטמא זיין זיי הייסן רוחות תחתונים למטה זייא ווערן פון צוויי פלאם פייער דען אז דיא רוחות של מעלה וואס זענן איז דעם היכל גייט ארוים פון זייא צוועלף פלאם פייער אונ דר פון ווערן דיא צוויי רוחות התחתונים אונ דאס איז ארץ ביי דר טיר פון דר טומאה · וואל צו די צדיקים וואס זיי פר מיידן זיך פון די טירין אונ ווערן גיהיט פון זיי אויף זיי שטייט לשמרך מאשה זרה:

היכל השלישי איז נאך מער פינצטער ווי די ערשטי עס איז ניט פאר האנדין קיין שום ליכט דס היכל הייסט דומה קענן דעם נאמן פון דעם יצר הרע וואס ער הייסט שונא אין דעם היכל זענן פיר טירן אונ איין ממונה שטייט ביי דר ערשטר טיר אונ ער שטייט אין דעם שטארקייט פון דעם רוגז פון דער וועלט ווען דר דין רועט אויף דר וועלט נעמט ער אלי מיני כלי זיין אונ לייגט זיי אנידר ביי די טוערן פון דר שול ער איז דר מכשול פון דער וועלט אזו שטייט דרך רשעים באפלה לא ידעו במה יכשלו דר ממונה שטייט אויף די וועגן אונ זעהט ווער עס גייט אליין אין וועג אונ אז ער בגעגינט אים קען ער אים מזיק זיין אונ איבלין זיין מזל · די אנדרי טיר שטייט בייא איר איין אנדרר ממונה ער שטייט צו נעמן דיא בריבלך פון די דיינים אונ אונטר אים זענן כמה מלאכי חבלה וואס זיי האבין אויך איין שליטה צו נעמן די קוויטלך פון די דיינים אונ ער שטייט אויף דר טיר צוא נעבן דעם פסק דין וואס ער ווערט נגזר למעלה אונ נידרט אראפ אונטן צו די טירן פון חשך צו דעם וואס הייסט שחת אונ צו דעם וואס הייסט בור אונ דארט זענן פאר האנדן כמה אלפים ורבבות ממונים וואס זענן שולט אויף דר וועלט צוא טאן דעם משפט אזו ווערט נשלם דר דין מיט דעם פסק:

פתח השישי איז איין אנדרר ממונה ער איז שולט אויף חולאים אונ וויטאג אונ אויף אלי שלאפקייט וואס הייסט אש של עצמות פון אים גיין ארוס כמה אלפים ורבבות וואס זענן אויך מיט אים ממונה אויף די חלאים אונ וויטאג וואס מיר האבן אובן גזאגט · פתח הרביעי איין ממונה וואס ער איז ווארן בשאפן בשעת מען הט די לבנה קלענר גמאכט אין פערטין טאג אזו ווי עס שטייט יהי מאורות ברקיע השמים ער הייסט אסכרה ער שטייט אויף די קליני קינדר ער זאל זיי ממית זיין ער ווייזט זיך צו זיי אונ לאכט אונ שפעט מיט זייא ביז ער איז זייא ממית אזו ווי איין אשה וואס זייגט דס קינד אונ שפילט זיך מיט אים אונ איז אים ממית · אין דר מיט פון דעם היכל שטייט איין רוח ער איז ממונה איבר ארי וואס שטארבן פון דרייצעהן יאר ביז צוואנציג ער איז זיי ממית אונ ער איז מצד הנחש ווי מיר האבן אובן גזאגט ער שטייט מיט אים אונ גייט אים נאך דרום הייסט דר מלאך המות טוב מאוד אזו וויא עס שטייט והנה טוב מאוד אזו ווי מיר האבן שון מפורש גוועזן דר פון · זיי זענן זיך מתפשט אונ עס גייז ארוס צוויי רוחות אף וחמה די זענין ממונה אויף די וואס הערין איין נזיפה הייסט איין אן שרייאונג אין די וואס מען זיך אין דער תורה אונ זענין דרויף ניט מקנא זיי נעמין זיך ניט אן פר די תלמידי חכמים אונ אויף די וואס שפעטין אין די רייד פון דר תורה אדער אין דיא רייד פון די רבנן דען פון די אף וחמה גיין ארוס כמה אלפים ורבבות אונ גיין ארוס צו רוען אויף די מענטשן וואס זענן עוסק בתורה ובמצות אונ אויף די וואס גיין בעסק מצוה כדי זיי זאלן זיין טרויעריג אונ זאלן זיך ניט משמח זיין מיט זייערי גוטי מעשים אונ פר די צוויי חט זיך משה גפארכטן בשעת די ישראל האבן גיזינדיגט אונ ער הט אראפ גנידרט פון דעם

בארג סיני אזו וויא עס שטייט כי יגורתי מפני האף והחמה אונטר זיי איז פר האנדין איין רוח וואס ער איז ממונה אויף די בעלי לשון הרע אז דר מענטש דר וועקט זיך מיט לשון הרע אזו רוועט אויף אים דער רוח הטומאה ער רוועט אויף דעם התעוררות פון לשון הרע וואס עס איז צווישן מענטשן אונ ער גייט ארויף אונ איז גורם מיט דעם לשון הרע מיתה וחרב והריגה בעולם ווייל צו די מענטשן וואס זענען זיך מתעורר צו דעם חלק הרע אונ היטן ניט זייער מויל מיט דער צונג זיי זינדיגין אונ ווייסן ניט אז אין דעם התעוררות של מטה הענגט אן דם התעוררות למעלה הן לטוב והן לרע קום אונ זעה אז דם התעוררות פון לשון הרע דר וועקט זיך פון אונטן ברענגט דאס אויף דעם נחש עקלתון מיט דעם נחש בריח מיט זייני שופין אונ שטעלט זיי אויף אונ זיי דר וועקין זיך פון דעם קאפ ביז די פיס דען דר וועקט זיך דר גאנצר גוף מיט זייני שופין דם זענען די מלאכי חבלה וואס שטיין אין דרויסן אונ אלי נעמען צו די רייד פון דעם לשון הרע אונ דר וועקין זיך צו דעם נחש בריח דען איז ער זיך אין גאנצן מתעורר פון דער קאפ ביז אין דיא פיס אונ אלי היכלות וואס מיר האבן אובן גיזאגט אונ אלי קשקשים דם הייסט זייני שופין מיט דר הוט ווערט אפ גצוגן אונ צו שפרייט זיך אונ גידרין אראפ לכתה אונ דר גוף גייט ארויף למעלה אונ דר וועקט זיך צו זיין איין רכילות טרייבר אונ איין מקטרג למעלה קום אונ זעה ביי אלי נחשים פון דר וועלט ווערט די הוט ניט אפ גצוגן נייערט איודר צייט אז עס דר וועקט זיך למטה דם לשון הרע אזו איז זיך דר רוח רעה מתעורר למעלה אונ ציהט אפ זיין הוט מיט דו שופין דם זענען די משחיתים נידרן אראפ אונ דר גוף גייט ארויף אונ דם אפ ציהונג איז אים שווערר פון אלדינג דרום ווייל ער שייד זיך אפ פון זיין זיווג וואלט דר נחש ביי אנדרן גיוועזן מיט דר הוט מיט איין חיבור וואלט די וועלט ניט גקענט סובל זיין אונ אלץ איז פון דעם התעוררות פון לשון הרע של מטה אונ אז די נחשים למטה ווערן אפ גצוגן פון זייערי הוט גייט ארויס זייער אגרוס קול פון זייא אונ דאס קול איז מעורר כמה נחשים וואס שטיין אין דעם ארט וואס הייסט בור דען דארטן זענן כמה נחשים די אלי זענן מעורר צו זאגן רכילות צו דעם נחש הגדול זיי גיין ארויף צו דר וועקן דעם קטרוג אונ אלץ איז פון דעם התעוררות פון לשון הרע פון אונטין אזו אויך אין דעם נשטאלט איז ווער עס איז עוסק בתורה זענן דא כמה וכמה וואס זיי הייבן לשון הקודש זיי בהעפטן זיך אובן צו דעם ארט וואס הייסט לשון הקודש איין לשון פון דעם קודש של מעלה אונ כמה קדושים אונ קדושים וואס זענן זיך מתעורר פון אלי זייטין וואל צו די צדיקים אונ צו זייער חלק דאס זייא זענין גורם התעוררות למעלה ולמטה בקדושה דרום שטייט והתקדשתם והייתם קדושים · והתקדשתם דם זענן דיא מים ראשונים והייתם קדושים דאס זענין דיא מים אחרונים פאר דעם בענטשן וואס מען וואשט זיך נאך דעם עסן אפ צו טאן דיא טומאה פון דר קדושה דאס איז אויף דיא הענט · וואל צו זייער חלק בעולם הזה ובעולם הבא :

היכל הרביעי הייסט חובה דם איז דר טיט היון אקעגן דעם נאמן פון דעם יצר הרע וואס ער הייסט אבן מכשול אונ עס איז אלץ איינס ער הייסט חובה ווייל דארטן שטיין אלי חובות פון דר וועלט דארטן איז די וואג פון חובות וואס דר מענטש זינדיגט מכריע צוא זיין אויף דיא זכיות דען אז די לייט זינדיגן נעמין אלי גדריני נימוסין די מלאכי חבלה די חובות אונ לייגן זיי ארין אין דעם היכל חובה אונ ווידר צו אלי זכיות פון דר וועלט איז פר האנדן מלאכים הקדושים וואס זענן ממונה אויף די זכיות אונ זיי נעמען זיי אונ לייגן זיי אהינדר אין דעם פערטין היכל וואס ער הייסט היכל זכות ער איז אקעגן דעם פערטן היכל פון דר טומאה וואס ער הייסט היכל חובה אין דעם היכל זכות שטיין אלי זכיות אין דעם היכל חובה שטיין אלי חובות אונ זיי וועגן די חובות אקעגן די זכיות אום ראש השנה אזו ווי דר פסוק זאגט כי גם את זה לעומת זה עשה אלהים אום ראש השנה זענן זיך מתחבר דיא צוויי זכות אונ חוב חיים ומות אונ מען וועגט זיי זענין די זכיות מכריע ווערט דר מענטש אן גישריבן צו דעם צד וואס הייסט חיים דען די צוויי זייטין שטיין אום ראש השנה דר אין דר זייט אונ דר אין דר זייט איז דר מענטש זוכה אונ די זכיות וועגן איבר ווערט ער אן גישריבן לחיים דען דר צד הקדושה בגריפט אין אים אונ זאגט דר איז מיינר אזו ווערט ער פר שריבן אז ער איז זיינר אבר אז די חובות וועגין איבר דם הייסט דר צד אחר הטמא וואס ער הייסט חובה בגריפט אין אים דר מות אונ זאגט דם איז מיינר אונ מיינר זאל ער זיין אזו ווערט ער אן גישריבן אז ער איז זיינר · דם איז וואס מיר האבן גילערינט אז אום ראש השנה ווערט דר מענטש אן גישריבין לחיים אדר למות אונ ווערט דארטין בהעפט איז ער בגריפין אין דר טומאה איז ער דארטין בהעפט למות דרום שטייט הן לחיים והן למות אדר ער ווערט צו גצוגן צו דר זייט אדר צו דר זייט כל זמן ער איז בהעפט אין דר קדושה אונ ער שטייט בצד הקדושה זענין אין אים בהעפט אלי קדושות מיט אלי טהרות ער רופט צו הקב"ה אונ ער ענטפרט אים אויף אים שטייט יקראני ואענהו עמו אנכי בצרה אחלצהו ואכבדהו אורך ימים אשביעהו ואראהו בישועתי אונ כל זמן ער שטייט בצד הטומאה זענן זיך אין אים מדבק אלי טומאות אונ אלי שלעכין אונ אלי חובות ער שרייט אונ קיינר וויל אים ניט צו הערן ער איז ווייט פון הקב"ה אויף אים שטייט רחוק מרשעים ישועה אונ עס שטייט גם כי תרבו תפלה אינני שומע דם היכל איז איין ארט צו אלי וואס זיי הייסן אלהים אחרים אונ זענן שולט אפ צו ריידן דעם מענטשן אז ער זאל נאך גיין נאך תענוגי עולם הזה אונ צו נאך גייען נאך זנות אונ ניאוף אין דעם היכל ווערט גיזעהן איין רוח קושי איין שטארקר ער איז איבר אלי הייסט ער אויך אל אזו וויא דער צד הקדושה הייסט אל אזו הייסט ער אויך אל נכר דער רוח אי מפתה צו די מענטשן וואס לערנן תורה אדר זייא שטיין אין בית המדרש ברענגט ער זיי ארין אין דר מחשבה כמה הרהורים אונ זאגט צו אים וואס שטייסטו דא עס איז בעסר צו גיין אין דר חבורה וואס זייא זענין מושל אונ גיוועלטיגין אונ הערשן איבר לייט אונ גיי נאך נאך תאוות אונ נאך נשים יפות אונ זענן זיך מתענג בתענוגי של עולם אונ אז דר מענטש לאזט זיך איבר ריידן אזו ציהן זיך אל נאך נאך אים עס איז פר האנדן פיל וואס שטיין הערר פון אים או זיי אלי זענן אים מטמא בעולם הזה ובעולם הבא זיי הייסן צואה רותחת אזו ווי דר פסוק זאגט צא תאמר לו דם זענין דיא מדריגות וואס שטיי תמיד אים מטמא צו זיין · אין מיטין דעם היכל איז פר האנדן איי אנדרר רוח וואס ער הייסט נגע אונ פון דם גייט ארוס אנדרר וואס הייסט נגע צרעת ער שטייט תמיד מטמא צו זיין אלי בעלי לשון הר מער פון אלי וואס זענין אים מטמא אונ דר נגע העליון איז ממונה א עס קוקט שבת אונ דר טיש פון דעם מענטשן איז ניט מסודר א

ויא עס באבארף צוא זיין אונ ער איז מבזה דעם עונג פון שבת איז ער מיט ארי גרדיני גימוסין משחיתים וואס זענין מיט אים שטיין זיי דארטן אונ אלי זאגן ינקש נושה לכל אשר לו ויבוזו זרים יגיעו אל יהי לו מושך חסד ואל יהי חונן ליתומיו וגו' ויאהב קללה ותבואהו וגו' אין דר נאכט פון שבת אז דר טיש ווערט איבר גיענטפערט צום צד הרע וטמא אזו ווערט דר צד הרע גשטארקט אז דר מענטש ווערט איבר גיענפערט אין זייערי הענט ווייל ער איז גיוועזן חסר פון דר צד הקדושה צד האמונה דרום ווערט ער נמסר ביד הטומאה אונ אזו אוך איז ביי אלי סעודות פון יום טוב אין דם היכל איז דר היפוך פון בני חיי ומזוני זיי שטיין דארטן גאר שלעכין צו טאן אונ אין דעם היכל וואס איז אקעגין וואס הייסט זכות דם הייליגי שטיין דארטן אוך ניט קיין בני חיי ומזוני נייערט נאך העכר אוף דעם ארט וואס הייסט מזל העליון דרום האבן דיא חכמים גיזאגט בני חיי ומזוני לאו בזכותא תליא מלתא אלא במזלא תליא מלתא דען זייא העגגין ניט אין היכל זכות נאר גאנץ הויך במזל העליון אבר אין דעם היכל חוב איז יוא דא פאר קערט דער פון ניט קיין קינדר אונ ניט קיין לעבן אונ ניט קיין מזונות ווען עס קומין דיא קינדר פון דעם מענטשין צו דעם היכל אזו שטיין נחשים צו פאר דארבין אונ פאר לענדין זייא אונ פון דארטין גייט ארוס דר קטרוג אוף דיא קלייני קינדר אונ אוך שטיין זיי דארטן מזונות מעביר צו זיין דרום הייסט דר היכל חובה אונ פון דארטן גייט ארוס איין רוח הטומאה ער הייסט אורר אונ מיט אים זענין כמה אלפים ורבבות אונ אלי הייסין אוררי יום אזו וויא דער פסוק זאגט יקבוהו אוררי יום זיי שטיין ארי צוא נעמין דעם דבור קללה וואס דער מענטש שעלט זיך אליין בשעת כעס שטיין זייא אונ זענין זיך מתעורר צוא דעם נחש וואס ער הייסט לויתן נחש עקלתון בריח צוא מעורר זיין אונ ברענגין קללות אוף דער וועלט אזו וויא עס שטייט יקבוהו אוררי יום אונ דיא אוררי יום זענין שולט אוף סג"ם אוף דיא אוגין בליק אונ שעות פון דעם טאג אונ זייא נעמין דיא רייד וואס דער מענטש שעלט זיך אליין בשעת כעס אדר בשבועה · אונ מיט דעם דיבור איז ער מעורר דר אובערשטן נחש עקלתון וואס ער הייסט לויתן אים אוף צוא שטעלין צוא פאר דארבין די וועלט דרום האט איוב אין זיין צער גישאלטין דעם טאג אונ האט ניט גוואלט שעלטן זיין גוף דרום שטייט צום ערשטן ביי איוב ויקלל את יומו אונ דר נאך שטייט יקבוהו אוררי יום רחמנא ליצלן גאט וואס ער איז איין רחמן זאל אונז מציל זיין פון אלי דבר רע ומצד הרע אונ פון זייער שטארקייט :

היכל החמישי הייסט שאול אנטקעגן דעם נאמן פון דעם יצר הרע דאס איז דר סוד פון ערלה אין דעם היכל איז נאר איין מיר אין איין ממונה איז דריין דר ממונה איז גיזעצט תמיד מעורר צוא זיין איין קיטרוג אויף דר וועלט אונ דר רוח הייסט איבה דרום ווייל דר נאמן פון דעם היכל הייסט איבה דער סימן איז ואיבה אשית בינך ובין האשה אין דעם היכל שטייט איין רוח וואס איז שולט אויף אלי אונ ער הייסט שודד דאס איז דער שוד ושבר אונ פון דעם היכל זענין יונק דיא אלי פר וויסטר אונ פר דארבר בחורבנות אונ פון די גייען ארויס אלי הרוגי חרב ורוסח זיי גייען נאך דעם לחש החרב המתהפכת אליץ צו פר דארבן אונ אז דר איז שולט אויף דר וועלט אזו ווערט גיפונין דר רוח וואס ער הייסט שוד אונ נאך איין רוח מיט אים וואס ער הייסט כפן דיא גייען אונ ווערן גיפונגן אויף דר וועלט אנטקעגין דיא לייט דרום שטייט לשוד ולכפן תשחק אונ ער מאכט איין קטרוג צו די מענטשין וואס זייא גייען אויף די הויכי בערג אונ ער פאר ווסט אונ איז מחריב ארץ דר נאך קערט ער זיך אום אונ טוט רויבן אונ פאר וויסטין צו דיא לייט אונ זיי שטארבין דורך דעם שראפקייט אונ ווען די לייט עסין ווערן זיי ניט זאט דרום ווייל זיי זענין שולט אויף דר וועלט אונ אין דר צייט אז איינר טוט חסד מיט דעם אנדרין אונ גיט אים עסין איז ער כדאי אז ער זאל דוחה זיין די צווייא רוחות לחוץ אז זייא זאלין ניט שולט זיין אויף דר וועלט אונ אז די ישראל טוען ניט קיין חסד מיט די לייט אזו ווערן די צוויי רוחות מבושם אונ ווערן גשטארקט אויף דיא ישראל דען דריבר ווערט דער צד הטומאה גישטארקט אונ דיא ישראל ווערין חס ושלום אונטר גיטאן אונ אז דיא ישראל טוען יוא חסד אזו ווערט דער צד הקליפות גישלאפט אונ דער צד הקדושה גישטארקט אונ איבר אלי איז איין ממונה וום ער הייסט גוזר דיניא ער איז ממונה אויף די אלי וום היטין ניט דיא שני ערלה פון איין בוים דם איז די ערשטי דריי יאר אונ אויך איז ער ממונה אוף די וום זיי זענין ניט מל זייערי קינדר צו דר צייט אונ דרום האט דר נחש גיוואלט הרגנין דעם זון פון משה ביז צפורה האט אים מל גיוועזן אזו וויא עס שטייט ותקח צפורה צור ותכרות את ערלת בנה אונ דער ממונה הט צו שאפין אויף די וום פר דארבן זייער ווענג זיי האבין ניט חס אויף דעם כבוד פון זייער האר אפ צוא היטין דעם הייליגין צייכין וום אין זייער גוף דר ממונה מאכט זיי נידרין אין גיהנם אריין וואס ער הייסט שאול ואבדון אונ ער ווערט דארטין גימשפט אזו ווי מיר האבין אויבין גיזאגט אין דער מיט פון דעם היכל שטייט איין רוח אונ פר בארגט זיך אויף די פרשת דרכים ווי די וועגין צו שיידן זיך צו זעהן אלי וואס זענן עובר אויף דר תורה אונ מאכט איין שנאה צווישין עליונים ותחתונים דען דער גאנצער היכל איז איבה פיינט שאפט צו מאכן אונ ער מיט די אנדרי ממונים שטייען אלי אונ ווייזן אפריילך פנים צו מענטשן כדי זייא זאלין קענין דורך דעם איבער ריידין אפ צו קערין מדרך האמת אונ זאל זיי נאך גיין אונ דער נאך זענין זיי אליין אים ממית ער זאל פר לארין ווערין פון ביידי וועלטין אזו וויא עס שטייט ואחריתה מרה כלענה חרה כחרב פיות דער רוח איז שטויב פון פייער וום קיין פירות קען פון אים ניט ארום קומן אוף דר וועלט אונ ער איז ניט עפר של קודש דאס הייסט הייליגע ערד וום פון איר קומט ארום פירות אונ הייסט עפרות זהב נייערט ער איז מעפר שריפת החטאת אונ דר סימן איז ער קומט פון צווייא זייטין איינס ווייל ער איז כולל אין דעם חטאת וום ער איז דער כח פון דעם נחש החזק וואס ער הייסט חטאת אונ דם אנדרי דר מענטש וואס ער טוט איין עבירה שטארקט ער חלילה צו דעם עפר ער זאל האבין איין שליטה אויף דר וועלט אונ ער איז נכלל אינ דיא מי המרים המאררים אונ דרום וועלכי אשה איין סוטה וום זי הט מזנה גיוועזן אונ הט אפ גיקערט פון איר מאן זי זאל טאן די מעשה פון דר קליפה וום זי הייסט אוך אשת זנונים הט מען איר גיגעבין טרינקין די וואסר מיט דר ערד וום עס איז גיוועזן מקרקע המשכן עס איז אלץ ברמז העליון וואול דעם חלק פון די ישראל וום הקב"ה הט זיי מטהר גיוועזן מיט די מים טהורים עליונים אזו וויא עס שטייט וזרקתי עליכם מים טהורים ושהרתם מים טהורים האבין מיר אויבין גיזאגט דען די מים ראשונים וואס איין מענטש וואשט זיך פר דם עסין הייסין מצוה אונ די מים אחרונים וואס נאך

דעם

דעם עסין הייסן חובה וארום יענע וואסער זענין מצד הקדושה
הייסן זייא מצוה אונ דיא וואסר זענין מצד הקליפות הייסן זיי חובה
דען מיט דעם וואסר וואס מען וואשט זיך פר דעם בענטשן דר מיט
נעמין אפ די קליפות זייער חלק וואס זיי הייסין חובה דס זיי זענין אפ
גישאן פון דר קדושה אונ פון די הענט אונ קענין ניט מקטרג זיין
דרום שטייט וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם :

היכל הששי דר היכל איז איבר אלי היכלות וואס שטייען דא פריער ·
דר היכל האט פיר טירן איין טיר הייסט מות די אנדרי הייסט
רע די דריטי הייסט צלמות דיא פערטי הייסט אופל אונ דיא פיר טירן
זענין תמיד אן גיגרייט שלעכין צו טאן זייא זענין דר כלל פון אלי
אונ אז אלי בהעפטין זיך בנאנד אין דעם היכל ארין אזו ווערט ער
איין בית חבר אזו ווי עס שטייט מאשת מדנים ובית חבר דר היכל איז נאר
אן גיגרייט אויף שלעכין אויף דעם היכל זאגט דער פסוק ונעתרות
נשיקות שונא דען דער היכל שטייט נאר אן צו ריידין דעם מענטשין
צו אלי תאוות רעות אונ צו אלי תענוגי הגוף פון עולם הזה · אונ
דורך די תענוגים ווערט דר מענטש פר טריבן פון עוה"ב אונ אויף דעם
היכל זאגט דר פסוק נופת תטופנה שפתי זרה אין דעם היכל שטייט איין
רוח וואס ער איז ממונה אויף די אלי וואס זענין למטה אונ ער איז דר
כולל פון אלי רוחות · דער היכל איז גיצירט מיט שייני צירונג מיין
פון אלי היכלות אין דעם היכל ווערין גיפאנגין די פיס פון די טפשים
אויף דעם היכל שטייט אל תחמוד יפיה בלבבך ואל תקחך בעפעפיה אין דעם
היכל הענגין אלי תענוגים פון דער וועלט אונ אלי תאוות פון דיא
טפשים וואס זיי זענין חסרי לב דען ווערין גינעהנט זייני פיס צו דעם
היכל וואס ער איז דער כלל פון אלי היכלות התחתונים דען שטייט
והנה אשה לקראתו שית זונה ונצורת לב דס וואורט שית מיינט מען דס זעקסטי
היכל דארטין שטייט די זונה איבער צו ריידין דיא טפשים מיט דיא
נארין צו טאן שלעכין · זי שטייט אין דעם היכל אונ גידערט ארויס
מכתה זיין אונ רייצט זייא אן צו טאן שלעכין אין דר נאך גייט זיא
ארויף צו נעמין רשות זי זאל האבין שליטה אויף זיין נשמה דען עס
שטייט והחזיקה בו ונשקה לו זי נעמט אים אן אונ קושט אים אונ די אלי
נשיקות איז נאר מטמא זיין דעם מענטשין נאך איהר שלעכין
נאך דען דאס איז דאס דביקות פון די אלי נשיקות פון
אלי וואס זענין לפי שעה זייער זים · אבר ביא זייער סוף
שטייט ואחריתה כלענה וועלכער מענטש וואס ער לאזט זיך
איבר ריידין אויף דר וועלט צו שלעכין דער נאך אז עס קומט דיא
צייט ער זאל שטארבין אזו שטעלט זיא זיך איבער אים אונ ווערט
אנפלעקט צו אים אין איין גוף פון פייער אונ אשארבי שווערד איז
אין אירי הענט אונ דריי טראפין זענין אויף איר אזו ווי מיר האבין
אויבן גיזאגט אונ איין טיפה איז פון די מים מרורים אונ בשעת אז
זי ווארפט ארין דעם טראפין אין דעם מויל פון דעם מענטשין אזו
גייט דר טראפין ארין אין די גידערים דען ווערט די נשמה מבולבל
דר טראפין גייט אונ שוועבט אין גוף אונ רייסט אויס די נשמה פון
איר ארט אונ לאזט איר ניט קיין ארט אין דעם גוף זי זאל דארטין
זיצין אין דס איז מרה כלענה אונ מאכט איר ביטר וויל בשעת זיא איז
גיוועזן אויף דער וועלט איז זיא נאך גיגאנגין נאך זיסי זאכין אונ
תענוגים אונ דר נאך ווארפט זיא איר ווידר ארין איין טראפין אזו
גייט שוין ארויס די נשמה אונ דר מענטש שטארבט דען אז דר צד

הטומאה איז שוחט אזו לויפט ארויס דיא היליגי נשמה דער נא
ווארפט זיא איר ווידר ארין איין טראפין אזו ווערט דאס פנים גע
אונ גרין אונ דרום אזו ווי ער האט זיך בהעפט בעולם הזה אין די
נשיקין הרעים דם קושין פון זנות אזו אויך איז זי שוחט אויף דר נשמ
אונ זיא גייט זייער שווער ארוס פון דם גוף אזו ווי עס איז שווער צ
שרעפין אגראבין שטריק דורך איין ענג לאך גייט ער זייער ענג א
שווער גייט די נשמה ארויס פון דעם גוף דאס הייסט נשיקה מצ
הטומאה · אבר די נשיקה פון איין צדיק איז פון דר שכינה גייט
נשמה זייער גרינג ארויס פון דעם גוף אזו וויא עס איז גרינג ארוי
נעמין איין האר פון דר מילך איז זיא זייער גרינג אזו גייט די נשמ
זייער גרינג ארויס · עס שטייט תעיזה פניה ותאמר לו דען אין דעם היכ
שטייען אלי מקטריגים אונ אלי שלוחים רעים וואס זיי ווערין גיפונ
ביי דעם מענטשין אונ פון דאנן גייט ארוס אלי די וואס ווייזן חלומ
צו דיא מענטשין זייא ווייזין אזעלכע שקרים וואס וועט ניט מקוי
ווערין נייערט צו פאר מישן אונ מבלבל זיין זייער דעה זבחי שלמים ע
איך וויים דו ביסט גימיערט פון גוטיץ וועל איך זיך מיט דיר בהעפ
מיט תענוגי עולם לכה נרוה דודים מיר וועלין גיין בנאנד וייל די ביס
אצונד נאך נאר יונג ווען דוא וועסט דיר אצונד ניט אן טאן קי
תענוגים וועסט דו שון אוף דר עלטר ניט קענן זיך אן טאן תענוגי
פר וואס כי אין האיש בביתו דר יצר טוב איז נאך ניט פר האנדין ביי די
עס איז נאך ניט זיין צייט ער קומט ערשט צוא דרייצעהן יאר א
איך בין מיט דיר פון דעם טאג אן וואס דו ביסט גיבארין גיווארין א
שטייט לפתח חטאת רובץ אונ הייגט ביסטו נאך יונג איז דיא צי
זאלסט דיר אן טאן תענוגים זאגט ווייטר דר פסוק ליום הכסה יבא לבי
ווען גייט ער אים אנטקעגין נאר ליום הדין דם איז ראש השנה וואס
דר טאג הייסט בכסה ליום חגנו ווען דר מענטש וויל זיך תענוג אן טא
זאגט ער עס איז נאך ווייט צו דעם יום הדין אבר אז דר דין קומ
רעגן אופהדר וועלט אזו קומט דר דיזאוף אים צו משפטין אונ מקטר
זיין אויף אים מען זאל אים שטראפין וואול צו די צדיקים וואס זי
ווייסין דעם היליגין וועג אונ גייען אין אים זייא קערין ניט ליכ
ולשמאל וואול צו זייא בעולם הזה ובעולם הבא :

היכל השביעי דס זיבעטי היכל איז גיגליכן אזו ווי הייבין וואס דער וו
שטייט אויף זיי איז דס זיבעטי חיכל פון דיא קליפות דאס ע
שטייט אונטר די קדושות וואס הייסט יין ישמח דאס די קדושה ד
פרייט עס דם הארץ · אבר דם איז אלץ פר קערט פון דעם אונ ווי
זיא איז נאהונט צו דר קדושה זענן אינדם פיל מענטשן נכשל גיווא
וואס זיי האבין זיך בהעפט אין זייערי ווין טרובין זיי הייסין ענבי רו
אשכלות מרורות ביטרי ווין טרובין עס שטייט ביי נח אז ער איז גיווא
שיכור מיט די ווין טריבין פון דעם היכל עס איז ניט פאר האנ
קיין שום מענטש ער זאל אהין ארין גיין אונ טרינקין פון דעם וו
עס זאל אים ניט גורם זיין מיתה מחמת דר טומאה וואס איז אין א
פר האנדין אונ פון דעם ווין האט חוה גיגעבין טרינקין צוא או
הראשון אונ זיי האבין זיך דארטין מטמא גיוועזן אונ דר מיט האב
זיי גורם גיוועזן מיתה צו זיך אונ צו דר גאנצר וועלט וואס נאך זייא
אין דעם היכל שטייען אלי אום רייני נשמות וואס זייא האבין ז
דארטין בהעפט אונ האבין אפ גיקערט פון דעם רעכטין וועג נא
גיין נאך זנות אונ האבין זיך דר ווייטרט מדרך האמת אונ אזו וו

עד

האט זיך מטמא געוועזן און האט זיך בהעפט אין דער טומאה פון
ות אזו אויך גייט ארויס פון דעם היכל איין רוח הטומאה אים מטמא
א זיין און דאס קינד וואס גייט ארויס דער פון הייסט ער ממזר
ייל ער קומט מצד הטומאה און אלי זאגין אויף אים עדות אז ער
ז איין ממזר מחמת זייני שלעכטי מעשים וואס ער האט פון דעם
ר הטומאה · דאס זיבעטע היכל הייסט ארץ תחתיות דארטין איז
ין רוח וואס ער הייסט צפוני דרום שטייט ואת הצפוני ארחיק מעליכם פון
ארטין גייען ארויס אלע רוחות וואס זייא שוועבין אויף דער וועלט
לט צו זיין אויף אלע שלעכטע מעשים און עס גייען ארויס בליצן
נקען פלאמען פייער און ווערין באהרד פאר לאשין זייא קומען פון
עם תהום רבה דאס איז פון דעם היכל דרויף שטייט משפטיך תהום רבה
אם זענין אזעלכי רוחות וואס זייא קענען זיך ניט מתלבש זיין וויא
דערע רוחות וואס קליידין זיך אן אין גשמיות אבער דיא ווערין
ר געזעהען און תיכף בלייבין זייא ניט · נאך דיא רוחות איז דא
ך רוחות וואס זייא שוועבין אויף דער וועלט צו טאן נסים צו דיא
ט דען זייא זענין ניט אזו מטונף וויא יענע · ביז אהער זענען דיא
ין היכלות וואס זייא זענען מצד הטומאה מצד הנחש וואול צוא
ם חלק וואס ער ווערט ניצול דער פון און פון זייער איבר ריידין
מען זאל חלילה ניט נאך גיין נאך זייא דען זייא ווארפין איין גיפט
ן דעם מענטשין דאס ער מוז שטארבין פון אלע זייטין זאל מען זיך
טן פר זיי מלמעלה ומלמטה דען ווער עס ווערט ניצול פון דעם קאפ פון
ם שלאנג דער ווערט ניצול פון דעם עק ווען זיא בייגט איין איר
פ הרגת זי מיט דעם עק כלומר זי זעהט אז זיא זאל דעם מענטשין
קומען מיט אלערלייא כוחות הטומאה וואס עס איז אין איר
רופין דרום זענין אטייל לייט כשרים און פיל מעשים טובים און
ן אטייל זאכין ווערין זייא נכשל ווייל דער נחש באקומט זייא אין
זאכן און פון דעסט וועגן האט דאך דר נחש קיין רשות ניט צו
אן איין עונש ביז מען הייסט אים פון אויבן דרום מוז זיך דער
נטש היטן אין אלי וועגין ער זאל ניט זינדיגן פר הקב"ה כדי מען
ל אים למעלה ניט הייסן אז ער זאל אים בייסן און ממית זיין אזו
עם שטייט אם ישוך הנחש בלא לחש דס הייסט ער טוט ניט אן רשות:
שטייט וייצר ה' אלהים את האדם עפר מן האדמה דר מענטש הייסט עפר
ן ביי דעם נחש שטייט ועפר תאכל כל ימי חייך דס דר נחש עסט דעם
ר פון דעם מענטשן דרום שטייט כי עפר אתה ואל עפר תשוב ביז הקב"ה
ט דר וועקין דעם רוח הקדושה און וועט מבער זיין די טומאה פון
וועלט אזו ווי דר פסוק זאגט בלע המות לנצח ומחה ה' אלהים דמעה מעל
פנים און הקב"ה וועט ווידר אויף ריכטן דעם מענטשן וואס ער
סט עפר אז ער זאל שוין מטהר זיין זיך אויף דער וועלט אזו וויא
עס שטייט הקיצו ורננו שוכני עפר:

בד הלוי הוא וגו' עבודת אהל מועד רבי אבא הייבט אן היושב על חוג הארץ
קום און זעה אז הקב"ה האט דיא וועלט בשאפן הט ער זיא
שאפן מיט דר תורה און הט זי געגרונד פעסט און פון דעסט וועגן
ן זי ניט רעכט געמר גוואורן ביז אדם איז ארויס געקומן מיט גאר
שלימות און דר טאג שבת איז געהייליגט גוואורן איז זיא ערשט
בט מתוקן גוואורין דערנסט מאל איז נשלם גוואורין דיא עליונים
תתונים און עס איז געוועזן איין שמחה בכל העולמות און בשעת
שבת הט באדארפט אריין גיין זענין בשאפין געווארין די שדים
ורוחות און ווי זייער גוף הט באדארפט בשאפין ווערין איז געווארין
שבת זענען זיי שון ניט באשאפין געווארין איז דס געווארין פגום דען
איין זאך איז נאך נחסר דרינין דס זיי זענין ניט גאנץ געווארין און אז
די עולמות זענין מקודש געווארין און די ישראל זענין נשלם געווארין
אין זייערי מדריגות אזו איז די וועלט נשלם געווארין פון איר חסרון
און די לוים האבין מיט זייער עבודה דעם משכן מתקן געוועזן דר מיט
וואס זיי האבין געטראגין דעם ארון האבין זיי מתקן געוועזן די זייט פון
צפון ווארום אז הקב"ה הט בשאפין די וועלט הט ער דריי זייטן פר
מאכט און צפון זייט הט ער גלאזט אפין דרום שטייט ועבד הלוי הוא
דר לוי האט מיט זיין עבודה מתקן געוועזן די זייט פון צפון דרום ווייל
די לוים זענין געוועזן באגריפין אין דעם צד למעלה אין זייער שורש
אזו איז אלץ מתוקן געווארין און לעתיד איז הקב"ה אן גבערייט אלץ
מתקן צו זיין פון די צדיקים וועגן צו דר לייכטין די לבנה אזו וויא
די זון אזו ווי עס שטייט והיה אור הלבנה כאור החמה און עס שטייט לא יבוא
עוד שמשך וגו':

## רעיא מהימנא

כל פטר רחם זאגט משה דר רועה נאמן צו זיי די מצוה פון פדיון פטר
חמור איז דר מענטש זאל זיך אום לייזן אויף דר וועלט פון דעם
עונש פון גיהנם פון יענר וועלט דרום שטייט הן כל אלה יפעל אל פעמים
שלש עם גבר און דרום ווייל די ישראל האבין זיך ניט אום געלייזט
מיט דר תורה וואס זי הייסט כסף דס איז טייטש גלוסטן ווייל זיי האבן
ניט געגלוסט לעולם הבא דרום זענין זיי פר טריבין געווארן אין גלות
נאך דריי מאל דר גלות איז גלייך אזו ווי גילגול און זיי וועלן אצונד
ניט אום געלייזט ווערן נאר מיט דר תורה אזו ווי איין בכור ווערט
אום געלייזט מיט כסף חמשת שקלים אזו הייסט די תורה כסף חמשה חומשי
תורה דס דורך דר תורה איז מען זוכה צו דר לוסט און חשק לעולם
הבא אזו קומין די רבנן און בענטשין אים און זאגין צו אים דו רועה
נאמן הקב"ה וועט דיך אויס לייזין און כל ישראל דורך דיין זכות
און ער וועט דיך מיט זיי משבח זיין און זייא מיט דיר און אין
פרשת פנחס שטייט ווען איין צדיק איז זיך מטלטל פון איין ארט
אויף דעם אנדרין און פון איין שטוב אין דר אנדערע איז גלייך וויא
ער וואלט געוועזן פיל מאל אין גלגול דרום שטייט עושה חסד לאלפים לאוהביו
ביז ער איז זוכה צוא קומין גאנץ לעולם הבא זאגט שלמה ובכן ראיתי
רשעים קבורים ובאו דר נאך איז מען זיי דן אין גיהנם דארטן זענען דריי
משחיתים משחית אף וחמה אבער ווען ער איז חוזר בתשובה איז מען
אים מכפר אזו ווי גלות איז מכפר עון דרום שטייט אז דיא צדיקים
זענין ניט חוזר לעפרם דס הייסט אז זיי זענין זיך שון מתקן קומן זיי שון
ניט אין אנדערן גוף אריין וואס ער הייסט עפר:

## פרשת חוקת

וידבר ה' אל משה לאמר: זאת חקת התורה רבי יוסי הייבט אן וזאת התורה
אשר שם משה קום און זעה דיא דברי תורה זענין הייליג און זיס
אזו ווי עס שטייט הנחמדים מזהב ומפז רב ומתוקים מדבש ווער עס איז עוסק
בתורה איז גלייך ווי ער שטייט אויף דעם בארג סיני און איז מקבל
די תורה אזו ווי עס שטייט היום הזה נהיית לעם ווייטר זענין סודות · רבי
שמעון מיט רבי אלעזר מיט רבי יצחק זענין געוועזן ביי רבי פינחס
בן יאיר זאגט רבי פינחס צו רבי שמעון איך בעט דיך ווייל דו ביסט

אזוי חשוב למעלה אונ דוא האסטו רשות צו מגלה זיין סודות וואס קיינר האט דער צו קיין זכות ניט דרום אנפלעק מיר עפעס איין זאך אין דער פרשה זאת חוקת התורה זאגט רבי שמעון צוא זיין זון רבי אלעזר שטייא אויף אין דיין שטאנד אונ זאג איין זאך אין דער פרשה אונ דער נאך לאזין דיא חבריא זאגן · שטייט רבי אלעזר אויף אונ הייבט אן עס שטייט וזאת לפנים בישראל על הגאולה ועל התמורה לקיים כל דבר שלף איש נעלו ונתן לרעהו אין דעם פסוק מוז מען מסתכל זיין מען זאל אים רעכט פאר שטיין דען אז דיא קדמונים האבין גמאכט אזוי איין הסכמה אויף דער וועלט אז מען זאל מיט איין שוך קונה זיין איין זאך וואָרום האט מען עס דער נאה מבטל גוועזן אמער ווען איינער איז מבטל איין זאך פון דער תורה איז גלייך ווי ער מאכט חרוב דיא וועלט אלא דאס איז כדין תורה ובסוד עליון גמאכט גוואָרן אונ דרום ווייל דיא ערשטע זענין גוועזן חסידים אונ צדיקים איז דיא זאך בייא זייא גוועזן אנפלעקט איין קענן צוא טאן מיט דעם שוך אונ אז עס איז גמערט גוואָרין דיא רשעים אויף דר וועלט איז גימאכט גיוואָרן די זאך אנדרש כדי מען זאל זעהן אז די זאך וואס איז גשטעלט גוואָרין על פי סוד זאל זיין פר הולן · דער פסוק זאגט אל תקרב הלום של נעליך מעל רגליך דס האט הקב״ה גמיינט אז ער זאל זיך פורש זיין פון ווייב וואס זי הייסט נעל אונ זאל זיך בהעפטין אין דער שכינה אז זי זאל תמיד זיין ביי אים דער נעל ווייזט אז ער זאל זיך אפ שיידן פון דר וועלט וואס ער גייט אוועק אונ זאל זיך בהעפטן אין אנדרין עולם דרום האט ער גיזאגט של נעליך ציא אפ פון זיך דיא מעשים פון עולם הזה דרום אלץ וואס איין מת גיט צו איין מענטשין אין חלום איז גוט אונ אז ער נעמט עפיס איז ניט גוט אונ אז ער נעמט צו איין שוך ווייזט ער אים אז ער וועט אוועק גיין פון דר וועלט מיט זייני פיס צו גיין אויף יענר וועלט אונ דס איז אז איין מת טוט דס אבער אז איין לעבידיגר ציהט אפ איין שוך אונ גיט אים צוא זיין חבר ער זאל דר מיט עפיס מקיים זיין אזוי טוט ער עס בגזירת עליון אונ דר טעם פון דער חליצה איז אויך בסוד עליון אונ אלץ איז איין שורש דר פון · קום אונ זעה אז איינר שטארבט אן קינדר אזוי קען זיין רוח ניט ארויף קומן ער איז נטרד אונ נע ונד אויף דר וועלט אונ ער גיפינט ניט קיין ארט דרום האט הקב״ה ווידר חס גיהאט אויף אים אז ער זאל ווידער קומן אויף דר וועלט אין איין אנדערן גוף מתקן צוא זיין אזוי ווי דר פסוק זאגט וארם אונ די נשמה אל עפר ישוב קומט ווידער אין איין אנדרן גוף עפר אריין מחמת דר ברודר דר יבם נעמט דיא יבמה דעם ברודערס ווייב אונ דס קינד וואס ער האט מיט איר דאס איז די נשמה פון זיין ברודר וואס איז גישטארבין אזוי האט ער איין תקון אונ אז ער וויל זי ניט מייבם זיין מוז ער אן בינדין איין שוך אויף דעם פוס אונ זי זאל אים אפ בינדין אונ אראפ ציהן פון זיין פוס אונ זאל נעמין דעם שוך צו זיך פון דעם מת וועגין צו ווייזין אז די נשמה קומט אויף איר ארט על מנוחתו בכבוד צו דר שכינה אונ זיא דארף דעם שוך איין וואָרף געבין אויף דער ערד צוא ווייזן אז אצונד איז גישטילט גיוואָרין דער גוף פון דעם מת ער וועט שוין האבין מנוחה ווייל זיין רוח איז שון ארויף גינומן גיוואָרין למעלה אויף זיין ארט אונ הקדוש ברוך הוא האט אויף אים חס גיהאט אונ דענמאלט קען ער שון קומן אין איין הויכן עולם · אונ דס וואס זיא וואָרפט דעם שוך צו דר ערד ווייזט דס אז דער מת וועט שון מער ניט גיבארן ווערין נאך איין מאל אין איין אנדערין גוף ער קערט זיך אום צוא זיין ערשטר ערד פון וואנען ער איז דארט גנומען גוואָרן דען מעג שון די אשה נעמין איין אנדרן מאן אונ מיט אים האבין קינדר · קום אונ זעה ווער עס וויל איין זאך מקיים זיין אז עס זאל האבין אקיום נעמט ער זיין שוך אונ גיט צוא זיין חבר ער זאל דר מיט מקיים זיין עס זאל האבין איין קיום ער זאל שון קיין חרטה ניט האבין דרום זאגט דר פסוק וזאת לפנים בישראל דס איז נוהג גיוועזן פר צייטן ביי די ישראל דס זיי זענין גוועזן צדיקים אונ האבין מקיים אלי זאכין זיי זאלן האבין אקיום דורך דעם שוך אבער היינט האבין זיי די זאך איבר גישטעלט מיט אנדר גשטאלט מקבל קענן צו זיין מיט איין מאנטיל אדר איין קלייד דס איז אלץ גרויסע סודות בקצור גשריבין בדרך נגלה אונ דרום שטייט וזאת התעודה בישראל דאס הייסט אקיום בישראל מיט דעם קיום עליון אונ דאס אין חקת התורה איז אלץ איינס · ווייטר קען מען ניט שטעלין עס איז גרוסי סודות:

יאסף אהרן רבי חייא זאגט עס שטייט ושבח אני את המתים מן החיים דעם פסוק האבין מיר שון מפורש גוועזן · קום אונ זעה אלי מעשים פון הקב״ה זענין בדין אמת אונ עס איז אלץ נאך זיין רצון אונ קיינר קען אים ניט ווערין זאגן צו אים וואס טוסטו עס איז דאך קשה ווי אזוי האט שלמה גזאגט איך לויב די מתים מער פון דיא לעבדיגע אמער דס וואָרט חי הייסט דאך איין צדיק אזוי שטייט ובניהו בן יהוידע בן איש חי דר וואס גייט בדרך אמת הייסט ער חי אונ איין רשע הייסט מת וואָרום האט ער דא גזאגט אז די מתים זענן בעסר פון די לעבדיגי נאר אלי רייד פון שלמה זענין גוועזן מיט חכמה ווען עס וואלט נאר גשטאנין ושבח אני את המתים ניט מער וואלט איך אזוי גמיינט ווי מיר האבן גזאגט איז איין קשיא אויף שלמה שטייט דאך אבר שכבר מתו מיינט ער אזעלכי מענטשין וואס זיי זענין שון איין מאל גשטארבין אונ האבין שון מקבל גיוועזן זייער עונש אויף יענר וועלט אונ זענין נאך איין מאל גיבארין גיוואָרין די דאזיגי רופט ער אן מתים ווייל זיי זענין שון איין מאל גשטארבין חאטשי היינט לעבין זיי רופט ער זיי דאך אן מתים אויף די האט ער גזאגט איך לויב דיא מתים שכבר מתו וואס זיי זענין שון איין מאל גישטארבין אונ האבין שון מקבל גיוועזן זייער עונש די וועלן שון בוודאי קומן לעולם הבא דרום לויב איך זיי בעסר מן החיים פון די לעבדיגע וואס זענען קיין מאל ניט גשטארבין אונ די ווייסט מען ניט אוב זיי וועלן קומין לעולם הבא קום אונ זעה די צדיקים זענין זוכה מקושר צוא זיין בצרור החיים זיי וועלין זוכה זיין צו זעהן דעם גרוסין כבוד פון דעם מלך הכבוד אזוי שטייט לחזות בנועם ה׳ ולבקר בהיכלו אונ זייער תענוג איז למעלה העכר פון די הייליגי מלאכים אין דעם ארט וואס הייסט עדן העליון וואס דיא עליונים ותחתונים זענען דארטין ניט זוכה צו זעהן אזוי שטייט עין לא ראתה אלהים זולתך אונ דיא וואס זענין ניט אזוי זוכה האבין זייער ארט נידריגר איטליכער וועדליג זיין מדריגה נאך זיינע מעשים זייא זענין ניט זוכה צו זעהן דעם עדן העליון נייערט דעם עדן התחתון אונ דר עדן שטייט אויף דעם עדן התחתון דער חילוק איז צווישין זייא כיתרון האור מן החשך דר אונטערשטר עדן הייסט איין גן צוא דעם אויבערשטין עדן אונ דער אויבערשטער איז איין עדן צוא דעם עדן התחתון אונ דיא וואס זענין נאר אין גן עדן התחתון אזוי האבן זיי הנאה אלע ראשי חדשים אונ שבת פון דעם עדן התחתון אזוי שטייט והיה מדי חודש בחדשו ומדי

בה בשכתו אונ דער אונטערשטר. עדן הייסט עדנה לשון נקבה אונ דר
אויבערשטער הייסט עדן לשון זכר דרום זאגט שלמה ושבח אני את המתים
החיים אשר המה חיים עדנה די מתים וואס זענן שון גישטארבן איין
מאל אדר צווייא מאל אונ האבן זיך שוין מתקן גוועזן אזו וויא זיכבר
ואס ווערט עטליכע מאל גלייטערט אין פייער אונ די פסולת גייט
ער פון אוועק אזו אויך די נשמה איז שוין אויף יענער וועלט אונ
האט שוין מקבל גוועזן איר עונש אונ איז שוין לויטר איז איר בעסר
ן החיים אשר המה חיים עדנה פון דיא וואס זענין אין עדנה דאס הייסט
ער עדן התחתון ושוב משניהם אונ עס איז נאך בעסער פון די ביידע
ת אשר עדן לא היה דאס זיין רוח איז נאך אין זיין בשטאנד ער דארף
ניט אראפ גיין מקבל זיין איין עונש ער ווערט גשפייזט פון דעם זיו
גליין דאס איז למעלה למעלה עס איז נאך בעסער פון אלצדינג ווער
עס איז נאך ניט אנטפלעקט גיווארן אונ אפ גשייד גווארן פון זיין
ארט אונ אלי רייד פון שלמה זענין פיל פר שטעלט מיט חכמה ·
זאול צו דעם וואס ער היט די מצות פון דער תורה אונ איז אין איר
עוסק יומם ולילה דער איז אן גהאלטן אונ איז נהנה במדריגה
עליונה מער פון אלי מענטשין · קום אונ זעה בשעת הקב"ה האט
זאגט צו משה יאסף אהרן אל עמיו איז שלאף גיווארן דר כח פון משה
ען משה איז גיוועזן וויא איין גוף אונ אהרן איז גוועזן זיין רעכטע
האנט אונ אז ער האט גיזעהען אז זיין רעכטע האנט גייט פון אים
אוועק איז שלאף גיווארן זיין גאנצער גוף ווייל דיא רעכטע האנט
איז פון אים גיבראכן גווארן דאס אים הקב"ה גזאגט קח את אהרן
ואת אלעזר בנו אז די רעכטי האנט גייט פון דיר אוועק וועל איך דיר
געבין איין אנדרי רעכטי האנט דס איז זיין זון אלעזר דאך איז דס
ניט גוועזן בשלימות אזו וויא ביא זיין פאטער ווארום אז אהרן איז
גישטארבן האבן זיך אפ גטאן די ענני כבוד אונ בזכות משה זענן
זיי ווידר גקומין אבר ניט בזכות אלעזר :

ויעש משה כאשר צוה ה' לעיני כל העדה נאך וואס איז דאס גיוועזן פאר דער
גאנצער עדה נאר ווייל אהרן איז גוועזן גליבט צוא דר גאנצר
עדה מער ווי אנדרר וועלן זייא זאגן ער איז גאר ניט גישטארבין
דרום הט דס גמוזט גטאן ווערין פאר דר גאנצן עדה לעיני כל ישראל
ער הט אים איין גרעט מיט נוטי רייד אויף דעם בארג אז כל ישראל
זאלן זעהן ווי משה הט אום גיטאן די קליידר פון אהרן אונ הט זיי
אן גטאן זיין זון אלעזר אונ פר וואס הט זיך אהרן אליין ניט אום גטאן
די קליידר נאר ווייל משה אליין האט זייא אים אן גטאן אז ער איז
גווארין איין כהן גדול אזו וויא עס שטייט וילבש משה את אהרן את בגדיו
דרום הט ער זיי אליין ווידר פון אים אום גטאן פון אויסן ווייניג אונ
הקב"ה הט אים אוס גצוגן פון איניווייניג זיין נשמה וואס ער הט אים
געגעבן אונ כל זמן אז משה הט אים ניט אום גטאן דיא קליידר פון
דרויסין הט הקב"ה ביי אים ניט צו גנומין די נשמה פון איניווייניג ·
וואול דעם חלק פון די צדיקים דאס הקב"ה בגערט אין זייער חלק
אונ וויל זי ער כבוד ער הט אן גבריית צוא אהרן איין בעטיל מיט
איין מנורה פון גאלד וואס זיא הט גלייכט אקעגן דר מנורה וואס ער
הט גצונדן אין משכן צווייא מאל אין טאג דר נאך איז די פי המערה
פאר שטאפט גווארין זענין משה מיט אלעזר אראפ גגאנגין · רבי
יהודה זאגט די פי המערה איז גוועזן פריער אפין כדי אז כל ישראל
זאלן זעהן אז אהרן ליגט אין זיין בעטל אונ דם ליכט פון דר מנורה
ברענט פאר אים אונ דס בעטל איז ארום אונ אריין גגאנגן אונ איין
וואלקין איז איבער אים גשטאנין דען האבין שון ישראל גוויסט אז
אהרן איז גישטארבין אונ האבין גזעהן אז די ענני כבוד זענין אפ
גטאן גווארין דרום שטייט ויראו בני ישראל דאס איז טייטש זייא זענין
ווארין ארום גזעהן דען דיא ענני וואס עס איז גוועזן ארום זיי זענין
אוועק גגאנגן דרום האבן אויף אים גוויינט כל בית ישראל מאנזביל' אונ
ווייבר מיט די קינדר ווארום זייא האבין אים אלי ליב גהאט · רבי
שמעון זאגט די דריי מתים עליונים משה אהרן ומרים ווארום זענן
זיי ניט בגראבן גווארן ביי אננדר נייערט איטליכר אויף איין בזונדר
ארט נאר אויף אלי ערטר ווי די ישראל זענן גוועזן במקום סכנה איז
דארטן איינר פון זיי גשטארבן ער זאל אויף זייא מגין זיין אונ דורך
זייער זכות זענין זיי ניצול גווארן · פיל זוכה איז דער חלק פון דיא
צדיקים בעולם הזה ובעולם הבא האטשי זייא זענין במקום העליון אונ
זייער זכות איז מגין צו די ישראל לדורי דורות אויף דער וועלט דען
בשעת מען איז גוזר איין גזירה אויף די ישראל אונ זיי טון תשובה
אזו רופט הקב"ה צו די צדיקים וואס שטיין פר אים למעלה אונ איז
מודיע אז זייא זאלן מבטל זיין די גזירה ווייל הקב"ה האט רחמנות
אויף די ישראל פיל זוכה זענין די צדיקים דאס אויף זייא איז גזאגט
גווארין ונחך ה' תמיד והשביע בצחצחות נפשך ועצמותיך יחליץ וגו' :

וידבר העם באלהים ובמשה רבי יצחק זאגט עס שטייט ותלבש אסתר מלכות
מגלת אסתר איז גזאגט גווארין ברוח הקודש דרום שטייט
די מגלה צווישין די כתובים ויהי ביום השלישי עס איז שון גוועזן דעם
דריטין טאג וואס זי הט גפאסט אונ איר גוף איז שלאף גווארין דען
איז זיא גישטאנען מיט איר רוח אן איין גוף ותלבש אסתר מלכות דען הט
זי אן גטאן חשובי קליידר פון מלכות וואלט דאך גידארפט שטיין
ותלבש בגדי מלכות נאר דר פסוק מיינט זי הט זיך אן גקלייד מיט מלכות
שמים הקדושה דס איז די שכינה אונ הט זוכה גוועזן צו רוח הקודש פר
וואס איז דס אלץ גוועזן ווייל זי הט אפ גהיט איר מויל פון ריידין אזו
ווי עס שטייט אין אסתר מגדת אונ מיר האבן גלערינט דר וואס היט אפ
זיין מול מיט זיין צונג ער זאל ניט ריידין קיין שלעכץ דער איז זוכה
אן גקלייד צו ווערן ברוח הקודש אונ ווער עס קערט חלילה אפ ניט
זיין מול צו ריידן לשון הרע אונ אנדרי שלעכטי רייד דא קומן דיא
איינגי בייזי רייד אויף אים אליין אונ עס קומט אויף אים נגעים אדר
צרעת וואס ברענין אים ווי איין גיפט פון אשלאנג אזו ווי מיר האבין
שון מפורש גוועזן דעם פסוק וידבר העם באלהים ובמשה זייא האבין גרעט
בייז אויף הקב"ה אונ אויף משה אונ האבין גזאגט למה העליתונו ממצרים
זיי האבין ביידי גלייך גמאכט מיט דעם זאגין נאך וואס הט איר אונז
אויס גיצוגין פון מצרים דרום איז אויף זייא אן גשיקט גווארין דיא
ברענדיגי שלאנגין וואס האבין זיי פר ברענט אזו ווי איין פייער עס
הט גרייכט פון דעם מול ביז אין דיא גדערים אריין אונ זייא זענין
גישטארבין אזו וויא עס שטייט וישלח ה' בעם את הנחשים השרפים · רבי
חייא זאגט עס זענן גקומן אזעלכי נחשים וואס זיי האבן גמאכט מיט
זייער מול אונ פלאמין פייער איז גוועזן אין זייער מול אונ האבין זיי
גביסין אונ פייער אריין גווארפן אין זיי דא זענן זייערי גדערים פר
ברענט גווארן אונ זענן גשטארבין די רייד זענין פיל סודות פר וואס
עס איז אזו גוועזן :

ומשם בארה הוא הבאר ווארום הייסט ער אמאל באר אונ אמאל בארה

איר זאגט דרוף גרוסי סודות הוא הבאר אשר אמר ה' למשה אסוף את העם דען דר באר איז ניט אפ גטאן געווארן פון זיי · אוב דוא ווערסט פרעגן ווי אזו האבן זיי אלי גקענט שעפין דר פון · אלא דר באר האט זיך צו טיילט אוף צוועלף טייל נחלים אונ קוואלין זענין דער פירט געווארין אונ זענען גגאנגין אוף אלי זייטין אונ אז דיא ישראל האבין גירועט אונ האבין באגערט וואסר האבין די ישראל זיך גישטעלט לעבין באר אונ האבין גיזאגט שירה אונ האבין אזו גיזאגט עלי באר ענו לה ברענג אוף דיין וואסר צו אלי זייטן אין דעם שבח פון דעם באר האבן זיי אזו גזאגט באר חפרוה שרים כרוה נדיבי העם זיי האבן גזאגט אמת דען די אבות האבן אים גגראבן אזו ווי עס שטייט אוף אנדער ארט פון דאנין דערנין מיר אפ ווער עס וויל מעורר זיין דברים עליונים סיי במעשה אונ סיי בדיבור ווען ער טוט די מעשה אדר מיט דעם דיבור ניט אזו ווי עס בדארף צוא זיין העלפט עס אים גאר ניט אונ ער איז גאר ניט מעורר · די גאנצי וועלט גיין אין שול אריין מעורר צוא זיין דבורים עליונים אבר עס איז גאר ווייניג וואס ווייסן רעכט מעורר צו זיין אונ הקב"ה איז נאהנט צו אלי אבר צו דעם וואס ער קען אים ניט רופן רעכט איז ער ניט נאהנט אזו ווי דר פסוק זאגט קרוב ה' לכל קוראיו וואס בדארף ער נאך ווייטר זאגן לכל אשר יקראוהו באמת נאר מען מוז וויסן אים רעכט אן צו רופן אונ צו דעם איז ער נאהנט אזו אוך די ישראל האבן גזאגט דברי אמת אונ דר מיט האבין זיי מעורר גיוועזן צו דעם באר דס זי האט אוף גבראכט איר וואסר צוא אן טרינקין כל ישראל אונ כל זמן אז זיי האבן ניט גרעט דיא רייד זענין זיי ניט אוף גגאנגן זאגט רבי שמעון דא וועל איך אייך מגלה זיין איין זאך ווער עס וויל מסדר זיין די מעשה ודברים אזו וויא עס בדארף צו זיין איז ער בוודאי מעורר צו הקב"ה ער זאל מושך זיין דברים עליונים ער זאל זיך צו זיי מקשר זיין אונ אוב עס איז ניט אזו ווי מען בדארף איז ער זיך ניט מקשר צו זייא · איז דאך די קשיא אז עס איז אזו אז דיא גאנצי וועלט מוז וויסן ער זאל מסדר זיין במעשה ובדבור אם כן וואס איז די מעלה פון די צדיקים וואס זיי ווייסן דעם עיקר הדברים אונ די מעשה אונ ווייסן מכוין צוא זיין זייער הארץ מער וויא אנדערי · אלא דר חילוק איז דיא ווייסן ניט דעם שורש ועיקר אונ די רעכטי מעשה דר פון ניירערט נאר דעם סידור אליין וואס עס שטייט פר אים אן איין רעכטר כוונה די ציהן אוף זיך כביכול מאחריו פון דעם הינטר דעם אקסיל פון הקב"ה אונ דס איז ניט קיין רעכטי שמירה אוף אים אבר דיא וואס ווייסן רעכט אונ זענין מכוין רעכט זייער הארץ אונ זייער מחשבה אזו זענען זיי מוציא דיא ברכות פון דעם ארט וואס הייסט מחשבה עליונה אונ משורש הברכה למעלה בדרך הישר ציהן זיי אראפ ווי עס גהער צו זיין ביז עס ווערן גבענטשט די עליונים ותחתונים אונ דר שם הקודש ווערט גבענטשט דורך זייא וואול צו זייער חלק וואס הקב"ה איז נאהנט צו זיי אונ איז אן גברייט אקעגין זיי אונ אז זיי רופן אים בשעת זיי זענען בצרה העלפט ער זיי בעולם הזה ובעולם הבא אזו וויא דער פסוק זאגט כי בי חשק ואפלטהו אשגבהו כי ידע שמי יקראני ואענהו עמו אנכי בצרה אחלצהו ואכבדהו :

ויאמר ה' אל משה אל תירא אותו צוויי מאל אין דר תורה שטייט אותו מיט איין ואו אבר אין דר גאנצר תורה שטייט אלץ אתו אן איין ואו נאר איין אותו איז דא ביי עוג אונ איינר שטייט ביי אבדה עד דרוש אחיך אותו אלא אזו ווי דארטן איז טייטש דו זאלסט אים ניט אפ

גען די אבדה ביז דו זאלסט אים נאך פארשטן אוב דר הט
אבדה פר לאהן דרום שטייט אותו דוא זאלסט רעכט חוקר ודו
זיין אזו דא דר עוג מלך הבשן איז גוועזן פון די הויז לייט פון אבר
אונ עס שטייט וכל אנשי ביתו נמולו אתו האט אברהם אים אוך מל גו
אונ אז עוג הט געזען אז די ישראל גנעהען צו אים האט ער גזא
זיי האבן דעם זכות פון דעם אות דס איז מילה איך האב דעם זכ
פריער אוף מיר אונ ער הט זיך פר זיכערט אויף דעם אות אז ד
זכות ווערט אים העלפן דרום הט זיך משה זייער נפארכטן וואר
ווי איז מיגלך אום צו רייסן דעם אות וואס אברהם אבינו האט א
גצייכנט ער הט אזו גיזאגט אברהם איז גיוועזן מצד הימין אונ מ
ימין דס איז אהרן איז שון גישטארבן אונ מען קען אים אנדרש נ
ביי קומן נאר מיט דעם ימין אזו ווי עס שטייט ימינך ה' תרעץ אויב דר
זאגט גאט צו אים אל תירא אותו דוא זאלסט זיך ניט פארכטן פר ז
אות מען בדארף קיין ימין צו אים ניט האבין כי בידך נתתי אותו מ
דיין יד שמאל קענסטו אים אום רייסן דען ער האט פוגם גיוועזן ד
אות מכל שכן דיין יד שמאל ווערט אים מיט זיינע קינדער בוודאי
לירין פון דר וועלט חאטשי ער איז איין גבור אזו וויא דער פס
זאגט אותו ואת בנו ואת כל עמו זענען אלע גיפאלין אין דר האנט פון מש
וואול צו די ישראל וואס משה דר נביא נאמן איז גיוועזן צווישין ז
דס פון זיינט ווען הט זיי הקב"ה גטאן אלי נסים אונ חאטשי אבר
הט מל גוועזן אין גאנצן זיין בני בית הט פארט הקב"ה כורת ברי
גוועזן נאר מיט אים אונ מיט דיא קינדר פון אברהם אזו וויא ד
פסוק זאגט זרעך אחריך לדורותם וגו' אונ ווידר שטייט ואני זאת בריתי או
אמר ה' וגו' :

# פרשת בלק

וירא בלק בן צפור את כל אשר עשה ישראל לאמורי וואס האט בלק גזעהן וואס ע
זאגט וירא אלא ער האט גיזעהן בחלון החכמה אזו וויא עס שטיי
וישקף אבימלך בעד החלון מיינט מען אוך אזו דען עס איז פר האנדן א
חלון וואס דרינן רוען אלי חכמות אונ דרינן הט ער גזעהן וואס ער ד
גזעהן אין דעם עק פון דיא כוכבים אונ בלק הט גזעהן איין בן צפ
דען בלק הט גקענט כמה מיני כישוף · קום אונ זעה בשעת די
ישראל האבן חרוב גמאכט דס לאנד פון סיחון איז אובן במלכות שמ
ארום גגאנגן איין כרוז זאמלט אייך איין גבורים שלטונים איבר א
אומות אונ זעהט ווי מלכות אמורי איז חרוב געווארן · באותו שע
האבין זיך די ממונים איין גזאמלט אונ האבן גוואלט אום קערן
ריך דס מלכות אזו ווי עס איז גוועזן אונ אז זיי האבין דר זעהן דע
כח פון משה האבין זיי זיך אום גיקערט אהינטר אזו ווי דער פס
זאגט על כן יאמרו המושלים דס זענען די ממונים האבן זיך איין גיזאמ
אונ האבן גיזאגט באו חשבון ווער איז דס וואס ער הט חרוב גימאכ
תבנה ותכונן מיר וועלן מאכן אז עס זאל ווערן גבועט אזו וויא פרי
אונ אז זיי האבן געזהין דיא גבורה פון משה אונ דאס פלאם פ
זיין מלכות האבן זיי גזאגט כי אש יצאה מחשבון להבה מקרית סיחון זיי הא
גזעהן אז עס איז ניט מיגליך מען זאל עס אום קערן אזו וויא פרי
האבן זיי גזאגט אוי לך מואב וגו' :

ויאמר מואב אל זקני מדין וגו' רבי חייא הייבט אן ויראני את יהושע הכהן הגד
עומד לפני מלאך ה' והשטן עומד על ימינו לשטנו ווי גאר זייער בדאר

זיין

אמענטש נהיט אז ער זאל גיין בדרך אמת דען אלי וועגן פון דם
נטשן זענן אלי מיט אצאל אונ די שומרים שטיין אונ דיא עדות
ן אן גיבדייט אונ באגערין איין דין אמת אונ דיא דיינים שטייען
בל צו זיין דיא עדות אונ דיא וואס טענין דיא טענות ווייסן ניט
ם מען וועט זייא פסקנן לימין אדער לשמאל די אלי רוחות וואס
ען ארוים פון דיא לייט דיא מקטריגים דיא שטייען פר זייא אונ
וזין גייען הן לטוב והן לרע ווי עס ווערט נפסקת דען מיר האבן
ערינט בכמה דינים ווערט דער מענטש גמשפט אוף דער וועלט
ר זיין לעבין אדר דער נאך דען אלי זאכן זענין בדין אונ הקב"ה
אלי מאל ברחמים אונ זיין רחמים איז איבער אלי אונ ער וויל
ם מענטשן ניט דן זיין נאך זייני מעשים נאך אזו וויא דוד האט
גט אם עונות תשמר יה אדני מי יעמוד קום אונ זעה יהושע בן יהוצדק
ן גיוועזן אגרוסר צדיק אונ איין כהן גדול ער איז גינאנגן לפני
פנים אונ האט דארטן משמש גוועזן בכהונה גדולה נאך דעם אז
ן האט אים ארין גיבראכט לישיבה של רקיע האבין זיך איין
אמילט די בני ישיבה דן זיין דין דען אזו איז דר סדר פון דר
בה של רקיע אז זיי גיין ארין לדין גייט ארוים איין כרוז אונ זאגט
י בני ישיבה גייט ארין אין חדר הנסתר אונ דם בית דין קומן צו
נדר אונ דר רוח פון דעם מענטשן קומט פאר זייא דורך צווייא
מונים אז ער קימט ארין גיגעהנט ער צו איין פייערדיגי זייל וואס
רטן שטייט חסד אונ אלי וואס זענן מחדש חידושים אין דר תורה
רט דרוף אן גישריבן בייא דער בני הישבה אונ די בני ישיבה
ין צו זעהן די רייד אונ די צווייא ממונים גיין ארום אונ ברענגן
ם צו זיי מיד זעהן זיי איז דם רעכט אזו ווי עס בדארף צו זיין איז
ל צו אים כמה עטרות פון אור וואס פינקלין קריינין אים די בני
שיבה אונ אויב ניט גען אוי לאותו בושה שטויסט אים ארוים רחמנא
צלן עס איז ווידר פר האנדן אנדרי וואס מען ברענגט אים ארין ווען
קב"ה איז מחולק מיט דר בני הישיבה אונ ער זאגט מאן מוכח ווער
ט מכריע זיין צווישן אונז דר אונ דר מענטש אזו איז ער מכריע
ואך וואס זיי זענן מחולק אונ עס איז ווידר פר האנדן אנדרי וואס
גיין אוף דין אום צו קלערן ער זאל אים מאכן קלאר · זאגט רבי
י נאך דעם נאך ווערט דאך אמענטש נפטר ניט אין זיין צייט
ב אז ער שטארבט ווארום ווערט ער דארטן גמשפט נאך אמאל
גט ער אזוי האבין מיר גילערינט אונ גיהערט דאס ער
רט בוודאי אפ גיטאן פון דר וועלט על פי דין נאר איידר מען
זט אים ארין אין דר מחיצה פון דיא צדיקים ברענגט מען אים
ער אוף לדין פר דער מתיבתא דרקיע דארטן שטייט דר ממונה
גיהנם מקטרג צו זיין · זכאה איז דר מענטש וואס ער איז דארטן
ה בדין אונ אז ער איז דארטן ניט זוכה בדין נעמט אים דער
מונה פון דעם גיהנם ארום אונ ווארפט אים אונ שליידרט אים
ווי מען שלאדרט אייז שליידר שטיין אזו ווי עס שטייט ואת נפש
יך יקלענה בתוך כף הקלע אונ ער ווארפט אים אין גיהנם ארין ער זאל
רטן מקבל זיין דעם עונש אזו וויא ער האט פר דינט אונ עס איז
סקת גווארן אוף אים קום אונ זעה עס שטייט ויראני את יהושע הכהן
יל עומד לפני המלאך בשעה ער איז נפטר גווארן פון דר וועלט האט
ן אים גבראכט פר דעם ראש ישיבה וואס ער איז העכר איבר אלי
ים דרום שטייט עומד לפני מלאך ה' דם איז דר מלאך כמ"ש · ושטן עומד

על ימינו דם איז דר ממונה איבר דיא נפשות ארין ברענגן זיי אין
גיהנם ארין דם איז דין חשק אונ זיין לוסט מען זאל אים תמיד געבן
נפשות ער שרייט תמיד הב הב גיב מיר די לייט אין גיהנם ארין
שטייט ער לשטנו צו דר מאנין אים זייני עבירות ויאמר ה' אל השטן נאך
וואס שטייט צווייא מאל יגער ה' בך השטן ויגער ה' בך וגו' נאר איינס איז
איין אן שרייאונג צו דעם מלאך דומה אונ דאס אנדערע איז צוא דעם
וואס ער גייט ארוים פון דעם גיהנם תמיד מקטרג זיין אויף דיא
מענטשין · קום אונ זעה דער שטן העליון דער נידערט אראפ אין
גישטאלט וויא איין אקס אונ אלע דיא נפשות אונ רוחות פון דיא
רשעים וואס זייא ווערין גימשפט אין גיהנם ארין אזו עסט ער זיי
אפ כלחוך השור וויא איין אקס עסט אפ דם גראז אלי רוחות אין איין
מאל אין איין רגע אונ נודערט זיי אראפ אונ גיט זיי אפ אין דר האנט
פון דעם מלאך דומה נאך דעם אז ער הט זיי איין גישלונגן דרום הט
בלק גיזאגט עתה ילחכו הקהל את כל סביבותינו כלחוך השור אזו וויא דער שור
הידוע וואס ער שטייט איין שלינגן אונ אפ צו עסין דיא רוחות פון דר
גאנצר וועלט את ירק השדה דם זענן די רוחות פון די מענטשן וואס קומן
אזוי וויא גראז פון דעם שדה העליונה זאגט רבי יוסי וועדליג דעם איז
דאך בלק גוועזן אגרוסר חכם אז ער הט דם אלץ גיוויסט זאגט רבי
חייא בוודאי הט ער אלץ גימוזט ווייסן אלי די וועגין פון דעם שור
דען ווען ער וואלט ניט רעכט ווייסן זייני עסקים וואלט ער זייני
חרשים וכשפים ניט גקענט טאן זאגט רבי יוסי בוודאי האסטו רעכט
גזאגט · אונ דר כח פון דעם אייגינים אקס איז אז מען רופט אובין
אום אוף דר תבואה ווי אזו זי זאל גראטין מיט איר וואקסן דען אלי
טאג רופט מען אום אוף די רוחות פון די מענטשן ווי זיי זאלן זיין
דם זענין דיא טעג פון חודש ניסן אונ פון חודש תשרי אזו וויא מיר
האבן דם אוף איין אנדר ארט גוט מפורש גוועזן :

וישלח מלאכים אל בלעם וגו' עס איז פר האנדן אין דעם פסוק אכט אונ
צוואנציג ווערטר אקעגן די אכט אונ צוואנציג מדריגות פון
כישוף וקסם פון דעם ציפור וואס ער הט גמאכט דא איז דאך אקשיא
ווי איז ער גיוועזן אזו איין נאר אז ער הט זיך גוואלט בהעפטן מיט
בלעם הט ער אים פריער גדארפט משחד זיין אונ איבר בעטן אונ
דר נאך זאל ער דם פון אים בגערין ניט ער זאל תיכף זאגין הנה עם
יצא ממצרים וגו' לכה נא ארה לי וגו' זאגט רבי יוסי פון דאנין לערנין מיר אפ
אז בלק הט גוויסט אז דר רצון אונ דר חשק פון דעם רשע איז ער
זאל טאן פיל שלעכץ דרום האט בלק גיטאן כישוף מיט קסמים
וחרשים אונ הט גימאכט דעם ציפור ער הט גוויסט די מדריגה פון
משה ווי גאר הויך זי איז חשוב הט ער אזו לאנג חורש בחרשים גיוועזן
מיט כישוף ביז ער הט פר שטאנן אז די מדריגה פון בלעם אין דר
טומאה איז אנטקעגן דר מדריגה פון משה אין דר קדושה מיד תיכף
הט ער גשיקט צו בלעם בן בעור מפתורה ווארום הייסט דם ארט
פתורה אזו ווי עס שטייט מפתור ארם נהרים נאר דארטן רופט מען אן
איין טיש פתורה אונ דרום וויל זיי זענין גוועזן פון די בתי עבודת
כוכבים העורכים לגד שולחן זיי האבין אן גיריכט איין טיש מיט עסן אונ
טרינקן צו דר צד הטומאה אונ האבן גימאכט מיט כישוף אונ גוויסי
קטורת פר דעם טיש אזו האבן זיך דארטן איין גזאמילט אלי רוחות
הטומאה אונ האבין זיי מודיע גיוועזן וואס זיי האבן גוואלט אונ אלי
מיני חרשים אונ כישוף פון דר וועלט איז גמאכט גווארן אוף דעם

טיש

טיש דרום הייסט די שטאט פתורה דס איז טייטש איין טיש :
פתח ער הייבט אן עס שטייט ועשית שולחן עצי שטים אוך שטייט ונתת
על השולחן לחם פנים אלי כלי קודש וואס זענן גוועזן אין בית המקדש
וואס מען הט דורך זיי אראפ גצוגן דעם רוח הקודש פון אובן אראפ
אזו הט דר רשע מסדר גוועזן צוא דעם צד הטומאה איין טיש מיט
ברוט וואס ער הייסט לחם מגואל דען עס איז אלץ איינס אקעגין דעם
אנדרן אונ די קליפה איז אקעגן דר קדושה אזו ווי מיר האבן שון
מפורש גוועזן אונ שלמה המלך הט גיזאגט כי מה האדם שיבא אחרי המלך
את אשר כבר עשהו קום אונ זעה ווייל די ישראל האבין אויף דעם בארג
סיני גזאגט דס ווארט נעשה דרום פארכטן זייא זיך ניט פאר אלי
עשיות וואס מען טוט זיי מיט מעשה כשפים אונ קיין שום קסמים
וחרשין קען זייא ניט טאן קיין שלעכין איינם כהנות דעם ווארט
נעשה אונ דס אנדרי אז הקב"ה הט אוס גצוגן די ישראל פון מצרים
הט ער פר זיי צוא בראכין אלי מיני כשפים וחרשין וקסמים אז זיי
זאלין ניט קענין אויף זיי קיין שליטה האבין אין דער צייט אז בלק
איז גיקומן האט ער דאס אלץ גיוואוסט דרום האט ער גישיקט צו
בלעם בן בעור פתורה וואס דארף ער זאגן פתורה נאר ער הט אן גיגרייט
דארטין אזו איין טיש צו וויסען דורך דיא רוחות ושדים איין עצה
וואס מען זאל טאן אז מען זאל קענען בייקומן דיא ישראל דרום
האט ער גשיקט צו בלעם אונ זאגט אים הנה עם יצא ממצרים דם הייסט
איין אנדער פאלק קען מען טאן שלעכין מיט כישוף אבער זיי זענן
ארוים גינאנגן פון מצרים דאס הקב"ה הט פאר זיי צו בראכין אלע
מיני כישוף זייא זאלין אויף זייא קיין שליטה ניט האבין דרום שיק
איך צו דיר דוא זאלסט געבן דער צו איין עצה :

וירא בלק בן צפור פאר וואס שטייט ביי אים דער נאמן פון זיין פאטר
מער וויא ביי אנדערע מלכים זאגט רבי אלעזר עס שטייט צפור
סנאה בית דאס איז יתרו ודרור קן לה דאס זענען זיינע קינדער וואס זייא
זענען גיזעסין בלשכת הגזית צוא לערנין תורה אונ האבין גיפסקנט אלע
דיני תורה נאך וואס שטייט מצאה בית ווארום בתחלה האבין זיי זיך
ארוים גיצויגין אונ האבין זיך דער ווייטערט פון דעם פעטקייט אונ
דם זיסקייט פון דר שטאט יריחו אונ זענן אוועק גגאנגן אין דר מדבר
אריין כדי זאלן דארטן לערנן תורה מיט מנוחה אונ אז הקב"ה הט
גזעהן אז זייער חשק איז נאר צו לערנן תורה הט ער זיי פון דארטן
ארוס גצוגן אונ הט זיי אנידר גזעצט אין לשכת הגזית דרום שטייט
מצאה בית אונ יתרו האט אוך אזו גיטאן ער הט אוועק גווארפן דיא
עבודת כוכבים אונ איז גיקומן מיט זייני קינדר צו בהעפטן זיך אין
די ישראל אונ אלי אומות האבין אים דריבר מנדה גיוועזן אונ נאך
גיזאגט אונ בלק איז גוועזן פון זייני קינדר ער הט אוועק גלאזן דעם
פאטרס וועג אונ אז די זקני מואב וזקני מדין האבן דאס גזעהן אז
ער איז פריער גוועזן מיט יתרו אין איינם זיי האבן ביידי גדינט עבודת
כוכבים הט זיך יתרו באהעפט אין דר שכינה אונ בלק הט זיך פון
זיי אפ גישייד דרום האבן זיי אים היינט גימאכט פר איין מלך ניט
פריער דרום שטייט בן צפור ווארום דורך דעם האבן זייא אום
גימאכט פאר איין מלך ווייל ער איז גיוועזן דר זון פון יתרו וואס ער
הייסט צפור אבר אן דעם איז ער ניט ראוי גוועזן צו זיין איין מלך :

ועתה לכה נא ארה לי את העם הזה נאך וואס שטייט ועתה דאס הייסט דיא
שעה איז מיר בגליקט מצליח זיין ווס איך וועל טאן ער הט
עפס גזעהן אבר ניט רעכט ווארום ער הט גזעהן אז דורך אים ווע
אין דר שטאט שיטים גיהרגת ווערן כמה אלפים מישראל האט
גזאגט בוודאי איז מיר מיין מזל באגליקט צו טאן וס איך וויל א
נאך וס שטייט ועתה לכה עס וואלט גידארפט שטיין ועתה לך נאר
הט גזאגט מיר וועלן האבן אשליטה אוף דר קדושה וס זי הייסט
דען די קדושה שוועבט אוף זייא מיט אירי פליגל דיא קדושה הא
גשלאגן די בכורים אין מצרים אזו שטייט כה אמר ה' כחצות הלילה
אהער איז קיינר ניט גיוועזן אויף דר וועלט ער זאל ביי קומן דעם
אונ זאל אוף אים שולט זיין נאר אצונד שטייט אונזר מזל וועלן מ
זיך האלטן איין עצה אוף דר קדושה וס זיא הייסט כה אזו וויא ע
שטייט ואנכי אקרה כה מיר וועלין אום רייסן דעם כה פון זיין ארט א
זענן ביידי גוועזן בעצה רעה על ה' ועל משיחו אבר זיי האבן ניט גוויכ
אז דר כה וועט זיי אום רייסן פון דר וועלט :

כי עצום הוא ממנו וס מיינט ער דר מיט גלייך ווי ער הט שון מיט
מלחמה גהאלטן אונ הט גזעהן אז זיי זענן שטארקר פון זיי נא
דר רשע איז אגרויסר חכם גיוועזן ער האט גזעהן אז דוד המלך על
השלום וועט ארוס קומן פון רות המואביה וס ער איז גוועזן שטאר
ווי איין לייב אונ וועט שטארק מנצח זיין די אומה די מואבים ב
ער וועט זייא איין נעמין דרום זאגט ער אלשון יחיד כי עצום הוא ע
וועט פון זיי ארוס קומין איין מלכות וואס ער וועט אונז מנצח זי
דרום זאגט ער ממנו אונ דרום זאגט ער אולי אוכל טאמר וועל אי
קענין נכה בו מיר וועלין אום שלאגין איז דאך קשה פריער זאגט ע
אלשון יחיד אונ דר נאך אלשון רבים נאר ער האט אזו גזאגט מי
וועלן זיך בהעפטין צו שלאגין די האנט פון דעם לייב וס ער ווע
פון אונז ארוס קומן כדי ער זאל ניט ארוס גיין אוף דר וועלט או
זאל ניט ארוס טרייבן דיא מואבים פון זייער שטאט :

ארה לי וס איז טייטש ארה זאגט רבי אבא דר רשע האט צו בלע
גזאגט מיט צווייא לשונות ארה אונ קבה אונ דר חילוק צווישן
ביידי איז ארה מיינט ער קלויב צו נוף פיל גראזן אונ די קעפ פון
שלאגין אונ לייג זיי אין איין טאפ אריין מיט כישוף אונ דער מי
זארסטו טאן צו זיי כישוף אונ דר נאך אז בלק הט דר זעהן אז ד
כח פון בלעם איז נאר מיט זיין מויל האט ער אים גזאגט קבה לי די
זאלסט זיי שעלטן האט ער גזאגט איך וועל אום וואשן דעם טאפ פ
מואב אזו וויא עס שטייט מואב סיר רחצי דם מיינט ער דעם טאפ פ
מואב וועט ער אום וואשן אונ וס מיינט ער ווייטר על אדום אשליך נע
נאר דם הט ער אוך גרעט פון ווייטין אזו ווי עס שטייט ויאמר עשו
יעקב הלעיטני נא מן האדום עשו הט גזאגט איך וועל עפינן מיין מול או
יעקב זאל אים די ערשים אריין ווארפין צו איין שלינגין זאגט דו
איך וועל ווארפין מיין שוך צו פר שטאפן זיין מול על פלשת התרועעי ד
הט ער אוך גזעהן פון ווייטין ער הט גזעהן אז דר צד הרע פון די
פלשתים די קליפה מוז גבראכן ווערן דווקא מיט תרועה אזו וויא ע
שטייט וכי תבואו מלחמה בארצכם והרעותם צו ברעכן זייער כח מיט תרועו
דרום זאגט דוד עלי פלשת התרועעי דעם כח פון די פלשתים וועל איך צ
ברעכן מיט תרועה דען אזו איז ראוי צו זיין צד הטומאה זאגט רב
שמעון תיפח רוחיה עס זאל אום גבלאזן ווערן דר רוח פון בלק אין גיהנ
אונ די ביינר פון בלעם זאלן דארטין צוא מאלן ווערן מיט זיין רו
וואסער איין עצה רעה זייא האבין גיהאלטן אים צוא רייסן דיא

שה פון כ"ח אונ צוא ברענגן דעם צד הרע בפה ובמעשה מיט
וארה דער רשע האט אזו גזאגט דיא ערשטי האבן זיך משתדל
ן דריגען אבר זייא האבן ניט גיקענט דער דור הפלגה האבן
ן זייערי זאכין במעשה איז זייער פה חסר גווארן פון זייא דען
י לשון איז מבולבל גווארן דרום האבן זייא ניט גקענט אבער
איז דיין לשון דיר שארף אונ דיין פה איז אן גיגרייט מיט צוויי
י זאכן את אשר תברך מבורך ואשר תאור יואר סייא דו בענטשט ווערט
ם אונ סייא דו שעלטסט ווערט מקוים עס הענגט אלץ אן אין
וועלכין צד דוא ווילסט אויף ברענגען מיט דיין מויל סייא דיא
שה אויף בענטשין אונ סייא די טומאה אויף שעלטין וועט אלץ
ים ווערן אבר ער הט ניט גיוויסט אז הקב"ה איז מסיר שפה לנאמנים
שטייט אלץ אין רשות פון הקב"ה דעם דור הפלגה האט ער
י לשון מבלבל גיוועזן אזו ווי דר פסוק זאגט אשר לא ישמעו איש את
רעהו • וטעם זקנים יקח דס איז דר טעם פון בלק מיט בלעם דס זיי
ן ביידי גיוועזן מיט איין עצה אויף שלעכץ דען זייא האבן ביידי
ה גיבראכט קרבנות אזו וויא עס שטייט ויעל בלק ובלעם אונ דיא
חות הט בלק אליין מסדר גיוועזן אונ צום סוף הט זיך דר רשע
ם באריסמט פר הקב"ה שבעת המזבחות ערכתי ואעל פר ואיל במזבח אונ
י מאנט ניט בלק זאגט הקב"ה צו אים דוא רשע איך וויים אלין
ל אלא דו בדארפסט גאר ניט ריידין גייערט וכה תדבר • וטעם זקנים
אבר זייער טעם אונ זייער עצה הט הקב"ה צו גינומן דאס זייא
בין נוט גיקענט שולט זיין מיט זייער כישוף וידברו אליו דברי בלק די
י זענין גיוועזן אנטפלעקט אונ ניט בהארטין דען ער איז גיוועזן
י חסר אונ איין בעל מום אין דרייא ערטער ער איז גיוועזן אחסר
אונ אחסר אוזן אונ אחסר רגל ער איז גיוועזן קרום אונ בלינד
טוב ער איז גיוועזן אן גיברייט צו דר קליפה דען מען מוז דווקא
איין בעל מום אונ בלק מיט בלעם האבן זיך איין חברותא
ה גימאכט דס זייערי נעמן איז צו ביי קומין די ישראל עמלק הט
גט מיין נאמען מאכט עם יק איין פאלק וועל איך שלאגן אזו וויא
ן נחש שלאגט מיט דעם עק • בלק הט גיזאגט מיין נאמן מאכט
לק ער איז גיקומן אונ הט זיי גישלאגין אזו ווי זיין ווילן איז גיוועזן
ם האט גיזאגט מיין נאמין מאכט בל עם עס איז גאר קיין פאלק
אויך האבין זיי קיין רועה ניט אונזרי נעמין זענין גורם מיר זאלן
פר לענדין פון דר וועלט אבר הקב"ה האט אנדרש פר טייטשט
רי נעמן ביי בלק איז די אותיות כ"ל אונ ביי בלעם כ"ל מאכט דס
ל בלייבט איבר פון בלעם ע"ם אונ בייא בלק איין ק' מאכט דאס
הקב"ה האט מבלבל גיוועזן זייער טיפע מחשבה אז זייא זאלין
קענין שולט זיין אויף דער וועלט זאגט רבי שמעון צוא רבי
אלעזר דוא זאגסט רעכט :

זר מי האנשים האלה עמך דאס האט ניט גיפרעגט הקב"ה חס ושלום
נייערט זיין מדריגות הטומאה ווס ער הט טאקי ניט גיוויסט
ם הט ער אים גיפרעגט חאטשי דיא חבריא זאגין הקב"ה אליין
אים מטעה גיוועזן אזו ווי עס הט זיך גיטראפין ביי אדם וקין אונ
ווי מיר האבין שוין דס מפורש גיוועזן אין מדרש איין כותי הט
ענט צוא רבי אלעזר איך זעה אגרעסרין כח מדריגה ביי בלעם
ביי משה דען ביי משה שטייט ויקרא אל משה הקב"ה הט צו משה
יך גירופין אונ ביי בלעם שטייט ויקר אלהים אל בלעם ער איז צוא

איר ניקומן זאגט רבי אלעזר עס איז א משל צו איין גרויסין הער ער זיצט איז זיין פאלאץ אויף זיין שטול דר ווייל קומט איין מצורע פר זיין טיר אונ קלאפט פרעגט דר גרויסר הער ווער קלאפט עס אין דר טיר זאגט מען דער אונ דר מצורע קלאפט ער וויל אריין גיין זאגט דער גרויסר הער לאז ער ניט אריין גיין נאר איך וויים וואול אז איך וועל אים ארויס שיקין זיין בקשה דורך איין שליח וועט ער עס גאר ניט אכטין אונ וועט אריין גיין אונ וועט פר אום ריינגען מיין היכל עס איז בעסר איך זאל אליין ארויס גיין צו אים אונ וועל אים מאכן איין מורא אז ער זאל ניט אריין גיין אין מיין היכל ער זאל אים ניט פאר אום רייניגען אונ זאל חלילה ניט מטמא זיין מיין קינד אונ ער זאל ניט טמא ווערן דורך אים אזו גייט ארויס דער גרויסר הער אונ זאגט צו אים הער צו מצורע דו זאלסט חלילה זיך ניט דער וועגן אריין צו גיין אונ מקרב זיין צוא מיין זון דו זאלסט פאר מיידין דייני פיס פון מיין זון זאלסט ניט גיין איז זיין וועג אונ אז דו וועסט דרוף עובר זיין וועל איך הייסין דיין גוף צוא שניידין אויף שטיקר אבער ווען דער ליב האבער קלאפט אן ביי דעם גרויסין הער פרעגט דער גרויסער הער ווער איז דס זאגט מען אז דאס איז דיין ליב האבער יענר זאגט דר גרויסר הער מיין אוהב כנפשי עס איז אים קיין כבוד ניט אז אנדערר זאל אים הייסין אריין גיין נייערט איך אליין גיהער אים צו פירען שרייט דער גרויסר הער מיין אוהב כנפשי גייא אריין ער שאפט מען זאל ריין מאכין דעם היכל ער זאל דארטן ריידין מיט אים • לא תלך עמהם לא תאור את העם כי ברוך הוא דו בדארפסט גאר ניט גיין הן לטוב והן לרע ווארום דוא ביסט טמא • ויאמר בלעם אל האלהים בלק מלך מואב שלח אלי אז ער הט שון גיזאגט בלק בן צפור נאך ווס הט ער נאך גידארפט זאגין מלך מואב אלא זעה דיא גאוה פון דעם רשע דר פסוק זאגט מלך למואב בעת ההוא איז משמע ער איז ניט ראוי גיוועזן צוא זיין איין מלך נאר מען האט אים גימאכט לפי שעה פאר איין מלך אזו וויא אויבין שטייט אונ ער האט זיך באריסמט גלייך וויא ער איז איין חשובר מלך דער העכסטער מלך פון דער וועלט האט צו אים גישיקט :

פתח רבי אלעזר הייבט אן עמי זכר נא מה יעץ בלק מלך מואב ומה ענה אותו בלעם בן בעור ער זאגט עמי ווי גאר שטארק איז הקב"ה איין רחמן אזו ווי א פאטר צו זייני קינדער אז דס קינד זינדיגט אזו שלאגט ער אים אונ אז ער הט נאך קיין חרטה ניט אזו שרייט ער אן אויף אים אונ זאגט אים אז ער וועט אים נאך שלאגין ווארום דער פאטער טראכט זיך אז איך וועל אים נאך שלאגין אזו וועט אים זיין קאפ ווי טאן אונ זיין ווייטאג איז דאך ביי מיר אגרוס צער זאל איך אויף אים זייער שטארק אן שרייען אזו וועט אים פאר ענדערט ווערין זיין פנים וויא דען איך וועל אים גיין בעטין מיט גוטע רייד כדי ער זאל זיך מצער זיין אזו אויך כתחלה האט הקב"ה דיא ישראל גישלאגין האבין דיא ישראל נאך ניט חוזר גיוועזן האט ער אין זייא אן גישריגן זענען זייא נאך ניט חוזר אזו זאגט ער איך זעה איבער דער מכה ווס איך האב אויף זיי גישיקט טוט זיי ווי דר קאפ אונ זענן זיך מצער אזו איז דאך מיר אויך איין צער אזו וויא עס שטייט בכל צרתם לו צר אז איך וועל ווידר אין זיי אן שרייען וועט זייער פנים פר ענדרט ווערין אז מען וועט זייא גאר ניט דר קענן אזו וויא דער פסוק זאגט חשך משחור תארם לא נכרו בחוצות אז מען וועט זיי דר קענט מען זיי ניט איך

וועל ריידין מיט זייא בתחנונים עמי מה עשיתי לך ומה הלאיתיך מיין פאלק איך האב דיך גילאזט שולט זיין אויף דיא בני היכלא דאס זענן דיא מלאכים האב איך דיר דען גיטאן אנדרי מעשים זייא דו מיין עדות מה הלאיתיך ווס האב איך דיך מטריח גוועזן עמי מיין ליב פאלק זכר נא איך בעט דיך גידיינק נאר וואס בלק האט אויף דיר עצות גהאלטן אונ וואס בלעם האט אים גיענטפערט אצונד באדארף מען זעהין ווס איז דען גיוועזן די עצה פון בלק אונ דיא תורה האלט עס נאר פאר נישט נייערט נאר בלעם אזו וויא דער פסוק זאגט ארמי אובד אבי ווייטר איז חסר אין זוהר :

ויקם בלעם בבוקר ויחבוש את אתונו ער האט אליין גיזאטילט זיין אייזיל כדי צו טאן זיין ווילין אונ דעם ווילין פון בלק אונ ניט דעם ווילין פון הקב״ה דרום ויחר אף אלהים כי הולך הוא דם ער האט זיך אוים גיצוגן פון דעם רשות פון הקב״ה ווארום הקב״ה הט אים גיזאגט ואפס את הדבר וגו׳ קום אונ זעה עס איז אזו צום ערשטין האט ער אים גיגעבין רשות אונ הט אים גיזאגט קום לך אתם אונ אצונד שטיין שוין ויחר אף אלהים ער איז גיוועזן ברוגז פר ווס ער גייט אלא דר פסוק פאר ענטפערט עס אליין ויחר אף אלהים פר ווס כי הולך הוא דו ווייזט מיר ער איז גיגאנגין צו טאן זיין ווילין אליין ניט ווי הקב״ה הט אים גיזאגט אזו ווי איך וועל דיר הייסין זאלסטו טאן זאגט הקב״ה צו אים דוא רשע דו ריכסט זיך אונ ביסט זיך מזרז ארוים צו גיין מיט דיין כדי זיין פון מיין רשות דא שווער איך אז דוא מיט דיין אתון ואס דוא מאכסט מיט דיין כישוף וועט איר אלי זיין אין מיין רשות מיד תיכף ויתיצב מלאך ה׳ לשטן לו ווס שטייט מלאך ה׳ זאגט רבי אבא ער איז ארוס גיגאנגין פון זיין אומנות אין אנאנדער אומנות דען ער איז גיוועזן מלאך הרחמים דרום הט רבי שמעון גיזאגט די רשעים פר קערין דעם רחמים לדין דרום שטייט דא מלאך ה׳ דאס איז טייטש רחמים לשטן לו ער איז גיווארין פר איין שטן צו אים צו טאן דין רבי אלעזר זאגט ער האט ניט משנה גיוועזן ער איז ניט ארוים גיגאנגין פון זיין אומנות אלא ווייל דער מלאך איז גיוועזן מצד הרחמים איז ער אנטקעגין אים גישטאנין ער זאל מקלקל זיין אלי זייני פעולות אונ זיין ווילין פר שטערין דרום זאגט ער לשטן לו :

תנא מיר האבין גילערינט רבי שמעון זאגט וויא איז בלעם אחכם גיוועזן אונ אכישוף מאכער מער פון דער גאנצער וועלט אמער הקב״ה האט צוא אים גיזאגט ואך את הדבר אשר אדבר אליך אותו תעשה אלין וואס איך וועל דיר הייסין זאלסטו טאן אונ ער הט זיך גינומין איין עצה ארוים צוא גיין פון זיין רשות ער האט גיזעהן אין זייני חרשים וכישוף וויא אזו ער וועט קענין די ישראל ביי קומן האט ער מער ניט גיפונין נאר דורך זיין אתון דרום שטייט ויחבוש את אתונו ער האט אים אן גילאדין מיט אלי חרשים אונ כישוף וואס ער הט נאר גקענט האט ער אלין כולל גיוועזן צו טאן דורך דעם אתון צו שעלטין דיא ישראל מיד באלד ויחר אף אלהים איז הקב״ה ברוגז גיווארין כי הולך הוא ער גייט צו טאן זיין ווילין אונ ניט מיין ווילין ווס טוט הקב״ה האט ער מקדים גיוועזן איין מלאך הרחמים ער זאל גיין אנטקעגן אים אונ זאל אלין פר שטערין אלי זייני כשפים וואס ער האט אן גישטעלט דרום ביז אהער שטייט ניט דר שם ה׳ ווס איז רחמים ווייל ער איז ניט גיזעהען גיווארין מיט זיינע כשפים אונ אצונד אז ער האט אן גיבייט דאס אייזיל מיט אלע מיני כישוף אונ כוחות הדינים צוא

שעלטין די ישראל הט הקב״ה גשיקט דעם מלאך הרחמים אנטקעגן אים ער זאל אוועק פירען דאס אייזל פון דעם וועג דרום שטייט ותט האתון מן הדרך הקב״ה הט צו אים גזאגט דו רשע האסט דיך אן גגרייט מיט אלי מיני טומאה צו פלוכין מייני קינדר איך שיק אנטקעגן דיר איין מלאך הרחמים ער זאל דיר פאר שטערין דיין מחשבה מיט דייני מעשים :

ותרא האתון את מלאך ה׳ פרעגט רבי יצחק וויא קומט דס אזו איין חכם ווי בלעם איז גיוועזן זאל ער ניט זעהן דעם מלאך זאגט רבי יוסי חס ושלום דר איז ניט ווערט אן קוקין איין הייליגן מלאך זאגט רבי יצחק עס שטייט דאך נופל וגלוי עינים זאגט רבי יוסי איך האב דר פון ניט גיהערט אונ קען אויף דעם נאר ניט זאגין • זאגט רבי יצחק איך האב דרויף אזו גיהערט ווען ער האט גידארפט צוא זעהן איז ער גיפאלין נופל ורואה אונ אצונד הט ער ניט גידארפט צו זעהן זאגט רבי יוסי איז דאך בלעם גיוועזן אין איין העכערער מדריגה פון אלי נביאים נאמנים פון דער וועלט דער מיט ווס ער איז גיוועזן גלוי עינים ער האט גיזעהען דעם כבוד פון הקב״ה אונ רבי שמעון האט דאך גיזאגט אז בלעם הט מיט זייני כשפים נאר גיוויסט אין די מדריגות התחתונים וואס זענען אונטין בטומאה אזו ווי עס שטייט ואת בלעם בן בעור הקוסם דר פסוק רופט אים נאר קוסם וויא גישיקט זיך דס אז פון דעם כישוף זאל ער זעהן דעם כבוד פון הקב״ה נאך מער האט רבי שמעון גיזאגט פון דעם איינעם מאל וואס ער האט גזעהן זענען אים דיא אויגין פאר קרימט גיווארין אונ דוא זאגסט אז ער האט גיזעהן אין כבוד פון הקב״ה מיט אפעני אויגין זאגט רבי יצחק מיין זאך אונ דיין זאך מוז האבין איין לויטערקייט די סודות התורה זענין בוודאי גאנץ הויך וואס די וועלט קען דס ניט פאר שטיין אונ דרום טאר מען ניט צו פעדרין זיך מיט דברי תורה איידר מען הערט דאס רעבט אונ מען ווייסט קלאר דיא זאך • זענען זייא גיקומן צוא רבי שמעון אונ פרעגין אים דיא זאך :

פתח הייבט רבי שמעון אן עס שטייט מה אנוש כי תזכרנו דעם פסוק האט מען שוין מפורש גיוועזן אז דאס האבין די שרים עליונים גיזאגט בשעת הקב״ה האט גיוואלט בשאפין דעם מענטשן הט ער גירופין כתות כתות פון מלאכים אונ האט זייא גיזעצט פאר זיך אונ זאגט צו זייא איך וועל באשאפין איין מענטשן זאגין זייא פאר אים אדם ביקר בל ילין דער מענטש וועט אפילו איין נאכט ניט זיין אין זיין כבוד הט הקב״ה אוים גישטרעקט זיין פינגר אונ האט זיי פאר ברענט דר נאך האט ער אנדרי כתות אנידער גיזעצט אונ זאגט זיי אויך איך וויל בשאפן איין מענטש האבין זיי גיזאגט מה אנוש כי תזכרנו וואס איז דר מענטש חשוב אז דו זאלסט אים גאר דער מאנין אונ וואס פאר איין טבע וועט ער האבין אונ וויא אזו וועט ער זיין האבין הקב״ה צו זייא גיזאגט דער מענטש וועט זיין אין אונזער גישטאלט בצלמנו כדמותנו זיין חכמה וועט זיין מער פון אייער חכמה אונ דר נאך אז הקב״ה הט בשאפן דעם מענטשן אונ ער הט גיזינדיגט איז אויך אים ארויס גיגאנגן זיין משפט איז גיקומן עז״א ועזא״ל אונ האב גיזאגט רבונו של עולם מיר האבן פר דיר איין פתחון פה דען דעם מענטש וואס דוא האסט בשאפין האט ער גיזינדיגט זאגט הקב״ה ווען איר וואלט זיין אויף אזו איין וועלט וואלט איר נאך ערגר גיוועזן פון זיי ווס האט זיי הקב״ה גיטאן ער האט זייא אראפ גיווארפין פון דעם היכל

ן זייער מדריגה זאגט רבי שמעון אצונד וועלין מיר אן הויבן אונזרי
יד דס וואס בלעם האט גיזאגט נופל וגלוי עינים עס קען דאך ניט זיין
בלעם זאל זיך נאר בארימן אדר ער זאל זאגן שקר וואלט דאך די
רה חלילה דס ניט גישריבן אונ אז עס איז ווידר אמת וויא קומט
ם אז ער זאל זיין אין העכרר מדריגה פון אלי נביאי אמת אונ
דר די קדושה רעט דאך נאר אוף אזו אמענטשין וואס ער איז דר
ראוי אונ אצונד וועלין מיר זיך אום קערין צוא דיא ערשטי רייד
שעת הקב״ה הט די צווייא מלאכים אראפ גיווארפן פון דעם הימל
אבן זיי גיזינדיגט דארף מען דאך פאר שטיין עס שטייט דאך עושה
אכיו רוחות משרתיו אש לוהט זייא זענין ניט וויא מענטשין זיי זענין דאך
ען מלאכים ווי קומט צו זיי זינד נאר קום אונ זעה אלי די מלאכים
יונים האבן ניט קיין קיום אונ קענן ניט בשטיין נייערט באור העליון
ם ער רייכט אוף זיי אונ איז זיי מקיים אונ ווען דער אור זאל זיך
ן זיי אפ טאן וואלטן זייא קיין קיום ניט גקענט האבן ובכל שכן
ער האט זייא אראפ גיווארפין אוף דער וועלט אונ האט זיין
ר פון זיי צו גינומן אזו איז זייער גישטאלט נשתנה גיווארן אונ
זיי האבין אראפ גינידערט הט אין זיי שולט גיוועזן דר אויר פון
וועלט זענין זיי פאר ענדערט גיווארין איז איין אנדרע מדריגה
ם אונ זעה דר מן וואס האט גנידערט צו די ישראל אין דר מדבר
ז גוועזן פון אגאנץ הוכי מדריגה אונ איידר ער הט אראפ גנידרט
ט ער גילייכט אין אלי עולמות אונ פון אים זענין גישפייזט גווארין
י מדריגות אונ אלי מלאכים עליונים אונ אז ער איז גקומין אוף
עם אויר פון דער וועלט איז ער פאר גרעבט גיווארין אזו וויא פר
יווערטי וואסער אונ עס איז נשתנה גווארין אזו וויא עס שטייט
ן כזרע גד היא ניט מער איז דאך שון איין כל שכן אז דיא מלאכים
אבן אראפ גינידרט אין דעם אויר פון דר וועלט האט ער אין זייא
לט גוועזן אז זיי זענן פר ענדרט גווארן פון זייער ערשטר מדריגה
ם זיי זענין פריער גוועזן וואס הט הקב״ה גטאן ווי ער הט גזעהן אז
זענין מטעה די גאנצי וועלט האט ער זיי גבונדין מיט אייזערני
יטין אונטר די הרי חושך אין גאנץ טיפעניש פון די בערג הט ער
אריין גיווארפן אונ הט אים בדעקט דס פנים מיט פינצטערניש
ן דר צייט אז ער הט זיי אריין גווארפין הט עז״א דר צערינט פאר
קב״ה הט ער אים אראפ גיווארפין אין טיפעניש ביז אין האלז אונ
קין אונ דיא מענטשין וואס ווייסין זייער ארט קומן זיי אהין אזו
רנין זיי די מענטשין כישוף ונחש וקסם אונ די הרי חושך הייסן הררי
ם דרום וייל דר חושך האט זיך גפעדערט פאר דעם ליכטיקייט ·
ן אונ בלעם האבין זיך פון זיי גלערינט כישוף אונ דס הט בלעם
אנטמן ארם ינחני בלק מהררי קדם קום אונ זעה בלעם האט זיך בארימט
יט דעם ארט ער זאגט נאום שומע אמרי אל דאס האט ער גימיינט דיא
ויי מלאכים וואס מען הט זיי אראפ גיווארפן דא זענין די לייט פון
עליונים וואס זיי האבן פון דעם פריער גיוואוסט אז זיי זענן גיוועזן
ולם הקדוש דרום זאגט ער אמרי אל אונ זאגט ניט קול אל דאס איז
שטייגר ווי איינר קומט פון איין דרשה פרעגט מען אים פון וואנן
מסטו זאגט ער איך קום פון צו הערן די רייד פון הקב״ה אזו דא
ינט ער אויך די צוויי מלאכים דען ער הט מכוין גיוועזן דיא שעה
ן דינים הענגען אוף דער וועלט אשר מחזה שדי יחזה ווען מיינט ער
ם עס הייסט נופל וגלוי עינים נופל איז עז״א וואס הקב״ה הט אים אריין

גיווארפן אין דער טיפעניש אונ איין פינצטערניש האט צוא גידעקט
זיין פנים דרום הייסט ער נופל איין מאל איז ער אראפ גיפאלין פון
דעם הימל אונ דר נאך אין דר טיפעניש אבר דר אנדרר מלאך הייסט
גלוי עינים וייל אוף אים הט ניט בדעקט דר חושך וייל ער האט ניט
דר צערינט אנטקעגין הקב״ה אזו ווי יענר אונ בלעם רופט זיי מחזה
שדי יחזה דס זענן די צוויי נוסף תלוי עינים אין דר צייט איז ניט גוועזן קיין
שום מענטש ער זאל בייא זיי זיין נאר בלעם אליין ער איז אלי מאל
גוועזן ביי זיי אוף די בערג דרום זאגט ער מהררי קדם מיינט ער די הרי
חושך · זאגט רבי שמעון איך האב שון די זאך כמה מאל גיזאגט אונ
די חברים קוקין אוף דס נאר ניט דס הקב״ה כביכול איז ניט שורה
נייערט במקום הקדוש אזו איין ארט וואס עס איז ראוי ער זאל דרויף
רוען דרום הט הקב״ה אן גיזאגט לא ימצא בך מעביר בנו ובתו באש וגו׳ אונ
ווי אזו קען ער זיך בהעפטן מיט די צדיקים דאס איז דער חלק פון
ישראל וואס הקב״ה הט זיי גיהייליגט ער זאל רוען צווישן זיי דרום
זאגט ער כי ה׳ אלהיך מתהלך בקרב מחניך והיה מחניך קדוש אוך שטייט והייתם
קדושים אל תטמאו בכל אלה ואקוץ בם דס איך קען צו זיי ניט גינעהן נאר
צו די ישראל וואול איז זייער חלק אונ וואול איז צו די הייליגי נביאים
דס זיי זענן הייליג אונ זייער חלק איז צו משמש זיין בקדושה עליונה׃
ותרא האתון את מלאך ה׳ וחרבו שלופה בידו איז דאך קשה איז דען דער
מלאך גקומן צו דעם אייזיל ער איז דאך נאר גקומן אנטקעגן
בלעם מיט איין אום גישטרעקטי שווערד פר וואס האט דאס אייזיל
גיזעהן דעם מלאך אונ בלעם הט אים ניט גיזעהן נאר צו ארץ איז
דר מלאך הרחמים אונבבריט גוועזן ער איז גוועזן גבריט אנטקעגן
דעם אייזיל וואס בלעם הט אים אן גישטעלט מיט גרוס כישוף אוך
אי ער אן גיבריט גוועזן אנטקעגן בלעם ער זאל גישטראפט ווערן
כדי ער זאל ניט גיין אין קיין אנדרן וועג נאר וואו אהין הקב״ה וועט
אים הייסין זאגט רבי יוסי אצונד איז דאך קשה אז דיא רייד פון
בלעם זענין ווידער גאר גוועזן פון דיא מדריגות התחתונים פון דיא
קליפות וואס דרום שטייט ואך את הדבר אשר אדבר אליך אותו תעשה זאגט רבי
יצחק חס ושלום הקב״ה הט מיט אים גאר ניט גירעט נייערט דער
מלאך הט מיט אים גירעט פון די ישראל וועגן נאר ווס דען שטייט
ויבא אלהים אל בלעם מיר האבן גלערינט אז אלהים איז אוך א מלאך וואס
ער קומט מצד הדין הקשה אפט רופט מען א מלאך בשם עליון :
ותט האתון מן הדרך דס אייזיל הט אפ גקערט פון דעם וועג וואס בלעם
האט אים אן גישטעלט אנטקעגין די ישראל נאר ווי אזו האט
דס בלעם גיוואוסט ווארום ער הט זיך תיכף אין וועג גשטעלט צוא
טאן מיט דעם אייזיל די זאכן וואס עס איז אנטקעגן די ישראל אזו הט
ער גזעהן אז ער וויל ניט גיין אנטקעגן די ישראל דרום שטייט ויך את
האתון במקל הט ער אים תיכף אן גישטעלט מיט כוחות הדינים קשים
דרום שטייט ניט כמקלו מיט זיין שטעקן נאר במקל מיינט מען ער הט
אים מרביש גיוועזן מיט דינים קשים וחזקים קום אונ זעה דיא שטארקע
חכמה פון דעם רשע דען ער הט גהאט גרויס חשק ער זאל מיט זיין
גרוס חכמה ארוס גיין מרשות עליון שרעכן טאן צו די ישראל כדי
ער זאל דורך דעם גרוס ווערין אין דער גאנצר וועלט :
ויוסף מלאך ה׳ עבור ויעמוד במקום צר דר מלאך הט אים פר שטעלט אלי
וועגין הט זי ניט גקאנט גפונען קיין שום וועג ביז זיא הט גמוזט
זיך אגידר לייגן אונטר אים ותרבץ תחת בלעם וגו׳ ויפתח ה׳ את פי האתון דס



אין

איז איינס פון די זאכן וואס זענן בשאפן גווארן בערב שבת בין השמשות •
זאגט רבי יצחק ביא ווען זענין דיא רייד פון דעם אייזיל חשוב
גוועזן דס הייסט נאך וואס האבן דיא רייד גיטויגט צוא בלעם אדער
צו דעם אייזיל אדר צו דיא ישראל זאגט רבי יוסי דיא רייד האבין
אים גמאכט אגרוסי חרפה אנטקעגין דיא שרים וואס זענין מיט אים
גיגאנגין זיי האבין פון אים גישפעט בשעת זיי זענין גקומן צו בלק
האבין זיי צו אים גיזאגט צוא דעם שוטה חאסטו אונז גשיקט מיט
אזו פיל כבוד עס איז דאך אין אים קיין שום ממשות ניט פר האנגן
איז ער דורך דיא רייד פון דעם אייזל זייער מבוזה גיווארן פון זיין
כבוד זאגט רבי חייא אז דער אייזיל וואלט ניט ריידין וואלט בלעם
ניט אפ גילאזט זיין זאך אונ דורך די רייד איז זיין כח צוא בראכין
גיווארן רבי אבא זאגט פאר וואס ביי קרח שטייט נתפתח הארץ אונ דא
שטייט ויפתח ה' את פי האתון פר וואס שטייט ניט דארט אויך ויפתח ה' את
פי הארץ נאר דארטין האט משה גוזר גיוועזן אויף דער ערד האט זיא
מקיים גוועזן די רייד פון משה אזו ווי ער האט איר גזאגט ופצתה האדמה
את פיה עס איז ניט שיין אז עס זאל שטיין אז הקב"ה האט גטאן דיא
ציווי פון משה נייערט די ערד האט גטאן אזו ווי ער האט גשאפט אבר
דא גיפונן מיר ניט ווער עס האט אויף איר גוזר גיוועזן נייערט עס איז
גוועזן דר ווילין פון הקב"ה אונ ווי אזו ער האט גוואלט אזו איז גוועזן
דרום שטייט ויפתח ה' את פי האתון ווייל פון אים איז דר רצון גוועזן רבי
יהודה זאגט איך הב מסתכל גוועזן אין די רייד פון דעם אתון עס
ווערט גזעהן אז עס קומט נאר ניט ארויס דר פון נאר ווייל הקב"ה
האט איר געעפינט איר מול אזו גיהערן זיין די רייד דברי חכמה אונ
דו ווייסט זאגן די חבריא האבין דאך גזאגט אז די שרים האבן אים
גיפרעגט וואו איז דיין פערד האט ער זיי גיענטפערט עס פאסעט זיך
אין פעלד דרום האט דר אתון גיזאגט איך בין דאך דיין אייזיל פון
תמיד אונ דו האסט מער ניט אונ דו ביסט איין ליגנער איז דאך די
קשיא האט זי דאך גידארפט אן הויבין הלא אנכי אתונך ווארום האט זיא
אן גיהויבין מה עשיתי לך לערנין מיר אפ אז עס איז ניט דא קיין כח אין
קיין בהמה עס זאל רעדן אויף איר איין דיעה שליכה קום אונ זעה
בלעם האט ניט גיקענט בשטיין אנטקעגן דר דעה טפשות פון דעם
אתון ומכל שכן אויף דעם דעת עליון ותאמר האתון לבלעם מה עשיתי לך איז
דען ביי מיר אין רשות צוא טאן גוטס אדר בייז איך גייא נאר וואו
אזו מען פירט מיך חאטשי בלעם האט זיא אן גילאדן מיט מעשה
כשפים ויאמר בלעם לאתון כי התעללת בי זעה וואס פאר איין טיפש ער איז
גיוועזן ער וואלט בדארפט לאכן פון איר אונ ער האט נאך אירע רייד
אן גנומן אונ האט איר דרויף גענטפערט דען האבן די שרים גלאכט
פון אים זייא האבן גזעהן אז ער איז אגרויסר שוטה דרום איז ער
ביי זיי זייער מבוזה גיווארן ער זאגט צום אתון לו יש חרב בידי זאגן
זיי וואס איז דס פר איין שוטה ער וויל אגאנצי אומה פר לענדן מיט
זיין מויל אונ צוא זיין אייזיל באדארף ער האבין איין שווערד מיר
לערנין אפ אז אבהמה גיהער נאר צו איר זאך עס גהער ניט צו איר
עס זאל רעדן אויף איר אנגדררוח אז עס וועט קשה זיין צו אמענטשן
פר וואס זאלן די בהמות ניט קענין ריידין אזו וויא מענטשין זאל ער
זעהן דעם אתון פון בלעם אז הקב"ה האט אים געעפינט זיין מויל וואס
האט ער גירעט ווארום ריידין איז נאר שיין פר אמענטשין ווייטער
איז חסר אין זוהר:

ויהי בבוקר ויקח בלק את בלעם זאגט רבי יצחק בלק איז גיוועזן אגרעס
מכשף פון בלעם נאר ער האט ניט גיקאנט מכוין זיין די שעה ו
מען קאן שעלטן אזו וויא בלעם דרום ויקח בלק את בלעם בלק האט א
אן גיריכט אונ האט אים גיפירט צו אלעמן ויעלהו במות בעל וואס מיי
במות בעל אלא ער האט גיזעהן אין זייני כשפים דורך וואס ער וועט
קענן ביי קומן דען זיי וועלן מאכין במות צוא דר עבודת כוכב
וואס הייסט בעל אזו וויא דר פסוק זאגט וילכו אחרי הבעלים דרום שטיי
ויעלהו במות בעל ער האט אים גוויזן אז דורך דעם קען מען זיי ביי קו
וירא משם קצה העם ער האט גזעהן אז די קצינים אונ חשובים מיט זיי
גרויסין הער וועלין דינן דעם בעל אזו ווי דר פסוק זאגט ויקראו ב
הבעל אונ אויך ביי זייער מלך אחאב שטייט ויקראו בשם ה' ה' הוא האל
אונ בלעם אז ער האט דס דר זעהן האט ער גיזאגט צו בלק בנה לי ב
שבעה מזבחות ער האט גזעהן אז זייער מדריגה איז למעלה משבע כוחות
איז אמשל איין גרויסער הער האט איין ליב האבר אונ אז איינר ו
זיך מיט אים קריגין האט ער מורא פאר דעם גרויסין הער גייט
אונ ברענגט איין מתנה צום גרויסין הער ווי דר גרויסר הער זעה
די מתנה זאגט ער ווי קומסטו צו מיר מיט דר מתנה אלא כדי
זאלסט שלעכטץ טאן צו מיין אוהב הייסט ער די מתנה ווארפן
די הינט אזו אויך בלעם האט גיבראכט די קרבנות פר הקדוש בר
כדי ער זאל קענין שלעכטץ טאן צו די ישראל זאגט הקדוש בר
הוא רשע ווי קומסטו צוא מיר נאר פון וועגן דיא ישראל דיין קר
גיהער פר די כלבים • זאגט רבי שמעון קום אונ זעה דעם גנאי ד
אום ווירדיגן רשע דען עס גיפינט זיך ניט אין דר גאנצר פרשה
זאל שטיין ויאמר ה' אל בלעם אדער וידבר ה' נייערט וישם ה' דבר בפי בל
גלייך ווי איינר טוט אן זיין אייזיל איין צאם זאל זיך ניט קענן רי
אהין אונ אהער אזו אויך וישם ה' דבר בפי בלעם הקב"ה זאגט צו אים
רשע איך וויל ניט אפילו דו זאלסט זיי בענטשן לא מעוקצך ולא מדוב
נייערט גיי צו בלק אונ אז דוא וועכט וועלן עפנין דיין מויל וועס
ניט זיין אין דיין רשות אונ ניט אין דיין מויל הענגט אן דאס רי
אונ אפילו ניט דס בענטשן נייערט מיין קדושה וועט זיי בענטשן
זי הייסט כ"ה תברכי את בני ישראל דרום שטייט וישב אל בלק אבר וכה תד
מיין קדושה פון כה תברכו וועט זיי בענטשן אונ וועט ריידן פון ד
מויל אונ ווי ער איז גיקומן צו בלק אונ בלק האט גיהערט די ברכו
וואס בלעם בענטשט די ישראל האט ער גימיינט ער בענטשט זי
מיט זיין ווילין האט ער גיזאגט לקוב אויבי קראתיך איך האב דיך גירופ
אז דו זאלסט זיי שעלטין צום סוף בענטשטו זייא נאך זאגט בלע
נעם נאר דייני כשפים אין דיין האנט דען מען קען מיט די כשפי
אויף האלטן די קדושה אונ אום רייסן פון זיי די ברכות דרום זאג
ער התיצב כה על עולתך מיט דיין כישוף וועסטו קענן די קדושה מעכ
זיין ואנכי אקרה כה אונ איך וועל די קדושה אום רייסן פון די רייד א
ברכות זאגט הקב"ה צו אים דו רשע איך וועל דיך אום רייסן
אל בלק וכה תדבר מיין קדושה כ"ה מוז ריידין ווי דער רשע האט דא
גיזעהן אז עס העלפט אים נאר ניט זאגט ער הנה ברך לקחתי וברך ו
אשיבנה כלומר דיא ברכות פון דר קדושה כה קען איך ניט אום קער
איך זאל זייא עוקר זיין אז זיא זאל זייא ניט בענטשין זאגט בלע
הן עם כלביא יקום וויא קען מען דיא ישראל עפס טאן אז זייא זענ
אזו שטארק דען תיכף וויא זייא שטייען אויף פון דעם בע

זייא זיך תיכף מתגבר וויא איין לייב צוא דיגען זייער
ען דען זייא הייבן אן תיכף צוא זאגען שירות ותשבחות
קב"ה אונ זיי לערנען אגאנצען טאג תורה ווילין זייא זיך לייגן
פן איז ער פריער מקדש דעם שם העליון אונ לייגט קריאת שמע
איז אוף זיך מקבל דעם עול מלכות שמים למעלה ולמטה עס
ביי נאכט שולט כמה מלאכי חבלה וכמה מיני משחיתים אונ
יי עפנין זייער מול אונ לייגין קריאת שמע אזו ווערן אלי מזיקים
חיתים פר זיי גבונדין ממילא וויא אזו קען מען זייא עפים טאן
כלביא יקום זיי זענען אן גברייט אוף צו שטיין כאריה וויא איין לייב
ער איז איין גבור חיל דר סדר פון אלייב איז ער לייגט זיך אונ
ט איבר שפייז אבר זיי לא ישכב עד יאכל טרף · ד"א הן עם כלביא יקום זייא
ן אוף שטיין מקריב זיין קרבנות אוף דעם מזבח אונ מיר האבן
יינט בשעת דר קרבן איז פר ברענט גווארן הט זיך גוויזן אוף
ה מזבח אזו ווי אפייערדיגר לייב ער הייסט אריא"ל ער האט פאר
נט דעם קרבן אונ אז די ישראל זענען ניט גוט גוועזן הט זיך דס
ר גוויזן אזו ווי דס גשטאלט פון איין הונט וואס ער הויערט דרויף
האבן די ישראל גוויסט אז זיי בדארפן תשובה טאן לא ישכב עד
טרף דס זענען די קרבנות פון דר נאכט היינו עולות אונ איבר די
נות האלט הקב"ה מלחמה מיט זייערי שונאים רבי אלעזר זאגט
שכב עד יאכל טרף איטליכר מענטש וואס ער גייט במצות הקב"ה
ט ער זיך ניט ביז ער הרגית פון דיא מזיקים עלף הונדערט מיט
אונ צוואנציג וואס זייא רוען ביא אים · רבי אבא זאגט טוזנט
ביי דר לינקר זייט אזו ווי עס שטייט יפול מצדך אלף מיט וואס ווערן
פאלין זאגט דר פסוק יעלזו חסידים בכבוד ירננו על משכבותם רוממות אל
ם דרום זאגט ער לא ישכב עד יאכל טרף דס איז לעשות בהם משפט כתוב
אגט רבי חזקיה אנטקעגן דיא דריי מאל וואס ער הט דעם אתון
אגן אונ הט אים אן גלאדן מיט כישוף זענן דיא ישראל דרייא
ל גבענטשט גווארן אונ אנטקעגן די דריי מאל זענען זיי זוכה צו
ן פני ה' דרייא מאל אין יאר עולה רגל זיין דרום שטייט הכית את
ד זה שלש רגלים דס איז מרמז אוף די דריי רגלים וואס דיא ישראל
זענען עולה רגל :

בלעם כי טוב בעיני ה' לברך וגו' ער זעהט אז זיין כישוף העלפט גאר
ניט אונ קיין שום רוגז איז ניט דא למעלה ולא הלך כפעם בפעם
ת נחשים הט ער זיך שון אפ גשייד פון די כשפים ער הט זיך שוין
לט מתעורר זיין מיט אננדרענרוח צו בענטשן די ישראל · זאגט
יהודה עס שטייט דא אויך ותהי עליו רוח אלהים אונ עס שטייט ניט
' אלא ער הט זיך ניט מתעורר גוועזן בקדושה נייערט מיט כוחות
מאה וואס זיי זענען אונטער דר קדושה הייסן אויך אלהים אחרים זאגט
יוסי אז רוח אלהים מיינט מען ניט דיא קדושה ווארום שטייט ניט
אהער רוח אלהים נאר דא זאגט רבי אלעזר אזו האב איך גלערנט
אונ זעה עס שטייט טוב עין הוא יבורך לייען איין טוב עין גהער
בענטשן א מענטשן אונ בלעם איז גוועזן איין רע עין וואס זיין גלייכן
ניט גוועזן אוף וואס ער הט איין קוק גטאן איז דיא זאך גשאלטין
רן אונ דרום הט מען גזאגט אז איינר פירט זיין קינד אוף דעם
ק אונ ער וויל מען זאל אים קיין עין הרע ניט געבין זאל ער
ר דעקין מיט איין מאנטיל זיין קאפ דאס קיין שלעכטס אונ זאל
אים ניט קוקן אונ שלט זיין אזו אויך בלעם האט דא גזעהן אז

זייני כשפים העלפן אים גאר ניט שלעכץ צו טאן צו די ישראל הט
ער גיוואלט אוף זייא אקוק טאן מיט זיין שלעכט אונ ווייל וויא ער
זעהט ווערט דס גשאלטן דרום שטייט וישת אל המדבר פניו דיא טומאה
פון דר מדבר זאל אים העלפן שלעכץ טאן די ישראל זעה וואס עס
שטייט וישא בלעם את עיניו וירא את ישראל שוכן לשבטיו באותו שעה אז
הקב"ה וואלט ניט מקדים זיין צו זיי איין רפואה וואלט ער זייא חס
ושלום גהאט פר לענגט אונ פר לארן מיט זיין עין הרע וואס הט הקב"ה
גטאן איין רפואה באותו שעה שטייט ותהי עליו רוח אלהים דאס מיינט
מען אוף די ישראל הט גרועט דר רוח אלהים אזו וויא איינער פאר
שפרייט איין מאנטיל אוף זיין קינד מען זאל אים קיין עין הרע ניט
געבין אונ עליו גייט ניט אוף בלעם נייערט אוף די ישראל אונ אז ער
הט דס דר זעהן הט ער תיכף גזאגט מה טובו אוהליך יעקב קום זונ זעה
אז איינר וויל געבן דעם אנדרן איין עין הרע אזו גהער ער אים ניט
טאן נייערט ער זאל אים פריר לובן אז ער איז זייער שין אונ דער
מיט איז שולט די עין הרע אזו אויך זאגט דא בלעם מה טובו אוהליך יעקב
ווי שין זענין זיי ווי פיל שייני פלאנצונג איז גפלאנצט צווישן זייא מי
יתן אז זיי זאלן זיין גפלאנצט אין מיין משכן דען זיי זענען גלייך ווי דס
פלאנצונג וואס הקב"ה האט גפלאנצט אין גן עדן יזל מים מדליו עס איז
ניט גפונן אזו איין נטיעה אין דר תורה וויא זייער רואונג וזרעו במים
רבים עס זאל זיך ניט מערן אונ גרוסן דר רוח הקודש זאגט הקב"ה
צו אים רשע דייני אוגן קענן זיי שון גאר ניט טאן ווייל דיא קדושה
איז פר שפרייט איבר זיי דען זאגט ער אל מוציאם ממצרים אל איז טייטש
שטארק כלומר דר חוזק העליון איז בגריפן אין זיי אונ ווידר כתועפות
ראם לו זיי זענען זייער הויך אז קיינר קען ניט שטארקן זיין האנט צוא
גרייכן צו זיי פר גרוס הויכקייט פון זייער מדריגה העליונה דס איז
ווען זיי זענען פרום זענען זיי אין זייער מדריגה אונ שטארק אין זייערי
מצות אונ אזו וויא אלייב ליגט אוף זיין שפייז קען דאך אים קיינר
ניט אוועק רירין פון זיין ארט אזו אויך זייא כרע שכב כארי וכלביא זאגט
רבי אלעזר עס גפינט זיך ניט אוף דר גאנצר וועלט אזו אחכם להרע
ווי בלעם איז גוועזן דען בשעת די ישראל זענען גוועזן אין מצרים הט
זיי דר רשע גמאכט מיט כישוף אונ הט זיי פר בונדין אז זייא זאלין
חלילה ניט קענען ארוס פון דר עבודה ולסוף הט דס אים ניט גהאלפן
דרום זאגט ער דא ווי אזו קען איך זיי אצונד ביז טאן · איך האב
דאך אליין גמאכט זיי זאלן ניט קענען ארוס פון מצרים אונ פון דעסט
וועגין אל מוציאם ממצרים האט זייא השי"ת אום גצוגן פון דארטן דרום
ווען שון אלי חכמים ומכשפים פון דער וועלט זייא ניט קענין קיין
שלעכטץ טאן :

רבי יוסי זאגט עס שטייט ויעל משם בית אל והוא עולה בדרך וגו' ונערים קטנים
וגו' ויאמרו עלה קרח עלה קרח זייא האבין אלישע הנביא זייער
מבזה גוועזן אונ האבן אים גזאגט גייא אוף דו אפ גפליקטער זאגין
אונזרי חכמים דס זענען גוועזן מנוערים אום גלערטי פון מצות אונ תורה
אונ פון דר אמונה די רשעים זענען חייב גוועזן בדין עולם הזה ועולם
הבא אונ עס שטייט יצאו מן העיר דס זייא זענען ארוס גגאנגן פון דעם
סוד היחוד עס שטייט ווייטר ויפן אחריו אלישע הט זיי נאך גקוקט אוב זיי
וועלן חוזר בתשובה זיין אונ אוב עס וועט פון זיי ארוס קומן רעכטי
קינדער ויראם ער האט גזעהן אז זייער מוטר איז מיט זייא מעוברת
גווארן באסור ויקללם בשם ה' האט ער זייא גשאלטן מיט דעם שם ה'

ותצאו

דוכים ותבקענה מהם ארבעים ושנים ילדים די בערן האבן פון זיי גהרגת
צווי און פערציג קינדר אנטקעגן די צוויי און פערציג קרבנות וואס
בלק הט מקריב גוועזן :

## פרשת פנחס

**וידבר** ה' אל משה לאמר ; פינחס בן אלעזר בן אהרן הכהן רבי אלעזר זאגט עס
שטייט שמע בני מוסר אביך דאס איז הקב"ה ואל תטוש תורת אמך דאס
זענן דיא כנסת ישראל מוסר אביך מיינט מען די תורה וואס אין איר
איז פר האנדן כמה תוכחות און מוסר און עונשים אזו ווי עס שטייט
מוסר ה' בני אל תמאס דען דר וואס איז עוסק בתורה בעולם הזה איז ער
זוכה אז מען עפינט אים אויף פיל טויערין און כמה אורות לעולם
הבא בשעת ער גייט אוועק פון דר וועלט פעדרט זיך די תורה פר
אים און גייט צו אלי שומרים פון דיא טויערין און זאגט און רופט
אוס פתחו שערים ויבא גוי צדיק גרייט אן איין ארט צו דעם מענטשן עבד
המלך דען עס איז ניט פאר האנדין קיין גרעסרי שמחה פר הקב"ה
אזו וויא דער וואס איז עוסק בתורה ומכל שכן אז איינר שטייט נאך
אויף ביי נאכט לערנן תורה דען אלי צדיקים הערן צו זיין קול און
הקב"ה איז צווישן זייא אזו ווי עס שטייט היושבת בגנים חברים מקשיבים
לקולך השמיעני וואס מיינט מען היושבת בגנים דס זענן דיא כנסת ישראל
וואס זי איז בגלות חברים מקשיבים לקולך דס זענן די מחנות עליונים הערן
אלי צו דיין קול ושבח אין גלות · קום און זעה ווער עס שטארקט
זיך אין דר שכינה זאל ער זיך שטארקן מיט אזעלכי זאכן וואס האבן
אין איר איין אחיזה דס ער זאל חלילה ניט משקר ופוגם זיין מיט
דעם הייליגן צייכן וואס ער איז אן גהאלטן אין דר שכינה און זי היט
אים און גיט אים שלום וכל שכן ווער עס איז זיך נאך מקנא אויף
דעם וואס ער איז דרוף עובר אזו וויא פנחס האט גטאן ווארום דיא
ישראל וואלטן חלילה גוועזן פר לענט גווארן איבר דעם וואס זייא
האבן גלייקנט אין דעם הייליגן צייכן און האבן אים פאר שוועכט
זיי האבן אים פוגם גוועזן און פינחס הט זיי מציל גוועזן אזו ווי עס
שטייט פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן השיב את חמתי זאגט רבי שמעון נאך
וואס שטייט צוויי מאל בן אלעזר בן אהרן הכהן נאר אצונד הט ער בקומן
די צוויי נשמות פון נדב ואביהוא דרום שטייט פנחס בן אלעזר איז ער
אצונד גווארן בן אהרן הכהן ווייל ער הט בקומן דיא נשמות פון זייני
צווייא קינדר · רבי שמעון איז גזעסן און האט עוסק גוועזן אין דער
פרשת פנחס איז צוא אים גקומן זיין זון רבי אלעזר און זאגט וויא
קומן די נשמות נדב ואביהוא אין פנחס אריין אוב דו וועסט זאגן
ער איז ערשט גבארין גיווארין נאך זייער טוט אמער ער איז דאך
נאך פריער גוועזן איין סגן הכהן זאגט רבי שמעון צוא אים מיין קינד
איך וועל דיר זאגן דעם תוך פון דר זאך בשעת נדב ואביהוא זענן
גשטארבן האבן זייערי נשמות ניט גקענט ארויף קומין תחת כנפי
השכינה ווייל זיי זענן גשטארבן אן קינדר אזו וויא עס שטייט ובנים
לא היו להם און ווער עס האט ניט קיין קינדר איז ער ממעט הדמות
של מעלה און דרום זענן זייא ניט ראוי גיוועזן משמש זיין בכהונה
גדולה · ובשעת אז פנחס הט זיך מקנא גיוועזן אויף דעם וואס דיא
ישראל האבין פר שוועכט דעם הייליגן צייכן און איז אריין גיגאנגן
צווישין אלי חיילות און האט מיט זיין כלי זיין גישטאכן זמרי מיט
כזבי ער הט זיי ביידי ארוס גטראגין אויף דר שפיז פר אלי ישראל

און דר שבט שמעון האבן זיך אלי איין גזאמלט אויף אים איז אי
פר פחד די נשמה ארוס גפלויגן אזו האבן זיך אין אים באהעפט ד
צוויי נשמות פון נדב ואביהוא וואס זענן גוועזן נע ונד אן איין לבו
אזו איז אין אים ווידר אריין זיין נשמה זיא איז נכלל גווארן מיט ד
צווייא נשמות און האבן זיך אין אים גשטארקט דען ער הט אצונ
מרויח גוועזן ער זאל זוכה זיין צו זיין איין כהן גדול וואס ער איז פריע
דר צו ניט ראוי גוועזן דרום זאגט איוב זכר נא מי הוא נקי אבד דר ריינ
צדיק אוב ער הט פר לארן זיין נשמה בשעת זיא איז פון אים ארו
גפלויגן ואיפה ישרים נכחדו דס זענין דיא רעכט פארטיגע בני אהרן א
פון זיי ניט פר מיטין גווארן זיי זאלן אצונד בקומין וואס זייא האב
פריער פר לארן דען זיי האבן זוכה גוועזן צו דר כהונה גדולה דורן
פנחס דרום שטייט פנחס בן אלעזר איז ער פריער גוועזן און היינט איז ע
גווארין בן אהרן הכהן דען ער האט בקומן דיא נשמה פון דיא קינדע
פון אהרן :

**ויאמר** ה' אל משה קח את כל ראשי העם והוקע אותם לה' נגד השמש פר וואס
איז זייא גקומען אזו איין משפט זאגט רבי יהודה ווייל זייא
האבן גזינדיגט בגלוי ובפרהסיא דרום הט מען זיי דן גוועזן בגלוי
זאגט רבי שמעון פון דאנן לערנן מיר אפ ווי אזו דער מענטש זא
זיין חטא מתקן זיין מיט תשובת המשקל והגדר אזו ווי ער האט גזינדיג
מוז אזו זיין דר תיקון מיט דר תשובה דען זיי האבן פוגם גוועזן אי
דעם הייליגן צייכן וואס ער ווערט אן גירופין שמש דרום הט מע
זייא דן גוועזן אנטקעגין דעם שמש און אז איינער טוט תשובה נאו
ער איז ניט רעכט מתקן אין דעם גישטאלט וויא ער האט גיזינדיג
האט ער ניט קיין רעכטין תיקון ד"א ואיפה ישרים נכחדו מיינט מען דיא
מענטשין וואס האבן רעכט פארטיגע מעשים פאר זייער הארן או
זענין מקנא לשמו הגדול זאלין מקדש זיין שמו ברבים אזוי אובי
צווישן די שרי מעלה איז מען אים אויך מקדש און הקב"ה ווערט ד
קענט צווישן אלי מיט זיין צו נעמן אבר ישראל וואס זייא דר קעני
אים ווערט ער צוא זייא דר קענט מיט זיין רעכטין נאמען דען אל
נעמן זענן נאר צו נעמן צו דעם שם ה' אזו אויך איטליכר מלאך הט
זיין נאמן ער זאל דר קענט ווערן מיט דעם שם המלך שלו אבער דיא
ישראל דר קענן אים מיט דעם רעכטן נאמן זאגט ר' שמעון וועלכר
מענטש וואס איז ניט מתקן וואס ער האט פריער גזינדיגט אי
גלייך ווי ער וואלט משקר גוועזן אין דעם חותם המלך און איך לייע
אויף אים דעם פסוק ומצא אבדה וכחש בה ונשבע על שקר דס מיינט מען ער
האט גפונין איין אבידה דיא הייליגי נשמה און ער לייקנט אין איר
איז אים בעסר ער וואלט ניט גבארן ווערן מיר האבן גלערינט איין
צדיק גמור ווערט ניט נדחה פר איין רשע און דער רשע קען אים
קיין שלעכץ ניט טאן אבר איין צדיק שאינו גמור ווערט נדחה פר
איין רשע וועלכר הייסט איין צדיק גמור דר וואס האט ניט איין פאר
קרימטע נשמה דס הייסט ער האט אין יענים גלגול גזינדיגט נאר
ער האט איין ריינע נשמה און ער פר זוכט אלץ מיט זיין חלק ער
בויט הייזער און שלעסר און טויערן אלץ אין זיין חלק ונחלה אבער
איין צדיק שאינו גמור הייסט ער בויט אין אפרעמדר נחלה דס הייסט
ער טוט מצות ומעשים טובים און ווייסט ניט אויב זייא זענן זייני
הייסט ער אצדיק שאינו גמור כחמת דיא נשמה איז ניט ריין דער
ווערט נדחה פר איין רשע גלייך ווי איינר שטעלט אויף ארוסן ניט

דר יסוד איז קרום אונ איין גזונקין איז דער בנין ניט גאנץ ביז איז רעכט מתקן דעם יסוד · אזו אויך דער מענטש וואס זיין בנין תורה אונ מצות איז אלץ גוט נאר דר יסוד הייסט די נשמה איז ריין הייסט ער איין צדיק שאינו גמור אזו אויך פנחס האט ניט גוועזן צו דר כהונה גדולה ביז ער הט מקנא גוועזן לשם הקודש הט ארץ רעכט מתקן גוועזן וואס ער הט פריער מקלקל גיוועזן :

יהודה הייבט אן לדוד שמרה נפשי כי חסיד אני וגו' הבוטח אליך עס וואלט גהערט שטיין הבוטח בך איך פר זיכר מיך אין דיר אבער היינט עס שטייט הבוטח אליך איז טייטש דוד הט פר זיכערט צו הקב"ה הקב"ה כביכול זאל פאר זיכערט זיין אין אים דס ער וועט אויף זיין אלי חצות לילה צו לויבין הקב"ה אזו ווי עס שטייט חצות לילה ...ם להודות לך עס שטייט אקום איך וועל אויף שטיין מיך מקדש זיין דיר ער זאגט שמרה נפשי היט מיין נפש אז זי וועט פון מיר אוועק דען ווען דר נפש גייט אוועק פון דעם מענטשן צו ירשינן עולם בא אז דר נפש איז זוכה גיין כמה חילות עליונים אקעגן אונ היטן אונ זיי ברענגן זי ארויף אלי ראש חודש אונ שבת צו מקשר זיין זי דר שכינה אבר ווען זי איז ניט זוכה אזו קומן כמה משחיתים איר קעגן אונ זענן זי דוחה וויי צו דעם נפש דס זי ווערט גווארפין אזוי אשטיין אין אשליידר דרום הט דוד גיבעטין אז הקב"ה זאל אים טן זיין נפש אונ זי זאל מקובל ווערן פר הקב"ה כי חסיד אני ווי אזו ט ער זיך אליין גרופן חסיד אלא ווער עס היט זיין ברית קודש פון ת דר הייסט אצדיק והסיד ער ירשת עולם הבא דרום שטייט ועמך ם צדיקים לעולם יירשו ארץ דאס מיינט מען ארץ החיים לעולם הבא :

בי חייא הייבט אן עדות ביהוסף שמו וגו' שפת לא ידעתי אשמע יוסף האט גיקענט שבעים לשונות דען גבריאל האט מיט אים גילערינגט שעת אז דס וייב פון פוטיפר הט אים תובע גוועזן לזנות הט ער ה גמאכט גליך ווי ער הט ניט פר שטאנן איר לשון דר נאך הט זי ם אן גחאפט ביי זיין קלייד אונ דר רוח הקודש שרייט אקעגן אים וסרד מאשה רעה מנכריה אמריה החליקה אונ וויל ער הט גהיט דעם ברית ט ער זיך בהעפט אין דר שכינה דרום הט אים הקב"ה מוסיף גוועזן ין אות פון זיין נאמין דרום שטייט עדות ביהוסף אונ אזוי אויך פנחס ער הט מקנא גוועזן אויף דעם ברית הט ער אים אויך מוסיף גוועזן ין אות דרום הייסט ער פינחס מיט איין יו"ד רבי יוסי זאגט ווער עס ז מכבד דעם שם הקודש פון זיין הערין אונ טוט אים ווערדיגן עוה"ז אונ היט דעם היליגן צייכן איז ער זוכה אז הקב"ה טוט אים ערדיגן איבר אלי דס וייסין מיר פון יוסף וויל ער הט גהיט דעם רית אזו ווי עס שטייט וירכב אותו במרכבת המשנה אשר לו אונ עס שטייט ון אותו על כל ארץ מצרים אונ ניט דאס אליין נאך דער ים איז אויך שפאלטן גווארן פר זיין ארון אזו ווי דר פסוק זאגט הים ראה וינס ויאל אים שטייט וינס ויצא החוצה פנחס הט אויך זוכה גוועזן בעולם הזה עולם הבא · אונ הט לענגר גלעבט פון אלי יוצאי מצרים אונ הט בה גוועזן לכהונת עולם ער מיט זייני קינדר נאך אים אוב די וועסט רעגן ער איז דאך פריער אויך גוועזן איין כהן פר מעשה זמרי · עס ז אזו דען די וואס זאגן אז פנחס איז פריער ניט גוועזן קיין כהן נאר צונד איז ער ערשט גיווארן · זיי לערנן דס אפ וויל עס שטייט ביא עשה זמרי והיתה לו ולזרעו אחריו ברית כהונת עולם תחת אשר קנא איז משמע ר הט ערשט זוכה גוועזן צו זיין אכהן איז בוודאי רעכט אונ נאך דעם וואס ער זאגט אז ער איז פריער אויך גוועזן אכהן איז אזו ער פשט · קום אונ זעה דר כהן וואס ער הרגית אנפש ווערט ער פסול צו דר כהונה דען זיין מדריגה וואס ער הט אין איר איין אחיזה ווערט נפגם אונ פסול צו אים ממילא איז דאך פנחס מצד הדין פסול גוועזן צו דר כהונה וויל ער הט גהרגת צו זמרי נאר ער הט מקנא גוועזן צו הקב"ה איז ער מייחס די כהונה אויף אייביג צו אים אונ צו זייני קינדר לדורי דורות ·

רבי אלעזר הייבט אן ויראני את יהושע הכהן הגדול עומד לפני מלאך ה' עס שטייט ווייטר ויהושע היה לבוש בגדים צואים ועומד לפני המלאך דר מלאך איז דומה שר של גיהנם אונ דר וואס גייט אין די פר שמירטי קליידר פירט ער אים אין גיהנם דרום האט ער אים אויך גוואלט פירן אין גיהנם ביז עס איז גקומן איין קול הסירו הבגדים הצואים מעליו מען זאל אפ טאן פון אים די בגדים צואים וואס זיי ווערן פון די שלעכטי מעשים פון דעם מענטשן דרום שטייט ראה העברתי מעליך עונך והלבש אותך מחלצות אונ הט אים אן גטאן טייערי קליידר וואס דורך זיי קען ער זעהן די פני השכינה דעם כבוד פון זיין הערן אזו פנחס איז ניט אפ גיטאן גווארן פון דר וועלט ביז עס איז צו אים מתוקן גווארן אנדרי קליידר וואס דר רוח הט פון זיי הנאה לעולם הבא אונ אין איין שעה הט ער אום גטאן זייני לבושים אונ הט אן גיטאן דיא טייערי לבושים מקיים צו זיין הנני נותן לו את בריתי שלום ווייטר זאגט ער סודות עס איז גמאלט אז צדיקים זאלן זיין זייער ארום אזו ווי מיר גפינן ביי רבי אלעזר בן פדת אונ רבי חנינא בן דוסא אזו אויך איוב איז גוועזן אצדיק אונ הט גליטן גרוסי יסורים דרום וויל ער איז גוועזן איין זון פון איין יבמה דען אז איינר איז מייבם זיין ברודרס וייב קומט אין דעם זון וואס ער האט מיט איר דיא נשמה פון דעם מת ער ווערט אצונד מתוקן וואס ער הט פריער מקלקל גוועזן דס איז איין צדיק ורע לו אונ די וואס זיי פר שטיין ניט זאגן זיי אז דרום איז אצדיק אמאל ניט גוט וויל בני חיי ומזוני לאו בזכותא תליא מלתא נייערט עס גווענט זיך נאר אין מזל אבר עס איז ניט אזו דען מיר זעהן דאך ביא אברהם דען זיין מזל הט אום גוויזן אז ער זאל קיין קינדר ניט האבן האט אים הקב"ה ארום גצוגן פון זיין מזל אזו ווי עס שטייט ויוצא אותו החוצה דען פר מתן תורה איז אלץ גוועגט גוועזן אין מזל אפילו בני חיי ומזוני אבר אז די ישראל האבן די תורה מקבל גוועזן זענן זיי ניט אונטערין מזל דרום וויל אברהם הט גיהאט די ה' אין זיין נאמין דאס ווייזט אויף חמשה חומשי תורה וואס זייני קינדר וועלין מקבל זיין דרום האט ער אים גגעבן אלי הימלן אונ אלי מזלות אז זיי זאלין זיין אונטער אים אונ אז ער וועט לערנן תורה לשמה ער זאל זיא מקיים זיין דר איז ניט אונטר די מזלות אבר ווען ער לערינט די תורה ניט אויף דעם תנאי ער זאל זי מקיים זיין איז ער יוא אונטר די מזלות כמכל שכן די עמי הארצים דס זיי זענן גגליכן צו די בהמות דאס אויף זייא שטייט ארור שוכב עם כל בהמה דאס פון זייא איז בטל גיווארין דער כח המזלות ווייטר שטייט פון דעם סוד הגלגול כדי די מלאכים זאלין אים ניט דר קענן מוז מען אים מאכין שינוי השם ושינוי המקום ושינוי מעשה אזו וויא אברהם הט ניט זוכה גוועזן צו האבן קינדר ביז ער הט משנה גוועזן זיין מקום אזו ווי עס שטייט לך לך מארצך אונ שינוי השם לא יקרא עוד את שמך אברם אונ שינוי מעשה דס הייסט מען מוז דיא ערשטע מעשים רעים אוועק ווארפין אין מען מוז טאן מעשים טובים אזו אויך וועט הקב"ה שיקט אראפ די נשמה פון אויבין אונ ברענגט זי אראפ אויף

דער

דער וועלט זאגט דער פסוק משנה פניו ותשלחהו דען ווען דער משחית
וואס הייסט עברה בגעגינט אים אונ ער איז שון פאר ענדערט אין זיין
פנים פון פריער פרעגן אים די אנדערע משחיתים דם איז דר חוטא
ענטפערט ער דם ער איז שון ניט ווייל ער איז שון ניט אין יענם בנין
ער איז שון גאר אנדערר בנין אזו ביי איין נגע אין שטוב שטייט
ועפר אחר יקח וטח את הבית אזו איז ער שוין אין אנדערן גוף וגידין ובשר ועצמות
אונ דר ערשטער גוף וואס ער איז גיוועזן מיט איין נגע צרעת איז צו
שטוסן אין דר ערד אזו הט ער היינט איין תיקון עס איז איין משל
אבוים וואס מאכט ניט קיין פיל פירות נעמט מען די צווייגן אונ מען
איז זיי מרכיב אין אנדערן בום אזו מאכט ער שוין פירות אזו געהער
אוך אמענטש צו טאן אז ער זיצט אין איין שטאט וואס רשעים זיצין
דארטין אונ דורך זיי קען ער ניט האלטין די תורה ומצות אונ ער
איז ניט מצליח בתורה מוז ער אוועק גיין פון דארט אויף אנדער
ארט וואו עס זיצן רעכטע לייט וואס האלטן תורה ומצות וואס דאס
הייסט עץ חיים היא למחזיקים בה אונ דער מענטש הייסט עץ כי האדם עץ
השדה אונ די מצות הייסין פירות שטייט ווייטער אותו תשחית וכרת דעם
זאלסטו פר שנייצן פון עולם הזה אונ פר דארבין פון עוה"ב דרום
מוז ער אוועק גיין פון דעם ארט אין אזו איין ארט ווי צדיקים זענן
דרינען דרום זאגן די חכמים ולא המדרש עיקר אלא המעשה ער זאגט ווייטער
פון איוב ער הט גמוזט ליידן יסורים מחמת דיא זינד פון זיין דור
אונ אזו אוך אלי צדיקים וואל צו דעם חלק פון דעם צדיק וואס ער
קען מנצח זיין דעם מקטרג מיט דעם איז ער מציל דעם גאנצן דור
אונ ווערט איין רועה נאמן ומנהיג הדור דרום הט משה זוכה גוועזן
צו זיין איין רועה נאמן אויף די ישראל דם זיי זענין ניט פר לארין
גיווארן בעולם הזה אונ ער האט זייא מנהיג גוועזן בתורה ומעשים
טובים אונ אזו אוך וועט ער אויף זיי שולט זיין בעולם הבא אין דעם
קומט ארייין צו זיי משה דער רועה נאמן ער פרעגט ווען די וועלט
איז בצרה נעמט הקדוש ברוך הוא צו דעם צדיק אזוא וויא איינער
אז ער איז שלאף לאזט אים דער רופא בלוט פון איין אדר פון זיין
רעכטי האנט פר וואס לאזט ער אים ניט פון זיין לינקע האנט זי איז
דאך נאהינט צום הארצן • זאגט רבי אבא צו רבי יוסי איך וועל דיר
זאגן וואס עס האט זיך גיטראפן מיט דר היליגר ליכט רבי שמעון •
אמאל בין איך מיט אים גגאנגן אין דר טאל פון אשטאט אונ מיר
האבן עוסק גוועזן בתורה דעם גאנצן טאג אונ מחמת עס איז זייער
שטארק גוועזן די היץ פון דער זון האבן מיר זיך גיזעצט אין אלאך
פון איין פעלזין זאג איך צו אים וואס איז דם אז אלי מאל וואס רשעים
זענן דא אויף דר וועלט אונ דר דין איז דא אויף דר וועלט אזו ווערן
די צדיקים גשלאגן אזו ווי מיר האבן גלערינט אז די צדיקים ווערין
ניתפס אין דר זינד פון דעם דור פר וואס איז דם זאל איך זאגן דם
איז מחמת זייא האבן דיא רשעים ניט גישטראפט עס איז דאך דא
בפה מוכיחים אונ דיא רשעים זענין עס ניט מקבל עס מוז זיין זייא
שטארבן כדי עס זאל ניט בלייבן קיין מגין אויף זיי דען כל זמן זיי
לעבן קען קיין דין ניט קומן אויף די רשעים ווייל זיי זענן מגין עס איז
דאך אבר ניט קיין שמחה אויף זיי אז זיי שטארבן זאגט רבי שמעון
בוודאי ווערן זיי נתפס אין די זינד פון דעם דור אונ זיי זענן מכפר
אויף דר וועלט פון וואגיז ווייסין מיר דם פון די אברים פון דעם גוף

אז זיי זענן שלאף אונ עס איז אויף זיי איין צרה אזו שלאגט מען בלוט
צו דעם חולה אין איין אבר אזו ווערט גיהיילט דר גאנצר גוף אזוי
אוך די גאנצי וועלט איז גלייך וויא אברים אונ ווען דר מדת הדין
איז שורה אזו נעמט הקב"ה צוא אצדיק שלאגט ער איין אבר אונ
דורך דעם ציהט ער אוים די רפואה צו דר גאנצר וועלט אזו ווי דר
פסוק זאגט והוא מחולל מפשענו מדוכא מעונותינו ובחבורתו נרפא לנו ווען ער
מאכט אבייל צו איין אבר ווערן אלי גהיילט אונ איז מכפר אויף דעם
דור אונ דם איז דר סוד פון צדיק ורע לו אונ דר צד אחר דר שטן אי
מקטרג אויף אים אזו איז דער דין שולט אויף דעם צדיק אונ דער
צדיק איז דר פר זוכה לגדולה עליונה בעולם הזה ובעולם הבא אונ
צדיק וטוב לו איז אז הקב"ה בגערט אים ניט צו נעמין פר דר וועלט
האב איך אים ווידער גיפרעגט ווען עס זאל נאר אזוי זיין צוא איין
צדיק וואלט רעכט גוועזן עס איז דאך אבר דא פיל צדיקים וואס זענן
שלאף מיט צרעת אונ צרות אונ די האבן פיל טובות אויף דר וועלט
זאגט ער מיט איינם אדר מיט צווייא יסורים איז מאקי גינג אזו ווי
מען שלאגט בלוט צו איין חולה פון איין האנט ווערט דר גאנצר גוף
גהיילט אזו אוך איז גינג אצדיק אבר ווען דם שלאפקייט שטארקט
זיך אונ ווערט גרעכר אזו מוז מען שלאגן פון דר אנדרר האנט אוך
אזו אז עס איז דא פיל עונות אין דור אזו ווערן זיי אלי גשלאגן כדי
צוא מאכין איין רפואה צום גאנצן דור אבר אז עס איז ניט דא קיי
פיל רשעים אזו איז גינג אצדיק ער זאל נתפס ווערן בעון הדור דע
עס דארף ניט די גאנצי וועלט גשלאגן ווערן אבר אז דם דור ווערט
גהיילט מיט תשובה ווערן די צדיקים אוך גהיילט אין אמאל איז פ
דאגן אז דר צדיק איז כל ימיו קראנק ער זאל מגין זיין אויף דעם דור
אונ אז ער שטארבט ווערן אלי גיהאלפן אונ האבן אכפרה דר נא
זענן מיר אויף גשטאנן אונ זענן ווייטר גגאנגן אונ עס איז זייער איי
הייסר טאג גוועזן אונ דם שטארקייט פון דר זון איז גרוס גיוועזן או
עס איז אונז זייער שלעכט גוועזן ביז מיר האבן דר זעהן בוימר אזוא
האבן מיר זיך גזעצט אין אשאטן פון אבום הייבט אן רבי אבא ע
שטייט שירו לה' שיר חדש תהלתו בקצה הארץ וויא גאר זענין דיא צדיקי
גלובט פר הקב"ה דען זיי זענין פון דר קדושה פון הקב"ה למעל
וואס הייסט ישראל אונ אלי זייערי שמחות איז נאר צו מאכין איחו
ביי אלי זאכן לשם יחוד קוב"ה ושכינתיה דען מיר האבן אזו גלערינט אל
שמחות וואס די ישראל האבן אונ זענן זיך ניט משתף צו הקב"ה אי
דם ניט קיין שמחה אונ דר ס"מ מיט זיין חברותא זענן אן גבריית צ
מקטרג זיין אויף דר שמחה אונ עס ווערט איין בכיה אונ הקב"ה אי
זיך ניט משתף צו דעם צער אבר אז דר מענטש איז משתף אין זיי
שמחה צוא הקב"ה ושכינתיה ווען דער מקטרג קומט מקטרג צוא זיי
אויף דר שמחה אונ מאכט דער פון איין צער איז זיך הקב"ה כביכו
משתף אין זיין צער אזו וויא עס שטייט בכל צרתם לו צר עשו אנכי בצר
פון וואנן ווייסן מיר דם אז מען דארף משתף זיין צו הקב"ה בשע
שמחה ווארום עס שטייט ישמח ישראל בעושיו עס וואלט גידארפט צו
שטיין בעושו אין זיין בשעפער וואס דען שטייט בעושיו לשון רבים נא
די שמחה פון דיא ישראל איז נאר מיט די וואס זייא האבן אין אי
איין חלק דאס איז הקב"ה מיט זיין פאטר אונ מוטר אונ חאטשי ד
פאטער אונ מוטער זענין שוין גישטארבין נעמט זייא הקב"ה ארויס

...ן דעם גן עדן אונ ברענגט זייא מיט זיך זייא זאלין זיין אויף דער
...מחה אונ אויף דעם שטייט נעשה אדם בצלמנו מיר וועלען מאכען
...שותפות דען מיר האבין גילערינט דריי בעלי מלאכות האט הקב"ה
...מאכט ער זאל פון זיי אוים ציהען די גאנצי וועלט דאס זענען שמים וארץ
...ם אונ איטליכר האט איין טאג משמש גיוועזן דעם ערשטין טאג
...אבן די הימלען אוים גיצוגען זייער אומנות אזו וויא עס שטייט ויאמר
...ים יהי אור ויהי אור דעם אנדרין טאג האט דיא וואסר אוים גיצויגין
...מנות אזו ווי עס שטייט יהי רקיע בתוך המים ווען די וואסר וואלט זיך
...ט צו טיילט האלב ארויף אונ האלב אראפ וואלט די וועלט קיין
...ים פט גיהאט • דעם דריטין טאג האט דיא ערד אוים גיצויגין איר
...מנות אזו וויא עס שטיט תדשא הארץ דשא • דעם פערטין טאג איז
...ער גיוועזן דיא הימלין יהי מאורות ברקיע השמים • דעם פינפטין טאג
...ן ווידר גיוועזן דיא וואסער ישרצו המים שרץ • דעם זעקסטין טאג איז
...ער גיוועזן דיא ערד תוצא הארץ נפש חיה אז דיא דרייא זענען שוין
...רטיג גיווארין זאגט הקב"ה איך האב צו מאכין איין אומנות צו
...שאפין איין מענטשין אזו איז דרייא שותפים אין דעם מענטשין
...קב"ה מיט זיין פאטער אונ מוטר דער פאטער גיט זיין חלק פון
...מים ומים דיא מוטער גיט איר חלק פון דער ארץ אונ הקב"ה איז
...ן שותף צוא זייא אונ גיט אים דיא נשמה דרום שטייט ישמח ישראל
...שיו איז לשון רבים מיינט ער דיא דרייא שותפים אונ אז זיינע
...טער אונ מוטר זענין שוין גשטארבין גייט גאט אריין אין גן עדן
...ב נעמט זיי ארוים זיי זאלין זיך משמח זיין אין דר שמחה פון זייער
...בד אונ דיא מענטשין ווייסין דאס ארץ ניט אבער בייא איין צרה
...ילה איז הקב"ה ניט מודיע צו דיא פאטער אונ מוטר אזו וויא עס
...טייט בצר לי אקרא ה' ואל אלהי אשוע • רבי אבא מיט רבי יוסי זענען
...עסן אין איין שאטין פון איין בוים אונ האבן דארט מגלה גיוועזן
...דות התורה דר ווייל האבין זיי דר זעהן וויא אין הויז גייט ארוים
...ווי איין גישטאלט פון איין מענטשין איז רבי אבא גיפאלין אויף
...פנים זאגט רבי יוסי איך גידענק איין מאל האב איך אויף דעם
...ט גיזעהן רבי פנחס בן יאיר דס ער הט גיזאגט סודות אין פרשת
...חס אויף דעם פסוק פנחס בן אלעזר ווייל פריער איז דער ברית
...ען נאר צוא משה דרום אז פנחס האט מקנא גיוועזן אויף דעם
...ית הט משה רבינו אליין גימוזט זאגין צו אים הנני נותן לו את בריתי
...ם דרום שטייט לכן אמור לו דרום זאג צוא אים אבר פון דעסט
...גין איז פון משה גאר ניט אוועק גינומען גיווארין עס איז גלייך
...ען ווי מען צינד אן איין ליכט פון דעם אנדרין ווערט דאך דאס
...שטי גאר ניט נחסר אין דעם קומט דר צל אונ זעצט זיך אנידער
...קושט אים אונ זיי הערין אז איין קול שרייעט ראמט אוים איין
...ט רבי פנחס בן יאיר איז דא ביי אייך דען מיר האבין גילערינט
...עת דיא צדיקים זענען מחדש דברי תורה פון אזו איין צדיק ווענין
...ער איז שון אויף יענעם עולם אזו איז זיין נשמה פוקד דס ארט אונ
...מט צו זיי ער זאגט וואול איז מיין חלק וום איך האב זוכה גיוועזן
...א זיין בחברותא פון דעם צל הקודש אונ זאגט ווייטער פון רבי
...חס ווענין דברי תורה דער פסוק זאגט כל אשר תמצא ידך לעשות בכחך
...וגו' איטליכר מענטש דארף זעהן צו טאן מעשים טובים כל זמן
...ליכט ברענט אים אויף זיין קאפ דס הייסט כל זמן די נשמה איז
...דעם גוף וגם איז דער כח של מעלה אז וויא משה רבינו האט

גיזאגט ועתה יגדל נא כח ה' אזו זאל ער טאן דעם ווילין פון זיין האר כל אשר תמצא ידך לעשות ווס דו קענסט טאן בכחך כל זמן דר כח רייכט אין דיר עשה טוא אויף דעם כח האבין מיר גילערינט כל העונה אמן יהא שמיה רבא בכל כוחו ער מוז דר וועקין דעם כח של מעלה אונ מיט דעם כח זאל ער צו ברעכין די קליפות דען ביי דעם כח איז דיא מעשה דס הייסט אויף דר וועלט קענסטו טאן במעשה וחשבון אבר אז דו שטארבסט אין מעשה וחשבון בשאול אשר אתה הולך שמה דארט קען מען שוין ניט טאן קיין תשובה • פרעגט ער וואס זאגט שלמה בשאול אשר אתה הולך שמה גייט דען איטליכער מענטש אין גיהנם אריין זאגט ער בוודאי איז אזו אז איטליכער מענטש מוז גייז אין גיהנם אריין נאר גם איז פר האנדין אזעלכי וום גייען תיכף ארוים אזו ווי עס שטייט מוריד שאול ויעל חוץ דיא רשעים וואס זענין גישטארבין אן איין הרהור תשובה די גייען ניט ארוס אבר אפילו צדיקים גמורים מוזן אריין גיין לפי שעה אונ מען נעמט זיי תיכף ארוים פון דארט אונ די צדיקים ברענגין ארויף די רשעים וום זיי האבין מהרהר בתשובה גיוועזן פר דעם טויט אונ זענין גישטארבין אונ האבין קיין תשובה ניט גיטאן דס איז גישריבן בקיצור • זאגט רבי אבא איך גידענק איין זאך וואס איך האב גיהערט פון דער היילגער ליכט רבי שמעון ער האט דאס גיהערט פון רבי אליעזר עס איז איין מאל צוא אים גיקומען איין אפיקורוס אונ זאגט אלטער אלטער דרייא שאלות האב איך דיר צו פרעגין איינס איז וואס איר זאגט אז מען וועט אייך בויען איין בית המקדש אמער מיר גיפונען דאך ניט אין דר תורה עס זאל זיין איין בית שלישי ורביעי דאס ווס האט גידארפט גיבויט ווערין איז שוין גיבויט גיווארין אונ ווייטר דארף שוין מער ניט זיין דען עס שטייט נאר אין פסוק שני בתי ישראל אויך שטייט גדול יהיה כבוד הבית הזה האחרון מן הראשון • די אנדערע שאלה איז דאס וואס איר זאגט אז איר זענט זייער נאהונט למלך עליון אמער דר סדר פון דער וועלט איז דאך ווער עס איז נאהונט צוא דעם מלך איז ער תמיד בשמחה אונ איר זענט תמיד אינצער אונ אין מורא ודוחק ויגון • די דריטי שאלה איז איר עסט ניט קיין נבלות וטריפות כדי איר זאלט זיין גיזונד אונ שטארק אין אייערע גופים אונ לסוף זייט איר תמיד שלאף מיט חלאים רעים אונ צוא בראכין מן הסתם זעגט איר אזו איין פאלק וואס הקב"ה הט אייך פיינט • אלטער אלטער זאג מיר ניט קיין שום תירוץ ווארום איך וועל דיך גאר ניט הערין אונ וועל ניט פר נעמען דיינע רייד • הייבט רבי אליעזר אויף זיינע אויגין אונ הט אויף אים איין קוק גיטאן איז פון אים גיווארין איין הויפין ביינר דס הייסט ער איז תיכף גישטארבין אז דר רוגז איז פון אים גישטילט גיווארין הט ער אום גיקערט זיין קאפ אונ הט גיוויינט אונ זאגט ה' אדוננו מה אדיר שמך בכל הארץ עס איז ניט פר האנדין קיין שום ווארט ווס עס זאל ניט ארוים גיין מפיו של הקב"ה • דיא אלי זאכין וום דר רשע האט סך גיפרעגט האב איך דס גיפרעגט צו אליהו האט ער מיר גיענטפערט מען הט דס מסדר גיוועזן בישיבה של רקיע פר הקב"ה בשעת די ישראל זענען ארוים גיגאנגען פון מצרים הט הקב"ה גיוואלט אז זיי זאלין זיין אויף דר ערד אזו ווי די מלאכים קדושים למעלה אונ הט זיי אליין גיוואלט בויען איין בית המקדש אונ האט זיי גיוואלט פלאנצין איין היילגי פלאנצונג אין גישטאלט פון אויבין אזו ווי עס שטייט תביאמו ותטעמו בהר נחלתך דוא זאלסט זייא אליין ברענגען אונ פלאנצין בהר

נחלתה

בר ופקודתך אז דו וועסט מיך גדענקן לעתיד אזו וויא צום ערשטן
מרה רוחי דען דיא נשמות פון דיא צדיקים ווערן גיהיט תחת כסא
כבוד אונ די שכינה היט זייא ווידר צו קערין אין זייער גוף ארײן
תחיית המתים דען אלי נשמות זענין ביי איר בפקדון אזו ווי דער
סוק זאגט בידך אפקיד רוחי אזו הט דוד אויך גזאגט שמרה נפשי כי חסיד
זאגט דר רעיא מהימנא דס איז משה רבינו גרויסי סודות שמרה
שי כי חסיד אני תאמשי מען הט גזאגט אין דר גמרא אז דוד הט אזו
זאגט בין איך דען ניט קיין חסיד אלי מלכי מזרח ומערב שלאפין
יז דרייא שעה אויף דעם טאג אונ איך שטיי אויף חצות לילה איך
אל דיך לובין אונ ווידר מייני הענט זענין פאר שמירט בשפיר ושליא
טהר אשה לבעלה מיד איז נקומען איין צפרדע צו דוד כלומר דר ממונה
ון צפרדעים אונ האט גזאגט צו אים וואס באריממסטו דיך חצות לילה
קום להודות לך אמער איך שוויג אגאנצי נאכט ניט פון צו לובן הקב"ה
ונ איך זינג פר אים זאגט דוד ווייא צו דיר ממונה פון צפרדעים
ו פר שטייסט ניט וואס איך זאג איך הב ניט גיזאגט כי חסיד אני נאר
ייל דיא רבנן האבין גזאגט ולא עם הארץ חסיד דיא תורה איז גיגעבין
ווארין מימין של הקב"ה וואס הייסט חסד אונ דר וואס לערינט תורה
הייסט ער חסיד דרום הב איך אזו גזאגט צוא הקב"ה שמרה נפשי וגו'
יו זאלסט מיך ניט דן זיין ווי די עמי הארצים וואס ביי זיי שטייט ולא
ם הארץ חסיד אוב דו וועסט זאגין עס איז דאך דא עמי הארצים וואס
יי טוען יוא חסד אלא אזו האבין זיי גזאגט וועלכס הייסט רעכטער
חסד המתחסד עם קונו אז מען טוט חסד מיט השי"ת אזו ווי דוד האט
ימאן ער הט מחבר גיוועזן דיא תורה של מעלה מיט השי"ת אונ אז
ער מענטש שטארבט שטייט אויף זיין נפש בהתהלכך תנחה אותך בשכבך
שמור עליך והקיצות היא תשיחך דס מיינט מען לתחיית המתים זיא וועט
אים אויף ריכטין אבר וואס איז דר שכר פון דער נשמה לעולם הבא
לא הקב"ה קלייד זי אן אין איין ענן הכבוד אין גישטאלט ווי איין
וף מיט מ"ח אברים זי וועט ארײן גיין אין איין מרא"ה וואס הט אין דר
אל רמ"ח אורות דרום שטייט אם יהיה נביאכם ה' במראה אליו אתודע וגו'
ונ כרובים גייען ארויף אונ אראפ אונ זאגין גיט כבוד צו דר צורה
ונ גישטאלט פון דעם מלך אונ תרי"ג מלאכים ברענגען ארויף דיא
שמה אין איר גישטאלט אלי זענין כנפיהם פרודות מקיים צו זיין ואשא
תכם על כנפי נשרים ואביא אתכם אלי איידעם גישטאלט וויא זייא זענין פון
מצרים ארויס גגאנגין מיט ענני כבוד אונ מיט אלערלייא כבוד אזו
יז אויך די נשמה אז זיא גייט ארויס פון דעם גוף וואס ער איז אטפה
רוחה ארײן צוא גיין אין גן עדן התחתון ועליון אונ דרום שטייט
שמחו השמים ותגל הארץ אונ דענמט מאל וועט מקוים ווערין ולא יכנף עוד
ורידהו עיניך רואות את מוריך פריער הט די נשמה ניט זוכה גוועזן צוא
עהן די שכינה אבר דר נאך זענין זיי רואה פני השכינה אונ דורך
י אלי בריאות הט משה רבינו זוכה גיוועזן ער איז גיוועזן רבן של
נביאים ורבן של מלאכי השרת:

בכה רבי פנחס ווײנט אונ זאגט איך האב דאך גיזאגט אז די שכינה
הט מיר גיגעבין מתנות טובות וואול צו מיין חלק אז איך הב
ם זוכה גיוועזן צו הערין אונ צו זעהן אונ זכאה איז דר דור אז דוא
בסט ביי זיי אין דור זאגט רבי שמעון זכאה איז דער דור אז דוא
מיט דיין חסידות וועסט גפונען ביי זייא ווי זיי זיצן אזו אונ פרייען
יך קומט אן רבי אלעזר דער זון פון רבי שמעון זאגט רבי שמעון

רבי אלעזר מיין זון זיץ אונ זאג דיין פסוק הייבט ער אן ויעקב הלך לדרכו
ויפגעו בו מלאכי אלהים אמאל גיפונען מיר דס לשון פגיעה ביי איין טובה
אונ אמאל ביי איין רעה אונ אמאל ביי איין תפלה אונ בשעת יעקב
איז גיגאנגען קיין חרן הט ער מתקן גיוועזן תפלת ערבית אויף דעם
דעם ארט וואס איז ראוי גיוועזן צו מתקן זיין ויאמר יעקב כאשר ראם מחנה
אלהים זה ער הט גיזעהן די מלאכים פון נאכט אונ מלאכים פון בייא
טאג דרום הט ער זיי גירופן מחנים צווייא מחנות אונ אצונד האב איך
דא אויך גזעהן מחנות קדושים וואול צו מיין חלק וואס איך האב זוכה
גיוועזן אהער צו קומען הייבט רבי אלעזר אן מיר האבן גלערינט ווער
עס זאגט תהלה לדוד דריי מאל אלי טאג איז ער איין בן עולם הבא
פר וואס איז דס זאל איך זאגין דס איז דר טעם ווייל פרנסה אונ מזון
שטייט דארטן דס איז דאך אבר נאר צוויי מאל אין טאג אזו וויא
דר פסוק זאגט בתת ה' לכם בערב בשר לאכול ולחם בבוקר נאך וואס בדארף
מען דס דריי מאל זאגין אלא צוויי מאל איז פון וועגין מזון צו דער
גאנצער וועלט אונ איין מאל איז צו געבין כח צו דעם ארט וואס איז
פותח יד ומשביע לכל חי רצון נאך איין טעם איז צוויי מאל איז פון וועגן
פרנסה אונ איין מאל איז נאר פון שיר ושבח וועגן דאס איז צווישן
די שירות ותשבחות וזמירות פון דוד דאס איז ווען מען זאגט דיא
הללויה איז ניט ראוי צו בעטין אויף פרנסה נייערט נאך דר תפלה
דען פון אונזר תפלה הט כביכול הנאה ווי פון אבילה כלפי מעלה וואס
הקב"ה זאגט דרויף אכלתי יערי עם דבשי דען דר סדר איז צום ערשטין
עסט דער מלך דער נאך זייני קנעכט דרום שטייט באתי לגני אחותי כלה
אריתי מורי עם בשמי אכלתי יערי עם דבשי שתיתי ייני עם חלבי דס זאגט כביכול
הקב"ה דר נאך שטייט אכלו רעים שתו ושכרו דודים • אכלתי יערי דס איז דיא
תפלה מיושב דס איז יוצר אור והאופנים וחיות הקודש זיי הייסן אלי
אילנות ונטיעים פון דעם יער הלבנון של מעלה • עם דבשי דאס איז קריאת
שמע דס איז אזו זיס ווי נופת צופים ומתוקים • שתיתי ייני עם חלבי דס
איז תפלה מעומד מיינט מען שמונה עשרה • שתיתי ייני זענין די ערשטי
דריי ברכות פון שמונה עשרה • ביז אהער איז די אכילה פון דעם
מלך הכבוד כביכול ווייטר איז אכלו רעים של מעלה שתו ושכרו דודים של
מטה דרום איז ער מחויב צוא זאגין נאך אמאל תהלה לדוד נאך
דער שמונה עשרה דס איז אין דר פריא איין מאל אונ דאס אנדערי
מאל פר מנחה ווידר די שווערי דינים הייבין אן שולט זיין אויף דר
וועלט לייכטן נאך דיא אורות של מעלה אונ דרום זאל ער זאגן תהלה
לדוד פון וועגין פרנסה דען דער נאך אז דיא דינים זענין שון שולט
איז ניט דיא צייט מתפלל זיין אויף פרנסה ווארום דאס איז מצד
החסד אזו איז גיקומען רבי פנחס אונ הט אים גשוקט מיר האבן דך
גישריבין בדרך נגלה כדי מען זאל וויסן אונ זעהן דעם גרויסן סוד
פון די תפלות אין וואס פאר איין הויכע מדריגה זיי זענין • דיא אנשי
כנסת הגדולה האבין דס אלץ מסדר גיוועזן על פי סוד ווערליג דיא
עולמות נאך אונ מען טאר ניט פאר קערין דעם סדר אדר ארײן
שטעלין אנדערי תפלות ווארום מען איז חלילה משנה ומפסיק די צנורות
אונ זייני תפלות ווערט אלץ מקולקל ווארום דער מענטש מיט זייני
אברים איז גישטעלט גיווארן אנטקעגין אובין דס איז פיל סודות
אונ אז דר מענטש עסט נעמט דר לעבר אלץ צו אין זיך ארײן גוטץ
אדר שלעכץ פון דעם גיט ער אפ דאס לוטערי אין הארץ ארײן אונ
עשו איז גגליכן צו דעם לעבר דרום שטייט והוא אדמוני כולו מיט בלוט

אונ זיין שר למעלה איז מתקן די רעכטי אכילה פר יצחק אונ זאגט
יקום אבי ויאכל מציד בנו דען דם הארץ איז יצחק וואס ער איז מצד הקדושה
אז די ישראל זענען גיוועזן אין ארץ ישראל זענען זיי געשפייזט גיווארן
פון דר שכינה אזו איז אוך גיהייסן ביי איין קרבן אזו ווי דאס הארץ
קאזט צו דעם לעבר דם פסולת וטנוף ולכלוך אזו אוך אלי שלעכטי
מעשים אונ זינד פון די ישראל האט מען גיגעבין אויף דעם שעיר
לעזאזל פון יום כפור אזו ווי עס שטייט ונשא השעיר עליו את כל עונותם
ער האט אויף זיך גינומען אלי עונות פון יעקב איש תם אונ דאס
איבריגי פסולת נעמט די מילץ אין זיך אריין דס איז לילית אונ דער
לעבר איז דער ס"מ מיט דעם ווערין די הערצר פון די ישראל לוטער
אונ קלאר פון עונות דס הקב"ה איז זיי מוחל אום יום כפור אונ פון
די קרבנות זענען די חיילות של מעלה אוך ניהנה אבער דר חלק פון
הקב"ה איז נאר דער רצון הלב אונ אז דער מענטש צו ברעכט זיין
הארץ אזו וויא עס שטייט לב נשבר ונדכה אלהים לא תבזה אזו וויא איין
ערדרינע כלי איז נאר איר טהרה פון דר טומאה מיט דעם וואס מען
צו ברעכט זיא אזו איז אוך דער מענטש הקדוש ברוך הוא באגערט
נאר די גוטע מחשבה אונ דעם רצון הלב אז די ישראל זענען גיוועזן
גוט אונ פרום פלעגט קומען איין פייער פון אויבין ווי פון איין לייב
אונ הט פר ברענט זייערי קרבנות אבער אז זייא האבין גיזינדיגט
איז ער שון גיקומען בדמות כלב אונ האט מקבל גיוועזן דעם קרבן
אזו אוך דיא נשמה אז דער מענטש איז זוכה ווען ער שטארבט
קומט איר אנטקעגין דר מלאך ארי"ה דס הייסט מיכאל אונ נעמט זיא
צו זיך אונ ברענגט זיא פר איין קרבן צוא הקב"ה אבער חלילה אז
ער איז ניט זוכה קומט דר ס"מ בדמות כלב אונ נעמט זיא צו זיך דרום
האט דוד המלך גיבעטן הצילה מחרב נפשי מיד כלב יחידתי זיין נפש זאל
ניצול ווערין פון דעם כלב :

רבי שמעון הייבט אויף זיין קול אונ זאגט ווי ירושלים עיר הקודש
דס אלי טובות זענען פון דיר פר לארן גיווארן די גרוסי שרים
וממונים של מעלה איז זייער געשטאלט אוך קלענער גיווארן כביכול
האבין דיא חבריא אן גיהובין צו וויינין אונ זאגין ווייא רבי אז דו
וועסט אפ גיטאן ווערין פון דר וועלט ווער וועט אונז מגלה זיין רזין
סתימין טיפע פאר הויגני סודות אזו ווי מיר האבין גיהערט פון דיר
עס איז ניט גיהערט גיווארן אזעלכי זאכין פון שלמה המלך ביז
אצונד וואול צו דעם דור וואס זיי הערין די רייד מיט די סודות אונ
וואול צו דעם דור וואס דו ביסט צווישן זיי אונ וויי צו דעם דור וואס
זיי וועלין בלייבין יתומים פון דיר · הייבט אן רבי שמעון אונ זאגט
שמע ישראל וגו' שטייט אין דעם פסוק איין גרויסע עיין מיט איין גרויסע
דל"ת מאכט דס עד דרום שטייט עד ה' ככם בלייבט איבער פון שמע
ש"ם אונ פון אחד א"ח דאס מאכט אשמח אנכי אשמח בה' · בה' ממש רב
המנונא סבא זאגט ווער עס איז מייחד אלי טאג דעם יחוד איז אים
אן גיברייט די שמחה מלמעלה · רבי שמעון וויינט אונ לאכט אונ
זאגט איך וועל נאך מגלה זיין דען עס איז אצונד איין עת רצון אונ
עס וועט שון ניט זיין אזו איין דור ער זאל האבין רשות מגלה צוא
זיין אזעלכי סודות ביז אין דעם דור וואס משיח וועט קומען :

השיב את חמתי מעל בני ישראל איז דאך קשה אז ער האט ווידר אום
גיקערט דעם צארין פון הקב"ה פאר וואס זענען גישטארבין פון
די ישראל פיר אונ צוואנציג טויזנט מענטשן אזו שטייט דאך ויהיו
המתים במגפה ארבעה ועשרים אלף נאר דאס איז דיא לוטערי זאך דען חס
ושלום עס איז פון די ישראל אפילו איינר ניט גישטארבין נייערט
דר שבט שמעון האבין זיך פר מישט מיט דעם ערב רב דיא זכרים
מיט זייערי נקבות אונ דס ערב רב האבין זיך מגייר גיוועזן אונ האבין
גינומען טעכטער ביי דעם שבט שמעון אונ האבין מיט זיי גיהאט
קינדר זענען אטייל אום גישטארבין פון ערב רב בשעת מעשה העגל
אונ אטייל אין אנדערי מיתות אונ די איבריגע זענען גישטארבין אין
דר מגפה דרום שטייט ויהיו המתים במגפה אונ עס שטייט ניט אשר מתו
נייערט המתים וואס זיי זענען שון לאנג גישטארבין אבער פון די ישראל
איז קיינר ניט גישטארבין דען זייא האבין זיך גיהיט אונ דרום זענען
זיי ווידר גיציילט גיווארן דען עס איז פון זיי אפילו איינר ניט נחסר
גיווארן דרום שטייט ולא כליתי את בני ישראל דיא ישראל זענען ניט פאר
לענט גיווארן נאר דאס ערב רב זענען פאר לענט גיווארן אזו אוך
שטייט השיב את חמתי מעל בני ישראל נאר פון זיי הט ער אום גקערט דעם
גרים צארין אבער ניט פון דעם ערב רב אזו אויך ביא דעם עגל
שטייט ויפול מן העם עס איז נאר גיפאלין פון דעם ערב רב ניט פון די
ישראל דרום שטייט ויקהל משה את כל עדת בני ישראל זאגט רבי אלעזר עס
וואלט בוודאי זייער רעכט גיוועזן עס שטייט דאך אבר ויצמד ישראל
לבעל פעור אונ מיר האבין גילערינט אז פיל פון די ישראל האבין זיך
באהעפט לבעל פעור אזו ווי איין העפטיל דס איז איין מין תכשיט
בהעפט זיך אין דעם מענטשן זאגט רבי שמעון עס איז בוודאי אזו
איך זאג נאר די ישראל זענען ניצול גיווארן פון דעם טויט אונ זאג
ניט אז זייא זענען ניצול גיווארן פון דעם חטא זאגט רבי
אבא עס שטייט דאך קח את כל ראשי העם והוקע אותם זענען זיי דאך ניט
ניצול גיווארן פון מיתה זאגט רבי שמעון עס שטייט דאך אויך עס
ניט ישראל דאס ערב רב הייסט עם אבער קום אונ זעה עס שטייט
ויצמד ישראל לבעל פעור אבער זיי האבען אים ניט גידינט דר פסוק ווייזט
אוך אזו עס שטייט ויאכלו וישתחו אונ עס שטייט ניט וישתחו ישראל עס
שטייט ויצמד ישראל לבעל פעור עס וואלט גידארפט שטיין בבעל פעור נאר
זיי האבן זיך ניט מכוון גיוועזן אים צו דינען נייערט זייא האבין אים
גגעבן איין צירונג אונ כח אן דעת אונ אן כוונה דען די עבודה פון
דעם בעל פעור איז גיוועזן מען זאל זיך פאר איר אויף דעקין אונ
מוציא זיין צואה אונ פון דעם הט זי הנאה גיהאט אונ איז געשטארקט
גיווארן אבער די ישראל האבין דאס גיטעהן זיי גיזאגט צו תאמר
לי דס איז דאך איר איין זלזול ובזיון האבען זיי אויך אזו גיטאן נאר
אן דעת אונ אן דעם ווילן דרום הט פנחס מכפר גיוועזן אויף זיי אונ
האט פון זייא מבטל גיוועזן די מגפה דרום שטייט ויכפר על בני ישראל :

רבי אבא איז גיזעסין פר רבי שמעון איז רבי שמעון אויף גישטאנין
האלבי נאכט לערנען תורה איז רבי אלעזר אונ רבי אבא אויך
מיט אים אויף גשטאנען הט רבי שמעון אן גיהובין צו זאגן עס שטייט
כאיל תערוג על אפיקי מים וגו' דעם פסוק האבין שון דיא חבריא מפורש
גיוועזן וואול צו דיא צדיקים וואס הקב"ה האט זייא גיגעבין היילינע
נשמות פון איין היילינ ארט כדי זייא זאלין טאן זייני מצות אונ זיך
מייגע אין דער תורה דען דער וואס עס איז זיך משתעשע אין דער
תורה דר הט פר קיינעם קיין מורא ניט עס שטייט לולי תורתך שעשועי
אז אבדתי בעניי ווען איך וואלט זיך ניט מייגן אין דר תורה וואלט איך
פר פאלן גיווארן דורך מייני שונאים אונ דס הייסט וואס מיר האבין



נלערינט

גילערינט אז הקב"ה קומט זיך משתעשע זיין מיט די צדיקים אין גן עדן דאס הייסט ער פרייט זיך מיט זייא וואול צוא דיא צדיקים דם זייא זייא שטייט אז תתענג על ה' הקב"ה טוט זיי דעם עונג וואס הייסט על ה' אין דעם נחל עליון דרויף שטייט והשביע בצחצחות נפשך דאס הקב"ה אליין איז זיך אין דעם משתעשע פון דעם נחל עליון דם זענען גרויסע סודות אונ אורות עליונים וואס מען קען ניט ארויס שרייבין · קום אונ זעה דר נפש מיט דעם רוח זענען תמיד באנאנד אונ דר מענטש מוז ליב האבן צו הקב"ה אזו ווי עס שטייט ואהבת את ה' אלהיך וגו' אזו ווי דם ליב שאפט פון דעם נפש ורוח וויא זיי זענען בהעפט אין דעם גוף אונ דר גוף האט זיי ליב אזו מוז זיך דר מענטש בהעפטין ליב צוא האבן להקב"ה דרום שטייט נפשי אויתיך בלילה מיין נפש אונ מיין רוח טוט דיך פארשטן צוא בהעפטן זיך אין דיר מיט גרויס אהבה בלילה דם פר גרויס ליבשאפט צו הקב"ה מוז דר מענטש אויף שטיין אלי נאכט עוסק זיין בתורה ביז עס ווערט טאג אזו ווערט אויף גיצוגן איין חוט של חסד וואול צו דעם מענטשין וואס ער האט מיט דר אהבה ליב צו הקב"ה אונ שטייט אויף האלבי נאכט צו לערנין תורה אונ אזו זענען די צדיקים אמת וואס הקב"ה הט זיי ליב דען די גאנצי וועלט האט איין קיום פון זייערט וועגין :

תאנא מיר האבן גילערינט דר צדיק וואס בהעפט זיך מיט זיין נפש ורוח למעלה צו הקב"ה באהבה אזו ווי עס דארף צו זיין הט ער איין שליטה אויף דר וועלט אונ אלץ וואס ער איז גוזר אויף דר וועלט מוז מקוים ווערין אונ דם לערנן מיר אפ פון אליהו ער האט גיזאגט חי ה' אשר עמדתי לפניו אם יהיה השנים האלה טל ומטר כי אם לפי דברי · קום אונ זעה בשעת די נשמות קדושות ווערין אויס גיצוגן מלמעלה למטה מיחוד קב"ה ושכינתיה זענען זיי קליין דם זיי שטייען למעלה פאר הקב"ה אונ דר רצון המלך איז מסתכל צו זיין אין זיי בשעת הקב"ה הט גיווייט זיין רוח הט ער גיווייט אין אלי חילות השמים זענען זייא אלי בשאפן גיווארן אין זייער שטאנד אזו ווי עס שטייט וברוח פיו כל צבאם אזעלכי נשמות איז פר האנדין וואס זיי בלייבן אויבן פר הקב"ה ביז ער נידרט זיי אראפ אונ אזעלכי נשמות זענען מיום שנברא העולם אונ אז זייער צייט קומט גייען זיי אראפ אין איין גוף אריין אונ עס איז פר האנדן אזעלכי נשמות וואס זייא זענען שולט למעלה ולמטה דרום הט אליהו גיזאגט חי ה' אשר עמדתי לפניו עס שטייט עמדתי איז טייטש וואס איך בין שון לאנג גישטאנען דר נאך איז אליהו ווידר ארויף אוף זיין ארט אבר אנדערי נשמות קענין ניט קומן אויף זייער ארט ביז זייא שטארבן פריער דרום ווייל זיי זענען פריער ניט גישטאנען פר הקב"ה אונ דרום איז אליהו גיווארין איין מלאך אונ איין שליח אויבין :

יפקוד ה' אלהי הרוחות לכל בשר וגו' רבי אבא הייבט אן הגידה לי שאהבה נפשי אם לא תדעי לך היפה בנשים צאי לך בעקבי הצאן דעם פסוק האבין דיא חבריא מפורש גיווען אוף משה בשעת ער האט בדארפט שטארבן האט ער גיזאגט יפקוד ה' אונ מיר האבין גילערינט אז דער פסוק איז גיזאגט גיווארן אויף גלות דם די כנסת ישראל זאגין צו הקב"ה דען ווען דיא כנסת ישראל זענען ניט אין גלות זענין דיא ברכות בכל העולמות אונ אלץ איז בשלימות ובשמחה אונ דיא ברכות ושפע זענען פול אונ פיל אויף אלי ערטער אבר אז זייא זענען אין גלות טוט הקב"ה שרייען אזוא וויא דער פסוק זאגט שאוג ישאג על נוהו ער טוט שרייען אויף זיין וואונונג אונ זאגט אוי שהחרבתי את ביתי נאך וואס האב

איך פר ברענט מיין היכל אונ האב פאר טריבן מייני קינדער אין גלות דען זאגט דיא כנסת ישראל צו הקב"ה הגידה לי שאהבה נפשי דיא ביסט מיין אהבת נפש דם אלי מייני אהבה איז צו דיר איכה תרעה זיי ווען שון ניט זיין אלי ברכות אונ שפע אונ שמחות שלמה אהיה כעוטיה פר וואס זאל איך זיין אום גיוואנדן אן ברכות על עדרי חבריך דם זענען די בני אבות המרכבה הקדושה למעלה · ענטפערט איר הקב"ה דאס זענען פיל פר בארגני זאכן וואס מען קען ניט וויסן אבר איך גיב דיר איין עצה דו יפה בנשים צאי לך בעקבי הצאן האלט זיך צווישן צדיקים וואס זיי האלטן זיך נידריג אזו וויא די טריט פון מענטשן פון זיי ווערסטו איין קיום האבן פון דעסט וועגין זאג איך דיר ורעי את גדיותיך דם זענען די יונגי ציקלך די קליני קינדר על משכנות הרועים די וואס לערנן זייער תורה ביי איין רבי דורך זייער זכות האסטו איין קיום דם די וועלט שטייט אויף דעם הבל פון די קינדר ווען צדיקים אונ קליני קינדר וואס זיי לערנן תורה ביי זייער רבי זענען דא האט אלץ איין קיום ווען עס איז דא צדיקים אונ דר דור זינדיגט ווערין זיי נתפס בעון הדור צום ערשטין דם הקב"ה נעמט זיי פון דר וועלט חאטשי זיי האבין גאר ניט גיזינדיגט · אונ ניט דם אליין נייערט די שכינה איז אויך אין גלות דרום זאגט דער פסוק אם הכהן המשיח יחטא לאשמת העם יחטא איז טייטש מינערין אונ גיבראכין אזו ווי עס שטייט ביי בת שבע והייתי אני ובני שלמה חטאים ממילא מיינט אזו דר פסוק אם הכהן המשיח דם איז הקב"ה אז ער ווערט כביכול בחסרון דען אז די ישראל זענען אין גלות ווערט קיין ברכות ניט גיפונען דם איז נאר לאשמת העם איבר די זינד פון דעם פאלק ישראל :

צו את בני ישראל ואמרת אליהם את קרבני לחמי עס שטייט החפץ לה' בעולות וזבחים הקב"ה וויל ניט אז דר מענטש זאל זינדיגן אונ זאל ברענגן דרויף קרבנות נייערט אזו איין קרבן וואס מען ברענגט אן איין חטא דאס הייסט איין קרבן שלם דאס איז אקרבן שלמים אונ אתודה חאטשע עס איז מכפר אויף עבירות · רבי חייא איז גיגאנגין צוא זעהען רבי אלעזר הט אים בגעגינט רבי חגאי פרעגט ער אים וויא אהין גייט דר הער זאגט עם רבי חייא צו זעהן רבי אלעזר זאגט רבי חגאי איך וועל אויך גיין מיט דיר זאגט רבי חייא אויב דוא קענסט מכביר זיין איין סברא וואס דו וועסט הערין מעגסטו גיין אונ אויב ניט קער זיך אום זאגט ער זארגט ניט מיין הער איך האב שון גהערט פיל סודות התורה אונ איך וועל וואול פאר שטיין הייבט אן רבי חגאי את קרבני לחמי לאשי את קרבני דם איז דר קרבן בשר מכפר צו זיין אויף דעם בשר פון דעם מענטשין · בשר איז מכפר אויף בשר אונ אזו האב איך גיהערט ווען דר מענטש האט גיזינדיגט וואס האט דיא בהמה גיזינדיגט אז מען זאל זיא ברענגן פר איין קרבן כפרה אלא הקב"ה הט בשאפן דעם רוח פון מענטשן אונ דעם רוח פון בהמות עס איז אגרויסר חילוק צווישן זיי אונ דרום איז רוח האדם העולה היא למעלה ורוח הבהמה היורדת למטה · אידער אדם הראשון האט גיזינדיגט שטייט ויאמר אלהים הנה נתתי לכם כל עשב זורע זרע אונ קיין פלייש הט ער ניט גיטארט עסן נאר גראז אונ אז אדם הט גיזינדיגט אונ דר יצר הרע איז גקומן אין זיין גוף אונ אין זייני תולדות הט הקב"ה גיטאן דין דר נאך איז גיקומן נח הט ער גיזעהן אז דר גוף איז גיבויט גיווארן ממקום יצר הרע הט ער מקריב גיווען איין קרבן שטייט וירח ה' את ריח הניחוח אונ עס שטייט כי יצר לב האדם רע מנעוריו זאגט הקב"ה פון הייגט אן ווייל

דד

דר גוף איז געבויט געווארן פון דעם יצר הרע געהער דר גוף גיהנם זיין
אזו ווי עס איז ראוי ער זאל יוא כמעט עסן פלייש דרום האט הקב"ה
געזאגט צו נח כירק עשב נתתי לכם את כל אזו ווי גראז אזו מעגט איר עסן
פלייש ממילא היינט אז זיי עסן פלייש הט דאך זיין בשר ודם הנאה
פון דעם פלייש און וואקסט און מערט זיך דר פון און ווערט פאר
מישט מיט דעם פלייש און דורך דעם זינדיגט ער דרום זאגט הקב"ה
די כפרה זאל זיין פלייש פר פלייש און בלוט פר בלוט אזו וויא דר
פסוק זאגט כי הדם הוא בנפש יכפר · עס שטייט את קרבני דאס איז טייטש
מיין קרבן און ווידר שטייט את קרבנכם אייער קרבן אלא קרבני מיינט
מען קרבן שלמים זייא קומן ניט אויף שום קיין חטאים דאס
געהער צוא הקב"ה און קרבנכם איז חטאות ואשמות דאס קומט אויף
אייערי חטאים לחמי דם איז זיין לחם ריח דם איז קטורת ניחוח וום דער
כהן מאכט ברצון פון דעם שם הקודש ווען און דר לוי הט געזונגן
שיר ושבח אויף דעם קרבן במועדו אין דער צייט ווערן געפונין פיל
ברכות למעלה ולמטה פיל יחוד און דיא קליפות ווערן אפ געשייד
און פאר שפרייט און הקב"ה בלייבט איין יחיד ומיוחד דורך דעם
קומט רבי חייא און קושט אים און זאגט דו ביסט יוא ראוי צו זעהן
רבי אלעזר ער זאגט ווייטר סודות וואורום הט הקב"ה געגעבן דאס
מלכות צו יהודה מער פון אלי ברידר אלא וויל אין נאמן פון יהודה
איז דר גאנצר שם הקודש און די ד׳ דם מאכט דוד דם ער הט זיך
מער מקשר געוועזן אין דעם שם פון דער גאנצר וועלט אזו וויא דער
פסוק זאגט ובקשו את ה׳ אלהיהם ואת דויד מלכם זייא גייען אריין צוא רבי
אלעזר און זעצן זיך אנידר לעבן אים שווייגט רבי אלעזר שטיל און
זייא שווייגן אויך אזו גייט אריין רבי אלעזר אין זיין חדר הערט ער
איין קול זאגט גייא אריין און זאג זייא וום זיי בגערן זיי זענען רעכט
ווערדיגי לייט ער גייט אריין צו זיי און זאגט טאמר האט איר עפיס
געהערט זאגט מיר זאגן זיי מיר האבן און ווארטן דר לייכט ווערין
פון דעם לוטרן אור עליון און מיר ווען פר שטיין וום דר הער וועט
זאגן זאגט ער זיי גרוסי סודות אין דעם קומט איין פייער און רינגלט
אים ארום און זיי בלייבן חוץ דעם פייער האבן זיי געהערט איין קול
זאגט הביאני המלך חדריו עס פאלט אויף זיי אגרויס ציטרניש און זאגן
מיר זענן ניט ראוי דער צוא קאמער אוועק גיין זייא בלייבן דארטן
אנאנצן טאג און קענין אים ניט זעהן זאגן זיי עס איז ניט דער רצון
פון הקב"ה מיר זאלן אים זעהן גייען זייא אוועק הייבט אן רבי חייא
ברכו ה׳ מלאכיו גבורי כח הקב"ה הט געגעבן די תורה הקדושה צו די וום
זענען אלי געוועזן אויף דעם בארג סיני מיט איין רצון און האבען
געפעדרט נעשה פר נשמע דענסט מאל הט הקב"ה גירופן צוא דער
פמליא של מעלה און זאגט זיי ביז אהער זענט איר בייא מיר געוועזן
יחידים אויף דר וועלט און פון היינט אן זענען מייני קינדר וואס איז
אויף דר ערד אייערי חברים איר הט שון קיין רשות ניט היליגן מיין
נאמן ביז מייני קינדר וועלן זיך צוא אייך מחבר זיין און איר זאלט
אלי זיין חכמים מקדש זיין מיין היליגן נאמן דרום וויל זייא האבען
געזאגט נעשה ונשמע אזו ווי איר פעדרט אייער עשיה פאר אייער
שמיעה אזו ווי עס שטייט ברכו ה׳ מלאכיו גבורי כח עושי דברו שטייט פריער
עושי זיי טוען און דר נאך שטייט לשמוע בקול דברו נאך איין פשט איז
מלאכיו דם זענען די צדיקים בארץ זיי זענען אזו חשוב פר הקב"ה אזו
ווי די מלאכים ברקיע דרום וויל זיי זענען גבורי כח דאס זייא זענען זיך

מתגבר אויף דעם יצר הרע ווי איין גבור אנטקעגן זיין שונא לשמ[ע]
בקול דברו זייא זענען זוכה געוועזן צוא הערן איין קול מלמעלה ווען ז[יי]
בדארפן עס וועט קאן שטיין מיט דיא קדושים עליונים ביי אנאנדע[ר]
וואול צו די וואס קענען ביי זיי שטיין זכאין זענען די וואס קענען ניצול ווע[רן]
פאר זייא דיא השגחה פון הקב"ה איז בייא זייא אלע טאג דרו[ם]
שטייט אשרי תבחר ותקרב ישכון חצריך און עס שטייט אשרי אדם עוז לו
רבי אבא הייבט אן זבחי אלהים רוח נשברה לב נשבר ונדכה אלהים לא תבזה דע[ם]
פסוק האט מען שוין מפורש געוועזן דאס דער רצון פון הקב"ה א[יז]
ניט אז דער מענטש זאל ברענגען איין קרבן אליין אויף זיינ[ע]
חטאים נייערט איין צוא בראכענעם רוח און די מענטשען ווייסן ני[ט]
וואס זייא זאגין און אזו האב איך געהערט פון דער הייליגער ליכ[ט]
רבי שמעון ווען א מענטש קומט זיך מטמא זיין מיט זינד אזו ציה[ט]
ער אויף זיך איין רוח הטומאה און ער איז זיך מתגאה אויף דע[ם]
מענטשן און איז שולט ומושל אויף אים מיט וואס ער וויל אבער ד[ער]
מענטש בדארף זיך שטארקן אויף דעם צד הטומאה און זיך מטה[ר]
זיין און צו ברעכין דעם רוח פון גאוה און בזמן אז דר בית המקד[ש]
איז געשטאנען האט ער געבראכט איין קרבן און הט אים מקריב געווע[ן]
איז אים געוועזן דר קרבן לרצון ווען ער הט נאר רעכט חכמה געהא[ט]
און האט צו בראכין דעם רוח הטומאה אבער אז ער האט ניט צוא[ו]
בראכן זיין רוח הטומאה איז דר קרבן נאר קיין קרבן ניט געוועזן או[ן]
איז ווארן געווארפן פר דיא הינט דען דר קרבן איז ניט צוא הקב"[ה]
נייערט צוא דיא כלבים עזי נפש וואס זיי האבין גאוה דרום שטיי[ט]
זבחי אלהים רוח נשברה ווען הייסט ער איין רעכטער קרבן אז ער האט
דעם רוח הטומאה צוא בראכין און דיא גאוה איז שוין ניט שולט
אויף אים און ווער עס צוא ברעכט זיא רעכט אזוא וויא עס שטיי[ט]
רוח הולך ולא ישוב דער מענטש איז בטוח אז ער וועט זיך שוין ניט אומ[...]
קערין צו אים אייביג ווייטר שטייט לב נשבר ונדכה דער מענטש וואס
האלט זיך ניט בגאוה און טוט זיך ניט אן תענוגי עולם הזה אלהים ל[א]
תבזה פר שעמט אים ניט הקב"ה און איז ביי אים בכבוד ווייטר זאג[ט]
רבי שמעון גרוסי סודות און די טעמים פון קרבנות אזו זענען גקומ[ען]
רבי אלעזר מיט רבי אבא און מיט דער איבריגי חברייא און פא[ר]
שפרייטן זיך פר אים זאגט רבי אבא ווען הקב"ה וואלט ניט געגעב[ן]
די תורה אויף דעם בארג סיני נאר הקב"ה וואלט געזאגט אז דם אי[ז]
די תורה און די סודות פון בר יוחאי וואלט שון גניג געווען אוף דע[ר]
וועלט ווי צו דער צייט וום די וועסט אפ גיטאן ווערן פון דר וועלט
ער וועט לייכטן די ליכט פון דר תורה · פון דר צייט וום די וועסט
אפ גטאן ווערן וועט אלץ פר פינצטערט ווערן דען עס וועט שון אז[...]
איין דור ניט זיין ביז משיח וועט קומן :

עשירית האיפה סולת דם איז אקעגין די ישראל און דרום איז אוף דיא
פינף מיני תבואה ניט פר האנדין קיין ממונה נאר הקב"[ה]
כביכול אליין דרום ווער עס איז מזלזל מיט ברוט און ווארפט ע[ס]
אוף דר ערד אזו יאגט אים נאך ארימקייט און דרוף איז שון פא[ר]
האנדן איין ממונה ער זאל אים נאך יאגן ביז ער ברענגט אוף אי[ם]
ארימקייט איידר ער גייט אוועק פון דר וועלט און אוף אים שטיי[ט]
נודד הוא ללחם איה ער איז פר וואגלט און נע ונד פון איין ארט אוי[ף]
דעם אנדרין און קיינר איז זיך איבר אים ניט מרחם דרום וויל ע[ר]
הט מבזה געוועזן די קדושה וואס זיא הייבט זאגט דער רעיא

מהימנא

הימנא צו זיי אוף דעם ווער עס איז מזלזל אין דיא שטיקליך ברוט
ווארפט זייא וויא אהין ער דארף ניט ומכל שכן ווער עס איז
לזל אין די ברעקליך פון דעם מוח וואס דאס איז די זרע אונ ער
ארפט זיי אוף דר ערד ווי ער דארף ניט אזו ווי עס שטייט ביי דעם
ר המבול כי השחית כל בשר את דרכו על הארץ אדר ער ווארפט זיי בנדה
פחה זונה ומכל שכן ווער עס איז מזלזל אין דיא ברעקליך פון דר
רה דס זענן די סודות כל המשתמש בתגא חלף ומכל שכן ווער עס איז
פר דברי תורה סתרי אותיות קבלה ממעשה בראשית שמות
קדושים צו דעם וום עס איז צו אים ניט ראוי איז אויף זייא שולט
ר יצר הרע אשת זונה וגו׳ עד ככר לחם ווייטר זענין סודות אונ אביפל
לן מיר שטעלין דם וואס עס איז בדרך נגלה דער רעיא מהימנא
גט צעהן זאכן איז פר האנדן אין תיקונים וום דר מענטש זאל זיך
הג זיין בשולחן של שבת תיקון אחד ער זאל אן גרייטן דעם טיש פון
בת גלייך וויא ער וואלט גדארפט עס פאר דעם מלך אזו ווי עס
טייט זה השולחן אשר לפני ה׳ דם אנדרי איז נטילת ידים ער זאל וואשן
הענט פר דעם עסן ווערליג דעם שיעור וום די רבנן האבן גהייסן
ז די פינף קשרים דם אין איטליכר האנט איז פר האנדן פערצין
ידר איז אין ביידי הענט אכט אונ צוואנציג גלידר דם ווייזט אוף
וסי סודות אונ די צעהן פינגר זענין אקעגן די עשרה מאמרות אונ
שרת הדברות אונ די גלידר זענן אקעגן די כ״ח אותיות וום מיט זיי
ן די וועלט בשאפן גווארן · דם דריטי איז כוס של ברכה אין דעם
ליין איז פר האנדן צעהן זאכין איינס איז הדחה מען זאל דעם כוס
ם שווענקן פון דרוסן אונ דם אנדרי איז שטיפה פון אינעווייניג אזוי
דר כוס ווערט ריין אונ לויטר דורך דר וואסר אזו אוך ווערט די
שמה ניט ריין נאר דורך דר תורה וום זי הייסט מים אונ דרוף הט
בן גמליאל גזאגט אתלמיד חכם וום ער איז אינעווייניג ניט ריין זאל
ר ניט אריין גיין אין בית המדרש ניט וויא אנדרע מענטשן וואס
ידין אחד בפה ואחד בלב נייערט ער דארף זיין אזו ווי דער שם
קודש איז גלייך מבחוץ ובפנים אונ דער מענטש הייסט איין זון
הקב״ה דאס איז דער טעם ושהרו וקדשו עכ מוז זיין טהרה בפנים וקדושה
יוז דר איז מצד עץ החיים אבר ווער עס איז ניט גלייך דאס מול
יט דעם הארץ דר איז מצד עץ הדעת טוב ורע דם דריטי איז עטור
ר טיש זאל זיין גיקריינט מיט תלמידי חכמים וואס זיי ריידין דברי
ירה ניט אזו ווי ביי איין עם הארץ דאס אוף זיין טיש איז גיזאגט
וארן כי כל שלחנות מלאו קיא צואה בלי מקום · דם פערטי איז עיטוף ער מוז
ך ביי דעם טיש ארום וויקלן זיין קאפ דען די מארי מתניתין האבן
אגט עס איז אסור צו אתלמיד חכם ער זאל גיין בגילוי הראש דען
י שכינה איז מלא כל הארץ כבודו מכל שכן בשעת ברכה אונ ווען ער
ר מאנט איין שם זאל ער ניט זיין בגילוי הראש · דם פינפטי איז חי
ר ויין טאר ניט זיין גימישט דם ווייזט אויף יינה של תורה דם די
ורה ווערט גידרשת מיט שבעים פנים וויא פיל דיא צאל פון יין
ברעפט אונ ווער עס איז אין דעם עוסק הייסט חי · דם זעקסטי איז
לא ער דארף זיין גאנץ פיל אזוי מוז דר מענטש אוך זיין פיל מיט
ר תורה אונ גאנץ אזוי ווי יעקב איש תם ושלם אונ די נשמה מוז
ך זיין גאנץ אן איין פגם דען אז דר מענטש זינדיגט חלילה מאכט
ר אפגם איז זיין נשמה דען אזו וויא אין דעם גוף איז פאר האנדן
מ״ח אברים ושס״ה גידים אזו הט די נשמה אוך רמ״ח אברים ווערן

זיי דר לייכט פון דיא רמ״ח מצות עשה אונ שס״ה גידין ווערין דער
לייכט פון דיא שס״ה לא תעשה אונ אז ער זינדיגט אזו ווערט דיא
נשמה נחסר דעם אבר וום דר חטא הט אין דעם איין אחיזה הייסט
זיא אבעל מום קען זיא שון ניכאל ניט מקריב זיין אוף דעם מזבח
עליון עס שטייט כל אשר בו מום לא יקרב דרום מוז ער זיין גאנץ דאס
זיבעטי איז מקבלו בשתי ידיו ער מוז בתחלה נעמן דעם כוס מיט ביידי
הענט וום אין זיי זענן פר האנדן צעהן פינגר אנטקעגן דיא צווייא
לוחות וום אוף איטליכן איז גיוועזן פינף דברות דרום מוז ער נעמין
תחלת מיט ביידי הענט דר נאך זאל ער אים האלטן מיט דר רעכטר
האנט אליין אזו ווי די תורה איז גיגעבן גווארין מימינו של הקב״ה
דרום זאגין מיר שני לוחות אבנים הוריד בידו וגו׳ אונ עס שטייט ניט בידיו
דרום שטייט מימינו אש דת למו · דם אכטי איז ונותן עיניו בו ער זאל קוקן
אוף דעם כוס דם איז מרמז אוף ארץ ישראל וואס ביי איר שטייט
עיני ה׳ אל״יך בה ער מוז געבן זייני אוגן אין דעם ויין ווארום ביי
בטרעפט צוויי אונ זיבציג דם זענן אנטקעגן די זיבציג סנהדרין מיט
משה ואהרן זענין צוויי אונ זיבציג · דאס ניינטי איז ומגב״הו מטפח ער
זאל דעם כוס אוף הייבן פון דעם טיש אטפח · דם צעהנטי איז ומשגרו
לאשתו ער זאל פון דעם כוס של ברכה שיקן צו זיין וייב כדי זי זאל
גבענטשט ווערין דאס זענין דיא צעהן זאכן פון דעם דריטין תיקון
מהשולחן של שבת דעם פערטין תיקון איז מען זאל זאגין דברי
תורה אזו ווי אובן איז גשטאנן דם פינפטי האבן די מארי מתניתין
מפורש גיוועזן ער זאל מאריך בשולחן זיין כדי ארומי לייט זאלין
אריין קומן וועט ער זיי געבן פון זיין עסן דען דורך דר צדקה איז ער
מאריך ימים בעולם הזה ובעולם הבא אזו ווי עס שטייט כי הוא חייך
מיינט מען עולם הזה ואורך ימיך מיינט מען בעוה״ב · דם זעקסטי איז
ער זאל ניט זיין ביי דעם טיש קיין פרעבר אזו ווי עשו הט גיזאגט
הלעיטני נא שיט מיך אן מיט דעם רויטין ארבס וועל איך אים גאר
ניט קייען נאר איך וועל אים אזו אראפ שלינגען אזוא אוך ווער עס
לאזט ארום פון זיין מויל דברי תורה אדער תפלה זאל ער רעכט
ארום ריידן איטלכם ווארט ער זאל ניט שלינגין די ווערטר דען דיא
ווערן חסרים אונ די ווערטר גיין ארוף אונ מאכן דארטן איין רושם
למעלה דרום איז ניט רעכט זייא זאלין זיין חסרים אונ ווידר טאמר
וועט זיך פעדרן דר קנה פר דעם וושט קאן ער קומן צו איין סכנה ·
דם זיבעטי איז מים אחרונים מען זאל די הענט וואשן נאך דעם עסן
פר דעם בענטשן דער טעם דר פון שטייט אוף איין אנדר ארט אין
זוהר כדי מען זאל ניט בענטשן מיט אום ריינע הענט פון דעם עסן
דען דר צד הטומאה הט הנאה פון אזעלכי הענט וום זענן ניט ריין
דרום מוז מען זייא וואשן מען זאל אים אפ געבן זיין חלק אונ מען
טוט אים אפ פון דר קדושה אונ אז ניט איז ער חס ושלום מבלבל
די סעודה · דם אכטע איז מען מוז האבן דרייא מענטשין מען זאל
בענטשין מזומן ווארום די תורה איז אויך גידריט תורה נביאים
כתובים אויך איז פר האנדין כהנים לוים וישראלים אונ מיט דעם
כוס ווערט דר שם מלא דרום זאגט דוד כוס ישועות אשא ובשם ה׳ אקרא
אונ דרום איז דר נייטנר תיקון אז דר שיעור פון דעם כוס איז איין
רביעית הלוג דם דר מיט ווערט דר שם מלא אזו וויא די מקובלים
פר שטיין דעם סוד פון דעם · דם צעהנטי איז אז ביי דעם טיש זענן
פאר האנדין צעהן מענטשן דארף מען זאגן נברך לאלהינו דען דר כוס
איז

איז אוך כולל פון עשרה מאמרות אונ עשרת הדברות אונ דר מענש
דארף זייער נזהר זיין ער זאל ניט ארום ווארפין זייני רייד אוף אזו
איין ארט ווס מען דארף ניט דס איז גישריבן גוואורן בקיצור ווס דר
רעיא מהימנא דס הייבט משה רבינו הט גזאגט :

תלת דריי זאכן איז פר האנדן ווס זיי זענן זיך אליין גורם שלעכץ
צוויי פון זיי זענין בעולם הזה אונ דס דריטי איז בעולם הבא
איינס איז ווער עס שעלט זיך אליין דען מיר האבן גלערינט עס איז
פר האנדן איין ממונה דרוף גיזעצט גיווארין אז בשעת דר מענטש
שעלט זיך אליין מיט איין קללה קומט דר ממונה מיט נאך אנדרי
זיבעציג ווס אונטר אים אונ נעמן די קללה אונ זאגין אויף איר אמן
דר נאך געבן זיי זי ארויף למעלה אונ זענן אים דן אונ יאגן אים נאך
ביז ער ברענגט אוף אים זיין אייגני קללה דען מיר דארפן זעהן ווער
איז גרעסר פון משה רבינו ווייל ער האט גיזאגט ואם אין מחני נא וגו'
חאטשי ער הט דאך גיזאגט פון די ישראל וועגין אונ חאטשי הקב"ה
הט אים גיטאן זיין ווילן אונ האט אים מוחל גיוועזן אונ משה רבינו
הט דאך נאר גזאגט אז די וועסט זיי ניט מוחל זיין זאלסטו מיך אויס
מעקין פון דיין ספר פון דעסט וועגין איז פארט דיא קללה מקוים
גווארן אז אין גאנץ פרשת תצוה ווערט ניט דר מאנט דר נאמן פון
משה רבינו ער איז פון דארט אוס גימעקט גיווארין · אוך ווער איז
גרעסר פון דוד המלך פון דעסט וועגן הט ער גיזאגט איך היט אפ
מיין מויל ווייל דר רשע דר ממונה איז אקעגן מיר ווס ער איז גזעצט
צו נעמין אזעלכי רייד אונ זאל מיט זיי שלעכץ טאן דעם מענטשן
דרום היט איך מיין מויל מיט דער צונג ניט צו ריידין איבריגי רייד
דס אנדרי איז ווער עס ווארפט שטיקליך ברוט אוף דר ערד אזו ווי
מיר האבן אובין גזאגט די צוויי זענין גורם שלעכץ אוף דער וועלט
בעולם הזה · דס דריטי איז וואס ער איז זיך גורם איין רעה בעולם
הבא איז דס ווער עס צינד אן אריכט במוצאי שבת איידר די ישראל
האבן גזאגט אין שול ויהי נועם ואתה קדוש · דר דאזיגער מענטש
איז זיך גורם שלעכץ בעולם הבא ווייל ער איז מחלל שבת אונ איז
גורם אז דס פייער פון דעם גיהנם הייבט אן צו ברענען פר דר צייט ·
עס איז פר האנדין אבאזונדר ארט אין גיהנם צו די ווס זענן מחלל
שבת אונ אז ער צינד אן דס ליכט במוצאי שבת פאר דר צייט איז
דרוף פאר האנדין אממונה אין גיהנם אונ צינד אן דס דאזיגי ארט
אונ זאגט דאס ארט איז וועגן דם מענטשן ווס הט זיך גיפעדרט מיט
ליכט אקצינדין אונ אלי רשעים פון דעם גיהנם העלפן אן צינדן דס
ארט אונ דער ממונה שרייט הנה ה' מטלטלך טלטלה גבר אונ די רשעים
פון דעם גיהנם זאגין כדור אל ארץ רחבת ידים שמה תמות דאס קומט אים
ווייל ער הט אונז גורם גוועזן צו ברענען דעם גיהנם פאר דר צייט דס
זענן די דריי ווס זענן זיך אליין גורם שלעכץ זאגט דר רעיא מהימנא
משה צו זיי די רייד זענן פר הולן אונ סתום דא מוז מען עפענן פר
דר חבריא דען ווער עס פר הילט פון זייא סודות התורה איז זייא
מצער דען צו די רשעים איז דאס גרויסי ליכט פון די סודות פינצטר
אין זייערי אויגן עס איז אמשל צו איין אוצר אז אפרעמדר גראבט צו
גפינין אים קערט ער זיך אום בחרפה ובושה אבר צוא דעם ווס ער
גיהער לייכט ער אים אונ ער גפינט אים אזו אוך גיהער מען צו דר
חבריא מגלה זיין סודות התורה ער זאגט גרויסי סודות :

רבי חייא הייבט אן בארבעה עשר יום לחודש פסח לה' איז קשה ווארום הט
מען גנומן איין שה פאר אקרבן פסח נאך מער איז קשה עס
שטייט כי תועבת מצרים כל רועה צאן ווארום האט יוסף גהייסן צוא זייני
ברידר אז זייא זאלן זאגין צו פרעה אז זיי זענן רועה צאן אמאר איז
ער דאך גיוועזן אמלך איבר מצרים אונ איין אב צוא פרעה זאר ער
מאכין אז מזאל זייני ברודר פיינט האבין אלא תועבת מצרים הייסט די
עבודת כוכבים פון זיי איז גיוועזן אלעמילי אונ דר ווס הט זי אליין
גיפאסיט הט ער אוך זי גהאלטן פר איין אפ גאט · קום אונ זעה די
חכמה פון יוסף ער הט גיזאגט אז דאס בעסטי לאנד פון מצרים איז
רעמסס דס האבן די מצרים אפ גשייד פון זייער עבודת כוכבים וועגן
זיי זאגן דארטן האבן תענוגים דרום הט יוסף גזאגט איך וועל זייא
מאכן רועי צאן וועלן זיי די מצרים חשוב האלטן אזו ווי זייער עבודת
כוכבים זאגט רבי יוסי מיר האבין דאך גילערינט אזו וויא הקב"ה
בצאלט עונש צו די וואס דינן עבודת כוכבים אזו צאלט ער צו דר
עבודת כוכבים אליין ממילא ווי הט יוסף גמאכט אז מען זאל חז
האלטין זייני ברודער פאר עבודת כוכבים זאגט רבי חייא יוסף
האט גימאכט אז זייני ברודער זאלין גיוועלטיגן אויף דיא
עבודת כוכבים פון מצרים אונ זאלין שלאגין דיא שאף מיט דעם
שטעקין מען זאל זיי מאכין אונטר טעניג אנטקעגין זייא יוסף האט
גטראכט אז זיי וועלן שולט זיין אוף זייערי עבודת כוכבים מכל שכן
אוף זיי אליין וועלן זיי בוודאי שולט זיין דרום האט ער זייא גזעצט
במיטב הארץ אונ הט זייא גימאכט גוועלטיגן איבר דעם גאנצן לאנד
אונ דרום הט זיי הקב"ה גהייסן נעמן אין צעהן טאג אין חודש דעם
שה זייער עבודת כוכבים אונ מען מוז זיי אן בינדן אז זיי זאלין זיין
תפוס דריי טאג אונ דעם פערטן טאג ציהט אים אויס צום דין אונ
זאמלט אייך איין אונ בשעת די מצרים האבין דר הערט דאס קול
פון זייערי עבודת כוכבים אז זיא איז תפוס בתפיסה של ישראל
אונ זיי האבן עס ניט גקענט מציל זיין האבן זיי גוויינט אונ עס איז
ביי זיי אזו שווער גוועזן גלייך ווי מען וואלט זיי אליין גבונדן למיתה
אונ דעם פערטין טאג האבן זיי עס גישאכטן פר זייא אונ דאס איז
ערגר גוועזן ביי זיי מער פון אלי מכות ונגעים אונ דר נאך הט מען
עס גבראטן אונ מען הט עס דן גוועזן מיט פייער אזו ווי עס שטייט
פסילי אלהיהם תשרפון באש אונ מען זאל עסין דווקא צלי אונ ניט גקאכט
דרום ווייל מען הט עס ניט אן גזעהן אין דעם טאפ דרום האט עס
בדארפט בראטן כדי מען זאל עס אן זעהן ביי דעם פייער אונ עס
זאל שמעקן אונ דער טאפ זאל זיין על כרעיו מען זאל ניט מיינין עס
איז איין חיה נייערט זיי זאלן עס דער קענין אז עס איז איין לעמיל
אונ ווידער זייא זאלן עס ניט עסין סיידן אז זייא זענן שון זאט דרך
חרפה ובזיון אונ אוך ועצם לא תשברו בו מען זאל ניט צוא ברעכן דיא
ביינר פון אים נייערט מען זאל זיי ארום ווארפן אוף דער גאס אונ
די מצרים האבן עס ניט גקענט מציל זיין דרום שטייט ובאלהיהם עשה
ה' שפטים פיל משפטים אונ דינים ווס מען האט גטאן אין זייערי אפ
גאטין בשעת נעמן אונ בשעת עסין ומקלכם בידכם מיט שטעקין אבר
ניט קיין שווערד אונ קיין כלי מלחמה · ווייטער זענן סודות · עס
שטייט חמץ אונ עס שטייט מחמצת דס זענן דיא צוויי קליפות ס"ם
מיט דר לילית זיין בת זוג ווס איז רגליה יורדות מות דרום איז דם ווארט
חמץ צווישן ס"ת ווס איז אין ווארט מחמצת דאס ערשטי אות אונ
דאס הינטערשטי אות איז ס"ת דרום ווער עס עסט חמץ אום פסח

פערערט

עדערט אים דיא מיתה בעולם הזה ובעולם הבא דען עס שטייט
כרתה הנפש ההוא אונ דרום איז מען מדקדק אום פסח אוף איין משהו
מץ מער פון אנדרי אסורים ווייל די אותיות חמץ איז נאר מער
ון די אותיות מצה נאר איין משהו דען די ח איז צו גצוגן דס פיסל
ונ די ה איז ניט צוא גצוגן דרום מוז מען נזהר זיין פון איין משהו
מין עס זאל ניט ווערן פון דר ה איין ח ווערט עס מאכן חמץ אבער
ורך דער מצה איז ער מבריח אלי קליפות ומקטריגים אזוי וויא
ר שם שד"י פר טרייבט אלי מזיקים אזו אוך מצה איז לשון קריג
דס זיא קריגט אוף די קליפות אונ פר טרייבט זייא :

## פרשת מטות

ידבר ה' אל משה לאמר: נקום נקמת בני ישראל מאת המדינים עס איז גוועזן איין
טאג וואס די גאנצי חבריא איז גזעסין אונ האבין זיך שטארק
מפלפל גוועזן אין דר תורה אונ דארטין איז גוועזן רבי אלעזר אונ
בי אבא ורבי חייא ורבי יוסי אונ די איבריגי חבריא זייא זאגין עס
טייט דאך אל תצר את מואב ואל תתגר בם מלחמה דרום ווייל פון זיי הט
דארפט ארוס גיין רות המואביה אונ נעמי העמונית איז דאך קשה
מאי הט הקב"ה גהייסין פר לענדין די מדינים עס איז דאך פון זיי
רוס גקומן צפורה אשת משה אונ יתרו מיט זייני קינדר זיי זענין
לי גוועזן צדיקי אמת איז דאך צאבר שכן אז מען זאל זיי גאר ניט
אן אונ ווידר משה איז דאך מגודל גווארן אין מדין וויא אזו האט
הקב"ה צוא אים גזאגט נקום נקמת בני ישראל מאת המדינים איז דען איין
משוא פנים אין דער זאך עס איז דאך מער ראוי צוא העלפן מדין
וידער מואב · זאגט רבי שמעון עס איז ניט גלייך אז איינר וויל
רשט קרויכן פיינן פון דעם בוים היט ער אים אבר אז ער הט שון
אוף גקליבין היט ער אים שון ניט אזו דא אוך ביי מואב זענין נאך
י צדיקים ניט ארוס גקומן בדארף מען זיי היטן אבער ביא מדין
ענן שון די צדיקים ארוס גקומן דרום זאגט הקב"ה צו משה צרור את
מדינים דר בוים ווערט שון קיין פייגן ניט טראגן דרום גהער מען אים
פר ברענין · רבי אלעזר איז גגאנגן צוא זעהן זיין שווער רבי יוסי
רבי שמעון בן לקוניא זענין מיט אים גיגאנגין רבי אבא ורבי יוסי
רבי חייא · זאגט רבי אבא וואס מיינט דר פסוק ויאמר ה' אלי אל תצר את
ואב אונ עס שטייט וקרבת אל מול בני עמון אמער זייא זענן דאך ביידי
לייך גוועזן אז מען טאר זיי ניט טאן אונ מיר האבין גלערינט אז
י ישראל האבן זיך גוויזין צו די בני מואב האבן זיי זיך אנטקעגין
יי גוויזן מיט אלי כלי מלחמה אונ האבן זיך מיט זיי מתגרה גוועזן
ונ אנטקעגן די בני עמון האבן זיי זיך גוויזן אן כלי זיין אונ האבן
יך ניט גטארט רייצן מיט זיי אונ דא אין פסוק זענן זיי ביידי גלייך·
אגט רבי אלעזר מיר האבן דאך גלערינט ווייל די ערשטי טאכטר
ון לוט הט גרופן איר זון מיט חציפות מואב דס איז טייטש איך
האב גווינן פון מיין פאטר דרום הט מען אנטקעגין אים אוך גטאן
חציפות אבר די אנדרי האט אים גרופן בן עמי זיא האט בהאלטין
ונ פר דעקט איר מעשה דרום הט מען אקעגן זיי אוך ניט גטארט
ייזן קיין חציפות נייערט מען הט זיך גוויזן צוא זיי אזו וויא גוטי
רידר · אזו ווי זיי גיין דר מאגט זיך רבי אלעזר אז רבי יצחק מיט
בי יהודה האבן דר ציילט זיין פאטר פון דם ינוקא דם קליינע קינד
ן פינף יאר הט רבי אלעזר אוף זיך גנומן אז ער זאל גיין זעהן דס

גרוסי אור פון דעם קינד איז ער ארויף גגאנגן פון דעם וועג דרייא
מייל · אונ איז גקומן צו דעם ארט פון דעם ינוקא אונ זיי זענן טאקי
אין דר שטוב פון דעם ינוקא איין גשטאנן אונ בשעת זייא זענין אן
גיקומען האט מען אן גירוכט דעם טיש צוא דעם ינוקא ער זאל עסן
ווי ער הט זיי דר זעהן איז ער ארוס גגאנגן אקעגן זיי אונ זאגט גייט
ארייין איר חסידים גייט אריין איר וואס איר זענט דס פלאנצין פון דם
וועלט דס די עליונים ותחתונים קומן אייך משבח זיין אונ אפילו די
פיש פון דעם ים הגדול גיין ארוס צו אייך אזו קומט רבי אלעזר אונ
קושט אים אוף זיין קאפ אונ קושט אים אוף זיין מויל אונ זאגט דס
ערשטי קושין איז גוועזן אוף די דגים וואס זיי לאזן דס תאסר אונ גיין
אוף דר יבשה אונ דס אנדרי קושין איז אוף די בצי דגים וואס זייא
האבן גקאכט איין גוטי פרי אוף דער וועלט · זאגט דער ינוקא אין
אייערי מלבושים אין דעם ריח פון זיי זעה איך אז עמון ומואב איז
דאך אין אייך מתגרה כלומר איר הט גפרעגט די קשיא וואס אויבין
שטייט אוף עמון ומואב וויא אזוי קענט איר ניצול גיווארין פון זיי איר
האט דאך קיין כלי מלחמה ניט אין אייערי הענט ווען איר וואלט
האבין כלי מלחמה ווארט איר גיגאנגין זיכערליך אן מורא · רבי
אלעזר מיט דר חבריא פר וואונדרין זיך זייער זאגט רבי אבא זכאה
איז אונזר חלק וואס מיר האב זוכה גוועזן צו זעהן · זיי האבן אן
גגרייט דעם טיש אזו ווי פריער זאגט דר ינוקא צו זייא איר חכמים
איר באגערט לחם עונג צו עסין אוף אזו איין טיש וואס איז אן כלי
מלחמה וכלי זיין דר עיקר שולחן וואס איז עולה למעלה איז נאר אזו
איין טיש וואס איז דרוף איין מלחמה אונ אז ניט איז ער ניט עולה
לרצון זאגט רבי אלעזר צוא אים בני החביב האהוב הקדוש דוא הייליגר
גליבטר קינד אזו וויל איך · דען מיט כלי מלחמה האבין מיר עוסק
גיוועזן אונ מיר ווייסין וואול מלחמה צוא האלטן מיט חרב קשת וברומח
ואבנים דקירטא אונ דו ביסט נאך איין יונג קינד דוא האסט נאך ניט
גזעהן ווי אזו מען האלט מיט זיי מלחמה · דס קינד פרייט זיך זייער
אונ זאגט וודאי האב איך ניט גיזעהן אבר עס שטייט דאך אל יתהלל
חוגר כמפתח עס זאל זיך ניט לובן דר וואס טוט אן זיין שווערד אין זיין
זייט · זייא ריכטן אן דעם טיש מיט ברוט אונ מיט ארין וואס מען
בדארף זאגט רבי אלעזר וויא גאר שמחה איז אין מיין הארץ מיט
דעם ינוקא אונ כמה חידושים ווערט באנייט ווערן אוף דעם טיש אונ
איך האב גזאגט אז כמה הייליגי קולות קלינגן אין דעם קינד כלומר
כמה סודות איז פר האגדין אין אים וואס קלינגן פון אים זאגט דער
ינוקא ווער עס בגערט צוא עסין ברוט דורך דעם חרב זאל עסין
פרייט זיך רבי אלעזר אונ גנעהנט זיך צום ינוקא אונ זאגט אים
ווייל דו רופסט זיך זארסטו נעמן צום ערשטן דיין כלי מלחמה אין
דער האנט איך האב גמיינט אז עס וועט ערשט זיין נאך דעם עסין
אבר אצונד ווער עס בגערט זאל נעמן זיין כלי מלחמה אין דער
האנט זאגט רבי אלעזר צו דעם ינוקא נאך אמאל צו דיר איז ראוי
דו זאלסט נעמן דיין כלי מלחמה אונ צו ווייזן זיי וואס דו האסט אונ
קענסט · הייבט אן דר ינוקא אונ זאגט עס שטייט והיה באכלכם מלחם
הארץ תרימו תרומה לה' דר פסוק איז גזאגט גווארן אוף תנופה אונ וואס
הייסט תנופה · אוב דו ווערסט וועלן זאגן ווייל דר כהן הייבט דאס
אוף למעלה הייסט דס תנופה · וואס קומט מיר דען דר פון ארוס צוא
דר כהן הייבט דס ארויף אדר אראפ · אונ דס איז נאר תרומה האטשי
מיר

מיר דרשנן אז דם ווארט תרומה מאכט תרי ממאה דאס הייסט מען דארף אפ שיידין צוויא פון הונדערט אונ עס איז אזו דיא הלכה אבער דאס ווארט תנופה איז אגרויסער סוד ההכמה אלהי אונ איר חסידים קדושים איר זענט הערין וואס קענין האלטין מלחמה מיט שפיזין איר האט אבר ניט משמש גוועזן צו רבי שמעיה חסיד איר זאלט וויסין ווס דם ווארט תנופה באטייט אונ וואס הייסט חטה אונ ווס הייסט שעורה דען דם ווארט תנופה איז צוויי ווערטר תנו פה גיט מיט אייער מויל כבוד לה' אלהיכם דעם סוד ווס הייסט פה למעלה מאכן איין יחוד צו הקב"ה דרום מוז מען דאס מויל אוף הייבן צוא ווייזן דם דר עיקר שבח איז למעלה למלך עליון אז מען גיט אים אפ כבוד איז דענסט מאל פה דאס איז בקיצור גישריבן גווארין פיל סודות דורך נגלה וויל דר פשוטר פשט איז אוך רעכט מען דארף לובן צו הקב"ה מיט דעם מויל המה במרעפט צוויי אונ צוואנציג דאס איז אנטקעגין דיא כ"ב אותיות התורה זאגט רבי אלעזר בריך רחמנא גלובט איז השי"ת דער רחמן וואס ער האט מיך אהער גשיקט זאגט דער ינוקא דער עיקר סעודה אוף דעם טיש איז נאר לחם ויין אונ דיא איבריגי מאכלים ציהן זיך שון נאך זיי דרום הט די תורה גבעטין אונ זאגט ולכו לחמו בלחמי ושתו ביין מסכתי איך בעט אייך וויל דיא תורה הט אייך אן גבריים צוא איר אכילה לחם ויין אונ בגערט פון אייך איר זאלט עסין איר לחם ויין דארפט איר צוא ליב טאן ממלא זיין איר רצון זאגן זייא בוודאי איז אזו האבן זייא זיך גיזעצט עסין אונ זענן זיך מיט אים זייער משמח אונ האבן זיך פאר זאמט ביי דער סעודה הייבט ער אן צו זאגן עס שטייט ויאמר מואב על זקני מדין ווארום שטייט ניט אז די זקני מואב האבן גזאגט צו די זקני מדין נאר דיא יונגי האבין גנומן איין עצה פון דיא אלטי אונ דיא אלטי האבן זיך נאך זיי נאך גצויגן האבין דיא זקני מדין צוא זייא גזאגט מיר האבין צווישן אונז מגדל גוועזן אשלעכטן גידול דם הייסט זייער רבי משה איז ביי אונז מגודל גווארן אין מדין דס הייסט יתרו הט אים מגדל גוועזן אין זיין הויז אונ הט אים גגעבן זיין טאכטר פר איין ווייב אונ ניט דאס אליין ער האט אים נאך גגעבן געלט אוך· אונ האט אים גשיקט פר לעבדן דאס גאנצי לאנד מצרים אונ דער יתרו מיט זיין גאנץ הויז גזינד האבן צו געהערט זייני רייד ווען מיר זאלן קענן זייער רבי אום רייסן מיד תיכף ווארט דם גאנצי פאלק אום גריסן גווארין פון דר וועלט אונ די גאנצי עצה פון פעור איז אלין גיוועזן פון דיא זקני מדין עס איז אלץ גוועז מען זאל משה מאכן זינדיגן אונ מחמת דר עצה האבן זיי גשיקט רופן בלעם אז זיי האבן גיזעהן אז בלעם קען זיי אוך ניט העלפן האבן זיי זיך אנגדרע עצה רעה גהאלטן פון זיך זעלברט זיי זאלן מפקיר זיין זייערי ווייבר מיט זייערי טעכטר נאך מער פון מואב דען אוף דיא ווייבר פון מדין שטייט הן הנה היו לבני ישראל אונ עס איז אלץ ארום גקומן פון מדין זיי זענין גנאנגן אונ האבן גנומן איין עצה פון דעם עלצטין פון מדין ער זאל זיין טאכטר פון מדין מפקיר זיין לזנות זייא האבין אלץ גימיינט אז משה וועט אריין פאלין אין זייערי הענט אריין דורך איר דען זייא האבן גזעהן אז איין ראש ישראל וועט אריין פאלין אין זייער נעץ אריין אבער זיי האבן ניט רעכט גזעהן זייא האבין דיא כזבי בת נשיא מדין אן גטאן בכל מיני קישוט כדי זיא זאל צו זיך בקומן דעם ראש פון די ישראל אבר הקב"ה הט פר קערט זייער חכמה זיי האבן דיא כזבי

מפקיר גוועזן לזנות אונ האבן איר גזאגט זי זאל קיינם ניט ווערין
הערן לזנות נאר צו משה אליין האט זיא זייא גפרעגט וויא אזו וו...
איך וויסען וועלכער איז דער משה זאגין זייא צוא איר אז ד...
ווערסט זעהן אזעלכין ווס אלי שטייען פאר אים אזו וויא פאר א...
נשיא מיט דעם זאלסטו מזנה זיין ניט מיט קיין אנדרן אונ אז עס א...
גיקומען זמרי בן סלוא נשיא בית אב לשמעוני אונ פאר אים זע...
גשטאנען פיר אונ צוואנציג טויזענט וויל ער איז גוועזן זייער נש...
הט זיא גמיינט אז דם איז משה האט זיא מיט אים מזנה גוועזן א...
אז דיא אלי זייני מענטשין האבין דאס פון אים גיזעהן האבין ז...
אוך אזו גטאן אבר דר עיקר עצה איז גוועזן פון די זקני מדין דר...
הט הקב"ה גזאגט צו משה נקום נקמת בני ישראל מאת המדינים צו דיר א...
דם ראוי זאלסט דם טאן צו מדין · אונ צו מואב וועל איך ווארט...
ביז עס וועט פון זיי ארום קומן די מרגליות טובה דאס מיינט מ...
רות המואביה וואס פון איר וועט דוד המלך ארום קומן ער וועט...
זיך ערשט נוקם זיין פון מואב אונ עס איז אזו גיוועזן מדין זענ...
גשטראפט גווארן דורך משה רבינו אונ מואב איז גשטראפ...
גווארן דורך דוד המלך דרום זאגט דוד מואב סיר רחצי א...
וועל אום וואשן דעם טאפ פון מואב · קום אונ זעה דעם חטא פ...
מדין זיי האבן גיט גרועט אונ האבן ניט אפ גילאזט די זאך ביז ז...
האבן גזעהן נאך אלי דורות אז יהושע איז גשטארבן אונ אלי זקני...
ווס דורך זיי זענן גשעהן גרוסי נסים זענין שון אויך ניט גיוועזן א...
דר וועלט האבן זיי גזאגט אצונד איז דיא צייט מיר זאלן זיך נוק...
זיין אין די ישראל ווען זיי גקומן צו עמלק אונ זאגן אים דו גהערס...
גדענקן ווס די ישראל האבן דיר גטאן אונ זייער רבי משה מיט זי...
תלמיד יהושע האבן אונז פר לענד פון דער וועלט היינט אז זיי...
האבן שון ניט קיינר זאל אוף זיי מגין זיין איז די צייט אז מיר מי...
אייך זאלן אוף זיי גיין מלחמה האלטן אזו וויא עס שטייט מדין ועמל...
ובני קדם עס איז קיינר ניט גוועזן ער זאל שלעכטס טאן צו דיא ישרא...
אזו ווי עמלק אבר הקב"ה וועט זיך אין אים נוקם זיין נקמת עול...
לא תשכח זאגן די חבריא בוודאי איז אזו הייבט ער אן נאך שטיי...
ויאמר ה' אלי אל תצר את מואב איז דאך קשה ווס דארף די תורה שטעלי...
דם ווארט אלי צו מיר הט ער גזאגט אמער די גאנצי תורה הט דאן...
הקב"ה גזאגט צו משה נאר דם ווארט אלי ווייזט מיר אז הקב"ה פ...
ווערט מיר איך זאל זיך ניט נוקם זיין אין דיא מואבים וויל רו...
המואביה וועט פון זיי ארום קומן וויא דען עס וועט פון זייא אליי...
ארום קומן איינר ווס ער וועט זיך פון זיי נוקם זיין דם איז דוד המלך...
ווס ער וועט ארום קומן פון רות דרום זאגט ער אלי נאר איך טאר...
מיט זיי קיין מלחמה ניט האלטן אבר אנדרער מעג מיט זיי מלחמה...
האלטן אונ דו וועסט פרעגן ווידר אז עס שטייט אלי האבין דאך...
יהושע מיט די זקנים גמעגט מיט זיי מלחמה האלטן נאר וויל זייא...
קומן ארום פון דעם בית דין פון משה אונ וואס עס איז איבער...
גענטפערט גווארן צו משה איז צו זיי אוך אסור גוועזן אונ ווידר עס...
איז נאך ניט גקומין דיא צייט פון דער מרגליות טובה דען רות...
איז ערשט גבארן גווארן אין די טעג פון דיא שופטים זיא איז דאך...
גוועזן די טאכטר פון עגלון מלך מואב וואס אהוד האט אים גהרגת...
הט זיא אלימלך גנומן צו זיך פר איין שנור אונ זיא האט זיך נאך...
גיט מגייר גוועזן ערשט דר נאך האט זיא גזאגט צוא נעמי עמך עמי

יך אלהי און נעמה העמונית איז ערשט געווען אין דער צייט פון
מה המלך וואס זי האט שלמה המלך גנומען פאר איין ווייב דרום
בן יהושע מיט די זקנים זיך ניט געקאנט נוקם זיין אין מואב ביז
המלך איז געקומען און האט זיך אין זייא נוקם געווען אזו וויא מיר
בן גזאגט אין די אלי וואס האבן בייז געטאן צוא דיא ישראל האט
ב״ה אין זייא גיטאן נקמות און נוטר שנאה גיוועהן אבער אז עס
אדמט עפים גוטץ ארוס קומען פון זיי איז זייא הקב״ה מאריך אף
דם חלק הטוב גייט ארוס פון זיי דר נאך איז ער זיך אין זייא
קם זיין נקמה • זאגט רבי אלעזר עס איז בוודאי אזו דאס איז דער
דיא לוטערע זאך • זאגט דם קינד היינט איר חבריא גרייט אן
יער כלי מלחמה און הייבט אן מלחמה האלטין הייבט אן רבי
עזר און זאגט עס שטייט ברכו ה׳ מלאכיו גבורי כח דוד המלך הט אן
רייט אלי צבא השמים כוכבים ומזלות אויך אנדערי חיילות און
ם משתף געוועהן צו זיי זיין נשמה און מיט דעם נפש האט ער גומר
ען און גחתמת און הט אוס גלאזט אלי ברכות און האט גזאגט
י נפשי את ה׳ דען אלין ווערט נכלל אין דעם נפש פון דוד איידער
ישראל זענען געקומען האבן די מלאכים משלים געוועהן די עשיה דרום
טייט עושי דברו ביי די מלאכים אבר אז די ישראל זענען געקומען צוא
ם בארג סיני און האבן גזאגט נעשה ונשמע האבן זיי צו גנומען ביי
מלאכי השרת זייער מדריגה איז שון בייא דיא ישראל אליין דיא
ריגה • זאגט דם קינד היט זיך און זיי מצליח האבן זיידען נאר
עם שבח אליין צוא גינומען מער ניט זאגט רבי אלעזר דעם שבח
אב איך גפונען און ניט קיין אנדערער זאגט דאס קינד ווייל דיין
ווערד וויל דיר גיט מצליח זיין דם הייסט דו זאגסט ניט אזו וויא
ען דארף גיב אים צו איין אנדערן וואס קען רעכט מלחמה האלטען
ען דר שבח עליון וואס איז ניט איבר גענטפערט גווארן נאר צו דיא
לאכים אליין דם איז קדושה איז צו זיי אסור מקדש זיין פאר דיא
שראל אז די ישראל זענען מקדש און זאגן דריי מאל קדוש דר נאך
ען זיי מקדש למעלה אזו ווי עס שטייט וקרא זה אל זה דען גייט אויף
יא קדושה פון דרייא עולמות דרום שטייט וקרא זה איז איינס אל זה
ין צוויי ואמר איז דריי די דרייא עולמות זענין אנטקעגין דיא דרייא
דושות און דרום איז דם דר שבח פון די ישראל וואס זיי האבין צו
ומן די קדושה למטה • זאגט רבי אלעזר עס איז בוודאי אזו און
זו הט מען דאס מפורש גיוועהן דען דיא דרייא קדושות זענין נמסר
וארן למטה צו די ישראל און פון דעם פסוק לערנט מען עס אפ
ם שטייט והתקדשתם והייתם קדושים כי קדוש אני ה׳ והתקדשתם איז איינס
הייתם קדושים איז צוויי כי קדוש אני ה׳ איז דריי ער זאגט ווייטער גרוסי
ודות און זאגט דעם סוד פון ברכו את ה׳ און דרום טאר מען דעם
בר ניט געבין קיין שלום פאר דעם דאווענין דען ער ציהט אויף זיך
עם כח הטומאה ווארום איין מענטש געהער פריער אויף זיך מושך
ין די שכינה • זאגט דם קינד אצונד זעה איך אז דער כח פון דיין
אנט איז שלאף צוא שלאגין מיט איין שווערד און מיט איין שפיז
צונד איז ניט די צייט צו ווארטן נאר צו שלאגן מיט דעם שליידר
יין שטיין נאך דעם אנדערן דם זענען גרוסי סודות • האבן זיך רבי
לעזר מיט רבי אבא און מיט דער גאנצר חבריא זייער גיפרייט
ון דם קינד זאגט ווידר גרוסי סודות אויף דעם פסוק שחורה אני ונאוה
ען געקומען די חבריא און האבן אים גקושט זאגט רבי אלעזר ווען

יחזקאל הנביא ווארט דם גזאגט וואלט עס געווען אוואונדר אויף דר
וועלט הט אים רבי אלעזר גנומען און הט אים נאך איין מאל גקושט
זאגט דם קינד איך וויל בענטשן זאגן זיי בענטש און צוא דיר איז
שיין דוא זאלסט בענטשן זאגט ער כמה אותיות הקדושים כסה ברכות אין
צו אייך אן גבערייט ווייל איר הט ניט פר מיטן פון מיר דם בענטשן
ער הייבט אן צו זאגן עס שטייט מונע בר יקבוהו לאום וברכות לראש משביר
דער פסוק איז איין תורה אזו איז דער פשוטר פשט אבר מיר האבין
גלערינט איטליכר מענטש איז מחויב צו בענטשין און ווער עס
קען אליין ניט בענטשין זאל זיין ווייב אדער זיינע קינדער בענטשין
און מיר האבין גלערינט עס זאל קומען איין קללה אויף דעם מענטשין
וואס ער דארף אז זיין ווייב און קינדער זאלין פאר אים בענטשן און
אפילו ער קאן אליין דם טאן איז ער מחויב גוואונן זיין קינד דר מיט
אים געבין איין כוס של ברכה צו בענטשין און ווער עס פאר בייד
פון זיין קינד ער גוואונט אים ניט מיט מצות ווערט ער פר פלוכט
פון הקב״ה ושכינתיה וואס זיא הייסט אם הבנים ווייל ער הט אים פר
מיטין צו בענטשין צו המלך הקדוש דם קינד זאגט איך בין איין בן
יחיד ביי מיין מוטר גיט מיר דעם כוס של ברכה וועל איך בענטשין
להקב״ה המלך הקדוש וואס ער האט אייך גמאכט טרעפין אין מיין
מוטרס הויז אזעלכי אנשים יראי אלהים גאנץ גרוסי לייט וואס איך האב
פאר זיי גרעט דברים חזקים שטארק הייליגי רייד און האב דאס זוכה
געווען דרום וויל איך בענטשן • נאר פריער וועל איך פאר ענטפערין
דעם פסוק מונע בר אזו ווי עס דארף צו זיין האט ער אויף אים גזאגט
גרוסי סודות מכאן ואילך פון היינט אן און ווייטר איר חבריא גרייט
אייך אן וועלן מיר בענטשן האבן זיי אים געגעבן דעם כוס של ברכה
און האט געבענטשט • זענען דיא גאנצי חבריא געווען זייער בשמחה
ובחדוה דען פון דר חתונה פון רבי אלעזר איז ניט גיוועהן אזו איין
שמחה צווישן דר חבריא אזו ווי דעם טאג און זיי האבן גבענטשט
דעם ינוקא מיט גרוס שמחה וברצון הלב • זאגט דער ינוקא איר
זאלט זיך ניט אפ שיידין פון מיר נייערט מיט דברי תורה און אזו
האבן מיר גלערינט עס שטייט וה׳ הולך לפניהם יומם כו׳ און זאגט ווייטער
גרוסי סודות האבן זייא אים גקושט און האבן אים גבענטשט און
זענין אוועק גיגאנגין זייער וועג דער נאך זענען זייא געקומען פאר רבי
שמעון און האבן אים דר צייקט די גאנצי זאך האט ער זיך זייער
פאר וואונדערט און זאגט דיא זאך איז זייער גוט נאר ער וועט ניט
לאנג לעבין ער וועט ניט מפורסם ווערן מיט זיין נאמען ווארום איין
קליין שטיקיל האלץ וואס ברענט אין אים דאס פייער זייער שטארק
ווערט עס גיך פר ברענט און גייט באלד אוס און ווידר איך האב
דאך אייך גזאגט פון וואגן דם ליכט קומט ארוס רבי שמעון הייבט
אן און זאגט עס שטייט גבור בארץ יהיה זרעו דור ישרים יבורך וועלכער
מענטש איז איין גבור בארץ דר וואס איז איין גבור בתורה און איין
גבור ביצירה דר הייסט איין גבור בארץ עס גייט ארויף זיין לעבט
און עס ציהט זיך פון אים ארוס איין גרוס ציהונג מיט ליכטיקייט
דען איז דור ישרים יבורך זאגט רבי אבא מיר זעהן דאך אז קליני
קינדער זאגין איין מאל דברים עליונים גאנץ הוכי זאכין און דער נאך
בלייבן זיי ראשים אויף דר וועלט און זענין מאריך ימים זאגט רבי
שמעון אזו איין קינד וואס ער זאגט איין זאך אדר צוויי אן כוונה זאל
מען מובטח זיין אין אים אז ער וועט זוכה זיין צו לערנען תורה צוא

די ישראל · אבער אזעלכע וואס זיין ליכט שטייט שון אין איין רעכטן שטאנד מיט איין דעה שלמה מיט כוונה דר איז ניט אזו וויא יענער ער קאן ניט מאריך ימים זיין אונ ווידר דען הקב״ה האט ליבט צוא שמעקן אזו איין עפיל נעמט ער אים צו זיך פיל זוכה איז זיין חלק מיט אייער חלק איר צדיקים דס אוף אייך הט דר פסוק גזאגט ויספת פליטת בית יהודה הנשארת שורש למטה ועשה פרי למעלה שורש למטה מיינט מען זיין פאטר וואס ער איז שון אוועק גיגאנגן פון דער וועלט איז ער שורש למטה אין דר ישיבה פון מט״ט וואס זיא הייסט מתיבתא דרקיעא ועשה פרי למעלה מיינט מען די ישיבה פון הקב״ה וואס פאר איין נוטקייט איז דר שורש אונ די פרי אונ ווען הקב״ה זאל צו זייא ניט האבן קיין לוסט לריח ניחוח פאר איין גשמאקן ריח וואלט קיין שום מקטרג ניט גקאנט אוף זייא מקטרג זיין ער זאל זייא עפיס שלעכץ טאן נאר פון דעסט וועגן בעט איך אז עס זאל זיין דער ווילן פאר הקב״ה אז זיין מוטער זאל אין אים קיין צער ניט האבן אונ עס איז אזו געווען אזו ווי רבי שמעון הט גזאגט · וואול איז דר חלק פון דיא צדיקים ווייל זיי היטן דעם הייליגן צייכן דרום זענן זייא זוכה צוא הייליגי אונ גוטי קינדר אונ דורך זיי זענן זיי זוכה לארץ עליונה אזו ווי עס שטייט ועמך כולם צדיקים וגו׳ :

ואת בלעם בן בעור הרגו בחרב זאגט רבי אלעזר פון וואנען קומט בלעם זאל דארטן זיין אונ ווער הט אים גהרגת זאגט רבי יצחק פנחס מיט זיין חבריא האבן אים גהרגת אזו ווי עס שטייט הרגו על חלליהם אונ ווען עס וואלט ניט גיוועזן דער ציץ הקודש אונ דיא תפלה פון פנחס וואלט מען אים ניט גקענט מאכן אראפ פאלין דרום שטייט על חלליהם זייא זענען אראפ גיפאלן אוף דיא חללים אויך שטייט ואת בלעם בן בעור הקוסם הרגו בחרב זאגט רבי אלעזר דאס ווייס איך אלץ וואול זאגט רבי שמעון מיין קינד רבי אלעזר די גאנצי מעשה פון בלעם האבן די חבריא זייער טיף מפורש גיוועזן עס שטייט ולא קם נביא עוד בישראל כמשה דס הייסט נאר ביי די ישראל איז ניט געווען נאך אזו איין נביא ווי משה רבינו אבער ביי די אומות העולם איז גיוועזן אזו איין נביא ווי משה אונ דס מיינט מען בלעם איז געווען וואס זיין גלייכן איז ניט געווען אזו ווי משה רבינו איז אין דר קדושה ניט געווען זיין גלייכן בכל ישראל ממילא אז בלעם איז גיוועזן אין אזו איין הויכי מדריגה פון דר טומאה אונ אזו איין חכם וואס ער הט זיך ברימט מיט זיין כח אונ האט גזאגט ואנכי אקרה כה איך וועל אום רייסן דיא קדושה וואס זיא הייסט כה ווי אזו הט מען אים גקאנט הרגנין נאר אין דעם ספר פון שלמה המלך שטייט אז עס איז פר האנדן דרייא סימנים · סימנין לעבירה ווען איינר איז איין בעל עבירה איז איין סימן ירקון איז זיין פנים געל אונ גרין · לשטות ווען איינר איז איין שוטה איז איין סימן מרבה דברים ער רעט פיל רייד ווייזט דס אז ער איז איין שוטה · סימן לשאינו יודע דער סימן אז ער ווייסט ניט אונ קען גאר ניט התפארות אז ער ברימט זיך זייער אונ די אלי דריי סימנים זענן גיוועזן אין דעם רשע אוב דוא וועכסט וועלין פרעגין עס שטייט דאך יהללך זר איין פרעמדר זאל דיך לובן ולא אונ אז איין פרעמדר לובט דיך ניט פיך זאלכטו דיך אליין לובן וואס דען זאגסטו ווער עס ברימט זיך דר ווייסט גאר גיט גאר עס איז ניט אזו דר פשט פון דעם פסוק נאר דס איז די רעכטי טייטש יהללך זר אפרעמדר זאל דיך לובן ולא אבער ניט אז דו קומסט אין אפרעמדר שטאט אריין וואס מען קען דיך ניט זאג איך דיר פיך מעגסטו זיך אליין לובן הייסט עפין אויף דיין מויל צו ריידן ד״ת אונ זאלסט מודיע זיין דברי אמת אין דר תורה דען וועט דיין מויל מודיע זיין וואס דו ביסט ווארום דר עיקר דער קענט מען דעם מענשן פון זיין מויל אונ דר בלעם הט גגנבת די דעה פון מענשן פון נאר קלייני זאכן הט ער דר פון גמאכט גאנץ גרוסי זאכן מיט פיל רייד אונ וואס ער האט גזאגט איז אלץ גיוועזן מצד הטומאה ער הט גיזאגט אמת נאר ער הט זיך בארימט בדרך נסתר מען זאל מיינן אז דס איז אלץ פון דר קדושה ער הט גיזאגט נאום שומע אמרי אל ויודע דעת עליון ווער עס הט דס גהערט הט מען גמיינט אז ער איז גרעסר פון אלי נביאים וואס זענן גוועזן אוף דר וועלט אונ דאך איז דס אמת ווארום אין דר צד הטומאה איז ער גרעסר גוועזן פון אלי דרום הט ער גזאגט שומע אמרי אל דען ער הט זיך בהעפט אין דעם אל אחר וואס עס שטייט כי לא תשתחוה לאל אחר אבער ביי הקב״ה שטייט האל תמים דרכו הקב״ה ווערט אן גירופן האל מיט איין ה״א אונ ער הט גיזאגט אמרי אל ויודע דעת עליון דס איז די גאנצי אובערשטי מדריגה אין דר טומאה דס איז דר רב החובל דר שיף מייסטר דארטין איז גיוועזן זיין מדריגה אונ דר רשע הט סתם גזאגט ויודע דעת עליון מען זאל מיינין חס ושלום אז דס איז בעת הקדושה אונ ער הט נאר גמיינט ער הט איין אחיזה אין דר העכסטר מדרגה פון דר טומאה ער הט אוועק גיגנבת דעם שכל פון מענטשן מיט זייני רייד מען הט איין טעות גהאט אין זייני רייד מען הט גמיינט אז ער זאגט דס אלץ אוף דר קדושה אוך הט ער גזאגט אשר מחזה שדי יחזה ווער עס הט דס גהערט הט ער גמיינט אז ער זעהט אזו איין מדריגה וואס קיין שום נביא הט דס ניט גזעהן אונ דר אמת הט ער גמיינט עס גייט ארוס אצווייג פון די צווייגן וואס דס הייסט מחזה דס מיינט ער עז״א ועזא״ל וואס זיי זענן נופל וגלוי עינים די דאזיגי הט ער גזעהן וואס זיי זענען ארוס גקומן פון דר קדושה וואס זי הייסט שדי זיי זענן גשטראפט גווארן הט מען זיי אראפ גווארפין פון דעם היכל אזו ווי מיר האבן אובן גזאגט אזו ווי עס שטייט ומול מחזה אל מחזה נאר פון וואנין קומט בלעם אהער אמער עס שטייט דאך ער הט גזאגט ועתה הנני הולך לעמי ער איז דאך אוועק גגאנגן פון מדין אונ איז שון דארטן ניט גוועזן ווי אזו האבין זייא אים דארטין גיהרגת נאר ווי דר רשע הט גזעהן אז דורך זיין עצה זענין פון דיא ישראל גפאלין פיר אונ צוואנציג טויזנט האט ער שון ניט גוואלט אוועק גיין ער הט זיך פר זאמט אונ האט גמאנט מען זאל אים דר פר בצאלן דר ווייל ווי ער הט גווארט פון וועגן דעם שכר איז גקומן פנחס מיט זיין חיל ווי ער האט זיי דר זעהן איז ער גפלויגן אין דער לופטן אזו וויא זייני צווייא זין יונוס וימברוס האבן גטאן בשעת מעשה העגל דס זיי האבן מיט זייער כישוף גימאכט דם עגל אזו וויא עס שטייט ויפול מן העם ביום ההוא כשלשת אלפי איש אזו ווי דריי טויזנט מענשן איז דאך קשה עס איז דאך פר האנדן אין דר תורה גרעסרי חשבונות שטייט ארוס מיט דער גאנצר צאל אונ דא שטייט ניט דיא גאנצי צאל נאר כשלשת אלפי איש אלא דס מיינט מען די צוויי זין פון בלעם וואס זיי זענן גרוס גוועזן אזו ווי דריי טויזנט מענטשן אונ דר בלעם הט וואל גוויסט אלי מיני כישוף הט ער גנומן די חרשים מיט דעם כישוף וואס זייני קינדר פלעגן טאן אונ איז גפלוגין אין דר לופטן ווי פנחס האט דאס דער זעהן אז אמענטש שוועבט אין דר לופטן אונ ווערט אלי מאל פר הולין ער ווערט ניט גזעהן הט ער גשריגן מיט

איין

אין קול צו זיין חיל אונ זאגט צו זיי אפשר איז פאר האנדין איינער
צווישן אייך וואס ווייסט צו פליהן נאך דעם רשע דען דס איז בוודאי
דר בלעם פליהט אין דר לופטן איז דארט גוועזן איינער פון שבט דן
ער הט גיהייסין צליה איז ער אויף גישטאנין אונ האט גינומען דעם
כח וממשלה וואס איז שולט איבר אלי מיני כשפים אונ איז אים
נאך גפלוגן ווי דר רשע הט אים דר זעהן איז ער איבר גפארן אויף
אנדרן וועג אונ האט גשפאלטין פינף אוירים אויף דעם וועג אונ איז
פון אים פר הולן גווארן אין דר צייט איז דר צליה גוועזן מסוכן אונ
הט גהאט גרוס צער ער האט ניט גוויסט וואס ער זאל טאן אזו האט
פנחס אויף גהובן זיין קול אונ הט גשריגן דיא שאטין פון דעם נחש
וואס ער הערשט איבר אלי נחשים פר קער דייני האר דס הייסט די
כוחות פון דעם ס״ם ונחש וואס זענן איבר אלי נחשים וואס זיי האבן פר
שטערט צו בלעם מען זאל אים ניט זעהן אזו הט פנחס גשריגן דר
צל הקודש זאל מבטל זיין דעם צל הטומאה דורך צליה דאס דער
רשע זאל ניט קענן ווערן פר הולן דרום פאר קער דייני כוחות זאל
בטל ווערן פר אים מיד הט דר צליה דר זעהן אין וואסר אוועג ער
איז• איז ער צו אים גקומן האבן זיי ביידי אראפ גנידרט פר פנחס •
קום אונ זעה עס שטייט ביי דעם רשע וילך שפי דס איז איין מדריגה
עליונה אנחש זכר איז ער נאך נגאנגן אבר צליה האט גנומן דעם
כח פון אנחש זכר ונקבה אונ מיט דעם הט ער שולט גוועזן אויף אים
דרום ווייל ער הט גנומן די מדריגה וואס איז אים שולט דאס איז שפי
פון דעם הט ער מכניע גיוועזן דעם כח פון דעם נחש וואס בלעם הט
גהאט דרום שטייט יהי דן נחש עלי דרך דס איז שמשון הגבור שפיפון עלי
אורח דס איז צליה וואס ער הט שולט גוועזן אויף דעם וועג וואס בלעם
הרשע הט זיך גמאכט וואס ער איז גפלוגן אין דר לופטין הנושך עקבי
סוס דס איז עירא וואס ער איז גוועזן מיט דוד המלך אונ ער הט גוויזן
פיל גבורות ער איז אויך גוועזן פון שבט דן אויף אים שטייט ויעקר דוד
את כל הרכב • ויפול רוכבו אחור דס איז שריה וואס ער וועט קומן מיט משיח
בן אפרים ער איז אויך פון שבט דן אונ אז ער וועט אויף שטיין אזוי
וועט מען האבין איין האפונג צוא דר גאולה דרום זאגט ווייטר דר
פסוק לישועתך קויתי ה׳ אונ אז בלעם האט אראפ גנודערט פר פנחס
זאגט פנחס צו אים רשע כמה שלעכטי זאכן האסטו גטאן אויף דעם
היילגן פאלק זאגט פנחס צו צליה זיי אים ממית נאר ניט מיט דעם
שם דען ער איז ניט ראוי מען זאל אויף אים דר מאנן דעם שם הקודש
העליון כדי זיין נשמה זאל גיטארוס גיין אונ נכלל ווערן במדריגת
הקדושים אזו וועט אין אים מקוים ווערן וואס ער הט אויף זיך גזאגט
תמות נפשי מות ישרים באותו שעה האט ער אים אן גיטאן כמה מיני
מיתות אונ ער איז דאך ניט גשטארבין ביז ער הט גנומן אשווערד
וואס דרויף איז גימאכט גווארן איין נחש אויף דר זייט אונ איין נחש
אויף דר אנדרר זייט ער זאגט מיט זייני זיי אים ממית אונ מיט זיינם
איז ער גשטארבן דען ער הט אים גהרגת אונ אזו איז דר סדר פון
דעם צד הטומאה דר וואס גייט נאך מעשה טומאה אזו שטארבט ער
דורך דעם אונ דר מיט גייט אים אוס זיין נשמה אונ אין דעם ווערט
זיין נשמה נכלל אונ אזו איז בלעם אויך גשטארבן מען איז אים דן
אויף יענער וועלט מיט גרוסי דינים אונ ער איז זיין טאג צוא קבורה
ניט גקומן אונ זייני ביינר זענין אים פאר פולט גיווארין אונ עס איז
גיווארן פון זיי שלאנגן אפילו די ווערים וואס האבן גגעסן זיין פלייש



זענן אויך גווארן שלאנגן • מכאן והלאה מיין זון אלעזר וואס הקב״ה
הט מיט אים גיטאן זענן גרוסי סודות וואס מען קען ניט מגלה זיין
נאר ווייל די חבריא זענן דא ווייסן זיי גרוסי סודות האב איך אייך
דס מגלה גוועזן אונ דס איבריגי פון די סתומין פון די פאר בארגעני
זאכן פון דר וועלט אונ די לייט ווייסן גאר ניט די נפלאות סתומים
עליונים • אויף דעם רשע אונ אויף זיין גלייבן איז גזאגט גווארן וישם
וישעים ירקב זכאין זענן די צדיקי אמת אויף זיי שטייט גשריבן אך צדיקים
יודו לשמך וגו׳ :

רבי אבא זאגט מיר האבין גילערינט אז איבער עלף זאכין קומן
נגעים אונ דס זענן די עלף זאכן• עבודת כוכבים• קללות השם•
גילוי עריות • גניבה • לשון הרע • עדות שקר • המקלל את הדיין •
שבועת שוא • אונ ווער עס גייט אויף דעם תחום פון זיין חבר • אונ
ווער עס טראכט שלעכץ אויף זיין חבר • אונ ווער עס מאכט קריג
צווישין לייט • אונ אמייל זאגן אויף עין הרע קומט אויך נגעים • אונ
דער זוהר ברענגט אויף אלי ראיות פון פסוקים • דער פלשתי הט
מקלל השם גוועזן הט אים דוד גזאגט היום הזה יסגרך אזו ווי ביי נגעים
שטייט והסגיר הכהן אזו מיינט ער דא אויך נגעים • דר פלשתי איז גוועזן
אקרוב מיט דוד דען ער איז גיוועזן דער זון פון ערפה אונ אז דער
פלשתי הט גשאלטן צוא דוד אזו וויא עס שטייט ויקלל הפלשתי את דוד
באלהיו הט אין אים דוד גקוקט מיט איין עין הרע אונ וויא דוד האט
גקוקט בעין הרע האט זיך דרויף גצוגן צרעת אזו אויך אז דוד האט
גיקוקט אויף יואב בעין הרע אזו וויא עס שטייט ולא יכרת מבית יואב זב
ומצורע אזו אויך ביי דעם פלשתי ווי באלד דוד הט אויף אים אשלעכטן
קוק גטאן שטייט תיכף ותטבע האבן במצחו הט זיך בהעפט צרעת אין
זיין שטערן אונ דס אונ פון בלעם איז פר קערט גוועזן פון דעם אונ
פון דוד דען דס אונ פון דוד איז גוועבט גוועזן מיט אהרליי גשטאלט
עס איז אזו אשיין אונ ניט גזעהן גווארן אלערליי גשטאלט פון דער
וועלט הט דרינן גפינקלט אונ אלץ מיט פיל רחמים צו דעם וואס איז
גוועזן איין ירא שמים אזו ווי עס שטייט יראיך יראוני וישמחו זיי פרייען
זיך אז זייא זעהן מיך אונ אלי רשעים האבן זיך דר פאר גפארכטן
אבר דס אונ פון בלעם איז גיוועזן איין עין רעה צו אדי ווי אהין ער
הט אקוק גטאן הט ער עס פר דארבן אזו ווי אפלאם פייער עס איז
נאך אזו אשלעכט אונ ניט גיוועזן אויף דר גאנצר וועלט דער היפוך
פון דוד המלך זאגט רבי אבא בוודאי די אלי זאכין זענן גוועזן בייא
בלעם נאר גילוי עריות ווי גפינין מיר אלא עס שטייט הן הנה היו לבני
ישראל בדבר בלעם למסר וגו׳ איז עבודת כוכבים אונ גילוי עריות אויך עדות
שקר דען ער הט גזאגט ויודע דעת עליון אונ ער הט אפילו ניט גיוויסט
די דעה פון זיין בהמה ער הט גשאלטן דעם דיין דען ער הט גזאגט
לכה איעצך ער הט אפ גקערט פון דעם דין אונ האט גרעט אויף זייא
ביז ער איז גנאנגן אין תחום פון זיין חבר ער הט גזאגט ואעל פר ואיר
במזבח אונ דס הט צו אים ניט גקערט ער הט גימאכט קריג צווישן
אחים דס זענן ישראל מיט הקב״ה אונ עין הרע איז אין דער גאנצר
וועלט ניט גיוועזן אזו וויא זיין שלעכט אוג • מקלל השם וואורום ער
האט גיזאגט ואנכי אקרה כה אונ אלץ איז אין אים גוועזן :

רבי יוסי הייבט אן אל תלחם לחם רע עין דס איז בלעם דער רע עין וואס
ער הט גבענשט וואס הקב״ה הט ניט בגערט עס שטייט ואל תתאיו
למטעמותיו דס איז בלק דס הקב״ה באגערט זייני עולות קום אונ זעה

עס

עס שטייט וירא בלק וואס האט ער גזעהן ער האט געזעהן מיט זיין חכמה
אז ער מיט אלי פינף מלכי מדין וועלן פאלן אין דר האנט פון די
ישראל דרום האט ער מקדים געוועזן צו בלעם וואס זיין כח איז געוועזן
מיט זיין מויל אזו ווי די ישראל וואס זייער כח איז נאר מיט דעם מויל
און בלעם האט נאך דר צו גגלויבט מער פון בלק און די ידיעה וואס
בלעם האט גוויסט איז נאר געוועזן ביי נאכט דען דר כח פון די קליפות
איז נאר ביי נאכט אין דעם ערשטן משמר איז חסור נוער דרום האט
ער גיהאט איין אייזל ער זאל זיין מיט דעם אייזל בתחלת הלילה
און די וועסט פרעגין עס שטייט דאך ויבא אלהים אל בלעם לילה עס איז
געוועזן זיין שר אזו אויך שטייט ויבא אלהים אל לבן הארמי בחלום הלילה מיינט
מען אויך זיין שר דרום האט בלעם גזאגט צו די שלוחים פון בלק לינו
פה הלילה אז דר ממונה איז גקומן צו אים האט בלעם גרעט מיט אים
זייני רייד אזו האט גירוט אויף אים דר זעלביגער רוח און האט אים
מודיע געוועזן דורך דעם אתון עס איז קשה אז ער האט אים שון איין
מאל גזאגט לא תלך עמהם ווארום האט ער אים ווידר גפרעגט אלא מיר
האבן גלערינט אויף דעם וועג וואס אמענטש וויל גיין פירט מען אים
פון אובן צום ערשטין האט השי"ת ניט גהייסן ער זאל גיין אז ער האט
גזעהן אז זיין רצון איז יוא צוא גיין זאגט ער אים קום לך אתם ואך את
הדבר וגו' די דאזיגי נאכט האט בלעם גיטראכט וויא איז מיין כבוד אז
איך מוז אן גבונדן זיין אין אנדרן און איך קען ניט טאן מיין ווילן
און אנאנצי נאכט האט ער גקוקט אין זייני כשפים און האט ניט גפינן
קיין שום צד אז ער זאל זיין אין זיין רשות נייערט מצד פון זיין אתון
רבי יצחק זאגט צווישן די קליפות זענן מצד ימין צעהן חמורים און
מצד שמאל צעהן אתונות און דאס האט יוסף האט מרמז געוועזן ולאביו
שלח כזאת עשרה חמורים וגו' און דס איז וואס די תורה האט אנגזאגט לא תחרוש
בשור ובחמור יחדו מצד ימין איז דר נחש און מצד שמאל ווערט גיפונין
דר אתון מיט קוסם קסמים זאגט בלעם כי לא נחש ביעקב ולא קסם בישראל
עס קען קיין שום כישוף און קיין שום קליפה אויף זיי ניט שולט זיין
הן מצד ימין והן מצד שמאל ווארום ה' אלהיו עמו רבי יצחק מיט
רבי יוסי זענן גגאנגן אין וועג פון טבריא קיין לוד זאגט רבי יצחק
איך פר וואונדר מיך אויף בלעם דרשע דס אלי זייני מעשים וואס זענין
געוועזן מצד הטומאה און אזו האבן מיר גלערינט אסוד דס אלי נחשים
זענין אן גקניפט און גיין ארוס פון דעם נחש הקדמוני דס זי איז דר
עיקר כח הטומאה וואס ער איז מזוהם דרום אלי נחשים וכישוף פון
דר וועלט ווערט אן גרופן בשם נחש ווייל אלי גיין פון איר ארוס און
יעדר עס ציהט זיך נאך דעם ווערט ער טמא און ניט דס אליין
נאר ער מוז זיך אליין פריער מטמא זיין ווייל ער וויל אויף זיך מושך
זיין די טומאה דען מיר האבן גלערינט הבא לטהר מסייעין לו והבא לטמא
פותחין לו ביי דר קדושה העלפט מען אים און מען זאגט ובחרת בחיים
און ביי דר טומאה עפינט מען אים נאר אויף ער זאל ארייין גיין דרום
שטייט לא הלך כפעם בפעם לקראת נחשים דען נאר זיין כישוף איז אים נאר
גיקומין פון דיא נחשים זאגט רבי יוסי ווארום ווערט גיפונין אלי
חרשים וקסמים ביי דיא נשים זאגט רבי יצחק אזו האבן מיר
גילערינט אז דער נחש הקדמוני דאט גיווארפין איין זוהמא דאס
הייסט איין טומאה איז איר גיקומען מצד הנחש זאגט רבי יוסי עס
איז בוודאי אזו האט ער אים גיקושט און זאגט איך האב שוין כמה
מאל גיפרעגט דיא זאך און האב ניט זוכה געוועזן ביז אצונד זאגט

רבי יצחק די אלי מעשים וואס בלעם האט גיוויסט פון תענין האט
דאס גילערינט זאגט רבי יוסי זיין פאטער בעור האט אים אבינ
גילערינט נאר דר עיקר פון אלי מיני כשפים וחרשים האט ער ד
גילערינט פון די בני הררי קדם וואס זיי זענן אין דעם לאנד קדם
דארטן זענן די מלאכים עז"א ועזא"ל וואס הקב"ה האט זיי אראפ גיווארי
פון דעם הימל זייא זענן צו גיבונדן מיט אייזערני קייטן זייא זענ
מודיע צו די מענטשן אלי מיני חרשים וכשפים וקסמים און פון
האט בלעם גיוויסט אלי מיני כשפים אזו ווי עס שטייט מן ארם ינחני
מלך מואב מהררי קדם זאגט רבי יוסי דס וואס דו זאגסט ווייל דר נחש ה
ארייין גיווארפין איין זוהמא נאר בשעת די ישראל זענין גישטא
אויף דעם בארג סיני האט זיך פון זיי אפ גיטאן די זוהמא פון ד
נחש בשעת די ישראל האבין גיזינדיגט מיט דעם עגל האט זיך ד
זוהמא צו זייא ווידר אום גיקערט אזו וויא פריער דעסט גלייכן א
אשה אין אירי אומרייני טעג איז זי איין נדה דארף זיך איין מענט
פר איר היטן ווייל זי איז בהעפט אין דר טומאה און די זאך וואס
רירט אן ווערט דס טמא און מכל שכן ווער עס בהעפט זיך אין א
חלילה · זכאין זענן די ישראל וואס הקב"ה האט זיי גיגעבן דיא תור
און האט זיי גיזאגט ואל אשה בנדת טומאתה לא תקרב וגו' האט ער אים וויד
גיפרעגט ווער עס איז מסתכל אין די צפצופי עופות ווארום הייסט ד
איין ניחוש האט ער אים גיזאגט ווייל דאס קומט אויך פון דעם נח
ווארום דר רוח טומאה רועט אויף די עופות דרום איז דס עוף מי
דעם צפצוף מודיע אלי זאכין און אלי רוחות הטומאה זענן בהעפ
אין נחש עס איז ניט פאר האנדן קיין שום מענטש ער זאל פון אי
ניצול ווערן דען ער ווערט ביי אלי גיפונען ביז לעתיד לבא ווע
הקב"ה מעביר זיין דעם רוח הטומאה מיט אלי רוחות רעות פון ד
וועלט אזו ווי עס שטייט בלע המות לנצח ומחה ה' אלהים דמעה מעל כל פנים או
שטייט ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ אמן :

## פרשת מסעי

אלה מסעי בני ישראל רבי חזקיה זאגט עס שטייט מי נתן למשיסה יעקב וישר
לבוזזים הלא ה' זו חטאנו לו וגו' קום און זעה פון דר צייט אן וואס ד
בית המקדש איז חרוב גיווארן זענן די ברכות ניט שורה אויף דע
וועלט זייא זענן פר מיטן גיווארען כביכול מלמעלה ומלמטה און די
מדריגות התחתונים די קליפות האבן אשליטה אויף דר וועלט ד
האבען דיא ישראל אליין גורם גיוועזן מיט זייערי חטאים · אין דעמ
פסוק איז דאך קשה פריער שטייט מי נתן למשיסה יעקב איז משמע ו
איינר פרעגט ווער האט דאס גיגעבן אז די ישראל זאלן אזו גירויבט
ווערין ווי אזו גישיקט זיך ווייטר דר פסוק וואס ער זאגט הלא ה' זו חטאנ
לו דס האט הקב"ה גיטאן ווייל מיר האבן צו אים גיזינדיגט עס וואלט
דאך גיקערט צו שטיין חטאו לו זיי האבן צוא אים גיזינדיגט דען א
עס שטייט שוין מיר האבן צו אים גיזינדיגט וואלט גידארפט שטיין
ולא אבינו הליך מיר האבן ניט גיוואלט גיין אין זייני וועגין נאך וואס
שטיים ולא אבו זיי האבן ניט גיוואלט נאר אזו איז דר פשט פון דעמ
פסוק ווארום פון דר צייט אן וואס דר בית המקדש איז חרוב גיווארן
און דר היכל איז פר ברענט גיווארן אין פייער און די ישראל זענן
פר טריבן גיווארן אין גלות ארייין האט זיך די שכינה גיוואלט געקר
ווערין פון איר ארט און גיין מיט די ישראל אין גלות ארייין האט זיא
גזאגט

ט איך וועל פריער גיין אין מיין הויז אונ צו מיין היכל אונ וועל
ן פוקד זיין מיין ארט אונ דם ארט פון די כהנים ולוים דם זיי
ן דארטן פריער גיזונגן אונ אז זי איז דארטן גיקומן הט זיא אן
בן כביכול צו שרייען איז דם קול גיהערט גיווארן למעלה ולמטה
יי עס שטייט קול ברמה נשמע נהי בכי תמרורים רחל מבכה על בניה דאס
ט מעןדישכינה הט כביכול גיוויינט אויף אירי קינדר דר נאך אז זי
נגאנגן מיט די ישראל אין גלות בבל אריין אונ הט גיזעהן זייער
ס דוחק וצער ווי די אנשי בבל האבן זיי אין גלות גיטרעטן מיט
יי פיס הט דיא שכינה גיזאגט דעם פסוק מי נתן למשיסה יעקב וישראל
י הט דם גימאכט אז מען זאל זיי רויבן אונ טרעטן האבען דיא
אל גיענטפערט הלא ה' זו חטאנו לו דם הט הקב"ה גיטאן וואס מיר
בן צו אים גיזינדיגט הט זיא צו זיי ווידר גיזאגט לא אבו בדרכיו הלוך
ט איר אבר גיוועזן גיהיט דיא תורה וואלט איר ניט פאר טריבן
ארן אין גלות אריין בשעת די גאולה וועט זיין וועט דיא שכינה
ערשטן ארוס גיין אונ וועט גיין אין בית המקדש אריין דען דם
המקדש וועט פריער גיבויט ווערן פר קיבוץ גליות אזו ווי עס
יט פריער בונה ירושלים ה' דער נאך שטייט ערשט נדחי ישראל יכנס
אז הקב"ה וועט זאגן צו די ישראל התנערי מעפר קומי טרייסיל זיך
פון דר ערד אונ שטייא אויף וועט דיא כנסת ישראל זאגן וויא
ן זאל איך גיין דען מיין הויז איז חרוב גיווארן מיין היכל איז פר
ענט גיווארן אין פייער וועט הקב"ה צו איר זאגן שובי ירושלים קער
אום קיין ירושלים ווארום זיא איז שוין גיבויעט גיווארען אונ מען
ט שוין אלץ צוא דיר אן גיברייט דר נאך וועלין זיך ערשט איין
מלן אלי נדחי ישראל ווס זענן פר שטוקן גיווארן אין פרעמדי לענדר
דער צייט וועט מקוים ווערן וואס ווייטר שטייט הרופא לשבורי לב
בש לעצבותם דם הייסט תחיית המתים אויך שטייט ואת רוחי אתן וגו'
י שמעון איז גיגאנגן אין וועג אונ מיט אים איז גיוועזן זיין זון רבי
עזר אונ רבי יוסי מיט רבי חייא זאגט רבי אלעזר צו זיין פאטר
וועג איז פר אונז אן גיברייט מיר וועלן הערן דברי תורה הייבט
רבי שמעון צוא זאגן עס שטייט אין קהלת גם בדרך כשהסכל הולך לבו
י ואמר לכל סכל הוא ווען איין מענטש וויל זיין וועג אן ריכטען פאר
קב"ה זאל ער זיך מתייעץ זיין אונ זאל מתפלל זיין להקב"ה אזו ווי
ט שטייט צדק לפניו יהלך וישם לדרך פעמיו אונ אז ער טוט אזו ווערט די
שכינה פון אים ניט אפ גישייד אבער ווער עס האט ניט קיין רעכטי
אמונה אין הקב"ה דער טוט ניט אזו אויף אים זאגט דער פסוק וגם
ך כשהסכל הולך לבו חסר אין ווס פר איין וועג דר נאר גייט איז ביא
ם גימינערט דם הארץ ווער איז דם הארץ פון די ישראל דאס איז
קב"ה ווס ער הייסט דם הארץ פון די ישראל אזו וויא עס שטייט
הלקי צור לבבי לעולם דיא שכינה איז ביא אים חסר וייל ער האט
ך מיט איר ניט מתייעץ גיוועזן אידער ער איז ארויס גיגאנגן אין
עג אריין אונ בשעת ער גייט אין וועג לערינט ער קיין תורה אויך
ט דרום גייט אים אפ דאס הארץ דם הייסט הקב"ה איז ווייט פון
ם אונ אפילו ער הערט פון איין אנדערן דברי תורה קען ער ניט
ר נעמן אונ לאכט דער פון אונ זאגט עס איז איין נארעשקייט צוא
רגען תורה ואמר לכל סכל הוא ער זאגט עס איז אלץ נארעשקייט אזו
א איין מאל האט איינער גיפרעגט אויף דער מצוה פון מילה אונ
גט דם איז ניט קיין רעכטע מצוה עס גיהער דאך ניט אן מיט דר

אמונה • האט רבי ייסא סבא דאס דער הערט האט ער אויף אים אקוק גטאן מיט זייני אויגען איז פון אים תיכף גיווארען איין הויפן מיט ביינר אבער אונז איז דער וועג אן גיברייט מיט דר הילף פון הקב"ה דרום וועלן מיר זאגין דברי תורה :

פתח ער הייבט אן אונ זאגט דוד המלך עליו השלום הט גזאגט הורני ה' דרכך אהלך באמתך יחד לבבי ליראה שמך איז דאך קשה וויא אזו האט דוד המלך גיבעטן צו הקב"ה ער זאל אים ווייזן דעם וועג פון יראת שמים ער זאל זיין איין צדיק אמער מיר האב דאך גלערינט אז אלי זאכן פון דעם מענטשן זענן אין דיא הענט פון הקב"ה חוץ פון דעם אז דער מענטש זאל זיין איין צדיק אדער איין רשע דאס איז ביא דעם מענטשין אין דיא הענט זאגט רבי שמעון דוד המלך הט אזו גיזאגט ווייז מיר דיין וועג אונ אנפרעק מיר נאר אים • איך זאל וויסן אז דאס איז דר גוטר וועג אונ וויא באלד דו וועסט מיר נאר עפענן מייני אויגין איך זאל פאר שטיין דער נאך וועל איך שוין אליין גיין אין וועג פון יראת שמים אונ וועל שוין ניט אפ קערן לימין ושמאל יחד לבבי בהעפט אין מיר דאס הארץ איך זאל מיר פר דיר פארכטין רעכט צו היטן מייני וועגן אין דר יראה ווס איך בין אין איר בהעפט מכח מיין נשמה דרום שטייט יחד לבבי מיט צווייא ביתי"ן קום אונ זעה איטליכר מענטש ווס פארכט זיך פר הקב"ה רועט אויף אים די קדושה אזו ווי עס דארף צו זיין אבר דר ווס הט ניט קיין יראה רועט אוף אים ניט די קדושה אונ ער הט ניט קיין חלק לעולם הבא נאך מער עס שטייט ואורח צדיקים כאור נוגה הולך ואור עד נכון היום וואל צו די צדיקים בעולם הזה ובעולם הבא דאס הקב"ה בגערט אין זייער כבוד אונ הט צו זיי בהאלטן די ליכט ווס עס איז צו זיי בשאפן גיווארן בששת ימי בראשית דרום שטייט הולך ואור עס גייט אויף איין ליכט אונ עס ווערט דר פון ניט נחסר אבר ביי די רשעים שטייט דרך רשעים באפלה לא ידעו במה יכשלו די רשעים גייען אויף דר וועלט אין קרומן וועג אונ בגערן ניט צוא זעהן אז הקב"ה וועט אין זייא טאן איין משפט זייא וועלן גיין אין גיהנם אריין אונ וועלן שרייען וויא וויא ווס מיר האבן בעולם הזה ניט גינייגט אונזרי אויערן צו פאר נעמן מוסר אונ יראת הקב"ה אזו וועלן זייא אלי טאג שרייען אונ קיינער וועט זיי ניט קענן העלפן דען ווער עס גרייט זיך ניט אן בערב שבת עסן אויף שבת האט ער בשבת ניט צו עסן דען דיא וועלט הייסט ערב שבת אונ יעני וועלט הייסט שבת דרום הט הקב"ה אן גברייט צו די צדיקים זייער שכר אויף יענר וועלט אונ זיי געבן אזו איין חלק ווס קיין שום אויג האט אין דעם קיין שליטה ניט אפילו קיין נביא הט ניט גיקאנט משיג זיין זייער שכר דרויף שטייט עין לא ראתה אלהים זולתך אונ אויף די רשעים שטייט ויצאו וראו בפגרי האנשים הפושעים בי וגו' אויך שטייט ועסותם רשעים כי יהיו אפר תחת כפות רגלי הצדיקים זיי וועלן זיין אזו ווי אש אונטר די פיס פון די צדיקים מען זאל אויף זייא טרעטן וואר צוא דיא צדיקים בעולם הזה ובעולם הבא אויף זייא שטייט אך צדיקים יודו לשמך וגו' אויך שטייט ועמך כולם צדיקים וגו' רבי חזקיה זאגט עס שטייט משא גיא חזיון וגו' קום אונ זעה דיא חברייא האבן גזגט בשעת חורבן בית המקדש זענען אלי כהנים ארויף אוף די דעכר אונ האבן גינומען דיא שליסל פון דיא טויערן פון דעם בית המקדש אונ האבן גיווארפן צוא דעם הימל אונ האבען גיזאגט ביז אהער זענן מיר גיוועזן גבאים דריבר אצונד נעם דיר צו דיינם אבר

קום

קום און זעה די שכינה הייסט גיא הזיון דען דס גאנצי נביאות פון די
נביאים איז נאר גיוועזן פון איר דען די שכינה איז דם ליכט ווס פון
איז נאר גיוועזן פון איר דען די שכינה איז דם ליכט ווס פון איר ווערן
נזעהן אלי מאורות העליונים אונ דס גישטאלט מה לך איפוא כי עלית כולך
לגגות דען אז דם בית המקדש איז חרוב גווארן איז די שכינה גקומן
אוף אלי ערטר ווס זי איז גיוועזן צום ערשטן אונ הט גיוויינט אויף
איר וואוינונג ווס עס איז חרוב גיווארן אונ אויף די ישראל ווס זענין
גיגאנגן אין גלות אונ אויף אלי צדיקים וחסידים ווס זענן דארטן פר
לארן גיווארן אזו ווי דר פסוק זאגט קול ברמה נשמע נהי בכי תמרורים רחל
מבכה על בניה אונ מיט איר האבן גיוויינט אלי חיילות ומרכבות זיא
זאגט מייני קינדר זענען אין גלות אונ דר בית המקדש איז פר ברענט
גיווארן ווס זאל איך דא טאן תשואות מלאה עיר הומיה קריה עליזה על כן אמרתי
שעו מני אמרר בבכי די שטאט איז פול מיט ברומונג אונ וויסטונג דרום
זאגט דער פסוק אמר ה' מנעי קולך מבכי פאר מייד דיין קול פון צו וויינן
קום אונ זעה פון דעם טאג ווס דר בית המקדש איז חרוב גיווארען
איז ניט דא קיין טאג ווס עס זאל ניט זיין דריגן קיין קללות דען אז
דר בית המקדש איז גשטאנן האבן די ישראל גיטאן די עבודה אונ
מקריב גיוועזן קרבנות הט זיך די שכינה פון זיי ניט אפ גיטאן ווייא
איין מוטר היטעט אויף די קינדר דען זענן אלי עולמות דר לייכט
גיווארן אונ עס זענען גיוועזן ברכות למעלה ולמטה אונ עס איז ניט
גיוועזן קיין טאג וואס עס איז ניט גוועזן קיין ברכות ושמחה אונ דיא
ישראל זענן גזעסן בטוח אונ די וועלט איז גשפייזט גווארן פון זייערט
וועגן אונ היינט איז אלץ להיפוך ביז הקב"ה וועט די כנסת ישראל
אויף ריכטן מעפר אונ וועט די וועלט משמח זיין מיט אליען אזו ווי
דר פסוק זאגט והבאותים אל הר קדשי ושמחתים בבית תפלתי אונ אזו ווייא אז
זיי זענן גיגאנגן אין גלות שטייט בכה תבכה בלילה אזו אז זיי וועלין דר
לייזט ווערן שטייט בבכי יבואו ובת חנונים אובילם אזו ווי פריער איז גוועזן מיט
גוויין אזו וועלן זיי דר נאך זיך ווידר קערן מיט גוויין פר גרוס שמחה:
רבי אבא הייבט אן ויקם יונה לברוח תרשישה מלפני ה' ווייא צו דעם וואס
ער וויל זיך פאר בארגן פאר הקב"ה דאס בייא אים שטייט הלא
את השמים ואת הארץ אני מלא נאום ה' ווייא אזו האט יונה גיוואלט אנטלופן
פאר אים אלא עס שטייט יונתי בחגוי הסלע יונתי דם איז ישראל בחגוי
הסלע דם איז ירושלים אזו ווייא איין שטיין איז הויך אונ שטארק אזו
איז ירושלים העכר גיוועזן אונ שטארקר גיוועזן פר אלי בסתר המדרגה
דאס איז דאס בית המקדש דאס ארט פון קדשי קדשים איז דאס
הארץ פון דער גאנצער וועלט אונ אזו ווי אין דעם הארצין איז דם
נפש דאס חיות פון דעם גאנצין גוף אזוא איז דיא שכינה וואס זיא
איז דאס חיות פון דר גאנצר וועלט איז דארטן גיוועזן בסתר המדריגה
פאר בארגן ווייא איין אשה איז פר בארגן אין איר הויז אזו איז אוך
די שכינה דארטן אלץ גיוועזן אונ אז כל ישראל זענען דארטין גיוועזן
איז אלץ מתוקן גיוועזן אונ כביכול דר כסא הכבוד איז גאנץ גיוועזן
אונ מיט זייערי עבירות האבן זיי גישפאלטין אלי אוירים אונ זיא
איז אויף גיגאנגן למעלה דען דם לאנד איז נאר מתוקן גיוועזן צו די
ישראל אליין אונ דרום אלי נביאים וואס זענען דענסט מאל גיוועזן
האבן זיי גינומן דיא נבואה פון איר ארט דאס איז ארץ ישראל אונ
דרום איז יונה אנטלאפען גיווארען פון ארץ ישראל קיין חוץ לארץ
כדי די נבואה זאל אויף אים ניט רוען אונ ער זאל ניט גיין בשליחות

הקב"ה קיין נינוה אויב דו וועסט פרעגן ווארום הט זיך די נבואה
בוויזן צו יחזקאל אויף דעם נהר כבר דאס איז נאר גיוועזן לפי שעה
פון וועגן די ישראל אזו ווי עס שטייט אויבן אין פרשת שמות אונ
ווידער עס שטייט על נהר כבר דאס איז טייטש איין טייך ווס ער איז
פריער גיוועזן פון די פיר טייכן ווס גייען ארויס פון דעם גן עדן אונ
פון דעם טאג אן וואס דיא וועלט איז בשאפן גיווארן איז די שכינה
דארטן אלי מאל אזו ווייא דר פסוק זאגט ונהר יוצא מעדן להשקות את הג
ומשם יפרד וגו' והנהר הרביעי הוא פרת אונ דער טייך איז גיוועזן דער פרת
רבי אלעזר ורבי יוסי זענן גזעסן איין נאכט אונ האבן גילערינט או
אז עס איז גיקומן הארבי נאכט הט דר האן גיקרייעט האבן זיי
גימאכט דיא ברכה אשר נתן לשכוי בינה וגו' זאגט רבי אלעזר אצונד א
דר זמן ווס הקב"ה גייט אריין אין גן עדן ער זאל זיך משתעשע זי
מיט די צדיקים זאגט רבי יוסי נאך ווס איז ער זיך משתעשע היינ
רבי אלעזר אונ זאגט קום אונ זעה אצונד מאכט הקב"ה ציטרן די
הונדערט מיט ניינציג היכלן אזו ווייא די צאל פון שמים אונ טרעט א
זייא אונ וויינט אויף חורבן בית המקדש אונ מאכט כביכול נידער
צוויי טרערן אין ים הגדול אריין אונ דר מאנט זיך אין זייני קינד
פון דעם גיוויין דען די נאכט איז גיטיילט אויף דריי חלקים דען ד
נאכט ווערט תמיד גירעכינט צוועלף שעה חאטשי טבת איז ז
לענגר אונ תמוז איז זיא קירצר פון דעסט וועגן ווערט זיא ת
גירעכינט גלייך אונ דיא צוועלף שעה פון דר נאכט ווערט גיטיי
אויף דריי חלקים אונ די חיילות פון די מלאכים הקדושים ווערן א
גיטיילט אויף דרייא חלקים איטליכר חלק זאגט אין איין חלק נאכ
שירה דם ערשטי חיל זענן ממונה אין די ערשטי פיר שעה צו לו
זייער הערן וואס זאגן זייא לה' הארץ ומלואה וגו' כי הוא על ימים יסדה וגו'
יעלה בהר ה' נקי כפים ובר לבב ווארום זאגן זיי דם ווייל אז די נאכט
זיך מתפשט אויף דער וועלט איז די גאנצי וועלט טועם טעם מי
אונ זייערי נשמות גייען ארויף אזו שטייען די מלאכים אונ זאגן
יעלה בהר ה' דם איז למעלה דר הר הבית ומי יקום במקום קדשו דאס
עזרת ישראל דען דא איז ארץ גיוועזן אין גישטאלט פון אובען ד
עס איז פר האנדן אין איטליכן רקיע ממונים ושרים ווס די שטי
ווען די נשמות ווילן ארויף גיין אונ זענן ניט ראוי אזו שטויסין ז
מלאכים זיי ארויס אזו גייען זיי שוועבן אויף דר וועלט אזו איז
האנדן כמה מלאכי חבלה וואס זייא נעמן זיי אונ זענן צו זיי כו
דברים שקרים אונ אמאל דברי אמת ווס עס וועט קומן לזמן ק
אבער אז דיא נשמות הצדיקים גייען אונ שוועבן למעלה אזו עפ
מען זיי דיא טירן אונ זיי גייען אריין אין דעם ארט וואס הייסט ה
אזו ווי עס איז דא גיוועזן פר דעם בית המקדש דר הר הבית אונ
דארטן גייען זיי ארויף צו דעם ארט וואס הייסט מקום קדשו דאר
ווערן גיזעהן אלי נשמות פאר הקב"ה אזו ווייא אונטן איז גיוועזן
בית המקדש עזרת ישראל ובשעת אז דיא נשמות שטייען דאר
דען איז אן גיבריית דארטן די שמחה פון הקב"ה מיט זיי אין
ארט ווייא עס הייסט קודש קדשים אונ דארטען זענען גיצייכינט
זייערי מעשים אונ זייערי זכיות · דם אנדרי חיל איז ממונה אוי
אנדרי פיר שעה פון דר נאכט אונ זאגן ניט קיין שירה נייערט
שעה דען ווערט הארבי נאכט אזו גייט הקב"ה אין גן עדן אריין
מלאכים זענן די אבלי ציון ווס זיי וויינן אויף חורבן בית המק
אז

עם הייבן זיך אן די פיר שעה זאגן זיי על נהרות בבל שם ישבנו גם בכינו
ברנו את ציון זיי האבן געוויינט מיט די ישראל דען ווען עס שטייט גם
יגו דם איז טייטש מיר האבן אויך געוויינט מיט דיא מלאכים אונ
ם שטייט הזאראלם צעקו חוצה וואס איז טייטש חוצה דאס איז בבל דאס
י מלאכים האבן זייא באלייט ביז בבל אונ האבן דארטן געוויינט
ט זיא · זיי הייבן אן על נהרות בבל אונ לאזן אום זכור ה' לבני אדום את
ירושלים דען טוט זיך הקב"ה מעורר זיין אין זיין מדריגה אונ טרעט
ן הימל אזו ווערין דר ציטרט צוועלף טויזנט עולמות זייא שרייען
ב וויינן אזו ווי דר פסוק זאגט ה' ממרום ישאג שאוג ישאג על נוהו אונ ער
מאנט זיך אין די ישראל אונ נידרט צווייא טרערן אין ים הגדול
ן איז זיך מעורר איין פלאם פייער אונ איין ווינט פון צפון זייט
עט אין דעם פלאם אונ גייט אונ שוועבט אויף דר וועלט באותו שעה
ט דר פלאם אונ שלאגט אין דעם פליגל פון דעם האן אזו הייבט
אן צוא קרייען אונ הקב"ה כביכול גייט אין גן עדן ער זאל זיך
תעשע זיין מיט די צדיקים בשעת גאט גייט אין גן עדן אזו הייבן
אלי בייער אין גן עדן אונ אויך אלי נשמות הצדיקים צוא זאגן
שערים ראשיכם ודנשאו פתחי עולם ויבא מלך הכבוד וגו' מי הוא זה מלך הכבוד ה'
ת הוא מלך הכבוד סלה ובשעת אז די נשמות הצדיקים גייען ווידער
אפ אין זייער גוף ארין דען שטארקען זיך אין זייא אלע דיא
אכים אונ זאגן הנה ברכו את ה' כל עבדי ה' העומדים בבית ה' בלילות · דאס
טי ח"ל איז מכוונה אין דיא אינטרשטע פיר שעה פון דער נאכט
עם ווערט טאג זייא זענן משבח צו זייער הערן אונ מיר האבן
רינט אז עס ווערט טאג אזו זענען דיא אלע כוכבים ומזלות
אלע מלאכים עליונים וואס זענען שולט בייא טאג זענען אלע
בח צו זייער הערין אונ זאגין שירה אזו ווי דער פסוק זאגט ברן
וכבי בוקר ויריעו כל בני אלהים בשעת אז דיא זון קערט זיך אום אין
גלגל הייבט זי אן זינגן מיט אזים קול די דאזיגי שירה הודו לה' קראו
וגו' זמרו לו וגו' שירו לו שיר חדש וגו' אונ די ישראל לויבין אויך צוא
ת מיט איר אין איינעם אזו שטייט ייראוך עם שמש זאגט רבי אלעזר
די מענטשן וואלטן ניט האבן קיין פאר שטאפטע הערצר אונ
דע אוגן וואלטן זיי ניט גיקענט בשטיין איבער דעם זיס קול פון
גלגל חמה בשעת זי גייט אונ לויבט צו הקב"ה · ווי זיי שמועסן
ברי תורה איז דער ווייל טאג גיווארן זענען זייא אויף גשטאנען
ען גיקומן פר רבי שמעון · דאס איבריגע שטייט אין פרשת
· רבי אלעזר איז גיגאנגן צו זיין שווער רבי יוסי ברבי שמעון
קוניא ווי זיין שווער הט אים דר זעהן האט ער אים אן גיגרייט
ן בעטיל מיט בעט גיוואנט זאגט זיין שווער צוא אים האסטו
גיהערט פון דיין פאטר רבי שמעון אויף דעם פסוק וואס עס
ט עשה ה' אשר זמם וגו' צוה מימי קדם זאגט רבי אלעזר דיא חברייא
דאך שוין גיזאגט אז בצע אמרתו איז טייטש ער הט צו ריסן זיין
ווס דם איז זיין כבוד אונ זיין עטרה אונ דאס איז זיין תיקון
אונ אז דם בית המקדש איז חרוב גיווארן הט ער דאס צוא
זאגט אים זיין שווער עס איז מיר קשה נאך ווס שטייט עשה
זמם דם איז דאך טייטש השי"ת הט גיטאן ווס ער הט פריער
כט ווי אזו קען איין קינד בשטיין אויף דעם ווס זיין פאטער דר
טראכט אויף אים שלעכץ נאך איידער ער זינדיגט זאגט רבי

אלעזר עס איז אמשל צו איין עשיר וואס ער הט איינטייערי אונ איין חשובי כלי הט ער זיך אלי טאג זייער גיפארכטן זיא זאל חלילה ניט צו בראכן ווערין האט דער עשיר אלי טאג אליין אויף איר אכטונג גיגעבן צו גיוואר ווערן ווס עס טוט זיך מיט איר ווארום זיא איז ביי אים זייער חשוב גיוועזן אמאל איז גיקומן זיין זון אונ הט אים זייער דר צערינט הט דר עשיר מחמת כעס גינומן די כלי אונ הט זיא צו בראכן דם מיינט דר פסוק עשה ה' אשר זמם קום אונ זעה זינט דם בית המקדש איז גיבועט גיווארן האט הקב"ה תמיד אין אים מסתכל גיוועזן ווארום ער איז בייא אים זייער חשוב גיוועזן אונ הט זיך זייער גיפארכטן אז דיא ישראל זאלן חלילה ניט זינדיגן וועט איבער דעם דער בית המקדש חרוב ווערין אונ ווען ער איז גיקומען אין בית המקדש ארין הט ער אן גיטאן דם קלייד דער נאך אז דיא ישראל האבן גיזינדיגט אונ האבן דר צערינט פר הקב"ה הט ער דעם בית המקדש חרוב גימאכט אונ הט צו ריסן דם קלייד ווס ער איז גגאנגן אן גיטאן דם מיינט דר פסוק עשה ה' אשר זמם דאס וואס עס איז תמיד גיוועזן איין חשוב קלייד אונ איין עטרה אויף זיין קאפ הט ער דאס היינט צו ריסן אויף דר צייט שטייט ויקרא ה' אלהים צבאות לבכי ולמספד הן אראלם צעקו חוצה איז כביכול גיוועזן אין עצבות פאר הקב"ה פון אויבן וויינג אונ פון אינוויינג דם איז נאר בשעת דאס בית המקדש איז חרוב גיווארן אבר אנדר מאל אלי דורות ווען עס ווערין פר לארין די רשעים ווס לייקינן אין אים איז ער צוא פרידן אזו ווי עס שטייט באבוד רשעים רנה אויב דוא וועסט פרעגן מיר גיפונען דאך אז דיא רשעים ווען פר לארן איז ניט פאר האנדן קיין שמחה פר הקב"ה דען דרום הט הקב"ה ניט גילאזט די מלאכים זאלן זאגן שירה בשעת קריעת ים סוף דרום שטייט ולא קרב זה אל זה נאר ווען זייער מאס איז שוין פר פול אונ עס קומט שוין די צייט ווס ער הט זיי אפ גיגעבין צו ווארטן טאמר וועלן זיי תשובה טאן אונ זייא האבן קיין תשובה ניט גיטאן דענסט מאל אז ער מאכט זיי פר לירן איז פאר אים איין שמחה אבר אז ער שטראפט די רשעים פר דר צייט איז פר אים ניט קיין שמחה פר האנדן אונ עס טוט אים זייער באנק אז זיי ווערן פר לארן אזו ווי עס שטייט כי לא שלם עון האמורי עד הנה איז דאך קשה אז עס איז נאך זייער צייט ניט גיוועזן ווארום הט ער גיטאן אין זיי איין משפט נאר זיי האבן זיך אליין דאס גורם גיוועזן אונ השי"ת טוט ניט אין זיי קיין משפט פאר דער צייט נייערט אז זיי זענן זיך משתף ביין טאן דרום הט הקב"ה גיטאן אין זיי איין משפט פר דר צייט אונ עס טוט אים דרויף באנק דרום האט הקב"ה ניט גיוואלט ליידין דיא מלאכים זאלין זאגען שירה בשעת קריעת ים סוף אזו אויך אין דיא טעג פון יהושפט שטייט הודו לה' כי לעולם חסדו אונ עס שטייט ניט כי טוב ווייל זיי זענין גישטראפט גיווארן פר זייער צייט אבר אז הקב"ה ווארט זייא אצייט זייא זאלן תשובה טאן אונ זייא טוען ניט קיין תשובה דענסט מאל אז ער מאכט זייא פר לירן איז פאר אים איין שמחה חוץ בשעת חורבן בית המקדש שטייט ויקרא ה' אלהים לבכי ולמספד האטשי עס איז שוין גיוועזן נאך דר צייט אונ זיי האבען קיין תשובה ניט גיטאן הט ער זיך פארט ניט גיפרייט אונ הט זיך מצער גיוועזן אויף דעם פאר לירונג פון דיא רשעי ישראל איבער דעם כבוד התורה מחמת זייא האבן די תורה מקבל גיוועזן דרום איז ניט

גיוועזן

גיוועזן קיין שמחה פר אים הן למעלה הן למטה :

רבי יצחק איז גיקומען צו איין בארג האט ער גיזעהן ווי איין מענטש איז גישלאפן לעבין איין בוים ווי ער איז דארטן גיזעסן האט ער דר זעהן אז דיא ערד האט אן גיהובן צו ציטרן אונ דר בוים איז צוא בראכן גיווארן אונ איז אום גיפאלן אין איין גרוב פון ערד אונ דיא ערד איז ארויף אונ אראפ גיגאנגן · כחבית דעם ציטרניש האט זיך דר מענטש אוף גיכאפט אונ הט גישריגן אנטקעגן רבי יצחק יודאי יודאי וויין אונ שרייא דען אצונד האט מען אויף דעם הימל אויף גישטעלט איין ממונה ער זאל אין אייך האבין איין שליטה ער איז אן גיבריים אייך צו טאן פיל שלעכץ אונ דם ציטרניש פון דר ערד איז נאר גיוועזן פון אייערט וועגן דען תמיד ווען די ערד ציטרט איז נאר דרום ווייל מען שטעלט אויף אייך איין ממונה ער זאל אייך שלעכץ טאן · האט זיך רבי יצחק זייער פאר וואונדרט אונ איז דער שראקען גיווארען · זאגט רבי יצחק עס שטייט תחת שלש רגזה ארץ פון דריי זאכן וועגן קומט אויף דר ערד איין ציטרניש איז איינס פון זייא תחת עבד כי ימלוך אז מען מאכט איין נייעם ממונה אויף דעם ארט פון דעם האר אונ מען מאכט אים שולט זיין וכל שכן אז מען מאכט אים אויף דיא ישראל חלילה ציטרט זייער די ערד :

רבי חמא איז גיגאנגען צוא רבי אלעזר הט ער אים גיטראפין וויא ער איז גיזעסן אונ האלט די האנט אין מויל אונ איז גיוועזן זייער טרויעריג פרעגט אים רבי חמא אין וואס איז דער האר עוסק זאגט ער איך בין עוסק אין דעם פסוק באור פני מלך חיים אז דער האר איז טרויעריג וכל שכן אז ער טוט נאך וויינען אונ שרייען וואס טוען דענמאל די קנעכט אזו ווי עס שטייט הן אראלם צעקו חוצה מלאכי שלום מר יבכיון חוצה הייסט ווייל דער האר איז אינווייניג אונ זייא זענען אין דרויסן מלאכי שלום וויא איז דען פר האנדין מלאכים וואס זייא זענען ניט קיין שלום זאגט ער צו אים מיר גיפינען אז עס איז אזו קום אונ זעה עס איז פאר האנדין מלאכים ושרים פון דעם דין הקשה אונ עס איז פאר האנדין שרים פון דין אליין אונ עס איז ניט קשה אונ עס איז פאר האנדין שרים וואס זענין פון דין ורחמים אונ ווידר מלאכים פון כולו רחמים גאר אן דין הייסין מלאכי שלום אוף דיא וואס זענען למטה שטייט אלביש שמים קדרות ושק אשים כסותם אוך שטייט ונמקו כל צבא השמים זאגט ער נאך דעם נאך אז דיא ממונים זעהן אז זייער האר איז טרויעריג ווארום זאלין זייא די קינדר אן טאן צער · זאגט רבי אלעזר זיי מוזן טאן וואס מען הייסט זיי אונ מען גיט זיי כח זיי זאלן טאן דעם ווילן פון זייער האר · אוך איז פר האנדן אזעלכי וואס זיי לופן אונ זענען מוריד צוויי טרערן אין ים הגדול איין צו זינקין אזו וויא דער פסוק זאגט משפטיך תהום רבה אונ דיא עליונים זענין זיך מתגלגל אראפ אונ די תחתונים ווערן צו שפאלטין אונ גידרין אין צוויי הונדרט מיט אכט אונ פערציג מדריגות אזו ווי עס שטייט אריה שאג מי לא יירא בלעם הט גזאגט איך זעה אז די גאולה וועט ניט גיך זיין נאר אין סוף פון די טעג דען עס זענין די זעקס טויזנט יאר פון דר וועלט אקעגן די ששת ימי בראשית ער הט גזעהן אז דר חורבן וועט באלד זיין באלף הרביעי דם אלי אונזרי ליכט זענען פר לאשן גווארן דען דר בית המקדש איז גוועזן דר אור פון דר וועלט איז דס חרוב גווארין אונ די זון מיט דר לבנה מיט די שטערין ומזלות איז זייער ליכט בהאלטן גווארן אזו ווי אין דעם פערטן טאג פון בריאת עולם אזו ווי עס שטייט יהי מארת ברקיע השמים דס אין דר צייט איז די לבנה קלענר גווארין · רבי שמעון הט זייער גוויינט אונ זאגט וויי וויי ווי לאנג וועט זיך נאך דר גלות אוועק ציהן ווער וועט דס קענן סובל זיין זאגט ער צו אים אי רבי אי רבי די זאכסט וויסן וס פאר אכבוד הט הקב"ה גמאכט אין אלי הימלן בשעת גזרה אז ער הט אונז מוסר גוועזן אין דר האנט פון דר שפחה די לילית הרשעה דס די ישראל וועלן קומן אין גלות בבל בשעת מען הט אפ גשריבן דעם גזר דין אונ איז נחתמת גווארן מיט דעם חותם המלך האט הקב"ה גרופן צו אלי חיילות השמים אונ הט גריפין צו גבריאל וס ער איז דר שרייבר למעלה אונ דר קסת הסופר איז אין זייני לענדין אונ זאגט צו אים האלט נאך אוף די בריבלך מיט די פתקים איידר זיי ווערן נחתמית ווערן מען זאל בייז טאן מייני קינדר ביז איך וועל אוף זיי וויינן אונ וועל מאכין אהספד אונ קלאגין אוף זיי דא בשווער איך אייך אלי חיילות השמים דאס איר זאלט מיר ניט שטערן מיין גוויין אונ מיין קלאגען אונ איר זאלט אייך ניט איילען מיך צוא טרייסטן אזו ווי דר פסוק זאגט על כן אמרתי שעו מני אמרר בבכי אונ ווידר שטייט אל תאיצו לנחמני על שבר בת עמי הקב"ה האט גיטרעטין אין דעם היכל וס הייסט ערבות אונ הט אין אים גמאכט פענצטר אונ הט אזוי גיזאגט בני בני מייני גיליבטי קינדער פון מייני גידעריס איך האב אייך דר צוגן אונ האב אייך גטראגן ווי אפאטר טראגט זייני קינדער אונ איך האב צו אייך גילערנט מיין יראה אונ האב אייך גמאכט גוועלטיגן · הט איר גזינדיגט פאר מיר בכמה חטאים האב איך אייך מוחל גיוועזן דען איר זענט גיוועזן מייני ליבי קינדר מייני קינדר מייני קינדר איך וועל רופין צו אלי פיר זייטין פון דר וועלט אונ וועל זיי בשווערן אוף אייך · מזרח מזרח איך בשווער דיך ווען מייני קינדר וועלן צו דיר פאר טריבן ווערין זאלסטו זעהן ווי זייער צורה אונ גשטאלט איז פר ענדרט גווארן אונ זענן שווארץ גווארין אונ די זאלסט קלאגין אונ וויינין אוף זיי אונ די זאלסט זייא היטן · מייני קינדר מייני קינדר דס איר זענט בייא מיר אין הוז גיוועזן אין דעם כח פון אייער מוטר מיט פיל תענוגים אונ איר הט אויף מיר ניט משגיח גיוועזן · מייני קינדער וס זאל איך אייך טאן איך האב שון גוזר גוועזן אגזירה בשבועה · איך וועל זיין מיט אייך אין גלות · משה רעיא מהימנא דיא ביסט גאר ניט משגיח אוף מייני קינדר ווכ איך האב אין דיין האנט מוסר גוועזן · מזרח מזרח דער וועק דיך צו משה אונ איר זאלט וויינן אונ קלאגן אוף מייני קינדר · איין אבילות והספד מאכט אייך אונ איך זאל הערין אונ זאל מיט אייך גוועט זיין פון אבילות · מייני קינדר מייני קינדר וואס זענן מייני גליבטי פון מיין נפש ווי אזו זאלט איר גיין מיט אייזרני קייטן גבונדן אייערי הענט אהינטר איר קינדר איר זענט אופגצוגן גווארן מיט פיל תענוגים איר זענט חשובר גוועזן פון גין גאלט · מייני קינדר מייני קינדר איר הייליגי חסידים אייער פלייש פון אייער לייב איז גווארפן גווארן בשעת חורבן בית המקדש אוף די מארקין אונ אין די גאסין · מייני קינדר מייני קינדר ווייא אוף אייך · אונ איבר דעם הט ער צו ריסן זייני קליידר אזו וויא דר פסוק זאגט בצע אמרתו צפון צפון ווען מייני קינדר וועלן פר שפרייט ווערן בשווער איך דיך זאלסט זעהן ווי זייער גשטאלט איז שווארץ גווארן אונ זייערי הענט איז צו בראכן גווארן דרום בשווער איך דיך דיא זאלסט זיך דר וועקן צו

אברהם

בארג סיני מיט משה אונ ער וועט ארוס גיין אונ דיא אבות וועלין זעהן צו משה אונ משה וועט זיי זעהן אונ זיי וועלין אלי אריין גיין אין דר מערה פון משה אונ משיח וועט זיך דר וועקין צוא זיי אונ זיי וועלן זיך דארטין אלי מתחבר זיין באותו יום וועלין זיך דר וועקין די עשרת השבטים מלחמה צו האלטין לארבע פינות העולם מיט משיח וס ער וועט אוף זיי גיזאלבט ווערין דורך דעם כהן צדק אונ שבעה רועים נאמנים מיט אים :

חסלת ספר במדבר

# פרשת דברים

אלה הדברים אשר דבר משה אל כל ישראל רבי יצחק מיט רבי יהודה זענן גיגאנגען אין וועג זענן זייא גיקומען צוא אזו איין ארט וואס הייסט כפר סיכנין דארטן האט גיוואנט רב המנונא סבא זענן זיי איין גישטאנען ביי אים אין שטוב ער איז אליין ניט גיוועזן ווארום ער איז שון נפטר גיווארן איז דארטין אין שטוב גיוועזן זיינס אקליין קינד פון פינף יאר ער איז גיוועזן בייא זיין רבי אז ער איז אהיים גקומן זאגט אים די מוטר זיי זיך מקרב צוא דיא חכמים זייא זענין חשובי לייט דו וועסט פון זיי גבענטשט ווערן הט ער גיוואלט צוא גיין צו זיי אונ איז צוריק גילאפן אונ זאגט צו דר מוטר איך וויל זיך צו זיי ניט מקרב זיין ווייל זיי האבן היינט ניט גלייענט קיין קריאת שמע אונ אזו הט מען מיט מיר גלערינט ווער עס לייענט ניט קיין קריאת שמע איז ער דעם טאג בנדוי ווי זיי האבין דאס דער הערט האבן זיי זיך זייער פר וואונדערט אונ האבן אוף גהובן זייערי הענט אונ האבן אים גבענטשט אונ זאגן עס איז בוודאי אזו נייערט מיר האבין דעם טאג עוסק גיוועזן במצות חתן וכלה זייא האבין ניט גהאט ווס זיי דארפן צו דר חתונה זיי זענן גוועזן זייער ארום האבין זיי דורך דעם ניט גקאנט חתונה האבן אונ קיינר הט זיך ניט גהאט מתעסק זיין מיט זיי האבן מיר גמוזט זיך מתעסק זיין אין דר מצוה דורך דעם האבן מיר קיין צייט ניט גהאט לייגן קריאת שמע דען מיר האבן גלערינט ווער עס איז עוסק אין איין מצוה איז ער פטור פון דר אנדערר מצוה · זאגין זיי צו אים ווי אזו האסטו דאס גוואוסט אז מיר האבן היינט ניט גלייענט קיין קריאת שמע זאגט דס קינד צו זיי איך האב דר קענט אין דעם ריח פון אייערי קליידר האבן זיי זיך זייער פר וואונדערט דר נאך האבן זיי זיך גוואשן צוא דעם עסין אונ האבן גמאכט איין ברכה איבר דעם ברוט · אונ די הענט פון רבי יהודה זענן גוועזן פאר שמירט אונ האט איין ברכה גמאכט איידר ער הט זיך גוואשן זאגט ער צו זיי איר וואלט גיוועזן די תלמידים פון רבי שמעיה חסיד וואלט איר ניט גדארפט מיט פר שמירטי הענט איין ברכה מאכן ווארום דרוף איז מען חייב מיתה הייבט אן דס קינד צו זאגן עס שטייט בבואם אל אוהל מועד ירחצו מים ולא ימותו פון דעם פסוק לערנן מיר צפ ווער עס האט אוף זיך ניט חס אונ ווערט גזעהן פר דעם מלך מיט ניט קיין ריני הענט איז ער חייב מיתה ווארום די פינגר פון דעם מענטשן זענן מרמז אוף גרוסי זאכען ער זאגט ווייטער אויף דעם גרויסע סודות אונ דרום וייל דיא פינגער זענען אויך מרמז אויף זייער גרויסע סודות דרום מוז זיינאלי ברכות פון דיא כהנים דורך די פינגר אונ אז מען לובט צוא הקב"ה מוזן דיא פינגער ריין זיין אונ דורך דעם ווערט הקב"ה גיבענטשט פון דעם הייליגן פאלק אונ איר זענט אזעלכי גרוסי חכמים פר וואס גיט איר דרוף ניט אבטונג אונ איר הט ניט משמש גוועזן צו רבי שמעיה חסיד דען ער האט גזאגט אלי

זאכן וס זענן ניט ריין נאר פר שמירט מיט טינוף ולכלוך דאס איז מצד הטומאה דען דר צד הטומאה ווערט נאר גישפייזט פון אום רייניע זאכין אונ דרום איז איין חוב צוא וואשן דיא הענט מיט מים אחרונים פר דעם בענטשן ווארום דיא קליפה הייסט חובה דרום איז די וואסר איין חוב ווי זיי הערן די רייד פר וואונדרן זיי זיך אונ קענן ניט ריידן זאגט רבי יהודה צוא אים מיין קינד ווער איז דיין פאטר אונ ווי אזו איז זיין נאמן הט דס קינד אביסל שטיל גשוויגן ער איז צו גגאנגן צו דר מוטר אונ הט זיא גקושט אונ זאגט צוא איר דיא חכמים פרעגן מיך אוף מיין פאטר זאל איך זייא זאגן ווער ער איז זאגט זיא צו אים מיין קינד האסטו זיי בודק גוועזן וס זיי זענן זאגט ער איך האב בודק גוועזן אבר איך האב אין זיי גאר ניט גפונן וויא אזו עס דארף צו זיין הט אים די מוטער עפיס גזאגט שטילער הייד דר נאך איז ער צו זייא גגאנגן אונ זאגט איר פרעגט מיך אוף מיין פאטר ער איז שון גשטארבן אונ אלי צייט אז דיא הייליגי חסידים גיין אין וועג ארין גייט ער זיי נאך גלייך ווי ער איז איין סוחר אייג[...] פון זיי אונ ווען איר וואלט זיין רעכטי לייט קדושים עליונים וויא אזו וואלט איר אים ניט גפונן אוף דעם וועג בתחלה האב איך אין[...] אייך גזעהן ניט קיין רעכטי זאכן אונ אצונד זעה איך נאך מער אי[...] אייך דען מיין פאטר ווערט נאר גזעהן צו דעם וס ער הט אוף זיך[...] דעם עול התורה אזוא וויא איין חמור דאס הייסט ער איז איין חמו[...] דאוריתא ווארום איין תלמיד חכם הייסט חמור דם מאכט חכם מופלג ור[...] רבנן צו אזעלכי מענטשן בווייזט ער זיך · ניט צו איין אנדערין · או[...] ווייל איר הט ניט זוכה גוועזן ער זאל זיך צו אייך בווייזן דרום וועל[...] איך אייך ניט זאגן ווער ער איז · זאגט רבי יהודה צוא רבי יצחק מיר דאכט אז ער איז ניט קיין מענטש זיי האבין געגסין אונ דאס[...] קינד זאגט דברי תורה אונ חידושי התורה · וויא זייא האבין א[...] גגעסין זאגין זיי צו אים גיב אונז איין כוס וועלן מיר בענטשן זאג[...] ער איר זאגט רעכט דען דער שם הקדוש ווערט ניט גיבענטש[...] נייערט מיט הזמנה גלייך ווי מען גרייט אן איין ארט צוא איין זא[...] אזו מוז מען פריער מאכן איין הזמנה דס הייסט מען זאל זאגן מי[...] ווילן בענטשן ער הייבט אן צו זאגן עס שטייט אברכה את ה' בכל ע[...] וס הט דוד המלך דר מיט גמיינט וס ער הט גזאגט אברכה נאר ע[...] הט גזעהן אז מען מוז האבן איין הזמנה דרום זאגט ער אברכה הייס[...] דאס הזמנה אזו איר זאגט אויך רעכט חב ונברך דען אז איין מענט[...] זיצט ביי דעם טיש רוט דארטען דיא שכינה אונ דער צד הקליפ[...] שטייט אוך דארטן ווען דר מענטש גרייט זיך אן צו דעם בענטש[...] להקדוש ברוך הוא אזו ווערט דר צד הטומאה נדחה אונ אונט[...] טעניג פאר דער צד הקדושה ער איז ניט אין דעם כלל ווייל דע[...] מענטש בגערט דם צד הקדושה מיט דר הזמנה אבר אז דר מענ[...] גרייט זיך ניט אן צו בענטשן להקב"ה אזו איז זיך דר צד הטומא[...]

משנת

שבח ער שפרינגט צו זיין ביי אים ער זאל האבן איין חלק אין דר
ברכה אוב דו ועסט פרעגן פר וס בייא אנדרי ברכות דארף מען
ט האבין קיין הזמנה נאר בייא דעם בענטשן · קום אונ זעה עס
יז בודאי אזו וען איין מענטש מאכט איין ברכה אוף איין פרי
הייסט די פרי איין הזמנה אונ אז מען מאכט איבר איר איין ברכה
זו הט שון דר צד הטומאה קיין חלק ניט אין דעם דען די פרי וס
א איז אין דעם רשות פון צד הטומאה מאכט מען דאך איבר איר
ט קיין ברכה דהיינו ווען זיא איז נאך ערלה איז זיא ברשות
הטומאה וס זיא הייסט ערלה דרום שטייט דר ביי ולא יאכל דס מען
אל קיין ברכה ניט מאכין כדי דר צד הטומאה זאל ניט גבענטשט
ערן ווייל זי איז נאך אין איר רשות אבר דר נאך אז זיא גייט ארום
ן איר רשות אזו ווערט זיא גיגעסן אונ מען מאכט איבער איר
ברכה הייסט דס די הזמנה אונ דר צד הטומאה הט שון אין דעם
יין חלק ניט אוב דו ועסט פרעגן פאר וואס זאל דר כוס פון דעם
ענטשן אוך ניט הייסן איין הזמנה מען זאל ניט דארפין זאגין הב
ניד נאר ווייל בתחלה אז ער הט גימאכט בורא פרי הגפן אוף דעם
ס אין מיטין עסין הט דס גהייסן איין הזמנה אונ היינט בייא דעם
בדרן כוס צו דעם בענטשן דארף מען האבין איין אנדרי הזמנה
ייל דר כוס איז צו הקב״ה ניט אזו ווי דר ערשטר כוס וס ער איז
ר גוועין אוף צו טרינקען אונ דער כוס פון דעם ברכת המזון איז
די מען זאל מיט אים ציהן היליגי ברכות פון הקב״ה אונ דרום
ארף מען האבין איין הזמנה מיט דעם מול חאטשי די ווערטר נברך
אכלנו משלו הייסט איין הזמנה אין איין ברכה אבער דיא הזמנה פון
כת המזון דארף מען האבן דורך איר זאל מען ציהן ברכות פון
עם עולם עליון וס אלי ברכות קומן פון דארט ארום וואס ער איז
באהגן דרום ביי די ברכות זאגט מען ברוך אתה גבענטשט ביסט
דס זאגט מען לנוכח ווי מען שמועסט איינר אקעגן דעם אנדרין
בער דא זאגט מען נברך שאכלנו משלו גבענטשט איז גאט וואס מיר
אבין גגעסן פון זיינס זאגט מען דס בדרך נסתר פר באהגין אזו וויא
ן שמועסט פון דעם אנדרין אינטר די אוגן דס דארט איז מער ניט
ין הזמנה נייערט מיט דעם כוס של ברכת המזון דס דורך דעם
הט מען אראפ די ברכות דאס גוועגט זיך אלץ אין ווערבין עולם
ב וס פר איין קדושה וס הקב״ה איז זיך מתלבש זאגט רבי יהודה
ול צו אונזר חלק פון איביג אן ביז היינטיגן טאג האבן מיר ניט
ערט אזעלכי גרוסי זאכן בודאי איז אזו וויא איך האב גזאגט אז
קינד איז גאר ניט קיין מענטש זאגט ער צו אים דו בן המלאך
ן ליב קינד אונ הט אים גפרעגט איין קשיא אוף דעם מוד וואס
הט בריער גיזאגט · זאגט דס קינד דס איז אמת וס מיר האבין
ן גזאגט אז דר מענטש ווערט דר קענט דורך זיין מול ווער ער
· נאר ווייל איר פר שטייט ניט וועל איך אייך זאגן דעם סוד :
ח ער הט אן גהובן צו זאגין עס שטייט החכם עיניו בראשו ביי דעם
חכם זענן זייני אוגן אין זיין קאפ איז דאך די קשיא וויא האט
איטליכר מענטש זייני אוגן אין זיין גוף אדר אין דיא הענט ניט
זיין קאפ וס פר איין חילוק מאכט דא שלמה צווישן איין חכם
צווישן אנדרי מענטשן אמער זיי זענן מיט דר זאך ביידי גלייך
אזו מיינט דר פסוק דען מיר האבן גלערנט עס איז רעכט דר
טש זאל ניט גיין ד׳ אמות בגילוי הראש ווארום די שכינה רוט אויף

זיין קאפ אונ דר וס עס איז איין חכם זעהט ער אלי מאל ווער עס
איז אויף זיין קאפ דס איז דיא שכינה אונ אז זייני אוגן זענן נאר צוא
זעהן דיא ליכט וס לייכט אוף זיין קאפ אזו מוז ער האבן צוא דער
ליכט בוטל דען דר גוף פון דעם מענטשן איז גגליכן צו איין קנייטל
וס דר פלאם ברענט דרויף דרום שרייעט שלמה אונ זאגט ושמן על
ראשך אל יחסר עס זאל זיך ניט אום לאזן קיין בוימל פון דעם ליכט
וס אוף דיין קאפ ווארום דיא ליכט וועט אום גיין דרום מוז דער
מענטש האבן צו דר ליכט פון זיין קאפ בוטל דס איז מצות ומעשים
טובים דען דורך דעם ברענט זיין ליכט אוף דעם קאפ דרום זאגט
ער החכם דר וס איז קלוג עיניו בראשו דער איז תמיד משגיח אוף זיין
קאפ אז די ליכט זאל ברענן אונ דרום זאגט ער אוף זיין קאפ אונ
ניט אוף קיין אנדר ארט ווייל די שכינה רוט אוף זיין קאפ אונ איר
זענטדאך בוודאי חכמים אונ דיא שכינה רוט אוף אייער קאפ וויא
הט איר ניט משגיח גוועזן אין דעם אונ זאגט זייא גרוסי סודות אזו
קומן זיי אונ קושן אים רבי יהודה וויינט אונ זאגט וואול צוא דיר
רבי שמעון וואול צו דיין חלק אונ וואול צו דיין דור אז אין דיין דור
זענן אפילו די קינדר גרוסי חכמים אזו קוקט זיין מוטער אונ זאגט
רבותי איך בעט אייך קוקט ניט אוף מיין זון נאר בעין יפה זאגין
זיי צו איר וואול צו דיין חלק דו רעכט ווערדיגי אשה כשירה ברורה
אום דר וויילט איז דיין הגל מער פון אלי ווייבר פון דר וועלט זאגט
דס קינד איך פארכט מיך ניט פאר קיין עין הרע איך ביז איין זון
פון אגרוסן פיש אונ די פיש האבן קיין מורא ניט פר קיין עין הרע
עס שטייט וידגו לרוב בקרב הארץ וס שטייט לרוב נאר צו גרייכן זייא
איבר דעם אונ אונ אזו ווי די פיש וואס דיא וואסר דעקין זייא צוא
האבן קיין מורא ניט פר קיין עין הרע אזו האב איך אוך קיין מורא
ניט · זאגן זיי צו אים דו בן מלאך ה׳ עס איז חס ושלום בייא אונז קיין
שלעכט אוג ניט דא אונ מיר קומן ניט מצד עין הרע אונ הקב״ה
טוט דיך בדעקין מיט זייני פליגיל · הייבט אן דס קינד המלאך הגואל
אותי וגו׳ אונ זאגט דרויף גרוסי סודות · זיי קושן אים אזו וויא פריער
זיי זאגן מיר וועלן בענטשן זאגט ער איך וועל בענטשן דען אלץ
וס איר הט ביז אהער גהערט איז אלץ פון מיר אזו וועל איך אין
מיר מקיים זיין טוב עין הוא יבורך לייען ניט יבורך נייערט יברך ער זאל
בענטשן כי נתן מלחמו לדל דרום ווייל ער הט גיגעבן זיין ברוט דאס
איז די תורה וס זי הייסט לחם · אונ איר הט מיין ברוט געגעסן דס
איז די אכילה ושתיה של תורה דרום גהער איך צו בענטשן · זאגט
רבי יהודה דו גליבט קינד פון הקב״ה מיר האבן דאך גלערנט בעל
הבית בוצע ואורח מברך דר בעל הבית בדארף צו מאכן המוציא אונ דר
אורח בדארף צו בענטשן ברכת המזון זאגט ער איך בין ניט קיין
בעל הבית אונ איר זענטאוך ניט קיין אורחים איך וויל נאר מקיים
זיין דעם פסוק וס איך האב גיזאגט דען איך בין איין טוב עין ווייל
איך האב ביז אהער גיזאגט תורה אונ איר האט דאס פון מיר ניט
בגערט נאר עס איז גוועזו מחמת איך בין איין טוב עין הט איר מיין
אכילה גיגעסין · דאס קינד נעמט דעם כוס של ברכה אונ בענטש
אונ דיא הענט ציטערין אים ער קען ניט האלטן דעם כוס אין זייני
הענט אונ אז ער איז גקומן צו על הארץ ועל המזון האט ער גזאגט
כוס ישועות אשא ובשם ה׳ אקרא אזו איז גבליבן דער כוס שטיין אין זיין
רעכטער האנט· נאך דעם אז ער הט געבענטשט האט ער גזאגט יהי רצון

עס זאל זיין דער ווילן פון הקב"ה אז צו איטליכן פון זיי זאל זיך ציהן
חיים פון דעם מלך וואס אלי חיים הענגן אין אים. דער נאך האט ער פר
מאכט זייני אויגן אוף איין רגע אונ דער נאך האט ער זייא געפינט אונ
זאגט חברייא שלום עליכם פון דעם הערן וואס אלי שלום זענן זייני. זיי פר
וואונדערין זיך אונ ווייגן בענטשין אים זיי האבין דארטן איבר
גינעכטיגט דיא דאזיגי נאכט אונ האבן זיך גפעדערט גאנץ פריא
אונ זעניך אוועק גיגאנגן אונ זענען גיקומן צוא רבי שמעון אונ
דער ציילין אים דיא גאנצי מעשה. ער פאר וואונדערט זיך זייער
אונ זאגט ער איז דער זון פון איין שטארקן פעלזין אונ ער איז ראוי
דר צו אונ נאך מער דר פון ער איז דער זון פון רב המנונא סבא אזו
ווערט רבי אלעזר דער ציטערט אונ זאגט איך נעם אוף מיר צוא
גיין זעהן דאס ליכט וואס דארטן ברענט זאגט רבי שמעון ער קען
ניט לאנג לעבין אויף דער וועלט דען אין אים איז דברים עליונים
אורות אונ גרויסע סודות וואס זיין פאטער האט אויף אים גיצוינין אונ
האט אים דער לייכט אונ דר סוד האט זיך ניט מתפשט גיוועזן צווישן
דיא חכמים. אונ וויא דיא חברייא מיט רבי אלעזר זענען גיקומען
צו אים וועסטו גיפינען אין פרשת מטות:

ואשימם בראשיכם רבי יוסי הייבט אן כה אמר ה' קול ברמה נשמע וגו' אין דעם
טאג וואס דאס בית המקדש איז חרוב גיווארן אונ די ישראל
זענן גיגאנגן אין גלות אונ האבן גיטראגן מיל שטיינער אויף זייערע
העלזר אונ די הענט ארינטר גיבונדן אונ די כנסת ישראל האט אראפ
גינידערט צו פר טריבין ווערין מיט זיי אונ בשעת זיא האט אראפ
גינדערט האט זי גזאגט איך וועל פריער גיין אונ וועל פריער וויינען
אויף מיין וואנונג אונ אויף מייני קינדער אונ אז זיא איז גיקומען
אונ האט גיזעהען אז דאס היכל איז פר ברענט אונ כמה חסידים זענן
אום גיקומן האט זי זייער שטארק גיוויינט אזו האבן דאס דער פילט די
עליונים ותחתונים האט די וועלט גיוואלט חרוב ווערין ביז עס זענן
גיקומען אנטקעגין איר כמה חיילות ואוכלוסין זיי מנחם זיין האט זי
ניט גיוואלט מקבל זיין קיין תנחומים אזו וויא דער פסוק זאגט מאנה
להנחם דר נאך איז זי ארויס גיגאנגען פון דעם בית המקדש אונ איז
גיגאנגען ארויס ארץ ישראל דר נאך איז זיא ארויס גיגאנגען אין דער
מדבר אונ איז דארטן גיוועזן דרייא טאג אונ האט גיפירט איר מחנות
והיילות אונ האט גלייענט איכה ישבה בדד העיר רבתי עם היתה כאלמנה. רבי
יוסי ורבי חייא וויינען אונ זאגן דיא ישראל זענין ניט פאר טריבין
גיווארן אונ דאס בית המקדש איז ניט חרוב גיווארן ביז אלי האבן
גיזינדיגט די ראשים האבין צום ערשטן גיזינדיגט אונ דאס איבעריגי
פאלק האבן גיקוקט אוף זייא אונ האבן אוך גיזינדיגט אזו וויא עס
שטייט אז די ראשי העם זינדיגן ציהט זיך נאך דאס גאנצע פאלק נאך
זיי. זאגט רבי חייא עס שטייט ואם כל עדת ישראל ישגו ווי קומט עס אז
כל ישראל זאלין זינדיגן זאגט ווייטער דר פסוק ונעלם מעיני העדה
די ראשים וואס זיי הייסין עיני העדה אזו וויא דער גוף גייט נאך נאך
די אויגין אזו גייט דאס פאלק נאך נאך די ראשים אז זיי זינדיגין ציהן
זיך אלי נאך נאך זיי. אזו אוך דא שטייט ואשמם אן איין יו"ד דען אז
זיי שולדין דאס איז גורם בראשיכם מחמת דיא ראשים. אנאנדרר פשט
אין ואשמם בראשיכם די תורה ווייזט אונז אז דער צדיק ווערט גיכאפט
מחמת די זינד פון דור אז דאס פאלק זינדיגט נעמט הקב"ה צו דעם
צדיק פאר איין כפרה אוף דעם דור דרום זאגט ער ואשמם אייערי

חטאים קומן בראשיכם אוף אייערע ראשים דאס זענן די צדיקים די ראשי
הדור זיי מוזין פון אייערט וועגן גישטראפט ווערין אויב דוא וועסט
פרעגין נעמט דען הקב"ה צו די צדיקים פון דער וועלט פר זייער צייט
אז זיי זינדיגין ניט קום אונ זעה בשעת ירבעם איז נאך קליין גיוועזן
אונ האט ניט גיזינדיגט האט הקב"ה גיזאגט צום מלאך המות גייא
אונ ברענג מיר ירבעם בן נבט. באותו שעה האבן דיא מלאכי
השרת גזאגט ה' אדונינו מה אדיר שמך בכל הארץ ווארום ווילכטו אים נעמן
לאז אים. דיין נאמען ווערט דאך בשיינט דורך איין צדיק אונ אוך
דורך זיין זכות בקומען מיר אוך שפע דען דורך דעם צדיק קומט
אברכה אין אלי עולמות האט גאט גזאגט איך וועל אים לאזין לעבן
אונ וועל טאן אייער ווילין. דער נאך אז ער איז ארוס גיגאנגען
לתרבות רעה אונ האט גימאכט שני עגלי זהב אונ האט אליין גיזינדיגט
אונ האט גימאכט זינדיגין די ישראל זאגט גאט זעהט דאס אלי שפע
וברכות וואס ער האט אייך גורם גוועזן פריער מיט זיינע מעשים טובים
היינט וועט אוף אייך זיין פיל טומאה וזוהמא פון אים עס וואלט
בעסער גיוועזן אז איר וואלט מיך לאזן אים צו נעמן פון דר וועלט
כל זמן ער איז נאך גיוועזן איין צדיק אזו וואלט מיט אים דר מלאך
מט"ט גילערנט בישיבה של רקיע. באותו שעה האבן אלי גיזאגט
צדיק אתה ה' וישר משפטיך דרום גייט הקב"ה אין זיין גארטין ללקוט שושנים
צו קלויבין אזעלכע רויזין וואס זיי שמעקין נאך דרום וויל ער ווייסט
וועלכער עס וועט זינדיגין דער נאך נעמט ער אים תיכף צוא דרום
שטייט ללקוט דען ער ווייסט וועלכע אוים צוא קלויבין:

רבי שמעון הייבט אן אונ זאגט עס שטייט את הכל ראיתי בימי הבלי יש
צדיק אובד בצדקו ויש רשע מאריך ברעתו איז דאך די קשיא אזו אגרויסר
חכם ווי שלמה המלך עליו השלום איז גיוועזן וואס קען ער דער מיט
מיינען דען מיר זעהן דאך אז דער וועג פון הקב"ה איז דאך ניט אזו
עס שטייט דאך להת לאנוש כדרכיו וכפרי מעלליו השי"ת בצאלט איטליכן
מענטשן וועדלג זיינע מעשים נאך וואס דען זאגט שלמה אז עס איז
גאר פר קערט. נאר שלמה המלך האט גימיינט צוויא ערלייא זאכין
דען מיר האבין גילערנט ווען דיא דינים פון הקב"ה דער וועקין זיך
מעיין ומשגיח זיין אויף דר וועלט אזו וויא עס שטייט עיני ה' משוטטות
בכל הארץ דאס זענען די מלאכים וואס זייא הייסן עיני ה' זיי גיבין אכטונג
אויף דר וועלט וואס איטליכר מענטש טוט שלעכטע מעשים הלילה
אונ אז זיי גיפינען רשעים ווערט דר צדיק פון דעם דור נתפס דורך
זייערע זינד אונ צוא זייא איז הקב"ה מאריך אף טאמער וועלן זייא
תשובה טאן דרום זאגט שלמה המלך עליו השלום יש צדיק אובד בצדקו
וויל ער איז איין צדיק ווערט ער פר לארין בעון הדור דרום האבן
מיר גילערנט איבג זאל איין מענטש ניט וואנען אין איין ארט וואס
דיא מענטשין זענען רשעים נייערט ער זאל וואנען אויף אזוי איין
ארט וואס די מענטשן זענין אנשי מעשה ווארום דער וואס וואנט
צווישין רשעים ווערט ער נתפס דורך זייערע זינד אונ אז ער וואנט
צווישן צדיקים באקומט ער גוטץ אין זייער זכות. דען רב חסדא
האט פריער גיוואגט צווישן די אנשי קפוטקיא האט ער דארטן גיהאט
גרוס דוחק אין דר פרנסה אונ פיל קראנקייט איז אויף אים גיקומען
ווארום זיי זענען גיוועזן ניט קיין ערלעכע לייט דר נאך אז ער האט זיך
אריין גצויגן צווישן דיא מארי תריסין פון צפורי דאס זענען די תלמידי
חכמים וואס הייסן בעלי תריסין ווייל זיי טראגן אויף זיך דאס יאך פונדר

תורה

ורה און האלטין מלחמה אנטקעגין דעם שטן מיט זייער חברותא
ער איז שוין גיקומען אויף דעם ארט האט ער שוין זוכה גיוועזן צו
אבין פיל עשירות און נאך כמה טובות האט ער דארטין בקומען
ונ פיל תורה דערנאך מאל האט ער גיזאגט איך האב דס אלץ זוכה
יוועזן ווייל איך בין היינט צווישין אזעלכע מענטשין וואס הקב"ה האט
ויף זיי השגחה מען זאל זיי נוטין טאן איז מיר אויך גוט צווישין זיי:
בי אליעזר הייבט אן און זאגט עס שטייט יש הבל אשר נעשה על הארץ
שריש צדיקים וגו' ויש רשעים שמגיע אליהם וגו' אמרתי שגם זה הבל שלמה המלך
ט גימאכט דאס ספר פון קהלת און האט גישטעלט שבעה הבלים
ס די וועלט שטייט דרויף דס זענען די שבעה עמודי עולם דען דס ווארט
בל איז ניט טייטש קיין נארעשקייט נייערט אזו וויא אובין שטייט
ין פרשת בראשית אשר נעשה על הארץ דר כח און דאס שטארקייט
יז ארין דורך די נשמות הצדיקים וואס זייא ווערין אויס גקליבן פון
ר וועלט זיי זענען נאך צדיקים און איידר זיי זינדיגן אזו נעמט זיי
קב"ה אוועק פון דר וועלט אזו ווי מיר גפונן ביי חנוך שטייט ואיננו
לקח אותו אלהים הקב"ה האט גזאגט ווייל ער איז נאך איין צדיק ווער
יך אים צו נעמן פון דער וועלט און וועל זיך מיט אים משתעשע
ין און אזו איז אויך ביי אנדרי צדיקים יסודי עולם דען מיר האבין
לערינט איבר צוויי זאכן ווערן צדיקים אפ גטאן פון דר וועלט פר
יער צייט איינס איז אז דר דור איז זינדיג ווערין די צדיקים נתפס
יבר זייערי זינד און שטארבן פר דר צייט דאס אנדרי ווען הקב"ה
עהט דען עס איז פר אים גלוי וידוע אז דער צדיק וועט דער נאך
נדיגן דרום נעמט ער אים צו פר דר צייט דרום זאגט שלמה המלך
ליו השלום אשר יש צדיקים שמגיע אליהם כמעשה הרשעים וואס דער מדת
הדין איז פוגע אין זיי גלייך ווי זיי וואלטין גוועזן רשעים:

בי יוסי בר יעקב איש כפר אונו בשעת אז רבי עקיבא מיט זייני חברים
זענען נהרג גווארן במיתות משונות האט ער גפרעגט צוא רבי
איר ווי גפינן מיר דס אין דר גאנצר תורה אז זייא זאלן ליידן אזו
יין מיתה זאגט רבי מאיר צו אים וואס איז דיר קשה דאס האט דאך
ון לאנג שלמה המלך עליו השלום גזאגט אשר יש צדיקים שמגיע אליהם
מעשה הרשעים דס דר מדת הדין איז אין זיי שולט גלייך ווי זיי וואלטן
וען רשעים און עס איז פר האנדן רשעים וואס זייא זיצן במנוחה
השקט בשלוה ובשלום אויף דער וועלט און קיין דין גרייכט צוא
י גאר ניט גלייך ווי זייא וואלטן גוועזן גרוסי צדיקים און דרום איז
ס אזו ווייל הקב"ה ווייסט וואל זייא וועלין תשובה טאן אין אצייט
רום אדר עס וועט פון זייא ארוס קומן גוטי קינדר זרע אמת אויף
ר וועלט אזו ווי מיר גפינן ביי תרח דער פאטר פון אברהם אבינו
יז גוועזן איין רשע האט אים הקב"ה גלאזט לעבן אויף דר וועלט כדי
זאל פון אים ארוס קומן אברהם אבינו וואס ער איז גוועזן אגרוסר
דיק אויך פון אחז המלך איז ארוס גקומן יחזקיה המלך וואס ער
יז גוועזן אגרוסר צדיק דעסט גלייכן גפינן מיר ביא אנדרי רשעים
אויף דער וועלט:

"א איין אנדר פשט איז אויף דעם פסוק יש הבל אשר נעשה על הארץ
די ברכות וואס קומן אויף דר וועלט פון דעם הבל הקודש איז
ין פון די מעשה הצדיקים וואס עס קומט זיי צו דר האנט כמעשה
רשעים דהיינו ווען עס קומט צו זיי איין זונה אזו וויא מיר גפינן
יי יוסף הצדיק אדר ווי עס איז גוועזן ביא אנדרי צדיקים אדר עס
קומט צו זיי דעסט גלייכן פון אנדרי מעשי הרשעים און זיי ביא
שטיין אויף דעם נסיון זיי זענען אין זייער קיום און האלטין איין דעם
יצר הרע ניט צו זינדיגן מחמת זיי האבן מורא פר הקב"ה ווילן זיי
זיך ניט מטמא זיין און מכח דעם ווערט דיא ערד גשטארקט פון
ברכות ויש רשעים שמגיע אליהם כמעשה הצדיקים מיינט מען אז עס קומט
דעם רשע צו דר האנט ער זאל טאן איין מצוה און ער איז אין איר
זוכה ער זאל זיא מקיים זיין דס הייסט כמעשה הצדיקים האט רבי
עקיבא אויף זיי גיזאגט דעם פסוק ויש רשעים שמגיע אליהם כמעשה הצדיקים
אזו אויך איז גיוועזן איין רשע אין גאס פון רבי חייא האט ער אמאל
ביי נאכט בגעגינט איין אשה וואס זי איז גיגאנגן גיוואר ווערן צו איר
טאכטר האט ער זיך אופאיר גישטארקט האט זיא אים גזאגט איך בעט
דיך זאלסט ניט דר צערנען דיין האר און זינדיג ניט האט ער זי אפ
גיקאזט און האט ניט גזינדיגט פאר פחד השי"ת דאס הייסט ויש רשעים
וגו' אמרתי שגם זה הבל אזו ווי עס ווערט גישטארקט די קדושה פון דעם
הבל העליון דורך די צדיקים וואס קומט צו זיי איין מעשה פון רשעים
און זייא זינדיגין ניט אזו אויך ווערט גישטארקט דיא קדושה פון די
רשעים וואס עס קומט זייא כמעשה הצדיקים און זיי טוען עס דען
הקב"ה האט בשאפן אויף דר וועלט צדיקים מיט רשעים אזו וויא זיין
כבוד ווערט גיגרייסט פון מעשה הצדיקים אזו ווערט ער גיגרייסט
פון די רשעים אז זיי טוען גוטע מעשים אזו ווי די מעשה הצדיקים
אזו ווי עס שטייט את הכל עשה יפה בעתו ווייא צו די רשעים וואס טוען
שלעכין און שטארקין זיך מיט זייערע זינד ווי עס שטייט אוי לרשע רע·
יש צדיק אובד בצדקו שלמה המלך ע"ה האט אלין גיזעהן מיט זיין גרוסר
חכמה וואס ער האט גהאט פון הקב"ה און אזו מיינט ער דעם פשט
פון דעם פסוק ווען די כנסת ישראל זענען גוועזן אין גלות פרס אזו איז
ניט גוועזן קיין שפע וברכה אויף דער וועלט פון אובין אזו וויא עס
שטייט הצדיק אבד דר צדיק ווערט פר לארן לארץ מצדקתו מיינט מען
די שכינה אין דר צייט איז בעולם הזה דר רשע מיינט מען דעם ס"ם
וואס ער הייסט רשע מאריך ברעתו ער לענגרט אין זיין שלעכין בהשקט
ושלוה און ברעתו מיינט מען מיט זיין אשה רעה וואס זיא הייסט לילית·
אשת זנונים דר נחש החזקה דען ווייל די קדושה איז גישלאפט גווארן
איז ער גישטארקט מיט זיין שלעכין מחשבת און זערע עבירות דען קומט
אויף אים שקט ושלוה ביז הקב"ה וועט די כנסת ישראל אויף ריכטין
פון דר ערד אויף שטעלן די סוכת דוד הנופלת וועט אלץ רעכט ווערין:
וגם יד ה' היתה בם להומם מקרב המחנה עד תומם ער זאגט יחי שם ה' מבורך וגו'

זיין נאמן זאל זיין גיבענטשט דען די חכמה און די גבורה איז
דאך נאר זיינע ניט פון אנאנדערן ער פר ענדרט די צייטן און אלי
זמנים זענן אין זיין רשות ער האט ארוס גיצויגין זיין פאלק פון מצרים
ווייל זיי זענען דס חלק פון יעקב זייער חלק איז אין דעם וואס ער האט
בשאפין עס איז פר האנדן איין הימל איבר אלי הימלען וואס ער איז
גאר נסתר ונעלם און דארטן זענן גרוסע פענצטר און איין פענצטר
איז גאר פר הולן ער איז שולט איבר אלי פענצטר ער הייסט חלון והוא
דארטן גייט ארוס איין שטערין די חכמים רופין אים אן יו"ד דס מיט
זיין כח גוועלטיגט יהודה אויף דר וועלט ער האט איין חלק אין דעם
שטערנדען די שבטי ישראל האבן זייער חלק נאר אין הקב"ה נייערט
דר שבט יהודה איז שולט אויף דעם שטערין וואס הייסט יו"ד און דר
שטערן האט אויף אים קיין שליטה ניט און בשעת שבט יהודה האבן

אפּ געקערט זייער וועג פון הקב"ה אונ האבן גזינדיגט ווען זייא נאך גגאנגן צוא וויסן דעם חלון מיט דעם כוכב אונ האבן גיזאגט אז דר כוכב יו"ד איז מנצח וועלן מיר אים דינן דס הט יעקב גמיינט וס ער הט גזאגט יהודה אתה יודוך אחיך ידך בעורף אויביך מחמת דר כוכב טוט יאגן אונ שלאגן זייני פיינט דרום זענען זייא אים נאך גיגאנגן אונ האבין אים גימאכט פר איין עבודת כוכבים דרום שטייט ויעש יהודה הרע בעיני ה' אום דרום הייסט דר כוכב יו"ד ווייל אז ער גייט ארויס איז ער אזו ווי איין האנט מיט פינף פינגר אונ לייכט אונ פינקלט אין דעם חלון אלי מכשפים אונ חרשים וואס טוען כישוף פארכטן זיך פאר דעם שטערין דרום ווייל ווען דער כוכב איז שולט ווערן אלי כשפים אונ חרשים אונ קסמים מבולבל אונ עס איז ניט מצליח בייא זייא • או"ב דו וועסט פרעגין אז דער רקיע איז אזו פר הוילן פון וואנען ווייסן זיי ווען דר כוכב איז שולט אלא זייא האבן איין סימן פון אנדערע שטערן וס זיי ווייסן אין זייא ווען דר כוכב למעלה איז שולט • אונ דרום איז פר האנדן צייטן וואס די מכשפים קענן טאן זייער כישוף אונ אזעלכי צייטן וואס זיי קענן ניט אונ האבן קיין הצלחה ניט אונ דרום ווערן אלי מאל דיא מכשפים וחרשים וויניגר פון דער וועלט ווייל זיי זעהן אז צו צייטן האט זייער כישוף קיין הצלחה ניט דרום האלטן זייא דער פון ניט אונ ווארפן עס אוועק • דער אנדערר חלון הייסט חלון טופ"ר דען טופר איז טייטש נעגיל ער האט איין גישטאלט ווי איין נאגיל אונ פון דארטן גייט ארויס איין כוכב וס ער הייסט צפעון דען ער איז מושל ושריט מיט אגרויסען כח אונ האט איין ראש וזנב ווי א שלאנג וס ער הייסט צפעון • פון דעם חלון גייען ארויס זעקס הונדערט טויזנט רבבות רוחות וס זענן שולט אויף דיא נעגיל פון מענטשן וואס מען ווארפט זיי אראפ א טפערעקט דען דער מיט טוען די מכשפים כישוף בשעת דר שטערן איז שולט אונ דער מיט איז ער גורם מיתה צו דער גאנצר וועלט אונ דעם כישוף וואס מען טוט איז עולה ומצליח אין זייערי הענט • דער חלון השלישי הייסט חלון גוגה דארט איז איין כוכב ער הייסט גזרין אונ ווען דער כוכב איז שולט אויף דר וועלט איז די וועלט בדין מיט כמה גזירות ועונשין אונ אלי טאג ווערן מתחדש גזירות אויף דר וועלט איידער איינער לאזט זיך אויס איז שולט דיא אנדערי אונ דער כוכב האט נאך קיין רעכטע שליטה ניט גיהאט אויף דער וועלט נייערט נאהונט לימות המשיח וועט דר חלון מיט דעם כוכב שולט זיין וועט זיך מתחדש זיין מיני רעות אייני נאך דר אנדרי אונ ישראל וועלן זיין בצרה דער נאך וועט זייא הקב"ה דער לייכטן דעם אור היום דען וועט גיעפינט ווערן דר חלון השביעי אויף דר' גאנצר וועלט אונ דר כוכב איז דר כוכב פון יעקב אונ דר כוכב וועט לייכטן פערציג טעג אונ פערציג נעכט אונ משיח וועט אנטפלעקט ווערן אונ צו אים וועלין זיך איין זאמלן אלי דען וועט מקוים ווערין דר פסוק שורש ישי אשר עומד לנס עמים

אליו גוים ידרושו והיתה מנוחתו כבוד:

## להפטרה

כי תבואו לראות פני מי בקש זאת מידכם רמוס חצרי זאגט רבי שמעון ווער עס איז משתדל בתורה האלבי נאכט ביז טאג אז עס ווערט טאג איז מען אויף אים מושך איין חוט של חסד אונ ווען ער איז מסתכל אין היכל רוט אויף אים דר איד השכלי אונ ער ווערט גיקריינט דרינן אונ

אלי בריות פארכטן זיך פר אים אזו ווערט דר מענטש גירופין א
בן צו הקב"ה דר איז בן היכל המלך אונ קיינער קען אים ניט ווער
אריין צוא גיין בהיכל המלך אויף אים זאגט דער פסוק קר"ב ה'
קוראיו לכל אשר יקראהו באמת וואס שטייט באמת ווייל ער ווייסט ווא
וויא אזו מייחד זיין דעם שם הקודש כראוי דר איז מקיים אויף דע
וועלט מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ איין שם אחד אונ דרום וועלכר כ
וואס ווייסט ניט רעכט מייחד זיין דעם שם הקודש איז זיין עבוד
קיין עבודה ניט דען אלי עבודות עליונים ותחתונים הענגין אן א
דעם כהן דרום מוז ער זיין רצון ולב מכוין זיין דס דורך זיין כוונ
פון דר עבודה ווערן גבענטשט עליונים ותחתונים עס שטייט כי תב
לראות פני מי בקש זאת מידכם רמוס חצרי עס וואלט בדארפט שטיין לרא
וואס שטייט לראות דאס איז טייטש צו ווערן גיזעהן ווייל איטלי
מענטש וס ער קומט מייחד זיין דעם שם הקודש אונ איז ניט רעכ
מכוין מיט זיין לב רצון ויראה אז די עליונים והתחתונים זאלן גבענטש
ווערן אזו ווארפט מען זיין תפלה ארויס אונ אלי רופן אויף א
לרעה דרום זאגט הקב"ה כי תבואו לראות פני אז איר וועט קומען צו
ווערן גיזעהן ווארום דס פנים פון דעם מלך עליון קען מען ניט זע
דען עס איז פר בארגן אונ ארום איז חושך אזו ווי דער פסוק זאג
ישת חושך סתרו אונ ווער עס קען רעכט מכוין זיין אלי יחודים אזו ווער
דס חושך גישפאלטן אונ דאס פני מלך ווערט גיזעהן אונ גלייכ
צו אלי אזו ווערן גיבענטשט די עליונים ותחתונים דען ווערט גפו
ברכות בכל העולמות אבר אז מען איז ניט מכוין ברצון הלב ש
וביראה זאגט הקב"ה מי בקש זאת מידכם רמוס חצרי ווער בגערט פון אי
איר זאלט טרעטן אין מיין מקום קדושה אריין אונ נאך וואס קומ
איר צוא מיר עס זענן דאך ניט דא קיין ברכות אויף דער וועלט א
ניט דס אריין נאר אפילו די דינים זענן זיך מתעורר אין אים • ר
שמעון אז ער הט גיגרייכט צו דעם פסוק השיב אחור ימינו מפני אויב דא
ער גיוויינט אונ גיזאגט ווי איז דס מיגלך אלא ווייל ער הט מקד
גיוועזן דעם מדת הדין צו נידרן אויף דר וועלט אונ האט דעם ימ
איבר גילאזט אויף אנדר ארט דרום הט דר פיינט שולט גיוועזן א
חרוב גימאכט דעם בית המקדש אונ די כנסת ישראל איז אין גלו
אבר לעתיד לבא שטייט גילי מאוד בת ציון וגו' רבי חייא הייבט אן בב
זרע זרעך ולער"ב אל תנח ידך וגו' קום אונ זעה וויא אמענטש בדארף גזו
זיין פון זינד אונ גזהר זיין מיט זייני מעשים פר הקב"ה דען עס זענ
כמה שלוחים אונ כמה ממונים אויף דר וועלט וס זיי שוועבן או
דר וועלט אונ זעהן די מעשה בני אדם אונ זאגן עדות אויף אים א
ווערט אלין אן גישריבן בספר • אונ אלי עבירות וס אמענטש א
זיך דר מיט מטמא בעולם הזה ובעולם הבא איז ניט אזו גרוים ווי
מען פר אום ריניקט דעם היליגן צייכן אזו ווי דר פסוק זאגט כי
אל חפץ רשע אתה לא יגורך רע אונ דרום קומט די נשמה ניט אין דעם פר
דאס איז דיא מחיצה למעלה וס אלי נשמות קומן אהיז אונ איז ני
זוכה צו זעהן די פני השכינה דרום שטייט ידיכם דמים מלאו וואלצו דע
מענטשן וואס ער פארכט זיך פאר זיין הערן אונ היט זיך פון דע
שלעכטן וועג אונ איז זיך מטהר משתדל צו זיין כיראת הש"י • ק
אונ זעה עס שטייט בבוקר זרע זרעך אז דר מענטש איז נאך יונג א
זיין כח איז נאך שטארק גיהער ער זיך משתדל זיין קינדר צו הא
מיט איין אשה הגונה וס זי איז צו אים ראוי דרום שטייט בבוקר

זרעך

# פרשת דברים

דענסט מאל איז די רעכטי צייט דער צו אזו ווי דר פסוק זאגט
ים ביד גבור כן בני הנעורים ווייל די קינדר פון דיין יוגינט קענן לערנין
בט די תורה אזו הט ער איין שכר טוב לעולם הבא אזו וויא דר
וק זאגט אשרי הגבר אשר מלא את אשפתו מהם לא יבושו כי ידברו את אויבים בשער
ועט ניט פר שעמט ווערן לעולם הבא ווען די הערן פון מדת הדין
ן קומן אויף אים מקטרג צו זיין דען עס איז ניט דא קיין גרעסרר
ר ווי אז מען לערינט זיין קינד יראת הקב"ה אונ די דרכי תורה
ום שטייט ביא אברהם כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו
ות צדקה ומשפט דרום שטייט אים דער זכות לעולם הבא אנטקעגין
א שערי הדינים דרום זאגט דער פסוק בבוקר זרע זרעך ולערב אל תנח ידך
וען די ימי הזקנה דאס דר מענטש זאגט איך האב שוין מקיים
ען דיא מצוה פון פריה ורביה אונ איך האב שוין אויך גיוואוגען
וג קינדר אדר איך האב שוין לאנג משתדל גיוועזן אונ איך האב
ם גיקענט האבען אונ אצונד בין איך אלט באגער איך שוין ניט
ום זאגט דער פסוק ולערב אל תנח ידך ער זאל ווייטער משתדל זיין
ייד זיין בעולם הזה ווארום כי אינך יודע איזה יכשר דוא ווייסט דאך
ם וועלכי עס ווען גוט זיין די דאזיגי אדר די · אז דו זאלסט דורך
האבן איין קיום לעולם הבא · אונ אויף דעם שטייט הנה נחלת ה'
דס איז דר צרור פון די נשמות לעולם הבא אונ ווער איז מזכה
ם מענטשן לעולם הבא צו דר נחלה ווס זיא הייכט נחלת ה' דאס
ן די קינדר פון דעם מענטשן · דרום וואול צו דעם מענטשן וואס
איז זוכה צו האבן קינדר אונ לערינט זיי דעם וועג פון דר תורה
אזו וויא הקב"ה האט גיהייסן :

## פרשת ואתחנן

תחנן אל ה' בעת ההוא לאמר וגו' רבי יוסי הייבט אן ויסב הזקיהו פניו אל
הקיר ויתפלל אל ה' קום אונ זעה ווי שטארק איז דר כח פון דר
דה אונ ווי זי איז שטארקר פון אלץ דינג דען איטליכר וואס איז
סק בתורה פארכט ער זיך ניט מן העליונים ומן התחתונים אונ פר
י מיני שלעכץ פון דער וועלט ווייל ער איז באגריפן אין דעם עץ
יים אונ דיא תורה לערינט אים איין עצה תשובה צו טאן פאר זיין
רען מבטל צוא זיין פון אים איין גזירה רעה אפילו עס איז נגזר
וארין אויף אים ער זאל שטארבן ווערט דאס אלץ בטל אונ אפ
ואן פון אים דען די עצה פון דעם מענטשן בעולם הזה איז נאר
זאל עוסק זיין בתורה יום ולילה אונ זאל זיך ניט אפ טאן פון איר
וויא עס שטייט והגית בו יומם ולילה אונ אז ער שייד זיך אפ פון איר
גלייך וויא ער שייד זיך אפ פון דעם עץ החיים קום אונ זעה די
ה פון דעם מענטשין איז אז ער גייט צום בעט ביי נאכט שלאפן
ער מקבל זיין אויף זיך דעם עול מלכות שמים בלב שלם אונ
ל זיך מקדים זיין צו מוכר זיין זיין נפש פר איין פקדון צו הקב"ה
ן אין דר צייט פילט די גאנצי וועלט איין טעם מיתה ווייל דער
ן המות איז שולט אין דר צייט אונ אז מען גיט די נשמה בתורת
רון קומט זיא ווידער צוריק אין גוף אריין דרום זאגט מען בידך
יד רוחי פדית אותי ה' אל אמת אין האלבי נאכט אז עס דער וועקט זיך
רוח צפון אזו גייט הקב"ה אין גן עדן אריין ער זאל זיך משתעשע
מיט דיא נשמות הצדיקים דען זענן זיך מתכוין כל בני השכינה
אלי בני היכלא צוא לויבן צוא דעם מלך הקדוש דענסט מאל

ווערין אלע רוחות ווידר אום גיקערט אין זייערי גופים אונ דס רוב
וועלט האפין זיך אויף דיא שעה · אונ דיא וואס זענען בני היכלא
זענען עוסק בתורה ביז טאג אונ זענען זיך משתף מיט דער כנסת
ישראל אונ די וואס הייסן בנים למקום די שטייען אויף אין דר פריא
אונ מאכן ריין זייער גוף מען זאל מיט אים עוסק זיין צו זאגן שירות
ותשבחות צום מלך אריין אונ אין שול ארין צו גיין אונ מטהר צוא
זיין פריער מיט די קרבנות אונ דר נאך מיט שירות ותשבחות וואס
דוד הט גיזאגט אונ טוט אן תפילין אויף זיין קאפ אונ ציצית אין זיין
קלייד דס איז דר טלית גדול אונ זאגט תהלה לדוד אונ איז מתפלל שמונה
עשרה אונ שמונה עשרה גיהער מען צו שטין אזו ווי דיא מלאכים
שטייען אזו איז ער זיך מתחבר צו זיי ווס זיי הייסן עומדים אזו וויא
דר פסוק זאגט ונתתי לך מהלכים בין העומדים האלה אונ זאל זיין רצון מכוין
זיין פר זיין הערן אונ זאל בעטן זיין בקשה · קום אונ זעה בשעת דר
מענש שטייט אין האלבי נאכט עוסק זיין אין דר תורה רופט אוס
איין כרוז הנה ברכו את ה' כל עבדי ה' העומדים בבית ה' בלילות אונ אצונד אז ער
איז מתפלל פר זיין הערן רופט אוים דר איינגר כרוז ונתתי לך מהלכים
בין העומדים האלה דער נאך אז ער הט שוין אויס גילאזט זיין שמונה
עשרה גיהער ער זיך מוסר נפש זיין בשעת ער פאלט תחנון גלייך
ווי ער איז שוין גישטארבן ובשעת אז ער איז מתפלל אזו דיא אלי
רייד וואס גייען ארויס פון זיין מויל אין דער תפלה זענען אלע עולה
למעלה אונ שפאלטן די הימלן אונ גרייכן ווי אהין זיי בדארפן קומן
אונ דר פון ווערט איין עטרה בראשו של מלך אזו ווי די רבנן האבן
עס שוין מפורש גיוועזן · די תפלה פון דעם מענטשן גיהער צוא זיין
בתחנונים מיר לערנן עס אפ פון משה עס שטייט ואתחנן אל ה' קום
אונ זעה וועלכר עס איז מתפלל בדארף ער מכוין זיין ביידי פים אין
איינם אונ צוא דעקין זיין קאפ אונ זייני אויגן ער זאל ניט זעהען דיא
שכינה ווס זי שטייט פר אים אונ צו שטיין באימה וביראה גלייך ווי
פאר איין מלך אונ אין ספר פון רב המנונא סבא שטייט ווער עס
עפינט זייני אויגן בשעת תפלה אדר ער נידרט זייא ניט אראפ אויף
דער ערד אזו איז ער אויף זיך מקדים דעם מלאך המות אונ אז זיין
נשמה באדארף ארויס גיין בשעת טויט קען ער ניט זעהן דעם אור
השכינה אונ שטארבט ניט בנשיקה ווייל ער איז מזלזל אין דער
שכינה דר פר איז זי ווידר אין אים מזלזל בשעת ער בדארף צו איר
אזו ווי עס שטייט כי מכבדי אכבד ובוזי יקלו אויב דו ווערסט פרעגן ווי אזו
קען ער זעהן די שכינה בשעת תפלה אלא ער זאל וויסן די שכינה
שטייט בוודאי אנטקעגן אים דרום חאטשי ער זעהט זי ניט גיהער
ער שטיין באימה וביראה אונ ניט צו עפענן די אויגן גלייך וויא ער
וואלט גיזעהן אז זיא שטייט פר אים אזו וויא דער פסוק זאגט ביא
חזקיהו ויסב חזקיהו פניו אל הקיר ויתפלל ווייל דארטן איז די שכינה דרום
בדארף קיין צווישן שייד ניט זיין צווישן אים אונ צווישן דר וואנט
ווער עס שטייט בתפלה גיהער ער פריער מסדר זיין דעם שבח פון
זיין האר אונ דר נאך צו בעטן זיין בקשה דען אזו אויך האט משה
גיטאן פריער הט ער גיזאגט דעם שבח פון הקב"ה אתה החילות להראות
את עבדך את גדלך וגו' דר נאך הט ער גיבעטן אעברה נא ואראה את הארץ דס
איז ערשט גיוועזן זיין שאלה ובקשה פון הקב"ה :
ואתם הדבקים בה' אלהיכם רבי יוסי זאגט אשרי העם שככה לו וואול צו דעם
פאלק וואס הקב"ה האט זיא אויס דער ווילט אונ האט זייא

גיבענטשט מיט זיין ברכה כברכת שכיר אזו וויא דער פסוק זאגט כי הם זרע ברך ה' ברוך כמש קום און זעה דיא ישראל האט ער בגריפן צו זיין גורל און האט זיי גיגעבן די תורה הקדושה כדי זיי זאלן זיין בגריפן אין זיין נאמען דרום זאגט ער ואתם הדבקים בה' און ניט אין איין ממונה ווי מען האט שון מפורש גוועזן אין כמה ערטער • וידבר ה' אליכם מתוך האש זאגט רבי אלעזר דרוף גרויסי סודות און זיין עלטער פאטער רבי פנחס הערט דם אזו קושט ער אים און וויינט מחמת שמחה און לאכט און זאגט דו גור אריה עס קען קיינר ניט בשטיין אקעגן דיר מיט דיין פאטר רבי שמעון וואול צו דעם חלק פון דיא צדיקים און זכאה איז מיין חלק בעולם הזה ובעולם הבא וואס איך האב דר צוא זוכה גוועזן צו זעהן אזו איין איידים מיט אזו איין אייניקיל און דרוף שטייט יראו צדיקים וישמחו רבי אלעזר הייבט אן קרב אתה ושמע את כל אשר יאמר ה' אלהינו ואת תדבר אלינו קום און זעה בשעת הקב"ה האט געגעבן די תורה צו די ישראל האבן זיי געהערט דאס קול פון דער גרעסטער מדריגה דם אלי קולות זענען נבלל דריגן און מחמת גרוס מורא האבן זיך די ישראל דר ווייטערט דר פון און האבן גיזאגט צוא משה ואת תדבר אלינו מיר ווילין ניט הערין פון דעם אייבערשטין שטארקייט פון דר העכסטר מדריגה נייערט פון אזו איין ארט וואס עס איז ניט אזו שטארק און איז שלאף אין דר מדריגה אזו ווי אנקבה דרום האבין זיי גזאגט ואת תדבר דם איז לשון נקבה און עס שטייט ניט ואתה דען זייא האבן שלאף גמאכט דעם כח של מעלה כביכול דען ווען זייא וואלטן געבליבן ביי דר ערשטר מדריגה וואלט די וועלט ניט געקענט חרוב ווערן און זיי וואלטן גהאט איין קיום לדורי דורות דרום האט הקב"ה גזאגט איך האב אייך גיוואלט מקיים זיין במקום עליון און אייך מדבק זיין בחיים און איר האט ניט גיוואלט דרום לך אמור להם שובו לכם לאהליכם זיי זאלן זיך איטליכר ווידר קערן צו זייערי נקבות און זאלן זיך צו זיי בהעפטן און זיי זאלן שון ניט האבן די מדריגה ווי עס האט גוואלט פריער זיין און ווייל די ישראל האבן עס נאר גטאן מחמת מורא דרום איז אויף זיי גזאגט גווארן מי יתן והיה לבבם זה להם ליראה אותי כל הימים פון דאנן לערנן מיר אפ אז איינר טוט אזאך און זיין הארץ און זיין מחשבה איז ניט לצד הרע חאטשי דיא זאך אליין איז ניט גוט נאר ווייל זיין כוונה איז ניט גוועזן צו קיין שלעכין איז אים הקב"ה ניט דן און קיין עונש איז ניט שורה אויף אים אבר משה איז גבליבן ביי זיין מדריגה אזו ווי עס שטייט ואתה פה עמוד עמדי פון דאנן לערנט מען אפ אז משה האט זיך גאר פורש גוועזן פון זיין ווייב און איז אויף גנאנגן צו איין גרויסר מדריגה וואול צוא דעם חלק פון משה נביא הנאמן דם ער האט זוכה גוועזן וואס קיין שום מענטש האט דר צו ניט זוכה גוועזן צו אזו איין גרויסר מדריגה עליונה דרום שטייט כי המקום אשר אתה עומד עליו אדמת קודש הוא ער האט זיך בהעפט אין דער שכינה •

רבי יהודה זאגט איטליכר מענטש בדארף זיין מיט אלי זייני מעשים צו הקב"ה און ער גייט נאך נאך זיין טעם ער האט גיזאגט ווער עס גייט אין וועג זאל ער זיך מכין זיין צוא דריי ערליי זאכן צוא תפלה און צוא דורון און צוא מלחמה און האטשי תפלה איז גרעסר פון אלעמען פון דעסט וועגין איז נאך גרעסר אז צווייא חברים אדער דריי וואס גיין אין וועג און ריידן דברי התורה די פארכטן זיך ניט פר קיין שום זאך ווייל די שכינה איז בשותפות אזו ווי דיא מעשה רבי אלעזר ורבי חייא זענען אמאל גגאנגין אין וועג זאגט רבי אלעזר עס שטייט ויעש ה' לאדם ולאשתו כתנות עור וילבישם האבן זייא דען פריער ניט גהאט אויף זייער לייב קיין הויט זאגט ער יוא עס איז גוועזן איין גוט קלייד דען פאר זייער חטא זענין זייא גיוועזן בדמות עליון ניט אין גישטאלט פון די תחתונים דען דם אור עליון האט זיי ארום גרינגלט אזו וויא הייגט רינגלט ארום איין הויט אזו איז גוועזן איין כתנות אור מיט איין א' דם איז טייטש ליכטיקייט און אז זיי האבן גזינדיגט האט מען ביי זיי צו גנומען דעם כתנות אור און זענין אן גקלייד גווארן מיט איין כתנות עור אין איין הויט און אין איין גישטאלט פון די תחתונים דר נאך שטייט ותפקחנה עיני שניהם זייערי אויגן זענען ווארן גיעפינט צו זעהן דיא זאכן אין דעם ציור דפוס פון דר וועלט פון דיא הנהגות התחתונים וואס זייא האבן פריער גאר ניט משגיח גיוועזן עס שטייט והולכתי עורים בדרך לא ידעו הקב"ה איז אן גיבריים צו עפנן די אויגן וואס זענן ניט קלוג גוועזן זייא זאלן מסתכל זיין בחכמה עליונה און זייא וועלן זיך בהעפטן אין דעם וואס זענן ניט גוועזן בהעפט אויף דער וועלט כדי זיי זאלין רעכט דער קענן זייער הערין • זכאין זענן דיא צדיקים וואס זענן זוכה צו דר דאזיגר חכמה דען אזו איין חכמה וויא די דאזיגי איז עס ניט דא און אזו איין ידיעה ודביקות ווי די דאזיגי ידיעה ודביקות עס וועט אין חכמה וידיעה ודביקות זיין מער ווי פריער אזו וויא זייא גיין אזו זענן נאך גגאנגן נאך זייא גזלנים זייא בגזרנן • האט רבי אלעזר אויף זיי אקוק גטאן איז גקומן צוויי ווילדי שלאנגן און האבן זייא גהרגת זאגט רבי אלעזר גלויבט איז הקב"ה דר רחמן וואס ער האט אונז מציל גוועזן ער לייענט דרוף דעם פסוק בלכתך לא יצר צעדך ואם תרוץ לא תכשל אין דיין גיין וועט ניט ענג זיין דיין טריט און אפילו אז דו וועסט לופן וועסטו ניט גישטרויכלט ווערן און עס שטייט כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכיך און ווידער שטייט כי בי חשק ואפלטהו :

שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד דיא מצוה איז מייחד צו זיין דעם נאמען פון הקב"ה אלי טאג דעקאזו ווימען איז אים מייחד למטה אזו איז מען אים מייחד למעלה דרום ווערט גיפונען אז הקב"ה איז איין יחיד למעלה ולמטה דר וואס איז מייחד צו הקב"ה דר בדארף טאן זיין לב ורצון צו דעם יחוד און זאל מחבר זיין אלי זייני גלידר מיט זיין מחשבה מיט זיין גאנצין הארצן וגוף צו ריידן דאס אלץ זאל זיין בחבור אחד אין דעם יחוד דען עס זענן רמ"ח ווערטער אין קריאת שמע אנטקעגן די רמ"ח אברים פון דעם מענטשן למטה אזו אויך למעלה איז אנטקעגן די רמ"ח אורות רמ"ח מלאכים און דער מיט וואס ער מאכט איין היכור למטה אזו ווערט למעלה אויך איין יחוד אין דיא רמ"ח אורות של מעלה אזו איז ער מחבר אלי אין איינעם ביחוד אחד דען בשעת אז ער קומט מייחד זיין דעם יחוד פון שמע ישראל וגו' אזו שטייען אלי חילות השמים שורות שורות צו ווערן אן גבריים מיט דעם יחוד צו זיין בסוד אחד ביחוד אחד אזו ווערן אלע מתוקן אין זייער תיקון אזו וויא עס גיהער צוא זיין באותו שעה שטייט איין ממונה וואס ער איז ממונה אויף רמ"ח עולמות און אלי הייסן אברים ער שטייט און האפט אויף דעם יחוד אזו איז ער ממונה ללקוט שושנים ער קלויבט אלי צו אנאנדר און זיי ווערן איין יחוד און איין חיבור אזו ווערן די עליונים והתחתונים אלץ איין יחוד דען איז ה' אחד ושמו אחד מען קען דם אזו פיל ניט ארויס שרייבן מחמת די גרויסי סודות נאר מיר שרייבן עס בדרך כלל מען זאל וויסן וויא דער יחוד פון

כריאת

קריאת שמע איז אזו חשוב די רמ׳ח ווערטר איז אנטקעגן די רמ׳ח עולמות אונ דר מלאך איז ממונה צו מאכן איין יחוד פון אלי אונ איין חיבור אזו ווי דר מענטש איז נכלל רמ׳ח איברים אין גוף נמצא אז ער היפט איבר איין ווארט איז ער מחריב העולם דר מיט דרום האבען אונזערי חכמים אן גיזאגט מען זאל מדקדק זיין אין קריאת שמע אונ דר פר טוט מען אים קילן דעם גיהנם. זאגט רבי שמעון מיין קינד אלע מצות האבין איין אחיזה אין דיא אורות הקדושים למעלה אונ ווער עס טוט עס לשם יחוד הקב״ה ושכינתיה איז אים הקב״ה מזווג מיט זיין בת זוג לעולם הבא אזו אוף בייא אקרבן בדארף זיין לשם יחוד אונ ווער עס מאכט צו הקב״ה אין בית המקדש רוען דרינן מאכט אים הקב״ה איין בית לעולם הבא וואס איז קודש קדשים אונ ווער עס מאכט אים אוף דער וועלט איין סוכה אזו באדעקט אים הקב״ה לעולם הבא אונ איז מגין אוף אים אז ער גייט אוועק פון דר וועלט איז ער אוף אים מגין פון דיא חבלה אונ ווער עס בענטשט צו הקב״ה אונ איז אים מקדש אין זיין תפלה אוף דר וועלט בענשט אים הקב״ה אוף יענר וועלט אונ איז אים מקדש אונ אזו ווי דא טאר מען ניט זאגן איין דבר שבקדושה ווייניגער פון צעהן מענטשן אזו מאכט אים הקב״ה צעהן חופות אין גן עדן אונ דיא קדושה פאר הקב״ה איז אוך צעהן דריי מאל קדוש אונ צוויי ברכות פר קריאת שמע אין דר פריא אונ איינע נאך קריאת שמע אונ אוף דר נאכט צוויי ברכות פר קריאת שמע אונ צוויי דער נאך · וואול צוא דעם מענטשן וואס ער טוט רעכט דעם ווילין פון הקב״ה דס קיין מול קען נאר ניט ארוס ריידן דעם שכר וואס ער הט אוף יענר וועלט דס איז לדורי דורות דר מענטש טוט דעם ווילין פון הקב״ה אוף דר וועלט לפי שעה אונ בועט אים דר מיט איין בנין דר פר בועטאים הקב״ה אוף יענר וועלט לדורי דורות אונ ווייל די איברים פון דעם מענטשן זענן אלץ ווי דיא נשמה רמ׳ח איברים אקעגן רמ׳ח מצות עשה אונ שס״ה גידין אנטקעגן שס״ה מצות לא תעשה דרום איז וואול צוא דעם מענטשן וואס ער האלט זייני איברים בטהרה אונ איז מקיים דיא מצות וואס זייא זענן אקעגן דיא איברים דער פאר רוט הקב״ה אוף אים אונ איז אים ממליך אוף איטליכן אבר דאס עס איז ניט פר האנדן קיין שום אבר וואס דיא קדושה זאל אוף אים ניט רוען אבר ווען איינס איז חסר אזו רוט דארטן ניט הקב״ה אונ איבר דם אבר מוז ער נאך איין מאל מגולגל ווערן ביז ער ווערט מושלם אין גאנצן מיט זייני איברים דען אזו הייסט ער צלם אלהים אבר אז אפילו איין אבר גייט אים אפ הייסט ער ניט בצלם הקב״ה·אין זוהר חדש פרשה לך לך שטייט ווען דיא נשמה וואס זיא הייסט אברם דארף אראפ גיין אוף דר וועלט איז זיא פריער אין איין מקום קדושה אין גישטאלט פון דיא אורות פון דעם גן עדן העליון ובצורת הקדושה פון דעם עולם התחתון ווען עס קומט די צייט זי זאל אראפ גיין אין גוף אריין גיין מיט איר צווייא מלאכים דער יצר טוב מיט דעם יצר הרע אונ זאגן צו איר לך לך מארצך גיי ארוס פון דעם גן עדן התחתון וממכית אביך אונ פון דעם גן עדן העליון אל הארץ אשר אראך דס הייסט די נידריגי וועלט אזו ווייזט מען איר דעם גאנצן גן עדן אונ אלי חדרים מיט די היכלות עליונים אונ אוך איטליכן חלק פון אלי צדיקים וואס איטלכר הט פר זיך זעלברט אונ נאך צוויי אונ פערציג היכלות וואס זיי זענן פון אלערליי אורות צו די וואס לייגן רעכט קריאת שמע ווי עס בדארף צו זיין דען עס איז פר האנדן צוויי אונ פערציג ווערטער אין דר ערשטר פרשה זיי ווייזן אוף פיל סודות אונ שמות הקדושים אונ ווידר צוויי אונ זיבעציג שמות אנטקעגן די צווייא אונ זיבעציג ווערטער פון והיה ביז ושבתם אונ ווידער פופציג היכלות פון דער איבריגי פרשה אונ ווידער ע״ב היכלות אקעגן די כוונה פון פרשת ציצית · דען פרעגט די נשמה פר וואס איז מען זוכה דר צוא · זאגן די מלאכים וואס גייען מיט איר דאס איז בזכות נעשה מיר ווען טאן מעשים טובים ונשמע אונ מיר וועלן הערן צו לערנן תורה דען פירין זיי זיא ארוס אונ גיין מיט איר אין גיהנם אריין אונ ווייזן איר אלי חדרים אין דעם להט החרב המתהפכת אונ די משחיתים וואס הייסן כלבים עזי נפש לא ידעו שבעת פרעגט זי זיי ווער זענן דיא דאזיגי זאגן זיי צו איר דס זענן מ״ב היכלות וואס זענן הושך אונ אין דרינן זענן פר האנדן פיל מענטשן מיט קייטן אוף זייער האלז זענן גבונדן די הענט מיט די פיס אונ שרייען אלץ וויא וויא · ווייא צו אונז וואס מיר זענן נאך גיגאנגן נאך הבלי עולם אונ מיר האבן ניט גלייענט קיין קריאת שמע בכוונה מיט מ״ב שמות הקדושים וואס מיר האבן דאס ניט גלערינט ווי צוא אונז ווי צו אונזר נפש אונ דארטן איז איבר זייא איין ממונה דר נאך פירט מען זי אוך אין אנדרי ע״ב פענצטר וואס דארטן איז פיל לעבר אונ דיא פיס פון דיא רשעים שטעקן אין דיא לעבר אונ שרייען ווי ווי צו אונזרי פיס וואס זענן נאך גגאנגן הבלי עולם אונ זענן ניט גגאנגן אין שול אריין אונ האבן ניט בגערט צו וויסן די כוונה פון קריאת שמע וואס די פופציג ווערטר זענן מרמז אוף די פופציג שמות הקדושים · דר נאך פירט מען זיא ווידער אין ע״ב חדרים וואס דארטן זענן גבונדין זייערי הענט אין דיא לעבר פון די ביי שטידלן אונ שרייען ווייי צו אונז ווייי צוא אונזרי הענט וואס האבן ניט גלייגט קיין תפילין אונ מען ווייזט איר אוים אלי חדרים פון דעם גיהנם אונ מען זאגט איר אז אלי מענטשן פון דער גאנצר וועלט מוזן אהער אריין גיין אפילו דר וואס ער איז גאר פרייא פון איין עונש אזו וויא עס שטייט קטן וגדול שם הוא ועבד חפשי מאדוניו נאר וועלכר מענטש וואס ווייסט מכוין זיין קריאת שמע מיט די ווערטר ווערליג די שמות הקדושים אוף אים זאגט דר פסוק אשגבהו כי ידע שמי יקראני ואענהו דר ווערט פטור פון דעם גיהנם · קום אונ זעה וועלכער מענטש וואס הט מעשים טובים ווען ער טוט איין מצוה גייט זי ארוף אונ שטעלט זיך פר השי״ת אונ זאגט איך בין פון דעם מענטשן ער הט מיך בשאפן אזו גיט אים הקב״ה איין מלאך ער זאל אים העלפן פון דעם חשך של גיהנם אזו אוך פר איטלכן ווארט וואס ער לערנט אין דר תורה גיט מען איין מלאך וואס ער העלפט אים דרום שטייט והגית בו יומם ולילה למען תשמור וגו׳ אז תצליח את דרכיך ווען דוא ווערסט לערנען תורה יומם ולילה אונ וועכט מקיים זיין וואס דארטען שטייט אז דוא ווערסט שטארבען ווערסטו דיא דיך ניט פארכטן פאר דעם גיהנם ווארום הקדוש ברוך הוא וועט זיין מיט דיר אונ וועט דיך באשיצן זאלכסט קענין דורך גיין דיא אלע ערטער אונ זאלסט פר קיינם קיין מורא ניט האבן אבר חלילה אז דו ווערסט ניט לערנען תורה אונ ווערסט ניט היטן דיא מצות וועט זיך הקב״ה אפ טאן פון דיר אונ דיא מלאכים וועלן דיך ניט היטען אזו וויא עס שטייט ואם תלכו עמי בקרי וגו׳ נאך דעם אז מען ווייזט איר דיא אלי זאכן זאגט צו איר דעם מלאך הטוב השי״ת הט מיר גיהייסן מיט דיר גיין

אוף

אוף דר וועלט אונ דעם יצר הרע הט ער אוך גיהייסין מיט דיר גיין דרום שווער מיר אז דוא וועסט מקיים זיין כל התורה כולה לקמוד וללמד לשמור ולעשות אזו שווערט אים דיא נשמה אז זי וועט דס אלין מקיים זיין דר נאך זאגט ער צו איר יד לד מארצך גייא ארויין אין דם גוף השפל אונאז דס קינד דארף גבארין ווערין שטארקט זיך דר מלאך אין זיין האלז אזו פר געסט ער די גאנצע תורה אונ מאכט אים איין צייכין אוף זיין מול ער זאל ניט פאר געסין די שבועה וואס ער הט אים בשווארן · אונ דרום אז ער איז מקיים זיין שבועה טוט מען אים אזו ווי ער הט גזעהן אוב ער טוט נאך מער גיט מען אים נאך איין גרעסרן שכר אונ עס רוועט אוף אים דער שם הקודש אונ אוב ניט חס ושלום אזו איז זיך דער שם הקודש מסלק פון אים אונ זאגט אים ערום יצאת מבטן אמך וערום תשוב שמה דס הייסט ווייל דער שם הקודש קען זיך אין אים ניט מתלבש זיין איז ער גאר נאקעט דרום זאגט הקב"ה ראה נתתי לפניך היום את החיים וגו׳ החיים איז דר שם הקודש ואת המות ואת הרע דס זענן צווייי מקטריגים רשעים טמאים מצד הנחש: פתח ינוקא דאס קינד הייבט אן צו זאגין עס שטייט עמי מה עשיתי לך

איך האב זיי גיהייסין גיין אין שול אריין אונ זאלין אויף מיר עדות זאגין אז איך בין אחד שמע ישראל וגו׳ דס איר זאלט אויף מיר מעיד זיין אויף מיין אחדות די מ"ב ווערטער וואס זענן אין קריאת שמע אין דער ערשטר פרשה אונ ע"ב אין דר פרשה והיה אם שמוע ביז ושמתם איז ווידער פופציג ווערטר ביז צו דעם סוף אונ ווידער ע"ב פון ויאמר דס זענן מיט ד"א צוועלף ווערטר פון שמע וברוך סך הכל זענן זייא רמ"ח תיבות אנטקעגן דיא רמ"ח אברים פון דעם מענטשין אונ וועלכר מענטש וואס לייענט רעכט קריאת שמע ווי עס דארף צו זיין איז איטליכם ווארט משפיע אונ דר לייכט אורות אונ גיט כח אין איטליכן אבר וואס עס איז אנטקעגן דיא ווערטער אונ שמות · אבר אז מען לייענט ניט קיין קריאת שמע ביי טאג אונ ביי נאכט דען ווערט איטליכם אבר דער פילט פון דעם רוח רעה אונ פון אלי חולי.. ם פון דער וועלט :

פקודא די מצוה איז צו מאכין איין מזוזה אויף דער טיר דאס דער מענטש זאל זיין גיהיט פון הקב"ה ווען ער גייט אריין אונ ארויס פון דר שטוב אזו ווי עס שטייט ה׳ ישמר צאתך ובואך מעתה ועד עולם דען דער מענטש ווערט גיט גיהיט דורך קיין שום זאך נאר דורך הקב"ה דר מענטש זיצט ביי זיך אין שטוב אונ הקב"ה היט אים פון דרויסען · נאך איין טעם איז אויף דער מצוה פון מזוזה כדי דער מענטש זאל ניט פאר געסין אונ זאל גידענקן אין הקב"ה תמיד אזו ווי עס שטייט ביי מצות ציצית וראיתם אותו וזכרתם וגו׳ אז דער מענטש זעהט אויף זיך די ציצית דר מאנט ער זיך אלי תרי"ג מצות אזו וויא די צאל פון ציצית בטרעפט מיט די אכט פעדים אונ די פינף קניפן ווס עס איז פר האנדן בייא דיא ציצית טרעפט דאס אן תרי"ג זעקס הונדרט מיט דרייצעהן · אין דעם ספר פון שלמה המלך האבן מיר גיפונן אז עס איז פר האנדן איין שד ווס ער רוועט בייא דר לינקר זייט פון דער טיר ער הט רשות דעם מענטשן מזיק זיין אונ בשעת דער מענטש וויל ארויין גיין אין שטוב אריין אונ זעהט דעם שם הקודש פון דר מזוזה אונ פר געסט אים ניט אזו קען ער אים קיין שרעקין ניט טאן אויב דו וועסט פרעגן אבר אז דער מענטש גייט ארויס פון זיין שטוב קומט דאך אויס דער שם אין דר רעכטר זייט

אונ די מזוזה אין דר לינקר זייט ווי ארוס ווערט ער גיהיט נאר אלי זאכן זענן אלץ וועדליג הקב"ה האט זיי גימאכט דס אלי זאכן גייט איטליכם מין נאך זיין מין דען הקב"ה האט בייא דעם מענטשען גישטעלט צוויי מלאכים דעם יצר טוב פון דר רעכטר זייט אונ דער יצר הרע פון דר לינקער זייט דרום בשעת דר מענטש גייט ארויס פון דר טיר הייבט דר שד אויף זייני אויגן אונ זעהט אויף דר לינקר זייט דעם יצר הרע גייט ער צו אים אונ דארטן איז דאך דער שם הקודש קען ער שוין אויף אים ניט מקטרג זיין אונ קען אים ניט טאן קיין שלעכץ דרום גיהער דר מענטש נזהר זיין פון טינוף אדר מיסט לעבין דר טיר אויך זאל ער דארטן ניט שטעלן קיין כלי מיט אום רייני וואסר איין טעם איזער איז מבזה דעם שם הקדוש אונ ווידר כדי דר מזיק זאל קיין רשות ניט האבן אים מזיק צו זיין דרום דארף מען אין דעם נזהר זיין וועט דר שם הקודש גיט פר מיטן ווערן פון דר טיר ווען דר מענטש מאכט איין מזוזה ביי דר טיר בשעת דער מענטש גייט ארויין מוזן דער שד מיט דעם יצר הרע מיט גיוואלד אים היטן אונ זאגן זה השער לה׳ וגו׳ אבר ווען דר מענטש הט ניט קיין מזוזה ביי דר טיר זענן די צווייא אן גיברייט זיי הייבן אויף זייערע הענט אויף זיין קאפ בשעת ער גייט אריין אונ זאגן ווייא צוא דעם מענטשן ווס ער איז ארויס פון זיין הארינם רשות ער הט ניט ווער עס זאל אים היטען רחמנא לישזבן השי"ת זאל אונז מציל זיין פון זייא : רבי שמעון זאגט בשעת דר מענטש איז זיך מקדים אין דר פריא אונ

לייגט תפילין אויף זיין קאפ אונ אויף זייני הענט מיט דעם קשר תפילין של יד אונ וויקלט זיך איין אין דעם טלית מיט ציצית אונ אז ער וויל ארויס גיין פון דר שטוב בגעגינט ער נאך בייא דר טיר די מזוזה ווס איז גיצייכינט מיט דעם שם הקודש בהעפטן זיך מיט אים פיר מלאכים הקדושים אונ גייען מיט אים פון דר טיר ביז אין דר שול אריין אונ רופן אויס פר אים תנו כבוד לצורתו של מלך גיט אפ כבוד צו דעם גישטאלט פון דעם מלך גיט אפ כבוד צו דעם בן מלך דר חשובר פרצוף פון דעם מלך אונ דר רוח הקודש רוועט אוף אים אונ רופט אויף אים אוים ישראל אשר בך אתפאר דען גייט ארויף דער רוח הקודש אונ זאגט אויף אים עדות פאר הקב"ה וואס ער הייסט המלך הקדוש אונ אלי דיא בני היכלא וואס ווערין פאר אים דער קענט שרייבן דאס אויף אזו וויא עס שטייט ויכתב ספר זכרון לפניו ליראי ה׳ ולחושבי שמו ולחושבי איז טייטש לשון מלאכה דיא וואס טוען איין מלאכה צו זיין נאמן מיט אלי זאכן איין מלאכה פון דיא תפילין אונ די בתים מיט די רצועות דיא מלאכה פון ציצית מיט אירע פעדים אונ מיט דעם פאדים פון תכלת די מלאכה פון מזוזה אויף דר טיר דיא הייסין ולחושבי שמו זייא מאכן זיין נאמן אונ ניט דאס אליין נאר הקב"ה איז זיך מיט אים מתפאר אונ רופט אויס אין אלי עולמות זעהט וואס פר איין בריה איך האב בשאפן אין מיין וועלט · אבער דר וואס גייט ארויס פון דר שטוב אין דער פריא אונ האט ניט קיין תפילין אויף זיין קאפ אונ ציצית אין זיין קלייד אונ קומט אין שול אריין אונ זאגט אשתחוה אל היכל קדשך ביראתך אזו זאגט הקב"ה וויא איז מיין מורא ער זאגט גאר פאלש עדות קום אונ זעה ווי דר מענטש דארף נזהר זיין צו היטן דעם וועג אונ צו טאן די עבודה פון זיין האר כדי ער זאל זוכה זיין לחיי עלמא דען עס איז פאר האנדן תחת כסא פון דעם המלך הקדוש מדורים עליונים אונ בייא דעם ארט איז מקושר

דער

ר סוד פון דר מזוזה ניצול צו ווערן פון אלי בעלי דינים וואס זענען
אן גיבריית צו דר וועקין זיך אויף דעם מענטשן בעולם הבא • אוך
אין דעם גישטאלט ווי עס איז דר כתר פון מזוזה למעלה אזו אויך
הט הקב״ה גיגעבן צו די ישראל דיא מצוה אין דער תורה כדי זייא
אלן אין דעם עוסק זיין אונ דורך דעם זאכן זיי ניצול ווערן בעולם
הזה פון כמה דינים ומקטריגים וועם זיי זענען אן גיבריית מקטרג זיין
אויף דעם מענטשן אלי טאג • זאגט רבי חייא וועלכר מענטש וואס
ויל זיך רעכט היטען אין זייני וועגין זאל ער ניט טרעטן אויף אום
ייני וואסר וואס מען גיסט אויס פאר דער טיר דען דארטן רועט איין
שד צווישן די צוויי זייטן פון דר טיר אונ זיין פנים איז אנטקעגן דר
טיר ער זעהט אלץ וואס מען טוט אין שטוב דרום דארף דר מענטש
זהר זיין ניט גיסן וואסר צווישן צוויי טירן זאגט רבי יצחק אבער
ויטרי וואסר מעג מען אויס גיסן פר דער טיר נאר ער זאל זיא ניט
יסן דרך בזיון דען ער הט רשות מזיק זיין אז ער טוט נאר אקוק
אויף דר שטוב ווערט זי גיפלוכט ער הט אונטר זיך שס״ה משרתים
אנטקעגן דיא שס״ה טעג פון דעם יאר אלי טאג האט ער אנאנדרן
משרת וואס ער האט דעם טאג אשליטה אונ אלי גייען ארויס מיט
יעם מענטשן בשעת ער עפינט דיא טיר ארויס גיין פון דר שטוב
אגט רבי אלעזר הקב״ה הט מתקן גיוועזן דעם שם הקודש למעלה
ים איז די תורה וואס אין איר איז פאר האנדן פיל שמות הקדושים
אונ ווער עס איז עוסק בתורה איז ער עוסק בשמות הקדושים אונ
וערט גיהיט פון אלי שס״ה משרתים וואס אויבן שטייען קום אונ
עה איין מענטש מוז אויף צייכנען אויף דער טיר דעם שם הקודש
ס איז דר שם אמונה וסוד היחוד פון אלי זאכין דען אין דעם ארט
יא דר שם הקודש איז דארטין האבן דיא קליפות ומקטריגים קיין
שליטה ניט מקטרג זיין אויף דעם מענטשן אזו וויא עס שטייט לא
אונה אליך רעה וגו׳ דען עס איז אלץ אין גישטאלט ווי עס איז למעלה
ר שומר הפתח פון דער קדושה הייסט מזוזה דארטין איז דר עבד
אמן מט״ט וואס פאר אים אנטלופן אלי מיני קליפות זייא קענן ניט
געהן צוא דער קדושה אזו אויך דער שם שד״י איז בחוץ אונ הו״ה
אים דען דער וואס איז נזהר אין מצות מזוזה קענן דיא אלע בעלי
מקטריגים ניט גיפונען ווערין דארטין :

בי אבא איז גיגאנגין צו זעהן רבי שמעון האט אים בגעגינט רבי
יצחק זאגט ער צוא אים פון וואנין קומט דר הער צו גיין זאגט
ר צוא אים מיר האבין גילערינט אז עס איז איין חיוב אויף דעם
ענטשין ער זאל מקבל זיין פני השכינה אלי ראש חודש ושבת דס
יינט מען דם פנים פון זיין רבי וכל שכן פון רבי שמעון בן יוחאי
אם הייליגי ליכט גיהער דיא גאנצי וועלט מקבל זיין דאס הייליגי
ים זאגט רבי יצחק איך וועל מיך מיט דיר אום קערין אונ וועל
קבל זיין פני השכינה צו פר זוכין פון די דברים עליונים וואס דוא
ר זוכסט פון אים הייבט אן רבי אבא צו זאגן עס שטייט שיר המעלות
יך נשאתי את עיני היושבי בשמים דעם שיר האט דר רוח הקודש גיזאגט
יף דיא ישראל בגלות בבל מושך זיין ברכות ממקור עמוק וואס פון
ארטין קומין ארויס די ברכות הנה כעיני עבדים אל יד אדוניהם דס זענן די
ים של מעלה וועם זיי ווערן נאר גישפייזט פון דעם איבר בלייבונג
ני שפחה אל יד גבירתה דס איז די שפחה וועם הקב״ה הט אום גיהרגת
ר חיל אין מצרים אזו ווי עס שטייט מבכור השפחה זיא הט ניט קיין

אנדרישפייז נאר פון איר הארינטי דס איז ארץ ישראל אונ פון דער
שפחה גייען ארויס כמה מקטריגים אויף די ישראל אונ הקב״ה הט
זיי גימאכט איין שמירה אזו ווי איין פאטר מאכט צו זיין קינד ער
זאל אים אפ היטן פון שלעכץ אזו זאגט הקב״ה צו די ישראל עס איז
איז פר האנדן כמה מקטריגים אנטקעגן אייך איז די עצה איר זאלט
עוסק זיין בתורה אונ מיין עבודה מיך צו דינין וועל איך אייך היטן
פון דרויסין אונ איר וועט זיך זיצין אין אייערי הייזער אונ וועט
שלאפין אויף אייער בעט • קום אונ זעה בשעת די קליפות גינעהנין
צו דר טיר פון דר מענטשין הייבין זיי אויף זייער קאפ אונ דר זעהן
דר שם שד״י איז גיצייכינט אין דרויסין וואס דער שם איז שולט אויף
אלי • פארכטין זייא זיך פאר אים אונ לויפין אוועק אונ קענעו ניט
גינעהנין צוא דער טיר פון דעם מענטשין זאגט רבי יצחק לאז מען
נאר שרייבין דעם שם אליין נאך וועם שרייבט מען די גאנצי פרשה
זאגט רבי אבא דר שם ווערט ניט גיקריינט נייערט מיט די אותיות
פון דר פרשה דען ווערט דר שם גיקריינט אונ דר מלך גייט ארויס
מיט גאר זיין חיל דען פארכטין זיך אלי קליפות אונ אנטלויפין פר
אים קום אום זעה יהו״ה איז דער צירוף פון דעם שם הקדוש דרום
איז דער שם פון דרויסין אנטקעגן דעם ווארט והיה אינווייניג דס
דער מענטש זאל גיהיט ווערין מכל צד פון אינווייניג אונ פון
דרויסין זאגט רבי אבא וויא פיל חיילות קדושים זענין אן גיבריית
בשעת דער מענטש מאכט איין מזוזה רופין אלי אויס אונ זאגען זה
השער לה׳ צדיקים וגו׳ וואול איז דער חלק פון דיא צדיקים דען עס ווערט
דר קענט אז זייא דינין למלך הקדוש דיא ישראל זענין גיצייכינט פון
אים אין גוף זענין זיי גיצייכינט מיט דער מילה אונ אין דיא קליידער
מיט ציצית אין קאפ מיט תפילין אפילו אין זייערע שיך זענען זייא
גיצייכינט מיט מצות חליצה אין פעלד מיט דר זריעה אין שטוב מיט
דער מזוזה זיי זענין גיצייכינט אויף אלי זייטין זאגט רבי אבא וואס
מיינט דער פסוק אותי עזבו מקור מים חיים לחצוב להם בארות וגו׳ אותי עזבו
מיינט מען דר וואס לייקינט אין דעם הייליגן צייכין זיימאכין טונקיל
דעם באר מים חיים לויטרי וואסר וואס גייען ארויס פון דעם לבנון פון
דארטן ווערן גישפייזט עליונים ותחתונים אונ ווער עס איז משקר אין
דעם הייליגן צייכן איז ער פוגם אין דעם באר מים חיים אונ אוף אים
ווערט גילייענט דער פסוק כי הוציא שם רע על בתולת ישראל אזו וויא רבי
שמעון האט גיזאגט אז מען איז מוציא שם רע אויף זיין ערשט ווייב
איז גלייך ווי ער וואלט מוציא שם רע גיוועזן אויף דיא כנסת ישראל
דרום שטייט כתם כי הוציא וגו׳ על בתולת ישראל ער זאגט ווייטר גרויסי
סודות אונ לסוף איז ער ווידר מזהיר אוף מצות מזוזה דען עס איז פר
האנדן שס״ה שדים וואס איטליכר איז שולט אין זיין טאג זענין זייא
מקטרג אויף דעם מענטשן למעלה ולמטה ביי טאג זענען זיי מקטרג
אונ ביי נאכט זענען זייא אויך מצער אין חלום גייט ער ארויס זענן
זיי מקטרג גייט ער אריין לייגן זיי זייערע הענט אויף זיין אקסיל אונ
זאגן וויא איז צו דעם מענטשן וואס ער איז ארויס גגאנגען פון זיין
הארינש רשות ווי איז אים בעולם הזה ובעולם הבא דרום גיהערין
די צדיקים זיין גיהיט מיט אלצדינג מיט דעם צייכן פון זייער הער
דען ווערן אלע שדים דר שראקין פר זיי אונ ווערין גיהיט בעולם
הזה ובעולם הבא וואל צו דעם חלק פון די צדיקים אויף זיי שטייט
ועמך כולם צדיקים וגו׳ :

אהבת את ה' אלהיך רבי יוסי הייבט אן אונ זאגט עס שטייט ועתה מה
לי פה וגו' כי לקח עמי חנם וגו' קומאונ זעה דם ליבשאפט פון הקב"ה
צוא דיא ישראל תאטשע די רשעים האבן גורם גיוועון מיט זייערע
חטאים אז ער זאל ווערן אפ גיטאן פון זיי אונ זיי זענן פאר שפרייט
גיווארן אויף דר וועלט פון דעסט וועגן נעמט ער זיך אן פר זיי • קום
אונ זעה בשעת די ישראל זענן גיוועון אין זייער לאנד זענן זיי גיוועון
נאהונט צוא הקב"ה אונ ער הט זיך מיט זייא משתעשע גיוועון אונ
ברימט היינט אז זיי האבן גיזינדיגט איז זיך שוין הקב"ה מיט זייא
ניט משתעשע אונ שרייט נאך ועתה מה לי פה וואס האב איך דא אצונד
צו טאן פון דר צייט וואס דס בית המקדש איז חרוב גיווארן איז ניט
פר האנדן קיין שמחה פר הקב"ה אזו ווי עס שטייט אלביש שמים קדרות
ושק אשים כסותם דס איז אלץ מחמת ליבשאפט וואס ער הט ליב צו די
ישראל אזו ווי עס שטייט אהבתי אתכם אמר ה' דרום זאגט דער פסוק
ואהבת את ה' אלהיך דוא זאלסט ליב האבן צוא הקב"ה אונ זאלסט זיך
מקשר זיין אים דינען כעבודת עליון דען עס איז ניט פאר האנדן קיין
גרעסרע עבודה וויא זיא איז פון רכטר אהבה בכל לבבך ובכל נפשך ובכל
מאודך דרום שטייט ביי אלע בכל ווארום דר מענטש הט צוויי הערצר
לב טוב ולב רע אוך מיינט ער בכל נפשך אוך די צוויי נפש הבהמית ונפש השכלית
אויך מיינט ער בכל מאודך די צוויי ערלייא געלטן עס איז פר האנדן
אזו איין געלט ווס ער פר דינט דם מיט זיין יגיעו כפו אונ מיט גרוס
טרחא אונ ווידער איז פר האנדן געלט וואס ער לייגט דר צו גאר ניט
קיין טרחא דהיינו עס פאלט אים ירושה אונ דעסט גלייכן וואס אן
טרחא דרום שטייט ביי איטליכן בכל צוא ווייזן אז מיט אלץ דינג
זאל מען ליב האבן צו גאט אונ ווער עס האט ליב צוא הקב"ה
ווערט ער גקריינט מיט חסד אזו ווי אברהם אבינו עליו השלום הט
ניט קיין חס גיהאט אויף זיין געלט מיט דעם גוף אונ ניט אויף זיין
ווייב אונ קינדער אלץ פון הקב"ה וועגן מחמת ליבשאפט ער איז
גישטאנן אויף דיא וועגין נאך זוכין אורחים זייא אריין ברענגן אין
שטוב אריין צו געבן זיי עסן אונ טרינקן אונ דרום איז ער גקריינט
גיווארן מיט גרויס חסד פון הקב"ה אזו ווי עס שטייט חסד לאברהם אונ
דם ניט אליין נאר אלע עולמות זענן גיבענשט גיווארן אין זיין זכות
אזו שטייט ותסידיך יברכוכה מאכט דאס יברכו כ"ה די ברכה פון הקב"ה
ווס זיא הייסט כ"ה אזו ווי עס שטייט בייא די כהנים כה תברכו וואס פון
דארטן ווערן אלע גיבענשט דם איז אלץ גיוועזן ווייל ער האט ליב
גהאט צו הקב"ה הט ער גגרייכט דעם דאזיגן חסד • איין מאל איז
רבי יוסי שלאף גיוועזן זענן צו אים גיגאנגן רבי אבא מיט רבי יהודה
ורבי יצחק מבקר חולה זיין האבן זיי גיזעהען ווי ער איז גפאלין אויף
זיין פנים אונ שלאפט אז ער הט זיך אויף גיחאפט זעהן זיי וויא זיין
פנים איז זייער פריילעך זאגט רבי אבא צו אים דו האסט גיווים גזעהן
עפעס אנייעס זאך דרום איז דיין פנים פריילך זאגט רבי יוסי צוא אים
עס איז בוודאי אזו דען אצונד איז מיין נפש ארויף גיגאנגן למעלה
הב איך גזעהן דעם כבוד פון די וואס זענן זיך מוסר נפש פון קידוש
השם וועגין מען ברענגט זיי אריין אין דרייצעהן טייכן פון ריינעם
אפרסמון דאס זענן גרויסע סודות דארט איז זיך הקב"ה מיט זייא
משתעשע אונ איך הב אויך גזעהן אזעלכע זאכן וואס איך האב ניט
קיין רשות צו זאגן בשעת איך הב דר זעהן דעם גרויסן כבוד האב
איך גיפרעגט צו וועמען איז דם אזו איין כבוד הט מען מיר גזאגט

דם איז צו דיא וואס זיי האבן ליב גיהאט צו הקב"ה אויף דר וועל
אונ מחמת איך האב דאס גזעהן איז מיר דר לייכט גיווארן מיין ל
ונפש דרום הב איך איין פריילעך פנים זאגט רבי אבא צו איב וואו
איז דיין חלק די תורה זאגט אויף זיי עדות אז זיי האבן גרויסן שכ
עס שטייט עין לא ראתה אלהים זולתך יעשה למחכה לו וואל איז דר חלק פו
די וואס האבין ליב צו זייער האר זייער שכר הט ניט קיין שיעור אוי
יענער וועלט זאגט רבי יצחק עס איז פר האנדן פיל מדריגות או
חדרים צו די צדיקים בעולם הבא אונ די העכסטע מדריגה איז פו
די וואס דינען להקב"ה מכח אהבה דען זייער וואנונג איז גרעסע
פון אלע דרום ווייל זיי האבין דער מיט גיקריינט להקב"ה :
רבי אחא מיט רבי אלעזר האבן איין מאל באנאנד גנעכטיגט עס א
גיקומען נאך האלבר נאכט זענן זיי אויף גישטאנען לערנען ד
רבי אלעזר אן גיהויבן צוא זאגין עס שטייט כי הוא חייך ואורך ימיך ק
אונ זעה אלע תנאים וואס הקב"ה הט גיהאט מיט די ישראל בשעת א
זיי זענן אריין גיגאנגין קיין ארץ ישראל איז אלץ גיוועזן פון וועגן ד
תורה דען דיא שכינה רועט נאר אויף דר וועלט כחמת דר תור
אזו וויא די תורה שבכתב ווערט ניט דר קענט נאר דורך דר תור
שבעל פה אזו אויך ווערט דיא שכינה ניט דער קענט זיא זאל ז
מיושב למעלה ולמטה נאר דורך דר תורה דס מיינט דר פסוק
הוא חייך ואורך ימיך לשבת על האדמה אונ דרום אז דיא ישראל האבן פ
לאזט דיא תורה זייא ווילין זיא ניט לערנן זענען זייא פא
לארן גיווארן אזו ווי עס שטייט על מה אבדה הארץ על אשר עזבו את תור
דס מיינט מען שארה כסותה ועונתה לא יגרע דען די שפייז אונ דר מלבו
איז דם באהעפטונג פון דר תורה איז נאר אין די ישראל ואם שלש א
לא יעשה לה אז ער ווערט איר ניט טאן דיא דרייא זאכן שטייט נוייט
ויצאה חנם אין כסף גייט זיא אום זיסט אין גלות אריין האבן זיי אזו עו
גיוועזן בתורה ביז טאג אונ זענן אוועק גיגאנגען ווייטער דר ווי
האבן זיי דר זעהען איין מענטש וואס דר קאפ איז אים גוועזן פול מ
וואונדן האבן זיי צו אים גנעהנט אונ זעהן אז ער שאקילט מיט
לעפצן אונ קיין קול האבין זייא ניט גהערט זאגט רבי אלעזר ד
גהער זיך בראטן מיט זיינהאר דם הייסט ער איז מתפלל האבין
זיך אויך גישטעלט מתפלל זיין אונ דר מענטש איז אלץ גישטאנ
אין זיין שטאנד אויף איין ארט נאך זייער מתפלל זיין זענען ז
אוועק גיגאנגען ווייטער אונ דער מענטש איז פון זייא אנטלאפ
גיווארין זאגט רבי אלעזר אדער דער מענטש איז איין טיפש א
שוטה אדער זיינע וועגן זענן ניט רעכט אן גיבריים צו גוטן זא
רבי אלעזר מיר דארפן עוסק זיין בתורה הייבט ער אן צו זאגין
שטייט כבוד חכמים ינחלו וכסילים מרים קלון וואל צו דעם וואס ער איז עו
בתורה איידער ער הייבט אן ווייטר עפס צו ריידן הט דר מענ
גינעהנט צו זייא זאגט רבי אלעזר מיר טארן ניט מפסיק זיין מדו
תורה דען איטליכער מענטש וואס ער איז עוסק בתורה איז ער ז
צו ירשנען די ירושה עליונה אונ דעם כבוד פון דעם מלך הק
אונ דער כבוד דר הייבט אים בעולם הזה אונ עס גייט פון אים
אוועק אונ למעלה איז אויף אים פר האנדן כמה מליצי יושר ו
זענן אויף אים מלמד זכות פר דעם מלך הקדוש אבער אז ד
מענטש איז חלילה ניט עוסק בתורה אונ גייט ניט אין דעם
פון זיינהאר אזו שוועבט דר מקטרג אין דר לופטין אונ גייט
נים

...ט אַרויס אויף דער וועלט ער וואַרט טאָמער וועט ער תשובה טאָן
...ון אַז ער זעהט אַז דער מענטש טוט ניט קיין תשובה און בּגערט
...ט עוסק זיין בתורה אַזו גייט ער אַרוף און איז אויף אים מלמד
...ב דרום זאָגט דער פּסוק וכסילים מרים קלון זענען זייא אַריין גינאַנגען
...ן איין מערה דער מענטש איז זייא נאָך נגאַנגען און הייבּט זיי אָן
...י זאָגן גרויסע סודות עס שטייט ושננתם לבניך דער מענטש דאַרף
...טראַפין זיין קינד מיט דער תורה ער זאָל ניט זיין קיין טפּש ודברת בם
...ר זאָל זיך רעכט פירן אין דעם גוטן וועג און זאָל ניט אָפּ קערן
...מין ושמאל בשבתך בביתך מען זאָל זיך רעכט פירן אין דער היים
...יט זיין הויז גיזינד זייא זאָלין זיך פון אים אָפּ לערנין אַלע זיינע
...עשים זאָגן זיין בדרך התקון ער זאָל זייא רעכט פירן און זאָל אויף
...א ניט וואַרפין קיין גרויסע מורא ובלכתך בדרך ער זאָל זיין וועג
...ריכטן מיט דברי תורה און זאָל זיך אָן בּרייטן צו דרייא זאַכין
...ט וויא יעקב אָבינו ע"ה האָט זיך אָן גבּרייט לדורון ולתפלה ולמלחמה
...נ דם העכשטע פון די אַלע איז דבר תורה בשכבך בשעת ער לייגט
...ך שלאָפין זאָל ער זיך נוהג זיין במורא פאַר זיין האַר
...ר זאָל אַנטקעגן אים ניט זיין קיין חצופ און זאָל וויסין אַז מלא כל
...רץ כבודו דער כבוד פון הקב"ה איז פול אויף דער גאַנצער וועלט ווען
...לייגט זיך און איז זיך ניט נוהג בקדושה נאָר מיט חוצפה אַזו
...ט ער דאַך דאָס פאַר זיין האַר וואָרום די שכינה איז אויף אַלע
...טער ובקומך און אַז ער שטייט אויף פון דעם שלאָף דאַרף ער צו
...בּין צו הקב"ה וואָס ער האָט אים ווידער גיקערט די נשמה חאָטשי
...האָט פאַר אים גיזינדיגט האָט ער פאָרט ווידער גיקערט די נשמה
...ן זיין גוף אַריין דער מענטש זאָגט ווייטר גרוישע סודות בשעת
...זענען גיקומען פאַר רבּי שמעון ווי ער האָט זיי דער זעהען זאָגט ער
...זיי די שכינה איז פאַר האַנדען בייא אונז דרום דאַרפען מיר מחזיק
...בה זיין צו דער שכינה און הייבּט אָן צו זאָגן עס שטייט הן עוד היום
...ל לא עת האסף השקו הצאן ולכו רעו דעם פּסוק האָבין די רבנן
...ורש גיווען אויף די ישראל דם הקב"ה האָט אויף זייא גוזר גווען
...א זאָלין זיין נאָר איין טאָג אין גלות אַזו וויא עס שטייט נתנני
...ומה כל היום דוה נאָר דער איינער טאָג פון הקב"ה הייסט טויזנט יאָר
...ווען די ישראל וועלין תשובה טאָן פאַר הקב"ה וועלן זייא קומען
...ן ארץ ישראל בזכות התורה והתשובה און וועלן ווידר איין
...מלט ווערן קיין ירושלים און אַז זיי וועלן קיין תשובה ניט טאָן
...ט הקב"ה הן עוד היום גדול דער טאָג וועט נאָך זיין גרוס לא עת האסף
...גה עס איז נאָך קיין צייט ניט איין צו זאַמלן די ישראל אָן זכות
...אָן מעשים טובים אָבר איין רפואה איז צו זיי השקו הצאן ולכו רעו
...ט משתדל במים של תורה און טרינקט אייך אָן מיט דער תורה
רעו דערנעשט מאָל וועל איך אייך בריינגן למקום המנוחה אל ארץ
...דה צו אייער ירושה קיין ארץ ישראל ער זאָגט ווייטר גרויסע
...ות פון דער גאולה און פון דעם קץ של משיח וואָל צוא די לייט
...וועלן זוכה זיין צו זעהען די גאולה און זכאה איז דער חלק וואָס וועט
...זעהען דען די צדיקים וועלין קענען לידין די חבלי של משיח און
...לין בלייבין בייא דער אמונה אָבער די שלעכטע וועלן ניט קענען
...ליידן די צרות דרום איז פאַר זיי בעסער אַז זיי זאָלן נאָר ניט זעהן
... צייט עס שטייט ושב ה' אלהיך את שבותך וגו' ומשלם לשונאיו אל פניו
...ידו רבּי חייא הייבּט אָן לכן אנשי לבב שמעו לי חלילה לאל מרשע כי פועל

אדם ישלם לו קום און זעה אַז הקב"ה האָט בּאַשאַפין די וועלט האָט ער זיא
באַשאַפין מיט דין און אויף דין שטייט די וועלט און אַלע מעשים איז
אַלץ בּדין נאָר הקב"ה האָט גיוואָלט די וועלט זאָל האָבּין איין קיום
און זאָל ניט פאַר לאָרן ווערן האָט ער פאַר שפּרייט איבּער דעם דין זיין
רחמים דם די רחמים האַלטן דעם דין, כדי די וועלט זאָל ניט פאַר
דאַרבין ווערן אויב דו וועסט זאָגין אַז הקב"ה טוט אַמאָל אַזאַך אָן
דין דען איין צדיק האָט צרות אויף דער וועלט דאָס איז נאָר מחמת
אהבה הקב"ה האָט ליב דעם צדיק און וויל אים מקרב זיין צוא זיך
אַזו שלאָגט ער אים זיין גוף און צוא בּרעכט אים דען איז שוין דיא
נשמה שולט און דער מיט איז ער מקרב באַהבה צו זיך אָבּער ווען
דער גוף איז שטאַרק איז די נשמה שלאַף אַזו איז ער דער שונא פון
הקב"ה דם ער באַגערט ניט אָן אים און ער איז מצליח אין אַלע
זיינע וועגן דם איז כדי ער זאָל אים בּצאָלן זיינע טובות און צדקה
אויף דער וועלט כדי ער זאָל שוין ניט האָבּן קיין שכר אויף יענער
וועלט אַזו וויא דער פּסוק זאָגט ומשלם לשונאיו אל פניו להאבידו ער בּצאָלט
זיינע פיינט אויף דער וועלט כדי ער זאָל אים מאַכין פאַר לירין פון
יענער וועלט דרום וועלכער צדיק עס איז אים צו בּראַכין זיין הארץ
איז ער דער אוהב פון הקב"ה נאָר בתנאי אַז ער האָט נאָר קיין שום
חטא ניט אַז ער זאָל בּדאַרפן גענש ווערן היינט בּדאַרף מען רעכט
פאַר שטיין די זאַך איינם מיר גיפינען דאָך אַז דיא שכינה רועט ניט
אויף אַמענטשין נאָר אַז ער איז פריילך אָבער דאַרטין וויא עס איז
ניט דא קיין שמחה רוט ער ניט אַזו ווי דער פּסוק זאָגט בּיי אלישע
ועתה קחו לי מנגן והיה כנגן המנגן ותהי עליו רוח אלהים און אַזו אויך כל זמן
יעקב איז טרויעריג גווען אוף יוסף האָט די שכינה אויף אים ניט גרוט
און דער צדיק איז דאָך תמיד זיין הארץ צו בּראַכין און מיט גרויס
ווייטאָג ווי אַזו קען די שכינה אויף אים רוען עס איז דאָך בּיי אים
גאָר ניט דא קיין חדוה ושמחה און ווידר מיר זעהן דאָך כמה
צדיקים וואָס זענען גוועזן ליב האָבּר פון הקב"ה און זענען ניט גיוועזן
בּצער ויסורים וואָרום זאָל ניט זיין גלייך די צדיקים ווי די אויב חו
וועסט זאָגן אַזו ווי די חכמים זאָגן אין דער גמרא דער צדיק וואָס איז
בּצער איז איין צדיק בּן רשע און דער וואָס איז בשלוה איז איין צדיק
בּן צדיק אָבער מיר זעהן דאָך כמה צדיקים וואָס זענען גיוועזן בּן
צדיקים און זייא האָבּן פאָרט גהאַט יסורים אֶלא דם איז אַגרויסער
סוד דם כל מעשיו של הקב"ה זענען באמת וזכיות אַזו ווי דער פּסוק
זאָגט ה' פועל אדם ישלם לו ווייטער זענען סודות:

## פרשת עקב

והיה עקב תשמעון את המשפטים האלה וגו' אין פּרשת ואתחנן שטייט כי הארץ
אשר אתה בא שמה לרשתה לא כארץ מצרים היא עס שטייט אויך וואס
משפחת מצרים לא תעלה ולא באה ולא עליהם תהיה המגפה וואָרום איז מצרים
מער פון אַלי אומות דען עס שטייט דאָך אויך אוף אַלי ולא עליהם
יהיה הגשם אַז זיי וועלן ניט קומן אוף חג הסוכות וועלן זיי ניט האָבּן
קיין רעגין אֶלא די מצרים וועלין האָבּין די מגפה אָבּר דער רעגין איז
בּיי זיי קיין קללה ניט ווייל זיי בּדאַרפין ניט קיין רעגין דרום זענען זיי
ניט אין דעם כלל פון דעם רעגין אַזו ווי עס שטייט כי הארץ אשר אתה
בא שמה לרשתה לא כארץ מצרים היא דען אין מצרים גייט אוף דער נילוס
און טרינקט אָן די פעלדר אָבּר ארץ ישראל ווערט אָן גטרונקען פון
מטר

מטר השמים אזו ווי עס בדארף צו זיין און אז דיא ישראל האבין דארטן עוסק געוועו אין דר תורה האבין זיי גהאט רעגן אונ ווער עס פר מייד זיך פון דר תורה איז גליך וויא ער פאר מייד זיך פון אלי נוטץ פון דר וועלט רבי אלעזר מיט רבי יוסי זענן גשטאנן איין טאג אונ האבן עוסק געוועו אין דר תורה זאגט רבי אלעזר עס שטייט ארץ אשר לא במסכנות תאכל בה לחם לא תחסר כל בה ווארום שטייט צוויי מאל בה אלא הש״ית האט צו טיילט דיא גאנצי וועלט צוא ממונים אונ שלוחים זיי זאלן דריבר זיין אבר ארץ ישראל האט הש״ית צוא זיך גנומן אונ האט עס ניט איבר גענפרט צו קיין שום שליח ומושל אונ ארץ ישראל עסט מיט רייכקייט דרום שטייט תאכל בה אין ארץ ישראל איז ניט אזו ווי ביי אלי בה אין איר רוהט די אמונה שלימה בה אינאיר רועט די ברכה עליונה אונ ניט אין איין אנדער ארט קום אונ זעה עס שטייט כגן ה׳ כארץ מצרים דאס איז ארץ מצרים אונ ארץ סדום אזו ווי אין גן עדן התחתון דארף מען ניט אן טרינקען דען ער הט זיין גינוגונג אזו אוך סדום אונ מצרים דען דר נילוס טרינקט אן מצרים אונ מען בדארף ניט קיין רעגן אונ אזו אוך סדום אזו וויא דער פסוק זאגט כי כולה משקה :

ואכלת ושבעת וברכת את ה׳ אלהיך וגו׳ דיא מצוה איז צוא בענטשין צוא הקב״ה אוף אלימין ווס ער האט גגעסין אדער הנאה גהאט פון דר וועלט אונ אז ער בענטשט ניט אזו הייסט ער איין גזלן צוא הקב״ה אזו וויא דר פסוק זאגט גוזל אביו ואמו ער גזילת צו הקב״ה אונ צו די כנסת ישראל ווס זיי הייסן אביו ואמו אזו ווי די חכמים האבן עס מפורש געוועו אין דר גמרא דען די ברכות ווס דר מענטש מאכט ציהען זייא חיים פון דעם מקור החיים פון דעם אילן החיים דען ווערן אלי עולמות גבענטשט אונ אלי מדריגות דרום גיהער דער מענטש טאן זיין רצון אונ די ברכות ווי עס בדארף צו זיין אונ אז ער מאכט די ברכה נעמט ער זיין חלק צום ערשטין פר אלי עולמות למטה אונ דר שם הקודש ווערט גיבענטשט אונ ער רועט אוף זיין חלק צום ערשטין אזו ווי דער פסוק זאגט בכל המקום אשר אזכיר את שמי אבוא אליך וברכתיך אונ אז די ברכות גיין ארוף דורך אים איז ניט דא קיין פתח אונ קיין ממונה למעלה ווס עס זאל זיך ניט עפנן אונ זאל ניט אום שרייען אין אלי הימלין דס איז דיא מתנה פון דעם מלך ווס דר מענטש שיקט אים דס איז די מתנה פון זיין קיום אזו ווי עס בדארף צו זיין אונ ווס איז די רעכטי ברכה מיט דעם קיום אז מען ענפרט דרוף אמן דס איז דר קיום פון דר ברכה אונ אז די ברכה גייט ארוף אזו זענן אן גבריט די מדריגות עליונים צו דר לייכטין די אורות ווס זיי האבן ביז אהער ניט גלייכט אזו ווי עס בדארף צו זיין דען דורך די ברכות ווערין זיי רעכט דר לייכט ומכל שכן אז עס איז איין ברכה פון איין רבים די זענן מבורך ומעטר מיט הייליגי קרונן מיט דעם אור פון אמן אמן איז דער גאנצר קשר פון דעם יחוד וקדושה פון זיין הערין אונ מען קריינט דיא ברכות בעטרות עליונים ווי עס בדארף צו זיין אונ הקב״ה בגערט אין די וואס זייא בענטשין צו הקב״ה אוף זיי שטייט כי מכבדי אכבד דס איז די ווס בענטשן צו הקב״ה ובוזי יקלו די ווס בענטשן ניט צו הקב״ה אונ פר מיידין די ברכות פון זייער מויל די וועלן פר שעמט ווערן אין דעם קומט צוא אים דר סבא אונ זאגט הו רעיא נאמן זיי מתקן דעם טיש פון דיין הערן אין זיין קדושה פון אלרליי זעניפטקייט מקריב זיין צו אים אזו

וויא עס שטייט זה השלחן אשר לפני ה׳ דען ביז אצונד זענן זיך אלי מתענג פון דעם שלחן המלך אזו ווי עס שטייט לכו לחמו בלחמי ושתו ביין מסכתי לחם הייסט תורה שבכתב אונ יין איז תורה שבעל פה אונ דארטן זענן כמה טעמי תורה ווס זענן זיסער מכל מאכלי מלך דר ווייל שטייט אוף דר רועה נאמן משה רבינו :

פתח ער הייבט אן צו זאגן עס שטייט ועשית שולחן עצי שטים קום אונ זעה ווס פר איין מנהג טוב ויפה ווס האבן זיך נוהג געוועו די בעלי סעודה פון דעם מלך צו ווייזן אז זייא זענן מבני שולחן המלך דר ערשטר תיקון איז אז מען זעצט דעם גרעסטן פון די לייט צום ערשטין דעם אנדרן לעביז אים אונ דעם דריטין לעבין דעם אנדרן זיי זענן מרומז אנטקעגין די דרייא אבות אונ אנטקעגין דיא כהנים לוים וישראלים אונ ווייטר הט שון ניט קיין סדר נאר דר ווס זעצט זיך פריער איז ער זוכה אין דעם ארט • דר אנדערער תיקון איז אז דר בעל הבית זאל מאכן המוציא בעין יפה אונ אז ער איז גומר די ברכה זאל ער ערשט צו ברעכן דס ברוט די רבנן האבן גיזאגט די מענטשן ווס זיצן בייא דעם טיש טארן ניט עסין איידער דער בעל הבית עסט זיין המוציא צו דעם ערשטן אונ דער בעל הבית טאר ניט עסין ביז אלי זאלן ענטפרן אמן אונ דס בענטשן גהער צו דעם אורח כדי ער זאל בענטשן דעם בעל הבית דער ווייל קומט ארין דר בוצינא קדישא דס הייסט רבי שמעון בן יוחאי ווס ער איז איין הייליגי ליכט אונ זאגט רעיא מהימנא איין מאל בין איך גגאנגן מיט דר חברייא אין וועג זענן מיר גקומן אוף איין הארבריג איז דארטן געוועו איין קליין קינד האט ער אונז אן גגרייט איין טיש מיט איין מנורה ער איז געוועו אן גריכט מכל מיני מאכל ומשתה דס הייסט פון אלרליי סודות גליך ווי ער וואלט אלט געוועו צוואנציג יאר אונ ער איז נאר אלט געוועו פינף יאר אונ דר ציילט אים די גאנצי מעשה ווי ער הט גזאגט ער וועט מלחמה האלטן מיט איין שווערד אזו ווי אובין שטייט די גאנצי זאך באריכות דר נאך הט ער מפורש געוועו די צעהן זאכן ווס זיי דארפן זיין בסעודה של שבת איינס איז נטילת ידים דס אנדרי ער זאל האבן לחם משנה צוויי חלות צו דר המוציא דס דריטי ער דארף עסין דריי סעודות אונ זאל מוסיף זיין מחול על הקודש דס פערטע ער זאל אן צינדן ליכט ביי דעם טיש אזו ווי די חכמים זאגן שולחן בצפון ומנורה בדרום אונ בייא שבת איז דער מענטש מחוייב ביי אלץ דינג מוסיף זיין מחול על הקודש הן באכילה ושתיה והן במלבושים והן בהסיבה ווארום פר צייטן איז געוועו איין מנהג מען זאל עסין אן גלעהנט אוך זאל ער זיך אן טאן טייערי קליידער אזו ווי מען גרייט זיך אן גיין אנטקעגן איין כלה בשעת זיא גייט צו דר חופה אזו שבת הייסט אויך כלה זיא איז שבת מלכתא דרום פלעגן די רבנן פרייטיג פר נאכט ארום גיין פון דר שטאט אנטקעגן שבת אונ האבן גזאגט בואי כלה בואי כלה אונ מען דארף אוף דעם טיש זאגן שירות ותשבחות מקבל זיין די שכינה אונ קדושת שבת בשמחה וטוב לבב אונ דר מיט מאכט מען איין גרוסן תיקון צוא דר שכינה אונ די שפחה לילית בלייבט זיצנאין דר פינצטר וקעב ובכי והספד אין שווארצי קליידר אזו ווי אאלמנה דען אז מיר דר הייכן די קדושה ווערט זיא נידעריג אונ בליל שבת איז שולט דאס מזל שבתאי אונ דר ווס איז חליה אוף זיך מושך דעם כח פון דער טומאה דארף ער זיין בניגון ואנחה וצער אונ ניט עסין קיין פלייש אונ ניט טרינקן

קיין ווייז ווארום דס מאכט דעם מענטשן פרייליך אונ דארף זיך אן טאן אין שווארצי קליידר אזו בלייבט ער אין דר טומאה אבר דיא קדושה איז פר קערט מיר דארפן ווייזן אז מיר זענן ניט אונטר קיין מזל נייערט תחת רשות הקב״ה בעצמו דרום איז די מצוה פון שבת דווקא זיך פרייען מיט אלי זאכן אונ ווער עס איז חלילה אום שבת טרויעריג גיט ער איין כח צו דר לילית אונ איז מחלל שבת ער איז עובר אוף דעם פסוק לא תבערו אש ביום השבת דאס אש מיינט מען צ״ש זרת די לילית דען שבת איז מצד השכינה ויצר טוב אונ דר וואס רוט אום שבת ווערט ער גקריינט מיט זיבן שמות הקדושים כ״ט פ״ל חיילות פון די חיות הקודש אונ דר מלך הקדוש גייט אים אקעגין מיט כמה חיילות דען בלייבט דר יצר הרע אונ די שפחה רעה ווי איין אלמנה פר פינצטרט אן איין מאן אונ פר צייטן אז זיי האבן גדינט עבודת כוכבים שטייט בייא זייא מזבחים ומקטרים לטלכת השמים לסזלות אשר לא צויתי די עבודה איז גוועז צו דר שפחה רעה וואס זי איז שולט בלילי רביעית ובלילי שבתות זיי פלעגן שבת ביי נאכט אן טאן אוף זיך שווארצי קליידר אונ האבן גנומן איטליכר אין די הענט שווארצי ליכט אונ מאכין איין הספד אין דר פינצטר כדי זיי זאלן זיך משתתף זיין מיט דר שפחה רעה דארטן ווי זי רועט כי גם את זה לעמת זה עשה האלהים אונ מיט דעם וואס זיי האבן צוא איר גדינט האבן זייא גורם גוועז חורבן בית המקדש בעונותינו הרבים דען איז גזאגט גווארין אוף דר שכינה איכה ישבה בדד היתה כאלמנה אונ דרום טאר מען ניט אום תשעה באב אן צינדין פיל ליכט מען זאל מאכין איין הספד אונ זיצן אזו ווי איין אבל זיך משתתף זיין מיט די כנסת ישראל אין גלות דען מיר האבן בעונותינו הרבים איר גורם גוועז דעם צער • דר פינפטר תיקון הסעודה איז מען זאל זאגן איבר דעם כוס ויכולו השמים דער זעקסטר תיקון איז מען זאל בייא דעם טיש זאגן דברי תורה דס זיבטי מען זאל ניט גיך אוועק גיין פון דעם טיש כדי דר צייל וועגן קומן ארומי לייט וועט ער זייא מחיה זיין • דאס אכטי מען זאל זיך וואשן מיט מים אחרונים • דס נייגטי איז איין כוס פון דעם בענטשן • דס צעהנטי איז דס בענטשן אליין אונ דאס דארף מען אלץ מתקן זיין לכבוד השכינה • אין פרשת פנחס שטייט אוך דער פון איינס איז נטילת ידים ווארום מיט אום ריינע הענט טאר מען ניט מאכן קיין ברכה אונ אז זיי זענן אבר ריין זענן זייא ראוי מושך זיין די ברכה דען די ברכהרועט נאר אוף איין מקום טהרה דר כהן איז איין איש חסד הייסט דס טהרה דרום רועט אופאים די ברכה אונ בייא אים שטייט כה תברכו את בני ישראל האבן דיא חכמים מפורש גוועז וועלכר כהן וואס בענטשט די ישראל ווערט ער אליין אוך גבענטשט אונ ווען ער בענטשט ניט ווערט ער ניט גבענטשט אונ די חכמי המשניות זאגן אז מען זאגט איין ברכה אונ מען דער זאגט ניט קיין שם ומלכות דאס הייסט מען זאל זאגן ה׳ אלהינו מלך עולם הייסט זיא ניט קיין ברכה אוך דס וואשן די הענט דארף צו זיין אוף אלי פערצן גלידר פון די הענט דס בטייט אוף גרוסי סודות דרום דארף מען רעכט נזהר זיין אין נטילת ידים דעוידי שכינה רועט אוף אים ניט ביז ער טוט פון זיך אפ די זוהמא בישא די שפחה רעה דרום רועט אופאום ריינע הענט דרום טאר מען קיין ברכה ניט מאכן ביז מען וואשט זיי אונ מען איז זיי מטהר עס זאל אוף זיי רוען דיא קדושה דען דיא עמי הארצים דרום העלפט זייא ניט קיין טבילה

וארום זיי טובלין זיך אונ האלטן אין די הענט איין שרץ דס איז די שפחה רעה אונ זייערי הענט זענן פול מיט גזל זיי גזלנן צו הקב״ה אונ עסין אן איין ברכה זיי ווייסן ניט ווי אזו איין ברכה צו מאכן אונ ווייסן ניט אוף וואס די ברכות זענן מרמז אונ וואס די זוהמא איז • דס הט אלץ גזאגט משה דר רעיא מהימנא • בשעת דיא חכמים מיט מיר האבין דר הערט די אלי סודות האבן מיר זיך ניט גקענט אוף האלטן אונ ווארטן ער זאל אום זאגן אלי צעהן זאכן פון דר ברכה אונ מיר האבן זיך פר אים פר שפרייט אונ מיר האבן גזאגט בוודאי דאס איז ניט קיין מענטש ווער עס זאגט אזעלכי זאכן נייערט דוא ביסט גלייך ווי די פיר מחיצות פון דעם גן עדן דען דר מענטש וואס איז זוכה צו גיין אין די מחיצות פון די קינדר ווערט ער איין תינוק אונ אז ער גייט אין דער מחיצה פון דיא נערים ווערט ער איין נער ובמחיצות בחורים ווערט ער איין בחור ובמחיצות הזקנים ווערט ער איין זקן דרום איז אוף דיר גזאגט גווארן מכיון שכתו השגיח וגו׳ דס איז ר״ת משה אונ אוף דיר איז גזאגט גווארן בשגם הוא בשר בשג״ם בטרעפט די צאל פון משה דו ביסט גוועז בדור המבול אוך ביסטו אין איטלכן דור ווי איין ראד וואס דרייט זיך איבר דו ביסט גוועז ווי פיל מאל אין פיל גישטארט אונ ביסט ניט אנטפלעקט גיווארן ביז אין דור פון מתן תורה דס דורך דיר איז די תורה געגעבן גווארן דו ביסט גלייך צו דר זון אז עס קומט ביי נאכט אונ זיא ווערט איין גטאן אזו לייכט דיא לבנה מיט דיא ששים רבוא שטערן אזו ביסטו אוך איין גטאן גווארן פון דר וועלט לייכסטו אין דיא ששים רבוא ישראל פון דר וועלט וואס אין איטלכן דור דס האט קהלת גמיינט דור הולך ודור בא אזו ווי די רבנן האבן גזאגט עס איז ניט פר האנדין ווינציגר פון ששים רבוא אוך האבן זיי גטייטש דור שהולך דאס דור וואס איז אוועק גגאנגן פון דר וועלט הוא דור שבא דס איז דר דור וואס קומט מקיים צו זיין מה שהיה הוא שיהיה היינט דו רעיא מהימנא זאג אונז ווייטר סודות אונ זיי משלים די צעהן זאכן פון דעם טיש זאגט דר רועה נאמן משה רבינו דו היילגי ליכט רבי שמעון וואול צוא דיין חלק וואס הקב״ה הט צו דיר מגלה גוועזן אזעלכי סודות וואס עס איז ניט אנטפלעקט גיווארן צו קיין נביא וחוזה :

תניינא דער אנדערער תיקון פון שבת איז מען זאל מאכן המוציא איבר צוויי חלות דס הייסט לחם משנה וואס זיי זענן מרמז אויף דיא צוויי לוחות התורה וואס זענן גיגעבין גיווארין בשבת זוגות דען אום דינסטאג וואס עס שטייט צווייא מאל כי טוב איז דיא תורה גיבאטין גיווארין אונ אום שבת הט זי אראפ גינידרט אונ חאטשי זיי האבין גיזאגט אז דיא שדים זענן ממונה אויף זוגות וואס הייסט מען טאר ניט עסין אדר טרינקין אייז פאר צוויי עפיל צווייא ניס צוויי כוסות דאס איז אלץ איין סכנה עס איז אבר הלכה למשה מסיני אז שרוחי מצוה ווערין ניט נזוק דרום הט הקב״ה גיזאגט פסל לך שני לוחות אבנים כראשונים דרום זאל מען מאכין צווייא חלות אום שבת דען אום שבת נידרין אראפ אלי רוחות ונשמות ונפשות אונ קיין שום שטן ומזיק איז ניט שולט אום שבת אפילו דער גיהנם ברענט ניט אום שבת דרום שטייט לא תבערו אש בכל מושבותיכם ביום השבת דאס איז אש נכרי אבר אש של קדושה דהיינו קרבנות הט מען יוא גיברענט • תליתאה דר דריטר תיקון איז צו עסין דרייא סעודות אום שבת דען די דריי סעודות זענין משלים צו די זיבין ברכות פון שבת ווערט צעהן דען

איז

איז ער משלים אלי מדריגות הקדושה און דר עונג וואס ער האט אום שבת איז ער דר פאר זוכה צו נה״ר עד״ז נ״ן און וועקער עס קען מקיים זיין און איז ניט מקיים ווערט פון דעם ענ״ג נג״ע און הקב״ה האט ניזאגט לוו עלי ואני פורע אנטלייט אויף מיר און איך וועל בצאלען אז תתענג על ה׳ ; רביעאה איז צוא דר לייכטין דעם טיש מיט אמנורה מיט ליכט דען דר טיש פון הקב״ה מוז אזו זיין • חמישאה איין כוס מיט דעם יין מלא פון דער תורה און מיט ויכולו השמים איז ער מעיד אויף מעשה בראשית׃ שתיתאה מען זאל זאגען דברי תורה אויף דעם טיש פון שבת דרום מוז א תלמיד חכם אן בייטין צו זיך נאך איין תלמיד חכם ער זאל מיט אים עוסק זיין בתורה • שביעאה ער זאל מאריך זיין מיט זיין עסין פון וועגין עניים דרום ווער עס איז מאריך ביי זיין טיש איז מען אים מאריך זייני יארין און טעג דען צדקה איז מציל פון דעם טויט ווייל איין עני איז חשוב וויא איין מת און ער איז אים מחיה דרום איז הקב״ה אים אויך מחיה און אונזרי חכמים האבין גיזאגט אז הקב״ה האט ניט גיפונען קיין בעסרי מדה צו דיא ישראל פון עניות • האבין זייא גיפרעגט אמער עס איז דאך פאר האנדין תתק״ג מיני מיתות אויף דער וועלט אזו וויא דיא צאל פון תוצאו״ת און דס גרעסטי איז עניות פר וואס האט הקב״ה אוים גיקליבין צו די ישראל ארימקייט ענטפערין אטייל דען אלי פר צייטיגי יידין אז עס פלעגט זיי גיין שלעכט פלעגן זיי שעלטין זייערי אפ גאט אבער די ישראל אפילו אז עס איז זיי שלעכט לויבין זייא אויך השי״ת און דרום מיט דר מדה וועלין זיי דר לעבין משיח אזו ווי דר פסוק זאגט ואת עם עני תושיע און אפילו אז איינר איז איין עושר נאר ער האט צער ויסורים הייסט ער איין עני און מכל שכן ווער עס איז איין עני און גייט פון איין ארט אויף דעם אנדרין׃ און איז אויך איין עני פון דעם שכר • רבי חייא איז גיגאנגין צו רבי שמעון קיין טבריא און מיט אים איז גיוועזן רבי יעקב בר אידי און רבי ייסא וויא זייא גייען זאגט רבי ייסא צו רבי חייא זאג מיר דעם פסוק ולבני הברזלי הגלעדי תעשה חסד והיו באוכלי שולחנך איז דען דס דר גאנצר תענוג אז ער וועט עסין ביי זיין טיש און מער ניט און ווידער עס איז דאך ניט קיין כבוד פאר דעם מלך אז אנדרר זאל עסן מיט אים נאר דר מלך בדארף אליין עסין און דיא שרים עסין בזונדר אראפ זאגט רבי חייא איך האב דרויף נאר ניט גיהערט און וויל אליין אויך ניט זאגין זאגט ער צוא רבי יעקב טאמר האסטו עפיס גיהערט דרויף זאגט רבי יעקב אירזונט דאך אלי טאג פון דעם ראש שמן העדיון און דיא האסט ניט גיהערט ומכל שכן איך כלומר איר לערינט אלי טאג תורה פון רבי שמעון און איך ניט זאגט ער צו רבי ייסא און דו האסט דרויף עפים ניט גיהערט זאגט ער חאטשי איך בין יונג איך בין ערשט צו אייך גיקומען און פריער האב איך ניט זוכה גיוועזן צו אייך פון דעסט וועגין האב איך גיהערט דער פון • ער הייבט אן נותן לחם לכל בשר כי לעולם חסדו וואס האט דוד גיזעהן וואס ער האט דעם הלל הגדול אוים גילאזט מיט דם פסוק ער זאגט דרויף גרויסי סודות ובדרך כלל זאגט ער דוד האט גיגעסן אין דר צייט וואס דר מלך עסט נאר בזונדר און די קנעכט עסין נאך דעם מלך דאס איז אגרויסר סוד וואס מען טאר עס ניט שרייבין • אזו קומט רבי חייא און קושט אים אויף זיין קאפ און זאגט צו אים דו ביסט נאך יונג און עס איז שוין אין דיין הארץ די חכמה עליונה דר ווייל האבין זיי דר זעהן רבי חזקיה גייט

זאגט רבי חייא וודאי אין דער חברותא וועט זיך הקב״ה מחבר זיין מיט אונז דען דא וועלין זיך מתחדש זיין דברים וחדושים פון דער תורה זייא זעצין זיך עסין זאגין זייא איטליכר זאל זאגין דברי תורה אויף דר סעודה זאגט רבי יוסי עס איז אפילו איין סעודת ארעי נאר פון דעכט וועגן הייסט דס איין סעודה און ניט דס אלין וואס דאס הייסט איין סעודה נאר הקב״ה האט נאך הנאה דר פון דרום שטייט וזה השולחן אשר לפני ה׳ דען די דברי תורה וועלן ארום רינגלען דס ארט ;

פתח רבי חייא הייבט אן עס שטייט ואכלת ושבעת וברכת את ה׳ אלהיך בדארף דען דר מענטש נאר בענטשן נאך אז ער עסט זיך אן און פילט אן זיין בוך און פריער ניט אלא אז דר מענטש עסט אפילו נאר איין כזית נאר ער האט בדיעה צו מאכן דס פר איין עיקר אכילה מוז ער שוין בענטשן און עס הייסט ושבעת אזו וויא דר פסוק זאגט פותח את ידיך ומשביע לכל חי רצון וואר ום שטייט ניט לכל חי אכילה אלא עס גיווענט זיך דר עיקר אין זיין רצון אז ער האט במחשבה צוא מאכן דס פר איין עיקר אכילה הייסט עס שון שביעה און דארף שון בענטשן דרויף צוא הקב״ה צוא מאכן חדות וששון למעלה. רבי חזקיה הייבט אן דעם פסוק נאך אים ואכלת ושבעת פון דאנן איז גידרונגן אז צו אשכור איז מותר צו בענטשן ברכת המזון דען ביי תפלה איז דער דין אז אשכור איז אסור צו דאוונען דען די תפלה איז עולה למעלה במקום עולם הבא דארטן איז ניט פאר האנדען קיין אכילה ושתיה נאר דיא צדיקים זיצן און קרוינין זענן אויף זייערי קעפ אבער דאס בענטשן דר וועקט אזו אמדריגה וואס פון דער מדריגה קומט אראפ אויף דר וועלט מזון ושפע דרום דארף מען דארטן ווייזן זעטיקייט און שמחה כדי מען זאל דר וועקין די מדריגה דרום שטייט ואכלת דס הייסט עסן ושבעת הייסט טרינקן דס איז אלץ על הארץ הטובה דס מיינט מען די קדושה וואס זי הייסט ארץ חפץ דארטן דארף מען ווייזן שמחה און זעטיקייט דרום הייסט עס ארץ טובה אזוא וויא עס שטייט ונשבע לחם ונהיה טובים ;

פתח רבי יוסי הייבט אן צו זאגן עס שטייט ועשית שולחן עצי שיטים דוא זאלסט מאכין איין טיש פון עצי שיטים דר טיש איז גישטאנען אינווייניג אין בית המקדש און ווייל פון דם טיש איז ארום גיגאנגען שפייז צו דר גאנצר וועלט דרום האט דר טיש ניט גטארט זיין ליידיג אפילו איין רגע עס האט אויף אים גימוזט ליגן דר לחם הפנים תמיד כדי דיא ברכות זאלן פון אים גיצויגן ווערן אויף אלי טישן פון דער וועלט און דרום אויך בשעת דער מענט״ש בענטשט דארף ער עפים איבר לאזן אויף דעם טיש כדי ער זאל ניט זיין ליידיג דען דיא ברכה של מעלה רועט ניט אויף איין ליידיג ארט אזו ווי עס שטייט הגידי לי מה יש לך בבית אלישע האט גיפרעגט די שונמית אויב זיא האט עפים אין שטוב עס זאל אויף דעם שורה זיין די ברכה אזו ווי מיר האבן דאס לאנג מפורש גיוועזן און אזו איין טיש וואס אויף אים ווערט ניט גזאגט קיין דברי תורה זאגט אויף אים דער פסוק כי כל שולחנות מלאו קיא צואת בלי מקום מען טאר ניט אויף אזו איין טיש בענטשן דען עס איז פאר האנדן צווייא ערלייא טישן איינר אין דר קדושה וואס ער איז צוא הקב״ה ער שטייט תמיד מען זאל אויף אים לערנען תורה און אויף דעם טיש ווערן נשלם די אותיות דהתורה מיט דר תורה וואס מען זאגט אויף אים ווערט ער נשלם מיט דעם רעכטן תיקון דרויף שטייט אין פסוק וזה השולחן אשר לפני ה׳ און ווידר איז פר האנדן איין טיש וואס הט

קיין חלק ניט אין דר תורה אונ ניט אין דר קדושה דר טיש הייסט
קיא צואה ווארום ער איז בלי מקום ווייל ער הט ניט קיין חלק אין דער
קדושה וום זי הייסט מקום דאס איז דיא שכינה וואס אויף איר שטייט
ויעגע במקום אבער אז מען לערינט דברי תורה אויף דעם טיש נעמט
אים הקב"ה צו זיין חלק אונ ניט דס אליין נאר עס איז פר האנדין
אמלאך הממונה הגדול סור"י ער נעמט אלי דברי תורה וואס עס
ווערט גיזאגט אויף דעם טיש אונ מאכט איין גישטאלט אזו וויא דער
טיש איז אונ די אלי דברי תורה ווס מען האט גיזאגט אויף דעם טיש
גייען אונ ווערן פאר שפרייט פאר הקב"ה דער המלך הקדוש דרום
שטייט זה השולחן אשר לפני ה' דס ער ווערט פר אים גיקריינט אונ דער
טיש שטייט ער זאל מטהר זיין מענטשן פון זייערי עבירות וואול איז
צו דעם מענטשן ווס אויף זיין טיש ווערן גיטאן צווייא ערלייא זאכן
מען הט אויף אים גיזאגט דברי תורה אונ מען הט פון דער סעודה
גיגעבן צו ארומי לייט זאלן זיך אויך אן זעטן דען עס זענן אן גברייט
צווייא מלאכים קדושים איינר פון דר רעכטר האנט אונ איינר פון דר
לינקר האנט איינר זאגט דס איז דר טיש פון דעם המלך הקדוש ווס
דר מענטש הט פר אים מכבד גיוועזן עס זאל זיין דר ווילן פון הש"ית
אז דר טיש זאל תמיד זיין מיט ברכות עליונים אונ הקב"ה זאל דרויף
לאזן רוען זיין שמן משחת קודש דאס זענן סודות עליונים • אונ דער
אנדרר זאגט דס איז דר טיש פון דעם מלך הקדוש ווס דר מענטש
הט פר אים מסדר גיוועזן דס איז דר טיש ווס די עליונים ותחתונים
ווערן פון אים גיבענטשט ווערן עס זאל דר ווילן פר הש"ית אז דער
טיש זאל זיין מסודר פאר הקב"ה בעולם הזה ובעולם הבא • רבי
אבא האט גיזאגט דען פר צייטן איז גיוועזן אמנהג אז צו דעם עסין
האט מען גיבראכט קליני טישלך איטליכן איין בזונדר טישל אונ
בשעת מען פלעגט אים ברענגן דם טישל הט דר מענטש עס צוא
גידעקט אונ הט גיזאגט ברענגט אויף דאס טישל בצניעות עס זאל
ניט זיין בחרפה פאר די שלוחים של מלך ווארום דר טיש פון דעם
מענטשן איז אים מזכה בעולם הבא אונ דורך אים איז ער זוכה צוא
מגין זיין אויף דר וועלט אונ איז זוכה צו ווערן דר קענט פר הקב"ה
לטובה אונ עס ווערט אים גימערט כח וגדולה צו אלין דינג ווס ער
דארף וואל איז זיין חלק בעולם הזה ובעולם הבא :

רבי יעקב הייבט אן עס שטייט ויהי כל יודעו מאתמול שלשום וגו' הגם שאול
בנביאים ווס איז דס זיי גיוועזן אזו אגרויסר חידוש אז שאול האט
נביאות גיזאגט ער איז דאך נאך פריער גיוועזן אוים דער ווילט פון
אלי ישראל אזו ווי עס שטייט הראיתם אשר בחר בו ה' בחר איז דאך דיא
טייטש ער איז שוין לאנג אויס דר ווילט גיווארן פר ווס האבן זייא
אצונד אזו זיך פר וואונדרט • נאר בשעת אז הקב"ה הט אים אויס
דר ווילט איז דס נאר גיוועזן פר אמלך ניט פר קיין נביא דען צו די
ביידי מעלות הט קיין שום מענטש ניט זוכה גיוועזן נאר משה רבינו
נאמן עליון הט אליין דר צו זוכה גיוועזן ניט קיין אנדערער מענטש
דרום האבן זיי זיך פר וואונדרט אויף אים ער זאל זוכה זיין צוא דיא
ביידי מעלות • אונ אויב דוא ווערסט פרעגן שמואל הנביא האט דאך
אויך זוכה גיוועזן צו דיא ביידי מעלות זאג איך דיר עס איז ניט אזו
שמואל איז נאר גיוועזן אנביא נאמן אבר קיין מלך איז ער ניט גיוועזן
אזו וויא עס שטייט וידע כל ישראל מדן ועד באר שבע כי נאמן שמואל לנביא ער
האט נאר גימשפט די ישראל אזו ווי עס שטייט וישפט את ישראל דרום

אז שאול המלך הט גיזאגט נביאות האבן זיי זיך אויף אים זייער פר
וואונדרט נאר די קשיא איז דאך ווי קומט דס באמת ער זאל זוכה זיין
צו די ביידי ער איז דאך שוין אין דר צייט גיוועזן אמלך ווי אזו האט
ער גיקענט זאגן נביאות זאג איך דיר ער הט דאך ניט גיהאט ביידי
אין איינם נייערט ווייל הקב"ה הט אים גיגעבן דיא מלוכה אונ האט
אוף אים גימאכט רוען דעם רוח הקודש אז דורך דעם זאל דס מלכות
זיין מיושב הט ער דורך דעם רוח הקודש גיזאגט נביאות אבער אז
הקב"ה האט דער נאך ביא אים אפ גינומן דיא מלוכה איז ער שוין
ניט גיוועזן קיין נביא נייערט ער הט גידאט איין שכל פון התעוררות
ותבונה ער זאל אמת משפטין דאס דארף איין מלך צו האבין אונ
ווייל ער איז בשעת מעשה גיוועזן צווישין די נביאים האט אויף אים
אויך גירועט דיא נבואה אונ אז ער האט זיך פון זייא אפ גישייד איז
ער שוין ניט גיוועזן קיין נביא • זאגט רבי יעקב ווער הט מיר גיגעבין
איין התעוררות פון ארוח הקודש אז איך זאל זיין צווישן די נביאים
נאמנים דיא תלמידים פון רבי שמעון בן יוחאי וואס דיא עליונים
ותחתונים ציטרין פאר אים מכל שכן איך זאל זיין צווישן אייך ער
הייבט אן צו זאגין עס שטייט ועשית שולחן אויף דעם שולחן האט מען
ארויף גילייגט דעם לחם הפנים מיר דארפין פר שטיין וועלכעס איז
בעסר ציא דר טיש ציא דס ברויט איז דר עיקר אויב דו וועסט זאגן
זייא זענען ביידע אלץ איינס • קען אזו ניט זיין ווארום דער שולחן
איז אויף זיך מקבל דאס לחם עס זאל אויף אים ליגן איז דאך דער
שולחן למטה אונ דאס לחם איז למעלה • נאר פון דעסט וועגין איז
פארט דער שולחן דער עיקר ווארום ער איז מקבל ברכות ומזון פון
אובן אונ פון דעם שורש השולחן קומט די פרנסה אויף דער גאנצר
וועלט אונ דר לחם איז גלייך גיוועזן ווי איין פרי וואס זיא וואקסט אוף
איין בוים איז דאך דר בוים דר עיקר ווארום ווען ניט דר בוים וואלט
דאך דיא פרי ניט גיהאט קיין שורש עפים צו וואקסין אזו אויך דער
שלחן הט אוים גיצויגין מזונות אויף דער גאנצער וועלט אונ דרום
הט מען דעם לחם הפנים אויף גיגעסין משבת לשבת צו ווייזין אז
דר מזון עליון קומט ארוים פון דעם טיש אונ מיט דעם ווס די כהנים
האבין אראפ גינומען דעם לחם הפנים אלע שבת זענן גיבענטשט
גיווארין אלע מזונות ווס מען הט גיגעסין אונ גיטרונקן דס דר יצר
הרע הט שוין ניט גיקענט מקטרג זיין דען דורך אכילה ושתיה איז
דאך שכיח דער יצר הרע ביא דעם מענטשן אונ איז אויף אים
מקטרג אבער דורך דעם וואס דיא כהנים האבין אויף גיגעסן אלע
שבת דעם לחם הפנים איז זייער עסין גיבענטשט גיווארן דאס דר
צד הרע האט ניט גיקענט מקטרג זיין פון צוא דינען להקב"ה בלב
שלם אונ דיא כהנים האבין זיך גידארפט אפ היטין אז זייער טיש
זאל זיין מיט איין ריינעם גוף מער פון דר גאנצער וועלט • דרום
גיהער זיך דער מענטש צום ערשטין ריין מאכין זיין גוף פר דעם
עסין כדי אז דס עסין ווס עס איז פון דעם שולחן הטהור זאל חלילה
ניט אן גירופין ווערין קיא צואה ווס דס איז מצד הקליפות ווארום דו
טומאה דארף ניט האבן קיין חלק פון דעם שולחן אשר לפני ה' ערשט
נאך דעם עסין דארף מען געבין איין חלק דם תמצית לצד הקליפות
דס מיינט מען מים אחרונים די זוהמא דעם שמיים פון די הענט דר
חלק איז ראוי צו אים אונ דרום זענען דיא מים אחרונים חובה מען
מאכט איבער זיי קיין ברכה ניט ווארום בצד הקליפות איז ניט פר



האבן

האנדרין קיין ברכה דרום זאל דר מענטש נזהר זיין ער זאל חלילה ניט געבן פון זיין עסן וואס דס קומט ארויס פון דעם שולחן הטהור צו דעם קיא צואה לצד הטומאה דס הייסט ער זאל פריער ריינגען זיין גוף וועט זיא שוין קיין חלק ניט האבין אין דעם עסין ומכל שכן עס איז נאך זייער גיזונד צו דעם גוף אז ער זאל האבין נקיות פר דעם עסין :

רבי יוסי מיט רבי חייא זענין גיגאנגין אין וועג אונ איין סוחר איז זיי נאך גיגאנגין זאגט רבי יוסי צו רבי חייא מיר דארפן עוסק זיין בדברי תורה דען הקב"ה גייט פר אונז דרום איז די צייט אים צו מאכין איין תיקון פתח רבי חייא הייבט אן צו זאגין עס שטייט עת לעשות לה׳ הפרו תורתך דעם פסוק האבין שוין די רבנן מפורש גוועזן אונ איך זאג עת לעשות ה׳ איז דיא טייטש כל זמן די תורה האט איין קיום אויף דר וועלט אונ דיא מענטשין זענען אין איר עוסק כביכול איז הקב"ה משגיח אויף זייני מעשה ידיו אונ איז זיך משמח מיט אליי עולמות אויף דר הימל מיט דער ערד זענען אין זייער שטאנד אונ ניט דאס אליין נאר הקב"ה זאמילט איין די גאנצי היליגע פמליא של מעלה אונ זאגט צו זייא זעהט וויא איך האב איין היליג פאלק דס די תורה ווערט גקריינט פון זייערט וועגין זעהט מיין מעשה ידי איר הט גיזאגט מה אנוש כי תזכרנו דס דער מענטש זאל ניט בשאפין ווערן׃ ובשעת אז די ישראל זענן זיך מבטל פון דברי תורה כביכול מאכין זייא שלאף זיין כח דרום שטייט עת לעשות לה׳ די בני עולם די צדיקים זאלן זיך מתאמץ זיין צו טאן מעשים טובים אונ זיך מיען אין דר תורה כדי כביכול הקב"ה מיט זיין פמליא זאלן גשטארקט ווערן דורך די צדיקים דען הפרו תורתך זיי האבן פר שטערט דיין תורה אונ האבין זייא ניט גילערינט וויא עס גיהער צו זיין זאגט דר סוחר וור ער איז הינטין נאך גגאנגען איך בעט אייך איך האב איין שאלה צו פרעגין זאגט רבי יוסי פרעג דיין שאלה זאגט ער ווערליג דו זאגסט כאדארף אזו צו שטיין יש לעשות אדר נעשה וואס שטייט עת זאגט רבי יוסי אין פיל זאבין איז דר וועג פר אונז אן גיבריים איינם ביז אהער זענן מיר גיוועזן צווייא אונ היינט זענן מיר דרייא אונ די שכינה איז נכלל אין אונז אונ ווידער איך האב גימיינט דו בישט איין עץ יבש היינט זעה איך אז דו בישט איין צווייג הפטגר אייל בירט דו האסט רעכט גיפרעגט נאר ווייל דוא האסט אן גיהויבין זאג דוא פתח ער הייבט אן עת לעשות לה׳ עס איז איין עת איין מדריגה אין דר קדושה דאס מען זאל ליב האבין עת לאהוב אונ ווידער איז איין עת אין דר טומאה דס איז עת לשנוא מען זאל זיא פיינט האבין אין דר קדושה איז איין עת רצון דאס הייסט עת לאהוב אזו וויא עס שטייט ואהבת את ה׳ אלהיך אונ אין דר טומאה איז איין עת דס איז ליית זיא בטרעפט אזו ווי די צאל פון ע"ת דרום שטייט דבר אל אהרן אחיך ואל יבוא בכל עת אל הקודש ניט מיט אלע עת זאל ער זיך מקרב זיין צו דר קדושה אונ אז די ישראל זענן עוסק אין דער תורה איז דער עת פון דער קדושה מתוקן אין רעכטין תיקון וויא דער עת באדארף צו זיין אבער אז דיא ישראל זענען ניט עוסק אין דער תורה איז כביכול דער עת ניט מתוקן אזו וויא עס באדארף צוא זיין אונ ניט בשלימות אין איר אור דרום שטייט עת לעשות לה׳ ווייל מיר האבין מפיר ומבטל גיוועזן דיין תורה דרום איז עת לעשות דאס איז טייטש לשון פאר ריכטן אזו ווי עס שטייט אשר ברא אלהים לעשות ער הט גוואלט בשאפן

די שדים איין גוף אונ זייא גומר זיין אזו דא לעשות מיינט מען אויך מתקן צו זיין אויף דעם שלימות די קדושה צוא הקב"ה אזו קומען רבי יוסי ורבי חייא אונ קושין אים אויף זיין קאפ זאגט רבי יוסי עס איז ניט רעכט אז דוא זאלסטואונז נאך גיין · זכאה איז דר וועג אז מיר האבן זוכה גוועזן צו הערין אזעלכם זכאה איז דר דור וואס רבי שמעון איז דרינען דס אפילו צווישין די בערג ווערט אויך גפונען חכמה פון זיינט וועגן רבי חייא אונ רבי יוסי נדערן ארא פון זייערי אייזלען אונ גייען אלע דרייא אין איינעם פתח דר סוחר הייבט אן ואני תפלתי לך ה׳ עת רצון ער זאגט דרויף גרויסע סודות דער נאך זאגט ער אויב דו וועסט פרעגן פר וואס הט מען מתקן גוועזן דעם פסוק צו זאגן שבת צוא מנחה פר וואס ניט אין וואכינדיגע מנחה ווייל די מנחה פון שבת איז ניט גלייך צו דר מנחה פון וואך ווארום אין דר וואכן בשעת מנחה איז דער דין שולט אויף דר וועלט אבר אום שבת אז עס קומט דר זמן מנחה אונ די כוחות הדינים ווילין שולט זיין אזו קומט איין אור גדול פון אויבין אונ טרייבט זיי אוועק אונ זיי ווערן בטל דרום איז דענסט מאל איין עת רצון אונ איין שמחה אין אלע עולמות · משה רבינו איז נפטר גיווארין פון דער וועלט בשעת מנחה פון שבת בשעת דער עת רצון איז גיוועזן למעלה אונ למטה איז גיוועזן איין צער עס איז צוא גישלאסין גיווארין אלע טירין פון דעם בית המדרש כדי מען זאל גידענקען אין משה רועה נאמן דס דיא תורה איז בטל גיווארין פון זיינט וועגן דען באותו זמן איז בטל גיווארין דר בית המדרש פון משה אונ מכל שכן די איבעריגע דען דר וואס הט גיזעהן אז דר בית המדרש פון משה איז פר מאכט האבן שוין אלע פאר מאכט זייערע בתי מדרשים דרום מוזן אלע מצדיק הדין זיין די צייט בדרך שבח אין דער תפילה דרום זאגט מען צדקתך דרייא זענן גישטארבן שבת צו מנחה אונ אלע דריי זענן נכלל אין משה · איינער איז משה נביא נאמן עליון אונ דר אנדערער איז יוסף הצדיק אונ דער דריטער איז דוד המלך דרום זאגט מען דרייא מאל צדקתך דאס איז גלייך וויא דרייא צידוק הדין איינס איז אנטקעגן יוסף הצדיק ער איז גיוועזן פריער פון אלע דרום זאגט מען צדקתך כהררי אל ער איז אליין גוועזן אזו וויא די הויכע בערג אונ אויף משה נביא הנאמן זאגט מען וצדקתך אלהים עד מרום אשר עשית גדולות אונ אויף דוד זאגט מען צדקתך צדק לעולם ותורתך אמת ווייל עס איז איין גטאן גוווארן די תורה שבכתב דורך משה אונ די תורה שבעל פה דורך דוד דרום זענן די צייט פר שלאסין גווארן אלע ספרי תורות אונ אלע שערים פון דער גאנצר וועלט · בשעת יוסף איז נפטר גיווארין איז פר טריקינט גווארן די מעינות ומקורות החכמה פון די מים העליונים אונ אלע שבטים זענן גיפאלן בגלות האבין די עליונים גזאגט צדקתך כהררי אל משפטיך תהום רבה אונ בשעת משה איז נפטר גווארן איז פר פינצטערט גיווארן די שמש בצהרים אונ די תורה שבכתב הט פר שלאסן איר ליכט דס הייסט די אספקלריא המאירה אונ בשעת דוד איז נפטר גיווארין הט די לבנה איין גטאן איר ליכט אונ פון דר צייט אן איז פר בארגן גיווארין דיא ליכט פון דר תורה שבעל פה אונ עס הט זיך גימערט מחלוקת אין די משניות אונ דיא חכמים זענן מחולק איז די דינים דען פריער איז אלץ מפורש גוועזן אזו וויא עס באדארף צו זיין אונ פון דר צייט זענן אלע שטארקע הערצער פר מישט גיווארן דרום איז גיווארין די חומרא פון דם תענית וואס די חכמים האבן גמאכט תענית

צדיקים

צדיקי ווען די צדיקים זענען געשטארבען אזו אזה האבען זיי גוזר גוועזען אויף דעם וואס איז איין ניטאן גוואָרן די תורה שבכתב ושבעל פה · דרום איז שוין אבל שכן אז מען גיהער צוא שליסען דיא טירען פון דיא בתי מדרשים פון דר תורה דרום זאגט מען די דרייא פסוקים אויף דעם אָרט פון צידוק הדין · רבי יוסי מיט רבי חייא פרייען זיך זייער אונ זאגן זכאה איז אונזער חלק אין דעם וועג וואס מיר האבען גיהערט אזעלכע חידושים · דר סוחר הייבט ווידר אן החכמה תעוז לחכם מעשרה שליטים אשר היו בעיר דס איז משה בשעת ער איז ארויף גגאנגען אויף דעם בארג סיני מקבל צו זיין דיא תורה זענן דער ציטערט גוואָרין אלי הימלען אונ אלע חילות עליונים זיי האבען גזאגט רבונו של עולם אלע אונזערי שמחות איז נאר אין דער תורה אונ דו ווילסט זיא אראפ גידעריו אויף דר ערד האבין זיי זיך איין גזאמילט אויף משה צו פר ברענן אים מיט זייער פייער אזו הט זיך משה גישטארקט אונ הט זיי געענטפערט איין תשובה וואס שטייט דען אין די עשרת הדברות אשר הוצאתיך מארץ מצרים זענט איר דען גוועזען אין מצרים אדר גשיקט זיך דען ביי אייך כבד ולא תרצח ולא תנאף אונ די איבעריגע אזו הט ער זיך גשטארקט מעשרה שליטים פון די צעהן דברות וואס זיי הייסן עשרה שליטים אונ ער הט זיי דר מיט מנצח גוועזען אזו אויך החכמה תעוז לחכם ווער עס איז עוסק אין דער תורה איז זיא מגין אויף אים אונ שטארקט אים בשעת ער בדארף · אונ פון וואסער איין אָרט קומט אים דאס שטארקייט זאגט דר פסוק מעשרה שליטים דס זענן דיא צעהען דברות וואס זייא שטייען אין דער תורה וואס זענן מושלים עליונים דס איין מענטש איז גישטארקט דרינען בעולם הזה ובעולם הבא אלע רזין פון דר וועלט אונ אלע מצות אונ אלע חכמות של מעלה ושל מטה איז אלץ אין דר תורה וואל איז צו די וואס זענן עוסק אין דר תורה צוא זיין גשטארקט אין איר לעולם הבא · זיי פרייען זיך זייער אויף זייניגע רייד אז זיי זענן גקומן צוא איין בארג זאגט רבי חייא צו דעם סוחר ווי אזו איז דיין נאמן זאגט ער חנן זאגט רבי חייא יחנך הקב"ה וישמע קולך אז דו וועסט צו אים בדארפין זאל ער דיך לייט זעליגן אונ דיין קול מקבל זיין זאגט רבי יוסי די זון איז שוין נידערג עס ווערט שפעט אונ אונטער דעם בארג איז פר האנדן איין דארף עס הייסט כפר חנן וועלן מיר דארטן נעכטיגן פון דיין כבוד וועגן וואס דו הייסט אויך חנן זענן זיי גיקומן אין דעם דארף ארייין אויף איין הארבעריגי הט מען זייא דארטן גיגרייט צוא דעם טיש מיט אלי מיני מאכלים זאגט רבי חייא דר טיש איז בוודאי גדמות עליון של עולם הבא דרום דארף מען אים קריינן מיט דברי תורה הייבט אן רבי יוסי עס שטייט ואכלת ושבעת וברכת וגו׳ על הארץ הטובה אשר נתן לך פון דעם פסוק איז דאך משמע אז נאר אין ארץ ישראל דארף מען בענטשן נאך דעם עסין אבער אין חוץ לארץ איז מען פטור פון צו בענטשן נאר דר פשט איז אזו בשעת אז הקב"ה הט דיא וועלט בשאפין האט ער זיא צו טיילט אויף איין זייט ישוב אונ אויף דר אנדערער זייט מדבר אונ דעם ישוב אליין הט ער אוף גטיילט אונ האט אים גמאכט רינגלען ארום דער נקודה האמצעי דס איז ארץ ישראל וואס זיא איז אין מיטן ישוב פון דער וועלט אונ דר מיט ארץ ישראל איז ירושלים אונ דר מיט ירושלים איז דס בית קדשי הקדשים אונ דורך דעם אָרט נדרין אראפ מלמעלה אלע טובות אונ אלע פרנסות ושפע פון דעם גאנצן ישוב · דיא מדבר הט ער אויך גיטיילט אונ האט ניט גיפונען קיין גרעסער וויסטינעש וויא דאס חלק מדבר וואס דיא ישראל זענען דארטן דורך גיגאנגען אזו וויא עס שטייט המוליכך במדבר הגדול והנורא אין דר מדבר האבן די קליפות איין שליטה וואס זיי הייסן נחש שרף ועקרב וצמאון די ישראל האבן גמוזט דארטן דורך גיין פערציג יאר כדי זיי זאלן צו ברעכין דעם כח פון דיא קליפות · אונ וואלטין די ישראל גוועזן צדיקים אין דער גאנצר צייט וואס זיי זענן גיגאנגן אין דער מדבר · וואלט צוא בראכין גיוואָרן דער גאנצר כח פון די קליפות אונ וואלטן זייא מעביר גוועזן נאר ווייל זייא האבין גזינדיגט הט זיך גשטארקט די צד הקליפות אונ די ישראל זענן בעולם הזה גפאלן אונטער זייער רשות · אויב דוא וועסט פרעגן משה רבינו איז דאך גוועזן גרעשער פון דער גאנצער וועלט פר וואס איז ער אויך גפאלין אין דר מדבר · נאר דר אמת איז אז משה רבינו איז חס ושלום ניט גוועזן אונטער דעם רשות פון דער מדבר · ער ליגט נאר אויף דער הר העברים איז טייטש לשון קריג דיא מושלים עליונים האבן זיך איבר אים גקריגט אונ דר בארג איז ניט איבר געענטפערט גוואָרן אין זייערי הענט ביז משה רבינו איז גקומן הט אים הקב"ה איבר געענטפערט אין זייניגע הענט וואס ער איז גוועזן מצד הקדושה הט ער אויף אים שולט גוועזן אונ איז דארטן בגראבן גוואָרן · אונ מיט זיין קבורה הט זיך קיינער ניט מתעסק גוועזן נאר הקב"ה כביכול אליין אזו שטייט ויקבור אותו בגי אונ שטייט ניט ווער עס הט אים דארטן בגראבן רעסט גלייכין שטייט ויקרא אל משה שטייט אויך ניט ווער עס הט אים גרופן נאר אזו ווי דארטן איז דאך ידוע צו דיא חכמים ווער עס הט אים גרופן אזו דא אויך ביי דר קבורה פון משה האט זיך נאר הקב"ה כביכול בעצמו מיט אים עוסק גוועזן דרום האט קיינער קיין שליטה ניט גהאט אין דעם בארג נאר משה רבינו אליין וואס ער ליגט דארטן אונ דרום איז דארטן גוועזן זיין קבורה כדי די וועלט זאל וויסן אז די מתי מדבר וועלן אויף שטיין תחיית המתים וואָרום דורך אים וועלן זיי אלע זיין אין התעוררות פון עולם הבא · אוב דו וועסט פרעגן אז איטדר מדבר איז אזו איין גרויסי טומאה פר וואס הט הקב"ה גהייסן דעם שעיר המשתלח שיקן צו דעם בארג וואס הייסט עזאזל וואָרום הט ער אים ניט גהייסן אוועק שיקן אין דיא בערג פון דער מדבר נאר ווייל דיא ישראל זענן דארטן גוועזן פערציג יאר איז צו בראכין גוואָרן דר כח פון דר טומאה פון דארטן אונ איז נדחה גוואָרן עס זאל גשטארקט ווערן איר כח אויף אזו איין אָרט וואס קיין שום מענטש איז דארטן קיין מאל ניט גוועזן אונ דר בארג עזאזל איז איין הוכר בארג אונ אונטר די טיפעניש פון דיא בערג וואס קיין שום מענטש איז דארטן נאך ניט גוועזן אונ אויף אזו איין אָרט הט ער מער שליטה צו עסין זיין שפייז וואס מען הט אים דארטן גבראכט דס דער מיט האט ער שוין ניט גקאנט מקטרג זיין אויף זייא אבר אין דעם ישוב דארטען וויא מענטשן וואנען ווערט דיא גאנצי וועלט גשפייזט אונ גבענטשט נאר פון דר מיטילסטר נקודה דאס הייסט קודש קדשים פון דעם בית המקדש · חאטשע היינט איז דאך דער בית המקדש חרוב דאך האט זיך זיין זכות ניט אום גלאזט אונ פון דארטן ווערין די ישראל גישפייזט דרום חאטשי דיא ישראל זענין אין חוץ לארץ פון דעסט וועגן איז זייער שפייז נאר בזכות ארץ ישראל אונ דרום שטייט על הארץ הטובה אשר נתן לך דס מיינט מען דיא טובה קומט פון דארטען ארויס ווער עס זיצט ביי זיין טיש אונ איז זיך מתענג

בתענוגים גיהער ער צו גדענקין אונ זיך צו זארגן אויף דער קדושה
פון דעם ארץ הקדושה אונ אויף דעם היכל המלך וואס עס איז אצונד
בעונותינו הרבים חרוב גווארן אונ בשעת ער מאכט איין שמחה
אונ דר מאנט זיך אונ איז טרויעריג אויף חורבן בית המקדש איז דס
אן גנומן פר הקב"ה אונ עס ווערט אים גירעכינט גלייך ווי ער הט
אן גבריט אונ הט גבועט דאס בית המקדש מיט אלי חורבות פון
דעם בית המקדש וואול איז צו זיין חלק:

רבי חייא מיט רבי אבא זענן גוועזן אויף איין הארבעריג אז עס איז
גקומן האלבי נאכט זענין זייא אויף גשטאנין לערנין תורה איז
דעם בעל הבית טאכטער אויך אויף גשטאנן אונ הט צו זיי אן גצונדין
איין ליכט אונ הט זיך גשטעלט אינטר זייא צוא הערן דברי תורה
הייבט רבי אבא אן צו זאגן עס שטייט כי נר מצוה ותורה אור · נר מצוה
מיינט מען ווער עס איז עוסק אונ טוט מצות התורה אויף דער
וועלט אזו גיט מען אים פר איטליכר מצוה איין ליכט לעולם הבא
ותורה אור מיינט מען נאר ווער עס לערינט דיא תורה אליין איז ער
זוכה צו דעם אור וואס די ליכט ווערט פון אים אן גצונדן דען דאס
ליכט אן דעם אור איז גאר ניט ווערט אויך קען ניט זיין קיין ליכט
אן איין אור איינס דארף האבן צוא דעם אנדרין דרום דארף מען
מתקן זיין במעשה דס נר מען זאל עוסק זיין בתורה צו דר לייכטן
דס אור אויף דעם ליכט · וואול צו דעם מענטשן וואס ער איז עוסק
בתורה ובמצות צוא בהעפטן אור וגר ווייטר שטייט ובדרך חיים תוכחת
מוסר דען מיט וואס דר מענטש איז אויף זיך מקבל אפ צוא קערן פון
דעם שלעכטין וועג צו גיין בדרך הטוב דס ברענגט אים לעולם הבא
ודרך חיים דער וואס שטראפט זיין חבר ער זאל גיין אין דעם וועג פון
הקב"ה איז צו אים איין דרך חיים לעולם הבא דבר אחר נאך איין
פשט איז כי נר מצוה נר מצוה מיינט מען די תורה שבעל פה וואס מען
דארף זיא מתקן זיין זיא זאל ווערן דר לייכט מיט דר תורה שבכתב
דען די תורה שבעל פה הט ניט קיין אנדערער תיקון אונ קיין אור
נאר דורך דר תורה שבכתב אזו ווי דיא לבנה האט ניט מער קיין
ליכט נאר וואס זי איז מקבל פון דר זון · דער ווייל האט רבי אבא
אכטונג גגעבין אינטער זיך האט ער דר זעהן וויא דעם בעל הבית
טאכטר שטייט אינטר אים זאגט ער נר מצוה מיינט מען דיא מצוה
וואס די ווייבר האבן אין דעם זוכה גוועזן דס זענן די ליכט פון שבת
חאטשי די ווייבר זענן ניט זוכה צו דר תורה זענן דאך זייערי מאנן
זוכה להתורה אונ דר לייכטן דס ליכט פון זייערי נשים וואס זיי זענין
מתקן די מצוה פון דעם נר אונ די מאנזבילין דר לייכטן דס ליכט
מיט זייער אור פון דר תורה ווי די אשת הט דס דר הערט הט זיא
אן גהובן צוא וויינן · דר ווייל איז איר פאטר דער בעל הבית אויף
גשטאנן אונ גייט צוא זייא דר זעהט ער ווי זיין טאכטר שטייט אונ
וויינט פרעגט ער זיא וואס וויינסטו דער צייכט אים רבי אבא דיא
גאנצי מעשה אזו הט דר פאטר אויך אן גהובן צוא וויינן זאגט רבי
אבא עס ווייזט אוס דיין אידים איר מאן איז ניט קיין למדן ער הט
ניט זוכה גוועזן צו דר תורה זאגט דר בעל הבית צו זיי בוודאי איז
אזו אונ אויף דעם וויין איך מיט מיין טאכטר תמיד נאר ווי קומט
דאס ער זאל זיין מיין אידים ווייל איך האב אים איין מאל גזעהן
ווי ער איז אראפ גישפרונגן פון דעם בודים ער זאל הערן קדושה
מיט דעם קהל דרום איז מיר גפעלין אים צו געבן מיין טאכטר איך

האב מיך פון דעם משער גוועזן אז ער גיהער זיין איין אדם גדו
בתורה חאטשי ער איז נאך איין יונגער מאן אונ איך האב אי
פריער ניט גקענט אונ אצונד זעה איך אז ער קען אפילו ני
בענטשן קיין ברכת המזון זאגט רבי אבא צוא דעם בעל הבית פ
בייט אים אויף איין אנדרין לאז ער איר גט געבן אונ איר גיב אי
אנדרן מאן איין למדן אדער אפשר וועט ער מיט איר האבן אי
קינד וואס ער וועט זיין איין תלמיד חכם · דר ווייל הט זיך איר מא
אויף גחאפט אונ שפרינגט ארין צווישן זייא אונ האט זיך אנידע
גיזעצט האט רבי אבא אויף אים אכטונג גגעבן אונ זאגט איך זע
אז פון אים אדר פון זיין קינד וועט ארוס גיין איין אור תורה הט ד
יונג אן גהובן צו לאכן אונ זאגט רבותי איך וועל פר אייך זאגן אי
זאך פון דר תורה הייבט ער אן צו זאגן עס שטייט צעיר אני לימים ואת
ישישים על כן זחלתי ואירא מחות דעי אתכם אין דעם פסוק האבין זיך דע
וועקט די עמודי עולם אבר מיר דארפן דאך פר שטיין דען אליהו
בן ברכאל הבוזי איז דאך גוועזן ממשפחת רם אונזרי חכמים זאגי
ער איז גוועזן מזרע אברהם אונ עס איז רעכט אזו אבר ער איז גוועז
איין כהן ממשפחת יחזקאל בן בוזי הכהן ווארום דא שטייט אליהו
בן ברכאל הבוזי אונ דארטן שטייט יחזקאל בן בוזי הכהן אונ
דוא וועסט זאגן ממשפחת הבוזי איז טייטש איין מבוזה משפחה
דרום שטייט ממשפחת רם ער איז גוועזן פון אהובר משפחה פו
אלי פר וואס הט ער גהייסן הבוזי ווייל ער הט זיך מבזה גיוועזן פ
דעם וואס איז בעסר פון אים דרום הייסט ער בשם אדם דס ער אי
מושל אויף אלי דס קיינאנדרר מענטש ווערט אזו ניט גרופן צעיר א
לימים עס וואלט בדארפט שטיין מימים נאר אזו מיינט ער צעיר אני אי
האב מיך קליין גמאכט לימים פאר אזעלכין וואס ער איז עלטע
פון מיר איך האב מיך גיטראכט ימים ידברו ורוב שנים יודיעו חכמה די
אלטע לייט זאלן ריידן אונ מודיע זיין חכמה אונ ווייל איך בין יונ
בדארף איך שווייגן אונ ניט ריידן קיין חכמה אין דער תורה על כ
זחלתי ואירא מחות דעי אתכם איך האב מיך גפארכטן צו ווייזן מיין דע
אכן רוח הוא באנוש ונשמת שדי תבינם דען ווייל איך בין יונג האב אי
גוואלט שווייגן ביז היינט אונ היינט איז שון אוס גגאנגן צוויי
חדשים אז איך בין דא דרום וועל איך שון אן הייבן בתורה פתח ע
הייבט אן כי נר מצוה ותורה אור אונ זאגט דרוף גרוסי סודות אונ הייב
אן צו לאכן אונ זאגט רזין עליונים אונ זאגט ביז אהער איז מתוק
גווארן דר אור מיט נר אין איינם אונ אצונד רבותי איך בין פו
בבל איך בין דר זון פון רבי ספרא אונ איך האב ניט זוכה גוועז
אים צו דר קענן אונ בין אזו פר טריבין גווארן ביז אהער אזו האב
איך מיך גפארכטן ווייל די מענטשן פון דאנן זענן לייבין אין דע
תורה האב איך אויף מיר גנומן אז איך זאל ניט ריידן קיין דבר
תורה פר קיין מענטשן ביז צוויי חדשים אונ היינט זענן זייא שו
אוס גגאנגן וואול צו מיין חלק וואס איך האב מיך היינט צוא אייך
מחבר גוועזן הייבט רבי יוסי אויף זיין קול אונ וויינט · זיי שטיין אל
אויף אונ קושן אים אויף זיין קאפ זאגט רבי יוסי וואול צוא אונז
חלק וואס מיר האבן זוכה גוועזן דס צו הערן · ער זאגט רבותי אין
האב גיזעהן דעם צער פון מיין שווער מיט זיין טאכטר דען זיי האב
זיך מצער גוועזן וואס איך קען ניט קיין ברכת המזון האב איך גזאגט
איידר איך וועל קענן ברכת המזון וועל איך מיך ניט מחבר זיין מיט

יין ווייב חאטשי איך וואלט דס גיקענט טאן אן איין חטא האב איך בער ניט גוואלט עובר זיין אויף זייער דעה ווייל איך האב קיין ברי תורה ניט גטארט ריידן די צוויי חדשים זיי זענען זיך משמח בי יוסי ורבי חייא ורבי אבא אונ דר שווער מיט זיין טאכטער אונ וויינען פר גרוס שמחה זאגט רבי יוסי צו אים ווייל דו האסט אן הובן דר לייכט אונז דעם טאג וואול צו אונזר חלק אין דעם וועג: ער הייבט אן בברכת המזון איין פסוק זאגט ואכלת לפני ה' אלהיך ג איין פסוק זאגט ושמחת לפני ה' אלהיך די פסוקים זענען רעכט ווען י ישראל זענען גוועהן לפני ה' אבער היינט ווי איז דאס מקום צוא עסין ני ה' אונ זיך פרייאן פאר גאט אלא עס איז אזו בתחלה אז דער ענטש זעצט זיך עסין אזו מאכט ער ברכת המוציא איבער דעם רויט אונ זאגט המוציא מיט איין ה' דס איז די שכינה אז דר מענטש אכט די ברכה קומט די שכינה פר אים אונ דס וואס שטייט ואכלת ני ה' אלהיך מיינט מען ער זאל זאגן בייא דר טיש דברי תורה ווייל קב"ה קומט פר אים דרום שטייט זה השולחן אשר לפני ה' אונ דארטן אגט ער ואכלת לפני ה' אלהיך מיט דר תורה איז ער מייחד יחוד קודשא יך הוא ושכינתיה דרום שטייט לפני ה' אונ ווייל דר מענטש שטייט פר ין העכן אזו מוז ער געבן דעם ארומאן אונ אז ער גיט אים עסין יז גלייכווי ער עסט פר גאט אונ דר וואס עסט פר אים דארפניט זיין יין בלצו דס הייסט איין פרעסר אזו ווי עס שטייט בייא עשו הלעיטני אזו גהער צו זיין אזו וויא עס שטייט וכמן רשעים תחסר דרום שטייט בלת לפני ה' אלהיך דוא זאלסט עסין פאר הקב"ה ניט פאר דעם צד טומאה אויך בדארף מען נזהר זיין פון דברים בטלים ביי דעם יש אונ ער מוז עוסק בדברי תורה זיין אונ דורך דר תורה גיט ער יין כח כביכול צו זיין העכן ושמחת לפני ה' אלהיך דס איז דר כוס של רכה ווען דר מענטש בענטשט אויף דעם כוס של ברכה בדארף ר זיך פרייען אונ מוז וויזן שמחה וטוב לב אונ ניט קיין טרויערקייט ז ער נעמט דעם כוס של ברכה צוא בענטשן שטייט בייא אים קב"ה אזו גהעו' זיך דר מענטש מתעטף זיין זיין קאפ בשמחה פר קב"ה אונ צו בענטשן איבר דעם כוס מיט דריי מענטשן אונ צו אגן נברך שאכלנו משלו ובטובו חיינו אונ זאל ניט זאגן ובטובו דער נאך ל ער זאגן הזן את העולם כולו בטובו וגו' אונ ער שפייזט צדיקים אונ שעים מצד החסד דרום זאגט ער הזן את הכל אונ ווייל דס איז אלין צד הימין דרום טאר מען ניט אן רירין מיט דר לינקר האנט אין עם כוס צו העלפן אים ארוף נעמן אויף דר רעכטר האנט אונ ביי רכת הארץ מוז ער זאגן ברית ותורה על בריתך שחתמת בבשרנו ועל ורתך שלמדתנו דרום זענען די ווייבר פטור פון ברכת המזון וויל זייא אבן ניט קיין ברית ותורה אונ ווער עס בענטשט נעמט ער דיא רכה פר אלי אונ ווערט גבענטשט אין דעם כלל פון ברכת המזון נ ער האט אריכות ימים אונ ווער עס נעמט איין כוס ברכת מזון אונ בענטשט אויף אים שטייט כוס ישועות אשא ובשם ה' אקרא ער ערט גבענטש פון דעם יד ימין וואס ער הייסט ישועות הושיעה ימינך ני ער ווערט געהאלפן פון אלי מקטריגים פון דר וועלט דער ווייל ז גווארן טאג שטייען זיי אלי אויף אונ בענטשן אים זאגט רבי סי בוודאי איז היינט ערשט דר חתונה טאג מיר ווען ניט אוועק ין פון דאנן ביז ער וועט ערשט איין רעכטי חתונה מאכן אויף באנצר שטאט די חתונה וואס הקב"ה בגערט זיי בענטשן זיין ווייב מיט כמה ברכות אונ דר פאטר הט גרופן אלי פון שטאט צו זיך אויף דער שמחה אונ זיי האבן גירופן די חתן וכלה אונ האבן זיך מיט זיי גפרייט אגאנצן טאג אונ ער איז זיך משמח מיט זייא בדברי תורה ער הייבט אן ועשית את הקרש"ם למשכן עצי שטים עומדים ער זאגט דרויף גרוסי סודות אונ דעם סוד פון שבע ברכות וואס מען מאכט ביי איין חתן וכלה • וואול צו די צדיקים וואס זיי זענען אין אלי זאכן איין דוגמא וואס עס איז למעלה זייא זענן זיך משמח אגאנצין טאג בדברי תורה אונ די גאנצי שטאט האבן אים גמאכט פר איין ראש איבר זיי דעם אנדרין טאג שטייען אויף רבי יוסי ורבי חייא ורבי אבא אונ בענטשין זייא אונ זענן אוועק גיגאנגן זייער וועג אז זיי זענן גקומן פאר רבי שמעון הייבט ער אויף זייני אויגן אונ טוט אויף זיי איין קוק זאגט ער איך זעה אויף אייך אז איר זענט גוועזן צווייא טאג מיט איין נאכט אין דעם משכן פון איין נער אונ דער נער האט אייך גלערינט רזין עליונים אין דר תורה וואול צו אייער חלק מייני קינדר זיי דר צייכן אים דיא גאנצי מעשה זאגט ער וואול צו אייער חלק אונ צו מיין חלק דעואיך גדענק אז אמאל איז מיט מיר גגאנגן אין וועג רבי ספרא זיין פאטר האב איך אים גבענטשט אז ער זאל האבן איין זון אז ער זאל זיין איין לייב אין דר תורה נאר איך האב אים ניט גבענטשט אז ער זאל זוכה זיין פר זיין לעבין וואול צו אייער חלק וכל בניך למודי ה' דבר אחר וכל בניך למודי ה' זענן דען אלי קינדר פון ישראל גלערינט פון הקב"ה די תורה יוא עס איז אזו דען בשעת די קינדר מיען זיך אין דער תורה אזו קומט דיא שכינה אונ גיט צו זיי כח צו לערנען אין דער תורה דען וואלט ניט גיוועזן דיא סיוע פון הקב"ה וואלטין דיא קינדר עס ניט גקענט סובל זיין • רבי שמעון איז גיוועזן שכיח אויף דעם טויער פון לוד אונ רבי חייא איז אויך גיוועזן מיט אים באגעגינט זיי איין קינד זאגט דאס קינד דען היינטיגן טאג הייבט זיך אן דס התעוררות זאגט רבי חייא פון וואנן ווייסט דאס קינד זאגט רבי שמעון עס קומט צו צייטין איין נבואה צו איין קינד וואס עס ווערט ניט אנפלעקט צו קיין נביא זאגט דאס קינד אין דען איין תמיה אז אקינד זאל נביאות זאגין עס איז דאך איין פסוק וכל בניך למודי ה' אונ די נבואה הייסט למודי ה' דרום איז דיא נבואה ביי די קינדר דאס ביי זיי שטייט וכל בניך למודי ה' דרום קומט פון זיי דיא נבואה קומט רבי שמעון אונ קושט אים אונ זאגט איך האב נאך אין מייני טעג דס ניט גיהערט • ראו כי ה' נתן לכם השבת וגו' זאגט רבי יהודה אלי זעקס טעג ווערן גיבענטשט פון דעם זיבעטין טאג אונ איטליכר טאג גיט ברכות וואס ער האט מקבל גיוועזן דרום זאגט משה ביי דעם מן איש אל יותר ממנו עד בוקר כדי ער זאל ניט געבן אונ מוסיף זיין פון איין טאג אויף דעם אנדרין טאג דען איטליכער טאג איז אליין שולט אין זיין טאג אונ ניט אין דעם אנדרן טאג אלי פינף טעג זענן נאר שולט אויף דעם וואס זייא האבין מקבל גיוועזן איטליכר אויף זיין טאג אונ דר זעקסטער טאג ווערט אין אים מער גיפונען דרום שטייט יום הששי מיט דער ה"א וואס עס שטייט ניט בייא אלי טעג צוא ווייזן אז ער איז גרעסער פון אלע פינף טעג דען אין דעם זעקסטען טאג גרייט ער אן אטיש לשם יחוד וגו' אויף שבת דרום איז אין דעם זעקסטן טאג צוויי חלקים מען זאל קווינן דעם מן אויף שבת אויך דרום זאל מען פרייטיג פר נאכט גרייטן צו דעם טיש כדי עס זאל אויף אים שורה זיין די ברכה אונ קיין ברכה איז ניט שורה

אוּ

אויף אלײדיג ארט ראו כי ה' נתן לכם השבת שבת איז די טײטש עם איז אזו איין טאג וואס אין אים רוען אלי זעקס טעג רבי יצחק זאגט עם שטײט ויברך אלהים את יום השביעי אוך ביי דעם מן שטײט ששת ימים תלקטוהו וביום השביעי שבת לא יהיה בו איז דאך קשה ווען עם גיפינט זיך ניט קיין מן אום שבת וואס הײסט דם פר אברכה נאר מיר האבן אזו גלערנט אלי ברכות של מעלה ושל מטה חענגן אלי אין דעם זיבעטין טאג דרום איז קיין מן ניט גיגאנגען אום שבת דען פון דעם טאג ווערין גיבענטשט אלי זעקס טעג אונ איטליכר טאג גיט זיין שפייז למטה איטליכר אין זיין טאג אלץ פון דר ברכה ווס זיי ווערין גיבענטשט פון שבת דרום ווער׳עם איזאיזדר מדריגה פון אמונה דארף ער אן ריכטן דעם טיש פרייטיג צו נאכט כדי אלי זעקס טעג זאל זיין טיש גיבענטשט ווערן ווארום בליל שבת קומט דיא ברכה וואס פון איר ווערן גיבענטשט אלי זעקס טעג פון דער וואך אונ דיא ברכה קען ניט רוען אויף אלײדיגן טיש דרום גיהער מען גרייטן דעם טיש בליל שבת מיט לחם ומזון זאגט רבי יצחק אפילו שבת אין דער פריא גיהער מען אויך גרייטן דעם טיש מיט דיא אלי זאכן רבי יהודה זאגט מען דארף זיך מענג זיין אין דעם טאג מען זאל עסין דרייא סעודות כדי עם זאל גיפונען ווערן זעטיקייט אויף דר וועלט אונ ווער עם מינערט אסעודה פון די דרייא סעודות ווייזט ער דר מיט אז עם איז חלילה אפגם למעלה אונ זיין עונש איז פר דעם גאנגן גרוס דרום דארף מען גרייטן דעם טיש דרייא מאל כדי דער טיש זאל ניט זיין לײדיג אונ די ברכה זאל אויף אים רוען צו אלי זעקס טעג ווארום אין דר זאך הענגט אז די גאנצי אמונה של מעלה זאגט רבי שמעון ווער עם איז משלים די דרייא סעודות אום שבת אזו גייט ארוים איין קול אונ רופט אוים אויף אים דעם פסוק אז תתענג על ה' דם איז דיא ערשטי ברכה והרכבתיך על במתי ארץ דאס איז די אנדרי ברכה והאכלתיך נחלת יעקב אביך דם איז די דריטי ברכה אונ מען דארף זיך מתענג זיין אונ משמח זיין אין דיא אלי דרייא סעודות דען דאס איז דיא גאנצע שלימות היחוד והאמונה דרום איז שבת גרעסר פון אלי חגים וזמנים אונ דרום וייל עם ווערט אלץ גיפונען אום שבת דרום שטײט אין ויכולו דרייא מאל יום השביעי • ויכל אלהים ביום השביעי • וישבות ביום השביעי • ויברך אלהים את יום השביעי קום אונ זעה מיט די דריי סעודות פון שבת ווערן דיא ישראל דר קענט אז זייא זענן בני האמונה אונ ווער עם מינערט אסעודה פון די דרייא סעודות דר ווייזט חלילה איין חסרון למעלה אונ ווייזט אז ער איז ניט מבני היכלי של מלך אונ מען שטראפט אים מיט דר חומרא פון דריי מיני דיני גיהנם • קום אונ זעה אז עם קומן אנדרי ימים טובים טאר זיך דר מענטש אליין ניט פרייען נאר ער זאל די ארומי לייט אויך דער פרייען מיט עסין אונ טרינקן אונ אז ער איז זיך אליין משמח אונ דעם עני האט ער ניט משמח גיוועזן איז זייער גרוים זיין עונש אונ אויף אים שטײט דער פסוק וזריתי פרש על פניכם פרש חגיכם אבער בייא דער שמחה פון שבת חאטשי ער האט זיך אליין משמח גיוועזן אונ ניט צו קיין אנדרין איז זיין עונש ניט זייער גרוים אזו ווי ביי אלע ימים טובים דרום שטײט חגיכם אונ עם שטײט ניט שבתכם אויך שטײט חדשיכם ומועדיכם שנאה נפשי אבער דער נאמן פון שבת שטײט ניט דער מאנט אין פסוק אונ דרום שטײט ביי שבת ביני ובין בני ישראל דרום וייל דיא גאנצי אמונה גיוועגט זיך נאר אום שבת אונ דרום אז עם קומט דר טאג פון שבת בקומט דר מענטש אנשמה יתירה דאס הייסט איי נשמה עליונה וואס אין איר זענן אלי שלימות אונ די ליכט פון עול הבא דרום הייסט דר טאג שבת דען איז אים איז הער נאמין פ הקב"ה ווס ער איז דר נשלם מכל צד • זאגט רבי יוסי בוודאי אי אזו ווי צו דעם מענטשן ווס ער איז ניט משלים די שמחה פון דע מלך הקדוש אונ ווס איז זיין שמחה אין די דרייא סעודות פון דער אמונה דם די סעודות פון אברהם יצחק יעקב זענן נכלל דרינן אי דעם טאג ווערן דיא אבות גיקריינט וואס דאס גלייכן איז ניט פאר האנדן אין אנדערי ימים טובים אין דעם טאג האבען דיא רשעים מנוחה פון דעם גיהנם אין דעם טאג זענען אלי דינים אונטער טעני אונ קענן זיך ניט דר וועקין אין דעם טאג ווערט די תורה גיקריינט מיט עטרות שרימות עם ווערט גיהערט אשמחה אין צוויי הונדרט אונ פופציג וועלטין • קום אונ זעה אלע זעקס טעג פון דער וואך אז עם קומט דיא צייט פון מנחה דאוונן האט דער שמארקער דין איין שריטה אונ אלי דינים דער וועקין זיך • אונ אז עם קומט שבת פר נאכט די צייט פון מנחה ווערט גיפונן איין רצון פון אלי רצונות אונ הקב"ה אנפלעקט זיין רצון דרום ווערן אלי דינים אונטער טעני אזו ווערט גיפונן איין רצון מיט איין חדוה ושמחה אין אלי עולמות אונ משה רבינו דר נביא נאמן הקודש איז נסתלק גיווארן פון דער וועלט אין דר צייט פון דעם רצון צוא ווייזן אז ער איז ניט בדין אפ גיטאן גיווארין • אונ זיין נשמה איז אים אוים גיגאנגען אין דעם רצון פון הקב"ה אונ איז אין אים פר בארגין גיווארען דרום שטײט ולא ידע איש את קבורתו אזו וויא דער רצון פון הקב"ה איז פאר בארגין פון אלי פר בארגעניש אונ די עליונים ותחתונים ווייסן אים ניט ווי ער איז אזו אויך די נשמה פון משה איז פר בארגין גיווארן אין דער צייט פון דעם רצון וואס ער ווערט אנפלעקט בשעת עם קומט דיא צייט פון מנחה של שבת • אונ דם מיינט אויך דר פסוק ולא ידע איש את קבורתו ער איז פר בארגן מכל טמירי דעלמא פון אלע פאר בארגניש פון דר וועלט אונ קיין דין איז אין אים ניט שולט וואול איז דר חלק פון משה רבינו עליו השלום :

תנא מיר האבן גלערנט אז עם קומט דר טאג פון שבת ווערט דיא תורה גקריינט מיט אלרליי מצות אונ מיט אלי גזירות ועונשין מיט די זיבעציג פנים של אור ווס זיי לייכטן אין דר תורה פון אלע זייטן אונ די שערים ווערן גיעפינט פון אלי זייטן • אונ אלי ווערין דר לייכט פון דעם אויבערשטן אור ווס עם קומט אויף דם עדן העלון וואס לאזט זיך ניט אוים אונ איין כרוז רופט אוים אונ זאגט וואכט אייך אויף איר קדושים עליונים וואכט אייך אויף איר ישראל טוט אייך דר וועקין אשמחה אנטקעגן אייער האר דער וועקט אייך מיט איין גאנצר שמחה זייט אן גיברייט מיט דרייא שמחות מיט דיא דרייא אבות ברייט אייך אן אנטקעגן דר אמונה פון דר שמחה ווס זי איז גרעסר פון אלי שמחות וואול איז דער חלק פון דיא ישראל בעולם הזה ובעולם הבא אויף דעם שטײט כי אות הוא ביני ובין בני ישראל דאס איז אצייכן צווישן מיר אונ צווישן אייך ישראל מיר האבן גלערינט אז אין דעם טאג זענען זיך אלי נשמות הצדיקים מתענג בתענוגים פון דעם גרויסן פר הולעגם ליכט פון אויבען אונ אריח עליון פאר שפרייט זיך אין אלי וועלטן אונ צו די אלי ווס היטן די מצות התורה אונ רוען בשבת מיט ארעכטער מנוחה אונ עם ווערט פר געסן פון

אלי

די שווערי דינים און די שווערי ארבייט אזו וויא עס שטייט ביום
ה' לך מעצבך ומרגזך ומן העבודה הקשה דרום איז שבת גלייך גיוואגן
טקען דר תורה און ווער עס היט רעכט שבת איז גלייך ווי ער
לט גיהיט דיא גאנצי תורה אויך שטייט שומר שבת מחללו ושומר ידו
שות כל רע דר ווס היט רעכט שבת איז גלייך ווי ער וואלט גהיט די
נצי תורה ער האט ניט גיטאן קיין שום שלעכץ · רבי יהודה איז
אל גיוועזן מיט רבי שמעון אין וועג האט ער אים גיפרעגט וואס
ינט דר פסוק ווס עס שטייט כה אמר ה' לסריסים אשר ישמרו את שבתותי
ונתתי להם בביתי ובחומותי יד וגו' זאגט רבי שמעון צו אים דו דייטשט
יף דעם אייזיל און ווילסט הערן דברי תורה בינד פריער אן דיין
יזל און גייא אראפ צו הערן דברי תורה כדי דוא זאלסט רעכט
גן פר שטיין און מכוין זיין ווס איך וועל דיר זאגן זאגט רבי יהודה
א אים איך בין פון דיינט וועגן גיקומן אהער און מיט דיר וועלען
יר זוכה זיין צו זעהן פני השכינה דרום זאג מיר דברי תורה זאגט
בי שמעון די רבנן האבן דס ניט רעכט מפורש גיוועזן און איך וועל
יר זאגן דעם פסוק כה אמר ה' לסריסים אשר ישמרו את שבתותי גייט אויף די
כידי חכמים וואס זיי האלטן זיך אויף אגאנצי וואך זייא זאגן זיך
ט מזווג זיין מיט קיין אשה נייערט פון איין שבת צו דעם אנדערן
רום צידן זיי אראפ הייליגי נשמות צו זייערי קינדר מיחוד קדושה
ליונה ווייל אין דר צייט איז דר רעכטר יחוד און ווען דער דין איז
ולט אויף דער וועלט אזו זעהט הקב"ה אין זיי און איז זיך מרחם
ויף דער וועלט אויף דעם שטייט כולו זרע אמת דאס איז דער חותם
קודש השלם אזו ווי דר פסוק זאגט תתן אמת ליעקב און הקב"ה הייסט
מת און ער זאגט דרויף גרויסי סודות · און וויא רבי שמעון זאגט
ם צו רבי יהודה אזו הט ער דרויף זייער גיוויינט און זאגט ווייא צו
ו דר וועלט ווס זייער דרך און זייערע מעשים איז אזו ווי די בהמות
ונ וויסן ניט און זענין ניט משתדל אין דר תורה און אין די סודות
ים איז בעסר אז זיי זאלן גאר ניט באשאפן ווערן ווי צו דער וועלט
ז דער הער וועט שטארבן מער וועט מגלה זיין סודות און ווער
ועט אזו וויסן און מסתכל זיין אין דר תורה · זאגט רבי שמעון צו
ים דא שווער איך ביי דיין לעבן אז דיא גאנצע וועלט איז נישט
ייערט די חכמים ווס זיי זענן משתדל אין דער תורה און וויסן דיא
ודות פון דר תורה עס איז בוודאי רעכט ווס די חכמים האבן גוזר
יוועזן אויף די עמי הארצים ווס זיי פר דארבן זייער וועג און וויסן
ניט בין ימין לשמאל זענן זיי אזו ווי די בהמות :

בזוהר חדש איז ער מאריך אין די סודות פון שבת איידר שבת קומט
אן גייט ארויס אקול שופר אויבן און דאס קול איז דר חלק
פון דר קדושה דען דיא קדושה פון שבת איז ניט ביז דם קול רופט
אויס אז עס איז שבת און דער מלאך ווערט גיקריינט מיט חשובי
קרונן פון פיל אורות עליונים באותו שעה דר וועקן זיך צוויי רוחות
הקדושים עליונים איינר מצד ימין איז מיכאל ומצד שמאל איז גבריאל
און זיי זענן שולט איבר ששים רבוא חיילות ווס זיי זענן אן גבריית
צו איטלכן איינר מימין און איינר משמאל ווייטר שטייט גרויסי סודות
ווי אזו דר טיש בדארף זיין שיין אן גריכט דר פון האבן הנאה די
עליונים דרום גיהער דער מענטש משמח זיין אום שבת און רעכט
אן ריכטן זיין טיש משמח צו זיין עליונים ותחתונים אז דר מענטש
קומט בייל שבת פון דער שול זענין מיט אים צוויא מלאכים איינר
מימין און איינר משמאל און די שכינה רועט איבר אלי אזו ווי אמוטר
איבר די קינדר באותו שעה ווערט מקוים יפול מצדך אלף ורבבה מימינך אליך
לא יגש דאס איז אלין ווען דער מענטש קומט אהיים בשמחה און איז
מקבל די מלאכים בשמחה באותו שעה זאגט דיא שכינה דער איז
איין ישראל אשר בך אתפאר מיט דיר טוא איך מיך בארימן און אויב
ניט גייען די מלאכים מיט דער שכינה פון אים אוועק און דער יצר
הרע קומט מיט זייני חיילות און זענן זיך מתחבר מיט אים און זאגט
דער איז מיינער און פון מייני חיילות מיד היכף רועט ער אויף אים
און איז אים מטמא · און בייא איטליכן מאן און ווייב איז דער שם
י"ה אין זייער נאמן ער הייסט א"ש און זיא הייסט אש"ה אזו גייט דער
שם י"ה אוועק פון זייא בלייבט איבר א"ש א"ש און זייער מאכל איז טמא
אויף אים איז גיזאגט ואל תתאיו למטעמותיו מען זאל קיין הנאה ניט האבן
פון דעם רע עין און אויף זיין טיש איז גיזאגט גיווארן כי כל שולחנות מלאו
קיא צואה זייער טיש איז פול מיט צואה דאס איז דער יצר הרע וואס
ער איז טמא דרום ווער עס קומט זיך מטהר זיין העלפט מען אים וויל
ער זיך מטמא זיין עפינט מען אים ארי טומאות יקום און זעה עס גייען
מיט דעם מענטשן מלאכים קדושים און מלאכים טמאים ווי ער גייט
זענין זיי מיט אים איז ער פרום זענן מיט אים דיא מלאכים קדושים
און היטן אים אזו ווי דר פסוק זאגט כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכיך
און אויב ניט טוען זיי זיך אפ פון אים און די מלאכים טמאים פירן
אים אונגידהנם און באותו שעה אז ער רופט צו הקב"ה ענטפערט מען
אים ניט עס איז אויף אים שולט חלאים רעים און דר רוח הטומאה
און זיין תפלה איז פאר אום ווירדיקט · רבי יוסי הייבט אן ויאכל בועז
וישת וייטב לבו ווס מיינט מען וייטב לבו ער הט גיבענשט אויף זיין עסין
דען דר ווס בענשט אויף זיין עסין איז ער מטיב מיט זיין הארץ דס
אויף אים איז גזאגט לך אמר לבי און עס שטייט צור לבבי וחלקי דס הארץ
קריגט ברכות למעלה דורך דעם ברכת המזון און דם ברכת המזון
איז ניחא פר הקב"ה ווער עס איז מברך צו הקב"ה אויף זיין זעטיקייט
אזו מוז ער מכוין זיין זיין הארץ ברצון ובשמחה און טאר ניט זיין
טרויערג און אזו ווי ער גיט די ברכה בשמחה ועין טוב אזו גיט מען
אים אויך בעין טוב דרום טאר ניט זיין קיין טרויערקייט נייערט
בשמחה ובדברי תורה און זאל טאן זיין הארץ מיט דעם ברכת המזון
צו געבן די ברכות ווס ער בדארף דען די ארבע המרכבות וואס זיי
זענן שולט בארבע רוחות די ווערן גשפייזט פון דעם ברכת המזון
און ווערן גקריינט און זענן נהנה דר פון דרום שטייט טוב עין הוא יבורך
דרום זאל ער בענטשן בשמחה דען פון דר ברכה ושמחה נתן מלחמו
לדל ער איז מושל ברכות צו אלע צדדים ווס ער באדארף · קום און
זעה בועז איז גיוועזן איין טוב עין און ניט קיין עזות מצח דרום שטייט
ויבא לשכב בקצה הערמה דאס ווייזט אגרויסע זאך דס דר וואס בענטשט
ברכת המזון ווי עס גיהער צו זיין בשמחה ובטוב לב אזו אז ער
גייט אוועק פון דר וועלט איז אים אן גבריייט איין מקום חשוב וטוב
למעלה בגן עדן אין היכלות הקדושים דרום שטייט דא בקצה הערמה
און דארטין שטייט בטנך ערמת חטים דאס ווייזט אויף דיא היכלות
הקדושים וואס זענען קודש קדשים דרום שטייט ווייל ער האט
גיבענטשט ויבא לשכב ווען זיין שכיבה דאס הייסט זיין פטירה איז אזו
קומט ער בקצה הערמה · וכאה איז דער מענטש וואס היט די מצות פון
זיין הערן און היט שבת דען עס איז ניט דא קיין שום מצוה אין דר

תורה

תורה וואס עס זאל דרינגען ניט העגגען רזין וסודות עליונים אונ אורות עליונים אונ די מענטשין ווייסען גאר גיט אונ זענן ניט משגיח אויף דעם כבוד פון זייער הערן · זכאין זענען די צדיקים וואס זענען משתדל אין תורה · זכאין זענען זייא בעולם הזה ובעולם הבא :

ותאמר ציון עזבני ה׳ וה׳ שכחני התשכח אשה עולה וגו׳ רבי יצחק איז גגאנגען אין וועג האט ער באגעגינט צוא רבי חייא זאגט רבי חייא עס שטייט התשכח אשה עולה מרחם בן בטנה וגו׳ וואס מיינט דר פסוק זאגט רבי יצחק קום אונ זעה אזו האט רבי אלעזר גיזאגט פון וועגין זיין פאטר רבי שמעון די ישראל זאגין פאר הקב״ה פון דעם טאג וואס מיר זענען גיפאריז אין גלות בבל אריין האט אונז הקב״ה פר געסן דרום זאגט דר פסוק ותאמר ציון עזבני ה׳ וה׳ שכחני זאגט די שכינה התשכח אשה עולה פר געסט דען איין אשה איין איר קינד אונ די ישראל זענן דאך גווען מיינע קינדר אזו ווי דער פסוק זאגט בנים אתם לה׳ אלהיכם ווער פר געסט זיין זרע מרחם בן בטנה וועל איך דען מיין זרע אמת פר געסן אזו וויא דער פסוק זאגט ואנכי נטעתיך שורק כולו זרע אמת · גם אלה תשכחנה האטשע איר וועט פאר געסין דעם אלה דאס איז אלה תולדות השמים והארץ אבער ואנכי לא אשכחך וועל איך דיך פארט ניט פר געסין פון דאנען לערנען מיר אפ אז הקב״ה פר געסט ניט אין די ישראל ער הט נאך מער גזאגט התשכח אשה עולה הקב״ה זאגט אז די ישראל זענן בגריפין אין זיין נאמן אונ אזו ווי ער פר געסט ניט אין זיין נאמן אזו אוך פר געסט ער ניט אין די ישראל אונ ער זאגט דרוף אגרוסן סוד אזו ווערט רבי חייא דער ציטערט אונ זאגט וודאי איז אזו · גבענטשט איז הקב״ה וואס איך האב דיך בגעגינט אונ וויים די זאך ווער עס הט דאס גזאגט קום אונ זעה באותו יום אז איך האב דאס געהערט ביז איך גלאפן פיר מייל אונ איך האב ניט גקענט גפינן ווער עס הט דס גזאגט זאגט רבי יצחק דרום בין איך גגאנגן אין דר מערה וואס רבי אלעזר הט דארט גרועט אונ ער הט עס מיר גזאגט הט רבי חייא אויף אים גליינט אז יבקע כשחר אורך וארוכתך מהרה תצמח :

## פרשת ראה

בנים אתם לה׳ אלהיכם לא תתגודדו ולא תשימו קרחה וגו׳ אין פרשת לך לך איז ער מאריך דאס דיא נשמות הצדיקים זענען די פירות פון הקב״ה אונ דרום הייסן זיי בנים צו הקב״ה אונ די פירות בליען אויף דר וועלט זייא זענן דר קיום פון דער וועלט אונ פון דער תורה אונ דרום גייען אלע נאכט אויף די נשמות הצדיקים אונ האלבע נאכט קומט הקב״ה מיט דיא נשמות הצדיקים אין גן עדן אונ איז זיך משתעשע מיט זיי אונ מיט די נשמות הצדיקים וואס זענן שוין אויף יענער וועלט אונ דער עולם העליון כוז האבן דאס התעוררות פון דעם עולם אונ אז די נשמות הצדיקים גייען אוף פון דעם עולם אזו זענן זיי זיך מתלבש אין לבושי כבוד פון פיל אורות עליונים אונ הקב״ה איז זיך משתעשע מיט זיי אונ גלוסט צו זיי ווייל זיי זענן די פירות ומעשה ידיו אזו ווי דר פסוק זאגט בנים אתם לה׳ אלהיכם · רבי אלעזר זאגט הקב״ה הט זיי גירופן ישראל אחים ורעים וואס פר איין ברכה הט ער זיי גיגעבן דס זיי זאלן זיין אונטער זיין האנט אונ ער וועט זיין זייער שומר אונ רופט זיי מיינע גיליבטע קינדר מער פון אלע עליונים אונ זאגט בנים אתם לה׳ אלהיכם ווייל דר שם הקודש ווערט נשלם אין זייער חותם אות ברית אז זיי זענן זיך מל דען אין דר צורה

פון דעם מענטשן זענן גאר צוויי אותיות די שין מ ט דר דלית אונ א... דר מענטש איז זיך מל ווערט אנטפלעקט דאס אות יו״ד אזו ווער... נשלם דר שם שד״י דרום הייסן זיי בנים לה׳ קדושים אונ אז זיי זענן חליק... מטמא דעם היילגן צייכן אונ זענן אים מכנים ברשות אחר גייט אוועק ד... קדושה פון דעם חותם אונ עס איז גלייך ווי ער וואלט מחריב עולמ... גיווען דען דר איז מטמא דעם היילגן צייכן וואס דער מיט ווער... נשלם דר שם הקודש די נשמות הצדיקים זענן אין איין העכערע... מדרגה פון אלע היכלות ומחנות של מעלה׳ אויב דו ווייסט פרעג... נאך וואס קומען זייא אראפ אוף דער וועלט אונ ווערן אפ גיטאן פו... זייער הויכע מדריגה עס איז איין משל צו איין מלך וואס הט זיין זו... אוועק גישיקט אין איין דארף אריין מען זאל אים דארט אוף ציהע... אונ זאל דארט מגודל ווערן ביז ער וועט גרויס ווערן אונ וועט שוי... זיך קענען לערנען די וועגן אונ נמוסי המלכות דר נאך וויא דר מלך... הט גיהערט אז דר זון איז שוין גרויס גיווארן אונ די אהבה פון דעם... מלך איז דאך זייער גרויס צו זיין זון אזו הט ער נאך אים גישיקט זיי... מוטער די מלכה זיא זאל אים אהיים ברענגען הט זיא אים גבראכט... אונ דר מלך הט זיך מיט אים זייער גיפרייט אזו אוך די נשמה פו... דעם צדיק זי קומט מיחוד קוב״ה ושכינתיה שיקט ער די נשמה אין דעם... דארף אריין דס הייסט אויף דר וועלט זיא זאל דארט מגודל ווער... אונ זאלן לערנען די נמוסים פון דעם מלך עליון ביט אלי זאכן אז דר מלך... דר הערט אז דס קינד איז שוין גרוס עס איז שוין צייט ער זאל קומע... פר דעם מלך עליון אין זיין היכל אריין אונ פאר גרוים לבשאפ... קומט די שכינה בעצמו נאך אים זיא זאל אים אהיים נעמען אונ ער... שטארבט ניט ביז ער זעהט פריער די שכינה אונ זיא ברענגט אים... צו דעם מלך עליון אונ זיצט שוין תמיד דארטן פון דעסט וועגן אי... דר סדר פון דעם דארף אז דר בן המלך גייט ארוים פון דעם דארף... שרייען זיי אונ וויינען וואס דר בן המלך שייד זיך אפ פון זיי אונ א... עש גיפינט זיך צווישן זייא איינר אקלוגער זאגט ער צוא זייא וואס... ויינט איר ווייסט איר דען ניט אז דר בן המלך הט שוין מער ניט... גדארפט זיין בייא אייך ער איז שוין ראוי צו דין ביי זיין פאטער... אזו אויך משה רבינו איז גיווען איין קלוגער הט ער גיזעהן אז די... דארפס לייט האבן גיוויינט בשעת איין צדיק איז גישטארבן הט ער... זיי גיזאגט בנים אתם לה׳ אלהיכם לא תתגודדו ולא תשימו קרחה בין עיניכם למת קוב... אונ זעה די צדיקים וואלטן ווישן די דאזיגע זאך וואלטן זיי זיך זייער... גיפרייט בשעת עס קומט זייער צייט זיי זאלן אוועק גיין פון דער... וועלט איז דען דם ביי זיי אקליינר כבוד אז די שכינה קומט אליין צו... גיין נעמען די נשמה אונ זיא אריין פירן בהיכל המלך ער זאל זיך... אלע טאג משמח זיין דען הקב״ה איז דאך מער ניט משתעשע... נייערט מיט דיא נשמות הצדיקים :

כי לי בני ישראל עבדים מיר זענן מחויב צוא דינען להקב״ה בעבודת... המקדש אונ אלץ וואס הייסט עבודה אונ מיט דר תפלה וואס זיא... הייסט עבודה אונ מען זאל זיך משתדל זיין במצות התורה וואס... דאס אלץ הייסט עבודה אזו ווי איין עבד וואס דינט צו זיין האר אי... ער דאך מחויב אלץ צו טאן וואס ער דארף אונ עס גיהער צו אים... וואס עס איז אויף אים מוטל צו באדינען זיין האר דען דיא ישראל... הייסין עבדים אזוא וויא עס שטייט כי לי בני שראל עבדים עבדי הם אשר... הוצאתי וגו׳ זיי זענן מיינע קנעכט ווייל איך האב זיי אוים גיצויגן פון...

מצרים

בים זענן זיי מחויב מיך צו דינען אזו ווי איין קנעכט דינט צוא
האר ווס ער הט אים אויס גילייזט פון דעם טויט אונ פון אלע
ן פון דר וועלט אויך היכן זיי ווידר בנים אתם לה׳ אלהיכם זייא זענן
דער צוא הקב״ה אונ ווען הייסט דער מענטש איין עבד אז דער
נטש דר קענט אונ דינט להקב״ה בדרך כלל דס ער טוט דאס
פעל פון זיין האר חאטשי ער ווייסט נאר ניט נאקוס מען דארף
נאר ער דינט בדרך כלל וואס מען הייסט אים ער האט קיין כח
ם צוא זוכן באוצרות המלך אין די סודות פון זיין האר נאר עס
נאר אן שכל דר הייסט איין עבד צו הקב״ה אבער דר מענטש
דינט צו הקב״ה בדרך פרט אונ דר קענט אים רעכט צוא דינען
ט גרויס שכל אונ פר שטייט אוף ווס איטליכע זאך איז כרמז דר
יסט איין גליבטער זון פון דעם מלך אזו ווי איין זון פון דעם מלך
הט אויס אלע אוצרות המלך אונ ווייסט אלע סודות פון זיין פאטר
דר מענטש אויך ווס פר שטייט די סודות פון הקב״ה הייסט ער
דר מדריגה פון בן אונ חאטשע ער הייסט שוין איין זון צו הקב״ה
ווי עס שטייט בני בכורי ישראל זאל ער זיך פארט ניט אויס ציהען
כלל עבד צו דינען להקב״ה מיט אלע מיני עבודות פון איין עבד
צו וויסן אלע סודות התורה אונ זאל פארט זיין ווי איין עבד צו
ען מיט אלע באפעל ווס מען הט אים גיבאטן וואר איז דר חלק
דעם זון ווס ער איז זוכה צו וויסן די סודות אונ אוצרות פון זיין
טער אזו ווי איין בן יחיד ווס דר פאטער האט אים גיגעבן רשות
זאל גיוועלטיגן אין דיא אוצרות אונ דס איז דר כבוד וואס ער
עלטיגט אין איז זיך משתדל אין דר תורה מיט אירע סודות דס אלע
ילות השמים אונ מלאכים קענן אים ניט ווערן ער זאל אלע שעה
דיין גיין צו זיין פאטר וואר איז זיין חלק אין אלע וועלטן עס פר
אנדרין פיל עבודות ווס ער דארף ביידע אין איינעם טאן איין עבד
נ איין בן דס ער זאל נכלל זיין פון די ביידע דס איז די עבודה פון
ר שבועה עשרה דארף ער מתפלל זיין צו זיין ווי איין עבד דר מיט
ז ער מתקן אלע עולמות צו בהעפטן זיך מיט זיין כוונה אונ דיא
דות פון דר תפלה אונ דר מיט איז ער מתקן דעם סוד פון דער
נצער אמונה אוף אזו איין מענטשן רופט אויס הקב״ה כביכול אין
לע חילות ומחנות פון אלע עולמות אונ אין אלע היכלען זייט
הר אין דעם מענטשן ווס ער איז דר נאמן המלך ווס אלע אוצרות
ען אין זיין האנט וואל צו אים בעולם הזה ובעולם הבא אונ פון דר
יט ווערט ער דר קענט אונ גיצייכנט בכל העולמות אונ בשעת
ער דארף עפעס מיט זיי משמש זיין זענן זיי שון איןאיםנזהר אונ
ערין צוא זיינע רייד אונ דיא ביידע מדריגות גיפינן מיר אין דעם
סוק ויאמר לי עבדי אתה ישראל אשר בך אתפאר עבדי אתה הייסט מדריגת
ד אונ ישראל איז די מדריגה פון בן אונ אז זיי ביידי זענן אין איינם
דען איז אשר בך אתפאר הייסט ער איין רעכטיר מענטש:

ראשית בכורי אדמתך תביא בית ה׳ אלהיך לא תבשל גדי בחלב אמו דער זוהר
איז אין דעם זייער מאריך אונ זאגט אז דאס איז ארץ כדי
י ישראל זאלן ניט גורם זיין דורך זייערע חטאים אז שלעכטע זאכן
אבן איין יניקה פון דר קדושה דען דר וועקין זיך די כוחות הדינים
ן די טומאה איז גובר דרום זענן זיך די ישראל מקדים אונ ברענגן
כורים ובשעת זיי ברענגן די בכורים דארפן זיי אן הובן צו זאגן
ימי אובד אבי לבן הארמי הט גוואלט מיט זיין כישוף מאכן פר לירן

אונזר פאטער יעקב מיט זיינע קינדער אונ הקב״ה האט זייא מציל
גיוועין דס די טומאה זאל אין זייא קיין שליטה ניט האבן דרום האט
הקב״ה אן גיזאגט צו די ישראל אין דר תורה ראשית בכורי אדמתך תביא
וגו׳ לא תבשל גדי בחלב אמו דס די טומאה זאל ניט האבן קיין אחיזה אין
דר קדושה ווארום אין ציקעלע ווייזט מיר אויף דעם כח הדין דרום
טאר מענים עסין בשר בחלב פרייש מיט מילך אינאיינעם כדי מען
זאל דר ווייטערן די טומאה פון דעם מקדש העליון דאס איז דינג
גיוועגט זיך נאר ווערלינג די מענטשין דר וועקין זיך אוף דר וועלט
אזו ווערט גיטאן למעלה קוס אונ זעה ווענדי ישראל זענןחלילה ניט
ערלעך אונ זינדיגן שטייט אין פסוק אוף זייא עמי נוגשיו מעולל ונשים
משלו בו דס מיינט מען די צוויי נשים זונות קליפות מהלת ולילית האבין
אוף זיי איין שליטה · אין דעם ספר פון שלמה המלך הט מען גיפונן
ווער עס עסט בשר בחלב אין איינעם אדער אין איין שעה אדער אין
איין סעודה אזו ווייזט אויבן אויס ווייא איין ציקעלע ווערט גבראטן
מיט דר פעל אונ דס איז אוף אים מקטרג פערציג טעג פר דעםמדת
הדין אונ זיין חברותא טמאה איז זיך צוא אים מקרב אונ דער
וועקין דינים אויף דער וועלט אונ ווען ער גיווינט איין קינד
אין די פערציג טאג אזו גיט מען אים אנשמה מצד אחר אונ זי איז
ניט מצד הקדושה דרום שטייט והתקדשתם והייתם קדושים וויל דר מענטש
זיך מטהר זיין העלפט מען אים ער זאל זיין טהור וויל ער חלילה זיך
מטמא זיין עפינט מען אים אוף איין פתח ער זאל טמא ווערן אויך
שטייט ונטמתם בם אן איין א׳ איז טייטש לשון פר שטאפונג דס דיא
טומאה פר שטאפט אים זיין הארץ ער זאל קיין רשות ניט האבן זיך
מטהר זיין אזו ווי ער קען זיך ריינגן פון אנדרי טומאות אונ נאך
מער ער פארכט זיך פר אלי חיות רעות ווייל ער ווייזט זיי אום ווייא
איין ציקעלע אונ איין ציקעלע איז שכיח אין די אוגן פון דיא קליפות
ווס זיי הייסן שעירים אונ זיין צלם הקודש ווערט פון אים אפ גטאן
רבי ייסא הט כתיר גוועזן צו עסין איין הינדל מיט מילך אדר מיט
קעז ווייל בשר עוף בחלב איז ניט מן התורה הט רבי שמעון צו אים
גיזאגט דו ביסט אסור צו טאן אזו איין זאך דען דר מענטש טאר
ניט עפנן איין פתח צו די מיני טומאה מען זאגט צו איין נזיר ווס
ער טאר ניט טרינקן קיין וויין גייא ארום דעסוויין גארטין פון דרוסן
אונ זאלסט צו אים ניט גנעהנן ווארום ער דארף זיך דער ווייטרין
בכל מיני התרחקות אזו אויך דס איז איין חומרא אונ ווער עס איז
עפיס כתיר שטייט אוף אים ותשקו את הנזירים יין אונ שטייט לא האכל כל
תועבה עס שטייט דס ווארט כל דאס ווייזט אז ארץ איז אסור:
תאנא מיר האבן גלערנט ווארום האבן חנניה מישאל ועזריה זוכה
גוועזן צו אזעלכי נסים ניצול צוא ווערן פון דעם קאלך אובין
ווייל זיי האבן זיך ניט מטמא גוועזן מיט איין אכילה וואס זיא איז
אסור זאגט רבי אלעזר עס שטייט וישם דניאל אל לבו אשר לא יתגאל בפת בג
המלך האבן מיר גלערנט בסוד המשניות דס די אכילה פון נבוכדנצר
הרשע איז גוועזן בשר בחלב אונ דניאל הט זיך דער פון גהיט אונ
מען הט אים אריין גווארפן אין דעם לייבן גרוב אזו איז ער גאנץ
גוועזן בצלם אלהים אונ זיין צלם איז ניט גשתנה גווארן צוא אנדר
גשטאלט דרום האבן זיך די לייבן גפארכטן פר אים אונ האבן אים
ניט מזיק גוועזן דען דר ווס ער הט איין צלם אלהים האט אוף זייא
הקב״ה גזאגט ומוראכם וחתכם יהיה על כל חית הארץ אונ דער רשע בשעת
דם

דם מלכות איז אפ גטאן געווארן פון אים און זיין וואונג איז געווען
מיט די חיות פון דעם וואלד אזו איז אפ געטאן געווארין פון אים דער
צלם פון מענטשן און די חיות זענען געקומן צו אים און האבן געזעהן
אז זיין פנים איז גלייך צו זייערן אזו האבן זיי מיט אים מזוגה געוועזן
און פיל מאל האבן די חיות אים געוואלט אויף עסין נאר הקב"ה האט
דאך אויף אים גוזר געווען דעם עונש דם עס שטייט והוא במלכים יתקלס
דם אלי מלכים וועלן זיך מיט אים רייצין צו זאגן זיין חרפה דיא
דאזיגע גאנצי צייט קום און זעה עס שטייט ולסקצה ימים עשרה נראה
מראיהם טוב דם הייסט זיי זענען געווארין אן געזעהן אין דעם צלם אלהים
דם עס איז פון זיי ניט אפ געטאן געווארן און פון דער אנדרי איז יוא
אפ געטאן געווארן ווער האט דם גורם געווען ווייל זיי האבן זיך ניט פר
אום ווירדיגט מיט די אכילות פון די אנדרי · זכאה איז דאס חלק
פון די ישראל געווען דם ביי זייא שטייט ואנשי קודש תהיון לי :

כי עם קדוש אתה לה' אלהיך רבי יהודה הייבט אן והחכמה מאין תמצא בתחלה
האט הקב"ה געזאגט צו זייא ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש ער האט
ניט אפ געטאן זיין גרוס אהבה פון זיי ביז ער האט זיי גרופין גוי קדוש
ער האט נאך מער גיט אפ געטאן די אהבה ביז ער האט זיי גרופן כי עם
קדוש אתה נאך מער ער האט זיי גרופן ואנשי קודש תהיון לי אלי מאל מער
ווי פריער דר נאך האט ער זיי נאך אהעכרי מדריגה גרופן קודש ישראל
לה' ראשית תבואתה אין דער חכמה וואס זיא הייסט ראשית חכמה יראת ה'
און דרום ווייל זיי זענען געווען גרופן קודש דם איז דם שלימות פון
אלעמן דרום שטייט ובשר בשדה טריפה לא תאכלו ווייל די ישראל זענין
גאר גאנץ דרום זאלן זייא קיין פאר צוקטע ניט עסין דען דאס איז
בגריפין בצד הטומאה נייערט לכלב תשליכון אותו צו דיא כלבים עזי נפש
ווס זענען מצד הדין החזק מער פון אלי און דרום ביי נבלה ווס דער
ישראל האט עס ניט פסול געמאכט שטייט לא תאכלו כל נבלה לגר אשר
בשעריך התתנה ואכלה כי עם קדוש אתה איז ניט אזו אחומרא וויא בייא
טריפה ווס איין חיה האט צו ריסן אבר אטריפה איז אגרוסי קליפה
פון די כלבים עזי נפש · שטייט ואנשי קודש תהיון לי ובשר בשדה טרפה
לא תאכלו שטייט שון דם לשון קודש ניט קדוש אזו ווי ישראל הייסין
אין דר תורה קודש קודש ישראל לה' ראשית תבואתה אזו ווי בייא קודש
שטייט וכל זר לא יאכל קודש אזו שטייט ביי זיי כל אוכליו יאשמו: רבי יצחק
האט געפרעגט צוא רבי שמעון אז דוא זאגסט אז קודש איז אהעכרע
מדריגה פון קדוש עס שטייט דאך קדוש קדוש קדוש ה' צבאות און דאס
איז דאך דאס גאנצע שלימות פון גאר דער קדושה ווארום שטייט
קדוש און ניט קודש זאגט רבי שמעון ווען די אלי דריי מאל קדוש
קומן זיך צו נוף ביי אננדר ווערט איין בית ער הייסט קודש דאס
איז דר כלל פון די דריי מאל קדוש און דרום איז דיא מדריגה פון
קודש דער כלל פון אלעמן און ווען דיא ישראל זענען געווען נכלל
באמונה שלימה האבן זיי געהייסן קודש דער כלל פון אלעמן דרום
שטייט קודש ישראל לה' ראשית תבואתה ואנשי קודש תהיון לי· איין שר הצבא
האט געפרעגט צו רבי אבא עס שטייט ובשר בשדה טרפה לא תאכלו וואס
דען שטייט טרף נתן ליראיו עס וואלט בדארפט שטיין טרף נתן לכלבים
זאגט רבי אבא צו אים עס שטייט דען טרפה נתן ליראיו עס שטייט דאך
טרף · אוב דו ווערסט זאגן טרף און טריפה איז אלץ איינס דרום
זאגט דר פסוק טרף דיא מצוה פון טריפה אז מען זאל זיא ניט עסין
נתן ליראיו האט ער עס געגעבן צו זייני יראים די ווס האבן מורא פר אים:

תאנא מיר האבן געלערנט ווייל די ישראל זענען געווארן גרופן בתורה
קודש דרום טאר איינער דעם אנדרין ניט רופן קיין מיאוסין
נאמן און אים ניט געבן קיין צו נאמן דען דער עונש דער פון איז
גאנץ גרוס מכל שכן מיט אנדרי זאכן וואס איז איין גנאי צום חבר
תאנא מיר האבן געלערנט עס שטייט נצור לשונך מרע וואס איז טייטש
מרע אלא פון וועגן לשון הרע נידערן אראפ חלאים אויף דר וועלט·
זאגט רבי יוסי דר ווס רופט דעם חבר מיט אזו אזאך וואס עס איז
ניט דא אין אים און איז אים מגנה אזו ווערט ער אויך נתפס אין
אזו אזאך ווס עס איז ניט דא אין אים · דען רבי חזקיה האט גיזאגט
איטליכר ווס רופט דעם חבר רשע גידערט מען אים אין גיהנם און
מען איז אים דן בכל מיני יסורים ועונשים · עס איז גיוועזן איין
מענטש וואס האט גשאלטין זיין חבר איז דורך גיגאנגין רבי יוסי
דער ביי און האט עס געהערט זאגט ער דוא האסט געטאן אזו וויא
איין רשע איז ער געקומן פאר רבי יהודה האט רבי יוסי געזאגט איך
האב אים ניט גרופן רשע נייערט אזו ווי ארשע האט ר' יהודה עס
געפרעגט צוא רבי אלעזר זאגט ער דרוף איז ער ניט חייב ווארום
עס שטייט היה ה' כאויב ניט קיין פיינט נייערט ווי איין פיינט ווארום
אוב עס איז ניט אזו ער וואלט חלילה געוועזן די ישראל איין פיינט
וואלט פון זיי גאר ניט געבליבן איין שורש אויף דער וועלט אזו אויך
היתה כאלמנה אזו ווי איין אלמנה און ניט קיין אלמנה נייערט אזו ווי
איין אשה ווס איר מאן איז אוועק געגאנגן למדינת הים און זי ווארט
אויף אים אזו אויך ועל דמות הכסא דמות כמראה אדם און ער האט ניט
געזעהן קיין מראה חס ושלום · זאגט רבי אבא זכאין זענען די ישראל
ווס אויף זיי שטייט קודש ישראל לה' ראשית וגו' און דרום כל אוכליו יאשמו :

לא תאכל כל תועבה רבי יהודה הייבט אן הישאג אריה ביער וטרף אין לו קום
און זעה ווי די מענטשן בדארפן משגיח זיין בעבודת הקב"ה
דען דר ווס איז עוסק ומשגיח בעבודת הקב"ה איז זיין מורא און
אימה אויף אלי בשעפניש דען הקב"ה האט איטליכע בריה בשאפין
בדמותו ווי עס איז צו אים ראוי גיוועזן דר נאך האט ער בשאפן דעם
מענטשן בדמות עליון און מיט דעם געשטאלט האט ער אים געמאכט
שולט זיין איבר אלי דען בכל זמן אז די בריות הייבן אויף זייער קאפ
און זעהן דעם מענטשן בדמות עליון בצלם אלהים אזו פארכטין זיי
זיך און ווערן פר וואגלט פר אים אזו וויא עס שטייט ומוראכם וחתכם
יהיה על כל חית הארץ און ווען איז דאס אז די בריות זעהן אין אים דעם
דמות עליון און דיא נשמה איז אין אים און זיין געשטאלט איז ניט
נשתנה אזו ווי עס איז געווען צום ערשטן אבר אז אמענטש גייט ניט
בדרך התורה אזו ווערט דאס היילגי געשטאלט פון אים צוא גנומן
אזו קענן די חיות היער ועופות השמים אין אים שולט זיין ווייל ער
האט שון ניט דעם צלם אלהים קום און זעה אז מען האט געווארפין
דניאל אין דעם לייבן גרוב איז זיין צלם ניט פר ענדרט געווארן ווייל
ער האט זיך געשטארקט אין הקב"ה אזו וויא איין לייב דרום איז ער
ניצול געווארן פון זייא זאגט רבי חזקיה אז עס איז יוא אזו ווארום
שטייט אלהי שלח מלאכא וסגר פום אריותא ולא חבלוני איז דאך משמע אז
הקב"ה האט געשיקט איין מלאך און ער האט צו געשלאסן דאס מויל פון
די לייבן און דרום איז ער ניט ניזוק געווארן זאגט רבי יהודה דאס
געשטאלט פון דעם מענטשן ווס ער איז איין צדיק איז דם איין מלאך
ממש ער האט צו געשלאסן זייער מויל כדי ער זאל ניט גיזוק ווערן און
דרום

…וּם שטייט הקב"ה הט גשיקט דעם מלאך וואס בייא אים אין דיא
…גנט איז אלי צורות אונ ער האט גשטארקט אין דניאל זיין דמות
…לם דאס זייא האבן אים גקענט טאן דרום זאל איטליכר מענטש
…טן זיין וועג אז ער זאל ניט זינדיגן פאר זיין הערן כדי זיין צלם
…להים ודמות אדם זאל האבן איין קיום · קום אונ זעה יחזקאל הט
…יט זיין מול פון מאכלות אסורות אזו ווי דר פסוק זאגט לא בא בפי
…ר פיגול עס איז ניט גקומן קיין אום ווירדיג פלייש אין מיין מול
…ריין דרום הט ער זוכה גוועזן ער זאל ווערין גרופן אדם אוך בייא
…ניאל שטייט וישם דניאל על לבו אשר לא יתגאל בפת בג המלך ער הט זיך
…ט פר אום ווירדיגט מיט דעם ברוט פון דעם מלך דרום הט ער
…בה גוועזן אז זיין גשטאלט איז ניט פר ענדרט גווארן פון אים ער
…יז געבליבן אין זיין גשטאלט פון איין רעכטן מענטשן אזו וויא עס
…טייט ואפול על פני ויאמר אלי בן אדם דען אלי בריות פון דער וועלט
…ארכטן זיך פר דעם גשטאלט פון איין אדם ער הט שליטה איבר
…לי בראים זאגט רבי יוסי דרום זאל דר מענטש נזהר זיין אונ זאל
…ט אפ קערין פון דעם רעכטן וועג לימין ושמאל אונ פון דעסט
…ענן איז דער מענטש מחויב בודק זיין אלי טאג זייני עבירות דען
…ז עס קומט אין דר פריא בשעת דר מענטש שטייט אוף פון זיין
…עט שטיין תיכף פר אים צווייא עדות אונ דעם גאנצן טאג גיין זייא
…יט אים אכטונג געבן וואס ער טוט אוף דר וועלט אנאנצין טאג ·
…פינט ער די אויגן זאגן זיי עיניך לנוכח יביטו ועפעפיך יישירו נגדך דייני אויגן
…אקן נאר זעהן רעכט פרטיגי זאכן ריכט ער אן זייני פיס צו גיין זאגן
…י עדות פלס מעגל רגליך זאלסט איבר ווענין דיא שטעג פון דייני פיס
…אר צו גיין אין רעכט פארטיגן וועג דרום זאל זיך דר מענטש היטן
…לי טאג פאר זייני עבירות אונ אז עס ווערט נאכט אזו איז דער
…ענטש מחויב מסתכל אונ בודק זיין וואס ער האט אנאנצן טאג
…טאן טאמר וועט ער גפינן אזעלכי מעשים וואס ער דארף דרויף
…תשובה טאן צו הקב"ה דרום דארף ער תמיד אין דרינן עוסק זיין
…אזו ווי עס שטייט וחטאתי נגדי תמיד מייני עבירות זענן תמיד אקעגין
…מיר כדי איך זאל תשובה טאן אוף זיי . קום אונ זעה בשעת דיא
…שראל זענן גוועזן אין ארץ הקדושה איז קיין שום חטא ביי זייא ניט
…פונן גווארן ווארום די קרבנות פון דעם בית המקדש האבן אוף
…לץ דינג מכפר גוועזן אלי טאג אבר אצונד אז די ישראל זענן פר
…טריבן גווארן האבן זיי שון מער קיין סמיכה ניט עס זאל אוף זייא
…מכפר זיין נאר דורך תורה ומעשים טובים אונ דר ווס גייט חלילה
…יט אין רעכטן וועג איז ער גורם איין ירידה כביכול צו דר שכינה
…אזו וויא עס שטייט ישפילנה ישפילה עד ארץ אבער ווער עס איז עוסק
…בתורה ומעשים טובים איז ער גורם אז דיא כנסת ישראל ווערט
…יר הובן וואול איז דר חלק פון די ווס זענן עוסק בתורה יום ולילה :
…עשר תעשר וגו' פתוח תפתח את ידך וגו' רבי יהודה הייבט אן צו זאגן עס
שטייט הלא פרוס לרעב לחמך קום אונ זעה וואול צו דעם חלק פון
…עם מענטשן וואס הקב"ה איז אים מזכה מיט איין ארומאן ער זאל
…צו אים קומן ער זאל אים מחיה זיין מיט עסין אונ טרינקן דען דאס
…איז דיא רעכטי מתנה פון הקב"ה אונ ווער עס איז מקבל די מתנה
…בסבר פנים יפות מיט איין פריילך פנים איז וואול צו זיין חלק דען
…דער וואס עס איז זיך מרחם אוף איין ארומאן אונ דר קוויקט אידם
…יין נפש איז הקב"ה אוף אים מעלה גליך ווי ער הט אים בשאפן

אונ דרום וויל אברהם אבינו הט רחמנות גיהאט אוף דר גאנצר
וועלט ער איז גוועזן איין מכניס אורח צו געבן עסן אונ טרינקן הט
אים הקב"ה גרעכנט גליך וויא ער האט זייא בשאפן אזו וויא עס
שטייט ואת הנפש אשר עשו בחרן אונ דס מיינט דר פסוק פרוס לרעב לחמך
פרוס איז טייטש ער זאל פר שפרייטין איין טישטעך אוף דעם טיש
דער ארומאן זאל דרויף עסין ד"א ער זאל אים אפ שיידן ברוט כדי
ער זאל זיך ניט שעמן אז ער וועט זיך אליין אפ שניידן איין שטיקל
ברוט אונ פרוס איז טייטש שטיקר זאלסט אים אפ שניידן שטיקליך
ברויט אונ אנידער לייגן פאר אים בעין יפה וטוב לב עס שטייט
לחמך אונ עס שטייט ניט סתם להם דען עס דארף זיין דיין ברוט ניט
גגנבת אדער גיגזלת אונ אז ער גיט פון אזו איין ברוט צוא איין
ארומאן איז ער ניט מקבל קיין שכר עס איז וויי צו אים ער דר מאנט
דער מיט זייני עבירות דרום שטייט אוך בייא תרומה קחו מאתכם
תרומה לה' פון אייער געלט אליין ניט פון אום רעכט געלט :

רבי יוסי הייבט אן עס שטייט אם שלמים וכן רבים וכן נגוזו ועבר ועינתיך לא
אענה עוד ווען דס פאלק האבן שלום אונ עס איז בייא זייא ניט פאר
האנדן קיין מחלוקת הט הקב"ה אויף זיי רחמנות אונ קיין דין האט
אויף זיי קיין שליטה ניט חאטשי זייא דינין עבודת כוכבים ווען זייא
האבן שלום צווישן זיך הט דר מקטרג אויף זיי קיין רשות ניט שלעכץ
צו טאן אזו ווי עס שטייט חבור עצבים אפרים הנח לו אוך שטייט ווייטר וכן
נגוזו ועבר עס וואלט גידארפט שטיין ונגוזו אונ עס שטייט וכן נאר
צדקה הייסט שלום אזו ווי עס שטייט והיה מעשה הצדקה שלום אונ ווער
עס מערט צוא געבן צדקה מערט ער שלום למעלה ולמטה נגוזו זייא
שערין זייער געלט אונ געבין צדקה עס שטייט ווייטר ועבר ער פירט
איבר פון זיך אלי דינים זייא זאגן אויף אים קיין שליטה ניט האבין
נאר חיים ושלום :

רבי יהודה הייבט אן צוא זאגין עס שטייט אשרי משכיל אל דל ביום רעה
ימלטהו ה' דעם פסוק האבן דיא חכמים גיזאגט אז עס גייט אויף
איין מענטש ווס ער ליגט קראנק אויף זיין בעט אזו הייסט דס בייא
אים וויא איין תפיסה דר קאפ איז גישלאסן מיט איין קייט דיא פיס
זענן אים גיבינדן אונ כמה בעלי דינים היטן אים פון אלי זייטען אלי
זייני גלידר זענן אים זייער ענג דס עסן איז פון אים אפ גיטאן עס
גלוסט זיך אים ניט צוא עסן אין דער צייט זעצט מען אויף איין
אפוטרופוס ער זאל אויף אים מלמד זכות זיין · וואול איז דער חלק
פון דעם מענטשן ווס איז זוכה אז דר אפוטרופוס גייט פר דעם בית
דין של מעלה אונ קען אויף אים לערנן אדרך הצלה וויא ארום ער
זאל ניצול ווערן פון דעם דין וואס עס איז אויף אים גיצוגן גיווארן
אזו וויא עס שטייט אשרי משכיל אל דל וואס ער לערינט אים דעם דרך
החיים ער זאל תשובה טאן פר זיין הואר מאכט ער איין אפוטרופוס
אויף אים למעלה ווס איז זיין שכר ביום רעה ימלטהו ה' בשעת דר מדת
הדין האט אשליטה ווערט ער ניצול דער פון ד"א אשרי משכיל אל דל איז
טייטש ווי גאר איז שטארק דר שכר פון דעם ארומאן פאר הקב"ה
זאגט רבי חייא איך פאר ווינדער מיך אויף דעם פסוק עס שטייט כי
שומע אל אביונים ה' הקב"ה הערט צו דעם גבעט פון דיא אביונים איז
משמע נאר זייער גיבעט הערט ער צוא ניט קיין אנדער גיבעט וויא
גישיקט זיך דס זאגט רבי שמעון ווייל די אביונים זענן זייער נאהנט
צו הקב"ה ווארום עס שטייט לב נשבר ונדכה אלהים לא תבזה איין תפלה
מיט

מיט איין צו בראכן הארץ פר שעמט מען זיא ניט אז זיא קומט פר
הקב"ה אונ ווער הט נאך אזו איין צו בראכן הארץ ווי איין ארומאן
די גאנצי וועלט ווערט גיזעהן פר הקב"ה מיט דעם גוף ונפש אונ דער
ארומאן ווערט נאר גזעהן מיט זיין נפש אונ הקב"ה איז מער נאהנט
צום נפש ווי צו דעם גוף מער ווי צו אנדרי מענטשן פון דר וועלט ·
עס איז גיוועזן אמעשה מיט איין ארומאן וואס ער איז גיוועזן אין דער
נאס פון רבי יוסי וואס קיינר האט אויף אים קיין השגחה גיט גיהאט
מען זאל אים מחיה זיין אונ ער אליין הט זיך זייער גישעמט פר לייט
צו זאגן מען זאל אים געבן צדקה אמאל איז ער קראנק גיווארן איז
רבי יוסי צו אים אריין גגאנגן מבקר חולה זיין דער הערט ער אקול
דוס זאגט סיקלא סיקלא דס איז דס ארט פון די נשמות וואס גייען אוועק
פון דר וועלט פר דר צייט קומן זיי אין דעם ארט אריין אונ דס קול
זאגט צו דעם ארט דו זאלסט וויסן אז עס קומט צו דיר אנפש וואס
וועט שטארבן פר דר צייט ווייא איז צו די שטאט לייט ווס עס איז
ניט פר האנדן קיין שום מענטש צווישן זיי ער זאל אים קענן מחיה
זיין מיט עסן אונ טרינקן · איז רבי יוסי צו אים צו גגאנגן אונ האט
אים דער לאנגט אטרונק וואסער פון דארי פייגן דורך אדעריך האט
ער אים אריין גגאסן אין מויל אריין ווייא ער האט אים דעם טרונק
גגעבן הט ער באלד בקומן דעם שוויים אין זיין פנים אונ זיין אטום
הט זיך צו אים ווידר גיקערט אונ רבי יוסי איז אוועק גגאנגן דר נאך
איז ער ווידר נקומן צו אים זאגט דר מענטש צו אים רבי דא שווער
איך אז מיין נפש איז שוין גיוועזן אוס גיגאנגן פון מיר אונ איז גקומן
פר דעם כסא הכבוד הט זיא גיוואלט דארטן בלייבן נייערט הקב"ה
הט דיך גיוואלט מזכה זיין אונ מען האט אויס גרופן רבי יוסי איז
אן גבריית אז זיין רוח וועט אויף גיין אונ וועט אן גיקניפט ווערן אין
אחדר הקודש ווס די חכמים זענן אן גבריית צו דר וועקן אויף דער
וועלט מחמת זייער תורה וועט דס חדר צו דיר זיין מיט דר ליכט פון
דר אידרא קדישא אונ עס איז אן גבריית דרייא שטולן צו דיר מיט דייני
חברים אונ פון דר צייט אן הט מען שוין אויף דעם ארומאן גיגעבין
השגחה מען זאל אים געבין וואס ער דארף אויך האט זיך גיטראפן
איין ארומאן איז דורך גיגאנגן פר רבי יצחק אונ רבי יצחק הט נאר
גיהאט אהאלבי מעה כסף זאגט דר ארומאן צו רבי יצחק זיי מחיה
מיך מיט מייני קינדער אונ מיין הויז גזינד זאגט רבי יצחק צוא אים
ווי אזו קען איך מחיה זיין אייערי נפשות אז איך האב נאר ביי מיר
אהאלבי מעה כסף זאגט דר ארומאן איך האב אויך אהאלבי מעה
אונ מיט דער גאנצער מעה וועל איך שוין קענן מחיה זיין מיין הויז
גזינד הט ער אים גגעבן די האלבי מעה הט מען דר נאך גיוויזן צוא
רבי יצחק אין חלום ווי ער פארט ביי דעם בארטן פון דעם ים הגדול
אונ מען הט אים גיוואלט אריין ווארפן דר וייל האט ער דער זעהן
זעהן צוא רבי שמעון הצדיק · האט ער צוא רבי שמעון אויס
גישטרעקט די האנט ער זאל אים ארוס נעמן איז גיקומן דר ארומאן
אונ הט אים מציל גיוועזן אונ האט אים אפ גיגעבן צו רבי שמעון אין
דער האנט אריין אונ בשעת ער האט זיך אויף גיחאפט פון דעם
שלאף איז אים אריין גיפאלן דר פסוק אין זיין מויל אשרי משכיל אל דל
ביום רעה ימלטהו ה' דבר אחר די טייטש פון דעם פסוק איז אזו קום אונ
זעה איין ארומאן וואס ער הט ניט פון זיין געלט עפיס צוא עסן אונ
בגערט ניט פון קיינעם קיין פרנסה ער וויל זיין בדוחק ניט אנפלעקט

פר קיין שום מענטשן ובשעת דוחק האט ער תרעומות אנטקעג
הקב"ה אונ זאגט בין איך דען אזו איין זינדיגר מענטש מער פון אל
לייט איינעם גיסט דו גרויס עשירות אין זיין הויז אונ איך האב ניט
אפילו קיין פרוטה פר עפיס צו קופן עסן אונ טרינקן אדער אמלבוש
דר וייל קומט איינר אונ גיט אים צדקה ווערט בטל זיין תרעומות
האט דאך דער מענטש גימאכט שלום צווישן הקב"ה מיט דעם
ארומאן איז ער פיל זוכה לעולם הבא דרום שטייט יעשה שלום לי שלו
יעשה לי עס שטייט צווייא מאל שלום ווארום דיא צדקה הייסט שלום
אונ אויך מאכט זי שלום צווישן הקב"ה מיט דעם ארומאן אויב ד
וועסט פרעגן ווי טאר איין מענטש מתרעם זיין אויף די מדות פו
הקב"ה · קום אונ זעה האטשי ער איז איין עני אונ רעט אנטקעג
הקב"ה מיט קריג רעכינט אים הקב"ה ניט פאר קיין חטא אונ א
אויף אים ניט ברוגז וויל ער איז ניט ביי זיין דעה · מיר לערנן דא
אפ פון איוב בשעת הקב"ה האט גיזאגט צום שטן הנו בידך רק את נפ
שמור באותו שעה איז איוב ארויס פון זיין שכל אונ הט גיזאגט צו
הקב"ה הטוב לך כי תעשוק איז דאס רעכט וואס דוא טוסט · מי
פאטער אונ מוטער האבן מיר בשאפן אגוף אונ דו האסט זיך מיט
משתף גיוועזן אונ האסט מיר גיגעבן אנשמה דרום זאגסטו אן רק א
נפשו שמור די נשמה זאל ער היטן אונ מיין גוף פון מיין פאטער או
מוטער שטראפסטו מיט יסורים אונ גיבסט אים אין די הענט פון דע
שטן האטשי איוב הט דאך גרעט ניט רעכט נאר וייל עס איז גיווע
מחמת צער איז הקב"ה ניט ברוגז גיוועזן אונ זאגט כי לא בדעת ידו
איוב ער רעט דאס אן דעת · דבר אחר אנדרר פשט איז אשרי משכיל אל ד
איין דל הייסט דער וואס שטארבט אן קינדער ווען זיין נשמה גיי
ארויס זאגט אויף אים דר פסוק יד ליד לא ינקה רע אונ ווען עס בלייב
איבר אקינד אונ איינר איז אים מחזיק אונ לערינט מיט אים תור
יעשה שלום לי דרום ביום רעה ימלטהו ה' קום אונ זעה אמענטש איז גיגאנ
מיט צווייא חכמים צווישן דיא הויכי בערג האבן זייא גיזעהן גרוי
שפאלטן אונ עס גייט ארויס ארויך אונ פייער פון די שפאלטן א
הערט ער ווי איינר שרייט ווייא ווייא זאגט ער דס איז בוודאי איינע
פון דעם גיהנם איז ער דארטן אנטשלאפן גיווארן האט ער גיזע
בחלום וויא איינר קלויבט אויף דערנר אויף זיין אקסיל אונ צווי
ממונים פון דעם גיהנם האבן אויף אים אונטר גיצונדין דיא דערנ
אונ ער איז פר ברענט גיווארן אונ ער האט זייער גישריגן אונ זי
האבין אים גיזאגט דו האסט פר קאזט צו הקב"ה מיט דיא מלאכ
וואס האבען דיך גיהיט בעולם הזה ובעולם הבא אונ האסט גיט
דעם ווילן פון די רשעים ווס זיי זענן גיגליכן צוא דערנר וואס זיי ז
מצד שמאל ונחש דרום זאלסטו די דערנר פאר ברענין זאגט ד
יהודי צו דעם מענטשן ווער ביסטו זאגט ער איך בין איין יהודי א
די ממונים פון דעם גיהנם דר מאנען מיך ניט מיין נאמן אונ ד
מאל זענן זיי מיך דן ביא טאג אונ צווייא מאל בייא נאכט זאגט ד
יהודי טאמר ווייסטו דעם נאמן פון דיין שטאט זאגט ער איך הא
גיוואונט אין גליל העליון זאגט דער יהודי האסטו גאר ניט גילא
קיין קינד זאגט ער איך האב יוא גילאזט אקינד אונ איך בין גיוו
אקצב אונ איך האב פיל מעשים רעים גיטאן האט מען מיר צ
ערשטן דן גיוועזן מיין מויל אונ מייני פיס אונ דיא הענט אונ ד
מלאך וואס ער איז ממונה אויף דיא קברים הט צו מיר אזו גיזא

בשעת

עת ער הט מיך דן גיוועזן וויא צו דעם וואס ער האט גישוואורן
ים זיין דיא תורה אונ הט זיא ניט מקיים גיוועזן אונ האט פאלש
ווארין וויא צו דער האנט וואס האט קיין מאל קיין תפילין ניט
יגט וויא צו די הענט וואס זיי האבן משמש גיוועזן בהבלי עולם
א צו די פים ווס זענן גיגאנגן בהבלי עולם בשעת מען האט מיך
לאגין מכת מרדות האב איך אלץ מודה גיוועזן וואס איך האב
אן אונ עס איז גיקומן מיין נשמה מיט איר מלאך וואס איז איבר
גיזעצט אונ האבן גיגעבן אכתב אונ דארטן איז גישטאנן אלץ
ם איך האב גיטאן אונ מיין נשמה מיט דעם מלאך האבען דרויף
ת גיזאגט האבן זיי גיזאגט על פי שני עדים או שלשה עדים יומת המת אונ
ם שטייט משוכבת חיקךשמור פתחי פיך דס מיינט מען די נשמה זאגט
ת בשעת טויט • דר יהודי הט זיך אויף גיחאפט פון שלאף אונ
גיגאנגען קיין גליל העליון אונ האט נאך גיפרעגט אויב עס איז
טן דא אקינד פון דעם קצב ווס ער איז גישטארבן דעם אונ דעם
ג זאגין זיי דס קינד ווס דו פרעגסט דרויף איז אזו ארשע ווי זיין
טר איז גיוועזן ער גייט אויך אין שעכט הויז אונ אזו זאל אים זיין
צו זיין פאטר ער גייט אריין אין בית המדרש הערט ער ווי אקינד
ט דעם פסוק אם תבקש כסף וגו' איז ער אריין גיגאנגן אין שעכט הויז
ער גיזעהן ווי דס קינד שפילט זיך מיט די יונגן זאגט ער צו אים
קינד קום מיט מיר איז ער גיגאנגן הט ער אים אן גיקלייד אונ
מיט אים צום רבי אונ דר רבי האט מיט אים גילערינט תורה
ר האט שון גקענט בעסר פון אלי קינדר האט ער אים גימאכט
ער זאל זאגן דיא הפטורה אין שול אונ ער האט מתפלל
ען פאר דעם עמוד אונ ער האט אזוא לאנג גילערינט ביז
האט אים שוין גירופען רבי איז דער פאטר פון דעם קינד וואס
הט אים דן גיוועזן איז ער צו אים גיקומן צו חלום אונ זאגט צוא
יהודי רבי אזו וויא דו האסט מיך מנחם גיוועזן אזו זאל הקב"ה
מנחם זיין דען בשעת מיין קינד הט גיזאגט די הפטורה בקהל
איך פריא גיווארן פון דעם דין אונ בשעת ער הט מתפלל גיוועזן
דעם עמוד אונ הט גיזאגט קדוש האט מען צו ריסן מיין גזר דין
גאנצן ובשעת אז ער איז גיווארן אלמדן האט מען מיר גיגעבן
לק אין גן עדן אונ דס איז ווס מען זאגט חלק לעולם הבא דס איז
חלק וואס איטליכר צדיק הט פר זיך אונ מען האט מיך אויף
אכט מיט דיא צדיקים אין זייער ישיבה ובשעת ער איז נאך
עסער חכם גיווארן אז מען הט אים שוין גירופן רבי האט מען
גיקריינט מיט דר קרוין פון צדיקים וואס זייא ווערין דער מיט
יינט אונ מען הט מיר גגעבן אכילה ושתיה דאס הייסט ווס מען
נהנה מזיו השכינה אונ דאס איז וואס אונזערי חכמים זאגן אז
ם הבא זיצן די צדיקים אונ איטליכר הט אקרוין אויף זיין קאפ
זענען נהנה מזיו השכינה אונ פון דיינעט ווענין רבי האב איך
ה גיוועזן צו דעם גרויסן כבוד • זכאה איז דיין חלק דאס דר פאר
סטו אגרויבין חשובין חלק לעולם הבא אונ ווער איז אזכאי דער
ווס לאזט איבר איין זון אתלמיד חכם אויף דר וועלט :
אבא הייבט אן יש רעה חולה ראיתי תחת השמש זיי האבן די לייט פאר
שטאפטי הערצער וואס זייא זענען ניט משתדל אין דער תורה
מה זאגט יש רעה חולה איז דען פאר האנדן איין רעה וואס זיא איז
קיין תולה אלא מיר האבן גילערינט אז מצד שמאל גייט ארוים

כמה כוחות הדינים מקטריגים אונ אז זיי גייען ארוים פון נוקבא
דתהומא רבא וויא אלי קליפות זענן אזו זענן זייא זיך מחבר מיט
אנאנדער אונ שפאלטין די אוירים אונ שוועבן אויף דר וועלט אונ
גנעהגן צו די לייט אונ איטליכר הייסט רעה אזו וויא דער פסוק
זאגט לא תאונה אליך רעה אונ ווען זייא קומען מיט בכבולים זענען זייא
גלייך ווי איין חולה דרום וייל זיי מאכן די לייט צו קמצנים אויף זייער
געלט אונ אז דער גבאי צדקה קומט שלאגט ער אים אין זיין האנט
אונ לאזט אים ניט געבן פון זיין געלט אונ אז עס קומען עניים
שלאגט ער אים אין זיין האנט אונ זאגט אים גיב ניט פון דיין האנט
קיין געלט וויל ער אים געבן עסן לאזט ער אים אויך ניט אונ דאס
טוט ער אלץ כדי זיין געלט זאל גיהיט זיינצו אנאנדערן אונ פון דעם
טאג ווס דער שר רעה רועט אוף אים איז ער אחולה אזו וויא איין
קראנקער וואס ער קען ניט עסן אונ טרינקען דרום איז דאס איין
חולה רעה דרום זאגט שלמה המלך מיט זיין חכמה יש אשר יתן לו
האלהים עושר וכבוד ולא ישליטנו האלהים לאכול ממנו גם זה רעה חולה איז קשה
ווס שטייט ולא ישליטנו האלהים גאט מאכט אים דרויף ניט גיוועלטיגן איז
דאך ניט אין זיין רשות אלא עס וואלט שטיין ולא יעזבנו האלהים ער
לאזט אים ניט וואלסטו אזו גיזאגט אבער ולא ישליטנו דרום וייל ער
הט גיזעצט דרויף דעם רעה אונ ער הט איין אחיזה אין דעם אזו
לאזט אים הקב"ה ניט אז ער זאל אים צו ברעכן אינטר זיך אונ דרום
אז דר רעה הט דרינען איין אחיזה זענן אלע זיינע ווענין ווי אקראנקר
ער הט ניט קיין מאכט צו גינעהענען צו זיין געלט ער גיט נאר ניט
אוים דר פון ביז ער גייט אוועק פון דר וועלט אונ עס קומט דער
הער פון דעם געלט אונ מען גיט עס אים אפ דרום שרייבט שלמה
המלך עושר שמור לבעליו לרעתו ווער עס זענן די בעלים פון דעם געלט
דר ירשת עס אונ וואורום איז ער זוכה דר צו וייל דר ערשטער הט
גיגלייבט דעם רעה אונ האט אים גיפאלגט דרום שטייט לרעתו וייל
דר רעה האט גיהאט ביז אהער דריבער צוא שאפין דרום איז דאס
עשירות גיהיט גיוועזן צום אנדערין :
שלש פעמים בשנה וגו' איש כמתנת ידו כברכת ה' אלהיך אשר נתן לך זאגט רבי
שמעון ווער עס פרייט זיך אין די ימים טובים אליין אונ גיט
ניט צו קיין עני הייסט ער איין רע עין אונ דער שונא איז אויף אים
אזו לאנג מקטרג ביז ער איז אים מעביר פון דר וועלט אונ ברענגט
אויף אים כמה צרות ווס דען איז דר חלק פון הקב"ה אז ער גיט צו
דעם עני וועדליג זיין פר מעג איז כדי ער זאל זיך אויך משמח זיין
דען די צייט קומט הקב"ה צו זעהען זיינע עניים דיא צוא בראכענע
כלים אונ אז ער זעהט אז זיי האבן זיך ניט מיט עפס משמח זיין אונ
קיינר איז זיי ניט משמח אזו גייט ער ארויף אונ וויל חרוב מאכן די
וועלט • אזו קומען די ישיבה פאר הקב"ה אונ זאגן רבונו של עולם
דו ווערסט דאך אן גירופן רחום וחנון זיי מגלגל דיין דר בארמקייט
אוף דיינע קינדר זאגט הקב"ה צוא זיי דיא וועלט ווייסט דאך וואל
אז איך האב די וועלט בשאפןמיט חסד זי זאל דורך דעם איין קיום
האבן אזו ווי עס שטייט עולם חסד יבנה אונ אויף דעם שטייט די גאנצע
וועלט אזו זאגן די מלאכים דר מענטש הט דאך געגעסן אונ גטרונקן
אונ פר מאג צו טאן גוטס מיט ארומע לייט אונ גיט זיי פארט גאר
ניט מיר תיכף קומט דער מקטרג אונ נעמט רשות ער זאל דעם
מענטשן נאך יאגן צו טאן שלעכץ • דען וויא איז נאך גוועזן אזוא איין

מכנים

מכניס אורח ווי אברהם אבינו און אז ער האט גמאכט איין סעודה אזוי ווי עס שטייט ויגדל הילד ויגמל אז ער האט אנטוויינט צו יצחק און האט גירופן אלע גרויסע לייט מיט אלע שרים אויף דער סעודה און מיר האבן גילערינט בשעת דר מענטש מאכט איין שמחה קומט דער מקטרג און זעהט אויב דר מענטש האט גיטאן חסד מיט ארומע לייט און זיי זענען אין זיין הויז גייט ער אוועק און אויב ער האט ניט גירופן קיין ארומע לייט אויף דער סעודה און זיי האבן פון אים נאר ניט הנאה גיוועזן מען האט זיי פריער אויך ניט גירופן מען זאל זיי מחיה זיין מיט עסן און טרינקן גייט ער ארויף און איז אויף דעם מענטשן זייער מקטרג ווערט ער גישטראפט דר פאר און אז אברהם האט גימאכט די סעודה האט זיך דר שטן גשטעלט אויף דר טיר אזוי וויא איין ארומאן און עס האט קיינער אויף אים ניט אכטונג גיגעבן דען אברהם האט דר לאנגט צו דעם טיש וואס בייא אים זענען גיזעסן מלכים ושרים און אונזער מוטר שרה האט אן גזייגט אלע קינדר פון דיא שרות וואס זענען גיקומען אויף דער סעודה. זייא האבן בכוונה ניט גיבראכט זייערע אן זייגערינס צו פרובן שרה אויב זיא קען זייגן קינדער ווארום זיי האבן דאך ניט גיגלייבט אז שרה האט גיהאט איין זון אויף דער עלטער צוא נייננציג יאר דרום שטייט מי מלל לאברהם הניקה בנים שרה שטייט בנים פיל קינדר דען זיא האט פיל קינדר פון די שרות אן גיזייגט און איבער דעם האט זיא אויך קיין השגחה ניט גיהאט ווער עס שטייט ביי דר טיר מען זאל אים געבן עסן און טרינקן מיר תיכף ווי דער שטן האט דס דער זעהען אז מען גיט אויף אים נאר ניט אכטונג איז ער ארויף גיגאנגן און האט מקטרג גיוועזן פר הקב"ה און זאגט רבונו של עולם דו האסט גזאגט אברהם אוהבי ער איז דיין ליב האבער וואס ער היט דיינע מצות לסוף האט ער גימאכט איין סעודה און האט קיין רחמנות ניט גיהאט דר פון צו געבן דיא ארימע לייט ער זאל זיי מחיה זיין און האט נאך ניט מקריב גוועזן אפילו איין טויב זיא זאל זיין לריח ניחוח פר דיר און זיין ווייב שרה זאגט נאך צחוק עשה לי אלהים דו האסט פון איר איין גישפעט גימאכט דר מיט וואס דו האסט איר גגעבן איין קינד אויף דר עלטר זאגט הקב"ה צו אים עס איז בוודאי ניט פר האנדן אויף דער וועלט נאך אזוי איין צדיק ווי אברהם. דר שטן האט אבר ניט אפ גלאזט זיין קטרוג און האט אזוי לאנג מקטרג גיוועזן ביז ער האט מקבל גיוועזן די גאנצע סעודה מיט נאר די שמחה ביז הקב"ה האט גיהייסן צוא אברהם ער זאל מקריב זיין דעם זון יצחק פר א קרבן עולה און אויף שרה איז נגזר גיווארן זיא זאל שטארבן איבר דעם צער וואס זיא וועט דער שראקן ווערן איבער די עקידה פון יצחק דס האט אלץ גורם גוועזן ווייל זיי האבן ניט מהנה גוועזן פון דר סעודה צו די ארימע לייט. היינט דארפן מיר פר שטיין ומה דאך אברהם אבינו מיט זיין גרויס צדקות איז אים דר סוף אזוי אויס גיגאנגען איבר דר עבירה איז דאך שוין אבל שכן צו אנדערע פראסטע מענטשן וואס פר איין עונש קען זיי דער פאר גרייכן. וויי צו די מענטשן פון דר וועלט וואס זיי גיבן ניט אכטונג אז די גאנצע וועלט האט מער קיין קיום ניט נאר דורך דר תורה דרום זאגט דר פסוק שלש פעמים בשנה דריי מאל איין יאר זאלסטו גזיין ווערן אין ירושלים און פריער שטייט והיית אך שמח מען זאל זיך פרייען אז עס קומט יום טוב און מען זאל צו די קינדר פון הקב"ה דאס הייסן ארומע לייט אפ געבן זייער חלק איש כמתנת ידו וועלכס דם פאר מעג פון איטליכן מענטשן כברכת ה' אלהיך אשר נתן לך אזוי ווי דיא ברכה וואס דו האסט בקומען פון הקב"ה און אויב חלילה דוא וועסט דאס ניט מקיים זיין שטייט תיכף אין דער אנדרער סדרה שופטים ושוטרים דער שוטר דס מיינט מען דעם שטן אזוי וויא אויבן שטייט כמה פעמים וועט ער ברענגען אויף דיר שופטים ער וועט דער וועקן דייני עבירות און דינים מקטרג זיין אויף דיר און דס וועסטו דיר אלץ אליין גורם זיין דרום שטייט תתן לך וועסטו אליין אויף דיר געבן. דרום זאל איטליכער מענטש נזהר זיין אז ער מאכט איין שמחה זאל ער די ארומע לייט אויך משביח זיין מיט עסן און טרינקן וועדלג זיין פר מעג דר פר וועט ער גיבענטשט ווערן פון הקב"ה מיט אלע ברכות וכל טוב אמן :

## פרשת שופטים

לא יקום עד אחד באיש על פי שנים עדים או שלשה עדים וגו' די מצוה איז גיזאגט גיווארן אויף דעם מענטשן וואס ווייסט איין עדות צוא זיין חבר זאל ער גיין צו דעם בית דין און זאגן דס עדות כדי ער זאל ניט שאדין האבין דורך אים קיין געלט און עס איז ניט פר האנדן קיין שום עדות ווינציגר פון צוויי עדות דרום שטייט על פי שנים עדים דרום האבן די חכמים גיזאגט ווער זענען די עדות פון דעם מענטשן פאר הקב"ה אויף אלע זיינע מעשים. די ווענט פון זיין שטוב זאגן אליין אוף אהים עדות און ניט דאס אליין נאר דיא קורות זאגן אויך עדות און ווער זענען דיא קורות ביתו דאס זענען דיא קורות לבו זיינע מחשבות פון זיין הארץ זאגן אלע עדות אזוי ווי עס שטייט ביי חזקיה המלך ויסב חזקיהו פניו אל הקיר האבן די רבנן גזאגט חזקיה האט מתפלל גוועזן פר הקב"ה מקירות לבו אנשי ביתו וועלן אויך אוף אים עדות זאגן דס מיינט מען די רמ"ח אברים פון דעם מענטשן זאגן עדות אויף אלע זיינע מעשים אזוי ווי די חכמים האבן גיזאגט אז ביי דעם רשע זענען זיינע עבירות אויס גקריצט אוף זיינע ביינר אזוי אויך ביי איין צדיק זענען זיינע זכיות אויס גיקריצט אויף זיינע ביינר זיי זאלן אויף אים מלמד זכות זיין דרום האט דוד המלך גיזאגט כל עצמותי תאמרנה אלע מיינע ביינער טוען לויבן צו הקב"ה און זאגן אויף מיר עדות דרום האבן מיר גילערינט אז די קורות ביתו פון דעם מענטשן זענען זיינע עדות דס מיינט מען די ביינר וואס זיי ליגן אויף דעם מוח פון דעם מענטשן אזוי ווי איין באלקן ליגט אויף דר שטוב דען דר מוח איז אזוי וואסר דרויף שטייט המקרה במים עליותיו דאס איז טייטש לשון באלקן. און ווארום איז נאר די עבירות אויס גקריצט אוף די ביינר און ניט אויף דעם פלייש ווייל די ביינר זענען ווייס זעהט זיך דרויף בעסר אן איין כתב איידר ווי אוף איין אנאנדערע זאך אזוי אויך איז די תורה אינווייניג ווייס און פון דרויסן איז זיא שווארץ און ניט דס אליין נאר דר גוף מיט דיא ביינר וועלן לעתיד אויף שטיין לתחיית המתים און דרום איז אלץ אויס גיקריצט אויף די ביינר צו ווייזן אז זיי וועלן האבן איין זכיה וועלן זיי אויף שטיין לתחיית המתים. עס איז פר האנדן נאך צוויי עדות אויף דעם מענטשן עין רואה ואזן שומעת די אויגן מיט די אויערן זענען אויך צוויי עדות און דאס בית דין שרייבט אלץ אוף אין איין בוך און איז דן דעם מענטשן אויף אלע דינג און די זון מיט דר לבנה זענען אויך צוויי עדות אזוי ווי די חכמים זאגן עס שטייט תקעו בחודש שופר בכסה ליום חגנו בכסה איז טייטש צוא

ידעקט דס מיינט מען אז עס קומט ראש השנה אזו קומט דער ס"ם
פר הקב"ה און באגערט מען זאל משפטן די ישראל הייסט הקב"ה
ברענגען עדות אויף זיינע רייד אזו ברענגט ער די זון און וויל נאך
ברענגן די לבנה אויך באהאלט זיא זיך פר אים און גייט ארויף אויף
עם ארט וואס דרויף איז גזאגט געווארן במכוסה ממך אל תחקור עס איז
ייער איין הויך ארט זיא בעט דארטן רחמים אויף די ישראל דרום
שטייט ככסה דס מיינט מען די לבנה ווערט פר דעקט אויף איינארט
וואס ער קען זיא ניט גיפינען:
י תצור אל עיר ימים רבים להלחם עליה רבי פנחס איז גיגאנגען זיך זעהן מיט
זיין טאכטער וואס זיא איז גיוועזן דיא מוטער פון רבי אלעזר זיא
איז זייער קראנק גיוועזן האט ער גירטן אויף איין אייזיל און דיא
חברים זענען נאך גיגאנגען צו פוס האט ער בגעגינט צוויא ערביים
רעגט ער זיא האט זיך אייך איין מאל ניט גיטראפן איר זאלט
ערין איין קול אויף דעם פעלד זאגין זייא צוא אים עס איז איין
אל גיוועזן גזלנים וואס פלעגן ביא גזלען אלע עוברי דרכים איין
אל האבין זיא באגעגינט איין חבורה פון יהודים און האבין זייא
וואלט הרגען דער ווייל האט דאס אייזיל פון דיא יהודים אן
הויבין צו שרייען עס איז אזוא גיוועזן צווייא מאל האט דאס
ייזיל גישריגן איז גיקומען אפלאם פייער מיט דעם קול און האט
י גזלנים פאר ברענט זענען די יהודים ניצול גיווארין זאגט רבי
נחס צוא זייא ערביים מיט דער זאך וואס איר האט
רשט דער ציילט זעט איר ניצול גיווארן פין אנדערע גזלנים וואס
אבין אויף אייך גילאקערט הייבט אן רבי פנחס צוא וויינען און
זאגט רבונו של עולם דיא יהודים האסטו גיטאן איין נס פון מיינט
ועגין און איך האב גאר ניט גיוואוסט ער הייבט אן צוא זאגין עס
שטייט לעושה נפלאות גדולות לבדו כי לעולם חסדו וויפל טובות וואס הקב"ה
וט מיט די מענטשין און זייא ווייסין גאר ניט פון זייא נייערט
קדוש ברוך הוא אליין ווייסט · איין מענטש גייט אין וועג און
לנים לאקערן אויף אים זייא זאלין אים הרגנן אזו באקומען זייא
יין אנדערן און הרגנן אים לייזט ער אויס יענעם מענטשן פון דעם
יט און דער מענטש ווייסט גאר ניט פון דער טובה וואס הקב"ה
אט מיט אים גיטאן נאר הקב"ה אליין ווייסט דער פון דרום שטייט
ושה נפלאות גדולות לבדו קיינר ווייסט ניט די נפלאות חוץ פון הקדוש
רוך הוא אליין זאגט רבי פנחס צוא דער חבריא חבריא איך האב
פרעגט די ערביים זענען דאך תמיד עוסק אין פעלד אויב זייא
אבין גיהערט דאס קול פון די חברים וואס זענען עוסק בתורה דען
בי שמעון מיט רבי אלעזר מיט דער גאנצער חבריא גייען פאר
נז און זייא ווייסין דער פון ניט אז מיר קומען אן צוא זייא און
יבער האב איך גיפרעגט צוא דיא ערבים אויף זייא ווארום איך
ים אז דאס קול פון רבי שמעון מאכט ציטערין די בערג מיט די
לדער האבין זייא מיר מגלה גיוועזן וואס איך האב ניט גיוואוסט
ווי זייא גייען קערין זיך ווידער די ערביים אום און זאגין סבא
א דו האסט אונז גיפרעגט אויב מיר האבן פון לאנג ניט גיהערט
ן קול און אויף היינט האסטו אונז גאר ניט גיפרעגט דען מיר
בין היינט גיזעהן איין גרויסע תמיה איינע איבר דער אנדערער
ר האבן גיזעהן פינף מענטשין זענען גיזעסין און איין אלטער
ישן זיי האבן מיר גיזעהן עופות השמים האבן זיך איין גיזאמלט

און האבן פר שפרייט זייערע פליגיל אויף זייער קאפ די עופות זענען
אוועק גגאנגען און אנדערי זענען אן גיקומען און האבן גימאכט איבר
זייער קאפ איין שאטן און דער שאטן איז ניט אוועק פון זייער קאפ
און דער זקן האט גירעט און זייא אלע האבין אים צוא גיהערט
זאגט רבי פנחס ערביים ערביים אויף דעם האב איך אייך גפרעגט
יהי רצון איר זאלט גיין אייער וועג און אייער וועג זאל אייך זיין אן
גיבנייט איז אלעמן וואס איר בדארפט צווייא זאכן האט איר מיר
גזאגט איך בין זיך מיט זיי משבח זיי גיין אוועק זאגן די חבריא צו
רבי פנחס ווי אזו וועלן מיר וויסן דס ארט ווי רבי שמעון דרועט זאגט
רבי פנחס לאזט גיין מיין אייזיל אליין זי ווייכט אליין דעם וועג האבן
זיי דס אייזיל ניט גפירט נייערט זיי האבן עס גלאזט אליין גיין און
דס אייזל איז ארום גגאנגן פון דעם וועג צווייא תחום שבת הט דאס
אייזיל אן גהובן צו שרייען דריי מאל הט רבי פנחס אראפ גנידרט
און זאגט צו דר חבריא מיר וועלן זיך אן כרייטן צו מקבל זיין דס
היילגי לוטרי פנים דען אצונד גיין זייא ארום אנטקעגן אונז · דער
ווייל הט רבי שמעון דר הערט דס קול פון דעם אייזל זאגט רבי
שמעון צו דער חבריא וואס זענען מיט אים גגאנגען לאמיר אוף שטיין
דען דס קול פון דעם אייזל פון דעם זקן החסיד האט זיך דער וועקט
צו אונז אזו איז רבי שמעון מיט דער חבריא אוף גשטאנען הייבט
רבי שמעון אן שירו לה' שיר חדש כי נפלאות עשה דעם מזמור האבין דיא
פרות פון די פלשתים וואס האבן גפירט דעם ארון שירה גיזאגט זיי
האבן גזעהן כמה שרים וכמה מדריגות וואס עס איז צו זייא אקעגין
גקומען האבן די קיא גזאגט שירו לה' שיר חדש וגו' ווארום ביי דר שירה
פון משה שטייט שירה לשון נקבה און דא שטייט שיר לשון זכר אלא
ביי משה איז נאר דר ארון אליין גגאנגן מיט דר כנסת ישראל מיט
אירי חיילות און ניט מער אבר דא איז גגאנגן דער ארון מיט דעם
וואס עס איז דרינן בהאלטן דס איז די לוחות דרום שטייט לשון זכר
כי נפלאות עשה ער הט גטאן נפלאות אין די פלשתים · ומה דאך די
פרות זענען דאך ניט גוויינטליך גוועזן מיט ניסים נאר די שעה האבן
זייא גזאגט שירה מכל שכן דער אייזל פון דעם זקן וואס ער איז
גוויינטליך מיט ניסים זאגט בוודאי שירה ער זאגט ווייטער גרוסי
סודות דר ווייל הט ער דר זעהן רבי פנחס קומט אן זענען זיי גקומען
צו אים הט רבי פנחס גקושט צו רבי שמעון און זאגט דא האב
איך גקושט דיין היילגי מול וואס איז מבושם מיט אלרליי בשמים
פון דעם גן של מעלה זייא זענען זיך זייער משמח מיט אנאנדר און
זיצן אזי זיי זיצן אזו זענען אלי עופות וואס זייא האבן איין צל גמאכט
אוועק גפלויגן און צו שפרייט גווארן אזו הייבט אוף רבי שמעון זיין
קול און זאגט איר עופות השמים פר וואס זענט איר ניט משגיח אין
דעם כבוד פון אייער האר וואס ער איז דא אזו זענען זיי אלי גבליבן
שטיין אויף זייער ארט זייא זענען ניט אוועק גפלויגן אבער ניט צוא
גגאנגען זאגט רבי פנחס זאג זייא אז זייא זאלן צוריק גיין אויף זייער
ארט דען מען גיט זיי ניט קיין רשות אוועק צו גיין ווייל דו האסט
גוזר גוועזן זאגט רבי שמעון איך ווייס אז הקב"ה וויל אונז טאן ניסים
עופות עופות גייט אייך אייער וועג און זאגט צו אייער ממונה וואס
איז ממונה איבר אייך אז ביז אהער זענט איר גוועזן אין זיין רשות
און אצונד זענט איר שון ניט אין זיין רשות נאר איך לייג דס אפ
אותאנדרן זמן ווען זיי אלי אוועק גפלויגן דר ווייל זעהן זיי אז דריי

ביימר

בוודאי זייער שרעקן דרום גהער איטלכר מענטש נזהר זיין אויף
דר וועלט זיך צו שטארקן אונ זאל איין בטחון האבן אין הקב"ה
תאמשי ער הט גזינדיגט אז ער וועט אבער טאן תשובה שלימה
וועט אים הקב"ה פר געבן דיא זינד אונ ווען ער שטארקט זיך אין
הקב"ה איז גלייך ווי ער הט גאר ניט גזינדיגט די שבטים ווייל זייא
האבן גזינדיגט מיט דעם וואס זיי האבן יוסף פר קופט דרום האבין
זיי זיך גפארכטן אבר ווען זיי וואלטן ניט זינדיגן וואלטן זייא קיין
שום מורא ניט גהאט דען די עבירות פון דעם מענטשן צו ברעכין
די כוחות מיט דעם הארץ פון דעם מענטשן אונ ער האט קיין כח
ניט זיך צו שטארקן איבר דעם יצר הרע דרום שטייט מי האיש הירא
ורך הלבב ילך וישוב לביתו דר מענטש וואס פארכט זיך פאר זייני עבירות
טאר ניט גיין אין דר מלחמה אריין אונ אז ער איז גגאנגן מוז ער
זיך אום קערין אהיים פון דר מלחמה קום אונ זעה די עבירה פון
די שבטים איז גצייכנט געווען לדורי דורות דען עס ווערט פון הקב"ה
ניט פר געסן קיין שום זאך וואס דר מענטש טוט אויף דר וועלט מען
ווארט אים כמה דורות ביז ער ווערט בצאלט אזו וויא אים קומט
אזו גפונן מיר ביי חזקיה המלך ווייל ער הט גוויזן דיא לוחות צוא
די שלוחים פון דעם מלך מרודך בלאדן אונ ער הט ניט גמעגט טאן
הט הקב"ה גשיקט צו אים ישעיהו הנביא אונ הט אים גזאגט דער
פר הנה ימים באים ונשא כל אשר בביתך ואשר אצרו אבותיך עד היום הזה עס וועט
זיין איין צייט אז מען וועט אוועק טראגן אלי אוצרות פון דיין
שטוב זעה וואס דס הט גורם גוועזן ווייל ער הט מגלה גוועזן אזו איין
זאך וואס זי איז גוועזן פר הולן דר פר הט דר צד אחר שולט גוועזן אין
אזו איין ארט וואס ער הט ביז אהער קיין שליטה ניט גהאט דען אויף
איין בהאלטני זאך הט די טומאה קיין שליטה ניט אונ דרויף רועט
די ברכה אונ אז ער הט זיי גוויזן הט ער דס אנטפלעקט האבין זיי
שון גהאט דרויף איין שליטה דרום שטייט כל מכבדיה הזילוה ווארום
האבן זיי זיך פר שעמט כי ראו ערותה ווייל חזקיה האט זייא גוויזן אזו
איין זאך וואס ווערט ניט גזעהן נאר ווייל חזקיה איז גוועזן אגרויסר
צדיק איז ער ניט גשטראפט גווארן אין זייני צייטן אזו ווי עס שטייט
כי יהיה שלום ואמת בימי אין מייני יארין וועט זיין שלום ואמת איך וועל
ניט גשטראפט ווערן דר פאר אזו אויך ביי דיא שבטים האט זייער
משפט גווארט ביז ער הט גפונן איין שעה מען זאל זיי בצאלן דרום
ווער עס פילט זיך אין עבירות זאל ער זיך אלי מאל פארכטן אזו ווי
דער פסוק זאגט ופחדת לילה ויומם דרום שטייט איש הירא ורך הלבב דער וואס
פארכט זיך פר זייני עבירות ילך וישוב לביתו זאל ער באצייטן תשובה
טאן איידר דער יום הדין הגדול קומט אן ער זאל גיין לביתו אויף
יענר וועלט כדי ער זאל קענן קומן לשלום:

ולקחו זקני העיר ההוא עגלה בקר רבי חייא זאגט עס שטייט ויראני את יהושע
הכהן הגדול עומד לפני המלאך ה' והשטן עומד על ימינו לשטנו איידם פסוק
דארף מען אכטונג געבן יהושע הכהן הגדול מיינט מען יהושע בן
יהוצדק לפני מלאך ה' דאס איז איין ארט וואס אלי נשמות הצדיקים
זיינן דארטן בצרור החיים והשטן דאס איז דער יצר הרע וואס ער
שוועבט ארום אויף דער וועלט צו נעמן די נשמות אונ אום ציהען
דיא רוחות דס איז גוועזן בשעת נבוכדנצר הט אים ארין גווארפן
אין פייער מיט די נביאי השקר האט דר שטן מקטרג גוועזן ער זאל
זיך פר ברענט ווערין מיט זייא דען דר יצר הרע איז נאר מקטרג
בשעת הסכנה דען הט ער רשות צו טאן איין דין אפילו מען הייסט
אים ניט אזו ווי עס שטייט ויש נספה בלא משפט אייגר ווערט איין גיטאן
אזו אן משפטים לשטנו מיינט מען ער הט גיזאגט אדר אלי זאלן פר
ברענט ווערין אדר אלי זאלן ניצול ווערן דען בשעת מען גיט אים
רשות איז ער ניט מבחין בין טוב לרע ציא איז דר מענטש אצדיק
אדר ארשע דרום אז עס ווערט חלילה אין דר שטאט גטאן אמשפט
זאל דר מענטש אנטלויפן כדי ער זאל ניט נתפס ווערין מכל שכן דא
איז דאך גיוועזן אלי דרייא אין איינעם איז ער בוודאי אין אסכנה ער
זאל פר ברענט ווערן אדר זיי זאלן אלי ניצול ווערן דען הקב"ה טוט
ניט קיין נס אויף דר העלפט אדר אהאלבן משפט נאר אדר דורך
דין אדר דורך אנס אין גאנצן זאגט רבי יוסי טרעפט זיך דען ניט אז
עס זאל גטאן ווערן האלב פון דין אונ האלב זאל זיין דורך אנס אזו
ווי ביי קריעת ים סוף הט דאך הקב"ה גיטאן אנס צו די ישראל אונ
אדין צו די מצרים זייא זענן דר טרונקן גיווארן זאגט רבי חייא דאס
איז באמת זייער שווער גיוועזן ווארום למעלה ווערט ניט גיטאן קיין
שום זאך נאר בשלימות אדער אנס אין גאנצין אדער דין דרום הט
דר שטן מקטרג גוועזן אז יהושע זאל אויך פר ברענט ווערן ביז דר
מלאך ה' הט אים גיזאגט יגער ה' בך השטן אויב דו וועסט פרעגין וויא
גישקט זיך הקב"ה זאל אים זאגין יגער ה' קום אונ זעה עס שטייט ביי
משה ביי דעם סנה וירא מלאך ה' אונ דר נאך שטייט וירא ה' דען דער
מלאך ווערט אן גירופן בשם רבו דרום האט דער מלאך ה' גיזאגט
יגער ה' הקב"ה זאל אין דיר אן שרייען אונ האט ניט גיזאגט הנני גוער
איך שרייא אן אין דיר רבי שמעון איז גיזעסן אונ האט עוסק גיוועזן
אין דעם פסוק ולקחו זקני העיר ההוא עגלת בקר וערפו שם את העגלה בנחל דער
דין איז בייא דר עגלה ערופה מען זאל אפ האקן דעם קאפ מיט איין
האק זאגט רבי אלעזר נאך וואס דארף מען אזו צוא טאן הייבט אן
רבי שמעון צו וויינן אונ זאגט ווייא איז צו דער וועלט וואס גייען נאך
נאך דעם יצר הרע אונ די וועלט קען דר פון ניט ניצול ווערן ביז דר
מלך המשיח וועט קומן אויף דר צייט שטייט בלע המות לנצח ומחה ה'
אלהים דמעה מעל כל פנים ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ אין דער צייט וועט
דר יצר הרע בטל ווערן אבר אצונד שטייט ער אויף דר וועלט צוא
נעמען זייערי נשמות · קום אונ זעה עס שטייט כי ימצא חלל באדמה וגו'
דען אלי נשמות פון דער וועלט ווערן צוא גינומן דורך דעם מלאך
המות אויב דו וועסט וועלן מיינן אז דר חלל איז אים די נשמה אום
גיגאנגן דורך דעם מלאך המות עס איז ניט אזו נייערט דורך דעם
מענטש וואס הט אים גיהרגת איז אים די נשמה ארוים גיגאנגן פאר
דער צייט דרום שטייט ולארץ לא יכופר אונ ניט גינוג אז דער יצר הרע
שטייט תמיד מקטרג צו זיין מכל שכן אז מען נעמט ביי אים צו די
זאך וואס ער הט בדארפט טאן אונ נעמן די נשמה אונ ער האט אים
גינזילת וועט ער בוודאי אויף אים מקטרג זיין דרום הט השי"ת חס
גהאט אויף זייני קינדר אונ הט גהייסן מקריב זיין איין עגלה ערופה
צו בווילגן דר מיט אונ מתקן זיין דרום זאגין דיא זקנים ידינו לא שפכו
את הדם הזה מיר האבן ניט גורם גיוועזן דאס שפיכות דמים דער מיט
קען ער שון אויף זיי ניט מקטרג זיין אונ אויף אלעמען הט השי"ת
גיגעבן איין עצה צו דיא לייט אז קיין קיטרוג זאל אויף זייא ניט זיין
דעסט גלייכן אום ראש השנה ויום כפור אז דער דין איז שולט אויף
דר וועלט אזו שטייט דר מקטרג מקטרג צו זיין אזו מוזן די ישראל

מעורר

מעורר זיין מיט דעם שופר אונ מיט דעם קול השופר דר וועקן זיי
ביי עס גייט ארויף ביז דעם מקום פון דעם כסא הכבוד פון דין אונ
דר וועקט דעם רחמים אונ דורך דעם ווערט דר מקטרג מבולבל
דען ער וויל מעורר זיין דין אונ די ישראל דער וועקן רחמים דען
ווערט זיין כח שלאף אונ ער קען גאר ניט טאן אונ השי"ת איז דן די
וועלט מיט רחמים · קום אונ זעה עס שטייט בכסה ליום חגנו בכסה
איז טייטש די לבנה ווערט צו גידעקט דען איז דר נחש הרע שולט
אונ קען מזיק זיין די וועלט אונ אז מיר זענן מעורר מיט דעם קול
השופר דעם רחמים אזו גייט די לבנה אונ פארט איבר דם נחש אזו
ווערט ער מבולבל גלייך ווי איינר שטייט אוף פון אשלאף אונ אום
יום כפור מוז מען אים אן טאן אנחת רוח מיט דעם שעיר לעזאזל
וואס מען גיט אים דורך דעם ווערט ער נאך אמליץ יושר פר ישראל
אבר אום ראש השנה ווערט ער פר מישט ער קען גאר ניט טאן דען
זעה די התעוררות פון רחמים גייען ארויף מלמטה אונ דר וועקין
דם התעוררות מלמעלה דען איז השי"ת דן די וועלט מיט רחמים
אונ ווערט גיפונען צו זיי אין די צעהן טעג פון ראש השנה ביז יום
כפור מקבל צו זיין אלי וואס וועלן תשובה טאן אונ דרום הט הקב"ה
צו זיי אן גיזאגט צו טאן אמעשה דם דר שטן זאל אוף זיי ניט קענן
שולט זיין אונ ניט ברענגן אוף זיי קיין דין אזו ווי דם רחמנות איז פון
איין פאטר אוף זייני קינדר אונ אלץ הענגט אן אין דיבור ומעשה
מתעורר צו זיין למעלה אזו וויא מען האט מפורש גיוועזן :

# פרשת כי תצא

כי תצא למלחמה על אויביך וראית בשביה אשת יפת תואר וגו' רבי אלעזר איז
גגאנגן אין וועג אונ רבי חייא איז אויך גוועזן מיט אים זאגט רבי
חייא עס שטייט וראית בשבית אשת יפת תואר ווארום הט עס דיא תורה
מתיר גיוועזן אמער עס שטייט דאך לא תתחתן כם זאגט רבי אלעזר
דרום איז זיא מותר ווייל איידר מען הט זיי איין גנומן זענן זיי נאך
אין זייער רשות איז עס אסור אבר אז מען נעמט זייא שוין איין איז
מותר קום אונ זעה מען האט דענסט מאל ניט גיפונן קיין אשה
כשירה צווישן די ז' עממין דרום האט די תורה גישטעלט לעבן בן
סורר ומורה דעם דין פון יפת תואר דען דר וואס הט גינומן איפת
תואר דר הט מיט איר איין בן סורר ומורה ווייל ביי איר איז שווער
די טומאה זאל אוועק גיין דרום שטייט ביי די ווייבר פון מדין וכל
אשה יודעת איש למשכב וגו' וואל צווא דעם מענטשין וואס ער היט זיין
היילגן צייכן דען דורך דעם בהעפט ער זיך אין השי"ת מכל שכן
אז ער איז נאך זוכה במצות התורה אזוא שטארקט הקב"ה זיין
רעכטי האנט אנטקעגין אים אונ בהעפט זיך אין הקב"ה אונ דרום
שטייט ואתם הדבקים בה' אלהיכם בנים אתם לה' אלהיכם :

**בזוהר** חדש שטייט כי תצא למלחמה על אויביך רבי שמעון הייבט אן זנח
ישראל טוב אויב ירדפו · זנח ישראל טוב דאס איז דר יצר טוב וואס
שלמה המלך האט אים גירופן טוב אזו וויא עס שטייט טוב ילד מסכן
וחכם · אויב ירדפו דר פיינט וואס ער יאגט נאך דעם מענטשן דם איז דר
יצר הרע וואס שלמה האט אים גירופן שונא ער הט פיל נעמן שלמה
זאגט אם רעב שונאך אז דר שונא דר יצר הרע איז הונגריג דיך מחטיא
זיין האכילהו לחם גיב אים צו עסין די היילגי תורה וואס זי הייסט לחם
אזו ווי דר פסוק זאגט לכו לחמו בלחמי דרום זאל ער לערנן תורה דאס
צו ברעכט דעם כח פון דעם יצר הרע דרום שטייט והיו הדברים האלה
אשר אנכי מצוך היום על לבבך דם איז דר יצר הרע וואס מיר מוזן אנטקעגן
אים מלחמה האלטן מיט דר תורה אזו ווערט ער איבר גיענטפערט
צום מענטשן אין די הענט דרום שטייט ונתנו ה' אלהיך בידך ושבית שבי
זאגט רבי שמעון וויא אוף דעם תחת עבד כי ימלוך ונבל כי ישבע לחם דם
איז ווען דר מענטש זינדיגט איז דר יצר טוב גיפאנגן ביי דעם יצר
הרע אונ די אברים פון דם גוף זענן אלי בצער אונ דר יצר הרע איז
איבר אים אמלך אבר אז דו וועסט לערנן תורה ושבית שביו וועסטו
פון אים פאנגן זיין שביה דם איז דר יצר טוב וראית בשביה אשת יפת תואר
דם איז די נשמה אזו ווי דר פסוק זאגט אשה יראת ה' היא תתהלל דען
אלי טאג האלטן מלחמה די חיילות פון דר נשמה מיט די חיילות
פון דעם יצר הרע אונ דיא אברים פון דעם גוף זענן תמיד בצער
צווישן דער נשמה אונ יצר הרע והבאתה אל תוך ביתך דען זי איז שון
גיהאט אוועק גישיקט גיווארן אונ די שפחה הט גירשת איר הערין
אונ היינט האסטו זי ווידר בקומן אין דיין הויז אריין אזו בדארף ער
זיא מיט תשובה מטהר זיין אונ זאל זי ריינגן פון דר זוהמא וואס
דער נחש הט אין איר גיווארפן ווייל זי איז אין זיין רשות גיוועזן
וגלחה את ראשה ועשתה את צפרניה דאס זענין דיא זוהמא והסירה את שמלת
שביה דוא זאלסט פון איר אפ טאן די מלבושי טומאה אונ די מיני
טומאה פון דעם חטא העגל דען בשעת מתן תורה האבן זיי מקבל
גיוועזן דיא לבושי קדושה אונ אז זיי האבן גיזינדיגט מיט דעם עגל
הט מען דם פון זיי אוועק גינומן אזו ווי עס שטייט ויתנצלו בני ישראל
את עדים מהר חורב · ובכתה את אביה ואת אמה ירח ימים דם איז דער חודש
אלול דם דער מענטש גיהער וויינן אוף זייני עבירות אונ תשובה
טאן אוף זיי דען אין דעם חודש איז משה ארויף גיגאנגן נאך דעם
חטא העגל צו בעטין אוף די ישראל פר הקב"ה ער זאל זיי מוחל
זיין זייער חטא :

**כי** יהיה לאיש בן סורר ומורה ותפשו בו אביו ואמו וגו' זאגט רבי אלעזר איך פו
ווינדער מיך דרוף אויך האבין מיר אזו גילערנט בשעת הקב"ה
הט גיזאגט צו משה די פרשה פון בן סורר ומורה הט משה גזאגט
רבונו של עולם איז דם דען מיגלך אז אפאטר וועט אזו טאן צו זיי
זון זאגט הקב"ה איך העד וואס דו זאגסט שרייב אוף אונ זיי מקבל
שכר דוא ווייסט אבר איך וויים מער אז דוא וועסט דרשען דעם
פסוק וועסטו גיפינן · באותו שעה הט הקב"ה כרמז גיוועזן צו דעם
שר יפ"ו דר שר פון דר תורה זאגט ער צו משה איך וועל דיר דרשנ
די פרשה וואס זי מיינט כי יהיה לאיש דם איז הקב"ה וואס ער הייסט
איש מלחמה · בן סורר ומורה דם זענן די ישראל אזו ווי דר פסוק זאגט
כפרה סוררה סרר ישראל · איננו שומע בקול אביו ער הערט ניט אין דעם קול פו
הקב"ה ויסרו אותו אזו וויא דר פסוק זאגט וישלח ה' ביד כל נביא וחוזה זייא
זאלן זיי שטראפן ולא ישמע אליהם אזו ווי דר פסוק זאגט ולא ישמע אל ה'
והוציאו אותו דען דר עיקר ויסוד איז די אכילה ושתיה וגמרהו כל אנש
עירו כאבנים דם זענן די בני בבל גיוועזן וואס האבן גישליידרט די ישראל
מיט שטיינר אונ האבן צו בראכן זייערי טויערן · אז משה הט דם
דר הערט הט ער אן גישריבן די פרשה אם לא תדעי לך היפה בנשים דוא
רעכט ווערדיגי פון די ישראל אז דו ווילסט צאי לך בעקבי הצאן דם זענן
די שולין אונ בתי מדרשים ורעי את גדיותיך דם זענן די קלייני קינדו
פון דם רבי וואס זיי האבן נאך קיין חטא ניט על משכנות הרועים דאס

זענען די מלמדים און ראשי ישיבות :
בי אלעזר מיט זיין חבריא זענען גיגאנגען אין וועג דער ווייל איז
גיקומען צו פליהן אטויב רבי אלעזר זאגט צוא איר דו טויב
ימט דאך תמיד כשר און רעכט פארטיג אין דיין שליחות גייא צו
יין שוער רבי יוסי בן לקוניא און זאג אים אז איך מיט דר גאנצר
חבריא קומן אן צו אים אנס וועט דיר גישעהן אין דרייא טעג און
אלסט נאר קיין מורא נימ האבן דען מיר גייען צו אים בשמחה דר
אך זאגט ער איך בין מיך נימ זייער משמח און עס טוט מיר זייער
אנק אויף איין רמון מלא וואס עס איז גיגעבון גיווארון אויף זיין
רט הייסט אויך יוסי אזו איז די טויב אוועק גיפלויגון פון זייא און
חבריא זענען אוועק גיגאנגון פון דעם ארט זאגט רבי אבא צוא
בי אלעזר איך פר וואונדר מיך זייער אויף דער מעשה פון דר
ויב זאגט ער צו אים די טויב איז גקומן צו מיר מיט איין שליחות
ונ זאגט אז מיין שוער רבי יוסי בן לקוניא ליגט שלאף און פון
ירי רייד ווייס איך אז ער איז ניצול גיווארון און אויף זיין ארט האט
מען גיגעבון איין אנדרון רבי יוסי מפקיען ווי זיי גייען אזו קומט
יין ראב און שטעלט זיך פר זיי און שרייט מיט גרוס כח זאגט
בי אלעזר צו דעם שלעכץ ביסטו אן גיבריט מודיע זיין גיי דו
יין וועג איך וייס פריער פון דיר אז ער איז גשטארבן זאגט רבי
לעזר צו דר חבריא מיר וועלן גומל חסד זיין מיט דעם פולן רמון
ייסט רבי יוסי מפקיען דען ער איז אוועק גיגאנגן פון דער וועלט
ונ עס איז קיינר נימ ראוי מיט אים זיך מתעסק זיין ער איז נאהונט
יא אונזר וועג זענען זייא אראפ גיגאנגון פון דעם וועג און זענען
גאנגון אין דעם ארט אריין איז זיי דיא גאנצע שטאט אנטקעגון
גאנגון און די חבריא זענען גיקומון אין דעם הויז פון דעם רבי
סי מפקיען און ער האט גלאזט איין קליין קונד בשעת דר פאטר
יז גישטארבן האט דס קונד קיינום נימ גילאזט צו גנעהן צו דעם
עט נאר ער אליין האט גינעדונט און האט זיך גלייגט אויף אים ער
ט בהעפט זיין מויל מיט דעם פאטרם מויל און האט גיוויינט ער
ט אן גיהובן צו שרייען רבש"ע עס שטייט אין דיין תורה כי יקרא קן
ור לפניך בדרך בכל עץ וגו' שלח תשלח את האם ואת הבנים תקח לך רבונו של
לם זייא דו אליין מקיים דיין תורה מיין פאטר און מוטר האבון
לאזט צוויי קונדר מיך מיט איין קליינו שועסטר האסטו גזאלט
נז צו נעמון פון דר וועלט און זיי לאזון מקיים צו זיין שלח תשלח
 האם ואת הבנים תקח לך רבש"ע אויב דוא וועסט זאגון עס שטייט
אך את האם דוא מוטער אבר נימ דער פאטר עס איז דאך אלץ
ינם פאטער און מוטר און ווידר דוא האסט שוין אונזר מוטער
ונז צוא גינומן האט אונזער פאטר אונז צוא גידעקט מיר זאלון
ענון לעבון אויף דר וועלט היינט האבון מיר נימ קיין פאטר און
ט קיין מוטר וואס וועלון מיר טאן ווי איז דר דין פון דר תורה ער
אט אזו גזאגט און האט זייער גוויינט האבן רבי אלעזר מיט דער
בריא אויך מיט אים גוויינט ווייא ער שרייט און וויינט הייבט אן
בי אלעזר צו זאגן עס שטייט שמים לרום וארץ לעומק ולב מלכים אין חקר ווי
בי אלעזר לאזט אום דעם פסוק איז אראפ איין פייערדוגו זייל און
ט גמאכט איין צווישן שייד צווישן דעם מת רבי יוסי און צווישן
מענטשן וואס זענון דארטן גשטאנן און דס קונד האט בהעפט זיין
 מיט זיין פאטרס מויל און האט זיך נימ אפ גשייד פון אים זאגט

רבי אלעזר אדער הקב"ה וויל דא טאן איין נס אדער ער וויל ניט
מיר זאלון זיך מיט אים מתעסק זיין נאר דיא רייד מיט דעם גוויין
און דס שרייען פון דעם קונד קען איך ניט סובל זיין · ווייא זיי זוצון
אזו הערון זיי איין קול וואס האט גזאגט פול זוכה ביסטו רבי יוסי די
רייד פון דעם קליינום צוקעלו מיט זיינו טרערון זענון ארוף גיגאנגן
פר דעם כסא המלך און האבון גימשפט דעם דין און הקב"ה האט
פר אים מוסר גיוועזן דרייצעהן מענטשון צו דעם מלאך המות און
דיר האט מען מוסיף גיוועזן אויף דיין לעבן צוויי און צוואנצוג יאר ביז
דו וועסט דיין גאנץ צוקלו דס לובו קונד ברענגון צו הקב"ה לערנן
תורה און רבי אלעזר מיט דר חבריא שטיין אויף און לאזן ניט קיין
שום מענטשן שטיין אין שטוב · מיד תיכף האבן זיי דר זעהן אז דר
עמוד אש האט זיך אפ גטאן און רבי יוסי האט גיעפונט זיינו אויגון
און דס קונד האט נאך גהאלטן זיין מויל בהעפט צו זיין פאטרס מויל
זאגט רבי אלעזר וואול איז אונזר חלק וואס מיר האבן זוכה גוועזן
צו זעהן עין בעין תחית המתים זענון זיי גגאנגן צוא אים און דאס
קונד איז חליש גבליבן זאגן זיי צו אים וואול איז דיין חלק רבי יוסי
בריך רחמנא גלובט איז השי"ת וואס ער האט אונז אזו אנס גטאן דורך
די טרערן פון דיין קליין קונד און מען האט דיר גמערט לעבעדוגו
יארון זיי האבון גנומן דס קונד און האבון אים גקושט און האבון
גוויינט מחמת גרוס שמחה זיי האבון דס קונד אריין גנומן אין איין
אנדר הויז און האבן אים תיכף ניט גזאגט אז דר פאטר איז לעבדיג
גווארן דר נאך האבן זיי אים אום גזאגט און האבון זיך דארטון
זייער גפרייט דריי טעג האבון זיי מיט דעם רבי יוסי מחדש גוועזן
פיל חדושים אין דר תורה זאגט רבי יוסי מען האט מיר ניט גגעבון
קיין רשות מגלה זיין וואס איך האב גזעהן אויף יענר וועלט ביז נאך
צוועלוף יאר אבר דרייא הונדרט מיט פונוף און זובעצוג טרערן
וואס מיין קונד האט פר גאסון זענן אלו אריין גגאנגן בחשבון פר דעם
מלך הקדוש און דא שווער איך פר אייך חבריא בשעת מיין קונד
האט אן גהובן דעם דאזונן פסוק און האט גזאגט די רייד זענון דער
צוטרט גווארן צוויי הונדרט שטולן בישיבה של רקיע און אלו זענען
גשטאנן פר דעם מלך הקדוש און האבן גבעטן אויף מיר איז הקב"ה
דר פילט גווארן מיט רחמנות אויף מיר און עס איז אים גפעלן דיא
רייד פון מיין קונד און ווי ער האט זיך מוסר נפש גוועזן פון מיינוט
וועגן און עס איז גשטאנן איין אפוטרופוס און האט גזאגט רבש"ע
עס שטייט דאך ספי עוללים ויונקים יסדת עוז למען צורריך להשבית אויב ומתנקם
לאז אים ביי שטיין דר זכות פון זיין תורה און דר זכות פון זיין
קליין קונד וואס ער האט זיך אזו מוסר נפש גיוועזן פון זיין פאטערם
וועגן אזו האט הקב"ה גרופן צו דעם מלאך המות און האט אים גגעבן
ערבות אנדרי דרייצעהן מענטשן און האט מיך ווידר אום גקערט
אין דר וועלט אריין אויף צוויי און צוואנציג יאר און הקב"ה האט
גזעהן אז איר זענט צדיקי אמת דרום איז דר נס גשעהן פר אייערו
אויגן הייבט אן רבי יוסי צו זאגן עס שטייט ה' ממית ומחיה מוריד שאול
ויעל אין דעם פסוק דארף מען מסתכל זיין ווי אזו זאגט ער ה' ממית
איז דען הקב"ה ממית אמער זיין נאמן איז דאך איין לעבן צו אלי
און קיין מיתה גשוקט זיך ניט צו זאגן ביי אים וועסטו וועלן זאגון
ווייל אז הקב"ה איז מיט דעם מענטשן אזו קען דר מקטרג אים ניט
ממית זיין און אז הקב"ה טוט זיך אפ פון אים אזו קען דר מקטרג

צווא

צו טרעטין אונ ממית זיין עס איז ניט אזו נאר אזו איז דער פשט ה' ממית הקב"ה איז ממית די טומאה מיט דר קליפה דיא אז די טומאה דר זעהט דס לוטרקייט פון כבוד הקב"ה מיד תיכף שר די שרעקניש איז זיא מת פון דער וועלט אונ השי"ת איז תיכף מחיה דעם רוח הקודש פון די מענטשין וואס ער קומט מצד הקדושה אונ איז אים מקיים אין רעכטן שטאנד דס אלץ טוט השי"ת אין איין צייט דעם איז ער ממית אונ דעם איז ער מחיה מוריד שאול ויעל ער מאכט נידרין דעם רוח הקודש אין גיהנם אריין ווס ער הייסט שאול דארט ווערט ער גריינקט אונ ברענגט אים ווידער ארוף אין גן עדן אריין אוף דעם ארט וויא ער דארף אונ איר חברייא זאלט דאס וויסן אז בשעת איך בין אוועק גגאנגן פון דער וועלט איז מיין רוח ארויף גגאנגן אונ ביז השי"ת הט זיא ניט מחיה גוועזן איז מיין גוף גוועזן גשטארבן אונ בשעת מיין קינד הט אן גהובן צו ריידן איז אים די נשמה אום גגאנגן אונ הט בגעגינט מיין נשמה וויא זיא איז ארוס גגאנגן פון דר טבילה פון דעם גיהנם אונ זי איז אריין גגאנגן אוף אזו איין ארט ווי מען האט זיא דארטן גמשפט אונ מען האט איר מוסיף גוועזן צוויי אונ צוואנציג יאר פון וועגן די רייד אונ די טרערן פון מיין קינדי פון היינט אן אונ ווייטר דארף איך עוסק זיין בתורה אזו וויא איך האב גזעהן דען ווייל איך האב אזעלכעם גזעהן טאר איך שון ניט עוסק זיין אין די הבלי עולם ער הייבט אן עס שטייט יסור יסרני יה ולמות לא נתנני דוד המלך הט דס גזאגט אז עס איז איבר גפארין אוף אים אלץ דינג בעולם הזה דאס ער איז אנטלאפן אין אפרעמד לאנד קיין ארץ פלשתים אונ פון אלימען הט אים השי"ת גיהאלפן דרום זאגט דוד דו האסט מיך גשטראפט אוף מייני זינד היינט בין איך שון ריין דען איך האב מקבל גוועזן מיין עונש בעולם הזה ריין צו מאכן מיך בעולם הבא דרום זאגט ער יסור יסרני יה דוא האסט מיך גשטראפט אוף דר וועלט ולמות לא נתנני דוא האסט מיר ניט איבר גלאזט מייני חטאים אוף נאך דעם טוט אזו איך אויך השי"ת הט מיך ריין גמאכט אוף דר וועלט כדי איך זאל ניט קומין בחרפה לעולם הבא :

פתח דם קינד הייבט אן אבינו מת בסדבר והוא לא היה בתוך העדה וגו' אבינו מת איז דען זייער פאטער אליין גשטארבן אין דר מדבר עס זענין דאך גשטארבן כמה רבבות אלא כמה מענטשן קריגן אין דעם איינער זאגט זייער פאטער איז גוועזן איין מקושש עצים ער האט גקליבן האלץ אום שבת דרום איז ער גשטארבן דרום שטייט כחטאו מת אונ אטייל זאגן אנדרשנאר דעם טאג ווס מיין פאטער איז קראנק גווארן הט ער מיך גלערינט אונ איך האב גזעהן וואס איך האב גזעהן דס מיין פאטער הט מיר אן גזאגט אז איך זאל עס ניט מגלה זיין אלא זייער פאטער איז גוועזן צלפחד אגרוסר מאן פון דעם שבט יוסף אונ ווייל ער איז ניט גוועזן קיין גרוסר למדן דרום איז ער קיין נשיא ניט גוועזן אונ ער הט ניט גהיט זיין מול אנטקעגן משה צוא ריידן אוף אים דרום שטייט וימת עם רב מישראל ער איז קיין למדן ניט גוועזן נייערט איין רב משפחה אונ ווייל ער האט גרעט אקעגן משה זאגט ער מת במדבר דס איז לשון דיבור ווייל ער האט גרעט אקעגן משה האבן דיא טעכטר גמיינט אז ער איז אים איין שונא דרום האבן זיי גבראכט זייערי רייד צו משה מיט אלעזר מיט די נשיאים פון דאנן לערנן מיר אף אז איינר פארכט זיך פר איין דיין ער זאל

אים ניט רעכט פסקנן זאל ער אוף אים מוסיף זיין נאך דיינים דע... זעט ער זיך פארכטן פר זיי צו פר קרימען דעם דין אבר זיי האב... ניט גוויסט אז משה איז אגרוסר עניו מכל אדם אונ אז משה הט... גזעהן אז זיי זעצין דיא נשיאים צום דין האט ער זיך נאר אפ גטא... דרום ויקרב משה את משפטן לפני ה' אבער אנדערי דיינים איז ניט א... חאטשי מען איז מוסיף אנדרי דיינים צו זייא שיידן זייא זיך פארכ... ניט אפ די הייסן עזי פנים זיי האבן ניט דיא ענוה פון משה וואו...
צו דעם חלק פון משה :

רבי אלעזר מיט דר חבריא פרייען זיך זייער זאגט רבי יוסי איך... בעט אייך איר זאלט אים חס ושלום קיין עין הרע ניט געבי... דען ער איז נאך ניט אלט קיין פינף יאר זאגט רבי אלעזר פארכ... זיך חס ושלום ניט פר אונזר עין הרע דען מיר קוקן אוף אים בעי... טובה אונ דס ווס דו זאגסט פינף יאר דס איז די פינף יאר אשר אי... חריש וקציר ער זאל ניט פאר שניטין ווערן פון דער וועלט זאגט רב... אלעזר צו רבי אבא מיר וועלן דא זיצן אלי זיבן טאג דען ביז זיבי... טאג איז דס בית נאך ניט מיושב דען ווייל בייא איטלכן וואס ע... שטארבט גייט די נשמה אוועק אלי זיבן טאג פאר דעם טוט או... איז ניט מיושב אוף איר ארט אונ היינט איז זי ווידר אין גוף אריי... גגאנגן איז זיא נאך ניט רעכט מיושב אוף איר ארט זיבן טאג זאגט... רבי אבא צו אים מיר האבן דאך גלערינט פתוח תפתח את ידך לאחי... לענייך ולאביונך פון דעם לערנן מיר אף אז זיין פריינד איז בילכר פו... אפרעמדן דרום שטייט פריער לאחיך אונ דר נאך לענייך אונ דע... נאך לאביונך אונ דיין שווער רבי יוסי בן לקוניא ליגט אוך שלא... לאמיר צו אים גיין גומל חסד זיין זאגט רבי אלעזר וודאי איז רעכ... אזו נאר אז מיר וועלן צוריק גיין וועלן מיר זיך אום קערן אהע... אונ די גאנצי צייט ווס מיר וועלן גיין אהין אונ אהער וועלן מי... אלץ זעהן תחיית המתים זייא קושן דעם ינוקא אונ בענטשן אי... אונ גייען אוועק זאגט רבי אלעזר איך פאר וואונדר מיך אוף די... קינדר פון דעם דור ווי שטארק איז זייער כח זאגט רבי אבא וואו... צו דעם חלק פון דעם סבא פון דעם דור דאס איז רבי שמעון דע... אין זייני צייטן וויל הקב"ה מתקן זיין די צווייי ישיבות אונ מאכן אי... ישיבה גדולה עליונה ווי עס גהער צו זיין דען עס וועט שוין אזו אי...
דור ניט זיין ביז משיח וועט קומין :

# פרשת כי תבא

והיה כי תבא אל הארץ אשר ה' אלהיך נותן לך נחלה ווען דיא נשמה קומ... ארוף אין איר לאנד ווס דאס איז דער עולם המנוחה ונחל... וארץ החיים של מעלה ולקחת מראשית כל פרי האדמה אשר תביא מארצך דא... זענן די מעשים ווס זיי הייסן פרי צדיק עץ חיים אלי מעשים טובים ווא... ער הט גטאן אוף דר וועלט ברענגט ער מיט זיך ושמת בטנא דס א... ער בדארף מסדר זיין לערנן ומעשים טובים איידער ער שטארב... אונ זאמילט דס איין בטנ"א דס באטרעפט בכלי ובאת אל הכהן דס א... מיכאל כהן גדול וואס ער איז משמש למעלה אוף דעם מזבח ש... מעלה ער איז דרוף מקריב דיא נשמות הצדיקים ולקח הכהן נעמ... מיכאל אים מיט זייני מצוות והניחו לפני מזבח ה' אלהיך וענית ואמרת אר... אובד אבי דס איז דר יצר הרע דאס פאר לארן צוא אדם הראשון א...

# פרשת תבא

ורך אים איז נגזר געווארן מיתה צו אלי דורות וירד מצרימה די נשמה ט אראפ גנידרט אוף דער וועלט וואס עס זענען פיל מצרים אונ דיחים וואס זיי ריידן אן דעם מענטשן ער זאל זינדיגן ויגר שם במתי עט דם אין דר יוגנט האב איך קיין פיל מצות ניט גיהאט אבר דר אך ויהי שם לגוי גדול עצום ורב גדול בתורה אונ גדול במצות ומעשים טובים אונ איבר דעם וירעו אותנו המצרים האבן זיך די משחיתים אוף אונז נאך מער גישטארקט דען דר וואס איז גרעסער הט ער אגרויסן צר הרע ויתנו עלינו עבודה קשה מחמת די תאוות וואס דר גוף הט לוסט ו זיי אז מיר האבן גזעהן אז דר יצר הרע שטארקט זיך אוף אונז צעק אל ה' האבן מיר גשריגן צוא גאט ער זאל אונז העלפן וישמע ה' ת קולנו הט אונז גאט גהאלפן ויוציאנו ממצרים ער הט אונז אוס גצויגן פון די מצרים די בלייאידיגר אונ מסטינים דס זענען די פיר יסודות פון פון דעם גוף וואס זיי האבן לוסט צו די תאוות עולם הזה אונ דאס יז אין צער פר דר נשמה האט אונז הקב"ה אוס גלייזט פון זיא רום זאגט ער פיר זאכן ביד חזקה ובזרוע נטויה ובמורא גדול ובאותות ובמופתים ם איז גלוי שכינה דען איטלכר אידר ער שטארבט זעהט ער דיא שכינה אזו ווי דר פסוק זאגט כי לא יראני האדם וחי אז ער לעבט קען ר ניט זעהן די שכינה אבר אז ער שטארבט זעהט ער יוא ויביאנו ל המקום הזה ויתן לנו את הארץ הזאת דאס איז ארץ חיים בעולם הבא ם מיר האבן אצונד זוכה גוועזן ועתה הנה הבאתי וגו' ושמחת דו וועסט ך דארטן משמח זיין מיט דעם גרויסן שכר וואס דו וועסט דארטין עהן אזו ווי עס שטייט מה רב טובך אשר צפנת ליראיך . ולביתך צו דיין גוף ען אז דר גוף איז בטוח אין קבר וועסטו זיך משמח זיין מיט דעם וף והלוי דס איז דר יצר טוב והגר דס איז דר יצר הרע דען דורך דם צר הרע איז ער דם אלץ זוכה אונ הט אזו אגרויסן שכר דרום זענין יך אלי מיט אים משמח אונ אין זוהר פרשת ויקהל שטייט רבי בא זאגט עס שטייט ויאמר ה' לדג ווען האט הקב"ה גרעט מיט דעם יש אלא בשעת ימי בראשית אין פינפטן טאג זענן די פיש בשאפן ווארן הט הקב"ה גבאטן צום פיש איין צוא שלינגן צוא יונה אונ נה זאל ביי אים זיין דריי טאג אזו אוך אלי נסים וואס הקב"ה הט טאן האט ער אלץ אוס גנומן בששת ימי בראשית איין תנאי אז ם זאל אין דר צייט גשעהן דר נס אונ אזו אוך איז איין רמז פון דעם
דג מיט יונה אויף די מעשים פון די לייט :

נה וואס ער הט גגידרט אין דר שיף איז אלץ ארמז אויף דר נשמה זיא נידרט אוף דר וועלט אין גוף ארײַן אונ אז זיא ווערט חברותא מיט דעם גוף הייסט זיא יונה גליך ווי עס שטייט לא תונו יש את עמיתו דען גייט דר מענטש אוף דר וועלט אזו ווי איין שיף יט בים הגדול אונ ער בדענקט זיך אז ער בדארף צו בראכן ווערן ריב הייסט ער אניה דם איז לשון קלאגין אזו וויא עס שטייט תאניה ניה אונ דר מענטש כל זמן ער איז אוף דער וועלט זינדיגט ער אונ יינט ער וועט ניצול ווערן אונ וועט אנטלויפין פון גאט גיצול צו ערן פר זייני עונשים אונ ער איז גאר ניט משגיח אויף יענר וועלט ר זאל טאן מעשים טובים דען שטייט ויטל ה' רוח וגו' ער ווארפט ויף אים אגזירה קשה וחזקה דען דער שטן שטייט פאר אים אונ ערט אלי מאל דין ומשפט אויף דיא חטאים ער מאכט שטורעמן שיף ער איז מזכיר דיא חטאים פון דעם מענטשן צו פייניגן אים ן זייני הענט ער איז אזו לאנג מקטרג ביז ער פאלט ארײַן אין זייני הענט דרום שטייט ויונה ירד אל ירכתי הספינה וישכב וירדם די נשמה נידרט ארײַן אין די זייטן פון דעם גוף זיא הט שון קיין קיום ניט אין דעם גוף אזו ווי פריער וישכב ער ווערט קראנק וירדם חאטשי ער ליגט שון דר וועקט ער זיך פארט ניט ער זאל תשובה טאן שטייט ווייטר ויקרב אליו רב החובל דר וועקט זיך צו אים דר יצר טוב ער איז אזו ווי א שיף מייסטר וואס ער פירט די שיף אין רעכטן וועג אזו פירט דר יצר טוב דעם מענטשן ויקרב אליו אונ גינטהנט צו אים דען ביז אהער האט ער אים מרחיק גיוועזן אונ היינט איז ער זיך שוין מקרב צוא אים אונ זאגט אים מה לך נרדם וואס שלאפסטו אונ דר וועקסט זיך ניט תשובה צו טאן קום קרא אל אלהיך רוף צו דיין גאט דען מען ברענגט דיך אויף לדין אויף אלי דייני מעשים וואס דוא האסט גיטאן אויף דער וועלט דרום דארפסטו תשובה טאן אויף דייני זינד טאמר וועט זיך הקב"ה איבר דיר דר בארעמן ולא נאבד מיר ביידי דר יצר טוב מיט דעם יצר הרע זאלן ניט פר לארן ווערן אזו ווי אויבן שטייט צוזעמשטין זאגין זיי צו אים מה מלאכתך גידענק נאר וואס פר איין מלאכות דוא האסט גיטאן אויף דער וועלט מיט דייני עבירות כאין תבא באדענק דיך פון וואנען דוא קומסט ארויס פון אטיפה סרוחה דרום גיהערסטו זיך מכניע זיין פאר דיין הארין אונ זאלסט זיך ניט האלטען בגאוה אונ תשובה צו טאן זעה נאר מה ארצך פון וואנן דו ביסט בשאפן גיווארן פון דר ערד דר נאך זאגט ער אים ואי מזה עם אתה פון וואס פר אפאלק דו קומסט ארויס אויב דו האסט עפים זכות אבות זיי זאלן אויף דיר מגין זיין פר דעם בית דין של מעלה ויטל ה' רוח סערה על הים דם מיינט מען דעם יצר הרע וואס ער הייסט רוח סערה ער זאל מקטרג זיין צו טאן, אמשפט אזו קומען פיל מלמדי חוב אונ פיל מלמדי זכות אונ אז דער מענטש איז ניט זוכה שטייט ויחתרו האנשים להשיב אל היבשה ולא יכולו די וואס האבן מלמד זכות גיוועזן אויף אים אונ האבין גיוואלט אים ווידער ברענגן אל היבשה דאס הייסט די וועלט ער זאל בלייבין לעבן ולא יכולו האבן זיי ניט גיקענט ווארום כי הים הולך וסוער עליהם דער גזר דין שטארקט זיך זייער אויף אים אזו נידרן אראפ דרייא ממונים שלוחים איינר שרייבט אויף אלי זייני מצות ומעשים טובים אונ אלי זייני עבירות וואס ער הט גיטאן אויף דר וועלט אונ איינר מאכט דעם חשבון פון זייני טעג וויפל ער הט גילעבט איינר וואס איז מיט אים גיגאנגן במעי אמו אונ דער גזר דין ווערט גישטילט ביז דער צייט וואס ער שטארבט וישאו את יונה מען טראגט אים ארויס פון זיין שטוב אויף דעם בית הקברות איז ער איין צדיק רופט מען אויס אויף אים גיט אפ כבוד צו דעם גשטאלט פון דעם מלך יבא שלום ינוחו על משכבותם לאז ער גיין אין גן עדן ארײַן איז ער אבר איין רשע רופט מען אויס ווייא צו דעם מענטשן עס וואלט אים בעסער גיוועזן אז ער וואלט ניט גיבארן גיווארן דען עס שטייט ויטלו אל הים ויעמוד הים מזעפו אז מען ברענגט אים אין קבר ארײַן וואס דארט איז דר מקום הדין ווערט שוין דער רוח סערה גישטילט פון זיין צארן דער מיט וואס ער האט אים גיבראכט למיתה אונ דער קבר שלינגט אים איין וואס שטייט ווייטר ויהי יונה במעי הדגה שלש ימים דם זענן די ערשטי דרייא טעג וואס דיא גידערים אין דער בויך ווערט אים צו שפאלטן אונ דער טינוף ווערט פאר קערט אויף זיין פנים אונ זאגט צו אים נעם דיר צו וואס דוא האסט אין מיר ארײַן גילייגט דוא האסט אל טאג גיגעסין אונ גיטרונקן אונ קיין צדקה האסטו ניט גיגעבן אלי דייני טעג זענען

גיוועזן גליך ווי ימים טובים אונ די עניים זענן הונגעריג גיוועזן דרום
נעם דיר אפ וואס דו האסט אין מיר גיגעבן אזו שטייט וזריתי פרש על
פניכם פרש חגיכם נאך די דרייא טעג איז מען דעם מענטשן דן אויף זייני
אויגן מיט די הענט אונ די פיס ביז דרייסיג טעג איז מען דן דעם גוף
מיט דעם נפש בנאנד אזו ווי אונזרי חכמים האבן גזאגט איין משל
פון אבלינדן מיט אהינקידיגן וואס זענן גוועזן שומרים איז מען מרכיב
דעם חיגר על הסומא אונ דרום אלי דרייסיג טעג ווערט נאך דיא
נשמה גיפונן אויף דר וועלט זיא גייט נאך ניט ארויף צו איר ארט
אזו ווי איין אשה אז זיא איז ניט ריין טאר זי ניט גיין צווישן מענטשן
אזו אויך איז די נשמה אלי דרייסיג טאג דער נאך גייט דיא נשמה
ארויף אונ דר גוף ווערט פאר פוילט אין דר ערד ביז דר צייט וואס
הקב"ה וועט מחיה מתים זיין אונ עס וועט זיך דער וועקין איין קול
צווישן די קברים אונ וועט זאגן הקיצו ורננו שוכני עפר כי טל אורות טליך וארץ
רפאים תפיל ווען וועט דס זיין אז דר מלאך המות וועט אפ גטאן ווערן
ווערין פון דר וועלט אזו ווי דר פסוק זאגט בלע המות לנצח ומחה ה' אלהים
דמעה מעל כל פנים וחרפת עמו יסיר מעל הארץ דען עס שטייט ויאמר ה' לדג ויקיא
את יונה אל היבשה דס קול וועט זיך דר וועקין צווישן די קברים אונ ער
וועט זאגן צו דעם קבר וס ער הייסט דג ער זאל אויס שפייען דיא
מתים אזו וועלן אלי קברים אויס שפייען זייערי מתים אזו וויא דער
פסוק זאגט וארץ רפאים תפיל דיא ערד וועט ארויס ווארפין פון זיך דיא
מתים וס הייסן רפאים ווייל זייא זענן מקבל איין רפואה אונ וועלן
גיהיילט ווערן אביין מיט דעם אנדרן דרום הייסן זיי רפאים אויב דו
וועסט פרעגן עס שטייט דאך ביי די רשעים רפאים בל יקומו זייא וועלן
ניט אויף שטין נאר דער אמת די גאנצי וועלט וועלן גיהיילט ווערן
דיא בייער בבית הקברות נאר אטייל וועלן אויף שטין אונ אטייל
וועלין בלייבין ליגן אויף זייא שטייט רפאים רפאים חאטשי זייא וועלן
גהיילט ווערן בל יקומו וועלין זיי פארט ניט אויף שטין וואול איז דער
חלק פון דיא ישראל וואס ביא זייא שטייט נבלתי יקומון אונ אזו וויא
דער פיש וואס האט איין גישלונגן צו יונה איז ער באלד גיפייגערט
אונ נאך דרייא טעג איז ער ווידער לעבידיג גיווארן אונ האט צוא
יונה אויס גישפויגין אזו אויך די ערד הייסט אצונד מת אונ לעתיד
וועט זיא נאך געבין חיות צוא אנדרי אונ אזו אויך איז ארץ ישראל
אן גיברייט צום ערשטין זיך דער וועקין אויס ציהען דיא מתים אונ
דער נאך דיא ערד פון חוצה לארץ • זיבן דינים גייען איבער אויף
דעם מענטשין בשעת אז ער גייט אוועק פון דער וועלט איינס איז
דער דין העליון בשעת אז דער רוח גייט ארויס פון דעם גוף • דער
אנדערער דין בשעת זייני רייד אונ זייני מעשים גייען פר אים אונ
רופן אויף אים אויס אזו ווי אויבן איז גשטאנן • דר דריטר דין בשעת
אז מען ליינט אים ארין אין קבר ארין • דער פערטער איז חיבוט
הקבר • דר פינפטר אז די ווערים עסין זיין פלייש • דר זעקסטר איז
דינה של גיהנם • דר זיבעטר דין איז אז דר רוח שוועבט ארום אויף
דער וועלט אונ גפינט ניט קיין מקום מנוחה ביז ער קומט אפ אויף
ייני מעשים דרום גיהער איטליכער מענטש זעהן בודק זיין זייני
מעשים אונ זאל אויף זייא תשובה טאן פאר זיין הארן • אונ אז דוד
מלך הט גזעהן די אלי דינים וס קומן אויף דעם מענטשן הט ער
יך מקדים גיוועזן אונ זאגט ברכי נפשי את ה' מיין נפש לויב צו השי"ת
כל זמן דו ביסט נאך אין דעם גוף איידר דוא גייסט ארויס פון דער

וועלט וכל קרבי את שם קדשו דס זענן די אברים פון דעם גוף וואס זיי
זענן בשותפות מיט דעם רוח ווייל איר זענט נאך בנאנד זייט אי
מקדים צו בענטשן דעם שם הקודש איידר עס קומט דיא צייט וואו
איר וועט ניט קענן תשובה טאן אונ לויבן צוא השי"ת דרום שטיי
ברכי נפשי את ה' הללויה • אין זוהר חדש שטייט די חכמים האבן אמא
גיפרעגט צו רבי שמעון אויב צווישן די קללות פון משנה תורה א
פר האנדן עפיס נחמות אדר עס איז צווישן זיי גאר ניט פאר האנד
קיין שום נחמות דען רבי שמעון בן יוחאי זיין זון רבי אלעזר זענע
אנטלאפן גיווארן אין דר מדבר ארין ווייל ער הט אויף זיך גיהא
אבלבול זענן זיי גיקומן אין אהייל ארין איז זיי גישעהן אנס עס ה
ארוס גשפראצט אבויקסרן בוים מיט אקוואל וואסר פון דעם האב
זיי גיהאט זייער עסן אונ טרינקן אונ אליהו פלעגט צוא זייא קומ
צווייא מאל אין טאג אונ הט מיט זיי גילערינט אונ קיינר האט ד
פון ניט גיוויסט אמאל האט זיך גיטראפען די חכמים פון דעם בי
המדרש האבן זיך מפלפל גיוועזן אונ האבן גיזאגט אז די קללות פ
פרשת בחוקותי זענן אנטקעגן חורבן בית ראשון אונ די קללות פו
משנה תורה זענן אנטקעגן בית שני וואורום אין דיא ערשטי קללו
שטייען גוטי הבטחות אונ דס ליבשאפט פון הקב"ה צו די ישרא
אזו ווי עס שטייט וזכרתי את בריתי וגו' ואף גם זאת וגו' אונ אין די קללו
פון משנה תורה שטייען גאר ניט קיין שום גוטי הבטחה אונ קיי
שום נחמה שטייט דארטן ניט דער מאגט אזו וויא ביי דיא ערשט
קללות וס בטייט דאס האט קיינר ניט גיוויסט דרויף צוא זאגן קיי
תירוץ שטייט אויף רבי יהודה בר אלעאי אונ זאגט מיר דארפע
קלאגן וואס רבי שמעון בן יוחאי איז גימינערט גיווארין פון אונז ד
קיינר ווייסט ניט ווי ער איז אונ אפילו דר וס ווייסט זיין ארט טאר
ניט אויס זאגין ווי ער איז גיקומן דעם אנדערן טאג שטייט רבי יוס
פר רבי יהודה הט ער גיזעהן עופות פליהן אונ אטויב איז זייא נאך
גיפלויגן אזו הט ער זיך גישטעלט אויף זייני פיס אונ זאגט צוא דער
טויב יונה דו בגלייבטע דו ביסט דאך גיגאנגן אין שליחות פו
נח בימי דור המבול אונ האסט בנאמנות גטאן דיין שליחות אונ ד
כנסת ישראל זענן אויך צו דיר גיגליכן עס איז שיין צו דיר צו טא
שליחות דרום זאלסטו מיר אויך טאן מיין שליחות צוא גיין צו רבי
שמעון אונ מיר מודיע זיין ווי ער איז • אונ נעם דס בריביל מיד תיכף
איז זיא ארויף גיגאנגן צו אים אונ האט גינומן דאס בריביל אונ אי
גיקומן צו רבי שמעון אין זיין הייל אונ האט אים אפ גיגעבן דאס
בריביל • רבי שמעון לייענט עס אונ ער מיט זיין זון רבי אלעזר
וויינן אונ זאגט איך וויין וואס איך בין אפ גישייד גיווארן פון דיא
חכמים אונ ווידר וויין איך ווען זיי ווייסן דס ניט וס וועלן שוין טאן
די דורות וס וועלן זיין נאך אונז • דר ווייל איז גיקומן צו זיי אליהו
אונ זעהט וויא זייא וויינן זאגט ער איך בין אן גיברייט צוא גיין אי
אנדר שליחות נאר הקב"ה הט מיך גישיקט דייני טרערן שטילן ער
זאגט אוי רבי מען הט אצונד ניט בדארפט מגלה זיין דיא
רייד צו די צדיקים נייערט גאט הט אזו גיזאגט אונ גילערינט אין ד
ערשטי קללות שטייען צווייא אונ דרייסג פסוקים אנטקעגן דיא ל"ב
נתיבות פון דר תורה אונ אין דר אנדרר תוכחה שטייען דרייא או
פופציג פסוקים אנטקעגן דיא נ"ג פרשיות פון דר תורה • אין גלו
בית ראשון האבן די ישראל עובר גיוועזן די ל"ב שבילין וס זענן פר
הגלז

ילן און פר בארגן דרום האט הקב"ה מגלה גיוועזן זייערע עבירות
ן זייער קין · אבר די תוכחה פון משנה תורה איז אנטקעגין בית
י ווס די ישראל האבן עובר גיוועזן אויף דיא נ"ג פרשיות פון דער
רה ווס זענען אנטפלעקט דרום איז זייער חטא פאר שטאפט און
ר הוילן גיווארן דרום שטייען ניט קיין נחמות טובות אזו וויא אין
ער תוכחה · דר וויל איז גיקומן אווינט און האט צוא אליהו אפ
שייד פון רבי שמעון און אליהו איז ארויף גיגאנגען אין איין גלגל
ל אש און רבי שמעון בלייבט אליין און וויינט און וויל ארויס
יפין פון דער מערה דער וויל קומט ווידער אליהו און זאגט
טייא אויף רבי שמעון וואול צוא דיין חלק דען הקב"ה באגערט
ן דיין כבוד דוא ווערסט אין דער תוכחה אויך גיפינען נחמות און
בטחות · קום און זעה איין פאטער אז ער הט ליב זיין זון חאטשע
שעלט אים אדר ער שלאגט אים איז פארט זיין רחמנות אויף
ים אזו אויך הקב"ה חאטשי ער האט זייא גישאלטן זענן דאך פארט
נגע רייד פול מיט רחמנות זייא ווערין אן גיזעהן ווי עס איז דורך
לות און צום סוף זענען זייא גרויסי טובות דיא קללות זענן מיט
חמנות ניט אזו וויא ביי דער ערשטר תוכחה זענן פיל דינים קשים
בר דא איז דין מיט רחמים · גלייך אזו ווי איין פאטר וואס ער איז
ך מרחם אויף זיין קינד אז ער וויל אים שלאגין אזו הייבט ער אויף
י רצועה אין דער הויך און מאכט אגרויסן פחד אבר ער גיט אים
ליינע שלעק מיט גרויס רחמנות און דיא גרעסטי קללה פון דער
וכחה איז גם כל חלי וכל מכה אשר לא כתוב בספר התורה הזאת יעלם ה' עליך
ר השמדך יעלם איז לשון פאר הולין הקדוש ברוך הוא ווט פר הוילן
ון דיר דיא קללות און ווט זייא מבטל זיין אין נוקבא דתהום
בא דארטין וואו אלע קללות רוען זייא זאלין ניט קענען ארויס
ון זייא ווילין דארטין זיינפר בונדין און פר דעקט עד השמדך מהר
ביז ער ווט דיך פאר טיליגין פון זייא דאס זייא ווילין ניט זיין
עולם ולעולמי עולמים דען הקב"ה הט גישווארין ער זאל די ישראל
יט פר דארבין און זייער גידעכניש זאל בלייבן אייביג אזו וויא דר
פסוק זאגט כן יעמוד זרעכם ושמכם און אויך שטייט הי אני אם ימדו שמים מטעל
און וויל תשי"ת האט גישווארין אז ער ווט זייא ניט פאר דארבין
דרום ווילין אלי מכות און חלאים פר בארגן זיין אלי קללות ווילין
פאר דארבין ווערין פון דער וועלט דרום לאזט זיך אויס והשיבך ה'
מצרים באניות בדרך אשר אמרתי לך לא תוסיף עוד לראותה והתמכרתם שם לאויביך
עבדים ולשפחות ואין קונה דם זענן אלע הבטחות און נחמות ווס הקב"ה
הט אן גיבריט צו טאן צו די ישראל והשיבך ה' מצרים באניות דם זענען
די הבטחות צו טאן ניסים ונפלאות און אזו ווי עס איז גיוועזן גרויס
שמחה און שירה אזוא ווט ווידער זיין און אלץ הענגט אן אין
תשובה אזו ווי דר פסוק זאגט למען תשכילו את כל אשר תעשון ווער עס הט
אין הארץ זאל ער וויסן און פר שטיין תשובה צו טאן צו זיין הערן·
זאגט רבי שמעון אין דר תוכחה איז אנטפלעקט גיווארן דיא גאולה
פון ישראל און וואו מען מיינט עס איז אגרויסע קללה איז דארטין
אר אברכה והיו חייך תלואים לך מנגד ופחדת לילה ויומם ולא תאמין בחייך כלומר
דוא ווערסט דיר אליין ניט גלייבין אין דיין לעבין עס ווט דיר איין
ספק זיין אויף דיין לעבין מחמת מורא אבער עס ווט דיר גאר ניט
שאטין און דיין לעבין ווט צו רעכט באשטאנד האבן דם הט אלץ
רבי שמעון פאר נאכט אוף גישריבן און הט דאס בריביל גיגעבן אין

דעם מויל פון דר טויב דען זיא הט אלץ גיווארט דרויף און זיא איז
ווידער גיקומען פאר רבי יוסי · זאגט ער דוא יונה דוא ביסט תמיד
א שליח נאמן ער לייענט אויף איר ותבא אליו היונה לעת ערב והנה עלה זית
טרף בפיה ער הט גינומען דם בריביל און איז גיקומען צוא די חכמים
און ווייזט דאס זיי · זייא פאר וואונדערן זיך זייער דרויף רבי יהודה
וויינט און זאגט חאטשע מיר זענן ניט ביי אים טוען מיר זיך פארט
מתעורר זיין פון אים און לערנען פון אים · זכאה איז דם נפש פון
רבי שמעון בן יוחאי דם הקב"ה טוט אים ניסים און ער איז גוזר און
הקב"ה איז מקיים און לעתיד ווט ער זיין דר ראש פון דיא צדיקים
ווס ווילן זיין אין גן עדן און ווילן מקבל זיין פני השכינה און ווילן
זעהען הקב"ה און ווילין משתעשע זיין מיט אים און רבי שמעון
ווט צוא זיי זאגין בואו נשתחוה ונכרעה נברכה לפני ה' עושנו :

# פרשת נצבים

אתם נצבים היום כולכם לפני ה' אלהיכם וגו' רעיא מהימנא בחודש השביעי
באחד לחודש די מצוה איז מזאל בלאזן שופר אום ראש השנה דען
דען ער איז איין יום הדין אזו ווי מיר האבין מפורש גיוועזן תקעו בחודש
שופר בכסה ליום חגנו דם איז דיא לבנה איז פר דעקט און די מקטריגים
שטארקן זיך און דר מקטרג פר שליסט אלע טירן ביי דעם מלך מען
זאל טאן דין ומשפט אוף די מענטשן דען ער הט אים דרויף רשות
גיגעבן ער זאל פעדערין אלע דינים פון דר וועלט און הט אים אפ
גיגעבן איין טאג ער זאל ברענגען אלע עבירות פון דיא לייט און
הקב"ה הט דם גיטאן כדי די וועלט זאל מורא האבין פר אים און דם
איז והאלהים עשה שיראו מלפניו דען די מענטשן זאלן פר גאט קיין מורא ניט
האבן פר דעם עונש אז דר מקטרג זאל ניט ברענגען אלע עבירות
וואלטן זיי אלע שלעכץ גיטאן דרום זאגט ער והאלהים עשה גאט הט
באשאפין דעם יצר הרע דעם מקטרג כדי שיראו מלפניו מען זאל זיך
פר אים פארכטין און הקדוש ברוך הוא הט אים אן גגרייט מיט איין
שארפע שווערד אוף דר וועלט אזו ווי איינשר הט ביי זיך איין תליין
וואס ער טוט איין דין אויף דיא לייט אזוא אויך איז ער ממית און
שטראפט זיי אזו ווי דר דין גייט ארויס מלמעלה און ער הט רשות
מזכיר צו זיין דר הט אזו גיטאן און דר אזו און ער הט רשות צוא
שליסן דיא טירין למעלה ביז מען ווט אים טאן איין דין ומשפט
למעלה און דם בית דין האט ניט קיין רשות אים דוחה צו זיין :
דען עס שטייט כי ה' אוהב משפט ער וויל אז די וועלט זאל שטיין בדין
און מען זאל וויסן אז עס איז דא איין דין און איין דיין אויף דער
וועלט און אום ראש השנה הט ער רשות צו פר שליסן די טירן פון
דעם מלך און די לבנה ווערט פר דעקט אינעווייניג ביז עס ווערט
נגזר דר דין אוף דר גאנצער וועלט חאטשע עס איז אלץ אנטפלעקט
פר הקב"ה פון דעסט וועגן באגערט ער אז עס זאל אלץ זיין על פי
דין דרום האט ער מתקן גיוועזן איין כסא דין דעם טאג און דער
מקטרג קומט און בגערט דין אויף דיא מעשה בני אדם איטליכין
זיינע מעשים ווס ער הט גיטאן און עס קומען עדות און זאגין אלע
מעשים פון דעם מענטשן און זייא הייסן עיני ה' משוטטות בכל הארץ די
מלאכים שוועבין אוף דר גאנצר וועלט און זעהען אלע מעשה בני
אדם ווי צו די לייט דען זיי זעהן ניט אז די עיני ה' שטייען ביי זייא
און זעהן אלץ און זאגן דם אויבן און דר מקטרג בגערט מען זאל

טארנו

טאן איין משפט אונ זאגט דר הט אזו גטאן אונ דר הט אזו גטאן
אונ זיי זאגן אים עדות אונ כל זמן הקב"ה פרעגט זיי ניט זאגן זיי
ניט קיין עדות אונ וואס זיי זאגן ווערט אלץ פר שריבן פר דעם מלך
עס איז פר האנדן אויבן איין היכל וואס ער איז פול מיט ווייס פייער
עס איז זיך אלץ מתגלגל אונ פלאמט מיט פונקן פייער עס הערט
קיין מאל ניט אויף אין דעם היכל איז ווידער פר האנדן איין היכל
מיט שווארץ פייער אונ פאר דעם מלך שטייען בשעת הדין צוויי
שרייבערס בשעת דיא עדות זאגן עדות נעמען זייא פון דעם ווייס
פייער אונ שרייבן דרויף מיט שווארץ פייער אונ דר מלך הקדוש
לייגט אפ דעם משפט אויף איין שפעטערער צייט טאמער וועט ער
דר וויל טאן תשובה טוט ער תשובה צו רייסט מען דעם גזר דין
אונ אויב חלילה ער טוט קיין תשובה ניט אונ דר מלמד חוב שטייט
אלץ פאר דעם מלך מקטרג זיין דען גייט אוים איין כרוז אונ רופט
סב"ס הט דם אונ דם גטאן ווער עס הט עפס אוף אים איין זכות זאל
קומען אונ זאגן איז דא איין מלמד זכות אויף אים איז גוט אונ אז
ניט גיט מען תיכף דעם גזר דין צוא דעם מקטרג דעם שטן אין דיא
הענט אריין אונ חאטשע הקב"ה ווייסט דאך אלע דינג פון דעסט
וועגן טוט ער דיא אלע זאכן כדי דער מענטש זאל ניט האבן קיין
פתחון פה אז הקב"ה טוט חס ושלום איין אום רעכטן משפט אויב
דו וועסט פרעגן פון וואנען ווייסן מיר די אלע זאכן זאג איך דיר
עס איז אזו נמסר גווארן צו די חכמים אונ אפילו וועלכר מענטש
עס ווייכט דס ניט זאל ער זעהן ווי אזו עס פירט זיך בנגלה בבית דין
של מטה אזו אויך פירט זיך למעלה במס' הנסתרדעו הקב"ה הט אלץ
בשאפין אוף דר וועלט למטה אין דעם גשטאלט ווי עס איז אויבן
אונ הקב"ה הט ליב משפט אזו ווי עס שטייט אני ה' אוהב משפט דאך
איז די אהבה מנצח דעם משפט דען די אהבה פון זיינע קינדר איז
גרעשער וויא די אהבה פון דעם משפט נאר וויל דער מקטרג
קומט אונ בגערט משפט אוף זיי דארפן דיא אלע זאכן גטאן ווערן
אונ דרום הט הקב"ה גיהייסן די ישראל זיי זאלין שופר בלאזין אום
ראש השנה מען זאל מיט דעם קול פון אונטין דער וועקן דעם
רחמים למעלה:

בזוהר בלק שטייט דר פסוק וישא עיניו וירא את הנשים ואת הילדים ויאמר מי
אלה לך איז גזאגט גווארן בסוד החכמה עס גייט אוף יום כפור
דס די גאנצי וועלט שטייט בדין פר הקב"ה ער זאל זייא פר געבין
זייערי עבירות אונ דר ס"ם דר מקטרג שטייט אנטקעגין צו פר לירן
זיי איבער זייערי עבירות אזו שיקן זייא אים איין מתנה דעם שעיר
המשתלח דרום זאגט יעקב אכפרה פניו במנחה ההולכת לפני אונ אז ער
איז שוין מקבל די מתנה הייבט ער אוף זייני אויגין אונ זעהט אלי
ישראל שטייען אונ פאסטן זייא גייען אן שיך דיא ווייבער מיט דיא
קינדער פייגן זיך אונ פאסטן אויך אונ זענען זיך אין דעם טאג
זייער מטהר פרעגט ער מי אלה לך וואס גהער דס צו איך קליינע קינדר
איר הט דאך ניט גיזינדיגט אזו ווי די גרויסע פאר וואס פייניגט איר
זיך ויאמר ענטפערט אים דר רוח הקודש אשר חנן אלהים את עבדך דען די
קליינע קינדער וואס זיי האבן ניט גיזינדיגט האט זיי הקב"ה מוסר
גיוועזן צו דעם ממונה וואס ער ברענגט זיי אום פון דער וועלט מיט
אסכרה אן איין שום עבירה אזו וויא עס שטייט וסיד עושקיהם כח דרום
זאגט ער אים דס זענן די קליינע קינדער וואס הקב"ה האט גילייט
זעליגט צו דיין קנעכט דעם ממונה ער זאל זיי צו נעמען פאר דר
צייט ווי ער דר הערט די רייד גייט ער ארויף פר הקב"ה אונ זאגט
רבש"ע אלי דייני וועגן זענן דאך דין אונ אמת חאטשי דר דין רועט
אוף די ישראל וואס האבן גיזינדיגט די קליינע קינדר זיי האבין דאך
פר דיר גאר ניט גיזינדיגט פר וואס האסטו זיי מוסר גיוועזן למיתה אן
איין שום עבירה אזו פר נעמט הקב"ה זיינע רייד אונ איז זיך מרחם
אוף זיי אונ דער מקטרג איז דאך מתקנא אין זיין ממונה וואס איז
אונטער אים אונ זאגט מיר גיט הקב"ה גרויסע מענטשן וואס האבן
שוין גיזינדיגט אונ דוא האסט איין שליטה אפילו אויף דיא קליינע
קינדער וואס האבין נאך קיין שום עבירה ניט גיטאן ביסטו דען
גרעסער פון מיר מיד תיכף וויל ער זיי אוים צידען פון זיין האנט
ער זאל איבר זיי קיין ממשלה ניט האבן דרום איז דער רוח הקודש
מקדים אונ זאגט אים הילדים אשר חנן אלהים את עבדך דיין קנעכט זאל
האבן אזו איין גרויסע ממשלה ער דארף ניט בעסר זיין פון דיר אונ
בשעת די תפלות קומען אין דעם טאג פר הקב"ה אזו ווי עס שטייט
והוא עבר לפניהם וישתחו ארצה שבע פעמים אזו לאנג מאכן זיי זיך קליין ביז
זיי קומען עד גשתו עד אחיו דס זיי גייען אריין למדת הרחמים דאס איז
דר אור וואס לייכט ביום הכפורים דען איז דר רחמים שולט אונ איז
מכפר זייערע זינד דרום שטייט כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם וגו':
רבי אלעזר מיט דר חבריא זענן גיגאנגען אין וועג אונ עס איז גוועזן
זייער איין הייסער טאג די זון הט זייער גיברענט דר וויל זענן
זיי גיקומען צו איין פעלד זעהן זיי אז דם פעלד איז פול מיט שיינע
קרייטעכצר אונ זייער ריינע וואסער אויף אלע זייטן מיט פיל ביימר
האבן זיי זיך דארט אנידער גיזעצט זאגט רבי אלעזר וואס פר איין
שיין ארט דס איז עס איז גוט אויף דעם ארט זיך אפ צו רוען וויא
זייא זיצין אזו קומט איין גרויסער שלאנג מיט שטארק כח אונ לויפט
דורך פר זיי ווי רבי אלעזר הט אים דער זעהן זאגט ער צו דעם
שלאנג דו נחש קער אפ פון דיין וועג דען דער מענטש האט שוין
גיטאן תשובה אונ הט חרטה אויף זיין עבירה וואס ער הט גיטאן
ער וועט שוין ווייטער דס ניט טאן האבין זיך די חבריא זייער פר
וואונדערט פרעגט אים רבי אבא וואס איז דאס זאגט רבי אלעזר
שווייגט איר שטיל זאגט ער נאך איין מאל נחש נחש נאך דעם אז
מען הט דיר געבן רשות אוף דעם מענטשן האט ער חרטה גהאט
אונ הט אויף זיך מקבל גיוועזן אז ער וועט דס שוין קיין מאל ניט טאן
די עבירה דרום קער זיך אפ פון דיין וועג אזו איז דר שלאנג גיבליבן
שטיין אין זיין שטאנד אונ הט זיך ניט אוועק גיקערט פון זיין ארט
ווי רבי אלעזר הט דס גזעהן זאגט ער נחש נחש איך ווייס וואל וואס
דו ווילסט גיי אוועק פון דיין וועג דא איז פר האנדין איין רשע וואס
ער הט גטאן שלעכץ ער שלאפט ביי דר הייל גייא צו אים אונ זייא
אים ממית מיד תיכף איז דר נחש צוריק גגאנגען אונ שפרינגט אונ
לויפט פר זיי זאגט רבי אלעזר ווען איך וואלט זיך ניט באטראכטן
וואלט דר שלאנג גיטאן פיל שלעכץ דען איין יהודי הט איין מאל
גיטאן איין עבירה אונ הט תיכף חרטה גהאט אונ איידער ער הט
גיטאן תשובה הט מען פון אויבן גיגעבין רשות צו דעם שלאנג ער
זאל אים הרגנן דר וויל האט דער מענטש גיטאן תשובה אויף דער
עבירה אונ הט אויף זיך מקבל גיוועזן ער זאל שוין די עבירה ווייטר
ניט טאן אונ דרום איז ער גיצול גווארן זאגן די חבריא צו אים וויא

אזו

אזוא האסטו דס אלץ גיוואוסט זאגט רבי אלעזר מיין פאטער רבי שמעון הט מיר מוסר גיוועזן איין סימןאונ דורך דעם סימן האב איך אלץ דס פר שטאנן זאגן זיי צוא אים אמת איז אבר ווי אזו האסטו גיוואוסט אז דר מענטש הט תשובה גיטאן זאגט רבי אלעזר דען בשעת דר שלאנג איז גלאפן מיט גרויס איילינש אונ מיט גרויס רוגז איז איין רוח פאר אים גלאפין אונ הט גרופן דעם שלאנג אונ זאגט קער זיך אום פון דיין וועג דען דר מענטש הט שוין תשובה גטאן אונ דר נחש הרע הט ניט גוואלט הערין ווייל מען הט אים שוין אפ גיגעבן אין דר האנט צו טאן וואס ער וויל ביז מען זאל אים געבן איין אנדערן מענטשן אויף זיין ארט דען ווייל דר מענטש איז שוין חייב מיתה גוועזן דורך איס חאטשע ער הט שוין תשובה גטאן מוז דר שלאנג טאן זיין שליחותדען אזו איז דר סדר פון דעם צד הטומאה דר נחש עליון ונחש תחתון אז מען גיט זיי רשות אויף עפעס איין זאך קערט ער זיך צו ריק ניט אום ביז ער טוט זיין דין הרע וואס מען הט אים רשות גגעבן אדער מען גיט אים איין אנדערן אויף דעם מענטשינס ארט נפש תחת נפש איין רשע פר דעם אנדערין זאגין זיי צו אים ווי אזו האסטו גוויסט אז דר רשע ליגט דארטן אויף דעם ארט לעבן דר הייל זאגט רבי אלעזר בשעת דר רוח איז גגאנגן נאך דעם שלאנג זיא זאל זיך אום קערן צוריק הט ער אזו אויס גירופין דען דר מענטש הט חרטה גיהאט אויף זיין עבירה אונ הט תשובה גיטאן אונ דר רשע איז אנגבריט אויף דעם ארט מען זאל אים הרגן פר דעם מענטשן זאגט רבי אלעזר צו דר חבריא קומט וועלן מיר גיין זעהען ציא דער נחש האט גיטאן זיין שליחות זענן זייא אויף גישטאנן אונ גינעהן צו איין שטיין זעהן זיי איין רשע ליגט גהרגת אונ דער שלאנג הט זיך פריער ארום גיוויקילט אויף דעם האלז דר נאך איז ער ארויף אויף זיינע פיס אונ האט זיך פון אים ניט אפ גישייד אונ זיי האבין ביי אים גיפונן איין ביי נארטיל מיט רענדלך וואס ער הט אוועק גינזילת פון איינעם אונ האט אים נאך גישלאגן זאגט רבי אלעזר גלויבט איז השם יתברך וואס ער הט פיל שלוחים צוא שטראפן האבן זייא זיך ווידער אום גיקערט אויף זייער ארט אין דעם פעלד ארין וויא זייא זענין פריער גיזעסין :

פתח רבי אלעזר הייבט אן צו זאגן עס שטייט אין פסוק מאשר יקרת בעיני נכבדת ואני אהבתיך ואתן ארם תחתיך ולאומים תחת נפשך ווארום שטייט מאשר יקרת איז משמע דו האסט זיך אליין גימאכט טייער אין מיינע אויגן עס וואלט גידארפט שטיין מאשר יקר דוא ביסט ממילא טייער אין מיינע אויגן נאר דאס גייט אויף דעם מענטשן וואס ער זינדיגט פר הקב"ה ער פר מיאוסט זיך אין זיינע אויגן אונ ווערט פר שעמט· דר נאךאז ער טוט תשובה ווערט ער אליין פון זיך זעלברט זייער טייער אונ השי"ת זאגט אויף אים מאשר יקרת בעיני דו האסט זיך אליין טייער גימאכט אוף מיינע אויגן נכבדת ואני אהבתיך דרום טו איך דיך ערליך האלטן אונ האב דיך ליב דען עס איז ניט דא אזו איין אהבה פון הקב"ה ווי ער האט ליב צו דםזום ער האט פריער חרפה גיהאט אונ דר נאך הט ער תשובה גיטאן אבער וואס זאל איך טאן איידיר דו האסט תשובה גיטאן האב איך גיגעבן רשות צוא דעם נחש של מעלה ער זאל טאן אין דיר דין נאר דאס איז דיא עצה חאטשע איך האב אים שוין גגעבן רשות ואתן אדם תחתיך דס מיינט מען דעם אדם של מעלה ס"ם וום ער הייסט אדם בליעל וואס פון אים קומט למטה דר נחש התחתון צו טאן איר שליחות ולאומים תחת נפשך וועל איך געבן פר דיר · אזו ווי זיי זיצן קומט דר מענטש וואס דער רשע הט אים גישלאגן אונ הט אים באנזיקת אונ הט בייא אים צו גינומען דעם ביי נארטיל געלט אונ ער קומט נאר מיד מחמת דעם לויפן אונ מחמת גרויס היצגייט ער אין פעלד אונ זעצט זיך אונטער איין בוים אונ בעט צו הקב"ה אונ איז אוף זיך מצדיק דעם דין אונ זאגט רבונו של עולם איך האב ניט קיין צער פון מיינט וועגן אונ פון מיין גוף וועגן אונ בין מיך ניט מצער וועגן מיין געלט דען אלץ וואס דוא האסט מיר גיטאן איז אלץ בדין נאר עס איז מיר שלעכט וועגן מיין אלטן פאטער אונ מוטער מיט וואס וועל איך זיי מפרנס זיין איבר אלימען איז מיר שלעכט עס איז צוושנדי געלט גוועןאבייטל מיט געלט פון איין ארומאן ער הט בדארפט דר מיט חתונה מאכן זיין ארומע טאכטער וום וועל איך היינט טאן אויף דעם טוט מיר ווי מיין הארץ ער זיצט אונ וויינט אונ זאגט משפטי ה' אמת צדקו יחדו דיא דינים אונ משפטים פון גאט זענן אמת בשעת גאט ווייל טאן אדין שטייען כמה מלאכים פון דר זייט אונ פון דר זייט פון גאט אונ זיי האבין איין ויכוח איינער מיט דעם אנדערין פאר הקב"ה ביז זייא זענן אלע מסכים אין דעם דין דרום איז משפטי ה' אמת ווען איז דאס אמת אז צדקו יחדו אז דם בית דין של מעלה האבן אויך מצדיק גוועזן דרום רבונו של עולם אויף דעם אלימן וויין איך ניט נייערט אויף דעם געלט פון דעם עני אונ אויף מיין פאטר אונ מוטר· אז רבי אלעזר מיט דר חבריא האבן דם גהערט אזו גיין זיי צו אים אונ נעמן אים אן אז ער זאל צו זיי גיין זאגט רבי אלעזר צו אום פארכט דיך ניט דו צדיק אמת ווען דו וואלסט ניט זיין קיין רעכטער צדיק וואלט דיר הקב"ה ניט גיטאן אזוא איין נס צום ערשטן נעם אפ דיין געלט אונ דר נאך גייא אונ זעה וואס פר איין נס הט הקב"ה צו דיר גיטאן פון דיינט וועגן ער גייט מיט זיי אהין אונ זעהעט זיי דר נזקן ליגט אונ דר נחש טוט אלץ אזו ווי פריער ער גייט פון איין ארט אויף דעם אנדערין ער פר שפרייט זיך פר זיי אוף דר ערד אונ לויבט צו הקב"ה אונ שטייט אויף אונ קושט די הענט פון רבי אלעזר מיט דר חבריא אונ זאגט צו זיי היינט ווייס איך אז הקב"ה הט מיר דעם נס גיטאן אין אייער זכות רבנן אונ וועגין מיין אלטע פאטר אונ מוטער אונ עפינט אויף דעם ביי נארטיל אונ ווייזט זיי דם בינדיל געלט פון דעם ארומאן אונ ווייזט זיי די שלעק אונ וואונדן וום דר רשע הט גימאכט אים הט רבי אלעזר אויף אים מתפלל גיוועזן איז ער באלד גיהיילט גיווארן זייא גייען ווידער צו דעם רשע אונ זעהען דער נחש טוט אלץ אזו ווי פריער זאגט רבי אלעזר נחש נחש אלץ וואס דו האסט גיטאן האסטו שוין אונ רעכט גיטאן אונ האסט גיוויזן דיין כח וגבורה דר מיט אונ האסט אין אים אגרוסע נקמה גיטאן אזו ווי מיר האבן שוין גיזעהען דריי מאל אבער פון היינט אונ ווייטר גייא אונ פר בארג זיך אין דיין הייל אונ איך בין אויף דיר גוזר אז דוא זאלסט שוין ווייטר ניט מזיק זיין די לייט אויף דר וועלט אזו האט זיך דער נחש אפ גישייד אונ האט אראפ גיבויגן זיין קאפ אונ איז אוועק גיגאנגען · זאגט רבי אלעזר צו דעם יהודי קום אונ זעה נאך פון דיין שונא דען ער הט נאך איין ביטיל מיט רענדלעך בייא זיך נעם דם צו אבער זיינע קליידער לאז אים אונ נעם זייא ניט אונ גייא צו דעם אונ מענטשן אונ אויף דעם ארט וועסטו אים גיפינען

און זיין ווייב איז אים גישטארבן גיי צו אים און גיב אים אפ דעם ביטיל מיט געלט דען דר מענטש האט איין זון ער הייסט שמעון ער איז גיגאנגען מיט סחורה אויף דעם ים האט דר זון פון דעם גזלן וואס ער איז אויך גיוועזן אין דר שיף ביי אים דס געלט צו גינומען און האט עס אפ גיגעבן צוא זיין פאטר דעם רשע דרום גיב דאס אפ צוא זיין פאטר ער זאל דס האלטן ביז זיין זון וועט קומען וועט ער לויבן צו הקב"ה וואס ער האט אים אום גיקערט דיא אבידה אזו האט דער יהודי גיטאן ער האט גינומען דעם ביטיל געלט און בוקט זיך פאר רבי אלעזר און קושט אים זיינע הענט דיא חברייא פאר וואונדערן זיך זייער זאגט רבי אבא ארץ וואס מיר האבן גיזעהען אין דעם וועג איז פיל וואונדער און אצונד איז נאך מער תמיה על תמיה ווי אזו האסטו גיוואוכט מיט דעם ביטיל געלט וועמעס ער איז זאגט רבי אלעזר די זאך איז ניט בסימן און ניט בחכמה נאר מכח מיין רוח ונשמה האב איך דאס גיוואוסט און איך האב דס גיזעהען גלייך וויא איך וואלט עס מיט מיינע אויגן רעכט גיזעהען פר וואונדערן זיך זייער זיי גייען אלע און דר יהודי אויך מיט זיי ביז זיי קומען צו זיין שווער זיי גיפינען אים אז ער איז עוסק בתורה ער בענטשט צו ר' אלעזר מיט דר חברייא און זענן זייער פרייליך ער הייבט אן רפאני ה' וארפא וואס שטייט נאך וארפא אלא אלע רפואות פון דער וועלט זענין ביד הקב"ה נאר אטייל זענין איבער גיענטפערט ביד שליח ממילא דיא רפואות זענין אויך וואל נאר צו צייטן קומען ווידער די שלאפקייט אבער די רפואה וואס הקב"ה היילט די רפואה בלייבט אויף אייביג דען זיין רפואה איז ארעכטי רפואה דרום זאגט ער רפאני ה' וארפא ווען דוא גאט וועסט מיך היילן בין איך רעכט גהיילט עס וועט שון קיין מאל ניט קומען שלאפקייט אצונד איר חברייא הקב"ה אליין האט מיך גיהיילט ער האט זיך אליין מיט מיר מתעסק גיוועזן און זיי דר ציילן אים דיא גאנצע מעשה ער וויינט און איז זיך משמח און זאגט גרויסע סודות :

# פרשת וילך

**ויאמר** ה' אל משה הן קרבו ימיך למות תאנא מיר האבן גלערינט רבי יהודה זאגט ווייא צו דר וועלט וואס זיי זעהין ניט און הערין ניט און זענין ניט מסתכל און ווייסין ניט דען אלי טאג ווערט גיהערט איין כרוז אין צוויי הונדערט מיט פופציג וועלטין ובשעת אז די טעג פון דעם מענטשין ווערין גינעהינט אז ער זאל שטארבן דר טאג הייסט יום ה' צו ווידר קערין זיין רוח צו אים • זכאין זענין דיא צדיקים דען הקב"ה באגערט זיין רוח ווידער צו זיך מקבל זיין דען בשעה וואס הקב"ה וויל ווידער צוא זיך מקבל זיין דעם רוח איז ער איין זכאי שטייט והרוח תשוב אל האלהים אשר נתנה איז ער ניט קיין זכאי ווייא צוא דעם זעלביגין רוח דען ער מוז גיוואשן ווערין אין פייער פון דעם גיהנם ער זאל דארטין גירייניקט ווערן און זאל זיך דר נאך קענען באהעפטן אין הקב"ה ווערט ער דארטן נאך ניט מתוקן אזוי וויא עס שטייט ואת נפש אויביך יקלענה בתוך כף הקלע איז דר רוח זוכה איז אים אן גיבריים כמה טובות לעולם הבא אזו וויא עס שטייט עין לא ראתה אלהים זולתך זאגט רבי יוסי אז די טעג פון דם טויט גינעהענן אזו פריער דרייסיג טעג איז מען מכריז אויף דר וועלט און אפילו די פייגיל פון דעם הימיל רופין אויס אז ער וועט שטארבן איז ער איין צדיק רופט

מעו אוים פריער דרייסיג טעג אין גן עדן אזו ווי מיר האבן גילערנ[...] אלי דרייסיג טעג גייט די נשמה פון אים ארוים און זעהט איר ארט[...] אין גן עדן און דר מענטש ווייסט ניט און איז ניט שולט אויף זיי[...] נשמה אזו ווי ביז אהער אזו ווי דר פסוק זאגט אין ארם שליט ברוח לכלו[...] את הרוח זאגט רבי יהודה אז עס הייבן זיך אן דיא דרייסיג טעג א[...] ווערט דר צלם פון דער נשמה פאר פינצטערט און זיין גישטאלט[...] ווערט פאר מיטין :

רבי יצחק איז גיזעסן איין טאג אויף דר טיר פון רבי יהודה און א[...] גיוועזן זייער טרויעריג • רבי יהודה גייט ארוים און זעהט ווי ע[...] זיצט פר דר טיר זייער טרויעריג מער ווי תמיד פרעגט ער אים וו[...] איז דס זאגט רבי יצחק איך בין גיקומען צוא דיר איך באגער פו[...] דיר דריי זאכן איינס אז דו וועסט זאגן דברי תורה און וועסט דע[...] מאנין דיא רייד וואס איך האב גיזאגט זאלסטו זיי זאגן פון מיינ[...] וועגין און דס אנדערי דו זאלסט מזכה זיין מיין זון יוסף בתורה ד[...] זאלסט מיט אים לערנין און דס דריטע דו זאלסט גיין אויף מיין קב[...] זיבין טאג און זאלסט אויף מיר מתפלל זיין זאגט רבי יהודה צו אי[...] פון וואנען ווייסטו אז דו וועסט שטארבין זאגט רבי יצחק מיין נשמ[...] ווערט פון מיר אפ גיטאן אלי נאכט און לייכט מיר ניט בחלו[...] אזו וויא תמיד און ווידער תמיד אז איך בין מתפלל און גרייך צו[...] שומע תפלה זעה איך אויף דר וואנט מיין צל און היינט זעה אי[...] ניט דען איין כרוז רופט אוים אך בצלם כא יתהלך איש כל זמן דער צל[...] איז נאך אויף דעם מענטשן אזו גייט ער ארום אויף דער וועלט א[...] דר רוח האלט זיך אין אים אבער אז דר מענטש דארף אוועק גיי[...] פון דער וועלט אזו גייט פריער דער צלם פון אים אוועק זאגט רב[...] יהודה פון דעם פסוק איז אויך אזו גידרונגען עס שטייטכי צל ימינו ע[...] ארץ זאגט רבי יהודה איך וועל דיר דאס אלץ צו ליב טאן נאר אי[...] באגער פון דיר אז דו זאלסט מיר אויף יענער וועלט אוים קלויב[...] איין ארט לעבן דיר אזו וויא מיר זענין אויף דער וועלט איינס לע[...] אנדערין • האט רבי יצחק אן גיהויבן צו וויינען און זאגט איך בע[...] דיך שייד זיך ניט אפ פון מיר עטליכע טעג זענען זיי ביידע גינאנגע[...] צו רבי שמעון און האבין אים גיפונען אז ער איז עוסק בתורה הא[...] רבי שמעון אויף גיהויבן זייני אויגן האט ער גיזעהען ווי דר מלא[...] המות לויפט און שפרינגט פר אים איז רבי שמעון אוף גישטאנין או[...] נעמט אים אן מיט זיין האנט און זאגט איך בין גוזר ווער עס א[...] גיוואנטליך צו מיר ארויין גיין זאל אצונד אויך ארויין גיין און דע[...] וואס עס איז ניט גיוואנטליך ארויין צוא קומען צוא מיר זאל אצונ[...] אויך ניט ארויין גיין איז רבי יצחק מיט רבי יהודה ארויין גנאנגין או[...] דר מלאך המות איז גיבליבן שטיין אויף דער גאס האט רבי שמע[...] גיזעהן אז עס האט נאך ניט גינרייכט דיא צייט נייערט ערשט אכ[...] שעה אויף דעם טאג איז דיא צייט ער זאל שטארבין האט אים רב[...] שמעון אנידר גיזעצט פר זיך און לערינט מיט אים תורה און זאגט[...] צוא זיין זון ר' אלעזר זעץ זיך אנידיר אויף דער טיר און וועמין דו[...] וועסט זעהען זאלסטו מיט אים ניט ריידין און ווען איינער וועט[...] וועלין אריינגיין זאלסטו אים באשווערין ער זאל ניט ארויין גיין זאגט[...] רבי שמעון צוא רבי יצחק האסטו היינט גיזעהין דאס גישטאלט[...] פון דיין פאטר דען מיר האבין גילערינט אז עס קומט די צייט פו[...] דעם מענטשין ער זאל שטארביז אזוא ווערט ביא אים גיפונין די[...]

פאמר

אטר מיט זייני קרובים אונ ער דר קענט זייא אונ אלע דיא וואס עלין זיין אויף יענער וועלט מיט אים אין איין חדר ומדריגה ווייזין א זיך אלע פאר אים אונ זאמלען זיך איין אונ גייען מיט זיין שמה ביז זיא קומט אויף דעם ארט וואס עס איז ראוי צוא איר אגט רבי יצחק איך האב נאך קיינים ניט גיזעהין אין דעם שטייט ייף רבי שמעון אונ זאגט רבונו של עולם רבי יצחק איז צוא אונז ער קענט אונ איז פון דיא שבעה עינים דאס זענין די זיבין חברים ם זענין גיוועזין אין דר אידרא אונ איך האב אים צו מיר מקרב וועזן בעט איך דיך ער זאל בלייבין לעבין דער ווייל איז ארויס גאנגין איין קול אונ זאגט דאס ליכט פון דעם האר דאס מיינט ען די נשמה פון רבי יצחק האט גינעהינט אונטיר דיא פליגיל ן רבי שמעון ער איז שוין בייא דיר אין דער האנט ער זאל זיין יט דיר אויף דער וועלט אונ דוא זאלסט אים מיט זיך ברענגין עולם הבא אין דער צייט אז דוא וועסט קומין צו רוען אויף דיין רט זאגט רבי שמעון בוודאי זאל אזו זיין דר ווייל הט רבי אלעזר זעהן וויא דער מלאך המות איז אוועק גיגאנגין אונ זאגט דארט יא רבי שמעון איז שכיח האט דער ממונה פון דעם טויט קיין ליטה ניט איין עונש צוא טאן זאגט רבי שמעון צו זיין זון רבי לעזר גייא אריין אונ האלט אן אין רבי יצחק דען איך זעה אין ים אז ער פארכט זיך זייער איז רבי אלעזר אריין גיגאנגען אונ אט אים צו גיהאלטין אונ רבי שמעון האט אום גיקערט זיין פנים ונ איז עוסק בתורה דער ווייל איז רבי יצחק אנטשלאפין גיווארן זעהט ער ווי זיין פאטער קומט צו אים אונ זאגט מיין קינד וואל יז דיין חלק בעולם הזה ובעולם הבא דען דוא זיצט צווישין דיא לעטער פון דעם עץ החיים אין גן עדן וואס ער איז א גרויסר אונ שטארקר בוים אויף ביידע וועלטין דאס איז דער הייליגער רבי מעון וואס ער האלט דיך אין זייני צווייגין זאגט ער צו זיין פאטר י אזו בין איך חשוב אויף יענר וועלט זאגט ער צו אים עס איז שון רייא טעג ווס מען ראמט אויס אונ מען גרייט אן אחדר פון דיינט ענין אונ די פענצטר זענן דארטן אפין דיר צו לייכטן פון אלי פיר יטן פון דר וועלט איך האב דאס ארט גיזעהן אונ האב מיך זייער שמח גיוועזן אונ האב גיזאגט וואול איז דיין חלק מיין קינד נאר ם איז זייער ניט גוט ווס דיין קינד האט נאך ניט זוכה גיוועזן צוא ערנן תורה אבר אצונד זענן אן גיברייט עס זאלין קומען צוא דיר וועלף צדיקים פון דר חברייא אונ בשעת מיר זענן ארויס גיגאנגין ט זיך די וועקט אקול אין אלי וועלטן אונ זאגט וועלכר פון אייער ברייא וואס עס איז גיקריינט גיווארן זאל זיך אום קערין אויף זיין רט דען פון וועגין רבי שמעון ווס ער הט גיבעטין איין גיבעט אונ ם איז אים גיגעבין גיווארן זיין בקשה אונ ניט דאס אליין נאר עס ערט גיקריינט זיבעציג ערטר פון זיינט וועגין אונ איטליכם ארט גיעפינט די טירן אין זיבעציג וועלטן אונ פון דארטין ווערין זייא עפינט צו הקב"ה אונ אזעלכי אורות ווס האבן קיין סוף ניט וואס י זענן פר הולן אונ בהאלטין ווס דוד המלך הט אויף זיי גיבעטין זות בנועם ה' ולבקר בהיכלו דען זיין מדריגה איז אויך דארטען גיוועזן אגט רבי יצחק צו זיין פאטר ווי לאנג האב איך נאך צו לעבן אויף ר וועלט זאגט אים דר פאטר מיר האבן קיין רשות ניט צוא זאגין ר דם ווייס איך אז אויף דר גרויסר שמחה ווס עס איז אן גברייט אין גן עדן צו רבי שמעון אויף דר שמחה וועסטו גרייטן די טישן אזו וויא עס שטייט צאינה וראנה בנות ציון במלך שלמה בעטרה שעטרה לו אמו דער ווייל הט זיך רבי יצחק אויף גיחאפט אונ לאכט אונ זיין פנים טוט זייער לייכטן האט רבי שמעון דאס דר זעהן זאגט ער צו אים דוא האסט בוודאי גיהערט אנייע זאך זאגט רבי יצחק עס איז בוודאי אזו אונ האט אים דער ציילט וואס זיין פאטער הט אים גיזאגט :

תאנא מיר האבן גילערנט פון דעם טאג אונ ווייטר האט רבי יצחק גיהאלטן זיין זון לעבן זיך אונ האט זיך אלייןמיט אים גימיעט אין דער תורה אונ אז ער איז גיקומען פאר רבי שמעון הט ער אים גילאזט שטיין אין דרויסין אונ איז אליין אריין גיגאנגען אונ איז פר אים גיזעסין אונ האט גילייענט דעם פסוק וואס חזקיה המלך האט גיזאגט ה' עשקה לי ערבני השי"ת האט מיך פאר צוקט אונ האט מיך מציל גיוועזן פון דעם מלאך המות :

תאנא מיר האבן גילערנט אז עס קומט דר טאג וואס דר מענטש דארף שטארבן אזו שטייען בדין די פיר זייטן פון דר וועלט דען דער מענטש האט פון אלי פיר זייטן פיר יסודות מים אש רוח עפר שטייען זיי אונ דר וועקין די דינים פון אלי פיר זייטן פון דער וועלט אונ דיא פיר יסודות קריגן זיך דען זייא דארפין זיך צוא שיידין אונ איטליכר וויל זיך אפ שיידן צוא זיין ארט אונ אכרוז ווערט גיהערט אין צוויי הונדרט אונ זעכציג וועלטין אונ רופט אוים איז ער אצדיק פרייען זיך אלי וועלטין אונ קומען אים אנטקעגן אונ אז ניט איז וויא צו דעם מענטשן ווייא צו זיין חלק :

תאנא מיר האבן גילערנט אין דר צייט אז דר כרוז גייט אונ רופט אוים אזוא גייט ארויס אפלאם פייער לצד צפון אונ גייט אונ ברענט אין נהר דינור אונ פאר שפרייט זיך אין אלי פיר זייטין פון דר וועלט אונ פר ברענט די נשמות פון די רשעים דער פלאם גייט ארויף אונ נידרט אראפ אונ גרייכט אין די פליגל פון איין שווארצן האן אונ קלאפט אים אזו הייבט אן דר האן צו שרייען דרייא מאל · דס ערשטי מאל שרייט ער דעם פסוק הנה יום בא בוער כתנור דס אנדרי מאל שרייט ער דעם פסוק כי הנה יוצר הרים וגו' ומגיד לאדם מה שיחו · אין דר צייט זיצט דר מענטש אונ ניט אפ דין וחשבון אויף זייני מעשים ער זאגט אליין עדות אונ איז מודה אויף אלץ דינג · דאס דריטע מאל שרייט ער דעם פסוק מי לא ייראך מלך הגוים כי לך יאתה זאגט רבי יוסי פר וום דווקא אשווארצר האן זאגט רבי יהודה אלץ דינג וואס הקב"ה האט באשאפין אויף דער וועלט איז אלץ מרומז אויף גרויס חכמה אזו וויא דער פסוק זאגט מה רבו מעשיך ה' כולם בחכמה עשית אונ ווייל זיי זענן בשאפן גיווארן מיט חכמה דרום ווייזן זייא אויף גרויס חכמה אזו אויך בשעת דר משפט דר וועקט זיך אויף דעם מענטשן אזו קרייעט תיכף דר האן אונ קיינער ווייסט ניט נאר דער מענטש אליין ווס ליגט שלאף דען מיר האבן גילערנט בשעת דער מענטש ליגט שלאף אונ דר משפט דר וועקט זיך אויף אים ער זאל אוועק גיין פון דר וועלט אזו דר וועקט זיך אויף אים ארוח עליון וואס עס איז ביי אים ניט גיוועזן צייט זיין לעבן ער זעהט היינט מער ווי תמיד אונ אז ער זעהט אים גייט ער ערשט אוועק פון דר וועלט אזו ווי דר פסוק זאגט תוסף רוחם יגועון ואל עפרם ישובון אויך שטייט כי לא יראני האדם וחי כל זמן אז ער לעבט קען ער ניט זעהן די שכינה אבר אז ער דארף

שטארבין

שטארבן איז ער זוכה צו זעהן די שכינה אויך זעהט ער זייני קרובים
מיט זיין גאנצר חבריא פון יענר וועלט אונ ער דר קענט זייא אלי
אין דעם געשטאלט וויא זייא זענן געוועזן אויף דער וועלט • איז דער
מענטש זוכה זענען זייא זיך מיט אים משמח אונ זענען אים מקדים
בשלום איז ער חלילה ניט זוכה קומן צו אים רשעים וואס מען איז
זיי אלי טאג מטריד בגיהנם אונ זענן אלי טרויעריג זיי הויבן אן מיט
דעם ווארט וויא אונ לאזין דר מיט אויס ער הייבט אויף זייני אויגן
אונ זעהט אפלאם פייער גייט ארויס אזו הייבט ער אן צוא שרייען
וויא אונ בשעת דיא נשמה גייט ארויס פון דעם מענטשן אזו גייען
אלי קרובים אונ די חבריא פון יענם עולם מיט זיין נשמה אונ ווייזן
אים דס ארט פון עונג אונ דס ארט פון עונש אז ער איז אין צדיק
זעהט ער זיין ארט אונ גייט ארויף אונ איז זיך דארטן מתענג מיט
דעם גרויסן תענוג פון עולם הבא אונ אז ער איז ניט זוכה בלייבט
זיין נשמה אויף דר וועלט ביז דר גוף ווערט פר בארגן אין דר ערד
דר נאך קומן כמה בעלי דינים אונ מלאכי חבלה אונ נעמן די נשמה
אונ ברענגן זי צום מלאך דומה אונ ער ברענגט די נשמה אין גיהנם
זאגט רבי יהודה די ערשטי זיבן טעג גייט די נשמה פון דעם קבר
צום הויז אונ פון דעם הויז צום קבר אונ קלאגט אויף דעם גוף אזוא
ווי דר פסוק זאגט אך בשרו עליו יכאב ונפשו עליו תאבל זיא זיצט אין שטוב
אונ זעהט ווי אלי טרויערן אונ קלאגן • נאך זיבן טעג איז דער גוף
וויא ער איז אונ דיא נשמה גייט ארויף אונ זיא גייט אריין אין דער
מערת המכפלה אונ זעהט וואס זיא זעהט אונ גייט ארויף ביז זיא
קומט צום גן עדן אונ קומט צו די כרובים אונ צו דעם להט החרב
המתהפכת פון דעם גן עדן של מטה איז זיא זוכה גייט זיא אריין
זאגט רבי חייא ווס מיינט דר פסוק בלע המות לנצח זאגט רבי יוסי ווען
הקב"ה וועט דר וועקין זיין ימין וועט אפ גיטאן ווערן דר טויט פון
דר וועלט אונ דר ימין וועט זיך ניט דר וועקין ביז די ישראל וועלין
זיך דער וועקין מיט דער תורה שבכתב וואס זיא איז דער ימין פון
הקב"ה אזו וויא עס שטייט מימינו אש דת למו באותו זמן וועט מקוים
ווערין ימין ה' עושה חיל לא אמות כי אחיה וגו' :

תאנא מיר האבין גילערינט דר צדיק ווס הקב"ה באגערט אין אים
גייט ארויס דרייסיג טעג פריער אכרוז אין גן עדן צווישן
די צדיקים אונ אלי זענן זיך משמח אונ אלי צדיקים קריגן דס ארט
ווס עס איז צו אים אן גיברייט ביז ער קומט אהין • איז ער ארשע
אזו רופט אויס אכרוז אין גיהנם דרייסיג טעג אונ אלי רשעים זענין
טרויעריג אונ אלי שרייען וויא דען עס דער וועקט זיך ערשט פון
זיינט וועגן אנייער דין אין גיהנם ווי צו דעם רשע דען גמול ידיו ישלם
לו די מעשים פון זייני הענט צאלן אים • ווייא צו דעם רשע דען ער
מאכט זיך אליין פאר איין רע דען אלי גייען ארויף פון דעם גיהנם
אונ ער איז ניט עולה אז ער איז אזוא ארשע אזו ער ווערט שוין אן
גירופן רע ניט רשע אויב דו וועסט פרעגין עס איז דאך דא אזעלכי
רשעים ווס הרגנן לייט • קום אונ זעה אלי גייען אויף פון דעם גיהנם
דען זייא זענן ניט ממית זייערי קינדר אבר דער רע איז ממית זיינע
קינדר ביי אנדרי רשעים שטייט ניט וירע בעיני ה' אשר עשה אזו ווי ביי
דעם חטא דרום שטייט ושחת ארצה ווייל ער האט משחית זרעו גיוועזן
זאגט רבי יהודה עס איז ניט דא קיין שום עבירה אויף דער וועלט
עס זאל גיט האבן קיין תשובה גייערט דר חטא אונ עס איז ניט דא

קיין שום רשע ווס ער זעהט ניט פר זיין טויט דיא שכינה נאר דער
ובפרשת נח זאגט רבי שמעון ער מוז טאן גרוים תשובה • זכאין
זענן די צדיקים בעולם הזה ובעולם הבא אויף זיי שטייט ועמך כול
צדיקים לעולם יירשו ארץ דס מיינט מען דעם ארץ החיים וואס די צדיקים
וועלן ירשנן בעולם הבא זאגט רבי יהודה אזו וויא עס שטייט אתהל
לפני ה' בארצות החיים דאס איז די ארצות וואס דער פון שפראצין אל
תענוגים אונחיים בעוה"ז ובעולם הבא ובזוהר חדש פרשת נח זאגט
ער דרום הייסט דאס ארצות דאס איז לשון רצון דען דער ווילין פו
צדיקים איז תמיד דר צו דארטן איז דאס אייביג לעבן דרום הייסט
דאס ארצות החיים רבי יהודה הייבט אן החרשים שמעו והעורים הביטו לראו
החרשים שמעו דס זענן די לייט וואס ווילן ניט פר נעמן קיין דבר
תורה אונ עפענן ניט די אוערין צו הערין די גבאט פון זייער הערי
והעורים דס זענן דיא מענטשן וואס זיי זעהן ניט אויף וואס זיי האבן
אקיום דען אלי טאג גייט ארויס אכרוז אונ שרייט אונ קיינר קערט
זיך ניט דר צו דען מיר האבן גילערינט דם טאג וואס דער מענטש
דארף שטארבן שטייען אלי טעג אין זייער שטאנד זיי שוועבין אויף
דער וועלט אונ זענען מזהיר דעם מענטשן אונ אז ער זינדיגט אז
גייט דר טאג ארויף אונ זאגט עדות ווס ער הט גטאן אונ ער שטייט
אונ דרויסין אזו לאנג ביז ער טוט תשובה איז דער מענטש זוכה
קומט דר טאג אויף זיין ארט אונ אז ער איז ניט זוכה אזו נידערט דע
טאג אראפ אונ איז מתקן דעם דמות פון דעם מענטש צו שלעב
טאן צוא אים אונ וואונט מיט אים אין זיין הויז • איז ער זוכה א
זייער וואונונג זייער גוט אונ אז ער איז ניט זוכה איז זייער וואונונ
קרע חס ושלום אונ אלי טעג ווערין גיציילט אונ די טעג קומען ני
אריין אין חשבון ווי צו דעם מענטשן וואס ער מינערט דיא טעג פו
דעם מלך הקדוש אונ הט זייא ניט גילאזט גיקריינט ווערין לעולם
הבא אונ גינעהענען צום מלך הקדוש • קום אונ זעה אז דיא טע
גינעהענן פר דעם מלך הקדוש בשעת אז דר מענטש גייט אוועק פו
דר וועלט אזו ווערין די טעג אלבוש יקר צו דר נשמה אבר אז ע
איז דא טעג ווס ער הט אין זיי גיזינדיגט אזו איז ווי צו אים דען זיי
לבוש איזחסר אונ עס איז ניט אין גאנצין ומכל שכן אז ער הט פי
עונות אזו וועט ער ניט האבן צו זיין נשמה קיין מלבוש אויף יענע
וועלט ווי צו זיין נשמה מען איז אים דן אין גיהנם כפל אויף זייני
טעג ווס ער הט חסר גימאכט • זכאין זענן דיא צדיקים לעולם הבא
מיר האבן גילערינט עס שטייט וידעו כי עירומים הם זייא האבין ממ
גיוויסט דען זייער לבוש חשוב ויקר פון די טעג איז גמינערט גיוואר
דען איין טאג איז אפ גינאנגן פון זיי אזו ווי עס שטייט גלמי ראו עיני
ועל ספרך כולם יכתבו ימים יוצרו ולא אחד בהם נאר איין טאג איז אפ גינאנגי
ביז אדם הראשון הט תשובה גיטאן האט אים הקב"ה מקבל גיוועז
אונ הט אים גימאכט אנדרי מלבושים יקרים אונ ניט פון די טעג אז
ווי עס שטייט ויעש ה' לאדם ולאשתו כתנות עור וילבישם אבער אברהם האט
זוכה גיוועזן צו אלי דען ביי אים שטייט ואברהם זקן בא בימים אז ער אי
אוועק גינאנגן פון דר וועלט הט ער זיך אין די טעג אן גיקלייד דרו
שטייט בא בימים ער איז גיקומען מיט אלי טעג לעולם הבא • וויא ע
שטייט ביי איוב ערום יצאתי מבטן אמי וערום אשוב שמה דס עס איז אים קיי
מלבוש ניט איבר גיבליבן ער זאל ווערן דרינן אן גיקלייד :
תניא מיר האבין גילערינט זכאין זענן דיא צדיקים דאס זייערי טע

ענן מוכאי אות בלייבן לעולם הבא אונ פון זייערי טעג ווערט
איין לבוש יקר אונ מיט דעם לבוש זענען זייא אן גיברייט אויף צוא
שטיין לתחיית המתים אזו ווי עס שטייט ויתיצבו כמו לבוש ווייא צו דיא
רשעים דען זייערי טעג זענען חסר אונ זיי האבן זיך ניט מיט וואס צוא
צו דעקין זיך לעולם הבא :

תאנא מיר האבין גילערינט אלי דיא וואס ווערין אן גיקלייד מיט
זייערע טעג דיא ווערען גיקריינט מיט דער קרוין פון דיא
אבות פון דעם טייך וואס גייט ארויס פון דעם עדן אזוא וויא עס
שטייט ועצמותיך יחליץ והיית כגן רוה וכמוצא מים אשר לא יכזבו מימיו דאס
איז דער נהר וואס גייט ארויס פון דעם עדן העליון אונ דיא רשעים
וואס זענען ניט זוכה אן גיקלייד צוא ווערען אין דעם מלבוש פון
דיא טעג שטייט אויף זייא והיה כערער בערבה וגו' זאגט רבי יצחק זכאה
איז דער חלק פון יעקב דס ער איז פאר זיכערט גיוועזן אן גיקלייד
צוא ווערין מיט דעם קלייד פון דיא אבות אזו ווי עס שטייט ושכבתי
עם אבותי זאגט רבי יהודה עס שטייט וירח את ריח בגדיו ויברכהו ווארום
שטייט בגדיו עס איז דך גאר ניט גוועזן זייני קליידיר עס איז דאך
גוועזן בגדי עשו אלא בגדיו מיינט מען די קליידיר פון עולם הבא
דרום שטייט ראה ריח בני כריח שדה שדה מיינט מען עולם הבא דרום
זאגט יצחק אז די האסטו זוכה גוועזן צו אזעלכי מלבושים וועל איך
דיך בענטשין דרום שטייט ויברכהו ויתן לך האלהים מטל השמים דאס איז
דעם ארט וואס שטייט אויבין דרויף גרויסי סודות דיא מדריגה פון
משה ווס די אבות ווערין דר כיט גיקריינט דס איז אלץ ווייל ער
הט גישמעקט זייני קליידיר פון זייני טעג לעולם הבא :

תאנא מיר האבין גילערינט טויזינט מיט פינףהונדערט רוחות גייען
אלע טאג ארויס פון דעם גן עדן דאס דר מיט ווערין גיקריינט
דיא טייערע לבושים פון די טעג פון די מענטשין זאגט רבי יהודה
וויפיל קליידיר האט דער מענטש אויף יענעם עולם זאגט רבי
אלעזר עס זענין דרייא מלבושים איינס קלייד זיך אן דער רוח ווס
ער איז בגן עדן התחתון אונ איינס איין טייערס וואס דיא נשמה
קלייד זיך אן בתוך צרור החיים אונ איין לבוש וואס שטייט אין דרויסין
וואס דער נפש טוט זיך אן אונ שוועבט אויף דער וועלט אונ אלע
ראש חודש ושבת איז ער זיך מתחבר מוט דעם רוח וואס ער איז
אין גן עדן התחתון מיט דעם ריח בשמים פון דעם גן עדן אונ פון
דארטין גייען זייא ביידי אונ ווערין מקושר מיט דער נשמה וואס
זיא איז בצרור החיים וואל צוא דעם חלק פון דיא צדיקים :

# פרשת האזינו

האזינו השמים רבי חייא הייבט אן זכאה איז דער חלק פון משה מער
פון אלי קום אונ זעה ישעיה הנביא הט גזאגט שמעו שמים והאזיני
ארץ דרום ווייל ער איז גוועזן ווייט פון דעם מלך האט ער גיזאגט צו
דעם הימל שמעו הער צוא פון ווייטין אבר משה רבינו איז גוועזן
נאהענט הט ער גיזאגט האזינו פאר נעמט :

תאנא בשעת ישעיה האט גיזאגט שמעו שמים זענין גיקומין מלאכים
בעלי דינים אונ האבין אים גיוואלט צו שפארמין זיין קאפ
עס איז ארוס גגאנגין איין קול ווער וויל שטורמין דיא וועלט ביז
ער האט גיזאגט איך זאג דאס ניט נאר כי פי ה' דבר השי"ת האט אזוי
גיזאגט אבער ביא משה שטייט האזינו השמים ואדברה איך וועל ריידין

ניט קיין אנדעריר אונ איך וועל ריידין אן מורא ותשמע הארץ אמרי פי
דיא ערד זאל הערין דיא ריידין פון מיין מויל אונ ניט פון קיין
אנדערין וואל צוא זיין חלק כי שם ה' אקרא ער האט מגלה גוועזן דעם
שם ה' פון דאנען לערנען מיר אפ וועלכיר וואס ער ווייסט דיא
חכמה עליונה אז דער טאג קומט ער זאל שטארבין דארף ער מגלה
זיין דיא חכמה צוא דיא וואס זענין בעלי רוח החודש מיר לערנין
דאס אפ פון משה רבינו ער זאגט ועתה כתבו לכם את השירה הזאת אונ
אז ער וויל ניט מגלה זיין שטייט אויף אים אל תמנע טוב מבעליו דוא
זאלסט ניט פאר מיידין דיא תורה וואס זיא הייסט טוב פון זיין
האר בהיות לאל ידך לעשות איידער דוא ווערסט אפ גיטאן פון
דר וועלט :

זכור ימות עולם וגו' שאל אביך ויגדך פרעג צו השי"ת וועט ער דיר זאגין
ימצאהו בארץמדבר ובתהו יליל ישימון פון דער וויסטענעש דס הייסט
פון דיא קליפות ארוםתרח אבי אברהם ואבי נחור ואקח את אביכם את אברהם וגו'
אונ ער האט זייא ארויין גיפירט אונ האט זיך גיט אפ גישייד אונ
פירט זייא מיט רחמים כנשר יעיר קינו וויא איין אדלער איז איין רחמן
אויף זייני קינדער דרום זאגט ער ה' בדד ינחנו ואין עמו וגו' ער אליין
פירט זייא אזו וויא משה האט גיזאגט אם אין פניך הולכים אל תעלינו מזה
אויך שטייטכי יעקב בחר לו יה ישראל לסגולתו אונ ווידער שטייט כי לא יטוש
ה' את עמו בעבור שמו הגדול ער פאר לאזט זייא ניט ווייל זיי זענין מקושר
אין זיין גרויסין נאמן דרום לאזט ער זייא ניט אפ פון זיך וויא זייא
זענין איז ער אויך מיט זייא ימצאהו בארץ מדבר ובתהו יליל ישימון דיא
קרענק וואס ווערין גיפונין אויף אים ער איז גלייך וויא דר מלך
האט גיהייסין איינעם שטראפין אויב דו ווערסט זאגין ווייל הקב"ה
האט אים גישטראפט דארף מען אים שוין ניט העלפין דער פון עס
איז ניט אזוא דוד המלך הט גיזאגט אשרי משכיל אל דל ווער איז דער
דל דער וואס ליגט שלאף אונ איינער איז איין רופא נאמן אונ איז
זיך משתדל אים צו העלפין אזו בענטשט אים השי"ת אונ אז דער
רופא גיפינט אים בארץ מדבר אין זיין שלאפקייט ובתהו יליל ישימון דען
דורך דער קרענק ווערט ער פאר וויסט פון אלץ דינג ווס זאל דר
רופא טאן יסובבנהו זאל ער אים ממציא זיין טובות אונ רפואות ער
זאל קענין אים היילין דיא קריינק יבוננהו ער מוז גוט פאר שטיין
וואס פאר איין קרענק דאס איז דען אז ער פאר שטייט ניט דיא
קריינק וויא אזו קען ער אים טאן איין רפואה אונ ער זאל זעהן אז
דיא קרענק זאל זיך ניט שטארקין אויף אים וויא דעןיצרנהו כאישון עינו
ער זאל אים היטין צוא געבין אזעלכע רפואות וואס ער דארף ער
זאל זיך ניט טועה זיין ווארום אז ער איז זיך חס ושלום טועה אונ
דער מענטש שטארבט רעכינט אים הקב"ה גלייך ווי ער וואלט אים
ממית גיווין דען השי"ת איז דן דעם מענטשין הן אויף טויט אונ הן
אויף עונש ער זאל האבין יסורים אונ זאל אן ווערין פיל געלט
דורך דעם אזו ווערט ער שלאף אונ קען גיט גיהיילט ווערין ביז עס
קאסט אים דיא קרענק וויא פיל עס איז אויף אים נגזר גיווארין אונ
אז עס ווערט נגזר ער זאל שטארבין ער זאל אפילו אוועק געבין
דס גאנצע געלט פון דער וועלט קען ער דער פון ניט פטור ווערין
דרום דארף דר רופא חכם זיך משתדל זיינאין אים בטראכטן אים
אויב ער קען אים היילין זיין גוף איז גוט אונ אז ניט זאל ער אים
היילין די נשמה זאגט רבי אלעזר מיר האט גיזאגט איין סייא דאס

הייסט

הייסט איין סוחר אז ער האט געהערט פון זיין פאטער אז אין זיינע צייטן איז געווען איין רופא אז ער האט נאר דער זעהען איין חולה האט ער שוין דער קענט ווער עס וועט לעבין אונ ווער עס וועט שטארבין • מענטשין האבין אויף אים גיזאגט ער איז אגרויסער צדיק אונ אז דר חולה איז געווען איין ארומאן האט ער אים גיהיילט פאר זייני הוצאות דען זיא האבין אויף אים גיזאגט עס איז ניט פאר האנדין אזוא איין חכם אויף דער וועלט זיין גלייכין אונ דער סוחר האט מיר גיזאגט ער האט גירשת איין ספר פון זיין פאטער אונ דער ספר איז מיוסד אויף סודות התורה אונ אויף אלע רפואות עס איז אין אים גשטאנען דיא שפראך וואס בלעם הרשע האט פר שפראכין איין וחורה איז דער חולה פון דעם גיזונד גיווארין אונ ער הט אליץ פועל גיוועזן פון דעם ספר ער האט גיזאגט דס איז מותר דאס איז אסור אונ ווער עס איז איין ירא שמים אויך הט ער גזאגט עס איז פאר האנדין אזעלכע רפואות וואס הענגען אן אין דער שפראך פון דעם מזיל וואס זיא זענין מצד הנחש אונ מצד הקסם אונ פון אלע וואס מען טאר זיא ניט טאן במעשה • אויך האט ער דארטין גיפונין אויך אזעלכע קרענק וואס מענטשין ווייסין פון זייא דארף מען אזוא זאגין אויף די ממונים וואס זענין דרויף גיזעצט אונ עס איז אונז גיוועזן איין גרויסע תמיה רבי אלעזר מיט דער גאנצער חבריא האבין זיך זייער גיפרייט אונ מיר האבין זיך זייער גיפרייט אונ מיר האבין גילערנט רבי אלעזר זאגט דעם ספר האב איך ביא מיר גיהאלטין צוועלף חדשים אונ האב אין אים גיפונין סודות עליונים אונ אז איך בין גיקומען צוא דיא סודות ווס בלעם הט גיטאן האב איך מיך זייער פאר וואונדרט • אמאל האב איך גישפראכין אויף איין ארט זענין דיא אותיות ארוף אונ אראפ ביז מען האט מיר גיוויזין אין חלום נאך וואס גייסט דו ארין אין אזוא איין תחום וואס עס גיהער ניט צוא דיר אונ דוא דארפסט דאס ניט האב איך מיך אויף גיהאפט אונ עס האט מיר באנק גיטאן אוף די סודות ווס דארטין איז גיוועזן האב איך גישיקט צו דעם יהודי וואס ער הייסט רבי יוסי ברבי יהודה אונ האב אים אפ גיגעבן זיין ספר • אונ צווישין דיא סודות פון בלעם האב איך גיפונין די נעמין פון דיא מלאכים וואס בלק האט גישיקט צוא בלעם אבער זייא זענין ניט מסודר אויף זייער תיקון וויא עס דארף צו זיין נאר די רפואות שטייען דארטן מסודר ומיוסד מיט חסידות אונ תפלות ובקשות צו השי"ת • וועסטו וועלין מיינין ער האט גימאכט דיא רפואות מיט שמות וסודות חס ושלום נייערט ער הט גיזאגט סודות פון דער תורה אונ פון דעם סוד האט ער ארויס גיצויגין די רפואות דאס איז אזעלכע זאכין וואס איך האב פאר מיין לעבין ניט גיזעהן האב איך גיזאגט גילויבט איז השי"ת וואס ער האט קלוג גימאכט דיא מענטשין מיט דער חכמה עליונה אונ פון די זאכין פון בלעם האב איך גיזעהין אז קיינער איז ניט גיוועזן אזו איין חכם בחרשים ובכשפים אזו וויא בלעם האב איך גיזאגט בריך רחמנא וואס ער הט מבטל גיוועזן דעם כישוף פון דער וועלט כדי דיא מענטשין זאלין זיך ניט מטעה זיין אין דעם חס ושלום אפ צו קערין פון יראת השי"ת ויתעלה שמו אמן :

רבי פנחס מיט רבי יצחק מיט רבא חייא זענין גיזעסין בייא נאכט אונ האבין גילערנט אין דעם פסוק למנצח על שושן עדות מכתם לדוד ללמד וויא זייא זיצין קומט אראפ איין אדלער אונ נעמט איין רויז פון צווישין זייא אונ איז אוועק גיגאנגען זאגין זייא מיר דארפין גיין אונזר וועג זענין זייא אוועק גיגאנגען ווי עס איז טאג גיווארין הייבט רבי חייא אויף זייני אויגין אונ זעהט ווי די שטערין לויפין הין אונ הער זאגט ער איך האב שוין וויא פיל מאל גיפרעגט וואס דאס באטייט זאגט רבי פנחס די חבריא ווייסען וואל וואס די שטערין בווייזן דאס הקב"ה האט בשאפין די שטערין קליינע אונ גרוסע אונ זייא אלע לויבן צו הקב"ה אזו וויא עס שטייט מונה מספר לכוכבים אונ אז עס קומט זייער צייט צוא זאגין שירה רופט זייא הקב"ה בייא זייער נאמין אזו וויא עס שטייט לכולם בשם יקרא אזוא טוען זייא לויפין הין אונ הער צוא גיין לויבין זייער האר אזוא וויא עס שטייט שאו מרום עיניכם וראו מי ברא אלה דר וייל איז רעכט טאג גיווארין זענען זייא גלייך אוועק גיגאנגען וויא זייא גייען קומט אגרויסער אדלער אונ שטעלט זיך אנידער אונ רינגילט זייא ארום אונ ארום זאגט רבי פנחס בוודאי איז אצונד איין עת רצון דאס אצונד ווערין גיעפינט די שערי רחמים צוא אלע קראנקע אונ עס איז דיא צייט פון רפואה צוא זייא דען דר אדלער איז איין סימן פון רחמים צו זייא ער הייבט אן צוא זאגין כנשר יעיר קנו על גוזליו ירחף עס איז ניט פר האנדין קיין בעל רחמנות אויף דער וועלט אזו וויא איין אדלער אונ וייל אצונד איז שעת רחמים דרום איז ער גיקומען צו אונז אזוא וויא עס שטייט ה' בוקר תשמע קולי דען גאנץ פריא איז די צייט פון רחמים מקבל זיין דיא תפלות

תאנא מיר האבין גלערינט דעם טאג ווס רבי שמעון הט גידארפט אוועק גיין פון דר וועלט האבין זיך איין גיזאמילט די גאנצע חבריא אונ רבי שמעון הט פאר דער גאנצער חבריא מסדר גוועזן זייני רייד אונ פאר אים איז גיוועזן זיין זון רבי אלעזר מיט רבי אבא אונ דיא איבעריגע חבריא אונ דיא שטוב איז גיווארין פול מיט מענטשין הט רבי שמעון אויף גיהויבין זיינע אויגין אונ הט גיזעהן ווי דיא שטוב איז פול מיט מענטשין האט ער אן גיהובין צוא וויינין אונ זאגט איין אנדרט מאל אז איך בין קראנק גיווארין אונ רבי פנחס בן יאיר איז גיוועזן פאר מיר אונ איידער איך האב מיר אויס גיקליבין איין ארט אין גן עדן האבין זייא אויף מיר גיווארט אונ אז איך בין צוריק גיקומען האט איין פייער ארום גירינגילט פאר מיר אונ עס איז קיין מאל ניט אפ גישייד גיווארין אונ קיין מענטש איז ניט ארין גיגאנגין נאר ברשות אונ היינט זעה איך אז דאס פייער איז ניט דא אונ דיא שטוב איז פול דער וייל האט רבי שמעון אויף גיהויבין זייני אויגין אונ האט גיזעהען וואס ער האט גיזעהן אונ אפייער הט ארום גירינגילט דאס הויז זענין אלע ארויס גיגאנגען עס איז נאר גיבליבין זיין זון רבי אלעזר אונ רבי אבא מיט דער איבעריגר חבריא זיצין אין דרויסין זאגט רבי שמעון צו זיין זון רבי אלעזר גייא ארויס אונ זעה אויב רבי יצחק איז דא וויל איך האב ערב גיוועזן פאר אים אזוא וויא אויבין שטייט אין פרשת וילך זאג אים ער זאל מסדר זיין זיינע דברים אונ זאל זיך זעצן ביי מיר וואל צו זיין חלק שטייט רבי שמעון אויף אונ זעצט זיך אונ לאכט אונ זאגט וויא זענין די חבריא שטייט רבי אלעזר אויף אונ הט ארין גירופין די גאנצי חבריא זיי זעצין זיך פאר רבי שמעון ער הייבט אוף זייני הענט אונ איז מתפלל אונ איז זיך משמח אונ זאגט

א זעלביגי חברייא וואס זענין גיוועזן מיט מיר אין יענער
רא קדישא דיא זאלין אלי זיין דא זענען אלי ארוים גיגאנגען עס איז
ר גבליבין זיין זון רבי אלעזר אונ רבי אבא ורבי יהודה ורבי יוסי
רבי יעקב ורבי חייא דער וייל קומט אריין רבי יצחק זאגט רבי
מעון ווי גאר שיין איז דיין חלק ווי פיל שמחה וועט דיר גימערט
ערן דעם טאג אונ רבי אבא האט זיך גיזעצט אונטער זיין אקסיל
ן רבי אלעזר פר אים זאגט רבי שמעון אצונד איז איין עת רצון
ום וויל איך אריין גיין לעולם הבא אן חרפה אונ דיא הייליגי רייד
ם זיי זענען נאך ניט אנטפלעקט גיווארין ביז אהער וועל איך זיי
יינט אנטפלעקן פר דר שכינה זיא זאל ניט זאגן אז איך בין אפ
טאן גיווארין פון דר וועלט בחסרון אונ ביז אהער זענען אלי מייני
יד פאר בארגין גיוועזן אין מיין הארץ אבער אצונד וויל איך זייא
גלה זיין מיט דיא סודות צוא גיין לעולם הבא אונ אזוא בין איך
סדר צוא אייך · רבי אבא זאל אלץ שרייבן וואס איך וועל מגלה
ן · רבי אלעזר מיין זון זאל זיך דרינען מיען · אונ דיא אנדערע
ברייא זאלין נאר טראכטין אין הארצין · איז רבי אבא אויף גישטאנען
ן אונטער זיין אקסיל אונ רבי אלעזר הט זיך דארטין גיזעצט זאגט
בי שמעון שטייא אויף מיין קינד אויף דעם ארט בדארף אנדערער
וא זיצין איז רבי אלעזר אויף גישטאנען אונ רבי שמעון איז ארום
גיגאנגען אונ דר נאך האט ער זיך גיזעצט :

תח ער הייבט אן לא המתים יהללו יה עס איז בוודאי אזו ווייל השי"ת
איז איין חי אונ ער איז צווישן די חיים אונ ניט צווישן די מתים
ונ דער סוף פסוק זאגט ולא כל יורדי דומה אונ ניט דיא רשעים וואס
ענין אין דיא הענט פון דומה אין גיהנם אבער צדיקים הייסין חיים
שי"ת באגערט אין זייער כבוד זאגט רבי שמעון וויא גאר איז פאר
נדערט דיא שעה פון דער ערשטער אידרא דען דארטין איז אראפ
קומין השם יתברך מיט זיין מרכבה אליין אבער אצונד איז השם
תברך גיקומין מיט דיא צדיקים וואס זענין אין גן עדן וואס דארטין
יז דאס ניט גיוועזן אונ השם יתברך באגערט אין דעם כבוד פון
דיקים מער ווי אין זיין כבוד אזו וויא מיר גיפינען ביא ירבעם אז
ר הט גידינט עבודת כוכבים אונ הט מקטיר גיוועזן צוא איר האט
ר אים גאר ניט גיטאן אונ אז ער האט אויס גישטרעקט זיין האנט
נטקעגן דעם נביא איז זיין האנט פאר טריקינט גיווארין אזו וויא
ס שטייט ותיבש ידו אונ אצונד בגערט השם יתברך אין דעם כבוד
ון דיא צדיקים אונ אלע קומען אצונד מיט אים ער זאגט דא איז
ב המנונא סבא אונ מיט אים זענען זיבעציג צדיקים אויס גיקריצט
ונ אנטפלעקט איטליכער מיט עטרות זייא קומען צוא דר שמחה
ון די סודות וואס ווערט אצונד אנטפלעקט ווערין וויא ער זיצט אזו
אגט ער דא קומט רבי פנחס בן יאיר גרייט אים אן איין ארט דיא
בריא וואס זענין דארטין גיוועזן זענען גווארין דער שראקין זענען
י אויף גישטאנען אונ האבין זיך גיזעצט נידעריגער אראפ אין שטוב
ונ רבי אלעזר מיט רבי אבא זיצן פר רבי שמעון זאגט רבי שמעון
ז מיר זענען גיוועזן אין יענער אידרא האבן אלי גיזאגט סודות אונ איך
ויך מיט זיי אונ היינט וועל איך אליין זאגן אונ איר אלי הערט צו
ס יני רייד אונ דיא עליונים ותחתונים וועלין אויך צוא הערין וואול
צוא מייני חלק היינטיגן טאג :

תח רבי שמעון הייבט אן אני לדודי ועלי תשוקתו אלע מיינע טעג בין
איך גיקניפט גיווארין בעולם הזה אונ בין גיוועזן מקושר אין
הקדוש ברוך הוא מיט איין קשר דרום אצונד אויך ועלי תשוקתו איז
זיין גלוסטיגקייט אויף מיר דאס ער אונ דיא חברותא הקדושה קומן
צוא הערין אין דער שמחה פון דיא דברים סתומים אונ דעם שבח
פון הקב"ה וואס ער איז נסתר ונעלם מעיני כל חי דער נאך איז רבי שמעון
מפורש דיא מעלות אונ שבח פון הקב"ה דער נאך זאגט ער דיא
רייד וואס איך האב מגלה גיוועזן איז ניט גיגעבין גיווארין נאר צוא
דיא קדושים עליונים וואס זייא גייען אריין במעשה מרכבה סודות
עליונים אונ וייסין דיא דברים פון הקב"ה אונ קערין זיך פון זייא
ניט אפ לימין ולשמאל אזו וויא דער פסוק זאגט כי ישרים דרכי ה' צדיקים
ילכו בם ופושעים יכשלו בם וואול צוא דעם מענטשין וואס ער איז זוכה
צו וויסין די וועגן פון השי"ת אונ קערט ניט אפ פון זייא אונ זאגט
גרויסי סודות דער נאך זאגט ער עס איז גלוי וידוע פאר הקב"ה אז
איך האב דאס ניט גיטאן פון מיין כבוד וועגין אדער פון מיין
פאטערס כבוד וועגין נאר פון וועגין איך זאל ניט אריין גיין בחרפה
פאר זיין היכל אונ איך האב גיזעהען אז הקב"ה מיט אלי צדיקים
וואס זענען דא זענין אלי מסכים מיט מיר דען איך זעה אז אלע
זענען זיך משמח מיט מיין שמחה אזוא וויא איין חתונה אונ אלע
זענען אן גיברייט לעולם הבא אין מיין שמחה וואול צוא מיין חלק ·
זאגט רבי אבא אז דיא הייליגע ליכט רבי שמעון האט אויס גילאזט
דיא דברים האט ער אויף גיהויבין דיא הענט אונ ווייגט אונ דער
נאך הט ער גילאכט ער האט גיוואלט איין זאך מגלה זיין אונ זאגט
אויף דער זאך האב איך מיך מצער גיוועזן כל ימי אונ אצונד וויל
מען מיר קיין רשות ניט געבין אז איך זאל דאס מגלה זיין · ער טוט
זיך שטארקין אונ האט זיך גיזעצט אונ רעט מיט דיא לעפצין אונ
האט זיך גיבוקט דרייא מאל אונ קיין מענטש האט ניט גיקענט
זעהען אין זיין ארט מכל שכן אויף אים אליין אונ ער זאגט מויל
מויל דו האסט זוכה גיוועזן צו דעם אלים · דיין קוואל איז ניט פאר
טרונקען גיווארין דיין קוואל גייט אויף אונ הערט ניט אויף · אויף
דיר איז גיזאגט גיווארין דער פסוק ונהר יוצא מעדן אונ עס שטייט
כמוצא מים אשר לא יכזבו מימיו אצונד בין איך אויף מיר מעיד אז כל
ימי וואס איך בין גיוועזן אויף דער וועלט האב איך אלץ גגלוסט
צוא זעהען דעם טאג דען דער טאג איז גיקריינט גיווארען אונ
אצונד באגער איך מגלה זיין דברים פאר הקב"ה דען אלע זענען
גיקריינט אויף מיין קאפ :

אמר רבי שמעון רבי שמעון זאגט כל ימי האב איך מסתכל גיוועזן
אין דעם פסוק בה' תתהלל נפשי ישמעו ענוים וישמחו אונ אצונד איז
מקוים גיווארין אויף מיר דער פסוק בוודאי דאס מיין נפש טוט
לויבין צוא השם יתברך אונ איז אין אים באגריפין אין אים טוט זיא
פלאמען אונ אים איז זיא באהעפט אונ מיט דעם השתדלות וואס
זיא איז משתדל צוא אים וועט זיא עולה זיין אויף איר ארט ישמעו
ענוים וישמחו אלע צדיקים אונ זכאין וואס זענען גיוועזן מיט הקב"ה
דיא אלע הערין אונ פרייען זיך אצונד איז דא דיא ישיבה הקדושה
אונ דרום שטייט אויך גדלו לה' אתי ונרוממה שמו יחדיו ער זאגט גרויסע
סודות אונ זאגט אלע דיא רייד האב איך אויף גיהאלטין ביז דעם
היינטיגין טאג דר מיט צוא גיקריינט ווערין צוא הקב"ה אונ זאגט
וייטער סודות כי שם צוה ה' את הברכה חיים זאגט רבי אבא אז דיא

# פרשת האזינו

הייליגע ליכט רבי שמעון האט נאר אויס גיראזט דאס ווארט חיים ווען זייני רייד גישטילט גיווארין און איך האב זייא גישריבין און ווייטער האב איך שוין ניט גיוויסט וואס צוא שרייבען האב איך אויף גיהויבן מיין קאפ דען דאס ליכט איז זייער גרויס גיוועזן און איך האב גאר ניט גיקענט זעהן אין דעם בין איך זייער דער שראקן גיווארין און דער ציטערט גיווארין און האב גיהערט איין קול עס האט גיזאגט אורך ימים ושנות חיים ושלום יוסיפו לך דער נאך האב איך ווידער גיהערט איין קול וואס האט גיזאגט חיים שאל ממך נתת לו אורך ימים עולם ועד דעם גאנצן טאג האט זיך ניט אפ גיטאן דאס פייער פון דעם הויז און עס האט קיינער ניט גיקענט צוא אים קומען מחמת גרויס ליכטיקייט און פייער וואס איז גיוועזן ארום אים · דעם גאנצין טאג בין איך גיפאלין אויף דער ערד און האב גישריגן דר נאך אז דאס פייער איז אוועק האב איך גיזעהן אז דער בוצינא קדישא דיא הייליגע ליכט רבי שמעון קודש קדשים איז אפ גיטאן גיווארין פון דער וועלט ער איז גילעגין און זיין פנים לייכט מיט גלאנצקייט שטייט אויף זיין זון רבי אלעזר און נעמט זייניע הענט און קושט אים און איך האב גיקושט דיא ערד וואס אונטער זייניע פיס דיא חברייא הייבין אן צוא וויינען און האבען ניט גיקענט ריידין און רבי אלעזר זיין זון פאלט דרייא מאל און קען ניט עפינן זיין מויל דער נאך הייבט ער אן אבא אבא אצונד פאר וואגלען דיא חיות און דיא פויגלען טוען שוועבין און ווערן איין גיטאן ביום הגדול און דיא חברייא טרינקען בליט שטייט אויף רבי חייא און זאגט ביז אצונד הט דר בוצינא קדישא אויף אונז משתדל גיוועזן און היינט איז ניט קיין צייט נאר מען זאל זיך מיט אים משתדל זיין אין זיין כבוד ווען אויף גישטאנען רבי אלעזר מיט רבי אבא עס איז גיווארען דאס הויז פול מיט גישמאקין ריח זייא האבין אים אויף גיבראכט אויף איין מטה און קיינער האט אים ניט משמש גיוועזן נייערט רבי אלעזר מיט רבי אבא עס איז גיווארען איין וויכוח צווישען דיא שטעט וואס ארום אים איטליכער האט גיוואלט ער זאל ביי זייא ליגן און די מטה איז ארויס גיגאנגן אין דר לופטן און ארום אים הט גיפלאמט אגרויס פייער און זיי האבן גיהערט אקול ווס האט גישריגן זאמלט אייך איין צו דר הייל דר נאך איז ווידער ארויס גיגאנגן אקול און הט גישריגן דס איז דר מענטש ווס ער הט גימאכט שטורימן די ערד און הט גימאכט ציטרין די ממלכות וויא פיל דינים ווערן היינטיגען טאג גישטילט פון וועגין רבי שמעון בן יוחאי וואול צו זיין חלק למעלה ולמטה כמה אוצרות עליונים וואס ווערן גיהיט און פאר בארגען פון זיינט וועגן אויף אים איז גיזאגט גיווארן דר פסוק ואתה לך לקץ ותנוח ותעמוד לגורלך לקץ הימין :

# פרשת וזאת הברכה

ויאמר ה' מסיני בא וזרח משעיר למו הופיע מהר פארן וגו' דער פסוק זאגט ה' בצאתך משעיר בצעדך משדה אדום ארץ רעשה בשעת הקב"ה האט גיוואלט געבין דיא תורה צוא דיא ישראל איז ער פריער גיגאנגען צוא דיא בני שעיר זייא זאלען זיא מקבל זיין האבען זייא ניט גיוואלט אזוא וויא עס שטייט וזרח משעיר למו דער נאך איז ער גיגאנגען צו דיא בני ישמעאל האבין זייא אויך ניט גיוואלט דרום שטייט הופיע מהר פארן דאס מיינט מען דיא בני ישמעאל אז זייא האבען שוין אלע ניט גיוואלט האט ער זיך אום גיקערט צוא דיא ישראל איז דאך דיא קשיא צוא וועלכען נביא פון זייא האט ער זיך באוויזין אויב דוא וועסט זאגן ער האט זיך צוא זייא אנטפלעקט מיר גיפינען דאס גאר ניט נייערט ער האט זיך באוויזען צוא דיא ישראל דורך משה רבינו און ווידער איז קשה עס וואלט גידארפט שטיין ה' לסיני בא וזרח לשעיר למו הופיע להר פארן דען וואלט דיא טייטש גיוועזן ער איז גיקומען צוא שעיר און צוא פארן האט ער גיווארט ביז רבי שמעון איז גיקומען האט ער אים גיפרעגט זאגט ער צוא אים אויף דער שאלה איז אזוא גיזאגט גיווארין ה' מסיני בא פון דעם בארג סיני איז ער אנטפלעקט גיווארין אויף זייא וזרח משעיר דורך דעם וואס דיא בני שעיר האבען ניט גיוואלט מקבל זיין דיא תורה דורך דעם האט הקב"ה דער לייכט און האט מוסיף גיוועזן אויף דיא ישראל דיא הייליגע ליכט אזוא מיינט מען אויך מהר פארן דרום שטייט מהר שעיר מהר פארן און דאס וואס דוא האסט גיפרעגט דורך וועלכן נביא האט ער זיך צוא זייא אנטפלעקט דאס איז אגרויסר סוד און דר נאך זאגט ער ער הט גירופן צו דעם ס"ם און הט אים גיפרעגט אויב ער וויל מקבל זיין דיא תורה ענטפערט ער ווס שטייט אין דר תורה אזוי הט אים הקדוש ברוך הוא גיזאגט אלע עשרת הדברות וויא באלד ער האט אים גיזאגט עס שטייט לא תרצח ענטפערט ער און הייבט אים אן צוא בעטן און זאגט רבש"ע ווען דו ווילסט מיר דיא תורה געבן און ווילסט ביי מיר צו נעמן מיין ממשלה עס וועט פון מיר אלץ בטל ווערען דען מיין ממשלה איז דאך נאר מלחמה האלטן און דר סדר פון א מלחמה מען זאל הרגנן מענטשן און איך בין מושל איבר דעם כוכב וואס הייסט מאדים און ער הט גיוואלט ארבילות מקטרג זיין אוף די ישראל זאגט ער רבש"ע אויב עס איז דיר ניחא עס איז פאר האנדען דיא בני יעקב צוא זייא איז ראוי דיא תורה ער האט נאר גימיינט אז דיא ישראל וועלן מקבל זיין דיא תורה וועלן זייא ניט קענען קיין קיום האבען און הקב"ה וועט זייא מעביר זיין פון דער וועלט וועלן זייא קיין שליטה ניט האבען זאגט הקב"ה ווייל דוא ווילסט אין איר ניט האבען קיין חלק דרום שייד זיך אפ פון איר און זייא זיך פון איר נאר מעביר זאגט ער עס גיפעלט מיר זיך אפ שיידן פון איר אין גאנצין זאגט ווידר הקב"ה צו אים ווייל עס איז אזוי גיב מיר איין עצה ווס איך זאל טאן צו די בני יעקב זיי זאלן וועלן מקבל זיין די תורה זאגט ער רבש"ע מען דארף זיי משחד זיין נעם די ליכט פון די חיילות השמים און גיב זי צו זיי דורך דעם וועלן זיי מקבל זיין דיא תורה און מיין ליכט וועל איך געבן צו דעם ערשטן דר ס"ם הט פון זיך אפ גיצויגן די ליכט דאס הייסט די קדושה ווס הט בדעקט אויף אים און הט זי אפ גיגעבן צו הקב"ה ער זאל זיא געבן צו די ישראל דרום שטייט וזרח משעיר למו ער הט גימאכט צו די ישראל שיינן די ליכט פון שעיר דס איז דר ס"ם אזוי וויא עס שטייט ונשא השעיר עליו דר נאך איז ער גיגאנגן צוא דיא בני ישמעאל הט הקב"ה גירופן צו זיין שר ווס הייסט רה"ב און זאגט צוא אים ווילסטו מקבל זיין די תורה זאגט ער ווס שטייט אין איר הט ער אים גזאגט עס שטייט לא תנאף הט ער גזאגט וויי ווייי צו מיר הקב"ה וויל צו מיר מאכן ירשנן דיא בייזי ירושה דען עס וועט ווערן פון מיר אפ גיטאן מיין ממשלה דען איך האב ביי מיר די ברכה פון דיא פיש ווס ביי זיי שטייט פרו ורבו אויך שטייט ביי מיר והוא יהיה פרא אדם ער הט

# פרשת וזאת הברכה

אן גהובן צו בעטן פר הקב"ה אונ זאגט רבש"ע אברהם האט דאך
גיהאט צוויא קינדר יצחק מיט ישמעאל גיב דיא תורה צוא דיא
בני יצחק זיא איז ראוי צוא זייא זאגט הקדוש ברוך הוא צוא אים
איך קען צו זייא ניט געבען דען דוא ביסט דער בכור איז דאך
צוא דיר ראוי דיא תורה הייבט ער אן בעטען צוא הקדוש ברוך
הוא אונ זאגט רבונו של עולם מיין בכורה שענק איך זייא אין דעם
אור וואס איך האב גירשת פון אברהם מחמת מיין בכורה שענק
איך אויך צוא זייא האט השי"ת אזוא גיטאן אזוא וויא עס שטייט
הופיע מהר פארן אזו הט הקב"ה אויך גרופן צו אלי שרים וממונים איבר
אנדרי פעלקר האבן זייא אלי אויך גיענפרט אז מען זאל דיא תורה
געבן צו די ישראל אונ אלי האבן גיגעבן מתנות צו די ישראל אלין
כדי זיי זאלן מרוצה ווערן מקבל זיין דיא תורה עס איז א משל צוא
ארופא וואס הט גיהאט אכלי מיט סם חיים ווער עס עסט דער פון
בלייבט ער לעבן הט ער דם גיוואלט געבן צו זיין זון ער הט אבער
גיהאט בייא זיך אין שטוב בייזי קנעכט הט ער מורא גיהאט פאר
זייא זייא זאלן זיך אין אים ניט מתקנא זיין וואס ער גיט אים אזוא
גרויסע מתנה וועלין זייא אים הרגנן האט ער גינומען אביסיל סם
המות אונ רופט זיינע קנעכט אונ זאגט צו זייא איר זענט מיינע
נאמנים בכן וועל איך אייך געבין די כלי צו באהאלטן. פרעגין זייא
...ים וואס איז אין דער כלי זאגט ער אין איר איז סם המות טראכטן
זייא זיך ווען ער זאל דאס געבן צוא זיין זון ווערט ער בוודאי
שטארבין וועלין מיר אין גאנצין ירשנן דאס גוטץ פון דעם בעל
הבית זאגין זייא צו זייער האר דיא כלי איז מער ניט ראוי נאר צו
זיין זון אונ אויב ער ווערט דאס ניט חעלן נעם דאס געלט וואס דו
ביסט אונז שולדיג שכירות אונ גיב אים שוחד כדי ער זאל דיא
כלי מקבל זיין אזו אויך דער רופא חכם איז הקדוש ברוך הוא ער
האט גיוואוסט אז ער ווערט געבין די ישראל דיא תורה אונ ווערט
די ממונים ניט מודיע זיין וועלן די ישראל קיין מנוחה ניט האבן דרום
הט ער אזו גטאן אונ אזו גמאכט אז זיי זאלן נאך געבן מתנות צו די
ישראל כדי זיי זאלן מקבל זיין די תורה אונ אלע מתנות האט משה
רבינו למעלה צו גנומן ער זאל זיי געבין צוא דיא ישראל אזו ווי עס
שטייט עלית למרום שבית שבי לקחת מתנות באדם אזו האבן די ישראל גירשת
... תורה אן קריג אונ אן קטרוג בריך הוא ובריך שמיה לעלם ולעלמי עלמיא
...ם אונ זעה די מתנות זענן גוועזן צירונג צוא דיא ישראל אונ דרום
...שעת מתן תורה האבן זיי גהאט חירות פון דעם מלאך המות ער מיט
...עם צד הטומאה האבן אין זיי ניט שולט גוועזן אונ ניט גינוג ווען זייא
...אבן זי מקבל גוועזן אן קטרוג נאר זיי האבן מקבל גיוועזן מתנות
...ב אז זיי האבן גזינדגט מיט דעם עגל שטייט ויתנצלו בני ישראל את עדים
... חורב איז פונדי מתנות באדם גאר ניט גבליבן ביי זיי נייערט דר שבי
... עם שטייט עלית למרום שבית שבי אז זיי האבן אבער דר נאך ווידר
...דגט שטייט וישמע הכנעני מלך ערד וילחם בישראל וישב ממנו שבי: רבי יוסי
זאגט בשעת הקב"ה הט מחזיר גוועזן די תורה אונ מען האט זיא ניט
גוואלט נעמן האט די וועלט גציטרט אונ הט זיך גוואלט אום קערן
לתוהו ובוהו דען הקב"ה האט אתנאי אויס גנומן בשעת בריאת
העולם אז מען ווערט ניט מקבל זיין די תורה ווערט דיא וועלט ווידר
חרוב ווערן דרום הט זי גמיינט אז קיינר ווערט שון ניט וועלן מקבל
זיין די תורה דרום ארץ ירשה אבר אז די ישראל האבן גזאגט נעשה
ונשמע סיד תיכף איז זיא גשטילט גווארן דרום שטייט משמים השמעת
דין ארץ יראה ושקטה פריער האבן די הימל אונ ערד מורא גיהאט אבר
דר נאך ושקטה איז זיא גישטילט גווארן:

וללוי אמר תומיך ואוריך לאיש חסידך רבי אלעזר זאגט איטליכר כהן ולוי
איידר זייא זענן גיקומן טאן זייער עבודה האט מען זיי פריער
בודק גיוועזן אויב זייא זענן רעכט בקי אין זייערי דינים אונ אזו איז
אויך גוועזן ביי די סנהדרין ווס זייא האבן דן גוועזן דינים אונ אז די
כהנים זענן בקי גיוועזן הט מען זיי אריין גלאזט אין בהמ"ק צו טאן
די עבודה אונ אז ניט איז ער דר צו ניט גקומן אזו ווי דר פסוק זאגט
וללוי אמר תומיך ואוריך לאיש חסידך זאגט ער דער נאך ווארום האט אהרן
זוכה גוועזן צו די אורים ותומים אונ צו טאן די עבודה דרום אשר נסיתו
במסה ווייל ער איז גיפרובט גיווארן האומר לאביו ולאמו לא ראיתיו וגו' אונ
אז ער איז וואול גיפעלן אין די מדריגות דען עס שטייט ווייטר יורו
משפטיך ליעקב ותורתך לישראל ישימו קטורה באפך וגו' ער קען שטיל מאכן דעם
רוגז אונ דם מדת הדין אונ שלום מאכן אוף דר וועלט וכליל על מזבחך דאס
דר מדת הדין ווערט משותף מיט רחמים אזו ווערן אלי ברכות גפונן
אין אלי עולמות דרום שטייט ווייטר ברך ה' חילו ופועל ידיו תרצה

וימת שם משה רבי שמעון זאגט משה איז ניט גישטארבין אויב דוא
ווערסט פרעגען עס שטייט דאך אבער וימת שם משה עס איז אזו
ביי אלי צדיקים שטייט נאר דאס ווארט מיתה אנטקעגן אונז זייא
ווערן אפ גטאן פון אונז למטה דען דר וואס איז בשלימות אז דיא
אמונה הקדושה הענגט אן אין אים איז ביי אים ניט דא קיין מיתה
ואתה אל תירא עבדי יעקב ואל תחת ישראל כי אתך אני דרום זאגט רבי
יהודה ווען עס שטייט כי אתך אני איך בין מיט דיר • לערנן מיר
אפ אז ער מוז לעבן וואול צו דעם חלק ווס דר האר זאגט אים איך
בין מיט דיר ניט דו ביסט מיט מיר נייערט איך בין מיט דיר דען
זיין הער קומט צוא אים וואנען מיט אים • זאגט רבי שמעון רבי
יהודה הט רעכט גיזאגט עס שטייט ושב יעקב ושקט ושאנן ואין מחריד ושב
יעקב ער ווערט זיך ווידער קערן למעלה צוא דעם ארט וויא ער איז
גינומן גיווארן ושקט בעוה"ז ושאנן בעוה"ב ואין מחריד ער איז ניט דער
שראקן גיווארן פר דעם מלאך המות • איז דר פון משמע עס איז
דאס אלץ גיוועזן ביי אים • זאגט רבי יצחק מען האט דאך אין דער
גמרא גידרונגן פון דעם פסוק אז ער איז ניט גישטארבען ווייל עס
שטייט ואת זרעו אזו ווי זייני קינדר לעבן דאך איז ער נאך אויך בחיים
ער לעבט נאה וחיים ושלום עלינו ועל כל ישראל אמן

## סליק ספר דברים